STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00523

BOVL

Peretz Hirschbein

Permanent preservation of this book was made possible by
Luis Rubio
in memory of
Boris Rubio-Lotvin

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

בבל

(טרילאָגיע)

פון

פרץ הירשביין

ניו־יאָרק, 1942

Copyright 1942
by PERETZ HIRSHBEIN
New York, N. Y.

Printed in U. S. A.

POSY-SHOULSON PRESS
19 West 21st Street
New York, N. Y.
255

צווייטער טייל

צעריסענע וואָרצלען

קאַפּיטל איינס

אַ מאַן אין די דרייסיקער, הויך, שלאַנק, ריין געראַזירט, מיט דעם הוט אין דער האַנט און די טיף־שוואַרצע אויגן צו דער ערד, איז טריט־ביי־טריט פון אַ ברוקלינער יידישן בית־עולם געגאַנגען צוריק קיין ניו־יאָרק. ער איז געווען ביים קבר פון זיין עלטערן ברודער, וואָס איז געשטאָרבן פון שווינדזוכט מיט אַ יאָר צוריק, און פונקט צום יאָר האָט מען אים אַ מצבה געשטעלט.

מיט אים אויפן בית־עולם זיינען געווען נאָך עטלעכע מיטגלידער פון זיין משפחה; און כאָטש מ׳האָט אים צוגערעדט באַצייטנס צו קומען אין שטאָט, מחמת אין איינער פון די איסט־סאַידער גרעסערע זאַלן וועט פאָרקומען אַ פּראָטעסט־מיטינג צוליב די אָקטאָבער־שחיטות אין רוסלאַנד אויף יידן און ראַדיקאַלן — האָט ער זיך אָפּגעבעטן, מ׳זאָל אים לאָזן אַליין:

— כ׳וויל באַטראַכטן די יידישע וועלט, וואָס האָט שוין געפונען איר אייביקע רו אין נייעם לאַנד.

אין דער יידישער וועלט, וואָס האָט זיך אַריבערגעפּעקלט אויפן עולם האמת, האָט דער דאַזיקער מאַן, אַ חוץ זיין עלטערן ברודער, אויך פאַרמאָגט זיין פאָטער, וואָס איז נאָך מיט אַריבער אַ צענדליק יאָר צוריק געשטאָרבן, און זיין פאָטערס יונגע ווייב, וואָס ער, אַן אַלמן, האָט אין נייעם לאַנד גענומען און ניט גענוג זיך אָנגעזעטיקט מיט איר. בייביידנס קברים איז ער געווען; געשטאַנען, באַטראַכט די מצבות, די בערגלעך ערד, און לאַנג געשוויגן.

זיינע מחשבות האָבן אין דער אייגענער צייט אויך אַרומגעבלאָנדזשעט אין דער יידישער, לעבעדיקער גאַס, וואו ס׳האָט געשוויבלט און געגריבלט דאָס טומלדיקע לעבן, און וואו ס׳האָבן זיך כסדר דורכגעריסן שאַרפע בשורה־ווינטן, וואָס זיינען אָנגעקומען פון דער ווייטער און בלוטיק נאָענטער רוסלאַנד — אָפּקלאַנגען פון רעוואָלוציע און פּאָגראָמען. די לויטערע אָקטאָבער־טעג האָבן געהאַלטן וואָך ס׳האַרץ פון די אַלטגעזעסענע יידן, און פאַרשטאַרקט דעם פּחד פון די נאָר וואָס אַריבערגעקומענע.

דער מאַן האָט געשפּאַנט ניט געאיילט. ער האָט בכיוון פאַרצויגן דאָס אָנקומען צוריק. „דריי און צוואַנציק יאָר... יעמאָלט פּאָגראָמען, וואָס האָבן אונדז אויסגעוואָרצלט, און איצטער — עפּעס מער ווי פּאָגראָמען; איצטער האָט עס דאָרט דעם גאַנצן אידישן כלל אויפגערודערט...״

געווען שוין פינצטער, ווען ער האָט מיט זיינע שווערע מחשבות דערגרייכט ברוקלין־בריק. ווען ער איז אָפּגעגאַנגען אַ העלפט בריק, האָט ער זיך אַריי־בערגעבויגן איבער דעם פּאַרענטש און אַראָפּגעקוקט צום וואַסער. די קילע אויסגעשטערנטע נאַכט האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אין איסט־ריווער. אים איז אַרויפגעקומען אויפן זינען דער מאַן וואָס האָט זיך מיט ניינצן יאָר צוריק

אַראָפּגעשליידערט אין וואַסער אַריין. געווען איז עס דריי יאָר נאָכדעם ווי ער מיט זיין משפּחה זיינען געקומען קיין אַמעריקע. דער מאַן האָט זיך יעמאָלט געוואָרפן פון בריק אַרין וואַסער, כדי דורך דעם זאָל ער ווערן באַרימט. „וואָס אַ מענטשן קען אין אַמעריקע איינפאַלן צו טאָן, כדי באַרימט צו ווערן!" — לויפט אים דורך אַ מחשבה.

ווען ער האָט געזוכט אין זכרון דעם נאָמען פון מענטשן, האָט אַ ווינטל אַ בלאָז געטאָן איבערן פּנים פון איסט־ריווער. ס'וואַסער האָט אַ וויג געטאָן דעם הימל מיט די שטערן. די אָקטאָבער־נאַכט האָט זיך אַ וויג געטאָן אין וואַסער. דער מאַן האָט אויפגעשווידערט, אָנגעהויבן שפּאַנען, ווי אימעצער וואָלט אים געטריבן וואָס גיכער אַריבער די בריק, זיך דערווייטערן פון דער טרויעריקער שטילער נאַכט, וואו ער האָט דעם גאַנצן נאָכמיטאָג פאַרבראַכט. ער האָט תּחילת געטראַכט אויסצומיידן איסט־בראָדוויי און זיין באַשיידענעם אָפיס.

— אפשר גאָר צוגיין צו אימיצן פון די קינדער...

פונדעסטוועגן האָבן אים די פיס געבראַכט פאַר די ליכטיקע פענצטער פון זיין אָפיס, וואו אויף אַ מעשן בלעכל בייםן אַריינגאַנג און מיט אַ ווייסן אויפשריפט אויף יעדע פענצטער פון ערשטן שטאָק, איז געווען אָנגעשריבן „ד״ר זכריה לוריא". אין איינעם פון די פענצטער האָט זיך אָפּגעצייכנט אַ פּרויענגעשטאַלט, אַ ביסל געבויגן, מיט אַ טוך אויף די אַקסלען.

— אַ פּאַציענט, וואַרט מסתּמא שוין לאַנג — איז אים דורכגעלאָפן אַ מחשבה.

ווען ד״ר זכריה לוריא איז אַריין צו זיך אין אָפיס, איז אים אַנטקעגן אויפגעשטאַנען אַ מיטליאַריקע פרוי, מיט אַן אויסדרוק פון תּחינה און פּחד אין אירע גרויע אויגן, האָט זי אים אַ וויל באַטראַכט, און געזאָגט:

— איר זייט עס אוודאי דער ד״ר לוריא; כ'וואַרט שוין דאָ אפשר מער ווי צוויי שעה.

ד״ר זכריה לוריא האָט זיך אָנגעשלאָגן אין דער פרויס פולע אויגן, וואָס האָבן אים נייגעריק געפאָרשט.

— ס'פאַרדריסט, וואָס איר האָט געדאַרפט אַזוי לאַנג וואַרטן — און ער האָט אָנגעהויבן אויסטאָן זיין מאַנטל.

— זייט־זשע מוחל, טוט ניט אויס דעם מאַנטל, כ'וויל טאַקע אייך בעטן, איר זאָלט מיט מיר איצטער מיטגיין.

— כ'האָב געמיינט, אַז איר זייט עס דער חולה.

— אפשר וואָלט איך געמעגט פרעגן באַן'אַ דאָקטאָר אַן עצה, אָבער ווי ליגט עס אין זינען די אייגענע וואונד, ווען אַזאַ אומגליק האָט זיך אויף מיר אַראָפּגעלאָזן און פאַרפינצטערט מיין לעבן...

— ווער איז ביי אייך קראַנק?

— אַ טאָכטער. ווי אַ שטיק ליכטיקע זון האָט זי געשיינט. געקוילעט געוואָרן אָן אַ מעסער. געדאַרפט זיין באַנ'איר אַרום יום־טובֿים חתונה; נו, האָט זיך גאָטס צאָרן אויסגעגאָסן איבער אונדזער שטאָט. מ'האָט איר חתן דערשטאָכן. אַ סאָלדאַט האָט אים מיט זיין שטיק דערשטאָכן, ווען ער האָט זיך געוואָרפן ראַטעווען יידיש האָב און גוטס. איר האָט דאָך אוודאי געהערט פון ביאַליסטאָקער פּאָגראָם, ווי איז מיר.

— זייט איר, דערייסט עס, ניט לאַנג אין לאַנד.

— זעקס וואָכן אינגאַנצן. דווקא דאָרטן האָט זי נאָכן אומגליק אונדז אַלעמען געטרייסט. אפילו נאָך דאָ האָט זי אונדז אַלעמען געטרייסט. וועסט נאָך זען, מאַמע, מיר׳ן נאָך אָנקוקן די ליכטיקע וועלט. האָט זי מיך געטרייסט. מ׳האָט אונדז געשיקט צונ׳אייך: פריער גאָט און דערנאָך דאָקטאָר לוריא... כ׳בעט אייך, דאָקטאָר!

אין אירע גרויע אויגן זיינען אָנגעקוואָלן די טרערן, און זיך אַריבער־געגאָסן. ס׳פּנים האָט פון אונטערן טיכל שמעלער אויסגעזען, ווי ס׳וואָלט זיך אין די טרערן אויפגעלייזט. די צוויי טרערן־פאַרגאָסענע אויגן האָבן צו אים אַפיר געקוקט — אַזש דער גאַנצער אָפּיס האָט פאַר זיין דמיון אַ ציטער געטאָן, און פאַר זיינע אויגן האָט אין גרינעם טרויער זיך אויסגעבויגן דער גרינער בית־עולם, פון וואַנען ער איז נאָר וואָס געקומען.

זיין דאָקטאָר־פליכט האָט אים אַ רודער געטאָן:

— וואו וואוינט איר? — האָט ער געשעפטלעך געפרעגט.

— אויף מאָט סטריט.

— מעג איך וויסן אייער נאָמען?

— מיין נאָמען? גאָלדע בערגער. לייב בערגער איז מיין מאַנס נאָמען.

— זי איז באַנ׳אייך אַן איינציקע, כ׳מיין אייער טאָכטער?

— כ׳האָב נאָך איינע, ניינצן יאָר. כ׳האָב נאָך צוויי זין. דער עלטערער האָט פאַרן אַרויספאָרן חתונה געהאַט. מיר לעבן אַלע אינאיינעם.

— זיי אַרבעטן?

— יאָ, אַלע, געלויבט דער אויבערשטער.

אַ גאַנצן וועג האָבן ביידע געשוויגן. די פרוי האָט אים נאָכגעשפּאַנט מיט דראָבנע און צעשראָקענע טריט. „פריער גאָט און דערנאָכדעם דאָקטאָר לוריא, האָט מען איר געזאָגט — האָט ער געטראַכט — פּאַגראָמען, שחיטות, אַ חתן געשטאָכן... וואָס קען אַ ד״ר לוריא העלפן?״

ער האָט פון אַ זייט אַ קוק געטאָן אויף דער געבויגענער פרוי, וואָס האָט אים ווי געוואָלט דעריאָגן, כאָטש ער איז גאָרניט געגאַנגען אַזוי שנעל, און אים האָט אויסגעוויזן, אַז דאָס שפּאַנט מיט אים ביים זייט ניט אַ מאַמע פון איין פּאַראומגליקטער טאָכטער, נאָר די מאַמע פון הונדערטער טויזנטער צעבראָ־כענע לעבנס האָט אים פאַרכאַפּט, זי פירט אים, מחמת „פריער גאָט און דער־נאָכדעם דאָקטאָר זכריה לוריא״ מוז זיי אַלעמען אָפּראַטעווען.

אַ קעלט איז אים דורכגעלאָפן דורכן מידן לייב ווען מ׳איז אָנגעקומען אויף מאָט סטריט, און די פרוי האָט אויסגעשטרעקט די האַנט צו אַ פיר־שטאָקיק אַלט הויז און געזאָגט:

— אָט־דאָ, זייט־זשע מוחל, איז עס.

אויפן צווייטן שטאָק, וואו די בערגער־משפחה האָט געלעבט, ווען ד״ר זכריה לוריא, באַגלייט פון דער צעפלאָגטער מאַמען, איז אַריינגעקומען אין גרויס־לענגלעכן, שוואַך באַלויכטענעם צימער, האָט אים אויסגעוויזן, אַז די שטוב־לייט, וואָס האָבן זיך אַנטקעגן זיין אַריינקומען אַלע אויפגעהויבן, זיינען די גאַנצע צייט געזעסן מיט די אויגן צו דער טיר געווענדט און אים אויסגע־קוקט.

— כ׳האָב שוין מורא געהאַט, ביסט ערגעץ פאַרקראָכן—האָט דער פאָטער, רייבנדיק צווישן די פינגער דעם שפּיץ פון זיין פריצייטיק גרויגעוואָרענער

העל־ברוינער באָרד, זיך אָפּגערופן. — האָסט מסתמא דערציילט דעם דאָקטאָר וואָס פאַר אַ חולה מיר האָבן?

ד״ר זכריה לוריא איז מיט די אויגן דורכגעלאָפן צווישן די שטובלייט, וואָס זיינען בלאַסע, צעשראָקענע געשטאַנען און צו אים אַרויפגעקוקט. ער האָט דערקענט די ענלעכקייט פון די צוויי זין און אַ מיידל צו פאָטער און מוטער; און די גרעסטענע יונגע שנור, מיט אַ בלאָנדן, קליינעם פּנים, וואָס איז געשטאַנען זייט־ביי־זייט מיט איר מאַן.

— איך וואָלט געגאַנגען צום פּראָטעסט־מיטינג, — האָט זיך דער יינגע־רער זון אָפּגערופן, — נאָר כ׳האָב ניט געקענט אַוועקגיין, איידער איר באַטראַכט מיין שוועסטער.

— איך האָב אויך געקלערט גיין צום מיטינג, נאָר אייער מוטער האָט מיך איבערגענומען. קען איך זען אייער טאָכטער?

אין צווייטן צימער, אויף איינער פון די בעטן, איז געלעגן די קראַנקע טאָכ־טער, אַ בלאַסע, די הענט פאַרבראָכן אויפן ברוסט, און די פולע, גרויע אויגן — צו דער סטעליע. זי איז געווען איבערגעדעקט מיט אַ ליילעך, איר שמאָלער, גלייכער גוף איז געווען אָפּגעצייכנט פון אונטערן ליילעך. זי איז געלעגן פאַרמוחט, ווי זי וואָלט גאָרניט געהערט, אַז איימעצער איז אַריינגעקומען אין צימער.

— זיי אַזוי גוט, עמאַ, טאָכטער מיינע, דער דאָקטאָר וויל דיך זען.

— גוטן אָוונט, עמאַ, — האָט ד״ר זכריה לוריא זיך אַנידערגעזעצט אויפן ראַנד פון בעט. — גיט מיר אייער האַנט.

ווען ד״ר לוריא האָט אויסגעשטרעקט זיין האַנט און אָנגערירט אירע פינגער, האָט זי אויפגעציטערט מיט איר גאַנצן גוף, צעשראָקן באַטראַכט די שטוביקע, וואָס זיינען ענג געשטאַנען אַ ביסל אָפּגעטראָטן פון בעט, דערנאָך איז איר בליק געפאַלן אויף ד״ר זכריה לוריא׳ס לענגלעכן פּנים, און זיך אָנגע־שלאָגן אָן זיינע שוואַרצע, האַלב־פאַרמאַכטע אויגן.

— האַ, אַ דאָקטאָר, אַ יידישער דאָקטאָר... — האָט איר שטים קינדיש געציטערט, ווי זי וואָלט זיך קליבן פאַנאַנדערוויינען. — וואָס קען מיר שוין אַ דאָקטאָר העלפן?

זי האָט זיך אַנידערגעזעצט, פאַרדעקט מיטביידע הענט איר שמאָלע ברוסט, און זיך באַמיט אַ שמייכל טאָן צו די אייגענע.

— אָט אַזוי, טאָכטער מיינע: מאַך אַ פריילעך פּנים. דו האָסט דאָך געהערט פון ד״ר לוריא... דאָס איז דאָקטאָר לוריא. כ׳וויל זאָלסט פאַרן דאָקטאָר דערציילן אַלץ, אַלץ.

— דערווייל ניט נויטיק — האָט ד״ר זכריה לוריא שטיל געזאָגט.

ער האָט גענומען איר האַנט, געקוקט אויפן זייגער אויסצוהערן דעם פּולס. ער האָט געשפּירט ווי אַלעמענס אויגן גייען אום איבער זיין האַנט. שטאַרקער פון אַלץ האָט ער געפילט די בליקן פון דער קראַנקער עמאַ בערגער. ער האָט צוליב דעם עטלעכע מאָל אָנגעוואָרן דעם חשבון, און אָנגעהויבן ציילן דעם פּולס פון אָנהויב.

— אייער טאָכטער איז געזונט, — האָט ד״ר זכריה לוריא, האַלטנדיק דער קראַנקערס האַנט, גערעדט צו דער מוטער. — פּונקט ווען אַ וואָלקן פאַרשטעלט

די זון, קען זיך אַמאָל אויסדוכטן, אַז די זון האָט זיך אויף שטענדיק באַהאַלטן, אַזוי איז מיט אַ מענטשנס לעבן, ווען אַ פינצטערער וואָלקן כאַפּט עס אַרום.

— רק איר דוכט זיך אויס, אַז זי איז אין פּאָגראָמען־לאַנד. רק איר דוכט זיך אויס, אַז סאָלדאַטן מיט פּייקלעך און מיט ביקסן מאַרשירן און צילעווען אויף יידישע קינדער. פאַרוואָס קומט עס מיר אַזאַ שטראָף, אַזאַ שטראָף?

די מוטער האָט זיך ניט געקענט גובר זיין און אָנגעהויבן וויינען אויפן הויכן קול.

— זאָגט, עמאַ, אייער מוטער זי זאָל אויפהערן וויינען. זאָגט איר, אַז מאָרגן וועט איר אויפשטיין און אַ פריילעכע אַרויסגיין אין גאַס. כ׳וויל איצטער ביי אייך מער גאָרניט פרעגן. מאָרגן, צי איבערמאָרגן וועט אייער טאָכטער אַליין צו מיר קומען אין אָפיס. יאָ, איר וועט קומען, מיס עמאַ בערגער, מיט אַ פריילעכן פּנים זאָלט איר קומען. אַ גוטע נאַכט, מיס עמאַ בערגער.

בשעת ד״ר זכריה לוריא האָט אָפּגערעדט, האָט די קראַנקע ברייט אויפגע־עפנט די אויגן, אַ וויל אים אָנגעקוקט, און מיט אַ קינדיש־בעטנדיקער שטים געזאָגט:

— ווי אַזוי קען איך די פינצטערניש פון די אויגן אַוועקרייסן? איך בין קראַנק. כ׳ווייס וואָס מיר איז. אַ שטיק פון מיין לעבן איז געבליבן דאָרטן. און דאָרטן שיסט מען נאָך, דאָרטן הרגעט מען נאָך. מענטשן פאַלן ווי פליגן. פּאָגראָמען, מ׳מאָרדעוועט . . . און איך, ווער בין איך?

אירע ליפּן האָבן אָנגעהויבן צו ציטערן, אירע אויגן האָבן טרערן אויס־געלאָשן. זי האָט באַהאַלטן איר קאָפּ אויףביידע הענט און איר שמאָלע, געבויגענע פּלייצע האָט געציטערט פון שטילן געוויין.

— כ׳וועל דאָ מאָרגן ווידער זיין. זי וועט מאָרגן זיך פילן אַ סך בעסער. כ׳וועל איצטער גאָרניט פאַרשרייבן פאַר איר. די צייט וועט זי אויסהיילן.

ד״ר לוריא איז צוריק אַריין אין פאָדערשטן צימער, און נאָך אים די שטובלייט.

— איז טאַקע אַזוי שלעכט מיט איר, הער דאָקטאָר? — האָט די מוטער געציטערט פון קעלט.

— מיט איר איז גאָרניט. איר אַליין ווירקט אויף איר ניט צום גוטן. איר טאָרט ניט וויינען אין איר קעגנוואַרט. איר טאָרט בכלל ניט וויינען. זי איז ניט די איינציקע, וואָס איר דוכט זיך אויס, אַז זי איז נאָך אין פּאָגראָמען־לאַנד. כ׳האָב מורא צו זאָגן, אַז אַ גרויסער טייל פון די, וואָס זיינען אַהער אַנטלאָפן נאָך דעם קעשענעווער פּאָגראָם, זיינען פּסיכיש קראַנק. די צייט וועט זיי באַפרייען פון דעם פּאָגראָמען־קאָשמאַר. איר, געזונטע, ווייזט אַרויס צו איר אַ מונטער פּנים. איר זייט אַ יינגערע שוועסטער, — האָט ער זיך געווענדט צו דער יינגערער טאָכטער. — נעמט זי אַרויס אין די ניו־יאָרקער גאַסן. די טעג שטייען אַזעלכע שיינע; לאָזט זי ניט ליגן מיט די פינצטערע מחשבות אָטאָ־דאָ.

— וואָס האָט מעדיצין צו טאָן מיט אַ פאָלקס־טראַגעדיע? — האָט ד״ר זכריה לוריא ביי זיך אַליין געפרעגט, ווען ער האָט געשפּאַנט פון מאַט סטריט צוריק צו זיך אין אָפיס.

אים האָט אויסגעוויזן, אַז די קראַנקע עמאַ בערגער, נאָכדעם ווי זי האָט זיך אויסגעוויינט, האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און מיט אירע צעשראָקענע,

גרויע אויגן אים געזוכט, געוואָלט אים פרעגן און אויסדערציילן ; און אפשר גאָר, ווען ער בלייבט דאָרטן אַביסל לענגער, ניט ווי אַ דאָקטאָר, נאָר ווי אַ פשוטער מענטש... כאַטש די שטובלייט, דוכט אים, האָבן אים באַטראַכט מיט גרויס חידוש — הלמאי ער האָט זיך ניט באַנומען ווי אַ דאָקטאָר, און אפילו קיין רפואה ניט פאַרשריבן. אים באַרואיקט דער געדאַנק, וואָס ער האָט צוגעזאָגט מאָרגן ווידער אַרויפצוקומען. ער האָט געשפּאַנט דורך די איסט־סאַידער גאַסן אין דער קילער אָקטאָבער־נאַכט, און געשפּירט ווי אויגן, גרויע אויגן, פּחד־פולע אויגן, קומען אים אַנטקעגן פון יעדן ווינקל גאַס אַרויס.

געוועזן שוין אַרום האַלבער נאַכט, ווען ער האָט אָנגעקלונגען ביי זיין ברודער נתן לוריא אין טיר, אויף זיבעטער סטריט, ניט ווייט פון דער דריטער עוועניו. ער איז פונדעסטוועגן געווען נייגעריק צו דערוויסן זיך, וואָס אַזוינס האָבן די רעדנער אַרויסגעזאָגט אויפן פּראָטעסט־מיטינג.

ביי נתן לוריא איז שטוב זיינען געווען עטלעכע געסט, צווישן זיי אַ גאַסט פון רוסלאַנד, אַ מין שליח, וואָס איז געקומען „וועקן די הערצער ביי די אַמעריקאַנער ברידער".

נתן לוריא האָט זיך שטאַרק געהיצט, ער האָט אָפּנים ניט מסכים געווען מיט די רייד פון געוויסע רעדנער.

— מיר קענען דאָ ניט טראָגן אויפן קאָפּ די צאַרישע רוסלאַנד ! — האָט נתן לוריא געטענהט. — מיר פון דאַנען קענען ניט אונטערמינעווען די צאַרישע מאַכט ; מיר קענען פונדאַנען ניט פאַרטרייבן די פינצטערניש. די יידן דאָ אין אַמעריקע מוזן אויפן היגן באָדן בויען זייער צוקונפט, העלפן אויסקעמפן גערעכטיקייט ביי די היגע הערשער פון קאַפּיטאַל.

— הייסט עס, איר זאָגט זיך גאָר אינגאַנצן אָפּ פון אייער אַלטער היים ? — האָט דער גאַסט געפרעגט.

— כ׳האָב ניט קיין צוויי היימען. איך האָב איין היים : אָדער די גאַנצע וועלט, ווי אַן אַרבעטער ; אָדער די איינציקע היים אויפן אַמעריקאַנעם באָדן, ווי אַן אַמעריקאַנער בירגער. צוויי און צוואַנציק יאָר זינט די לוריאס זיינען אַריינגעקומען אַהער ; געפּאָקט און געמאָזלט דאָ, און מיט אַ מאָל — נאָ דיר, אַן אַלטע היים !

— און ווי שטייט עס מיט אייך אַלס ייד ? — האָט דער גאַסט רואיק געפרעגט. — פילט איר ניט, אַז אַמעריקע איז בלויז די פאַרברייטערונג פון יידישן גלות ?

— אויב איר רעדט ווי אַ ציוניסט, האָב איך אייך גאָרניט וואָס צו זאָגן. כאָטש פון דער פּלאַטפאָרמע האָט איר גערעדט ווי אַן אמתער רעוואָלוציאָנער.

— ס׳איז פאַראַן מער רעוואָלוציאָנערישקייט אין מיין באַגריף וועגן דער אויסשפּרייטונג פון יידישן גלות, ווי אין אייער גלויבן, אַז יידן אין אַמעריקע זיינען שוין באַפרייט געוואָרן און זיינען ניט מחויב צו טראַכטן פון פינצטערן רוסלאַנד, ניט פון דער פרייהייטס באַוועגונג, און ניט וועגן דעם שיקזאַל פון אַזוי פיל מיליאָנען אידן, וואָס געפינען זיך דאָרטן אין געפאַר אויסגעראָטן צו ווערן.

— וואָס היצט איר זיך אַזוי ? — האָט ד״ר זכריה לוריא באַטראַכט די שטובלייט.

— זייט באַקאַנט,—האָט דינה לוריא, נתנס ווייב, זיך געווענדט צו די געסט.
—דאָס איז ד״ר זכריה לוירא, נייטנס אַ ייִנגערער ברודער, און דאָס איז דער גאַסט פון רוסלאַנד, סעמיאָן דאַבקין.

ד״ר זכריה לוריא האָט געהאַלטן דעם גאַסטס האַנט און געקוקט אים גלייך אין די אויגן אַריין.

דער גאַסט, אַ ברונעט, מיט אַ פאַרשוירן, שפּיציק בערדל, אַ יאָר עטלעכע און דרייסיק אַלט, האָט זיך אויך איינגעגעסן מיט די אויגן אין ד״ר לוריא׳ן.

— איך האָב טענות צו אייער ברודער, באַשר ער, און איר מסתמא אויך, זייט אַהער געקומען מיט עטלעכע און צוואַנציק יאָר צוריק, דעריבער זייט איר אויסגעלייזט, און ניט ווי מענטשן, און ניט ווי יידן האָט איר ניט קיין התחייבות צו אייער אַמאָליקער היים.

— איר זייט רעוואָלוציאָנערן אָן אַ קאָנסטרוקטיווער פּראָגראַם; און מיר דאָ זיינען ניט קיין רעוואָלוציאָנערן, אָבער מיר גייען צום סאָציאַליזם אויף אַ פרידלעכן אויפן. מיר טומלען זיך ניט, און מיר וואַרפן ניט קיין באָמבעס. אויף אַ דעמאָקראַטישן אויפן זעצן מיר דאָ אַלץ דורך. איר וואָלט שטודירן מאַרקסן מיטן קאָפּ, וואָלט איר באַגריפן, אַז אונדזער וועג איז דער ריכטיקער.

— איר זייט אַנטלאָפן פון פּאָגראָמען אין די אַכציקער יאָרן; וואָס פּאַר אַ פאַרגלייך איז צווישן די פּאָגראָמען פון די אַכציקער יאָרן מיט די מעשים פון די איצטיקע פינצטערע שייקעס, די שוואַרצע מאה׳ס? און דאָס איז דוקא אין אַ צייט, ווען מען האָט דעם רוסישן פאָלק באַשענקט מיט אַ דומע!

— מירן לעבן, וועלן מיר זען. איר וועט נאָך אַמאָל זאָגן, אַז יידן האָבן דאָ אָנגעוואָרן אַ סך געלעגנהייטן נאָר דערפאַר, וואָס זייער קאָפּ איז די גאַנצע צייט געלעגן ערגעץ־וואַו אַנדערש.

— וואָס ווערן זיי דאָ אָן, די געלעגנהייט צו אַסימילירן זיך?

— אפשר איז דאָס אויך אַ געלעגנהייט.

— אויב אַזוי, מיסטער לוריא, זאָלן מיר דערוויַיל ניט דיסקוטירן. דער־ווייל איז דאָרטן דער קאַמף. צי איר ווילט, צי איר ווילט ניט, וועט איר אַהין אַריבערקוקן ווי אַ ייד און ווי אַ מענטש.

* * *

ד״ר לוריא האָט זיך אַנידערגעזעצט אָן אַ זייט און געשוויגן. אים האָבן געגרילצט זיין ברודערס רייד. ניט צוליב דעם וואָס ער האָט מסכים געווען מיטן גאַסט — נאָר דאָך זיין ברודערס זיכערקייט, אַז דאָ אין לאַנד גייט עס אַלץ כשורה על פּי קאַרל מאַרקס.

— וואָס שוויגסטו, זכריה? — האָט נתן לוריא מיט אַ שמייכל באַטראַכט זיין ברודער. — אויפן מאַסן־מיטינג ביסטו טאַקע ניט געווען.

— ווייסט דאָך, איך בין אַ דאָקטאָר מעדיצין; אַנשטאָט מאַסנמיטינגען, וואו איך וואָלט געקענט אויסהערן אַלערליי טעאָריעס, וואָס שווימלען אין דער יידישער גאַס, און וואָלט אפשר קליגער געוואָרן, מוז איך מיך אָנשלאָגן אויך מיטן אמתן לעבן גופא. כ׳האָב קיין צייט ניט צו טראַכטן.

— וואָס ביסטו אַזוי אומעטיק? — האָט דינה זיך צוגעזעצט צו זכריהן.

— ווי אַזוי שלאָגסטו זיך אָן אין אמתן לעבן גופא, אויב דו האָסט נאָך ביז איצטער ניט חתונה געהאַט? פּאַציענטן האָבן ליב, ביים דאָקטאָר אין שטוב

זאָל זיך אַרומדרייען אַ שיין ווייבל, ניט עפּעס אַן אַלטע, פאַרשלומפּערטע יידענע, כאַ־כאַ־כאַ. דערציייל, ביסט עפּעס שטאַרק פאַרנומען?

— איך קום איצטער פון רוסלאַנד, פון ביאַליסטאָק.

— וואָס רעדסטו, זכריה? — האָט דינה אים אַנגעקוקט פאַרחידושט.

— מ׳האָט מיך גערופן צו אַ פאַמיליע בערגער, אינגאַנצן זעקס וואָכן פון רוסלאַנד. טאַטע־מאַמע, צוויי זין און צוויי מיידלעך. ביי דער עלטערער מיידל איז אין אַ פּאָגראָם געהרגעט געוואָרן איר חתן. נו, איז די משפחה אַהער אַריבערגעקומען. ווייזט אויס, זיי האָבן זיך ניט שלעכט איינגעאָרדנט, כאָטש כ׳האָב זיי ניט געפרעגט וואָס זיי טוען. איז די עלטערע טאָכטער אַרייַנ־געפאַלן אין אַ מעלאַנכאָלישן צושטאַנד. איר דוכט זיך אויס, אַז זי איז נאָך אַלץ אין ביאַליסטאָק. רק זי זעט און הערט סאָלדאַטן מאַרשירן, פייקלעך, ווי פאַר אַן אַטאַקע.

— אָטאָ דאָס דוכט זיך איר אויס? — האָט דינה געשטוינט.

— ס׳איז טראַגיש.

— אַ יונג מיידל?

— אַ יאָר איין און צוואַנציק.

— און די משפחה?

— בערגער, בערגער... — האָט נתן זיך געוואָלט דערמאָנען. — ניט זיי וואוינען אויף מאַט סטריט?

— וואָס, דו קענסט זיי? — האָט ד״ר לוריא זיך פאַרחידושט.

— איינעם פון די זין קען איך. כ׳ווייס דעם שאָפּ, וואו ער אַרבעט. ער איז גלייך אַריין דאָ אין דער אַרבעטער־באַוועגונג. גלויבט זיך מיר גאָרניט, אַז דאָס זאָל ער האָבן אַזאַ שוועסטער.

— דאָס, וואָס ד״ר לוריא האָט איצטער דערציילט, איז דער בעסטער באַוויז, ווי ס׳האַלט מיט די יידן וואָס קומען אַהער. אַמעריקע איז אונדזער נייער גלות, וואוהין יידן קומען איבערבינדן זייערע וואונדן... כ׳קלער, צי כ׳וועל געפינען דעם וועג צו מיין האָטעל.

דערביי האָט זיך סעמיאָן דאַבקין אויפגעהויבן פון פּלאַץ.

— גיי, נייטן, וועסט דעם גאַסט אָפּפירן אַהיים.

— איך גיי, — איז ד״ר לוריא אויפגעשטאַנען.

— זיי דאָ, זכריה, וועסט דאָ איבערנעכטיקן, כ׳האָב מיט דיר אַ סך פון וואָס צו רעדן. ס׳וועט מיר ניט דויערן, און כ׳וועל באַלד זיין צוריק.

ווען נתן לוריא און סעמיאָן דאַבקין זיינען אַרויס, איז דינה צוגעגאַנגען צו ד״ר זכריה לוריא און אים אַרומגענומען.

— וואָס ביסטו אַזוי טרויעריק, זכריה?

— כ׳בין אונטער דעם איינדרוק פון מיין לעצטער באַגעגעניש. מאָדנע, ווי כ׳האָב דאָרטן פאַרגעסן, אַז כ׳בין אַ דאָקטאָר.

— אַ שיינע מיידל, זכריה?

— צוליב וואָס פרעגסטו עס?

— כ׳האָב דיך אַרומגעזוכט אויפן מאַסנמיטינג. ער איז אַ וואונדערלעכער רעדנער. מ׳האָט אין זאַל געוויינט, ווען ער האָט געמאָלן די שרעקלעכע לאַגע פון יידן אין רוסלאַנד. כאָטש נתן איז גערעכט. מ׳טאָר ניט פאַרגעסן אונדזער קאַמף דאָ. ווייסט, ס׳האַלט שוין ווידער ביי אַ סטרייק אין דער סטאַן־פירמע.

בייטן וויל זיך דאַרטן ניט מישן. מסתמא וועלן אַנדערע אָרגעניזערס זיך פאַרנעמען מיטן סטרייק. קעראָלאַין איז אויך געווען אויפן מאַסנמיטינג. הערסט וואָס איך רעד, זכריה?

— יאָ, דינה, איך הער וואָס דו רעדסט.

— שאַ, ווי אַזוי ביסטו געקומען פון בית־עולם? צוליב וואָס ביסטו דאָרטן איבערגעבליבן?

— כ׳טראַכט, דער מענטש האָט מיט אַזאַ זיכערקייט אַ זאָג געטאָן, אַז דערווייל קלייבן זיך יידן אַריין אין אַ נייעם גלות; דאָ פאַרנעמען זיי זיך מיט איבערבונדן די וואונדן... דאָס איז שיין געזאָגט. היסטאָרישע וואונדן. כ׳קלער, וואו זיינען די געגנטע דריי און צוואנציק יאָר אַהינגעקומען, אַז נאָך גאָר פון אַנד־ייב האַלטן מיר?! יידן האָבן זיך שוין פאַרשפּרייט העט וואו ביז האַרלעם, ביז אין דער בראָנקס אַריין; און איצטער הויבן מיר ווידער אָן פון פאָגראָ־מען... אַ פּרייהייטס באַוועגונג רופט אַרויס יידישע פאָגראָמען, פשוט משוגע צו ווערן! און דאָ אויף מאַט סטריט, אַ מיידל מיט גרויע אויגן ליגט אויף איר געלעגער, און זעט ווי סאָלדאַטן מיט ביקסן און מיט פייקלעך, כאַ־כאַ־כאַ — קען מען ניט אַראָפּ פון זינען?

— ווי מיינסטו, זי וועט געזונט ווערן?

— מיינסט, צי מיר וועלן אַמאָל געזונט ווערן?

— כ׳פאַרשטיי ניט.

— אָט בין איך אויך היינט אַ קראַנקער מענטש.

— ביסט אַ קינד, זכריה. טויגסט ניט צום לעבן. דיר האָט געקענט זיין בעסער פון אונדז אַלעמען. ביסט אַ דאָקטאָר. מ׳האָט דיך ליב. נאָר דו ביסט אַ גרויס קינד.

ד״ר זכריה לוריא איז אויפגעשטאַנען פון פּלאַץ, האָט זיך אָנגעהויבן גרייטן אַוועקצוגיין.

— וואָס, ווערסט ניט וואַרטן אויף בייטענען?

— איך בין מקנא מיין ברודער, וואָס די אַרבעטער־באַוועגונג גיט אים אַזויפיל באַפרידיקונג.

— און דו?

— איך? וואָלט איך געווען אַ רופא אַ קאַריעריסט, וואָס ס׳איז ליגט נאָר אין זינען זיין פּראָפעסיע, אפשר. קומט מיר אָבער אויס אַזוי אָפט אָנצושלאָגן זיך אָן די גייסטיקע וואונדן, וואָס באַגלייטן די פיזישע.

— ביסט אַ וואונדערלעכער מענטש, זכריה... דיר וועט נאָך זיין גוט. יידן וועט נאָך זיין גוט. די פּאָגראָמען־כוואַליע וועט אַריבער. פרייהייט וועט נאָך קומען אין רוסלאַנד. דאָס האָבן היינט בייגאַכט עטלעכע רעדנער באַ־וויזן.

— אַ דאַנק דיר, דינה. גוט וואָס דו שטימסט אין אַלצדינג איין מיט אונדזער גלויביקן ברודער.

— דערצייל מיר נאָך עפּעס פון דיין וויזיט; זי האָט מיט דיר גאָרניט גערעדט?

— אַ גוטע נאַכט, דינה. כ׳בין אַביסל מיד. בין געגאַנגען צופוס פון ברוקלין.

— ביסט אַ וואונדערלעכער מענטש, זכריה, באמת, אַ וואונדערלעכער מענטש... אַ גוטע נאַכט; קוקסט טאַקע אויס מיד. אַ גוטע נאַכט, זכריה.

ד״ר זכריה לוריא, אַנשטאַט גיין גלייך אויף איסט־בראָדוויי, איז ער אַוועק אויף מאַט סטריט, פאַרצייכענען אין זכרון דאָס הויז, וואו ער האָט צוגעזאָגט מאָרגן צו זיין.

* * *

די בערגער־משפחה איז ניט געווען קיין גרויסער אויסנאַם אין דער יידישער גאַס, ווען אונטער דער צאַרישער בייטש איז דאָס יידישע לעבן פון שלאָף אויפגעריסן געוואָרן, אויפצועפענען די אויגן פאַר דער נייער צייט, וואָס האָט שטאַרק אַנגעקלאַפּט אין יידישע טיר־און־טויער.

כאָטש דער פאָטער, לייב בערגער, איז אין דער היים געווען אַן אַרבעטער, אַ וועבער, וואָס האָט דריי מאָל אַ טאָג געדאַוונט, און אין דער פרייער צייט אַריינגעכאַפּט אַ פּרק משניות, האָבן זיינע קינדער, יעדער איינער אויף זיין אופן, זיך געריסן צו די נייע וועגן, וואָס די צייט האָט דער יוגנט אָנגעוויזן.

דער עלטערער זון חיים, וואָס איז געזעסן זייט־ביי־זייט מיטן פאָטער ביים וועבשטול אין איינער פון די טוך־פאַבריקן, האָט אין דער פרייער צייט געלערנט רוסיש, געלערנט העברעאיש, און האָט זיך געקליבן פאָרן קיין ארץ ישראל. ד״ר הערצלס פלוצלונגער טויט האָט אים גאָר צעטומלט. ווען די פּאָגראָמען האָבן אויסגעבראָכן, האָט ער באַשטימט פאָרן קיין אַמעריקע, מחמת ער האָט נאָרוואָס חתונה געהאַט מיט דער בלאָנדער, קינדיש־נאַאיווער אַסנען, און אַ תכלית האָט מען געמוזט זוכן. זיין נסיעה קיין אמעריקע האָט ער באַטראַכט פאַר צייטווייליק.

דער יינגערער זון וועלוול, אויך אַ וועבער, האָט אין דער פרייער צייט געשטודירט מאַרקסן. זיין יוגנטלעכן פייער האָט ער אַרויסגעטראָגן אויף די „סכאָדקעס״, מאַי־דעמאָנסטראַציעס און געהיימע פאַרזאַמלונגען. בשעת אין ביאַליסטאָק זיינען אומגעגאַנגען קלאַנגען, אַז מ׳גרייט דאָרט צו אַ מיליטערישן פּאָגראָם אויף יידן, האָט ער מיט זיינע חברים, אַריינגערעכנט זיין שוועסטערס עמאַס חתן, סאַוועל גינזבורג, זיך געגרייט באַגעגענען דעם שונא אויף באַרי־קאַדן.

עמאַ איז געווען דער ליבלינג אין דער משפחה. מ׳האָט זי ניט געלאָזט אַרבעטן. זי האָט געלערנט, און, צו אַלעמענס צופרידנקייט, אויסגעהאַלטן גוט די עקזאַמענס. זי האָט זיך געגרייט פאָרן קיין פּעטערבורג אויף מעדיצי־נישע קורסן. איר חתן איז געווען אַן „עקסטערנער״, וואָס האָט אויסגעהאַלטן אויף אַלע אַכט קלאַסן גימנאַזיע. בסוד פון עמאַן האָט ער געהערט צו די רעוואָלוציאָנערע קרייזן. בסוד פון איר האָט ער זיך געגרייט אַנטקעגן־צו שטעלן די פּאָגראָמשטשיקעס, ווער זיי זאָלן ניט זיין.

די יינגסטע שוועסטער, צילע, אינאיינעם מיט דער מאַמען, איז געזעסן ביי אַ ניי־מאַשין און גענייט פאַר שכנים. מיטן יינגערן ברודער איז זי געגאַנ־גען אויף „סכאָדקעס״, כאָטש מיט איר פולן באַוואוסטזיין איז זי אין דער באַוועגונג דערווייל ניט געגאַנגען. אַגב איז זי אינגאַנצן אַלט געווען אַכצן יאָר.

ווען ס׳וואָלט ניט געטראָפן דער אומגליק מיט עמאַס חתן, וואָס איז דער־שטאָכן געוואָרן פון אַ סאָלדאַט אין ערשטן טאָג פון די פּאָגראָמען, מעגלעך,

די משפחה וואָלט זיך ניט גערירט פון אָרט. עמאַ האָט געפּאָדערט, די משפּחה זאָל לויפן וואו די אויגן וועלן טראָגן. איר צוליב האָט מען „די היים חרוב געמאַכט און זיך אַוועקגעלאָזן מעבר לים". דאָ וואָלט אַלץ אַוועק כשורה. דער טאַטע,ביידע זין און די ייִנגערע טאָכטער זייִנען אַלע אַוועק אַרבעטן. כאָטש וועבער פון דער היים, זייִנען זיי אַוועק אַרבעטן אין אַ שניידער־שאָפּ. מ'האָט געלעבט אינאיינעם, קיין חיונה ד'האָט ניט געפעלט. ווען ניט דער שווערער טרויער, וואָס האָט זיך איבער דער נייער היים אַראָפּגעלאָזן צוליב עמאַס אַריינגעמען זיך אין זינען, אַז זי איז נאָך אין פּאָגראָמען־לאַנד, אַז כסדר מאַרשירן נאָך אַלץ פאַרביי איר סאָלדאַטן מיט אויסגעשטרעקטע באַיאָנעטן, מאַרשירן מיט פּייקלעך, מיט בלוט אין די אויגן — גייען אויף דער ייִדישער גאַס!

פאַר עמאַן איז דאָס לעבן אַרום געווען טויט. אין חושך אייִנגעוויקלט. זי איז פון טאָג־צו־טאָג אייִנגעגאַנגען. זי האָט ניט געגעסן, ניט געטרונקען, ביז זי האָט זיך גאָר אינגאַנצן אַנידערגעלייגט.

ד"ר זכריה לוריא, ווען מ'האָט אים מיט אַ טאָג פריער גערופן צום ערשטן מאָל צו עמאַן, האָט מען אין שטוב ניט געגלויבט, אַז בשעת ער האָט זי אויס־געהערט, גערעדט צו איר, האָט עמאַ געהערט זייִנע רייד. משמעות, זי האָט פאָרט געהערט. אויף מאָרגן האָט זי אים אויסגעקוקט. דער מוטער ד'האָט עס שטאַרק געחידושט. נאָך מער, זי האָט ניט געוואָלט, דער דאָקטאָר זאָל זי געפינען ווי נעכטן אין בעט. די מאַמע האָט איר געהאָלפן זיך אָנטאָן. אַ זיידן קליידל, וואָס די שוועסטער האָט פאַר איר אויפגעגייט, טונקל־גרין מיט ווייסע מאַנקעטן אַרום האַלדז; דאָס האָט זי אָנגעטאָן, געשטאַנען אַ צייט פאַרן שפּיגל און געביסן די טרוקענע ליפּן.

— כאָטש דער דאָקטאָר האָט דיר נאָך דערווייל קיין רפואה ניט פאַרשריבן, פאַרהאָף איך צו גאָט, ער וועט דיך שטעלן אויף די פיס. מען האַלט פון אים אַן עולם ומלואו. און נאָך אַ זאַך, טאָכטער . . .

דאָס ווייטערדיקע האָט די מאַמע ניט אַרויסגעזאָגט.

ד"ר זכריה לוריא איז געקומען צו די בערגערס מיט אַ שעה פריער ווי ער האָט צוגעזאָגט. ווען ער האָט זיין חולה ביים ערשטן באַזוך געהייסן זי זאָל זיך שטאַרקן און אויפשטיין פון געלעגער, האָט ער ניט געגלויבט, אַז זי וועט עס טאָן.

ער איז דעריבער געווען איבעראַשט, ווען, אַריינקומענדיק מיט זיין רענצל מכשירים, האָט ער עמאַן געפונען אין פאָדערשטן צימער, אָנגעטאָן, פאַרקעמט, ווי זי וואָלט זיך ריכטן אויף אימעצן, וואָס איז צו איר מער ווי אַ דאָקטאָר.

— אָט זעט איר, מיס בערגער, — האָט ד"ר לוריא וואַרים געדריקט איר האַנט, — כ'האָב אייך געזאָגט, אַז איר דאַרפט ניט קיין דאָקטאָר, אַז די צייט היילט אויס די טיפסטע וואונדן!

עמאַ, אַן אָפּגעצערטע, אָן אַ טראָפּן בלוט אין פּנים, האָט אים איצטער אויסגעוויזן אַ סך קראַנקער ווי נעכטן, בשעת זי איז געלעגן אין בעט. דער בלאַסער פאַרנאַכט האָט זיך דורכגעשלאָגן דורך אַ פענצטער, וואָס איז אויס־געקומען צווישן צוויי הייזער, און האָט עמאַס אויסזען נאָך מער אויסגעבלייכט. זי האָט דעם דאָקטאָר לוריא אָנגעקוקט גלייך אין די אויגן בשעת ער ד'האָט

גערעדט, זיך באַמיט אַ שמייכל טאָן, אים באַלוינען פאַר זייַן פּינקטלעכקייט. אָבער איר פּנים האָט אויפגעציטערט, אירע גרויע אויגן זיינען צונויפגעצויגן געוואָרן און זיך אָנגעפילט מיט טרערן.

זי האָט איצטער ווי צום ערשטן מאָל אָנגעקוקט דעם יונגן ייִדישן דאָקטאָר. אַ מענטש גאָר פון אַן אַנדער וועלט. איז געקומען פאַרטרייבן די פינצטערניש וואָס האָט זיך אָנגערוקט אויף איר יונג לעבן.

— ס'איז דער שאָטן פון אַ יונג לעבן, — האָט ד"ר לוריאַ געטראַכט, קוקנדיק אויף אירע מיט טרערן אָנגעגאָסענע אויגן.

— וואָס זאָגט איר צו איר, הער דאָקטאָר? לכבוד אייך איז זי אויפגע־שטאַנען. זי האָט היינט איינדערפרי מיט אונדז איינאיינעם געלאַכט פון עפּעס אַ נאַרישקייט. באַוויַיז, מיין טאָכטער, אַ פריילעך פּנים. האָסט דאָך אַליין געוואָלט אַרויס אויפן שטוב.

— זייער פיין וואָס זי איז צוליב מיר אויפגעשטאַנען. אָבער היינט וויל איך אייך גוט אויסהערן, — האָט ד"ר לוריאַ געשמייכלט צו דער קראַנקער. — כ'האָב נעכטן אפילו אייער פּולס ניט אויסגעהערט. בין געווען מיד. כ'האָב געהאַט אַ שווערע איבערלעבונג. וועל אייך בעטן זיך לייגן צוריק אין בעט.

— אַט שוין, באַלד? — ד'האָט עמאַ זיך אַ ביסל דערשראָקן.

— איך אייל זיך ניט. איך האָב אַ פרייַע שעה, אויב איר ווילט מיט מיר רעדן.

— ניין, ניט דאָס. איר האָט דאָך מיך געשטראָפט דערפאַר, וואָס איך בין געלעגן אין בעט.

— נאָך דעם ווי איך וועל אייך אויסהערן, וועל נעמען אייער בלוט־דרוק, אויספּויקן אַ ביסל די פּלייצע, אויסהערן ס'האַרץ... מעגלעך, כ'וועל אייך הייסן צוריק זיך לייגן אויף עטלעכע טעג. און אפשר גאָר אַרויסטרייבן אין גאַס, כאַ־כאַ־כאַ.

— איר זייט אַ ייִדישער דאָקטאָר. אין אַמעריקע אַ ייִדישער דאָקטאָר... כ'האָב אַמאָל אויך געקלערט שטודירן מעדיצין. אָבער דאָס איז געווען שוין אַזוי לאַנג, איך געדענק שוין אפילו ניט ווען דאָס איז געשען.

— מיר זיינען אויך געקומען אַהער נאָך די ערשטע פּאָגראָמען אין די אַכציקער יאָרן. אַט, ווי איר, מ'איז געווען איבערגעשראָקן. מ'האָט געאַרבעט אונטער שווערע באַדינגונגען. פונדעסטוועגן בין איך דאָ געוואָרן דאָקטאָר מעדיצין. איר קענט עס נאָך אויך באַווייזן. ווי אַלט איז אייער טאָכטער? — האָט זיך ד"ר לוריאַ געווענדט צו דער מוטער.

— זי איז נאָך אַ קינד. פאַרן אַרויספאָרן איז זי געוואָרן צוואַנציק יאָר.

— אייער טאָכטער איז געבאָרן געוואָרן ווען איך מיט מיינע לייט זיינען געווען אין אַמעריקע, געלעבט אויף לודלאָו סטריט.

אַ ווייַלע האָבן אַלע דרייַ געשוויגן. עמאַ איז געזעסן ביים פענצטער, און ד"ר לוריאַ קעגן איר אויף אַ שטול. ער האָט פון איר ניט צוגענומען די אויגן. ער ד'האָט מיטן דמיון געוואָלט אַליין פאַר זיך אויסמאָלן איר פריערדיקן געזונטן אויסזען, בסך הכל מיט עטלעכע חדשים צוריק. פאַר זיינע אויגן איז איצטער געווען אַ יונג לעבן, וואָס מען האָט געקוילעט און ניט דערקוילעט. איר אָנשטרענגונג אים צו באַגעגענען ניט אין בעט האָט אים געגעבן האָפענונג, אַז ער וועט איר לעבן ראַטעווען.

— כ׳וועל אייך בעטן, מיס בערגער, איר זאָלט גיין צוריק אין בעט.
— קומט, מיין טאָכטער, כ׳וועל דיר העלפן.
גאָלדע בערגער האָט גענומען איר טאָכטער אונטערן האַנט און איז מיט איר אַוועק אין צווייטן צימער.

ד״ר לוריא איז אויפגעשטאַנען פון פּלאַץ. ער האָט באַמערקט קעגן איבער אויף דער וואַנט אַ פאַמיליען־בילד, אַלע איניינעם פאָטאָגראַפירט אַפּנים פאַרן פאַרלאָזן רוסלאַנד. אויפן בילד זיינען נאָך אויסער די בערגערס געווען נאָך אַ דריי פאַרשוין, צוויי מיידלעך און אַ יונגערמאַן. צווישן אַלעמען האָט צום בולטסטן מיט איר בליענדיקער יוגנט אַרויסגעקוקט די איצטיקע קראַנקע עמאַ בערגער. בלויז די אויגן זיינען ביי דער איצטיקער געבליבן. די אויגן זיינען נאָך דעם צוגעקומענעם פּחד אָפענער געוואָרן.

דער יונגערמאַן, וואָס שטייט נעבן איר, איז דער דערהרגעטער חתן אירער, — איז אים דורכגעלאָפן אַ מחשבה, — איר פריערדיקער אינהאַלט אין לעבן.

די מוטער האָט זיך באַוויזן אין טיר פון צווייטן צימער און אַן ווערטער אָנגעזאָגט דעם דאָקטאָר, אַז ער קען אַריינקומען.

עמאַ בערגער איז געלעגן רואיק. די אויגן פול, אָן אַ שפור פון פריער־דיקע טרערן. אין אַ העל־ראָזן נאַכטהעמד איז זי געווען אָנגעטאָן, ניט אַריבערגעדעקט. רואיק האָט זי געאָטעמט בשעת דער דאָקטאָר האָט געהערט איר פּולס. מיט די אויגן איז זי אומגעגאַנגען איבער זיין קאָפּ, איבער זיין פּנים. זי האָט באַמערקט זיין הויכן, בלאַסן שטערן. אַ יונג מויל, און אַ שטערן פון אַ באַיאָרנטן מענטשן. ער האָט דערציילט ווי ער האָט געאַרבעט אין שאָפּ, אויף אים איז דאָס גאַרניט צו דערקענען. זיינע הענט אויך . . . אירע בליקן זיינען אויף אַ רגע געפאַלן אויף זיינע הענט. שמאָלע, איידעלע הענט.

ד״ר זכריה לוריא האָט אָפּגעדעקט איר ברוסט און זיך צוגעהערט צו איר האַרץ. לאַנג האָט ער זיך צוגעהערט צו איר האַרץ. די קינדיש־שמאָלע בריסט זיינען פאַרחלשט געלעגן אויפן בלאַסן, איינגעפאַלענעם ברוסטקאַסטן. ער האָט מיט די פינגער פאַרזיכטיק געדריקט די זייטן פון איר איינגעפאַלענעם בויך — די מוסקולן האָבן קיין שום ווידערשטאַנד ניט אַרויסגעוויזן. די ריפּן האָט מען איינס־ביי־איינס געקענט ציילן, און אַזוי האָבן זיך אויף דער פּלייצע אַרויסגעטיילט אַלע ריינגען פון רוקנביין. אירע קאַשטאַנע האָר האָבן געגלאַנצט מיט לעבן. די אויגן ד׳האָבן דערציילט פון יוגנט. דער גאַנצער גוף — אַ פאַרחלשטע יונגע ווערבע, וואָס מען האָט פון פּייכטן גרונט ביים וואַסער אויס־געריסן און אַוועקגעשליידערט אונטער דער ברענענדיקער זון.

ד״ר לוריא האָט צוגעדעקט איר ברוסט, אַריבערגעצויגן איבער איר דעם ליילעך, וואָס איז געווען פאַרוקט אָן אַ זייט; האָט אַנידערגעלייגט זיין האַנט אויף עמאַס שטערן און געזאָגט צו דער מוטער, וואָס איז געשטאַנען אַנידער־געשלאָגענע ביי איר צופוסנס:

— אַלץ טרעפט אין לעבן. אַלץ קען טרעפן מיט אַ מענטשן. זי עסט ניט באַנ׳אייך. זי שלאָפט ניט גענוג, כאָטש זי ליגט אין בעט. דאָס אַליין איז

גענוג, אַ מענטש זאָל אויסגיין שטופנווייז. נו, און אַז אַ מענטש האָט אַ האַרץ, וואָס האָט געקראַגן וואונדן...

— ניין, דערמאָנט עס ניט, דאָקטאָר! העלפט עס מיר פאַרגעסן, אויב איר קענט, העלפט מיר...

עמאַ בערגער האָט געכאַפּט זיין האַנט און געדריקט צו אירע טרוקענע ליפּן. — איך וועל טאָן אַלץ, אַלץ וואָס איר וועט מיר הייסן. אַלץ, אַלץ וואָס איר וועט מיר הייסן, וועל איך פאָלגן!

— כ'ווייס, אַז איר וועט פאָלגן. בערך אַ וואָך צייט זאָלט איר בלייבן אין בעט. אַלץ וואָס איך וועל אייך פאַרשרייבן, זאָלט איר נעמען. אַלץ וואָס איך וועל אייך צושרייבן צו עסן — זאָלט איר. אין אַ וואָך אַרום, אויב איר וועט זיך גוט אויפפירן, וועל איך אייך דערלויבן אַראָפּצוגיין פון געלעגער.

ער האָט גערעדט זייער פאַרמעל, און אַזוי האָט ער איר דערלאַנגט די האַנט און געוואונטשן אַ גוטע נאַכט.

* * *

ווען ד"ר לוריא איז אַריינגעקומען אין פאָדערשטן צימער, האָט ער געפונען שוין אומגעדולדיק אין דערוואַרטונג דעם פאָטער און עלטערן זון. ביידע האָבן צו אים אַריבערגעקוקט, געוואָלט וויסן וואָס ער האָט צו זאָגן.

— אייער טאָכטער איז אַ שטאַרקער חולה, אָבער איך וועל ניט אָן די האָפע-נונג. אויב פאַר דער וואָך וועט ניט קומען קיין ממשות'דיקע פאַרבעסערונג, וועלן מיר זי אַריינגעבן אין אַ סאַנאַטאָריע. אַ שאָד, וואָס סי ניט ווינטער. הייסט עס, איינגאַנצן זעקס וואָכן זייט איר אין לאַנד, און איר אַרבעט אַלע — האָט ד"ר לוריא איבערגעריסן דעם שמועס וועגן דער טאָכטער.

— דוכט מיר, שוין אָן אייביקייט זינט מ'איז פון דאָרטן אַוועק — האָט לייב בערגער, אַ מידער און פאַרזאָרגטער געזאָגט — דוכט זיך מיר אויס, ווי אַ פינצטערע נאַכט האָט זיך אַראָפּגעלאָזן אויף יענעם לאַנד זינט די פּאָגראָמען האָבן אויסגעבראָכן. מ'האָט בידים חרוב געמאַכט אַן איינגעפונדעוועטע היים: ביז מ'האָט די גרעניץ איבערגעפּטרט און זיך אַרויסגעראַטעוועט.

— אוודאי וואָלט עס הייסן אַרויסגעראַטעוועט, ווען ניט אַזאַ אומגליק מיט מיין קינד. און וואָס מיינט איר, דאָקטאָר, — די האָט די מוטער אָנגעוויזן אויפן זון, — נעמט ער זיך אַמאָל דעם מוט אַ לאַך צו טאָן, זינט מ'איז אַהער געקומען? דער יינגערער איז דאָ געוואָרן אַן אייגענער מענטש, אָבער ער...

— לאָמיר, מאַמע, פון דעם איצטער ניט רעדן, — האָט דער זון דער מאַמען איבערגעשלאָגן, — מיך זאָלסטו ניט אַריינמישן.

— וואָס ניט, די מאַמע איז דען ניט גערעכט? — האָט דער פאָטער זיך אָנגענומען מיט מוט אַראָפּצורעדן פון האַרצן אַ פאַרדראָס. — אָט זעסטו, דער דאָקטאָר איז אַהער געקומען, ווי מ'שמועסט, פון גאָר די ערשטע, און איצטער האָבן יידן אַן אייגענעם דאָקטאָר.

— כ'בעט דיך, טאַטע, לאָז אָפּ דעם שמועס. מיר פעלט גאָרניט. כ'אַרבעט, איך פאַרדין; כ'וועל דאָ ווערן אַ בירגער אויך. נאָר צי בין איך דען דער איינציקער? ניט נאָר אין דער פינצטערער רוסלאַנד האָט די ציוניסטישע באַוועגונג ממש אויפגעהויבן דאָס יידישע פאָלק. דאָ איז אויך פאַראַן אַ ציוניסטישע באַוועגונג. יידן האָבן דאָ סוואָבאָדע, און פונדעסטוועגן קוקן זיי

אַריבער צו ארץ ישראל. אוודאי, זינט הערצל איז געשטאָרבן, גייט עס אַלץ ווי אַ שיף אָן אַ רודער. דאָס איז מיין אומגליק. אַ פירער פעלט אונדז, אַ פּאַלקספירער. דאָ נאָך מער ווי אין רוסלאַנד; דווקא, ווייל יידן לעבן דאָ ווי פרייע פייגל.

ד״ר לוריא איז געקומען אויפן זינען זיין ברודער נתנס רייד, וואָס טענהט, אַז צוליב דער רוסישער רעוואָלוציע און די פּאָגראָמען האָט מען דאָ דעם יידישן עולם אָפּגעניגט פון זיינע אייגענע פליכטן און זיין אייגענער ווירקלעכקייט ביים איבערבויען דאָס לעבן אין נייעם לאַנד. ער האָט אויך געהאַט עפּעס צו באַמערקן אויף חיים בערגערס רייד. אָבער זיין געדאַנק איז געווען מיטן חולה, וואָס ער האָט איצטער געלאָזט אַ וואָכע אין צווייטן צימער. אים חידושט, וואָס די שטובלייט זיינען אַזוי גרינג אַראָפּ אָן אַ זייט, און אָנשטאָט אַרומצורעדן דעם מצב פון דער קראַנקער טאָכטער, איז מען גאָר איבערגעגאַנגען צום קראַנקן מצב פון אידישן פאָלק. ער האָט געשפּירט, אַז נאָך דער אונטערזוכונג האָט די קראַנקע מיט אים געוואָלט ריידן, זי האָט געוואָלט ער זאָל ביי איר אויספרעגן איר פאַרגאַנגנהייט. ער האָט עס בכיוון ניט געטאָן. ער האָט באַשטימט, ער זאָל בכלל ביי איר ניט פרעגן וועגן איר פאַרגאַנגנהייט.

ס׳איז אָנגעשטאַנען אַ שטילשווייגן. ער איז שוין גרייט געווען אַוועקצוגיין, אָבער דער קראַנקערס שטים האָט ער דערהערט פון צווייטן צימער; זי האָט גערופן די מוטער.

די מוטער איז אַוועק אין צווייטן צימער, און איז באַלד אַריינגעקומען צוריק.

— נעמט ניט פאַר אומגוט, דאָקטאָר, מיין טאָכטער בעט, אויב איר קענט נאָך פאַרברענגען א ווילע. זי וויל אייך זען. נעמט ניט פאַר אומגוט.

ביי ד״ר לוריאן האָט ס׳האַרץ אָנגעהויבן שטאַרקער קלאַפּן. ער האָט געפילט ווי עס בייט זיך אים די פאַרב אין פּנים.

ווען ער איז אַריין צו דער קראַנקער, האָט ער זי געפונען זיצן אין בעט. זי האָט צו אים אויסגעשטרעקט בײדע הענט און רואיק געזאָגט:

— זיצט נאָך אַ ווילע נעבן מיר, דאָקטאָר. כ׳פיל, ווי איר גיט מיר נייעם כח, נייעם גלויבן. דערציילט מיר, דאָקטאָר, ווי אַזוי זייט איר געקומען אַהער? צי האָט איר אַ שוועסטער דאָ אין לאַנד?

ער האָט גענומען אירע ביידע הענט און געקוקט איר גלייך אין פּנים אַריין. אין צימער איז געווען טונקל.

— פאַרוואָס ווילט איר מיט מיר ניט רעדן?

— איר טאָרט ניט רעדן קיין סך.

— פאַרוואָס, איר גלייבט ניט, אַז איך וועל נאָך לעבן...

— אוודאי גלויב איך, אַז איר וועט לעבן...

— כ׳האָב אייך פריער געבעטן, איר זאָלט מיך ראַטעווען; נאָר די כוחות זיינען פון מיר אַרויסגערונען, וואָס קען איך העלפן? איך האָב ליב געהאַט אַ מענטשן, האָט מען אים געהרגעט — איז מיין גאַנץ לעבן טויט. ביז נעכטן האָב איך ניט געגלויבט, אַז ס׳איז ווערט צוליב עפּעס צו לעבן.

— איר האָט געפרעגט צי איך האָב אַ שוועסטער. יאָ, איין שוועסטער האָב איך. זי איז אַ יאָר עלטער מיט מיר. אַ צווילינג זייגען מיר. זי האָט חתונה געהאַט מיט צוועלף יאָר צוריק.

— און איר?

— איך הייל קראַנקע.

— האָ, איך פאַרשטיי. איר האָט נאָך אַ ברודער... אָ, אַנטשולדיקט מיר, דאָקטאָר, הערט ניט וואָס איך רעד; כ'האָב גאָר עפּעס אַנדערש געוואָלט ביי אייך פרעגן.

אין דער רגע האָט זי געכאַפּט זיינע הענט און געדריקט צו אירע טרוקענע ליפּן.

— וואָס טוט איר, מיס בערגער? ס'איז שעדלעך פאַר אייער געזונט.

— איר קערט מיר אום מיין געזונט... איר האָט פריער אַנגערירט מיין פאַרפייניקטן גוף און מיר אַריינגעגעבן פרישע כוחות. דאָס האָב איך אייך געוואָלט זאָגן. איצטער גייט צו אַנדערע קראַנקע וואָס וואַרטן אויף אייך.

זי האָט באַהאַלטן דעם קאָפּ אין קישן און שטיל געוואַרט ביז ער איז אַרויסגעגאַנגען.

ווען ער איז אַריינגעקומען אין פאַדערשטן צימער, האָט די מוטער געהאַלטן דאָס פאַמיליען־בילד, וואָס ער האָט פריער באַמערקט אויפן וואַנט.

— נעמט ניט פאַר אומגוט, דאָקטאָר; דאָס איז זי. אָט אַזוי האָט זי געשיינט נאָך מיט עטלעכע חדשים צוריק. און דאָס איז ער...

ד"ר לוריא האָט געקוקט אויפן פאַמיליען־בילד. ער האָט קיין געזיכטער ניט דערקענט. פאַר זיינע אויגן איז אַלץ געווען בלאַנק. ער האָט די שטובלייט ניט אַרויסגעזען.

— קומט אַריין צו מיר מאָרגן אין אָפיס, מיסיס בערגער, כ'וועל אייך פאַנאַנדערזאָגן וואָס איר זאָלט איר געבן עסן. כ'האָף, ס'וועט ניט זיין נויטיק איך זאָל דאַרפן קומען צו אייך נאָך אַ מאָל.

ד"ר זכריה לוריא איז געגאַנגען צוריק צו זיך אַהיים און געשפּירט, אַז אַ האַנט האָט זיינע פאַרבאַרגענע וואונדן אַנגערירט און אויפגעוועקט אַן איינגעשלאָפענעם ווייטיק אין דער נשמה.

קאַפּיטל צוויי

עס טרעפט אין אַ גרעסערער, פאַרצווייגטער משפּחה, טיילט זיך איין מיטגליד אַרויס און ווערט אַ צענטער, צו וועמען אַלע אויגן פון דער משפּחה זיינען געווענדט. אַזוי איז אויך אין דער לוריא־משפּחה אין די שפּעטערדיקע יאָרן געוואָרן ד״ר לוריא דאָס האַרץ פון דער משפּחה.

ביים אַריינקומען אין לאַנד איז די בת יחידה, יעמאַלטיקע קריינדל מיט איר קינדערשער מוטערליבע געווען ביי די עלטער ברידער אויף די אויגן. זי האָט געקלאָגט הלמאי זיי האָבן זיך אָנגעהויבן אָפּצורייסן איינס פון אַנדערן. איר צווילינג־ברודער זכריה איז געווען דער גרויסער שווייגער. ער האָט געאַרבעט ביי די חלפנס אין שאָפּ און אַרויסגעקוקט אויף אַ נאָרמאַלער צוקונפט. ער איז געלעגן איבער די לערנביכער אין די שפּעטע שעהן נאָך דער אַרבעט, אַרויסגעקוקט צו זיין אָפּגעזונדערטן וועג. ווען דער פאָטער האָט פּונקט צום יאָר נאָך זייער מוטערס טראַגישן טויט חתונה געהאַט, געמאַכט פאַר זיך אַ באַזונדערע דהיים — האָט עס דעם ייִנגסטן זון אויסגעזען נאַטירלעך. ער האָט תופס געווען די פילאָזאָפיע פון דעם „אויב איך טו ניט פאַר זיך, ווער קיינער פאַר מיר ניט טאָן". ער האָט גלייך פון אָנהויב דערקענט דעם טראַגישן גורל פון ערשטן דור רוסישע יידן, וואָס זיינען אָנגעקומען אין די אַכציקער יאָרן, פאַרדונגען די הענט אין די שוויצשעפּער — בשעת די הענט האָבן שוין דאָס גאַנצע לייב און לעבן מיטגעשלעפּט.

דורך זיין אייגענער משפּחה האָט זכריה אַרויסגעזען דעם גורל פון דער יידישער „גרינער" וועלט. אַלע זעקס ברידער האָט נאָך אין דער היים דער השכלה־גייסט אויפגעהויבן פון דער ערד. יעדער איינער האָט געהאַט אַ צוטריט צו אַ יידישן ספר. קומענדיק קיין אַמעריקע האָט מען אָוועקגעשלייי־דערט איבערן אַקסל די ווערטן, וואָס מען האָט מיטגעבראַכט פון דער אַלטער דהיים. תכלית האָט הענט מיט קאָפּ איינגעשלונגען. די פאַרשידנקייט אין כאַראַקטער ביי די קינדער האָט זכריה באַמערקט ערשט יעמאָלט, ווען מען איז געקומען אין לאַנד פון מעגלעכקייטן, און יעדער איינער האָט אָנגעהויבן בויען אַ וועלט פאַר זיך. כאָטש דער ברודער נתן, וואָס האָט אינדערהיים זיך אינטע־רעסירט מיט דעם אָנהויב פון סאָציאַלע און רעוואָלוציאָנערע באַוועגונגען, איז אין פרייען לאַנד געוואָרן דער פאַרזאָרגער פון די הילפלאָזע הענט. אין יענע יאָרן, ווען דאָס אָוועקגעבן אָפּגעשפּאַרטע שעהן פון דער אַרבעט צו אָרגאַני־זירן און יוניאָניזירן די הענט, האָט געהייסן אַ מין הייליקע אַרבעט. יעמאָלט האָט ער צו נתנען אַרויסגעקוקט מיט אַ סך דרך ארץ.

זיין ברודער דהיללס זיך אָרומשלעפּן צווישן פאַרמערס און זיין באַקלאָגן דעם גורל פון די גרינע, וואָס האָבן זיך באַזעצט אין שטאָט, אויף דער איסט־

סאַיד, און האָבן פאַרגעסן דעם ריח פון גרינעם פעלד — האָט זכריה אינדער־שטיל באַדויערט. ער האָט היללן אַלע יאָרן פון ווייטן נאָכגעקוקט און באַדויערט, וואָס ער איז געוואָרן מיט דער צייט אָפּגעלאָזן און פאַרגרעבט. פאַרשטענדלעך זיינען זכריהן אין דער ערשטער צייט געווען די וועגן פון זיין ברודער דניאל, וואָס איז אַוועק פעדלען. מען האָט אין דער יידישער גאַס געקוקט אויף אַ סך פעדלער ווי אויף צוקונפטיקע גרויסע געשעפטסלייט. ווען דניאל האָט חתונה געהאַט מיט אַ ניט־יידיש ווייבל, כאָטש זי האָט זיך שפּעטער מגייר געווען און צוגעקראָגן דעם נאָמען רות, האָט זכריה מורא געהאַט, אַז דניאל גייט פאַרלאָרן פאַר דער משפּחה. דאָ האָט ער געמאַכט אַ טעות. אַ לאַנגע צייט איז די גרטע געווען דער צענטער פון דער משפּחה. דוקא ביי דניאלן איז געווען אַ יידישע שטוב.

אָבער ניט קיין סך נחת האָט ער פון זיין צווילינג־שוועסטער, וואָס האָט צופּיל טרערן פאַרגאָסן מיידלוויז. זי האָט חתונה געהאַט, לעבט רייך, אָבער אָנשטאָט נחת איז דאָרטן טרויער. ווען קראַנקהייט דאַרף אויסווייִנען אירע טרערן, קומט זי אַראָפּ צו איר ברודער דעם דאָקטאָר עס טאָן.

פאַרוואָס ד״ר זכריה לוריא האָט ביז איצטער ניט חתונה געהאַט, איז אַ טרויעריקער סוד אין דער משפּחה. מ׳האָט אים שלעכט פאַרשטאַנען. ער האָט פאַר קיינעם ניט אַרויסגעוויזן דעם סוד פאַרוואָס ער האָט זיך אָפּגעזאָגט חתונה האָבן. ער האָט אויך קיינעם ניט דערציילט ווי אַזוי ער טרינקט אָפט דעם ביטערן כוס בשעת פאַר זיינע אויגן ווערט קלאָר די נאַציאָנאַלע דעגענעראַציע, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן צווישן די גרינע גלייך ביים אָנקומען אין נייעם לאַנד. „מענטשן האָבן מיטגעבראַכט אַהער יונגע קינדער און זיי אָנגעוואָרן. יונגע מענטשן האָבן חתונה, געבאָרן קינדער, און פאַרלירן זיי. צוליב וואָס זאָל איך עס איבערלעבן?״

געווען צייטן, ווען ער איז געווען זיכער, אַז ער וועט ניט חתונה האָבן. דעריבער, כאָטש ער איז געווען וואָך צום פּילפּאַכיקן און פּילפאַרביקן גערודער אין דער יידישער גאַס, האָט ער אַליין זיך ניט באַטייליקט אין קיין שום באַוועגונג. זיין אָפּיס האָט ד״ר לוריא געהאַט אויף דער איסט־סאַיד און איז געוואָרן באַליבט ביי די גרינע מאַמעס, וועמעס קינדער „ער האָט פון טויט לעבעדיק געמאַכט. אַ יידישער דאָקטאָר, וואָס קוקט צו דיר ממש אין דער נשמה אַריין, איז ניט קיין קלייניקייט״.

פון צייט צו צייט איז צו אים פאַרלאָפן אַ וויכטיקער גאַסט, וואָס איז פון יענער זייט ים געקומען וועקן די פאַריאָגטע יידעלעך אין דער גאָלדענער מדינה. סיי די, וואָס זיינען געקומען מאַכן פון די פאַרלאָרענע יידעלעך סאָציאַליסטן, און סיי די, וואָס זיינען געקומען מאַכן פון זיי ציוניסטן, האָבן אָנגעקלאַפּט אין טיר פון ד״ר זכריה לוריא, געלאָזן, ער זאָל באַטראַכטן דאָס געזונט, און אגב, כאַפּן אַ שמועס מיט אַ יידישן דאָקטאָר, וואָס האָט בייטאָג געאַרבעט אין שוויצשאָפּ און ביינאַכט געשטודירט, און איז נאָך געבליבן אַ שטיקל ייד.

איצטער איז ביי ד״ר לוריאן אין אָפּיס געזעסן דער גאַסט סעמיאָן דאָבקין, געגלעט זיין זיידן־שוואַרצע, ציטעריקע באָרד, און מיט אַ צופרידענעם שמייכל אַריינגעטענהט אין ד״ר זכריה לוריאן:

— דאָס איז די צרה ניט אייערע, מזלדיקע. איר האָט זיך באַצייטנס אָפּגעריסן פון גרויסן יידישן כלל. איר, מזלדיקע, מיינט, אַז דער יידישער

גורל יאָגט אייך ניט נאָך. אייך דוכט זיך אויס, אַז איר לויפט אינערגעצן, מיטן פּנים צו דער זון; אָבער דער יידישער גורל, ווי אייער אייגענער שאָטן, איז מיט אייך באַהעפט. די צייט וועט קומען, אייער מזל וועט ערגעץ פאַרלויפן אין אַ זייט, און די זון וועט זיך באַהאַלטן אונטער אַ וואָלקן.

— אַנטקעגן וואָס דערציילט איר עס מיר? — האָט ד״ר לוריא בלאָס געשמייכלט.

— איך זאָג דאָס אַנטקעגן דעם וואָס די אַנטלאָפענע אַהער מיט טלעכע און צוואַנציק יאָר צוריק, נאָך די ערשטע פּאָגראָמען אין די אַכציקער יאָרן, וואָס דאָ זיינען זיי געוואָרן דאָקטוירים, אינזשענערן, אַדוואָקאַטן און אפילו ריכטער — זיי מיינען, אַז דער יידישער גורל האָט זיי אויסגעמיטן.

— ווי איך פאַרשטיי, רעכנט איר מיך אַריין אין צעטל פון די גליקלעכע, וועמען דער יידישער גורל האָט אויסגעמיטן, כאַ־כאַ־כאַ, — האָט ד״ר לוריא אַ באַלייידיקטער אַ לאַך געטאָן. — משפּט ניט, און פאַרמשפּט ניט איידער איר האָט ביי זיך קלאָר אָפּגעמאַכט וואו דער יידישער גורל געפינט זיך איצטער.

— כ׳ווייס, איר ווילט מיר זאָגן, אַז די יידישע איסט־סאַיד האָט זיך גענויטיקט אין אַן אייגענעם דאָקטאָר, ווי זי האָט זיך גענויטיקט אין אַן אייגענעם אַרבעטער־פירער.

— צוליב וואָס זאָלט איר מיר אַריינלייגן אין מויל אַריין ווערטער, און אפשר נאַרישע ווערטער? איר קענט דעם דאָקטאָר לוריא אַזוי ווייניק.

— באמת, וואָס איך רעד צונ׳אייך האָב איך אינזינען אייער עלטערן ברודער, מיסטער נייטן לוריאַ. ער איז דאָ אַן אַרבעטער־פירער, אָבער זיינע טעאָריעס זיינען מיר נאָך גוט באַקאַנט פון דאָרטן. דירעקט, אָדער אינדירעקט, טרייבן זיי דאָ יידן צו אַסימילאַציע. דאָ אין לאַנד, טענהט אייער ברודער, און אפשר איר אויך, זיינען יידן פריי; זיינען אויסער אַלע סכנות פאַרפאַלגט צו ווערן, אָדער באַגרעניצט ווערן אין זייערע מענטשלעכע רעכט. מוז איך אייך ווידער זאָגן, אַז איר דערהאָט זיך אָפּגעריסן פון יידישן גורל.

— מאַכן יידן פאַר פּראָדוקטיווע מענטשן, הייסט באַנ׳אייך אָפּרייסן זיך פון יידישן גורל?

— ריינער מאַטעריאַליזם וועט אונדז אויפפרעסן דוקא דאָ, אין פרייען לאַנד. יידן און ריינער מאַטעריאַליזם, כאַ־כאַ־כאַ!

— איך בין ניט פאַראַנטוואָרטלעך ניט פאַר מיין ברודערס אידייען און ניט פאַר זיינע האַנדלונגען. כאָטש ווי איך פאַרשטיי, טוט מיין ברודער נוצלעכע אַרבעט. אָבער איך זע דאָך, שוין צוויי צענדליק יאָר, ווי יידן גיבן זיך ניט נאָר אָפּ מיט ריינעם מאַטעריאַליזם. יידן פון ערשטן דור האָבן אויף אַ גאַנץ נאַטירלעכן אופן געבויט שולן צום דאַוונען, געגרינדעט חדרים, תלמוד־תורות, צייטונגען און טעאַטערס. פונדעסטוועגן האָבן זיי די צעריסענע קייט שוין צוריק ניט צונויפגעשמידט.

— מיר איז דאָס אינטערעסאַנט צו הערן דוקא פון אייך! — האָט דאָבקינס פּנים אויפגעשטראַלט.

— ווי פאַר וועמען: פאַר איינעם האָט דער גרויסער צופלוס פון פרישע אייבוואַנדערער באַשאַפן אַ געפיל, אַז די יידישע היים ווערט ברייטער, זיכערער, — יידישע רחבות אַרום! און פאַר אַ צווייטן איז מיטן אָנקומען פון פרישע מחנות אַלץ ענגער געוואָרן. זיינען געלאָפן פון ניו־יאָרק, זוכן ערגעץ, וואו

ס'איז גראַמער. ווי איר זעט, בין איך געבליבן אויף דער איסט־סאַיד. זייט מיך ניט חושד, אַז דאָס איז דערפאַר ווייל דאָ האָב איך מיינע פּאַציענטן. מיך פאַרקניפּט אַ פיל טיפער געפיל מיט דער נייער יידישער ווירקלעכקייט. כ'וועל אייך דערקלערן וואָס איך מיין מיט דעם. אַט, ווי אַ געשלאָסענע קייט, ווען זי רייסט זיך פלוצלונג איבער, בלייבן ביי יעדן עק צו איין רינג, וואָס כאַטש מיט איין זייט זיינען זיי געשלאָסן מיט דער גאַנצער קייט — זיינען זיי מיט דער אַנדערער זייט אָפן צום דרויסן, אַזוי איז עס מיט מיר, זינט איך בין געקומען פון רוסלאַנד. מער יידן געקומען אַהער, לענגער געוואָרן די יידישע קייט, אָבער אַלץ צעריסן! איך בין אַטאָ־דער לעצטער רינג אין דער צעריסע־נער קייט, וואָס איז מיט איין זייט געשלאָסן צו דער קייט גופא, און מיט דער אַנדערער זייט — אָפן צו אַ פרעמדן דרויסן. די כוחות פון פרעמדן דרויסן זיינען שטאַרקערע ווי איר מיינט.

— איר רעדט ווי אַ פּאַטאַליסט.

— איך גלויב אין די רעאַלע פאַקטאָרן, וואָס ווירקן פּאַמעלעך, אָבער זיכער.

— מיר איז באַקאַנט די סיבה פאַרוואָס איר טראַכט אַזוי, דאָקטאָר לוריא.

— איך פיל אַזוי.

— איז נאָך בעסער. אייער שוועגערין האָט מיר דערציילט, אַז מיט עטלעכע יאָר צוריק זייט איר שיעור ניט אַוועק פון יידישן גלויבן.

— וואָס רעדט איר?!

ד"ר לוריא איז אויפגעשפּרונגען פון פּלאַץ, פּונקט ווי אונטער זיינע פיס וואָלט זיך דער דיל אָנגעהויבן איינצוברעכן. ער האָט זיך אַ ריס געטאָן פון אָרט, ווי צו אַנטלויפן פון צימער, אָבער ער האָט זיך תיכף אומגעקערט צוריק און מיט אַ בלאַס, צעשראָקן פּנים באַטראַכט דעם גאַסט, גלייך ווי צום ערשטן מאָל וואָלט ער דערזען דעם מענטשן, וואָס דהאָט זיך אומגעבעטענער־הייט אריינגעריסן אין זיינע ד' אמות.

— אַנטשולדיקט, דאָקטאָר, — האָט סעמיאָן מיט אַ געפּאַלענער שטים געוואָלט פאַרגלעטן דעם שווערן איינדרוק, וואָס ער האָט געמאַכט. — מ'האָט עס ביי אייער עלטערן ברודער דערציילט.

— האָט מען אייך דערציילט, אַז איך האָב זיך געהאַלטן ביים שמדן? פאַרקערט, זי האָט געוואָלט ווערן אַ יידיש קינד, ווי איר שוועסטער, מיין עלטערן ברודערס ווייב; נאָר דוקא דאָס האָב איך אויך ניט געוואָלט. אָבער איר וועט מיר אַנטשולדיקן— האָט ד"ר לוריא געווישט דעם שווייס פון שטערן — ווען טרעט איר אויף ווידער? כ'וועל באַשטימט אייך קומען הערן. מעג איך וויסן די טעמע?

— אונדזערע פּראָבלעמען אין נייעם גלות.

— אונדזער נייער גלות... — האָט ד"ר לוריא זיך אַרומגעקוקט צע־שטרייט. — אָ, ווי מענטשן האָבן ליב צו פירן פרעמדע חשבונות!

סעמיאָן דאַבקין איז אַריינגעקומען צו ד"ר לוריאַן אין אָפיס מיט אַ טאָפּלטן צוועק: דער דאָקטאָר זאָל אים געבן אַ רפואה צו זיינע אָפטע קאָפּ־ווייטיקן; און, אגב, מיט אים כאַפּן אַ שמועס וועגן דעם געדאַנק צו קאָנ־צענטרירן יידן ערגעץ אויף איין פּלאַץ אין אַ דרום־שטאַט. ער האָט ניט

געדרעכנט, אַז מיט דער צופעליקער באַמערקונג וועגן אַן אַמאָליקער ליבע וועט ער איצטער אַזוי אויפרודערן דעם אין־זיך פאַרשלאָסענעם מענטשן.

— איך זע, איר זייט פאַרנומען, — האָט סעמיאָן דאָבקין דערלאַנגט דעם דאָקטאָר די האַנט. — כ׳וועל נאָך צו אייך אַריינקומען. און אַנטשולדיקט מיר וואָס כ׳האָב זיך אַריינגעריסן אין אַ פרעמדער וועלט.

* * *

דורך די פענצטער האָט אַריינגעדרונגען דער פאַרנאַכט. אין דער אַנגע־שטאַנענער שטילקייט האָט ד״ר לוריא אויסגעוויזן, אַז דאָס ביסל מעבל, די דיקע, מעדיציניש ביכער, פון הינטער די גלעזערנע אַלמער־טירן, די וואָגשאָל ביים וואַנט — אַלץ קוקט צו אים און באַדויערט וואָס ער האָט דערלאָזן, אַ פרעמדער מענטש זאָל מיט די פיס אַריינקריכן צו אים אין האַרצן אַריין.

ער האָט ניט געקענט באַנעמען, ווי אין די הייזער פון זיין אייגענער משפחה איז גאָר זיין אַמאָליקע ליבע צו אַ ניט־יידישער מיידל געוואָרן אַ טעמע פאַר רכילות. ער איז מיט די מחשבות אַריבער צו זייניקע: ברידער, שוועגערינס, זיין אייניקלעך־אייניקלעך — ריינע צווילינג־שוועסטער, קעראָלאין סטאָן — אַלע האָבן חרטה געהאַט. ס׳פעלט זיי גאָרניט. אַלע זיינען שווערער געוואָרן. אים האָבן זיי ליב, גרויסן זיך מיט אים, און פונדעסטוועגן טרייבט מען רכילות. אים איז תחילת איינגעפאַלן, ער זאָל אוועק צו זיין עלטערן ברודער, אויסמוסרן די שוועגערין, וואָס האָט ניט געהאַט מיט עפעס בעסערס צו אַמו־זירן די געסט, ווי צו דערציילן פון זיין אַמאָליקער ליבע.

ער האָט אָבער באַלד חרטה געהאַט. אין קאָפּ ד׳האָבן אים געשלאָגן די רייד פון גאַסט, רייד איבער יידישע פראָבלעמען, רייד וועגן דער צוקונפט פון יידן אין פרייען לאַנד.

— רייד, הימל און ערד, און רייד — האָט ד״ר לוריא צו זיך אַליין געטענהט. — דער יידישער כאַראַקטער וועט פון זייערע רייד אַנדערש ניט ווערן. יידן וועלן סיי־ווי טראַכטן ניט מער ווי פון זייערע קינדערס תכלית. ניט קיין פאָלקס־פראָבלעמען בויערן דעם מוח פון די גרינע, נאָר ווי צו איינ־אָרדנען זיך, און באַזאָרגן די קינדער. דאָרטן, אין דער פינצטערער רוסלאַנד, זיינען די דאָזיקע דאָבקינס געוועזן רעוואָלוציאָנערן, און דאָ — פלאַפּלער. יידן געפינען צייט צו קומען און זיך צוהערן; אָבער דער וואונש פון יעדן ייד איז, אַז מ׳זאָל אים לאָזן צורו. קיינעם וועט דאָ ניט געלינגען אַנצואווייזן יידן אַ נייעם וועג. די מאַסע זוכט ניט קיין נייעם וועג. אין דער ענגשאַפט איז ביז איצטער געוועזן געראַם. די נויט טרייבט זיי אַהער. אַנטלויפן פון פּאָגראָמען. ווי נאָר זיי וואַרפן דאָ אַראָפּ ס׳פּעקל פון פּלייצע — ווערן זיי אויסגעלייזט. ווען כ׳וועל אים זען אַ צווייטן מאָל, וועל איך אים זאָגן, ער זאָל זיך אויפהערן נאַריש מאַכן. יידן וועלן ניט גיין אַהין וואו ער וועט זיי אָנ־ווייזן...

פונדעסטוועגן האָט די אַלטע וואונד אָנגעהויבן נאָגן. זיין אַמאָליקע ליבע צו אַ נאַריש, איריש מיידל, וואָס איז אים ממש אין בלוט אַריין, האָט ער באַטראַכט פאַר זיין ערשטער, ערנסטער, אומגליקלעכער ליבע. ער אַליין ווייסט דאָך גוט, אַז ער האָט מיט דער מיס ליזאַבעט בראַנט איבערגעריסן פונקט יעמאָלט, ווען זי האָט זיך שוין געוואָלט, ווי איר שוועסטער מגייר זיין.

ער איז באַשטאַנען אויף דעם, אַז ביידע צדדים זאָלן ניט דאַרפן איבערגיין צו אַן אַנדער גלויבן.

גאַנץ אומגעריכט איז פון צווייטן צימער אַריינגעקומען זיין שטיפשוועסטער, די ניינצן יעריקע, רויט־האַריקע, גלייכע און שלאַנקע רעבעקא לוריא.

ד״ר לוריא האָט אויפגעציטערט, און אַנגעשטעלט אויף איר די אויגן.

— כאַ־כאַ־כאַ, האָסט זיך דערשראָקן? האָסט גאָרניט געוואוסט, אַז איך זיץ דאָרטן. כ׳האָב ניט געוואָלט אַריינקומען ווען ער איז דאָ געווען.

זי האָט אַרומגענומען איר ברודערס קאָפּ און מיט פאַרוואורף גערעדט:

— האָסט שוין גאָרניט קיין צייט פאַר אייגענע. ביסט געוואָרן אַ פרעמ־דער צו אונז אַלעמען. קעראַלאַין זאָגט עס ניט. אָבער איך פאַרשטיי, איר פאַרדריסט וואָס דו האָסט זיך דערווייטערט.

ד״ר לוריא איז צופרידן געווען וואָס די שטיפשוועסטער איז פּלוצלונג אויסגעוואקסען פאַר אים. אים איז געפעלן געווען וואָס זי זאָגט אים מוסר.

— איך בין אַ שטאַרק פאַרנומענער מענטש, רעבעקאַ. מ׳מעג צו מיר אָפטער אַריבערקומען. האָסט געהערט פון וואָס מיר האָבן דאָ געשמועסט? שאַדט ניט, זאָלסט זיך אַ ביסל פאַרנעמען מיט אונדזערע פּראָבלעמען. יידן קומען. יידן האָבן זיך אויסגעריסן מיט די וואָרצלען און געקומען אַהער. דאָ טריקענען די וואָרצלען. נעמען זיך ניט צו אין דער נייער ערד. וואָס זאָגסטו, רעבעקא?

זיין שטיפשוועסטער איז געזעסן שטיל, מיט די אויגן צום דיל. זי ד־האָט יאָ געהערט, און ניט געהערט וואָס איר ברודער רעדט. זי איז צו אים געקומען אין אַ צייט ווען יונג בלוט הייבט אָן צו בונטעווען. זי האָט געוואָלט פאַר איר שטיפברודער אויפקלערן, אויפדעקן איר צערודערט יונג לעבן, צום סוף איז ער גאָר אַזאַ צעטראָגענער.

ד״ר לוריאס בליקן זיינען פון אַ זייט געפאַלן אויף איר שמאָלן פּנים, הויכן שטערן, וואָס איז באַשאָטן געווען פון די גאָלדענע האָר. פאַרן דמיון זיינען דורכגעלאָפן די דריי און צוואַנציק יאָר אין לאַנד. זיין טאַטע, וואָס איז אַן אלמן געוואָרן ביים סאַמע אַריינקומען אין לאַנד; חלפנס אַמאָליקער העמדער־שאָפּ אויף לודלאָו סטריט, וואו ער און דער פאָטער האָבן געאַרבעט, און די רויטע ריווטשע די ליטוואַטשקע, אין ווען זיין טאַטע האָט זיך איינגעליבט; איר קורץ, אָפּגעשניטן לעבן, איר שטאַרבן אין קימפּעט, איבער־לאָזנדיק אַ רויטהאָריק, פאַרנענזנט קינד, פון ווען ס׳איז אויסגעוואקסן אַטאַ־די־אַ רעבעקא לוריא... זי וואַקסט ביי דער רייכער שוועסטער, און קענטיק, זי איז אומצופרידן.

ער איז צוגעגאַנגען, זיך צוגעזעצט נעבן איר, האָט גענומען אירע הענט, באַטראַכט די לאַנגע פינגער, און שטיל גערעדט:

— די לוריא משפחה האָט זיך ניט וואָס צו באַקלאָגן. ווען דער פאָטער וואָלט געלעבט, וואָלט ער געקענט האָבן נחת. ער וואָלט פון דיר אויך געהאַט אַ סך נחת.

— איך וויל, זכריה, זאָלסט מיר אויסהערן מיין האַרץ. ס׳טוט מיר ווי אַטאַ־דאַ. ס׳האַרץ קלאַפּט מיר אַזוי שטאַרק די לעצטע צייט... וואָס קוקסטו מיך אַזוי אָן? ביסט דאָך אַ דאָקטאָר, גלויבסט ניט, אַז אַן אייגענע שוועסטער קען ווערן קראַנק?

— אויב ס'האַרץ טוט דיר טאַקע ווי, וועל איך מיט דיר אַריבערגיין צו אַ ספּעציאַליסט אויף האַרץ־קראַנקהייטן. נאָר איך קלער, אַז די סיבה פון דיין... ביסט אויך געוואָרן אַן אומצופרידענע.

— איך טראַכט די לעצטע צייט פון דער מאַמען, וואָס איך בין ניט ווערט געווען צו קענען. צוליב מיר איז זי געשטאָרבן. ס'איז דאָך שרעקלעך, ווען אַ מאַמע שטאַרבט אין קימפּעט.

— כ'גלויב ניט, אַז דאָס איז די סיבה פון דיין האַרצווייטיק.

רעבעקאַ האָט אָפּגעווענדט דעם קאָפּ פון איר שטיפבּרודער און שטיל געוויינט.

ד"ר לוריא האָט געגלעט איר קאָפּ, און ניט געקענט באַנעמען וואָס דאָ קומט פאָר מיט זיין שטיפשוועסטער. פאַר די יאָרן וואָס זי איז געוואַקסן אָן אַ מוטער, און שפּעטער, ווען דער פאָטער איז געשטאָרבן — זעלטן האָט זי דערמאָנט איר מוטער, ווען זי האָט גאָר איגאַנצן ניט געקענט. פאַר די לעצטע יאָרן וואָס זי לעבט ביי דער רייכער שוועסטער, ביי קעראַלאַין סטאָן, וואָס גיט אויף איר אַכטונג נאָך מער ווי אויף אירע אייגענע קינדער, איז דאָך געוויס קיין גרונט ניטאָ, אַז גאָר איצטער זאָל איר געוויסן אויפוואַכן. ביי די סטאָנס האָט מען איר קיינמאָל ניט געגעבן צו פילן, אַז זי איז אַ יתומה.

ד"ר לוריא האָט גענומען איר קאָפּ אויף זיין ברוסט, מעשה גוטער טאַטע האָט ער אויסגעווישט אירע טרערן, און אָנגעהויבן צו פאָרשן:

— דיר איז אָפּנים ניט גוט אַוועק ביי די סטאָנס, האַ רעבעקאַ? ווילסט אפשר אַוועק פון זיי? שעם זיך ניט, זיי זיך מודה.

— וואָס איז די מעשה, וואָס קיינער, קיינער פון אונדזערע דערמאָנט קיינמאָל ניט מיין מאַמען? האַ, זאָג מיר, זכריה, פאַרוואָס איז עס אַזוי? איך האָט זי אַלע פיינט געהאַט, הלמאי זי האָט זיך איינגעליבט אין אייער און שפּעטער אין מיין טאַטן? איר האָט זיך געהאַלטן גרויס. איר האָט מיר אַפילו ניט דערציילט, אַז ערגעץ אין אַ קעלער וואָלגערט זיך איר מאַמע מיט די קינדער. מיין באָבע און מיינע מומעס. קעראַלאַין האָט זי פיינט געהאַט. כ'האָב געהערט ווי זי האָט זיך אַמאָל באַקלאָגט, אַז צוליב מיין מאַמען איז צעשטערט געוואָרן די היים.

— ביסט אויפגערעגט צוליב עפּעס אַנדערש. און רעדסט נאַרישקייטן. שעם זיך ניט, זאָג מיר, וואָס ווילסטו זאָל איך טאָן פאַר דיר?

— כ'וויל אָנהייבן צו פאַרדינען, איך זאָל קענען אַרויסהעלפן דער באָבען. נעם מיך אַריין צו דיר אין אָפיס.

— קעראַלאַין, און אַפילו לעאָנאַרד, זיינען ניט קאַרג. דאַרפסט אַ ביסל געלט, וועט מען דיר געבן.

— כ'וויל אַליין פאַרדינען.

— אגב, דערצייל מיר, וואָס הערט זיך ביי זיי, איז טאַקע אמת, אַז לעאָנאַרד קלייבט זיך עפּענען נאָך אַ שאָפּ?

— פאַרקערט, צוליבן קריזיס קלייבט ער זיך אָפּצוזאָגן אַ סך אַרבעטער. ער וואָלט עס שוין לאַנג געטאָן, נאָר קעראַלאַין דערלאָזט עס ניט.

ד"ר לוריא האָט באַטראַכט זיין שטיפשוועסטער; אים איז געפעלן, וואָס זי רייסט זיך צו ווערן זעלבסטשטענדיק. אים געפעלט אַפילו דאָס וואָס

זי האָט תּרעומות הלמאי מ׳האָט איר ניט דערציילט, אַז ערגעץ אין אָרימקייט לעבט איר באָבע.

— זעלבסטשטענדיקייט איז, רעבעקאַ, אַ גרויסע זאַך אין אַ מענטשנס לעבן. מיר געפעלט עס. ווילסט אַ ביסל זיין פאַרנומען ביי מיר אין אָפיס... דאָרטן האָסטו דיר דיין ליכטיקן צימער, דינסטן וואָס באַדינען דיך. דאָ ווערסטו האָבן אַ האַלב־פינצטערן צימער. זיץ רואיק, גיב מיר דיין פּולס.

ער האָט געהאַלטן זיין שטיפשוועסטערס האַנט, און דורכן קאָפּ זיינען געלאָפן די מחשבות. ער האָט געזוכט די סיבה פון דער פּלוצלונגער איבער־קערעניש.

— וואָס, מיינסט טאַקע, אַז איך בין אַ דאָקטאָר? — האָט ד״ר לוריא געריעדט ווי פאַר זיך. — איצטער בין איך אַליין אַ גייסטיקער חולה. דו ביסט אַ צו שיין מיידל, האָסט דערפאָלג ביי רייכע בחורים. דיין האַרץ איז אין אָרדענונג. כ׳וועל מיט דיר אַריבערגיין צו קעראַלאַין. איך דאַרף מיט איר איבערשמועסן וועגן אַ וויכטיקן ענין. אויב דו ווילסט, וואַרט דאָ; כ׳האָב אַ וויזיט צו מאַכן אויף מאָט סטריט. קלאָגסט, דיר איז שלעכט; אימעצן איז אַ ביסעלע ערגער. כ׳האָב דאָ געטראָפן אַ משפּחה, אַנטלאָפן נאָכן ביאַליסטאָ־קער פּאָגראָם, ביי זיי איז אַ טאָכטער קראַנק.

תּחילת איז אים איינגעפאַלן, ער זאָל איר דערציילן וואָס פאַר אַ חולה ער גייט איצטער באַזוכן. ער האָט אָבער תּיכּף חרטה געהאַט.

— דער חילוק צווישן מיר און דיר, רעבעקאַ, באַשטייט אין דעם, וואָס כאָטש מיר זיינען שוועסטער און ברודער פון איין טאַטן, זיינען מיר באַזונדערע וועלטן. ווייסט פאַרוואָס? מחמת דו ביסט שוין געבאָרן געוואָרן דאָ אין לאַנד, און איך האָב אַהער אַריבערגעבראַכט מיין געדאַנק, וואָס איז שוין כּמעט געווען אויסגעשטאַנען אין רוסלאַנד. דו ביסט אַ גאַנצער מענטש, און איך — אַ צעריסענער מענטש. דו געהערסט צו אַ נייעם דור און אַ נייער וועלט, און איך — מיט קאָפּ, לייב־און־לעבן אין דער אַלטער וועלט. ווען איך וואָלט געבליבן אין רוסלאַנד, דאָרטן געוואָרן אַ דאָקטאָר, בין איך זיכער, אַז מיין גאַנץ לעבן וואָלט געווען אַ רואיקס. כאָטש אין פּאָגראָמען־לאַנד. איך וואָלט אין ערגעץ ניט אַריבערגעקוקט. און דאָ...

— וואָס, דו בענקסט צוריק קיין רוסלאַנד?

— עס קומט גאָרניט אַרויס פון בענקען. דערצייל מיר בעסער די סיבה פאַרוואָס דו ווילסט אַוועק פון דאָרטן.

— אויף מיר האָט אָנגעהויבן שווער צו ווירקן זייער לעבן. קעראַלאַין באַגראָבט דעם קאָפּ אין קישן און וויינט. צוליב וואָס האָט זי מיט אים חתונה געהאַט, אויב זי האָט ניט הנאה פון רייכקייט? ס׳איז פאַלש אַזאַ לעבן. זי מיינט, אַז זי טוט גוטס מיט איר געלט, זי האַלט אויס אָרימע לאַנדסלייט. ער האָט זי ליב. ער האָט פאַר מיר געקלאָגט ווי אַ נאַרישער באָק. אַזאַ האַרטער באָס צו די אַרבעטער, און מיט איר — אַזאַ שמאַטע. כ׳וויל ביי זיי אין שטוב מער ניט זיין.

— אַ, ווי ס׳איז אמת... אַ צעריסענע קייט — האָט ד״ר לוריא זיך דער־מאָנט אין זיינע אייגענע רייד — און איך, איר לעצטער רינג. — כ׳וועל באַלד קומען צוריק, רעבעקאַ; כ׳וועל זיך נאָר אַריבערכאַפּן אויף מאָט סטריט. אַ חולה וואַרט.

קאַפּיטל דריי

גאָלדע בערגער איז געזעסן אויפן ראַנד בעט ביים פענצטער אין פאָדערשטן צימער און פאַנאַנדערגעקעמט עמאַס קאַשטאַנע האָר. מ׳האָט דאָס בעט פון צווייטן, טונקעלן צימער אַרויסגענומען צום ליכט. ד״ר לוריא האָט עס פאַראָרדנט, ווען ער האָט צום לעצטן מאָל באַזוכט די קראַנקע עמאַ בערגער.

— מיט זיין ערשטן אַריינקומען האָט ער ממש אַ שטיק ליכט אַריינגע־בראַכט אין שטוב. געדענקסט, טאַכטער, ווי ער האָט גערעדט יעמאָלט: די צייט היילט אויס וואונדן, האָט ער געזאָגט. דיינע וואונדן, קינד מיינס, וועט די צייט אויסהיילן.

די מוטער האָט גערעדט פאַרזיכטיק. אירע מחשבות זיינען געווען פאַר־נומען מיט ד״ר זכריה לוריא, וואָס, ווי איר דוכט זיך אויס, קומט אין שטוב ניט ווי אַ דאָקטאָר, נאָר ווי אַן איבערגעגעבענער פריינט. אין האַרצן גייט אויף די האָפענונג, אַז דער מענטש זכריה לוריא וועט עמאַן אומקערן צוריק איר געזונט און איר פרייד, וואָס זי האָט פאַרמאָגט פאַרן אומגליק. די מחשבות דעקט די מוטער ניט אויף פאַר דער טאָכטער.

עמאַ הערט וואָס די מוטער רעדט. זי אַנט וואוהין די מוטער צילט. אָבער דערווייל איז דער שטראָל ליכט, וואָס ד״ר לוריא האָט אַריינגעבראַכט אין איר לעבן, ניט בכוח אויפצוּעפענען אירע אויגן צו דער נייער ווירקלעכקייט און צום נייעם לאַנד. דער פאָטער, די ברידער, די שוועסטער און שוועגערין אָוועק צו דער אַרבעט, קומען צוריק און רעדן פון זייערע דערפאָ־רונגען אין נייעם לאַנד. דער פאָטער האָט איר געבראַכט אַ גאָלדענעם צען דאָלאַר־שטיק, וואָס ער האָט ערגעץ אויסגעביטן, און דערביי געזאָגט: „אַמע־ריקע איז אַ לאַנד וואָס צאָלט מיט גאָלד פאַר פּראַצע״. די קראַנקע טאָכטער האָט אים אפילו ניט געקענט מיטפילן. די ברידער קומען אָפט צוגיין פון דער אַרבעט, עסן אָפּ און איילן שפּעטער אָוועק אויף מיטינגען: דער עלטערער — צו די ציוניסטן; דער יינגערער — וועגן אַרבעטער־ענינים, אָדער מיטינ־גען, וואו מען דיסקוטירט רוסישע געשעענישן. און די וואָכע עמאַ בערגער פון דער היים, דאָ קען זי אין דעם אַלעמען אפילו מיטן געדאַנק קיין אָנטייל ניט נעמען, איז דאָס געווען אַ פאַרלאָרענע ליבע, וואָס האָט פון איר בלוט אויס־געלערט דעם חשק צום לעבן? צי איז דאָס געווען דער שאָטן פון טויט, וואָס האָט אַ פּאַכע געטאָן איבער יידישע לעבנס, און געטויט דעם חשק צו לעבן און צו ליבן?

זי איז שוואַך. זי קען זיך איצטער ניט אָפּגעבן קיין חשבון פון דעם אַלעמען. אָבער זינט ד״ר לוריא האָט אָנגעהויבן צו באַזוכן איר קראַנקן־בעט, זעט איר קראַנקער מוח ניט מער די מאַרשירנדע סאָלדאַטן, מיט פּיקלעך און ביקסן,

וואָס מאַרשירן צו באַפאַלן יידישע גאַסן. אפילו דאָס ליכט אין פאָדערשטן צימער, דוכט איר, האָט ד״ר לוריא צו איר אַריינגעבראַכט. אַלץ אָפּטער דער־וועקט זיך ביי איר אַ חשק אַ קוק צו טאָן אין שפּיגל, באַטראַכטן דאָס אויסגע־בלייכטע פּנים.

— ווייסט, מאַמע, עפּעס איז אין מיר אָפּגעשטאָרבן, און איך ווייס ניט, צי ס'וועט אַמאָל ווידער אָנהויבן לעבן.

— וואָס מיינסטו? — האָט די מוטער אָנגעשטעלט אירע פאַרחידושטע אויגן.

— ער ד'האָט מיר געזאָגט, אַז די צייט היילט וואונדן. מיינע וואונדן קען היילן אַ מענטש וואָס וואָלט געקענט פאַרנעמען ביי מיר אין האַרצן סאַוועלס פּלאַץ. צי איז דען פאַראַן דער לעבעדיקער מענטש, וואָס קען ביי מיר פאַר־נעמען זיין פּלאַץ? איך האָב סאַוועלן געזען אַ טויטן; פון דער וואונד צווישן די ריפּן האָט נאָך אַרויסגערונען בלוט, אָבער ער איז שוין געווען טויט. מיינסט, נאָר ער אַליין האָט געקראָגן אַ טויטלעכע וואונד?

די מוטער האָט אויף דעם ניט געענטפערט. פאַר דער צייט וואָס זי איז אין ניו־יאָרק, כאָטש זי גייט אָפּט אַרויס אין גאַס, זי איז שוין געווען אין הייזער ביי ווייטע קרובים און ביי־געשאַפענע פריינט, — איז זי מיט אירע פינף און פערציק יאָר אויך אַ סך ניט קליגער געוואָרן. איינס איז איר קלאָר געוואָרן, אַז אין אַמעריקע שטייט אַ לייטער וואָס פירט צו דערפאָלג. אַ סך פון די ערשטע אַריבערגעקומענע זיינען גבירים־אדירים, כאָטש גאָר אַמאָל האָבן זיי געאַרבעט שווער און ביטער. אָט אַזוי טאַקע האָט געקלעטערט דער אייגענער דאָקטאָר לוריא, וואָס, ווי מען האָט איר דערציילט, איז ער געקומען קיין אַמעריקע אַ יינגל פון זעכצן יאָר, האָט געאַרבעט בייטאָג און זיך גע־לערנט ביינאַכט, און איז אַ דאָקטאָר געוואָרן!

— וואָס־זשע זאָגסטו, טאָכטערשי, וועסט קענען אַרויסגיין דרויסן?

דאָס האָט אַ שייכות מיט דאָקטאָר לוריאס צוזאָג, ווען ער איז געווען ביי די בערגערס מיט אַ וואָך צוריק, אַז אויב ער וועט אין אַ וואָך אַרום געפינען איר טאָכטער מונטער און שטאַרקער, וועט ער זי אַרויסנעמען דרויסן.

עמאַ האָט צו זיך אַראָפּגעצויגן דער מוטערס קאָפּ, האָט זי אַ קוש געטאָן אין פּנים, און געזאָגט:

— איינס פאַרשטיי איך שוין: דאָ אין לאַנד מוז יעדער איינער אַרבעטן. דער, וואָס האָט דאָ שווער ניט געאַרבעט, איז געבליבן דאָרט, וואו ער איז געווען ביים אָנקומען. אויב איך וועל ווערן געזונט, וועל איך דאַרפן אָנהייבן פון סאַמע אָנהייב.

מ'האָט אָנגעקלאַפּט אין טיר.ביידע פרויען האָבן אַ ציטער געטאָן.

— ס'איז ער, מאַמע, דער דאָקטאָר!

עמאַ האָט זיך אין איילעניש אָנידערגעלייגט, אַריבערגעצויגן איבער זיך דעם צודעק. די מוטער האָט ניט געהאַט קיין צייט אפילו צו פאַרפלעכטן עמאַס צעקאַמטע האָר.

— האַלט זיך מונטער, טאָכטער. רעד עפּעס צו אים. האָסט דאָך פון וואָס צו רעדן.

די מוטער האָט געעפנט די טיר און, אַ זייער אויפגעלייגטער, איז דאָקטאָר זכריה לוריא אַריינגעקומען.

— העללאָ, מיס בערגער! צי זי ליגט גאָר אין בעט?

— זי איז היינט אַ ביסל אומגעגאַנגען איבערן שטוב. אין אַ גוטער שעה, דאָקטאָר, האָט איר זיך צו אונדז באַוויזן.

— זייער שיין און זוניק דרויסן, וואָלט גוט געווען אַ ביסל אַרויס אין גאַס. וואָס מאַכט איר, ווי פילט איר זיך היינט?

ווען ער האָט אָנגענומען עמאַס דהאַנט, האָט איר פולס אָנגעהויבן צו שלאָגן שטאַרקער, ס׳הארץ האָט זיך אָפּגערופן, און אַ וואַרימקייט האָט זיך צעשפּילט איבערן גאַנצן גוף: דאָס בלוט האָט אויפגעשפּילט אין בלאַסן, אָפּגעצערטן פּנים. זי האָט געקוקט דעם דאָקטאָר אין פּנים אַריין און באַמערקט אויף זיין שטערן דריי טיפע קנייטשן. דינע ליפּן פאַרשנורעוועט זיין מויל. ער איז געווען איינגאַנצן פאַרטאָן אין זיך.

עמאַ האָט געזוכט אַ פּאָר פּשוטע ווערטער, אויסצודריקן איר דאַנקבאַרקייט. ווען ער האָט אָפּגעלאָזט איר האַנט און אַריינגעקוקט אין אירע אויגן, האָט עמאַ געזאָגט:

— ניט נאָר בין איך בלוט־אָרעם, אַלץ אין מיר איז אָרעם. מיין האַרץ, מיין נשמה, אַלץ איז מיר אָרעם, דאָקטאָר, הלוואי וואָלט איך געבאָרן געוואָרן מיט יאָרן פריער און אַריבערגעקומען קיין אַמעריקע יעמאָלט, מיט צוואַנציק יאָר צוריק, ווי איר.

— יעמאָלט איז מען אויך געלאָפן פון פּאָגראָמען. מעגלעך, יעמאָלט וואָלט אויך געמאַכט אויף אייך אַ פּאָגראָם אַזאַ שרעקלעכן רושם.

— איך מיין, אַז די מענטשן, וואָס זיינען אַהער געקומען מיט צוואַנציק יאָר צוריק, זיי האָבן געדאַרפט קעמפן צו געפינען אַן אָרט אין לאַנד. זיי האָבן געלייגט דעם וועג פאַר אונדז. גוט צו זיין פון די ערשטע.

— פאַר אַזאַ איינעם וואָס וויל זוכן פיאָנערן־אַרבעט, פאַר אים וועלן איבער הונדערט יאָר אויך זיין גרויסע געלעגנהייטן. ווערט געזונט, ווערט שטאַרק, וועט איר אייער געלעגנהייט געפינען.

— דאָרטן האָב איך זיך געקליבן פאָרן אויף קורסן קיין פּעטערבורג, געהאָפט צו קענען שטודירן מעדיצין. דאָ איז מיין פאַרלאַנג געזונט צו ווערן, איך זאָל קענען, ווי מיין שוועסטער, אַרבעטן אין אַ שאַפּ.

ד״ר לוריא און די מוטער האָבן זיך איבערגעקוקט. עמאַס רייד וועגן געזונט ווערן, אירע פּלענער — ס׳האָט פאַר ביידן געהאַט דעם אייגענעם באַטייט: דאָס לעבעדיקע לעבן הייבט אָן גובר צו זיין.

— וואָס זאָגט איר, דאָקטאָר, זעט זי ניט אויס אַ סך מונטערער? — האָט די מוטער, מיט טרערן אין די אויגן, געפרעגט.

— מ׳זאָגט, אַז דער טויט איז שטאַרקער פון לעבן; און איך זאָג אייך, אַז דאָס לעבן איז שטאַרקער פון טויט. איך זע ווי מענטשן מיידן אויס דעם טויט, ווערן געזונט, און פאַרבינדן זיך מיטן לעבן.

— כ׳האָב אַזוי ניט קיין כּוח; כאָטש כ׳האָב אַלץ געטאָן אייך צופרידנשטעלן און באַוויזן, אַז איך וויל לעבן.

אין איר פּנים האָט ס׳בלוט אַ שטראַם געטאָן און האָט ניט אומעטום גלייך באַפאַרבט די באַקן. קיילעכדיקע, וואַרימע פלעקן האָבן זיך באַוויזן דאָ און דאָרטן, וואָס האָט איר שמאָל פּנים ווי צעבראָכן. אין די אויגן האָט אַ

העליש פייער אַ גלי געטאָן, אויפגעפלאַקערט, און גלייך צעשאָטן געוואָרן אין באַזונדערע פונקען.

די מוטער ד׳האָט עס באַמערקט. זי איז צוגעגאַנגען, אַ טאַפּ געטאָן דער קראַנקערס שטערן:

— האָסט געהערט וואָס דער דאָקטאָר האָט געזאָגט? אוודאי, אַז מ׳וויל לעבן, איז דאָס לעבן שטאַרקער פון טויט.

ביי עמאַן האָט זיך ס׳פייער אין די באַקן אויסגעלאָשן. די אויגן זיינען פאַרלאָפן געוואָרן מיט טרערן. זי האָט אויסגעשטרעקט איר האַנט צום דאָקטאָר.

— כ׳ווייס, איר האַלט מיך פאַר אַן ערנסטן חולה. יאָ, דאָקטאָר, לאַכט ניט פון מיר. איך האָב געלעזן וועגן מעדיצין, כ׳האָב געלעזן איבער פּסיכאָלאָגיע. כ׳ווייס, אַז אַ קראַנקער דאַרף דעם דאָקטאָר קומען צו הילף אַנשטרענגען די כוחות און גלויבן, אַז מיט דער הילף פון דאָקטאָר וויל ער ווערן געזונט. איך וויל אייך אַרויסהעלפן. אָבער איך ווייס אַליין ניט ווי צו צאַמען מיינע נערוון. גיט מיר אייער האַנט, דאָקטאָר, אָט אַזוי. נעמט ניט פאַר אומגוט וואָס איך פיר איבער אַזויפיל צייט ביי אייך. זאָגט מיר, האָט מען דאָ יידן ניט פיינט ווי דאָרטן, אין רוסלאַנד?

— ס׳איז אַ ניי לאַנד, יידן העלפן בויען דאָס לאַנד. קיינער מאַכט דאָ דערוויל קיינעם ניט ענג.

— אַלע יידן ווערן דאָ שניידער?

— כאַ־כאַ־כאַ — ד׳האָט זיך ד״ר לוריא גוטמוטיק צעלאַכט.

— יעדן איינעם וואָס כ׳האָב דאָ דערקענט, ווער ס׳קומט אַמאָל צו אונדז, אַלע, אַלע זיינען שניידער.

— ס׳איז גוט, יידן באַקלייידן אַמעריקע.

עמאַ האָט זיך פאַרטראַכט אַ וויַיל, און געזאָגט:

— כ׳האָב געפרעגט אַ נאַרישקייט. אָט זייט איר דאָך אַ דאָקטאָר.

עמאַ האָט דערשפּירט אַ מידקייט אין אַלע גלידער. אירע ברעמען זיינען צוגעפאַלן.

אין אַ ווײַלע אַרום האָט זי אויפגעהויבן אירע אויגן צום דאָקטאָר:

— אַנטשולדיקט מיר; איר אַליין ווייסט ווי שוואַך איך בין. כ׳האָב געוואָלט היינט אויפשטיין; כ׳זאָג אייך צו, איר וועט נאָך זיין פון מיר צופרידן.

ווען דאָקטאָר לוריא איז אַרויסגעגאַנגען, האָט עמאַ געעפנט די אויגן, זיך אַרומגעקוקט, ווי זי וואָלט אימעצן זוכן.

— אָט בין איך, טאַכטער מיינע. ביסט שלעפעריק. ער האָט מיר געגעבן גוטע האָפענונגען. דאַרפסט מער עסן, ער האָט געהייסן, זאָלסט כסדר נעמען די מעדיצין צום שטאַרקן. ער איז אַ מענטש גאָר אַן אַ גאָל איז ער. אויב, קינד מיינס, דו ווילסט איינדרעמלען, וועל איך אַרויסגיין דרויסן עפּעס איינקויפן.

— איך בין זייער שלעפעריק, מאַמע. גיי טאַקע איצטער אַרויס. אַז איך בין אויף, איז מיר גוט, ווען אימעצער זיצט נעבן מיר.

עמאַ האָט מיט פאַרמאַכטע אויגן אָפּגעוואַרט ביז די מוטער איז אַרויסגעגאַנגען. אַ וואַרימקייט האָט איין זיג־זאַג דורכגעשניטן אירע אַלע גלידער. זי האָט אויפגעציטערט. „געשטאָרבן יענע עמאַ בערגער, וואָס איז מיט איר

לייב־און־לעבן געטריי געווען דעם מענטשן, מיט וועמען זי איז פון קינדווייז אָן געוואַקסן. וועמען וויל דער ד״ר לוריא געזונט מאַכן? צוליב וואָס גייט עס אים אין לעבן מיך געזונט צו מאַכן? ווער איז ער? אפשר האָט ער שוין אַמאָל געהאַט אַ ליבע? . . . אפשר גאָר אַן אומגליקלעכע ליבע, דעריבער . . .

זי האָט זיך אויפגעזעצט און באַטראַכט איר גוף. זי האָט אָנגערירט די אָרעמס, געפילט זייער אָפּגעצערטקייט. זי האָט אונטערגעהויבן אירע שמאָלע בריסט און מיט די הענט געוואויגן זייער לעבן. נאָך דאָרטן, אַ פּאָר טעג איידער סאָוועל איז געהרגעט געוואָרן, ביינאַכט אין זיין צימער, האָט ער זי געהאַלטן אין זיינע אָרעמס און איז אומגעגאַנגען מיט די הענט איבער איר גוף. דאָס לעצטע מאָל איז דאָס געווען וואָס סאָוועל האָט אָנגערירט איר גוף. קעגן איר ווילן וואַכן אויף אַלע ערטער אין איר גוף, וואָס דאָקטאָר זכריה לוריא האָט מיט זיינע שמאָלע, אָבער קרעפטיקע הענט, אָנגערירט. זי פילט נאָך איצטער דעם אָנריר פון זיינע הענט, וואָס זיינען אומגעגאַנגען איבער אירע ריפּן, איבער איר בויך, איבער די קני, און ביז צו די קנעכל. זי שפּירט זיינע פינגער, וואָס זיינען דורכגעלאָפן איבער איר רוקנביין, און קומען אַרויף ביז צו איר דינעם, אָפּגעצערטן האַלדז.

זי קלערט:

— איך האָב דאָך געחלומט צו שטודירן מעדיצין. ווען איך ענדיק, מיר קומט אויס צו באַזוכן קראַנקע; קומט אויס צו באַזוכן אַ קראַנקן מאַן, אַן אָפּגעשוואַכטן מאַן ווי איך, און מיר קומט אויס אָנצורירן אַלע זיינע גלידער — וואָלט איך יעמאָלט געווען בלויז דאָקטאָר. און אפשר...

זי דערמאָנט זיך ווי זי האָט אין ביכער געלייענט מעשיות פון באַרמהער־ציקע שוועסטער, וואָס האָבן מיט צערטלעכקייט אומגעגאַנגען אין שפּיטאָל אַרום אַ חולה, און דער קראַנקער האָט זיך אין איינער פון די באַרמהערציקע שוועסטער פאַרליבט. שפּעטער, ווען ער איז געזונט געוואָרן, האָבן זיי חתונה געהאַט. זי געדענקט אָבער ניט אַזאַ פאַל וואָס אַ דאָקטאָר האָט גע־היילט אַ קראַנקע פרוי און האָט זיך אין איר פאַרליבט. אַ מאַן זוכט ניט קיין ליבע אין אַ פּרויס קראַנק לייב. „קראַנק איז מיין לייב, אין מיין לייב צאַנקט, גייט אויס מיין ערשטע ליבע; לאָזט ניט מיין לייב זאָל צוריק מיט לעבן אָנקוועלן".

נאָכדעם איז עמאַ בערגער צוריק אַריינגעפאַלן אין אַ מרה שחורה. ווען זי האָט געהערט די מוטער עפענען די טיר, האָט זי זיך צוריק אַנידערגעלייגט, צוגעמאַכט די אויגן, ווי זי וואָלט געשלאָפן.

אין אָוונט, ווען די משפּחה איז געקומען פון דער אַרבעט, האָט אויסגע־בראָכן אַ מחלוקת צווישן די צוויי זין. דער יינגערער, וועלוול, האָט געהאַט תרעומות צו דער פירערשאַפט אין דער אַרבעטער באַוועגונג, און ס׳איז אַרויסגעבראַכט געוואָרן נתן לוריאס נאָמען, וואָס איז געווען דער אָרגאַניזאַטאָר פון שאָפּ, וואו וועלוול בערגער האָט געאַרבעט. ער האָט געטענהט, אַז די אַרבעטער־פירער דערציען ניט די אַרבעטער, זיינען גרויסע קאַריעריסטן. „ביים אַרבעטער איז דער קאָפּ פאַרשטאָפּט, און אפילו די יידישע אַרבעטער־צייטונג קלערט ניט אויף דיים אַרבעטער דעם וועג וואָס פירט צו ריינעם סאָציאַליזם".

— דער נייטן לוריא איז אפשר מיט יאָרן צוריק געווען אַן אינטעליגענט, וואָס האָט זיך אינטערעסירט מיט סאָציאַליזם. איצטער איז זיין אידעע — גוטע ווידזשעס, און ניט מער. מיט ווידזשעס איז פאַרשטאָפּט דער קאָפּ פון יעדן אַרבעטער. פאַר אַזאַ זאַך, וואָס איז היינט פאַרלאָפן אין אונדזער שאַפּ, האָט מען געדאַרפט אַרויסרופן אַ סטרייק. אַ באָס נעמט און זאָגט אָפּ צען אַרבעטער אָן־אַ־פאַרוואָס און אָן־אַ־פאַרוועס, באשר זיי געהערן ניט צו דער יוניאָן. ביי מיר איז רעכט, אַז זיין האַנט שטעקט אין דעם. ער זעט מיר אויס צו זיין אַ פאַרקויפטע נשמה!

— היץ זיך ניט אַזוי, — האָט אים דער דער עלטערער חיים געוואָלט באַרואיקן. — ביסט נאָך אַזוי ווינציק אין לאַנד, און ווילסט דאָ זאָגן אַ דעה. נו, אין רוסלאַנד וואו איר האָט געהאַט די דעה, וואו האָט איר זי אויסגענוצט? קומסט פון אַ לאַנד, וואו מ׳רעדט אַ סך, און מ׳טוט אויפן שפּיץ גאָפּל. זע, וואָס רוסישע יידן האָבן דאָ פאַר עטלעכע און צוואַנציק יאָר צייט אויפגעבויט.

— זאָג מיר, ווער וועט אין דיין צוקונפטיקער ארץ ישראל טאָן דאָס, וואָס יידן טוען דאָ, כ׳מיין טאַקע די שניידעריי דיינע? דיר חלומט זיך ארץ ישראל, אָבער ניט מיר. אויף אַמעריקע ליגט האָפענונג די גאַנצע אַרבעטער־וועלט איבער גאָר דער וועלט. דאָ אַנטוויקלט זיך דער קאַפּיטאַל שטאַרקער ווי אומעטום. די מאַשין פאַרכאַפּט די גאַנצע אינדוסטריע מיט אַזאַ שנעלקייט, וואָס אין קיין אַנדער לאַנד וויס מען עס ניט. דער אַרבעטער דאַרף עס וויסן און זיך גרייטן צום גרויסן קאַמף וואָס אויף אים האָט די מענטשהייט אַרויפגעלייגט. איר זייט דאָך גרויסע יחסנים. אַלץ וואָס יידן טוען דאָ איז דאָס ביי אייך נאָר אויף אַ ווײַלע. אויב יידן וועלן זיך באַפרייען פון פּראָדוקטיווער אַרבעט, אַוועק זוכן צוריק די אַלטע מסחרים, וועט אונדז נאָך דאָ אַמאָל אויסגיין אַזאַ סוף ווי אין רוסלאַנד. מ׳קען דאָ אויך אָנווייזן, אַז יידן האָבן אַלצדינג פאַרכאַפּט.

— כאַ־כאַ־כאַ — האָט זיך דער עלטערער ברודער צעלאַכט — דיין שוואַרצע נביאות איז ניט אויפן פּלאַץ דאָ. דאָ איז אַ לאַנד פאַר גאָלע קאַריערויסטן; פאַר מענטשן וואָס ווילן ניט בלייבן שטיין אויף אַן אָרט. מיר געפעלט דער עלטערער לוריא. ער האָט אַ קאָפּ אויף די פּלייצעס. ער איז געווען יאָרנלאַנג אַן אַרבעטער אין שאַפּ, פאַרשטייט ער זיין זאַך. דריי און צוואַנציק יאָר אין אַמעריקע, דאַרף איך אים ניט קומען לערנען. ס׳איז אַמעריקע. מ׳אַרבעט און מ׳שטייגט. זיין ברודער ד״ר זכריה לוריא האָט אויך געאַרבעט, און איז דערביי ניט געבליבן.

— כ׳האַלט, אַז וועלוול איז גערעכט, — האָט דער פאָטער, לייב בערגער, ווי פאַר זיך געזאָגט. — אויב מ׳קען אַזוי ניט־מיר, ניט־דיר נעמען און אַרויסוואַרפן אַרבעטער באשר זיי זיינען ניט אין קיין יוניע... נאָר לאָזט געמאַך; דערציילט מיר בעסער וואָס האָט דאָ דער דאָקטאָר געזאָגט, געפינט ער, אַז זי בעסערט זיך?

אין דער אייגענער צייט איז פון צווייטן צימער אַריינגעקומען די שנור, אָסנע, און האָט אונטערן האַנט געפירט עמאַן.

— כ׳האָב געהערט ווי זיין קריגן זיך, דערמאָנט דאָקטאָר לוריא, כ׳מיין זיין ברודער... ס׳קען ניט זיין, ער זאָל זיין אַ קאַריעריסט, פאַרקויפן די אַרבעטער, ער איז דאָך דאָקטאָר לוריאס אַ ברודער.

— כאַ־כאַ־כאַ — האָט וועלוול גוטמוטיק געלאַכט — ביסט געקומען זיך אָנבעמען פאַר דיין דאָקטאָר. מ׳זאָגט אויף אים, אַז ער איז אַ גוטער דאָקטאָר, נאָר אַ גרויסער טשודאַק. ער האָט פיינט צו פאַרשרייבן מעדיצין. וואָס האָט ער דיר פאַרשריבן, וואָס דו האָלסט אַזוי פון אים? כ׳האָב געהערט פון אַ באַרימטן דאָקטאָר, אויך אַ יידישן דאָקטאָר, וואוינט אַזש אין האַרלעם, אפשר זאָל מען אים פרעגן?

— רופט צו מיר ניט מער קיין דאָקטוירים. אויב איך וועל ווערן געזונט, איז עס ניט צוליב דעם דאָקטאָר לוריא.

— ווער געזונט, וועסטו דאָ האָבן פאַר וואָס צו קעמפן—האָט דער ייִנגערער ברודער געמונטערט. — איך זאָג דיר, שוועסטער, ס׳איז ווערט געזונט צו ווערן.

— ווייסט דאָך, איך בין ניט געווען קיין קעמפערקע. סאַוועל האָט זיך פון מיר געדאַרפט אָפּגנבענען, ווען ער האָט געוואָלט גיין אויף אַ פאַרבאָ־טענער סכאָדקע. ס׳דאַרף האָט מיר געזאָגט, אַז ער שטעלט זיין לעבן אין קאָן. מיינסט, אַז אַן קאַמף איז שוין ס׳לעבן גאָרניט ווערט?

עמאַ האָט באַטראַכט די שטובלייט, וואָס האָבן מיט אַזויפיל זאָרג צו איר געקוקט, און ווי צום ערשטן מאָל זיך איינגעהערט צו אירע רייד.

זי איז צוגעגאַנגען צו דער שוועגערין, זי אַרומגענומען:

— אוודאי איז גוט צו אַרבעטן, איינאָרדענען אַ היים און רואיק לעבן, שיין לעבן, פאַר קיינעם, פאַר קיינעם קיין מורא ניט האָבן. זאָלן יידן זיך דאָ באַרואיקן. וואָס מיינסטו, וועלוול, יידן וועלן זיך דאָ איינגאַנצן באַרואיקן?

— קום נאָר, קינד מיינס, דו וועסט זיצן מיט אונדז ביים טיש.

— ס׳לעבן, האָט ער געזאָגט, איז שטאַרקער פון טויט. איז דאָס אמת? האַ, וואָס זאָגט איר, איז דאָס טאַקע אמת?

זי האָט זיך מיד אַנידערגעזעצט צום געגרייטן טיש.

די שטובלייט האָבן זיך איבערגעקוקט, געקוקט צו עמאַן און ניט באַגריפן, ווער עס רעדט פון איר אַרויס.

— וואָס קוקט איר מיך אַן אַזוי? איר גלויבט ניט, אַז דאָס לעבן איז שטאַרקער פון טויט?

פון עמאַס אויגן האָט אַרויסגעקוקט דער בלאַסער גלויבן און בלאַס באַ־לויכטן איר אָפּגעצערט פנים.

קאַפּיטל פיר

אין גרויסן גאַסצימער ביי די סטאַנס אויף פינפטער עוועניו זיינען פאַר־זאַמלט אַ פופצן אויפגעקומענע, עלטערע יידישע תושבים. געקומען זיינען די חשובע לייט אויף דער שתדלנות פון דניאל לוריא. אָבער צוליב חשיבות פון ענין האָט ער די אסיפה גערופן ביי דער רייכער שוועסטער.

ס׳איז געווען אַ חנוכה־אויפדערנאַכט. אַ פּאַסיקע צייט אַרומצורעדן דעם שיבת ציון־רוף, וואָס האָט זיך געטראָגן דורך דער יידישער וועלט אין פּאַר־גראַמען־לאַנד, און איז אינאיינעם מיט די יידישע וואַנדערער פאַרטראָגן געוואָרן אין דער נייער היים.

לעאָנאַרד סטאַן, דער דערפּאָלגרייכער „קלאָק און שורט מאַנופעקטשורער״, וואָס איז מיט קאָפּ, לייב־און־לעבן געווען איינגעזונקען אין זיינע ביזנעס, אַ שטאַרק באַרעדעוודיקער, ווען ס׳איז געקומען צו זיינע געשעפטן, האָט אין יידישע ענינים אויף אַלץ מסכים געווען וואָס זיין שוואָגער, דניאל לוריא, האָט אים אויפגעוויזן. וויפל דניאל האָט געראָטן צו געבן, האָט ער געפּאָלט און געגעבן. דניאל לוריא האָט שוין געזען, אַז לעאָנאַרד סטאַן, דער אַמאָליקער לייבל חלפן, זאָל געבן ביד־רחבה.

איצטער אויך איז לעאָנאַרד סטאַן געזעסן צווישן די געסט אַ שווייגנדיקער, דער קאָפּ אויפן קורצן האַלדז האָט אפילו קיין חשק ניט געהאַט אַרויסצוהייבן זיך העכער, ווען אַ שטאַרק וואָרט האָט זיך אַרויסגעריסן ביי איינעם פון די געסט.

היימיש האָט זיך געפילט דניאל לוריא. ער האָט אַכטונג געגעבן, די געסט זאָלן פון צייט־צו־צייט נעמען עפּעס אין מויל, און היימיש האָט זיך אויך געשפּירט אַ נאָענטער פריינט פון די סטאַנס, דער שוואָגער־געוואָרענער אַמאָליקער שניטקרעמער, וואָס איז דאָ געוואָרן פאַר די צוואַנציק יאָר אין לאַנד אַ דערפּאָלגרייכער מאַנופעקטשורער פון פּרויען־בלוזן, מיסטער מייקל האַבבערג. אַ בלאָנדער ייד מיט אַ גלאַנציקער ליסינע, וואָס איז פאַרלאָפן ביז צו דער פּאַטילניצע. דורך האַבבערגן איז געלונגען צו פאַרבעטן צו דער אסיפה דעם ציוניסטישן מטיף — שמואל מירמאַן, האַלב דרשן און האַלב־וועלטלעכער רעדנער.

דער שמועס האָט זיך געוויקלט אַרום ד״ר הערצלס טויט. „מחמת זינט ער איז געשטאָרבן, איז די ציוניסטישע באַוועגונג אָן אַ קאָפּ״. און אויך וועגן דעם האָט מען געשמועסט, וואָס אין אַמעריקע זיינען פּשוטע יידן פאַרפירט געוואָרן פון די אַרבעטער־פירער: „יידן ערלעכע האָבן דעם ולציון עירך ברחמים תשוב פאַרביטן אויף אַ קאַמף פאַר אַן אַכט־שעה׳איקן אַרבעטס־טאָג און העכערע וויידזשעס״.

ר׳ שמואל מירמאַן, אַ מענטש אין די מיטעלע יאָרן מיט אַ פיין פאַרשוירן רויטלעך בערדל און גרינע אויגן, מיט אַ קאַפּל אויפן קאָפּ, האָט געהאַט געדולד. ער האָט געזופּט ארץ־ישראל־ווייַן און פאַרביסן מיט קאַרטאָפליע־לאַטקעס, וואָס אַ בלאָנדע דינסט אין אַ ווייסן פאַרטעך האָט אַלעמאָל צוגעבראַכט און אַוועקגעשטעלט אַן אויער צוב שמועס, ווען ס׳איז אַרומגערעדט געוואָרן דער מצב פון יידן אין רוסלאַנד.

— ווען אונדזער פּרעזידענט זאָל מיטן פולן מויל אַ זאָג טאָן די רוסישע חזירים, זיי זאָלן צורו לאָזן יידן, וואָלט עס געהאָלפן. האַנדל־שמאַנדל; טעאָדאָר רוזוועלט איז אַ קאָמפּמענטש; ער האָט געקענט פאַרשטיין, אַז מיט מליצה פירט מען ביי באַשע־בשוקעס ניט אויס.

— איך זאָג מיר מיינס: יידן ביז איינעם, ווי זיין אַמאָליקער שפּאַניע, האָבן זיך געדאַרפט צונויפנעמען, אַרויס פון ראַסיי, און אָפּטרייסלען דעם רוסישן שטויב פון די פיס; וואָלט זיך כאַם געכאַפּט, אַז יידן האָבן פאַר אים געבראַכט מזל־וברכה.

— לייגט זיך ניט קיין פייגעלעך אין בוזים אַריין. אין די וואַשינגטאָנער הויכע פענצטער וויל מען, ס׳זאָל שוין נעמען אַ סוף צו דער יידישער בהלה. מ׳האָט שוין דאָ צופיל יידן. איך זאָג אייך, אַז וואָס צופיל, איז איבעריק.

דאָס לעצטע האָט געזאָגט דער האַלבער דייטש, אַ טרוקענער, שמאָל־פּנימדיקער ייד פון קורלאַנד, מיט אַ שוואַרצלעך, שפּיציק פאַרשוירן בערדל, אַ ניפּענטס מאַנופעקטשורער. ער האָט געקוקט צו ר׳ שמואל מירמאַנען, און באַמערקט, אַז יענער שמייכלט און שאָקלט מיטן קאָפּ אויף ניין.

— וואָס מיינט איר, ר׳ שמואל מירמאַן, כ׳וויל טאַקע הערן וואָס איר האָט צו זאָגן — האָט דער ניפּענטס־מאַנופעקטשורער אונטערטעניק געבעטן.

— אין תהילים שטייט: גפן ממצרים תסיע — האָט שמואל מירמאַן, דערזופּנדיק דאָס ביסל ווייַן פון גלעזל, אָפּגעווישט באָרד און ליפּן, און אָנגעהויבן, מיט די אויגן צום גאַנצן טיש. — פרעגט דער מדרש אויף דעם: פאַרוואָס זיינען יידן, בשעת זיי זיינען אַרויס פון מצרים, פאַרגליכן געוואָרן צו אַ ווייַנשטאָק? פּונקט ווי דער ווייַנשטאָק, זאָגט ווייטער דער מדרש, ווען דער ווייַנגערטנער וויל אים אויסבעסערן, ס׳זאָל אויף אים וואַקסן בעסערע ווייַנטרויבן, נעמט ער און רייסט אים אויס מיט די וואָרצלען און פלאַנצט אים איבער אויף אַ ניי אָרט, אַזוי האָט דער רבונו של עולם יידן אַרויסגעצויגן מיט די וואָרצלען פון מצרים און זיי פאַרפלאַנצט אויף פערציק יאָר אין מדבר. דאָרטן האָבן יידן מצליח געווען; מחמת דאָרטן האָבן זיי מקבל געווען די תורה — אַ ליכט פאַר דער גאַנצער מענטשהייט. איין קליינקייט וואָס דאָס האָט באַטייט פאַר יידן! קיין ארץ ישראל האָבן זיי שוין די תורה געבראַכט אַ פאַרטיקע. איז דאָך ווערט געווען דער גאַנצער נסיון. מיט דעם כח פון יענע פערציק יאָר לעבן מיר נאָך עד היום. נו, האָט גאָט יעמאָלט אַרויסגענומען נאָר אַ טייל יידן פון מצרים? דאָס גאַנצע פאָלק האָט ער פאַרנומען; אפילו ערב־רב האָט זיך מיטגעשלעפּט!

— זאָל זיך אייך דוכטן, רבותי — האָט ר׳ שמואל מירמאַן אויפגעהויבן זיין אַ ביסל הייזעריקלעכע שטים—אַז דער גלות־ראַסיי איז דאָס אייגענע ווי גלות־מצרים. און דאָס אַנטלויפן פון ראַסיי קען פאַרגליכן ווערן צום

אַנטלויפֿן פֿון מצרים. איך וויל, רבותי, ניט פֿאַרגלײַכן די פֿרייע אַמעריקע צום אַמאַליקן מדבר, מחמת דאָרטן איז פֿאַר יידן געפֿאַלן מן פֿון הימל, און דאָ פֿאַלט ניט קיין מן פֿון הימל פֿאַר די קינדער פֿון ישראל. קיין צווייטע תורה, קיין נייע לוחות וועט מען דאָ יידן ניט געבן. אָבער איידער־ווען, איידער־וואָס, דאַרפֿן יידן זיך דאָ אײַנפֿלאַנצן. אפשר וועט טאַקע דער אויבערשטער העלפֿן, אַז אַלע יידן וועלן פֿון ראַסיי זיך אַהער אַריבערפֿעקלען. דאָ איז דער ערשטער עטאַפּ זינט מ׳איז אַרויס פֿון ראַסיי. אַפֿילו די וואָס זײַנען אַוועק קיין אַרגענטינע און באַזעצן זיך אויף דער ערד — ס׳איז אויך ניט מער ווי אַן ערשטער עטאַפּ, אָבער לא ינום ולא ישן שומר ישראל... — ער וועט דאָ יידן ניט לאָזן אײַנשלאָפֿן. אײנאײנציק לאַנד האָבן יידן, ווי איין גאָט האָבן יידן. און דער אם אשכחך ירושלים תשכח ימיני, צי יידן זאָגן עס נאָך, צי יידן האָבן עס שוין פֿאַרגעסן, זאָג איך אײַך: — ס׳וועט ניט פֿאַרגעסן ווערן. ווער ס׳לעבט דאָ און זײַן פּנים און האַרץ זײַנען געווענדט צו ציון, צו די ערשטע וואָס אַקערן שוין דאָרטן און זייען, און ריכטן־אויף די חורבות, טרײַבן אַרויס די שאַקאַלן און פֿוקסן און לאָזן די שכינה זאָל צוריק אַראָפּנידערן, זיי גרייטן־צו אַ היים און שטייען אויף דער וואַך ביז די צײַט וועט קומען. איר קלאָגט אויף דער גרויסער אבדה, וואָס דער גרויסער פֿירער איז מער ניט מיט אונדז. ווי איז דען געווען אַמאָל, האָט דען משה די יידן אַרײַנגעפֿירט קיין ארץ ישראל? ער האָט זיי נאָר אַרויסגעפֿירט פֿון מצרים. יהושע האָט די יידן אַרײַנגעפֿירט קיין ארץ ישראל. ווער איז געווען יהושע? ער איז געווען דער ווילן פֿון פֿאָלק! דערפֿון איז צו לערנען, אַז אין דערוואַכטן פֿאָלקסווילן אַליין ליגט די גאולה. הערצל האָט דעם יידנס גייסט אויפֿגעוועקט, ער האָט יידן אַרויסגעפֿירט פֿון גײַסטיקן גלות. קיין ארץ ישראל וועט דער פֿאָלקסווילן פֿירן, ווען די אמתע שעה פֿון גאולה וועט קומען. וואו איז ער איצטער דער פֿאָלקסווילן, רבותי? אין אײַך איז ער! איר אַלע, וואָס האָט זיך דאָ פֿײַן אײַנגעאָרדנט, דערגרייכט די עשירות, און מיט דעם — אַ גוטן נאָמען, צו אײַך זאָג איך: געדענקט, אַז אַהער זײַט איר געקומען פֿון קנעכטשאַפֿט, אַהער האָט אײַך די השגחה מיט די וואָרצלען אַריבערגעבראַכט. פֿון דאָרטן אויסגעריסן און דאָ אײַנגעפֿלאַנצט, ביז דער פֿאָלקסווילן וועט אײַך אויפֿהייבן פֿון אָרט. די אַלע וואָס העלפֿן פֿון ווײַטן אויפֿבויען אונדזערע חורבות, פֿלאַנצן דאָרטן בוימער, בויען הײַזער און העלפֿן אויפֿלעבן אונדזער הייליקע שפּראַך — איז עס אַ סימן, אַז אין זיי לעבט דער ווילן פֿון פֿאָלק. עס שלאָפֿט ניט, עס דרעמלט ניט דער שומר ישראל, דער שומר וואָס היט, אַז יידן, וואו זיי זאָלן ניט פֿאַרטריבן ווערן, זאָלן בלײַבן יידן...

אין דער אייגענער צײַט, אין אַ זײַטיקן צימער, איז געלעגן אויף אַ סאָפֿע רעבעקאַ לוריאַ, זי האָט די ליפּן געביסן ביז בלוט, ניט אַרויסצוגעבן זיך פֿאַר די שטובלײַט.

נעבן איר איז געזעסן איר שטיפֿברודער — ד״ר לוריאַ און ניט געוואוסט, ווי אַזוי זי צו באַרואיקן. ער האָט בײַ דער שוועסטער געוואָלט אויסגעפֿינען וואָס מיט רעבעקאַן איז געשען; איז קעראַלאַין, פֿון העפֿליכקייט וועגן, איצטער פֿאַרנומען מיט די געסט. די דינסט האָט שוין איינמאָל דער באַלעבאָסטע אַרײַנגערוימט אין אויער, אַז ד״ר לוריאַ און רעבעקאַ זײַנען געקומען; זי איז

שוין איינמאָל אין איילעניש אַריינגעקומען אויספרעגן וואָס איז געשען, אָבער מ׳האָט זי תיכף צוריק אַוועקגערופן.

קעראַלאַין האָט דניאלן אָפּגערופן אָן אַ זייט, אים שטיל געבעטן, ער זאָל אָפּקירצן די אסיפה, מחמת מיט רעבעקאַן איז עפּעס פּאַרלאָפן. צום סוף האָט קעראַלאַין ניט געקאָנט אויסהאַלטן, זי איז אַריינגעקומען, און אַ צעשראָקענע אָנגעהויבן אויספאָרשן:

— פון וואַנען, זכריה, האָסטו זי געבראַכט? שוין דריי טעג, אַז מען זוכט זי אַרום. זאָג מיר, רעבעקאַ, וואו ביסטו געווען די גאַנצע דריי טעג?

— זי איז צו מיר אין אָפיס געקומען. זי וויל מער דאָ ביי דיר ניט זיין.

ס׳איז אַריינגעקומען דניאל לוריא מיט אַ פאַרוואורף:

— דעם ר׳ זכריה לוריא פּאַסט עס גאָרניט אַריינצוקומען און הערן וואָס מען רעדט? האָסט געהערט, וואָס ער האָט נאָר וואָס געזאָגט?

ד״ר לוריא האָט געשמייכלט, און ניט געענטפערט.

— וואָס זאָגסטו צו איר, דניאל? דאָס איז דאָך רעבעקאַ! — האָט קעראַלאַין, אַ צעשראָקענע, געקוקט צו איר עלטערן ברודער.

— כ׳וויל אָבער וויסן פאַרוואָס זכריה זיצט אין אַנדערן צימער; דאָ רעדט מען פון נאַציאָנאַל־פאָנד, און ס׳זיצט אַזאַ עולם...

— הער אויס, דניאל, איך לעבט זיך שוין דאָ צו גוט, רעדט מען איך איין פּאָר עטלעכע טויזנט דאָלער, אַז אין איך זיצט פאַלקסווילן. פאָלקסווילן רייסט יידן אַרויסצוראַטעווען זיך פון רוסלאַנד, און דאָ געפינען אַ שטיקל היים. נעמט איר, זאָגט, רייכגעוואָרענע, און דערקלערט גאָר, אַז דאָ איז אַ מדבר. וואָס דרייט ער אַ מוח, דער חצי רב אייערער? כ׳וויס אויך, אַז דאָ איז דערוויל גלות. נאָר מיט אַ פּסיכאָלאָגיע פון אונדזערע אַלרייטניקעס און מיט דער הילף פון אייערע מטיפים וועט דאָ ווערן אַ מדבר.

דניאל איז געשטאַנען אַ צעטומלטער, ער האָט זיך ניט געריכט דאָס צו הערן פון זיין יינגסטן ברודער. ער האָט געוואוסט, אַז זיין ברודער, דער דאָקטאָר, נעמט ניט קיין אָנטייל אין קיין שום באַוועגונג. אָבער דאָס, וואָס ד״ר לוריא האָט אים איצטער אַריינגעזאָגט, האָט אים געטראָפן ווי אַ שטיין אין קאָפּ.

— וויסט, זכריה, רעדסט דאָך שוין באַלד ווי נתן!

— ניט שטענדיק איז נתן אומגערעכט.

— דו פון דיין זייט, און נתן פון זיין זייט, גייט איר דער אַסימילאַציע אַנטקעגן.

— ס׳דוכט מיר, זיי קלייבן זיך שוין אַוועקגיין. גיי אַריין צו זיי, זכריה, אויף אַ וויילע. דאָ איז האָכבערג פאַראַן, קענסט דאָך אים.

דניאל און קעראַלאַין זיינען אַרויסגעגאַנגען. ד״ר לוריא איז געבליבן זיצן נעבן זיין שטיפשוועסטער און געגלעט איר קאָפּ. ער האָט ביי איר מער ניט געפרעגט. ער האָט אומגעדולדיק געוואַרט, די געסט זאָלן אַוועקגיין. מיט זיין ברודער דניאלן האָט ער ניט געהאט ליב זיך אויסצוטענהן. פאַר די יאָרן, וואָס זכריה האָט געשטודירט, געוואָרן ראַדיקאַל, איז דניאל געוואָרן אַלץ רעליגיעזער, ענלעך אויף דעם פאַרשטאָרבענעם פאָטער זייערן, אויף ישראל לוריאן. זיין פרוי, די גרטע, האָט אים דערצו געשטויסן. די קינדער האָט זי

געשיקט אין תלמוד תורה, און געהאַט גרויס נחת ווען זיי האָבן פאַרשטאַנען צו שרייבן „היברו".

זכריה איז ניט גאָר אינגאַנצן צופרידן געווען וואָס ער האָט דניאלן געטראָפן. ער האָט געוואָלט, מען זאָל מיט דער קיילעכדיקער יתומה רעדן פּאַרזיכטיק, ניט אָנפאַלן אויף איר, ווי דניאל האָט עס ליב צו טאָן.

די געסט זיינען אַוועקגעגאַנגען. אין צימער זיינען אַריינגעקומען קעראָ־לאַין, לעאָנאַרד און דניאל.

קעראָלאַין האָט אויפגעזעצט רעבעקאָן, און אַריינגעקוקט אין איר פּנים.

— זעט וואָס פון איר איז געוואָרן, ס'אַרא פּנים!

— איך האָב זכריהן אַלץ דערציילט — האָט רעבעקאָ שטיל געזאָגט.

— ניין, רעבעקאָ, — האָט ד"ר לוריא אויף זיינס באַשטאַנען, — האָסט מיר ניט אַלץ דערציילט. דו האָסט געבעטן, איך זאָל דיך אריינגעמען צו זיך אין אָפיס, דו ווילסט וואוינען ביי מיר; און איך בין חושד, דאָס איז ניט אַלץ. דו האָסט מיר ניט דערציילט, אַז אויף גאַנצע דריי מעת־לעת ביסטו פאַרפאַלן געוואָרן. מיט אַמאָל איז דיר פרעמד געוואָרן די־אָ שטוב. ביסט ניט קיין קינד. הער אויף צו וויינען. ביסט צווישן אייגענע מענטשן. לעאָ־נאַרד איז דיר אויך אַן אייגענער.

ס'איז אָנגעשטאַנען אַ שטילשווייגן. אַלעמענס בליקן זיינען געפאַלן אויף דער צעשויבערטער רעבעקאָן. אירע רויטע האָר האָבן געגליט. איר פּנים איז צוליבן וויינען געוואָרן געעלטערט, און זי געמאַכט ענלעך אויף איר פאַר־שטאָרבענער מוטער. קעראָלאַין האָט וועגן דעם געטראַכט, און איז פאַרטראָגן געוואָרן מיטן דמיון צו יענער צייט, ווען זי אַליין איז געווען אין רעבעקאַס עלטער.

— וואָס קוקט איר מיך אָן אַזוי פאַרוואונדערט? — האָט רעבעקאָ אויפ־געהויבן אירע אויסגעלאָשענע אויגן צו קעראָלאַין. — איך בין דריי נעכט געווען ביי אייגענע, געשלאָפן צווישן אייגענע. ביי דער באָבען בין איך געווען.

— כ'האָב צו דיר גאָרניט וואָס דו גייסט אַהין. מיר אַרט נאָר ווי דו זעסט אויס — האָט קעראָלאַין פאַריכט רעבעקאַס האָר.

— אַ מענטש ווערט זיך אַמאָל אַליין אָן, און פלוצלונג געפינט ער זיך. איך האָב זיך אָנגעוואָרן אויף גאַנצע ניינצן יאָר. אַלע יאָרן, ביז היינטיקן טאָג, בין איך ניט געווען אויף מיין פּלאַץ.

— ס'הייסט, דאָ אין שטוב ביסטו אין דער פרעמד! — האָט לעאָנאַרד סטאַן זיך געברוגזט. — אויב דו ווילסט פון דאַנען אַוועקגיין, גיי דיר גע־זונטערהייט. ווילסט זיין מיט אַ באָבען, מיט אַ זיידן — קיינער שטערט דיר ניט.

— לאָז, לעאָנאַרד; כ'וויל, מ'זאָל מיר קלאָר מאַכן וואָס דאָ איז געשען אין שטוב. זי איז נאָך מיינע אַ שוועסטער. איך האָב זי אויסגעהאָדעוועט. איך בין צוליב איר געבליבן זיצן אין יענער פינצטערער דירה אויף לודלאָוו סטריט, ניט געגאַנגען אַרבעטן; וואָס הייסט, ביי מיר אין שטוב איז איר שלעכט?

— זי וויל לעבן אַליין פאַר זיך. זי וויל אַליין פאַרדינען, ווי איר מאַמע אין אירע יאָרן האָט עס געטאָן. געפעלט עס מיר, — האָט דניאל זיך אָפּגע־רופן. — אויב דאָס ווילסטו, רעבעקאָ, געפעלט עס מיר. נאָר ווען וואָלט עס

געשיקט געווען, ווען קעראַלאַין זאָל דיר ניט זיין קיין שוועסטער. אַט, זעסטו דיר, זכריה: לאַכסט פון מיר וואָס איך שריי, אַז יידן מוזן האָבן אַן אייגן לאַנד. אין אַן אייגענער היים וואָלט אַזאַ זאַך ניט פּאַרלאָפן. אַט איז זי דאָ געבאָרן געוואָרן אין דער גליקלעכער אַמעריקע, און זאָג מיר, וואוהין רייסט זי זיך?

— לאָז צו רו, דניאל! — האָט זכריה אים איבערגעשלאָגן. — איך פאַרגין דיר פון גאַנצן האַרצן דיין אמת. זי איז דאָ געוואַקסן ווי אַ גביריש קינד. ווי איך הער שדכנען זיך צו איר טאַטע־מאַמעס זינדלעך. קעראַלאַין און לעאָנאַרד וועלן געבן אַ פיינעם נדן. האָט זי מיט אַמאָל חשק געקראָגן אַוועק־צוגיין שלאָפן אין קעלער צו איר משפחה. טאָ לאָזט עס דערווייל אָפּ. אויב אַ מענטש וויל שטיין אויף זיינע אייגענע פיס — לאָזט אים!

— וואָס רעדסטו, זכריה? — האָט קעראַלאַין פּראָטעסטירט. — ווער וועט זי לאָזן גיין איצטער זיך וואַלגערן ערגעץ אין אַ קעלער?

רעבעקאַ איז אויפגעשפּרונגען פון אָרט און אַרויסגעלאָפן פון צימער.

קעראַלאַין האָט זיך געלאָזט נאָך איר, אָבער לעאָנאַרד האָט זי איבער־גענומען און פאַרשטעלט דעם וועג:

— איך האָב געקענט איר טאַטן — האָט לעאָנאַרד זיך געכעסט. — דאָס עפּלע פאַלט ניט ווייט פון בוימעלע.

— זיי ניט ברוגז — האָט ד״ר לוריא געוואָלט באַרואיקן זיין שוואָגער. — ווי האָט ער געזאָגט, דער בעל דרשן, אַז יידן האָט מען אַמאָל מיט די וואָרצלען אַרויסגעריסן פון מצרים און פאַרפלאַנצט אין אַ מדבר? דאָרטן איז פאַר יידן געפאַלן פאַרטיקער מן פון הימל, און דאָ האָט אַ מענטש די געלעגנהייט זעלבשטענדיק צו זוכן זיין וועג אין לעבן — טוט מיר הנאה וואָס זי האָט זיך געכאַפּט אין צייט. כ׳וועל זי היינט נעמען צו זיך. אַ גוטע נאַכט. דאגה ניט, קעראַלאַין, זי וועט ניט פאַרפאַלן ווערן. אַ גוטע נאַכט.

קעראַלאַין האָט דערשפּירט ווי מיט אַמאָל איז איר שטוב פּוסט געוואָרן. איר צווילינג־ברודער איז מיט אַמאָל ווי הינטער אַ נעפּל פאַרשוואונדן.

— דהאַ, וואָס זאָגסטו, דניאל, האָב איך פאַרדינט אַזאַ פּאַטש אין פּנים?

* * *

די יאַרעלעך זיינען געלאָפן, און מיט זיי — דער אַנלויף פון אַלץ נייע יידישע מחנות, וואָס האָבן פאַרגרעסערט די ענגשאַפט אויף דער איסט־סאַיד, כאַטש האַרלעם, ברוקלין און בראָנקס האָבן יידן שוין דערקענט, און אַהין גע־צויגן צו „כאַפּן אַ ביסל פרישע לופט“.

די יאַרעלעך זיינען געלאָפן. אַ שיין ביסל האָבן זיי פאַרענדערט, אין באַהעפטונג מיטן דלות, די האַלפערנס, אין קעלער־דירה אויף מעדיסאָן סטירט. כאַטש די חיונה־קוואַלן ביי די איינוואוינער האָבן זיך געביטן פאַר די לעצטע עטלעכע און צוואַנציק יאָר; כאַטש אַמאָל האָבן אין קעלער קעראָסין־לאָמפּן געברענט און איצטער טיקן זיך דאָרטן געז־פלאַמלעך — איז נאָך אַלץ ביי די האַלפערנס אין די צוויי קעלער־קאַסטנס געבליבן באַלעבאַסטע די פייכטע פינצטערניש, וואָס האָט געלויערט פון די ווינקלען שטיל און שווער, ווי שטיל און שווער ס׳האָט זיך געלייגט אויף מענטש און אומריינעם דיל דער שמאַטע־שטויב, וואָס איז אַרויסגעשוואומען פון אונטער די פינגער ביי די פּאַר אייגענע, אָפּגעלאָזענע שמאַטע־קלייבער.

מיט אַריבער צוואַנציק יאָר צוריק האָט פּאַיע האַלפּערן, אַ נאָך גאָר יונגע, רויטהאָריקע אַלמנה מיט אירע צוויי טעכטער, ריוועשע, צוואַנציק יאָר, און גישע, זעכצן יאָר אַלט, געוואָשן שטאַרק דורכגעשוויצטע און איינגעברודיקטע העמדער און אונטערוועש, וואָס „גרינע" שכנים האָבן איר געגעבן צו וואַשן. אַ יינגל, דרייצן יאָר אַלט, האָט יעמאָלט אין קעלער ערגעץ שמאַטעס איבער־געקליבן. יעמאָלט איז די עלטערע טאָכטער, די רויטהאָריקע ריוועשע, אויפגעריכט געוואָרן. אַ מיטליעריקער אלמן, אַ טאַטע פון זיבן דערוואַקסענע קינדער, האָט זי גענומען פאַר אַ ווייב, זי זאָל אין נייעם לאַנד ביי אים אויפ־וועקן די איינגעדרימלטע כוחות. ביי ריוועשעס לעבן האָט דער דאָזיקער קעלער גאַנץ אָפּט אויפגעלויכטן. משפחה־פריידי האָט די פינצטערע ווינקלען באַ־לויכטן. ישראל לוריא איז געווען דער אלמן. אים איז ניט באַשערט געווען אין נייעם לאַנד צו דערלעבן צופיל נחת. אַ פּאָר יאָר נאָך דער חתונה איז ריוועשע געשטאָרבן אין קימפּעט. געבליבן נאָך זיך אַ רויטהאָריקע יתומהלע, וואָס מ'האָט איר אַ נאָמען געגעבן רבקה, נאָך דער פּאָר דער צייט געשטאָר־בענער מאַמען. געהאָדעוועט ד'האָט זיך דאָס יתומהלע ווי אַ ציטעריקע בת יחידה. קריינדל לוריא, וואָס איז מיט יאָרן געוואָרן די רייכע קעראַלאַין סטאָן — זי האָט ציטעריק רבקהלען געהאָדעוועט, ביז זי איז אויסגעוואַקסן און געוואָרן רעבעקאַ לוריא. פון קעלער־וואוינונג אויף מעדיסאָן סטריט האָט מען רבקהלען ווינציק דערציילט. איר לעבן איז דערהויבן און ליכטיק געוואָרן, בשעת אין קעלער אויף מעדיסאָן סטריט איז מיט דער צייט דאָס לעבן אַלץ טונקעלער געוואָרן. דאָרטן האָט נאָר פון צייט־צו־צייט דער דלות געביטן זיין פּנים.

ניט די רויטהאָריקע אַלטע פּאַיע, ניט אירע אונטערגעוואַקסענע און חתונה געהאַטע קינדער, האָבן דעם וועג געפונען, וואָס זאָל פירן פון קעלער, העט וויט אין האַרלעם; אָדער כאָטש גלאַט אַזוי, אויף אַ צוויטן, צי אַ דריטן שטאָק איבערציען, וואו ס'האָט צומאָל די זון אין פענצטער אַריינגעלויכטן. ווען גישע איז אַלט געוואָרן ניינצן יאָר ד'האָט זי חתונה געהאַט פאַר אַן אַפּרייטער, וואָס האָט טאַקע געהייסן נאַטע קראַוועץ. אים איז דוקא געפעלן געווען זיין ווייבס חכמה, מ'זאָל ניט זוכן קיין בעסערס, נאָר וואוינען איינאיינעם מיט דער מאַמען. אַז מ'קען ניט אַריבער, מוז מען אַרונטער. טיפער פון קעלער קען אפשר זיין דער קבר. וואָס־זשע איז די אייל עניש? ניט יעדער אַפּרייטער ווערט באַשאָטן מיט גאָלד. און דוקא אַ מענטש מיטן נאָמען נאַטע קראַוועץ איז סוף־כל־סוף אויך געוואָרן אַ שמאַטע־איבערקלייבער. פּאַיע האָט געהאָלפן דער טאָכטער האָדעווען קינדערלעך, איבערקלייבן שמאַ־טעס; געבאַקן בייגל, געזייערט אוגערקעס, און געריבן כריין פאַר דער גאַס און פאַר לייט. געקראָגן שוואַכע אויגן, רעוומאַטעס, וואָס האָט צעדרייט הענט און פיס — ביז זי איז אַנידערגעפאַלן אין בעט ווי אַ צעבראָכענער שאַרבן, ניט מער, וואָס דער רויטער קאָפּ האָט ניט געוואָלט גרוי ווערן.

— אייגן בלוט ווערט אויסגערונען, אָבער ניט פאַרפאַלן — האָט די קראַנקע פּאַיע געזאָגט, ווען ס'איז די רייד געקומען אויף איר אייניקל רעבעקאַ, וואָס לעבט אין עשירות, און וואָס איז די לעצטע צייט „ווי פון הימל אַראָפּגע־פאַלן, זיך דערוואוסט, אַז אַ באָבע ליגט אין געהאַקטע וואונדן".

די טאָכטער גישע, וואָס האָט אַן אַ זייט איבערגעקליבן און געסאָרטירט שמאַטעס, וואָס איר מאַן, נאָטע קראַוועץ, האָט צונויפגעבראַכט פון אַלערליי שניידער־שעפּער, זי האָט פון דער מאַמעס פילאָזאָפיע ניט געהאַלטן.

— אייגן בלוט, אַז ס׳ווערט פאַרפרעמדט, איז אַ סך ערגער פון פרעמד בלוט. ביקאָס, אַז פרעמד בלוט ווערט גראָב און שלעכט, נעמט מען און מ׳שאַרט עס אָפּ פון זיך. בלייבט ניט קיין האַרצווייטיק. אָבער אַז אייגן פלייש־און־בלוט נעמט און ווערט שלעכט צו אַ מאַמען, וואָס מיינסטו? ריוועטשע, זאָל זי האָבן אַ ליכטיקן גן־עדן, האָט יעמאָלט געגונבעט און חתונה געהאַט פאַר אַן אַלמן, ביקאָס איר האָט זיך אויסגעדוכט, ער איז רייך, האָט געהאַט שיינע זיך.

— רעד ניט אַזוי אויף אַ שוועסטער, וואָס איז נעבעך אַזוי באַשטראָפט געוואָרן! — האָט די קראַנקע מאַמע איבערגעשלאָגן. — אַזוי גייט די וועלט, טאָכטער מיינע. די קו פון שטאָל — די שטאָל פאַרברענט.

— פאַרוואָס בין איך געבליבן הינען נאָך דער חתונה אין דער פינצטערער גרוב? ביקאָס כ׳האָב ניט געוואָלט נעמען און איבערלאָזן אַ מאַמען איינע־אַליין.

— אוי, טאָכטער מיינע, דלות פינצטערער האָט דיך געהאַלטן. ווען דיין מאַן וואָלט געווען אַ לייטישער פאַרדינער, וואָלסטו פון דאַנען אַרויסגעמופט. אפשר מיך אויך מיטגענומען. דלות פינצטערער, ווי איז מיר. ווען ס׳איז באַשערט געווען, דער איז פון חושך אַרויס. יידן זיינען איצטער צעשאָטן איבער דער גאַנצער שטאָט. מ׳האָט דאָרט ליכטיקע הייזער, וואו די זון שיינט אַ גאַנצן טאָג.

— דעריבער זאָג איך, אַז אַ מיתה־משונה מעג קומען אויף אייגענע וואָס רייסן זיך אָפּ און אַנטלויפן אַהין, וואו זיי קענען געשוואָלן ווערן פאַר וואוילטאָג.

— וואָס ווילסטו, טאָכטער מיינע? אַז ריוועטשע האָט געלעבט, איז מיר דאַן ליכטיק געווען אין די אויגן. האָט פון זיך געריסן און געבראַכט דער מאַמען.

— איר מאַן האָט דיך געוויכט. אַלע לוריאַס זיינען גרויסהאַלטער. כ׳געדענק גוט ווי זיי האָבן ריוועטשען פיינט געהאַט. טפוי זאָלן זיי ווערן! כ׳קען זייער נאָמען ניט דערמאָנען. רעבעקאַ קאָכט זיך אין וואוילטאָג ביי די גבירים, און מיט אַמאָל האָט זי געמאַכט אַ זויער פנים, זיך אַראָפּגעלאָזן געוואויר ווערן וואָס די באָבע מאַכט. מיצקע דרינגען זיך דערמאָנט, אַז אַ באָבע פוילט ערגעץ אין אַ קעלער אויף מעדיסאָן סטריט. ס׳איז אַ לוריאַ מיט די ביינער. אַז זי קומט אַהער, ווילט זיך מיר לויפן פון דאַנען, ביקאָס איך קען דעם נאָמען לוריאַ ניט פאַרטראָגן. כ׳וואָלט איר געשמיצט צוריק אין פנים אַריין די פאָר שמאַטעס וואָס זי האָט געבראַכט, און די עטלעכע שמאַליאַרעס אירע.

פונדעסטוועגן, אַז רעבעקאַ לוריאַ, די שלאַנקע, אויסגעאיידלטע, רויט־האָריקע רעבעקאַ קומט אַראָפּ געוואויר ווערן צו דער קראַנקער באָבען, הויבט זיך די טאַנטע גישע, אויך אַ רויטהאָריקע, אויף פון איר טונקעלן ווינקל, וואו זי קלייבט איבער און סאָרטירט שמאַטעס, צעפּירט די הענט, פּיליעט וואו פון זיך דעם שטויב, איילט זיך צו דער אויסגעצערטלטער פּלימעניצע, קושט

מיט זשעדנע ליפּן דער פּלימעניצעס פּנים, וואו נאָר ליפּן טרעפן, זאָגט דערבײַ איבער די ווערטער וואָס זיצן אויפן שפּיץ צונג: „אַז כ'דערזע דיך, רעבעקאָ, דוכט מיר, דײַן מאַמע ריוועטשע איז פון קבר אויפגעשטאַנען".

דאָס מאָל איז רעבעקא לוריא ניט געקומען אַליין צו אירע אייגענע אין קעלער אויף מעדיסאָן סטריט. איר שטיפברודער, דאָקטאָר זכריה לוריא, האָט זי מיט זיך פאַרנומען, ער זאָל ווי אַ דאָקטאָר באַטראַכטן די קראַנקע באָבע. אפשר וועט ער געפינען אַ סגולה צו אירע קראַנקע הענט און פיס — אַרויסנעמען די ווייטיקן פון זיי.

די פּלוצלונגע דערוואַכונג, וואָס האָט פאַר רעבעקאַן פאַרפרעמדט די רײַכע היים בײַ איר שוועסטער, האָט זי געטריבן אָפטער צו די פאַרגעסענע אין אָרעמקייט און חשכות. מיט יעדן צוריקקומען אויף דער איסט־סאַיד עפענען זיך אַלץ מער אירע אויגן. זי דערקענט די אָרעמקייט און שפלות, פון וואַנען איר מוטער, וואָס זי האָט אפילו גאָר ניט געקענט, האָט אַרויסגע־שטאַמט.

— פאַרוואָס האָבן יידן אויפגעבויט אַזאַ שלעכטע וועלט? — האָט רעבעקא אַרײַנגעטענהט אין איר שטיפברודער, אויפן וועג צו דער באָבען. — איך בין שולדיק, וואָס די באָבע ליגט אַ צונויפגעדרייטע פון רעוומאַטעס.

— מיר געפעלט וואָס דיך ציט צו דײַנע אייגענע אין אָרימקייט. אָבער דאָס פאַרענטפערט מיר נאָך ניט פאַרוואָס די לויפסט פון די מענטשן וואָס האָבן דיר געגעבן אַ גוטע היים.

— ס'איז אמת, — האָט רעבעקאַ גערעדט מיט אַ געוויסער פאַריסנקייט, — ניט אַלע זײַנען געבליבן ווי מײַנע לײַט. די וואָס האָבן כוח, רײַסן זיך אַרויס. אָבער צי האָט מען מיר בײַ די סטאַנס אַנגעוויזן אַ וועג ווי אַזוי איך זאָל אַליין קענען מאַכן אַ טריט אין לעבן? כ'האָב די אויגן אויפגעעפנט, זכריה. ס'וועט מיר קיינער ניט אײַנרעדן, אַז ס'מוז אַזוי זײַן. אײַן מאַמע טראָגט אויס עטלעכע קינדער, כדי איין קינד זאָל לעבן אין עושר און ס'אַנדערע — ווי מײַן טאַנטע, ווי מײַן באָבע. פאַרוואָס איז עס אַזוי, זכריה?

דאָקטאָר לוריא איז קיינמאָל ניט געווען אין דעם קעלער, פונוואַנען זײַן פאָטער האָט מיט אַריבער צוואַנציק יאָר צוריק אַרויסגענומען זײַן צווייטע ווײַב. ווי אַ דאָקטאָר האָט ער געזען גענוג אָרימקייט און עלענט. פונדעסט־וועגן, ווען ער איז אַרײַן מיט רעבעקאַן אין פאַרדומפּענעם קעלער, וואו, כאָטש ס'איז געווען בייטאָג, האָט דעם קעלער באַלויכטן אַ ציטריק גאַז־פלעמל, — האָט צום נאָז אַ שלאָג געטאָן דער ריח פון מענטשלעכער אומרײנקייט, אויסגעמישט מיט שמאַטע־שטויב.

— דאָס איז דאָקטאָר זכריה לוריא... כאָטש אַ שטיפברודער, איז ער אַ גוטער דאָקטאָר. דאָס איז די באָבע, זכריה.

די קראַנקע פאַיע האָט זיך באַמיט אויפצוזעצן אַנטקעגן די געסט. אָבער די טאַנטע אין ווינקל איז דוקא ווי אַ פרעמדע געבליבן זיצן בײַ איר בערגל שמאַטעס; נערוועז האָבן די פינגער איבערגעטאַפּט יעדע שמאַטע און אַרײַ־בערגעוואָרפן אין איינעם פון די דרײַ דראַטענע קוישן דערבײַ.

— דאָס איז מיין שטיפברודער, טאַנטע גישע, דאָקטאָר זכריה לוריא. כ׳וויל, טאַנטע, זאָלסט זיך מיט אים באַקענען — האָט רעבעקא מיט אַ ציטער אין שטים אַריבערגעקוקט צו דער טאַנטע.

ד״ר לוריא איז אַליין צוגעגאַנגען צו דער צעטומלטער גישען, דערלאַנגט די האַנט, און געזאָגט:

— אייער פלימעניצע פרייט זיך מיט אייך. אַזעלכע נאָענטע קרובים!

— כאַ־כאַ־כאַ, קרובים — האָט גישע טרוקן אַ לאַך געטאָן. — ווער דאַרף אין אַמעריקע האָבן אָרימע און קראַנקע קרובים? אַ סך דאָלאַרן זאָל מען האָבן, דאַן האָט מען שוין גענוג קרובים.

— דאָ זאָגט מען מיר, אַז איך בין געראָטן אין מיין מאַמען — האָט רע־בעקאַ גערעדט מיט אַ דערשלאָגענער שטים. — וואָס קומט אַרויס? מיין מאַמע דערציילט מען, איז געווען אַ צוגעלאָזענע, אַ גוטע. מיך האָט מען דערצויגן כ׳זאָל זיין אַ שלעכטע. כ׳וויס, באָבע, וואָס איר טראַכט דאָ פון מיר.

— אָן עולה, גישע, וואָס דו רעדסט אַזוי, — האָט די קראַנקע באָבע, מיט טרערן אין שטים גערעדט. — וואָס איז רבקה שולדיק, אויב דאָ טרעטן מענטשן איינס אויפן אַנדערן? יעדערער ציטערט איבער זיין אייגענער פעל. אַ מערכה אַזאַ דאָ אין לאַנד. דעריבער איז דעם אָרימאַן נעבעך וויסט און ביטער. געלויבט איז דער אויבערשטער, ס׳האָט געקענט זיין רעכט, מיין אייניקל זאָל זיך שעמען אַריבערטרעטן מיין שוועל. איר מאַמען האָט זי ניט געקענט. ווי אַזוי איך האָב איר מאַמען געהאַלטן טייער ווי אַן אויג אין קאָפּ, האָט איר מסתמא קיינער ניט דערציילט. אדרבה, איך טענה צו איר, זי זאָל ניט אַוועק פון איר שוועסטער. אויב זי וועט וועלן זיין גינציק, ט׳זי עס קענען באַווייזן. און אויב זי וועט אַוועק אין שאַפּ אַרבעטן, וועט איר זיין פינצטער און ביטער, ווי אַלע מיידלעך, וואָס פוילן אין די שעפּער. אַ קינד אַ נאַר, דאַן האָט זיך איינגעבעטן, מ׳זאָל זי דאָ לאָזן נעכטיקן.

דאָקטאָר זכריה לוריא האָט זיך צוגעהערט צו דער קראַנקערס רייד, וואָס האָבן געטריפט אַן אַ סימן ביטערניש, און בשעת מעשה געוואָרפן אַ בליק צו דער טאָכטער, וואָס האָט מיט צעשראָקענע פינגער איבערגעשליידערט אין די קערב די דורכגעטאָפּטע שמאַטעס. ער האָט באַמערקט ווי רעבעקאַס פּנים איז איינגעשרומפּן געוואָרן פאַר דער קורצער צייט וואָס מ׳איז אין קעלער. מענטשלעכער דלות, געפאַלנקייט, ביטער לעבן, יאוש — דאָס זעט ער גענוג ווי אַ דאָקטאָר אין די פאַרדומפּענע איסט־סאַידער דירות, ביי זיך אַפילו, צי אין יידישן שפּיטאָל, וואו ער האָט געאַרבעט געוויסע שעהן.

אָבער צוליב זיין שטיפשוועסטער, וואָס איז געשטאַנען אַ פאַרלאָרענע און ניט געוואוסט מיט וואָס אויפצוריכטן ס׳געמיט ביי אירע קרובים, האָט ער אין דער רגע אַליין אויך ניט געהאַט וואָס צו זאָגן. מיט רעבעקאַן איז אין קעלער ניט געווען ס׳פּלאַץ צו שמועסן. איז ער דעריבער אַריבערגעגאַנגען צו דער אַלטערס געלעגער, גענומען אירע ביידע הענט, דורכגעטאַפּט אירע פינגער, געשפּירט די חולאת אַרום די קנאָכנשלעסער, און שטיל גערעדט:

— אַטאַ־דאָ, וואו איך דריק, טוט ווי. אַ דירה מיט אַ ביסל זון וואָלט ניט שאַטן. אייער אייניקל האָט מיר דערציילט, אַז די פיס ברעכן אייך. ס׳איז ניט דווקא דעם אָרימאַנס חולאת. גביריםליידן אויך פון ווייטיקן.

רעבעקאַ איז געזעסן אויפֿן ראַנד געלעגער, זיך צוגעקוקט ווי איר שטיפֿ־ברודער דעקט אָפּ אַ טייל גוף, פּויקט מיט די פֿינגער איבער דער באָבעס ברוסטקאַסטן, וואו עס זיינען אַראָפּגעהאַנגען צוויי געלבלעכע, לערע זעקלעך— בריסט, פֿון וואַנען ס'האָט געזויגן איר מאַמע, וואָס האָט זי געבאָרן און אין קימפּעט געשטאָרבן. „איז מיין מאַמע אין איר געראָטן געווען?" — האָט רעבעקאַ אַ קלער געטאָן. זי דערקענט אָן דער באָבעס אָרעמס, אָן דער באָבעס פּיס־און־לענדן ענלעכקייט צו אירע אָרעמס, פּיס־און־לענדן. ניט מער — וואָס ביי דער באָבען, אָנשטאָט בריסט, הענגען אַראָפּ צוויי לערע, געלבלעכע זעקלעך. „צי האָבן קינדער, אָדער אָרימקייט האָט עס אַרויסגע־נאָגט?"

— נו, זכריה, באַווייז, אַז דו ביסט אַ גוטער דאָקטאָר און מאַך די באָבע געזונט! — האָט רעבעקאַ מיט ליבשאַפֿט גערעדט אויף דער זייט פֿון איר ברודער.

די טאַנטע גישע האָט אַ טרוקענעם, אָפּגעהאַקטן לאַך געטאָן און איז שטיל געבליבן.

— פֿון וועמען לאַכסטו, טאַנטע, פֿון מיר? — האָט רעבעקאַ אַ פֿאַרשעמטע געפֿרעגט.

— כ'לאַך פֿון זיך אַליין, קינד. כ'טראַכט, ווען מיין נייטן וואָלט דאָ געווען, אפשר וואָלט דער דאָקטאָר אים אויך אויסגעהערט. ער קלאָגט זיך, ס'האַרץ טוט אים וויי.

— שיקט אים אַריין צו מיר אין אָפּיס — האָט דאָקטאָר לוריא איר אָפּגע־ענטפֿערט.

ס'איז ווידער שטיל געוואָרן. דאָקטאָר לוריא האָט אויסגעקלאַפּט און דורכגעטאַפּט דער אַלטערס אַלע גלידער, האָט זיך אויפֿגעהויבן, אַ וויל באַטראַכט דאָס צימער, און איז איבערגעגאַנגען צו גישען, געזאָגט צו איר אין שפּאַס:

— איר מוזט שוין זיין די גרעסטע מבינטע אויף סחורה, אַט אַזוי איבערטאַפּנדיק די שמאַטעס. מיט אייער מבינות האָט איר געמעגט פֿאַרנעמען אַ פּלאַץ אין אַ גרויסן דעפּאַרטמענט סטאָר.

— כ'בין אויף מענטשן אויך אַ מבינטע, אָבער וואָס קומט פֿון דעם אַרויס?

רעבעקא האָט אַ לאַך געטאָן, צוגעגאַנגען צו דער טאַנטע און געזאָגט:

— וואָס אַרט מיך וואָס דו טראַכסט פֿון מיר! כ'האָב זיך אַריינגענומען אינזינען. עפּעס וועל איך אויספֿירן. איר'ט שוין זען.

— פֿאַרוואָס שווייגסטו, זכריה, קלערסט, זי וועט ניט געזונט ווערן? — האָט רעבעקאַ, אַרויסגייענדיק שוין דרויסן, געפֿרעגט.

— ניט וועגן דעם קלער איך איצטער, רעבעקאַ. איך האָב באַטראַכט דיין באָבעס קראַנקן גוף און בשעת מעשה געטראַכט גאָר פֿון דיר. צי איז נויטיק געווען, זאָלסט זיך אָנשלאָגן אויף דיינע קרובים, כדי דו זאָלסט דערוואַכן? דו, פֿאַר זיי, וואָס קענסטו טאָן? אַלע וואָס קענסטו דער באָבען ברענגען עטלעכע דאָלער. דאָס אַלץ און ניט מער. צי זיינען זיי די איינציקע?

איינס אויפֿן אַנדערן פּוילן דאָ מענטשן אַ־אין אָרימקייט. ניט אַלץ, וואָס זיינען אהער געלאָפֿן פֿון רוסלאַנד, זיינען אויפֿגעריכט געוואָרן.

— און די טאַנטע, איר דאַרף איך ניט העלפֿן?

— גוט, רעבעקאַ, ווען דו טראַכסט פֿון דער טאַנטע. כאָטש זי האָט אַ מאַן, אויב ער האָט זיך אין אַמעריקע צו קיין בעסערס ניט דערשלאָגן ווי אומגיין קלייבן שמאַטעס, אים קענסטו אויך אונטערהעלפֿן מיט געלט. דאָס וועסטו נאָך קענען טאָן, ווען דו וועסט ניט לויפֿן פֿון דיין היים. קעראַלאַין וועט דיר געבן עטלעכע דאָלער אַ וואָך פֿון זייערטוועגן.

— כ׳וויל אַליין פֿאַרדינען, זכריה.

— אויב דו ווילסט ווערן זעלבסטשטענדיק, יעמאָלט איז עפּעס אַנדערש. דאָס געהער צו דיין אייגענער צוקונפֿט. אַ פּרוי, פּונקט ווי אַ מאַן, דאַרף דאָ שטרעבן צו זעלבשטענדיקייט. ניטאָ דאָ קיין פּלאַץ פֿאַר דערשלאָגענע מאַמעס.

— העלף מיר, זכריה, איך וויל ווערן פֿריי און זעלבשטענדיק. קעראַלאַין האָט אַ גוט האַרץ. דאָס איז איר חסרון. מיט גוטסקייט הרגעט מען אַמאָל יענעם אַוועק. זי האָט זיך אַליין באַגראָבן לעבעדיקערהייט.

— זי האָט איר לעבן מקריב געווען פֿאַר יענעם. זי האָט פֿאַר זיך ניט געטראַכט. אויב זי האָט חרטונה געהאַט מיט לעאָנאַרדן, איז עס נאָר געווען צוליב דעם, זי זאָל קענען טובֿות טאָן מענטשן. זי טוט אַ סך. זי האָט אויף אים אַ ווירקונג. ער פֿאָלגט זי אין אַלץ.

— ניט אין אַלץ.

— צום ביישפּיל?

— זי האָט געוואָלט, ער זאָל ניט אָפּזאָגן פֿון שאָפּ די עלטערע אַרבעטער, די שוואַכערע מענטשן; האָט ער ניט געוואָלט.

— כ׳האָב דיר אויף דעם ניט וואָס צו ענטפֿערן, רעבעקאַ. ביסט דאָ אין לאַנד געבאָרן געוואָרן. ביסט אין אַמעריקאַנער ווירקלעכקייט אויסגעוואַקסן. לעבסט אין אַ רייכער היים. האָסט זיך ניט צוגעקוקט צום קאַמף וואָס לעאָנאַרד סטאָן, דער אַמאָליקער לייבל חלפֿן, האָט אָנגעפֿירט אַלע יאָרן, כדי צו ווערן דאָס וואָס ער איז. איך האָב דעם קאַמף אָנגענומען אויף מיין אופֿן. האָב געאַרבעט ביי טאָג און געשטודירט ביינאַכט. קעראַלאַין האָט אין די ערשטע יאָרן אויך איבערגעקליבן שמאַטעס ערגעץ אין יענער געגנט. אין איר האָט געלעבט אַ פֿאַרבאָרגענער כוח, אַ צוציאונגס קראַפֿט, וואָס האָט דעם לעאָנאַרדן געהאַלטן צו זיך צוגעבונדן, ווי מ׳האַלט אַ הונט צוגעשמידט צו אַ קייט. קעראַלאַינס כאַראַקטער מעג מען מקנא זיין. נאָר אויב דו האָסט זיך אַמאָל דערשפּירט בלוט־נאָענט צו די מענטשן אין קעלער, און ניט צו די מענטשן וואָס האָבן דיך אויסגעדאַדעוועט, — איז אין דעם פֿאַראַן אַ גוט געפֿיל. נאָר אַ שאָד, וואָס דו באַגרייפֿסט דערוויילניט וואָס פֿאַר אַ געפֿערלעכן וועג דו האָסט אויסגעקליבן.

— וואָס מיינסטו מיט דעם, זכריה?

— אויב דו האָסט אַ פֿאַרלאַנג זיי אויפֿצוריכטן, איז עס מיר פֿאַרשטענדלעך. ס׳איז נאָר אַ פֿראַגע, צי דו וועסט עס קענען באַוויזן. שווער צו הייבן געפֿאַלענע. אויפֿזוכן פֿאַרגעסענע איז איין זאַך, רעבעקאַ, און דער־

הויבן זיי אין עפּעס אַנדערש. ווּעסט דיין טאַנטע ניט דערהויבן מיט דעם, וואָס דו ווּעסט זיך זעצן זייט־ביי־זייט מיט איר איבערקלייבן שמאַטעס.

— כאַ־כאַ־כאַ, — האָט זיך רעבעקאַ צעלאַכט. — פון וואַנען פאַרשטייסטו, אַז איך קלער עס צו טאָן ?

— צי דו קלערסט עס צו טאָן, צי ניט, איז ניט וויכטיק. איינס איז מיר קלאָר, אַז מיט דיין דערנענטערן זיך צו די קרובים פון דיין מאַמעס צד האָסטו זיך דערשפּירט געפאַלן ביי זיך. כדי זיך אויפצוהויבן, ביסטו גרייט אַליין פאַלן נאָך טיפער. איצטער, רעבעקאַ, ווּעסטו אַריינגיין אין אַפּטייק באַשטעלן דעם רעצעפּט פאַר דער באָבען, און איך וועל דיר געבן פינף און צוואַנציק דאָלער ; כ׳וועל דיר פאַנאַנדערזאָגן וואָס דו זאָלסט פאַר אירטוועגן קריגן. דאָס איז אַלץ מכוח זיי. מכוח דיר וועל איך זיך דורכרעדן מיט נייטענען, מיט דניאלן און אוודאי אויך מיט קעראַלאַין.

— און אַז איך וועל אַוועקגיין אין שאַפּ אַרבעטן, ט׳איר מיך לאָזן ?

— כ׳וועל עס דיר ניט פאַרווערן, אויב דו ווּעסט נאָך טאָן דאָס, וואָס איך האָב אין דיינע יאָרן געטאָן. כ׳האָף, ווּעסט זיך לערנען פלייסיק.

אַז מ׳איז אַריינגעקומען אין אַפּיס, האָט רעבעקאַ אַרומגענומען איר שטיפ־ברודער , איבם געקוקט אין די אויגן און געפרעגט :

— זאָג מיר, זכריה, איז דאָס אמת וואָס קעראַלאַין האָט מיר געזאָגט, אַז די לוריאס זיינען אַן אומגליקלעכע משפחה ? האָ, וואָס זאָגסטו ?

— די לוריאַס זיינען דאָ ניט איינגעשלאָפן אין דעם אַמעריקאַנעם הור־האָ. זיינען אין האַרצן געבליבן די רוסישע יידן. צי דאָס איז אַן אומ־גליק פאַר די אַריבערגעקומענע וועט עס די צייט באַווייזן. די לוריאַס זיינען נאָך דערוויילי יידן. מ׳זאָגט, אַז פאַר יידן איז אין ערגעץ קיין גליק און פרידן ניטאָ. מעגסט זיך אין דעם, רעבעקאַ, אַמאָל אויך אַריינטראַכטן.

— ס׳איז אמת. איך בין געראָטן אין מיין טאַנטען אין קעלער. כ׳בין געראָטן אין דער באָבען אויך. וואָס קוקסטו מיך אַזוי אָן, זכריה ? ס׳איז אמת. איך האָב אַזוי שטאַרק מורא פאַר אָרימקייט !

— גיי צוריק אַהיים. קעראַלאַין וועט דיך נאָך גוט אויפנעמען. און געדענק, אַז אַ סך, אַ סך פינצטערע אָרימקייט איז פאַראַנען אין דיין לאַנד. ס׳איז דיין לאַנד מער ווי מיינס. ביסט דאָ געבאָרן געוואָרן.

רעבעקאַ איז געשטאַנען ווי אַ פאַרגליווערטע מיט די פינף און צוואַנציק דאָלער אין האַנט. איר שטיפברודער רעדט פון אַמעריקע, וואו זי איז געבאָרן געוואָרן. זי הערט, און פילט ווי די ערד אונטער אירע פיס זינקט אַלץ נידעריקער, בשעת איר שטיפברודער וואַקסט אַרויס אַלץ העכער און העכער.

* * *

קעראַלאַין סטאָן איז אַלט געוואָרן אַכט און דרייסיק יאָר. נאָענטע און אייגענע האָבן עס פאַרגעסן, און דאָס מאָל ניט געמאַכט קיין ווּעזן פון איר געבוירנטאָג. זי איז צופרידן וואָס אַזוי איז עס אויסגעקומען.

דערפאַר טראָגט קעראַלאַין אין האַרצן דעם יאָרצייט פון אַ מענטשן, וואָס איז געשטאָרבן מיט דרייצן יאָר צוריק, ווען זי איז נאָך געווען די באַשיידענע קריינדל לוריא. יענער מענטש, אַ האַרבאַטער, מיט פולע, גרויסע שוואַרצע

אויגן, וואָס האָט געהייסן אַלעקסאַנדער. ער האָט געהאָפּט, אַז אין אַמעריקע וועלן באַפרייטע מענטשן אויפבויען אַ געלייטערט לעבן. עטלעכע שעה פאַר זיין טויט האָט ער דער יעמאָלטיקער קריינדל לוריא געזאָגט: „דיר קעראָלאַין, קומט אַ שענער לעבן. ביסט עס ווערט. דאַרפסט ניט לעבן אין שמוציקן דלות. אויב דיר וועט זיין גוט, וועסט זיין רייך, וועסטו קענען טאָן אַ סך גוטס. אויב ניט — וועסטו ווערן צעטראָטן. דאָס לעבן גופא וועט דיך צעטרעטן".

זי האָט געפאָלגט. זי האָט חתונה געהאַט מיט אַ מענטשן, וואָס גיט איר עשירות, באַקוועמלעכקייטן, מעגלעכקייטן צו זיין גוט צו לייט.

— איך האָב אים געפאָלגט, ניט דערפאַר, וואָס אין זיינע ווערטער האָב איך אַזוי געגלויבט, נאָר ס'איז יעמאָלט קיין מוט ניט געווען אַנצוהייבן פון דאָס ניי.

קעראָלאַין סטאָן וויל זיך אַליין איינרעדן, אַז יעמאָלט, מיט דרייצן יאָר צוריק, איז איר האַרץ געווען ווּיסגעלאָשן, איר ליבע האָט זי צעטיילט און אַוועקגעשאָנקען צו דערוואַקסענע מענטשן: צו איר פאַרשטאָרבענעם פאָטער, צו אַלע זעקס ברידער, כמעט אַלע עלטערע פון איר, צו דער יתומה וואָס איז איבערגעבליבן פון איר פאָטער און זיין צווייטער ווייב, צו אירע אייגענע צוויי ברידער, צום עלף יעריקן זון איזראַעל, אַ נאָמען נאָך איר פאָטער, און ניין יעריק מיידעלע, טויבע, אַ נאָמען נאָך איר מוטער, וואָס איז מיט דריי און צוואַנציק יאָר צוריק, ערב אַריינקומען אין לאַנד, געשטאָרבן אויפן שיף און „באַגראָבן" געוואָרן אין ים. צו פרי איז זי געוואָרן אַ מאַמע צו דערוואַקסענע מענטשן. אפילו צום מענטשן, וואָס האָט איר געגעבן אַזאַ שיינע היים און „מעגלעכקייט צו זיין גוט" — אויך צו אים איז זי די מאַמע. זי האָט מיט אים קינדער געבאָרן; אָבער קיינמאָל, קיינמאָל האָט נאָך איר לעבן ניט אויפגעלויכטן פון דעם פאַרבאָרגענעם פייער, וואָס האָט אין איר געגליט אין יענע טעג, ווען זי האָט געאַרבעט אין שאָפּ, צי ביי שמאָטעס איבערקלייבן, צי ביי ציגאַרן — יעמאָלט, ווען זי איז געווען אַ זעלבסט־שטענדיקער מענטש.

קעראָלאַינס לעבן איז אומגעריכט צעטרייסלט געוואָרן צוליב איר שטיפשוועסטער, רעבעקא, וואָס זי האָט דערצויגן אין וואוילטאָג, געוואָלט איר געבן דאָס וואָס זי [illegible]יין האָט אין די מיידלשע יאָרן ניט געקראָגן. פונדעסטוועגן האָט די רעבעקא אין איין העלן טאָג גענומען, רעוואָלטירט, באַשר זי וויל זיין אַ זעלבסשטענדיקער מענטש. גענומען און אַוועק צו קרובים פון דער מאַמעס צד, וואָס וואַלגערן זיך ערגעץ אויף מעדיסאָן סטריט.

קיינער קען איר איצטער ניט אויפוואַרפן, אַז צו איר מאַן, צו לעאָנאַרד סטאָן, איז זי ניט איבערגעגעבן. זיין געטרייקייט צו איר שאַצט זי אָפּ. ער טוט ניט קיין וויכטיקן שריט, ער זאָל זיך מיט איר ניט מיישב זיין. ער, דער האַרטער ביזנעסמאַן, ווערט נאָכגעביק צו איר, בשעת אין שאָפּ־ענינים, האַלט ער, איז האַרטן זיין איינציקע דעה. ער איז באַרימט צווישן אַרבעטער ווי אַ „האַרטער נוס"; און ווען ס'קומט צו קעראָלאַין, ברעכן זיך צומאָל אונטער זיינע פיס, ווען זי ווייזט אַרויס צו אים צערטלעכקייט. זי האָט געקענט אָנשטאָפּן אַלע אַלמערס מיט די טייערסטע קליידער, ווען זי וואָלט נאָר געהאַט אַ פאַרלאַנג. ער קוקט איר ניט נאָך, נעמט ניט אָפּ קיין חשבון

וואו זי טוט אַהין דאָס געלט, וואָס זי פֿאָדערט פֿון אים אַ חוץ די דהוצאות אין שטוב.

פֿונדעסטוועגן האָט דער אַכט און דרייסיקטער געבוירנטאָג אויפֿגעוועקט ביי איר אין האַרצן אַלע קוואַלן פֿון טרויער.

ס'איז געווען אַרום האַלבן טאָג. די קינדער זיינען אַוועק אין סקול. די צוויי דינסטן האָט זי בכיוון אַוועקגעשיקט מיט בריוולעך צו משפּחה. אָבער איר רחבותדיקע דירה איז איר מיט אַמאָל געוואָרן פּוסט. זי איז שוין עטלעכע מאָל אַריין אין שלאָפֿצימער. די זון האָט זיך אַהין אַריינגעקליבן און באַגאָסן מיט ליכט די צוויי בעטן, וואָס זיינען געשטאַנען זויבער פֿאַרבעטע, צוגערוקט איינס צום אַנדערן. קעראָלאַין דהאָט אַנגערירט דעם ווייס־געשטריקטן צודעק — אַ מתּנה צו איר לעצטן געבוירנטאָג. פֿאַרן דמיון קומט דוקא אַרויס דער ברוינער, גראָבער צודעק, וואָס האָט מיט דרייצן יאָר צוריק צוגעדעקט איר פֿריינט, דעם מענטשן, וואָס האָט איר געהייסן אַרויס־רייסן זיך פֿון אָרימקייט און פֿינצטערן דלות.

— צי האָט דען אַלעקסאַנדער יעמאָלט געשטרעבט צו אַ לעבן אין עשירות און באַקוועמלעכקייטן? — לויפֿט איר דורך אַ מחשבה. — צי דהאָט ער דען געדאַרפֿט עשירות, כּדי צו קענען לעבן אַ שיין לעבן?

זי האָט ניט געהערט, ווי רעבעקאַ איז אַריינגעקומען. אויף די שפּיצפֿינגער האָט זיך רעבעקאַ אַריינגעשליכט אין שלאָפֿצימער. זי האָט די שוועסטער אַרומגעכאַפּט הינטעראַרום, מיטביידע הענט איר צוגעדעקט די אויגן און מיט איינגעהאַלטענעם אָטעם געוואָרט, קעראָלאַין זאָל טרעפֿן.

— רעבעקאַ... דיינע פֿינגער. כ'האָב נאָר וואָס געטראַכט פֿון דיר. האָסט פֿונדעסטוועגן גענומען אַ שליסל, זאָלסט קענען אַריינקומען ווען דיר וועט זיך פֿאַרבענקען. אוי, נאַרישע מויד, נאַרישע מויד!

קעראָלאַין האָט אַראָפּגענומען רעבעקאַס הענט פֿון אירע אויגן, האָט זי אַרומגענומען און מיט אַ פֿאַרשלאָגענעם אָטעם זי געקושט און גערעדט:

— כ'האָב אַ גאַנצן פֿרימאָרגן פֿון דיר געטראַכט. כ'וויל אַפֿילו ניט פֿרעגן, וואו דו ביסט געווען די גאַנצע צייט. האָסט זיך אויסגעבלייכט.

רעבעקאַ האָט באַמערקט אין קעראָלאַינס פּנים דעם טרויער. זי האָט פֿאַרשטאַנען, אַז ניט גאָר אינגאַנצן איז זי, רעבעקאַ, שולדיק אין קעראָלאַינס טרויעריקן מצב. רעבעקאַ האָט איר שטיפֿשוועסטער גוט געקענט. זי האָט געהאַלטן, אַז קעראָלאַין האָט אַ שוואַכן כאַראַקטער. אויב קעראָלאַין האַלט איר מאַן אין די הענט, אויב ער פֿאָלגט איר אין אַלץ וואָס זי פֿאַרלאַנגט פֿון אים, איז דאָס נאָר צוליב זיין משוגענער ליבע, וואָס אויסער קעראָלאַין זעט ער די וועלט ניט אַרום זיך. רעבעקאַ איז ניט מער קיין קינד, ווי קעראָלאַין וויל עס אַמאָל האָבן. רעבעקאַ פֿאַרשטייט אויך, אַז קעראָלאַין האָט נאָך איר גאַנצע יוגנט ניט אַוועקגעפּטערט. דאָס רייכע לעבן האָט זי ניט פֿאַר־דאַרבן. זי איז אַ ביסל פֿולער געוואָרן, ווי ס'פּאַסט פֿאַר אַ יונגער מאַמע. אָבער אַזוי אָפּט האָט זי אין איר עלטערער שטיפֿשוועסטער דערקענט ווי אין איר פֿלאַקערט אויף אַ פֿייער, ניט וואָס פֿאַרצערט, נאָר וואָס באַלייכט אַלע פֿינצטערע ווינקעלעך פֿון לעבן. ווען זי האָט איצטער געזען איר עלטערע שוועסטער אַ טרויעריקע, ניט־צופֿרידענע, האָט זי עס אויף איר אייגענעם אופֿן פֿאַרשטאַנען.

רעבעקאַ האָט פון זיך אַראָפּגעוואָרפן דעם מאַנטל, זיך אויסגעצויגן אויף איינעם פון די בעטן און גערעדט מיט אַ באַהאַלטענעם שמייכל:

— אַנטשולדיק, קעראַלאַין, וואָס כ׳האָב זיך אַנידערגעלייגט אויף דיין בעט... קום, זעץ זיך אַנידער אָטאָ־דאָ. גיב מיר דיין האַנט. כ׳ווייס, ביסט אויף מיר אין כעס. כ׳האָב אַנדערש ניט געקענט, קעראַלאַין. כ׳פאָלג, וואָס מיין האַרץ הייסט מיר. כ׳האָב מורא, דאָ אין שטוב וועל איך, ווי דו, פאַרגליווערט ווערן.

דער עלטערער שוועסטער האָט אַ שלאָג געטאָן ס׳בלוט אין פּנים אַריין. באַלד האָבן זיך אָפּגעזעצט אין ביידע באַקן רויטע פלעקן, און אַרום — אַ קאַלטע בלאַסקייט. רעבעקאַ האָט עס באַמערקט. איר האָט ניט פאַרדראָסן, הלמאי זי האָט עס אַרויסגעזאָגט.

קעראַלאַין האָט באַטראַכט די שלאַנקע רעבעקאַ. די גאָלדענע האָר האָבן זיך צעשאָטן אויפן קישן און פאַרדעקט אַ העלפט פון איר שמאָלן פּנים. די ברוינע אויגן זיינען געווען אָנגעגאָסן מיט זוניקייט. אויפן געדאַנק איז איר געקומען רעבעקאַס מוטער, ריוועטשע די ליטוועטשקע, בשעת זי האָט מיט איר זיך געטראָפן ביים יידישן בית עולם אויף טשעטעם סקווער, ווען יענע האָט איר, דער יעמאָלטיקער קריינדלען, אָן ווערטער דערציילט פון איר ליבע צו ישראל לוריאן, דעם פאָטער אירן. „יענערס פּנים!״ — האָט איר דער געדאַנק אַ קלאַפּ געטאָן אין קאָפּ. רעבעקאַס פּלוצלונגע דערוואַקסנקייט האָט קעראַלאַין צעטומלט.

— אַזוי, אַזוי — האָט קעראַלאַין געגלעט רעבעקאַס אָרעם — ווילסט מער ניט לעבן ווי איך האָב געלעבט ביז איצטער. אפשר, ווען דו בלייבסט ביי דניאלן, ביי לילי׳ען־רות... יאָ, לילי׳ען־רות איז נאָך אַלץ אַ מענטש מיט אַ פּייערל אין האַרצן. כ׳זע, רעבעקאַ, ווילסט מיך קליגער מאַכן, און רעדסט ניט אַרויס וואָס דו מיינסט.

— ביסט גערעכט. מיר איז שווער צו רעדן. אפשר האָב איך גאָרניט געדאַרפט זאָגן דאָס וואָס דיר זאָל ווי טאָן.

קעראַלאַין האָט גוט פאַרשטאַנען וואוהין איר שוועסטער צילט. ס׳האַרץ האָט איר אָנגעהויבן קלאַפּן, ווי זי וואָלט פּלוצלונג דערשפּירט אַ סכנה. וועגן אַלץ אין דער וועלט האָט קעראַלאַין איצטער געוואָלט רעדן מיט איר שטיפשוועסטער, אָבער ניט פון איר, קעראַלאַינס, אייגן לעבן. זי וויל ניט אימעצער זאָל נאָכקוקן איר לעבן און משפּטן. וואָס זי לעבט איבער אינדערשטיל — איז עס איר אייגענער סוד.

קעראַלאַין האָט בכיוון געפּרואווט איבערטראָגן דעם שמועס אויף איר צווילינג־ברודער, אויף דאָקטאָר לוריאן.

— האָסט זכריהן געזען? מ׳דערציילט, ער האָט זייער אַ טשיקאַווע פּאַציענטקע. אַ גערירטע פון זינען צוליב דעם, וואָס מ׳האָט אין די פּאָגראָמען איר חתן געהרגעט. זכריה דערציילט, אַז זי בעסערט זיך.

— אַ ליבע, וואָס פירט אַראָפּ פון זינען, איז עפּעס ווערט. אַ לעבן אָן ליבע, אָדער לעבן מיט אַ מאַן וואָס האָט ניט ליב, איז אין מיינע אויגן ווי אָפּצולעבן אַ לעבנלאַנג אויף אַ בית עולם. כ׳זאָג עס טאַקע אַנטקעגן דיר, קעראַלאַין. צוליב וואָס האָסטו מיך אַריינגענומען צו זיך אין שטוב, כ׳זאָל זיך צוקוקן ווי דו לעבסט? ביסט נאָך יונג. הרגעסט אָוועק דיינע טעג־

און־נעכט אין דער רייכער דירה. כ׳ווייס, וועסט מיר זאָגן, אַז מ׳האָט מיט אַ מאַן קינדער איז אַ סימן, אַז מ׳האָט אים ליב.

קעראָלאַין האָט געהערט און געשוויגן. ס׳האָט זי אַ פּאָר מאָל אַריינגעוואָרפן אין היץ און אין קעלט. אַמאָליקע יאָרן, בעת ס׳האָט זיך אַ סך אָנגעקליבן אויפן דהאַרצן, האָט אַ קוואַל שטילע טרערן פאַרשווענקט איר גאַנץ לעבן. אָבער איצטער, אין איר שטיפשוועסטערס לעצטע ווערטער, פילט זי אַ סך ביטערניש אויסגעמישט מיט שלעכטקייט. זי פּרוּווט זיך דורכקלייבן דורך די צוועלף יאָר וואָס רעבעקאַ איז ביי איר אין שטוב געווען. ווי אַ מאַמע דהאָט זי רעבעקאַן באַהאַנדלט, געקליידט, געשוכט, געשיקט אין שול אַריין. די ליבע, מיט וועלכער זי האָט רעבעקאַס גאָלדענע האָר געוואַשן און פאַנאַנדערגעקעמט! זי פּרוּווט אויך דורכלויפטערן די לעצטע פּאָר יאָר, זינט רעבעקאַ האָט אַזוי אויפגעבליט. בחורים האָבן אָנגעהויבן נאָכצוגיין אירע טריט. קינדער פון רייכע עלטערן באָטן זיך אָן. „וואָס איז פּאָרט די סיבה פון אַזאַ איבערקערעניש?"

— זאָג מיר פונדעסטוועגן, רעבעקאַ, וואָס האָסטו באַשטימט צו טאָן? דאַרפסט דאָך ערגעץ האָבן אַן אָרט וואו צו זיין? — האָט קעראָלאַין, אַ טיף באַליידיקטע, געפרעגט.

— איך וועל די טעג אָנהייבן אַרבעטן אין אַ שאָפּ.

— האָסט דאָך געוואָלט גיין לעבן מיט זכריהן.

— כ׳דהאָב חרטה געהאַט. כ׳וויל זיך אָפּזונדערן פון די לוריאַס.

קעראָלאַין האָט זיך אַ ריס געטאָן פון פּלאַץ און איז מיט האַסטיקע טריט אַרויס פון שלאָפצימער. אָנשטאָט וויינען, ווי איר האָט זיך פריער שטאַרק געגלוסט, האָט זי איצטער געוואָלט, איר שטיפשוועסטער זאָל טאַקע זיין דערוואַקסן גענוג, זי זאָל מיט איר קענען האָבן אַ שמועס און אַראָפּרעדן אַלץ, אַלץ פון האַרצן.

איינס איז איר קלאָר געווען, אַז ניט ריכטיק האָט זי געהאַנדלט, וואָס זי האָט גענומען אַ קינד, געבאָרן אין אָרימקייט און שווערער פּראַצע, און האָט זי געהאָדעוועט, זי זאָל אויסוואַקסן אַ לײדיקגייערקע. אויב רעבעקאַ האָט עס דערשפּירט און וויל באַצייטנס ווערן זעלבסטשטענדיק — איז עס איר, קעראָלאַינס, שטראָף. אויב מיט דעם ווערט עס איר אָנגעוואונקען, אַז אויך זי, קעראָלאַין, וואָס האָט פאַרבראַכט אַזויפיל יאָרן אויף לודלאָוו סטריט אין יענער פינצטערער דירה, וואו זי האָט ניט איינמאָל אויסגעווייקט די קישן אין טרערן, אַז אויך זי מאַכט פון די איצטיקע גוטע יאָרן גאָרנישט מיט נישט.

אַ קלעמעניש האָט אַרומגעכאַפּט איר דהאַרץ. קעראָלאַין איז אַריין אין פּאָדערשטן צימער, זיך געשטעלטביים שפּיגל איבערן קאַמין, און באַמערקט איר דערשראָקן, איינגעפאַלענעם פּנים. ניט די אַכט און דרייסיק יעריקע קעראָלאַין, וואָס האָט אַזויפיל לויבגעזאַנגען געקראָגן פון אייגענע און פרעמדע פּאָר איר האַלטן זיך יונג און שיין, איז איצטער געשטאַנען פאַרן שפּיגל. אַ מאַמע, וואָס איז שוין מיט צוואַנציק יאָר צוריק צעפּלאָגט געווען, איז געשטאַנען פאַר אירע אויגן. ס׳האָט ניט געפּאַסט צו איר איצטיקן פּנים דאָס שוואַרצע, זיידענע קלייד מיט די ווייסע שפּיצן וואָס זי האָט געטראָגן. פאַרן געדאַנק לויפן פאַרביי אירע ברידער און די שוועגערינס: דניאלס ווייב,

ליליען־רות, די גרטע; נתנס ווייב, דינה לוריא, די פּאַרעקשנטע אַרבעטער־פירערין, ערגעץ אויף אַ פאַרם אין די קעטסקילס הילס פּשוטע, געזונטע ווייב, מיגע . . . מיט אַלע שוועגערינס איז זי אַזוי גוט אויסגעקומען. אַלע, אַלע פאַרגינען איר. און די איינציקע שטיפשוועסטער, וואָס איז אויסגע־וואַקסן אונטער איר שוץ, וואָס זי האָט זיך אַזויפיל אָנגעליטן פון איר . . . „איז דאָס אַ באַלוינונג, אָדער אַ שטראָף?"

רעבעקאַ איז אַריינגעקומען, אָנגעטאָן אין מאַנטל, גרייט אַוועקצוגיין.

— ביסט פון מיר אַנטלאָפן ווי פון אַ פּעסט — האָט רעבעקאַ שטיל געזאָגט. — ביסט גערעכט. כ'האָב דיר ניט געדאַרפט זאָגן אַלץ וואָס איך האָב אויסגעפּלוידערט. אויב איך טראַכט פון דיר אַוועקצוגיין, לעבן באַזונדער, צוליב וואָס זאָל איך זיך מיט דיר קריגן?

רעבעקאַ האָט זיך פּלוצלונג דערשפּירט ווי מ'וואָלט איר אויסגעפּאַטשט דאָס פּנים. זי האָט זיך פּלוצלונג צעוויינט.

— דאַרפסט, רעבעקאַ, ניט וויינען. אויב דו האָסט זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף, דערזען אַ ליכטיקע וועלט, וואָס ליגט ווייטער פון מיין שטוב, איז רעכט. מיט אַלץ, וואָס איך קען דיר העלפן, בין איך גרייט עס צו טאָן. ווילסט ניט זיין ביי מיר אין שטוב, נו, איז גוט. וועל איך דיך מיט געוואַלד ניט דהאַלטן. האָסט ניט ליב דעם מענטשן וואָס קומט אַריין אַהער צו דיר, האָכבערגס זון . . . קיינער רעדט דיך ניט צו מיט אים חתונה צו האָבן. דיך ציט צו דער מאַמעס משפּחה. ווילסט זיי ניט אַרויסנעמען פון קעלער, וואו זיי לעבן, נאָר דו ווילסט גיין לעבן ווי זיי — פאַרגין איך עס דיר. אפשר זיינען מיינע יאָרן געווען די בעסטע יעמאָלט, ווען כ'האָב געלעבט אויף לודלאָו סטריט, און ניט געהאַט אַן אייגענע קאַרעטע, ווי איצטער, מיט אַ פּאָר פערד אַרויסצופאָרן. זאָג מיר, רעבעקאַ . . .

— האַ? — האָט רעבעקאַ אויף איר אָנגעשטעלט די אויגן ווי זי וואָלט גאָרניט געהערט וואָס די שטיפשוועסטער האָט צו איר גערעדט.

— ביסט גערעכט, אויב דו ווילסט ניט הערן וואָס איך רעד. כ'וויל דיר נאָר זאָגן, אַז אויב ניט ביי זכריהן, וויל איך, זאָלסט דיר דינגען אַ צימער ערגעץ ניט ווייט פון דאַנען. אַנשטאָט גיין אין אַ שאַפּ אַרבעטן, אויב דו ווילסט זיך דערשלאָגן צו זיין אַ זעלבסטשטענדיק מיידל, טו דאָס אייגענע וואָס זכריה האָט געטאָן. ער וועט דיר אַרויסהעלפן. קענסט ווערן אַ פּרויען־דאָקטאָר. וועסט יעמאָלט מער נוצן ברענגען זיך און יענעם, ווי צו אַרבעטן אין אַ שאַפּ.

רעבעקאַ דהאָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און פאַרוואונדערט אָנגעקוקט איר שוועסטער. זי האָט ניט געקענט באַגרייפן דער שוועסטערס רואיקייט. אַ ניט־געצוואונגענע רואיקייט, בעת מיט אַ ווײַלע צוריק האָט זי איר שוועסטער אַזוי טיף ווי געטאָן.

רעבעקאַ זוכט ביי זיך אַליין ווערטער מיט וואָס אָנצוהייבן, זי וויל פאַר־ריכטן דאָס וואָס זי האָט קאַליע געמאַכט. איר הייבט אָן צו פאַרדריסן הלמאי זי האָט גענומען און בידים צעשטערט אַ לעבן פול מיט ליבשאַפט.

זי איז צוגעגאַנגען צו איר שטיפשוועסטער, געקושט איר פאַרצאָגט פּנים, און גאָרניט געזאָגט. זי האָט געוואַרט, קעראַלאַין זאָל איר עפּעס זאָגן, אָבער

מער ווי טרערן האָט איצטער קעראָלאַין ניט פאַרמאָגט פאַר אירעטוועגן. מער ווי טרערן האָט רעבעקאַ איצטער אויך ניט פאַרמאָגט, כדי צו פאַרריכטן דעם ריס וואָס זי האָט מיט אַ ווײַלע צוריק געמאַכט אין איר שוועסטערס לעבן.

— האָסט מיר געמעגט זאָגן דאָס, וואָס דו האָסט פריִער געזאָגט, ווען איך וואָלט געווען דײַנע אַן עלטערע שוועסטער. בין איך אָבער אַלע יאָרן געווען צו דיר אַ מאַמע. אויב דו קענסט ניט שוינען די עלטערע שוועסטער, זײַ גוט צו דײַן מאַמען, וואָס מיינט נאָר דײַן גוטס.

רעבעקאַ איז אַוועק צוריק צו זיך אין צימער. מיט אַ ווייטיק אין איר גאַנץ לײַב איז זי אַוועקגעפאַלן אויף איר געלעגער, וואָס זי האָט אויף גאַנצע פינף טעג פאַרלאָזן.

קעראָלאַין איז געבליבן מיט אַ געבויגענעם קאָפּ. צו שווער איז איר געווען איבערצוטראָגן דעם אמת, וואָס זי האָט נאָר וואָס פון איר שטיפ־שוועסטער געהערט.

קאַפּיטל פינף

לעאָנאַרד סטאָן האָט געהאַט אַ שלעכטן טאָג. אָבער נאָך ערגער איז דאָס געווען פאַר קעראָלאַין סטאָן. גלייך פון אינדערפרי האָט זיך עס אָנ־געהויבן אין איינעם פון זייערע שעפּער, וואו ער האָט אָפּגעזאָגט דרייסיק אַרבעטער, עלטערע, שוואַכערע מענטשן.

די אָפּגעזאָגטע אַרבעטער, מייסטנס עלטערע יידן און פרויען, ווען לעאָנאַרד סטאָן איז געקומען אין שאַפּ אַריין, זיינען זיי שוין געשטאַנען ביים טיר פון אָפיס, צונויפגעשלאָגענע ענג ווי אַ סטאַדע שאָף, וואָס דערשפּירט סכנה, און האָבן מיט צעשראָקענע, פאַרביטערטע בליקן, פאַרשטעלט דעם באָס דעם וועג.

— וואָס ט׳איר זאָגן גוטס? — האָט לעאָנאַרד סטאָן זיי אָפּגעמאָסטן מיטן בליק, גלייך ווי פון הימל וואָלטן זיי אים אַראָפּגעפאַלן. — וואָס, דער פאָרמאַן האָט אייך ניט איבערגעגעבן מיין אָרדער? ביי מיר אין שאַפּ איז פאַר אייך קיין אַרבעט ניטאָ.

— איז דאָס אַלץ, וואָס איר האָט אונדז צו זאָגן, מיסטער סטאָן? — האָט אַן עלטערער ייד, מיט אַ צעפּאַטלטער, בלוילעך־גרויער באָרד, אַרויסגע־טראָטן אַ פאַר טריט פאָרויס, ווי ער וואָלט דעם באָס געוואָלט אָננעמען פאַר די לאַצן. — אייך איז גרינג צו זאָגן, אַז איר האָט מער פאַר אונדז ניט קיין אַרבעט. האָט איר אַ טראַכט געטאָן וואָס מיר וועלן אָנהייבן צו טאָן, אויב איר וואַרפט אונדז אַרויס אין סטריט?

— כ׳קען אַ גאַנצע וועלט ניט פאַרזאָרגן, — ד׳האָט לעאָנאַרד סטאָן געביסן די ליפּן. — איר זייט ניט די איינציקע. באַלד, באַלד רוקט זיך אָן אַ קריזיס.

— וואָס זאָלן מיר טאָן? — האָט אַ מיטל־יעריקע פרוי, דאָס טיכל פאַר־בונדן שטייף אונטער דער גאָמבע און אַרויסגעשטעלט צום באָס אַ פאַר־שפּיצטע, צעשראָקענע נאָז. — קען מען דען לעבעדיקערהייט אין דר׳ערד אַריין?

— שרייבט בריוולעך קיין יוראָפּ, יידן זאָלן אַהער ניט לויפן. ס׳ווערט ענגער פון טאָג־צו־טאָג. מ׳קען ניט אָננעמען געגוג אַרבעט פאַר אַלעמען. ווייסט איר דאָך, די וואָס די יוניע שטעלט זיך איין פאַר זיי... מיט דער יוניע וויל איך זיך ניט קריגן.

— וואו יוניע, ווער יוניע? ווער פאָלגט דער יוניע? מיסטער סטאָן האָט גאָר מורא פאַר אַ יוניע! אייך, אַפּנים, גייט ניט אָן, צי מ׳דאַרף לעבן, צי ניט. אין דר׳ערד זאָל זי גיין די יוניע, וואָס קלייבט אויס נאָר אירע

מענטשן. אַז אונדז פֿאַרצאַפּט מען ס׳בלוט, איז ניטאָ אַפּילו קיין האָן וואָס זאָל אַ קריי טאָן.

— האָט רחמנות, מיסטער סטאָן, — האָט דער ערשטער ייִד געפּינטלט מיט די פֿאַרטרערטע אויגן. — ס׳הייסט, מ׳זאָל ייִדן שרייבן, זיי זאָלן זיצן דאָרט אין רשעים־לאַנד? קען מען עס? קען מען האָבן אַ דרך־ארץ דאָס צו טאָן? אייך איז גרינג צו זאָגן, שרייבט, ייִדן זאָלן אַהער ניט לויפֿן, הײַ אייך איז גרינג נעמען און לאָזן אונדז אויפֿן וואַסער.

— כ׳קען איצטער פֿאַר אייך ניט טאָן מער. אפשר אין אַ פּאָר וואָכן אַרום, אפשר וועל איך אייך אַרויסגעבן צוביסלעך אַרבעט אַהיים.

— מיסטער סטאָן, — האָט אַ ייִנגערע, שוואַרצהנעוודיקע פֿרוי פֿאַר־שאַרצט אויף אַרויף איר קאַפּעליושל און זיך אַ ריס געטאָן פֿאָרויס, בשעת לעאָנאַרד סטאָן האָט שוין אָנגענומען ס׳הענטל פֿון טיר, — האָט רחמנות אויף מײַנע דרײַ יתומימלעך, — האָט זי אײַנגעטענהט. — כ׳בין אַ וויסטע אַלמנה, בין איך, וואו זאָל איך גיין, בעטלען טשאַריטי זאָל איך? כ׳וויל פֿאַרדינען ערלעך מיט מײַן האַרעוואַניע, וויל איך. וואַרפֿט מיך ניט אַרויס, ס׳איז מײַן לעבן אַזוי אויך צעפּלאַגט. דער מאַן איז פֿאַריאָרן פֿון סוכאָטע געשטאָרבן, איז ער; ס׳וואָלט מיר שוין אוודאי בעסער געווען אומקומען דאָרטן אין די פּאָגראָמען, ווײַ איז מיר... — האָט זי אויסגעבראָכן מיט אַ געוויין ווי צו באַקלאָגן אַ טויטן. — וואוהין זאָל איך גיין מיט מײַן אומגליק? וואוהין זאָל איך זיך ווענדן מיט מײַנע צרות? נאַט אייך מײַנע הענט, — האָט זי אויסגעשטרעקט אירע הענט לעאָנאַרדן אין פּנים אַרײַן. — זאָל איך זיי אָפּהאַקן און באַגראָבן וואו מײַן מאַן ליגט באַגראָבן?! נאַט אייך מײַנע הענט, נעמט אַ האַק און האַקט זיי מיר אָפּ, וועל איך צו קיינעם קיין טענות ניט האָבן! לאָזט ניט, מ׳זאָל אונדז אַרויסוואַרפֿן אין סטריט, לאָזט ניט, זאָג איך אייך!

די אָדערן בײַ די זײַטן האַלדז האָבן זיך אויפֿגעבלאָזן בײַ דער פֿרוי, אירע אויגן האָבן זיך מיט בלוט אָנגעגאָסן.

— טרעט ניט אָפּ פֿון דאַנען, מענטשן! לאָזט זיך ניט טרעטן מיט די פֿיס. זיי דאַרטן אײַנעווייניק וועלן אַרבעטן, פֿאַרדינען, טראָגן אַהיים ווײַדזשעס, באשר פֿאַר זיי נעמט זיך אָן די יוניע. קומט, לאָמיר צו זיי אויסלאָזן אַלע וויסטע חלומות!

— גייט אַהיים, איך וועל זיך דורכריידן מיט מיסטער סטאָן, אפשר וועט ער וואָס טאָן. גייט איצטער אַהיים.

דאָס האָט געזאָגט קעראָלײַן סטאָן, וואָס איז אָנגעקומען אויף די רייד פֿון דער אויפֿגערעגטער פֿרוי. זי איז געבליבן שטיין פֿון הינטן און געהערט. לעאָנאַרד סטאָן האָט זי באַמערקט. ער האָט פֿאַרשטאַנען, אַז זי וועט זיך וועלן אַרײַנמישן, אָבער ער האָט ניט געקענט פּועלן בײַ זיך, הייסן, זי זאָל אַרײַנגיין אין אָפּיס.

— יאָ, לעאָנאַרד, דו וועסט זיך איבערלייגן. זאָג זיי צו, לעאָנאַרד, אַז דו וועסט זיך איבערלייגן.

— מיר וועלן נעמען אייער וואָרט, — האָט דער עלטערער ייִד זיך ווי געראַטעוועט פֿון אַן אומגליק. — גוט, מירן נעמען אייער וואָרט.

— נעם ניט פאַר אומגוט, קעראָלאַין, גיי אַריין אין אָפיס, — האָט לעאָנאַרד מיט איינגעהאַלטענעם כעס זיך געווענדט צו קעראָלאַין.

קעראָלאַין איז אַריין אין אָפיס. לעאָנאַרד איז באַלד אַריין נאָך איר, פאַרמאַכט די טיר הינטער זיך, און זיך אַראָפּגעלאָזן אַ דערשלאָגענער אויף אַ שטול.

אַ ווײַלע איז קעראָלאַין געזעסן אַ צעטומלטע, ניט געוואוסט פון וואָס אָנצוהייבן. געקומען איז זי אין שייכות מיט משפחה־ענינים; צום סוף האָט זי זיך אָנגעשלאָגן אויף אַזאַ טרויעריק בילד. אַליין אָפּגעריסן פון שאָפּ־לעבן, האָט זי געגלייבט, אַז אַזעלכעס פאַרלויפט ניט ביי אַיר מאַן אין שאָפּ.

— פאַרוואָס האָסטו זיי אָפּגעזאָגט? — ד'האָט קעראָלאַין געפרעגט.

לעאָנאַרד האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און בלאָס געשמייכלט.

— כ'פרעג דאָך, ל'עאָנאַרד, פאַרוואָס האָסטו זיי אָפּגעזאָגט?

— וואָס האָט דיך געטריבן אין שאָפּ אַריין אַזוי פרי? מסתמא שטאַרק וויכטיק, אַז דו האָסט ניט געקענט וואַרטן ביז כ'וועל קומען אַהיים.

— כ'ווייס ניט, וואָס עס איז מער וויכטיק. כ'וויל נאָר וויסן, פאַרוואָס דו האָסט זיי אָפּגעזאָגט פון שאָפּ.

— מ'ד'האָט זיי ניט געטאָרט אַריינגעמען. ווען ס'איז געווען אַרבעט, האָט מיך ניט געאַרט. אַרבעט ווערט ווינציקער, אָרדערס פאַלן.

— טאָ פאַרוואָס קומט אויס, וואָס מ'וואַרפט אַרויס אין גאַס די שוואַכע, די אַלטע, אָדער אַזאַ אַלמנה ווי די, וואָס האָט געקלאָגט?

— יעדן איינעם וואָס מ'וואַרפט אַרויס פון שאָפּ, איז שלעכט. כ'האָב זיי געהייסן שרייבן צו זייערע קרובים אין רוסלאַנד, מ'זאָל אַהער מער ניט לויפן.

— מיינסט אָפּנים, אַז נאָר פון דיינע שפּעטער ציען חיונה אַלע, וואָס אַנטלויפן פון די פּאָגראָמען?

— כ'פאַרשטיי ניט, קעראָלאַין, פאַרוואָס דו פרעגסט עס מיך. איינס פון די צוויי: — פיר איך די ביזנעס און דו מישט זיך אין דעם ניט, טאָ ל'אָז מיך טאָן ווי איך פאַרשטיי. נאָר אויב דו ווילסט פירן מיינע ביזנעס, פּליז, העלפּ יורסעלף! וויל איך טאַקע זען ווי דו וועסט באַהאַנדלען מענטשן, אויב דו וועסט דאַרפן אויסאַרבעטן טויזנטער דאָלערס ווייַדזשעס.

דאָס האָט קעראָלאַין צום ערשטן מאָל געהערט. אומגעריכט איז עס איר געקומען. זי האָט אין זיינע ווערטער דערשפּירט אַ ביטערקייט. ער רעכנט זיך אָפּ מיט איר פאַר איר ווייכן כאַראַקטער, וואָס וויל זיך אומעטום אַריינמישן. זי האָט זיך שטענדיק אויסגעהיט צו באַנוצן אַנטקעגן אים האַרבע ווערטער. נאָך אַלעמען האָט זי ביי אים אויסגעפירט אַ סך מער מיט גוטסקייט.

— אויב דו ווילסט, לעאָנאַרד, כ'זאָל זיך ד'האַלטן גאָר פון וויטן, גאַרניט אַריינקוקן אין דיינע ביזנעס, מער ניט ווי נעמען ביי דיר די הונדער־טער דאָלער און אויסגעבן זיי...

— ס'איז אַ קלייניקייט, קעראָלאַין, — האָט לעאָנאַרד געפּרואווט בייטן זיין טאָן. — מאַלע וואָס עס פאַרלויפט אין שאָפּ, וואו עס אַרבעטן הונדערטער מענטשן.

קעראַלאַין איז אויפגעשטאַנען און אָנגעהויבן צורעכט מאַכן אויף זיך דעם פוטער, גרייט אַוועקצוגיין.

— קעראַלאַין, וואָס איז מיט דיר? פאַרוואָס נעמסטו זיך אַזוי צום האַרצן? כ׳האָב באמת דיך גערדאַרפט האַלטן אין אָפיס, זאָלסט זיך באַקענען מיט דעם קאַמף וואָס עס קומט אויס אַ מאַנופעקטשורער אָנצופירן כדי ער זאָל זיך קענען האַלטן אויף די פיס. אויב דאָס איז אַ זינד אַזוי צו באַהאַנדלען אַרבעטער — קויף איך אויס מיינע זינד. איך בין ניט קיין שווין ווי אַ סך מאַנופעקטשורער, רייכערע פון מיר. איך גיב גענוג אויף טשאַריטי. איר אַלע האָט נאָר רעספּעקט ווען ס׳קומען צונ׳אייך אַראָפּ די דייטשע יידן, מיליאָנערן, און פיינען זיך אויס. קיינעם פאַלט ניט איין צו פרעגן ווי אַזוי אַרום זיי האָבן זייערע מיליאָנען געמאַכט. אַלע לויפן הערן דעם באַנקירל שיף, ווען ער באַווייליקט אַראָפּצוקומען אויף דער איסט־סאַיד, אויסמוסרן אייך אַלעמען און דערנאָכדעם צוואַרפן אַ פּאָר צענדליק טויזנט דאָלער אויף טשאַריטי. קיינעם פאַלט ניט איין צו פרעגן, פון וואַנען ער האָט געמאַכט זיינע מיליאָנען. כ׳וויל, זאָלסט עס פאַרשטיין, קעראַלאַין.

— אַ דאַנק וואָס דו האָסט עס מיר געגעבן צו פאַרשטיין. אַ שאָד וואָס דיינע קינדער האָבן עס ניט געהערט.

אַזוי רואיק און קאַלט ווי זי האָט עס אַרויסגעזאָגט, אַזוי רואיק איז זי אַרויס פון אָפיס. אפילו ניט נאָכגעקוקט וואָס פאַר אַן איינדרוק אירע לעצטע ווערטער האָבן געמאַכט אויף איר מאַן.

קעראַלאַין איז אַרויס דרויסן אַ דערשלאָגענע. זי איז געבליבן שטיין אַ ווײַלע, זיך אַרומגעקוקט וואוהין צו פאַרקערעווען. צוריק אַהיים האָט עס ניט געצויגן. געטריבן אַזוי פרי אין שאָפּ צו איר מאַן האָט זי דער משפחה־ענין, וואָס האָט אפשר מער געהאַט צו טאָן מיט די ברידער ווי מיט איר מאַן. זי האָט געוואָלט בעטן איר מאַן, ער זאָל צו זיך אין אָפיס אַרייננעמען איר שטיפשוועסטער, רעבעקאַן, וואָס האָט זיך אַריינגענומען אין קאָפּ צו ווערן זעלבסטשטענדיק, און איז צוליב דעם אַוועק פון שטוב. צום סוף האָט זי זיך אָנגעשלאָגן אויף אַ סצענע וואָס האָט איר האַרץ צעבראָכן. זי איז מיטן דמיון פאַרטראָגן געוואָרן צוריק מיט צוואַנציק יאָר, ווען זי האָט אַזוי געהאַסט דעם איצטיקן לעאָנאַרד סטאָן, און יעמאָלטיקן לייבל חלפן, אינאיינעם מיט זיינע שוויץ־שעפּער אין די פאַרדומפּענע לעכער אויף לודלאָוו און העסטער סטריט, וואו איר פאָטער האָט זיך געפּלאָגט. צוליב אירע יעמאָלטיקע געפילן צו דעם אַמאָליקן לייבל חלפן איז זי יעמאָלט אַוועק אַרבעטן ביי ציגאַרן און איבערקלייבן שמאַטעס.

איר מאַנס געשטאַלט הייבט אָן פינטלען פאַר די אויגן. אָט איז ער לייבל חלפן, דער ניט־באַליבטער, קליינלעכער באָס, ווי יעמאָלט באַפאַלן אים אָפּט אַרבעטער מיט געוויינען און קללות; און אָט איז ער לעאָנאַרד סטאָן, דער שווערגעוואָרענער, גרויסער מאַנופעקטשורער, וואָס איז אפילו אָנגענומען אין די קרייזן פון דייטשע יידן. און מיט אַמאָל — ווידער דאָס געוויין און די קללות פון אַרויסגעוואָרפענע אַרבעטער. „נאָט אייך מיינע הענט, האַקט זיי אָפּ, וועל איך צו קיינעם קיין טענות ניט האָבן״ — קלינגען אין די אויערן די יללות פון דער פאַרצאָגטער אלמנה.

קעראַלאַין איז צופוס אַוועק אויף די שפּורן פון איר שטיפשוועסטער. זי איז אַוועק אויף מעדיסאַן סטריט, אין קעלערוואויבונג, וואו ס׳האָט געלעבט איר באָבע און איר מומע.

מ׳האָט זי דאָרטן קאַלט אויפגענומען, פונקט ווי זי וואָלט געקומען אַוועקרויבן דאָס ביסל גליק פון די דערשלאָגענע, פאַרפינצטערטע שמאַטע־קלייבער אין דומפּן קעלער; דאָס ביסל גליק, אין געשטאַלט פון אייניקל און פּלימעניצע, וואָס האָט זיך פון איר רייכער געפּענקעניש אַרויסגעריסן צו קומען העלפן אַ קראַנקער באָבען.

— ס׳אי פאַראַן אַ גאָט אויף דער וועלט, — האָט די קראַנקע באָבע פון איר בעט גערעדט. — כ׳האָב געהאָפט, אַז מיין אייניקל, אַ וויסטע יתומה פון דער אומגעקומענער טאָכטער, וועט קומען צוריק אַהין, פון וואַנען די מאַמע אירע האָט אַפּגעשטאַמט. זי וויל האָרעווען, אויסהאַלטן איר באָבען. זאָל איר גאָט בענטשן דערפאַר.

די רויטהאָריקע טאַנטע גישע האָט אויך ניט געזשאַלעוועט קיין שטעכווערטלעך:

— אויף דיר האָט מען געזאָגט, אַז דו ביסט הוילע האָרץ. ריווטשע האָט דיך ליב געהאַט. אוודאי האָסטו געמיינט נאָר גוטס טאָן דיין טאַטנס קינד. צוליב אים איז ריווטשע פאַר דער צייט אַוועק פוילן אין דר׳ערד.

קעראַלאַין האָט די גאַליקע ווערטער אַנגענומען פאַר גוט. זי האָט געזוכט אַ באַרעכטיקונג פאַר די שטעכווערטער פון די צוויי פרויען, וואָס פוילן אין קעלער זינט זי, קעראַלאַין, איז נאָך אַ מיידל געווען. קעראַלאַין האָט בשעת מעשה געשפּירט דעם גוטן פוטער וואָס זי האָט געטראָגן אויף זיך. איר איז אין פוטער ענג און דרייס געוואָרן. צו פרואוון זיך אויסרעכענען מיט די צוויי ווייבער האָט קעראַלאַין ניט געוואוסט ווי אַזוי. דערמאָנען, אַז מיט ניינצן יאָר צוריק, בשעת זי אַליין האָט זיך געוואַלגערט אין פינצטערע שעפער, האָט זי צוגענומען אַ יתומה וואָס איז געבליבן פון איר פאָטער, און געהאָדעוועט — דאָס דאַרף זי איצטער ניט דערמאָנען, ווען זי אַליין איז אַריינגעקומען ווי אַ גבירטע. זי האָט אויך ניט ד׳ערמאָנט דאָס, וואָס אַ סך מאָל האָט זי מיט רעבעקאַן געשיקט געלט צו אירע לייט.

די שטעכיקע רייד זיינען פאַר איר געווען אַ רעטעניש. ניט אַנדערש רעבעקאַ האָט אַנגערעדט.

— וואו איז רעבעקאַ? איר מעגט מיר זאָגן, וואו זי איז. כ׳וויל זיך מיט איר דורכרעדן טאַקע וועגן אייך.

— לאָזט זי גיין איר וועג, — האָט די טאַנטע אַ פריסקע געטאָן. — אין אָרימקייט וועט זי זיין מער מענטש. זאָל זי זיך זוכן אַ חתן פון איר גלייכן.

מער האָט מען צו איר ניט גערעדט. מ׳האָט זי מיט די בליקן ווי אַרויסגעבעטן פון שטוב.

אין אַזאַ צייט, ווען קעראַלאַין איז פרעמד געוואָרן איר אייגענע היים, מאַן און קינדער — דאָט זי ליב געהאַט אַריינצופאַלן צו איר שוועגערן, דער גרטע, ליליען־רות. כאָטש יענע איז שוין צוויי און צוואַנציק יאָר אַ יידיש קינד, פונדעסטוועגן זיצט נאָך אַלץ אין איר אַן אָדער פון אַ געזונטער אירישער פרוי. דניאל לוריא, וואָס האָט געהאַט זיין דעפּאַרטמענט־סטאָר אויף

גרענד סטריט, האָט נאָך אַלץ געלעבט אויף הענרי סטריט צוליב זיין גרטע, וואָס האָט „פון דער אייגענער הויט ניט געוואָלט אַרויסקריכן”.

אגב, איז איר ברודערס עלטערער בחור, דייוויד, געווען אַן אָפּטער איינגייער ביי די סטאָנס. אפשר ווייס מען ביי דניאלן וועגן איר. די שוועגערין, ליליען־רות, וואָס האָט אַלע יאָרן באַוויזן צו האַלטן זיך רואיק, ווי ס׳פּאַסט פאַר אַ מאַמען פון קינדער, וואָס האָט זיך מגייר געווען — האָט ליב געהאט, ווען קעראָלאַין איז צו איר געקומען אויסלאָדן אירע זאָרגן. זי האָט זיך בשעת מעשה געהאַלטן ווי די עלטערע, קליגערע און דערפאַרענע.

אָבער איצטער איז געווען פונקט פאַרקערט. ווען קעראָלאַין איז אַריינגעקומען — האָט זי געטראָפן די גרטע אַ שטאַרק פאַרזאָרגטע.

— פון הימל ביסטו מיר אַראָפּגעפאַלן, קעראָלאַין! כ׳האָב דיך אויסגעקוקט. ווען די קומסט ניט, וואָלט איך אַליין צו דיר אַראָפּגעקומען.

די פרויען האָבן זיך צעקושט, איינע די אַנדערע אַ ווײַלע אָנגעקוקט. יעדע איינע האָט ביי דער אַנדערער אין פנים באַמערקט די זאָרג.

— זיץ, קעראָלאַין. כ׳האָב אַזויפיל מיט דיר פון וואָס צו רעדן. מיר איז אַ רחמנות אויף דניאלן. כ׳ווייס אַליין ניט וואָס צו טאָן. דוכט מיר, אַזויפיל יאָר לעב איך צווישן יידן. דוכט מיר, אין מיר קלאַפּט שוין ניט אפילו קיין אירישער אָדער, פונדעסטוועגן בין איך צייטנווייז צעטומלט, ווייס אַליין ניט וואו כ׳בין אין דער וועלט. זיץ, קעראָלאַין, ביסט אַזוי פאַרזאָרגט. אוודאי צוליב רעבעקאַן. כ׳האָב געהערט, זי איז אַוועק צו איריקע. דאגה ניט, גוט אַזוי. מ׳קען פאַר אַן אייגענער שוועסטער ניט טאָן מער וואָס דו האָסט פאַר איר געטאָן. מיט קינדער איז מען ניט קלוג. ס׳אייגענע מיט מיין דייווידן. ער איז דאָך שוין באַלד אַכצן יאָר. ער איז געקומען מיט זיין קאַלעדזש־פריינדין אַהיים, און מיר איינגערוימט אַ סוד: זיי האָבן זיך ליב! ווילן חתונה האָבן. נו, נעמט זיך דניאל גאָר דאָס לעבן. זי איז אַ טייער קינד. איר טאַטע איז אַ דזשאָדזש; דזשאָדזש מעקפּאַדען. איריש בלוט, כאַ־כאַ־כאַ.

קעראָלאַין האָט אַראָפּגענומען פון זיך דעם פוטער און זיך צוגעשפּאַרט אויף אַ סאָפע ביים פענצטער. זי האָט געשפּירט אַ מידקייט און ברעכעניש אין אַלע ביינער. ס׳איז איר אַפילו ניט געווען צום מוט אָנהייבן אויסצופרעגן וואָס דאָ קומט פאָר.

ליליען־רות האָט זיך נעבן איר צוגעזעצט.

— דיך האָב איך נאָך אַלץ ליבער פון אַלע, אַלע מיינע פריינט און באַקאַנטע, — האָט ליליען־רות געקושט קעראָלאַינס באַקן. — ביסט מיר נאָך אַלץ ליבער ווי מיין אייגענע שוועסטער אפילו. רעד זיך דורך מיט דניאלן, ער זאָל זיך ניט נעמען צום האַרצן. ערשטנס איז עס אַ קינדערשע ליבע. כ׳קען די קינדערשע ליבעס. אָבער נאָך אַלעמען דאַרף דניאל האָבן צוטרוי צו זיין אייגן קינד. איך האָב אַלץ נאָכגעגעבן ווי דניאל האָט געוואָלט. דייוויד איז געגאַנגען אין תלמוד תורה. ער איז רעליגיעז, האָט נאָך צייט צו גיין ווען ס׳איז אין סינאַגאָגע. ער איז אַ גוטער ייד. נו, וואָס אַרט עס, אויב ער וועט האָבן אַ פרוי פון אירישן אָפּשטאַם? אַזוי וועט זיך עס מישן און אויסגלייכן. כ׳האָב געפּעלשט אין מיין רעליגיע, אין מיין פאָלק צוליב מיין ליבע. איך בין געווען אַ פולבלוטיקע קריסטן. מיין דייוויד

איז האַלב־אויף־האַלב. כ׳זע ניט איין וואָס דניאל נעמט זיך אַזוי דאָס לעבן. אַרום און אַרום זע איך, אַז קיין גאַנצער ייד איז ער קיינמאָל ניט געווען. די יידן וואָס לויפן פון רוסלאַנד זיינען אים ניט נאָענט. וויפיל איך גיב אים ניט צו פאַרשטיין, אַז די יידן וואָס קומען פון רוסלאַנד... קעראַלאַין, דו הערסט גאָרניט וואָס איך רעד צו דיר! לאָמיר עס לאָזן אויף אַן אַנדערש מאָל. מסתמא וועט דערפון זיך גאָרניט אויסלאָזן. איך האָב אַלע יאָרן אינזינען געהאַט, צוליב מיר זאָל דניאל ניט האָבן קיין אומזיסטיקע ליידן. אָבער מיר אַליין איז דערווידער וואָס אַזאַ וואָגט שטייט צווישן יידן און ניט־יידן. וויפיל איך וויל די דאָזיקע וואַנט ניט איינברעכן, געלינגט עס מיר ניט. מיט מיין גוף און נשמה קען איך עס ניט באַוויזן. שווייגסט, קעראַלאַין, נייע צייטן קומען אָן. יידן וועלן זיך מוזן אויסמישן מיט ניט־יידן. אָפּגעזונדערטקייט איז שעדלעך פאַר אַלעמען, פאַר יידן און ניט־יידן. דעריבער פאַרשטיי איך, זיינען יידן געבליבן אַזוי פרעמד אין רוסלאַנד. טאַקע פאַר דער אָפּגעזונדערטקייט. דניאל וויל ניט ליידן, אַז איך זאָג עס אים. אַלע יאָרן וויל איך אים אויפווייזן, אַז יידן האַלטן זיך גרויס ביי זיך. ער וויל עס ניט ליידן. וואָס שווייגסטו, קעראַלאַין? וואָס וועסטו טאָן, אַז דיינע קינדער, דיין איזי און דיין טעלמאַ, וועלן נאָך אַמאָל נעמען און — — —

— יאָ, ליליען, ביסט גערעכט. אָנגעשטאַנען אַן אַנדער וועלט. אונדזערע קינדער זיינען קליגער פון אונדז, כאָטש זיי פאַרשאַפן אונדז אַזויפיל ניט־פאַרדינטע יסורים. דער קאָפּ טוט מיר זייער ווי, ליליען.

— רו זיך אָפּ אַ ביסל, קעראַלאַין. כ׳וועל זיך נאָר אַרומטאָן, קום איך צו דיר אַרויס. כ׳האָב דיר אַ סך, גאָר אַ סך צו דערציילן.

קעראַלאַין איז געלעגן אַ מידע, מיט אַ קלעמעניש אַרום האַרצן. דורכן צעוויטיקטן קאָפּ האָבן זיך געצויגן די אַרבעטסלאָזע דזשינטער איר מאַנס אָפּיס, די איינוואוינער אין קעלער אויף מעדיסאָן סטריט און די אומגעריכטע רייד פון איר שוועגערין. ערגעץ ווייט, ווייט האָט זי איר היים, דינסטן, קינדער. ס׳ציט זי ניט אַהיים. אָבער דאָ פילט זי זיך אַ סך פרעמדער.

איין מענטשן וואָלט זי איצטער געוואָלט האָבן נאָענט נעבן זיך — איר צווילינג־ברודער דאָקטאָר זכריה לוריא.

זי איז אויפגעשטאַנען, מיט אונטערגעבראָכענע פיס זיך געלאָזן צו איר שוועגערין, זאָגן, אַז זי גייט אַהיים.

ווען זי איז אָנגעקומען צו איר ברודער דעם דאָקטאָר, כאָטש ער האָט דערקענט אין איר פּנים, אַז עפּעס האָט זי אין דער היים געהאַט מיט אימעצן אַ צוזאַמענשטויס, האָט ער פונדעסטוועגן קיין שום באַמערקונג ניט געמאַכט.

— גוט דיך צו זען, קריינע. איך בין די לעצטע צייט אַזוי שטאַרק פאַרנומען, אַז איך האָב אפילו קיין צייט ניט אַריבערצוכאַפּן זיך צו די קינדער. איך האָב געהערט, אַז ביי לעאָנאַרדן אין שאָפּ איז ווידער טראָבל.

קעראַלאַין, נאָך דעם ווי זי האָט זיך צעקושט מיט איר ברודער, איז געבליבן זיצן אויף דער סאָפע, צעשטרייט געקוקט צו די אינסטרומענטן אין אַלמער הינטער דער גלעזערנער טיר, געבלאַנדזשעט מיט די אויגן איבער דעם אָפּעראַציע־טיש, וואָס איז געווען וויס פאַרשפּרייט. זי האָט ניט געהאַט קיין חשק אָנצוהייבן ווידעראַמאָל אויסלאָדן איר פאַרדראָס אויפן מאַן דעם מאַנופעקטשורער. ד״ר לוריא האָט איר שוין אַמאָל אָפן אַרויסגעזאָגט, אַז

ווען זי וואָלט ליב האָבן איר מאַן, יעמאָלט וואָלטן אַלע זיינע דערגרייכונגען ווי אַ באָס איר געווען ליב און טייער. און אין איר באַקוועמער היים וואָלטן זיך די קינדער געקענט גאַנץ אָפט צונויפקומען.

ד״ר לוריא האָט געזוכט עטלעכע פּאַסיקע ווערטער מיט וואָס אַנצוהייבן, כדי אויפצומונטערן זיין נידערגעשלאָגענע שוועסטער.

— ווייסט, קריינע, איך טראַכט די לעצטע צייט פאָרן צוריק קיין רוס־לאַנד. קומען ווי אַ דאָקטאָר און זוכן אַ מעגלעכקייט דאָרטן צו פּראַקטיצירן.

ביי קעראָלאַינען האָבן זיך די אויגן אָנגעצונדן. זי איז אויפגעשטאַנען און מיט חידוש אָנגעקוקט איר ברודער.

— וואָס, קריינע, דיר גלויבט זיך עס ניט? איך בין געקומען צום באַשלוס, אַז די וואָס זיינען ניט געפאָרן צוריק, נאָר מיט האַרץ און קאָפּ דאָרטן געבליבן, וועלן דאָ ניט שטאַרבן מיט זייער נאַטירלעכן טויט. און וועלן אוודאי ניט לעבן קיין נאַטירלעך לעבן.

קעראָלאַין האָט זיך ווידער אַנידערגעזעצט. זיין לעצטע באַמערקונג האָט זי ניט קלאָר אויפגענומען. זי האָט זיך ניט געריכט, אַז פון דעם גאַר וועט דער שמועס זיך אָנהייבן.

— יעס, קריינע, ניט אַלץ האָבן מיר פון דאָרטן מיטגענומען. אונדזערע באַשערטע האָבן מיר דאָרטן איבערגעלאָזן. אַזוי דו, אַזוי איך.

— הילל, דוכט מיר, איז גליקלעך מיט זיין לעבן. ביז איצטער איז דניאל אויך געווען גליקלעך.

— איך וועל דיר זאָגן, קריינע: איך בין איצטער אַ דאָקטאָר און האָב די געלעגנהייט אַלערליי קראַנקע באַגעגענען ביי מיר אין אָפיס, צי אין שפּיטאָל. שלעכט איז דעם חולה וואָס פילט, אַז אַלע גלידער זיינען ביי אים קראַנק, יעדעס גליד באַזונדער ווייטיקט. שלעכט און טראַגיש איז מיט אַ קערפּער וואָס הויבט אָן טיילווייז פאַנאַנדערפאַלן. אונדזער לוריא־משפחה, ווען מען וואָלט געבליבן דאָרטן, וואָלט זי געקענט זיין אינערלעך געזונט. איצטער איז עס אַנדערש. וואָס מער יידן עס רייסן זיך אַרויס פון דאָרטן און קומען אַהער, אַלץ גרעסער זיינען די סימנים פון דער נאַציאָנאַלער צע־פאַלנקייט. פון דאָרטן זיך אָפּגעריסן, און דאָ זיך ניט צונויפגעוואַקסן. וואָס זיינען די לוריאס איצטער? אַ פאַנאַנדערגעפאַלענער אָרגאַניזם, וואָס יעדער טייל באַזונדער וועט ווייטיקן ביזן לעצטן אָטעם. אוודאי איז גערעכט הילל ווען ער שרייבט, אַז יידן האָבן זיך געדאַרפט באַזעצן ביי דער ערד און אויפבויען אַ נאַציאָנאַלן בנין, וואו קינדער און עלטערן זאָלן זיך נאַטירלעך צונויפוואַקסן. אָבער איצטער בין איך זיכער, אַז אויך מיט היללן וועט דאָס אייגענע זיין. די קינדער וועלן אויסוואַקסן, זיך צעלויפן, און ער וועט בלייבן אַליין, ווי די שטיינער אַרום זיין פאַרם.

— ער איז גליקלעך, זכריה.

— ער איז ניט אַנדערש ווי יעדעס געזונטעס גליד, וואָס פילט נאָך ניט דאָס אָנקומען פון דער אַלגעמיינער קראַנקייט וואָס האָט זיך פאַרקליבן אין אָרגאַניזם אַריין.

— הלואי וואָלט איך יעמאָלט ניט אויפגעשטאַנען פון געלעגער. אוודאי האָב איך געדאַרפט דיר נאָכטאָן און ניט חתונה האָבן.

— כאַ־כאַ־כאַ — האָט ד״ר לוריא אַ צעשטרייטן לאַך געטאָן.
— לאַכסט...
— איך לאַך מיט יאַשטשערקעס, קריינע. ביסט מקנא דיין ברודער וואָס לעבט מיט זיינע ביינאַכטיקע, ביטערע חלומות. וואָלט איך געקענט טאָן דאָס וואָס נתן טוט, צי דאָס וואָס דניאל טוט, און זיין צופרידן; בין איך אָבער אַנדערש. דאָס יידישע הויז איז אַרומגעכאַפּט מיט פלאַמען פון אַלע זייטן. אַלץ וואָס איך קען דיר, קריינע, ראָטן: עס זיך ניט אָפּ דאָס האַרץ וואָס רעבעקאַ לויפט פון דיר. קומט זי בעטן געלט — גיב. זי וויל אַרויס־העלפן איר אָרעמע משפחה — גיב איר וויפיל זי באַדאַרף. דו אַליין זוך עפּעס אַן אַנלען אין לעבן. האָסט צוויי קינדער, גיב זיי אַ יידישע דער־ציאונג. דינג עפּעס אַ לערער, צי אַ מלמד וואָס זאָל אַריינקומען אין שטוב אַ דריי מאָל אַ וואָך און מיט זיי לערנען אַ ביסל יידישקייט.
— איך האָב גערעדט מיט לעאָנאַרדן, האָט ער זיך אויסגעלאַכט. ער גיט געראַכט נתנען.
— ווען ביסטו געווען ביי דניאלן, קריינע?
— פאַרוואָס פרעגסטו עס מיך?
— עפּעס איז פאַרגעקומען צווישן זיי. האָבן זיך געקריגט.
— אָט אָ דאָס איז עס, קריינע. איך בין דאָרטן היינט געווען. קענסט דאָך זי, אָט איז זי אַ טייערע יידישע מאַמע, און מיט אַ מאָל, דוכט מיר, זי האָט פיינט יידן.
אַ בלאַסע, אַ צעשטרייטע, האָט קרעאָלאַין זיך אָנגעהויבן קלייבן אַהיים.
— אַלע גייען מיט זייערע צרות צו דיר, און דו דערציילסט אפילו קיינעם ניט וואָס מיט דיר טוט זיך.
— פאַרגין עס מיר, קריינע. ביסט דאָך געווען אין קעלער ביי רעבעקאַס קרובים. דאָס איז אויך יידיש לעבן. דאָס איז אפשר אַן עיקר יידיש לעבן, וואָס מיר, אַרויפגעאַרבעטע, ווילן צומאַכן די אויגן און ניט זען.
עס האָבן זיך אָנגעהויבן באַוויזן פּאַציענטן. ס'איז געווען די נאָכמיטאָג־שעה. קרעאָלאַין האָט זיך שטיל געזעגנט מיט איר ברודער, און מיט אַ געבויגענעם קאָפּ זיך געלאָזן צו דער טיר.

* * *

דניאל לוריא האָט ניט ליב געהאַט צו באַקלאָגן זיך אויף אַמעריקע. ער האָט זיך נאָך פון צווישן אייגענע ניט אַרויסגעקליבן. זיינע צוויי גרויסע סטאָרס, זיין וואוינונג, זיין לייב־און־לעבן איז נאָך אויף דער איסט־סאַיד. ער ווייס, אַז דאָס פרייע לאַנד האָט אים גוט אויפגענומען. זיין פאַרמעגן איז געלעגן אין זיינע געשעפטן. ער האָט ניט געציילט צופיל זיינע דאָלערס. ער האָט געוואוסט, אַז פאַר די דריי און צוואַנציק יאָר אין ניו־יאָרק איז ער געוואַקסן. ער איז קיינעם ניט מקנא.
באַלד ביים קומען אין לאַנד האָט ער געהאַט באַצושטיין אַ נסיון, אין געשטאַלט פון אַן איריש יונג ווייבל, אַ וועשין, וואָס האָט אין אים, אין דעם יעמאָלטיקן פּעדלער, איר גליק דערזען, און זיך אים מיט לייב־און־לעבן איבערגעגעבן. זי האָט זיך מגייר געווען. די געוועזענע ליליען גראַנט איז געוואָרן ליליען־רות. זי האָט אים דריי קינדער געבאָרן, פון וועלכע צוויי

לעבן. דאָס עלטערע קינד, דוד, אָדער דייוויד, אַ בחור פון אַכצן יאָר, וואָס איז אין פּאַטערס דרכים געגאַנגען, מחמרת די מוטער, די גרטע, האָט אַזוי געוואָלט; געשיקט אין תלמוד תורה, געשיקט אים מיטן פּאַטער אין שול אַריין דאַווענען; פונדעסטוועגן האָט דייוויד פּלוצלונג געגומען און דעם פּאַטער באַוויזן, אַז דאָ קען מען האָבן קינדער, זין, און שטאַרבן אָן אַ קדיש.
— יעדן ציט צו זיין שורש!
זיין זונס וואָרצלען האָבן גאָר אומגעריכט אָנגעהויבן ציען צו דער ניט־יידישער וועלט, פון וואַנען די מוטער איז אַרויסגעקומען. און פונקט ווי אין די יינגערע יאָרן האָט דוד געהאַט אַ יידישע ווירקונג אויף דער מוטער: זי האָט ביי אים געלערנט אַ ביסל „היברו", וואָס ער האָט אין תלמוד תורה געקראָגן, אַזוי, פונקט פאַרקערט, ווירקט ער איצטער אויף דער מוטער, זי זאָל אַזוי אָפּט זיך פאַרבענקען, גיין אַ ביסל פאַרברענגען מיט „אייגענע".
זי איז צוריק געוואָרן אַ חברטע מיט דער יינגערער שוועסטער ליזאַבעט, וואָס האָט חתונה געהאַט מיט אַ „שונא ישראל", מיט אַ געוויסן מיסטער קורלי — אַ סיילסמאַן אין אַ ניט־יידישן געשעפט.
אָנגעהויבן האָט עס זיך פון דעם, וואָס דוד האָט מודיע געווען דער מוטער, אַז ער וויל אַריינגיין אין אַ מיליטערישער אַקאַדעמיע. ער וויל ווערן אַן אָפיציר פון דער אַמעריקאַנער אַרמיי.
די מוטער האָט אויפגעלויכטן פאַר פרייד. זי האָט זיך קוים דערוואָרט, דניאל זאָל אין אָוונט קומען אַהיים. זי איז אים געלאָפן אַנטקעגן אַנזאָגן די שמחה.
האָט זי באַמערקט ווי ביי דניאלן איז דאָס בלוט אויסגערונען פון פּנים, ווי ער איז איינגעשרומפּן געוואָרן.
— וואָס איז, דניאל, דיר געפעלט עס ניט? — האָט ליליען געגאַפּט.
— כ'ווייס אַליין ניט וואָס דיר צו זאָגן, ליליען, — האָט דניאל געענטפערט.
בשעת מעשה האָט זיך פאַר דניאלס אויגן אויפגעעפנט אַ תהום, און אים ווייט אָפּגעטיילט פון זיין ווייב.
— דיר געפעלט עס ניט? — האָט ליליען־רות ניט געקענט באַגרייפן וואָס איר מאַן האָט זיך אַזוי דערשראָקן.
דניאל איז צוגעגאַנגען צו דער פאַרחידושטער ליליען־רות, זי אַרומגענומען, און ווערטער געקוקט אין אירע אויגן.
— דיר געפעלט עס ניט? — האָט ליליען געפאָרשט.
— ביסט נאָך אַלץ די נאַרישע ליליען־רות פון פאַר דריי און צוואַנציק יאָר.
— כ'ווייס, אַז איך בין נאַריש, — האָט ליליען־רות פון אים זיך אָפּגעקערט און געווישט די טרערן. — צוויי און צוואַנציק יאָר גיב איך דיר אַוועק מיין לעבן. אוודאי בין איך נאַריש: אַז מ'טוט איינמאָל אָפּ אַ נאַרישקייט, בלייבט מען נאַריש אויף אַ גאַנץ לעבן.
דניאלן האָבן אירע ווערטער שטאַרק ווי געטאָן. ער האָט זי פון אַ ניט־יידישער וועלט אַרויסגענומען, געגלויבט, זיין וועלט וועט ווערן איר וועלט; אירע געפילן וועלן ווערן זיינע געפילן. אים איז איצטער ניט קלאָר, צי די מוטער האָט געהאַט אַ ווירקונג אויף זייער זון, אָדער דער זון האָט די לעצטע צייט גאָר אַ ווירקונג אויף דער מוטער. ער אַליין איז שטאַרק

פאַרטראָגן מיט זיינע געשעפטן. אַ גאַנצע וואָך ד״האָט ער אפילו קיין צייט ניט צו באַגעגענען זיין זון און האָבן מיט אים אַ פּאַטערלעכן שמועס. די מוטער איז מיט די קינדער. ער געטרויט דאָך אַזויפיל דער מוטער פון זיינע קינדער!

דניאל איז אַוועק צו זיך אין צימער און צוגעמאַכט די טיר הינטער זיך. ער האָט געפילט, אַז ער טוט ניט גוט. ניט אַזוי האָט ער געדאַרפט אויפנעמען די נייעס. אויך ניט גוט טוט ער מיט דעם, וואָס ער האָט געלאָזן די מוטער אַליין. ער האָט זיך אָבער ניט געקענט העלפן. מיט אַמאָל האָט ער זיך דערשפירט עלנט און אַליין.

דניאל האָט אָנגעהויבן איבערצומישן אין געדאַנק די אַלע יאָרן וואָס ער לעבט מיט דער גרעטע. זיין געזונטער גוף האָט דערפילט אַ וואַרימקייט, ווען די געדאַנקען זיינען אָנגעלאָפן צו דער ערשטער באַגעגעניש מיט ליליען־רות, ווען ער, דער יידישער פעדלער, און זי, די האַלב־נאַקעטע וועשין, באַגעגענען זיך אין אַ ווינטער־פרימאָרגן אין ענגן, פאַרדומפּענעם און אָנגעפּאַרעטן צימער — ווי ער פאַלט ווי אַן אונטערגעזעגטער בוים אויף איר צאַרטן, בויגיקן גוף. „דאָס איז אמת, — טראַכט ער, — דאָס איז געווען אַ גרויס גליק. זי ד״האָט מיר יעמאָלט געגעבן גליק. איך באַלוין זי אַלע יאָרן ווי נאָר איך קען. ניין, זי האָט ניט פאַרדינט, איך זאָל זי אַזוי באַהאַנדלען".

ער ד״האָט באַשטימט אַרויסצוגיין צוריק, איבערבעטן זיין ווייב, וואָס זיצט אוודאי ביים געגרייטן טיש און ווײנט.

אָבער אין דער אייגענער צייט האָט זיך די טיר געעפנט, און ליליען־רות, אַ ניכטערע, אַ שטרענגע, איז צו אים אַריינגעקומען. דאָס יידישע, וואָס איז פאַר די יאָרן געוואָרן בולט אין איר פנים, איז איינגעגאַנצן אויסגערונען. אַזוי פרעמד האָט זי אים אין דער רגע אויסגעוויזן. פאַר זיין דמיון איז אַרויס־געשוואומען די אַמאָליקע ליליען, די אָפּגעריסענע, די אָפּגעצערטע און פאַרשוויצטע, ווי ער האָט זי געטראָפן צום ערשטן מאָל ביי דער באַליע וועש; און די איצטיקע — די פולגעוואָרענע און זאַטע; האַלב היימיש, האַלב פרעמד. דער בלוי אין אירע אויגן איז פּלוצלונג גרין געוואָרן.

— פאַרוואָס באַליידיקסטו מיך אַזוי די לעצטע צייט? — האָט ליליען־רות, בלייבנדיק ביי דער טיר, טרוקן געפרעגט.

— איך באַליידיק דיך? — האָט דניאל געשטוינט, און זיך ניט אויפגע־הויבן פון אָרט.

— האָסט מיך איצטער באַהאַנדלט ווי אַ צויג.

— איך האָב דיר דערוויל גאָרניט געזאָגט, כאָטש די נייעס האָט מיך צעטומלט.

— דיר שטייט ניט אָן, אונדזער זון זאָל ווערן אַן אָפיציר?

— איך בין עס ניט ווערט.

— די פוסטע גאווה איירע איז אַ סימן פון נישטיקער שוואַכקייט. ס'איז יידישע גאוה.

— וואָס האָט עס צו טאָן מיט יידישער גאוה?

— דיר שטייט ניט אָן, דיין זון זאָל זיין אַן אָפיציר אין דער אַמעריקאַנער אַרמיי.

— זיי ניט אויפגערעגט, ליליען. איך האָב דיר ניט געזאָגט וואָס מיר שטייט יאָ אָן, און וואָס מיר שטייט ניט אָן. איך בין אַ ייד, און אַלץ וואָס איך וויל איז, מיין זון זאָל אויך בלייבן אַ ייד.

— אויב ער וועט זיין אַן אָפיציר, קען ער ניט זיין קיין ייד?

— לאָמיר, ליליען, איצטער פון דעם מער ניט ריידן.

— זעסטו, ווי די פוסטע גאוה מאַכט דיך פאַר אַ נאַר!

דניאל איז ווידער אַנטשוויגן געוואָרן. ער האָט זיך מיט איר ניט געוואָלט קריגן. ס'וואָלט אים איצטער ליבער געווען צו האָבן אַ שמועס מיטן זון. איר פאַרלאַנג איז צו באַליידיקן אים. וועט ער בעסער איר ניט געבן די געלעגנהייט.

— און אַז דזשייקאָב וועט וועלן אַנקומען אין דער מיליטערישער אַקאַ־דעמיע, וואָס וועסטו יעמאָלט זאָגן?

דזשייקאָב איז געווען דער ייִנגערער זון, צוועלף יאָר אַלט, נאָך אין פּאַבליק סקול. דריי מאָל אַ וואָך איז ער נאָך געגאַנגען אין דער תלמוד תורה. אויף דעם האָט אויך דניאל ניט געענטפערט.

— כ'זע, דניאל, ווילסט זיך קריגן מיט מיר. נו, זאָל אויף מיינס איבערגיין.

— מאַ־מי, וואו ביסטו, — האָט זיך דערהערט דודס שטים.

דוד איז אַריינגעקומען. ער האָט באַמערקט, אַז דער פאָטער איז נידער־געשלאָגן. אַ בלאַנדער איז דוד געווען, אין דער מוטער געראָטן. מיט אַ קאָפּ העכער פון דער מוטער, ווי דער פאָטער זייער.

— וואָס איז, מאַ? פאַרוואָס זיצט דער פּאַ אַזוי טרויעריק? ער וויל אוודאי ניט ליידן, וואָס איך גיי אַרום מיט ראַוז מעקפאַדן... האָסט אים ניט געדאַרפט דערציילן. און לאָמיר דיר זאָגן, מאַ, הלואי וואָלסטו מיר ניט דערציילט, אַז דו ביסט געווען אַ קריסטן איידער דער פּאַ האָט דיך באַגעגנט. מיר וואָלט געווען אַ סך גרינגער אויפצופירן זיך ווי אַ סך פון מיינע יידישע קאָלעגן אין קאָלעדזש. יאָ, פּאַ. מעגסט זיין ברוגז אויף מיר.

דניאל האָט אויפגעהויבן די אויגן צום זון וואָס איז געשטאַנען זייט־ביי־זייט מיט דער מוטער. אַזוי ענלעך איז ער איצטער געווען צו דער מוטער! און ביידע — אַזוי אָפּגעראָטן פון אים און זיינע אייגענע. ער האָט געזוכט ווערטער אָנצוהויבן, ניט אַזוי צו פאַרטיידיקן זיך, נאָר אויפצוקלערן די סיבות פאַרוואָס אַזאַ תהום האָט זיך מיט אַמאָל אויפגעעפנט צווישן אים און איר. ער פילט, אַז דאָס אַלץ שטאַמט פון זיין יידישקייט. ער ציטערט איבער זיין יידישקייט, אָבער ער קען איצטער פון דעם ניט אָנהייבן דעם שמועס. איצטער האָט ער געזוכט אַן אויסוועג ווי אַזוי ער זאָל אויפשנעל אויפבויען צוריק דעם פרידן, וואָס איז אַזוי פלוצלונג צעשטערט געוואָרן. פאַרטרייבן די פרעמדקייט, וואָס איז פלוצלונג אויסגעוואַקסן צווישן אים און דער מוטער מיטן זון.

ער האָט צונויפגענומען זיינע כחות, זיך באַמיט צו שמייכלען. ער איז אויפגעשטאַנען, צוגעגאַנגען צו זיין ווייב, זי אַרומגענומען, און מיט ליבע געקלאַפּט אין פּלייצע.

— לאָמיר זיך ניט קריגן. קומט, קינדער, צום טיש.

ביים טיש האָט מען ווינציק גערעדט. ס׳יינגערע ייִנגל, דזשייקאָב, מיט פעך־שוואַרצע האָר און שוואַרצע אויגן, איינגאַנצן געראָטן אין פּאָטער, איז געזעסן נעבן פּאָטער. דוד איז געזעסן נעבן דער מוטער. ס׳איז ניט געווען דער שטענדיקער סדר. איצטער, לויט דער שטימונג און באַזונדערע איבער־לעבונגען פון די עלטערן, איז דאָס אויסגעקומען פּונקט ווי צוויי באַזונדערע וועלטן וואָלטן געזעסן ביים טיש: איינע אַ יידישע, און די אַנדערע — אַ קריסטלעכע וועלט. אַזוי האָט דניאל געפילט. ס׳אייגענע האָט ליליען־רות געשפּירט. דניאלן האָט געעגבערט די פּיינלעכע מחשבה: „איז דאָס מיין צוגאָב צום יידישן גורל? איז דאָס אַזוי פלוצלונג ווי אַ יידישער פּאָגראָם?״ און ליליען־רות — איר האָט כסדר געקלאַפּט אין קאָפּ דער אייגענער גע־דאַנק, אַז יידן זיינען גרויסע בעל־גאוהס.

די קינדער האָבן ניט קלאָר באַגריפן צוליב וואָס דער ברוגז האָט אויס־געבראָכן צווישן טאַטע־מאַמע. ביידע קינדער האָבן זעלטן־ווען באַמערקט, טאַטע־מאַמע זאָלן זיך ווען־עס־איז קריגן. ביידע האָבן דעם פּאָטער שטאַרק ליב געהאַט פאַר זיין איבערגעגעבנקייט צו דער מוטער.

נאָכן עסן האָט דניאל זיך אויפגעהויבן און געזאָגט:

— כ׳וואָלט זיך וועלן מיט אייך דורכרעדן, מיט דיר אויך — האָט ער אַריבערגעקוקט צום ייִנגערן זון.

— מ׳קען דאָ ביים טיש רעדן, — האָט ליליען אומגעדולדיק זיך אָפּגע־רופן. — דער פּאַ וויל ניט ליידן וואָס דו, דייוויד, האָסט חשק איבערגיין אין דער מיליטערישער אַקאַדעמיע.

דייוויד איז רויט געוואָרן. זיינע בליקן האָבן זיך געטראָגן הין־און־צוריק, פון פּאָטער צו דער מוטער. ער האָט ניט געוואוסט וואָס צו זאָגן.

— איך וויל דיך פרעגן, דייוויד, פאַר וואָס האָלסטו זיך, פאַר אַ יידן, צי פאַר אַ קריסט?

— איך פאַרשטיי ניט, וואָס דו פרעגסט עס מיך.

— איך פרעג דאָס ניט צוליב דעם וואָס דו גייסט טאָן. ניין, ניט דאָס וויל איך דיך פרעגן. פאַר דיר איז דאָך ניט קיין סוד, אַז די מאַמע שטאַמט פון קריסטן. קענסט איר משפּחה. קענסט די אָנקלס, די טאַנטעס. האָסט געקענט דעם גרענדפּאַ, די גרענדמאַ. די מאַמע איז געוואָרן אַ יידיש קינד. דיך האָבן מיר אויך געמאַכט פאַר אַ יידן. איצטער זעט מיר אויס, אַז סיי דו, און סיי די מאַמע, ציט איר אויף צוריק.

— איך צי ניט אויף צוריק, דניאל, — האָט ליליען־רות טרוקן אָפּגע־שניטן. — לאָז צורו זייער מוטער. ווילסט ריידן מיט זיי, רייד!

דערביי איז זי אויפגעשטאַנען און איז מיט האַסטיקע טריט אַוועק אין צווייטן צימער.

— וואָס איז, פּאַ, פאַרוואָס האָסטו מיט אונדז פאַרצויגן אַזאַ שמועס? דו ביסט מיין פּאַ. אַמאָל האָב איך געמיינט, אַז איך בין אַ ייד; איצטער פיל איך, אַז איך בין אַ מענטש. איך וויל אַריין אין אַ מיליטערישער אַקאַ־דעמיע.

— יידן האָבן פיינט זעלנער. יידן האָבן פיינט מלחמה. יידן האָבן פיינט בלוטפאַרגיסונג. מיר האָבן ניט קיין אייגן לאַנד. מיר זיינען אין גלות. מיר דאַרפן ניט האָבן קיין סאָלדאַטן.

— איך בין אַן אַמעריקאַנער. און ווי, אויב מיר וועט אויסקומען צו פאַרטיידיקן אונדזער פאָטערלאַנד?

— אונדז יידן האָט מען געלערנט, אַז די וועלט שטייט אויף צדק און יושר.

— ביסט, פאַ, אַן אַלדטיימער. ביי אונדז אין קאַלעדזש, יונגע יידן, וואָס זיינען דאָ אין לאַנד געבאָרן געוואָרן, זיי מאַכן חוזק פון זייערע גרינע טאַטע־מאַמע.

— זעסט, מיין זון, אויב דו מיינסט, אַז דו ביסט שוין געוואָרן אַ מענטש, האָב איך מיט דיר מער ניט וואָס צו ריידן.

— מיך וועט ניט אַרן, אויב די מאַמע נעמט און ווערט צוריק אַ קריסטין. מיר איז ניט קיין חילוק. סיי־ווי איז אַלץ, וואָס כ'האָב געלערנט אין תלמוד תורה, האָב איך שוין פאַרגעסן.

דניאלן האָט שטאַרק אָנגעהויבן קלעמען ביים האַרצן. ער האָט דערשפירט אַ שוואַכקייט אין אַלע גלידער. ער האָט מער גאָרניט געזאָגט. שטיל און שטום האָט ער זיך אויפגעהויבן און אַרויס פון שטוב.

— פאַ, פאַ, — האָט דייוויד אַ צעטומלטער נאָכגערופן.

אויף דעם איז אַ פאַרוויינטע אַריינגעקומען ליליען־רות.

— וואוהין איז דער פאַ אַוועק?

— כ'ווייסט ניט.

— האָסט אים עפּעס געזאָגט אַנטקעגן?

— כ'האָב אים געזאָגט, אַז יידישע קינדער אין קאַלעדזש האָבן ניט ליב די גרינע טאַטע־מאַמע.

— אָט דאָס האָסטו אים געזאָגט?!

— ס'איז אמת. ניטאָ וואָס צו פאַרלייקענען.

— ניט אַזוי באַדאַרפסטו ריידן צו אים. ער איז אַ ייד. ס'יידישע פאָלק ליידט שטאַרק פון טויזנטער יאָרן. מ'יאָגט זיי פון לאַנד צו לאַנד. מ'האָט זיי דאָ אויך ניט ליב. פאַר די יאָרן וואָס איך קען דיין פאַ זע איך, אַז וואוהין נאָר די יידן קומען, אַנטלויפן די קריסטן. פון דאַנען זיינען די קריסטן געלאָפן אין האַרלעם; איצטער, צוליב די יידן וואָס האָבן אַהין אַוועקגעצויגן, לויפן שוין די קריסטן ווייטער.

— איז גוט וואָס די קינדער, די היגע געבוירענע, וועלן ניט זיין מער קיין יידן. צוליב וואָס זאָלן זיי ליידן ווי די עלטערן?

— דאָס, וואָס מ'מאַכט אויף יידן פּאָגראָמען אין רוסלאַנד, איז ניט קיין באַוויז, מיין זון, אַז יידן זיינען שולדיק. זעסט דאָך, אַז ביי אונדז אין לאַנד באַהאַנדלט זיי די רעגירונג ווי גלייכע.

— מ'לאַכט דאָ אויס די יידן, מאַ. דו אַליין ווייסט ווי מ'לאַכט זיי אויס.

— און דו?

דייוויד האָט געביסן די ליפּן; ער האָט געוואָלט זאָגן, אַז ער האָט אויך ניט ליב די „אַלדטיימערס", אָבער ער האָט זיך איינגעהאַלטן. ער האָט ניט געטרויט, אַז די מוטער וועט עס גוט באַנעמען.

— ווילסט מיר ניט ענטפערן, וועל איך פרעגן דזשייקאָבן. זאָג מיר, דזשייקאָב, דו ביסט צופרידן מיט דעם וואָס דו ביסט אַ ייד?

— כ'קלער גאָרניט צי איך בין צופרידן. איך בין אַ ייִד. אַז אַ ייִנגל רופט מיך אין סקול שיני, האַק איך אים אונטער די אויגן. איך האָב ליב די אַלטע ייִדן אַ סך מערער ווי די יונגע. אויב ער וועט ווערן אַן אָפיציר אין דער אַרמיי, וועל איך ווערן אַ ראַבאַי.

ליליען איז צוגעגאַנגען צו דזשייקאָבן, געדריקט זיין קאָפּ צו איר ברוסט, און מיט טרערן געזאָגט:

— כ'ווייס אַליין ניט, וואו איך בין אין דער וועלט. איך האָב אים ליב. איז פּונקט ער, דער איינציקער פון צווישן זיינע ברידער, אַזוי רעליגיעז. מיך פאַרדרייסט, דייוויד, וואָס דו האָסט דעם פּאַ ניט געענטפערט ווי עס באַדאַרף צו זיין. ער איז ניט קיין אַלדטיימער. מיט אים זאָלסטו וויסן ווי צו ריידן. ער איז דיין פאָטער. זאָג מיר צו, אַז דו וועסט אים איבערבעטן. מעגסט זיך מיט אים דורכריידן. ווייסט וואָס, זע זיך מיט אָנקל זכריה, הער וואָס ער וועט דיר זאָגן.

ליליען־רות האָט אָנגעהויבן צו וויינען. אויף איר קוקנדיק האָבן זיך ביי ביידע קינדער די אויגן אָנגעגאָסן מיט טרערן.

* * *

דניאל לוריא, אַ נידערגעשלאָגענער, דהאָט זיך דערשלעפּט צום ברודער, צו ד"ר זכריה לוריא, אריין צו אים אין אָפיס, און אַנידערגעפאַלן אויף דער סאָפע.

דאָקטאָר לוריא האָט זיך דערשראָקן. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז עפּעס האָט געמוזט טרעפן ביי אים אין דער משפחה. ביי פאַרשיידענע געלעגנהייטן האָט ער באַמערקט, אַז דער עלטערער זון דניאלס קוקט אויף ייִדן פון אויבן־אַראָפּ. ער האָט די לעצטע פּאָר יאָר באַמערקט, אַז ליליען־רות כאַפּט זיך אַמאָל אַרויס מיט אַ וואָרט קעגן ייִדן.

ד"ר לוריא האָט ניט געוואָרט, אַז דער ברודער וועט אַליין אָנהייבן.

— וואָס האָסטו אַזוי אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ? כ'האָף, דו ביסט געזונט.

— שלעכט, זכריה. כ'הייב אָן אַרויסצוזען, אַז איך האָב געבויט אַ הייבם אויף אַ זומפּ. איין שונא דהאָב איך שוין אין שטוב, דייוויד. ער איז אַ מענטש, זאָגט ער, ניט קיין ייִד. וואָס זאָגסטו צו דעם?

— האָסט אַמאָל געהאַט מער מוט פון אונדז אַלעמען.

— ס'האַרץ האָט מיר די לעצטע יאָרן אונטערגעזאָגט, אַז אַן אומגליק רוקט זיך אויף מיר. וואָס זאָל איך דיר זאָגן, זכריה, כ'האָב מורא, אַז ניט אַלץ וועט נאָך אַוועקגיין אַזוי גלאַטיק ביי די לוריאָס.

— כאַ־כאַ־כאַ, פאַרוואָס דווקא די לוריאַס? ביסט ניט דער איינציקער וואָס האָט אָנגעהויבן צו קלאָגן אויף דעם ייִדישן מזל. ס'איז ניט דערפאַר וואָס ליליען שטאַמט אָפּ פון קאַטוילישע עלטערן. גלויב מיר, זי איז נאָך איצטער אויך בעסער אין מיינע אויגן ווי אַ סך ייִדישע יאַכנעס, וואָס וואָלטן וועלן די קינדער זאָלן מיט גאָרניט זיין געראָטן אין טאַטע־מאַמע. ס'איז צווייטע נאַטור, דניאל. ביי ייִדן ווערן דאָ געבוירן אין לאַנד קינדער; דער־ווייל איז ניטאָ דער כוח וואָס זאָל זיי איינהאַלטן אין אייגענעם לאַגער. דאָס איז גלות. וואָס לענגער מ'זיצט דאָ — אַלץ ווייטער וועלן די קינדער

פון דער סביבה אַרויס. וואָס שטייט זיי דערווייל אין וועג? דיך האָט אויפ־געטרייסלט ווען ער האָט געזאָגט, אַז ער איז אַ מענטש און ניט קיין ייד. רייד זיך דורך מיט אונדזער ברודער, מיט ניטענען, דערצייל עס אים, וועט ער פּאַטשן בראַוואָ. צו דעם שטרעבט די מענטשהייט, וועט ער דיר זאָגן, דער מענטשלעכער פּראָגרעס פאָדערט, אַז מענטשן זאָלן זיין, ניט קיין פעלקער און ראַסן.

— טאָ וואָס האָט איר אויף מיר פאַריבל אויב איך העלף דער ציוניסטישער באַוועגונג? אַז מ׳וועט אויפבויען ארץ ישראל, וועלן אַזעטיקע אומגליקן ניט טרעפן אין דער אייגענער משפחה.

— כ׳וויל דיר ניט שיטן קיין זאַלץ אויף דיינע וואונדן. בפרט, דו נעמסט זיך אַזוי דאָס לעבן. עפּעס מער ווי צוויי צענדליק יאָר איז גאָרניט קיין סך. די דייטשע יידן זיינען פיר־פינף־צענדליק יאָר דאָ אין לאַנד. זייערע קינדער זיינען שוין לאַנג ניט קיין יידן, נאָר מענטשן.

— רעדסט אַזוי רואיק, ווי דיר וואָלט עס גאָרניט אָרן.

— ערשטנס, דהאָב איך דערווייל ניט קיין קינדער.

— דו האָסט זיך אויסגעהיט, ניט חתונה געהאַט מיר דער מרשעת, מיט דער שוועסטער אירער.

— איר מיינט נאָך עד היום, אַז איך האָב ווען ס׳איז געקלערט חתונה האָבן מיט איר. ניט מיט איר, און ניט מיט קיין אַנדער יידיש מיידל אייל איך זיך ניט חתונה צו האָבן. טאָקע צוליב דער אייגענער סיבה וואָס האָט דיך אַזוי צעטרייסלט. אין אַמעריקע פורעמט זיך ניט אויס אַ פאָלק פון איין ראַסע. צענדליקער ראַסן מישן דאָ בלוט מיט בלוט שוין אַזויפיל יאָרן. כ׳בין אַ דאָקטאָר, פרעג מיך וועל איך דיר דערציילן וואָס פאַר אַ קערפּערס איך האָב שוין ניט אונטערגעזוכט, וואָס פאַר אַ לייבער האָב איך שוין ניט געדהיילט! יידן זיינען אפשר גרעסערע עקשנים, דעריבער זאָגט מען אויף יידן, אַז זיי זיינען ניט קיין מענטשן. דעריבער ווילן אונדזערע יידישע קינדער דוקא ווערן מענטשן! נעם זיך ניט דאָס לעבן, דניאל. איך דאַרף דיך ניט לערנען ווי אַזוי צו לעבן. ביסט קלוג און פּראַקטיש. אַ היים באַשטייט פון טאַטע־מאַמע און קינדער. אויף אַזאַ, אָדער אויף אַן אַנדער אופן, קומען די קינדער אַרויס ניט ווי טאַטע־מאַמע דהאָבן געהאָפט. אָבער זייער מאַמע, כ׳מיין אַ ווייב, אויב ס׳לעבן האָט זיך אַנגעהויבן דורך ליבע, זאָל מען אָפּ־היטן. ליליען־רות איז אַ זעלטענע פרוי. זי איז געווען נאַיוו, מיינענדיק, זי וועט זיך קענען גאָר אינגאַנצן אָפּרייסן פון איר פאָלק, פון איר ראַסע. דו זיי ניט קינדיש. האָסט עס פון איר גאָרניט געדאַרפט דערוואַרטן. אָבער איר ליבע צו דיר, איר איבערגעגעבנקייט איז אַ זעלטנקייט צווישן מאַן און ווייב. באַליידיק זי ניט צוליב די קינדער. ניט טאַטע־מאַמע האָבן דאָ אין לאַנד דעם איינפלוס אויף די קינדער; די שול, די גאַס, דאָס אַלץ העלפט, אַז קינדער זאָלן אינגאַנצן אַוועקגיין אויף זייער אייגענעם וועג. דאָ מיינט עס — אַמעריקאַניזירן זיך. זעסט דאָך, מ׳גיט דאָ אַרויס זשאַרגאָנישע צייטונגען, ס׳איז אַ מיטל צונויפרעדן זיך מיטן אַלטן דור. אייביק לעבט ניט אַ דור. סיידן פּאָגראָמען וועלן נאָך זיין אין רוסלאַנד, צי אין אַנדערע לענדער, נייע מחנות יידן וועלן אַהער אַנקומען.

— כ׳האָב געמיינט, דו וועסט מיר פאַרגרינגערן מיין געמיט. צום סוף גאָר... מיר ווילט זיך אַפילו ניט גיין צוריק אין סטאָר. גלויב מיר, ס׳איז ניטאָ צוליב וואָס.

— צו פרי ביסטו אַריינגעפאַלן אין יאוש. גיי, גיי — ביזנעס ביפאָר פל־עזשור, כאַ־כאַ־כאַ.

דאָקטאָר לוריא האָט זיין ברודער אָנגעפּאַטשט אין פּלייצע און אַרויסגעשטופּט פון אָפיס.

— געדענק, וואָס איך זאָג דיר: זיי איבערגעגעבן דער מאַמען זייערע. מיט איר וועסטו דאַרפן לעבן אַ גאַנץ לעבן, ניט מיט די קינדער.

דניאל האָט זיך אומגעקערט צוריק, געפאַלן דעם ברודער אויפן אַקסל און זיך צעוויינט.

קאַפּיטל זעקס

דאָקטאָר לוריא האָט אַ גאַנצן וועג געזוכט די פּאַסיקע ווערטער, מיט זיי זיך דורכצוקלייבן צו אַ פאַרשלאָסן און מיט טרויער אָנגעזאַפּטן לעבן, וואו עס האָט זיך געצאַפּלט אַ צעפּלאָגטע נשמה פון אַ מיידל מיטן נאָמען עמאַ בערגער. געקומען איז דאָקטאָר לוריא צו איר ווי מ׳קומט העלפן אַן ערנסטן חולה געזונט צו ווערן. צום סוף איז ער אַליין געוואָרן דער חולה, קראַנק מיט ליבע. צו עמאַ בערגער קומט דאָקטאָר לוריא אַרויס אין זיינע וואַכע נעכט.

דאָקטאָר לוריא האָט געוואַרט אויף דעם טאָג, ער זאָל די קראַנקע עמאַ בערגער קענען ארויסנעמען, באַווייזן, ניו־יאָרק, ווי ער האָט עס איר צוגעזאָגט. ער האָט זיך פאַרעכנט אויף אַ גאַנצן חודש. איבער דער קראַנ־קערס לעבן איז נאָך אַלץ געהאַנגען די מרה שחורה און פאַרשטעלט די האָפענונג, ווען ס׳איז זי צו זען אַ דערוואַכטע, מיט אַ חשק צום לעבן. דער טאָג איז געקומען, ווען עמאַ בערגער האָט געעפנט די אויגן, געזוכט די ביי וועלט פון וואַנען עס האָט צו אירע אייגענע אַ ליכט געטאָן אַ בעסערע צוקונפט.

געווען אַ זוניק־ווינטיקער טאָג, אָנהייב פרילינג. ס׳ווייסע פערד האָט זיך געהאָצקעט מיט אַ דראָבנעם גאַלאָפּ, און צווישן אַלגעמיינעם שווערן פערדישן טראָט־געקלימפּער האָט עס אויסגעקלאַפּט פּירפּאַכיק די טריט אויף דעם אויסגעטריקנטן אַספאַלט. מען איז געפאָרן אַראָפּ־בראָדוויי. דער אָנ־טרייבער אויפן פאַרנט־זיץ, איינגעכמורעט, אונטערגעגאַרטלט, האָט מיט דער איינגעבויגענער פּלייצע געשפּירט זיינע צוויי פּאַסאַזשירן.

עמאַ האָט זיך צוגעטוליעט צו דאָקטאָר לוריאַן, צו באַשיצן איר לינקע זייט פון שאַרפן ווינט, וואָס האָט געבלאָזן פון מזרח־זייט. איר איז פאַרגע־קומען, אַז דער רואיקער מאַן ביי איר זייט האָט זי אַרויסגענומען פון אַ לאַנגער, פינצטערער שטורעם־נאַכט; איצטער פירט ער זי דורך די גאַסן פון ניו־יאָרק צו אַ לויטער־רואיקן טאָג. אַזוי וועט זי פאָרן, פאָרן זייט־ביי־זייט מיט דעם כמעט אומבאַקאַנטן מאַן פאַרביי געשפּאַנען, טראַמווייען און וועלאָסיפּעדן, און מענטשן פון ביידע זייטן גאַס, און איבערלאָזן וויט הינטער זיך איר גאַנצע טרויעריקע פאַרגאַנגנהייט, וואָס פלאָנטערט זיך אין אַ וויטער פאַרגראָמען־וועלט.

— זאָגט מיר, דאָקטאָר, — האָט עמאַ, ווי זי וואָלט געאָנט איר באַגליי־טערס מחשבות, אָנגעהויבן. — וואָס דאַרף אַ מענטש טאָן, ער זאָל פאַרגעסן זיין פאַרגאַנגנהייט? איז מעגלעך, דאָקטאָר, אַ מענטש זאָל זיך באַפרייען...

עמאַ בערגער האָט די לעצטע ווערטער ניט אַרויסגערעדט. איר האָט תיכף פאַרדראָסן, הלמאי זי האָט פון דעם אָנגעהויבן דעם שמועס. זי האָט פונדעסטוועגן געוואַרט, וואָס דאָקטאָר לוריא וועט אויף דעם ענטפערן. דער חוש האָט איר אונטערגעזאָגט, אַז דער מאַן, צו וועמען זי טוליעט זיך איצטער, איז אפשר אויך פאַרפלאָנטערט אין אַ טרויעריקער פאַרגאַנגנהייט.

— אויב כ'האָב געפרעגט אַ נאַרישקייט, דאַרפט איר מיר ניט ענטפערן.

— צוויי באַזונדערע וועגן פירן דעם מענטשן דורכן לעבן, — האָט דאָקטאָר לוריא שטיל גערעדט. — איין וועג, כ'וואָלט געזאָגט דער בעסערער וועג, איז דער, אויף וועלכן דער מענטש גייט אַרויס מיט זיינע אייגענע אמביציעס, מיט זיין ווילן און מיט זיין טרייבקראַפט וואָס שמייסט אים פאָרויס. דער אַנדערער וועג, וואָס נאָר אומגעריכטע צופאַלן שטויסן דעם מענטשן אויף אים אַרויס. צו אָפט איז ער דער איינציקער וועג אין מענטשנס לעבן. איין מענטש ווערט אַ קנעכט צום בלינדן צופאַל, און אַ צווייטער — קעמפט מיטן צופאַל.

— איר רעדט ווי אַ פאַטאַליסט, — האָט עמאַ בערגער זיך אַליין דערשראָקן פאַר איר באַמערקונג.

— כ'וועל אויף אַ ווייל צורו לאָזן מיין אייגן לעבן, און אפילו אויך אייער טראַגישן צופאַל, מיס בערגער. מיר דערנענטערן זיך איצטער צום וואַסער, פון וואַנען הונדערטער טויזנטער יידן האָבן שוין אַרויסגעשטיגן, אַנטלויפנדיק פון פאָגראָמען־לאַנד. נו, וואָס וועט איר זאָגן, מיס בערגער, אַז דאָס יידישע פאָלק האָט אַליין אויסגעקליבן אָט דעם וואַנדער־וועג, וואָס צערייסט אונדז אויף שטיקער? האָבן יידן אויסגערעכנט, אַז פאָגראָמען וועלן קומען און זיי אויסוואָרצלען פון זייערע היימען, וואו זיי האָבן זיך געדאַרפט אַריינלעבן אין די ווייטערדיקע דורות? אַ ווילדער צופאַל האָט זיי אויפגעוועקט אינמיטן דער נאַכט און פאַרטראָגן אַהער! איר זעט דאָרטן אין מיטן ים די פרייהייט־סטאַטוע; זי זאָגט אָן אַלע וואַנדערער, אַז מיט דעם שטעלן די פיס אויף דער אַמעריקאַנער ערד זיינען זיי אויסגעלייזט און באַפרייט געוואָרן. איך בין נאָך מיט דער אַמעריקאַנער דערלייזונג ניט זיכער.

מ'איז צוגעקומען צום ראַנד ניו־יאָרק. דאָקטאָר לוריא האָט געהייסן דעם אָנטרייבער בלייבן שטיין. ס'וואַסער האָט זיך געכוואַליעט אונטערן בלויען הימל און זיך איבערגעגאָסן אין בלוילעך־גרין.ביידע האָבן מיט די בליקן זיך פאַרלאָרן אין דעם בלוי־גרינעם וואַסער. דאָס אַלץ וואָסביידע האָבן אין דער רגע באַמערקט. די מענטשן־וועלט אַרום איז ווי אויפגעלייזט געוואָרן.

„צוויי וועגן פירן דעם מענטשן דורכן לעבן, — האָט ער געזאָגט. — אוודאי איז מיין לעבן אַוועק אויפן וועג פון בלינדע צופאַלן, און ניט מער״.

דאָקטאָר לוריאס רייד טרעטן פון איר ניט אָפּ. קלינגען קלאָר אָפּ אין אירע אויערן. מיטן געדאַנק איז זי אַוועק אויסצופאָרשן דעם וועג, וועלכן ס'האָט אויסגעקליבן צו גיין דער מענטש, וואָס זיצט ביי איר זייט. דער מענטש איז פאַר איר דערווייל אַ פאַרחתמעט בוך. כאָטש זי האָט זיך דורך זייטיקע וועגן דערוואוסט אַ סך פון דאָקטאָר לוריאס פאַרגאַנגנהייט. זי ווייס, אַז קיין אַמעריקע איז ער געקומען מיט אַריבער צוואַנציק יאָר צוריק, געקומען אינאיינעם מיט דער גרויסער משפחה לוריא. זי ווייס, אַז ער האָט

שווער געאַרבעט אין שאַפּ און דורך נעכט געשטודירט, ביז ער איז געוואָרן דאָקטאָר. זי ווייס אויך, אַז זיין מאַמע איז געשטאָרבן אויפן שיף, אין ים האָט מען זי מקבר געווען. „ער טראָגט אַ טרויער אין האַרצן״ — טראַכט עמאַ בערגער. זי וויל דערגיין וואו ס׳ענדיקט זיך זיין פליכט צו איר ווי אַ דאָקטאָר, און וואו ס׳הייבט זיך אָן די באַציאונג פון אַ מאַן צו אַ יונגער, אומבאַקאַנטער פרוי.

איר גאַנצער גוף האָט אַ ציטער געטאָן. אַ וואַרימער קנויל איז אונטערן האַרצן אויפגעליזט געוואָרן און זיך צעגאָסן איבערן גאַנצן גוף. זי האָט אויפגעהויבן איר קאָפּ, אַריינגעקוקט אין זיינע אויגן, און טרויעריק געשמייכלט.

— פון וואָס טראַכט איר, מיס בערגער?

— איך קוק אויף דער פרייהייט סטאַטוע. אַזוי שטאַרק, אַזוי שטאָלץ, ווי הויך זי האַלט דעם פאַקל אויסגעשטרעקט! כ׳קלער, צי זיינען גאָר צווישן מענטשן פאַראַנען אַזעלכע פרויען?

— ניט פון דעם האָט איר געטראַכט, מיס בערגער, — האָט דאָקטאָר לוריא געפאָרשט אין איר פּנים.

— אמת. אין מיר רודערט דאָס וואָס איר האָט פריער געזאָגט. דאָס יידישע פאָלק ווערט פון אַ העכערער קראַפט כּסדר געשטויסן אויפן וועג פון בלינדע צופאַלן. איז טאָקע מיין חתן, וואָס איז אין פּאָגראָם געהרגעט געוואָרן, אַ ברוטאַלער צופאַל, וואָס כ׳האָב דעם יידישן פאָלק צו פאַרדאַנקען?

אין איר שטים איז ניט געווען קיין סימן פון גייסטיקער צעטרייסלונג. זי האָט ווייטער גערעדט:

— אַ דאָקטאָר, ווען ער קומט צו אַ חולה, דאַרף ער, לויט מיין מיינונג, זיך אָפּגעבן חשבון צי ס׳לוינט דעם חולה געזונט מאַכן. אַז אַ דאָקטאָר קומט צו אַ יונגן מענטשן, וואָס האָט אַלצדינג אָנגעוואָרן אין לעבן, פאַר וועמען דער גאַנצער אַרום איז איין גרויסע פּוסטקייט אָן קיין שום אינהאַלט, איז אפשר בעסער, ער זאָל אַזאַ גייסטיקן חולה ניט העלפן. לאָזן, ער זאָל בעסער אויסגיין אין זיין אייגענעם טרויער.

— איר נעמט זיך אויך אַריין אין חשבון פון די קראַנקע לעבנס, וואָס מ׳דאַרף לאָזן אויסגיין אין זייער אייגענעם טרויער? — האָט דאָקטאָר לוריא רואיק געפרעגט.

עמאַ בערגער האָט אויף דעם ניט געענטפערט. זי האָט איר קאָפּ אָנגעשפאַרט אויף זיין אַקסל. פון די ברייט־אָפענע אויגן, וואָס האָבן אין דער קרום אַפיר געקוקט צום וואַסער, האָבן געקוואָלן די טרערן און אַראָפּגעפאַלן טראָפּנווייז אויף דינע הענט.

דאָקטאָר לוריא, כאָטש אירע טרערן האָבן געבריט זיין האַנט, איז געזעסן רואיק, ניט געהאַט קיין חשק איבערצורייסן איר שטילשווייגן. „די וועלט אַרום איז אַ פּוסטער חלל״. „וואָס קען איר פּוסטע וועלט פול מאַכן?״ — האָט דאָקטאָר לוריא געטראַכט.

— פירט מיך צוריק אַהיים, — האָט עמאַ בערגער אויפגעהויבן דעם קאָפּ צו איר באַגלייטער און טרויעריק געשמייכלט. — כ׳בין ניט ווערט, איר זאָלט אַזויפיל וועגן מיר דאגהן. כ׳האָב ניט פאַרדינט, איר זאָלט מיך אַרויסנעמען, אַ׳ויספירן, בשעת באַנ׳איך אין קאַבינעט וואַרטן אָנגעלייגטערע חולאים.

אוודאי דאַרפט איר אויף מיר ניט פאַריבל האָבן. כ׳קען ניט באַהאַלטן מיין טרויער. ס׳ציט מיך צוריק אַהיים אין טונקעלן ווינקל, וואו איך בין שטום, און הער נאָר ווי מיין טרויער רעדט. מיין טרויער קומט פון אַריבער ימען, רעדט צו מיר, רייסט שטיקער פון מיין האַרץ און נשמה.

מיטן דערנענטערן זיך צו מאַט־סטריט איז עמאַ בערגער געוואָרן אומ־רואיקער. איר האָט אויסגעוויזן, אַז איר גאַנצע אויפפירונג, אירע רייד, אפילו איר שווייגן, האָט נאָר געהאָלפן, אַז דער מענטש, וואָס האָט אָנגעצונדן ליכט אין איר פינצטער געוואָרענער וועלט, זאָל זיך אויסדרייען מיט דער פּלייצע צו איר. דאָקטאָר לוריא האָט זי אונטערן אָרעם אַרויפגענומען אויף די טרעפּ, וואָס האָבן געפירט צו איר דירה. ער האָט זי מער ווי ביז צו דער טיר ניט דערפירט. מיט דעם תירוץ, אַז חולאים וואַרטן ביי אים אין אָפיס, האָט ער זיך מיט איר געזעגנט און אַראָפּגעאיילט צום דרויסן.

אַריינקומענדיק אין שטוב האָט עמאַ זיך אָנגעשטרענגט צו מאַכן אַ מונטער און פריילעך פּנים. די געדריקטע שטימונג, וואָס זי האָט באַגעגנט ביים אַריבערטרעטן די שוועל, האָט איר אַ קלאַפּ געטאָן אין האַרצן. אויסער דער מוטער האָט זי אומדערוואַרט געטראָפן אין שטוב דעם ייִנגערן ברודער וועלוול, און איר ייִנגערע שוועסטער צילע. דער שוועסטערס אויגן זיינען געווען פאַרוויינט.

די מוטער האָט זיך די ערשטע אַ ריס געטאָן עמאַן אַנטקעגן.

— ביסט גאָר אַליין? וואו איז ער? — ד׳האָט זיך די מוטער געחידושט, און האָט דער קראַנקער טאָכטער געהאָלפן אויסטאָן דעם מאַנטל.

— כ׳בין ניט קיין קינד, — האָט עמאַ געענטפערט. — ער האָט מיך געבראַכט ביז צו דער טיר. אַ פאַרנומענער מענטש, האָט קיין צייט ניט.

— ער האָט דאָך געמעגט אויף אַ רגע אַריינקומען, — האָט די מוטער באַשטאַנען אויף אירס.

— ער איז ניט מער ווי מיין דאָקטאָר. אַ פאַרנומענער דאָקטאָר. אָבער וואָס איז די מעשה וואָס לייבל און צילע זיינען אַזוי פרי געקומען אַהיים? פאַרוואָס זיינען ביי דיר די אויגן אַזוי פאַרוויינט? — איז עמאַ צוגעגאַנגען און געקושט דער ייִנגערער שוועסטערס באַקן.

— זאָלסט ניט האָבן קיין צער, מיין קינד, מ׳האָט זיי אָפּגעזאָגט פון דער אַרבעט. ניטאָ מער קיין אַרבעט פאַר זיי. ביסט אויסגעמאַטערט, אפשר וועסטו זיך צולייגן אין אַנדערן צימער? — האָט די מוטער געגלעט עמאַס פּלייצע.

— אָפּגעזאָגט פון דער אַרבעט, פאַרוואָס? — האָט עמאַ מיט אָפענע, גרויע אויגן געפאָרשט אין די פּנימער פון די שטובלייט.

— דאגה ניט, ס׳פעלן ניט קיין שעפער אין ניו־יאָרק. גענוג בעלנים פאַראַן אויף אונדזערע הענט. דערצייל בעסער, ווי געפעלט דיר ניו־יאָרק. ער איז אַ פיינער מענטש, דיין דאָקטאָר זכריה לוריא, אמת, עמאַ?

עמאַ ד׳האָט שלעכט געהערט וואָס דער ברודער האָט צו איר גערעדט. זי האָט אין די פּנימער פון די שטובלייט אַרויסגעלייענט דעם פחד וואָס מ׳האָט פון איר געוואָלט אויסבאַהאַלטן.

— אָבי איך האָב געמיינט, אין אַמעריקע איז פאַראַן אַרבעט פאַר יעדן איינעם וואָס האָט נאָר געזונטע הענט. צום סוף גאָר... אויב מ׳האָט אייך

ביידן פֿאַרבראַקירט, טאָ ווי אַזוי קען איך שוין האָפֿן ווען־עס־איז צו געפֿינען אַ׳בעט?

— ביסט גערעכט, — האָט וועלוול זיך אויף אַ ווייל פֿאַרגעסן, אַז ער דאַרף זיין פֿאַרזיכטיק מיט דער שוועסטער. — אַמעריקע איז אַ לאַנד, וואָס האָט געגנוג אַרבעט פֿאַר קנעכטישע הענט. דאָ האָט מען פֿיינט הענט וואָס פֿאָלגן דעם אייגענעם שכל. יאָ, יאָ, עמאַ, ווער נאַר געזונט, וועסטו שוין דערשמעקן די אַמעריקאַנער גאָלדענע גליקן. דאַרטן איז מען געווען אין די הענט פֿון באַלעבאַטים אַריסטאָקראַטן, פּריצים. דאָ איז מען אין די הענט פֿון אַמאָליקע צעקראָכענע, קליינשטעטלדיקע רוסישע יידן, וואָס האָבן שכל געהאַט איינצושפּאַנען אין זייער וואָגן אַלערליי שקאָפּעס, זאָלן פֿאַר זיי שלעפּן געלד. דאַרטן האָט מען געוואוסט וואָס קאָמף מיינט. דאָ האָבן די עטלעכע שמאַליאַרעס, וואָס מ׳פֿאַרדינט מיט דער גרינער גאָל, פֿאַרשטאָפּט ביים אַרבעטער זיין אויער, געמאַכט פֿון אַרבעטער אַן אויסגעריבענעם בעזים.

— חיים איז גערעכט, מיין זון, אויב ער מיינט, אַז דו האָסט זיך ניט געדאַרפֿט אַזויפֿיל היצן. צוליב דיר ליידט זי אויך. זעסטו דאָך, דאַרטן האָט מען געוואָלט איבערמאַכן די וועלט, וואָס איז פֿון דעם אַרויסגעקומען? אומגליקן זיינען אַרויסגעקומען. פּאָגראָמען זיינען פֿון דעם אַרויסגעקומען. אייערע סטאַטשקעס האָבן קיינעם קיין גוטס ניט געטאָן. דאָ, האָב איך מורא, איז אויך ס׳אייגענע. הער זיך ניט איין, טאָכטער, וואָס מ׳רעדט. — איז די מוטער צוגעגאַנגען צו עמאַן. — קום, כ׳וועל דיר אויסבעטן דאָס בעט און דו וועסט זיך צושפּאַרן.

— ווילסט, איך זאָל ווערן געזונט. כ׳וויל אויך ווערן געזונט, און אויפֿהערן ליגן אויף אייערע פּלייצעס. כ׳ווייס שוין, אַז דאָ איז אַ חרפּה, אויב אַ קינד ליגט ביי טאַטע־מאַמע, צי ביי ברידער און שוועסטער אויף די פּלייצעס. מעג איך דאָך וויסן ווי אַזוי כ׳וועל דאַרפֿן אָנהייבן מיין לעבן אויב איך וועל געזונט ווערן. וואָס שווייגסטו, צילע? דערציילט, פֿאַרוואָס האָט מען איך אָפּגעזאָגט פֿון דער אַרבעט?

— די יוניע־פֿירער זיינען פֿאַרקויפֿט צו די באַלעבאַטים. דאָס ווייס איך! אויב דער באָס קען טאָן וואָס ער וויל, אויסקלייבן אַרבעטער וואָס אים געפֿעלן, און אַרויסיאָגן אַן אַרבעטער וואָס אים שמעקט ניט, זאָלן אין דר׳ערד גייען אַזעלכע יוניעס! — האָט וועלוול זיך געברוגזט.

— מ׳רעדט, אַז שלעכטע צייטן רוקן זיך אָן. ס׳וועט פֿעלן אַרבעט. האָסט, מיין זון, אויסגעקליבן אַ שלעכטע צייט צו פֿאָדערן יושר. אוודאי באַשטראָפֿט מען פֿאַר פֿאָדערן יושר.

— כ׳האָב זיך ניט אָנגענומען פֿאַר זיך.

— און צילע? זי קומט אָפּ פֿאַר דיינע זינד.

— צילע איז דאָ אויך געוואָרן אַ מיידל, וואָס לאָזט זיך ניט שפּייען אין קאַשע.

— קינדערלעך, איר׳ט מיר ניט איינרעדן, אַז דאָ איז אַזוי שלעכט ווי אין רוסלאַנד. קיין פּאָליציי האָט מען ניט אויפֿן קאָפּ. מיטינגען, און כ׳ווייס דאַרטן וואָס, אַלץ מעג מען דאָ האָבן. אפשר וועט גאָט רחמנות האָבן.

דערביי האָט די מוטער אָנגעהויבן צו ווישן די טרערן. זי איז צוגע־גאַנגען צו דער בלאַסער און פאַרלאָרענער עמאַן, זי אַ קוש געטאָן אין פּנים און געפרעגט:

— דערציייל מיר, עמאַ, ווי איז ער געווען צו דיר, ווי אַ דאָקטאָר, צי ווי אַ גוטער פריינט?

עמאַן האָט דאָס בלויז אַ שלאָג געטאָן אין פּנים. זי האָט אָנגעקוקט די מוטער און ניט פאַרשטאַנען וואָס זי מיינט.

די מוטער האָט עס באַמערקט.

— כ׳מיין פּשוט און פּראָסט, — האָט די מוטער זיך געאיילט צו פאַריכטן.

— ער האָט דאָך אַ שוועסטער, וואָס איר מאַן, זאָגט מען, איז איינער פון די גרעסטע פאַבריקאַנטן. אפשר דורכן דאָקטאָר, טאָכטער מיינע? ער זאָל איבעררעדן, מ׳זאָל זיי אַריינגעמען אַהין אין שאָפּ.

— כאַ־כאַ־כאַ, — האָט וועלוול זיך צעלאַכט, — געטראָפן ס׳אָרט, ביי סטאַנען גאָר אין שאָפּ! אַ קאַטערזשנע איז דאָרטן אין שאָפּ. מ׳האָט די אַפּרייטער צונויפגערוקט ווי הערינג אין אַ פאַס. דאָרטן, אַז אַ מענטש הייבט אויף זיין שטים, האַ־דהאַ. ער פירט אַלע יוניע־מאַכערס ביי דער נאָז. אפילו איר ברודער נייטן לוריא ליגט ביי אים אונטערן קנאַפּל.

— פונדעסטוועגן, אפשר צוליבן דאָקטאָר; ער איז זייער חשוב ביי זייניקע. וואָס זאָגסטו, עמאַ?

עמאַ האָט אָנגעקוקט איר מוטער און האָט ניט געוואוסט וואו זי איז אין דער וועלט. איר רעיון, וואָס איז אויף אַ ווייל פאַרפלאָנטערט געוואָרן אין היימישער זאָרג, האָט זיך איבערגעטראָגן צוריק צו ד״ר לוריאן, וואָס האָט מיט אַ ווילע צוריק, אַ שווייגנדיקער, זי צוגעפירט ביז צו דער טיר. איר דוכט זיך אויס, ער איז פון איר אַוועק אַ ווייטערער, אַ פרעמדערער, ווי בשעת ער איז געקומען מיט עטלעכע שעה צוריק זי אַרויסנעמען, ווייזן ניו־יאָרק. „צי האָב איך געזען דאָס וואָס כ׳האָב געוואָלט? צי האָב איך דען געהאַט אַ פאַרלאַנג עפּעס צו זען? ער האָט עס גוט פאַרשטאַנען. און די מאַמע גאָר!״

— איך האָב געהערט וואָס די מאַמע האָט מיר געזאָגט, — האָט עמאַ טרויעריק אָנגעהויבן. — איך ווייס ניט וואָס ער איז צו מיר, צי נאָר אַ דאָקטאָר, צי עפּעס מער. כ׳ווייס, אַז איך וועל געזונט ווערן אַמאָל, וועט ער צו מיר מער ניט קומען. איך וועל צו אים אוודאי ניט גיין. כ׳וויל טאַקע געזונט ווערן, כ׳זאָל צו אים ניט דאַרפן אָנקומען. ניין, ניין, בעט מיך ניט, מאַמע. כ׳וועל צו אים ניט קומען בעטן, ער זאָל ביי זיין שוואָגער אין שאָפּ... ניין, ניין, כ׳וויל ביי אים גאָרניט בעטן.

טרערן האָבן געציטערט אין איר שטים, בשעת זי האָט זיך מיט נערוועישע טריט געלאָזן צום צווייטן צימער.

* * *

ביי נתן לוריאן אין שטוב איז געווען הייס. אין פּאַפּיראָסן־רויך האָבן אומגעבלאָנדזשעט שטאַרקע ווערטער, צעגליטע רעוואָלוציאָנערע פראַזן, און פאַרשוואונדן אין קוימען פון קאָכיקן סאַמאָוואַר. רוסלאַנד. רעוואָלוציע. אַמעריקע, און די יידישע יוניאָנס. שטעכווערטלעך און מעשיות, באַפאַרבטע מיט דעם געל־ראָז פון רכילות־זאַפט.

געוועזן אַרום האַלבער נאַכט. צווישן געסט, יוניאָן־פירער פון נתנס צד, איז אויך געוועזן ד״ר זכריה לוריא, און דער באַרימטער „זשאַרגאָנישער פּאָעט״. צווישן די געסט ביי נתן לוריאן איז צום ערשטן מאָל געוועזן דער יינגערער בערגער, וועלוול, וואָס איז פון דער „הויט אַרויסגעשפּרונגען״, וועז נ׳האָט אָנגערירט די אַרבעטער־באַוועגונג. מ׳האָט געטרונקען שטאַרקן, רוסישן טיי און גערעדט פון שטאַרקע פּראָבלעמען. דאָס, וואָס איז געוועזן ביי די געסט אויף דער צונג, איז נאָר געוועזן אַ רעפּלעקסיע פון די גרעסערע שטורעמס, וואָס האָבן פון צייט־צו־צייט אויסגעבראָכן אויף דער יידישער גאַס.

דער רויטהאָריקער, שוואַרפּלייציקער נחום וויינמאַן האָט זיך געוויצלט:

— מיר איז פון רוסלאַנד געבליבן דער מנהג צו טרינקען טיי פּראָקוסקע. ס׳איינציקע, פאַרוואָס כ׳וואָלט מיין קאָפּ געגעבן, ס׳זאָל אָנגענומען ווערן אין אונדזער גאָלדענער מדינה. ווייטער בין איך זיי אַלצדינג מוחל. איך בין מוחל רוסלאַנד אַלע אירע גרויסע לאַזונגען, ווי איך בין זיי מוחל פּאָגראָמען און לייז, כאַ־כאַ־כאַ.

ער האָט באַוויזן זיינע שיטערע, געלבלעכע ציין, געלאַכט, און געווישט דעם שוויס פון שטערן.

— איר דריקט זיך אויס צו גראָב, מיסטער וויינמאַן, — האָט דינה לוריא פּראָטעסטירט. — ווען אַהער זאָלן פון רוסלאַנד ניט קומען די אָפּטע געסט, ניט אָפּפרישן פאַר אונדז אַליין דעם קאַמף, וואָס די רעוואָלוציאָנערן פירן אָן אין רוסלאַנד, וואָס וואָלטן מיר דאָ געוועזן? קעמפער פאַר ווידזשעס!

— איר מאַכט אַן ערנסטן טעות, מיסיס לוריא, — האָט וויינמאַן פּראָטעסטירט. — באַנ׳איך איז דער קאַמף פאַר בעסערע ווידזשעס אַ קלייניקייט. פאַר וועמען קעמפן מיר? פאַרן אַרבעטער, ער זאָל קריגן בעסערע ווידזשעס! און אייער סאָציאַליזם, פאַר וואָס וועט ער קעמפן, ניט פאַרן אַרבעטערס־וועגן, ער זאָל קריגן בעסערע ווידזשעס?

— מיר דוכט, אַז סאָציאַליזם וויל דעם אַרבעטער, אויסער בעסערע ווידזשעס, איבערגעבן די גאַנצע מאַכט, ער זאָל איינפירן אַן אָרדנונג וואו קיין עקספּלואַטאַציע זאָל ניט מעגלעך זיין; באַשאַפן אַ געזעלשאַפט, וואו ס׳זאָל גאָרניט זיין מיט וועמען אָנצופירן אַ קאַמף.

— מוחל אַזאַ געזעלשאַפט. אַפּריער זאָל די קאַפּיטאַליסטישע אָרדנונג אויפבויען די גרויסע אינדוסטריע, בויען גרויסע שטעט, בויען פּאַלאַצן, אָנ־זאַמלען גרויסע רייכטימער; און טאַקע באַווייזן אַ ביישפּיל ווי אַ מענטש דאַרף לעבן. דערנאָכדעם, אַז קאַפּיטאַל וועט זיך איבערפרעסן מיט זיין רייכן פאַרמעגן, וועט ער אַליין איינלאַדן די אַרבעטער: קום, ירשן מיך! דאָס איז מיין קוק. אַזוי קוקן אויף אונדזער זאַך די אמתע אַמעריקאַנער אַרבעטער־פירער.

— מאַכסט עס שוין אַ ביסל צו פּראָסט און פּשוט, — האָט זיך נתן לוריא אַריינגעמישט. — ביסט גערעכט, ווען דו גלויבסט, אַז מיר דאָ, אויפן וועג פון פאַרבעסערן די לאַגע פון אַרבעטער, נויטיקן מיר זיך ניט אין רוסישע מעטאָדן פון טעראָר. מיר האָבן דאָ ניט קיין צאַרן. דאָ איז אַ דעמאָקראַטישע אָרדענונג. מיר קלייבן אַלע פיר יאָר אַ נייעם פּרעזידענט. ס׳איז אמת, די באַרימטע געסט וואָס קומען אַהער פון רוסלאַנד צעטומלען די מוחות פון די באַפרייטע יידישע מאַסן. מ׳רעדט זיי איין, אַז דאָ איז אויך רוסלאַנד. אָבער

אונדזער אייגענער קאַמף פאַר קירצערע שטונדן, בעסערע באַדינגונגען אין שאַפּ, און טאַקע אַנשטענדיקע ווײַדזשעס אויך, דאָס אַליין וועט מען אָן קאַמף ניט דערגרייכן. דאָס האָבן נאָר די אַנאַרכיסטן אויף אַ צייט אונדז צעמישט די מוחות מיט זייערע היימאַרקעט אַוואַנטורעס. אונדזער קאַמף איז אַ פּריד־לעכער. דער פּראָגרעס פון דער וועלט העלפט אונדז אין דעם. די פֿאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע זײַנען פאַרלאָפן מיט הונדערט יאָר פאָרויס, ניט נאָר רוסלאַנד, נאָר אפילו אייראָפּע אויך.

— געדעכט ביסטו, — האָט ווײַנמאַן צוגעגעבן. — דו ביסט אַ מענטש, וואָס קען פאַרגעבן און פאַרגעסן. איך בין דאָ אין לאַנד ניט אַזוי לאַנג ווי דו. איך בין געקומען אין צוויי און צוואַנציקסטן יאָר. פאַר מיר איז דאָס געגנוג צייט געווען צו לערנען און באַגרייפן וואָס פאַר אונדז איז גוט און וואָס איז שעדלעך. די סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן, וואָס האָבן זיך צו אונדז אַראָפּגעלאָזן, זענען אין מײַנע אויגן ניט אויס בעסער פון די ציוניסטישע פירער, וואָס קומען אַהער זשעברעווען געלט, און פאַרפירן די מוחות פון די יידישע מאַסן.

דינה לוריא האָט באַמערקט ווי דאָקטאָר לוריא קוקט פון אַ זײַט אויף ווײַנמאַנען און שמייכלט איראָניש.

— פאַרוואָס שווײַגסטו שטענדיק, זכריה, ווען דו קומסט צו מיר? איך וויל הערן דײַן מיינונג. האָבן זיי ס׳רעכט צו האָבן אַזאַ מיינונג וועגן די געסט וואָס קומען פון רוסלאַנד?

— די רעוואָלוציע איז, פּונקט ווי יידן, אויך אין גלות. איך האָב זיך באַקענט מיט דעם כאַראַקטער פון יידישן גלות און געזען, וואו מ׳האָט יידן געלאָזט צורו, האָבן זיי אַליין פון זיך אַראָפּגעוואָרפן ס׳פּעקל וואָס זיי האָבן פון מכלומרשטן אייגענעם לאַנד מיטגעבראַכט. פּונקט ווי בײַ יידן האָט זיך שוין באַלד אויסגעוועפּט דער ריח, וואָס זיי האָבן מיטגעבראַכט פון רוסלאַנד אין זייערע קליידער, אַזוי וועט זיך מיט דער צייט אויסוועפּן דער רעוואָלוציאָנערער גייסט, אויב זיי וועלן ווערן אויס געסט. רעוואָלוציאָנערער גייסט דאַרף האָבן אַ באָדן וואו זיך צו דערוואַרימען, וואו זיך צו פאַרשטאַרקן. אין פינצטערן צאַריסטישן רוסלאַנד איז דער באָדן. דאָ אין אַמעריקע האָט דער רעוואָלוציאָנערער גייסט ניט פון וואַנען צו ציען זײַן חיונה. יידן האָבן ניט קיין שטאַרק באַזונדערע פּראָבלעמען. אויב די רוסישע רעוואָלוציאָנערן קומען צו גאַסט צו די יידן אין אַמעריקע, זאָלן מיר זיי געבן צו פילן, אַז זיי זײַנען בײַ אונדז אין גלות.

— איך בין מיט אייך ניט איינשטימיק, — האָט וועלוול בערגער זיך אָפּגערופן, און איז רויט געוואָרן ביז צו די אויערן. — דער רוסישער גייסט האָט זיך דאָ בײַ די יידישע מאַסן ניט אויסגעוועפּט. אָט האָבן זיי דאָ אויס־געבויט אַזויפיל שולן צום דאַוונען, תלמוד־תורות, ישיבות. זיי לעבן דאָ אַ לעבן ווי געווען. זיי גייען גאָר ניט אָן אונדזערע שטרייטיקייטן. בשעת מיר קריגן זיך איבער אַ פּרינציפּיעלער אַרבעטער־פראַגע, קריגן זיי זיך איבער גבאות אין שול, איבער אַ פּעטער עליה, פּונקט ווי דאָס איז געווען אין דער היים. יידן קוקן אויף צוריק. אַרבעטן אין די שעפּער, און קוקן אויף צוריק.

— איך קען שוין דעם יונגן דור יידישע אַמעריקע. דער יונגער דור קוקט ניט אויף צוריק. אַלע אייערע קריגערייען גייען דעם יונגן דור ניט אָן.

— אויב יידן וועלן זיך פולשטענדיק אַמעריקאַניזירן, בין איך צופרידן.

נאָכדעם איז אויף אַ ווייל אַנגעשטאַנען אַ שטילשווייגן. דאָקטאָר זכריה לוריאס רייד האָבן געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק. וועלוול בערגערס ווערטער האָבן דעם איינדרוק ניט אָפּגעשוואַכט. דאָס האָט געבראַכט דערצו, אַז פון אַ זייט זאָל זיך אָפּרופן דער באַרימטער דיכטער, וואָס איז געזעסן אַ צונויפּ־געדריקטער. ווען ניט דינה לוריא, וואָס האָט אים געגעבן קאָמפּלימענטן, און אויף אויסנווייניק דעקלאַמירט זיינע לידער, וואָלט ער שוין לאַנג אַוועקגעגאַנגען.

— קראַפּעווע וואַקסט וואו ס׳גייט, וואו ס׳שטייט, — האָט דער דיכטער פון צווישן די ציין בייז אַרויסגעזייט. — רירסט זיך צו צו דער קראַפּעווע, קריגסטו פּימפּלס. באַמס האָבן זיך אַרויפגעכאַפּט אויף די בענקלעך!

— וועמען מיינט איר? — האָט נתן העפלעך געפרעגט דעם דיכטער. — איר זייט דאָך נאָך אַלץ אַ פריינט פון דעם אַרבעטער־קלאַס!

— אָט, הערט וואָס איר זאָגט: ס׳דוכט זיך אייך, אַז איך בין נאָך אַלץ אַ פריינט פון אַרבעטער־קלאַס. און אַז איך בין אַ פריינט פון יידישן פאָלק, הייסט באַנ׳אייך שוין געפעלשט אין אייער תורה, כאַ־כאַ־כאַ. אַז איך גלויב אין יידישער דערוואַכונג אין ארץ ישראל, בין איך שוין אַ שונא פון דעם אַרבעטער־קלאַס?

— מ׳שאַצט אייך אָפּ ווי אַ דיכטער, — האָט נתן לוריא זיך געפּרוּווט קאָנטראָלירן.

— אַזוי, מ׳שאַצט מיך אָפּ, — האָט דער דיכטער אָנגעשטעלט אויף נתנען זיינע אויגן. — ווער שאַצט עס מיך אָפּ? איר, יידישע אַרבעטער שאַצט מיך אָפּ? וואָס דאַרפט איר דעם דיכטער? די גוים דאַרפן מיך. איר האָט אייערע שרייבאַרעס, אייערע טינטלערס. מיט פּימפּס איז די יידישע גאַס פול!

— ווער איז שולדיק, וואָס די צוויי יידישע ראַדיקאַלע צייטונגען קריגן זיך אַרום, און שיטן איינס אויפן אַנדערן בערג מיסט?

— דער פייפער איז אַ קאָרעטע וואוהין באַמס האָבן זיך אַריינגעכאַפּט, און שמייסן איבער די רוקנס פון די נאַרישע פערד!

— צוליב וואָס דאַרף מען גאָר אינגאַנצן האָבן די זשאַרגאָנישע פייפערס?

— האָט וויינמאַן אָנגעשטעלט זיין רויטן קאָפּ אויף נתן לוריאן. — פּראָפּאַגאַנדע קען מען אָנפירן אָן צייטונגען. ריינע פּראָפּאַגאַנדע פאַרשטיי איך; אָבער די צייטונגען, צוליב צירקוליישן, פאַרפּאַטשקען זיי די וועלט. פאַרוואָס איר, הער דיכטער, קענט ניט זען, די פייפערס זאָלן זיך אויפפירן אַ ביסל אָנשטענדיקער?

— איר האָט די חוצפה צו פאָדערן פון דיכטער, ער זאָל אייך אַלעמען אונטערווישן?! — איז דער באַרימטער דיכטער אויפגעשפּרונגען פון אָרט אָן אויפגערעגטער. — איר אַליין האָט זיך אַרומגערינגלט מיט לומפּן. ווען אין מיר זאָל ניט ברענען דער פאָלקס־וויי, ווען אין מיר זאָל ניט פלאַקערן דער צאָרן צוליב יידישע ליידן, גיי איך אַוועק צו די גוים און שפּיי אויף אייער מיאוס געזינדל!

אָן אָנגעצונדענער האָט דער באַרימטער דיכטער געכאַפּט זיין הוט און מאַנטל און אַרויס פון גאַסטצימער.

דינה לוריא ד׳האָט זיך נאָכן דיכטער געלאָזן, האָט אים נאָך פאַרכאַפּט אין פּאָדערצימער, געבעטן ער זאָל ניט פאַרשעמען די געסט, אָבער ער איז, אַ צעפלאַמטער, אַן אַ גוטער נאַכט, אַרויס פון שטוב.

דינה לוריא האָט באַשטימט איבערצורייסן דעם אַנגעצויגענעם שמועס. זי איז אַריין צוריק צו די געסט, און מיט אַ פריילעך פּנים אויסגערופן:

— לאָמיר בעסער רעדן פון לעבעדיקערע זאַכן, — האָט זי אָנגעהויבן. — זאָגט, איז טאַקע אמת, אַז מאַקסים גאָרקי איז אַהער געקומען מיט אַ פרעמדער פרוי צו פאָרן?

— מה רעש? — האָט נתן אַיר אָפּגעענטפערט.

— פרעגסט, מה רעש... איך זאָג אויך, אַז אַ קינסטלער מעג, כאַ־כאַ־כאַ. ביי לייטן שרייבער זיינען ניט אונדזערע גרויסע דיכטער. פונדעסטוועגן סורפּרייזט עס מיך אַליין, אַז אַ פריידיקער פון מאָראַל אין זיינע ווערק, און צום סוף גאָר לאָזט ער אין רוסלאַנד אַ ווייב מיט קינדער און אַנטלויפט מיט אַן אַקטריסע.

— מ׳שמועסט, אַז ער איז אַנטלאָפן פון זיין ווייב, און ניט צוליב דער רעוואָלוציע.

— אין די ענגלישע פּייפּערס מאַכט מען פון אים חוזק.

— ער טוט ניט אָן מיט דעם קיין כבוד דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג.

— פונדעסטוועגן לאָדן אים די אַמעריקאַנער געלטזעק איין צו זיך צו־גאַסט.

— היפּאָקריטן, פירן זיך אַליין אויך ניט אויף בעסער.

— נו, און דער ברוגזער דיכטער האָט נאָך אַלץ זיין ערשטע ווייב?

— כאַ־כאַ־כאַ — — —

— אַרום און אַרום האָט מען מאַקסים גאָרקין דאָ אויפגענומען קאַלט. מ׳האָט פון זיי אַלעמען ניט געדאַרפט מאַכן קיין וועזן. געקומען אַהער מיט זייער רוסישן באַגאַזש. דאָ איז שוין געוואָרן אַ מין רוסלאַנד. ווער דאַרף האָבן די רוסישע וועטשערינקעס מיט די רוסישע פאַרוויילונגען? יידן ברעכן זיך די צונג, צו רעדן רוסיש.

— דאָס איז פּע; ער האָט ניט באַדאַרפט ביים אָנקומען אין לאַנד די אַקטריסע אָנגעבן פאַר זיין ווייב. דאָס איז אַ סקאַנדאַל. מ׳ד׳האָט אים דערפאַר געמעגט אַרויסשיקן פון לאַנד.

דער שמועס האָט זיך געפלאָכטן אַרום זודיקן סאַמאָוואַר, אין אַ וואָלקן פון פּאַפּיראָסן־רויך.

דאָקטאָר זכריה לוריא האָט זיך איינגעהערט צום שמועס, און אין אים זיך ניט באַטייליקט. דורך זיין דמיון האָט זיך אויסגעשפּרייט די יידישע גאַס ווי ער קען זי. אים, דעם דאָקטאָר מעדיציך, און ניט דעם פּאָליטיקער, אים האָט דער שמועס געגרילצט. פאַר די אויגן איז אים נאָך געבליבן דער אויפגערעגטער דיכטער, וואָס איז על פּי טעות דאָ אויך געווען, און מיט זיין אייגענעם צעשויבערטן געמיט צוגעגעבן אַ צולאָג צו דעם געדאַנקען־כאַאָס, וואָס האָט געד׳הערשט אַרום דער יידישער גאַס. „ניט אין זייערע הענט איבער דאָס יידישע לעבן, וואָס וואָלטן זיי פון דעם געמאַכט? און פונדעסטוועגן איז זייער איינפלוס אַזאַ, וואָס וועט סוף־כל־סוף ניט דערפירן אינערגעצן,

ניט צו דער אַמעריקאַנישער וועלט, און ניט צו באַפעסטיקן די אייגענע יידישע וועלט". אין ברוגזן דיכטערס אויפרעגונג האָט דאָקטאָר לוריא עפּעס יאָ דערקענט. „דער פייפער איז אַ קאַרעטע, וואוהין באַמס האָבן זיך אריינגע־כאַפּט, און שמייסן איבער די רוקנס פון די נאַרישע פערד..." דאָס איז דאָקטאָר לוריאַן אַריין אין קאָפּ, אים איז שווער געוואָרן צו בלייבן אין אָנגע־רויכערטן, הייסן צימער.

ער איז אויפגעשטאַנען און אַריין אין שלאָפצימער. ער איז געווען זיכער, אַז אימעצער — נתן לוריע, אָדער דינה — וועלן אַריינקומען צו אים. ער האָט ניט געמאַכט קיין טעות. דינה איז תיכף אריינגעקומען, אים אַרויס־גענומען און אַ קוש געטאָן.

— דיר איז לאַנגווייליק, דאָ; האָסט גוט געזאָגט: די רוסישע רעוואָ־לוציע איז געקומען אַפריכטן גלות אין אַמעריקע. מיינסט ניט, די געסט האָבן אַריינגעבראַכט אַ סך לעבן אין דער יידישער גאַס?

— וואו איז ביי אייך די יידישע גאַס? ווי גרויס איז די צאָל מענטשן וואָס אינטערעסירן זיך מיט די רייד פון אַלערליי דערלייזער? ווייסט, אַז קרוב צו הונדערט טויזנט יידן אַ יאָר קומען אַריין אין לאַנד, און דער גרעסטער טייל זעצט זיך דערוויייל אָפּ אין ניו־יאָרק. האָבן אייערע פאַרזאָרגער אַריינ־געקוקט אין דער געדיכטעניש פון יידישן לעבן, געוואויר געוואָרן מיט וואָס פאַר אַן אינהאַלט מ'לעבט? יידן קומען נאָך אַלץ אַהער זיך ראַטעווען, זיך אַליין, און מער ניט. אַרבעטן שווער כדי צו מאַכן אַ לעבן. זיי גייען אין די יוניעס, ווען זיי גלויבן, אַז דאָס וועט זיי צו הילף קומען. זיי וועלן ניט גיין אין יוניעס, אויב ס'וועט זיי ניט לוינען. זיי זיינען אַנטלאָפן פון רוסלאַנד, און רוסלאַנד לויפט זיי נאָך!

— איז דאָך נייטן גערעכט ווען ער זאָגט, אַז יידן זאָלן זיך אַרויסשלאָגן פון קאָפּ די געדאַנקען וואָס פירן אויף צוריק. מיינסט ניט, אַז ציוניזם איז שעדלעך פאַר יידן?

— אויב דו רעדסט אויך מיט דער שפּראַך פון איינעם, וואָס האָט גע־שטעלט דעם ריכטיקן דיאַגנאָז, און אויסגעפונען וואָס ס'איז בעסער פאַר יידן און וואָס ס'איז שלעכט, קען איך מיט דיר ניט ריידן, ווי איך קען מיט דיין מאַן און מיין ברודער ניט אַרגומענטירן.

— קום אַריין, זכריה, צוריק. כ'וויל ניט לאָזן די געסט אַליין. וואָס זאָגסטו אויף אונדזער גרויסן דיכטער? האָט ער אימעצן ליב?

— איך בין גערן צו וויסן אויב אימעצער האָט אים ליב. ניטאָ קיין ליב־שאַפט צו אים אין דער יידישער גאַס. ניטאָ ביי יידן קיין ליבשאַפט צו אַזוינע מענטשן ווי ער.

— קום אַריין צוריק צו די געסט. ביסט מיר היינט אויך אַן אָנגע־דרונצלטער.

— כ'האָב געוואָלט מיט דיר, צי מיט נייטענען רעדן. עפּעס האָט זיך פאַריבן ביי די סטאַנס. קעראָלאַין פילט זיך ניט גוט. כ'קען ניט דערגיין וואָס צווישן איר און לעאָנאַרדן איז פאָרגעקומען. זי האָט גרויסע יסורים פון רעבעקאַן, הלמאי זי וויל ביי איר ניט זיין מער.

— אפשר איז זי אייפערזיכטיק.

— וואָס מיינסטו?

— אפשר האָט לעאָנאַרד זיך פּאַרקוקט אויף רעבעקאַן.

— האָסט אַ קראַנקע פאַנטאַזיע, דינה.

— כ׳וועל דיר זאָגן דעם אמת, כ׳האָב אַזאַ משפחה ווי אייערע נאָך ניט באַגעגנט. אַ גליק וואָס איך בין נאָך אַלץ פאַרליבט אין נייטענען, און אַ ביסל אין דיר. כ׳שעם זיך ניט. מעגסט חתונה האָבן, שאַדט ניט. נייטן ווייס, אַז ס׳איך האָב דיך ליב. דערציייל מיר, וואָס מאַכט דיין פּאַציענטקע, דעם־אַ בערגערס שוועסטער. כ׳ווייס ניט, פאַרוואָס נייטן האָט אים אַהער פאַרבעטן. ער קריגט זיך שטענדיק אַרום מיט נייטענען.

פון גאַסטצימער האָט זיך דערטראָגן אַ היציקער שמועס.

— באַקעמפן די ציוניסטלעך מיט וואָס מ׳קען! — האָט זיך וועלוול בערגער געהיצט. — זיי וועלן רואינירן אונדזער גאַנצע אַרבעט. אין רוסלאַנד האָבן מיר מיט זיי געקעמפט, און דאָ טאָר מען דעם קאַמף ניט אויפגעבן. מ׳טאָר ניט דערלאָזן, זיי זאָלן אָפּציען דעם אַרבעטערס געדאַנק פון זיין טאָג־טעגלעכן קאַמף אויף אַן אָרט. זיי פאַרפינצטערן די מוחות פון די אַרבעטער. אַז אַך־און־וויי, טערקן ווילן זיי מאַכן פון די יידישע מאַסן! און דער אַרבעטער־דיכטער קומט און כשרט זייערע פינצטערע מעשים. דאָס קען נאָר באַנג׳איך אין אַמעריקע געשען.

אויף דעם ס׳איז דאָקטאָר זכריה לוריא צוריק אַריינגעקומען אין גאַסט־צימער.

— אַ שאָד וואָס דו האָסט ניט געהערט וואָס דער געניאַסע בערגער האָט נאָר וואָס געזאָגט, — איז דאָקטאָר לוריאַן נתן געקומען אַנטקעגן. — דו האַלסט דאָך אַ ביסל מיט די ציוניסטן!

— די, וואָס פילן זיך דאָ ווי אין נייעם גלות, מעגן קלערן פון דער־לייזונג.

— צי זיינען מיר דאָ אין גלות?

— די צייט וועט עס באַווייזן.

— אַזוי קען רעדן נאָר אַ דאָקטאָר וואָס שרייבט פאַר זיינע הולאים רע־צעפּטן, און וואַרט פונדעסטוועגן אויף דער נאַטור, זי זאָל אים קומען צו הילף.

— איז דאָס קרום?

— ניין, קרום איז עס ניט. אויב דו גלויבסט, אַז יידן זיינען דאָ אין אַ נייעם גלות, איז עס קרום.

— דאָס וועט אויך די צייט באַווייזן. אייער קאַמף איז אַ גערעכטער. מיין געפיל איז ניט קיין פרעמדס.

— מיט דיר וויל איך זיך ניט קריגן, — האָט נתן זכריהן גוטמוטיק געקלאַפּט אין פּלייצע. — זיי שוין בעסער אַ דערפאַלגרייכער דאָקטאָר.

— איך האָב מורא, די רפואה, ווי אויסצוהיילן יידישע וואונדן, ליגט ניט אין אייערע הענט.

— זאָג, אין אונדזערע ד׳הענט.

— זאָל זיין אין אונדזערע הענט. די צרה איז, וואָס אין דער יידישער גאַס רעדט מען אַזויפיל, אַזויפיל, ס׳דוכט מיר אויס, אַז מ׳רעדט שוין דאָ פון שלאָף.

וועלוול בערגער האָט מיט אַ רחמנות־בליק באַטראַכט דעם דאָקטאָר לוריא, און געזאָגט:

— אויב איר וועט אויסהיילן מיין שוועסטער וועט עס אויך הייסן, אַז איר האָט אויסגעהיילט אַ יידישע וואונד.

דאָקטאָר לוריא האָט אויף דעם גאָרניט געענטפערט. נאָכדעם ווי ער האָט געהערט בערגערס פריערדיקע רייד, האָט ער איצטער ניט באַנומען וואָס ער האָט געמיינט. ער האָט אין זיינע רייד געשפירט צווייזדייטיקייט. ס'האָט אים פאַרדראָסן, הל־מאַי ער איז גאָר אינגאַנצן אַהער געקומען.

קאַפּיטל זיבן

אין איינעם פון די זייטיקע צימערן אין אַ סאַלון אויף דער בויערי, וואָס איז אויך געווען אַ נעסט פון עפנטלעכע פרויען, איז געזעסן אַ שווער־וואָגיקער, ברייטפּלייציקער מאַן, די שוואַרצע, צעגליטע אויגן אַהינטער טונ־קעלע גלעזער, זיינע געדיכטע, שוואַרצע האָר דורכגעוועבט מיט גרוי. ביי אים אויף די קני איז געזעסן אַ שלאַנק מיידל פון אַ יאָר צוואַנציק, בלאָנד, מיט גרינלעכע אויגן, און אַ יונג פּנים. צוויי חן־גריבעלעך אין די באַקן, אַ ברייט־לעכע מאָרדע מיט אַ חן־גריבעלע אין מיטן. זי האָט פאַנאַנדערגעשפּילעט זיין וועסט, מיט דער רעכטער האַנט אומגעגאַנגען איבער זיין האָריקער ברוסט, און זיך געפּיעשטשעט:

— כסדר דו באַרימסט זיך, רק דו מאַכסט פּאַס פון דיינע אייגענע; פונ־דעסטוועגן ציט דיך ניט צו אַ פרומען קאַיקס אַ טאָכטער. דיינע לייט האָבן דאָ פאַרדריפּעט די בויערי.

— טרינק, און פּלאַפּל ניט, — האָט ער איר דערלאַנגט צום מויל אַ גלעזל וויין. — אַלבעטשע, ווען דו זעסט מיינע לייט, מיין איינציקע שוועסטער, מיין ברודער דעם דאָקטאָר, און איין ברודער, וואָס האָט חתונה געהאַט מיט אַן איירישער, וואָס איז צוליב אים איבערגעגאַנגען אין יידישן גלויבן. האָסט געמעגט אָנקוקן די לוריאַס, איינס־ביי־איינס!

— דיך פאַרדריסט וואָס דו האָסט זיך דערווייטערט.

— נאָו סער! כ׳קום צוויי מאָל אַ יאָר קיין ניו־יאָרק, אין ספּרינג און אין פאָל, פונדעסטוועגן האָב איך זיי שוין באַלד מער ווי צוועלף יאָר ניט געזען.

— באַרימסט זיך מיט זיי, ווי דו וואָלסט זיי אַלע טעג באַגעגנט.

— איך ד׳האַלט חשבון. אין אַמעריקע דרייט זיך ס׳רעדל. פּונקט ווי פון אשר לוריאַ ווערט אַרקאַדיע לאַריסאָן, אַזוי קען אַמאָל פון לאַריסאָנען ווערן... שטשירע ניט די ציין!

— פאַרוואָס זאָל איך ניט שטשירען די ציין? קומסט קיין ניו־יאָרק צוליב זיי, ווילסט זיך מיט זיי באַגעגענען, און האָסט מורא, טרוס איינער. גיסט אויס דיין האַרץ פאַר דזשעסי קלאַרענס. אָבער דזשעסי קלאַרענס, כאָטש זי איז ניט מער אַלט ווי צוואַנציק יאָר... ס׳לעבן קען דזשעסי, און ניט אָט דער נאַרישער קאָפּ. מיין ניט, כ׳האָב דיך ליב דערפאַר וואָס דו קריכסט צו מיר אין בוזים מיט אַ גאַנצן הונדערטער אין האַנט. ניט אַזוי האָסטו מיר געדאַרפט געבן די הונדערט דאָלער.

— הער, דזשעסי, האָסט אַ לייטיש פּנים, קיינער וועט אויף דיר ניט זאָגן, אַז דו ביסט אַ פאַרקויפטע פעל.

— נאַ, אָט האָסטו דיר! רעדסט ווי אַ שוויין, ניט ווי אַ דזשענטלמען.

זי האָט אים אַ פּאַטש געטאָן, און אַראָפּ פון זיינע קני.

— כ'דאַרף ניט דיינע הונדערט דאָלער אויך. כ'קען זיי דיר אָוועקגעבן.

— זיי ניט קיין נאַר, — האָט ער זי צוריק פאַרנומען צו זיך. — האָסט דאָך אפילו ניט אויסגעהערט וואָס כ'האָב דיר געוואָלט זאָגן. כ'וויל דיך שיקן אין אַ שליחות צו מיין שוועסטער. זי איז אַ ביטערע באַשעפעניש. מיט איר האָב איך זיך שטענדיק געקריגט. ציט זיך איבערצובעטן. מיסיס סטאָן... לעבט זייער רייך. ער איז אַ גרויסער מאַנופעקטשורער.

— וואָס זאָל איך איר זאָגן?

— זאָג, ביסט מיינע אַ טאָכטער. אָדער ניין, דאָס וועט ניט טויגן. זאָג, ביסט מיין ווייבס אַ שוועסטער. קומסט פון שיקאַגאָ. זי ווייסן, אַז איך לעב אין שיקאַגאָ. וועסט הערן וואָס זי וועט דיר זאָגן. וועט זי זיך נאָכפרעגן וואָס איך מאַך, וואָס איך טו, זאָג, איך האָב עטלעכע בוטשער־שעפּער. כשר יידיש פלייש פאַרקויף איך. כ'בין זייער רייך, זאָג איר.

— וואָס מיינסטו מיט די פלייש־געשעפטן? ביסט אַ בוטשער?

— גאָרניט מיין איך.

— דו, הינטישער זון, כ'ווייס וואָס דו מיינסט מיט דעם. וואָס בין איך ביי דיר, אַ חזיר־פּאָלקע בין איך?

— הער אויף, דזשעסי. איך רעד ווי אַ מאַן. זיי דו ניט קיין קאַץ.

— כ'וועל איר זאָגן, אַז כ'בין דיין ווייב, — האָבן זיך ביי איר אָנגעצונדן די אויגן.

— אויב דו וועסט זיך נאָר האַלטן אָנשטענדיק, קענסטו זאָגן.

— וואָס הייסט ביי דיר אָנשטענדיק? אויב איך בין ניט אָנשטענדיק — טאָ ווער ביסטו? און אַז איך וואָלט וועלן מיט דיר חתונה האָבן, מיינסטו וועל איך דיר ניט זיין געטריי? וואָס איז פון דעם גוף אָפּגעקומען אויב כ'האָב זיך געשפּילט מיט אַנדערע מענער?

זי האָט פאַנאַנדערגעשפּילעט אירע קליידער און באַוויזן איר יונגן גוף.

— וואָס פעלט מיר, כ'קען ניט זיין דיין טאָכטער?

ווען זי האָט פון זיך אַראָפּגעוואָרפן די בלוזע, זיינען אַרויסגעפאַלן פינף צוואַנציק־דאָלער־בילס, וואָס ער האָט איר אַיין בוזים אַריינגעלייגט. ער האָט מיטן שוך אָפּגעשאַרט אין אַ זייט דאָס געלט, אַ וויילע געקוקט פאַרגאַפּט צום נאַקעטן גוף, און טרערן האָבן זיך באַוויזן אין זיינע צעגליטע אויגן.

דעם אייגענעם אויפדערנאַכט האָט דזשעסי אָנגעקלונגען ביי די סטאָנס. זי האָט דאָס דינסטמיידל געבעטן איבערגעבן מיסיס סטאָן, אַז איר שוועגערינס אַ שוועסטער פון שיקאַגאָ וויל זי זען.

קעראָלאַין איז אַרויסגעקומען צום טיר, האָט פאַרזיכטיק באַטראַכט דאָס בלאָנדע מיידל, וואָס איז געווען גאַנץ אָנשטענדיק אָנגעטאָן. דאָס פּנים און די אויגן מילד, און מיט אַ גוטן שמייכל באַלויכטן.

— קומט אַריין, — האָט זי קעראָלאַין געפירט דורכן גאַסטצימער, צו איר אין אַ זייטיק צימער.

דזשעסין איז תחילת אומהיימליך געוואָרן פון קעראָלאַינס פאַרשנדיקע בליקן. זי האָט אָבער באַלד געפונען די פּאַסיקע ווערטער.

— כ'האָב נאָך אייערנעכטן געגעטיקט ביי מיין שוועסטער אין שיקאַגאָ, ביי די לאָריסאָנס. כ'קום היינט פון שיקאַגאָ.

— לאָריסאָן? — האָט קעראָלאַין געגאַפּט.

— אַזוי איז זיין נאָמען איצטער. ער האָט דעם נאָמען לוריא אויסגעביטן אויף לאַריסאָן.

— אשר איז געווען זיין נאָמען, אשר לוריא.

— יאָ, כ׳ווייס, אַזוי האָט ער געהייסן. ער דערציילט, אַז מיסטער סטאַן האָט אויך זיין נאָמען איבערגעביטן, ווען ער איז געוואָרן פּראָספּעראָס, כאַ־כאַ־כאַ. ער באַדויערט וואָס ער האָט אייך אַזוי לאַנג ניט געזען. ער קלערט, אין אַ פּאָר וואָכן אַרום צו זיין אין ניו־יאָרק, וועט ער אייך אַלעמען באַגעגענען.

קעראַלאַין איז אַ ווייל געזעסן אַ נידערגעשלאָגענע. די אויגן האָבן אַראָפּגעקוקט צו אירע הענט, וואָס זי ד׳האָט געהאַלטן אויפן שויס. „אַ שווערגרין אשרס, אַזאַ יונגע שווערגרין... הייסט עס, ער האָט חתונה געהאַט. מיט וועמען, און וואו? וואָס טוט ער?״ די מחשבות זיינען אַנגעלאָפן און געבראַכט אירע צוזאַמענשטויסן מיט אשרן ווען מ׳האָט נאָך געלעבט אויף לודלאָוו סטירט. זי וואָלט וועלן אויספרעגן נאָך אַ סך וועגן איר ברודער, און קען עס ביי זיך ניט פועלן. זי האָט דאָך אים שוין פון האַרצן כמעט אויסגעמעקט. אַלע קינדער, דוכט איר, שפּירן ס׳אייגענע, און מיט אַמאָל גאָר!

ס׳האַרץ האָט ביי קעראַלאַין שטאַרק אָנגעהויבן צו קלאַפּן, און שפּעטער פאַרקלעמט געוואָרן ביז צו טרערן. זי וואָלט זיך ניט געשעמט אויסוויינען פאַר דער פרעמדער. אָבער מ׳מוז דאָך פאָרט אויספרעגן. זי האָט זיך געשטאַרקט.

— הייסט עס, מיט אַ פּאָר טעג צוריק זייט איר געווען באַנ׳אים אין שיקאַגאָ. ווי אַזוי זעט ער אויס?

— איר אַליין קענט אייך אויסמאָלן, ווי עס זעט אויס אייערער אַ ברודער. מסתמא זעט ער אויס ווי אייער אַנדערע פינף ברידער.

— פינף ברידער... הייסט עס, ער ווייסט ניט, אַז זיין ברודער סאַלאָמאָן איז געשטאָרבן מיט אַנדערהאַלבן יאָר צוריק.

דאָס האָט שוין געגעבן קעראַלאַין אַ געלעגנהייט צו לאָזן פאַלן אינדער־שטיל די טרערן. זי האָט אָנגעהויבן איבערטראַכטן, אפשר גאָר האָט מען אויף איר ברודער אשר אויסגעטראַכט אַ בילבול. וואָרן, אָט איז דאָך טאַקע אַ צייכן, זיינע אַ שווערגרין, אַזאַ אַנשטענדיק מיידל...

— אַזוי ווערט מען אָפּגעריסן און דערווייטערט איינס פון אַנדערן, — האָט קעראַלאַין אויסגעווישט די טרערן, און זיך באַמיט צו שמייכלען. — אָט ווייסט ער גאָרניט, אַז זיין יינגערער ברודער סאַלאָמאָן איז געשטאָרבן. הייסט עס, איר זייט זיין שווערגרין. מעג איך ווייסן ווי רופט מען זיין ווייב?

— זי הייסט בעטי. מיין נאָמען איז דזשעסי. מיט צען חדשים צוריק האָט ער חתונה געהאַט.

קעראַלאַין האָט ווידער אַראָפּגעלאָזן די אויגן. עפּעס האָט זיך פאָרט ניט געקלעפּט דער שמועס מיט דער אומבאַקאַנטער. „מסתמא ד׳האָט ער זי אַריבערגעשיקט ווייל ער וויל שלום. מסתמא טוט ער איצטער עפּעס אַנ־דערש״. מיט דרייצן יאָר צוריק האָט זי אים אויפגעוואָרפן, אַז ער איז אַן אויסוואורף. אים אָנגערופן ביים אמתן נאָמען, ווען זי האָט אים חושד געווען, אַז ער איז אַ פרויענהענדלער. ער האָט עס יעמאָלט שטאַרק ניט אָפּגעלייקנט.

— ווען, זאָגט איר, קליבט ער זיך קיין ניו־יאָרק ? — האָט קעראָלאַין, מיט אַ ציטער אין שטים, געפרעגט.

— אין אַ פּאָר וואָכן אַרום.

— ווי לאַנג קלייבט איר זיך דאָ פאַרברענגען ?

— וועל אפשר דאָ שוין בלייבן אין ניו־יאָרק.

— מיט קרובים אוודאי.

— האָב דאָ קיינעם ניט.

— אוואו זיינען אייערע עלטערן ?

— געהאט אַ טאַטן ביים אָנקומען אַהער אין לאַנד. ער איז געשטאָרבן פון שווינדזוכט.

— אוודאי האָט ער געאַרבעט אין אַ שאַפּ.

— יאָ, אין אַ שאַפּ.

— וואו האָט מיין ברודער באַגעגנט אייער שוועסטער ?

— ווען מיר זיינען אַריבערגעפאָרן קיין שיקאַגאָ, כ׳מיין ווען איך מיט מיין שוועסטער זיינען אַריבערגעפאָרן.

— וואָס פאַר אַ ביזנעס פירט איצטער מיין ברודער ?

— ער איז אַ רייכער מאַן. ער האָט דריי גרויסע כשרע בוטשער־שעפּער.

— דאָס גאָר ! פליישׁ־געשעפטן ? וואָס פאַר אַ פליישׁ ?

— כשר פליישׁ.

ביים מיידל האָט זיך ס׳פּנים געביטן. זי איז אַ ווייל רויט געוואָרן, און באַלד איז איר פּנים געוואָרן בלאַס, צעקרימט.

— כ׳זע, איר פילט זיך ניט גוט. מסתמא דער וועג געווען אַ שווערער. אפשר ט׳איר עפּעס עסן, טרינקען ?..

אין דער אייגענער צייט האָט עס קעראָלאַין אַ שלאַג געטאָן אין האַרצן. זי האָט ווידער אָנגעהויבן פאַרדעכטיקן, אַז דאָס פרעמדע מיידל — — —

דזשעסי האָט געפּראוואוט צוזיפנעמען אירע כוחות, פירן ווייטער דעם אָנשטעל. ס׳איז איר ניט געלונגען. אשר לוריא האָט מיט איר אָפּגערעדט, אַז אויב זיין שוועסטער וועט אַרויסווייזן צו איר וואַרימע געפילן, אויסדריקן אַ פאַרלאַנג אים צו זען, זאָל זי דערציילן דעם אמת, אַז ער איז אין ניו־יאָרק. האָט זי אָבער אין דער לעצטער מינוט, ווען קעראָלאַין האָט ביי איר אָנגעהויבן אויספרעגן וועגן איר משפּחה, אָנגעוואָרן דעם קאָנטראָל. מחמת, וואָס זי האָט דערציילט וועגן איר פאָטער וואָס איז געשטאָרבן, איז געווען אמת. איצטער אין רייכן אַפּאַרטמענט, אויג־אויף־אויג מיט קעראָלאַין, האָט זי איבער זיך אָנגעוואָרן דעם קאָנטראָל. ווען אין דער רגע וואָלט ניט אַריינגעקומען קעראָלאַינס ברודער, דאָקטאָר לוריא, וואָלט זיך די פרעמדע מודה געווען און אַלץ דערציילט.

מיטן דאָקטאָרס אָנקומען האָט דאָס פרעמדע מיידל צוזיפגענומען אירע צערונענע כוחות, זי איז אויפגעשטאַנען פון אָרט, גרייט צו זאָגן אַ גוטע נאַכט, און אַוועקגיין.

— צי איר גייט שוין ? — האָט קעראָלאַין גאָר פריינטלעך זיך געשטעלט נעבן איר. — דאָס איז מיין ברודער, דאָקטאָר לוריא. איר קענט אים אויך אָפּגעבן דעם אייגענעם גרוס. הערסט, זכריה, ס׳איז פון אשרן אַ גרוס. ער

הייסט שוין איצטער ניט מער אשר לוריא, נאָר אַרקאַדיע לאַריסאָן. אין שיקאַגאָ וואוינט ער. ער האָט חתונה געהאַט. דאָס איז זיינע אַ שוועגערין.

דאָקטאָר לוריא און ס'מיידל האָבן זיך ביידע אַ ווייל אָנגעקוקט.

— איך קען אייך, דאָקטאָר, — האָט דזשעסי זיך גאָר דערמוטיקט. — אייער ברודער רעדט פון אייך גאָר אָפט מיט אַזויפיל ליבע.

— זיינע אַ שוועגערין ?—האָט דאָקטאָר לוריא פילדייטיק געשמייכלט.— ווי לאַנג שוין, אַז איר זייט זיין שוועגערין ?

— כ'האָב דערציילט אייער שוועסטער ; אין יוני ט'ווערן אַ יאָר.

— ער האָט צוויי כשרע פלייש־געשעפטן אין שיקאַגאָ, — האָט קעראַלאַין דערציילט איר ברודער.

— מער ניט ווי צוויי ? — האָט דער דאָקטאָר ווידער מיט אַ שמייכל געפרעגט. — ער איז אין שיקאַגאָ, יאָ ?

— יאָ, אין שיקאַגאָ, — האָט דאָס מיידל אים אָנגעקוקט צעטומלט.

— ער וויל דיך זייער זען, קעראַלאַין, — האָט דאָקטאָר לוריא, אַ באַזאָרגטער, זיך געווענדט צו דער שוועסטער. — ער איז געווען ביי מיר אין אָפיס.

— וואָס, ער איז אין ניו־יאָרק גאָר ? — האָט קעראַלאַין געשטוינט.

— מעג איך וויסן וואָס איר קערט זיך אָן מיט אים ? — האָט דאָקטאָר לוריא גאַנץ רואיק זיך געווענדט צום מיידל.—איר זייט ניט קיין שוועגערין. זייט ניט צעשראָקן. ער איז אונדזערער אַ ברודער. מיר פאַרלייקענען עס ניט. כ'וויס, אַז ער האָט אין שיקאַגאָ געשעפטן פון כשר פלייש. לעבעדיקע פלייש פאַרקויפט ער.

— ער איז אַ פיינער מאַן, — האָט זיך דזשעסי איינגעשטעלט. — כאָטש איך קען אים ניט לאַנג. ס'הייסט, צום צווייטן מאָל, אַז כ'האָב אים באַגעגנט. איר וועט מיר אַנטשולדיקן, אויב ער האָט זיך אַליין אַרויסגעגעבן, קען איך שוין גיין.

זי האָט אָבער ניט דערצויגן צום טיר. ווי אַ שאַרפער ווינט האָט זי פון טיר אויף צוריק אַ ריס געטאָן. ווי אַן אונטערגעבראָכענער יונגער בוים איז זי אַנידערגעפאַלן אויף דער סאָפע און זיך פאַנאַנדערגעוויינט. אומגעשטערט, אויפן הויכן קול האָט זי געוויינט.

קעראַלאַין האָט אַ וואונק געטאָן צום ברודער ; ער האָט געפאָלגט און איז אַרויסגעגאַנגען פון צימער.

קעראַלאַין איז אַ ווייל געבליבן אויף איר אָרט, באַטראַכט דאָס פרעמדע מיידל וואָס איז געקומען מיט אַזאַ פאַרדעכטיקטער שליחות. זי האָט זיך געפרוווט דערמאָנען ווי דאָס מיידל האָט אויסגעזען מיט אַ ווייל צוריק, בשעת איר פנים איז געווען רואיק. אַזאַ געזונט, אָרענטלעך פנים האָט זי געהאַט.

קעראַלאַין האָט זיך ניט געקענט דערוואַרטן ביז דאָס פרעמדע מיידל וועט אומווענדן דאָס פנים צו איר. זי איז אויך אַרויסגעגאַנגען פון צימער. הינטער דער טיר האָט זי געפונען, אַ צעטראָגענעם, דאָקטאָר לוריא.

— זאָלסט מיר געזונט זיין, זכריה, — האָט זי דעם ברודער אָוועקגענומען אָן אַ זייט. — וואָס טוט זיך דאָ ? ווער איז זי ?

— ווי קען איך וויסן. ער האָט מיר ניט דערציילט, אַז ער האָט צו דיר אימעצן געשיקט. פאַרקערט, ער אַליין האָט זיך געקליבן צו דיר. כ׳האָב אים אָפּגערעדט.

— ווי זעט ער אויס?

— אויב דו ווילסט אים זען, ער וועט ביי מיר זיין מאָרגן.

— זי האָט זיך אָנגעגעבן פאַר זיינע אַ שוועגערין.

— לאָז זי ניט אַרויס אַזוי. אַ פרוי האָט אירע שוואַכע אַנפאַלן. אפשר וויל זי דיר עפּעס דערציילן. גיי אַריין צו איר. כ׳וועל זיין אין ביבליאָטעק־צימער. גיי אַריין צו איר.

ווען קעראָלאַין איז צוריק אַריין צו זיך אין צימער, איז שוין דאָס פרעמדע מיידל געזעסן, געקוקט אין אַ שפּיגעלע, צורעכטגעמאַכט ס׳פאַרוויינטע פּנים.

קעראָלאַין האָט געוואַרט ביז דאָס מיידל וועט צו איר ווענדן דאָס פּנים, זי זאָל אויפסניי זי אָנקוקן; אפשר אויפדעקן דעם סוד וואָס זי האָט מיט זיך געבראַכט.

— כ׳האָב עס ניט געטאָרט טאָן, — האָט דאָס פרעמדע מיידל גערעדט אין שפּיגל אַריין. — ער איז עס ניט ווערט. אויב ער האָט זיך אַליין געקענט אַרויסגעבן.

— כ׳בעט אייך, אויב איר זייט געקומען, גייט נאָך ניט אַוועק. פאַר דעם וואָס איר האָט מיר דערציילט האָב איך צו אייך גאָרניט. כ׳פאַרשטיי, ער האָט אייך געהייסן זאָגן, אַז איר זייט זיינע אַ שוועגערן. דערציילט, וואָס ווייסט איר פון אים?

— כ׳וויל שוין גיין.

— איר וועט אים נאָך זען?

— כ׳וויל אים מער ניט זען.

— איר זייט שוין ביי מיר אין שטוב. איר האָט צוליב אים געוויינט. ניט איינמאָל האָב איך געקלאָגט צוליב אים. כ׳בעט אייך, — האָט קעראָ־לאַין געדריקט דער מיידלס האַנט צו איר ברוסט. — איר קענט עס מיר דערציילן ווי פאַר אַן אייגענער שוועסטער. כ׳בין אַ מאַמע פון קינדער. אפשר דורך אייך וועל איך דערגיין דעם סוד וואָס מיין ברודער טוט אין שיקאַגאָ, און צוליב וואָס ער איז געקומען אַהער.

— מעג איך אייך פרעגן עפּעס? — האָט די פרעמדע געשמייכלט, איר פּנים האָט ווידער אויסגעזען רואיק ווי פריער. — אויב ער האָט אַזאַ שוועסטער, אַזאַ ברודער, ווי אַזוי האָט ער זיך פון אייך דערווייטערט און געוואָרן דאָס וואָס ער איז. די נויט האָט עס פון אים געמאַכט?

— מיר זיינען מיט דריי און צוואַנציק יאָר צוריק אַלע געקומען אַהער. אַלע האָבן מיר געזוכט וואָס צו טאָן. אַלע קינדער, דער פאָטער — אַלע האָבן מיר געאַרבעט. ווער ס׳האָט געטאָן איין זאַך, ווער עפּעס אַנדערש. ער איז אַוועק אויף זיין אייגענעם וועג. ער איז אַוועק מיט די וואָס האָבן געזוכט אַ גרינגערע מערכה. ווער עס האָט עס געזוכט אויף דער בויערי און אויף עלען סטריט, מיידלעך, יונגע קינדער, בלוט־און־מילך, זיינען אַוועק האַנדלען מיט זייער לייב, געמיינט, אַז דאָס איז אַ גרינגערע פּרנסה. אפשר איז אַזאַ פּרנסה גרינגער געווען אין מיינע גרינע יאָרן ווי צו אַרבעטן אין שאַפּ. אָבער איצטער...

— איר האָט געאַרבעט אין אַ שאַפּ? — האָט ס׳מיידל רואיק געפרעגט.

קעראַלאַין האָט אויף דעם ניט געענטפערט. זי האָט גוטמוטיק געשמייכלט און געזאָגט:

— איך פרעג אייך ניט ווער איר זייט. כ׳וויל איין זאַך פון אייך בעטן. איר זאָלט מיין אַדרעס ניט פאַרוואַרפן. שעמט זיך ניט און קומט צו מיר ווען נאָר איר ווילט.

קעראַלאַין האָט די פרעמדע באַגלייט ביז צום טיר. ווען די פרעמדע איז שוין געווען מיט איין פוס אויף דער אַנדערער זייט שוועל, האָט קעראַ־לאַין זי געכאַפּט פאַר דער האַנט, צוריק אריינגעפירט אין קאָרידאָר און מיט גרויס חידוש אַנגעקוקט אין פּנים.

— אייער פּנים איז מיר באַקאַנט, — איז קעראַלאַין אַזש בלאַס געוואָרן.

— איר דערמאָנט מיר מיינע אַ פריינדין פון יענע יאָרן. יוכבד פינקעלשטיין האָט זי געהייסן. כ׳האָב זי אַנגעוואָרן. האַ, זאָגט מיר נאָר נאָך אַ מאָל אייער נאָמען — האָט קעראַלאַין שטיל געציטערט.

די פרעמדע האָט בלאָס געשמייכלט, הינטערוויילעכס איז זי אַרויס פון קאָרידאָר און צוגעמאַכט די טיר הינטער זיך.

קעראַלאַין איז נאָך אַ וויל געבליבן מיט פאַרבליפטע בליקן צו דער טיר. זי איז אַריינגעלאָפן צו זכריהן.

— זאָג מיר, זכריה, האָסט זיך גוט איינגעקוקט אין איר? האָט זי דיר ניט דערמאָנט יוכבדן? כ׳מוז זי אומקערן צוריק.

קעראַלאַין האָט זיך אַ ריס געטאָן צום אַרויסגאַנג, אָבער דאָקטאָר לוריא האָט זי אָנגעכאַפּט און ניט געלאָזט גיין.

— נעם זיך אין די הענט, קעראַלאַין, האָסט זיך די לעצטע צייט אָפּגע־לאָזן. אשרס אַנקומען איז אַ ביסל זאָלץ צו די וואונדן. וועסט די וועלט ניט איבערמאַכן.

— וועסט עס מיר פון קאָפּ ניט אַרויסשלאָגן. ס׳האָט זיך מיר פשוט אין האַרצן אָפּגעריסן. פאַרוואָס האָב איך זי אָפּגעלאָזן?

ביי איר איז איצטער רעכט געווען צו לויפן און באַגעגענען זיך מיט איר פאַרהאַסטן ברודער, ווען זי זאָל נאָר וויסן וואו אים צו געפינען.

— אַז דו וועסט זיך באַרואיקן, קעראַלאַין, וועל איך דיר דערציילן אַ ביסל נייעס. קוק מיך אָן, קעראַלאַין... ביסט אויך פון דער איסט־סאַיד צו וויים אַוועק. פון רוסלאַנד שטראָמט מען נאָך אַלץ אַהער. די נייע דעקן צו די וואונדן ביי די אַלטע. די ערשטע זיינען עלטער געוואָרן, זייט־ביי־זייט שפּראָצט אַ יונגער דור. איין העלפט פון יידישן גוף ווערט יינגער, און די אַנדערע העלפט — ווערט צעפאַלן. אַזאַ נאַציאָנאַלע קראַנקייט. ס׳איז מיט די לוריאס אויך דאָס אייגענע.

קעראַלאַין האָט אַנגעקוקט איר ברודער, געפּרואווט צעקייען זיינע ווער־טער. דער קאָפּ איז אָבער געווען פאַרטאָן מיטן מיידל וואָס איז אַזוי אומ־געריכט געקומען, און נאָך מער אומגעריכט איז זי פאַרשוואונדן.

* * *

אשר לוריא, אָדער אַרקאַדיע לאַריסאָן, ווי ער האָט איצטער געהייסן, אים איז גאַנץ אָפּט באַפאַלן אַ בענקעניש און ער האָט זיך קיין אָרט ניט געפונען אין זיין קליינער מלוכה אין שיקאַגער אונטערוועלט. יעמאָלט האָט ער

אויף זיינס מוחל געווען, אַראָפּגערוקט דעם קאַזיריק, געפאָרן קיין ניו־יאָרק זיך טרעפן מיט משפחה.

פונדעסטוועגן זיינען העכער צען יאָר אַוועק וואָס ער האָט זיך מיט זיינע ברידער און איינציקער שוועסטער ניט געזען. די פּיס האָבן זיך אים יעדעס מאָל אונטערגעבראָכן ווען ער איז צוגעקומען צו אַ הויז, וואו אַ ברודער, אַ לוריא, האָט געלעבט, און ער האָט קיין טיר ניט געקענט עפענען. ער איז אָפּט צוליב „געשעפט" געקומען קיין ניו־יאָרק. אין וועג האָט ער זיך גע־מאַכט אַ האַרץ — ער וועט געוויס די גאַנצע משפחה אויפזוכן. אָבער קיין ניו־יאָרק איז ער שטענדיק אָנגעקומען אַ צעשראָקענער, אַ פאַרלאָרענער. משפחה האָט ער ניט געזען.

די אויפשריפט אויף דאָקטאָר זכריה לוריאס אָפּיס־פענצטער האָט געהאַט די ווירקונג, אַז אשר, די שוואַרצע שאָף פון דער משפחה לוריא, זאָל אין זיך גובר זיין די צעטומלטקייט און אַריינקומען, באַשיידן, אַ ביסל אַ נכנע. אַ ברודער אַ דאָקטאָר — ס'האָט געשמאָלצן זיין האַרץ.

דאָקטאָר לוריא האָט זיין עלטערן ברודער תחילת ניט דערקענט. אשר איז שווער געוואָרן. די געדיכטע, שוואַרצע האָר אויף דער העלפט גרוי.

— דערקענסט מיך ניט? ס'איז דאָך אשר! — האָט אשר נאַריש גע־שמייכלט.

זכריה האָט געשפּירט ווי צווישן אים און זיין ברודער איז אַ וואַנט איינ־געפאַלן. ער איז געווען וואָס זיין עלטערער ברודער האָט זיך צו אים אַראָפּגעלאָזן.

— ביסט אַ דאָקטאָר געוואָרן... אַז כ'האָב אַ ברודער אַ דאָקטאָר. ביסט דאָך ניט קיין שוטה ווי זיי. האָסט זיך דאָך פון מיר ניט אָפּגעזאָגט, כאַ־כאַ־כאַ.

די לינקע זייט פּנים ביי אשרן האָט זיך פון איראָנישן געלעכטער פאַר־קרימט.

— ניין, אשר, איך האָב זיך פון דיר ניט אָפּגעזאָגט אַזוי לאַנג ווי דיך ניט נאָך צו זען דיין ברודער.

— כאַ־כאַ־כאַ, ביסט פאַרט ניט קיין נאַר. דיך האָב איך שטענדיק ליב געהאַט. כ'פאַרשטיי גאָר ניט, ביסט אַ צווילינג־ברודער צו קריינדלען, פאַר־וואָס איז זי מיט אַזאַ פאַריסענעם האָנער? האָט מיר שטענדיק געוויזן די טיר. און נתן, דער סאָציאַליסט, כ'לאַך פון זיין קאָפּ.

— וואָס ווילסטו זאָגן גוטס, אשר? — האָט דאָקטאָר לוריא געשעפטלעך געפרעגט. — אויב דו ווילסט זיך זען מיט די קינדער, קען איך זיי פאַרבעטן.

— בין צופרידן, וואָס דו האָסט ניט געמאַכט קיין פּאַס.

— כ'גיי צו צו אַ מענטשן ווי אַ מעדיקער. איינער איז געזונט, דער אַנ־דערער איז קראַנק. איינער איז קראַנק פיזיש, דער אַנדערער—גייסטיק. פיזיש קוקסטו אויס געזונט צו זיין; אָבער גייסטיק...

— הייסט עס, האַלסט מיך פאַר אַ משוגענעם.

— צווישן די לוריא־קינדער פּאַסטו זיך ניט אַריין.

— כ'ווייס עס. דערצייל מיר בעסער וואָס מאַכט שלמה. אים וואָלט איך נאָך געוואָלט זען. אים, און מער קיינעם ניט.

— שלמה איז מיט אַנדערהאַלבן יאָר צוריק געשטאָרבן.

— האָ־? ווער, שלמה? געשטאָרבן...

די בשורה האָט אשרן ווי מיט אַ שווערן שטיין דערלאַנגט איבערן קאָפּ. ער איז געפאַלן אויפן דיל און זיך צערעוועט ווי אַ ניט־דערקוילעטער אָקס. ס'האָט אים אין קאָנוואולסן געוואָרפן.

דאָקטאָר לוריא איז געשטאַנען קעגנאיבער ביי דער וואַנט, געוואַרט ביז אשר איז שטיל געוואָרן.

אשר איז געקומען צו זיך. ער איז אויפגעשטאַנען, ניט געקוקט אין דונער זייט וואו דער ברודער איז געשטאַנען. מיט אַ געבויגענעם קאָפּ, מיט אונטערגעבראָכענע פיס איז ער אַרויס פון שטוב.

דאָקטאָר לוריא איז ניט געווען זיכער, צי אשר וועט זיך נאָך אַ מאָל באַווייזן ביי אים.

איצטער זיינען ביי דאָקטאָר לוריאן אין אַ זייטיק צימער געזעסן אשר, קעראָלאַין און דאָקטאָר לוריא. קעראָלאַין האָט זיך געשפּירט צעבראָכן; האָט ניט געוואוסט פון וואָס פריער אָנצוהייבן.

ווען אשר האָט זיך נאָך אַמאָל באַוויזן ביי דאָקטאָר לוריאן אין אָפיס, האָט ער, מיט אשרס צושטימונג, געשיקט רופן די איינאונאיינציקע שוועסטער. כאָטש זי האָט זיך באַמיט צו האַלטן שטאַרק, ווי זי האָט עס געטאָן ביי דער לעצטער באַגעגעניש מיט אַריבער צען יאָר צוריק, האָט זי זיך איצטער ניט געקענט קאָנטראָלירן. ס'ערשטע, וואָס זי האָט געוואָלט אויסגעפינען ביי אשרן, צי ער ווייס וואו יוכבד איז אַהינגעקומען. די יוכבד, קעראָלאַינס אַמאָליקע איינציקע פריינדין אין לאַנד, וואָס האָט ביים אָנקומען פאַרשאַפט קעראָלאַין אַ סך יסורים, איז נאָך אַלץ געבליבן איינגעבאַקן אין איר האַרצן.

— זאָג מיר, אשר, ווער איז דאָס מיידל, וואָס איז נעכטן צו מיר געקומען און זיך פאָרגעשטעלט פאַר זיינער אַ שוועגערין, ווער איז זי?

— כ'האָב פשוט געוואָלט, זי זאָל הערן וואָס מ'האָט צו זאָגן וועגן מיר, צי וויל מען מיך זען.

— קענסטו זי ניט?

— כ'האָב זי אָנגעטראָפן אויף דער בויערי אין אַ סאַלון. זי איז אַ מיידל פון יענע מיידלעך.

— פון וואַנען ווייסטו?

— ווען איך זאָל ניט וויסן, וואָלסטו דאָך פון מיר אַ ביסל מער געהאַלטן.

— זי איז געראָטן אין יוכבדן.

— איך האָב יוכבדן שוין אַ יאָר זיבעצן ניט געזען. כ'האָב איר עטלעכע מאָל געשיקט געלט. זי האָט געדאַרפט האָדעווען אַ קינד. אַ, טו העלל! צי איך בין שוין בלינד געוואָרן? ס'איז דאָך... כ'וועל זי אויפזוכן! דו ביסט דאָך...

ער האָט מיט שמחה אַרומגעכאַפּט זיין שוועסטער, אָבער זי האָט זיך פון אים מיט עקל אָפּגערוקט. קעראָלאַין האָט זיך ניט געקענט קאָנטראָלירן און אויסגעשריגן.

— טפוי, זאָלסטו ווערן, אויסוואורף!

קעראָלאַין האָט זיך באַלד געכאַפּט, אַז ניט גוט טוט זי. דאָס וואָס האָט געפּאַסט אַמאָל, ווען זי איז נאָך געווען יונג, פּאַסט ניט איצטער.

— נעם ניט פאַר אומגוט, אשר, — האָט זי מיט טרערן אין די אויגן אַרויפגעקוקט צום פאַרפרעמדטן ברודער. — כ'קען זיך ניט באַהערשן. אפשר,

ווען דאָ וואָלטן געווען דניאל, נתן, אינאיינעם וואָלטן מיר געקענט אַרומרעדן. וואָס זאָגסטו, זכריה? איך וויל, אַלע קינדער זאָלן זיך מיט אים באַגעגענען. נו, גוט, אשר, ווען יוכבדן וועלן מיר לאָזן אויף שפּעטער. דערציייל מיר, וואָס מאַכסטו, וואָס טוסטו? ס׳מיידל האָט מיר נעכטן געזאָגט, אַז דו האָסט כשרע פלייש־געשעפטן.

— נעם זיך ניט אַזוי צום האַרצן, קראַלאַין, — האָט דאָקטאָר לוריא רואיק גערעדט. — אשר איז אייגן בלוט־און־פלייש. אַ ברודער וויל זיך זען, קען מען רואיק זיצן און ריידן. אַט האָט ער נעכטן געווינט, ווען ער האָט זיך דערוואוסט, אַז שלמה איז געשטאָרבן. ער איז אַ מענטש מיט אַ האַרץ. זיץ, אשר. זעץ דיך, קריינדל. אפשר זאָל איך שיקן רופן דניאלן און נתנען. ווילסט זיי זען, אשר?

אשר האָט געשוויגן. ער האָט זיך איינגעהערט צו דער שוועסטערס רייד. ער האָט געהערט יעדעס וואָרט וואָס דער ברודער האָט גערעדט. דעם דאָקטאָרס רייד האָט ער נאָך מיט מער כונה געהערט. פאַר אים איז זכריה, אין ראָל פון אַ דאָקטאָר מיט אַן אייגענעם אָפיס, שטאַרק אין זיינע אויגן אויסגעוואַקסן. מיט אַ סך דרך ארץ האָט ער זיך צוגעהערט צו זיינע רייד.

— כ׳ווייס, כ׳בין אַ פּלעק אויף דער משפחה. כ׳האָב ניט געוואָלט איינבויגן דעם קאָפּ, מ׳זאָל איבער מיר טרעטן. כ׳האָב ניט געוואָלט זיצן פופצן שעה אַ טאָג אין סוועטשאָפּ צוליב פינף־זעקס שמאַליאַרעס אַ וואָך.

— נו, האָט דאָך הילל אויך ניט געוואָלט אַרבעטן אין שאָפּ.

— כ׳קען זיך ניט גלייכן צו היללן. ער האָט כוחות פון אַ בער.

—ניין, ס׳איז ניט אַלץ, אשר.

— כ׳ווייס, אַז דאָס איז ניט אַלץ. צו דיר, זכריה, האָב איך גאָרניט. נאָר דווקא קריינדל, וואָס רייסט זיך שטענדיק פון דער הויט ווי נאָר זי דערזעט מיך... כ׳ווייס, אַז איר מאַן מאַכט אַ סך טויזנטער דאָלער. ווער מאַכט עס פאַר אים? פאַרוואָס, קריינדל, זאָלן מיר זיך מאַכן נאַריש? ווער האָט עס דיר איינגעשמועסט, אַז מ׳נעמט הונדערט מיידלעך, מ׳זעצט זיי אַוועק אין אַ פאַרעיפּושטן שאָפּ, מ׳גיט זיי אַרויס אַרבעט, זיי זאָלן פון זיך אַרויסיאָגן די זעל, כדי צו פאַרדינען די פאַר דאָלער אַ וואָך — איז דאָס כשר? פון אַזאַ־אַ ביזנעס, אַז מ׳שאַרט אַן גאָלד, איז מען אַ לייטישער מענטש אין דער סאָסייעטי. און אַז מ׳נעמט מיידלעך, מ׳קליידט זיי אויס, מ׳פוצט זיי אויס, זיי זאָלן באַגעגענען אַ פּאָר מענער אין מעת־לעת, פאַרדינען פינף מאָל אַזוי פיל אַ וואָך ווי דיינע מיידלעך, איז עס אַ רציחה! ס׳נעכטיקע מיידל האָט ביי מיר פאַרדינט הונדערט דאָלער אין איין טאָג. וויפל דאַרף אַ מיידל ביי דיר אין שאָפּ הארעווען ביז זי וועט פאַרדינען הונדערט דאָלער?

ער האָט באַמערקט קראַלאַינס און דאָקטאָר לוריאס נידערגעשלאָגנקייט, און האָט ווייטער גערעדט:

— איר פאַרנעמט אַן אָרט אין דער סאָסייעטי. אפשר גיט דיין מאַן אויף טשאַריטי. איך האָב אויך אַ פיינע סאָסייעטי. אַז איך גיב אַ טויזנטער אויף טשאַריטי, נעמט מען עס ביי מיר מיט פלעזשור. פון מיינע כשרע פלייש־געשעפטן ווייס די פּאָליציי. ס׳וויסן די שטאָט־באַלעבאַטים. וואָס האָט דאָ נתן אויפגעטאָן? ער העלפט די אַרבעטער? ס׳איז געווען אַמאָל, ווען זיי האָבן קיין געלט ניט געקראָגן פאַר זייער אַרומטאַפּטשען זיך מיט די אַרבעטער. איצ־

טער? ער העלפט זיך און די באַסעס. די אַרבעטער זיינען סיי־ווי שקלאַפּן. ניט מער, איר האָט זיך איינגערעדט, און רעדט איין די וועלט, אַז אייערע שקלאַפּן זיינען אַרגנטלעכע, און מיינע זיינען נבזהקעס. זאָלט איר וויסן זיין, אַז נבזהקעס הערשן אין דער סאָסייעטי. אַלע פּאָליטישנס, וואָס לויפן נאָך און לעקן זיך אונטער דעם פּרעזידענט טעאָדאָר רוזוועלט, זיינען נבזהקעס. פון די פּראָצענטן, וואָס איך צאָל אויס, גייט עס ביז צום טשיף אָף פּאָליס, ביז צום מעיאָר. יאָ, יאָ, כ׳מאַך אַ נישקשהדיקן אַבאָראָט אַ יאָר. כ׳ד׳האָב אויך אַ גאַנץ פיינעם עקאַונט אין די בענק. אפשר ניט קיין קלענערן פון דיין מאַנס. אַרקאַדיע לאַריסאָן איז אַזאַ יחסן ווי לעאָנאַרד סטאָן, כאַ־כאַ־כאַ. ביי מיר האָסטו ניט געוואָלט נעמען קיין פּאָר הונדערט דאָלער, און ביי דעם קרעציקן חלפנען האָסטו יאָ אָנגענומען. מאַכט ניט אויס וואָס ער איז איצטער לעאָנאַרד סטאָן, דיין מאַן. איך בין אַרקאַדיע לאַריסאָן, דיין ברודער!

דאָס אָפּגעזאָגט, איז אַרקאַדיע לאַריסאָן, מיט אַ גאוה־מינע און מיט אַ פּאַריסענעם קאַפּ, אַרויס פון שטוב.

אַ וויילע זיינען קעראָלאַין און דאָקטאָר לוריא געבליבן זיצן ווי פּאַראַלי־זירטע. קעראָלאַין האָט דערשפירט אַ שאַרפן ווייטיק אין ביידע שלייפן. זי האָט אַריבערגעקוקט צום ברודער, וואָס איז געזעסן בלאַס און מיט שטאַרע אויגן געקוקט אין ווינקל קעגנאיבער.

קעראָלאַין האָט געפילט, ווי איר ברודערס גיפטיקע ווערטער טראָגן זיך אַרום פאַר איר צעווייקטן מוח. יעדעס וואָרט, וואָס ער האָט אַרויסגעזאָגט, איז פאַרבליבן, טראָגט זיך אַרום אין צימער. יאָ אמת, און פּאָרט ניט אמת, וואָס איר ברודער אשר האָט אַריינגעזאָגט. „ער צאָלט מיר אָפּ פאַר יענע צייטן ווען איך האָב אים אָן רחמנות אויסגעשמירט ס׳פּנים“, — טראַכט קעראָלאַין. — יעמאָלט, ווען איך אַליין בין געווען אַן אָרים שאָפּ־מיידל, האָב איך געמעגט. איצטער...“

קעראָלאַין האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ צום ברודער:

— האָסטו, זכריה, געהערט וואָס ער האָט געזאָגט?

—יאָ, קעראָלאַין. — האָט זיך דאָקטאָר לוריא אויפגעכאַפּט ווי פון אַ בייזן חלום. — כ׳האָב געהערט וואָס ער האָט געזאָגט. מיר געפעלט, וואָס ער האָט געהאט אַזויפיל מוט. אייגן בלוט איז ער. געדענקסט אים נאָך פון דער היים? ער איז געקראָכן צו די שיקסעס וואָס זיינען געקומען צו אונדז אין אייזן־קרעמל. דער טאַטע האָט אים עטלעכע מאָל דערפאַר אויסגעפּאַטשט. אין רוסלאַנד וואָלט ער אפשר אויך געווען אַ מענטש פון דעם אייגענעם מין, אָבער אָן אַן אייגענער פילאָזאָפיע. דאָ, אין דער גילדענער מדינה, האָט ער אַ לעבנספילאָזאָפיע. זיין געלט פאַרדינט ער כשר, באשר מ׳נעמט פון אים אויך טשאַריטי. פון פשוטן פּאָליסמאַן ביז צום טשיף נעמט מען ביי אים טשאַריטי. ס׳האָט געדויערט, ביז ער האָט זיך צו אַזאַ היוכן געדאַנק דער־קליבן. דעריבער האָט ער גאָר ניט געהאט קיין מורא פריי און אָפן צו דערציילן, אַז ער איז אַ פרויענהענדלער. און אפשר איז ער נאָך אַ גענגסטער אויך. שעמט זיך ניט. זיין פילאָזאָפיע איז דאָ ניט קיין קרומע. אין אונדזער אַמעריקאַנער געזעלשאַפט שטייט פאַר אים אַ ווייכער, אָפּגעהיטער געלעגער. ער ווערט גוט באַשיצט.

— ס׳איז אַ וויסטער חלום, זכריה.

— ס׳איז ניט, קריינדל. צו מיר קומען אַריין פּאַציענטקעס פון אַשרס סאָרט פליישׁ־געשעפטן. כאַטש קראַנקערהייט — ברענגען זיי מיט זיך געגוג גאוה. אַן אַרבעטער־מיידל, אַז זי קומט מיט קראַנקע לונגען, קומט זי אַ דערשלאָגענע, אַ פאַרמשפּטע. אַ פּראָסטיטוטקע קוקט אַנדערש אויפן לעבן. זי האָט אויך די אייגענע פילאָזאָפיע ווי אונדזער ברודער.

קעראַלאַין האָט שוואַך געהערט זכריהס רייד. די טרערן האָבן געפלאָסן פון די אויגן, און ס׳האָט איר אויסגעוויזן, אינאיינעם מיט די טרערן רינט טראָפּנווייס אויס איר חיות. זי דערמאָנט זיך, ווי גאָר ניט לאַנג צוריק האָט זי אין איר מאַנס שאָפּ געטראָפן אַ געבויגענע, נידערגעשלאָגענע גרופּע אַרבעטער, אַרויסגעוואָרפענע פון שאָפּ, בשעת זיי האָבן זיך געבעטן, איר מאַן זאָל זיי צונעמען צוריק צו דער אַרבעט. און איר מאַן... ער האָט צו זיי גערעדט ניט שענער ווי איר ברודער, וואָס האָט אַזוי ברוטאַל אַראָפּגעריסן דעם שלייער פון איר לעבן.

— וואָס נעמסטו זיך אַזוי דאָס לעבן, קעראַלאַין? טראַכסט אוודאי, אַז לעאָנאַרד סטאַן, דיין מאַן, איז פּונקט אַזוי ווי אַשר דהאָט אים געמאָלן. ווי דו ווילסט קענסטו טראַכטן. האָסט מיט מיר אַ סך מאָל גערעדט ווי שווער דיר איז צו זען די עקספּלואַטאַציע ביי דיין מאַן אין שאָפּ. ס׳איז אַ פאַרכישופטער קרייז. אַלץ צוליב דעם, וואָס איינער וויל לעבן, און דער אַנדערער גיט צום לעבן. די צענדליקער, די הונדערטער טויזנטער הונגעריקע, וואָס ציען די הענט און זוכן אַרבעט, זיינען צופרידן און גליקלעך, ווען אימעצער קומט און עפנט פאַר זיי אַ שאָפּ, גיט זיי אַ פּלאַץ צו פאַרדינגען די הענט. אונטער דער אנטוויקלטער קאַפּיטאַליסטישער סיסטעם, ווי מיר האָבן עס דאָ אין אַמעריקע, איז דער אַרבעטער אַ קנעכט. ווי דער מאַן, אַזוי די פרוי. די אַרבעטער־פרוי, אויב זי איז יונג, אויב זי איז געזונט און שיין, בשעת זי זיצט ביי דער אַרבעט און איז נאָך אָפּטע אַ פאַרליבטע אויך, נאָך דער אַרבעט, אויב זי טרעפט זיך מיט אַ מאַן, גיט זיך אים איבער מיט דער פולער פרייהייט וואָס זי פאַרמאָגט אין זיך — טוט זי עס מיט כונה פון אַ פאַרליבטער. אָבער די מיידלעך, וואָס אַרבעטן פאַר אונדזער ברודער אַרקאַדיע לאַריסאָן... ס׳איז אַ פאַרכישופטער קרייז, קריינדל. ער איז נאָך אַ ציניקער אויך, ווען ער האָט געהייסן זאָגן, אַז ער האָט אין שיקאַגאָ כשרע פליישׁ־געשעפטן. אפשר גייען ביי אים די מיידלעך אין שול אַריין דאַווענען, בענטשן ביי אים פרייטיקצונאַכטס ליכט... טשוכע זיך אויס, קעראַלאַין, — איז דאָקטאָר לוריא צוגעגאַנגען צו זיין שוועסטער. — הייב אויף דעם קאָפּ. וואָס איז מיט דיר?

— כ׳ווייס ניט, זכריה. כ׳בין גאָר אינגאַנצן צעמישט. אוי, וואָס איך האָב שוין איבערגעלעבט דאָ אין לאַנד! צייטנווייז דוכט מיר, בעסער וואָלט איך שוין געבליבן אויף לודלאָו סטריט אין אָרימקייט. וואָס קומט אַרויס, אויב איך האָב שוין אַ גוטע היים, געלט, און האָב קינדער? איך געהער ניט צו זיך. די קינדער וועלן צו מיר ניט געהערן. רעד מיר ניט איין, אַז אין רוסלאַנד וואָלט אונדזערער אַ ברודער אויסגעוואַקסן אַזאַ אוממענטש ווי אַשר.

— וואָס פאַר אַן איבעררייד האָסטו געהאַט מיט לעאָנאַרדן?

— ער האָט ארויסגעשמיצט פון שאַפּ אלע אַלטע און שוואַכע. טאַקע די סאַמע נויטבאַדערפטיקע. דעריבער, ווען אשר האָט מיר אויפגעוואָרפן, האָט זיך מיר ס׳האַרץ מיט בלוט פאַרגאָסן.

— איך געדענק נאָך די אָרימקייט פון רוסלאַנד. דאָרטן ווערט אין אָרימקייט דער מענטש ניט פאַרדאָרבן. דאָ פאַרדארבט אים די אָרימקייט. דאָ ציטערט אַ מענטש פאַרן מאָרגעדיקן טאָג.

— כ׳מוז אים נאָך זען. כ׳וויל מיט אים ריידן. כ׳וועל אים אָריינגעמען אין אונדזער ביזנעס. לעאָנאַרד וועט איינשטימען אויף דעם.

— פאַרלאַנג ניט צופיל פון לעאָנאַרדן. ס׳וועט נאָך קומען אַ צייט ווען דיין מאַן וועט ניט קענען אַזוי באַהאַנדלען אַרבעטער, כאָטש אין די יוניאָנס גופא גייט אַן אַ גרויסע אומאָרנטלעכקייט. דיין לעאָנאַרד פאַרשטייט ווי אַזוי אַרומצודרייען אַרום פינגער די אַרבעטער־פירער.

— איך האָב אים ניט ליב. דו ווייסט. ס׳איז נאָר צוליב די קינדער. אָ, איך זינדיק, זכריה, אויב איך באַקלאָג זיך. איך בין ווערט די גאָב וואָס אשר האָט מיר געגעבן. כ׳פאַרשטיי גוט פאַרוואָס רעבעקאַ איז אַוועק פון מיר, נאָכדעם ווי זי האָט זיך דערנענטערט צו איר אייגענער משפחה און זיך דערוואוסט ווי זיי לעבן. איך האָב מיין שטראָף. איצטער זע איך ווי דו ביסט געווען גערעכט. דו האָסט מיך געטריבן, כ׳זאָל זיך לערנען. אָט קוק איך אַן ווי דו לעבסט. דו קענסט טאָן גוטס, אַ סך גוטס קענסטו טאָן מענטשן.

ביי ביידן אין געמיט איז אַנגעשטאַנען אַ פּוסטקייט, ווי אשר וואָלט זייער לעבן אויסגעלערט. אויף דער הייסער רגע איז ניט געווען קיין שום אַנדער אינהאַלט די לערקייט אויסצופילן.

זיי זיינען ביידע אַרויס אין גאַס. געגאַנגען זייט־ביי־זייט. זיי זיינען גע־גאַנגען אַראָפּ מיט איסט־בראָדוויי. רעכטס און לינקס — אַ שטראָם מענטשן. יידן. די זון האָט אויף אַלעמען געלויכטן. פרעמד איז זיי ביידן געווען די לעבעדיקע וועלט אַרום. ניט דער שוואַרצער פלעק אין דער לוריא־משפחה האָט געשווינדלט פאַר דאָקטאָר לוריאן און זיין רייכער שוועסטער — די דריי און צוואַנציק יאָר לעבן אין דער יידישער ניו־יאָרק האָבן זיך איבער־געמישט.

— זאָגסט, זכריה, איך האָב זיך שוין אָפּגעריסן פון דער איסט־סאַיד. ווי קען איך? אַז ס׳האַרץ איז מיר פאַרלאָפן מיט בלוט. כ׳וועל ניט רוען, ביז כ׳וועל ניט אויפזוכן ס׳מיידל, וואָס ער האָט צו מיר געשיקט. זאָל עס מיך אפילו קאָסטן בזיונות. כ׳בין אפילו גרייט נאָך אַ מאָל אָנצונעמען בזיונות פון אשרן.

דאָקטאָר לוריא האָט זיין צווילינג־שוועסטער גענומען אונטערן אָרעם, זי אַריבערגעפירט די בויערי, און געזאָגט:

— פון זיך, שוועסטערשע, קען מען ניט אַנטלויפן. אַלע, וואָס האָבן שוין אַריבערגעשפרייזט אויף דער אַנדערער זייט בויערי, אַריבער צו דער וועסט־סאַיד — זיי וועלן מסתמא פון זיך ניט אַנטלויפן. אפשר דער איינציקער, הילל, ער איז פון זיך אַנטלאָפן אויף אַ וויַיל. די ערד איז פאַרט געבענטשט. ס׳איז ניט דער שמוציקער טראָטואַר, וואו מענטשן... וואָס זאָל איך רעדן שלעכטס, קריינע, אויף יענעם, אויב אַליין האָב איך דעם גלייכן וועג דערוויַיל ניט געפונען.

קאַפּיטל אַכט

דער צווייטער פרילינג איז אָנגעקומען פאַר הילל לוריאן אין די קעצקילבערג. ביי אים האָט עס געמיינט דער צווייטער פרילינג פון זיין לעבן. אויף חידושים האָט ווידער אויסגעזען די באַלויכטענע וועלט זיינע, אַ באַלאַדענע מיט בערג, פעלזן און ווילד־וואַלד.

— ניט־יידן האָבן קיין פחד ניט געהאַט. געקומען אין אַ ווילדעניש אַריין, אויסגעקאָרטשעט ביימער מיט די וואָרצלען, אָפּגעקליבן די שטיינער, זיי אויסגעלייגט אין שטויסן, קרעניצעס אויסגעפּונען; האָבן אפילו קיין מורא ניט געהאַט צו פאַרלייגן אַ בירת־עולם... פונדעסטוועגן איז געווען ניט קלוג אַזוי זיך צו באַזעצן אָפּגעזונדערט און דערווייטערט איינס פון אַנדערן. אַז מענטשן לעבן אינאיינעם, אין אַ דאָרף, איז היימלעכער, מענטשלעכער.

דאָס האָט הילל אַליין צו זיך גערעדט, ווען ער איז צום צווייטן פרילינג אַרויסגעקומען, באַטראַכט זיין וועלט. אים האָט זיך אויסגעדוכט, ווי די קליאָן און ברעזע ביימער שאָקלען מיט די גרינע קעפּ, זאָגן צו אים:

— נאַרישקייטן, בענקסט נאָך מענטשן; זיי זיינען ניט דיינע פריינט. מיר זיינען דיינע חברים.

— טשיקאַווע, — האָט הילל לוריא ווידער געטראַכט. — וויפל מ׳קלייבט ניט אַראָפּ די שטיינער פון דער ערד זומערצייט, פאַרן ווינטער קריכן זיי ווידער אַרויס. ממש די ערד איז טראָגעדיק מיט שטיינער, געבערט זיי, געבערט זיי ניט־געבעטענערהייט.

נאָר באַלד כאַפּט זיך הילל לוריא, אַז ער מאַכט דאָ אַ טעות:

— וואָס האָבן מענטשן צו שטיינער? שטיינער זיינען אַזוי נוציק ווי ביימער. שטיינער דאַרף מען אויך ליב האָבן. מ׳קלייבט זיי צונויף, שטיין־צו־שטיין. ס׳וועט אַמאָל צונוץ קומען. אַז זיי האָבן געמעגט אַראָפּקלייבן די שטיינער, פאַרוואָס טאָר עס דער ייד ניט?

מיטן „זיי" האָט הילל לוריא אויסן געווען די קריסטלעכע פאַרמער, וואָס האָבן געלעבט צעוואָרפן אין דער געגנט. ער איז אויך אויסן געווען דעם פאַרמער ברונאָ עטקינסאָן, ביי וועמען ער האָט אָפּגעקויפט די נחלה, וואָס איז באַשטאַנען פון הונדערט און צען אַקער לאַנד: אַכציק אַקער וואַלד, און דרייסיק אַקער קולטיווירט פאַר תבואות. די שטוב פון אַכט חדרים, אַ שטאַל פאַר היי און פעלד־מכשירים. אויף אַלץ איז געווען קענטיק מענטשלעכע פּראַצע. הילל לוריא האָט געוואוסט, אַז ברונאָ עטקינסאָן איז דאָ אויך ניט געווען דער ערשטער. פאַר אים האָט דאָ אַ מייקל ראָבינסאָן געלעבט.

פונדעסטוועגן, אַז הילל לוריא טראָגט זיך אַוועק מיטן געדאַנק צו די פריערדיקע באַלעבאַטים, וואָס האָבן דאָ געלעבט און האָבן דריי מייל פון זיין

פאַרם פאַרפלאָנצט אַ באַשיידענעם בית־עולם — כאַפּט אים אַרום עפּעס אַ בענקעניש. ס'פאַרדריסט אים פאַרוואָס מענטשן אויף דער ערד נעמען פלוצ־לונג און וואַרצלען זיי אויס. ס'איז גאָר אַ שטילער געפיל, כאָטש אַ טרויערי־קער געפיל, ווען זיין בליק פאַלט אויף די בנינים וואָס ער האָט ניט געבויט, אויף די פעלדער און לאָנקעס, וואָס ער האָט ערשט מיט אַ יאָר צוריק גע־שלאָסן מיט זיי באַקענטשאַפט.

—אוודאי, ווען איך וואָלט אַלץ אָנגעהויבן אַליין פון אָנהויב, וואָלט יעדעס שטיינדל מיר טייער געווען. און די שטוב, כ'וואָלט זי אפשר גאָר אויף אַן אַנדער פלאַץ אויפגעשטעלט. אוודאי, מ'וועט זיך אַרומטאָן, אַרומ־קוקן, וועל איך נאָך אַ צוואַנציק אַקער ערד אויפרייסן, זאָל עס זיין מיין אייגענע פּראַצע. וועל עפּעס טאָן צו דער שטוב, ס'זאָל קענטיק זיין, אַז ס'איז מיין היים.

אַזאַ געדאַנק קומט אים צו הילף, ווען די כוחות טוען אַ שלאָג אין די מוסקולן, בענקען אַ נעם צו טאָן און אויסקערן אַ שווערן שטיין, וואָס ליגט אויפן סאַמע וועג איינגעגראָבן.

אַ פאָלק, אַ גאַנץ פאָלק מיט שטשאָבונעס... ס'גרויסע גליק וואָס האָט יידן געטראָפן אין נייעם לאַנד: זיצן פופצן שעה אַ טאָג אין אַ פאַרעיפּושטער דירה, געבויגן איבער אַ ניי־מאַשיך, שטשאָבען און שטשאָבען; ברווט זאָל אימעצער אַנדערש באַשאַפן; טפוי זאָל עס ווערן!

דאָס האָט דאָך הילל נאָך גאָר אַמאָל, מיט צוואַנציק יאָר צוריק, ווען ער האָט נאָך געטראַכט פון דער „עם עולם" אידייע, ציניש אָפּגעלאַכט פון זיין אייגענעם פאָטער און ברידער, וואָס האָבן זיך לעבעדיקערהייט באַגראָבן אין שוויץ־שאַפּ. ער אַליין, דער שטאַרקסטער פון צווישן די לוריאַ־ברידער, האָט געהאַלטן וואָרט. צוויי און צוואַנציק יאָר האָט ער געטאָן אין ניו־יאָרק כל עבודת־פרך — אין האָפן, גאַסן גערייניקט, אָבי ניט פאַרשפּאַרט צו זיין אין אַ שוויץ־שאַפּ, געבויגן איבער אַ ניי־מאַשין. זומערצייט האָט ער ביי די קריסטלעכע פאַרמערס שווער געאַרבעט, כאָטש ווינציקער פאַרדינט ווי ער וואָלט אין שטאָט געאַרבעט, אָבי צו זיין אַ טייל פון אָפענעם דרויסן. ער האָט אויף קיין איין טאָג ניט אויפגעהערט צו חלומען ווען ס'איז אומצוגיין אויף זיין אייגענער ערד. זיין מינע, די בלאָנדע הורוויטש־טאָכטער, מיט די חן־גריבעלעך אין די פּוציקע באַקן און חן־גריבעלעך אין די אָרעמס ביי די עלנבויגנס, זי האָט מיט טאַטע־מאַמע אין קעלער געלעבט. געבאַקן בייגל פאַר דער גאַס, געשמעקט דעם ריח פון פרישע סטרוזשקעס, וואָס האָבן זיך מיט אַ סווישטש אַרויסגעקייקלט דורכן לאָך פון העבעל, וואָס איר פאָטער אָדער ברודער האָבן געצויגן איבער פּעכיקע ברעטער. מינע האָט געוואַרט אויף דעם טאָג, ווען הילל, דער ברייטפּלייציקער הילל, מיט די שטאָלענע מוסקול־הענט, וועט זי אויף אייביק אַרויסנעמען פון איסט־סאַידער קעלער־שטוב.

פאַר צוועלף־יאָרן האָט ער מיט איר חתונה געהאַט. אָבער זי האָט נאָך אַלץ ביים טאַטן אין קעלער געבאַקן בייגל, און די מוטער האָט די בייגל אַרויסגעטראָגן צו פאַרקויפן. ווינטערצייט האָט ער געטאָן זיין שווערע אַרבעט אין די האָפנס, אָבער אויף זומער איז ער פון זיין ווייב ניט אַוועק. מחמת זי האָט אים געבאָרן דריי קינדער, צוויי יינגלעך און איין מיידל. אין איר,

אין דעם וואוקס פון די קינדער האָט ער געפילט די באַפרידיקונג. „זי איז ווי די ערד אַ געבערקע, — האָט ער פון מינען געטראַכט. — מירן זען ווי זי וועט זיך אויפפירן אויף אַ פאַרם".

זיין מינע פירט זיך דערוויל אויף גוט אויפן פאַרם. זיין מינע לעבט דערוויל איבער דעם האָניק־חודש אירן. נאָר די ליבשאַפט, וואָס דער מאַן הילל האָט געהאַט פאַר איר אין שטאָט, איז געווען שיבעש פון דעם וואָס ער האָט פאַר איר פאַרמאָגט. „די ליבע פון מאַן צו זיין ווייב איז אין שטאָט ניט מער ווי אַ קרענק, — האָט הילל פילאָזאָפירט. — זאָל זי נאָר וואַרטן, כ'וועל מיט איר קומען אַהין, וואו דער ווינט מיטן ריח פון פרישן גראָז און בליעכץ פון ווילדע קאַרשנביימער וועט איר אַ בלאָז טאָן איבער די גלידער!"

זיין פערט קינד, אַ ייִנגל, דריי חדשים אַלט, איז אים שוין געבאָרן געוואָרן אויפן פאַרם. מיט דעם קינד איז ער שטאָלץ. די מאַמע, מינע, די אַנגעגאָסענע, מילכיקע מינע, דערקענט עס אין זיינע אויגן. „ער האָט פיינט דאָס בעט, ער איז קיין נאָר ניט" — האָט מינע געטראַכט יעדעס מאָל, ווען זי האָט ביי היללן אַ ווילד פייערל באַמערקט אין די אויגן. מחמת מיטן פערטן קינד, וואָס איז איצטער דריי חדשים אַלט, איז זי מיט אַ יאָר צוריק פאַרלאָפן טראָגן, ווען ער האָט זי געכאַפּט אין שטאַל, ביים שוימיקן שעפל מילך, מיט די נאַקעטע קני אַרויס, ווען זי האָט נאָר וואָס געהאָט אויסגעמאָלקן אַ געקעלבטע קו. זי האָט אים געגעבן אַ זופּ צו טאָן פון שעפל וואַרימע, שוימיקע מילך, און אים האָבן בשעת מעשה אַ בלענד געטאָן פאַר די אויגן אירע רונדשווערע בריסט, וואָס שוין זעקס יאָר, זינט אין זיי איז דאָס לעצטע מאָל ס'מילך אויסגעקוואָלן.

ער האָט זיך יעמאָלט אָנגעטרונקען מיט וואַרימער, שוימיקער מילך. לאַנג האָט ער געטרונקען פון איר האַנט. די וואַרימקייט פון אָקאָרשט אויסגעמאָלקענער מילך האָט אַ שפּיל געטאָן אין זיינע געבליטן.

— לאָז, הילל, כ'וועל נאָר דאָס שעפל מילך אַריינטראָגן אין שטוב. לאָז, הילל, שעמסט זיך גאָרניט פאַר דער קו... זי קוקט דיך אָן, הילל, פאַרשטייט וואָס דו גייסט טאָן מיט מיר!

הילל האָט טאַקע געוואָלט, די קו זאָל פאַרשטיין, אַז ביי מענטשן שטייט מען אויך ניט אָפּ פון לעבן; אַז זיין ווייב מינע, ווען אירע בריסט גיסן זיך אָן, איז איר מילך אויך ניט קיין וואַסער. אין ווייכן שטרוי, אין זיס־זויערלעכן ריח פון קו און פערד־מיסט זיינען מינעס גלידער אַ סך ווייסער, אַ סך ווייכער געווען ווי אין דעם שטאָטישן בעט.

ווען ער האָט איר געהאָלפן אויפשטיין פון דר'ערד, ווען זי האָט צוריק אויסגעגלעטיקט ס'קליידל אויף זיך, האָט זי מיט האַלב־פאַרמאַכטע אויגן אים אַ וויילע אָנגעקוקט, און זיך געכאַפּט, אַז אין איילעניש, מיט בושה פאַר דער קו, האָט זי אים אפילו קיין קוש ניט געגעבן. האָט זי אויף אים נאָך אַ פאַל געטאָן, געביסן זיין אָנגעדראָלטן האַלדז און געפליסטערט:

— זאָלסט מיך כסדר אַזוי ליב האָבן, וועל איך דיר האָבן אַלע יאָר אַ קינד. אַלע יאָר, הערסט, הילל?

איצטער אויך זיצט מינע אויפן גאַניק פון שטוב, ס'קינד ביי איר ברוסט, און אירע בליקן גייען נאָך איר מאַן וואָס ברענגט אין אָרדענונג אַן אַלטע בראָנע, וואָס ער האָט געפונען אין שטאַל. די אויגן אירע גייען נאָך זיינע

באַוועגונגען, כאָטש ער איז עטוואָס גרוילעך געוואָרן, אָבער זיינע זיבן און פערציק יאָר האָבן זיך ערשט איצטער פאַנאַנדערגעבליט, אָנגעלאָדן מיט חשק און גבורה.

אוודאי וואָלט מינען זיך געבענקט אין שטאָט אַריין. מחמת הילל האָט געזען דאָס פעלד, דעם וואַלד, די פעלזן אַרום, און אין מיטן פון דעם אַלעמען — זיין ווייב און מאַמע פון די קינדער; אָבער מינע האָט נאָר איר היללן אַרויסגעזען. אמת, זי האָט ליב געהאַט די מעלקנדיקע קי אין שטאַל, די אַלערליי יאַגעדע־קוסטעס וואָס האָבן אומעטום אויפן פאַרם זיך פאַרמערט. דאָס איז נאָר געווען אַ צולאָג. דער עיקר איז פאַר איר הילל.

הילל לוריא האָט עס גוט איינגעזען געהאַט. איידער ער האָט זיך אַוועקגעלאָזן אין די קעצקילס ווערן אַ שותף צו דער ערד, האָט ער געטראַכט: „ווייבער בלייבן ווייבער, דאַרפן האָבן שכנים און שכנות. דאַרפן האָבן גאַסן מיט עלעקטרישע לאָמפּן”. האָט ער דעריבער ניט גערוט און ניט געראַסט ביז ער האָט ניט באַזעצט זיינע שווער־און־שוויגער, די הורוויטשעס, מיט זייערע צוויי אויסגעגעבענע זין, אַ מייל דריי אַוועק פון זיין פאַרם. אויך געזונטע מענטשן, אָבער ווען ס'האָט שוין אַ ביסל געצויגן צו האַנדל־וואַנדל. פאַר מינען איז דאָס געווען אַן עולם־ומלואו. מיט פערד־און־וואָגן אַהין צו דערגרייכן איז געווען אַ קלייניקייט. אגב איז די „סקול” געשטאַנען העלפט וועג צווישןביידע פאַרמס. דעריבער האָט מינעס בענקעניש געהאַט אַ גרעניץ. איר בענקעניש האָט געהאַט אונטערגעשאָרענע פליגל. אַז ס'האָט זיך געבענקט, איז מען צוגעפאָרן צו טאַטע־מאַמע, מ'האָט פאַנאַנדערגעשפּילעט ס'האַרץ, געלאָזן די בענקעניש זאָל זיך פריי אויסאָטעמען.

ווען הילל לוריא איז אַוועק אויף זיין אייגענעם פאַרם, מיט דער דערהאָפענונג דאָרטן פאַרקניפּן זיינע יאָרן, איז מיט אים מיטגעגאַנגען זיין חבר ביי דער אַרבעט, טאַראַס ראַזומני, וואָס האָט אַ סך יאָרן מיטגעאַרבעט מיט היללן ווי אַ קאַמעראַד, זייט־ביי־זייט, סיי אין האָפן און סיי אויף פאַרמס.

— דו ווער פאַרמער, איך ביי דיר פראַצעווע, — האָט אין אים כסדר טאַראַס אריינגערעדט.

— דו, טאַראַס, בעסער האָב חתונה, פאַרדין געלט, קויף אַ פאַרם אין שכנות מיט מיר.

— איך ניט האָבן ווייב. אַמעריקע מיר פרעמד. ווייב פרעמד. אַ ווייב, איך קריג פאַר אַ דאָלער. קינדער, סוקיני־סינעס, כ'האָב פיינט.

אויסגעלאָזן האָט זיך ווי טאַראַס האָט געזאָגט. וויפל מאָל ער האָט שוין ניט אָנגעקליבן קיין געלט, מיט דער דעה צו פאָרן צוריק קיין אוקראַינע, האָט ער אין דער לעצטער שעה מיט גוטע ברידער ס'געלט פאַרטרונקען. מיט אַן אויסגעטריקנטן גוף, מיט אויסגעצויגענע, אָבער נאָך שטאַרקע הענט, איז ער געקומען צו הילל'ן. אין היללס פאַרם האָט טאַראַס ראַזומני געפונען דעם געטרייען שטיין, וואו דעם קאָפּ אַנידערצולייגן. זיין אַמאָליקע פילאָזאָפיע, אַז אַ מענטש אַליין איז ווי איין פינגער אין אַ האַנט, מחמת מיט איין פינגער קען מען העכסטנס צעקוועטשן אַ לויז, אָבער צו כאַפּן אַ פלוי מוז מען שוין האָבן צוויי פינגער, — די דאָזיקע פילאָזאָפיע האָט טאַראַס פאַרגעסן. אַנשטאָט דעם האָט ער איצטער געהאַט זיין נייע לעבנספילאָזאָפיע:

— אַ מענטש אַליין האָט גאַנצע וועלט אין זשמענע, אַטאַ־דאַ... צוויי מענטשן, כאַ־כאַ, איך דיר קראַץ די פּלייצע, דו מיר קראַץ די פּיאַטע, כאַ־כאַ. טאַראַס, ווי אַ סוויניאַ, קען זיך קראַצן אָן אַ וואַנט.

פונדעסטוועגן האָט אים געוואַרימט זיין האַרץ, וואָס מינע לוריא איז פאַרגאַנגען מיטן טראָגן.

— דו, גילעל, האָב פּלענטי באַסטרוקעס. איינער גייט ניו־יאָרק; אַנדערער בלייבט דאָ. צען באַסטרוקעס ניט גענוג, גילעל.

טאַראַס איז געווען מיט לייב־און־לעבן איבערגעגעבן די לוריאַס. ס'ערשטע יאָר איז ער געווען אַ ניכטערער מענטש. געגעסן ביי איין טיש מיט די באַלעבאַטים. מינע האָט אים געגעבן צו עסן, וויפל עס איז אין אים נאָר אַריינגעקראָכן. טאַראַס איז מיט די אויגן אומגעגאַנגען איבער אירע אָרעמס, ווען זי האָט זיך איבער זיין קאָפּ אַריבערגעבויגן, צוגעגאָסן אים אין שיסל. טאַראַס האָט אין הילל'ן אַרויסגעזען קראַפט און ליבע צו דער זאַך, וואָס ער האָט זיך אונטערגענומען. ער האָט באַגריפן, ווען הילל האָט אים געגעבן צו פאַרשטיין, אַז נאָר יעמאָלט ווען ער וועט אַליין אויסקאָרטשעווען שטרעקעס ווילד־וואַלד, וועט ער פילן, אַז דער פאַרם איז זיינער.

איצטער, ווען דער צווייטער פרילינג איז אָנגעקומען, די ביימער, פון דער אָסינע ביז צום קליאָן, פון דער ברעזע ביז צום דעמב און נוסבוים, אַלץ האָט זיך באַדעקט מיט גרין; און דער ריח פון צעבליטע, ווילדע קאַרשנביימער, צעבליטע יאַגעדע־קוסטעס האָט אַרויסגערופן צום לעבן בינען און די ערשטע זומערפייגעלעך — האָט הילל מיטגענומען טאַראַסן נאָך אַ מאָל באַטראַכטן וואָס דאָס לאַנד פאַרמאָגט. פון פאַראַיאָרן זיינען געבליבן אַ צען אַקער לאַנד ניט גערירט, איז מען אַהין אַוועק עס באַטראַכטן.

מיט אַמאָל האָבן זיי זיך אָנגעשלאָגן אויף אַ פאַרזשאַווערטן אַקער־אייזן, צוגעשרויפט צו אַ געבליבענעם טייל, שוין האַלב־פאַרפוילטן, דעמבענעם שטיק־אָרעם.

ביי ביידן איז מיט ערנסט ס'פּנים פאַרצויגן געוואָרן. ביידע, ווי צוויי עקספּערטן, האָבן זיך צום פאַרגעסענעם אַקער אַראָפּגעבויגן, געטאַפּט ס'פאַרזשאַווערטע אייזן, אַ קאַלופּע געטאָן די פאַרפוילטע טיילן פון צעפוילטן דעמב. פון פאַרזשאַווערטן אַקער־אייזן, פון פאַרפוילטן דעמבנהאָלץ האָבן אַרויסגערעדט פאַרלאָפענע יאָרן. פון דעם האָט אַרויסגערעדט מענטשלעכע זאָרג, ס'האָט געאָטעמט מיט אונטערגאַנג.

— דאָס איז ניט מיסטער עטקינסאָן... ער געווען אַ גוטער באָס. דאָסאַדנאָ, גילעל. די סאָכע, דעם אָזים גערישן, דעם טשאָרט געדינט, און אַזוי פאַרן ווינט געלאָזן. איך עס נעם צום קאָוואַל, איך נאָך פון דעם מאַך...

הילל איז אויך אַ ביסל אומעטיק געוואָרן. ער האָט דעם אַקער־אייזן איבערגעקערט, און וואו ער איז געלעגן איינגעשניטן אין דער ערד, איז געבליבן אַ טיפער, ברוין־שוואַרצער שניט. עטלעכע טויטע, אויסגעלערטע זשוקעס, קניפּלעך זייד פון וואָלף־שפּינען האָבן דאָרט געהאַט זייערע נעסטן.

— הייסט עס, מענטשן האָבן געלעבט, מענטשן האָבן געלאָזן נאָך זיך צייכנס פון לעבן און צייכנס וואָס דערמאָנען — — —

פונדעסטוועגן איז פאַראַן אין הילל'ס אומדערוואַרטעטער בענקעניש עפּעס אַזוינס וואָס פאַר טאַראַסן קען ער ניט אויפקלערן. אפילו מיט זיין

מינען וואָלט ער נאָך אויך ניט געקענט רעדן אָפּגהאַרציק. דער קוואַל פון זיין באַגייסטערונג און מוט, וואָס האָט אים אָפּגעהאַלטן פון גיין אין שאָפּ אַריין, באַגראָבן זיך אויף אַ גאַנץ לעבן אין ניו־יאָרק — דאָס שטאַמט נאָך פון יענער אידייע, אַז אין אַמעריקע וועלן זיך יידן ניט אָפּזעצן אין שטאָט. איינס־ביי־איינס וועלן זיי ציען צום לאַנד, וועלן פאַרנעמען גרויסע שטרעקעס ערד. די אידייע האָט לאַנג געשטאַרקט היללס כוחות, ווען ער האָט אפילו געאַרבעט ביי פרעמדע, ניט־יידישע פאַרמערס. ער האָט געשפּירט, אַז ער טוט אַ טייל פון זיין פליכט. כאָטש מיט דעם האָט ער זיך אויסגעלייזט פון דעם כלל, וואָס האָט „אַמאָל געקרעמערט אין רוסלאַנד, און וועט נאָך צוריק אָנהייבן קרעמערן אין דער פרייער אַמעריקע".

באַטראַכטנדיק דעם פאַרזשאַווערטן אַקער־אייזן, איז הילל מיטן געדאַנק אַוועק קיין ניו־יאָרק, וואוהין מיט דריי און צוואַנציק יאָר צוריק, נאָכן באַלטער פּאָגראָם, האָט זיך אַ גרויסע משפּחה לוריא אַוועקגעלאָזן קיין אַמעריקע. דור־דורות אין רוסלאַנד — און מיט אַמאָל — האַידאַ, איבער ימען, האַידאַ, אין אַ ניי לאַנד און נייער וועלט! די מאַמע געשטאָרבן אויפן שיף. דער טאַטע האָט צום יאָר חתונה געהאַט מיט אַ רויטהאַריק, יונג מיידל, וועלכע האָט געבאָרן אַ טאָכטער און איז געשטאָרבן אין קימפּעט... און די קינדער—נתן, דניאל, ער — הילל, שלמה, אשר, זכריה, און קריינדל... דעם טאַטנס געביין וואַלגערט זיך שוין לאַנג אין דר'ערד. דער ברודער שלמה איז שוין אויך אָנדערהאַלבן יאָר אין דר'ערד. אשר איז אַוועק אויף שלעכטע וועגן. נתן — אַן אַרבעטער־פירער. דניאל — אַ סוחר. זכריה— אַ דאָקטאָר. קריינדל — קעראָלאַין סטאָן — — — אַלע אין ניו־יאָרק. ער איז געקומען צו דער ערד. „אַ מענטש אויף דער ערד". פון אַלע קינדער האָט זיך שטאַרק אינטערעסירט מיט זיינע פּאַרלאַנגען — דאָקטאָר לוריא. ער, דער איינציקער, וואָס האָט אים צוגעגעבן מוט, אים וואַרים באַגריסט. אַרום־און־אַרום, די גאַנצע משפּחה...

— וואָס דו אַזוי סקוטשנע געוואָרן, גילעל? — האָט טאַראַס זיך אָפּגערופן. — דו נאָך לעב, דו נאָך ניט רעזשאַווייע, דו ניט פויל, דיין כאָזיאַיקע דיר האָבן אַ בייסטרוק, און נאָך אַ בייסטרוק. דו נאָך אַ יונגער באַטקע.

טאַראַס האָט היללן געטראָפן אין פינטל אַריין. ס'איז אים דורכגעגאַנגען אַ וואַרימקייט דורך די ביינער.

— ביסט גערעכט, טאַראַס, — האָט הילל מסכים געווען. — ניט אין ניו־יאָרק האָב איך אָנגעהויבן מיין לעבן. דאָ הייב איך אָן פון סאַמע אָנהויב. מיינע קינדער, וואָס וועלן דאָ געבאָרן ווערן, וועלן זיין צוגעבונדן צו דעם־אָ אָרט. מיינע פּלוגעס וועלן דאָ ניט זשאַווערן, טאַראַס.

הילל האָט דעם געפונענעם אַקער־אייזן, אינאיינעם מיט דעם שטיק צוגעשרויפטן פאַרפוילטן דעמב, פאַרוואָרפן אויפן אַקסל, און מיט דעם זיך געלאָזן גיין אַהיים. ער האָט געטראַכט מינען דערמיט איבעררּאַשן, באַוויזן איר דעם אַקער, וואָס האָט אפשר די אַלע פעלדער אַמאָל צעאַקערט.

צוקומענדיק נענטער צום שטוב, זיינען אים אַנטקעגן אַרויסגעלאָפן אַלע דריי קינדער. דער עלטערער, עלף יעריקער ישראל, אַ נאָמען נאָך הילס טאַטן; דער ניין יעריקער משה, אַ נאָמען נאָך מינעס אַ זיידן, און די זעקס

יעריקע טויבע, אַ נאָמען נאָך היללס מאַמען. די קינדער זיינען געקומען פון סקולע, און זיינען אויך געווען פאַרחידושט פון דעם שווערן, אומבאַקאַנטן אַקער־אייזן, וואָס דער פאָטער האָט פון אַקסל אַראָפּגעוואָרפן.

— איר זעט, קינדער, האָט הילל מיט אַ באַזונדערער כונה באַוויזן דעם זשאַווער אויפן אַקער, און ס'פאַרפוילטע האָלץ. — דאָס האָב איך דאָ גע־פונען. מענטשן, וואָס איך קען ניט, אָבער וואָס האָבן דאָ די ערד אויפגע־אַקערט, און האָבן אַהער אַריבערגעפירט ס'קליינע טייכל זאָל דאָ לויפן, זיי האָבן דעם־אָ פלוג באַנוצט. וואו זיי זיינען, ווייס איך ניט. אָבער דאָס איז אַ סימן, אַז זיי זיינען דאָ געווען.

— איך וועל פון דאַנען קיינמאָל ניט אַוועקגיין, — האָט זיך ס'עלטערע יינגל אָפּגערופן.

— איך וועל ניט אַוועקוואַרפן קיין אַקער ווי דער מענטש האָט געטאָן. ניט גוט דאָס האָט געטאָן דער מענטש, — האָט ס'יינגערע יינגל צוגעגעבן.

— כ'וועל, קינדער, אים פירן צו אַ שמיד, וועל אים פאַריכטן, וועל מיט אים נאָך אַקערן די ערד.

מינע איז אַרויסגעקומען, מודיע געווען היללן, אַז אַ בריוו איז אָנגע־קומען פון ברודער דעם דאָקטאָר, פון זכריהן, וואו ער שרייבט, אַז ער קלייבט זיך קומען געוואויר ווערן. אפשר וועט ער קומען ניט אַליין.

— וואָס זאָגסטו, הילל? זאָלן זיי קומען אַהער, זאָלן זיי פאַרזוכן פון אונדזער אייגענער מילך און פוטער.

— ער איז מיר שטאַרק אָנגעלייגט. אוודאי וואָלט ער אין רוסלאַנד ניט געוואָרן דאָס וואָס ער איז. איך וואָלט אויך אין רוסלאַנד ניט דערגרייכט...

— זעסט, מאַמע, דער טאַטע האָט געפונען אַן אַלטן אַקער, וואָס אימע־צער האָט דאָ פאַרגעסן!

— מעגסט עס אָנקוקן, מינע. כ'האָב עס געפונען העט ווייט פון אונדזערע פעלדער.

מינע איז אַראָפּגעקומען פון גאַניק, צונויפגעבויגן די ליפּן, פאַרזשמורעט די אויגן, און זיך שטאַרק געחידושט. ווי אַ גאַסט פון אַ פרעמדער וועלט האָט צו איר דער פאַרזשאַווערטער אַקער אַרויפגעקוקט.

די בענקעניש, וואָס דער געפונענער אַקער האָט אויפגעוועקט ביי היללן, האָט אַ ריר געטאָן זיין האַרץ, ווען מינע האָט אים דערציילט, אַז זיין ברודער זכריה, דער דאָקטאָר פון ניו־יאָרק, קומט צו גאַסט.

* * *

ביי די בערגערס האָט מיט אַ מאָל די זון זיך באַוויזן, פּונקט ווי די גאַנצע משפחה וואָלט זיך אויפגעהויבן פון אַ פאַרלענגערטער קרענק: עמאַ בערגער, וואָס האָט פון ביאַליסטאָקער פּאָגראָם פאַרנומען קיין אַמעריקע אַלע שרעקן, אַלע ווייגעשרייען פון פאַרפייניקטע און באַליידיקטע, זי האָט אופסניי גע־עפנט די אויגן, אַרויסגעקומען צום נייעם פרילינג מיט אַ חשק אין בלוט צו גיין דעם לעבן אַנטקעגן.

אוודאי האָט דאָקטאָר זכריה לוריא דעם גרעסטן חלק צוגעטראָגן, באַ־זונבדיק עמאַן אַזוי אָפּט ווי מעגלעך, ביז ער האָט זי אויף די פיס אַוועקגע־שטעלט. און איצטער, ווען ער האָט באַשטימט אַנהויב יוני אַראָפּצופאָרן,

אַנטאָן אַ נחת־רוח דעם עלטערן ברודער, היללן, אויף זיין פּאַרם אין די קעצקילס, האָט ער איינגעלאַדן עמאַן, זי זאָל מיט איבם מיטפאָרן.

צוליב דעם איז די גאַנצע בערגער־משפּחה אַ האַלבן טאָג ניט געגאַנגען צו דער אַרבעט, ווי מ׳וואָלט די געזונט געוואָרענע טאָכטער אויסגעריכט צו אירע תנאים. געוויס האָט קיינער פון די שטובלייט, אויסער דער מוטער אפשר, ניט חושד געווען, אַז דעם דאָקטאָרס מיטנעמען עמאַן צו זיין ברודער אויפן פּאַרם איז ניט מער ווי די אַלע תרופות, וואָס ער האָט דער קראַנקער עמאַן געגעבן ביז ער האָט זי דערמונטערט. ער האָט דאָך עמאַן עטלעכע מאָל אַרויסגענומען באַוויזן ניו־יאָרק, אויפן וועג דערציילט ווי ווייט ניו־יאָרק איז געוואַקסן פון די יאָרן וואָס ער איז אין אַמעריקע. ער האָט זי אין סענטראַל־פּאַרק גענומען, באַוויזן די חיורת. ער האָט זי אויך געפירט אין די אָרימע געגנטן, און איינמאָל זי פאַרנומען צו זיין רייכער שוועסטער.

דאָקטאָר לוריא האָט זיך מיט אַן אינערלעכער אויפרעגונג געגרייט צו דער נסיעה. זיין ברודער היללס עקשנות האָט ער אָפּגעשאַצט. כאָטש ער האָט ניט געגלויבט, אַז הילל וועט זיין אַמביציע ווען ס׳איז דורכזעצן. ער האָט היללן צוגעזאָגט צום יאָר זיך אַריבערכאַפּן צו אים. ער האָט די נסיעה אָפּגעלייגט אויף אַ פּאָר וואָכן, מחמת עמאַ בערגער האָט אים אויסגעזען צו שוואַך. עמאַ בערגער האָט אין הארצן זיך געריכט אויף דער נסיעה. זי האָט געהאַט אמונה, אַז ערשט איצטער הייבט זיך אָן דער וועג וואָס וועט זי אַרויספירן פון פאַגראַמען־וועלט; וועט זי אַוועקפירן ווייט, ווייט, און אָפּרייסן פון איר געליבטנס שאָטן, וואָס האָט זיך באַהעפט מיט איר יונג לעבן.

— מיט אייך, דאָקטאָר, וואָלט איך זי געשיקט עק־וועלט, — האָט די מוטער, גאָלדע בערגער, געזאָגט, בשעת אירע פאַרטרערטע אויגן האָבן געלויכטן. — אָפּריער גאָט, און דערנאָכדעם איר, דאָקטאָר!

— כ׳וואָלט אַליין אויך אַ בעלן געווען אַ פּאָר טאָג, באַטראַכטן, ווי יידן אָרדנען זיך איין אויפן דאָרף, — האָט דער פּאָטער, לייב בערגער, דער־שפּירט אַ וואַרימקייט אַרום האַרצן. — אַלץ וואָס איך וויל, איז, מיין קינד זאָל ווערן אינגאַנצן געזונט; כ׳זאָל פאַרגעסן, אַז כ׳האָב אַמאָל געלעבט אין פאַגראָמענלאַנד.

— אויף שמחות, דאָקטאָר, וועלן מיר אייך באַלוינען פאַר אייער גוטסקייט, — האָט די מוטער זיך געקענט איינהאַלטן, און צוגעוואונשן.

דאָס איז געווען די סיבה וואָס כמעט אַ גאַנצן וועג האָבןביידע פאַר די מחשבות קיין פּאַסיקע ווערטער ניט געפונען.

הילל לוריא איז די נאַכט שלעכט געשלאָפן. באמת האָט ער געחלומט, אַז די גאַנצע משפּחה לוריא וועט נאָך אַמאָל אַ נעם טאָן און אַראָפּקומען צו אים. אַלע ברידער מיט זייערע ווייבער, די איינציקע שוועסטער מיט איר מאַן און קינדער — זאָלן זיי נחת האָבן פון דער רחבות וואָס ער פאַרמאָגט.

ער האָט זיך אויסגעמאָלן ווי זיינע געוויקסענע ברידער, די ניו־יאָרקער לייט מיט זייערע ווייב־און־קינדער שפּאַצירן צווישן די ביימער, שפּיגלען זיך אין קילן וואַסער וואָס שניידט דורך זיין פאַרמלאַנד. ער זעט, ווי פאַרחידושט זיי זיינען, מיט וואָס פאַר אַ התפעלות זיי באַטראַכטן אַלץ; זיינען אים מקנא, און ער האָט איבער זיי דעם נצחון: „וואָרפט די שטאָט, קומט אַהער; איך האָט מיר געהאָלפן, איך וועל אייך העלפן לעבן ווי מענטשן...״ נו, קומט

דערווייל דער ברודער, דער דאָקטאָר. ס'איז ביי אים געווען שטאַרק אָנגעלייגט. אויב דערווייל איין ברודער, איז זכריה דער פּאַסיקסטער. ער האָט נאָר געמאַכט אַ טעות. ווען דאָקטאָר זכריה לוריא האָט אים געשריבן, אַז ער ברענגט מיט זיך נאָך אימעצן, האָט הילל חושד געווען, אַז די שוועסטער, קעראָלאַין, קומט מיט.

— דאָס וויל ער מאַכן אַ סורפּרייז, — האָט ער צופרידן דעם ענין מיט זיין מינען אַרומגערעדט. — הלוואי קומט זי טאַקע, וואָלט זי געזען, אַז די טויזנט דאָלער וואָס כ'האָב ביי איר גענומען, וועל איך גאָר אינגיכן משלם זיין.

מ'האָט געדאַרפט פאָרן עטלעכע מייל צו דער נאָענטער באַן־סטאַנציע דעם גאַסט באַגעגענען. טאַראַס האָט די פערד, איינער אַ ברוינער און דער אַנדערער אַ ווייסער, געוואַשן און געפּוצט. ער האָט דאָס בריטשקעלע אַרומגעוואַשן. הילל האָט זיך לייטיש אָנגעטאָן. מינע האָט די שטוב געראַמט. ס'האָט זיך אויסגעדוכט, אַז אַפילו די הענער האָבן העכער און אָפטער געקרייעט, מחמת זיי האָבן געפילט, אַז אַ וויכטיקער גאַסט דאַרף אָנקומען.

הילל האָט געפינטלט מיט די אויגן, גערעכנט, ער מאַכט עפּעס אַ טעות, ווען זייט־ביי־זייט מיטן דאָקטאָר איז פון וואַגאָן אַרויסגעקומען אַ יונג, בלאָנד מיידל. „עפּעס פון גאָר אַן אַנדער פּאַראַדיז!" — האָט הילל אַ טראַכט געטאָן בעת ער האָט אונטערגעאײַלט אַנטקעגן דעם ברודער. ס'איז ניט געווען צו פאַרמיידן: טרערן האָבן אַ ברי געטאָן היללן אין די אויגן. ווען ניט דאָס אומבאַקאַנטע מיידל — וואָלט ער געוואוסט וואָס צו זאָגן. ער וואָלט דעם ברודער אַרומגענומען, אים גוט אָנגעקלאַפּט אין פּלייצע, מ'וואָלט האַרציק געלאַכט. אָבער אַ ווילד־פרעמדע שטייט אָן אַ זייט און מיט גרויסע, גרויע אויגן קוקט זי אָן די צוויי ברידער.

— זיי באַקאַנט, הילל, — האָט דאָקטאָר לוריא אַליין זיך געכאַפּט. — דאָס איז מיינע אַ פּאַציענטקע, עמאַ בערגער; מיטגענומען צו באַווייזן וואו מענטשן ווערן געזונט, וואו מענטשן לעבן ווי מענטשן.

— כאַ־כאַ־כאַ, האָסט גוט געטאָן, זכריה. דוקא דו, אַזאַ פאַרנומענער מענטש, האָסטו גענומען און פאַרט אָפּגעריסן אַ ביסל צייט. מסתמא האָסטו אַ סך צו דערציילן, וואָס, זכריה? איר זייט שוין לאַנג אין לאַנד? — האָט זיך הילל געווענדט צו עמאַן.

— היינט ערשט בין איך אָנגעקומען, — האָט עמאַ אַ באַגייסטערטע געענטפערט. — היינט איז פאַר די אויגן אַזוי ליכטיק, ווי קיינמאָל נאָך ניט אין דעם לאַנד. אַ דאַנק דעם דאָקטאָר וואָס ער האָט מיך מיטגענומען. איר ווייסט גאָר ניט וואָס פאַר אַ גוטן ברודער איר האָט — האָט זי געשמייכלט צו היללן.

— איך ווייס שוין גוט וואָס פאַר אַ ברודער ער איז. כאָטש אפילו מיט דעם וואָס ער האָט זיך אָפּגעריסן פון ניו־יאָרק, און אַרויסגעקומען.

מ'האָט זיך געריירט פון אָרט. אַ געוויסע צייט האָבן די דריי פּאַסאַזשירן געשוויגן. יעדער איינער פון די דריי איז געווען פאַרנומען מיט זיך.

היללן האָט דאָקטאָר זכריה לוריא מיט זיין קומען דערמאָנט, אַז ערגעץ ווייט איז פאַראַן אַ גרויסע יידישע וועלט, וואו ס'לעבן קאָכט און רודערט אָן אויפהער. אַ געדיכטע יידישע וועלט, וואוהין עס שטראָמען טאָג־טעגלעך אַריין פרישע יידישע מחנות. און ער — דריי מייל פון זיין פאַרם לעבן

שווער־און־שוויגער מיט די קינדער. דאָס איז דערוויי̇ל זיין יידישע וועלט. צווישן אים און די ניט־יידישע פאַרמער האָבן זיך נאָך דערוויי̇ל קיין נאָטיר־לעכע באַציאונגען ניט אָנגעקניפּט. הילל וויל עפּעס זאָגן מכוח דעם. ס׳האָט זיך ס׳האַרץ צו שטאַרק פאַרבענקט.

דאָקטאָר זכריה לוריא האָט געקוקט צו דער כמעט אומבאַוואוינטער וועלט. דער וועג, וואָס האָט געפירט דורך וואַלד, האָט אָפּגעדעכט אונטער די פערדישע, געשמידטע קאָפּיטעס. פון אונטער די רעדער איז אַרויסגעשוואו־מען אַ זאַמדיקער גערויש און געקריצט אין די אויערן. אים איז שווער געווען צו באַשטימען, צי זיין ברודער איז צופרידן. „צי האָט ער געפונען זיין מנוחה און זיין נחלה? פאַר דער צייט איז ער מגושמדיק געוואָרן" — האָט דאָקטאָר לוריא אַ טראַכט געטאָן, און ס׳האָט זיך אים גריילעך געוואָלט איבעררייסן דאָס שטילשווייגן.

עמאַ בערגערס גרויע אויגן האָבן זיך ברייטער אויפגעעפנט. יעדער בוים ביים זייט וועג איז איר געווען אַ חידוש. גלייך ווי צום ערשטן מאָל זעט זי אַזעלכעביימער. די צוויי שוויגנדיקע ברידער, צווישן וועמען זי איז געזעסן; עמאַ שפּירט, ווי אַן ווערטער רעדן זיי זיך דורך. אפשר, ווען זי איז איצטער ניט צווישן זיי, וואָלטן זיי גערעדט און געלאַכט, איינס ס׳אַנדערע אויסגעפרעגט פון אַלץ און אַנאַנדער. פונדעסטוועגן פאַרדריסט איר ניט, וואָס זי געפינט זיך איצטער צווישן די צוויי אַנטשוויגן געוואָרענע מענער. דאָקטאָר לוריא, אין איצטיקן שטילשווייגן, קומט איר אויס עלטער און שווערער, ערנסטער און אַ באַלאַדענער מיט זאָרג.

— יידן קומען און קומען, זכריה... ווען ט׳שוין נעמען אַ סוף צום לויפן אַהער? וואָס, מ׳הערט גאָרניט קיין גוטע נייעס פון רוסלאַנד? — האָט הילל איבערגעריסן די שטילקייט.

— אָט, פרעג מיס עמאַ בערגער, וועט זי דיר דערציילן וואָס פאַר אַ טויט־שרעק יידן לעבן איבער אין רוסלאַנד. כ׳קוק, אַזעלכע שיטערע פאַרמס, מ׳זעט גאָר קיין מענטשן ניט. און דאָרטן, אין ניו־יאָרק, אַזאַ ענגשאַפט! פּשוט און פּראָסט, מ׳ליגט איינער אויפן אַנדערן.

דאָס האָט אויפגעמונטערט היללן:

— מ׳וועט אָנהייבן צו לויפן פון דער ענגשאַפט, — האָט הילל אָנגעה־הויבן מיט אַ געהויבענער שטים. — כ׳דאגה ניט, וואָס לעת־עתה בין איך כמעט אַליין. גוט צו זיין פון די ערשטע. ווייסט, זכריה, אַז כ׳בין גליקלעך און מינע אויך, וואָס זי איז ווידער געוואָרן אַ מאַמע. אַ שטיק גליק, אַז מ׳האָט קינדער אויפן פאַרם. וועסט די קינדער ניט דערקענען. פאַרן יאָר אויסגעה־וואַקסן, געזונט געוואָרן. האָבן ליב דעם פאַרם. קענען שוין יעדן בוים, יעדן קוסט אפילו, כאַ־כאַ־כאַ.

אין אמתן האָט היללן געוואָרפעט וואָס זיין ברודער האָט מיטגענומען אַ ווילד־פרעמד מיידל. „גלאַט אַזוי נעמען אַ פּאַציענטקע... זאָל עס טאַקע אַזוי זיין?" ער קען זיין ברודער. ער ווייס, אַז זכריה וואָרפט זיך ניט מיידלעך אויפן האַלדז. אין פאַרגלייך מיט אים איז זכריה אַ קאַלטער מענטש. אים קומט אויפן רעיון זכריהס ליבע מיטן קריסטלעכן מיידל, מיט דניאלס שוועגערין. מ׳האָט געמיינט, זי וועט זיך אויך מגייר זיין ווי דניאלס ווייב,

וואָס צווישן זיי ביידן איז פאָרגעקומען האָט קיינער אין דער משפּחה ניט געוואוסט. ס׳טוט היללן הנאה וואָס ער פאָרט איצטער מיט אַ יידיש מיידל. ער האָט זי נאָך אפילו ניט גוט אָנגעקוקט.

— אָט דאָס איז שוין מיין וואַלד, זכריה! דאָרטן קוקן אַרויס מיינע סקאַלעס. הינטער זיי זיינען די בנינים. די סקאַלעס האָב איך תחילת פיינט געהאַט. מוראדיק האָבן זיי צו מיר אַרויסגעשטאַרצט פון דער ערד. איצטער זיינען זיי ביי מיר ליב און טייער. אַ גאַנצער פּאַני־בראַט מיט זיי. וואָלסט זען, ווי די קינדער קלעטערן אויף זיי אַרום, וויווילדע ציגן, כאַ־כאַ־כאַ.

מיט אַ שטראָם לעבן האָט די באַלעבאָסטע, מינע, באַגעגנט די געסט. כאָטש אין שטאָט האָט זי געהאַט אָפּשיי, ווען זי איז געקומען אין באַגעגעניש מיטן שוואָגער דעם דאָקטאָר, דאָרטן האָט זי מורא געהאַט אים אַ קוש צו טאָן. דאָ האָט זי זיך אים געוואָרפן אויפן האַלדז, שיעור אים ניט איינגע־שלונגען. איינס און צוויי האָט זי ביי זיך אָפּגעמאַכט, אַז דאָס אומבאַקאַנטע מיידל איז מסתמא אַ כלה. האָט זי עמאַן אַרומגעכאַפּט און זי אָנגעקושט אין ביידע באַקן.

— האַ, געמיינט, מיר לעבן שוין אוודאי ניט... מיר לעבן, מיר לעבן, זכריה! אָטאָ־דאָס איז אונדזער היים, דאָרטן אונדזערע שטאַלן, אונדזערע קי, הינער און גענדז, אונדזערע בוימער, אפילו די שטיינער...

מינען האָט דער אָטעם פאַרשלאָגן:

— וואָס זייט איר, מאַנצבילן, אומעטיק? ניט געזען זיך אַ יאָר צייט, איז מען גאָר אומעטיק! קומט אַריין אין שטוב, דער טיש איז געגרייט, ס׳עסן איז שוין פון צוויי אַזייגער אָן פאַרטיק.

הילל איז אין האַרצן געווען גליקלעך וואָס זיין מינע האָט די געסט אַזוי באַגעגנט. ער אַליין האָט אַ טרייסל געטאָן מיטן קאָפּ, ווי אַרויסצוטרייסלען עטלעכע שווערע מחשבות וואָס זיינען אומגעבעטענערהייט אָנגעלאָפן.

— אָטאָ־דאָ זיינען מיר, זכריה. דאָ איז אונדזער וועלט, — האָט ער מיט פאָטערלעכער גוטסקייט גערעדט אויף עמאָס זייט. — דאָ איז אַ געזונטע וועלט, אַ שטילע און מיט געזונטער אַרבעט. ווען איר קענט דאָ בלייבן אַ זומער לאַנג, דאָ קען מען שוין ווערן געזונט.

— גוט, וואָס יידן גייען אַוועק פון שטאָט, — האָט עמאַ מיט אַ בענקשאַפט אין פּנים געזאָגט. — דאָ איז מען פריי, געזונט. דאָ איז אַ ייד זיכער מיט זיין לעבן.

—כאַ־כאַ־כאַ, זיכער מיטן לעבן, זאָגט איר... — גאָט איז מיט אייך! דאָ גיט מען דעם יידן אַ מעגלעכקייט צו לעבן ווי אַ מענטש. אונדזערע גרינע באַזעצן זיך אין ניו־יאָרק; וועיטער פון ניו־יאָרק ווייסן זיי ניט. פרעגט זיי בהירם, וואו זיי זיינען. איך בין דאָ אינגאַנצן ס׳צווייטע יאָר. אַ שאָד, כ׳האָב שוין דאָ געדאַרפט זיין מיט צוואַנציק יאָר צוריק.

ביים עסן האָט זכריה דערציילט פון וואָס עמאַ האָט געליטן. עמאַ האָט געשוויגן. איר איז געפעלן געווען ווי דאָקטאָר לוריא דערציילט.

— מיס עמאַ בערגער טראָגט דעם גאַנצן יידישן צער אין האַרצן. יידן לויפן פון פּאָגראָמען, קומען אַהער, ווילן זיי עס פאַרגעסן. אפשר פאַרגעסן זיי. מיס בערגער איז אַן אמתע יידישע טאָכטער. זי וויל עס ניט פאַרגעסן.

דערנאָכדעם האָט דאָקטאָר לוריא דערציילט, אַז פונדעסטוועגן בלייבן יידן ניט זיצן גאָר אינגאַנצן אויף דער איסט־סאַיד:

— געדענקסט, הילל, וואו האַרלעם איז געווען מיט צוואַנציק יאָר צוריק? געדענקסט ווי שווער ס'איז געווען אַהין צוצוקומען? יידן האָבן ניט געחלומט אפילו אַוועקצוגיין אַזוי ווייט ווי די אַכטע סטריט. איצטער איז האַרלעם דורכאויס יידיש. די דייטשן זייִנען שוין פון דאָרטן אַנטלאָפן. יידן שפּאַרן אַן אין די בראָנקס; האָבן דאָרטן שוין אויך פאַרלייגט אַ יידישע שטאָט. און איצטער, וואָלסט אַ קוק געטאָן ברוקלין, וואו יידן שפּאַרן שוין אָן!

— זאָלן זיי, געזונטערהייט, — האָט הילל איבערגעשריגן זיינע אייגענע געפילן, וואָס האָבן זיך אַ רודער געטאָן און אויפגעוועקט די בענקשאַפט. — דאַרפסט מיר ניט דערציילן, כ'ווייס זייערע אַלעמענס גליקן. ווער פון די יידישע אַפּרייטערס, צי אפילו מאַנופעקטשורער קען זיך צו מיר גלייכן? וועסט אַפּעסן, וועל איך דיך אַרויסנעמען באַוויזן מיין נחלה.

מינע האָט צוגעזען, די געסט זאָלן עסן:

— אין שטאָט פאַרגעסט מען צו עסן. אין שטאָט איז גאָר קיין אַפּעטיט ניטאָ, כאַ־כאַ־כאַ.

נאָכן עסן האָט עמאַ בערגער געבעטן דעם דאָקטאָר, ער זאָל מיט איר אַרויסגיין דרויסן. ס'איז געווען אַ שעה דריי נאָך האַלבן טאָג. דאָס לעבן דרויסן אונטער דער לויטערער הייסער זון האָט זיך גערירט. דער ריח פון ווילד־וואַלד און ווילדע בלומען, אינאיינעם מיטן ריח פון קי און פערדישע מיסט; ס'קרייען פון הענער, קוואַקען פון היגער, וואָס האָבן אַרומגעפּאַדעט אַרום זייער קליינוואַרג; אַ צוויי־חדשימדיק קעלבל האָט אַרומגעהוליעט אויפן גרויסן הויף, וואָס איז פאַרלאָפן ביז צום וואַלד — דאָס לעבן האָט זיך אויפגעהויבן פון דער גרינער ערד און זיך געוויגט אונטערן בלויען דהימל.

— ס'האַרץ איז מיר אַזוי פול, מיר ווילט זיך וויינען. כ'ווייס, אַז איך טאָר ניט. טראַכט ניט קיין שלעכט אויף מיר. כ'ווייס, ווען איר פאָרט אַליין אַרויס אַהער, וואָלט איר געהאַט מער פאַרגעניגן צו פאַרברענגען מיט אייער ברודער. ער געפעלט מיר, אייער ברודער. אַ געזונטער מענטש. אַזוי זעלטן צו זען אַ ייד, און אַ געזונטן מענטש.

— איר האָט ניט געהאַט קיין פאַראיבל הלמאי איך האָב אייך פאַרגע־שטעלט פאַר מיין ברודער און שוועגערן, אַז איר טראָגט ס'יידישע אומגליק אין האַרצן?

— ניין, דאָקטאָר. כ'בין ניט ווערט, איר זאָלט זיך מיט מיר אַזויפיל אָפּגעבן. אַמאָל, גאָר אַמאָל בין איך עפּעס ווערט געווען. בין געווען יונג, האָב געשטרעבט. איצטער בין איך...

— איר מעגט זיך פאַרקוקן אויף מיין ברודער. ער איז געווען דער אומגליקלעכסטער אין אונדזער משפּחה. ווי אַ געשמידטער אין קייטן האָט ער זיך אַרומגעבלאָנקעט אויף דער איסט־סאַיד. איסט־סאַיד האָט ער באַטראַכט פאַר אַ גהינום. אַט, זעט איר, ער האָט זיינס דערגרייכט.

— כ'בין אים מקנא.

אויף דעם דהאָט דאָקטאָר לוריא ניט געענטפערט. אויף אים האָט דוקא די שווער געוואָרענע מינע ניט געמאַכט דעם איינדרוק, אַז עמאַ זאָל זי דאַרפן

מקנא זיין. דאָקטאָר לוריא האָט אויך באַמערקט אַ טרויעריקן שטריך אין זיין ברודערס פּנים. אפילו מינעס אַרויספאַלן אויף זיין האַלדז, איר פרײדיקער אויפברויז, האָט אים ניט אויסגעוויזן נאַטירלעך.

— ס׳איז אַ ביסל אונדזער אַלעמענס חסרון, וואָס מענטשן דאָ אין לאַנד האָבן זיך איינגערעדט, אַז זיי זיינען אָרום־און־אַרום פריי. אונדזער לאַנד הייסט די פרייע אַמעריקע. דאָ אין לאַנד איז יעדערער פריי צו קעמפן פאַר זיין עקזיסטענץ, פאַר זיין אייגן גליק. אָבער אין רוסלאַנד, ווי איך מאָל מיר אויס, וואו דער מענטש איז ניט פריי, פונדעסטוועגן, וואו מ׳לאָזט אים לעבן, לעבט ער מיט מער אינערלעכער באַפרידיקונג.

— איר זייט אומצופרידן מיט זיך?

— כ׳בין שטאַרק אומצופרידן מיט זיך.

— איך וויל אייך פאַרשטיין, דאָקטאָר. אַ סך מאָל טראַכט איך און וויל דערגיין מיט וואָס אייערע געדאַנקען זיינען פאַרנומען. איך קען עס ניט דערגיין. איר זייט צו מיר גוט. איך האָב פאַר אייך מורא.

דאָקטאָר לוריא האָט אַ לאַך געטאָן. זי האָט אים אָנגעקוקט און ס׳בלוט איז איר געקומען אין פּנים. אַרום מויל איז קענטיק געווען די פאַרשלאָסענע ליידנשאַפט וואָס מ׳קען באַמערקן ביי אַ בלומענקנאָספּ, איידער די בלום האָט זיך צעעפנט. ווען ער האָט באַשטימט פאָרן צו היללן אויפן פאַרם און איינלאַדן עמאַ בערגער, האָט ער זיך קיין חשבון ניט אָפּגעגעבן צוליב וואָס ער טוט עס. פאַר אים איז זי ניט געווען מער קיין פּאַציענטקע. אין אָפּגעצערטן גוף פון אַ יידיש פאָגראָם־מיידל שפּירט ער דעם פּולס פון אַ ניי־געבאָרן לעבן. ער האָט געאָנט, ווי אין איר שטאַרבט אָפּ אַ פאַרגאַנגענע, טרויעריקע און שיינע וועלט. זי ווערט אויסגעליידיקט פון פריערדיקן אינהאַלט, און איז נאָך ניט גרייט פאַר אַ נייעם אינהאַלט. ווי דורך דעם ציטער פון דער קלאָרער לופט צווישן דער פרילינג־ערד און דעם הימל, אַזוי ציטערט אין אים דער באַוואוסטזיין, אַז זיין אינערלעך לעבן ווערט גענערט פון דעם נייגעבאָרענעם לעבן אין דער אָפּגעצערטער, אויסגעבלייכטער עמאַ בערגער.

עמאַ בערגער האָט באַמערקט דעם דאָקטאָרס צעשטרייטקייט. זי האָט איצטער ניט געקענט דערגיין צום קוואַל פון זיינע איבערלעבונגען.

— אפשר האָבן מיר ניט גוט געטאָן וואָס מיר האָבן אָפּגעגעסן און גלייך אַוועקגעגאַנגען פון שטוב. זיי האָבן דאָך אייך אַזוי אויסגעקוקט; איר האָט אַזויפיל פון וואָס צו רעדן. האַ, דאָקטאָר? איר האָט מיך אַהער אַרויסגעבראַכט, און מיר האָבן ניט פון וואָס צו רעדן. אָ, איר זעט דאָרטן די צוויי ביימער, אַ דינע, דורכזיכטיקע ברעזע מיט אַ ווייסער, דינער הויט. און ביים זייט אַ טונקעלער בוים, אַ דעמב איז עס...

זי איז אַרויפגעפאַלן אויף זיין ברוסט, אַראָפּגעצויגן צו זיך זיין קאָפּ, מיט ברענענדיקע ליפּן און אויסגעקושט זיינע אויגן.

— כ׳באַצאָל אייך פאַר אייער גוטסקייט. דערווייל פאַרמאָג איך ניט מער. כ׳וויס, איר זייט מיין דאָקטאָר, ניט קיין געליבטער... זייט מיר מוחל. איצטער קענען מיר גיין צוריק אין שטוב.

ער האָט אויף איר ליבשאַפט ניט געענטפערט. זי איז צופרידן געווען וואָס ער האָט עס אָנגענומען ווי אַן אויסדרוק פון איר דאַנקבאַרקייט. גרינגער איז איר געוואָרן מיט אַמאָל.

ווען אַנטקעגן זיינען זיי אַרויסגעקומען הילל און מינע, האָט עמאַ געלאָזן דאָקטאָר לוריאַן, און געאײלט מינען אַנטקעגן:

— דאָ איז אַזוי שיין באַנ׳איך. דאָ איז אַזויפיל פרייד באַנ׳איך. כ׳האָב שוין איינמאָל געדאַנקט דעם דאָקטאָר וואָס ער האָט מיך אַהער אַרויסגענומען.

מיט קינדערשער פרייד האָט זי אַרומגעכאַפּט מינען, זיך געגראָבן אין איר פולער, אָנגעקוואָלענער ברוסט און פול־אָנגעגאָסענע גלידער, און געשפירט ווי ס׳פאַרגייט אין איר אַן אָפּגעשטאָרבענע וועלט.

קאַפּיטל ניין

דער עקאָנאָמישער קריזיס, וואָס האָט זיך פאַנאַנדערגעבליט אין לעצטן יאָר פון טעאָדאָר רוזוועלטס ממשלה, האָט נאָר פאַרגרעסערט דעם דלות אין דער היים פון יידישן פראָלעטאַריער אין דער גאָלדענער מדינה, אָבער ניט שטאַרק אָפּגעשוואַכט דעם שטראָם יידישע איבערוואַנדערער, וואָס האָט אַן איבעררייס געצויגן איבער אַלע גרעניצן פון דער צאַרישער רוסלאַנד צו די ברעגעס פון דער נייער היים.

אין דער „באַרימטער יידישער באַנק" אויף הונדערט פינף און זעכציק איסט-בראָדוויי האָבן געדונגענע בריוו-שרייבער מיט שיינע, געצירקלטע אותיות, און מיט נאָך שענערע מליצות זיך געקליגט אַריינצולייגן דעם געדאַנק אין די בריוו פון די נאָך ניט קיין אויסגעגרינטע, האַלב-צשעראַקענע יידישע אַמעריקאַנצעס, אַז אין דער גאָלדענער מדינה איז שוין ס׳גאָלד אויס-גערונען; מאַכט ניט אויס וואָס מ׳האָט אַזאַ קלוגן פּרעזידענט, וואָס האָט זיך אפילו אָנגענומען פאַר עולות וואָס דער רוסישער צאַר באַגייט קעגן יידישן פאָלק. און „ווען ניט ס׳האַרץ וואָס ווערט ממש צעריסן, אַז מען דערמאָנט זיך אָן טאַטע-מאַמע, שוועסטער און ברידער, וואָס מ׳האָט איבערגעלאָזן אין דער אומגליקלעכער מדינה און וואָס דערמאָנען פון וואָס פאַר אַ פינצטערניש מ׳האָט זיך אַליין אַרויסגעראַטעוועט, וואָלט מען זיך אפשר אַליין אויך געלאָזן צוריק אַהיים". דעריבער האָט מען אין דער באַרימטער באַנק איינגעקויפט שיפסקאַרטן אויף אויסצאָל, אַרויסגעשיקט צו אייגענע, און געוואונשן: „דער אויבערשטער זאָל העלפן, אַז צעבראָכענע הערצער זאָלן שוין אויפגעריכט ווערן..."

די פּאַפּירענע בריק פון טרערן-אויסגעוויינטע בריוולעך האָט זיך גע-שפּרייט איבער ימען, פאַרבונדן די אַלטע וועלט מיט דער נייער. כאָטש אין וואַשינגטאָן האָט מען שוין אין די רעגירונגס-קרייזן זיך געבראָכן דעם קאָפּ ווי אַרום צו פאַרטאַמעווען די דאַמבעס, כדי דער פּרעמדער, „ניט-געבעטענער" מענטש-שטראָם זאָל ס׳לאַנד ניט פאַרפלייצן — האָט נאָך אַלץ די פריי־הייטס-סטאַטוע ביי עליס-איילענד אָנגעוויזן צום טויער וואו אין ווי און אין וואויל-טאָג האָט זיך פאַרמערט די יידישע מחנה. אין דער יידישער גאַס האָט דער דלות געפייפט. ווי גאָר אין די „גוטע צייטן" האָבן אַרויסגעשליידערטע בע-בעכעס פאַר ניט צאָלן דירה-געלט זיך געוואַלגערט אויף די טראָטוארן. אַפּרייטערס מיט די ניי-מאַשינען אויף די פּלייצעס האָבן אַרומגעבראָדזשעט אין די גאַסן, געזוכט אַ פּלאַץ פאַר די הענט און אַנטשוויגן געוואָרענע ניי-מאַשינען.

די אַלטגעזעסענע האָבן, ווי אמתע יענקיס, אַרויפגעוואָרפן די שולד פון קריזיס אויפן עקשנותדיקן פּרעזידענט, וואָס האָט זיך פאַרמאָסטן „צו בינדן

די הענט״ פון די גאָלדמאַגנאַטן, באַגרעניצן די אַפּעטיטן פון די גרויסע טראַסטן.

— נו, האָבן די געלט־באַלעבאַטים די קעשענעס פאַרנייט.

— ניטאָ קיין גאָלד, ניטאָ קיין אַרבעט.

— ניטאָ קיין פּראָספּעריטי, ניטאָ קיין מזל וברכה.

די „גרינע״ הענט האָבן האַלב־פאַרחלשטע געבענקט נאָך אַרבעט און דורך אַרבעט אויסגעלייזט ווערן פון דלות, וואָס איז ווי אַ הויקער געקומען צו רייטן אינאייינעם מיטן פּחד וואָס דער גרינער האָט מיטגעבראַכט אין די אויגן.

צו די בערגערס האָט דער דלות זיך פאַרקליבן. ביסלעכווייז זיינען אַלע פאַרדינער געבליבן אָן אַרבעט. ווען ניט דער עלטסטער זון, חיים, וואָס איז אַוועק פּעדלען מיט קליינינקייטן צווישן די פאַרמער אַרום ניו־יאָרק, ווען ניט די פּאָר דאָלער, וואָס ער האָט פון צייט־צו־צייט צוגעשיקט, וואָלט אויסגעקומען צו הונגערן.

עמאָ בערגער, כאָטש אָרימקייט האָט די משפחה אַרומגענומען, האָט פאָרט דאָס יאָר אין דער נייער היים געווירקט, אַז דער פּאָגראָם־קאָשמאַר זאָל ווי אונטער אַ ווייטן נעפּל ביסלעכווייז ווערן אויפגעלייזט. די וואונד אין האַרצן איז ניט גאָר אינגאַנצן פאַרהיילט געוואָרן. אָבער אַמעריקע, ס׳מיינט ניו־יאָרק, האָט עמאָן פאָרט אויסגעניכטערט. אגב האָט זי אַ גאַנצן זומער באַזוכט אַן אָוונטשול, האָט אָנגעהויבן זאָרגן פאַר אַ זעלבסטשטענדיקן תכלית.

מיט דאָקטאָר לוריאן, זינט מ׳איז געקומען פון הילל לוריאס פאַרם אין די קעצקילס, האָט עמאָ מורא געהאַט צו אָפּט זיך צו באַגעגענען. זי האָט געשפּירט, אַז די עטלעכע טעג אויפן פאַרם, ווען זי איז אַליין מיט אים גע־בליבן, און געפּועלט ביי זיך אַרויסצוווייזן אים, אַז זי איז גרייט צו פאַרגעסן איר טרויעריקע פאַרגאַנגנהייט — האָט ער פאַרהערט אירע רייד. ער האָט איר געגעבן צו פילן, אַז ער איז צו איר ניט מער ווי אַ דאָקטאָר.

— יאָ, ער איז אַ דאָקטאָר, און איך בין אַ קראַנקע נשמה. פאַר אַ מענטשן מיט אַ קראַנקער נשמה איז ניטאָ קיין אָרט אין לאַנד, וואו דער מענטש איז פּראַקטיש און שטרעבט צו זיין זעלבסטשטענדיק...

אין אמתן איז אין דאָקטאָר לוריאס לעבן געווען אַ פענצטער וואָס האָט דורכגעלאָזן צו אים אַ בלאַס ליכט אין דעם אָפּקלאַנג פון דער יידישערווירקלעכקייט. ער האָט אפילו ניט געדאַרפט אַוועקגיין וויט פון זיין אייגענער משפּחה צו געפינען די אַלע סתירות וואָס זיינען בולט געוואָרן אין דער נייער היים, ביים ראַנד פון נייעם לאַנד. אין דער שטאָט ניו־יאָרק, וואו דער יידישער קיבוץ האָט זיך ווי אַ פּרילינג־וואַסער ברייט און פלאַך פון די ברעגעס אַרויסגעריסן; דער שאַרפער דלות וואָס האָט צוליבן קריזיס ווידער אָנגעמאַכט אַ חורבן אין דער יידישער גאַס — זכריה לוריא, ווי אַ דאָקטאָר און פאָלקסמענטש, איז צו דעם ניט געווען גלייכגילטיק.

— יידן בויען שולן צום דאַוונען ווי אין דער אַלטער היים, און באַנעמען גאָרניט ווי מיט דעם לעגן זיי אַוועק דעם יסוד פאַר קינדער צום צווייטן, דריטן דור, זיי זאָלן קענען מיט אַ געהויבענעם קאָפּ אַוועק אין לאַגער פון ניט־יידן.

דערדאָזיקער געדאַנק האָט ווי אַ וואָרעם געטאָטשעט. חתונה האָבן, קינדער געבערן, אַ משפחה־לעבן איינפירן — דאָס שרעקט דאָקטאָר לוריאן.

„צוליב וואָס באַשאַפן אַ קוואַל פאַר ניט־פאַרדינטע יסורים?" אין אמתן האָט ער זיך גאָר ניט געהאַלטן אַזוי פון דערוויטן פון דער בערגער־משפחה ווי עמאַ האָט עס פאַרשטאַנען. אירע וואונדן זיינען געווען נשמה־וואונדן וואָס זי האָט געטראָגן ווי אַ קינד פון יידישן פאָלק. ער פאַרמאָגט אויך ענלעכע וואונדן. צעשטערטע ליבע צו אַ לעבעדיקער פערזאָן, צעשטערטע ליבע צו אַן אייגענער דורותדיקער היים — אַלץ איינס. דער חילוק צווישן אים און עמאַ בערגער באַשטייט אין דעם, וואָס ער באַמיט זיך לעבן מיטן קאָפּ, מיטן גראַדן שכל, כאָטש ניט שטענדיק געלינגט עס אים. ס'האַרץ האָט אים געגנוג מאָל פאַרפירט. דער גראַדער שכל האָט אים איבער אַ סך שטערונגען איבער־געגומען און אויסגעלייגט אַ וועג אין לעבן.

דוקא אויף דעם וועג וואָס האָט געפירט צו דער קראַנקער עמאַ בערגער, האָט ער געלאָזט, זיין גראַדער שכל זאָל אים פירן. ער האָט אָפּגעהיט, זיין האַרץ זאָל ניט געזעטיקט ווערן פון איר קראַנקן געמיט. ער איז פון דער ערשטער באַגעגעניש מיט עמאַן דערגאַנגען צו די וואָרצלען פון איר אומ־גליק. ער האָט געזאָגט, ווי ניט קלוג ס'וואָלט געווען, ער זאָל נעמען און לאָזן, די גייסטיק־קראַנקע עמאַ בערגער זאָל זיך אַן אים אָנלענען מיט איר גאַנצער פאַרלאָרנקייט.

— צוריק צו אירע יוגנטלעכע כוחות און האָפענונג אויף אַ שיינער צוקונפט אין דער נייער היים, צו דעם דאַרף זי דערגיין מיט אירע אייגענע כוחות. אויב צווישן אונדז איז פאַראַן אַן אָנגעצייכנטער שטעג, וועט ער ניט אָפּגעווישט ווערן.

עס טרעפט ווען דער קאָפּ ווערט פאַרט אונטערטעניק צום האַרצן. אַ געפיל פון פאַראַנטוואָרטלעכקייט כאַפּט אים אַרום צו דער שמאָלער, בלאַס־אָפּגעצערטער עמאַ בערגער. בפרט, זינט ער האָט זיך דערוואוסט, אַז דער עקאָנאָמישער קריזיס וואָס האָט זיך אַזוי שווער אָנגעלייגט אויפן יונגן, יידישן אַרבעטערשיכט, האָט גאָר איינגאַנצן פאַראָרעמט די בערגער־משפּחה.

— אַ דין, דין געוויין, ווי דאָס געוויין פון אַ קינד אין וויג ווען ס'האָט אָנגעהויבן שפּירן, אַז די מאַמע איז אויף אייביק פון דעם אַוועק, אַזוי פאַרנעם איך נידריק ביי דער ערד ס'געוויין פון אַ מאַמען וואָס שטייט אויף יענער זייט ים, קוקט ווי אַ שיף דערווייטערט זיך, ווי אירע קינדער ווערן מיט דער שיף אינאיינעם פאַרשוואונדן פון איר אויף אייביק...

דאָס האָט אים עמאַ געזאָגט ווען מ'איז געווען ביי היללען אויפן פאַרם. און דאָס אייגענע האָט אים עמאַ בערגער איבערגעזאָגט, ווען ער האָט זי אין אַ זומערנאַכט אָפּגעפירט אַהיים פון אַ באַזוך ביי זיין עלטערן ברודער, ביי נתנען.

— וואָס פריער דער ערשטער, גרינגער דור וועט אויסשטאַרבן, אַלץ פריער וועט דער צווייטער דור אויסגעלייזט ווערן פון נאַציאָנאַלן הויקער. — די דאָ־זיקע חכמה האָט יעמאָלט אַרויסגעזאָגט זיין ברודער נתן.

דאָקטאָר לוריא האָט יעמאָל געשפּירט, אַז עמאַס רייד זיינען געווען אַן ענטפער ניט נאָר פאַר איר צעפלאָגט געמיט, נאָר אויך פאַר אים און פאַר אַ סך פון זיין גלייכן. צו אָפט קלינגען אים אין דער לעצטער צייט אין די אויערן אירע טרויעריקע ווערטער.

ס׳איז געווען אַ וואַרימע, אויסגעשטערנטע נאַכט אין פריען האַרבסט. דאָקטאָר לוריא איז אַרויס פון זיין אָפיס מיט דער דעה צו גיין צו זיין ברודער דניאלן. זיין ברודער האָט אים פאַרבעטן צו קומען, מחמת צווישן אַנדערע געסט וועט זיין אַ דעלעגאַט וואָס איז געפאָרן קיין האַאג צום אַכטן ציוניסטישן קאָנגרעס.

אַ פאַרהוילענע האַנט האָט אים ווי אָנגערירט און אָפּגעווענדט מיטן פּנים צו דער בוערי, צו מאָט סטריט; ער וועט עמאָן פאַרגעמען צו דניאלן!

אָבער ווען דאָקטאָר לוריא האָט אָנגעקלאַפּט אין טיר אויף מאָט סטריט, די טיר וואָס האָט אים אַזויפיל מאָל געפירט צו די בערגערס, איז אים איצטער גאָר אַרויסגעקומען אַנטקעגן אַ מיטליעריקער כינעזער. הינטער אים, פון טונקל־באַלויכטענעם צימער, האָבן זיך געגעלט די פּנימער פון נאָך צוויי עלטערע כינעזער.

דאָקטאָר לוריאן האָט אָנגעהויבן האַמערן אין די שלייפן. אַזוי האָט ס׳האַרץ עקשנותדיק געקלאַפּט. ס׳איז ניט געווען צוליב די טרעפּ וואָס ער איז צו האַסטיק אַרויף; שולדיק איז געווען ס׳האַרץ, וואָס האָט אין דער רגע גענומען דעם קאָפּ געפאַנגען. דער „גראַדער" שכל האָט זיך אונטערגעגעבן. פאַר די אויגן האָט אָנגעהויבן צו שווינדלען. אַ גאַנצע שורה כינעזישע פּנימער האָט אַ טענצל געטאָן פאַר זיינע אויגן.

— הייסט עס, זיי וואוינען שוין ניט דאָ! וואוהין און ווען זיינען זיי אַרויס?

פאַר דאָקטאָר לוריאן איז געבליבן צו באַטראַכטן נאָך אַ מאָל ס׳הויז פון דרויסן. צי ער האָט אַמאָל ניט פאַרבלאָנדזשעט אין אַן אַנדער הויז? די אייגענע גאַס. ס׳אייגענע הויז. אַזויפיל מאָל האָט ער פאַרן יאָר ס׳הויז באַזוכט, און צום סוף גאָר!

— איז עס אַ חלום? איז ער וואָר?

ער האָט אָפּגעווישט די אויגן, אָפּגעווישט דעם שוויס, וואָס האָט אים אַרויסגעשלאָגן אויפן שטערן. געגאַפט, ווי ער וואָלט דעם וועג אָנגעוואָרן, וואָס פירט אַרויס פון מאָט סטריט צוריק צו דער בויערי, צוריק צו זיין אָפיס און היים אויף איסט־בראָדוויי.

די גאַנצע משפּחה בערגער, איינס־ביי־איינס, שטעלט זיך אַרויס פאַר זיין דמיון. אָט זעט ער זיי אַלע, זיי קוקן צו אים מיט אַזויפיל צער און פאַרדראָס אין פּנים. גאָר ביים זייט שטייט עמאַ מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן; זי האָט אפילו ניט דעם מוט אויפצוהויבן די אויגן אַ קוק צו טאָן אויף אים. און אָט טוען זיך אַלע אַ גלייך אויס. אַ ביטערער שמייכל אויף די פּנימער. אפילו אַרום עמאַס מויל אַזאַ שטעכיקער שמייכל. ער האָט גאָר קיינמאָל אויף איר פּנים אַזאַ אויסדרוק ניט באַמערקט. הינטערווייליעכטס טרעטן אַלע אָפּ פון אים, פאַרשווינדן, און אויף זייער פּלאַץ קומט אַרויס אַ שורה כינעזער, פינטלען מיט די קרומע מאַנדל־אויגן, מאַכן מיט די ליפּן, עפּעס זאָגן זיי אים, עפּעס ווילן זיי אים דערציילן וואָס ער פאַרשטייט ניט...

ווען ער איז זיכער, אַז אין אָפיס וועט ער ניט געפינען קיין פּאַציענטן וואָס וואַרטן אויף אים, אָדער אַן אַדרעס וואוהין מען רופט אים צו אַן ערנסטן חולה, וואָלט ער איצטער אַוועק אַהיים, אַנידערגעפאַלן אויפן געלעגער, גע־

בלעטערט אין זכרון די טעג פון לעצטן יאָר; טעג, וואָס פאַרגייען ביים אויסהערן קראַנקע לונגען און שוואַכע הערצער, ביים אויסשניידן און אויס־ברענען און איבערבינדן אייטערדיקע וואונדן; נעכט — ביי אויפגעשטורעמטע און אויפגעריסענע קימפעטאָרנס, וואָס האָבן אין זיין געמיט אַריינגעשריגן זייערע פיינען און געבורטווייען... נעכט, אין הייזער פון באַקאַנטע און פריינט, וואו מ׳האָט געפלאַכטן געפליגלטע פּראָזן וועגן פּראָלעטאַריאַט און ניט־געלונגענער רוסישער רעוואָלוציע, וועגן פּאָגראָמען און יידישער דער־לייזונג, וועגן אַסימילאַציע און נאַציאָנאַלן עקשנות. דורך די דאָזיקע טעג און נעכט, גאַנץ אומגעריכט באַמערקט ער ביי זיין זייט אַ געשטאַלט פון אַ בלאָס, אָפּגעצערט מיידל מיט גרויסע, גרויע אויגן און פולן בלאָסן שטערן. וואָס האָט זי אים אָנגעהערט? אַ קראַנקע צום היילן! ער האָט זי געהיילט, געוואָלט זי זאָל געזונט ווערן, פּונקט ווי ער וויל, אַז יעדער חולה, מאַן אָדער פרוי, זאָל דורך אים גענעזן ווערן. און פונדעסטוועגן איז זי צו אים פאַרט ניט דאָס וואָס אַן אַנדער חולה איז. זי איז צו אים ווי אַ שטיק פון קראַנקן פאָלק, וואָס איז איבער ימען אַהער אַריבערגעשליידערט געוואָרן. אַ טייל פון דעם איז די גאַנצע לוריאַ־משפחה.

— דו ביסט אַן ערנסטער מענטש, אָבער אַן אומפּראַקטישער מענטש, — האָט אים גאָר ניט לאַנג געמוסרט זיין שטיפשוועסטער רעבעקאַ. — ווען די ליבע קומט און קלאַפּט אָן אין דיין טיר, שפּרינגסטו אַרויס דורכן פענצטער און דו אַנטלויפסט.

ס׳איז געווען קלוג געזאָגט. די רויטהאָריקע שטיפשוועסטער קומט אים אויפן זינען, און ס׳ווערט אים וואַרים און גוט. כאָטש זי איז פון די לוריאָס, איז זי פאָרט אַ ביסל אַנדערש. אַ רויטהאָריקע און אָפנהאַרציקע.

ער איז אָנגעקומען צו די סטאַנס אַ שטאַרק מידער. ס׳איז ניט געווען דאָס צופוסגיין, וואָס האָט פון אים אַלע כוחות אַרויסגעצויגן.

קעראָלאַין האָט זיך דערשראָקן, ווען זי האָט איר ברודער דערזען.

— ביסט ניט געזונט, זכריה? — האָט קעראָלאַין געווישט זיין פייכטן שטערן. — פאַרוואָס האָסטו ניט געלאָזט צו וויסן, אַז דו פילסט זיך ניט גוט? כ׳וואָלט רעבעקאַן צו דיר אַריבערגעשיקט.

— איך בין געזונט. בין נאָר אַ ביסל מיד. בין געגאַנגען צופוס.

— פאַרוואָס עפּעס צופוס? כ׳טראַכט פון דיר די לעצטע צייט אַזויפיל. אַלע זאָגן, דו זעסט אויס שלעכט. דניאל האָט אויך דערציילט, אַז דו האָסט ניט געהאַט קיין געדולד אים אויסצוהערן. קום אַריין, לייג זיך צו אויף מיין בעט. די קינדער שלאָפן שוין; כ׳בין גאָר אַליין. כ׳האָב דיר טאָקע עפּעס צו דערציילן.

דאָקטאָר לוריאַ האָט געפאָלגט, אונטערגעביק, ווי דאָס איז שטענדיק געווען מיט אים ווען אַ מידער איז ער אַריינגעפאַלן צו זיין צווילינג־שוועסטער. אין איר רשות האָט ער זיך געשפּירט ווי אַ שוואַך קינד ביים זייט פון אַ גוטער מאַמען. ער האָט זעלטן ווען פון איר געהערט אַ שלעכט וואָרט. ער האָט זעלטן ווען געהערט פון איר מוסר. ווען זי האָט אים געפונען אַ דערשלאָ־גענעם, איז איר קיינמאָל ניט איינגעפאַלן צו באַקלאָגן זיך פאַר אים אויף אירע אייגענע דורכפאַלן אין לעבן.

אַ לאַנגע צייט איז קעראַלאַין געזעסן נעבן איר ברודער, געגלעט זיינע האָר און געקוקט אין זיין אויסגעלאָשן פּנים. זי האָט געוואוסט, אַז ער איז וואַך, כאָטש ער האָט געהאַלטן די אויגן צוגעמאַכט.

דאָקטאָר לוריא האָט טיף אָפּגעזיפצט, אויפגעעפנט די אויגן, אַרויפגעקוקט צו דער שטילער שוועסטער און זיך באַמיט אַ שמייכל צו טאָן.

— כ'קוק דיך אָן, זכריה, — האָט קעראַלאַינס שטים מוטערלעך, באַזאָרגט געקלונגען. — ביסט מיט מיר אַ אין עלטער. כאָטש די מאַמע האָט דערציילט, אַז דו ביסט מיט עטלעכע מינוט עלטער פון מיר, פונדעסטוועגן דוכט זיך מיר אַמאָל אויס, אַז דו ביסט מיט צוואַנציק יאָר ייִנגער פון מיר, און אַמאָל, אַז דו ביסט מיט צוואַנציק יאָר עלטער.

— קיינמאָל ניט אין דיין עלטער?

— ניין, זכריה. אַמאָל ביסטו אַזוי אומפּראַקטיש ווי אַ קינד; און פּלוצלונג ביסטו אַזאַ דערוואַקסענער, אַלץ ווייסטו, אַלץ האָסטו שוין אין לעבן געהאַט און פון אַלץ פאַרזוכט.

— ס'איז אפשר דערפאַר, קריינדל, וואָס איך בין געוואָרן אַ דאָקטאָר, און צו נאָקעט זעט מיר אויס דאָס אמת'ע לעבן. שטענדיק קומט מיר אויס צו זען דעם מענטשן גאָר נאַקעט יעמאָלט ווען ער איז קראַנק.

— דוכט מיר, אַז אַ דאָקטאָר האָט צום קראַנקן אַ געפיל ווי דער קראַנקער וואָלט ניט געווען קיין מענטש פון צווישן די לעבעדיקע.

— כאַ־כאַ־כאַ, — האָט דאָקטאָר לוריא אומגעריכט אַ לאַך געטאָן. — הלוואי וואָלט עס אמת געווען. אָבער ס'איז פּאַרט ניט אַזוי. אָט האָב איך היינט געהאַט צוויי חולאים, וואָס כ'האָב געדאַרפט עפּעס טאָן צו זייערע אויסערלעכע וואונדן: דער ערשטער איז געווען אָן עלטערער ייִד פון אַ יאָר זיבעציק, אַ פּרעסער, וואָס האָט אָן הייסן פּרעס אָפּגעבריט דעם מינדסטן פינגער פון דער לינקער האַנט. די וואונד איטערט. כ'וואָלט זייער ניט וועלן אים אַראָפּנעמען דעם פינגער. אַ מענטש האָט אָפּגעלעבט אַ לעבן לאַנג מיט אַלע אברים, און איצטער, אין דער נייער היים, זאָל ער דאַרפן אָנווערן אַ פינגער. איך טו אַלץ, כדי דעם פינגער צו ראַטעווען. מיר טוט ווי פאַר אים. מיר טוט ווי פאַר דעם געוועזענעם תבואה־סוחר וואָס איז געוואָרן צו דער עלטער אַ פּרעסער. כ'האָב היינט נאָך אַ חולה געהאַט, אַ מיטליעריקע פרוי, וואָס פון קינדער געבערן זיינען די אָדערן אויף אירע פיס, נידעריקער פון קני, אַזוי אויפגעבלאָזן געוואָרן—אַז אָט פּלאַצן זיי און זי וועט מיט בלוט אָפּגיין! זי איז געלעגן אויפן טיש, געקוקט אין מיינע אויגן, ווען איך האָב שטיף פאַרבאַנדאַזשירט אירע פיס, געשמייכלט און גערעדט:

— ווען איר וואָלט קענען מיינע ליכטיקע קינדערלעך, וואָלט איר פאַרשטאַנען ווי אַזוי אַ פרוי קען אומגיין מיט אַזעלכע יסורים, און ניט פאַרשעלטן ס'וויסטע לעבן אין דער גאָלדענער אַמעריקע...

— ווייסט, זכריה, אַז די בערגערס האָט מען אַרויסגעשטעלט פון זייער דירה? — האָט קעראַלאַין ווי אונטערגעכאַפּט זיינע געדאַנקען. — רעבעקאַ האָט זיי געזען. זיי וואוינען איצטער אויף סאָפאָלק סטריט.

דאָקטאָר לוריא האָט זיך אויפגעזעצט. מיט ברייט־אָפענע אויגן, פאַרחידושט געקוקט צו זיין שוועסטער. ער האָט ניט געגלייבט זיינע אויערן, אַז דאָס הערט ער פון איר. ער האָט קיין מוט ניט געהאַט איבערצופרעגן.

— ביסט אַזוי אַ פריינט. געמיינט, דו ווייסט. כ׳האָב געפּועלט ביי לעאָ־נאַרדן, ער זאָל אין שאַפּ געפינען אַן אָרט פאַר דער יינגערער מיידל. זיינען ניט די איינציקע וואָס מ׳האָט פון די הייזער אַרויסגעשמיצט. די אייגענע צרה ווי מיט פערצן יאָר צוריק, ווי יעמאָלט, בשעת מיר זיינען געלעגן מיט די בעבעכעס אויף לודלאָוו סטריט.

— האָסט מיך, קריינדל, באַרואיקט. כ׳וועל דיר אַן אַנדערש מאָל דער־ציילן וואָס כ׳האָב היינט ביינאַכט איבערגעלעבט.

— כ׳האָב מיט דיר געוואָלט רעדן; געוואָלט דיר זאָגן, אַז ניט שטענדיק קען מען לעבן מיטן קאָפּ. מ׳מוז זיך אַמאָל צום האַרצן אויך צוהערן. איצטער פאַרשטיי איך עס, זכריה. מיט מיר איז שוין אַלץ צו שפּעט. אָבער דו...

— כ׳האָב היינט פון דעם געטראַכט.

— זי אַרבעט אויך אין אַ שאַפּ. רעבעקאַ האָט פאַר איר אויסגעזוכט אַ פלאַץ. זי אַרבעט ביי לעאָנאַרדס ברודער, כאָטש מ׳האָט דאָרטן אָפּגעזאָגט אפשר הונדערט מענטשן. האָט מען זי אַריינגענומען.

דאָקטאָר לוריא האָט געפילט ווי דאָס בלוט שטראָמט אַרויס פון זיין קאָפּ און ס׳ווערט אים בלאַנק פאַר די אויגן. ער האָט פאַרביסן די ליפּן ביז ווייטיק, אַן ווערטער זיך געזעגנט מיט דער שוועסטער און אַרויס פון שטוב.

* * *

דאָסמאָל איז דאָקטאָר לוריא געקומען צו די בערגערס ווי אַ גאַסט. זיין שטיפשוועסטער רעבעקאַ האָט אים אַהין געפירט. ער האָט זיך געשפּירט שולדיק פאַרן האַלטן זיך פון דער ווייטנס, ניט ווויסנדיק אפילו, אַז די בערגערס האָט מען פון דער דירה אַרויסגעוואָרפן. ער האָט זיך געשעמט צו דערציילן, אַז ער איז געגאַנגען צו די בערגערס אויף מאָט סטריט, און גאָר געפונען, אַז כינעזער לעבן דאָרט.

ווען ניט רעבעקאַ וואָלט ער די באַגעגעניש מיט עמאַן אָפּגערוקט אויף אַן אַנדערש מאָל. ס׳איז אים ליבער געווען זי צו באַגעגענען ערגעץ וואו אַליין, ניט אין קרייז פון משפּחה אָדער געסט. ביי די בערגערס, אויסער אייגענע,זיינען געווען עטלעכע באַקאַנטע פון שאַפּ, שוין אויסגעגרינטע, און אַ גאַסט, וואָס איז ניט לאַנג אַנגעקומען פון רוסלאַנד: מאָניש ראָזמאַן. אַן אויסגעשלאָסענער סטודענט און אַ ווייטער קרוב פון די בערגערס.

דער יונגער עולם האָט זיך געהיצט. מ׳איז איבערגעשפּרונגען פון עקאָ־נאָמישן קריזיס און אַרבעטלאָזיקייט צו יידישע און ניט־יידישע פּראָבלעמען. בשעת דאָקטאָר לוריא איז אַנגעקומען האָט פונקט וועלוול בערגער הוזק געמאַכט פון אַכטן ציוניסטישן קאָנגרעס, וואָס איז מיט אַ פאָר וואָכן צוריק פאָרגעקומען אין האַג.

ער האָט אויסגעלאַכט מאַקס נאָרדויס רעדע אויפן קאָנגרעס:

— ווי שעמט זיך ניט אַ קלוגער מענטש צו זאָגן, אַז די פּאָגראָמען זיינען דער קוואַל פון יידישן פּיאָנערן־גייסט, אַז אַנטיסעמיטיזם האָט אָפּגעראַטעוועט דאָס יידישע פאָלק פון אונטערגאַנג און צעפאַלונג? יעס, דאָקטאָר, האָט ער אַריבערגעקוקט צום ווינקל, וואו, מיט אַ שמייכל אַרום די אויגן, האָט זיך צוגעזעצט דאָקטאָר לוריא. — איר זייט שוין אַ דאָקטאָר ביי אונדז אין לאַנד,

איר היילט קראַנקע, גייסטיק און פיזיש קראַנקע, און ווייסט גאַרניט, אַז די יידישע חכמים בויען זייער גאַנצע האָפענונג אויף יידישע צרות.

— נו, נו, כ'ווייס וואוהין איר צילט, — האָט דער גאַסט, מאַניש ראַזמאַן, אַ בחור פון אַ יאָר זעקס און צוואַנציק, אַ בלאָנדער, מיט גלאַטע, בלאָנדע האָר, וואָס זיינען אים אַראָפּגעהאַנגען איבערן ברייטן און ניט גאָר הויכן שטערן, געלאָסן געציילט די ווערטער. — כמעט אין דער אייגענער צייט פון ציוניסטישן קאָנגרעס אין האַג איז פאָרגעקומען דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער קאָנגרעס אין שטוטגאַרט. נו, האָבן די פראַנצויזישע דעלע־גאַטן פאָרלאַנגט, דער קאָנגרעס זאָל אַרויסטראָגן אַ רעזאָלוציע, אַז ווען אַ מלחמה וועט אויסברעכן צווישן פעלקער, זאָל דער אינטערנאַציאָנאַלער אַר־בעטער־קלאַס סאַבאָטירן און אַרויסטרעטן קעגן קריג. זיינען די דייטשע דעלעגאַטן אַרויסגעגאַנגען און געטענהט, אַז יעמאָלט, ווען אַ שונא באַפאַלט דאָס פאָטערלאַנד, איז ניט פאַראַן אַזאַ זאַך ווי אַרבעטער און ניט קיין אַרבע־טער. אַלע איינאיינעם ווי איין מענטש דאַרפן יעמאָלט פאַרטיידיקן דאָס פאָטערלאַנד פון שונאס אָנפאַל.

—אַנטקעגן וואָס דערציילט איר עס מיר? — האָט וועלוול בערגער אָנ־געשטעלט די אויגן אויף ראַזמאַנען.

— דאָס איז אַן ענטפער אויף אייערע פריערדיקע רייד, אַז דאָס יידישע פאָלק וועט דורכן ציוניזם נאַציאָנאַל־שאָוויניסטיש, און איר לאַכט אויס די אינטעליגענץ וואָס קערט זיך אום פון אַסימילאַציע צוריק צום יידישן פאָלק.

— איך טענה עס נאָך איצטער אויך.

— ווען דער אַרבעטער קלאַס וועט זיגן איבער גאָר דער וועלט, וועט עס סיי־ווי פירן דערצו, אַז יידן וועלן האָבן אַלע רעכט איבער גאָר דער וועלט.

— זעט איר דאָך, דער אַרבעטערקלאַס אַליין איז ניט פאַראייניקט.

— עקספּלואַטאַציע, דערנידערונג וועט אים אויסניכטערן און פאַראייניקן.

— דערנידערונג און באַליידיקונג פאַראייניקט אויך יידן.

— ווער דערנידעריקט יידן דאָ אין לאַנד?

— כ'בין נאָך דאָ אַ גאַסט. הלואי זאָלן יידן דאָ אויך זיין פאַראייניקט.

דאָקטאָר לוריא האָט געמערקט, אַז בשעת דער גאַסט האָט גערעדט, האָט עמאַ בערגער פון אים די אויגן ניט אַראָפּגענומען. ער האָט אויך באַמערקט ווי ביי עמאַן האָט זיך געביטן די פאַרב אין פּנים, אַן אויסדרוק פון נצחון איז געווען אין אירע אויגן ווען דער גאַסט האָט די לעצטע ווערטער אַרויסגעזאָגט. זי איז געווען פאַרנומען מיטן אָנגיסן טיי. אירע באַוועגונגען ענערגישע. איר פּנים איז געווען אָפּגעצערט. פון איר פּנים איז פאַרשוואונדן די פאַרחלומט־קייט. איר פּנים איז טרוקענער געוואָרן, מיט אַן אויסדרוק פון זעלבסטשטענ־דיקייט אין איר קער־און־ווענד.

דאָקטאָר לוריא ד'האָט געוואוסט, אַז עמאַ בערגער גייט אַרבעטן, און ער האָט זיך געוואָלט אויסמאָלן עמאַן אַ געבויגענע איבער דער ניי־מאַשין, און ס'איז ניט אַרויסגעקומען. אים האָט ניט פאַרדראָסן הלמאי זי איז אַוועק אַרבעטן. אים איז פון שאַפּ־לעבן נאָך געבליבן דער טעם. אים פאַרדריסט עס אויך ניט, וואָס ער האָט געלערנט ביינאַכט און בייטאָג האָט ער געדאַרפט אַרבעטן אין די שוויץ־שעפּער. ער באַדויערט ניט וואָס אים איז אויסגעקומען אַזוי שווער דורכצוברעכן זיך אַ וועג אין לעבן.

גאַנץ אומגעריכט איז עמאַ צוגעגאַנגען צו אים, זיך אַראָפּגעבויגן און אים שטיל געזאָגט:

— כ'בין גליקלעך וואָס איר זייט דאָ. כ'ווייס, איר זייט ניט ברוגז אויף מיר.

דאָקטאָר לוריא האָט געהאַלטן איר האַנט און אַרויפגעקוקט אין אירע אויגן. ער האָט אויף אירע ווערטער גאָרניט געזאָגט.

— ווען ניט רעבעקאַ וואָלט איר שוין פאַרגעסן, אַז איר האָט אַמאָל געהאַט אַ פּאַציענטקע וואָס האָט זיך אַריינגענומען נאַרישקייטן אין קאָפּ.

— ניין, ניט קיין נאַרישקייטן.

— מסתמא האָט איר פאַרגעסן וואָס איך האָב אייך אָנגעדערציילט.

— כ'דערמאָן יעדעס וואָרט וואָס איר האָט מיר געזאָגט. איך געדענק אפילו אייערע רייד וועגן דעם דינעם געוויין וואָס ציט איבער ימען, ס'געוויין פון אַ יידישער מאַמען...

— איך דאַנק אייך נאָך אַ מאָל, דאָקטאָר. איצטער מוז איך זען, די געסט זאָלן זיך ניט באַליידיקן.

חיים בערגער, וואָס האָט ניט ליב געהאַט זיך צו קריגן מיט זיין אייגע־נעם ברודער, האָט זיך דאָסמאָל ניט געקענט איינהאַלטן. ער האָט ניט גע־קענט פאַרטראָגן, מיט וואָס פאַר אַ זיכערקייט זיין ייִנגערער ברודער האָט געדרשנט פאַר די געסט.

— איך בין אויך ניט צופרידן מיט די רעדעס אויפן ציוניסטישן קאָנ־גרעס, — האָט ער זיך באַמיט צו זיין רואיק. — ס'איז דערפאַר וואָס איך האָב בכלל פיינט רייד. אויף די קאָנגרעסן, ווייזט זיך אַרויס, אַז מיר זיינען נאָך אַלץ אַ פאָלק פון ניין מאָס רייד, אָבער ניט פון קיין מעשים. דער ציוניזם האָט ניט קיין פירער. מאַקס נאָרדוי האָט געהאַט אַ וויכטיקן פּלאַץ מיט זיינע רייד יעמאָלט, ווען דאָקטאָר הערצל האָט געקלאַפּט אין די טירן פון מלכים, געפאָדערט ארץ ישראל פאַר יידן. איצטער קלינגען אויף די קאָנגרעסן שיינע רייד. ס'יידישע פאָלק ווערט צעריבן. איך בין געלאָפן אַהער קיין אַמעריקע און כ'זע שוין אַרויס ווי מיר ווערן דאָ אויך צעריבן.

— וואָס זאָגט איר, דאָקטאָר, — האָט וועלוול בערגער זיך געווענדט צו דאָקטאָר לוריאַן. — ס'לוינט זיך צו קריגן מיט אַן אייגענעם ברודער?

— באַנ'אייך אין שטוב קריגט זיך דאָס יידישע פאָלק, פּונקט ווי ביי אונדז אין שטוב האָט מען זיך אַרומגעקריגט מיט צוואַנציק יאָר צוריק. ס'איז נאָך יעמאָלט קיין ציוניסטישע קאָנגרעסן אויף דער וועלט ניט געווען. פונ־דעסטוועגן האָט איינער דעם יידישן פאָלק צוגעלייגט אַ פּעדערל צו דער נאָז, און דער אַנדערער האָט געהאָלפן בויען אַ שול צום דאַוונען. דאָס זיינען פאָלקס־וואָונדן אין היינטיקער צייט. ניטאָ ביי קיין שום פאָלק אויף דער וועלט קיין ספּעציעלע פילאָזאָפיע וואָס זאָל באַרעכטיקן אַסימילאַציע. ביי אונדזערע ראַדיקאַלן איז דאָס לאָגיק.

— קאַרג געמישטע חתונות זיינען דאָ פאַראַן?

— מיין ברודער דניאל האָט נאָך מיט צוואַנציק יאָר צוריק חתונה געהאַט מיט אַ ניט־יידישער פרוי, פונדעסטוועגן איז ער אַ פרומער ייד, פרימער פון זיין ברודער דעם דאָקטאָר, און אוודאי פרימער פון זיין ברודער דעם אַרבעטער־פירער.

— די זשאַרגאָנישע שפּראַך וועט דאָ אונטערגיין, כאָטש מיר האָבן דאָ צייטונגען און טעאַטערס, וואָס דערציען אַזוי שלעכט די אומוויסנדע מאַסן.

— זאָגט ניט קיין נביאות.

— כ'וויל, ס'זאָל אונטערגיין!

—איר אַליין, וואָס ווילט אַזוי שטאַרק, וועט אויך ניט אונטערגיין, כאַ־כאַ־כאַ.

— איך וויל, דאָס יידישע פאָלק זאָל איינמאָל פאַר אַלע מאָל געזונט ווערן.

— יעדער איינער זאָל אַכטונג געבן אויף זיין אייגענעם געזונט, וועט שוין ס'גאַנצע פאָלק געזונט זיין. אייער גערדאַנקענגאַנג איז אַ קראַנקער. די יידישע גאַס איז פול מיט דעם.

— איך רעד ווי אַ פּראָלעטאַריער. אין דער צוקונפט וועלן ניט זיין ניט קיין קלאַסן און ניט קיין פעלקער.

— האָט איר דאָך געהערט וואָס די דייטשע אַרבעטער דעלעגאַטן האָבן געפּאָדערט אויפן שטאָטגאַרטער קאָנגרעס. און פאַרגעסט ניט, די דייטשע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פאַרטיי איז דער מוסטער אין אייראָפּע. די דייטשע אַרבעטער זיינען די וואָרטזאָגער, ניט די פראַנצויזן. איך בין מסכים מיט אייך, מיסטער ראָזמאַן, — האָט דאָקטאָר לוריא זיך געווענדט צום גאַסט. — כ'האָב געהערט, וואָס איר האָט פריער געזאָגט. פונקט ווי צוואָרפן איבער דער גאַנצער גרויסער וועלט איז דער אַרבעטערקלאַס, וועמעס קאַמף עס ווערט שווערער פון יאָר צו יאָר, און וואָס נאָר מיט פאַראייניקטע כוחות וועט ער ווערן שטאַרק, אַזוי איז אויך פאַראַנען אַ פאָלק, אַן אומגליקלעך פאָלק, וואָס ווערט פון יאָר צו יאָר אַלץ מער צעשפּליטערט און צעזייט איבער דער גאָרער וועלט, און נאָר דורך פאַראייניקונג וועט עס באַשטיין די שטורעמס וואָס קלייבן זיך אַרום אים, אַמאָל אין איין לאַנד, אַמאָל אין אַ צווייט לאַנד.

— גלויבט איר, דאָקטאָר, אַז דאָ אין לאַנד וואַרטן אויך אויף אונדז אומגליקן? — האָט וועלוול פאַרזיכטיק געפרעגט.

— איר ווייסט דאָך, אין וואַשינגטאָן זוכט מען פלענער ווי צו באַגרעניצן די איינוואַנדערונג, כאָטש ביים נאָמען רופט מען עס ניט אָן.

— גלויבט איר, אַז אונטער איצטיקן פּרעזידענט וועלן אַזעלכע געזעצן אָנגענומען ווערן? — האָט חיים בערגער פאַרוואונדערט געפרעגט.

— דאָ ווערט אַ פּרעזידענט אויסגעקליבן אויף פיר יאָר, העכסטנס אויף אַכט יאָר. דער פאַקט, אַז מ'טראַכט באַגרעניצן די איינוואַנדערונג, איז שוין גענוג. פאַראַן דאָ געגנטן, וואו מ'לאָזט יידן ניט אַריין.

— יידן זיינען דאָ אַ גרויסע מאַכט. — האָט חיים בערגער זיך ווידער אָנגערופן.

—כ'ווייס פון דער יידישער געשיכטע, אַז ווי נאָר יידן זיינען געוואָרן אַ מאַכט, האָט מען זיי גענומען רודפן.

— רעדט איר אַלע ווי די ציוניסטן אויפן קאָנגרעס, וואָס בעטן ביי גאָט ער זאָל צושיקן פּאָגראָמען, — האָט וועלוול פון צווישן די ציין אַרויסגערעדט.

— רעדסט ווי אַ נאַר! — האָט אים דער עלטערער ברודער ניט פאַר־שוויגן.

— קינדער, כ'בעט אייך, הערט זיך אויף צו קריגן, — האָט די מוטער זיך אַריינגעמישט. — טאָמער קומט מען זיך צונויף, איז באַלד הייבט מען זיך אָן

אַרומצוקריגן איבער זאַכן וואָס איך ד׳הייב ניט אָן צו פאַרשטיין. פאַרבעט, עמאַ, דעם דאָקטאָר צום טיש. ס׳איז ביי מיר אַ שמחה וואָס מ׳האָט זיך אַריינגעצויגן אין אַ שטיקל פרישער הוים. ס׳איז ביי מיר נאָך אַ שמחה וואָס עמאַ האָט די ליכטיקע וועלט דערזען. גאָט צו דאַנקען, זי אַרבעט און פאַרדינט אויף איר הוצאה. ס׳איז פריער גאָט און דערנאָכדעם איר, דאָקטאָר.

גאָלדעס ווערטער האָבן אָפּגעקילט די געמיטער. די רייד האָבן אָנגעוואָרן די פליגלען. עס איז שטיל געוואָרן.

צוריק אַהיים איז דאָקטאָר לוריא געגאַנגען אָן אומעטיקער. ער איז געגאַנגען אַליין. ער האָט באַמערקט ווי זיין שטיפשוועסטער האָט אויפגעכאַפּט יעדעס וואָרט וואָס וועלוול בערגער האָט געזאָגט. ווי אים האָט אויסגעוויזן איז אויך עמאַ ניכטערער געוואָרן. אפילו אין אופן ווי זי האָט אים ביים געזעגענען געדריקט די האַנט האָט ער באַמערקט די ניכטערקייט. ער מאָלט זיך אויס וואָס עמאַ בערגער האָט איבערגעלעבט די לעצטע צייט, ביז זי ד׳האָט זיך איינגעשפּאַנט אין דער אַרבעט. ער זעט ווי זי ליגט אויפן ברוק מיט אַ ביסל בעבעכעס. ער האָט גוט באַטראַכט די איצטיקע דירה, ניט קיין ערגערע ווי די פריערדיקע, אָבער דער מאַרשרוט פון מאָט ביז סאָפּאָלק סטריט האָט געקענט אַ מענטשן אויסניכטערן.

אויפן וועג אַהיים איז דאָקטאָר לוריא נאָך פאַרגאַנגען צו אַ חולה, וואָס ער האָט געדאַרפט אין אָוונט באַזוכן. אַריינקומענדיק אין אָפיס האָט ער געפונען אויפן טיש אַ צעטעלע פון דניאלן. דער עלטערער ברודער שרייבט, אַז ער וויל אים זען. אויב ער וועט זיך אומקערן אַהיים ניט צו שפּעט, זאָל ער זיך אַריבערכאַפּן צו אים, באַשר ליליען־רות וויל אים שטאַרק זען, עפּעס פּילט זי זיך ניט מיט אַלעמען.

דאָקטאָר לוריא האָט ניט געהאַט קיין חשק זיך לאָזן צו דניאלן, טאַקע צוליב דעם וואָס ער האָט דערמאַנט דעם נאָמען פון זיין גרטע. ער האָט געוואוסט אַז ביי דניאלן הערשט ניט די לעצטע צייט קיין שלום בית, און מעגלעך, אַז דניאל איז איצטער אויך צו אים געקומען אויסקלאָגן זיין האַרץ. פונדעסטוועגן האָט ער באַשטימט אויף זיינס מוחל זיין. אויפן וועג צו דניאלן איז ער אָוועק צו די סטאַנס און די שוועסטער אויך מיט זיך פאַרנומען.

* * *

איצטער זיינען קעראָלאַין און דאָקטאָר זכריה לוריא געזעסן זייט־ביי־זייט און מיט אַ פאַרקלעמט געמיט נאָכגעקוקט זייער עלטערן ברודער דניאלן, וואָס האָט , אַ צעטראָגענער, געשפּאַנט אויף־און־אָפּ און פון צייט־צו־צייט געווישט די פאַרטרערטע אויגן.

ס׳איז שוין געווען אַרום האַלבער נאַכט. עטלעכע מאָל איז די שטילקייט איבערגעריסן געוואָרן. אַמאָל די שוועסטער, און אַמאָל דער ברודער, האָבן אים געפּרוווט טרייסטן און דערמוטיקן, באַוויזן, אַז זיין לעבן איז ניט אַזוי צעבראָכן געוואָרן ווי ער מיינט ; און אַז סוף־כל־סוף איז ער ניט דער איינציקער אין דער נייער הוים, וואָס האָט געהאַפּט צו לעבן ווי גאָט האָט געבאָטן, אויפהיטן דעם אַלטן שטייגער און די גאַנצקייט אין דער משפחה. דניאל האָט זיך מיט יענעמס צרות ניט געקענט טרייסטן. „מחמת די איידעלע ליליען־רות, וואָס האָט געהאַט אַ כשר האַרץ און וואָס פון צווישן יידן האָט מען

קיין בעסערע ניט געפונען״ — האָט דאָס ניט־יידישע אין איר פלוצלונג אויפ־געוואַכט, און פאַדערט צינזן ביים יידן דניאל לוריא. זי וויל, אַז אירע צוויי קינדער, וואָס זיינען אפילו אין תלמוד תורה געגאַנגען, זאָלן אויך אַמאָל מיט איר גיין אין קלויסטער, הערן וואָס דער „געבילדעטער גלח״ האָט צו זאָגן. ס׳פאַרשאַפט איִם יסורים, וואָס די לעצטע צייט האָט זי אים אָנגעהויבן וואַרפן אין פּנים שטעכווערטלעך אויפן חשבון פון יידן, און אפילו אויפגע־וואַרפן אים אשרן, וואָס פּירט דאָ אין לאַנד פינצטערע געשעפטן.

— דניאל, — איז אים זכריה באַגעגאַנגען מיט די אויגן, — עפּעס באַ־האַלסטו פאַרט. מיט אַמאָל ווערט ניט אַזאַ איבערקערעניש ביי אַ פרוי. קען זיין, דו האָסט איבערגעכאַפּט די מאָס מיט דיינע פאָדערונגען. מ׳ווייסט אַליין ניט, מ׳נעמט און מ׳צעברעכט אַ לעבן. פונקט ווי מ׳נעמט אַ קרישטאָלענע כלי און מ׳לאָזט זי פאַלן פון די הענט אויפן האַרטן דיל. פאַראַן זאַכן וואָס זי וועט קיינמאָל אין דיר ניט פאַרשטיין, מחמת זי איז אַ געבאָרענע קריסטין. אין אירע אָדערן פליסט קריסטלעך בלוט. כל זמן זי איז געווען אין דיר איינגעליבט, האָט זי געשפּירט, אַז דו האָסט זי דערהויבן.

— וואָס ווילסט מיר אויפקלערן, — איז דניאל געבליבן שטיין אין מיטן צימער. — וואָס האָב איך דען פון איר פאַרלאַנגט?

— אַט פרעגסטו: וואָס האָב איך פון איר פאַרלאַנגט... דאָס איז די צרה אין לעבן, ווען מ׳הייבט שוין אָן פאָדערן און פאַרלאַנגען. ווען צוויי מענטשן, לאָמיר זאָגן מאַן און ווייב, האָבן זיך ליב לייב־און־לעבן, יעמאָלט פירט קיינער ניט קיין חשבון וואָס ער טוט פאַרן אַנדערן. טאָן פאַרן צווייטן איז יעמאָלט ס׳אייגענע ווי טאָן פאַר זיך. פאַרלאַנגען, פאָדערן, ווער ווייסט פון דעם? ווען מען הייבט שוין אָן צו פרעגן: וואָס פאַרלאַנגסטו? וואָס בין איך דיר נאָך שולדיק? — יעמאָלט איז עק לעבן.

— ווי אמת דאָס איז! — האָט קעראָלאַין שטיל, ווי צו זיך געזאָגט.

— אוודאי איז עס אמת, — האָט דניאל מסכים געווען. — אין די ערשטע יאָרן איז ניט איר און ניט מיר שווער געווען איינס פאַרן אַנדערן אפילו אין פייער אריינגיין. כ׳געדענק אַלץ.

— געדענקסט אָבער אויך, אַז מיט דריי און צוואַנציק יאָר איז זי געווען אַ געפאַלענע ווערשין, ערגעץ אין אַ פינצטערער דירה, און דו האָסט זי דער־הויבן. און לאָמיר דיר זאָגן, דניאל, — איז דאָקטאָר לוריא אויפגעשטאַנען פון זיין פלאַץ און געקוקט דניאלן גלייך אין די אויגן אריין. — דו האָסט פון איר ניט געדאַרפט פאַרלאַנגען זי זאָל זיך מגייר גיין. דאָ אין פרייען לאַנד האָט געקענט רעכט זיין: זי אַ קריסטין, דו — אַ ייד!

— כאַ־כאַ־כאַ, — האָט דניאל ביטער אַ לאַך געטאָן. — מיינסט עס טאַקע? דאָס האָב איך געמעגט הערן פון נתנען, אָבער ניט פון דיר, זכריה.

— ניט שטענדיק איז נתן אומגערעכט.

— אים גייט יידישקייט ניט אָן. אַפטמאָל רעדט ער ווי אַ שונא ישראל.

— ס׳האָט ניט צו טאָן מיט קיין יידישקייט. ביי דיר איז עס אַ פּריוואַטע טראַגעדיע.

— פאַרוואָס זאָלסטו מיר שיטן זאַלץ אויף די וואונדן?

— ביסט דאָך קיין קינד ניט. ביסט אַמאָל געווען קליגער און פּראַק־טישער פון אונדז אַלעמען. פרעג איך דיך, דניאל, אַט די אַלע וואָס האָבן

זיך דאָ אַרויפגעאַרבעט, אַרויסגעצויגן פון דער איסט־סאַיד, קלייבן נחת וואָס די קינדער האָבן גאָר תחילת ניט געוואוסט וואָס יידישקייט איז, מיינסטו, זיי וועלן מער אויפהאַלטן דעם יידישן קיום ווי דיין ליליען?

— זאָל איך אַזוי וויסן פון בייז ווי איך פאַרשטיי וואוהין דו צילסט.

— לאָמיר פרעגן קריינדלען, וואָס זי טוט אויפצוהאַלטן יידישקייט ביי אירע קינדער.

קעראַלאַין האָט פאַרחידושט אַנגעקוקט דאָקטאָר לוריאַן. זי האָט אויך ניט פאַרשטאַנען וואוהין ער צילט. זי איז מיט דעם געדאַנק אַוועק צו זיך אין שטוב אויף דער פינפטער עוועניו; געפּרוּווט געפינען אַ באַרעכטיקונג אויף דניאלס טענות. האָט זי דאָך אויך זיך אַרויסגעצויגן פון דער איסט־סייד. זי האָט עס ניט געטאָן צוליב דעם ווייל זי האָט געוואָלט אַנטלויפן פון דער יידישער גאַס. פּשוט, אויף דער פינפטער עוועניו איז שענער. אויב זי קען עס באַווייזן, פאַרוואָס ניט. אַגב איז איר מאַן, לעאָנאַרד סטאַן, געווען דער, וועמען ס׳איז ענג געוואָרן אויף דער איסט־סאַיד. זי באַנעמט איצטער, אַז וועגן אירע קינדער איז איר ברודער זכריה לוריא גערעכט. „ווען מ׳דערמאָנט עס מיר — כ׳וואָלט ס׳יינגל געשיקט אין תלמוד תורה...״

— וואָס האָסטו געמיינט, זכריה, מיט דיינע פריערדיקע רייד, — האָט קעראַלאַין אַנגעשטעלט אירע צעשראָקענע אויגן אויפן ברודער. — דו האָסטו געמיינט, אַז דניאל האָט מיט איר געדאַרפט לעבן ווי מיט אַן אויסוואורף, אפילו ניט חתונה האָבן מיט איר? און אויב זי האָט זיך געוואָלט מגייר זיין, האָט ער ניט געדאַרפט דערלאָזן?

ביי די ווערטער איז אַנגעקומען פון גאַס ליליען־רות. איר אַנגעצויגן פּנים האָט נאָכגעגעבן. זי האָט זיך צעקושט מיט קעראַלאַינען און מיט דאָקטאָר לוריאַן, און האָט מיט אַ איראָנישן שמייכל פון אַ זייט אַ בליק געטאָן אויף דניאלן, וואָס האָט זיך ניט געקענט קיין אָרט געפינען.

— בין אַזוי צופרידן איך דאָ צו טרעפן, — האָט ליליען זיך באַמיט צו באַהאַלטן איר אויפרעגונג. — געקלערט איך ביידן פאַרבעטן אַהער. אדרבה, איר זייט שוין היינטיקע מענטשן, איר לעבט דאָ אין לאַנד, אפשר וועט איר מיר אויפקלערן פאַרוואָס דניאל האָט פּלוצלונג געוואָרפן אַזאַ אומחן אויף מיר. איך זאָג, ער זאָל עס הערן. אויב ער רעכנט, אז ער האָט געמאַכט אַ טעות מיט דעם וואָס ער האָט זיך געלאָזט איבעררעדן פון אַן אָרימער וועשין, בין איך גרייט נאָך איצטער אָפּצוטרעטן. אַמעריקע איז אַ פרייע לאַנד. כ׳האָב מיט דריי און צוואַנציק יאָר געהאַנדלט ווי מיר האָט מיין האַרץ באַפוילן. בין איצטער אויך גרייט אַזוי צו האַנדלען.

— פאַרוואָס ביסטו אין מאַנטל און הוט, ווי אַ פרעמדע? — האָט צעשראָקן קעראַלאַין געפרעגט.

— צי איך וויס וואָס איך טו? מיין היים איז מיר דאָ מער קיין היים ניט.

— פאַרוואָס זאָלסטו אַזוי רעדן? — איז קעראַלאַין צוגעגאַנגען און מיט צער געקוקט דער גרעטע אין פאַרגליווערטן פּנים אַריין. — איך בעט, זאָלסט מיר זאָגן דעם ריינעם אמת, וואָס פאַר אַן אומגליק איז דאָ געשען באַנ׳אייך?

— זעסט דאָך, קעראַלאַין, דניאל האָט מיך פיינט געקראָגן.

— זאָג ניט וואָס דו מיינסט ניט, — האָט פון זיין אָרט אין אַנדערן עק צימער דניאל זיך אָפּגערופן. — ס׳איז איצטער ניט די צייט צו רעדן פון ליבע.

— פֿאַרוואָס ניט, דניאל? צי איז ליבע נאָר פֿאַר יינגערע מענטשן, און ניט פֿאַר מאַן און פֿרוי וואָס האָבן שוין קינדער? איך פֿרעג דיך, פֿון וואָס דען זאָל איך רעדן.

— דו דערציילַ, ווי אַזוי דו ווילסט די קינדער זאָלן אַוועקגיין פֿון יידישן פֿאָלק.

— כ׳ווילַ זיי פֿון קיינעם ניט אַוועקנעמען. דייווידן האָט דאָס לעבן אַליין אַנגעוויזן וואו ער געהערט. צי מיינסטו, אַז איך האָב ליב געקראָגן די איסט־סאַידער יידן און צוליב זיי האָב איך זיך דיר איבערגעגעבן? איך, ווען איך בין געווען אַ קליין מיידעלע, ווי אַלע איירישע קינדער, האָב איך חוזק געמאַכט פֿון די יידן וואָס האָבן זיך באַוויזן אַרום אונדזערע גאַסן. גלויב מיר, ס׳איז ניט געווען וועמען ליב צו האָבן. אַז איך בין אונטערגעוואַקסן, מיר איז אויסגעקומען גיין צו דער בויערי, דורכגיין די יידישע געזעמלען, האָב איך געפֿילט ווי איך גיי צווישן ווילדע מענטשן. נאָר דיך אַליין האָב איך יעמאָלט ליב געקראָגן ביז משוגעת. עד היום קען איך מיר ניט אָפּגעבן קיין חשבון וואָס מיט מיר איז געווען. כ׳וואָלט יעמאָלט איבערגעגאַנגען ניט נאָר צום יידישן גלויבן, אַפֿילו צום טייוולשן גלויבן וואָלט איך, אַבי דיך צו האָבן.

—ניין, ליליען, צען מאָל ניין... — האָט דניאל מיט ווייטיק גערעדט. — האָסט יידן ליב געקראָגן! איך געדענק גוט וואָס דו האָסט מיר געזאָגט ווען יידן. ביסט מיטן גאַנצן האַרצן איבערגעגאַנגען צום יידישן גלויבן. אונדזער רב האָט דיך אָפּגערעדט, זאָלסט זיך ניט מגייר זיין. האָסט יעמאָלט געקענט חרטה האָבן. ביסט גליקלעך געווען די גאַנצע צייט. ביז דייוויד איז אונטערגעוואַקסן, און ער האָט פֿאַר דיר אויפֿגעבראָכן אַ פֿענצטער צו דער ניט־יידישער וועלט.

— כ׳האָב דיר קיינמאָל ניט צוגעזאָגט איבערצורייסן מיט מיין משפּחה. ליזאַבעט האָט מיך גענומען אין קירך. כ׳האָב זיך דערמאָנט אין יענע יאָרן, ווען כ׳בין געגאַנגען צום גלח זיך מודה זיין אויף מיינע זינד.

— ביסט איצטער אויך געגאַנגען זיך מודה זיין אויף זינד. כ׳ווייס, צוליב דעם פֿאָדערסטו, כ׳זאָל זיך ארויסציען פֿון דער איסט־סייד. ניין, ליליען,—האָט דניאל אָנגעהויבן אָנצוואָוערן זיין געדולד. — כ׳וועל דיר די קינדער ניט אַוועקגעבן, און פֿון דער איסט־סאַיד ריר איך זיך ניט!

דניאלס אויפֿירונג האָט אויף דעם צווילינג ניט געמאַכט קיין גוטן איינדרוק. דאָקטאָר לוריא, וואָס האָט ניט געקענט פֿאַרשטיין פֿאַרוואָס ליליען האָט מיט אַמאָל זיך אָנגעהויבן אָפּצופֿרעמדן פֿון איר יידישן מאַן, האָט איצטער זיך דערשלאָגן צו די וואָרצלען פֿון ברודערס טראַגעדיע. אים איז שווער געווען באַשולדיקן די גרטע. סוף כל סוף, מיט איר אַריבערגיין צום יידישן גלויבן האָט זיך איר בלוט ניט געביטן. יידישע מנהגים, וואָס זי האָט אויף זיך גענומען, זיינען דאָך ניט מער ווי אַן אויסערלעכקייט. ווען זי טענהט, אַז מיט איר ליבע צו דניאלן האָט זי אויף זיך ניט גענומען ליב צו האָבן ס׳גאַנצע יידישע פֿאָלק, קען מען צו איר גאָרניט האָבן. זי איז אויפֿריכטיק. דאָקטאָר לוריא האָט עטלעכע מאָל געשמועסט מיטן עלטערן זון דניאלס; ער האָט פֿאַרשטאַנען, אַז דניאלס זון ציט אויף דער מוטערס זייט. אַזוי־אַרום פֿילט ער זיך אַ קינד פֿון אַ נאָרמאַל פֿאָלק. ער באַנעמט ניט די

יידישעווירקלעכקייט, און ניט די יידישע נאַציאָנאַלע טראַגעדיע אין דער נייער היים.

— הערט אויף טראַכטן פון די קינדער, — האָט קעראָלאַין, מעשה מוטער, אָנגעהויבן. — זיי וועלן זיין וואָס זיי איז באַשערט. טראַכט פון אייער אייגן לעבן. איר האָט זיך אַזוי ליב געהאַט. מאַך זיך ניט קינדיש, ליליען. דניאל האָט דיך איצטער ליב ווי דאָס לעבן. און דו, דניאל, ליליען וויל אַרויס־ציען אין אַ שענערער געגנט — פּאָלג אַ ווייב. קענסט עס באַוויזן. ליליען פאַרדינט אַ שענערע דירה. אפילו דיינע צוויי סטאָרס זאָלסטו פאַרקויפן. קענסט עפענען אַ שענערן סטאָר אויף בראָדוויי, צי אפילו אויף דער פינפטער עוועניו. ניט, זכריה?

קעראָלאַין איז צוגעגאַנגען, ארומגענומען איר שוועגערין און זי געקושט אויף בײדע באַקן.

ליליען האָט פון זיך אַראָפּגעוואָרפן דעם הוט, אַזוי אין מאַנטל האָט זי זיך אַראָפּגעלאָזן אויף אַ שטול ביים טיש, באַהאַלטן ס׳פּנים אויף די אָרעמס און אָנגעהויבן וויינען אויפן הויכן קול.

דניאל האָט געמאַכט אַ פּאָר שריט צו זיין צוזאַמענגעבראָכענער ווייב — ווי איבערבעטן זי. ער האָט אָבער אַ קערעווע געטאָן אויף צוריק און זיך אַראָפּגעלאָזן נעבן קעראָלאַין, וואָס איז מיט אַ געבויגענעם קאָפּ געזעסן ביים פענצטער. ער האָט געקוקט אַמאָל צו זיין ווייב, און אַמאָל צו דער אַנטשוויגן געוואָרענער קריינדלען. ער האָט זיך אָנגעהויבן פילן שולדיק; כאָטש קלאָר האָט ער אַליין ניט אַרויסגעזען אין וואָס זיין שולד באַשטייט. ער איז אַ ייד. ער וויל זיין היים זאָל זיין יידיש. ליליען האָט אַזוי ליב געהאַט צו בענטשן ליכט; אַזוי פרום האָט זי פאַרדעקט מיט די הענט די אויגן. איצטער, אַז עס קומט ערב שבת, צינדט זי אָן ליכט ווי מ׳וואָלט עס איר גענויט צו טאָן. ער מאַכט קידוש — דרייט זי זיך אַוועק אין צווייטן צימער. דעם לעצטן פּסח, צום צווייטן סדר, איז זי גאָר אַוועק צו איר שוועסטער. ער איז חושד, זי איז מיט דער שוועסטער געגאַנגען אין קלויסטער. ער קלערט איבער זכריהס ווערטער, איידער ליליען איז אַריינגעקומען: „יאָ קלויסטער, ניט קלויסטער — האָט זכריה געזאָגט, — יידן ווערן דאָ אָן זייערע קינדער אויף אייביק". יאָ, ס׳איז אמת. אָבער ווען איז דאָס גערעדט געוואָרן, ווען עלטערן אַליין ווילן עס.

דניאלס בליקן פאַלן אויף זיין שוועסטער, וואָס איז ווי איינגעשרומפּן געוואָרן פאַר די פּאָר שעה ביי אים אין שטוב. אים פאַרדריסט וואָס דער דאָקטאָר האָט זי פאַרבעטן, זי זאָל זיך אָנזעטיקן מיט זיינע צרות. ער ווייס אָבער אויך, אַז קעראָלאַין איז אפשר די איינציקע, ווען זי נעמט זיך אָן מיט כוח, וואָלט זי דעם צעשטערטן שלום בית אויפגעריכט. ליליען האָט קעראָלאַין שטענדיק ליב געהאַט.

— קריינדל, — האָט דניאל מיט אַ צעבראָכן געמיט זיך געווענדט צו דער שוועסטער. — ביסט אַ פרוי, ביסט אַ שוועסטער. איך לאָז, דו זאָלסט פאַר מיר רעדן. פרעג זי, אויף וואָס פאַר אַן אופן קען מיין חרובע היים צוריק אויפגעריכט ווערן. זאָל זי דיר זאָגן וואָס זי וויל פון מיר. ס׳איז דאָך ניט אַלץ וואָס זי וויל, אַז מ׳זאָל זיך פון דער גאַס אַרויסציען. דאָס איז דאָך אַ קלייניקייט. אַז זי וועט צושטיין, וועל איך נאָכגעבן. אָבער וואָס וועט זיין,

מ׳וועט זיך דערוויטערן פֿון דער יידישער גאַס, און ערשט אין דער נייער היים וועט מיין לעבן זיין וויסט און פינצטער!

ליליען האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און מיט רויט־אָנגעוויינטע אויגן שטום אַריבערגעקוקט צו דניאלן. אין איר פּנים איז ניט געווען קיין שלעכטסקייט. פֿאַרלאָרנקייט און תּחינה איז געווען אין פּנים. קענטיק, זי האָט עפּעס געוואָלט זאָגן, נאָר די ווערטער זיינען אויפגעלייזט געוואָרן און צום אויסדרוק ניט געקומען.

ליליען האָט זיך געפּרואווט דערמאָנען דעם גרויען פֿרימאָרגן מיט אַריבער צוואַנציק יאָר צוריק, ווען אַן אומבאַקאַנטער ד־האָט אָנגעקלאַפּט אין טיר, אין איר פֿאַרדומפּענעם, אָרימען און אָן פֿרידן אָפּגעלאָזענעם צימער, וואו זי, אַ געבויגענע איבער אַ באַליע, האָט זי טאָג־איין, טאָג־אויס מיט אירע אָפּגעצערטע הענט געריבן פֿרעמדע וועש — האָט זיך אַ יידישער פּעדלער באַוויזן. וואָס האָט זי יעמאָלט אין דעם יידישן פּעדלער דערזען, וואָס די ערד האָט זיך אַרויסגעגליטשט פֿון אונטער אירע פֿיס? איז אין דעם שולדיק געווען איר אייגענער מאַן, מיסטער גראַנט, וואָס האָט זי געשלאָגן, באַדעקט איר לייב מיט בלויע צייכנס, צוגענומען אירע פֿאַרדינסטן און עס פֿאַרטרונקען אין די סאַלונס אויף דער בויערי? האָט דאָס וויסטע לעבן אירס זיך געוואָרפֿן אונטער דעם שווערן גוף פֿון דעם יידישן פּעדלער, וואָס זי האָט צומאָל זיין נאָמען ניט געוואוסט ביז אַ צייט שפּעטער, ווען ער האָט זי אַ קראַנקע געטראָפֿן ביי אַ שפּיטאָל? צערטלעכקייט האָט זי געגאַרט צו באַקומען פֿון אַ מאַן, און ניט קיין קלעפּ; אַ מאַן פֿון וואָס פֿאַר אַ פֿאָלק און גלויבן ס׳זאָל ניט זיין. זי האָט אירע כּוחות אָנגעוואָרן ווי נאָר זי האָט דערשפּירט, אַז דער אומבאַקאַנטער מאַן פֿון אַ פֿרעמד און ניט באַליבט פֿאָלק וויל זיין איר באַשיצער. יונג איז זי געווען, איר אָפּגעצערטער גוף האָט געגאַרט אָנגעגאָסן צו ווערן מיט פֿרישע כּוחות.

זי דערמאָנט זיך אויך ווי זי האָט זיך געפֿילט ווען ס׳ערשטע קינד, וואָס זי האָט פֿון דעם יידן געטראָגן אין איר לייב, איז געשטאָרבן אין איר לייב. זי האָט דאָס קינד מפּיל געווען, און געפֿילט, אַז זי קומט אָפּ פֿאַר אַ זינד. מער וועט זי שוין קיין גליק אין לעבן ניט זען. ס׳וועט מער קיין ליכטיק לעבן ניט זינגען אין די ווינקעלעך פֿון איר נייער היים, ביי אַ פֿאָלק וואָס זי האָט ניט געקענט.

די דאָזיקע איבערלעבונגען לויפֿן ווידער אָן ביי ביידן; און ניט ביי איר, און ניט ביי אים זיינען איצטער פֿאַראַן די כּוחות אויפֿצושטעלן צוריק אַן איינגעפֿאַלענע וועלט. אירע בליקן בלאָנדזשען פֿון מאַן צו זיין ברודער, צו זיין שוועסטער. דוכט איר, אַזעלכע נאָענטע זיינען זיי איר שטענדיק געווען, און איצטער, פּונקט ווי ביי די דאָזיקע מענטשן זיינען גאָר ניטאָ די פֿריינטלעכע ווערטער איר צעבראָכן געמיט אויפֿצוריכטן. זיי פֿעלט גאָר די קרובֿהשע וואַרימקייט, וואָס זאָל זי איצטער אויפֿהויבן פֿון דער נידער. זי שפּירט ווי זי איז געפֿאַלן און האָט קיין אייגענע כּוחות ניט, זיך אויפֿצוהייבן.

ס׳אייגענע האָבן געשפּירט דאָקטאָר לוריא און קעראָלאַין. ליליען־רות איז זיי געווען ליב און טייער נאָר יעמאָלט, ווען ליב און טייער זיינען צו דער גרטע געווען ניט נאָר די מיטגלידער פֿון דער משפּחה לוריא, נאָר דער גאַנצער שטאַם, פֿון וואַנען איר יידישער מאַן איז אַרויסגעקומען, איצטער

איז אויסגעוואקסן אַ מחיצה וואָס האָט זיי אָפּגעטיילט. אָבער אין דער אייגע־נער רגע איז אויך דניאל, סיי פאַר דאָקטאָר לוריאַן און סיי פאַר קעראָלאַין, ניט געווען דער ברודער, וואָס זיי וואָלטן געקענט אַרויסהעלפן אין אַזאַ ביטערער שעה.

דאָקטאָר לוריא איז אויפגעשטאַנען, אַ מידער און אויסגעלאָשענער, האָט ער זיך געווענדט צו דער שוועסטער:

— לאָמיר, קריינדל, זיי לאָזן אַליין. מאַן און ווייב דאַרפן אַליין געפינען דעם וועג, וואָס האָט זיי ביי דער ערשטער באַגעגעניש געפירט אײנס צום אַנדערן. זיי זיינעןביידע קלוגע און געזונטע מענטשן.

קעראָלאַין איז צוגעגאַנגען, אַ קוש געטאָן דער שוועגערינס קאָפּ, און אַ געבויגענע אַרויס פון שטוב.

אַ צייט האָבן דאָקטאָר לוריא און קעראָלאַין שווייגנדיק געשפּאַנט. קעראָ־לאַין האָט געפילט אַ מידקייט אין איר גוף, האָט זיך אָנגעהאַלטן אָן ברודער, ניט צו פאַלן.

— וואָס זאָגסטו צום אומגליק? — האָט קעראָלאַין שטיל געפרעגט.

— מ'דאַרף ניט האָבן דוקא קיין קריסטלעך ווייב, כדי נאָכדעם ווי די קינדער וואַקסן אונטער זאָל מען זיך דערפילן ווי אַן איינגעבראָכענער בוים, וואָס די וואָרצלען זיינען אויסגעטריקנט געוואָרן. יעס, קעראָלאַין, אויף דער פעטער אַמעריקאַנער וועלט טרוקענען און שטאַרבן אָפּ אונדזערע וואָרצלען.

קאַפּיטל צען

ביי די בערגערס איבערן לעבן איז נאָך אַלץ געהאַנגען דער טרויער. געווען אַ צייט, ס׳האָט אויסגעוויזן, אַ שטראַל ליכט האָט זיך דורכגעריסן צו באַלייכטן די געמיטער פון פּאָגראָם־צעשטערטע: די קראַנקע עמאַ האָט זיך כמעט געשטעלט אויף די פיס, די שטאַרקערע האָבן אַלע געאַרבעט, פאַרדינט און אָנגעהויבן אָפּאָטעמען פרייער אין דער נייער היים. איז געקומען דער אומגעריכטער עקאָנאָמישער קריזיס, אַרויסגעשליידערט די מערסטע מיטגלידער פון די שעפּער, אַריינגעטריבן זיי אין די ענגע, היימישע ד׳ אמות, אין קרייז פון זאָרג און פּחד.

זינט מ׳האָט זיי אַרויסגעוואָרפן פון דער מאָט סטריט דירה פאַר ניט צאָלן דירה־געלט, כאָטש מ׳האָט זיך אַריינגעקליבן אין צוויי שמאָלע, האַלב־פינצטערע צימערן אויף סאָפאָלק סטריט, איז דער מצב ניט בעסער געוואָרן. עמאַ, נאָכדעם ווי זי האָט אָפּגעאַרבעט אין אַ שאָפּ די ערשטע פינף וואָכן, זיינען זי ווידער באַפאַלן פינצטערע שטימונגען. ס׳האָט שוין געהאַלטן, מ׳זאָל זיי פון דער סאָפאָלק סטריט דירה אויך אַרויסזעצן, ווען ניט דער עלטערער זון וואָס האָט געפעדלט אַרום ניו־יאָרק. ער האָט אין דער לעצטער מינוט באַוויזן צו באַצאָלן דירה־געלט. דאָס האָט ניט געמינערט דעם פּחד פאַרן מאָרגנדיקן טאָג.

— פונדעסטוועגן, אין דער היים, אַז אַ מענטש איז געווען אין אַ שלעכטן מצב, האָט מען זיך אויף אים אומגעקוקט. מ׳איז אַריין צו אַ שכן און מ׳האָט זיך ניט געשעמט צו דערציילן און בעטן אַרויסהעלפן. איינער דעם אַנדערן האָט אין אַ עת־צרה אַרויסגעהאָלפן. איז מען דאָ פרעמד איינער צום אַנדערן; גאָר קיין חידוש ניט וואָס מענטשן פאַלן אויס אין די גאַסן.

דאָס האָט גאָלדע בערגער ווי צו זיך אַליין גערעדט, בשעת זי האָט דערלאַנגט צום טיש אַ היימישע וועטשערע, אַ שיסל געקאָכטע קאַרטאָפליעס און אַ צעשניטענעם הערינג.

ס׳איז געווען אָנהויב נאָוועמבער. די ידיעות וועגן אַ פרישער פּאָגראָם־כוואַליע, וואָס האָט אַרומגעכאַפּט דרום רוסלאַנד, האָט אויפגעטרייסלט די יידישע וועלט. ווער ס׳האָט געוואָלט האָט געקענט געפינען טרייסט אין די ידיעות, אַז אין קראָנשטאַט און אויפן ווייטן מזרח ביי וולאַדיוואָסטאָק האָבן זיך „סבונטעוועט" מאַטראָזן אויף די קריגסשיפן, האָבן געבונדן און געשאָסן אָפיצירן, און האָבן אַרויסגעהאַנגען רויטע פאָנען.

— כ׳האָב געטראַכט, ווייט פון רוסלאַנד, אין אַ פריי לאַנד, וועט מען זיך אויפהערן קריגן גלאַט אַזוי אין דער וועלט אַריין. נאַ דיר אַ רוסלאַנד! מ׳קען גאָרניט פּטור ווערן, זאָל זיך דוכטן, מ׳איז געשטאָרבן און דאָ אויפסניי געבאָרן געוואָרן.

דאָס איז אויך געקומען פון דער מוטער, נאָכדעם ווי דאָס עסן איז שוין געשטאַנען אויפן טיש, און דער עולם האָט זיך געאײַלט צום עסן, מחמת מיט אַ ווײַל פריער האָט לײב בערגער זיך צעזעגנט מיטן ייִנגערן זון, מיט וועלוולען, אַלץ צוליב רוסלאַנד. ניט אַזוי צוליב די פּאָגראָמען, נאָר צוליב דער רעוואָלוציע פון דעם רוסישן פּלאַט.

— קינדער, גייט צום טיש, ס׳עסן ווערט קאַלט, — האָט גאָלדע ווידער זיך אָפּגערופן, און איז צוגעגאַנגען צום געלעגער בײַם פענצטער, וואו עמאַ איז געלעגן מיט אָפענע אויגן, אַ בלאַסע, אַן אויסגעלאָשענע.

— מעגסט, עמאַ, זאָגן וועלוולען, אַז דאָ איז ניט רוסלאַנד. — האָט דער פאָטער צום טיש גייענדיק גערעדט. — אַ באָס האָט פײַנט, אַז מ׳זאָגט אים דעות. דאָ דאַרף אַ מענטש דאַנקען גאָט, אַז מ׳לאָזט אַרײַן אין שאָפּ און מ׳גיט אים אָפּ אַן אָרט צו אַרבעטן. צוליב אים איז צילע אויך געבליבן אָן אַרבעט.

— כ׳פאַרשטיי ניט, וואָס ער האָט צו בייטן לוריאַן, — האָט די מוטער זיך געשטעלט אויפן פּאָטערס זייט. — ער פירט ניט דעם באַלעבאָס געשעפטן, ער האָט אײַנזינגען די אַרבעטער. הלואי וואָלט ער נאָר געהאַט אַ דעה.

— מאַמע, עס זיך ניט אָפּ ס׳האַרץ, איז וועלוול צוגעגאַנגען צו דער מוטער. — ס׳איז אַ פרײַע מדינה, ווי דו זאָגסט, דעריבער קען אַן אַרבעטער־פירער דאָ פאַרקויפן די אַרבעטער, און איך, די גאַל זאָל אין מיר פּלאַצן, דאַרף איך, הייסט עס, שווײַגן. פאַרלאָז זיך אויף מיר, מאַמע. קיינער וועט מיר ס׳מויל ניט צומאַכן.

מ׳האָט זיך צוגעזעצט צום טיש. די פאַרע האָט נאָך שיטערלעך געצויגן פון שיסל. עמאַ האָט די שטובליכט נאָכגעקוקט. אויף דער מוטערס רייד האָט זי זיך ניט אָפּגערופן. יעדעס מאָל, ווען איר ברודער האָט דערמאָנט צום שלעכטן דעם נאָמען לוריאַ האָט זי אין דעם קיין אָנטייל ניט גענומען. אין שאָפּ, וואו זי האָט געאַרבעט, האָט זי אויך געהערט, אַז בייטן לוריאַ איז אַ קאַריערסט, די אַרבעטער אינטערעסן ליגן אים ניט אין זינען. אָבער פאַר דער קורצער צײַט וואָס זי האָט אין שאָפּ געאַרבעט איז זי ניט אַרײַנגעצויגן געוואָרן אין דער אַרבעטער באַוועגונג. די אַרבעטער־פירער זײַנען אָרנטלעך; אַזוי האָט זי געגלויבט.

— אפשר וואָלסטו אויפגעשטאַנען, געגאַנגען צום טיש, עמאַ, — האָט די ייִנגערע שוועסטער צילע זיך געווענדט צו עמאַן. — זאָג, פון וואָס קלערסטו?

— כ׳קען דיר ניט דערציילן פון אַלץ וואָס איך קלער. איינס וועל איך דיר, צילע, יאָ זאָגן: כ׳בענק צוריק אַהיים.

— צוריק אין פּאָגראָמען־לאַנד?

— אין פּאָגראָמען־לאַנד, אָדער כ׳וואָלט שוין געזונט געוואָרן, אָדער איך וואָלט שוין געווען דאָרט וואו ער...

— איך בעט דיך, עמאַ... — איז די מוטער אויפגעשטאַנען פון אָרט. — כ׳וויל עס פון דיר ניט הערן!

— נו, שאַ, מאַמע; כ׳האָב עס ניט געמיינט. כ׳האָב געזאָגט אַ נאַרישקייט.

עמאַ האָט אָבער געוואוסט, אַז די מאַמע גלויבט מער אין אירע פריער־דיקע ווערטער. די מאַמע, אין אַ שווערער רגע, האָט זיך ביי איר אַרויסגע־

כאַפּט, אַז הלואי וואָלט מען זיך מיט די לוריאס גאָר אינגאַנצן ניט באַגעגנט, אפשר וואָלט די ישועה געקומען פון ערגעץ אַנדערש.

ווי אַ מאַמע האָט גאָלדען ס׳האַרץ אונטערגעזאָגט, אַז ניט זכרידה לוריא דער דאָקטאָר האָט איר טאָכטער אויף די פיס געשטעלט, נאָר זכריה לוריא דער אידעלער מענטש, וואָס איז אַזוי נאָענט ווי אַן אייגענער אריינגעקומען צו זיי. „צוליב וואָס האָט ער עס געטאָן? צוליב וואָס איז ער אַזוי צוגעלאָזן געוועזן צו עמאַן, אַזויפיל צייט אָוועקגעגעבן, אויסגעפאָרן מיט איר איבער ניו־יאָרק, געפאָרן מיט איר צום ברודער אין די קעצקילס?״ דער מוטער גלויבט זיך ניט, אַז אין אַמעריקע, וואו יעדערער האָט אינזינען נאָר זיך אַליין, זאָל אַ דאָקטאָר זיך אַזוי מפקיר זיין פאַר זיינעם אַ חולה.

— זעסטו, טאָכטער, — האָט דער פאָטער גערעדט אויף עמאָס זייט. — טענהסט, אין פּאָגראָמען־לאַנד וואָלט דיר געווען בעסער. אפשר, ווען מ׳איז ניט קיין יידן. אָט הער איך, אַז אין די גרויסע טויזנטער פאָרן איצטער אין אַמעריקע אַרויס די ניט־יידן, פאָרן צו זיך אַהיים. זיי האָבן נאָך אַ היים. אפילו די רוסישע מוזשיקעס, וואָס זיינען אַהער געקומען, קערן זיך אום צו זיך אַהיים. צי ווייס מען ניט ביי יידן אין רוסלאַנד, אַז דאָ איז איצטער שלעכט געוואָרן? פונדעסטוועגן, מיט יעדער שיף קומען אַלץ מער יידן אָן. ס׳איז אַ באַוויז, אַז אין רוסלאַנד איז דעם יידן וויסט און פינצטער. כ׳טראַכט, אפשר איז דאָ אין נעוויאָרק אַזאַ אמגליק. ווי הייסט ער, וועלוול, דער יידישער באַרימטער פּיסאַטעל פון ענגלאַנד, וואָס שיקט איבער יידן אין די וואַרימע געגנטן?

— ס׳איז אויך אַ מין וויסטער ציוניזם, — דהאָט וועלוול, מיט אַ קאָר־טאָפּליע אין מויל, אַרויסגערעדט. — וואָס איז דער חילוק וואו יידן וועלן דאָ זיין? אומעטום די אייגענע אַמעריקע. איז דאָ שלעכט, איז דאָרטן אויך שלעכט. ישראל זאַנגוויל הייסט ער, דער נייער משיח. ער קלערט צו באַזעצן די יידן אין שטאַט טעקסעס.

— וואָס אַרט עס, אַבי יידן וועלן ניט אָנקריכן איינס אויפן אַנדערן אין נעוויאָרק.

— מיך אַרט עס ניט. זאָל זיין טעקסעס, זאָל זיין גאַלוועסטאָן; סיי ווי וועלן זיי פון דאָרטן קומען אַהער צו קריכן. אַלעמען ציט קיין ניו־יאָרק.

— איז טאָקע אַ טעות. כ׳גלויב ניט, אַז אין די קלענערע שטעט זאָל מען לעבן אין אַזאַ דחקות.

אין דער אייגענער צייט איז די בלאָנדע שנור, אָסנע, אויפגעשטאַנען פון טיש און אַריבערגעגאַנגען צו עמאַן. קיינער זאָל ניט באַמערקן, האָט זי עמאַן אויסגעווישט די טרערן פון די אויגן, און אַ קוש געטאָן. זי, די בלאָנדע אָסנע, וואָס האָט אין דער שטיל געחלומט, אַז איר מאַן, וואָס פעדלט אַרום ניו־יאָרק, זאָל אויפגעריכט ווערן, מ׳זאָל זיך קענען אַרויסציען פון דער ענגשאַפט און פירן אַליין פאַר זיך אַ בעלעבאַטישקייט, יעדעס מאָל ווען אין שטוב האָט מען אַנגעהויבן דערמאָנען רוסלאַנד — האָט זי זיך דערשפּירט אַ פאַרלאָרענע. איר מאַן, וואָס איז אין דער היים געווען אַ וועבער, איז דאָ אַ פעדלער. זי ווייסט שוין, אַז דוקא דאָ אין אַמעריקע זיינען פון פעדלער אַרויסגעקומען רייכע לייט, און די וואָס זיינען געבליבן אַרבעטער אין שאַפּ, זיינען אַלעמאָל אויסגעשטעלט

צו בלייבן אָן ברויט. פונדעסטוועגן, אויב זי האָט זיך ניט אַרויסגעצויגן לעבן באַזונדער, איז איר צאַרטער געפיל צו דער קראַנקער עמאַן געשטאַנען אין וועג.

איצטער איז ביי אָסנען אויף די ליפּן געלעגן אַ גוט וואָרט וואָס זי וואָלט עס וועלן זאָגן איר קראַנקער שוועגערין. ווען זי איז איצטער אַליין מיט איר, וואָלט זי איר אַריינגערוימט אין אויער, אַז דער מענטש וואָס איז געווען צו איר צוגעלאָזן, געקומען אין די ביטערע שעהן און זי געטרייסט, דער דאָזיקער מענטש וועט נאָך ווידער קומען. ער וועט קומען, ווען זי, עמאַ, וועט געזונט ווערן. אָסנע גלויבט אין דעם. זי האָט חשק עס איינצורוימען דער שוועגערין אין אויער.

— איר ווייסט, ווען חיים וואָלט מיך פאָלגן, וואָלטן מיר אויך אַוועק ניט ווייט פון ניו־יאָרק. מ׳דערציילט, אַז דאָרטן וואו יידן שטייגן איצטער אויס איז אַ גאַנץ יאָר וואַרים, ממש זומער. מיינסט ניט, וועלוול, ס׳איז שיין צו לעבן דאָרט וואו ס׳איז אַ גאַנץ יאָר זומער?

— וואָס טוען דאָרטן די אָנגעקומענע יידן? — האָט לייב בערגער זיך געווענדט צו וועלוולען.

— וואָס טוען יידן? פעדלען!

— וואַרף זיך ניט אַזוי מיט יידן.

— כ׳בין ניט איינגעליבט אין יידן ווי דו.

— ווער ביסטו?

— כ׳ווייס אַליין ניט וואָס איך בין.

— וואָס פּריסקעסטו אַזוי אויף יידן? קאַרג ווערן דאָ יידן פאַרשוואַרצט? צי זיי פוילן זיך דאָ צו אַרבעטן? זאָל זיך באַווייזן אַרבעט, וועלן יידן זיך פון דעם אָפּזאָגן? וואָס, בין איך אפשר ניט געגאַנגען אין שאָפּ אַריין? זיינען אַלע קינדער ניט געגאַנגען אין שאָפּ אַריין? וואָס יידן טוען, איז שלעכט! ארץ ישראל — איז שלעכט; איצטער, אַז יידן גייען זוכן אַן אַנדער פּלאַץ, איז ווידער שלעכט. פּאָגראָמען־לאַנד איז גוט? וואָס, מ׳לאָזט דיך ניט גיין אויף סקאָדקעס? אפשר, ווען מ׳פּאַקט דיך אַריין אין טורמע, וואָלסטו צופרידן געווען.

— מיין ניט, אַז דאָ מעג מען שוין אַלץ. געגוג מענטשן, וואָס האָבן געהאַט קוראַזש צו זאָגן דעם אמת, האָט מען אַריינגעפּאַקט אין טורמע.

— נו, איז דאָך גוט. אויב דאָ איז דאָס איגענע ווי אין רוסלאַנד, איז דאָך ניטאָ וואָס־הין צו בענקען!

— קינדער, כ׳בעט אייך, הערט אויף, — האָט גאָלדע אומגעדולדיק זיך געווענדט צו וועלוולען. — מעגסט זיך איינהערן וואָס אימעצער אַנדערש רעדט.

דער ייִנגערער זון האָט זיך אַ ריס געטאָן פון אָרט און אַרויס פון שטוב. אין אַ ווײַלע אַרום איז דער פאָטער, מיט אַ געבויגענעם קאָפּ, אויך אַרויס פון שטוב. עס זיינען געבליבן די פרויען אַליין. אַ צייט האָט קיינער פון די פרויען קיין וואָרט ניט אַרויסגערעדט. מ׳האָט צוגעקליבן אין שטוב, צוגענומען פון טיש, און געשוויגן.

דער מוטער האָט עס גערופעט אָנצוהייבן אַ שמועס מיט עמאַן. זי האָט געוואָלט פרעגן ביי עמאַן, צי מ׳זאָל ווידער איינלאַדן דאָקטאָר לוריאַן, אָדער אפשר זאָל מען אַ פרעג טאָן אַן אַנדער דאָקטאָר.

— ווייסט וואָס איך טראַכט, מיין טאַכטער, — איז גאָלדע געבליבן שטיין פאַר עמאַס געלעגער.

— כ׳ווייס וואָס דו טראַכסט, — האָט עמאַ בלאָס געשמייכלט. — טראַכסט וואָס דאָקטאָר לוריא באַווייזט זיך ניט אַזוי לאַנג.

— כ׳האָב דייקע געטראַכט פון עפּעס אַנדערש. נאָר, אַז דו האָסט שוין דערמאָנט זיין נאָמען...

גאָלדען האָט פאַרדראָסן הלמאי זי האָט עס גאָר אָנגעהויבן. אוודאי וואָלט זי מיט איר טאָכטער געדאַרפט דהאָבן אַ שמועס וועגן דעם מענטשן וואָס האָט אַזויפיל האָפענונגען אַריינגעבראַכט צו זיי אין שטוב. גאָלדע ווייס אָבער וואָס עמאַ קאָן נעמען און אַ זאָג טאָן.

— איצטער, אַז דער טאַטע און וועלוול זיינען ניטאָ, וויל איך אייך זאָגן נאָך אַ מאָל, אַז מיר בענקט זיך צוריק קיין רוסלאַנד. אויב אַ מענטש, וואָס מ׳האָט ליב געהאַט, ליגט דאָרטן אין דר׳ערד, איז דאָרטן מיין היים. אפשר ווען כ׳קום ניט אַהער, וואָלט איך אויך געלעגן אין דער אייגענער ערד וואָס ער. קוקט מיך אַזוי ניט אָן. כ׳האָב דאָס אייגענע געזאָגט דאָקטאָר לוריאן. כ׳האָב גאָרניט געוואָלט באַהאַלטן. כ׳האָב אים דערציילט, אַז דאָרטן איז געד־רגעט געוואָרן דער איינציקער מענטש, וועמען כ׳האָב געהאַט ליב. דאָ האָב איך קיינעם ניט ליב.

— דאָקטאָר לוריא וויל דיך מאַכן געזונט, — האָט די יינגערע שוועסטער שטיל געזאָגט.

— איך דאַנק אים פון גאַנצן האַרצן. וואָס נאָך קען איך טאָן? ניט אַלע פּאַציענטן זיינען זיינע געזוכט געוואָרן, איז וואָס? וועט צוקומען נאָך איינע, אַ מיידל, וואָס איז געקומען פון פּאָגראָמען־לאַנד און געבראַכט מיט זיך אַ וואונד אין האַרצן.

עמאַ ד־האָט גערעדט העכער ווי שטענדיק. אין איר שטים — אַ סך ביטערקייט. זי האָט געוואָלט איבערשרייען אַ וויטיק, וואָס האָט געגליט אין אַלע אירע גלידער. זי האָט געפילט, אַז די דריי פרויען, וואָס שטייען אינמיטן צימער און קוקן צו איר אַפּיר דורך פאַרטרערטע אויגן, יעדע איינע אויף איר אופן באַנעמט, אַז זי, עמאַ, רעדט איצטער פאַר וויטיק.

עמאַס נערוועאישער ענטפער האָט ביי דער מוטער ס׳לשון צוגענומען. ס׳איז איר ענג געוואָרן אין שטוב. ס׳האָט זיך איר געגלוסט שטאַרק אויסוויינען; איז זי בעסער אַרויס דרויסן. צילע האָט עס באַמערקט און איז דער מוטער נאָכגעגאַנגען.

אָסנע האָט ניט געוואוסט וואָס צו טאָן מיט זיך. זי האָט אָבער ניט געוואָלט לאָזן עמאַן אַליין. זי איז צוגעגאַנגען אויף די שפּיץ פינגער, זיך אַראָפּגעלאָזן אויף די קני פאַרן געלעגער און געקושט עמאַס הענט.

— איך טו דיר אָן צער, אָסנע, — האָט עמאַ געגלעט איר בלאָנדן קאָפּ.

— כ׳ווייס, דיר איז אויך ניט גוט. האָסט שוין געקענט האָבן אַן אייגענע היים. חיים פאַרדינט גוט. נו, האָסטו צוליב אונדז קיין רו ניט.

— כ׳טראַכט מער פון דיר, ווי פון זיך. איך בין שוין באַזאָרגט. חיים האָט מיך ליב. כ׳ווייס עס, כ׳פאַרד־אַף צו גאָט, אונדז וועט נאָך זיין גוט. כ׳קלער אַ סך פון דיר, עמאַ. דיר האָט אויך געקענט זיין גוט, ווען דו וואָלסט געקענט פאַרגעסן און ליב האָבן אַן אַנדערן מענטשן.

עמאַ האָט אָנגעקוקט אָסנען און געשמייכלט.

— וואָס, איך רעד נאַרישקייטן? כ׳בין דאָך אויך אַ פרוי. איך פיל דאָך אויך ווי אַ פרוי. אַ פרוי דאַרף האָבן אַ נאָענטן מאַן, זי זאָל זיך קענען אָן אים אָנשפּאַרן. אַ פרוי איז אַ שוואַכע באַשעפעניש. יעמאָלט, ווען זי ווערט שוין פּאַרטיק און אויסגעוואַקסן, יעמאָלט ווערט איר שווער צו שטיין אַליין גלייך אויף די אייגענע פיס. לאָך ניט, עמאַ, איך זאָג וואָס איך פיל. דו ביסט אַ צייטיקע, אַן אויסגעוואַקסענע, און האָסט זיך ניט אָן וועמען אָנצושפּאַרן. כ׳האָב געמיינט, דו ביסט פאַרליבט אין דאָקטאָר לוריאַן.

— נאַרעלע, ער האָט מיך ניט ליב.

— דאָס טראַכסטו נאָר אַזוי.

— איך האָב אַ האַרץ.

— דיין האַרץ איז קראַנק און פאַרפירט.

— ער איז אַ קלוגער מענטש. צוליב וואָס זאָל ער ליב האָבן אַ מיידל וואָס בעט אויף זיך דעם טויט?

— דאָס לעבן איז דאָך אַזוי שיין!

— אוודאי איז דאָס לעבן שיין.

— טאָ פאַרוואָס ווילסטו צוריק קיין רוסלאַנד? וועסט ניט זיין אויף מיר ברוגז? — האָט אָסנע זיך פאַררויטלט און זיך איינגעגעסן מיט די בליקן אין עמאַס אויגן. — דאָ איז אַ פריי לאַנד. דאָ לעבן זיך בחורים מיט מיידלעך אַ סך שענער ווי ביי אונדז דאָרטן. דאָ זיינען די מענטשן געזינטערע ווי דאָרטן אין רוסלאַנד. דיר איז ניט שווער זיך צו נעמען אין די הענט, אויפשטיין, זיך אויסגלייכן און אַרויסשטעלן די ברוסט פאַראויס... ביסט דאָך אַזאַ שיינע, עמאַ. איז ניט דאָקטאָר לוריא — זיינען פאַראַן אַנדערע מענער! הלואי וואָלט איך דיר געקענט איבערגעבן אין ווערטער וואָס איך פיל. אוודאי, סי ניטאָ קיין ליבע, איז ניטאָ קיין לעבן. שטיי אויף, עמאַ. איצטער איז קיינער ניטאָ, כ׳וועל דיך אַרומוואַשן, וועל אָפּפרישן דיין לייב, וועסט זיך אָנטאָן. ביסט ניט קראַנק, עמאַ. וועסט מיר פאָלגן, עמאַ?

— ביסט אַ שענערער מענטש, אַ בעסערער מענטש ווי איך... פאַרשטייסט דאָס לעבן אויך בעסער ווי איך. איך הער זיך גוט איין וואָס דו רעדסט צו מיר. רעד נאָך, רעד נאָך, אָסנע...

אָסנע האָט זיך איבער עמאַן אַריבערגעבויגן, אָפּגעדעקט איר לייב, און אָנגעהויבן ווענקן עמאַס לייב מיט אירע ברענענדיקע ליפּן, געוועקט ביי דער קראַנקער שוועגערין די פייערן, וואָס האָבן נאָך פאַרחלשט געטליעט אין איר בלוט.

* * *

גרוי און שווער איז געהאַנגען דער פאַרנאַכט איבער דער איסט־סאַיד. אַ קאַלטער, פייכטער ווינט האָט נידעריק זיך אַראָפּגעלאָזן, פאַנאַנדערגעבלאָזן די מיסט־בערגלעך און אָנגעשליידערטע פּאַפּירן פאַר די טירן פון די געוועלבער.

דאָקטאָר לוריא, איידער ער איז אַרויסגעגאַנגען פון אָפיס, האָט ער דערהאַלטן אַ בריוו פון זיין ברודער הילל, פון פאַרם אין די קעצקילס. אין איילעניש האָט ער אין בריוו אַריינגעקוקט און אויפגעכאַפּט, אַז דער ברודער

באַקלאָגט זיך אַ ביסל. אים איז דאָרטן אומעטיק געוואָרן, מחמת דער ערשטער שניי איז אַרויסגעפאַלן, צוגעדעקט זיין דרויסנדיקן פאַרמעגן און אַ ביסל אים אָפּגעשניטן פון דער וועלט. דער ברודער דערמאָנט אויך אין בריוו, אַז ער קען ביינאַכט ניט צומאַכן מיט אַן אויג צוליב די שרעקלעכע ידיעות וואָס קומען אָן פון פּאַגראָמען־לאַנד.

ווען ער איז אַרויסגעקומען אויף סאָפּאָלק סטריט, איז אים אַנטקעגן געקומען אַ יונג מיידל; באַמערקנדיק אים האָט זי אויפגעציטערט, אַראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ און האַסטיק אַריבער אויף דער אַנדערער זייט גאַס.

זי האָט אים אויסגעוויזן באַקאַנט. ער איז אַ ווייל געבליבן שטיין, איר נאָכגעקוקט. ווען ער האָט שוין געהאַט בדעה גיין זיין וועג, האָט זי אומגעווענדט דעם קאָפּ און זיך אָנגעשלאָגן אָן זיינע בליקן. מיט דעם אייגענעם אימפּעט ווי זי האָט פריער אַ קער געטאָן אָן אַ זייט, אויסצומיידן דעם מאַן וואָס איז איר אַנטקעגן געקומען, איז זי איצטער, מיט אַן אויסדרוק פון גאוה אין געשטעל, צוריק אַריבער די גאַס.

זי איז צוגעקומען נאָענט צו דאָקטאָר לוריאַן, מיט אַ געצוואונגענעם שמייכל האָט זי צו אים אַרויפגעקוקט, און דערלאַנגט די האַנט:

— איר וועט מיר עקסקיוזן, כ'האָב אייך געוואָלט אויסמיידן. אַ נאַרישקייט אַזוי צו האַנדלען. איך האָב אייך דערקענט. איר זייט דאָקטאָר לוריא. איך בין דזשעסי. צוליב אייער ברודער פון שיקאַגאָ האָב איך אייך און אייער שוועסטער אָנגעזאָגט אַ באַרג ליגנס.

דאָקטאָר לוריא האָט געהאַלטן איר האַנט און גוטמוטיק געשמייכלט. ער האָט געוואָלט דערקענען אין איר פּנים סמנים פון אַ פּראָסטיטוטקע, פאַר וועמען ער און זיין שוועסטער האָבן זיך אָנגענומען נאָכדעם ווי ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז זי איז אונטערגעשיקט געוואָרן פון אשרן, אויסצוגעפינען ביי משפּחה, צי מען ווייסט פון זיינע פינצטערע געשעפטן אין שיקאַגאָ. אין איר פּנים איז געווען זאָרג, כאָטש זי איז געווען גאַנץ גוט באַקליידט.

— פאַר וועמען האָט איר מיך יעמאָלט ביינאַכט אָנגענומען? — האָט זי מיט אַ יינגלשער דרייסטקייט גערעדט. — איר האָט פאַרשטאַנען, אַז כ'האָב אייך אָפּגענאַרט.

— מיין שוועסטער האָט אייך אַרומגעזוכט.

— וואָס דאַרף זי מיך?

— זי האָט ניט געמיינט קיין בייז. איר האָט איר אויסגעזען באַקאַנט.

— כ'האָב געהאַנדלט ווי אַ שוויין. ווען כ'זע נאָך אַ מאָל אייער שוועסטער, וואָלט איך בעטן, זי זאָל מיר עקסקיוזן.

איר פּנים האָט זיך צוואָרימט, אין די אויגן האָט אויפגעגליט אַ פייער. דאָקטאָר לוריא האָט באַמערקט, אַז קעראָלאַין איז גערעכט געווען ווען זי האָט אין דער אומבאַקאַנטער דערקענט ענלעכקייט צו אַ מיידל וואָס האָט מיט צוואַנציק יאָר צוריק אַזוי אָפט אַריינגעבראַכט פרייד צו די לוריאָס אויף לודלאָוו סטריט.

— איך אייל מיך איצטער צו אַ קראַנקן דאָ אויף סאָפּאָלק סטריט. אפשר וועט איר אויף מיר וואַרטן ביי מיר אין אָפיס. אַז כ'וועל זיך באַפרייען וועל איך מיט אייך גיין צו מיין שוועסטער.

— ניין, ניין... וואָס קוקט איר מיך אַזוי אָן?

— אייער מוטער האָט געהייסן יוכבד פינקלשטיין. זי לעבט, אייער מוטער? איך מאַך ניט קיין טעות. אַזוי הייסט זי.

דזשעסי האָט אַראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ און זיך ניט גערירט פון אָרט.

דאָקטאָר לוריא דערמאָנט זיך יענע נאַכט ביי זיין שוועסטער ווי דאָס אייגענע מיידל איז געקומען און זיך פאַרגעשטעלט ווי אַ שוועגערן פון אַ לוריא, וואָס פאַרשאַפט דער משפחה אַזויפיל עגמת נפש. „זאָל עס זיין, אַז יוכבד האָט אַ טאָכטער אַ פּראָסטיטוטקע?"

אים קומען אויפן געדאַנק יענע צייטן מיט אַריבער צוואַנציק יאָר צוריק, ווען אַ מיידל מיט אַ ליכטיק פּנים, ציטער־בלויע אויגן און מיט אַ פריידיקן געלעכטער, יוכבד פינקלשטיין, האָט אַזוי אָפט מיט איר אָנקומען ליכטיק געמאַכט אין דער פינצטערער דירה אויף לודלאָו סטירט. ער דערמאָנט זיך ווי יוכבד און אשר זיינען פון צייט־צו־צייט פאַרפאַלן געוואָרן. מ'האָט יעמאָלט ביי די לוריאס חושד געווען, אַז ער שיקט זי אויף דער בויערי פאַרדינען פון זיינטוועגן.

וואָס לענגער דאָקטאָר לוריא האָט אַריינגעקוקט אין דזשעסיס פּנים אַריין, אַלץ קלערער איז פאַר אים אַרויסגעקומען יוכבדס פּנים פון די ערשטע יאָרן אין אַמעריקע.

— איך וועל צו אייך אַריינקומען, כ'זאָג אייך צו, — האָט דזשעסי אויף אַ פּאָר טריט הינטערוויילעכס זיך אָפּגערוקט און צעשראָקן געקוקט צו אים. — מיין מוטער איז זייער קראַנק. זי דערמאָנט אָמאָליקע פריינט. זי דערמאָנט אייער שוועסטער. גוד־באַי, דאָקטאָר לוריא.

דאָקטאָר לוריא איז נאָך אַ ווײַלע געבליבן אויף זיין אָרט, נאָכגעקוקט דאָס מיידל, וואָס ד'האָט זיך אין איילעניש פאַרנייגט צו איסט־בראָדוויי. דער־נאָכדעם איז ער מיט האַסטיקע טריט אַוועק צו די בערגערס, וואוהין גאָלדע בערגער האָט אים מיט אַ טאָג פריער געבעטן קומען.

דאָקטאָר לוריא איז געווען שטאַרק פאַרחידושט ווען ער האָט אָנגעקלונגען, און עמאַ בערגער איז אַרויסגעקומען אים עפענען די טיר. זי איז געווען אין איין העמד און מיט אַ ברוין־געקעסטלטער, וואַרימער טוך איבער די אַקסלען. קענטיק, זי איז פון געלעגער אַראָפּ עפענען די טיר. אויסער איר איז אין שטוב קיינער ניט געווען.

עמאַ האָט זיך אומגעקערט צוריק צום געלעגער, איז געבליבן שטיין, מיט די אויגן צום גאַסט. די אייגענע אויגן, נאָר דרייסטער און אָפענער. די באַקן אייַנגעצויגן ווי גאָר ביי דער ערשטער באַגעגעניש מיט איבער אַ יאָר צוריק. פון בלאַסן שטערן האָט זיך געזיפּט אַ לויטערקייט.

— איר זייט דאָך אַזאַ פאַרנומענער מענטש, ווי האָט איר געפונען צייט צו קומען איצטער? — האָט עמאַ בלאַס געשמייכלט. — כ'ווייס, די מאַמע האָט אייך געבעטן. אַ מאַמע איז שטענדיק צעשראָקן. איך בין ניט קראַנק.

— אַ מאַמע ווייס בעסער וואָס איר קינד פעלט.

— ווען אפילו ס'קינד איז שוין גרויס דערוואַקסן?

— אַזוי לאַנג ווי אַ קינד איז נאָך ביי דער מאַמעס זייט איז עס נאָך ניט דערוואַקסן.

— דאָס איז אמת.

ער האָט באַמערקט אירע בלאַסע פּיס. איבער האָט געחידושט וואָס זי איז אַזוי באָרוועס אַראָפּ פון גלעגער. ער האָט געזוכט פּאַסיקע ווערטער פון וואָס אָנצוהויבן, אָפּווענדן דעם שמועס אויף עפּעס אַנדערש. זיין קאָפּ איז נאָך געווען פאַרנומען מיט דער אומדערוואַרטעטער באַגעגעניש אין גאַס. ער האָט ניט געוואָלט, עמאַ זאָל באַמערקן זיין צערודערט געמיט.

— פאַרוואָס זייט איר באָרוועס אַראָפּ פון געלעגער?

— זייט אַמאָל ניט קיין דאָקטאָר. טראַכט ניט פון מיין געזונט. ס'אי מיר גוט צו פילן דעם דיל מיט אָרוועסע פּיס. וואָס קוקט איר אַזוי אויף מיינע פּיס? שטעלט אַוועק אין אַ ווינקל אייערע אינסטרומענטן. איך וואונדערט ניט וואָס איך בין אַליין אין שטוב? קיינער פון אונדזערע אַרבעט ניט. ס'איז אַזוי אויסגעקומען, פּונקט ווען איר זייט דאָ, זיינען אַלע ערגעץ אַוועק. זיצט, דערציילט מיר, וואָס הערט מען פון רוסלאַנד?

דאָקטאָר לוריא האָט זי אויפגעהויבן, געהאַלטן אַ ווייל אויף די הענט, ווי געפילט איר וואָג. ווען ער האָט זי צוגעטראָגן צום געלעגער, פאַרזיכטיק זי אַנידערגעלייגט, האָט זי מיט די אָרעמס אַרומגעכאַפּט זיין קאָפּ, אַראָפּגעצויגן צו זיך, געדריקט זיין קאָפּ צו איר אָפּגעצערטער ברוסט, און איר גאַנצער קערפּער האָט אַ שוידער געטאָן. דערנאָכדעם האָט זי זיך אָפּגעקערט פון אים און באַהאַלטן ס'פּנים אין קישן.

אַ טוי האָט פאַרצויגן זיינע אויגן. ער האָט געקוקט צום טריבן פענצטער, און אים האָט אויסגעוויזן, אַז אַלע שטובלייט האָבן אויף אַ ווייל זיך פריער אויסבאַהאַלטן, און איצטער זיינען זי אַלע אַרויסגעקומען, שטייען פאַרגאַפטע און קוקן אַפיר צום געלעגער, וואו זייער עמאַ ליגט מיטן פּנים אין קישן און נעבן איר אַזאַ קאָמישער מענטש, וואָס איז יאָ אַ דאָקטאָר און עפּעס ניט קיין דאָקטאָר.

ער האָט אָפּגעווענדט דעם קאָפּ. אין צימער, אויסער זיי ביידן, איז קיינער ניט געווען. אים האָט אויסגעוויזן, אַז אַ האַרץ־קלאַפּ הילכט אָפּ אין צימער. איבער איז שווער געווען זיך דורכצוקלייבן וועמעס ; ערץ עס רודערט אַזוי און וועקט די גרויע שטילקייט. זיין האַנט־רענצל מיט די אינסטרומענטן, וואָס עמאַ האָט אַנידערגעשטעלט אין ווינקל נעבן טיר, זעט אים אויס, ווי ס'וואָלט זיך אָפּגערוקט פון אָרט און דערנענטערט זיך צו אים.

— עמאַ... — האָט ער געגלעט איר אַקסל. — איר ווילט גאָרניט, איך זאָל אייך אָנקוקן אין פּנים?

עמאַ האָט איינגעהאַלטן דעם אָטעם און געשוויגן. זי האָט ניט קיין חרטה וואָס זי האָט פריי געלאָזן אירע געפילן, געגעבן אים צו פאַרשטיין, אַז ניט דעם דאָקטאָר לוריא מיט דעם רענצל אינסטרומענטן האָט זי אַזויפיל טעג און וואָכן אָפּגעוואַרט, נאָר דעם מענטשן, וואָס פאַרטרייבט פון איר לעבן די פינצטערע חלומות. אַזויפיל מאָל האָט דאָך שוין געטראָפן וואָס צווישן אים און איר איז די פרעמדקייט צערונען געוואָרן, צווישן אים און איר איז די פרעמדע ווייטקייט פאַרשוואונדן. איין רגע, און איר בלוט וואָלט זיך מיט זיינס צונויפגעגאָסן ; איין רגע, און זיין לייב וואָלט אין איר פאַר־וועלקטן גוף גאָר די וואַרימקייט אָנגעגאָסן. אָבער דאָס זיינען אַזעלכע איינ־ציקע רגעס געווען. פון וואַנען קומען די כוחות וואָס צעברעכן דעם צוים,

וואָס טײלט זײ בײדן פֿאַנאַנדער? דאָס װײסט זי אַלײן ניט. אפשר מאַכט זי אַ טעות. אפשר. זי איז שטענדיק געװען די ערשטע װאָס האָט געלאָזן אירע געפֿילן פֿרײַ. אױף אַ נאַטירלעכן אופֿן האָט דער שטורעם זי אונטערגעהױבן און דערנענטערט צו אים. „װאו ס׳איז ניטאָ קײן ליבע, איז ניטאָ קײן לעבן". איצטער טראַכט זי פֿון די פּשוטע װערטער װאָס איר בלאָנדע שװעגערן האָט איר ניט לאַנג אין דער שטיל געזאָגט, בשעת זי האָט איר לײב באַדעקט מיט ליבשאַפֿט, װי זי װאָלט יעמאָלט װעלן עמאַן באַװײַזן װי איר לײב װאָלט געשפּירט, װען דער מאַן, װאָס האָט זי ליב, װאַרימט עס מיט זײַן אָטעם.

איר דוכט זיך אױס, אַז אַ גאַנצע אײביקײט ליגט זי שױן אַזױ מיטן פּנים באַגראָבן אין קישן. זי איז איצטער ניט עמאַ בערגער, װאָס ד׳האָט אַמאָל אין פֿאַגראַמען־לאַנד געלעבט, װאו זי האָט איר געליבטן איבערגעלאָזן אַ דורכגעשטאָכענעם, ער זאָל פֿוילן אין דער ערד. נײַן, זי איז גאָר אינגאַנצן אַן אַנדערע. זי װײס אַלײן ניט פֿון װאַנען זי האָט פֿאַרבלאָנדזשעט אױף דער איסט־סאַיד, אױף סאָפֿאָלק סטריט. זי האָט דאָ טאַטע־מאַמע, שװעסטער און ברידער. אַלע גײען אַרום בײטאָג זוכן אַרבעט, זוכן עפּעס צו פֿאַרדינען, און קומען אַהײם מיט לײדיקן. די מאַמע איז די אײנציקע װאָס גײט אַרױס דרױסן און קומט צוריק מיט אַ ביסל שפּײַז. ברענגט ברױט, ברענגט קאַרטאָפֿליעס און גרױפּן, ברענגט צומאָל פּוטער און הערינג... „װי אַזױ קען מען נאָך אין אַזאַ אָרימקײט פֿאַרבעטן די ליבע, זי זאָל קומען, אױפֿרײסן די ניט־געזעענע פֿענצטער, װאָס זאָלן די זון אַרײַנלאָזן און באַלײַכטן די װענט װאָס קײנמאָל, קײנמאָל פֿאַלט אױף זײ ניט קײן ליכטיקער שטראַל?"

פֿינף װאָכן האָט זי געגנײט אין שאָפּ. געגנײט בלוזן. און איצטער?..

— מיס בערגער... — האָט דאָקטאָר לוריא שטיל געזאָגט. — כ׳האָב שױן באַלד פֿאַרגעסן װי איר זעט אױס. װילט איר, איך זאָל אַװעקגײן?

עמאַ האָט זיך אױפֿגעזעצט און אים שטום אָנגעקוקט. פֿון איר פּנים איז פֿאַרשװוּנדן יעדער שפּור פֿון פֿרײד. אָבער קײן סימן פֿון פֿאַרדראָס, אָדער ביטערקײט, איז אין איר פּנים ניט געװען. אירע ליפּן פֿאַרצױגן, װי שױן לאַנג, אַז זי האָט קײן װאָרט ניט אַרױסגעזאָגט.

— איר זײט ניט צופֿרידן װאָס איך בין געקומען צונ׳אײך. נו, גוט, װעל איך אײַך גאָרניט אױספֿרעגן. איך בין ניט קײן דאָקטאָר. בין אַ פֿרײַנט פֿון פֿאַמיליע בערגער. איך בין געקומען אױספֿרעגן װאָס זײ מאַכן און װי זײ שלאָגן זיך דורך אין דער איצטיקער צײַט.

— איך האָב געבענקט אײַך צו זען, — האָט עמאַ מיט אַ געדריקטער שטים גערעדט. — איך האָב שױן גאָרניט געהאָפֿט, אַז איר װעט װען־עס־איז קומען צו מיר. איך װיל רעדן, און װײס ניט פֿון װאַנען אָנצוהײבן. רעדט איר, זאָגט מיר עפּעס, איך זאָל ד׳הערן און פֿאַרשטײן. האַ, מען מאַכט װידער פֿאָגראָמען אױף יידן. איך װאָלט אַזױ...

זי האָט געװאָלט דערצײלן, װי איר בענקט זיך צוריק קײן רוסלאַנד, אָבער זי האָט עס ניט געטאָן.

— איך האָב גאָרניט װאָס צו דערצײלן, — האָט ער גענומען איר האַנט און געדריקט צו זײַנע ליפּן. — דאָס װאָס איר האָט מיר שױן אײנמאָל דערצײלט, איז גענוג פֿאַר מיר, הלװאי װאָלט איך עס פֿאַרגעסן. און אפשר

וואָלט איר, ווי אַ סך האָבן עס פאַרגעסן. ווען די פּאָגראָמען מאַכן ניט אַזאַ חורבן אין אייער לעבן.

— וואָס איז לעבן? — האָט עמאַ אָנגעשטעלט אַן אומשולדיק פּנים.

— אויך פון דעם וויל איך איצטער מיט אייך ניט רעדן. דערציילט מיר, ווי האָט איר פאַרבראַכט די לעצטע עטלעכע וואָכן? ווי איז עס אייך געגאַנגען אין שאָפּ?

— זייער גוט, הלואי וואָלט איך איצטער געקענט גיין אין שאָפּ אַרבעטן.

— איר ווילט גיין אַרבעטן?

— איך בין מקנא דעם אַרבעטער, וואָס קלערט ניט און ברעכט זיך ניט דעם קאָפּ, צי דאָס איז אַלץ וואָס ער באַדאַרף טאָן אין לעבן. אפשר, ווען איך בין אינגאַנצן געזונט, אפשר וואָלט איך אויך אַזוי געפילט. כ'האָב אייך געפרעגט וואָס איז לעבן; איך קלער, אַז אַרבעט איז לעבן. יאָ, דאָקטאָר לוריא, איך קוק אָן מיינע לייט, ווי זיי גייען ממש אונטער אָן אַרבעט. זיי וועלן אפשר אַלע קראַנק ווערן אָן אַרבעט. איך וואָלט זיך אַליין באַשטראָפט, — האָט עמאַ אויפגעהויבן איר שטימע. — אין אַזאַ שווערער צייט האָב איך זיך אַריינגענומען אין קאָפּ נאַרישקייטן. איז טאַקע אמת, וואָס כ'האָב געזען אין אַ יידישער צייטונג, אַז אין ניו־יאָרק זיינען פאַראַן אַ סך ווי איך מיט פאַרפינצטערטע נשמות? צוליב די פּאָגראָמען, וואָס זיי האָבן איבערגעלעבט, קומען זיי דאָ ניט צו זיך.

— אַ ביסל איז עס אמת.

— פאַראַן אַזעלכע וואָס מ'האָט געדאַרפט צונעמען אין אַ משוגעים־הויז?

— דאָס האָט אינגאַנצן ניט צו טאָן מיט אייך. אויב איר האָט געאַרבעט אין שאָפּ און אייך איז דאָס געווען ליב, איז אוּדאי גוט.

— איר ווילט איך זאָל אַרבעטן?

דאָקטאָר לוריא האָט ניט גאָר אינגאַנצן פאַרשטאַנען וואָס זי האָט מיט דעם געמיינט. ער האָט זי צעשטריייט אָנגעקוקט, געוואָלט אין איר פּנים דערקענען וואָס זי מיינט מיט דעם. ביידע האָבן געשפּירט ווי זיי ריידן ניט פון דעם וואָס זיי האָבן געדאַרפט. זי האָט זיך דערשפּירט אָרים און עלנט. ער, וואָס איז עטלעכע וואָכן ביי איר ניט געווען, האָט איצטער מיט זיין קומען מיטגעבראַכט פאַר איר אָרימקייט און עלנט. פרעמד און דערווייטערט האָט ער איר מיט אַמאָל אויסגעזען.

אירע בליקן פאַלן אויף זיינע הענט, אויף די בלאַסע, לאַנגע פינגער. דאָס זיינען די אייגענע פינגער וואָס האָבן געזוכט קראַנקייט אין איר לייב. דאָס זיינען די אייגענע פינגער, וואָס זיינען פראַנק און פריי אומגעגאַנגען איבער אירע גלידער. „צוליב וואָס האָט ער עס געטאָן? ער האָט דאָך מיך אויף די פיס געשטעלט. געווען אַ צייט וואָס נאָר צוליב אים איז דער פרילינג אַרויסגעקומען מיך באַגעגענען...״

— איך בין קראַנק, דאָקטאָר לוריא. איך ווייס עס. איר ברענגט מיר אייער ליבע אָנשטאָט מעדיצין. אַט בין איך אומגעגאַנגען איבערן שטוב, האָט איר מיך גענומען אויף די הענט און אַנידערגעלייגט צוריק אויפן בעט. לאָזט מיך אויפשטיין, לאָזט מיך זיך אָנטאָן, איך זאָל קענען אַרויס דרויסן, אַ זוך טאָן אַרבעט.

— אויב איר פילט זיך גענוג שטאַרק עס צו טאָן, וועל איך אייך ניט שטערן. ווען ניט דער סטרייק ביי מיין שוואָגער, וואָלט איך מיט אים גע־רעדט, ער זאָל פאַר אייך געפינען פלאַץ אין שאַפּ.

— איך האָב ליב אייער שוועסטער, איך וויל זי זען.

— ווען ווילט איר גיין צו איר, וועל איך אייך קומען נעמען.

עמאַ איז אַראָפּ פון געלעגער, גאַנץ אומגעריכט האָט זי זיך מיט איר צאַרטן גוף אַריינגעוואָרפן אין זיינע אָרעמס, געפילט ווי איר האַרץ, אָט ווערט עס צעשפּרונגען אויף שטיקער, און ס׳בלוט אירס צעפּלייצט זיך איבערן פאַר־שאָטנטן דיל!

ווען דאָקטאָר לוריא איז שפּעטער אַרויס דרויסן האָט דער ווינט זיך געהאט איינגעשטילט. אַ גרינגער שניי איז רואיק אַראָפּגעפאַלן און זיך גע־שפּרייט איבער גאַסן און מיסטן. ער האָט אין קעשענע אָנגעטאַפּט דעם צע־קנייטשטן בריוו, וואו הילל שרייבט אים, אַז אין די קעצקילס איז דער ערשטער שניי אַרויסגעפאַלן, און אים איז דאָרטן טרויעריק געוואָרן. אַ מידקייט האָט ער דערשפּירט אין אַלע גלידער. ער האָט געשפּאַנט מיט די פאַרשנייטע גאַסן, און אַנשטאָט צו זיך אין אָפּיס, איז ער אַוועק צו זיין איינאונאיינציקער שוועסטער.

קאַפּיטל עלף

די אַמאָליקע קריינדל לוריא, צוליב איר שיינעם חלום, וואָס איז אויף אייביק אויסגעגאַנגען אין יענע גאַסן, וואו זי האָט אירע ערשטע אַמעריקאַנער עטלעכע יאָר פאַרבראַכט, איז נאָך איצטער אויך געווען מיט אומזיכטבאַרע פעדים פאַרקניפּט מיט דער איסט־סאַיד. קערעלאַין סטאָן ד׳האָט געבענקט נאָך דער אַמאָליקער קריינדל לוריא, מחמת פון איר איצטיקן, פאַר לייטן, גליקלעכן לעבן, איז יעדער שפּור פון גליק אויסגערונען.

— מיינסט ניט, — זכריה, — האָט קערעלאַין אָפּט געפרעגט ביי איר ברודער דעם דאָקטאָר, — אַז די וואָס זיינען געבליבן אויף דער איסט־סאַיד און רייסן זיך ניט צו די הויכע פענצטער זיינען אַ סך גליקלעכער ווי די, וואָס האָבן זיך אַריבערגעכאַפּט איבער דער בויערי, וואו מ׳קען שטיין מיט דער פּלייצע צו אַלץ מיט אַן אַנדער?

זכריה לוריא, וואָס האָט אַליין ווי אַ דאָקטאָר גענומען בויען זיין קאַריערע עטלעכע בלאָק פון דער אַמאָליקער סטאַנציע אויף לודלאָו סטריט, און וואָס איז מיט זיין לייב־און־לעבן געווען פאַרקניפּט מיט דער יידישער האַלב־טראַגישער און האַלב־קאָמישערווירקלעכקייט, האָט ניט געהאט וואָס צו ענטפערן זיין שוועסטער. די סיבות פון איר אומצופרידנקייט מיטן לעבן האָט ער געוואוסט. וואו ס׳איז ניטאָ קיין ליבע איז ניטאָ קיין לעבן. דאָס איז געזאָגט געוואָרן אפילו אויף אַ מאַמע פון קינדער. ער האָט זיין שוועסטער עטלעכע מאָל אויסגעמוסרט, אַז זי גיט ניט גענוג אַכטונג אויף אירע קינדער. זי זעט ניט, די קינדער זאָלן קריגן וועלכע ס׳איז יידישע דערציאונג.

— מיט געוואַלד וועסטו זיך צוריק צו דיין אָרימען לעבן ניט אומקערן. און טאָמער וועסטו קומען צוריק אַהין, וואוהין דו בענקסט, געדענק, אַז דיינע יעמאָלטיקע יאָרן וועסטו מיט זיך ניט מיטנעמען.

דעריבער, ווען דאָקטאָר לוריא איז געקומען און דערציילט זיין צווילינג־שוועסטער, אַז ער האָט אומגעריכט באַגעגנט דאָס פאַרדעכטיקטע מיידל, די אומבאַקאַנטע דזשעסי, און זי האָט מודה־ה געווען, אַז זי איז יוכבד׳ס אַ טאָכטער; זי האָט אפילו דעם אַדרעס אָנגעגעבן, וואו יוכבד אַליין געפינט זיך — איז דאָס געווען פונקט ווי דער ברודער וואָלט איר אומגעקערט אירע אַנטלאָפענע יאָרן. ווי אַ קינד האָט זי געטאַנצט. פון קערעלאַין סטאָן איז אויף אַ ווייל צוריק געוואָרן קריינדל לוריא. זי האָט זיך אַליין ניט געקענט אָפּגעבן קיין חשבון פאַרוואָס ס׳בלוט אירס האָט אַזוי אויפגעזאָטן, און מיט מיידלשער פאַרב איז אָנגעגאָסן געוואָרן איר פּנים. מיט צוואַנציק יאָר צוריק, ווען יוכבד איז נאָך געווען בלאָנד און יונג און פאַרמאָגט דעם פריידיקן געלעכטער, יעמאָלט האָט דאָך קריינדל ניט נאָר איין אָוונט אָפּגעקלאָגט צוליב

דעם וואָס איר ברודער אשר האָט יוכבדן אַרויסגעפירט אויף אַ זינדיקן וועג. קעראַלאַין געדענקט נאָך, פּונקט ווי איצטער וואָלט עס געווען, וואָס יוכבד האָט איר אָפּגעענטפערט, ווען איינמאָל אַ נאַכט האָט זי יוכבדן געמוסרט הלמאי זי לאָזט זיך פון אשרן אַזוי אויסנוצן.

נאָר, אויב פאַרלאָפענע יאָרעלעך געפינען אַ זייטיקן וועג און לויפן הענדום־פענדום ניט געבעטענערהייט — מוז מען דאָך פאַר זיי ס׳האַרץ עפענען.

ס׳איז געווען אַ קאַלטע נאַכט, ווען קעראַלאַין האָט לויט דעם אָנגעגע־בענעם אַדרעס זיך אַוועקגעלאָזט צו ברוקלין־בריק, און אין איינער פון די דאָרטיקע גאַסן געזוכט אַ הויז וואו ס׳האָט זיך אויפגעהאַלטן די שיף־שוועס־טער, וואָס איז קיין אַמעריקע געקומען מיט משפחה זוכן גליק, און וואָס אין איינע פאַר יאָר איז די משפחה צערונען געוואָרן.

זי האָט געבעטן, דאָקטאָר לוריא זאָל מיט איר מיטגיין. שוין ביים הויז, האָט זי באַשטימט אַליין אַרויפצוגיין; דער ברודער זאָל וואַרטן אויף איר דרויסן. דאָקטאָר לוריא איז געווען צופרידן, זי זאָל גיין אַליין. דער שוועס־טערס אַמאָליקע נאַטירלעכע, מוטערלעכע גוטסקייט, וואָס איז, לויט זיין מיינונג, די לעצטע יאָרן פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ גבירישער סענטימענטאַ־לער גוטהאַרציקייט, איז אים אָפּט געווען דערווידער, כאָטש ער האָט זיין צווילינג־שוועסטער שטאַרק ליב געהאַט. ער האָט ביי דער איצטיקער באַגעגעניש ניט געוואָלט זיין.

ווען קעראַלאַין האָט אָנגעקלאַפּט אין איינער פון די שוואַך־באַלויכטענע, פאַרקראָכענע טירן אין אַ שמאָל, פאַרדומפּענעם קאָרידאָר אויף אַ צווייטן שטאָק, איז איר אַנטקעגן געקומען אַן אויסגעטריקנטע פרוי, מיט טונקעלע ברילן אויף די אויגן. די פאַרשאַרצטע אַרבל האָבן אָפּגעדעקט אויסגעהאָרע־ווועטע און אויסגעמאָגערטע אָרעמס. אַ ריח פון ניט פרישע גרעט האָט אַ שלאָג געטאָן ווי נאָר קעראַלאַין האָט אַריבערגעטראָטן די שוועל.

— יוכבד... דאָס ביסטו, יוכבד! — האָט קעראַלאַין אַרומגעכאַפּט די האַלב־אונטערגעבראָכענע פרוי. — פאַרוואָס האָסטו זיך פון מיר אַזויפיל יאָרן אויסבאַהאַלטן? האַ, יוכבד...

— געדענקסט נאָך מיין נאָמען, קריינדל? ס׳איז ניט די אַמאָליקע יוכבד מער.

יוכבד האָט אַריינגעגראָבן איר קאָפּ אין קעראַלאַינס אַקסל, איר גאַנצער גוף האָט אויפגעשוידערט ווי זי וואָלט האַלטן ביים צוזאַמענברעכן. זי האָט איר געווייין ניט געקענט דערשטיקן, און די טרערן איז אויך געווען שווער צו דערשלינגען. דערנאָכדעם האָט זי זיך באַפרייט, מיט אַ געבויגענעם קאָפּ איז זי איבערגעגאַנגען צו אַ ניט־פאַרבעטן געלעגער, אַוועקגעפאַלן און גע־ווײנט מיט אַזאַ פאַרלאָרנקייט, ווי זי וואָלט באַווייינען דעם טויט פון אַ נאָענטן מענטשן.

קעראַלאַין איז געבליבן אויף איר אָרט, מיט אַ פאַרקלעמט געמיט האָט זי באַטראַכט דאָס טונקל־באַלויכטענע און אָפּגעלאָזענע צימער, וואו אויסערן געלעגער, וואו יוכבד איז אַנידערגעפאַלן, זיינען געשטאַנען נאָך צוויי ניט קיין פאַרבעטע געלעגערס. זי האָט געוואָלט פאַר זיך אויסמאָלן די אַמאָליקע יוכבד פון פאַר צוואַנציק־יאָרן, געזוכט די שפּורן אויף דער שמאָלער פּלייצע, וואָס האָט אַלע ווײלע אַ צוק געטאָן, און האָט עס ניט געפונען.

זי איז צוגאַנגען, זיך אַנידערגעזעצט אויפן ראַנד פון געלעגער, גע־גלעט יוכבדס פּלייצע, ווי איינצושטילן אַ ווייטיק פון אַן אַלטער וואונד, וואָס זי האָט מיט איר קומען אויפגעוועקט. קעראַלאַין האָט געגלעט יוכבדס ביינערדיקע פּלייצע און אַרויסגעשפּירט דעם עלנט און די אָרימקייט. „פּאַר אימעצנסוועגן וואָשט זי גרעט". איר בליק איז געפאַלן אויף די געלעגערס. איינגעברודיקטע ציכן, אומריינע, אָרימע ליילעכער, פון וואַנען ס׳האָט געצויגן אומפרישקייט. ערשט איצטער האָט זי באַמערקט די בלעכענע באַליע מיט אָנגעווייקט וועש, וואָס איז געשטאַנען פּאַרוקט צווישן צוויי בעטן. זי האָט ניט פאַרשטאַנען פאַרוואָס יוכבד טראָגט טונקעלע ברילן. יוכבדס ליכטיק־בלויע אויגן האָט זי געגאַרט נאָך אַ מאָל זען.

יוכבד האָט זיך איינגעשטילט. ד׳האָט געפּרואווט אויסגלייכן די שמאָלע פּלייצע, האָט אַראָפּגענומען די ברילן און מיט מאַטע, אויסגעלאָשענע אויגן אָנגעקוקט איר אומגעריכטן גאַסט.

קעראַלאַין האָט גענומען יוכבדס אויסגעהאָרעוועטע האַנט צו זיך און געקוקט איר גלייך אין פּנים אַריין. יוכבדס פּנים איז לענגער געוואָרן, בלוי אונטער די אויסגעלאָשענע אויגן, און כאָטש מיט טיפע קנייטשן פוןביידע זייטן מויל, האָט יוכבד אין קעראַלאַינס אויגן ניט אויסגעזען צו שטאַרק גע־עלטערט.

— פאַרוואָס רעדסטו צו מיר קיין וואָרט ניט אויס? פרעגסט גאָרניט ווי כ׳האָב דיך אויסגעפונען.

יוכבד האָט זיך באַמיט אַ שמייכל צו טאָן. ס׳מויל האָט זיך געקרימט ווי ביי אַ קראַנק צעפּלאָגט קינד, ווען ס׳וויל שמייכלען דער מאַמען אַנטקעגן.

— איך זע דיך שלעכט... ווי זעסטו אויס, קעראַלאַין?

— וואָס מיינסטו מיט דעם?

קעראַלאַין האָט מיט שרעק אַריינגעקוקט נעענטער יוכבדן אין די אויגן.

— יאָ, קריינדל, כ׳זע שלעכט. דאָקטוירים זאָגן, כ׳וועל גאָר אינגאַנצן בלינד ווערן. מיין דזשעסי האָט אַלץ דערציילט. כ׳האָב זיך געריכט, דו וועסט קומען. מ׳זאָגט, דו ביסט — — — כ׳פאַרגין עס דיר. איך באַקלאָג זיך ניט. ד׳האָב מיינס געהאַט.

— הערסט עפּעס פון אַשרן?

יוכבדן האָט אַ שלאָג געטאָן ס׳בלוט אין פּנים. ביידע באַקן האָבן זיך מיט אַ קרענקלעכן רויט אָנגעצונדן. די מאַטע אויגן האָבן אַ פינקל געטאָן. דערנאָכדעם האָט זי מיט דער טרוקענער האַנט גענומען אַראָפּווישן פון פּנים דאָס נערוועאישע בייסעניש, וואָס איז אומגעלאָפן אונטער דער הויט, און מיט אַמאָל זיך צעלאַכט. ס׳איז ניט געווען איר אַמאָליקער, פריידיקער געלעכטער.

קעראַלאַין האָט דערמאָנט איר ברודער אשרס נאָמען, און האָט ניט גע־וואָלט אָפּלאָזן מער. זי האָט געשפּירט ווי זי האָט זיך אָנגעשלאָגן אויף אַ מענטשלעכער חורבה, אויף אַ שייך, ליכטיק לעבן וואָס איר ברודער האָט חרוב געמאַכט.

— ווי לאַנג, אַז דו האָסט אים ניט געזען? — האָט קעראַלאַין ווידער געפרעגט.

— ער איז נאָך אַלץ דיין ברודער? שעמסט זיך ניט דערמאָנען זיין נאָמען?

— ער האָט דיין לעבן צעבראָכן.

— ער? ניט ער אַליין. צי בין איך די איינציקע וואָס וועט שוין אַזוי פון וויג ביזן קבר... די גליקלעכע האָבן זיך אַרויסגעכאַפּט. די אומגליקלעכע, פון וויג ביזן קבר וועלן זיי שוין אַזוי פוילן. אַז איך טראַכט פון אשרן ווי ער האָט מיך ליב געהאַט, בין איך אים מוחל. כ׳ווייס, דו וועסט אויף מיר פאַראיבל האָבן. יו שוד וואָרי, כאַ־כאַ־כאַ, — האָט יוכבד ווידער אַ לאַך געטאָן. — ווען דו האָסט געהאַט דיינע וויסטע טעג אויף לודלאָוו סטריט, האָב איך געלעבט אַ וואוילן טאָג. אַשר האָט געצאָלט פאַר אַלץ. ער האָט אומזיסט ביי מיר גאָרניט גענומען.

— פאַרוואָס האָט ער מיט דיר יעמאָלט ניט חתונה געהאַט?

— איך האָב ניט געוואָלט. ער האָט געקלערט, כ׳וועל אים אַרויסהעלפן אין זיין ביזנעס. דאָס האָב איך ניט געוואָלט. אַליין האָב איך געמעגט טאָן וואָס כ׳האָב געטאָן. בין געווען אַ יונג מיידל, ס׳לייב האָט געפלאַקערט, ער איז געלעגן ביי מיינע פיס. כ׳האָב אים דורכגעיאָגט ווי דעם הונט, אַז כ׳האָב אים ניט געוואָלט מער, און ער איז געקומען ווי אַ געשלאָגענער הונט, געלעקט ווידער מיינע הענט, ווען כ׳האָב עס געוואָלט. דאָס איז געווען מיין לעבן, בשעת דו, קריינדל, ביסט געשטאַנען געבויגן איבער דער באַליע און געריבן דיינע ברידערס וועש. איך האָב געלעבט, דו האָסט געטשאַכנעט. און דו האָסט מיך געהאַלטן פאַר אַ פּראָסטיטוטקע. כ׳האָב צו דיר גאָרניט געהאַט. איך בין עס ניט געווען. ער האָט געוואָלט, איך זאָל פאַרלייגן אַ הייזל מיט אים אויף דער בויערי. יעמאָלט האָב איך אים אַרויסגעיאָגט פון שטוב. זעסט דאָך, איך האָב אַ קינד. כ׳האָב אַן ערלעך לייב. קענסט מיין טאָכטער. כ׳האָב געהאַט אַ מאַן. צוויי יאָר האָט ער געלעבט מיט מיר. געשטאָרבן פון טשאַכאָטקע. ווען ניט אשר, וואָלט איך דזשעסין געדאַרפט אָוועקגעבן אין אַ יתומים־הויז. ער האָט מיר נאָך פאַר דריי־יאָרן געשיקט צוויי הונדערט דאָלער. הלואי וואָלטן אַ סך געווען ווי ער. ער איז מיט אַ יאָר פינף צוריק געקומען מיך זען. איך בין שוין געווען ניט די אַמאָליקע יוכבד. ער האָט זיך ניט געמיאוסט פון מיר. ער האָט מיר דערציילט ווי די ברידער באַהאַנדלען אים.

קעראָלאַין האָט געוואָלט אין געדאַנק צונויפברענגען יענע טעג פון פאַר צוואַנציקער מיט די איצטיקע. „די גליקלעכע האָבן זיך אַרויסגעכאַפּט, און די אומגליקלעכע, פון וויג ביזן קבר וועלן זיי שוין אַזוי פוילן". יוכבדס ווערטער האָבן זיך טיף איינגעשניטן אין איר קאָפּ. „הייסט עס, איך בין אין אירע אויגן די גליקלעכע. זי איז אַ צעטראָטענע אויפן מיטן וועג; איך — אַן עלנטע ביים זייט וועג". איר פאַרדריסט איצטער וואָס דער שמועס איז אַרויף אויף אשרן. די נאָענטע וואַרימקייט וואָס קעראָלאַין האָט ביים גיין אַהער געטראָגן צו דער אַמאָליקער שיף־שוועסטער, איז צערונען געוואָרן, ווען יוכבד האָט אָנגעהויבן צו לויבן אשרן, צוליב וועלכן זי האָט יעמאָלט אַ סך מאָל זיך דערווייטערט פון יוכבדן.

— כ׳ווייס, דיר גייט עס אויך ניט גוט,—האָט אומגעריכט יוכבד, מיט אַן אויסדרוק פון צופרידקייט אין פּנים, זיך אָפּגערופן. — איך האָב כאָטש אין די מיידלשע יאָרן עפּעס גענאַשט פון לעבן, און דו... כ׳זע דיך איצטער בעסער. ביסט אַזאַ אומעטיקע. דער ברודער איז אַ דאָקטאָר, מהום. דזשעסי

האָט מיר געוויזן וואו זיין אָפּיס איז. דזשעסי איז אַ פּאָר מאָל געווען אין שיקאַגאָ. אשר שריבט איר בריוולעך. כ׳האָב געמיינט, ער וועט מיט איר חתונה האָבן. אַז ער קומט אַהער, זעען זיי זיך.

— דאָס זיינען דיינע רומס?

— יעס, כ׳בין אַ מיסיס. כ׳האַלט באָרדערס. אַז כ׳דאַרף אַ מאַן, האָב איך אים ביי זיך אין שטוב.

יוכבד האָט זיך ווי באַרימט. איר אָפנהאַרציקייט איז געקומען גאָר אומגעריכט. יוכבד ווייס, אַז די אַמאָליקע קריינדל איז ניט גליקלעך. קריינדלען קומט אויס, אַז יוכבד רעדט בכיון אַזוי, זי וויל זיך אָפּרעכענען מיט דער אַמאָליקער שיף־שוועסטער און איצטיקער גבירטע.

— פון וואַנען ווייסטו, יוכבד, אַז איך בין ניט גליקלעך? — האָט קרײַלאַין מיט אַ פאַרשטיקטער שטים געפרעגט.

— ביקאָס, האָסט קיינמאָל ניט פאַרשטאַנען ווי אַזוי צו לעבן. דיין מאַן האָסטו ניט ליב. אַלע אין שאָפּ האָבן אים יעמאָלט פיינט געהאַט. כ׳האָב זיך ניט געריכט, קריינדל, זאָלסט חתונה האָבן פאַר געלט. מ׳זאָגט, פאַרסט אום אין אַן אייגענער קאַרעטע. ביז מ׳קומט צו דיר, דאַרף מען זיך זיבן מאָל בוקן צו דער ערד. איך געדענק די חלפנס. צוליב דיין מאַן האָב איך פיינט געקראָגן דעם שאָפּ.

— וואָס איז מיט דיינע אויגן? — האָט קרײַלאַין געפּרוווט איבעררייסן דעם שמועס. — קען מען טאַקע גאַרניט העלפן? אפשר וואָלסטו זיך געזען מיט זכריהן, ער איז אַזאַ גוטער דאָקטאָר.

— בין שוין געווען, געפרעגט. מ׳האָט מיר די אויגן געברענט. אַיי שוד וואָרי. מיך אַרט ניט, אַז כ׳וועל אינגאַנצן בלינד ווערן. כיי־כי, האָסט גענומען און זיך אַראָפּגעלאָזן צו דיין אַמאָליקער יוכבדן. מיינסט, ס׳אַי ווערט צו בענקען נאָך די אַמאָליקע יאָרן. איך שעם זיך ניט פאַר דיר. כ׳גלויב גאָרניט, אַז דו ביסט אַ גבירטע. אַז דו ביסט צו מיר געקומען, דאַנק איך דיר. איך צו דיר וועל מסתמא קיינמאָל ניט קומען.

— פאַרוואָס?

יוכבד האָט אויף דעם ניט געענטפערט. זי איז געזעסן אויפן געלעגער מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, אַן אויסגעלאָשענע אינגאַנצן. דער רויט אין די באַקן איז צערונגען געוואָרן, געלאָזן דאַ־און־דאָרטן בלוילעכע פלעקן.

— זאָג דיין טאָכטער, זי זאָל זיך ניט שעמען, און אַריבערקומען ווען זי וויל.

— זי דאַרף חלילה צו קיינעם ניט אָנקומען. זי פאַרדינט, טיילט זיך מיט דער מאַמען.

— דיך אַרט ניט, וואָס זי טוט?

— וואָס טוט זי דען? מ׳האָט זי ליב. זי וועט געפינען איר באַשערטן און חתונה האָבן. כיי־כי, האָסט אָנגעקלאָפּט אין טיר, האָב איך זיך דערשראָקן און אַראָפּגעשטעלט די גרעט אונטער דעם בעט.

ביי די ווערטער איז יוכבד אויפגעשטאַנען, אַרויסגעשלעפּט פון צווישן די געלעגערס די בלעכענע באַליע, אַרויפגעשטעלט אויפן טאַבורעט און אָנגעהויבן זיך צוגרייטן צו דער אַרבעט.

— וועסט מיך לאָזן, כ׳זאָל דיר העלפן, יוכבד?

— כ׳ווייס, קריינדל, אַז דו האָסט אַמאָל געקענט וואַשן גרעט. יעמאָלט האָב איך פיינט געהאַט צו קריכן מיט די הענט אין לייזיקע וועש.
— טראָגסט אויף מיר אַ כעס, יוכבד?
— איך? אפשר בין איך געווען אַמאָל אין כעס.
— געמיינט, מ׳וועט זיך באַגעגענען, ט׳זיין פון וואָס צו רעדן. מ׳וועט זיך דערמאָנען יענע יאָרן. צוליב אשרן ביסטו אויף מיר אַזוי. איך האָב מיר ס׳לעבן גענומען, געוואוסט, אשר מאַכט דיך אומגליקלעך. כ׳געדענק, האָסט עס יעמאָלט ניט געוואָלט ליידן.
— אויב איין מענטש האָט מיר אין לעבן גוטס געטאָן, איז דאָס געווען אשר. ער איז געווען מיין מאַן. נאָך איצטער איז ער ביי מיר פאַרעכנט פאַר מיין מאַן. מיר ווערט הייס אין האַרצן, אַז כ׳טראַכט פון יענע טעג. דו דער־מאָנסט עס מיט שרעק. כ׳האָב יעמאָלט געהאַט אויף דיר רחמנות. כ׳האָב נאָך איצטער אויף דיר רחמנות. בין דיר ניט מקנא. האָסט עפּעס שיינע קינדער? אַ באַי און אַ מיידל האָסטו. די קינדער האָבן דיך ליב? אין וועמען זיינען זיי געראָטן, אין דיר, צי אין אים?
די לעצטע ווערטער האָט יוכבד גערעדט ווען זי איז שוין געשטאַנען איבערגעבויגן איבער דער באַליע, מיטביידע הענט אין די וועש. די ווערטער זיינען פריער געפאַלן אין די ברודיקע וועש אַריין, און דערנאָך ערשט דער־גרייכט די אַמאָליקע קריינדלען, און איצטיקע קעראָלאַין סטאָן.
ווען קעראָלאַין איז אַראָפּ צוריק אין גאַס און דאָקטאָר לוריא, וואָס האָט אונטן אויף איר געוואַרט, איז איר געקומען אַנטקעגן, האָט זי אויפגעציטערט פאַר שרעק. זי האָט געוואָלט עפּעס דערציילן און האָט ניט געקענט, גלייך ווי ס׳לשון האָט איר אָפּגענומען.
דאָקטאָר לוריא האָט זי גענומען אונטערן האַנט. אַ צייט האָבן זיי ביידע געשפּאַנט. ער האָט געשפּירט ווי זיין שוועסטער ציטערט פאַר קעלט.
— ווילסט גיין צופוס?
— ס׳קלאַפּט מיר אַ צאַן־אָן־אַ־צאַן. לאָמיר גיין גיכער, וועל איך זיך דערוואַרימען.
— פאַרוואָס ביסטו אַזוי גיך פון דאָרטן אַוועקגעגאַנגען? וואָס מאַכט זי, האָסט זי דערקענט?
— האָ, האָסט עפּעס געפרעגט?
— שוין צייט, זאָלסט אָנהויבן צו פאַרשטיין ס׳לעבן.
— אוודאי פאַרשטיי איך. איך בין ניט געגאַנגען זוכן קיין אומגליקלעכערע פון זיך אַליין.
— וואָס, יוכבד שפּירט זיך גליקלעך?
— נעם מיך צו דיר, זכריה. מיר ווילט זיך ניט גיין אַהיים נעכטיקן.
— דאָס זאָלסטו ניט טאָן.
— מיר איז מיין לעבן מיאוס.
— דאָס זאָלסטו אויך ניט זאָגן.
— העלף מיר, זכריה. כ׳וויל כאָטש מיינע קינדער ליב האָבן.
— קיינער שטערט דיר ניט צו ליב צו האָבן דיינע קינדער.
— כ׳וויל זיך זען מיט נייטענען. כ׳וויל אים זאָגן, אויב עס ליגט אין זיינע הענט, זאָל מען מאַכן אַ סוף צום סטרייק ביי לעאָנאַרדן אין שאַפּ. יעדעס

מאָל ווען לעאָנאַרד עקשנט זיך, ווערט אַ שטיק ווילדע חיה, ווערט מיר מיאוס די שטוב, זכריה, — האָט זי זיך געדריקט צו אים. — כ׳בין נאָך יונג, איך וויל נאָך לעבן.

— איר טאָכטער האָט מיר דערציילט, אַז זי איז קראַנק. וואָס פעלט איר?

— זי ווערט בלינד.

— דו ביסט איר מקנא?

— איך בין געגאַנגען זוכן כאָטש אַ שפּור פון מיינע מיידלשע יאָרן, און בין אַריין אין אַן אומגליק. ס׳איז מיין אומגליק. ס׳איז מיין וויסט לעבן.

— וועסט איצטער פאָרן צו זיך אַהיים. דאָרטן האָסטו דיינע קינדער. כ׳וועל מאָרגן צו דיר אַרויפקומען. איצטער איז ניט צייט צו רעדן פון דעם. אַנשטאָט דערציילן מיר וואָס דו האָסט געזען און געהערט ביי דיין אַמאָליקער שיף-שוועסטער, האָסטו גאָר אַנגעהויבן באַקלאָגן דיין אייגן לעבן.

— זאָג מיר, זכריה, פאַרוואָס זיינען מענטשן דאָ אין לאַנד אַזוי אומ־גליקלעך?

— מיר פאַרדריסט ניט, וואָס דו ביסט היינט צו איר געגאַנגען.

— איך רעד ניט פון איר. כ׳רעד פון זיך.

— איך רעד דוקא פון איר און אַזעלכע ווי איר גלייכן, וואָס זיינען דאָ מיט יאָרן פאַרוואַנדלט געוואָרן אין מענטשן־מיסט. זי איז ניט די איינציקע. מענטשן זיינען געלאָפן פון פּאָגראָמען־לאַנד מיט האָפענונג אין די אויגן, און זיינען סוף־כל־סוף פאַרמשפּט געוואָרן פון לעבן גופא צו מיסטיקן דעם באָדן פאַר די וואָס האָבן איבער מענטשלעכע קערפּערס זיך אַרויפגעדראַפּעט, און דערגרייכט צום טורעם פון גליק, וואָס די פרייהייט־סטאַטוע האָט מיט דער האַנט אָנגעוויזן יעדן פרעמדן ביים דערנענטערן זיך צום געחלומטן לאַנד. שיכט אויף שיכט זיינען זיי דאָ געבליבן אין די זייטיקע גאַסן, ווי בלעטער אין אַ שווערן בלעטער־פאַל פוילן זיי און באַמיסטיקן דעם באָדן פאַר צימעצן אַנדערש.

— פאַרוואָס גלויבסטו מיר ניט, זכריה, אַז מיר איז טויזנט מאָל ערגער פאַר די, וואָס פוילן אין יענע גאַסן?

אויף דעם האָט דאָקטאָר לוריא זיין שוועסטער ניט געענטפערט.

* * *

קעראָלאַין סטאָן איז געזעסן אַ צונויפגעדרייטע אויף אַ סאָפע אין ווינקל עס־צימער און אויפגענומען די שטעכווערטער וואָס זיינען צו איר פון אַריבערן טיש געקומען. ביי לעאָנאַרדן, איר מאַן, האָט געפּלאַצט ס׳געדולד, און אַלץ וואָס ס׳האָט זיך פאַר יאָרן ביי אים אָנגעקליבן אין האַרצן אויף די לוריאס האָט ער אויסגעלאָזט צו קעראָלאַינס קאָפּ.

ס׳איז געווען לאַנטש צייט. ס׳עסן איז געשטאַנען אויפן טיש, קיינער האָט זיך צו דעם ניט צוגערירט. דרויסן איז געווען אַ ביטערע קעלט. אויף די שויבן איז געקראָכן אַ פראָסט. ס׳האָט זיך געהאַנדלט אַן דעם וואָס אַרום זיין שאָפּ, וואו ס׳איז אָנגעגאַנגען אַ סטרייק די לעצטע צייט, אין פּיקעט־לאַין, וואָס איז באַשטאַנען פון סטרייקער, סימפּאַטיקער — ראַדיקאַלן און אינטעליגענטן, האָט פּאָליצייי געמאַכט אַן צאַמתן פּאַגראָם. צעבלוטיקטע אַרבעטער און אינ־טעליגענטן מיט צעשפּאָלטענע קעפּ האָט מען פון אַרום זיין שאָפּ געפירט אין

שפּיטאָל אַריין. קעראָלאַין איז דערפאַר אַוועק פון שטוב אויף אַ גאַנצן מעת־לעת. זי האָט גענעכטיקט ביי דאָקטאָר לוריאַן, און איצטער איז זי געקומען אַהיים.

ס'האָט אויסגעוויזן ווי לעאָנאַרד האָט געוואַרט, אָפּצוגעבן איר די פולע גאָב.

— האָסט געמיינט, אַז האַנדלשאַפט איז ברודערשאַפט דאָ אין אַמעריקע. נאָנסענס, ס'איז אין דיין פאַרעיפּושטער רוסלאַנד אויך אַזוינס ניט געווען. כ'האָב געהאָפט, כ'וועל דיך אַוועקנעמען פון דעם באַנטש קאַיקס וועסטו זיך רעפאָרמירן. פאַרוואָס האָט מילדרעד פאַרשטאַנען, אַ שפּיי צו טאָן אויף יענע יאָרן, ווען דיין נייטן האָט געמאַכט פון איר אַ פול? זי קען איצטער זיין נאָמען ניט הערן. זי האָט רעכט. ווער זיינען דיינע לוריאַס? אפילו דיין דאָקטאָר, ווער איז ער? כ'לאַך פון זיין קאָפּ. איך לאַך פון אַלע דיינע ברידערס קעפּ. זיי ווילן מיך לערנען צו זיין אַ דזשענטלמען. נאָנסענס! די אַמעריקאַנער קאָנסטיטושן איז מיט מיר, און ניט מיט דיינע לייט. די קאָנסטיטושן גיט מיר רעכט ארויסצונעמען אַן אינדזשאָנקשאָן אַנטקעגן די קרעציקע הינט וואָס מיינען, זיי האָבן אַ גרויסן חלק אַריינגעלייגט אין מיינע ביזנעס. אַז כ'האָב אַרויסגענומען אַן אינדזשאָנקשן, האָב איך די פּאָליצײ אויף מיין זייט. אויף וועמעס זייט זאָל אפשר די פּאָליצײ זיין, אויף דיין ברודער, נייטנס זייט און זיין גלייכן, וואָס רואינירן די גאַנצע קלאָוק אינדוסטריע?

ער האָט אָנגעשטעלט די גרינלעכע אויגן אויף קעראָלאַין און געפּרוּווט אָנהייבן די טענות פון אַן אַנדער זייט:

— מיר וואָלט ליבער געווען צו ליידן פון דיר ווען איך ווייס, דו האָסט אימעצן אַנדערש ליב. יעמאָלט וואָלט איך געוואוסט פון וואָס פאַר אַ זייט די צרות קומען אויף מיר.

ביי די ווערטער האָט ער באַמערקט ווי קעראָלאַין האָט איראָניש אַ שמייכל געטאָן.

— כ'האָב געמיינט, דו וועסט זיין סענסיבל געגנוג, באַנעמען וואָס לעאָנאַרד האָט פאַר דיר געטאָן...

— רעדסט שוין נאַרישקייטן, לעאָנאַרד!

— נעווער מאַינד, כ'ווייס וואָס איך רעד.

— אַז דו האָסט גערעדט פון דיינע ביזנעס און פון די לוריאַס, וואָס לאָזן דיך ניט לעבן, האָב איך עס נאָך פאַרשטאַנען. אַרבעטער האָבן דיך נאָך גאָר אַמאָל, אויף לודלאָוו סטירט, פיינט געהאַט און האָבן דיך היינט אויך ניט ליב.

— בין מוחל, זיי זאָלן מיך ליב האָבן. איך האָס זיי, און זיי מעגן מיך אויך האָסן. נעווער מאַינד, יוניעס! היינטיקן סעזאָן וועט נעמען אַ סוף צו זייערע יוניעס. אַלעמען, אַלעמען האָבן מיר אין די הענט. אפילו דיין ברודער ליגט אויך ביי מיינע פיס.

— נייטן וועט דאָ באַלד זיין; כ'האָב אים געבעטן קומען. מיט אים וועסטו זיך אויסטענהן. מיך לאָז צורו מיט דיינע שעפער. איך האָב געקענט זיין אַ פרייער מענטש אין אַרימקייט אויך. צוליב מיר האָסטו ניט געדאַרפט רייסן פון טויט און פון לעבעדיקן. איך האָב געקענט האָבן אַ צופרידענעם לעבן, ווען דו גיסט מיר אַזאַ דירה ווי כ'האָב געהאַט אויף לודלאָוו סטריט.

כ׳וואָלט זיך געפילט גליקלעך, ווען איך וואָלט געקענט בלייבן אַ מענטש ווי כ׳בין געווען.

— הייסט עס, שלעכט וואָס כ׳האָב דיך צוגענומען פון לודלאָוו סטריט!

— וואוהין דהאָסטו מיך געבראַכט?

— וואָס הייסט וואוהין?

— האָסט מיך אינערגעצן ניט געבראַכט. וואָס קומט אַרויס, אַז אין גראַמערן, ליכטיקן אַפּאַרטמענט איז מיר מיין לעבן וויסט און פינצטער.

— פאַרוואָס?

— כ׳דהאָס דיך, לעאָנאַרד!

פאַר אירע לעצטע ווערטער האָט זיך קעראָלאַין דערשראָקן. זי האָט אַליין ניט באַגריפן וואָס פאַר אַ ווילדער כוח האָט זי געשטויסן אַרויסצוקומען מיט אַזאַ שרעקלעכן אמת צו איר מאַן. זי האָט באַמערקט ווי ער איז בלאַס געוואָרן, גלייך ווי די פיס האָבן זיך פון אים אונטערגעבראָכן, האָט ער אַראָפּ־געזונקען און נידעריקער געוואָרן.

לעאָנאַרד האָט געוואָלט אויף דעם עפּעס ענטפערן, אָבער ס׳איז אים ענג געוואָרן אין האַלדז. מיט שלאַבעריקע טריט האָט ער זיך אַוועקגעלאָזן אין שלאָפצימער, אַוועקגעפאַלן אויפן געלעגער. ער האָט זיך געוואָלט דורכ־קלייבן דורך זיין אייגענער וועלט. ער ווייס, אַז אין דער לוריא־משפחה דהאָט מען אים פיינט. ער קען אַליין ניט באַגרייפן פאַרוואָס דאָס איז אַזוי. לויט זיין באַגריף האָט ער אַלע יאָרן געטאָן פאַר די לוריאס. ער ווייס, אַז קעראָלאַין האָט ניט געבראַכט צו אים איר גאַנץ האַרץ. ער ווייס, זי האָט אַמאָל ליב געהאַט אַ מענטשן וואָס איז מיט אַ סך יאָרן צוריק געשטאָרבן. כאָטש זי האָט פאַר אים קיינמאָל דעם נאָמען פון איר געשטאָרבענעם פריינט ניט דערמאָנט, ווייס לעאָנאַרד, אַז קעראָלאַין טראָגט זיין געדעכעניש אין האַרצן אַרום.

זיין געדאַנק לויפט איבער צו זיין ייִנגערער שוועסטער, מילדרעד זילבער־מאַן, וואָס איז אויך אומגליקלעך אין איר לעבן, כאָטש איר מאַן האָט פאַר איר געשאַפן אַ רייכע היים און גיט איר די מעגלעכקייט צו באָדן זיך אין עשירות. פאַראומערט זי אים דאָס לעבן, מחמת ביים אַריבערקומען קיין אַמעריקע האָט זי זיך איינגעליבט אין קעראָלאַינס עלטערן ברודער, בייטענען. „אַ קללה האָבן די לוריאס געבראַכט אויף די חלפנס״ — טראַכט לעאָנאַרד. גאַנץ אָפט האָט זיך דייוויד זילבערמאַן באַקלאָגט אויף זיין שוועסטער, געבעטן, ער זאָל זיך מיט איר דורכריידן, אויפּווייזן, אַז ווען זי וואָלט חרטונה געהאַט מיט אַ לוריא, וואָלט זי קיינמאָל קיין נחת ניט געהאַט.

— וואָס דאַרט איר דער קאָפּ פאַרן סטרייק? פאַרוואָס האָדעוועט זי ניט די קינדער, און לאָזט מיך צו רו? הלואי וואָלט איך איר געקענט געבן צו פאַרזוכן פון דעם לעבן וואָס זי האָט געהאַט אויף לודלאָוו סטריט. אַ פרוי האָט אַ קעצישן זכרון. מ׳פאַרגעסט אין וואָס פאַר אַ בלאָטע מ׳איז געלעגן.

אים איז פאַרנעפּלט געוואָרן פאַר די אויגן. אַלץ האָט זיך אין נעפּל אָנגעהויבן צו מישן. רוסלאַנד ביי טאַטע־מאַמע. תבואה־האַנדל, וואַלד־מסחר, און אָפּקלאַנגען פון ווייטע פּאָגראָמען. דאָס אַוועקלאָזן זיך קיין אַמעריקע קומט אים פאָר ווי אין אַ חלום. ער ווייס אַליין ניט ווי דאָס איז געשען, אַז ווען ער איז אַרויסגעקומען צו קעסל־גאַרדן מיט עטלעכע און צוואַנציק יאָר

צוריק אויפצוקלייבן „הענט", וואָס זיינען וויליק געווען צו גיין אין שאַפּ אַרבעטן און פאַרדינען אויף ברויט, האָט ער זיך גאָר אַנגעשלאָגן אָן אַ גע־בויגענער, פאַרטרויערטער משפחה — די לוריאס, וואָס זיינען פון שיף אַראָפּ־געגאַנגען, לאָזנדיק די מאַמע זייערע אין וועג, וואָס האָט איר קבר אין ים געפונען. דער טרויער פון דער יעמאָלטיקער זעכצן יעריקער קריינדלען האָט אים אַזוי טיף גערירט, אַז ער האָט דעריבער די גאַנצע לוריא־משפחה „אַוועקגעשטעלט אויף זיינע פּלייצעס".

ער געדענקט אויך דעם פאָטער, ישראל לוריאַן, ווי ער האָט אים געוואָלט שטעלן אויף די פיס; געוואָלט אים מאַכן אַ פּאַרטנער צו זיינעם אַ שאַפּ, און פונדעסטוועגן איז אַרויסגעקומען וואָס לוריא האָט אים דערציילט אַ מעשה פון וועלף וואָס פאַרשטעלן זיך פאַר שעפּסן, כדי צו פאַרנאַרן די שעפּסן, זיי צערייסן און אויפפרעסן.

— וואָס טו איך דען אַלע יאָרן אין אַמעריקע? — פרעגט ער ביי זיך אַליין. — איך צי די אַדערן פאַר יענעם. טויזנטער מענטשן האָב איך געגעבן צום לעבן. טויזנטער מענטשן וואָלטן מיר די הענט געקושט כ'זאָל זיי געבן אַרבעט. און צום סוף גאָר...

ער הייבט אָן זוכן פעדים וואָס בינדן אים צו די לוריאס. ער וואַרפט דורך אין דמיון אַלע מענער, אַנהייבנדיק פון פאַרשטאַרבענעם ישראל לוריא, ער האָט זיי קיינעם ניט צו שטאַרק ליב. אפילו דעם דאָקטאָר לוריא אויך ניט. כאָטש דער אַמאָליקער זכריה לוריא האָט יאָר נאָך יאָר געאַרבעט ביי אים אין שאַפּ און געשוויגן, קיינמאָל זיך ניט פאַראייניקט מיט די „בונטאָווש־קעס", מיט די „ניט־פאַרגינער" — דוקא פאַר זיין זיצן אַ געבויגענער איבער דער ניי־מאַשין און שוויגן האָט ער אים ניט ליב געהאַט. אים האָט זיך אויסגעדוכט, דער שווייגנדיקער זכריה לוריא באַהאַלט אַ קללה פאַר זיין באָס. כאָטש אַלע יאָרן, וואָס זכריה לוריא האָט ביי אים געאַרבעט, איז ער קיינ־מאָל ניט אַרויס פון געדולד, פונדעסטוועגן געטרויט ער אים ניט. אַ פּאָר פון די לוריאס באַנעמט ער אינגאַנצן ניט. אָט דער הילל, וואָס האָט געקענט זיין אַ לייט מיט לייטן צוגלייך, איז אַוועק אויף אַ פאַרם, „לעבט דאָרטן ווי אַ פערד".

— וואָס איז דאָס בכלל פאַר אַ ביזנעס צו בונטעווען מענטשן, וואָס ווילן רואיק טאָן זייער אַרבעט און זיינען צופרידן מיט דעם וואָס זיי קריגן?

אמת, ער פילט, קרעלאַין איז אָפּגעראַטן פון אירע ברידער. ער האָט געגלויבט, אַז זי פאַרמאָגט ניט אין זיך קיין שלעכטסקייט. „צום סוף גאָר נעמט זי, שליידערט מיר אין פנים אַלץ וואָס איך האָב פאַר איר געטאָן. זי האָסט מיך... וואָס הייסט זי האָסט מיך? און די צוויי קינדער וואָס זי האָט מיט מיר געהאַט! אפשר דאָס וואָס זי האָט מיט מיר מער קיין קינדער ניט שטאַמט אויך פון איר האָס צו מיר — — — "

לעאָנאַרד איז אויפגעשטאַנען, אויסגעווישט די טרערן פון די אויגן, אויס־געגלעט דעם אנצוג אויף זיך, און האָט באַשטימט אַריינגיין צו זיין ווייב, קלאָר און אָפן פרעגן — וואָס האָט זי געמיינט מיט דעם אויסגעשריי, אַז זי האָסט אים. זאָל זי אים קלאָר און אָפן זאָגן, אויב זי וויל זיך צעשיידן מיט אים — וועט ער זי לאָזן גיין. ער וועט נאָר די קינדער ביי איר צונעמען.

— די קינדער וועט זי ביי מיר ניט קריגן. זאָל זי געפינען אַ מאַן וואָס זי וועט ניט האַסן, און זאָל זי מיט אים האָבן קינדער וויפל זי וויל!

ווען ער איז אַריינגעקומען אין עס־צימער, האָט ער געפונען, אַז קעראַלאַין איז ניט אַליין. נייטן לוריאַ און זיין ווייב דינה זיינען פאַר דער צייט אַריינגעקומען. קריינדל איז געלעגן אויף דער סאָפע, איר קאָפּ אויף דינהס שויס. ביי איר צופוסן איז געזעסן נייטן.

לעאָנאַרד האָט זיך געחידושט פאַרוואָס ער האָט ניט געהערט ווי זיי זיינען אַריינגעקומען.

— העללאָ, לעאָנאַרד! — איז אים נייטן לוריא אויפגעשטאַנען אַנטקעגן.

לעאָנאַרד, וואָס האָט תחילת חשק געהאַט אַרויסצוגיין פון שטוב און לאָזן זיך אין שאַפּ, איז געבליבן שטיין, צעשטרייט אַנגעקוקט זיין שוואָגער.

— וואָוהין קלייבסטו זיך? — האָט אים נייטן פאַרשטעלט דעם וועג.

— געקלערט גיין אין שאַפּ.

— מ׳אַרבעט דאָך ניט ביי דיר.

— דער שאַפּ איז דאָך מיינער.

— דער שאַפּ איז ניט דיין היים.

— דאָ איז אוודאי ניט מיין היים.

נייטן האָט אַ לאַך געטאָן אויף דער זייט פון די צוויי פרויען.

— העללאָ, לעאָנאַרד! — האָט דינה פון איר פּלאַץ אויסגעשטרעקט איר דהאַנט צו לעאָנאַרדן. — ווילסט שוין גאָר ניט קוקן אויף דער זייט פון ווייבער? קום אַהער, זע, קעראַלאַין זאָל אויפהערן וויינען.

— ניט איך בין שולדיק אין איר געוויין. איך טו אַלץ צו מאַכן, זי זאָל זיך פילן קאָמפאָרטייבל.

— אפשר טויג עס ניט, — האָט דינה געשמייכלט. — כ׳האָב שוין לאַנג געזאָגט, אַז מענער פאַרשטייען ניט וואָס עס פעלט זייערע פרויען. איר, מענער, האָט זיך איינגערעדט, אַז אַלץ וואָס עס פעלט אַ פרוי, איז באַקוועמלעכקייט, ער זאָל מאַכן אַ סך געלט. אַ מיסטייק, לעאָנאַרד!

— ווען איך זאָל וויסן וואָס קעראַלאַין פאַרלאַנגט פון מיר, וואָלט איך אַלץ געקענט אָפּאַרדן. אָבער ווען זי זאָגט, אַז זי האַסט מיך, קען איך אויף דעם ענטפערן נאָר איינס: איך בין גרייט אויף אַלץ!

קעראַלאַין האָט זיך אויפגעזעצט, מיט אַ וויטיק אין די אויגן אַפיר געקוקט צו לעאָנאַרדן, און שטיל געזאָגט:

— כ׳פאַרלייקן ניט, וואָס כ׳האָב פריער געזאָגט. אויב ס׳וועט ווייטער אַזוי גיין, קען איך ניט קאָווירן פאַר מיין האַנדלונג. אָט איז נייטן. טשעפּע זיך אָפּ פון דיין ווייב; רעד זיך דורך מיט אים; זע, אַטענד, פאַר דיין שאַפּ זאָל זיך אויפהערן גיסן בלוט.

— וואָס פאַר אַ בלוט? וואָס פאַר אַ נאָנסענס? — האָט לעאָנאַרד זיך אַנגעצונדן.

— יעס, לעאָנאַרד, פּאָליציי האָט ביי דיין שאַפּ געמאַכט אַן אמתן פּאָגראָם. ווען ס׳פּיקעטן אַרום דיין שאַפּ ניט דוקא אַרבעטער, נאָר סימפּאַטייזער קומען אויך צו הילף, דאַרף מען זיך צוהערן צום געוויסן אויך. קעראַלאַין איז דיין געוויסן, לעאָנאַרד. — האָט נייטן פאַרענדיקט.

— די לוריאס ד'האָבן אַ צו הויכע מיינונג וועגן זיך. אפשר ס'איז ביי דיר אויך מיין געוויסן? — האָט לעאָנאַרד מיט די בליקן זיך איינגעגעסן אין נייטענען. — איך, וואָס האָב פאַר די לעצטע יאָרן אַזויפיל טויזנטער פאַמיליעס סופּאָרטעט, איך האָב ניט קיין געוויסן! האַנדלשאַפט איז ניט קיין ברודער־שאַפט, דאָס מעגסטו דיר וויסן.

— כאַ־כאַ־כאַ — האָט דינה אַ לאַך געטאָן.

— וואָס, ס'איז אפשר ניט אמת? — האָט לעאָנאַרד זיך ניט באַרואיקט.

— אוודאי איז דאָס ס'אמת, — האָט דינה גוטמוטיק גערעדט. — דו ביסט ניט געבליבן אָן געטרייע ברידער. דו האָסט אויפגעגעבן די לייבלעכע ברי־דער און האָסט זיי פאַרביטן אויף אַנדערע. ווילסט וויסן ווער? דאָס זיינען מאַנופעקטשורערס, אין דיר געראָטן. דיין שוואָגער זילבערמאַן, דיין שותּף האָכבערג — איר זייט געוואָרן לייבלעכע ברידער. אַזוי האָבן זיך די אַרבע־טער פאַרברידערט אין זייער קאַמף.

— יו אַר סמאַרט, — האָט לעאָנאַרד באַוויליקט אַ שמייכל צו טאָן. — אוודאי קען אַ מאַנופעקטשורער ניט בלייבן אַליין אין פעלד און קראַפירן.

— כ'זאָג ניט, לעאָנאַרד, אַז דו ביסט דער ערגסטער באָס, — האָט נייטן גערעדט. — איך קען נאָך אַ סך ערגערע באַנדיטן.

— די יוניעס וועלן מיר צעברעכן. צי איר ווילט, צי איר ווילט ניט, וועט מען אין די שעפּער, ווען אַרבעט איז פאַראַן, אַרבעטן אַזויפיל שטונדן וויפל מ'וועט באַדאַרפן. און אַז קיין אַרבעט גענוג וועט ניט זיין, וועל איך ד'האַלטן וועמען איך וועל וועלן. אייערע אַרבעטער־פירער און אָרגענאַיזערס וועלן ביי מיר קיין דעה ניט האָבן. איך וויס ווי דו האָסט מיך. איך האָס דיך אויך. קעראָלאַין איז דיין שוועסטער, אָבער איך בין ניט דיין ברודער. דו פירסט אָן מיטן סטרייק ביי די קלאָקמאַכערס; ס'וועט דיר פונקט אַזויפיל זיך איינ־געבן צו געווינען, ווי די אָרגענייזערס וועט געלינגען ביי די וויסטמייקערס. יעס, קעראָלאַין, מעגסט עס אויך הערן.

— איך געדענק, לעאָנאַרד, ווי מיין טאַטע האָט זיך אומגעשלעפּט מיט דער ניי־מאַשין אויף דער פּלייצע, אָפּגעשלאָגן די טירן פון די פּאַרשטונקענע שעפּער. אויב דאָס איז געווען מיט אַריבער צוואַנציק יאָר צוריק, פאַרוואָס איצטער, ווען מאַנופעקטשורערס האָבן זיך אַזוי אַרויפגעאַרבעט, זאָל דער אָפּערייטער נאָך דאַרפן שלעפּן די אייגענע ניי־מאַשין, אָדער צאָלן דעם באָס פאַר דער מאַשין וואָס ער גיט אים אַרויס צו אַרבעטן?

קעראָלאַינס שטים האָט זיך אין טרערן דערטרונקען. זי איז אויפגעשטאַנען און אַוועק ס'אין צווייטן צימער.

לעאָנאַרד האָט איר נאָכגעקוקט. אירע שטילע ווערטער האָבן אים ווי מיט אַ שאַרפן אייזן געשלאָגן איבערן קאָפּ. ער האָט זיך דערשפּירט אין לאַגער פון שונאים. גלאַט אַזוי, כדי צו הערן זיין אייגענע שטים, האָט ער זיך גע־ווענדט צו נייטענען:

— האָסט געהערט וואָס דיין שוועסטער האָט געזאָגט?

— יאָ, לעאָנאַרד. זי רעדט ווי אַ מאַמע. כאָטש זי ד'האָט אין דעם פאַל דערמאָנט דעם טאַטן, ווי ער האָט זיך אַ קראַנקער אומגעשלעפּט מיט אַ ניי־מאַשין און געזוכט אַרבעט. מעגלעך, אויף אייגענע זעט מען בעסער. שאַדט

ניט, אויב דאָס וואָס מ׳זעט אויף אייגענע, וואָס עס טוט ווי פּאַר אייגענע, זאָל איך ווי טאָן פּאַר פרעמדע.

— אויב אַנדערע מאַנופעקטשורערס וועלן נאָכגעבן, וועל איך אויך ניט אָפּשטיין.

— פאַרוואָס זאָלסטו ניט זיין דער ערשטער?

— איך בין ניט דער גרעסטער מאַנופעקטשורער.

— מיר גייט איצטער ניט אָן דער סטרייק, — איז דינה אויפגעשטאַנען פון איר פּלאַץ. — מיר אַרט פּאַר קעראַלאַין.

— יעס, קעראַלאַין איז ניט מער דאָס וואָס זי איז געווען, — האָט לעאָנאַרד געזאָגט. — אויב ביז איצטער האָט זי אויך גליק ניט געפונען, איז טרויעריק. מיר איז ערגער פון איר. איך בין באַנקראָט. מעג איך געווינען ביי די אַרבעטער, בין איך אַלץ באַנקראָט. מער וויפל כ׳האָב פאַר איר געטאָן קען איך מער ניט טאָן. קעגן די סטרייקערס האָב איך אַרויס־גענומען אַן אינדזשאַנקשן. קעגן מיין אייגן ווייב...

מיט די ווערטער איז לעאָנאַרד אַרויס פון שטוב.

קעראַלאַין איז אויף לעאָנאַרדס טריט צוריק אַריינגעקומען. האָט זיך ניט געחידושט וואָס לעאָנאַרד איז ניטאָ. זי האָט זיך באַמיט צו שמייכלען צו די געסט.

— קעראַלאַין, — איז דינה צו איר צוגעגאַנגען, אַרומגענומען און אַ קוש געטאָן, — זעסט ניט אויס צו גוט.

— מיר פעלט גאָרניט.

— פונדעסטוועגן, קעראַלאַין, פון די האַלאַבאַלעס זאָלסטו ניט אַרויס־שפּרינגען. מיר קעמפן קעגן אים ווי קעגן אַ שלעכטן באַס. צו דיר איז ער אַ גוטער מאַן.

— מיינסט עס ניט, נייטן. אויב דו קענסט דיין שוועסטער, מיינסטו עס ניט, — האָט זיך דינה אָפּגערופן. — פאַרשטייסט אויך ניט וואָס אַ פרוי פאַרלאַנגט.

— מיט מיר האָט זכריה גערעדט. ער זאָגט אויך, אַז קריינדל האָט זיך אַראָפּגעלאָזן. אויב דו, קריינדל, קענסט אויף אים ווירקן, ער זאָל נאָכגעבן די גערעכטע פאָדערונגען פון די אַרבעטער, טו עס. קענסט אים צווינגען, ער זאָל זיך אונטערגעבן. ער וועט אויף דיר שיטן פּעך און שוועבל, אָבער ער וועט דיך ליב האָבן. ביי אים איז האַנדלשאַפט ניט קיין ברודערשאַפט. ביי דיר איז ברודערשאַפט ניט קיין האַנדלשאַפט. נעם זיך אין די הענט, קריינדל.

— ניטאָ צוליב וואָס, ניטאָ צוליב וואָס... איך האָב נאָך דיר געשיקט, ניט אַזוי צוליב לעאָנאַרדן מיט זיין שאַפּ; מיר אַליין איז שווער געוואָרן. כ׳קען שוין ניט מער.

קעראַלאַין איז אַנידערגעפאַלן אויף דער סאָפע און זיך צעוויינט אויפן הויכן קול.

* * *

אין דער אייגענער צייט זיינען ביי דניאל לוריאן אין קינדער־צימער געזעסן: דער עלטערער זון דייוויד, זיין מיידל ראָוז מעקפאַדן, סילוויאַ

פרידמאַן און פרענק גאַרדנער. אַלע — סטודענטן פון צווייטן יאָר קאַלעדזש. מ׳האָט באַרעדט טאַטע־מאַמע: הלמאי יידישע טאַטע־מאַמע מאַכן צופיל וועזן, מיט וועמען די קינדער גייען אַרויס. מ׳האָט גערעדט וועגן דעם וואָס די ניט־יידן אַנטלויפן פון דער געגנט וואו יידן באַווייזן זיך.

סילוויא פרידמאַן, צוואַנציק יאָר אַלט, מיט שוואַרצע אויגן, שוואַרצע האָר און לענגלעכן פּנים, די עלטרן האָבן זי אַריבערגעבראַכט פון דער ליטע ווען זי איז אַלט געווען פינף יאָר. ביי איר אין דער פאַרמעגלעכער היים ד׳האָבן געלעבט איר זיידע און באָבע פון טאַטנס צד. אין ברוקלין איז איר היים געווען. דער קריסטלעכער פריינט אירער, דער בלאָנדער גאַרדנער, אַ רייכן בוטשערס אַ זון, ער האָט צו איר מער שוואַכקייט געהאַט ווי זי צו אים. ער האָט איר געקוקט אין מויל אַריין ווען זי האָט זיך געברוגזט אויף די גוים.

— דו, פרענק, ביסט איצטער נאָר אַזאַ יידן־פריינט. וואַרט, וועסט עלטער ווערן, וועסט חתונה האָבן און זוכן אַן אָרט וואו צו מאַכן אַ היים, וועסטו אויך זיך אַרומקוקן צי יידן וואוינען ניט נאָענט.

— איך זע ניט קיין בייז אין דעם, אויב מענטשן זונדערן זיך אָפּ. טייטש עס ניט אויס פאַר קיין שנאה.

— ניט אויסטייטשן פאַר שנאה, — האָט סילוויא זיך געעקשנט. — וואָס דען איז עס, קריסטלעכע ליבע?

— פאַרוואָס שפּירן זיך נאָר די יידן באַליידיקט, אַז מ׳טרעט זיי אָפּ ס׳פּלאַץ? פאַרוואָס אַרט עס ניט די איטאַליענער? כ׳וועל דיר זאָגן, סילוויא, דעם אמת: די איטאַליענער קען איך ניט פאַרטראָגן.

דייוויד לוריא האָט זיך צוגעהערט צו דעם שמועס. ער, ביי וועמען אין די אָדערן האָט זיך צונויפגעמישט יידיש און קריסטלעך בלוט, און וואָס האָט די לעצטע צייט אַלץ שטאַרקער געשפּירט אין זיינע אָדערן דער מאַמעס בלוט — ער האָט גוט געוואוסט, אַז ניט נאָר אין די גאַסן פון דער גרויסער שטאָט איז ניטאָ קיין אמת׳ע ברידערלעכקייט צווישן קינדער פון פאַרשיידענע נאַציעס, אפילו אין זיין היים איז די לעצטע פאַר יאָר קיין שלום־בית ניטאָ. אים איז איצטער ניט געווען צום מוט אַזוי צו לאַכן ווי סילוויא האָט עס מיט אַ ווייל צוריק געטאָן.

— כ׳ווייס, מ׳האָט יידן פיינט. פאַרוואָס זאָלט איר עס פאַרלייקענען? אין קאַלעדזש האַלט מען די יידישע סטודענטן אויך באַזונדער.

— זיי האַלטן זיך אַליין באַזונדער! — איז פרענק גאַרדנער רויט געוואָרן.

— ניין, פרענק, מ׳האַלט זיי אָפּגעזונדערט. — איז דייוויד אויף זיינס באַשטאַנען.

— אויב אַזוי, בין איך דאָך גערעכט, אַז די יידישע יוגנט וואָס איז דאָ געבאָרן געוואָרן דאַרף מיט אַלע כוחות צעברעכן דעם באַריער וואָס טיילט פאַנאַנדער.

— גוט, איך האָב ליב ראָוזן. כ׳האָב עס מיינע לייט געגעבן צו וויסן. דער טאַטע איז קראַנק. כ׳האָב אים אַ סך וויטיק פאַרשאַפט. פונדעסטוועגן ראָוז איז שוין אַ סך מאָל פאַרלאָפן דעם וועג, געזאָגט...

— וואָס האָב איך געזאָגט? — איז ראָוז אויפגעשפּרונגען. — איך זאָג שטענדיק דאָס וואָס איך פיל. דיין פאַ האָב איך ליב, כאָטש איך ווייס, אַז

ער איז ניט אויף דיין זייט, דייוויד. אָבער אויסער אים, אַלע יידן וואָס איך זע דאָ אַרום, זיינען קאָמיש. כ'האָב זיי פיינט.

— וואָס פאַר אַ באַריערן דאַרף די יידישע יוגנט צעשטערן? — האָט סילוויאַ פרידמאַן זיך געווענדט צו דייוויד לוריאַן.

— איך פיל עס אויך. מיין יינגערער ברודער, ווי מיין טאַטע, איז אַ זאַיעניסט. דאַוונט אַל'ע טאָג. וואָס מיינסטו וועט זיין שפּעטער מיט אונדז? וועלן מיר זיך אָנקערן ברידער? מיין פאָ זאָגט, יידן וועלן נאָך אַמאָל דאַרפן לויפן פון דאַנען, ווי זיי לויפן פון רוסלאַנד.

— שעים! — האָט ראָוז מעקפאַדן זיך אָנגעצונדן. — פאַרוואָס האָסטו דיין פאָ ניט אָפּגעענטפערט?

— זיי ניט אויפגערעגט, ראָוז. ס'איז ניט אַזוי איינפאַך ביי אונדז אין שטוב, ווי דיר דוכט זיך אויס. דו רעד מיט מיין אָנקל, מיט דאָקטאָר לוריאַן, וועסטו הערן וואָס ער וועט דיר זאָגן.

— וואָס זאָגט ער, אַז יידן וועלן פון דאַנען דאַרפן לויפן ווי פון רוסלאַנד? איך זאָג דיר נאָך אַ מאָל, דייוויד, דיין מאַ איז באַגאַנגען אַ פאַרברעכן וואָס זי האָט אָנגענומען דעם יידישן גלויבן. כ'האָף, דו וועסט עס פון דיינס אַ מיידל ניט פאָדערן.

גאַנץ אומגעריכט איז דניאל לוריא אַריינגעקומען. אַלע פיר האָבן זיך אַ הויב געטאָן פון אָרט און אים מיט חידוש אָנגעקוקט. אין זיין קעגנוואַרט האָבן זיי אַלע פיר ווי דערפילט זיך שולדיק וואָס זיי האָבן אַזאַ שמועס צווישן זיך פאַרפירט.

— שטערט אייך ניט, איך גיי אַוועק, — האָט דניאל טרויעריק באַמערקט.

— מיר רעדן פון די באַריערן וואָס שטייען דאָ צווישן יידן און ניט־יידן, — האָט דייוויד פאַרזיכטיק געזאָגט, ניט צונעמענדיק די אויגן פון פאָטער. — מיינסט ניט, פאָ, אַז די יוגנט דאַרף די דאָזיקע באַריערן צעברעכן?

— און נאָכדעם ווי די באַריערן וועלן זיין צעבראָכן, ווער צו וועמען זאָל אַריבערגיין, די יידן צו די ניט־יידן, אָדער פאַרקערט?

— אוודאי דאַרפן די יידן צעברעכן אַלע שטערונגען! — האָט ראָוז זיך דערשראָקן פאַר אירע אייגענע ווערטער און איז רויט געוואָרן. — אָט איז מיין פאָ אַ דזשאָדזש, ער מאַכט ניט קיין אונטערשייד ווער עס שטייט פאַר אים, ייד, צי ניט־ייד, איז דער ווערדיקט אַלץ דער אייגענער.

— אָבער ניט אַלע מענטשן שטייען פאַר אַ דזשאָדזש. מיר יידן צווישן ניט־יידן, אונדז שטענדיק משפּט מען, מיר דאַרפן זיך פאַרטיידיקן ווי שולדיקע. דו, דייוויד, — האָט דניאל מיט אַ ברוגזן פּנים זיך געווענדט אויפן זונס זייט — ווער דו נאָר ניט קיין דזשאָדזש אויפן יידישן קאָפּ! אויב די מאָ וועט אַריינקומען, זאָג איר, כ'דאַרף זי זען. זי ווייס וואו איך בין.

ביי די ווערטער איז דניאל אַרויס פון שטוב.

סילוויאַ פרידמאַן האָט זיך אָנגעצונדן, אירע אויגן האָבן אַ פינקל געטאָן.

— איך האָב גוט פאַרשטאַנען וואָס מיסטער לוריא האָט געמיינט. און דו, ראָוז, האָסט אים פאַרשטאַנען?

ראָוז מעקפאַדן איז אויפגעשטאַנען אַ צעטומלטע, האָט באַטראַכט דעם בלאַס געוואָרענעם דייווידן, און מיט אַ פאַרלאָרענעם שמייכל אַ זאָג געטאָן:

— ווייסט, דייוויד, דיין פאַ איז אָפּטמאָל זייער פאַני. ווען ער באַגעגנט אונדז ביידן, קוקט ער אַזוי ניט פריינטלעך.

— נאָנסענס! איך פאַרשטיי עס אינגאַנצן ניט. איין ייד, אַז מ׳באַ־געגנט, איז ער אָלרייט. מיסטער לוריא איז אָלרייט. סיל וויאַס פאַ, מיסטער פרידמאַן, איז אויך אָלרייט. אַלע יידן אין איין באַנטש זיינען פאַני. קומסט מיט, דייוויד?

דער שמועס האָט זיך ווייטער ניט געקלעפּט. — דייוויד דהאָט אַפילו ניט געהערט וואָס פרענק גאַרדנער האָט אים געזאָגט. ער האָט געשפּירט ווי זיין גאַנץ לייב ברענט. ער האָט באַשלאָסן צו בלייבן אין שטוב. אים האָט אויס־געוויזן, אַז ראָוז מעקפאַדן האָט איראָניש געשמייכלט ביים אַרויסגיין פון צימער.

אַ צעשויבערטער איז אַריינגעלאָפן דער פּופצן יעריקער דזשייקאָב, מעשה עלטערער זיך אַ שטעל געטאָן אַנטקעגן זיין ברודער:

— כ׳האָב אונטערגעהערט אַלץ. כ׳האָב געהערט וואָס דער פאַ האָט געזאָגט.

— איז וואָס האָסטו געהערט? — האָט דייוויד, אַ בלאַסער, איינגעהאַלטן, אים געפרעגט. — דיר געפעלט אויך ניט ווי איך פיר זיך אויף?

— שעמסט זיך צו זיין אַ ייד, דהאַ? — כ׳ווייס, שעמסט זיך מיטן פאַ אויך. צוליב דיר איז דער פאַ שטענדיק אַ טרויעריקער.

— וואָס נאָך ווייסטו? — האָט דייוויד רואיק געפרעגט.

— כ׳ווייס, אַז דו ווערסט חתונה האָבן מיט ראָוז מעקפאַדן, ווערסטו גיין רייסן בערד ביי יידישע גרינהאָרנס.

— איז דאָס אַלץ וואָס דו ווייסט? כ׳האָב געמיינט, אַז דו ווייסט נאָך עפּעס.

— ווילסט, איך זאָל דיר זאָגן?

— אוודאי וויל איך, זאָלסט מיר דערציילן.

— כ׳האָב דיך פיינט, ווי די קריסטן האָבן פיינט יידן.

דייוויד איז דזשייקאָבן פאַרפאַרן אין פּנים אַריין, און ווען דער יינגערער איז אומגעפאַלן, האָט אים דייוויד נאָך אַ פּאָר מאָל אַ קאָפּע געטאָן מיטן פוס און אויף אים אויסגעשפּיגן.

דער אין זיך פאַרשלאָסענער דזשייקאָב, אַ שווערער, און אַ געפּאַקטערער ווי זיין עלטערער ברודער, איז ווי אַ צערייצטע חיה אויפגעשפּרונגען פון דיל, און כאָטש ער איז געווען מער ווי מיט אַ קאָפּ נידעריקער פון דייווידן, איז ער מיט איין שפּרונג אַריין מיט ביידע פויסטן דייווידן אין פּנים אַריין. דייוויד איז הינטער זיך געפאַלן אויפן דיל.

אַ פאַרביטערטער געשלעג האָט אויסגעבראָכן צווישן די צוויי ברידער. זיי האָבן זיך איינגעגעסן איינער אין אַנדערן, געקייקלט איבערן דיל און ס׳איז שווער געווען צו זאָגן ווער ס׳איז שטאַרקער און ווער ס׳איז עלטער. דער יינגערער האָט זיך אין עלטערן איינגעגעסן ווי אַ קלעשטש און אים ניט אָפּגע־לאָזן. ער האָט דייווידן געריסן ס׳פּנים, געביסן די הענט. ער האָט אויפן עלטערן ברודער די קליידער געפליקט שיפּנדיק:

— ס'איז ניט רוסלאַנד, פון וואַנען יידן אַנטלויפן, אַז מ'שלאָגט זיי. כ'האָב פֿאַר דיר קיין מורא ניט. אַז דו וועסט ווערן אַ פּאָגראָמשטשיק, וועל איך דיך דערהרגענען. ביסט ניט מיין ברודער. ביסט אַ שווין!

אויף דעם איז ליליען־רות אַריינגעקומען. אַ צעשראָקענע האָט זי זיך אַ וואָרף געטאָן פֿאַנאַנדערצוגעמען די קינדער. ס'איז איר אָנגעקומען שווער זיי פֿאַנאַנדערצורייסן.

— קינדער, כ'וועל רופן פּאָליציי, מ'זאָל איך ביידע אַרעסטירן! קינ־דער, איר זייט ניט מיינע קינדער, כ'וועל איך ביידן פון שטוב אַרויסיאָגן!

זי האָט דעם ייִנגערן אַוועקגעשלעפּט אין שלאָפצימער אַריין און פֿאַרמאַכט ד־הינטער אים די טיר. און דערנאָכדעם, וויינענדיק מיט ביטערע טרערן, האָט זי אָנגעהויבן אַרומצוואַשן דייווידן. געוואַשן ס'בלוט פון פנים, פון האַלדז און הענט.

— אין וואָס פֿאַר אַ וועלט לעב איך? — האָט זי דערביי געיאָמערט. — וואָס פֿאַר אַ קינדער האָב איך אויפגעבראַכט? וואָס זאָל איך טאָן, וואָס זאָל איך טאָן?.. ווי האָסטו זיך געלאָזן ער זאָל דיך אַזוי צערייסן? כ'וועל רופן דעם אָנקל זכריה, כ'וויל איך אים פרעגן, ווי קומט אין אַ יידיש הויז אַזאַ בייז בלוט?

פון דער מוטערס רייד איז דייוויד צעיאָכמערט געוואָרן:

— כ'וועל אַנטלויפן פון דער משוגענער שטוב, — האָט ער געקלאָגט. — מ'קען מיך ניט צווינגען מיט גוואַלד צו זיין דאָס וואָס איך וויל ניט זיין! כ'בין שוין אַ דערוואַקסענער, קיינער קען מיר ניט זאָגן ווי אַזוי כ'זאָל לעבן...

— קום, לייג זיך אַנידער, כ'וועל דיר די האַנט פֿאַרבאַנדאַזשירן. אין וועמען זייט איר געראָטן ביידע? ס'איז ביי יידן אַזויפיל שלעכטס ניטאָ, און אין מיין הייבם האָב איך אויך אַזאַ בייז בלוט ניט געזען.

ליליען האָט גערעדט און געיאָמערט און די קינדער האָבן זיך צוגעהערט און אין האַרצן חרטה געהאַט.

אין אָוונט איז ליליען־רות געקומען צו דאָקטאָר לוריאַן אָפּרעדן פון האַרצן, און אגב, פרעגן ביי אים, דעם קליגערן און געבילדטן, ווי אַזוי זי זאָל אויפ־ריכטן צוריק דעם צעשטערטן שלום־בית.

דאָקטאָר לוריא, צו וועמען ליליען־רות האָט געהאַט די צערטלעכסטע געפילן זינט זי איז אַריינגעפאַלן אין דער לוריא משפחה, איז דוקא צוליב אים אַ סך מאָל צעטומלט געוועזן. נאָכדעם ווי זי איז איבערגעגאַנגען צום יידישן גלויבן איז זי געוואָרן פרום און האָט זיך באַמיט אָפּצוהיטן אַלע יידישע דינים. „אָן אַ גלויבן קען אַ מענטש ניט לעבן. איז ניט מיטן קריסטלעכן גלויבן, איז דער יידישער גלויבן אויך גוט" — אַזוי האָט ליליען אָפּט גע־טראַכט. אַזוי האָט זי געפילט. און ווען זי איז נעענטער באַקאַנט געוואָרן מיט די מיטגלידער פון דער לוריא־משפחה, האָט זי אַרויסגעזען, אַז אויסער איר מאַן — זיינען אַלע ניט רעליגיעז. דאַוונען ניט. גייען ניט אין דער סינאַגאָגע. מיט דעם דערקלערט זי אָפּטמאָל פֿאַר זיך אַליין פֿאַרוואָס איר האַרץ האָט זיך אַזוי אָפּגעבייגט פון יידישן גלויבן.

— זכריה, מיין לעבן איז מיר מיט אַמאָל צעשטערט געוואָרן. כ'האָב צוליב זיי קיין פרידן ניט אין שטוב, — האָט ליליען מיט אַ געבויגענעם קאָפּ געקלאָגט.

— האָסט אוודאי ניט פאַרגעסן דיין באַגעגעניש מיט דניאלן. געדענקסט אוודאי וואָס דער ראַבאַי האָט מיט דיר גערעדט, איידער דו האָסט אָנגענומען דאָס יידישע גלויבן. איך בין דערביי ניט געווען. נאָר איך ווייס, ביי יידן איילט מען זיך ניט אַריינצונעמען אַ ניט־יידן. דיך האָט אויך, ווי איך פאַר־שטיי, דער ראַבאַי אָפּגערעדט.

— כ'קלער, ס'איז אַ צערעמאָניע אַזאַ, און ניט מער.

— ניין, ליליען. ס'איז ביי יידן ניט קיין צערעמאָניע. ס'איז אַ פליכט. די וועלט לעבט מיט יידן ניט בשלום. יידן צווישן פעלקער איז ניט גוט. האָסט דאָך שוין דערקענט צו וואָס פאַר אַ פאָלק דו ביסט אַריינגעקומען. נו, האָסטו גענומען און ביסט געוואָרן פרימער ווי מ'האָט עס פון דיר געפאָדערט. ס'האָט געקענט געננוג זיין, ליליען, אַז בלויז דיין ליבע צו דניאלן זאָס באַ־רעכטיקן דיין ערנסטן און ריזיקאַלישן שריט אין לעבן. האָסטו גענומען אויף זיך צו דינען מיט ליבשאַפט אַ יידישן גאָט. האָסט געוואָלט, דיינע קינדער, וואָס דו האָסט געבאָרן פון דניאלן, זאָלן זיין פרימער ווי זייער פאָטער. כ'האָב ניט דאַגעגן. האָסט אַזוי געפילט, און האָסט אַזוי געהאַנדלט. דייווידן ציט עס ניט צו קריסטן. ווי איך פאַרשטיי וויל ער בלויז ניט גיין אין דעם יידישן שפּאַן. פאַרקערט, דעם ייִנגערן ציט עס אינגאַנצן צום יידישן פאָלק. דאָס זיינען די צוויי וועלטן וואוהין עס רייסן דיינע קינדער. דאָס קען אפשר אויך טרעפן אין אַזאַ הויז, וואו טאַטע־מאַמע ביידע שטאַמען פון יידן. אָבער וואָס פאַר אַ כוחות האָבן דיך געבראַכט אין די אָרעמס פון דיין מאַן דניאל לוריא? די יידישע, צי די קריסטלעכע רעליגיע האָט עס געטאָן? האָסט אים ליב געהאַט און האָסט זיך אים אָוועקגעגעבן! דערנאָכדעם ביסטו אַריבערגע־גאַנגען צום יידישן גלויבן. דאָס האָסטו געטאָן, מיט דעם צו באַרעכטיקן דיין ליבע צו אים. אָבער צי דאַרף אמתע ליבע האָבן אַ באַרעכטיקונג? ניין, ליליען. פונקט ווי אין דער ערשטער באַגעגעניש האָסטו ניט געקלערט וואָס וועט דיין רעליגיע אויף דעם זאָגן, אָט אַזוי האָט דניאל אויך געהאַנדלט יעמאָלט. דניאל פאָדערט פון דיר ניט צופיל פרומקייט. ער באַקלאָגט זיך, אַז דו האָסט אים מער ניט ליב, דעריבער האָט עס דיך גענומען ציען, ניט אַזוי צו אייגענע, נאָר צום קאַטוילישן גלויבן.

— אָט דאָס זאָגט דניאל? — איז ליליען, וואָס האָט אים געדולדיק אויס־געהערט, אויפגעשפּרונגען פון פלאַץ. — וואָס פאַר אַ רעכט האָט ער מיך צו באַשולדיקן אין אַזאַ זאַך?

— ס'קען זיין, ער איז גערעכט.

— דו זאָלסט עס זאָגן!

— כאַ־כאַ־כאַ, ביסט אַ קינד, ליליען. רעדסט ווי אַ קינד, אָבער ניט ווי אַ פרוי וואָס דהאָט פאַרמאָגט אַזויפיל ליבע און כוח זיך מקריב צו זיין פאַר דער ליבע. ביסט אַמאָל געווען שטאַרק רעליגיעז. דיין ליבע איז אויך געווען אַ רעליגיעזע. זאָל דער איבערברוך אין דיין פסיכאָלאָגיע ניט גיין אויפן חשבון פון דיין ליבע צו אַ מאַן, וואָס הייסט צופעליק דניאל לוריא.

— געווען צייטן, כ'האָב פון טיפן האַרצן ליב געהאַט ס'יידישע פאָלק, — האָט ליליען אַראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ, בעת די טרערן האָבן געראָנען איבער די באַקן. — פאַרוואָס פיל איך איצטער ניט אַזוי? און פאַרוואָס איז מיין דייוויד אַזוי אַנדערש געוואָרן?

— איך זאָג דיר נאָך אַ מאָל, ליליען: מיש ניט אויס דיין ליבע צו דניאלן מיט דיינע געפילן צום יידישן פאָלק. דו האָסט פריער ניט געקענט אונדזער פאָלק, און באַנעמסט עס נאָך איצטער אויך ניט גוט. דו האָסט געגלויבט, זייענדיק שטאַרק פרום האָסטו ליב ס׳יידישע פאָלק; און פאַרקערט, איצטער, ווען דו האָסט אויפגעהערט נאָכצוקוקן צי ביי דיר אין קיך איז כשר, קלערסטו, אַז דו האָסט פיינט דאָס יידישע פאָלק. ליבע צום אייגענעם פאָלק, ווי ליבע צום אייגענעם מאַן, קען ניט שטענדיק באַוויזן ווערן מיט טאַטן. מ׳קען אויך ניט האַנדלען לויט אַ באַשטעלונג. ביסט יונג. דניאל איז נאָך יונג און שטאַרק. קריג זיך ניט מיט אים צוליב די קינדער. ווי כ׳האָב דיר פריער געזאָגט, איז דאָס וואָס עס קומט פאָר ביי דיר אין שטוב, קומט איצטער פאָר אין אַ סך יידישע הייזער. די קינדער וועלן צווישן זיך שלום ווערן. און ווען אפילו ניט, איז קיין אומגליק ניט. אָבער דו מיט דניאלן, אויב איר וועט ניט אויפריכטן אייער ליבע, וואָס זאָל ווידער באַלייכטן אייער לעבן, יעמאָלט וועל איך אוודאי ניט קענען קוקן אין אייער ווינקל אַריין.

— עפּעס איז אויסגערונען פון מיין גליק. אפשר מיט דיין האַנט, זכרידה...

זי האָט נאָך עפּעס געוואָלט זאָגן. די ווערטער זיינען אין איין קנויל אָנגעקומען און געבליבן שטעקן אין האַלדז. אפילו די טרערן האָבן אויך געגליט אין די אויגן, און ניט אַרויס צום דרויסן.

קאַפּיטל צוועלף

דאָקטאָר לוריא איז אַרויס מיט זיין רענצל פון אַ גיי הויז אין בראָנקס, וואו ער האָט באַזוכט אַן אַלטן, שווינדזיכטן פּאַציענט, וואָס איז אויף דאָקטאָר לוריאס עצה אַרויסגעפאָרן וואוינען וואו די לופט איז בעסער. אין געדאַנק ביי דאָקטאָר לוריא זיינען געבליבן שטיין דעם קראַנקן אַפּרייטערס ווערטער, וואָס ער האָט געזאָגט בשעת ער האָט מיט טרויער אין די אויגן אַרויפגעקוקט צום דאָקטאָר פון דער איסט־סאַיד:

— אָפּגעפּראַצעוועט אַ לעבן, פון זיך די זעל אַרויסגעיאָגט, און ס׳איז געקומען די צייט, ווען מ׳וואָלט שוין געקענט הנאה האָבן פון לעבן, איז קיין כוח ניטאָ. האָב איך מיינע לונגען געפּאַטערט. טרייבט, דאָקטאָר, די יידן פון דער איסט־סאַיד, זיי זאָלן גיין לעבן דאָרטן וואו די זון שיינט.

ס׳איז געווען אָנהויב אַפּריל. אַ טרוקענער, ליכטיקער מזרח־ווינט האָט זיך דורכגעשניטן דורכן זוניקן האַלבן טאָג, ס׳האָט אויסגעוויזן ווי די שיטער אויסגעשטעלטע מויערן אין די בראָנקס זיינען אין די העלן פרימאָרגן פון צווישן פעלזנבערגלעך אַרויסגעוואקסן, אַרויסגעקומען זיך באָדן אין פרילינג־זון. פון דאָ־און־דאָרטן האָט זיך דערטראָגן דאָס דרילעווען פון שטאָלענעם בויער, וואָס האָט מיט דער הילף פון געפרעסטער לופט דורכגעלעכערט דעם פעלזיקן באָדן, כדי שפּעטער דעם פעלז מיט דינאַמיט אונטערמינעווען און אויפרייסן — אויף דעם פּלאַץ זאָל מען אַ פונדאַמענט פאַרלייגן פאַר די ניט־חנעוודיקע, אָן־אַרכיטעקטור קאַפּריזן, פיר־און־פינף שטאָקיקע מויערן.

— יידישע רירעוודיקייט און אַמעריקאַנער ענערגיע רודערט אין באַנייטן יידישן ישוב. מ׳פּאַרוואַרפט שער־און־אייזן, מ׳נעמט פאַנאַנדער די הענט, מען רייסט אויף פאַרשלאָפענע געגענטן, גאַסן גאַנצע וואקסן אויס צוליבן יידישן זכות!

דאָקטאָר לוריא האָט געשפּאַנט מיטן רענצל אין האַנט און איז אין האַרצן געווען צופרידן וואָס יידן האָבן זיך אַהער שוין פאַרקליבן, און אויך ער דאַרף אַמאָל אַהער פאַרבלאָנדזשען. כאָטש צוליב דעם זיינען אים גאַנצענע טעג צערונען געוואָרן, איז ער געווען צופרידן צו זען, ווי אַזוי די יידישע ענערגיע זוכט פאַר זיך אַ בעסערן באָדן.

אים זיינען געקומען אויפן זינען יענע פרילינגס־טעג, יענע זונטיקן, ווען די ווייטסטע נסיעה פון דער איסט־סאַיד איז געווען מיטן וואַסער ביז צו האַרלעם. מיטן איסט־ריווער אויף באַרזשעס האָט מען זיך אַוועקגעלאָזן. יידן און ניט־יידן. די ניט־יידן האָבן געמאַכט חוזק, געשלעגן האָבן אויסגעבראָכן. און מ׳איז שוין געקומען ביז האַרלעם, אַריבער דעם וואַסער, אויף דער אַנדערער זייט באַרג־אַרויף — וויפל מאָל האָט געטראָפן, אַז דאָרטן האָבן די

„וואוילע יונגען" באַפאַלן און געבראָכן די ביינער פאַר דער יידישער חוצפה, אַרויסצוקומען אַזוי ווייט.

דאָקטאָר לוריא איז צוגעצויגן געוואָרן צו אַ פלאַץ וואו מ׳האָט נאָר וואָס אויפגעריסן אַן אונטערגעמינעוועטן פעלז. איטאַליענער האָבן זיך געפּאַרקעט צווישן דעם שטיינערברוך. אַנגעשטעלט די שטאָלענע עקבויערס און ווייטער געדרילעוועט. דערביי, געגנטער צו גאַס־צו זיינען געלעגן עטלעכע באַיאָרטע קליאָן־ביימער, אָפּגעהאַקטע ביי דער ערד. די פּיענעס, באַזונדער אויסגע־בראָכענע, אויסגעקערטע מיט די וואָרצלען צום דרויסן. די צווייגן פון די ביימער זיינען געל־עגן אָפּגעהאַקט באַזונדער, און ווייל דאָס האָט מען אפנים ניט לאַנג די ביימער געהאַקט, האָבן דעריבער די אויפגעפּלאַצטע קנאָספּן אַנטקעגן דער זון זיך אויפגעעפנט, און די פאַרמשפּטע צו פאַרוועלקט ווערן יונג־געבאָרענע בלעטער, האָבן זיך געהאַלטן אין אַרויסוויקלען. די שפּענער צעפלויגענע אַרום, האָבן רויטלעך רעפלעקטירט אַנטקעגן דער זון — ווי זיי וואָלטן מיט בלוט אָפּגעגאַנגען.

דאָקטאָר לוריא האָט אויפגעהויבן אַ פרישן שפּאָן פון דער ערד און גע־צויגן אײַן זיך דעם ריח פון פריש אויפגעהאַקט האָלץ. דער ריח האָט אים אַ טראָג געטאָן ווייט איבער ימען צו דער אַמאָל־יקער דהיים אין רוסלאַנד, וואו אַ יאָר איידער מ׳האָט אויף אייביק די היים פאַרלאָזן, האָט הינטערן שטוב אַ שטורעם אויסגעקערט אַ טאָפּאָל. זיין ברודער הילל האָט יעמאָלט דעם אויסגעקאָרטשעוועטן בוים צעהאַקט אויף שטיקער. הילל האָט געהאַקט, און שפּענער זיינען געפלויגן. אויך יעמאָלט האָט ער דעם ריח פון פריש־צעהאַקט האָלץ געשפּירט, און ווייל צווישן יענע שפּענער ביז איצטיקע ליגט אַ שטח פון זעקס און צוואַנציק יאָר — ווערט אים דעריבער אַזוי טרויעריק אויפן האַרצן. קיינער זאָל עס ניט זען, ווילט זיך אים אַריינלעגן אַ פרישן שפּאָן אין רענצל אַריין, ברענגען עס צו זיין שוועסטער קעראָלאַין.

— העללאָ! דוכט זיך דאָקטאָר לוריא, אויב איך מאַך ניט קיין מיסטייק...

— יאָ, איר מאַכט ניט קיין טעות. איר זייט מיסטער זילבערמאַן. כ׳האָב געד־הערט, אַז איר העלפט אויפבויען די יידישע בראָנקס.

— כאַ־כאַ־כאַ... כ׳העלף אויפבויען די יידישע בראָנקס. איר טראַכט נאָך אַלץ פון יידן. איך בין צופרידן ווען אין מיינע הייזער וואָס אײַך בילד באַזעצן זיך דוקא ניט קיין יידן. פון זיבעצן ביל־דינגס, וואָס איך האָב אין די בראָנקס אויפגעשטעלט, אין גוטע זעקס וואוינען ניט קיין יידן.

— איך קוק, מיט וואָס פאַר אַ גרינגער האַנט האָקט איר אויס די ביימער.

— פאַרוואָס נאָר די ביימער? כ׳האָב גאַנץ פיינע הילצערנע היימען אויך אַראָפּגעשליידערט. אָט, וואָס פאַר אַ בילדינגס איך שטעל אויף זייער אָרט!

מיסטער זילבערמאַן האָט אױסגעשפּרייט די האַנט, אָנגעוויזן אויף עטלעכע נייע מויערן קעגן איבער, און מיט נצחון געשמייכלט צו דאָקטאָר לוריאַן:

— יאָ, אַז מ׳האַקט האָלץ, פאַלן שפּענער.

— יעס, יעס, אַז מ׳האַקט האָ־ץ, פאַלן שפּענער... איך טראַכט ניט פון די ביימער; כ׳טראַכט פון דעם וואָס אייך אַרט ניט, אויב ניט־יידן וועלן זיך באַזעצן אין די הייזער וואָס איר בויט.

— ניט נאָר אַרט מיך ניט, כ׳וואָלט טאַקע וועלן, יידן זאָלן אַהער ניט ציען. וואו יידן קומען אָן, פאַלט די געגנט. דאָס די טראָבל.

— און אַז איר קומט אַריין צווישן ניט־יידן, ווער פּאַלט, דער ייד, צי דער ניט־ייד?

— כ׳וויל זיך מיט אייך, דאָקטאָר, ניט קריגן. בין אויך צופרידן וואָס אייערע פּאַציענטן האָבן שוין פאַרבלאַנדזשעט אין די בראָנקס. ווען מילדרעד וואָלט עס וויסן, אַז איר זייט דאָ. זי איז נאָך אַלץ קרעיזי פּאַר די לוריאָס, כאָטש זי וויכט זיי אויס. זי גלויבט נאָך אַלץ, אַז אייער נייטן, מיט דעם וואָס ער אָרגעניזט יוניעס, כאַ־כאַ־כאַ...

— הייסט עס, דאָס איז ער דער מענטש, וואָס האָט פון סאַמע אָנהייב, נאָך גאָר אַ גרינער, אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט אויף שער־און־אייזן! — איז דאָקטאָר לוריאַן דורכגעלאָפן אַ געדאַנק אין קאָפּ. — מילדרעד, אָדער מלכה, ווי זי האָט יעמאָלט געהייסן, ער שעמט זיך ניט צו דערמאָנען, אַז זי האַלט נאָך אַלץ פון די לוריאָס.

מלכה חלפן, לעאָנאַרדס שוועסטער, אויך זי איז געבליבן אָן אומצופרי־דענע. שוין אַוועק איבער צוואַנציק יאָר זינט יענער נאַכט, ווען מלכה האָט זכריהס אָרעם דורכגעוויקט מיט אירע טרערן, און ער האָט אַליין ניט גע־וואוסט, צי דאָס איז צוליב איר פאַרלאָרענער ליבע, אָדער זי האָט געזוכט אָן אָנלען ביים יינגערן ברודער. אויך זי, ווי די גאַנצע חלפן־משפּחה, וואָס איז כמעט אין איין צייט אַריבערגעקומען קיין אַמעריקע מיט די לוריאָס, האָט ניט געוואָלט אַוועקגעבן איר לעבן דעם חושכדיקן שאַפּ; אויך די יעמאָלטיקע מלכה, וואָס האָט ניט געקענט פּועלן ביי נתן לוריאַן, ער זאָל אַוועקוואַרפן דעם שאַפּ און די יוניאָנס און „ווערן אַ לייט ווי עס פּאַסט פאַר דעם נייעם לאַנד", זי האָט געשפּירט, אַז ער, זכריה, וועט ניט אויף שטענדיק בלייבן אַ געבויגענער איבער דער ניי־מאַשין. אָט דער דאָזיקער בלאָנדער דייוויד זילבערמאַן, ווי מ׳שמועסט צווישן אייגענע, איז ער אַן עושר גדול, אַ וויטער קרוב פון די חלפנס — ער האָט געטראָגן אַ געוויסע אייפערזוכט צו די לוריאָס. דעריבער האָט ער זיך אַזוי דערווייטערט פון דער איסט־סאַיד. אָפּגעשיידט פון די מענטשן וואָס זיינען אים געשטאַנען אין וועג.

דאָקטאָר לוריא איז געשטאַנען מיט די אויגן צו די פרישע שפּענער, און האָט ניט געוואוסט פון וואָס ווידער אָנצוהויבן מיט דעם ווילד־פרעמדן מענטשן, וואָס האָט צוליב אַ נאָמען מילדרעד, אָדער מלכה, דערוועקט ביי אים אַזאַ טרויער־געפיל. דוכט אים, דער נאָמען מלכה חלפן שוועבט דאָ אום איבער די פרישע שפּענער וואָס בלוטיקן און טרוקענען זיך אונטער דער פרילינג־זון. זי איז דאָ צווישן די אָפּגעהאַקטע קליאַן־צווייגן, וואו דער פרילינג־ווינט שפּילט מיט די האַלב־געחלשטע יונגע בלעטלעך, וואָס רייסן זיך פון די קנאָספּן אַרויס.

— איך האָב געזאָגט מילדרעדן, זי זאָל זיך ניט דערווייטערן. איך טראָג אויף קיינעם ניט קיין שנאה. זי דערמאָנט אָפּט די לוריאָס. כ׳האָב איר געזאָגט, אַז צו די סטאָנס מעג זי דאָך גיין. לעאָנאַרד איז דאָך אירער אַ ברודער. זי דערמאָנט קראַלאַין גאַנץ אָפּט. דער אַלטער מיסטער חלפן לעבט ביי מיר. מ׳דערמאָנט ביי אונדז אָפּט אייער נאָמען. וואָלט איר חשק געהאַט אַריבערצוקומען? מילדרעד וועט זיין שטאַרק צופרידן.

דאָקטאָר לוריאַן איז שטאַרק אומעטיק געוואָרן. ס׳האָט אים פאַרדראָסן הלמאי ער איז אויף אַזאַ אופן דערקענט געוואָרן. דער דאָזיקער דייוויד

זילבערמאַן, וואָס האָט אויסגעזען אין די אויגן פון די לוריאס גאָרניט קיין קלוגער, ער דוקא האָט זיך אַרויפגעאַרבעט ניט אַזוי צו עשירות, נאָר צו אַ מיינונג וואָס איז ווי סם־המות פאַר דעם נייעם יידישן ישוב. „איך בין צו־פרידן, אַז אין מיינע הייזער באַזעצן זיך ניט קיין יידן״ — דאָס עקבערט דאָקטאָר לוריאַן, און ער קען ניט אויפהייבן די אויגן, אַ קוק טאָן דעם מיסטער זילבערמאַן אין פנים. „דאָרטן וואו יידן קומען, פאַלט די געגנט״... „אין דעם גלויבט אויך דער ייד זעלבערמאַן״ — האָט זכריה ביטער אַ שמייכל געטאָן.

מיסטער זילבערמאַן האָט גענומען דאָקטאָר לוריאַן אונטערן אָרעם, האָט אים אַריינגעזעצט אין אויטאָמאָביל וואָס איז געשטאַנען דערבײַ, האָט זיך צום דאָקטאָר אַזוי לעבלעך דערנענטערט, און געהייסן דעם שאָפער פאָרן אַהיים.

— דאָ דהאָב איך פאַר דיר אַ סורפּרייז, מילדרעד, — האָט מיט באַהאַל־טענער אויפרעגונג דייוויד זילבערמאַן פאָרגעשטעלט דאָקטאָר לוריאַן. — נעם אים אויף גוט. כ'האָב געלאָזן מענטשן ביים פאַונדיישן, מ'וועט באַלד ווידער בלאָסטן, כ'מוז זיין דערבײַ. פאַרהאַלט אים איבער לאָנטש, מילדרעד. באַי, באַי, דאָקטאָר!

מילדרעד איז געשטאַנען אינמיטן צימער. אירע בליקן זיינען שנעל געלאָפן פון דאָקטאָר לוריאַן צום טיר, און פון טיר צוריק צו דאָקטאָר לוריאַן, וואָס האָט אויף שנעל צונויפגענומען אין זכרון איר אָנבליק, ווען ער האָט זי מיט אַ יאָר זיבן צוריק צופעליק געזען.

די אַמאָליקע שלאַנקע, בלאָנדע און שמאָל־פּנימדיקע מלכה איז איצטער פאַר אים ניט געשטאַנען. אַ מיטליעריקע, גלייכע, פולברוסטיקע פרוי, וואָס איז צופרידן מיט איר לעבן און וואָס איז, ווי עס זעט אויס, אויך צופרידן מיט דער איצטיקער באַגעגעניש, איז ווי אַ צוגעשמידטע געווען צו איר פּלאַץ אויף אַ גרין און רויט געבלומטן טעפּיך — ווי געוואַרט, דאָקטאָר לוריא זאָל מאַכן צו איר אַ פּאָר שריט. זי איז געווען אין אַ טונקל־פּורפּורנער, שווער־זיידענער קימאָנע. אויף די פינגער האָבן געבלישטשעט דימענטן.

— וואו איז דייוויד אַנטלאָפן? איך דאַנק אים אַזוי וואָס ער האָט אייך געבראַכט אַהער, זכריה. מיר איז שווער אייך צו רופן דאָקטאָר לוריא. וואָס מאַכט איר? איצטער זע איך אייך — דער אייגענער זכריה.

זי איז מיט זיכערע טריט צוגעקומען נאָענט, גענומען זיין האַנט און מיט באַוואונדערונג געקוקט אים אין פּנים.

— איך בין צופרידן אייך צו זען, מילדרעד, — האָט דאָקטאָר לוריא שטיל געזאָגט, און ניט צוגענומען די אויגן פון איר פּנים.

— איר דערקענט מיך ניט. ניט די אַמאָליקע מלכה. בין אַ מאַמע פון פיר קינדער. מיין טאָכטער שוין דרייצן יאָר אַלט, כאַ־כאַ־כאַ. גלויבט זיך מיר גאָרניט, אַז זכריה איז איצטער ביי מיר אין שטוב... וואָס שטייען מיר אַזוי אינמיטן שטוב? איר האָט דאָך מסתמא אַ ביסעלע צייט פאַר דער אַמאָ־ליקער מלכה, כאַ־כאַ־כאַ.

זי האָט זיך אַראָפּגעלאָזן אויף אַ סאָפע און מיטגעצויגן דאָקטאָר לוריאַן. מיט די אויגן האָט זי זיך איינגעגעסן אין זיינע. ער האָט איר הייסן אָטעם געפילט, און פאָרט ניט דערקענט די אַמאָליקע מלכה, די אויסערלעך רויקע

מלכה, וואָס האָט אין אַ שווערער מינוט זיך קיינמאָל ניט געקענט באַהערשן, און געוויינט אויפֿן הויכן קול. די דאָזיקע פרוי וואָס אָטעמט אים גלייך אין פּנים אַריין, האָט אַמאָל אויף לודלאָו סטירט, און שפּעטער אויף מעדיסאָן סטריט, אַ סך מאָל פֿאַר אים געקלאָגט; און אַלץ צוליב איר אַמאָליקער ליבע צו זיין עלטערן ברודער.

— איר ווייסט, זכריה, — האָט זי זיך באַמיט צו קאָנטראָלירן. — איך האָב זייער אַ סך געשאָלטן די לוריאס. איך בין ניט שולדיק. מיר האָט זיך אויסגעדוכט, אַז אונדזער באַגעגעניש האָט געבראַכט אומגליק צו די חלפנס. איר אַליין ווייסט געוויס, אַז לעאָנאַרד איז ניט גליקלעך. קעראָלאַין האָט אים ניט ליב. כ׳ווייס, אַז נייטן איז אויך ניט שטאַרק גליקלעך. יעס, כ׳האָב ביטער געשאָלטן די לוריאס. אין אייער משפּחה איז קיין גליק ניטאָ. אין מיין משפּחה אויך ניט.

— אַלע אייערע זיינען רייך געוואָרן.

— מיין מאַמע איז פֿאַר דער צייט געשטאָרבן. מיין אומגליקלעכע ליבע מיט נייטענען האָט איר געקאָסט דאָס לעבן. איך האָב זיך פֿאַרשוואָרן, זיין נאָמען מער קיינמאָל ניט דערמאָנען.

— איר האָט מיך אויך געשאָלטן? — האָט דאָקטאָר לוריא טרויעריק געשמייכלט.

— יעס, זכריה, כ׳האָב אייך אויך געשאָלטן. כ׳קוק איצטער, צי מיינע קללות האָבן געהאַט אַ ווירקונג. כאַ־כאַ־כאַ, זכריה, וואָס זיינען יאָרן, האַ? וואָס איז רייכקייט, האַ? מיין מאַן מאַכט פופציק טויזנט דאָלער אַ יאָר. פֿאַראַ־יאָרן האָט ער נאָך מער געמאַכט. כ׳בין גליקלעך מיט מיינע קינדער. דייוויד איז אַ גוטער, ער טוט פֿאַר מיר אַלץ, אָבי איך זאָל זיך שפּירן גליקלעך. אָט זעט איר, האָט ער גענומען און אייך געבראַכט צו מיר... ער ווייס, אַז איך בין פֿאַרכישופֿט געווען פֿון די לוריאס.

— דיין מאַן רייסט אויף פֿעלזן, האַקט אויס אַלטעביימער, פֿאַרלייגט פֿונדאַמענטן און בויט אויף גאַסן. וואָס טוען די לוריאס? אַמעריקע איז צו די חלפנס געווען ווי אַ געטרייע מאַמע. צו די לוריאס — אַ שטיפֿמאַמע. וואָס, ניט, מילדרעד? זאָגסט, לעאָנאַרד איז ניט גליקלעך; און קעראָלאַין? דו, ווי אַ פֿרוי, האָסט איר געדאַרפֿט מיטפֿילן. קעראָלאַין האָט מיר דערציילט ווי דיר לעבט זיך. די לוריאס זיינען ניט קיין פֿאַרביסענע. קעראָלאַין קומט צו דיר אַמאָל, און דו אַהין, כאַ־כאַ־כאַ, שעמסט זיך ניט צו דערציילן, אַז דו האָסט די לוריאס געשאָלטן. נייטן דערמאָנט דיך צום גוטן. איר האָט זיך געמעגט באַגעגענען אַמאָל.

מילדרעד האָט אויסגעווישט די טרערן וואָס זיינען אָנגעלאָפֿן אין די אויגן און זיך באַמיט צו שמייכלען.

— דו האָסט אויך ניט געהאַט קיין חתונה. כ׳ווייס, אין מיר ביסטו ניט געווען פֿאַרליבט. ביסט מיט וויכטיקערע זאַכן געווען פֿאַרנומען. ביסט טאַקע אַ דאָקטאָר? — האָט זי מיט אַמאָל זיך אויפֿגערודערט. — הערסט אויס נאָר מענער, צי די הערסט אויס פֿרויען אויך? כ׳וויל, זכריה, זאָלסט מיין האַרץ אויסהערן און זאָגן וואָס מיט מיר איז, וואָס איז מיט מיין האַרץ...

זי האָט אַרומגעכאַפּט זיין קאָפּ און געדריקט צו איר האַרץ:

— מיין האַרץ איז קראַנק, דאָקטאָר לוריא, כאָטש כ׳בין שוין אַ מאַמע פון קינדער. ס׳איז אויך אַמעריקע אין דעם שולדיק, וואָס לאָזט ניט, אַ פרוי זאָל אַנטשלאָפן ווערן.

זי האָט אַ ווייל שטיל געוויינט, אָבער זי איז באַלד געקומען צו זיך. זי איז אויפגעשטאַנען, צורעכט געמאַכט אויף זיך די קימאָנע, און איז ווידער צוגעגאַנגען צו דאָקטאָר לוריאן.

— אַנטשולדיקט, זכריה, כ׳האָב זיך ניט געקענט באַהערשן. ניט אַזוי האָב איך דיך געדאַרפט באַגעגענען. בין אַ מאַמע פון קינדער. כ׳וויל גוט מאַכן פאַר די קללות וואָס כ׳האָב אויף די לוריאס געוואָרפן. כ׳ווייס, מ׳דאַרף זיך ניט האַלטן גרויס. כ׳ווייס, כ׳האָב אַ סך פאַרלאָרן וואָס כ׳האָב זיך דער־ווייטערט פון אייער וועלט. כ׳ווייס גאַרניט איצטער וואָס ס׳קומט אַפילו פאַר אויף דער וועלט.

דאָקטאָר לוריא האָט געהאַלטן אירע ביידע הענט, האָט געשפּירט, ווי די ברילאַנטן אויף אירע פינגער שניידן זיך קאַלט אין זיין לייב, און אים איז אינערלעך קאַלט געוואָרן. „אַז מ׳האַקט האָלץ, פאַלן שפּענער... זיינען דאָס אויך די שפּענער וואָס זיינען פון דער איסט־סאַיד אַהער פאַרפלויגן? אָדער איז עס דער עיקר בוים מיט זיין שטאַם, וואָרצלען און גרינע צווייגן?״

— איצטער, זכריה, פאַרדריסט מיר, פאַרוואָס אַנשטאַט נייטענען האָב איך זיך אין דיר ניט איינגעליבט יעמאָלט. כ׳האָב דיר געקענט אַ סך העלפן. כ׳געדענק, ווי שווער דו האָסט געאַרבעט. האָסט זיך צו דיינס דערשלאָגן. איך בין רייך, אָבער איך שפּיר מיך אָרים. איך אַליין האָב גאַרניט אויפגעטאָן. אפשר דאָס, וואָס כ׳האָב געבאָרן קינדער... כ׳דאַנק דיר נאָך אַ מאָל, זכריה, וואָס דו האָסט זיך געלאָזט איבעררעדן און ביסט געקומען. מ׳דאַרף צוריק ווערן נענטער. כ׳האָב ניט קיין צופיל פריינט.

דאָקטאָר לוריא איז געשטאַנען אַ צוגעשמידטער צו זיין פּלאַץ. ער האָט געפילט, ווי ס׳בלוט איז אים עטלעכע מאָל געקומען אין פּנים, און איז צוריק אָפּגעפלאָסן. אים האָט איצטער ניט פאַרדראָסן וואָס אויף אַזאַ אומדערוואַר־טעטן אופן האָט ער זיך באַגעגנט מיט דער אַמאָליקער מלכה חלפן און מיט איר מאַן. מ׳האָט געשמועסט אין דער משפּחה, אַז זי לעבט אַ גליקלעך לעבן. צום סוף גאָר! ער אַליין קען ניט באַנעמען פאַרוואָס מ׳איז אַזוי צעריסן מיט דער חלפן־משפּחה, ווען אויף אַזאַ אויסטערלישן אופן האָבן זיך די צוויי משפּחות באַגעגנט ביים אָנקומען אין לאַנד.

— וואָס מאַכט מיסטער חלפן, דער פאָטער? איז ער געזונט?

— ער איז אַלט און שוואַך. ער דערמאָנט אָפט אייער פאָטער. אים דוכט זיך אויס, אַז ער האָט אים ווינציק געשעטיצט. ער איז געוועזן צו האַרט מיט אים. ער דערמאָנט אָפט, אַז די לוריאס האָבן אים ניט ליב געהאַט. איך זע, ז׳ו איילסט זיך, זכריה. ביסט אַ פאַרנומענער מענטש. כ׳וועל דיר אָפּצאָלן פאַר דעם איצטיקן וויזיט.

ווען ער האָט זי גענומען אין זיינע אָרעמס צו געזעגענען זיך, האָט זי שטיל געזאָגט:

— ביסט יעמאָלט געווען אַ קינד, און איך — אַ פרוי. און איצטער ביסטו אַ מאַן, און איך — אַ מאַמע. טראַכט ניט קיין שלעכטס. וועסט זען נייטענען, זאָג אים, אַז איך האָב אים נאָך אַלץ ליב.

קאַפּיטל דרייצן

אַנדערהאַלבן יאָר זײַנען איבערגעלאָפן זינט די רויטהאָריקע רעבעקאַ לוריא האָט דערהערט די קללות, וואָס זײַנען אויף איר זייט געפאַלן אין אַ קעלער־דירה אויף מעדיסאָן סטריט. אַנדערהאַלבן יאָר, זינט די רויטהאָריקע רעבעקאַ האָט באַגריפן, אַז אין אַ קעלער־וואוינונג אויף מעדיסאָן סטריט פינצטערט איר אייגן בלוט — די משפחה פון איר מאַמעס צד, און האָט דערי־בער באַשטימט איבערצורייסן מיט איר גביריש צעלאָזענעם לעבן ביי די סטאַנס.

איר רויטהאָריקע באַבע פּייע האַלפּערן, וואָס איז געלעגן צובעט און זיך צוגעהערט צום ווייטיק אין אירע פון רעוומאַטעס געצונדענע גלידער; די רויטהאָריקע טאַנטע גישע, איר מאַמעס אַ שוועסטער, און צוויי קינדער, אַ יינגל פון עלף יאָר און אַ מיידעלע פון ניין יאָר, אויך רויטהאָריקע; אפילו דער שלים־מזלדיקער שניידער, גישעס מאַן, נאַטע קראַוויץ — אין זיי אַלעמען האָט זי אייגן בלוט דערשפּירט. צווישן זיי, האָט זיך איר אויסגעוויזן, דער־קענט זי איר מאַמען, וואָס איז אין קימפּעט געשטאָרבן. אין ליכט פון אייגע־נעם בלוט האָט זי אין קעלער־שטוב, דורך שמאַטע־שטויב, איר מאַמעס האַרץ דערהערט שלאָגן.

— מעגסט צו זיי אַריבערגיין אַמאָל, קיין שלעכטס האָבן דיר די לוריאס ניט געטאָן. דײַן שטיפשוועסטער, אויב זי האָט דיר ניט דערציילט, אַז דײַן מאַמע האָט אַ מאַמע איבערגעלאָזן, האָט זי דאָך נאָר דײַן גוטס געמיינט.

אָבער ס׳איז געוואָרן רעבעקאַס ליידנשאַפטלעכער פאַרלאַנג אויפצוהייבן די רויטהאָריקע שמאַטע־קלייבער פון זייער שפלות, און דערביי ניט אָנקומען צו דער רייכער שטיפשוועסטער. געגנוג טרערן האָט קעראָלאַין סטאָן פאַר־גאָסן ווען רעבעקאַ האָט פאַרלאָזן ס׳געלעגער ביי איר אין וואוינונג, אַ געלע־גער, אויף וועלכן קעראָלאַין האָט געזען רעבעקאַן „וואַקסן און בליען ווי אַ פרישע בלום״.

און רעבעקאַ, כאָטש זי האָט באַשלאָסן זיין זעלבסטשטענדיק, ניט אָנ־נעמען קיין טובות ביי איר רייכער שטיפשוועסטער, האָט זי דוקא פון זיך ניט דערוויטערט ס׳רייכע זונעלע פון סטאַנס שותף, דעם בלאָנדן, אַ ביסל צע־יוירענעם בענדזשאַמין האַכבערגן, וואָס איז אין איר געווען איינגעליבט ביז איבער די אויערן. דוקא פון אים האָט זי אָנגענומען טובות.

אפילו פון שטיפברודער דאָקטאָר לוריא, ווען זי האָט גאָר צום אָנהויב אַריינגעפירט צו דער באָבען אין קעלער, ער זאָל זי באַטראַכטן און פאַר־גרינגערן אירע ווייטיקן, אפילו פון אים האָט זי ניט געוואָלט קיין נוצן האָבן. אויב אַ דאָקטאָר צו דער באָבען, האָט זי געבראַכט אַ ווילד־פרעמדן מענטשן

און אים געצאָלט מיט געלט וואָס זי האָט גענומען ביי בענדזשאַמין האָכבערג. אין קעלער, זייט־ביי־זייט נעבן דער באָבעס געלעגער, האָט זי אַנידערגעשטעלט פאַר זיך אַן אײַזערן בעטל.

איידער זי איז איינגעשלאָפן האָט די באָבע איר דערציילט וועגן איר, רעבעקאַס, מאַמען, ווי אַזוי זי האָט ביי די חלפנס אין שאָפּ געטשאַכנעט; ווי אין איר האָט זיך דער אַלטער ישראל לוריא איינגעליבט און מיט איר חתונה געהאַט.

— כ׳ווייס, קינד מיינס, — האָט די אַלטע פּייע געזיפצט, — זיינע קינדער האָבן דיין מאַמען ניט פאַרגונען איר גליק. ער האָט זי ליב געהאַט, ממש ער איז פאַר איר אויסגעגאַנגען. אָבער זיי האָבן אין איר אַריינגעלייגט אַלע פינצטערע קללות. ווען זי איז מיט דיר פאַרגאַנגען אין טראָגן, האָט אויף איר די הויט געציטערט. ניט איין מאָל האָט זי פאַר מיר געקלאָגט, אַז די לוריא־קינדער שעלטן זי מיט טויטע קללות.

— האָט זי אַליין געהערט ווי מ׳האָט געשאָלטן?

— מסתמא האָט זי געהערט.

— קען עס זיין, אַז קעראָלאַין האָט אויך געשאָלטן?

— וועגן איר קען איך דיר גאָרניט זאָגן.

— מיינסט, באָבע, אַז זכריה האָט אויך געשאָלטן?

— אים קען איך גאָרניט.

— כ׳ווייס, באָבע, ווער ס׳האָט געשאָלטן. די עלטערע זין האָבן געשאָלטן. זיי האָבן מיך פיינט. כ׳ווייס, זיי האָבן די מאַמע אויך פיינט געהאַט. בין איך שטאַרק געראָטן אין דער מאַמען?

— ווי צוויי טראָפּן וואַסער. ניט מער, וואָס דיין מאַמע האָט די כוחות אַוועקגעלייגט פריער דאָ, געהאָלפן רייבן קויטיקע גרעט, און דערנאָכדעם אין שאָפּ. דיין מאַמע איז אַ שטיק ליכטיקע פאַרשוין געווען.

רעבעקאַ האָט דורך דעם יונגן האָכבערג געפּועלט, מ׳זאָל גישעס מאַן געבן אַרבעט ביי זיין פאָטער אין שאָפּ. בענדזשאַמין האָכבערג האָט פאַר איר אויך געקראָגן אַרבעט אין אַן אָפיס, וואו זי האָט אָנגעהויבן צו פאַרדינען צוועלף דאָלער אַ וואָך. אין די ערשטע פאַר חדשים האָט זי די גאַנצע רויט־האָריקע משפחה אַרויסגענומען פון קעלער און באַזעצט אין אַ דריי צימערדי־קער דירה ערגעץ אין האַרלעם. אין די ערשטע פאַר חדשים איז צו רעבעקאַן צוגעקומען אַ פאַרשעמטער איר צען יאָריקער קאַזין מאָריס און געבעטן, אפשר וועט אים די קוזינע קויפן אַ פידל און קריגן פאַר אים אַ לערער, וועט ער זיך אָנהייבן לערנען שפּילן פידל.

— איך בין ניט דיין קוזינע רעבעקאַ לוריא, כ׳בין דיין טאַנטע ריוועטשע די ליטוועטשקע, — האָט רעבעקאַ געענטפערט. — זי איז געווען אַ בעסערע פון רעבעקאַ לוריא. כ׳וועל פאַר דיר קויפן אַ פידל און דינגען אַ לערער.

אַזוי איז די רויטהאָריקע משפחה אויפגעריכט געוואָרן.

נאָר אויב אין דער לוריא־משפחה האָט מען אויף רעבעקאַס אָפּפרעמדן זיך געביסן די ליפּן און געשוויגן, האָט דוקא ליליען־רות, די גרטע, ליב געהאַט צו פאַרציען וועגן איר אַ שמועס. ווען רעבעקאַ איז אַלט געווען דריי יאָר,

האָט זי ליליען פאַרנומען צו זיך. אינאײנעם מיט איר עלטערן זון איז זי געוואַקסן ביז איר על־טער פון זיבן יאָר.

און אויך ביי רעבעקאַן האָבן מיט אַמאָל די מחשבות אָנגעהויבן זי צו פאַרטראָגן צו דניאל לוריאן אין שטוב אַריין. מיט אַמאָל האָט זיך רעבעקאַן פאַרבענקט כאָטש אַ קוק טאָן אויף דער גרטע. זי האָט ניט געוואוסט, אַז די לעצטע צייט ווערט אָפּט ביי דניאלן דער שלום־בית צעשטערט. און איינמאָל, אומבלאָנדזשענדיק אויף דער איסט־סאַיד, אומגעריכט פאַר זיך אַליין, האָט זי אַ קערעווע געטאָן צו דניאלן. אַריין אין שטוב און אַרויפגעפאַלן דער גרטע אויפן האַלדז, ווי אין איר וואָלט זי אַ ל־ייבלעכע שוועסטער געפונען.

— רעבעקאַ, דאָס ביסטו... דו שלעכט מיידל וואָס דו ביסט! איך האָב דיר קיין שלעכטס ניט געטאָן. פון מיר האָסטו זיך ניט באַדאַרפט אויס־באַהאַלטן. דערצייל מיר, רעבעקאַ, וואָס פאַר אַ גוט יאָר האָט דיך אין מיטן דרינען געבראַכט?

ליליען־רות האָט רעבעקאַן אַרומגענומען, געדריקט צו זיך, ווי אָפּצומעסטן איר גוף. דערנאָכדעם איז זי אָפּגעטראָטן, איינגעקוקט זיך אין רעבעקאַס פּנים און דערקענט זעלבסטשטענדיקייט אין אירע אויגן.

— אַליין, אויף די אייגענע פיס, אַז אַ מיידל שטייט, איז זי עפּעס ווערט, — האָט די גרטע מעשה דערפאַרענע געערעדט. — איך האָב אין דיינע יאָרן קיין שכל ניט געהאַט. דערצייל־זשע מיר, ווי גייט עס דיר, האָסטו טאַקע פיינט געקראָגן די ל־וריאס? ווילסט זיך מער מיט זיי ניט באַגעגענען? ביסט געערכט. איך האָב זיי אויך ניט ליב מער.

רעבעקאַן האָט ס׳בלוט אַ שלאָג געטאָן אין קאָפּ אַריין. תחילת האָט זי אַ לאַך געטאָן, ווי ליליען וואָלט איר דערציילט אַ שפּאַס. זי האָט אומגעריכט באַמערקט ביי דער גרטע אין די אויגן אַ פרעמד פייערל.

— האָסט ניט ליב די לוריאס? — ד־האָט רעבעקאַ אומעטיק געפרעגט. — דניאל איז דאָך אויך אַ לוריא. אים האָסטו דאָך אַזוי ל־יב געהאַט.

ליליען האָט אָנגעקוקט רעבעקאַן און געשוויגן.

— מיינסט עס ניט ערנסט, ליליען. כ׳גלויב דיר ניט.

— איך באַרים זיך ניט מיט דעם. מיר פאַרשאַפט עס אומזיסטיקע פיין. איך האָב אַ גרונט צו שפּירן זיך פרעמד. איך שטאַם דאָך פאָרט פון אַן אַנדער פאָלק.

— האָסט ליב געהאַט יידן.

— יעס, רעבעקאַ.

— און איצטער?

— ווען איך האָב באַגעגנט דניאלן, האָבן די יידן אָנגעהויבן לויפן אַהער פון רוסלאַנד. כ׳האָב אויף זיי געהאַט רחמנות. איצטער איז שוין אַנדערש. זיי האָבן זיך דאָ אַרויפגעאַרבעט. לאָזן זיך ניט באַליידיקן מער. איצטער קוק איך אויף יידן מיט אַנדערע אויגן. ס׳פאַרדריסט מיר ניט וואָס כ׳האָב פאַרלאָזן מיין פאָלק און מיין גלויבן. איך האָב פאַר דיר אַן איירישן בחור. מיינער אַ קאָזין. אויך אַ גראַנט. מייקל גראַנט. ער איז אַ דענדי. פיר און צוואַנציק יאָר אַלט, פאַרדינט פערציק דאָלער אַ וואָך.

רעבעקאַ ד־האָט געהערט און ניט געגלויבט אירע אויערן. „צי איז דאָס די אייגענע ליליען וואָס האָט אַזוי פרום געבענטשט ליכט און געפירט דייווידן

אין תלמוד תורה אַריין? איז דאָס די אייגענע ליליען־רורי̈ט וואָס האָט אַכטונג געגעבן, זי, רעבעקאַ, זאָל ניט אַ כאַפּ טאָן אַמאָל אַ מילכיק לע̈פעל און שטעקן אין פליישיק־זופּ אַריין? זי שעמט זיך גאָרניט דערציילן, אַז זי האָט מער די יידן ניט ליב...״

רעבעקאַן האָט אַ ציִ געטאָן צו דער גרטע. זי האָט אַרומגעכאַפּט ליליענס קאָפּ, געדריקט צו זיך, און אַליין ניט באַגריפן וואָס פאַר אַ כּוח עס צווינגט זי דאָס צו טאָן.

— וואָס איז, רעבעקאַ? האָסט נאָך אַלץ ליב דיין אַמאָליקע שטיפמאַמע? איך און קעראָלאַין, מיר ביידע האָבן דיך אויסגעהאָדעוועט. וואָס׳אַי, רעבעקאַ, וויינסט?

רעבעקאַ האָט ניט געפיל̈ט ווי די טרערן האָבן אויפגעקוואָלן און אַוועק־געראָנען איבער די באַקן. ס׳איז קעגן איר ווילן געשען. ס׳האָט זי געצויגן, אַזוי מיט אַ געבויגענעם קאָפּ, אַרויס פון שטוב און מער זיך ניט ווייזן פאַר דער פרוי וואָס איז אַזוי אַפּנהאַרציק געווען מיט איר.

— רעבעקאַ... — האָט ליליען אַנגעשטעלט אויף איר די בלויע אויגן. — האָסט אַרויסגעוויזן אַזויפיל כאַראַקטער, געקענט פועלן ביי זיך איבערצורייסן מיט די לוריאַס, און מיט אַמאָל גאָר...

— גאָרניט, גאָרניט, ליליען, — האָט רעבעקאַ זיך באַמיט צו שמייכלען. — דאָס זיינען נאָר פרויען אַזוי, וואָס, ניט? דו ד̈האָסט אויך פריער געדעדט נאַרישקייטן. וועסט מיר ניט איינרעדן, אַז דו האָסט פיינט געקראָגן דניאל̈ן צוליב דעם וואָס ער איז אַ ייד.

— דניאל האָט מיך מער ניט ליב.

— אויך אַן איינרעדעניש. אַ יידישער מאַן טוט ניט אַזאַ זאַך.

— דו האָסט ניט געהערט וואָס איך האָב דיר פריער געזאָגט.

— מיר פעלן ניט קיין יידישע בחורים, — האָט רעבעקאַ טרוקן אָפּגע־ענטפערט, און נאָך אַלץ געפאַרשט דעם אויסדרוק אין ליליענס פּנים. — איך זוך ניט קיין בחורים.

— דייוויד גייט אויס מיט אַ מיידל פון מיין פאָלק. כ׳בין גליקלעך וואָס ס׳ציט אים צו אייגן בלוט.

רעבעקאַ האָט געפיל̈ט ווי איר אינגעווייד ווערט איינגעשרומפּן. זי האָט דערפילט אַ ווייטיק אַרום האַרצן. איר אייגענער קאַפּריז צו זיין זעלבסט־שטענדיק, דער אומקלאָרער געפיל, וואָס האָט זי מיט אַנדערהאַלבן יאָר צוריק ווי אַ שטורעם אויפגעוועקט פון שלאָף, געצוואונגען גיין זוכן אייגן בלוט וואָס פינצטערט אין אַ דומפּן, פאַרשטויבטן קעלער, האָט איצטער פאַר איר געהאַט אַן אַנדער זינען. „איך האָב קעגן קיינעם, קיינעם ניט געזינדיקט. ווען איך לויף פון אָרימקייט און באַהאַלט זיך אויס הינטער אַ רייכער פלייצע, וואָלט עס אַנדערש געווען. איך בין געלאָ̈פן פון אַ רייכער ד̈היים, געלאָפן ראַטעווען מיין נשמה אין אָרימקייט. אָבער דאָס וואָס זי האָט פאַר מיר אויפגעדעקט...״

— כ׳האָב דיך, ליליען, אַזוי לאַנג, אַזוי לאַנג ניט געזען; נעמסטו און דערציילסט מיר אַזעלכע שרעקלעכע זאַכן. צוליב וואָס האָסטו עס געטאָן? קלערסט אוודאי, אַז איך האָב פיינט געקראָגן די לוריאַס. מיין טאַטע איז געווען ישראל לוריא. כאָטש איך האָב אים ניט געקענט, פיל איך צו אים

ווי מען פילט צו אייגן בלוט. גיין, כ׳האָב זיי קיינמאָל ניט געהאַט פיינט. דו האָסט זיי אויך ליב געהאַט.

— פאַרגיב מיר, רעבעקאַ. כ׳האָב געמאַכט אַ מיסטייק. כ׳האָב דיך אַנדערש פאַרשטאַנען. פאַרגיב מיר, טייערע. אָבער סיי־ווי, בעט איך דיך, אויב דו האָסט זיך באַוויזן, וועט מער ניט פאַרפאַלן. דניאל וועט זיך פרייען, כ׳וועל אים דערציילן, אַז דו ביסט פלוצלונג ווי פון הימל אַראָפּגעפאַלן.

רעבעקאַ האָט זיך אַן ווערטער געזעגנט מיט דער גרטע און איז אַרויס דרויסן. דער קאָפּ האָט זיך איר געדרייט. זי האָט פאַרווירט געקוקט, דורך וואָס פאַר אַ גאַס זי זאָל זיך לאָזן גיין.

ס׳איז געווען אַ הייסער פאַרנאַכט. קינדער מיט די פופקעס צום דרויסן האָבן די גאַסן פול געמאַכט מיט זייערע געשרייען. איר איז אָנטקעגן געקומען איר אייגענע קינדהייט אין די אייגענע גאַסן, און אַ בענקעניש האָט זי אָנגעכאַפּט אַוועקצולאָזן זיך צו קעראַלאַין — זי איבערבעטן. איר האָט זיך אויסגעדוכט, אַז מיט איר האַנדלונג איז זי געוואָרן אַ שותפטע צו דער גרטע. יענע האָט פיינט די לוריאס, אוודאי צוליב דעם וואָס זיי זיינען יידן, און זי... זי פרוואווט זוכן אַ באַרעכטיקונג פאַר איר גראָבער באַנעמונג מיט איר שוועסטער, וואָס האָט פאַר איר אַ שטיק לעבן אַוועקגעגעבן.

ס׳קומען איר פאַרן דמיון אַן אַלע פאַלן ווען זי האָט דערפירט איר שטיפשוועסטער ביז טרערן, און איר האָט הנאה געטאָן צו זען קעראַלאַין אַ נידערגעשלאָגענע. אין דער רגע געפינט זי ניט קיין באַרעכטיקונג אויף אַזאַ האַנדלונג. „כ׳האָב מיט זיי ניט געדאַרפט איבעררייסן. האָב געקענט דער באָבען אַ סך מער אַרויסהעלפן ווען איך פאַרפרעמד זיך ניט אַזוי שטאַרק״.

פונדעסטוועגן האָט זי תיכף חרטה געהאַט, און באַשטימט אָפּצולייגן דעם באַזוך ביי קעראַלאַין. זי וואָלט שטאַרק וועלן טרעפן דניאלן, רעדן מיט אים, אויספרעגן, צי איז דאָס אַלץ אמת וואָס ליליען האָט איר אין אַזאַ קורצער ווילע אָנגעדערציילט.

מיט די אויגן צו אירע אייגענע טריט האָט זי געבלאָנדזשעט פון גאַס צו גאַס, ביז גאָר אומגעריכט פאַר זיך אַליין איז זי געבליבן שטיין ביים אריינגאַנג צו דאָקטאָר לוריאן אין אָפיס. אַן אומבאַגרייפלעכער כוח האָט זי אַ שטויס געטאָן, ניט באַקלערטערהייט, בלויז אַ סוף צו מאַכן צום משוגענעם קאַפּריז, וואָס האָט זי אָפּגעריסן פון בלוט־אייגענע, איז זי אַריין צו איר שטיפברודער אין אָפיס אַריין.

זי האָט זיך באַנוצט מיט דעם מאָמענט וואָס דאָקטאָר לוריא איז אין אָפיס ניט געווען, אַריין אין שלאָפצימער, וואו ניט איינמאָל האָט זי פאַרבראַכט ביז שפּעט אין דער נאַכט מיט איר שטיפברודער.

ערשט איצטער, איינע אַליין, האָט דער געדאַנק ביי איר אָנגעהויבן צו אַרבעטן שנעל. זי האָט זיך געוואָלט פאַרשטעלן, וואָס פאַר אַן איינדרוק זי וועט מאַכן אויף דאָקטאָר לוריאן ווען ער וועט זי דערזען. וואָס אַזוינס וועט ער איר זאָגן, ווען נאָך גאַנצע אַנדערהאַלבן יאָר פון כסדרדיקן אויסבאַהאַלטן זיך וועט ער זי צום ערשטן מאָל באַגעגענען ביי זיך. און וואָס וועט זי אים זאָגן, מיט וואָס וועט זי זיך פאַרענטפערן פאַר איר משוגענער האַנדלונג? און צי וועט זכריה דאָס מאָל זיין צו איר אַזוי גוט ווי ער איז געווען אַמאָל...

זי האָט זיך עטלעכע מאָל אויפגעד־הויבן מיט דער דעה שטיל אַרויס־צוגיין, אַוועק פון וואַנען זי איז געקומען. אָבער דער כוח, וואָס האָט זי אַרויס־געפירט אויף דעם גלייכן וועג, האָט ניט געלאָזן זי זאָל ווידער בלאָנדזשען. די צייט האָט זיך געצויגן. איר האָט אויסגעוויזן, דער שטיפברודער וועט גאָר קיינמאָל ניט אַריינקומען.

אמת, ווען דאָקטאָר לוריא איז אַריין אין שלאָפצימער, און ווען ער האָט באַמערקט אויף זיין געלעגער זיצן זיין רויטהאָריקע שטיפשוועסטער, האָט ער עס אַזוי נאַטירלעך אָנגענומען, ווי ער וואָלט געוואוסט, אַז זי זיצט דאָרט און וואַרט אויף אים.

— ווייסט מיך ניט אַרויסטרייבן, זכריה? — האָט זי, אַ צונויפגעקאָרטשע־טע, פון איר פּלאַץ געפרעגט, און ניט אַראָפּגענומען די אויגן פון אים.

דאָקטאָר לוריא האָט איר אויסגעזען העכער און שטרענגער.

— אויב דו רעכנסט, אַז איך האָב דיך געדאַרפט אַרויסטרייבן, האָסטו אפשר ניט געדאַרפט קומען.

— אוודאי האָב איך ניט געדאַרפט ד־האַנדלען ווי איך האָב.

— דאַרפסט זיך ניט פאַרענטפערן. האָסט געהאַנדלט ווי דיר האָט דיין געוויסן אונטערגעזאָגט.

— כ׳האָב אַ שלעכט געוויסן.

— אוודאי האָסטו ניט געדאַרפט אַזוי זיך אָפּרייסן.

— כ׳האָב געוואָלט אויף די פיס אַוועקשטעלן די איינציקע, וואָס דער־מאָנען מיר מיין מאַמען.

— דאָס איז מיר דווקא געפעלן געווען. האָסט נאָר געהאַנדלט ניט קלוג, ווען דו האָסט פון קיינעם ניט געוואָלט נעמען קיין הילף.

— איך בין געווען פאַרביטערט, וואָס איר האָט מיך אַזוי דערצויגן, כ׳זאָל ניט טראָגן קיין פאַראַנטוואָרטלעכקייט אין לעבן. קוק מיך ניט אָן אַזוי שטרענג, זכריה.

דאָקטאָר זכריה לוריא האָט ניט אַראָפּגענומען קיין אויג פון רעבעקאַן. ס׳איז ניט געווען די אַמאָליקע פאַריסענע יתומה, וואָס האָט זיך געהאָדעוועט אין אַ רייך הויז, און פאַרמאָגט אַ סך אומבאַוואוסטזיניקע שלעכטסקייט. איצ־טער האָט רעבעקאָ אים אויסגעזען דערוואַקסענער. עפּעס יינגלשעס איז געווען אין איר לענגלעכן, שאַרפן פנים און הויכן שטערן, אונטער רויטע, גע־קרויזטע האָר. ער האָט געוואוסט, אַז זי אַרבעט אין אַן אָפיס און וואוינט אינאיינעם מיט איר טאַנטע. ביי אַ געלעגנהייט האָט ער זיך פון יונגן האָכבערגן דערוואוסט, אַז זי האָט באַשלאָסן קיינמאָל זיך מער ניט צונויפקומען מיט די לוריאס.

ער האָט זיך געהאַלטן רואיק, געוואַרט, ווען זי וועט אָפנהאַרציק זיין און אַרויסגעבן די סיבה וואָס האָט זי געבראַכט צוריק. ער איז געווען זיכער, אַז זי איז ניט געקומען נאָך אַ מאָל זיך חשבונען פאַר די עולות, וואָס מ׳האָט, לויט איר באַגריף, באַגאַנגען צו איר פאַרשטאָרבענער מוטער.

— ווי קומסטו פּאַרט אַד־הער אַזוי אומגעריכט? — האָט דאָקטאָר לוריא פאַרזיכטיק אָנגעהויבן. — מיר איז געפעלן געווען וואָס, כאָטש ניט באַרעכ־

טיקט, האָסטו זיך אָנגענומען מיט אַזויפיל שנאה צו די, וואָס האָבן דיין מוטער פאַרשאָלטן. אָבער צי גלויבסטו, אַז קריינדל האָט דיין מוטער פאַרשאָלטן? אמת, איך געדענק גוט, ווען אונזער פאָטער האָט באַשטימט חתונה צו האָבן דעם אייגענעם יאָר וואָס אונדזער מוטער איז געשטאָרבן, האָט קריינדל זיך דערשפּירט אומגליקלעך. די ברידער האָבן זי ניט געקענט טרייסטן. אָבער שפּעטער איז קריינדלען אַלץ געבליבן די געטרייע מאַמע צו אַלעמען, אפילו צו ריוּוטשען, ווי דיין מוטער האָט געהייסן.

— איך האָב אַלע יאָרן געבענקט נאָך אַ מוטער.

— האָסטו עס דאָרטן אין קעלער אויף מעדיסאָן סטריט געפונען?

— זיי זיינען מיר נאָענט. אייגן פלייש־און־בלוט.

— דאָס איז גוט. דאָס געפעלט מיר ביז גאָר. וואָס טוסטו?

— איך דאַרף צו קיינעם ניט אָנקומען.

— ניט דאָס האָב איך געמיינט צו פרעגן.

— וואָס דען מיינסטו?

— מיט וואָס פאַרטרייבסטו דיין פרייע צייט?

— איך ד'האָב ווינציק פרייע צייט.

— וואו וואוינסט איצטער, כ'מיין דיינע לייט?

— אין האַרלעם.

אַ וויילע האָבןביידע געשוויגן. רעבעקאַ האָט געהאָפט, דאָקטאָר לוריא וועט איר פאַרלייגן, מ'זאָל זיך באַגעגענען אפשר ביי דער שוועסטער. ווען זי איז אַריינגעקומען האָט זי געקלערט דערציילן, אַז זי איז געווען ביי דניאלן, און די גרטע האָט אַזוי אויף איר געווירקט, זי זאָל דערשפּירן אייגן בלוט אין אַלע שטיפברידער אירע. זי האָט אָבער ניט געפונען די פּאַסיקע ווערטער אָנצוהייבן.

— יעס, רעבעקאַ, — איז דאָקטאָר לוריא צוגעגאַנגען, אַראָפּגענומען דעם הוט פון איר קאָפּ און געגלעט אירע פלאַם־רויטע האָר. — אויב דו ביסט צוריקגעקומען, ביסטו געקומען אַ בעסערע ווי דו ביסט געווען מיט אַנדער־האַלבן יאָר צוריק. ביסט אַוועק מיט ליידיקן. האָסט אונדז פאַרמשפּט. ביסט געווען גערעכט. אויב דו האָסט געהאַט פאַרדראָס, הלמאי מ'ד'האָט דיך דערצויגן אין לוקסוס, אַנשטאָט דו זאָלסט וואַקסן ביי דער באָבען אין קעלער, ביסטו גערעכט. כאָטש אינגאַנצן קלוג איז דאָס ניט. וואוהין וואָלסטו דער־גרייכט, ווען דו וואַקסט ביי דיין באָבען, און, ווי דיין טאַנטע, קלייבסטו איבער שמאַטעס?

— וואָס האָב איך אַזוי דערגרייכט?

— דאָס וועסטו וויסן שפּעטער. האָסט חשק אַראיבערצוגיין זיך זען מיט קריינדלען, וועל איך מיט דיר צוגיין.

— איך קלייב זיך ניט גיין צו איר לעבן.

— וועסט ניט אַרימער ווערן, ווען דו וועסט צוריק זיך אומקערן צו דיינע ברידער און צו דיין שוועסטער וואָס הייסט קעראָלאַין סטאָן. קיינער וויל פון דיר ניט אַוועקרויבן דיינע געפונענע קרובים. איז דאָס אמת, אַז דו ביסט געגאַנגען אין פּיקעט־לאַין, ווען מ'האָט געסטרייקט ביי לעאָנאַרדן?

— ווער האָט עס דערציילט? — איז רעבעקאַ בלאַס געוואָרן.

— מ׳האָט דיך געזען.

— ווער האָט מיך געזען, לעאָנאַרד?

— זיי ניט צעשראָקן. אויב ס׳איז אמת, געפעלט עס מיר נאָך מער.

דערביי האָט ער אַרומגענומען איר רויטן קאָפּ און געדריקט צו זיין האַרץ, געגלויבט, אַז זיין פאַרלאָרענע שטיפשוועסטער האָט ווי אַ לייבלעכע שוועסטער זיך אומגעקערט צוריק.

קאַפּיטל פּערצן

— זאָל מען אויפהערן באַדערן מיטן יידישן פאָלק! מ'וואָלט שוין געהאַט אַ טשענס פריי אָטעמען, פאַרגעסן, אַז מ'איז אַמאָל געקומען אַהער פון פינצטערן רוסלאַנד, לאָזט מען דעם קאָפּ ניט אויפהייבן. ווער דאַרף דאָ האָבן די זשאַרגאָנישע פּייפּערס? זאָל מען בעסער טרייבן די גרינהאָרנס, זיי זאָלן זיך אַמעריקאַניזירן. לאָזן די קינדער גיין אויף זייער אייגענעם וועג, ווערן אַמעריקאַנער פּאַטריאָטן און אָרנטלעכע לייט. איך בין דעם יידישן פאָלק גאָרניט שולדיק געבליבן. יעס סער!

די דאָזיקע דרשה האָט רואיק, ציילנדיק די ווערטער, אַנידערגעלייגט דייוויד זילבערמאַן. ער איז אויסן געווען, אַז דאָקטאָר לוריא, וואָס האָט מיט אַ ווייל פריער באַליידיקט די אויפגעקומענע גבירים, זאָל זיך עס גוט אַריינגעמען אין קאָפּ אַריין.

ס'איז געווען אַ וואַרימער זונטיק אויף דער נאַכט ביי די סטאַנס אין הויז, ווען אַ טייל פון דער לוריא־משפחה האָט זיך צונויפגעקליבן לכבוד די זילבערמאַנס, וואָס זיינען דאָס מאָל געקומען, כדי אַ סוף צו מאַכן צום לאַנגיאָריקן ברוגז, וואָס האָט זיך אַנטוויקלט נאָך דער טרויעריקער ליבע צווישן מילדרעד זילבערמאַן, דער אַמאָליקער מלכה חלפן, און נייטן לוריא. מילדרעד זילבערמאַן, זינט זי האָט זיך אָנהויב זומער צופעליק באַגעגנט מיט דאָקטאָר לוריאַן, האָט אַליין ניט גערוט, געוואָלט אַ סוף מאַכן צו דער אומנויטיקער שנאה, וואָס האָט צעריסן אויף יאָרן די לוריאס מיט דער חלפן־משפחה.

דניאל לוריא האָט פאַרשפּעטיקט. האָט מען דעריבער אָנגעצויגן דעם שמועס וואָס ער האָט די לעצטע צייט אויסצושטיין פון זיין ווייב, און צוליב זיין עלטערן זון, וואָס קלייבט זיך חתונה האָבן מיט אַ ניט־יידיש מיידל. קעראָל־אַין האָט באַדויערט, וואָס ביי דניאלן אין שטוב איז קיין שלום ניטאָ. מילדרעד איז אינגאַנצן געווען פאַרנומען מיט דער גרויסער געשעעניש, וואָס זי קען זיצן אַזוי נאָענט צום מענטשן וואָס האָט פון איר „האַרצן שטיקער געריסן". דאָס אייגענע אויף איר אופן האָט איבערגעלעבט דינה לוריא זייט־ביי־זייט מיט דער אויפגעקומענער גבירטע און מאַנס אַמאָליקער כלה. שפּעטער זיינען די פרויען אַוועק צו קעראָלאַין אין שלאָפצימער און דאָרטן אַרומגערעדט משפחה־ און הויז־ענינים.

צווישן די געסט איז אויך געווען מיסטער מייקל האָכבערג, אַ שווערער ייד מיט אַ בלאָנדן פליך — לעאָנאַרד סטאַנס שותף, וועמען דניאל לוריא האָט אין קאָפּ אַריינגעשלאָגן עטלעכע ציוניסטישע געדאַנקען. ער האָט געשפּירט, אַז זילבערמאַן האָט זיך מיט זיינע רייד באַנאַרישט. ער האָט אַ ווייל אַריבערגעקוקט צו די יינגערע, אפשר וועלן זיי אויף דעם ענטפערן.

— איר האָט אַ ביסל רעכט, מיסטער זילבערמאַן, — האָט האָכבערג אַריבערגעקוקט צו דאָקטאָר לוריאַן, געוואָלט דערקענען וואָס פאַר אַן איינדרוק זיינע רייד וועלן מאַכן, — ווען איר זאָגט, אַז מ׳דאַרף טרייען, די גרינע זאָלן זיך אויסגרינען, און לאָזן די קינדער גיין אויף זייער אייגענעם וועג. בין מסכים מיט אייך, אַז די זשאַרגאָנישע פּייפּערס זיינען אַ נאָנסענס. ווען מ׳פּאָבלישט ניט פאַר די גרינע די פּייפּערס, וואָלט זיי זיך גיכער אויסגעלערנט ענגליש. אָבער דאָס יידישע פאָלק, — כ׳בין פּראָוד וואָס כ׳בין אַ ייד.

— וואָס איז די שמחה מיט אייך וואָס איר זייט אַ ייד? — האָט מיט אַ שמייכל נייטען לוריא זיך אָפּגערופן.

— כ׳בין ניט קיין סאָשיאַליסט, מיסטער לוריא; כאָטש איך בין מסכים מיט מיסטער זילבערמאַנען, פונדעסטוועגן וואָלט מיר שטאַרק וויי געטאָן, ווען מיין זון פירט זיך אַרום מיט אַ ניט־יידיש מיידל.

— ווער האָט אייך איינגעשמועסט, אַז די סאָציאַליסטן ווילן אומברענגען ס׳יידישע פאָלק? — האָט נייטן לוריא ניט געוואָלט אָפּלאָזן. — ס׳איז פאַראַן אַ ווייטער מהלך צווישן דעם וואָס אונדזער אויפגעקומענע בורזשואַזיע וויל, און וואָס סאָציאַליסטן ווילן. מענטשן פון אייער שניט, וואָס זיינען אַהער אַריבערגעקומען מיט אַ פאָר צענדליק יאָר צוריק און האָבן זיך דאָ אַרויפגעאַרבעט, — איר זייט שרעקלעך דאַנקבאַר אַמעריקע פאַר די חסדים וואָס מ׳האָט אייך דאָ געטאָן, געלאָזט, איר זאָלט זיך דאָ אויסלייגן ווי ביים פעטער אין וויינגאָרטן. כאָטש איר רעדט פון אַ יידיש פאָלק, פונדעסטוועגן ווילט איר, אַ נס זאָל געשען, איר זאָלט ווערן אויס יידן.

— עקסקיוז מי, מיסטער לוריא, — האָט מייקל האָכבערג אים איבערגעשלאָגן. — ס׳איז אַ ביל־בול. ס׳יידישע פאָלק איז מיר טייער. איר, סאָשיאַליסטס, וואָלט פאַר אייער סאָשיאַליזם אַוועקגעגעבן ס׳גאַנצע יידישע פאָלק.

— די סאָציאַליסטן גיבן אַרויס אַ זשאַרגאָנישן פּייפּער, זעט איר דאָך!

— מ׳קען אויף דער זשאַרגאָנישער שפּראַך אויך פירן יידן צו שמד.

— איך זאָג מיר מיינס, — האָט מיסטער זילבערמאַן זיך באַמיט צו האַלטן רואיק. — איך האָב ניט קיין קלאָדינג שאָפּ, און מיך אַרט ניט, וואָס די סאָשיאַליסטן טוען. דאָס וואָס זיי פּריטשן, גייט מיר ניט אָן. כ׳הער, אַז דניאל לוריא נעמט זיך דאָס לעבן צוליב דעם, וואָס דער עלטערער זון וויל חתונה האָבן מיט אַן אַמעריקאַנער מיידל; און איך זאָג, דאָס איז אַ גליק. יעס סער, — האָט ער אַריבערגעקוקט צו דאָקטאָר לוריאַן, וואָס איז געזעסן פאַרטאָן אין זיך. — איר מעגט עס הערן. איך וויל, אונדזערע קינדער זאָלן אויסוואַקסן אַמעריקאַנער פּאַטריאָטן, ניט קיין רוסישע פּאַטריאָטן. איר האָט קלאָמפּערשט פיינט רוסלאַנד, אָבער איר וואָלט חשק געהאַט, דאָ זאָל ווערן אַ צווייטע רוסלאַנד. מיין לאָיער, מיסטער קורטיס, האָט עס מיר קלאָר און אָפן אַריינגעזאָגט. איר, יידן, — האָט ער מיר געזאָגט, — זייט ניט קיין פרענדס פון אייער נייעם פאָטערלאַנד. — ער איז גערעכט. פיר און צוואַנציק יאָר דאָ אין לאַנד, און אַנשטאָט וואָס די ערשטע האָבן ניט געדאַרפט פאַרגעסן פון וואַנען זיי זיינען געקומען, אַז איך פאַרבלאָנדזשע אַמאָל אויף דער איסט־סייד, שטינקט עס דאָרט ווי אין רוסלאַנד.

— ווי ווייט זייט איר שוין פון דער איסט־סאַיד? — האָט דאָקטאָר לוריא אויפגעהויבן די אויגן צו זילבערמאַנען.

זילבערמאַן איז רויט געוואָרן, אַנגעשטעלט די אויגן אויף דאָקטאָר לוריאַן, און ניט געוואוסט וואָס צו ענטפערן.

— איך פרעג ניט ווי לאַנג. כ׳ווייס, אַז איר זייט שוין ביי צוועלף יאָר פון דער איסט־סאַיד; איך וויל וויסן, ווי ווייט זייט איר אַוועק פון דער יידישער גאַס?

— כ׳בין נאָך דערוויילע אינערגעצן ניט אַוועק, ביקאָס מ׳לאָזט ניט.

— ווער לאָזט אייך ניט, די יידן, צי די קריסטן?

— איך פאַרשטיי אַלץ ניט, וואוהין איר צילט.

— איר זייט ניט דער ערשטער און ניט דער איינציקער וואָס וויל צו פרי פון דער אייגענער פעל אַרויסקריכן. איך קום אַריין צו דייטשע פּאַציענטן, טאַטע־מאַמע און קינדער רעדן דייטש; דאָ דרוקט מען דייטשע צייטונגען פאַר די גרינע דייטשן, פאַרוואָס אַרט עס אייך ניט?

— די דייטשן האָבן אַ גרויס פאָטערלאַנד אין דייטשלאַנד. און וואָס האָבן מיר דהינטער אונדז געלאָזן, רוסלאַנד? אויסמעקן פון מעמאָרי רוס־לאַנד, מיט דער זשאַרגאָנישער שפּראַך וואָס איז אַהער אריינגעשוואומען אינאיינעם מיט די גרינע!

— איר וועט שוין סיי־ווי צוקוקן ווי אייערע קינדער וועלן שווימען אין אַמעריקאַנער לעבן אַריין; און איר, ווי די הון, וואָס האָט אויסגעזעסן קאַטש־קעלעך, שטייט ביים ברעג טייך, קוואָקעט, און ציטערט קוקנדיק ווי די קאַטשקעלעך האָבן זיך אַוועקגעלאָזן אויפן וואַסער און שווימען אַוועק. איר וועט נאָך קוואָקען, ווי אונדזער דניאל טוט עס.

אויף דעם איז אַנגעקומען דניאל לוריא. געקומען אַליין, אָן זיין גרטע.

אַלעמענס אויגן זיינען אַוועק צו דניאלן. דער פריערדיקער שמועס איז איבערגעריסן געוואָרן.

דניאל האָט באַטראַכט די אָנוועזנדיקע, האָט ניט פאַרשטאַנען, פאַרוואָס אַלע זיינען אַזוי שטיל געבליבן.

— פון וואָס האָט איר דאָ געשמועסט? — האָט זיך דניאל געווענדט אויף דער זייט וואו זיינע ברידער זיינען געזעסן. — איר האָט זיך אוודאי דערמאָנט אין די צייטן ווען מען איז געלעגן צען איילן אין דער אדמה... פרייט מיך אייך דאָ צו זען, — האָט ער אויסגעשטרעקט די האַנט צו זילבער־מאַנען. — מילדרעד מסתמא אויך פאַראַן. ווען מיין ליליען זאָל עס וויסן.

— כ׳הער, אַז איר האָט געראָטענע קינדער, — האָט זילבערמאַן אַרויפּ־געקוקט צו דניאלן.

דניאל איז אומעטיק געוואָרן. אויף זילבערמאַנס באַמערקונג האָט ער ניט געענטפערט. אים איז אויסגעקומען, ווי ער איז דער שולדיקער אין דעם וואָס אַלע זיצן שטיל.

— פון וואָס האָט איר פאַרט געשמועסט? — איז דניאל צוגעגאַנגען צו נייטענען.

— מ׳האָט דיך דערמאָנט צום גוטן. מיסטער זילבערמאַן גלויבט, אַז פאַר יידן אין אַמעריקע איז צום גלייכסטן זיי זאָלן זיך אויסשמדן; און מיר

האָבן גענומען דיך פאַר אַ ביישפּיל, ווי ווייט דו קעמפסט דערפאַר, אַז דאָס יידישע פאָלק זאָל דאָ חלילה פאַר גרויס וואוילטאָג ניט אונטערגיין.

— האָסט ניט וואָס חוזק צו מאַכן אויף מיין חשבון, — האָט דניאל זיך אָנגעברוגזט.

— איך טרייב ניט קיין שפּאַס אויף דיין חשבון. אונדזערע אַמאָליקע איסט־סאַידער, וואָס זיינען געוואָרן אַלראַיטניקעס, האָבן זיך נעבעך ניט וואו אויסצובאַהאַלטן, כדי פאַר דער צייט אַריין אין אַמעריקאַנער גן־עדן.

— עקסקיוז מי, מיסטער לוריאַ, — האָט זילבערמאַן פּראָטעסטירט. — רוף מיך ניט אַלראַיטניק. איך געהער ניט צום שלאַכטפעלד וואו דו ביסט גענעראַל. טו.העל מיט דעם גאַנצן קלאַסן־קאַמף!

לעאָנאַרד סטאָן, כאָטש ער האָט די גאַנצע צייט געשוויגן, איז בלאַס גע־וואָרן און אויפגעשטאַנען. ער איז צוגעגאַנגען צו נייטענען, און מיט אַ ביטערן שמייכל געזאָגט:

— ביסט, נייטן, דער אייגענער האַרטער מענטש. דאַרפסט ניט מאַכן פאַון, אָפּלאַכן פון מענטשן.

— עקסקיוז מי, לעאָנאַרד, — האָט זילבערמאַן זיך ווידער געוואָלט אַרויסהעלפן. — זיין פילאָזאָפיע איז מיר ניט קיין פרעמדע. וואָס איז די דיפרענס? ער וויל, יידן זאָלן בלייבן אַרבעטער, ווערן סאָשיאַליסטס און ווערן אויס יידן; און איך וויל, אַז יידן זאָלן דאָ אין לאַנד אויסנוצן די פרייד־הייט וואָס זיי געניסן און ווערן גוטע אַמעריקאַנער פּאַטריאָטן. יעס, דניאל, — האָט זיך זילבערמאַן געווענדט צום אומעטיקן דניאלן, — מ'האָט גערעדט וואָס פאַר אַ הייסער ייד דו ביסט, אַ זאָיאָניסט, און האָסט טראָבל אין שטוב.

— דער וואָס האָט ניט קיין טראָבל ביי זיך אין שטוב, איז ניט דער גליקלעכסטער, — האָט דאָקטאָר לוריא באַמערקט. — אונדזער לעבן דאָ זעט אויס אין מיינע אויגן ווי אַ גאָרטן, וואָס אַ גערטנער האָט אויפגעגראָבן. אַ פעט שטיק ערד, פאַרזעצט אין דער ערד פון אַלדאָסגוטס, און האָט אַליין ניט קיין שום רשות איבער דעם וואָס וועט גערוואַקסן אין גאָרטן. דאָס, וואָס דו, נייטן, מיינסט, אַז אַזוי גרינג וועט אויסקומען יידן זיך אויפצולייזן אין דער נייער צייט, ווען ס'איז שוין צונויפגעשטעלט געוואָרן דער רעצעפּט ווי צו מאַכן, אַז פון אַלע פעלקער אויף דער וועלט זאָל ווערן איין פאָלק, אַן אַרבע־טער־פאָלק, איז נאָך גאָר קיין באַווייז ניט, אַז אין דער עפּאָכע פון יידישע פּאָגראָמען וועט דער דאָזיקער נס געשען. מיר לעבן אין דער פּאָגראָם־עפּאָכע, וואָס דעקט אויף פאַר יידן דוקא דעם וועג צו זיך. דער ציוניזם איז אַ באַוויז אויף דעם.

— וואו פּאָגראָמירט מען יידן? — האָט נייטן איבערגעשלאָגן.

— כ'ווייס, אַז ניט אין אַמעריקע פּאָגראָמירט מען יידן. אָבער דו דאַרפסט דאָך ניט האָבן דעם אייגענעם אַריינבליק אין דער יידישער ווירקלעכקייט, ווי מיסטער זילבערמאַן, פאַר וועמען אַמעריקע, ווי פאַר מיליאָנען אין זיין גלייכן, איז אַ פעלד, וואו מ'קען זיך אַרויפאַרבעטן צו עשירות.

— איז דאָס אַ פאַרברעכן? — האָט, אַ צעשראָקענער, זילבערמאַן אָנגעשטעלט די אויגן אויף דאָקטאָר לוריאַן.

— חלילה. ס׳איז נאָר אַ נאַרישקייט, ווען, פאַרטומלט מיט פערזענלעכן דערפאָלג, הייבט מען אָן פאַרשרייבן רעצעפּטן פאַר אַ גאַנץ פאָלק, וואָס שטייטביים שוועל פון גרויסע קאַטאַסטראָפעס. ווי גרינג אייך, מיסטער זילבערמאַן, קומט אָן אַרויסצוזאָגן, אַז די איסט־סאַידער יידן לאָזן אייך ניט אָפּכאַפּן דעם אָטעם. האָט, טאַקע, דער פערטל מיליאָן יידן, וואָס האָט די לעצטע פאַר יאָר אַריינגעוואַנדערט פון פּאָגראָמען־לאַנד, אייך ענג געמאַכט? אָדער אפשר גאָר באַשאָפן פאַר אייך נייע מעגלעכקייטן? צי וואָלט איר געקענט בויען די הייזער אין בראָנקס אָן די יידן וואָס זיינען אַהער געקומען? כאָטש איר האָט זיך פאַר מיר באַקלאָגט, אַז וואו יידן קומען אַריין, פאַלט דער געגנט, און דעריבער ווילט איר ניט, אין אייערע הייזער זאָלן זיך באַזעצן יידן! יעס, מיסטער זילבערמאַן, איך געדענק גוט וואָס איר האָט מיר געזאָגט, ווען מיר האָבן זיך באַגעגנט אין בראָנקס ביי אייערן אַ לאָט, וואו מ׳האָט זיך געשטעלט בויען.

— איך זאָג עס איצטער אויך.

— דאָס האָב איך געוואָלט פון אייך הערן, — האָט דאָקטאָר לוריא גערעדט מיט נצחון. — אויב ס׳איז טאַקע אַזוי, ווי נאָר יידן קומען אין אַ געגנט פאַלט דער ווערט פון הייזער, טאָ, ווי אַזוי מאָלט איר אייך אויס, אַז יידן האָבן דאָ פולע פרייהייט? און איר גלויבט נאָך, אַז יידן קענען זיך דאָ אַסימילירן? יעס, מיסטער זילבערמאַן, פרעגט מיין ברודער דניאלן, זאָל ער אייך דערציילן ווי גרינג עס גייט צו די יידישע אַסימילאַציע דאָ אין לאַנד.

די אַנוועזנדע האָבן זיך ניט געריכט, אַז דער מיושבדיקער דאָקטאָר לוריא זאָל פשוט און אָפן אַריינזאָגן דעם מיסטער זילבערמאַן, וואָס ער טראַכט פון אים. די פרויען אין אַנדערן צימער, וואָס האָבן געפירט דעם שמועס וועגן קינדער און ווירטשאַפט, האָבן ביסלעכווייז אַנגעשטעלט די אויערן צום גאַסטצימער, פון וואַנען ס׳האָבן זיך דערטראָגן דאָקטאָר לוריאס לעצטע ווערטער.

קעראָלאַין סטאָן האָט געדאַט צער, וואָס דער היימישער שמועס וועגן משפחה־ענינים און ביזנעס, וואָס האָט זיך אַזוי פרידלעך אָנגעהויבן אין אָנהייב אָוונט, האָט זיך אויסגעלאָזן מיט אַ קריג. איר האָט געחידושט דאָקטאָר לוריאס אָפנהאַרציקייט, אָבער אין האַרצן האָט זי אויף אים קיין פאַראיבל ניט געהאַט. דינה, נייטן לוריאס פרוי, כאָטש דאָקטאָר לוריא איז אַרויסגעטראָטן קעגן איר מאַן אויך, צוליב איר שנאה צו די אָלראַיטניקעס, איז זי צופרידן געווען, וואָס אין אַנדערן צימער האָט זילבערמאַן אַזאַ גאַב געקראָגן.

אָבער מילדרעד זילבערמאַן, צוליב וועמען די גאַנצע באַגעגעניש איז פאָרגעקומען, האָט זיך דערשפּירט טיף באַליידיקט. דער גאַנצער ויכוח וועגן יידן אין אַמעריקע איז איר געווען פרעמד. איר האָט אויסגעוויזן, אַז די לוריאס האָבן בכיון אַריינגעקראָגן איר מאַן, כדי אים צו באַליידיקן.

זי איז אויפגעשטאַנען פון איר פלאַץ אַ צעטראָגענע, און איז בלאַס געוואָרן.

— וואָס איז, מילדרעד? — האָט קעראָלאַין זי געוואָלט באַרויקן. — מ׳קריגט זיך דאָרטן ניט. ס׳איז שוין אַן אַלטע מעשה, ווען די ברידער באַגעגענען זיך, הייבט מען זיך אָן צו היצן. דניאל איז אַ ציוניסט, און נייטן איז אַ סאָציאַליסט. זכריה, דוכט מיר, איז ביידע זאַכן אינאיינעם.

מילדרעד האָט ניט באַנומען קלאָר וואָס דאָרטן קומט פאָר, און האָט זיך שלעכט צוגעהערט צו קעראָלאַינס ווערטער.

— איך הער דאָך, אַז זכריה האָט זיך אָפּגעריסן אויף דייווידן. ווען זכריה איז געווען ביי מיר אין שטוב, האָט ער אויסגעקוקט אַ ביסל פּאַני. מיר האָט זיך אויסגעדוכט, אַז ער וויל מיר ניט קוקן גלייך אין די אויגן אַריין.

— אוי, דאָס זאָלסטו, מילדרעד, ניט זאָגן!

זי האָט פאַרנומען די צוויי ווייבער און איז אַריין מיט זיי צו די מאַנצבילן.

— מילדרעד מיינט, אַז איר קריגט זיך דאָ, — האָט קעראָלאַין, אַ צע־שטרייטע זיך געווענדט צו דאָקטאָר לוריאן. — באַנ׳אונדז רעדט מען אַזוי. איך אַליין וואָלט אויך אפשר ניט געטראַכט, צי מיר טוען גוט, צי מיר טוען שלעכט. כ׳ווייס, קינדער וואַקסן, גייען אין סקול, וואָס זאָל איך דאגה־הן?

— ביסט גערעכט, קריינדל, — האָט נייטן זיך אָפּגערופן. — ס׳איז נאַ־טירלעך אַזוי. זאָלסט נאָר זען, אַז דיינע קינדער זאָלן ניט אויסוואַקסן קיין עקספּלואַטאַטאָרס, דאַטס אָל.

— איך האָב ניט געוואוסט, אַז זכריה איז אַזאַ שלעכטער, — איז מילדרעד צוגעגאַנגען, אַרומגענומען דאָקטאָר לוריאַס קאָפּ. — כ׳האָב געהערט וואָס דו האָסט געזאָגט. מיר דוכט אויס, אַז דייוויד איז גערעכט. יידן ווילן בלייבן ביים אַלטן. מיך עקלט אויך, אַז איך קום אויף דער איסט־סאַיד. פאַראַיאָרן האָט מיך דייווידס ברודער גענומען אין יידישן טעאַטער, האָב איך די גאַנצע צייט געפילט, ווי כ׳וואָלט זיך אומגעקערט צוריק קיין רוסלאַנד. אויף מיר האָט די הויט געברענט. האָב זיך געשעמט קוקן דייווידן אין די אויגן אַריין.

— וואָס איז געווען די חרפּה? — האָט דניאל אַן אַנגעדרונצלטער גע־פרעגט.

— צוליב וואָס דערהאַלטן דאָס ביסל שמוץ וואָס מ׳האָט אַריבערגעבראַכט פון דאָרטן?

— און די מענטשן, וואָס באַוווינען די אַלע גאַסן דאָרטן, זיינען אויך שמוץ?

— כ׳האָב וועגן דעם ניט געטראַכט, — איז מילדרעד רויט געוואָרן. — נאָך דייווידן קומט אויס, אַז יידן ווייסן ניט ווי אַזוי זיך איינצואָרדנען.

— ווען דיין מאַן וואָלט אַרבעטן אין אַ שאָפּ און ברענגען זיינע פּופצן שמאַליאַרעס אַ וואָך פּעידע, וואָלסטו געוואוסט ווי אַזוי זיך איינצואָרדענען? און נאָך עפּעס, — דהאָט נייטן ניט געוואָרט ביז מילדרעד וועט אָפּענטפערן. — ווי לאַנג איז עס, זינט אָרימקייט איז געוואָרן אַ חרפּה? אויב אָרימקייט איז אייער חרפּה, פאַרוואָס קומט אונדז אָן אַזוי שווער אויסצופירן ביי די באָסעס, זיי זאָלן דעם אַרבעטער געבן אַ טשענס צו לעבן אַ מענטשלעך לעבן?

— מיינסט אוודאי מיך? — האָט לעאָנאַרד סטאָן קאַלט אַריבערגעקוקט צו נייטענען.

— אוודאי מיין איך דיך אויך, — האָט נייטן גערעדט צו די מענער, און אויסן געווען, אַז מילדרעד זאָל עס הערן. — איך רעד וועגן די אַלע אויפגע־קומענע, וואָס האָבן מיט אַמאָל דערשפּירט, אַז די סביבה, פון וואַנען זיי זיינען אַרויסגעקומען טוט זיי אָן בזיונות. די גערודופּטע און צעפּלאָגטע יידן וואָס קומען אָן אַהער, דאַנקען גאָט, אויב זיי האָבן געפונען אַ פּלאַץ וואו דעם קאָפּ אָנצושפּאַרן. זיי זיינען פאַר זילבערמאַנען אַן אַנשיקעניש. דאָ אין פרייען

לאַנד האָבן די אויפגעקומענע שוין אָנגעהויבן צו פּאַראַכטן זייערע אייגענע ברידער. ס'איז שענדלעך!

— כאָטש איינמאָל ביסטו גערעכט, — האָט דניאל מסכים געווען.

— די יידישע איסט־סאַיד איז ניט קיין מיסט־קאַסטן, — האָט דאָקטאָר לוריא אָנגעהויבן. — יעס, מילדרעד, ביסט אַ מאַמע, האָסט קינדער, און וואָס וועט זיין ווען די קינדער וועלן אַ פרעג טאָן פון וועמען זיי שטאַמען אָפּ, וואָס וועסטו זיי ענטפערן?

— די קינדער וועלן עס ניט וועלן וויסן, — איז זילבערמאַן, מיט אַ געוויסער גאווה פאַרלאָפן דעם וועג.

— הלוואי זאָל עס אַזוי זיין. איך ווינטש דיר, מילדרעד, אַזוי זאָל עס זיין.

— ניין, זכריה, כ'בין מיט דיר אינגאַנצן ניט מסכים. רעדסט אויך ווי אַ שאָוויניסט, — איז נייטן אויפגעשטאַנען פון זיין פּלאַץ.

— זאָל זיין אַזוי, נייטן, מיט דיר פעלט מיר גאָרניט איין זיך צו קריגן. אגב, האָב איך גאָרניט געמיינט אויפצודעקן פאַר דער צייט די פינצטערע פּראָבלעמען וואָס הייבן איצטער אָן דעם קאָפּ אַרויסצושטעקן.

פונדעסטוועגן האָט דער הייסער שמועס ניט געשטערט, אַז זילבערמאַן זאָל אַריינגעמען לעאָנאַרדן אין אַ זייטיקן צימער, פאַרגעשלאָגן, מיט אים אַריין אין פאַרטנערשאַפט, ווערן אַ שותף צו די דריי נייע הייזער, וואָס ער קלייבט זיך בויען.

און דניאל האָט פאַרנומען אָן אַ זייט זיינע צוויי ברידער און דערציילט, אַז ער האָט באַשלאָסן איבערפירן זיינע געשעפטן אויף דער פינפטער עוועניו, און מיט דעם אַרויסציען זיך אינגאַנצן פון דער איסט־סאַיד; אפשר וועט זיך צוריק אומקערן דער שלום־בית.

און מילדרעד האָט פאַרבעטן אין אַ צווייטן צימער קעראָלאַין, זי אַרומגענומען, געקוקט לאַנג אין די אויגן אַריין, בשעת אירע אויגן זיינען פאַרלאָפן מיט טרערן. זי האָט פאַרביסן די ליפּן און געזאָגט:

— יעס, קעראָלאַין, אין פרייען לאַנד, אין גליקלעכן לאַנד... וואָס קומט אַרויס, אַז מיר איז ניט באַשערט געווען קיין גליק אין לעבן. פאַרוואָס איז נייטן געווען אַזוי שלעכט צו זילבערמאַנען? זי געפעלט מיר ניט. אַ פאַרביסענע אַזאַ. צי איז ער כאָטש מיט איר גליקלעך?

קעראָלאַין האָט זי אָנגעקוקט און ניט געוואוסט וואָס צו ענטפערן. ס'האַרץ האָט איר געזאָגט, אַז די איצטיקע באַגעגעניש איז ניט אין קיין גוטער שעה אויסגעפאַלן.

* * *

דאָקטאָר לוריא האָט צוגעמאַכט די טיר הינטער דעם לעצטן פּאַציענט, איז אַריין אין שלאָפצימער און, אַ מידער, אַנידערגעפאַלן אויפן געלעגער, מיט דער האָפענונג, אַז ער וועט קענען ביזן שלאָפנגיין בלייבן אַליין.

ס'איז ניט געווען זיין פּראַפעסיע וואָס האָט אים אויסגעמאַטערט, כאָטש די לעצטע צייט איז ער געווען פאַרנומען פון פרי ביז שפּעט ביינאַכט; אָן אומנויטיקע באַגעגעניש האָט פון אים ס'גאַנצע חיות אַרויסגעצויגן. זיין ברודער אשר, אָדער אַרקאַדיע לאַריסאָן, איז ווידער אַראָפּגעקומען און האָט דאָקטאָר לוריאן געגעבן אַ לעקציע אין מענטשלעכקייט.

אשר, ביי זיין לעצטן באַזוך, האָט געוואָלט אויפווייזן די ברידער און זיין שוועסטער, אַז עקספּלואַטירן מיידלעך אין אַ שאַפּ ביי נייען בלוזן, איז אַ גרעסערער חטא, ווי איינשפּאַנען מיידלעך, אויפצונעמען און איבערגעבן זיך אַלערליי מענער וואָס באַצאָלן גוט פאַר דעם תענוג אָנצוזעטיקן זיך מיט אַ מיידלש לייב.

דאָס מאָל איז ער געקומען ווידער מיט אַ צעפּלאָגט געוויסן, געוואָלט דערגיין אויף וואָס פאַר אַ בית־עולם מען האָט זיין טאַטן מקבר געווען, און וואו עס ליגט זיין יינגערער ברודער שלמה. זיינע ברידער און שוועסטער האָבן צווישן זיך אָפּגעמאַכט, אַז אויב זיי קענען אשרן ניט באַשטראָפן פאַר זיין שענדלעך לעבן מיט קיין האַרבערער שטראָף, איז גוט כאָטש אַזאַ בייטש האָבן אויף אים. ס׳האָט אויסגעוויזן, אַז יעדעס מאָל ווען ער איז געקומען קיין ניו־יאָרק, איז ער געקומען אויסצווייינען זיך אויפן טאַטנס קבר, און משפחה האָט זיך „אָנגענומען מיט אַכזריות", און מען וויל אים ניט אַרויסגעבן דעם „אַדרעס" וואו די געשטאָרבענע צו זוכן.

ער האָט דאָקטאָר לוריאַן ניט דערציילט, אַז ער האָט גאַנצע צוויי טעג זיך אַרומגעשלעפּט איבער די ברוקלינער יידישע בית־עולמס, געזוכט אַ מצבה מיטן אויפשריפט: „ישראל בר׳ מרדכי", און אַ מצבה מיט „שלמה בר׳ ישראל". דעם „וויסטן תענוג" האָט ער זייניקע ניט געוואָלט אָנטאָן.

אָבער איינס האָט ער דאָקטאָר לוריאַן בייטאָג אַ זאָג געטאָן: אז ער וואָלט נאָך וועלן ווען־עס־איז צוריק קומען קיין ניו־יאָרק, פאַרלייגן זיינע הייזלעך אין שכנות מיט דאָקטאָר לוריאַס אָפיס, און דעם שוואָגער לעאָנאַרדן פאַר־דינגען שלעגער, וואָס זאָלן אין צייט פון אַ סטרייק פּלעטן קעפּ ביי זיין שאַפּ.

פון דעם האָט דאָקטאָר לוריא פאַרשטאַנען, אַז אשר פירט אָן מיט אַ „גענג", אויף וואָס נתן לוריא האָט אים נאָך מיט גענויע צוואַנציק יאָר צוריק חושד געווען.

— כ׳וויים, איר וואָלט חשק געהאט אָנצוואווייזן אויף מיר, מ׳זאָל מיך אָפּראַמען פון אייער וועג. נאַנסענס! די שיקאַגער פּאָליציי ליגט ביי מיר אַטאַ־דאַ אונטערן קנאַפּל. אַז איך וועל קומען אַהער קיין ניו־יאָרק, קען איך די אייגענע קונץ באַווייזן דאָ אויך.

דאָקטאָר לוריא, נאָכדעם ווי ער האָט זיך אַ ביסל אויסגערוט, גרייט גע־ווען אַרויסצוגיין דרויסן, האָט די טיר זיך געעפנט און אשר איז ווידער אָנ־געקומען; די אויגן רויט, ווי ער וואָלט שטאַרק געוויינט. ס׳איז ניט געווען דער בייטאָגיקער ברייטפּלייציקער באַרימער. ער איז איצטער געווען אַן איינגעשרומפּענער, ווי ער וואָלט פון אַ תפיסה אַרויס.

ער האָט אַ וויל באַטראַכט דאָקטאָר לוריאַן, וואָס איז געווען גרייט אַרויס־צוגיין, און מיט אַ הייזעריקער שטים געזאָגט:

— דאַרף מער אייער טובה ניט האָבן. געפונען דעם טאַטנס קבר. אפילו שלמה־ס קבר אויך געפונען. בין ווי אַ הונט אויף אַלע פיר אומגעקראָכן פון מצבה צו מצבה און געפונען.

דאָקטאָר לוריא האָט רואיק באַטראַכט זיין נידערגעשלאָגענעם ברודער, און אים האָט אויסגעוויזן, אַז דער־אַ אונטערגעבראָכענער מענטש, ווילד פרעמד, אַ ביסל אַ געררירטער פון זינען, איז געקומען צו אים בעטן אַ רפואה.

מיט דעם דערמאָנען די מצבהס פון פאָטער און ברודער איז ער אים נאָך פרעמדער געוואָרן.

— וואָס קוקסטו מיך אַזוי אָן, דערקענסט מיך ניט? — האָט אשר ווידער אָנגעהויבן. — כ'האָב זייערע קברים ניט פאַרפּאַטשקעט, כאָטש כ'האָב זיי אויסגעווייקט מיט מיינע טרערן.

— ווילסטו, כ'זאָל דיך דערפאַר באַדאַנקען?

— נאָנסענס... כ'בעט ניט קיין דאַנק. בין געקומען צו דיר, כ'וויל זיך מיט דיר מיישב זיין.

— וועגן וואָס?

— אַז דו שטייסט אַזוי אויף איין פוס, קען איך מיט דיר ניט רעדן.

— כ'בין מיד. געוואָלט אַרויסגיין כאַפּן אַ ביסל פרישע לופט.

— איך קען מיט דיר מיטגיין.

— אויב אַזוי, וועל איך שוין בלייבן אין שטוב.

— וואָס, שעמסט זיך מיט מיר גיין אין גאַס?

— אפשר.

— קיינער קען מיך ניט.

— איך קען דיך.

אשר האָט אַ נערוועאישן לאַך געטאָן, אַ ווייל אָנגעקוקט זיין יינגערן ברודער, געשאָקלט מיטן קאָפּ, באַדויערט.

— איך האָב דיך געהאַלטן פאַר אַ קליגערן, זכריה. ביסט אַ דאָקטאָר, וואָס היילט מסתמא פּראָסטיטוטקעס אויך.

— יעס, איך טו עס. אַ דאָקטאָר איז פאַרפליכטעט צו היילן יעדן איינעם וואָס קומט זיך באַקלאָגן.

— ווען איך זאָל קראַנק ווערן?

— איך ווייס דיין קרענק. כ'דהאָב פאַר איר ניט קיין רפואה.

— פאַרוואָס?

— די געזעלשאַפט האָט אירע אויסוואורפן; נו, איז אויסגעפאַלן אויף די לוריאס, וואָס זאָלן אַזאַ איינעם ווי דו שענקען דער געזעלשאַפט.

— כ'האָב געהערט, אַז דו קלייבסט זיך חתונה האָבן.

אויף דעם האָט דאָקטאָר לוריא ניט געענטפערט, כאָטש אים האָט שטאַרק געחידושט, און ער האָט געוואָלט דערגיין פון וואָס פאַר אַ קוואַל אשר שעפּט זיינע ידיעות וועגן משפחה־ענינים.

— וואָס געווען, איז געווען, זכריה. כ'וויל דיר טאָן אַ טובה, אויב דו...

— אַ טובה? — איז דאָקטאָר לוריא רויט געוואָרן.

— אוודאי, אַ טובה. אויב דו וועסט חתונה האָבן און ווילסט זיך אַרויס־ציען פון דער־אַ לייזיקער געגנט, וועל איך דיר העלפן זיך איינפּיקסן. אפשר גאָר שיקאַגאָ, קום אַריבער, דאָרטן דהאָב איך אַ גרויסן פּול.

אשר האָט גערעדט, און דערקענט אין ברודערס פּנים, אַז ער האָט דעם ענין ניט געדאַרפט אָנרירן. ס'איז אָבער געווען צו שפּעט.

דאָקטאָר לוריא, אַזוי רואיק און איינגעהאַלטן ווי ער האָט נאָר געקענט, איז צוגעגאַנגען גאָר נאָענט צו זיין ברודער, אים אָנגעקוקט אין די אויגן און געזאָגט:

— היות ווי דו האָסט דיינס דערגרייכט, האָסט אויסגעפונען אויף וואָס פּאַר אַ בית־עולם דער טאַטע און שלמה ליגן; אַז דו ווערסט וועלן זיך אויס־וויינען אויף זייערע קברים, וועסטו שוין אַליין דעם וועג געפינען. די לעבע־דיקע לאָז צורו. פאַרגעס אָן אונדז, ווי מיר וואָלטן שוין אָן דיר פאַרגעסן, ווען דו לאָזט אונדז צורו.

דאָקטאָר לוריא איז אַוועק צו דער דרויסנטיר, ניט וואַרטנדיק צי דער ברוד־דער זיינער וועט אים נאָכגיין. אָבער אשר איז געווען הינטערשטעליק: ער האָט נאָך עפּעס געוואָלט פּועלן ביים ייִנגערן ברודער. דרויסן האָט דאָקטאָר לוריא אַ קערעווע געטאָן אין אַן אַנדער ריכטונג, ווי ער וואָלט וועלן פון זיך אַראָפּוואַרפן אַן אומריינע באַשעפעניש. ער האָט אַפילו ניט געקוקט אין וואָס פּאַר אַ זייט דער ברודער איז אַוועק. ער אַליין האָט געשפּאַנט צו דער בויערי און געשפּירט ווי אַ קלעפּיקער שווייס האָט באַדעקט זיין לייב. כאָטש, ווי דאָקטאָר לוריא איז געווען זיכער, פּירט אשר אָן ערגעץ מיט אַ „גענג", האָט ער נאָך קיינמאָל ניט געזען זיין ברודער אַזוי שפּלדיק. דאָס דהאָט ביי אים אַרויסגערופן שוידער און עקל צוזאַמען.

— צי איז דאָס אַ שטראָף פאַר ניט קיין פאַרדינטע זינד? — האָט ער ביי זיך אַליין געפרעגט ווען ער האָט דערגרייכט די אַכטע סטריט און גע־טראַכט זיך פאַרנעמען צו דער פינפטער עוועניו, ווי ס׳איז זיך דערקלייבן צו דער שוועסטער, און אפשר דאָרט נעכטיקן.

מיט אַ מאָל איז ער שטיין געבליבן. אַרום האַרצן האָט אים פאַרקלעמט. אין קאָפּ האָט אָנגעהויבן צו שווינדלען. אַ מידקייט האָט אַרומגעכאַפּט זיינע קנעכל און קני. ער האָט געפילט, אַז צו דער שוועסטער וועט ער ניט זיין בכוח צו דערגיין. צום ברודער נרטן, וואָס האָט געוואוינט אַרום דער זיבעטער סטריט און צווייטער עוועניו, האָט ער זיך פאַרנומען. אגב, האָט ער איצטער ניט געוואָלט פאַרגעסן דער שוועסטערס טרערן. כאָטש מיט נתנען איז אים געווען שווער דורכצוקומען, ווען מ׳האָט זיך באַגעגנט, האָט מען זיך געקריגט, האָט ער געוואוסט, אַז מיט טרערן וועט אים נתן ניט באַלויגנען, אויב ער וועט אים דערציילן פון זיין וויסטער באַגעגעניש.

געווען שוין אַרום האַלבער נאַכט. נתן איז נאָך געזעסן אין פאָדערשטן צימער, געבלאָנדזשעט אין די רייסטערס פאַרשריבענע יוניאָן „מעמבערס".

— ווי פון דהימל ביסטו דאָ אַראָפּגעפאַלן, — איז נתן אויפגעשטאַנען דאָקטאָר לוריאן אַנטקעגן. — כ׳בין שטאַרק צופרידן דיך דאָ צו זען.

ער האָט ביים ברודער אַרויסגענומען דעם הוט פון האַנט און מיט אַ שמייכל געזאָגט:

— שטענדיק, זכריה, פאַלט ביי דיר אַראָפּ דער הימל אויף דר׳ערד אַרום האַלבער נאַכט, כאַ־כאַ־כאַ. וואָס ביסטו אַזוי נידערגעשלאָגן?

דאָקטאָר לוריא האָט זיך אַרומגעקוקט ווי ער וואָלט אימעצן געזוכט.

— ווּעמען זוכסטו, דינהן? זי איז שוין אַוועק שלאָפן.

— איך שלאָף נאָך ניט! — האָט זיך פון צווייטן צימער דערטראָגן דינהס שטים. — נעם אים דאָרטן גוט אויף, נייטן; כ׳קום באַלד אַרויס.

— אשר איז ביי מיר היינט צוויי מאָל געווען.

— צו מיר קומט ער ניט. ער ווייס, אַז איך וויז אים די טיר.

— ער איז אומגעקראָכן אויפֿן בית־עולם, געפֿונען דעם טאַטנס מצבֿה. האָט דאָרטן אויסגעקלאָגט די אויגן.

— וואָס האָט ער פֿון דיר געוואָלט?

— כ׳זע, דיך וואונדערט גאָרניט וואָס איך דערצייל דיר.

— מיך וואונדערט בכלל ניט ווי אַזוי אַזאַ נפֿש קומט צו אונדז. און דו, ביי דיר איז עס אַ גאַנצע טראַגעדיע.

— אוודאי איז עס טראַגיש.

— ביסט אַ דאָקטאָר, און ביסט ווייט פֿון לעבן. זיצסט אויף דער איסט־סאַיד, קומסט אַריין אין מער אָרימע הייזער ווי איך, און פֿונדעסטוועגן לעבסטו אויפֿן עולם הרתּוֹעה.

— איך ווייס, נתן, אַז מענטשן זיינען ניט קיין שטיינער. איך ווייס אויך, אַז אַפֿילו שטיינער זיינען איינס אויפֿן אַנדערן ניט ענלעך.

— פֿאַרגעס אויף אַ וויילע, אַז אשר לוריא, אָדער אַרקאַדי לאַריסאָן, ווי דער שוואַרץ יאָר הייסט איצטער, פֿאַרגעס, אַז ער איז אונדזערער אַ ברודער, ווּעסטו באַנעמען, ווי דער אַמעריקאַנער באָדן איז צוגעפּאַסט פֿאַר די אַרקאַדיע לאַרי־סאָנס. צי האָסטו זיך געקענט אויסמאָלן אין דער היים, ס׳זאָל עקזיסטירן פּראָפֿעסיאָנעלע געוגס, פּראָפֿעסיאָנעלע שלעגער, וואָס פֿאַרדינגען זיך צו באָסעס, זיי זאָלן שפּאַלטן די קעפּ פֿון סטרייקערס? וואָך־איין, וואָך־אויס האָבן מיר עס איצטער אין דער אַרבעטער באַוועגונג. און לאָמיר דיר, זכריה, זאָגן דעם אמת, מיר חידושט שטאַרק, וואָס אין דער קאַפּיטאַליסטישער „פֿריי־הייט״, אין אַ לאַנד וואו דער ענדציל כשרט די ערגסטע פֿאַרברעכנס, קען מען נאָך אַרויסגיין ביינאַכט, און קומען אַהיים מיט אַ גאַנצן קאָפּ.

— וואָס האָט עס צו טאָן מיט אונדזער אשרן? — האָט דאָקטאָר לוריא אַ מידער אָנגעקוקט זיין ברודער.

— מאָל דיר אויס, מיר לאָזן זיך ניט אַוועק קיין אַמעריקע; מ׳בלייבט דאָרטן וואו מ׳איז געווען; ווייסטו וואָס וואָלט דאָרטן געוואָרן פֿון אַזאַ אשרן? אויב איך וואָלט דאָרטן געווען אַן אַרבעטער־פֿירער, אָנגעהערט צו אַ גע־היימען קרייז, וואָלט אַזאַ אשר מיך געמסרט. דאָרטן האָט ער געקענט זיין אַ שפּיאָן, אַ פֿאַררעטער. און ווי אַזוי קומט ער צו די לוריאס?

— יאָ, דאָס וויל איך טאַקע, זאָלסט מיר זאָגן.

— און ווי קומט צו די לוריאס אַן איידים וואָס הייסט לעאָנאַרד סטאָן? מיינסטו, אויב ער האָט ניט קיין אויסגעלאָסענע הייזער, און איז ניט קיין פֿירער פֿון אַ גענג, איז ער בעסער פֿון אשרן?

— וואָס איז דאָס פֿאַר אַ פֿאַרגלייך?

— עך, זכריה, וואָס פֿאַר אַ קורצן זכרון דו האָסט! ווי האָסטו פֿאַרגעסן ווי ס׳האָבן אויסגעזען די שעפּער וואו מיר האָבן אַמאָל געאַרבעט? און ווי זעען נאָך איצטער אויס די שעפּער? ווער איז געווען דער חלפֿן, ביי וועמען דו האָסט געאַרבעט, וואו דער טאַטע האָט ס׳לעבן אַוועקגעגעבן? פֿון וועמעס בלוט און מאַרך זיינען אויפֿגעקומען די סטאָנס, די זילבערמאַנס, די האַכבערגס, און די אַלע שוואַרציאָרן וואָס מיר האָבן געקענט פֿאַר קבצנים?

— כ׳זע, אַז דו האַלטסט פֿון זיי צו שטאַרק. זיי זיינען סטינקעס לגבי די העכט ביי די ניט־יידן, אָדער ביי די דייטשע יאַהודים.

— איז וואָס? די מיטלען ווי רייך צו ווערן זיינען די אייגענע.

— קעמפט איר דאָך! איר סטרייקט, און געווינט. האָט מען די לאַגע פון אַרבעטער אַ סך פאַרבעסערט. דאָרטן, ווי צוויי שטייען אין קאַמף, נתן, איז אַן אַנדער מאָראַל. אשר איז פּשוט אַ קרימינעלער פאַרברעכער. און אויב ער איז מיינער אַ ברודער, פּלאָגט עס מיך.

— כ׳ה׳אָב געמיינט, דו ווּעסט זאָגן, אַז סע פּלאָגט דיך הלמאי ער איז אַ ייד, און טוט אַן אומכבוד דעם יידישן פאָלק.

— פאַר דיר האָב איך מורא דאָס צו זאָגן. אוודאי טוט מיר ווײ, אַז מיר יידן דאָ אין פרייען לאַנד, גיבן פון זיך אַרויס אַזעטיקע אשרס.

— דאָ האָבן יידן ערשט געקראָגן די געלעגנהייט צו ווערן מענטשן מיט מענטשן צוגלייך. דאָ וועלן מיר אַנטוויקלען ביידע זאַכן: גרויסע מענטשן און אויך פאַרברעכער. אמת, אונדזערע פאַרברעכער זיינען נאָך דערווייל גאָר דראָבנע. אַרקאַדיע לאַריסאָן, אויך מיר אַ פאַרברעכער!

אַריינגעקומען דינה לוריא. אין אַ קימאָנע איז זי געווען אָנגעטאָן איבער אַ נאַכט־העמד.

— שוין, מ׳קריגט זיך שוין! טאַמער, גייטן, וואָלסטו אַמאָל פאַרגעסן וואָס דו ביסט. עס זיך, זכריה, ניט אָפּ ס׳האַרץ. מירן באַלד טרינקען טיי. גוט וואָס דו ביסט געקומען. איך זאָג אויך, אַז גייטן האָט פיינט יידן, — האָט דינה אַרומגענומען איר שוואָגער און געקושט אים אויף ביידע באַקן, און גע־קוקט פון אַ זייט צו איר מאַן. — יעס, יעס, נייטן, ביסט אַ סאָציאַליסט, און גלויבסט, אַז יידן זיינען די ערגסטע באַסעס.

דינה האָט זיך געפּלייסיקט, געגרייט צום טיש. דערלאַנגט טיי און זיך אַנידערגעזעצט זייט־ביי־זייט מיט דאָקטאָר לוריאן, געקוקט אים אין די אויגן און צופרידן געשמייכלט. דינה מיט איר געזונטער נאַטור האָט שטענדיק אויף אים געווירקט, ער זאָל זיך דערשפּירן איינער אַליין און עלנט. כאָטש דינה האָט שטאַרק ליב געה׳אַט נתנען, צו זיינע רייד זיך צוגעהערט ווען ס׳איז געקומען צו אַרבעטער־ענינים, האָט זי ניט געקענט באַנעמען, פון וואַנען ס׳קומט צו אים אַזאַ פאַראַכטונג צו יידן. אין דאָקטאָר לוריאס קעגנוואָרט האָט זי אָפּגעלעבט, ליב געה׳אַט צו הערן זיין מיינונג וועגן נאַציאָנאַלע פראַגן.

— זאָג מיר, זכריה, ווי קומט עס וואָס נייטן האַלט אַזוי ווינציק פון יידן?

— כ׳פאַרשטיי, נייטן האָט דיר אַליין דערקלערט די סיבות.

— אדרבה, זע וואָס אין דאָקטאָר לוריאס משפחה טוט זיך, — האָט נייטן מיט אַ זיכערער שטים אָנגעהויבן. — אָט איז זכריה געקומען אַ צעשאָסענער, מחמת ער האָט זיך באַגעגנט מיט אַ ברודער אַן אויסוואָורף. ביי דניאלן טוט זיך חושך, וואָס זיין יינגל האָט זיך פאַרכלאָפּעט אין אַ שיקסע, און די גרטע, וואָס איז געווען פרימער נאָך פון דניאלן, לאַכט זיך אויס פון יידישקייט. אונדזער שוועסטער קריינדל נעמט זיך דאָס לעבן וואָס איר מאַן האַלט ביים ווערן אַ צענפאַכיקער חזיר. און מיר ביידע? כאַ־כאַ־כאַ...

— דאָס וואָלט אַלץ רעכט געווען, — האָט דאָקטאָר לוריא גערעדט מער צו זיך, — ווען די לוריא משפחה איז טאַקע אַ מוסטער פון אַ נאָרמאַל ווינקל אין יידישן לעבן. דו ווילסט מיר דערמאָנען ווי די שעפער האָבן אויסגעזען מיט צוואַנציק יאָר צוריק. וויל איך דיר דערמאָנען, אַז צוליב פּאָגראָמען אין די אַכציקער יאָרן זיינען מיר געלאָפן פון רוסלאַנד. אַמאָליקע פּאָגראָמען זיינען געווען אַ קינדערשפּיל אין פאַרגלייך מיט אַ קישענעווער, אָדער אַ

ביאַליסטאָקער פּאָגראָם. נעם די בערגער־משפּחה מיט זייער טאָכטער עמאַן . . .
דורך זיי זע איך דעם גירוש שפּאַניע, אָדער די צייטן פון כמעלניצקין. וואָס איז דער חילוק אין וואָס פאַר אַ יאָר ס'איז געשען, און ס'וועט נאָך געשען! און אויב דו, נתן, קוקסט אויף ידן ווי אויף אַ געזינדל פון עקספּלואַטאַטאָרס — פאַרדריסט עס מיך. טאָ וואָס איז דער חילוק, צי אשר וויינט אויפן טאַטנס קבר, צי אַן אַנדער זון פאַרגעסט ווי דער טאַטע האָט זיך דאָ געפּלאָגט און קיינעם ניט געוואָלט עקספּלואַטירן. ישראל לוריא איז אויך געווען אַ ייד.

ביי די ווערטער איז פון צווייטן צימער אַריינגעקומען עמאַ בערגער. זי איז צוגעגאַנגען צו דאָקטאָר לוריאן, געדריקט זיין האַנט, און אָן ווערטער איז זי איבערגעגאַנגען און אַנידערגעזעצט זיך לעבן נתנען, ווי זי וואָלט דאָ געווען אַ היימישער מענטש.

דאָקטאָר לוריאן איז דאָס בלוט געקומען אין פּנים אַריין. „פון וואַנען האָט זי זיך דאָ פלוצלונג גענומען?” — איז אים דורכגעלאָפן אַ מחשבה. ער האָט געקוקט צום ברודער, צו דער שוועגערן; די שטילקייט וואָס האָט גע־הערשט ביים טיש איז געווען אַ נאַטירלעכע. עמאַ איז געזעסן מיט אַ סך באַשיידנקייט. זי איז געווען בלאַס, ס'פּנים לאַנג, די פולע, גרויע אויגן האָבן אין זיך אָפּגעשפּיגלט ס'ליכט איבערן טיש.

— איך האָב נאָר וואָס דערמאָנט אייער נאָמען, ס'איז ניט געווען צום בייזן. פאַרוואָס, דינה, האָסטו מיר ניט געזאָגט, אַז מיס בערגער איז דאָ? — האָט זיך דאָקטאָר לוריא נאָך אַלץ גערויטלט.

— האָסט געמעגט אָפּטער אַהער קומען, וואָלסטו דאָ אָפּטער די מיס בערגער באַגעגנט. — האָט דינה זיך געוויצלט.

דאָקטאָר לוריא האָט נאָך אַלץ ניט געקענט קומען צו זיך פון אַזאַ אומגע־ריכטער באַגעגעניש. שוין דאָס צווייטע מאָל, וואָס זיין משפּחה לייגט זיך אַריין צו דערנענטערן אים מיט עמאַ בערגער. די לעצטע באַגעגעניש ביי די בערגערס, וואו ער האָט אַזוי אומגעריכט געטראָפן זיין שוועסטער, דעם־אַ ברודער מיט דער שוועגערן — ער האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז געווען צו־געגרייט מצד זיין שוועסטער. אָבער די היינטיקע באַגעגעניש איז דאָך געוויס ניט געווען קיין צוגעגרייטע. ער פאַרשטייט, אַז עמאַ איז געוואָרן אַן איינגייערן צו זיינע לייט, און ער האָט פון דעם ניט געוואוסט. אים פאַרדריסט ניט וואָס ער האָט זי דאָ געטראָפן, דער פריערדיקער שמועס וועגן אשרן, יידן און יידישן פאָלק איז אינגאַנצן איבערגעריסן געוואָרן.

— ס'איז פאַר מיר אַן אַנגענעמע איבעראַשונג, — האָט דאָקטאָר לוריא געפּועלט ביי זיך אָנצוהייבן. — ווי איר זעט, קריג איך מיך שטענדיק מיט מיין ברודער אַלץ צוליב אַזאַ קליינינקייט ווי דאָס יידישע פאָלק. און ווי קומט איר היינט אַהער? — האָט זיך דאָקטאָר לוריא ניט געקענט קאָנטראָלירן.

— ס'דהאַרץ האָט מיר געזאָגט, אַז איר וועט דאָ זיין.

— אפשר האָט מיר ס'האַרץ געזאָגט, אַז איר וועט דאָ זיין. וואָס הערט זיך באַנ' אייך, כ'מיין, צי אַרבעטן אייערע לייט?

— אַלע אַרבעטן. אַלע זיינען געזונט. האָבן שוין באַלד פאַרגעסן פון וואַנען זיי זיינען געקומען.

— און איר, מיס בערגער, האָט שוין אויך באַלד פאַרגעסן?

עמאַ האָט אַראָפּגעלאָזן די אויגן און ניט געענטפערט.

— יעס, זכריה, — האָט דער עלטערער ברודער איבערגעריסן די גע־דריקטע שטימונג. — אין איין זאַך גייען מיר זיך פֿאַנאַנדער: דו גלויבסט, אַז דאָ אין לאַנד דאַרפֿן יידן כסדר קראַצן די אַלטע, היסטאָרישע וואונד, אַליין זיך פֿאַרטויבן מיט דעם גלויבן, אַז מיר יידן זיינען אַ פֿאָלק. איך האָב ניט דעם גלויבן. יידן פֿאַלן אַהער אַריין ווי פֿיש אין אַ גרויס וואַסער אַריין. פֿיש שווימען מיטן שטראָם און אַנטקעגן שטראָם. יידן שווימען מיטן שטראָם. וואו אַ קלענערער ווידערשטאַנד — דאָרטן זיינען זיי. אַסימילאַציע פֿאָדערט אַ קלענערן ווידערשטאַנד. אויף דעם וועג וועלן זיי דאָ גיין. ניט אייביק וועלן אַהער שטראָמען פֿון אייראָפּע פֿאַגראָמירטע יידן.

דאָקטאָר לוריא האָט אויף דעם ניט געענטפֿערט. ער האָט מיטן ברודער דעם אָנגעהויבענעם ויכוח ניט געוואָלט פֿירן.

אגב, האָט צו דעם ויכוח דינה געמאַכט אַ סוף, ווען זי האָט זיך געווענדט צו דאָקטאָר לוריאן מיט אַ שמייכל:

— ווייסט, זכריה, עמאַ וועט דאָ נעכטיקן ביי אונדז. מיר וועלן פֿאַר דיר אויך אַן אָרט געפֿינען, כאַ־כאַ־כאַ...

* * *

די גאַנצע זיבן און צוואַנציק יאָר וואָס דאָקטאָר לוריא איז אין נייעם לאַנד געגאַנגען זיין שווערן באַרג־אַרויף, ביז, פֿון באַשיידענעם זעכצן יאָריקן אפּרייטער האָט ער זיך דערקליבן צום מצב פֿון אַ באַליבטן און דערפֿאָלגרייכן דאָקטאָר, האָט זעלטנווייז די זון אַריינגעשיינט אין זיין לעבן.

— אַ כסדרדיקער פֿאַרנאַכט, דאָס איז מיין לעבן, — האָט ער זיך בלויז איין מאָל באַקלאָגט פֿאַר זיין שוועסטער, און תיכף חרטה געהאַט, הלמאי ער האָט עס געטאָן.

אין דער פֿאַרצווייגטער לוריא־משפחה איז ער געווען דער צענטער. צו אים איז מען געקומען, ווען ס׳האָט זיך ביי אַ מיטגליד פֿון דער משפחה גע־מאַכט אַ צרה. צו אים איז מען געקומען אויסקלאָגן ס׳האַרץ, אָדער אין צייט פֿון שווערקייטן פֿרעגן אַן עצה. זיין פֿערזענלעך לעבן האָט ער ניט אָפּגע־טיילט פֿון דער פֿיל־פּנימדיקער, כאַאָסדיקער יידישער ווירקלעכקייט פֿון ביידע זייטן ים, כאָטש ער האָט זיך ניט געקהלט, אין קיין שום קרייז אָדער קלייזל, פּאָליטיש, צי געזעלשאַפֿטלעך, איז ער ניט געווען אַנגעשלאָסן. אגב, איז ער דאָך געווען דער צווילינג־ברודער פֿון דער איינאונאייינציקער שוועס־טער וואָס, כאָטש אין עשירות, האָט זי קיין פֿרייד פֿון לעבן מיט פֿולע עמערס ניט געשעפּט. צו אָפֿט איז זי געקומען צו דאָקטאָר לוריאן אויסגיסן איר ביטער האַרץ.

און עמאַ בערגער, די פֿאַטאַל־איבערגעשראָקענע, גייסטיק פֿאַרוואונדעטע פֿאָגראָם־מיידל, וואָס איז פֿאַר דאָקטאָר לוריאן געוואָרן דער לעבעדיקער סימ־באָל פֿון יידישן צער און פּיין אין דער נייער צייט, אויך זי איז צו אים מיט פֿיר יאָר צוריק ווי פֿון אַ שווערן פֿאַרנאַכט אַרויסגעקומען — אַ פֿאַרנאַכט פֿאַר אַ שטורעם. ס׳האָט אויסגעזען, ווי ביידע, פֿאַרבענקטע און עלנטע, זוכן זיך שוין לאַנג אַרום, און ווען אַ צופֿאַל האָט זיי דערנענטערט, מיידן זיי איינס ס׳אַנדערע בכיון אויס.

— אין אַ שלעכטער שעה האָט ער מיך באַגעגנט, — האָט עמאַ בערגער ניט איינמאָל געטראַכט. — זיינע הענט האָבן אויסגעהערט יעדעס קראַנקע גליד מיינס, און איך האָב אים דערציילט, אַז מיין נשמה איז איבערגעבליבן ביי אַ מאַן וואָס איז אין פּאָגראָמען־לאַנד דערשטאָכן געוואָרן.

אין יענע טעג, ווען זי איז געלעגן אַ פּאַרטראָגענע, געפּיבערט מיט לייב־און זעל, און פאַר איר דמיון האָבן געבושעוועט פּאָגראָמשטשיקעס וואָס האָבן די יידישע גאַס חרוב געמאַכט און איר לעבן אַזוי טיף אין וואונדן צעשניטן, אין יענע טעג האָט ער זיך אין אירע בליקן אַנגעשלאָגן. אירע גרויע אויגן האָבן יעמאָלט בלויז איינמאָל אַן ווערטער אים געבעטן, ניט איבערצולאָזן זי מער אַליין. ער ד'האָט עס אָן ווערטער צוגעזאָגט. פיר יאָר זיינען אַוועק פון דער ערשטער באַגעגעניש אויף מאַט סטריט. עמאַ בערגער שטייט אויף אירע אייגענע פיס, גייט אַרבעטן, ל'ערנט צוביסלעך; ער ווייס, אַז זי קומט אָפּט צו זיינע לייט; פון צייט־צו־צייט באַגעגנט ער זי, אָבער דאָס זיינען די צעשראָקענע אויגן פון אַ גאַזעל וואָס איז פון ווילדע חיות אַנטלאָפן געוואָרן — אירע יעמאָלטיקע אויגן וואָס זוכן און געפינען אים אין אַלע באַהעלטענישן! יענע בליקן אירע האָבן מיט שטאַרקע שטריק אים צו זיך צוגעבונדן און ווי ווייט ער זאָל ניט אַוועק, איז ער ניט פריי.

די לעצטע צייט, גאָר אומגעריכט, קומט זי אים אַרויס אַנטקעגן. ער זוכט זי ניט, און באַגעגנט זי. דוכט אים, איר פּנים איז לענגער געוואָרן, אַזוי באַוואוסטזיניק און אין זיך פאַרטאָן. פון אַ צעשראָקן קינד איז זי געוואָרן אַ רייפער מענטש, אָדער אַ דערוואַכטע פרוי. אַזוי אויסטערליש איז געווען די לעצטע באַגעגעניש. אַזוי אומפאַרשטענדלעך איז זי אים איצטער געווען, ווען ער, אַ מידער, אַנטוישטער, איז אַרום האַלבער נאַכט געקומען צו זיין ניכטערנעם ברודער נתן מיט זיין דינהן, געקומען זוכן רו און פרידן — צום סוף גאָר איז אים אַנטקעגן פון צווייטן צימער אַרויסגעקומען עמאַ בערגער!

ער האָט דאָס מאָל ניט געקענט חושד זיין, אַז דאָ איז געווען אַן אָפּגערעדטע זאַך, משפחה וויל אים פאַרשדכנען. ווען עמאַ בערגער האָט זיך פּלוצלונג באַוויזן פון צווייטן צימער, איז עס געווען, גלייך ווי ער וואָלט פון אַ ווייטן וועג זיך אומגעקערט אַהיים, און זיין אייביק־טרייער פריינט, וואָס האָט באַשיידן און מיט געדולד געוואַרט אויף אים, איז אים אַנקעגן געקומען.

עמאַ בערגער... דוכט אים, אַזויפיל יאָרן קען ער זי שוין! גאַנצע זיבן און צוואַנציק יאָר, זינט ער איז אין דעם נייעם לאַנד. כאָטש אינגאַנצן איז עמאַ בערגער ניט מער ווי דריי און צוואַנציק יאָר אַלט. עס דוכט אים אויס, אַז פאַר דער צייט וואָס ער האָט זי איבערגעלאָזן, האָבן מיט איר אַ סך אומגליקן געטראָפן. ער איז פון די ערשטע פּאָגראָמען אַנטלאָפן געוואָרן אין אַ לאַנד וואו מען לאָזט יידן לעבן, און זי איז געבליבן אין דער פאַרשאָלטענער מדינה, כדי אַנצוזעטיקן זיך מיט יידישן אומגליק. זי האָט דורותדיקע פּחדים, אַלט־אויסגעשטאַנענעם יידישן טרויער צו אים געבראַכט אין אירע פולע, גרויע אויגן. אמת, דער דאָזיקער טרויער, וואָס ער האָט אפשר אַליין אין זיין אייגענעם בלוט געוואָרימט, איז געשטאַנען ווי אַ מחיצה צווישן אים און איר יעדעס מאָל, ווען נשמה ד'האָט געדאַרפט מאַכן פלאַץ פאַר גוף; ווען דאָקטאָר לוריא האָט אונטערגעפירט אַ סך־הכל, געזוכט דעם תכלית פאַר זיינע טעג און יאָרן אין נייעם לאַנד.

ווען עמאַ איז פּלוצלונג אַריינגעקומען פון צווייטן צימער, איז דאָקטאָר לוריאַן ענג געוואָרן אין זיין ברודערס שטוב. אים איז שווער געווען צו פאַרטראָגן די צו קלוגע בליקן פון זיין שוועגערן. אין דעם מאָמענט ווי עמאַ האָט זיך באַוויזן, איז אים שווער געווען ס׳מויל אויפצועפענען. עמאַ האָט עס באַמערקט און האָט אים איינגעלאַדן, ער זאָל זי אָפּפירן אַהיים. דאָקטאָר לוריאַ האָט מיט אינערלעכער צופרידנקייט זיך אויפגעהויבן פון פּלאַץ, זיך געזעגנט מיט זיין ברודער און שוועגערן.

ס׳איז געווען נאָך האַלבער נאַכט, ווען דאָקטאָר לוריאַ און עמאַ בערגער זיינען אַרויס דרויסן. אַ שווער־אויסגעשטערנטער הימל איז געהאַנגען איבער דער קילער פרילינג־נאַכט. זי איז געגאַנגען ביי זיין רעכטער זייט געאָרעמט, און געזאָגט, ער זאָל שפּירן איר האַרץ־קלאַפּ. זי האָט פון אים געוואָלט הערן ס׳ערשטע וואָרט, וואָס זאָל באַרעכטיקן די אומדערוואַרטע באַגעגעניש. אַזוי נאָענט און פאַרט דערווייטערט האָבן זיינע טריט אָפּגעהילכט ביים זייט פון אירע.

— פירט ער מיך טאַקע אַהיים? — איז איר דורכגעלאָפן אַ מחשבה. — צי האָט ער גאָרניט געהערט, אַז איך האָב דאָרט געדאַרפט נעכטיקן?

זיי זיינען אַרויסגעקומען אויף דער העל־באַלויכטענער בוליער. די מענטשן וואָס זיינען פאַרבייגעגאַנגען האָט זי גאָר אינגאַנצן ניט באַמערקט. נאָר די אָפּגעריסענע מוזיק־קלאַנגען פון די מוזיק־האַלס האָבן שיטערלעך געקלאַפּט אין אויער. זיינע און אירע טריט האָבן נערוועיש זייט־ביי־זייט אָפּגעהילכט.

— ווי האָט איר געוואוסט, אַז מיין געמיט איז היינט אַ שווערס? — האָט דאָקטאָר לוריאַ אומדערוואָרט אָנגעהויבן.

— כ׳קלער, ווען איר ווייסט, אַז איך בין ביי אייער ברודער, וואָלט איר אַדהין אפשר היינט ניט געקומען.

— איר קענט אין דעם ניט זיין זיכער, מיס בערגער.

כאָטש דער „מיס בערגער" האָט פרעמד געקלונגען, האָט זיך עמאַ אָנגענומען מיט מוט און געזאָגט:

— כ׳ווייס אַלץ ניט, וואָס האָט מיך היינט אין אָוונט אַזוי אַ ריס געטאָן פון אָרט און אַוועקגעטראָגן צו אייער ברודער.

— כ׳טראַכט די לעצטע צייט פון אונדזער ערשטער באַגעגעניש. איר האָט עס אוודאי פאַרגעסן.

— איך? שווער צו פאַרגעסן יענע דורכזיכטיקע הענט, וואָס האָבן אָנגערירט מיין קראַנק לייב. האָבן געמאַכט, דאָס פאַרגליווערטע בלוט אין די אָדערן זאָל אָנדהייבן שלאָגן מיט אַזאַ וואַרימקייט, אַזש ס׳האַרץ זאָל שיעור ניט צעשפּרונגען ווערן.

עמאַ האָט גערעדט שטיל. די ווערטער האָבן אָפּגעהילכט אין אירע אייגענע אויערן, און איר האָט אויסגעוויזן, אַז דער דרויסן, די קילע, אויסגעשטערנטע נאַכט האָבן די דאָזיקע ווערטער אויפגעכאַפּט, אָבער ניט דער מענטש וואָס פירט זי אינערגעצן. זי האָט ניט קיין חרטה געהאַט, הלמאי זי האָט עס געזאָגט. ס׳איז איר אויסגעקומען ווי די דאָזיקע ווערטער, זינט זי איז געזונט געוואָרן, האָט זי זיי געוואַרימט אין איר האַרצן, געזוכט אַ געלעגנהייט אַרויס־

צוזאָגן צום מענטשן, וואָס האָט זי פון אַ פינצטערער און שטורעמדיקער נאַכט אַרויסגעפירט.

דאָקטאָר לוריא האָט מיטן דמיון געוואָלט אָפּמעסטן די ווייטקייט וואָס עמאַ איז אָפּגעגאַנגען זינט דער ערשטער באַגעגעניש, ביז זי האָט אָנגעזאַמלט גענוג מוט, אַזוי קלאָר אים דערציילן וואָס זיינע הענט האָבן געמיינט פאַר איר טראַגיש לעבן.

— איך האָב געהערט וואָס איר האָט דערציילט, עמאַ. איך האָב אַזויפיל קראַנקע מענטשן אָנגערירט מיט מיינע הענט; אויסגעשפּירט מיט די פינגער קראַנקע לייבער פון אַלט און יונג. מיינע פינגער האָבן אין אייער לייב ניט געזוכט קיין קראַנקע שפּורן. איך האָב אויך אין אייערע אָדערן ניט געשפּירט קיין פאַרגליווערט בלוט. ניין, עמאַ, איך האָב אייך קיינמאָל ניט געזען אין מיין דמיון ווי אַ קראַנקע.

— כ׳געדענק, ווי קראַנק איך בין געווען; כ׳געדענק די פינצטערניש וואָס איז געהאַנגען איבער מיר ווען איר זייט צום ערשטן מאָל צוגעקומען צו מיין בעט און אָנגענומען מיין האַנט. נאָר איר זייט קיינמאָל פאַר מיר ניט געווען דער דאָקטאָר לוריא וואָס קומט היילן קראַנקע. אפילו יעמאָלט, ווען איר האָט צום ערשטן מאָל אַריינגעקוקט אין מיינע אויגן, געפאָרשט מיין קראַנקייט, כאָטש מיין האַרץ איז געווען אין הוילע וואונדן און פאַר מיינע אויגן איז געלעגן אַ געהרגעטער דער מאַן וואָס האָט מיך אויף די הענט פון פּאַגראָם אַרויסגעטראָגן. און איך האָב געקענט אין דער אייגענער צייט דערלאָזן, אַז אַ ווילד־פרעמדער מאַן זאָל קומען צו מיין קראַנקן בעט דער־וואַרימען מיין פאַרגליווערט האַרץ. איך פיל, יעמאָלט בין איך באַגאַנגען אַ זינד.

עמאַ האָט אַרויפגעקוקט צו דאָקטאָר לוריאן, געוואָלט דערקענען וואָס פאַר אַן איינדרוק אירע רייד האָבן געמאַכט אויף אים. זיין פּנים איז געווען רואיק, ווי יעמאָלט בשעת ער הערט אויס אַ חולה. איר איז הייס געוואָרן אין פּנים. מיט אַמאָל האָט זי זיך דערפילט שפּלדיק. ס׳האָט זי געצויגן צו דער ערד, כאָטש ער האָט זי געפירט אונטערן האַנט.

— צוליב וואָס האָב איך גענומען און אויסדערציילט אַלץ, וואָס איך האָב געטראָגן אין זיך באַגראָבן? — איז עמאַן דורכגעלאָפן אַ מחשבה. — אפשר האָט ער גאָר ניט געהערט וואָס איך האָב גערעדט.

ווען מ׳האָט זיך דערנענטערט צו זיין אָפיס, האָט זי אויף דעם גאָרניט געזאָגט. „אַלץ בעסער ווי איצטער גיין אַהיים, זוכן אין דער פינצטער ס׳גע־לעגער”.

— צינדט ניט אָן קיין ליכט, — האָט זי שטיל געבעטן, ווען זי האָט זיך דערשפּירט ביי אים אין אָפיס. זי האָט באַמערקט ביים פענצטער די סאָפע אויף וועלכער זי איז אַ סך מאָל געזעסן צווישן פּאַציענטן און געוואַרט אויף איר ריי. שטיל און שטום איז זי אַנידערגעפאַלן אויף דער סאָפע, געביסן די ליפּן ניט צו וויינען.

— עמאַ, כ׳האָב אַלץ געהערט. איר האָט עס פאַרשפּאָרט צו זאָגן.

דאָקטאָר לוריא האָט זיך אַראָפּגעלאָזן נעבן עמאַן, גענומען איר האַנט און געדריקט צו זיינע ליפּן.

— כ׳וויס, אַז איך האָב ניט געדאַרפט רעדן. דערפאַר בין איך איצטער אַזוי מיד, ווי כ׳וואָלט זיך אַהער דערשלעפּט מיט אַ שווערער משא אויפן פּלייצע. פאַרגעסט אַלץ וואָס איך האָב אייך געזאָגט, כ׳בעט אייך.

זי איז געווען אָנגעשפּאַרט מיטן קאָפּ אויף זיין ברוסט. די ווענט פון צימער זיינען אויפגעלייזט געוואָרן. פאַרן דמיון האָבן צייט און אָרט אין קרייז געשוואומען. דוכט איר, זי איז גאָר קיינמאָל ניט געקומען קיין אַמע־ריקע. אַ בייזער חלום איז דאָס געווען וואָס האָט אָפּגעשפּילט אַ פּאָגראָם און איר פאַרגעשטעלט ווי איר געליבטער און חתן איז דערשטאָכן געוואָרן. ווער איז זי געווען יעמאָלט אין פאַגראָמען־לאַנד? ווער זיינען אירע טאַטע־מאַמע, ברידער און שוועסטער? און ווער איז ער דער מאַן וועמען אַ צעיושע־טער סאָלדאַט האָט אַריינגעשטאָכן אַ מעסער אין זייט? ווער איז געווען דאָס איבערגעשראָקענע און צעפלאָגטע מיידל, וואָס איז יעמאָלט אַנידערגעפאַלן אין דער קאַלוזשע בלוט, געקושט די הענט ביים טויטן, וואָס האָט זיך געווייקט אין זיין אייגענעם בלוט?

זי האָט אויסגעפונען דאָקטאָר לוריאס האַנט און צוגעטראָגן צו די ליפּן. אַ דינער קאַרבאָל־ריח האָט געצויגן פון דער הויט. פון דער טונקלקייט האָבן זיך אַרויסגעזילבערט אַלערליי אינסטרומענטן וואָס זיינען געלעגן אין אַלמער הינטער אַ גלעזערנער טיר. דער ריח פון זיינע הענט האָט דעם מאַן, אויף וועמעס ברוסט איר קאָפּ האָט גערוט, פאַרבונדן מיט יענע שערן, מע־סערס, און אַלערליי צוואַנגען וואָס זיינען קאַלט און שוויגנדיק געלעגן הינ־טער דער גלעזערנער טיר.

— די־אָ הענט היילן מענטשלעכע וואונדן. אַזוי זעלטן קומט ער זיך צונויף מיט געזונטע מענטשן. כסדר קראַנקייטן, דעריבער איז ער אַזוי פאַר־שלאָסן אין זיך אַליין. דעריבער האָט ער די גאַנצע פיר יאָר געקענט אומגיין אָן אָפּגעזונדערטער אַליין מיט זיך. צי גלויבט ער טאָקע, אַז איך בין געזונט געוואָרן?

ערשט איצטער האָט זי געזוכט די פּאַסיקע פּאָר ווערטער וואָס זאָלן אויס־דריקן און דערציילן ניט נאָר פון אירע יאָרן אין אַמעריקע, נאָר פון אַלע יאָרן זינט זי געדענקט זיך.

— אָ, ווי קען איך פון זיך אָפּטרייסלען אַלץ וואָס האָט זיך אויף מיין לעבן אָנגעהאָנגען? אַזויפיל מענטשן זיינען געלאָפן פון פּאָגראָמען; פאַרוואָס איז אויף מיר אויסגעפאַלן צו געדענקען דאָס וואָס איך האָב שוין אַזוי גע־וואָלט פאַרגעסן?

— באַמי זיך ניט צו פאַרגעסן.

— העלף מיר. האָסט אָנגעהויבן, לאָז ניט איבער אין מיטן, זכריה.

— איך געדענק און טראָג אויך דאָס וואָס די צייט האָט מיר אין וועג מיטגעגעבן.

מוז איך?

— אויב דאָס וועט ווערן אַ טייל פון דיין גייסטיקן פאַרמעגן, וועסטו זיך ניט שפּירן אָרעם אין נייעם לאַנד. אונדז איז אפשר באַשערט צו טראָגן אין זכרון דאָס וואָס געהער ניט צו אונדז אַליין, נאָר צו אַ גאַנץ פאָלק, וואָס גייט דורך דורות און טראָגט די דורות אָנגעלאָדן אויפן פּלייצע.

— ס'איז אַזוי שווער, דו ווערסט מיר דאַרפן העלפן דאָס טראָגן אויף מיין שוואַכער פּלייצע.

דאָקטאָר לוריא האָט אויף דעם ניט געענטפערט. מיטן געדאַנק איז ער ווידער אַוועק צום עלטערן ברודער. אַזוי אומגעריכט איז געווען די באַגע־געניש, און אַזוי נאַטירלעך שפּירט ער דאָס זיצן איצטער אין דער פינצטער און וואַרטן אויף דעם פאַרטאָג!

אויך זיינע בליקן טרעפן צו דער גלעזערנער טיר, פון וואַנען עס קוקן אַרויס די כירורגישע אינסטרומענטן, פאַרטראָגן אויף אַ וויילע זיין געדאַנק צו אַ לאַנגער שורה חולאים וואָס קלאַפּן אין זיינע טירן, בעטן הילף. צווישן זיי זיצט די שמאָלפּלייציקע, בלאַסע עמאַ, וואָס האָט זיך איצטער אויסבאַ־האַלטן אויף זיין ברוסט. האַלב אין חלום און האַלב אין וואָר באַגרייפט זי, ווי די לאַנגע נאַכט הייבט זיך אויף, שווימט אַוועק און ווערט פּאַמעלעך אויפ־געלייזט.

— ווייסט, זכריה, מיר דוכט, כ'בין אַהער ניט געקומען אויף קיין שיף. דו האָסט מיך אויף דיינע הענט געבראַכט. דו האָסט מיך אַרויסגענומען פון רציחהשע הענט. ווי אַזוי האָסטו געקענט באַלד שוין גאַנצע פיר יאָר אַזוי מיך טראָגן אויף דיינע הענט? איך וועל דערציילן אין שטוב, אויב זיי וועלן מיך פרעגן, וואו כ'האָב געגעבטיקט... כ'וועל זאָגן, כ'בין ווידער קראַנק געוואָרן, בין צו דיר געקומען און דו האָסט מיך ניט אָפּגעלאָזן...

ס'האָט אָנגעהויבן צו פאַרנעמען זיך אויף טאָג, ווען דאָקטאָר לוריא האָט אויף די הענט אויפגעהויבן עמאַן און אַוועקגעטראָגן צו זיך אין שלאָפצימער, פאַרזיכטיק זי אַנידערגעלייגט אויף זיין געלעגער. די רו האָט פון איר פּנים אַרויסגעשטראַלט, און אים צו זיך צוגעצויגן.

קאַפּיטל פופצן

דער מענטש זעט איינמאָל אין לעבן אַרויס זיין גליק אין חלום. גיכער פון אַלץ פאַרגעמט דער חלום ס׳אָרט פון דערווירקלעכקייט. יעמאָלט, ווען די וואָר פאַרנעמט ס׳אָרט פון חלום, איז שוין נאָך אַלעמען.

אַזוי איז עס מיט דאָקטאָר זכריה לוריאן געגאַנגען פון יענעם טאָג אָן זינט דער יידישער באַוואוסטזיין איז אים פאַרלאָפן פאָרויס און אָנגעוויזן אויף די מיטגלידער פון דער אייגענער משפחה, וואָס האָבן אין ניו־יאָרק געלעבט דאָס איינגעוואָרצלטע לעבן. אויך זיין ליבע האָט ער בלויז אין חלום געזען, מיטן טרויער ביים זייט. אָבער צו אָפט איז די וואָר געוועזן זיין באַגלייטערן אויפן וועג צו זיינע פּאַציענטן, וואָס אַ טייל פון זיי האָט זיך שוין אפילו אַרויסגעקליבן פון דער איסט־סאַיד.

ווייט פון חלום איז געוועזן זיין באַגעגעניש מיט עמאַ בערגער. זי איז געקומען פון אַן אַנדער וועלט, מיט זיך מיטגעבראַכט צער און צאָרן, אויסגעשפּרייטן פאַר זיין שוועל. עס זיינען אָפטמאָל זיס די טרערן פון פרייד. אָבער די טרערן וואָס עמאַ בערגער האָט אים געבראַכט זיינען געוועזן טרערן וואָס די ביטערע וואָר האָט אויף די יידישע געמאַרקן. וואו זיי זאָלן ניט זיין, פאַרגאָסן. ער האָט איר גוף, ווי אַ דאָקטאָר, געקענט. אָבער איר פרויענגוף, וואָס טראָגט אין זיך דעם כשוף, דער מאַן זאָל וועגן אים חלומען, דאָס האָט געהערט צום חלום און ניט מער.

דעריבער האָט יעדע דערנענטערונג אין דער ווירקלעכקייט בלויז אויפגעשטעלט אַ צייטווייליקע וואַנט צווישן דעם מאַן זכריה לוריא און דער פרוי עמאַ בערגער.

— פאַר אייך בין איך אַ געליבטע, אָבער אין דער ווירקלעכקייט — אַ קראַנקע, וואָס איר ווילט געזונט מאַכן.

דאָס האָט זי אים געזאָגט אין איינער פון די שלאָפלאָזע נעכט, ווען חלום און וואָר האָבן זיך פאַרביטן מיט די ערטער. ווען זי האָט געלאָזן, ער זאָל אויף די הענט זי טראָגן צו זיין געלעגער, כדי אירע טרערן זאָלן פאַר אים אויפדעקן זיין אייגענעם גורל ווי אַ ייד, וואָס האָט זיין האַרץ צו יונג באַהעפט מיטן יידישן צער.

ווען ניט זיינע פּאַציענטן די לעצטע צייט, וואָלט ער אַליין אַריינגעפאַלן אין אַ מרה שחורה. אָנשטאָט צו היילן יענעם, האָט ער אַליין געדאַרפט פרעגן אַ ווייסערקע, זי זאָל אים פּותר זיין אַ וויסטן חלום אין געשטאַלט פון אַ ליבע, וואָס איז גאָר פאַרקנסט מיטן אייביקן טרויער. ווען ער איז אַרויסגעפאָרן צו זיינע פּאַציענטן האָט ער די לעצטע צייט צו אָפט פאַרשפּעטיקט. און קומענדיק אין זיין אָפיס האָט ער זיך אָנגעשלאָגן אויף דעם אומגעדולד פון זיינע פּאַציענטן, וואָס האָבן צו לאַנג געוואַרט אויף אים.

דאָס מאָל האָט דאָקטאָר לוריא פאַרשפּעטיקט אויף אַ גאַנצער שעה. ווען ער איז אַריינגעקומען צו זיך אין אָפיס האָט ער זיך פאַרחידושט צו געפינען צווישן די וואַרטנדיקע פּאַציענטן זיין שטיפשוועסטער רעבעקאַ. זי איז געזעסן אויף דער סאָפע, און נעבן איר — אַ יינגל פון אַ יאָר צען, אין קורצע הויזן און אין לאַנגע זאָקן, מיט אַ פידל־שייד ביים זייט.

— פאַרוואָס זיצסטו דאָ, רעבעקאַ, דהאָסט שוין פאַרגעסן ווי מען טרעפט אין אַנדערן צימער אַריין?

רעבעקאַ האָט אים אויסגעזען אַ סך געעלטערט. דאָס פּנים טרוקן, די טונקל־ברוינע אויגן גרעסער, און דער בליק אומפריינטלעך. זי האָט פרעמד צו אים אַרויפגעקוקט.

— פאַרוואָס גייסטו ניט אַריין אין צווייטן צימער? דאָס איז אוודאי דיין קאַזין. שפּילט ער טאַקע פידל? שטיי אויף — פאַראַן בילכערע וואָס דאַרפן דאָ זיצן.

דאָקטאָר לוריא האָט אויסגעהערט זיינע פּאַציענטן, אויסגעפּויקט מיט די פינגער איבער ברוסט און פּלייצע, אויסגעהערט ס׳האַרץ, און מיט די מחשבות איז ער איצטער געווען ביי די בערגערס; פון די בערגערס — אין צווייטן צימער, וואו ס׳האָט אויף אים געוואַרט די אָפּגעפרעמדטע שטיפשוועסטער. איר קאַלטער בליק האָט אים פאַרשאַפט פאַרדראָס, ער האָט קוים דערצויגן, דער לעצטער פּאַציענט זאָל אַרויסגיין.

ווען ער איז אַריין אין שלאָפצימער, אין דעם פאַרנאַכטיקן ליכט, וואָס האָט זיך דורכגעקליבן אין דער קרום פון הינטער אַ דערבייאיקן ברוינעם בנין, האָט ער געפונען זיין שוועסטער זיצן מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ. זי דהאָט די אויגן צו אים ניט גלייך אויפגעהויבן. ס׳יינגל, וואָס איז געשטאַנען ביים פענצטער און געהאַלטן ביים זייט זיין פידל־שייד, האָט אים אַ ווייל צעשראָקן אָנגעקוקט, און באַלד אָנגעהויבן צו שמייכלען.

דאָקטאָר לוריא האָט זיך אַראָפּגעלאָזן נעבן רעבעקאַן, פאַרנומען צו זיך איר קאָפּ און אַ קוש געטאָן.

— זי איז אַ שלעכטע, דיין קוזינע, — האָט ער גערעדט צום האַלב־דער־שראָקענעם יינגל. — זי האָט דיך שוין לאַנג געדאַרפט ברענגען אַהער, זאָלסט פאַר מיר שפּילן. האָסט דאָ דיין פידל?

— יעס, דאָס איז מיין פידל, — האָט ס׳יינגל מיט ציטערנדיקע הענט אַרויסגענומען די פידל פון שייד און זי דערלאַנגט דאָקטאָר לוריאַן.

ווען רעבעקאַ האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ, האָט דאָקטאָר לוריא באַמערקט, אַז אירע אויגן זיינען פאַרגאָסן מיט טרערן.

— וואָס מאַכט דיין מאַמע, דיין אַלטע באָבע? — דהאָט דאָקטאָר לוריא פריינטלעך אַרויסגענומען ביים יינגל די פידל און געצופּט די סטרונעס.

— די באָבע איז קראַנק, — האָט ס׳יינגל געקוקט צו רעבעקאַן, און ניט געקענט פאַרשטיין פאַרוואָס זי זיצט אַזוי נידערגעשלאָגן.

— אַזוי, אַזוי, די באָבע איז נאָך אַלץ קראַנק... כ׳וואָלט באַדאַרפט אַריבערקומען, זען וואָס איך קען טאָן פאַר דיין באָבען. שפּיל־אויף עפּעס אַ פריילעכס, און וועק אויף דיין קוזינע. וואָס, זי וויינט אָפט אַזוי?

רעבעקאַ איז אויפגעשטאַנען, צוגעגאַנגען נאָענט צו איר שטיפברודער.

— גלויבסט טאַקע, אַז איך האַלט אין איין וויינען. כ'האָב בילכערע זאַכן צו טאָן. יעס, זכריה, שמייכל ניט אַזוי. כ'האָב געבראַכט הערין, זאָלסט הערן ווי ער שפּילט.

— ווילסט ניט, קערלאַין זאָל אויך הערן? מ'קען צופאָרן צו איר.

— אַן אַנדערש מאָל אפשר.

— דוכט מיר, אַז דו זעסט אויס שלעכט. וואָס טוסטו?

— איך אַרבעט.

— כ'וויס, אַז דו גייסט ניט אום ליידיק. כ'פרעג עפּעס אַנדערש.

— כ'קלייב זיך נאָך ניט חתונה האָבן.

דער דאָזיקער ענטפער איז דאָקטאָר לוריאַן ניט געפעלן געווען. ער האָט זי אָנגעקוקט און טרויעריק געשמייכלט. ווען ניט איר שוועסטערקינד מיטן פידל, וואָלט ער איצטער זיין שטיפשוועסטער אָפּגעצאָלט פאַר אַ סך נאַריש־קייטן. אָבער דער יונגער פידלשפּילער איז געשטאַנען מיטן פידל אונטערן אָרעם — ווי אַ קאָנצערט־מייסטער, וואָס שטייט אויף דער בינע און וואַרט, דער עולם זאָל זיך ווי עס איז איינזעצן און באַרואיקן.

דאָקטאָר לוריא האָט עס באַמערקט.

— שפּיל, הערי, אַזוי דוכט מיר איז דיין נאָמען. שפּיל עפּעס שיינס.

ס'יינגל, וואָס האָט אַ פּאָר יאָר איינגאַנצן זיך געלערנט, האָט געהאַט אַ נאַטירלעכע נייגונג צום פידל. זיין טעכניק איז איינגאַנצן נאָך געווען אַ רויע. אָבער דער טאָן איז דאַ־און־דאָרטן געווען אַ קלאָרער און זינגעוודיקער. ער ד'האָט אָנגעהויבן צו שפּילן די טרויעריקע אַנדאַנטע קאַנטאַבלע פון טשאַי־קאָווסקי, וואָס איז געווען איבער זיינע כוחות. רעבעקאַ האָט אָנגעשפּיצט די אויערן. ווען דאָס שפּילן איז געגאַנגען גלאַטיק, האָט זיך גרויס נחת אויסגעגאָסן אויף איר פּנים, ווי אַ מאַמע, וואָס האָט דערלעבט נחת פון איר אייגן קינד. ווען די פידל האָט אַ סקריפּ געטאָן, האָט זי מעשה שולדיקע אָפּיר געקוקט צו איר שטיפברודער.

דאָקטאָר לוריא האָט עס באַמערקט. אים האָט עס טיף ווי געטאָן. „צו־ליב דעם דאַרף זיך אַ מענטש ניט מקריב זיין, — האָט ער געטראַכט. — האָט זי ניט געקענט איר מוטערס משפּחה העלפן פון דער ווייטנס, ווי מ'האָט עס פון איר פאַרלאַנגט?"

דאָס רויטהאָריקע יינגל האָט אָפּגעשפּילט אַ פּאָר זאַכן, געבליבן שטיין — אין איין האַנט די פידל, אין דער אַנדערער — דער סמיק, און דאָס פּנים, אַ צעשראָקנס, ד'האָט אָפּיר געקוקט צו דאָקטאָר לוריאַן און געוואַרט אויף אַ גוט וואָרט.

— פאַר אַזאַ קורצער צייט האָסטו אַ סך אויפגעטאָן, — האָט דאָקטאָר לוריא אים געקלאַפּט אין פּלייצע. — אַז דו וועסט האָבן נאָך אַ פּאָר שיינע זאַכן צום שפּילן, וועל איך קומען צו דיר אַהיים. רעבעקאַ וועט מיך נעמען צונ' איך.

דאָקטאָר לוריא האָט אַרויסגענומען עטלעכע דאָלער און דערלאַנגט דעם יונגן פידלשפּילער, און געזאָגט:

— וועסט דיר עפּעס קויפן. אפשר דאַרפסטו קויפן נאָטן. איך בין רעבעקאַס אַ ברודער. ס'איז פּונקט ווי זי וואָלט עס דיר געגעבן.

רעבעקאַ האָט דאָס געלט אַרויסגענומען ביי איר שוועסטערקינד פון האַנט, דערלאַנגט צוריק איר ברודער, און האָט געזאָגט:

— הערי איז מיט אַלץ פאַרזאָרגט. אַ דאַנק דיר, זכריה. כ׳וועל אַן אַנדערש מאָל צו דיר אַריינקומען. לאָז גריסן קריינדלען.

* * *

— וואָס ברייטער עס שפּרייטן זיך אויס די לוריא־צווייגן, אַלס טיפער פוילן די וואָרצלען!

אויב דער פאַרמער הילל לוריא האָט מיט דעם געמיינט מוסר זאָגן זיין ברודער אין שטאָט „וואָס האָט זיך אַרויפגעאַרבעט און אין אים פאַרגעסן" — האָט ער זיין ציל דערגרייכט. דאָקטאָר לוריאַן איז עס שטאַרק אַריין אין קאָפּ. „ניט דוקא אויף דער לוריא־משפחה דאַרף מען עס אָנמעסטן, — האָט ער ווייטער געטראַכט. — ביים גאַנצן ביסל יידן, וואָס האָט זיך מיט די וואָרצלען אַרויסגעריסן און אַהער די וואָרצלען אַריבערגעבראַכט, האָבן דער־וויל זיך נאָר די צווייגן פאַרשפּרייט. די וואָרצלען פוילן".

אין זיין דערפאַרונג ווי אַ דאָקטאָר אין דער יידישער גאַס, האָט ער פאַר־שיידנס געזען. ער איז געווען אין הייזער, וואו מ׳האָט אים גערופן צו אַ קראַנקן מיטגליד פון דער משפחה און מ׳האָט געגלויבט „פריער גאָט און דערנאָך אים"; וואו מ׳האָט באַשטעלט זיינע רעצעפּטן, אָבער דער עיקר האָט מען באַשטעלט, אין שול זאָל מען תהילים זאָגן; און ווען גאָר שלעכט — האָט מען געלאָזן „איינלייגן די וועלט" ביים ארון קודש, ביי די צעשראָקענע ספר־תורות. און אים קומט אויך אויס צו זיין אין הייזער, באַטראַכטן חולאים, וואו ערשט ביים קראַנק ווערן האָט מען זיך דערמאָנט, אַז מ׳איז יידן. ביים קראַנקן בעט האָט מען געזוכט דעם אָפּגעריסענעם שורש.

ער וויל זיך דערגרונטעווען צו דער סיבה פאַרוואָס די שטיפשוועסטער האָט אין זיך איינגעזאַפּט אַזויפיל בייזקייט, וואָס אַפילו צו אים קען זי עס ניט באַהאַלטן.

דאָקטאָר לוריא האָט געבראַכט אין אָרדנונג זיין שרייבטיש, געקלערט אַריבערגיין צו זיין שוועסטער, דאָרטן זיך דורכריידן מיטן שוואָגער, אפשר וואָלט מען געקענט פאַרמיידן דעם סטרייק וואָס האָט זיך דערנענטערט. אָבער אומגעריכט האָט זיך רעבעקאַ ווידער באַוויזן, אַליין אַן איר שוועסטערקינד איז זי אַריינגעקומען.

עס איז געווען ניט די אייגענע רעבעקאַ. מונטער און מיט אַ סך פרייד אין פּנים, איז זי איצטער אָנגעקומען.

— צי דאָס ביסטו? — האָט דאָקטאָר לוריא זי געכאַפּט פאַרביידע הענט און אַנידערגעלייגט אויף דער סאָפע. — כ׳וועל דיך אונטערזוכן, צי דו ביסט ביים פולן זינען.

רעבעקאַ האָט זיך ניט געריכט, איר שטיפברודער וועט זי אַזוי גוטמוטיק באַגעגענען. זי האָט געוואָרט, ער וועט אָנהייבן גלייך מיט מוסר. זי האָט אים צוגעצויגן צו זיך און געקושט. איר פּנים האָט אויפגעלויכטן, זי איז מיט אַמאָל יינגער געוואָרן.

— כ׳בין געקומען דיך פרעגן, צי זיין שפּילן געפעלט דיר?

— יאָ שפּילן, ניט שפּילן; אַלץ וואָס דו טוסט פאַר דיין מאַמעס משפחה איז שיין און גוט. אַזוי דאַרפן מענטשן האַנדלען.

— מיינסט עס ניט, — האָט רעבעקאַ געפאָרשט.

— מענטשן פֿאָדערן קרבנות. אַמאָל האָט מען געבראַכט די קרבנות, ווייל שלעכטע געטער האָבן עס כלומרשט געפֿאָדערט. היינטיקע צייטן פֿאָדערט דער מענטש אַליין, מ׳זאָל אים ברענגען קרבנות. דו האָסט גענומען מקריב זיין דיין יוגנט, ווייל דאָרט פֿאָדערט מען עס איצטער פֿון דיר.

רעבעקאַ האָט אים אומעטיק אָנגעקוקט און ניט געוואוסט וואָס אים צו ענטפֿערן אויף דעם. פֿריער, ווען איר שוועסטערקינד האָט געשפּילט, האָט זי ווי געלייענט איר שטיפֿברודערס מחשבֿות. זי האָט געשפּירט, ווי ער באַדויערט זי, הלמאי זי האָט גענומען און זיך אַליין מקריב געווען צוליב אַ קאַפּריז, איר שוועסטערקינד זאָל זיין אַ פֿידל־שפּילער.

— דו האָסט ניט געהערט וואָס איך האָב דיר געזאָגט, רעבעקאַ. איך מאַך ניט צו קלײנגעלט וואָס דו טוסט פֿאַר דיינע לייט. מיר פֿאַרדריסט נאָר, וואָס אינאיינעם מיט דיין גוטסקייט האָסטו אין זיך דערצויגן אַזאַ פֿאַרביטערט־קייט צו אונדז אַלעמען. איך האָב דיך פֿריער געפֿרעגט, וואָס דו טוסט, ביסטו ברוגז געוואָרן. ווייל איך איצטער פֿון דעם מער ניט רעדן.

— וואָס מאַכט דיין מיידל, זי איז שוין געזונט? — האָט רעבעקאַ אומגע־ריכט אַ פֿרעג געטאָן.

דאָקטאָר לוריא איז אויפֿגעשטאַנען, צוגעגאַנגען צום ביכער־שראַנק, אַרויסגענומען אַ בוך וועגן אַנאַטאָמיע און, אַזוי שטייענדיק ביים ביכער־שראַנק, האָט ער אָנגעהויבן צו בלעטערן. דער אופֿן ווי זי האָט אים געפֿרעגט האָט אים באַליידיקט. ניט די פֿראַגע אַליין, איר איראָנישער טאָן האָט אים ווי געטאָן.

— ווען קלייבסטו זיך חתונה האָבן?

רעבעקאַ האָט עס באַמערקט, און ניט נאָכגעגעבן. מיט דער אייגענער איראָניע האָט זי ווידער געפֿרעגט; און ניט דערוואַרטנדיק זיך אויף אַן ענט־פֿער, זיצנדיק אויף דער סאָפֿע, האָט זי מיט אַ מינע פֿון אַ ווייסערקע אַריבער־גערעדט צו איר ברודער:

— יעדערער מיינט, ער איז קלוג פֿאַר זיך. מיינסט אויך דאָס אייגענע. פֿונדעסטוועגן ווייס איך, אַז אַלץ וואָס דו האָסט פֿאַר זיך אויפֿגעבויט וועט זיין אַרויסגעוואָרפֿן, אויב נאָך דער חתונה וועסטו זיך שפּירן אומגליקלעך. אַ קראַנקער מענטש, איז אַ קראַנקער מענטש. אַ פֿיזיש־קראַנקן מענטשן קען מען אויסהיילן. אָבער אַ גייסטיק־קראַנקער מענטש...

— קענסטו זי גוט? — האָט דאָקטאָר לוריא זיך אָנגעשטרענגט צו האַלטן רואיק.

— זייער גאַנצע משפּחה איז אַ קראַנקע.

— ווען דו נעמסט אַריין די גאַנצע משפּחה אין כּלל, בין איך מיט דיר ניט מסכּים. די עלטערן זיינען געזונטע מענטשן. די צוויי ברידער, די יינגערע שוועסטער, אַלע נאָרמאַלע מענטשן. וואָלטן זיי נאָר געהאַט אַרבעט.

— און זי?

— אויף דעם קען איך דיר ניט ענטפֿערן. ווען דו וואָלסט צו מיר גע־קומען ווי אַ שוועסטער, ווי דאָס טוט קריינדל, איז עפּעס אַנדערש.

— קריינדל איז אויך אַ קראַנקער מענטש. אַלע לוריאס ליידן פֿון אַ קראַנקייט וואָס הייסט נאַרישקייט, כאַ־כאַ־כאַ.

— דאָס בין איך מסכּים מיט דיר. דער גרעסטער שוטה ביסטו, רעבעקאַ. די גרעסטע גרויסד־האַלטערקע אין אונדזער משפּחה ביסטו.

— אפשר בין איך עס. איך פרעג דיך, ווען קלייבסטו זיך חתונה האָבן, מעגסטו מיר ענטפערן.

— ניט פריער פון דיר.

— כאַ־כאַ־כאַ, — איז רעבעקאַ אויפגעמונטערט געוואָרן. — איך האָב קיינעם ניט איצטער. איך לעב מיט איין אידעאַל אויפצוהויבן מיינע לייט. ווערסט נאָך זען, הערי וועט זיין אַ גרויסער פידל־שפּילער. און כאָטש איך בין יינגער פון דיר, בין איך געקומען דיר זאָגן...

— כ׳בעט דיך, רעבעקאַ, זאָג בעסער גאָרניט, — האָט דאָקטאָר לוריא אַרויפגעלייגט זיין האַנט אויף איר מויל. — איך וועל זיך ניט מישן אין דיינע ביזנעס, און דו האַלט זיך פון דער ווייטנס.

— איך בין היינט ניט געקומען, זאָלסט אויסהערן הערין. כ׳ווייס, דו פאַרשטייסט ניט קיין מוזיק. כ׳האָב נאָר געזוכט אַן עקסקיוז דיך צו וואָרענען. איך קען זיי גוט. ווילי, דער יינגערער ברודער אירער, ער קומט צו מיר אַריין. ער האָט מיר דערציילט, אַז זי איז ניט ביים קלאָרן זינען. איר קאָפּ איז פול מיט פּאַגראָמען. זי שרייט פון שלאָף און וועקט אַלעמען אויף. זי וויינט פון שלאָף און דערמאָנט איר חתן, וואָס איז געהרגעט געוואָרן. איך בעט דיך, זכריה, הער אויס וואָס די נאַרישע רעבעקאַ רעדט צו דיר.

איר פּנים ד׳האָט געפלאַקערט, אירע אויגן האָבן געגליט, די ליפּן האָבן געציטערט פאַר אויפרעגונג. זי האָט געוואָלט נאָך עפּעס זאָגן, אָבער זי האָט באַמערקט ווי ביי דאָקטאָר לוריאן איז דאָס בלוט פון פּנים אויסגערונען. ער איז, ווי פריער, געשטאַנען ביים ביכער־שראַנק און די אויגן — אין אַנאַטאָמישן בוך.

— זכריה, — האָט זי שטילער אָנגעהויבן. — אויב דו ווערסט מיר דער־לויבן, וועל איך זיך צו דיר אַריבערקלייבן. וועל דיר אַרויסהעלפן מיט וואָס נאָר דו ווערסט באַדאַרפן.

— קענסט סיי־ווי אַריבערקומען וואוינען ביי מיר. עמאַ בערגער וועט דיר קיין שטער ניט זיין.

רעבעקאַ האָט באַגריפן ווי זי האָט מיט דער באַמערקונג צעשטערט דעם גאַנצן צוטרוי צו זיך. אָבער דאָס וואָס האָט פּאַסירט איז איצטער שווער געווען צו פאַריכטן.

— אַ גוטן טאָג, זכריה. כ׳וועל מאָרגן קומען צו דיר. זיי ניט אין כּעס אויף מיר. כ׳האָב געזאָגט וואָס כ׳האָב געפילט. איך בין דאָך דיינע אַ שטיקל שוועסטער.

זי האָט צוגערירט די ליפּן צו זיין באַק, און איז מיט שטילע טריט אַרויס־געגאַנגען.

דאָקטאָר לוריא האָט זיך אַראָפּגעלאָזן ביי זיין שרייבטיש און אָנגעשפּאַרט זיין קאָפּ אויף דעם אָפענעם אַנאַטאָמישן בוך, אויף אַ בלאַט וואו ס׳איז מיט נאַטירלעכע פאַרבן געווען אָנגעמאָלן אַ מענטשלעך האַרץ.

ער האָט ניט געוואוסט, צי דאָס פּולסירט זיין אייגן ד׳האַרץ, צי דאָס אָנגע־מאָלענע אויף דעם קאַלטן פּאַפּיר.

קאַפּיטל זעכצן

די פרילינג־זון האָט אַריינגעשיינט דורך די פענצטער צו דניאלן אין דירה אַריין און באַלויכטן דעם דיל, וואָס איז געווען פאַרלייגט מיט איבערגעבונדענע פּעק בגדים און בעטגעוואַנט, פּעסלעך און קוישן כלים, און שטויסן צונויפגעבונדענע רעליגיעזע און וועלטלעכע ספרים. באַזונדער צונויפגעבונדן איז געלעגן אַ שטויס גמרות אין אַ ברוין לעדערנעם איינבונד — א ירושה פון פאָטער ישראל לוריא.

— צוליב וואָס און ווען איבערלעבן נאָך אַ פּאָגראָם אין שטוב?

דניאל לוריא איז געשטאַנען צווישן די אָנגעשליידערטע פּעק און געשפּירט אַ נערוועאישע בייסעניש וואָס איז אומגעלאָפן איבער זיין לייב. אים איז מיט עטלעכע און צוואַנציק יאָר צוריק אַ סך גרינגער געווען, איינאיינעם מיט טאַטע־מאַמע, ברידער און שוועסטער זיך אַרויסצורייסן פון דער דורות־דיקער איינגעוואָרצלטער היים און אַוועק איבער ימען, ווי אַרויסרייסן זיך איצטער פון דער איסט־סאַיד, וואו ער האָט אָנגעהויבן זיין לעבן אין נייעם לאַנד.

אוודאי, ווען ס׳איז געווענדט אין אים, וואָלט ער זיין געשעפט ניט גערירט פון גרענד סטריט, און אַוועק מיט דעם אין אַזאַ אומהיימלעכער ביזנעס־וועלט ווי די פינפטע עוועניו. און איצטער, די דירה. אים שרעקט ניט די פאַר־טאָפּלטע הוצאה. אים שרעקט די פרעמדע וועלט וואוהין ער ציט זיך. ער פילט, אַז דאָס ניט־יידישע וועט ביי אים נעמען די אויבערהאַנט. מ׳וועט זיך דאַרפן שעמען מיטן ביסל יידישקייט אין שטוב.

די בליקן פאַלן אויף דעם שטויס צונויפגעבונדענע גמרות; כאָטש ער האָט אין זיי שוין אַ היבש ביסל יאָרן ניט אַריינגעקוקט, דוכט אים, די שווערע גמרות אין לעדערנעם איינבונד האָבן זיך אָנגעברוגזט אויף אים:

— אַ שיין פּנים האָסטו געקראָגן! דעם צלם אלהים האָסטו שוין לאַנג פון זיך אַראָפּגעוואָרפן; איצטער לויפסטו זיך אויסבאַהאַלטן פון יידן, באשר ענג איז דיר געוואָרן צווישן אייגענע. אַ מענטש איז אַ מענטש כל זמן ער ווייס זיין אָרט. אַ ייד איז אַ ייד כל זמן ער ווייס זיין אָרט...

עס איז אַריינגעקומען דאָקטאָר לוריא, און זיך פאַרחידושט צו טרעפן דעם ברודער אַזאַ צעטומלטן צווישן די אָנגעוואָרפענע פּעק.

— כ׳האָב געמיינט, איר האָט זיך שוין אַריבערגעפּעקלט. וואָס שטייסטו אַזוי, דניאל?

דניאל האָט אָנגעקוקט זיין יינגערן ברודער און ניט געוואוסט וואָס צו ענטפערן.

— זעסט אויס ווי נאָך אַ פּאָגראָם, דניאל.

— אפשר. איך שעם זיך פאַר דיר. דו בלייבסט אין דעם געגנט; טראַכסט גאָרניט צו בייטן די ערשטע קרעטשמע, און איך...

— ווער טרייבט דיך? האָסט זיך דאָ אַרויפגעאַרבעט, דאָ די קינדער אויסגעהאָדעוועט.

— ווער סע טרייבט מיך; אַ שיינע זאַך! צי איך ווייס וואָס סע טרייבט דאָ אַ מענטשן בכלל? ס'אומגליק שלעפּט מיך!

— כאַ־כאַ־כאַ, — האָט דאָקטאָר לוריא זיך האַסטיק צעלאַכט און גע־קלאַפּט דניאלן אין פּלייצע. — אַ פּעטער ביסן, און ס'איז אים שווער צו פאַר־דייען. ס'געפעלט מיר, ווי דו האָסט די ספרים אַזוי אַרומגעבונדן מיט שטריקלעך; די גמרות אַרומגעבונדן מיט אַמעריקאַנער שטריק, כאַ־כאַ־כאַ. אוודאי איז די איסט־סאַיד די ערשטע, אָבער ניט די לעצטע קרעטשמע. בראָנקס, ברוקלין... דאָס זיינען אויך ניט די לעצטע עטאַפּן. וועסט איצטער רייך ווערן און פאַרשערן אַ ביסל מער דיין בערדל, וועסטו יינגער ווערן, כאַ־כאַ־כאַ.

— כ'פאַרשטיי ניט, וואָס דו מאַכסט חוזק.

— וואָס זאָל איך אפשר ווייַנען וואָס יידן קלייבן זיך אַרויס פון דער איסט־סאַיד? ס'איז ניט קיין גליק, און ניט קיין אומגליק, דניאל.

— דאָ איז געווען אַ פאַרשאָלטענע שטוב. אפשר אין דער נייער דירה וועט זיין שלום־בית.

— איינס נאָר וועל איך דיר ראָטן: אויב דו האָסט געפועלט ביי זיך איבערצורייסן מיט דיין נעבטן, טו עס, און קלאָג ניט.

— וואָס מיינסטו?

— געוויס קענסטו ניט וויסן וואוהין דער שטראָם וועט דיך פאַרטראָגן.

— איך בין אַ ציוניסט. אַז גאָט וועט מיר העלפן, כ'וועל קענען אָפּשפּאָרן גענוג פאַר די קינדער, זיי באַזאָרגן, וועל איך זיך אַריבערפּעקלען אַהין.

— ביסט נאָך ניט אַלט גענוג.

— וואָס, קאַרג יונגע מענטשן זיינען אַהין אַוועק? ליליען וועט ניט וועלן, האָב איר אַ גוט יאָר.

אַ צעפלאָמטע און אויפגעהייטערטע איז אַריינגעקומען ליליען־רות, הינ־טער איר — עקספּרעס־לייט.

— העללאָ, זכריה, העללאָ, דניאל... כ'האָב דאָך מיט דיר אָפּגערעדט, זאָלסט זיך ניט מישן. זיי דיר אין געשעפט, ביז מ'וועט זיך איבערציען. סאַפּער גרייט איך שוין דאָרטן. וואָס זאָגסטו, — האָט ליליען זיך געווענדט צו דאָקטאָר לוריאן, — האָט מען ניט מיט פינף יאָר צוריק געדאַרפט אויפגעבן די פאַרלייזיקטע איסט־סאַיד?

זי האָט באַמערקט ווי זכריהן איז דאָס בלוט געקומען אין פּנים אַריין; האָט זי געוואָלט פאַרבעסערן:

— עקסקיוז מי, זכריה, פאַר דעם שלעכטן אויסדרוק. כ'ד'האָב דערמיט גאָרניט געמיינט. איך זאָג צו דניאלן, אַז דאָרטן וועל איך זיך אויפפירן בע־סער. כ'האָב דייווידן אויך אָנגעזאָגט, ער זאָל זיך בעסער אויפפירן. דאָגה ניט, דניאל, — איז זי צוגעגאַנגען און אַ קוש געטאָן איר מאַן, — אַ מענטש שטייט ניט אויף אָן אָרט. די קליגערע צווישן יידן האָבן זיך שוין לאַנג פון דאָנען אַרויסגעצויגן.

גאַנצע צוויי וואָכן צייט איז ביי דניאל לוריאן אין דער נייער היים אויף ריווערסאַיד דראַיוו געגאַנגען כשורה. ליליען־רות האָט אַריינגעבראַכט דעם אַמאָליקן פרידן. זי האָט אַליין געהאָלפן אָנשלאָגן מזוזות אויף די ביישטיידלעך פון דער נייער דירה, און דערביי באַוויזן דניאלן, אַז אַ פּרוי פאַרמאָגט גרויסע, ליכטיקע אוצרות פאַרן מאַנסוועגן, ווען ער פאַרשטייט נאָר נאָכצוגעבן. צוויי וואָכן צייט האָט דער טיש געשיינט, ווען מ'האָט זיך אַרום אים אַרומגעזעצט. כאָטש ביי אַ געלעגנהייט האָט ליליען גענומען און אַ זאָג געטאָן:

— זעסט, דניאל, אַז אַ מענטש שטייט ניט אויף אָן אָרט. יידן האָבן זיך אָנגעזעצט אויף איין געגנט ביז זיי האָבן זי מיאוס געמאַכט. איך געדענק גוט די איסט־סאַיד איידער יידן זיינען אָנגעקומען.

דניאל האָט איר געוואָלט זאָגן, אַז ער געדענקט נאָך גוט ווי איר דירה האָט אויסגעזען איידער ער, דער ייד, איז אָנגעקומען, זי אַרויסגענומען פון דעם גיהנום וואו זי האָט געלעבט; אַז ער געדענקט גוט די קריסטלעכע בויאַ־נעס וואָס האָבן ביי יידן די בערד אויסגעריסן, און אים אַ פּאָר מאָל די אויגן אונטערגעשלאָגן. אָבער ער האָט ליבערשט געוואָרגן זיך מיט זיינע געפילן און געמאַכט אַ צופרידן פּנים. ער האָט אַרויסגעוויזן גרויס צופרידנקייט ווען ליליען־רות האָט אַריינגעבראַכט אַ נייטאָרין און זיך געלאָזט באַנייען פון קאָפּ ביז די פיס — „באַשר דאָס וואָס מ'האָט געטראָגן אויף דער איסט־סאַיד פּאַסט ניט פאַר דער וועסט־סאַיד". ער האָט, ווי דאָקטאָר לוריא האָט נביאות געזאָגט, אָביסל נידעריקער פאַרשאַרן דאָס בערדל, און די גמרות אַזוי אריינגע־שטעלט אין די פּאָליצעס, זיי זאָלן זיך ניט וואַרפן אין די אויגן. אין פאַרלויף פון די גאַנצע צוויי וואָכן האָבן אפילו די קינדער, באַווירקטע פון דעם פרידן וואָס טאַטע־מאַמע האָבן אין דער נייער היים אַריינגעבראַכט, אַליין אויך גע־לעבט בשלום.

ביז דער שטן האָט זיך אַריינגעמישט אין געשטאַלט פון ליליענס יינגערער שוועסטער ליזאַבעט און איר מאַן, מיסטער קורלי, וועמען ליליען האָט איינ־געלאַדן אויף סאַפּער און האָט צוליב זייער כבוד וועגן צוגעשטעלט בראָטן חזיר.

ווען דניאל איז געקומען פון זיין געשעפט און אויפגעעפנט די טיר, האָט דער ריח פון געבראָטנס אים אַ שלאָג געטאָן אין נאָז: „אַ ניט־יידישער ריח", און ער האָט תיכף חושד געווען.

אין גאַסטצימער, ווען ליזאַבעט און איר מאַן זיינען אים אויפגעשטאַנען אַנטקעגן, האָט ער זיי אָנגעקוקט אַ צעטומלטער.

— איך גראַטוליר מיט דער נייער היים, — האָט מיסטער קורלי דניאלן געדריקט די האַנט. — יעס, מיסטער לוריאַ, אַמעריקע איז ניט די איסט־סאַיד וואו דו האָסט ביז איצטער אָפּגעלעבט. זע נאָר, דניאל, אַז אַהער זאָלן ניט אַריבערלויפן דיינע לייט און ניט פאַרוואַנדלען דעם־אַ געגנט אין אַ מיסט־קאַסטן.

— כאַ־כאַ־כאַ, — האָט ליזאַבעט אויף דעם אַ לאַך געטאָן. — יידן קומען טאַקע אָן אויף אַ געגנט ווי אַ היישעריק.

דניאל האָט געביסן די ליפּן און געשוויגן. ער איז מיט זיין דמיון אַוועק אין קיך, געשפּירט דעם ריח פון חזיר, און ניט געוואוסט אויף וואָס פאַר אַן

אופן ער זאָל אויסריידן זיין ווייב, כדי ניט פאַנאַנדערצובלאָזן דעם אַלטן פייער, וואָס איז אין דער נייער היים ווי דערשטיקט געוואָרן.

— איך לאַך, דניאל; נעם עס ניט פאַר אומגוט, — האָט ליזאַבעט גע־קושט דניאלן. — כ'האָב געזאָגט ליליען, אַז כ'וועל דיך אַ קוש טאָן דערפאַר וואָס דו האָסט איר געגעבן אַזאַ שיינע היים.

— כאַ־כאַ־כאַ, ביסט אַ ראַסקל, — איז מיסטער קורלי רויט געוואָרן. — מ'מעג זאָגן וואָס מ'טראַכט. די לוריאַס זיינען אַלראַיט. אפילו דער דאָקטאָר לוריא, ווי איך פאַרשטיי, מוז איצטער זיין אַלרייט. יעס, ליזאַבעט, איך באַנעם ווי אַזוי ליליען האָט זיך אַזוי שטאַרק פאַרליבט אין דניאלן.

פון דעם וואָס די געסט האָבן זיך געקליגלט אַנצוציען מיט אים דעם אומנויטיקן שמועס, האָט ער פאַרשטאַנען, אַז איידער ער איז אַריינגעקומען האָט מען מסתמא אינאיינעם מיט זיין ווייב אַרומגערעדט דעם ענין ייד, און אוודאי האָט ליליען מסכים געווען מיט איר שוועסטער און שוואָגער, אַז יידן באַפאַלן אַ געגנט ווי אַ היישעריק.

דניאל האָט זיך ניט געקענט איינהאַלטן, און איז אַריין אין קיך. אַנ־שטאָט דעם, וואָס ליליען זאָל אים, ווי דער שטייגער אין די לעצטע פאַר וואָכן, אויפנעמען מיט אַ פרידלעכן אויסדרוק אין פנים, האָט זי קאַלט אַ פריסקע געטאָן:

— וואָס האָסטו זיי געלאָזן אַליין? גיי אַריין צו זיי. דיין פּלאַץ איז ניט אין קיך.

— בין געקומען אויף דיר אַ קוק טאָן.

— מיך זען! וואָס בין איך ווערט, מ'זאָל מיך קומען אַזש אין קיך אַריין זען? גיי אַריין צו זיי. כ'האָב זכריהן פאַרבעטן, האַלט ער זיך גרויס. נאָך סאַפּער וועט ער קומען. פאַסט אים ניט צו זיצן מיט אונדז ביי איין טיש.

דניאל האָט גאָרניט געענטפערט. אַנשטאָט אַריינצוגיין צו די געסט, איז ער אַריין צו די קינדער אין צימער. דער עלטערער, דייוויד, איז געלעגן אויף זיין געלעגער און געקוקט צו דעם סופיט. דער ייִנגערער האָט צוגעגרייט זיינע אַרבעטן אין אַריפמעטיק.

— העללאָ, פאַ, — איז דער ייִנגערער אים אויפגעשטאַנען אַנטקעגן. — האָסט געזען, די מזוזות זיינען ניטאָ... דייוויד און די מאַמע האָבן זיי אַראָפּגענומען.

דייוויד איז אַראָפּגעשפּרונגען פון געלעגער, פאַרפאַרן דעם ייִנגערן ברודער אין פנים אַריין, און רואיק זיך אומגעקערט צוריק צו זיין אָרט.

דער ייִנגערער האָט זיך אַ ריס געטאָן, געוואָלט אָפּצאָלן דעם עלטערן ברודער, אָבער דניאל האָט אים געכאַפּט פאַר ביידע הענט, אים צוגעפירט צו זיין פּלאַץ און געזאָגט:

— טו דיר דיין אַרבעט. אַ פּאַטש פאַרגייט.

— לאָז מיר, פאַ, — האָט ער זיך געריסן. — ער קריכט אין פנים אַריין נאָר דערפאַר וואָס ער איז אַ טרוס. לאָז מיך צו אים!

— טו דיר דיין אַרבעט. באַווייז אים, אַז דו ביסט אַ ייד. אַ ייד איז מוחל אויף די קלעפּ וואָס ער קריגט.

— לערן מיך ניט, פאַ, מורא צו האָבן. כ'וועל ניט לאָזן, ער זאָל מיר קריכן אין פנים אַריין!

ווייגענדיק איז דזשייקאָב אַרויס פון צימער.

— פאַרוואָס האָסטו אים געשלאָגן? — האָט דניאל איינגעהאַלטן זיך געווענדט צוב׳ם עלטערן זון, וואָס איז, ווי פריער, געלעגן אויפן געלעגער.

— איך האָב אים, כאָטש ער איז מיין ברודער.

— מיך האָסטו אויך, יעס, דייוויד?

— איך זאָג דער מאַמען אויך יעדעס מאָל ווען זי איז אומגערעכט.

— פאַרוואָס־זשע האָסטו אים געשלאָגן?

— ער האָט געזאָגט אַ ליגן. איך האָב זיך צו די מזוזות אפילו ניט צוגערירט. די מאַמע און ליזאַבעט, זיי האָבן עס געטאָן.

אין טיר האָט זיך ווידער באַוויזן דער ייִנגערער, גרייט זיך אַריינצולאָזן אין אַ געשלעג.

— נעם זיך ניט אָן פאַר דיין טאַטן, דזשייקאָב, ער קען זיין שטעטל אַליין באַשטיין.

דניאל האָט אַריינגענומען זיין ייִנגערן זון אין שלאָפצימער, פאַרמאַכט הינטער זיך די טיר און אים אָנגעקוקט אָן ווערטער. אים איז איצטער געווען דערווידער צו באַגעגענען זיין ווייב, איר שוועסטער און שוואָגער. ס׳בלוט אין אים האָט גערודערט, אָבער ער האָט מיט אַלע כוחות געוואָלט באַהאַלטן זיין כעס.

— צוליב וואָס האָסטו געזאָגט אַ ליגן, — האָט ער דזשייקאָבן געגלעט די פּלייצע. — האָסט ניט געוואָלט אָנמסרן אויף דער מאַמען?

דזשייקאָב איז געשטאַנען מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ און ניט געענטפערט. פאַר אים איז זיין פאָטער געווען אַ רעטעניש. אויב ער האָט זיך אַזוי אָפּט געריסן צו זיין ברודער שלאָגן, כאָטש ער האָט די גרעסטע קלעפּ געקראָגן, איז דאָס געווען דערפאַר וואָס ער האָט מיט דעם געוואָלט אויסקויפן דעם געדולדיקן פאָטער.

— איך בעט דיך, דזשייקאָב, זאָלסט זיך פאַר דיין טאַטן ניט אָננעמען. לערן זיך, האָב איינזינען, זאָלסט אויסוואַקסן אַ גוטער מענטש און אַ גוטער ייִד. דיין טאַטע...

מער ד׳האָט ער ניט געקענט זאָגן. ס׳האָט זיך דערהערט ליליענס שטים, זי האָט גערופן צום טיש עסן.

ביים טיש איז דניאל שטאַרק איבעררראַשט געוואָרן, ווען ליליען האָט אים צוגעטראָגן זיין טעלער, און מיט אַ וואָרימען שמייכל געזאָגט:

— דאָ האָב איך פאַר דיר געקאָכט באַזונדער כשרע טשיקן. פאַר זיי האָב איך צוגעגרייט וואָס זיי האָבן ליב. דיינס איז כשר. איך עס אויך כשר. געפעלט עס דיר?

דניאל איז צעטומלט געוואָרן. ער האָט אַליין ניט געוואוסט וואָס צו ענטפערן. טשיקן, מזוזות און חזיר־פלייש — אַלץ האָט זיך אין קאָפּ אויסגעמישט אינאיינעם. ער האָט אַריבערגעקוקט צו זיין שוועגערן ליזאַבעט וואָס האָט געהאַלטן די אויגן ביי זיך אין טעלער, ווי זי וואָלט זיך באַמיט ניט אויסצושיסן מיט אַ געלעכטער.

— איר, ייִדן, זייט אַ פאַני לאָט, — האָט מיסטער קוירלי גערעדט צו זיך אין טעלער אַריין. — דאָס וואָס איז געשמאַק, עסט איר ניט. ניט איר עסט וואָס אַלע מענטשן, און ניט איר פירט זיך אויף ווי אַלע מענטשן.

— דאָס איז ניט געֶנוג, — האָט דניאל אויפגעהויבן די אויגן צו זיין שוואָגער. — צוליב דעם האָבן יידן ניט פאַרדינט מ׳זאָל זיי פיינט האָבן.

— פאַרוואָס זאָלסטו, דניאל, אַזוי רעדן? — האָט זיך ליליען באַליידיקט.

— ווער ד׳האָט דיך פיינט?

— איך רעד ניט פון זיך. מ׳מעג יעדן איינציקן מענטשן יאָ ליב האָבן און ניט ליב האָבן. איך רעד איצטער פון גאַנצן יידישן פאָלק, וואָס מ׳האָט עס ניט ליב. אפילו דו, ליליען, האָסט אויך אָנגעהויבן פיינט האָבן יידן.

— שעם זיך, דניאל, — איז ליזאַבעט רויט געוואָרן. — אַלץ וואָס ליליען האָט פאַר אַלע יאָרן געטאָן פאַר דיר איז אַ קנאַפּער באַווייז?

— יעס, דניאל, — האָט זיך מיסטער קורלי אַריינגעמישט. — איך נעם מיין וואָרט ניט צוריק. צוליב וואָס עקשנען זיך יידן אַזויפיל אויפצוהאַלטן זייער רעליגיע, ווען מער ווי טראָבל ברענגט עס ניט? ס׳וואָלט זיי דאָ אין לאַנד וואויל געווען ווי די וועלט, ווען זיי קומען אַהער און טרייסלען פון זיך אַראָפּ די געוואוינהייטן פון אָלד־קאַונטרי.

אויף דעם איז, אַ גוט אויפגעלייגטער, אַריינגעקומען דאָקטאָר לוריא, און זיך אַנטשולדיקט פאַר זיין שוועגערן, הלמאי ער איז ניט געקומען אין צייט.

דניאל האָט פריי אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם. „זאָל שוין זכריה זיי ענטפערן״.

ליליען האָט אויפגעלעבט:

— ווען זכריה קומט ד׳היינט ניט צו מיר עסן, וואָלט איך מיט אים איבער־געריסן אויף שטענדיק. קענסט אים גראַטולירן, ליזאַבעט, ער וועט איינגיכן חתונה האָבן. ער האָט געוואָרט, געוואָרט, און האָט זיך אויף זיינס דערוואָרט.

— וואָס ביסטו אַזוי אָנגעכמורעט, דניאל? — האָט דאָקטאָר לוריא גע־קלאַפּט זיין ברודער אין פּלייצע.

— זעץ זיך צום טיש, זכריה, — האָט ליליען געמאַכט נעבן זיך פּלאַץ פאַר דאָקטאָר לוריאן. — צוליב וואָס איבערקייען די אַלטע, נאַרישע רייד? כ׳בין שוין מיד פון דעם אַלעמען. דערציייל, ווי גייט עס דיר, וואָס מאַכט מיס בערגער?

זכריה, אויפן וועג צום ברודער, האָט ביי זיך אָפּגעמאַכט זיך האַלטן גוט־מוטיק. ער האָט געוואוסט, אַז ער וועט טרעפן די קוירליס.

— ווי קען מען זיך אויסהיטן פון נאַרישע רייד, ווען דער מענטש ווערט געבאָרן צו טאָן אַזויפיל נאַרישקייטן? וואָס, ניט, מיסיס קוירלי? — האָט דאָקטאָר לוריא געשפּאַסט.

—כאַ־כאַ־כאַ, — האָט זיך ליזאַבעט צעלאַכט. — ווי דו ווייסט עס שטענ־דיק צו פאַרדרייען אַ זאַך, ס׳זאָל אויסקומען ווי דו ווילסט.

ליליען האָט דווקא געוואָלט באַנייען דעם שמועס וועגן דעם וואָס איר ד׳האָט גערופּעט.

— זאָג מיר, זכריה, צוליב וואָס דאַרף מען האָבן די מזוזות ביי די טירן, ניט מ׳זאָל מיט דעם אָפּשרעקן די בייזע גייסטער?

דאָקטאָר לוריא האָט ניט באַגריפן צוליב וואָס ליליען פרעגט עס. ער האָט אַריבערגעקוקט צו דניאלן, געוואָלט אין זיין אָנגעכמורטן פּנים דער־קענען וואָס דאָ איז ביים טיש פאָרגעקומען איידער ער איז אַריין.

— גוט וואָס דו גייסט חתונה האָבן מיט אַ יידיש מיידל, — האָט ליזאַבעט מיט אַ געוויסן שטאָלץ געקוקט צו דאָקטאָר לוריאַן. — כ'האָב געוואוסט, אַז דו ביסט אַ פאַרזיכטיקער מענטש. איך ווינטש דיר גליק.

זי איז אויפגעשטאַנען, געדריקט דאָקטאָר לוריאַס האַנט, און גערעדט אויף דער זייט פון דער שוועסטער:

— פונדעסטוועגן, אויב שוין לעבן מיט אַ יידן אַ גאַנץ לעבן, וואָלט איך אויסגעקליבן דניאַלן. אים האָב איך ליב. עס זיך ניט אָפּ ס'האַרץ, דניאל. ליליען איז דיר געטריי. האָסט געדאַרפט זיין אין קיך, ווי זי האָט פאַר דיר געקאָכט! ווערסט זען, ליליען, כ'וועל זיך נאָך פאַרליבן אין דניאלן, כאַ־כאַ־כאַ.

זי איז צוגעגאַנגען, אַרומגענומען דניאלס קאָפּ און נערוועאיש געלאַכט.

— יעס, יידן זיינען אַ פּאַני לאָט, — האָט מיסטער קירלי נאַריש גע־שמייכלט. — דער דאָקטאָר לוריא הערט דאָך ניט, מעג איך עס זאָגן.

— איך הער, און שטים איין מיט דיר, מיסטער קוירלי.

ליליען איז אויפגעשטאַנען, אַן אונטערגעבראָכענע איז זי אַוועק אין צוויטן צימער.

— טו עס ניט, ליליען, — האָט דניאל איר נאָכגעקוקט. — לאָמיר אונד־זער נייע היים...

— וואָס איז דאָ געשען, דניאל? — האָט דאָקטאָר לוריא פאַרוואונדערט אָנגעקוקט זיין ברודער.

— גיי דו אַריין צו איר, זכריה, רעד אַ ביסל מיט איר, דו ווייסט וואָס צו רעדן.

— גיי דו אַריין, ברענג זי אַריין צוריק, — האָט דאָקטאָר לוריא אויפגע־פאָדערט זיין עלטערן ברודער.

דניאל איז אויפגעשטאַנען, אַ נידערגעשלאָגענער האָט ער זיך געלאָזן אין די טריט פון זיין באַליידיקטער ווייב.

כאָטש דניאל איז מיט ליליען־רות צוריק אַריינגעקומען, פאַר אַלעמען אין די אויגן זי געקושט און אַנידערגעזעצט צום טיש, איז די שטימונג אַרום טיש שוין געבליבן אַ געדריקטע. מען האָט געענדיקט דאָס עסן. די קינדער זיינען אַוועק יעדערער אין זיין צימער. די קוירליס האָבן זיך געזעגנט, מיט דעם צוזאָג, גאָר אינגיכן ווידער אַריינקומען. בלויז ליזאַבעט האָט זיך אָנגע־שטרענגט ביים געזעגענען זיך — אַריינצולאָכן דאָקטאָר לוריאַן אין פּנים אַריין.

דניאל האָט אויסגעקוקט, דער ייִנגערער ברודער זאָל אים אַרויסהעלפן. ער האָט געוואוסט, אַז דאָקטאָר לוריא פילט אים מיט, און וועט מסתמא אַליין פאַרפירן אַ שמועס מיט דער גרטע.

אָבער ליליען־רות, ווען איר שוועסטער און שוואָגער זיינען אַוועק, האָט אַליין ווי אויפגעוואַכט, צוגעגאַנגען צו דאָקטאָר לוריאַן, אַ קוש געטאָן און געזאָגט:

— קוקנדיק אויף אונדז האָסטו ניט קיין חתונה. מיר זיינען פאַר דיר אַ שלעכטער ביישפּיל. קום אַריין אַ ביסל צו מיר אין צימער. אין דער וואוינונג האָט דניאל פאַר מיר איינגעאָרדנט אַ צימער פאַר זיך אַליין, איך זאָל קענען אין דער שטיל וויינען, ווען עס גלוסט זיך.

ווען מען איז אַריין צו ליליען־רות אין צימער, האָט זי זיך אַראָפּגע־לאָזן אין ווייכן שטול און שטיל אָנגעהויבן ווישן די טרערן. ווי אַ שולדיקע

איז זי געזעסן. דאָקטאָר לוריא האָט געוואַרט, זיין שוועגערן זאָל זיך באַ־רואיקן.

ליליען־רות האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ, זיך באַמיט צו שמייכלען, און שטיל געזאָגט:

— אַ פרוי קען איר וועלט ניט פירן אַליין. אַטאָ־דאָס איז דער פרויס אומגליק. אַט ביסטו אַליין. טוסט וואָס דו ווילסט. דענקסט ווי דו ווילסט. ביסט אַ פאָלקאָמענער מענטש. אַ פרוי זאָל וועלן אַזוי לעבן...

— באַטראַכט ניט מיין לעבן פאַר אַ מוסטער. אויך מיין לעבן איז ניט נאָרמאַל. טאַקע צוליב דעם וואָס איך בין אַליין. וואָס פאַר אַ שלעכטער גייסט האָט זיך אַריינגעריסן אין דיין הויז, וואו עס איז געווען די היים פון פרידן און גליק? יאָ, אַ פרעמדער גייסט, רות, האָט זיך אַריינגעריסן צו אייך אין הויז.

— אַזוי קלערסטו, זכריה?

— געוויס. פרעמדער איינפלוס.

— פאַרוואָס טראַכסטו אַזוי?

— דו האָסט פון אָנהויב זיך געלאָזט פירן פון אמת אַליין. ליבע איז אמת. דו און דניאל — איר האָט איינס ס'אַנדערע ליב געהאַט. דאָס איז געווען אייער רעליגיע. דאָס האָט געדאַרפט בלייבן אייער גלויבן ביז צום סוף פון אייערע טעג אויף אונדזער וועלט. וואָס זיינען קינדער, אויב זיי גראָבן אונטער דעם אמת פון טאַטע־מאַמעס צונויפלעבן זיך? ווי אַזוי נעמען עלטערן און ווערן דער שטויב אונטער די פיס פון קינדער? אויב דיין עלטערער זון האָט ניט ליב די יידישע וועלט, איז עס אַ נאַטירלעכע, צי אַן אומנאַטירלעכע דערשיינונג ניט נאָר אין דיין שטוב. דאָס איז אין די הייזער פון אַלע נאַ־ציאָנאַליטעטן, וואָס דאַרפן העלפן בויען אַמעריקע. דאָס איז די טראַגעדיע און דער אַבסורד. פונקט ווי דאָס לעבן אַליין וואָלט געליטן פון פילפאַרבי־קייט. אויב דיין עלטערער זון וויל זיך אַמעריקאַניזירן און חתונה האָבן מיט אַ ניט־יידיש מיידל און אפילו איבערגיין צום קאַטוילישן גלויבן, נעם עס, רות, ניט אויף דיין חשבון — צוליב דעם, וואָס דו ביסט געווען אַמאָל איריש, קאַטויליש, און שפּעטער געוואָרן יידיש. דו ביסט געווען אַ מענטש. אַ גאַנ־צער מענטש, אַ וואונדערלעכער מענטש און פרוי, וואָס האָט, זייענדיק אַ מאַמע פון קינדער, באַשלאָסן, אַז דאָס בלוט וואָס ריזלט אין די אָדערן איז יונג און וואַרים און באַגערט געליבט צו ווערן. דו האָסט דיין ליבע פאַר־בונדן מיט דניאלס ליבשאַפט. אַט דאָס איז געווען דיין רעליגיע. דניאלס פאָלק איז פאַר דיר געווען דער פאַרצווייגטער בוים, פון וואַנען צו דיר האָט אַ פרילינג אַרויסגעקוקט. דער כוח, וואָס האָט דיך פאַרקניפּט מיט דניאלן אַמאָל, גאָר אַמאָל, איז אין דיר נאָך איצטער. פאַרזע עס ניט. אויך דיין ליבע צום יידישן פאָלק, דיין מיטלייד מיטן געפּלאָגטן פאָלק, האָט דיין וועלט באַרייכערט. דאָס איז ניט געווען פאַלש. ליבע און מיטלייד זיינען קוואַלן פון אמת. ווי נאָר דו, אָדער דניאל, איר רוקט זיך אָפּ פון יענע קוואַלן, איז דאָס לעבן פינצטער און אויסגעלאָשן. האָסט מיך פריער געפרעגט, צוליב וואָס יידן דאַרפן אַ מזוזה ביי דער טיר. ס'איז דערפאַר וואָס דניאל האָט דיר קיינמאָל ניט באַוויזן וואָס אינעווייניק איז. דאָרטן ליגט אַ צונויפגעוויקלט שטיקל פאַרמעט, אויף דעם איז אָנגעשריבן, אַז אַן איינאיינציקער גאָט איז

פאַראַן, און די פאַרפּליכטונג — ליב צו האָבן און פאָלגן דעם איינאונאיינציקן גאָט.

— טאָ פאַרוואָס איז עס ניטאָ ביי די לוריאַס אויף די ביישטיידלעך און טיר?

— דאָס איז ניט דאָס איינציקע וואָס לוריאס האָבן אָנגעוואָרן. דיין הויז איז נאָך אַלץ אין מיינע אויגן דאָס יידישע הויז אין דער לוריא־משפּחה. אַזוי לאַנג ווי דו האָסט עס אָפּגעהיט און ס׳איז געווען אַ טייל פון דיין לעבן, איז דיין לעבן פול געווען.

— ווייסט גוט, אַז איך האָב דניאַלן ליב.

— איך גלויב דיר, רות.

— ער איז קעגן דעם, וואָס איך פאַרלויף אַמאָל אין קאַטעדראַל.

— האָט ער עס דיר געזאָגט?

— איך שפּיר, אַז עס טוט אים וויי.

— פאַרשאַפט דיר דער קאַטעדראַל אַזויפיל פרייד וואָס זאָל באַצאָלן פאַר זיין ווייטיק?

— פאַרוואָס זאָלסטו מיך אין דעם גאָר פאַרדעכטיקן?

— ניין, רות, איך פאַרדעכטיק ניט. איך פרעג בלויז אין דער הויך, דו זאָלסט הערן און איינאיינעם מיט מיר אויפכאַפּן דעם טעות, אָדער די זינד אַנטקעגן דער הייליקייט פון לעבן.

— האָסטו גערעדט מיט דניאלן?

— איך האָב מיט אים אַ סך מאָל גערעדט. איך האָב געוואָלט ווירקן, ער זאָל ניט מאַכן קיין טראַגעדיע, וואָס דער זון וויל אַוועק פון יידישן גלויבן. און ער זאָל בעסער זען, צווישן אים און דיר זאָל דער גליקלעכער בונד ניט איבערגעריסן ווערן.

— איך דאַנק דיר, זכריה. אפשר בין איך פאַרפירט געוואָרן. אפשר בין איך אַוועק אָן אַ זייט און ניט געווען פאַרזיכטיק. איך וויל, דו זאָלסט עס פאַרשטיין, זכריה, אַז ניט איך האָב דעם איינפלוס אויף מיין זון. גיכער האָט דייוויד מיט זיין האַנדלונג אויף מיר געווירקט, איך זאָל אָנהייבן אַנדערש קוקן אויף יידן.

— צוליב וואָס קוקן אַנדערש אויף יידן, צוליב דיין מאַן? אים האָסטו, רות, ליב געהאט מיט אַלע פיבערן פון דיין לייב און לעבן. וואָלט עס געהאט אַ זינען, ווען איך נעם און האָב טאַקע חתונה מיט דיין שוועסטער, און יעמאָלט, ווען צווישן אונדז וואָלט געהערשט ליבע און פרידן, וואָלט איך ליב געהאט דאָס איירישע פאָלק, און דובלין, וואָס אין אירלאַנד, וואָלט געווען מיין מעקאָ? און טאָמער וואָלטן מיר זיך צעקריגט — האָב איך געדאַרפט אָנהייבן שיטן פעך און שוועבל אויף דעם איירישן פאָלק! אויב ביי דיר האָט זיך אויסגעקריסטאַליזירט אַ נאַטירלעכע באַציאונג צום יידן, האָסט אָנגעהויבן צו באַגרייפן די טראַגישע ווירקלעכקייט פון יידן, ווי פון אַ פאָלק וואָס האָט ניט קיין אייגענע היים און אַלע פעלקער פון דער ערד, ווער מער און ווער ווייניקער, האַסן יידן צוליב זייער דהיימלאָזיקייט — אויב דאָס, רות, האָסטו געשפּירט, איז עס אַזוי וואויל צו דיר. קריסטלעכער גלויבן איז באַזירט אויף ליבע און ניט אויף האַס.

— אַ, זכריה, ווי מיין האַרץ איז מיר צעבראָכן! דו רעדסט, און מיין נשמה ווערט מיר צעריסן. איך בין אַ מאַמע, און דאָס אַלץ. מיין לעבן איז מיט אַמאָל וויסט געוואָרן.

ליליען־רות האָט באַהאַלטן איר קאָפּ אויפן אָרעם, ספּאַזמאַטיש אויפגעציטערט און זיך געוואָרגן מיטן געוויין.

ווען דניאל איז אַריינגעקומען, איז ד״ר זכריה לוריא אויפגעשטאַנען.

— איך באַדאַרף נאָך באַזוכן אַ פּאָר פּאַציענטן. איר וועט מיר אַנטשולדיקן, אויב איך וועל אייך איצטער איבערלאָזן.

ליליען־רות האָט זיך אַ ריס געטאָן פון פּלאַץ, אַרומגעכאַפּט דניאלן און געבעטן:

— איך ווייס, אַז מען זינדיקט אַמאָל קעגן זיך אַליין און מען צעשטערט דאָס טייערסטע, דאָס ליבסטע. לאָמיר אונדזער לעבן אין דער־אַ וואוינונג אָנפירן מיט ליבע און איבערגעבנקייט, ווי עס איז געווען אין די ערשטע גוטע יאָרן אויף דער איסט־סאַיד. זיי אָן עדות, זכריה, אַז וואָס איך האָב געזאָגט וועל איך זען גוט צו מאַכן. האָב חרטונה, זכריה. זי איז אַ טייער מיידל. מיט דיר וועט זי ווערן שטאַרק, און וועט פאַר דיר אויפוועקן אַ קוואַל פאַרבאָרגענע ליבע.

— אַ דאַנק דיר, ליליען, — האָט ד״ר לוריא שטיל געזאָגט. — אויף מיין וועג האָט דאָס לעבן צופיל דערנער געפלאַנצט. די דערנער זיינען געקומען אַ סך פריער ווי די בלומען.

קאַפּיטל זיבעצן

לעאָנאַרד סטאָן ד'האָט ניט געקוקט רעכטס און ניט געקוקט לינקס, מיט האַלב־פאַרמאַכטע אויגן האָט ער זיך געשפּאַרט פאָרויס אויף זיין עקשנותדיקן וועג, צו זיין וואָס ווייטער פון אַמאָליקן אָנהייב אויף לודלאָו סטריט. האַרט און טעמפּ — ווען אַרבעטער האָבן פון אים געפאָדערט; טויב צו פרעמדן געוויין; צעשראָקן און נערוועאיש, ווען זיין אייגן ווייב האָט אים אַ וויל אָנגעקוקט מיט וויטיק און באַדויערן, ביז די קורצע, געפּאַקטע פיגור פון איר מאַן איז צעברעקלט געוואָרן אין אירע טרערן־דערטרונקענע אויגן.

— האָסט מורא פאַר אַ סטרייק אין שאַפּ... נאָנסענס! ווען זיי הייבן אָן זייערע שטיק, ווייס איך, אַז נאָך אַלעמען וועלן זיי צו מיר אָנקומען.

דאָס מאָל איז עס ניט געווען קיין „בונט פון קבצנים“, ווי ער האָט נאָך פון לודלאָו סטריט אָן ליב געהאַט צו באַטראַכטן אַ סטרייק.

— הלואי וואָלט איך געקענט די הויפּט־בונטאָווששיקעס אין טורמע פאַרשפּאַרן אויף אַ פּאָר חדשים, וואָלטן זיי יעמאָלט געוואוסט, אַז מיט פייער טאָר מען זיך ניט שפּילן.

אָבער וואָס אַ יאָר ווייטער האָט ער באַגריפן, אַז זיין שותּף, מיסטער האָכ־בערג איז ניט געווען גערעכט ווען ער האָט געזאָגט, אַז אַ ייד איז נאָר אַ בעלן צו ד'העלפן דעם אַנדערן יידן קרעכצן ווען אים איז ניט גוט; אָבער אַ ייד וועט זיך ניט איינשפּאַנען אין דער שלייע מיט נאָך אַ יידן אַרויסצושלעפּן אַ וואָגן משא פון אַ טיפער בלאָטע.

לעאָנאַרד סטאָן האָט שוין געהאַט עטלעכע מאָל ביישפּילן פון אחדות צווישן יידישע סטרייקער. די אייגענע יידן וואָס האָבן מיט אַ צוואַנציק יאָר צוריק אפילו ניט געחלומט צו אַרבעטן באַשטימטע שטונדן און פאַרדינען גענוג צום לעבן, האָבן דערפאַרן, אַז קאַמף צו פאַרגרינגערן דאָס שווערע לעבן, מיינט גיין אינאיינעם.

אוודאי האָט לעאָנאַרד סטאָן פון דעם גוט געוואוסט. ער האָט אָבער אויך באַנומען, אַז אין אַמעריקע מיינט קאַמף אָפּטמאָל ספּאָרט. „דו באַווייז וואָס דו קענסט, און איך וועל באַווייזן וואָס איך קען“. בפרט, ווען מען קען אויספירן, אַז די פּאָליציי זאָל זיך איינשטעלן אויף דער זייט פון באָס.

דאָס מאָל האָט זיך דער סטרייק ווי אַ סטעפּ־פייער פאַרשפּרייט. כמעט אין אַלע צווייגן פון דער נאָדל־אינדוסטריע האָבן די אַרבעטער, מענער און פרויען, אַלט און יונג, דערשפּירט דעם גייסט פון דער צייט; דערשפּירט דעם כּוח פון אַחדות. ווען אין די פריערדיקע סטרייקן האָבן טויזנטער גע־וואָרפן די אַרבעט, האָבן אין דעם סטרייק, וואו די קלאָוקמאַכער זיינען גע־שטאַנען אין צענטער, צענדליקער טויזנטער מיט געזאַנג פאַרלאָזן די שעפּער.

לעאָנאַרד סטאָן, כאָטש ער האָט תופס געווען מיט וואָס פאַר אַ קראַפט די סטרייק־כוואַליע האָט דאָס מאָל פאַרכאַפּט די נאָדל־אינדוסטריע, האָט ער פונדעסטוועגן זיינס געטאָן. ווען ער האָט דערשמעקט, אַז ביי אים אין שאָפּ גרייט מען זיך סטרייקן, אויב מ׳וועט די אַרבעטער ניט געבן אַלע יוניאָן־רעכט, און אַליין אָנווערן די רעכט אַרויסצוגעבן אַרבעט דרויסן, און נאָכגעבן, מ׳זאָל מער ניט אַרבעטן ווי פופציק שעה אַ וואָך, — האָט ער געטראַכט, — „אויב ביי זיי דהייסט עס דער לעצטער קאַמף, וועט עס ביי מיר אויך הייסן דער לעצטער קאַמף״.

ווי דער שטייגער, איז ער געווען „גרייט״. ניט נאָר האָט ער זיך באַזאָרגט מיט סטרייק־ברעכער, נאָר מיט שלעגער און מיט אינדזשאַנקשאַנס אַנטקעגן די סטרייק־פירער האָט ער זיך אויך באַוואָרנט. פון קעראַלאַין האָט ער עס ניט געוואָלט באַהאַלטן.

— דיין משפחה האָט אַמעריקע באַזאָרגט מיט סטרייק־פירער און מיט סטרייק־ברעכער, קענסטו צו מיר ניט האָבן, אַז איך מאַך פון דעם אַ יוז. ווען דיין אַרקאַדיע לאַריסאָן — ער איז אויסן געווען אשרן — וואָלט זיך ניט אויסבאַהאַלטן אין שיקאַגאָ, איז רעכט, איך וואָלט אים געגעבן צו פאַרדינען.

די דאָזיקע חכמה איז אים ניט וואויל באַקומען. דאָס מאָל זיינען די אַרבע־טער געקומען צום פּיקעט־לאַין באַוואָפנטע מיט יוגנטלעכן ווילן און מיט אייגענע אויפגעוועקטע כוחות. געבויגענע פּלייצעס זיינען אויפגעריכט גע־וואָרן. פאַרביטערטקייט און האַס צו אייגענע, וואָס שאַפן אַ ברודער־קאַמף; האַס צו די, וואָס זיינען אין נייעם לאַנד געוואָרן פאַרדונגענע סטרייק־ברעכער. און די, וואָס בלויז מיט אַ טאָג צוריק זיינען זיי געזעסן, ווער געבויגן איבער אַ ניי־מאַשין, ווער בייםן צושניידן, סטריגעווען, אָדער פּרעסן — זיינען איצ־טער אַרויסגעקומען, גרייט אין שלאַכט, צו פאַרטיידיקן די פּלעצער וואָס זיי האָבן אין שאָפּ צייטווייליק אָפּגעליידיקט.

דעריבער, ווען ניט אין שאָפּ, אויפן פּיקעט־לאַין, האָט ברודער אַרבעטער אין זיין ברודער סטרייק־ברעכער דעם געפערלעכסטן שונא דערקענט. די פּיקעט־שוועסטער האָט אין דער סטרייק־ברעכערן אַ געפערלעכן שונא דער־קענט. נאָך פאַרפרי, אַ צייט פריער ווי די אַרבעט האָט זיך באַדאַרפט אָנהייבן, האָט פאַר לעאָנאַרד סטאָנס שאָפּ אַ מלחמה אויסגעבראָכן. יידן בערדיקע, יידן געגאָלטע, יידענעס־מאַמעס און יונגע, און פאַרעלטערטע מיידלעך, וואָס די נויט האָט זיי איינגעשפּאַנט צו גיין זיך שלאָגן פאַר רעכט צו שלעפּן דעם שווערן יאָך אין נייעם, פרייען לאַנד; יידן, וואָס אין שטרעבן און אין פּחד האָט זיי איבער ימען אין נייעם, פרייען לאַנד געבראַכט— האָבן זיך אויף אַ יידישן, ניט־געפּרואוווטן אופן אין געשלעג אַריינגעוואָרפן.

האָבן זיך פריער הענט געריסן פאַרויס, דערנאָכדעם האָבן פיס זיך גע־נומען אָפּרייסן פון דער ערד. פּעטש האָבן הילכיק געקלונגען אויף געגאָלטע, און מאָט געקלונגען אויף האַריקע באַקן; פיס האָבן געבריקעט וואו נאָר זיי האָבן געטראָפן: הינטער חלק, בויך, ברוסט, צי פּנים, ווען דער „שונא״ איז שוין געלעגן אויף דר׳ערד. פרויען האָבן זיך אין פרויען־קעפּ אַריינגעריסן, זשמעניעס דהאָר אויסגעפּליקט און ניט געוואוסט וואָס צו טאָן מיט דעם. ייד און יידענע האָבן איינס אין אַנדערן זיך מיט די נעגל איינגעגעסן און גיפטיק געשפּיגן איינס ס׳אַנדערע אין פּנים אַריין:

— גזלנים, לאָזט אונז אויך לעבן אויף דער וועלט...
— אַז געשוואָלן זאָלט איר ווערן, ווי איר האָט אַלצדינג פאַר זיך פאַר־כאַפּט!
— איבער מיין טויטן גוף וועסטו גיין פאַרנעמען מיין פלאַץ אין שאַפּ!
— מיין ווייב ליגט קראַנק, כ׳מוז פאַרדינען אויף רפואות און ברויט...
— אויסגעריסן האָסטו געדאַרפט ווערן איידער די שיף האָט דיך אַרי־בערגעבראַכט אַהער!
— פאַרוואָס גייסטו פּאַשען דעם באָס מיט דיין אייגן בלוט? העלף גע־ווינען דעם סטרייק, וועט דיר אויך גוט זיין.
— אין דר׳ערד מיט דער יוניע! קינדער הונגערן ביי מיר!
— פאַרכאַפּערס! וואַלד־גזלנים!

ביז די אמתע שלעגער זיינען געקומען, ביז די פּאָליציי איז געקומען צוהילף די אמתע שלעגער. אייזנס און גומענע רערן און קלאַבס, שטיינער און אייזערנע פויסטן האָבן געשפּאָלטן קעפּ, געבראָכן ריפּן, אונטערגעשלאָגן אויגן. געיאָמער און קללות, געבאָט און פּחד, בלוט און טרערן — אַלץ האָט זיך אויפן ברוק אויסגעמישט. די פאַרוואונדעטע אין פּיקעט־לאַין האָט מען אין פּאָליציי געשלעפּט; די אונטערגעבראָכענע סטרייק־ברעכער — צו לעאָ־נאַרד סטאָן אין שאַפּ אַריין.

די ניי־מאַשינען האָבן געשטויגט, ווען דאָס מאָל זיינען סטרייק־ברעכער ניט געקומען מיט האַרץ־קלאַפּ און מיט ציטעריקע פינגער זיי אָנצורירן.

דעם אייגענעם וואַרימען אויפדערנאַכט, צווישן טויזנט און טויזנטער קעפּיקן עולם, וואָס האָט פול געמאַכט דעם מעדיסאָן סקווער אויף דער אַכט און צוואַנציקסטער סטריט און מעדיסאָן עוועניו, זיינען זיך־ביי־זייט געזעסן דאָקטאָר לוריא און זיין שוועסטער קעראָלאַין. ביידן האָט אויסגעוויזן, אַז ניט צווישן טויזנטער איינציקע, אויפגעבראַוזטע נאָדל־אַרבעטער זיינען זיי אַריינגעפאַלן, — נאָר אַ מענטשן־ים האָט זיי אויף זיינע כוואַליעס אויפגע־כאַפּט און וויגט זיי, וויגט זיי. אָט זיינען זיי ביי דער טריבונע, וואו צווישן די רעדנער זיצט אויך זייער ברודער נתן לוריא. אַזוי רואיק זיצט ער און באַטראַכט די מענטשן־כוואַליע, בויגט זיך צום אַרבעטער־פירער וואָס זיצט נעבן אים, ראָמט אים עפּעס אין אויער, און יענער דערט אויס מיט שכל.

— וואָס זאָגסטו, זכריה, איז דאָס טאַקע נתן, אונדזער נרתן? האָט ער אויך אַ חלק אין היינטיקן מיטינג? וועט ער טאַקע היינט רעדן און שילטן? מיר וואָלט איצטער אַזוי גרינג געווען צו זיצן דאָ, ווען אינדערפרי פאַרגיסט מען ניט קיין בלוט בלויז אַרום לעאָנאַרדס שאַפּ. וואָס זאָג איך לעאָנאַרדס? ס׳איז דאָך אויך מיין שאַפּ!

די מאַסנפאַרזאַמלונג האָט געדאַרפט באַגריסן דעם אַלגעמיינעם סטרייק. די רעדנער האָבן געדאַרפט דערמוטיקן און שטאַרקן דעם ווילן און גייסט פון די סטרייקער, וואָס האָבן מיט אַזאַ גרייטקייט אויפגענומען דעם רוף פון די אַרבעטער־פירער. איין רעדנער נאָכן אַנדערן איז אויפגעשטאַנען און מיט דראַמאַטישע זשעסטן, מיט צוגעקליבענע, שאַרפע אויסדרוקן זיך באַמיט איינער דעם אַנדערן אַריבערצושטייגן. ווער ס׳האָט גערעדט מיט אַ קלאָרער שטים, און ווער ס׳האָט אונטערגעזונגען; ווער ס׳האָט מיט אַ הייזעריקייט

און מיט געביילטע פויסטן זיך אַפּיר געריסן; און ווער ס'האָט מיט גע־צײַלטע ווערטער, ווי מורא האָבנדיק צופּיל ווערטער אָנצואווענדן צווישן טויזנטער־קעפּיקן עולם. ווער ס'האָט מיט אַ ווערטער־שפּע געדעגנט איבער די קעפּ פון די פאַרזאַמלטע. אַלע, אַלע האָבן געצילט צו טרעפן אין די אויגן, פּנים, האַרץ און בויך פון באַס, „וואָס איז אַ־הער אין לאַנד אַריבערגעקומען כדי צו זעטיקן זײַנע געשוואָלענע אַפּעטיטן מיט דעם מאַרך און שווייס, מיט בלוט און טרערן פון אַרבעטסמאַן און פרוי".

—אַט, יענע שטילע, ביי דער ערד קריכנדיקע פּיאַווקעס, וואָס זוכן וואַרים בלוט; אַט, יענע כיטרע פוקסן, וואָס קריכן ביינאַכט אַרויס פון זייערע לעכער, מיט שטילע, ווייכע טריט נאָענט ביי דער ערד רוקן זיי זיך אויסצושמעקן זייערע קרבנות — דאָס זײַנען אונדזערע יידישע ברויטגעבער, אונדזערע יידישע באָסעס. פאַר זיי איז דאָס אַ פריי לאַנד, אַ פרייע לאַנקע געוואָרן וואוהין זיי קומען אַרויס כאַפּן פערד איינצושפּאַנען אין זייערע לאַסט־וועגענער. וואָס גייט אָן דעם באַס, אויב אַרבעטער פאַלן פון די פיס, שטאַרבן פון קאַטוטע, אָדער ווערן געשוואָלן פון הונגער, אַבי ער האָט געגנוג זײַן קאַרק אויסצופּאַשען. אַבי ער האָט זיך אַרויסגעכאַפּט פון דער איסט־סאַיד, אַבי ער קען וואוינען אין פּאַלאַצן און פאַרזאָרגן זײַן צעלאָזענע ווייב און צעלאָזענע קינדער. איבער די הענט די בלוטזויגער, וואָס פאַרגינען ניט דעם אַרבעטער זײַן רעכט צו לעבן! איבער די הענט דעם באַס, וואָס דינגט באַמס צו שלאָגן און שפּאַלטן די קעפּ פון די סטרייקער! אַלע אינאיינעם אין קאַמף פאַר אַ בעסער לעבן, פאַר מענטשלעכער באַהאַנדלונג... נידער מיט די פינצטערע באָסעס! זאָל לעבן דער אַרבעטער־קלאַס!

טויזנטער הענט האָבן זיך אַרויסגעהויבן איבער די קעפּ פון די פאַר־זאַמלטע און געפּאַטשט. טויזנטער שטימען האָבן זיך פון די העלדזער געריסן, געוואָלט דערגרייכן דעם רעדנער, אים אויפהויבן און טראָגן איבער דער מענטשן־כוואַליע.

— האָ, זכריה'ל, האָסט געהערט, וואָס נתן האָט געזאָגט? ווענען האָט ער געמיינט, האָט ער עס ניט געמיינט לעאָנאַרדן? האָט ער ניט געמיינט זײַן אומגליקלעכע שוועסטער? פאַרוואָס קומט עס מיר, זכריה?

דאָקטאָר לוריא איז אויך שטאַרק באַווירקט געוואָרן פון דער גרויסער מענטשנמאַסע, און פון דעם אויפגעברויזטן גייסט און אָפּפערווויליקייט, וואָס האָט געהערשט אין מעדיסאָן־סקווער. ער איז מיטן געדאַנק שנעל דורכ־געלאָפן דורך די יאָרן וואָס ער האָט אין לאַנד פאַרבראַכט. פון דרײַ און אַכציקסטן יאָר, ווען ער האָט ביי לעאָנאַרד חלפּן אין שאַפּ געאַרבעט, ביז יולי, צענטן יאָר... ס'פאַרדריסט אים וואָס ער איז געוואָרן דאָקטאָר און איז אַרויס פון דער ריי. ער וואָלט איצטער גאָר אַנדערש געפילט, ווען ער און זײַן שוועסטער זיצן און פילן דעם פולס פון די מאַסן אַרום.

אָבער דוקא זײַן ברודערס רעדע האָט אויף אים קיין אײַנדרוק ניט גע־מאַכט. די אויפגעבלאָזענע פראַזן זײַנען אים געווען דערווידער. און ווען זײַן שוועסטער האָט מיט אַ צעשראָקענער שטים ביי אים געפרעגט, צי דער ברודער אויף דער טריבונע האָט אָפּטמאָל ניט געמיינט זי און איר מאַן, האָט דאָקטאָר לוריא אויף זײַן שוועסטער געהאַט מיטלייד.

— ווען דאָס זאָגט פון דער בינע ניט נתן, נאָר עפּעס אַן אַנדערער רעדנער, וואָלט דיר אַזוי ניט וויי געטאָן? — האָט דאָקטאָר לוריא שטיל געפרעגט ביי דער נידערגעשלאָגענער שוועסטער.

— ווען אַן אַנדערער, ניט נתן זאָגט עס, וואָלט איך אַזויפיל ניט געליטן. וואָלט איך געזאָגט, ער ווייס ניט, אַז איך בין ניט שולדיק. דער פרעמדער ווייס ניט, אַז מיין גאַנץ לעבן איז מיר פאַרפינצטערט, אַז איך שלאָג זיך קאָפּ־אָן־וואַנט ווען אַ סטרייק ברעכט אויס. ער קען דאָך זיין אומגליקלעכע שוועסטער; ער ווייס דאָך וואָס איך האָב היינט איבערגעלעבט.

— צי ער ד׳האָט דיך געמיינט, צי לעאָנאַרדן, צי ער האָט געמיינט סתם אַ באָס, איז מיר קיין חילוק ניט. טו אַ קוק אויף דער מענטשן־כוואַליע. אַזאַ גרויסע מאַסע יידישע אַרבעטער. איך דערקען זיי פּשוט ניט. צוליב דעם אַליין האָט געלוינט אַריבערצוקומען קיין אַמעריקע, כדי דאָ זיך אַרויסרייסן פון דער רוסישער געפאַלנקייט. דאָס זיינען אַנדערע מענטשן. דאָס זיינען מענטשן וואָס אַרבעטן, און דורך דער אַרבעט זיינען זיי אויסגעוואַקסן. אַזאַ פאַראייניקטע מאַסע, אויב זי וועט נאָר ניט פראָוואָצירט ווערן, אויב מ׳וועט נאָר ניט מאַכן קיין טעותן, וועלן זיי ברענגען זייער זיג מיט אַ שריט נענטער. צייט, מ׳זאָל אין די יידישע שעפּער אַרבעטן ניט מער ווי פופציק שעה אַ וואָך. שאַדט ניט, אויב מ׳וועט דיין לעאָנאַרדן לערנען, ווי אַזוי צו זיין אַן אָנשטענדיקער באָס. אָבער פון זייערע רעדעס, דער עיקר פון נתנס רעדע בין איך ניט צופרידן. ביליקע פראַזן, אָרימע פאַרגלייכן, אומגעוויטיקער האַס.

— ווי קומט עס צו אים? — האָט קעראָלאַין נאָך אַלץ ניט געקענט קומען צו זיך.

— אַז דו ווילסט אים מאָרגן זען, רעד זיך דורך מיט אים.

— כ׳וועל אים ניט גיין זען. כ׳האָב אים פיינט. ער דאַרף מיין בלוט ניט פאַרגיסן, ווי ער האָט עס געטאָן.

דאָקטאָר לוריא האָט אָנגעקוקט זיין שוועסטער. איר פּנים איז געווען צעקרימט פון אויפרעגונג און ווייטיק. זיין שוועסטער, וואָס קומט אַזוי אָפט צו אים, ער זאָל לינדערן איר געמיט, זי ווייס זיין ענטפער. ער האָט גוט פאַרשטאַנען, אַז ווען זיין שוועסטער וואָלט חתונה געהאַט מיט דעם אַמאָליקן לייבל חלפן, און איצטיקן לעאָנאַרד סטאָן, צוליב ליבע, מעגלעך, זי וואָלט גאָרניט אַרויסגעזען אַזויפיל בייז אין זיין האַנדלונג. אין זיין דערפאָלג וואָלט זי נאָר אַרויסגעזען זיינע פעיִקייטן. אָבער איצטער, ווען אפילו צו אירע אייגענע קינדער שפּירט זי אָפּטמאָל ווי זי זינדיקט, און איר מאַן גיט איר ניט קיין איין שעה פון באַגייסטערונג פאַרן לעבן — וואָס קען ער איצטער זאָגן?

— קלאַסנקאַמף, קריינדל, — האָט דאָקטאָר לוריא פונדעסטוועגן געפּועלט ביי זיך אויפצוקלערן דער שוועסטער, — צוויי צדדים, צוויי ביטערע שונאים. צי דו ווילסט, צי דו ווילסט ניט, שטייסטו ניט אויף דער זייט מיט די וואָס האָבן דאָ אָנגעפילט דעם גרויסן זאָל אין ניו־יאָרק, אויסצודריקן זייער פּראָטעסט קעגן דער עקספּלואַטאַציע, און ווילִקייט צו קעמפן ביז בלוט פאַר דער פאַרבעסערונג פון דעם אַרבעטער־מענטשנס מצב.

— פיר מיך אַהיים, זכריה. כ׳קען דאָ מער ניט איינזיצן. די הענט און פיס נעמען מיר אָפּ.

דאָקטאָר לוריא האָט מיטגעפּילט זיין שוועסטער, און האָט זי מיט שווע־ריקייט אַרויסגעפירט פון דער מענטשן־כוואַליע — געפירט זי אַהיים.

שוין ביים הויז, האָט קעראַלאַין אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם, און ווי זי וואָלט מיט עפּעס וועלן יוצא זיין פאַר איר ברודער, האָט זי פּלוצלונג אַ פרעג געטאָן:

— דער קאָפּ איז מיר אַזוי פאַרשלאָגן, אַז כ׳האָב פאַרגעסן צו פרעגן, וואָס מאַכט עמאַ בערגער, זי איז אויפן מיטינג גאָרניט געווען?

— קען זיין, זי איז געווען מיט איר ברודער.

— פאַרוואָס ביסטו צו איר ניט צוגעגאַנגען?

— ווי פילסטו זיך איצטער? — האָט דאָקטאָר לוריא איבערגעשלאָגן דעם שמועס. — ווילסט, כ׳זאָל דיך אַרויפפירן אויבן?

קעראַלאַין איז געגאַנגען אויף די טרעפּ, געהאַפּט, אַז אין שטוב וועט זי ביי איר ברודער נאָך אַ מאָל קענען פרעגן פאַרוואָס מ׳האָט עמאַן ניט געזען. אָבער אין שטוב האָט זי געטראָפן אַ פרידלעך בילד. אין גאַסטצימער זיינען געזעסן: איר מאַן, מיסטער האָכבערג, דייוויד זילבערמאַן און מידלרעד — מ׳האָט פרידלעך געשפּילט אין קאָרטן.

קעראַלאַין, וואָס האָט געקלערט, אַז זי וועט קענען רואיק זיצן און אויס־רעדן ס׳האַרץ פאַרן ברודער, האָט געשפּירט, ווי מ׳וואָלט זי אָפּגעגאָסן מיט קאַלטע וואַסער. זי האָט זיך ווי צונויפגעדרייט, און ניט געוואוסט פון וואָס אָנצוהייבן.

— העללאָ, דאָקטאָר, העללאָ, קעראַלאַין! פאַרוואָס אַזוי פרי? דער מיטינג האָט זיך שוין געפּינישט? — האָט האָכבערג, מיט די קאָרטן אין דער האַנט, ברייט אַריבערגעשמייכלט.

— העללאָ, קעראַלאַין, וואָס שטייסטו פון דער ווייטנס, קום אַהער, כ׳וויל דיך אַ קוש טאָן!

קעראַלאַיין איז אויטאָמאַטיש צוגעגאַנגען צו מילדרעדן און זיך צוקושט.

— כאַ־כאַ־כאַ, האָסט ביי מיר געזען די קאָרטן, דערצייל עס ניט דיין מאַן.

— איר האָט אויך געמעגט זיין אין מעדיסאָן־סקוועער, הערן וואָס מ׳זאָגט וועגן אייך, — האָט דאָקטאָר לוריא זיך אָפּגערופן, דערלאַנגענדיק די האַנט דער פרוי זילבערמאַן. — כאָטש דאָ וועט איר געווינען, אָבער דאָרטן, האָב איך מורא, וועט איר פאַרלירן.

לעאָנאַרד, וואָס דער האָט דעם קאָפּ ניט אויפגעהויבן צו די אַריינגעקומענע, האָט פּלוצלונג אַנידערגעלייגט די קאָרטן אויפן טיש, איז אויפגעשטאַנען און אַ זאָג געטאָן צו דאָקטאָר לוריאַן:

— גיי נאָר דו ניט צו אָפּט אויף זייערע מיטינגען, ביקאָס די פּאַציענטן וועלן דיך אויפהערן צו יוזן, כאַ־כאַ־כאַ.

— זאָל עס דיר זיין די לעצטע דאגה, לעאָנאַרד. האָסט געמעגט דאָרטן זיין און הערן וואָס מ׳האָט צו זאָגן וועגן דיר.

— וואָס האָבן זיין געזאָגט, אַז איך זויף זייער בלוט? אויב זיי ווילן, כ׳זאָל זיי געבן ברויט און אַ היים, דאַרף עס זיי קאָסטן אַ טראָפּעלע בלוט. יעס, קעראַלאַין, מעגסט זיך גיין הערן וואָס דיין ברודער זאָגט אויף דיר... מעגסט אפילו האַלטן, אַז דיין מאַן איז דער גרעסטער אויסוואורף, אָבער ווי צו פירן מיינע ביזנעס דאַרף מיך קיינער ניט לערנען.

— נעם זיך ניט צום הארצן, קעראַלאַין, — איז מילדרעד צו איר צוגע־גאַנגען און זי געטולי־עט צו זיך. — אַ פּרוי איז נאָר גליקלעך ווען דער מאַן קען איר געבן וואָס זי באַדאַרף. אויב אַ מאַן קען ניט צופרידנשטעלן זיין פרוי, האָט ער ניט קיין רעכט צו פאָדערן, זי זאָל אים ליב האָבן, כאַ־כאַ־כאַ.

— יעס, יעס, איך פאַרשטיי עס, — האָט קעראַלאַינס שטים געציטערט. — גוד־נאַיט אייך אַלעמען, גוד־נאַיט, זכריה.

מיט שנעלע טריט איז זי אַוועק צו זיך אין צימער.

די מאַנצבילן, מיט די קאָרטן אין די הענט, האָבן אַ וויַיל פרעמדלעך זיך איבערגעקוקט. מילדרעד האָט זיך דערשפּירט אומבאַקוועם. זי איז צוגע־גאַנגען צו דאָקטאָר לוריאן און געשמייכלט:

— אויף דיר ליגט די פליכט מיט איר זיך דורכרעדן, זי זאָל ניט מאַכן קיין לייטיש געלעכטער. ווען מ׳סטרייקט ביי איר מאַן אין שאַפּ, זאָל זי בעסער זיצן און הערן וואָס דער מאַן האָט צו זאָגן, און ניט לויפן אין מעדיסאָן־סקווער גאַרדן.

— איך רעכן, אַז לעאָנאַרדן מאַכט עס ניט אויס, ער וויס קעראַלאַינס שוואַכקייטן. וואָס, ניט, לעאָנאַרד? אַ גוטע נאַכט אַלעמען.

דאָקטאָר לוריא האָט געשפּאַנט אַליין דורך די ניו־יאָרקער גאַסן, און קיינמאָל נאָך האָבן זיינע טריט ניט אָפּגעהילכט מיט אַזאַ פרעמדקייט ווי איצטער.

* * *

דאָקטאָר לוריא האָט שוין אַ פּאָר מאָל געפּרואווט אַרויסגיין פון אָפּיס, אָבער ווי נאָר ער האָט זיך דערוויַיטערט עטלעכע טריט פון הויז, האָט אים דער געדיכטער נעפּל אומגעקערט צוריק. ער האָט געטראָגן אויפן געוויסן אַ פּאָר ערנסטע חולאים, וואָס ער האָט נאָך אינדערפרי געדאַרפט באַזוכן; דער עיקר, האָט אים באַאומרואיקט די ידיעה, אַז זיין שוועסטער קעראַלאַין ליגט צו בעט.

ער האָט זיך צוגעזעצט צום שרייב־טיש און אויף דעם אייגענעם פּאַפּיר, וואו ער שרייבט זיינע רעצעפּטן, האָט ער פאַרצייכנט: „דינסטיק, דריטער יאַנואַר, 1911 ... ווי דער נעפּל, וואָס האָט איצטער איינגעוויקלט גאַנץ ניו־יאָרק, אַזוי איז מיין גאַנץ לעבן דאָ אין אַמעריקע. איך בין זיכער, אַז באַלד וועט אַ ווינט דעם נעפּל צעטרייבן, ניו־יאָרק וועט זיין אָפּגעדעקט און אָפן אונטער דער זון; אָבער מיין לעבן, ווי דאָס גאַנצע יידישע לעבן אין אַמעריקע, איז אין געדיכטן נעפּל פאַרוויקלט. שווער אַרויסצוזען וואָס דער מאָרגן וועט ברענגען".

ער האָט דאָס פאַרשריבענע בלעטל אַריינגעלייגט אין שופלאָד, וואו עס זיינען צונויפגעלייגט געלעגן נאָך אַזעלכע בלעטלעך, אַן אָנהייב פון אַ טאָג־בוך, וואָס ער האָט מיט דריי חדשים צוריק אָנגעהויבן שרייבן.

דאָס גאַנצע לעבן האָט דער נעפּל איינגעשלונגען. פון די וואַסערן אַרום ניו־יאָרק האָט זיך דערטראָגן דער אומרואיקער געברום פון שיפן, וואָס האָבן איינס ס׳אַנדערע געוואָרנט פון סכנה; פון צייט־צו־צייט האָט גרילציק די לופט דורכגעשניטן די וואָרנונג־סירענע; סיי פון האָדסאָן־זייט, און סיי פון איסט־ריווער זיינען די וואָרנונגען אָנגעקומען.

דאָקטאָר לוריא האָט אָפּיר געקוקט צום פענצטער, וואָס איז, צוליבן געדיכטן נעפּל דרויסן, געווען ווי מיט אַ ווייסער בעלמע פאַרצויגן, און ס׳האָט אים אויסגעוויזן, אַז דורך דער דאָזיקער בעלמע קוקט צו אים דורך עמאַ בערגערס יינגערע שוועסטער, צילע, זי באַוועגט מיט די ליפּן, ווי זי וואָלט אים רופן דרויסן. ווען ער האָט זיך אויפגעהויבן, צוגעגאַנגען צום פענצטער, געוואָלט אויסגעפינען צי דאָרטן שטייט אימעצער, האָט ער מער ווי די מילכווייסע בעלמע פאַר די שויבן ניט געזען.

ער איז אַרויס דרויסן, און כאָטש ער האָט דאָרטן קיינעם ניט געטראָפן, איז אים שווער געווען אַריינצוגיין צוריק אין אָפּיס.

— אפשר איז זי געקומען אָנזאָגן, אַז עמאַ איז ניט געזונט, און האָט ניט געוועלט ביי זיך אַריינצוקומען.

ער ווייס, אַז מיט דריי טעג צוריק האָט מען באַגעגנט ניי־יאָר ביי די סטאָנס, און עמאַ איז דאָרטן געווען. קעראָלאַין האָט זי פאַרבעטן. קעראָלאַין איז געווען זיכער, אַז ער וועט אויך קומען. זי האָט פאַר אים ניט געלייקנט, אַז זי האָט עמאַן איינגעלאַדן. ער פאַרשטייט אַליין ניט פון וואַנען צו אים האָט זיך פּלוצלונג גענומען די האַרטקייט. ווען מ׳זאָל ביי אים פרעגן, צי ער וואָלט באמת וועלן אויף שטענדיק איבעררייסן מיט עמאַ בערגער, וואָלט ער קיין קלאָרן ענטפער ניט געקענט געבן. כאָטש זי האָט אים קיין פרייד אין זיין איינזאַמען לעבן ניט אַריינגעטראָגן, האָט זי פאַרט מיט איר געזונטווערן באַוויזן, אַז דאָרט ווי ליבע, דאָרט איז לעבן.

זיין שטיפשוועסטער רעבעקאַ, וואָס איז אומגעבעטענערהייט געקומען אים וואָרענען, ער זאָל זיין פאָרזיכטיק מיט עמאַן, מחמת איר גייסטיקער מצב איז נאָך אַלץ אַ צערודערטער, און אַז ביינאַכט פון שלאָף רופט זי איר חתן וואָס איז געהרגעט געוואָרן אין פּאָגראָם, כאָטש ער האָט אויף זיין שטיפשוועסטער געהאַט פאַרדראָס, זי חושד געווען אין פאַלשקייט, האָט ער דאָך פון יעמאָלט אָן אָנגעהויבן אויסצומיידן סאָפאָלק סטריט, וואו די בערגערס האָבן געלעבט. ער קען אויך ניט פאַרשטיין וואָס קעראָלאַין לייגט איין אַזוי דאָס לעבן, אויף אַלערליי וועגן און הינטערוועגן זעט זי אים מיט עמאַן צונויפצוברענגען. „אַ קשיה אויף קריינדלען, — לויפט אים דורך אַ מחשבה. — אפשר צוליב דעם וואָס איך בין ניט געקומען איז זי קראַנק געוואָרן“.

אין דער אייגענער צייט האָבן זיך דערהערט שטימען הינטער דער טיר. זיין ברודער דניאל און דער ציוניסטישער מטיף, ר׳ שמואל מירמאַן, זיינען אַריינגעקומען. ביידע אויפגעלייגטע, ביידע צופרידענע, וואָס זיי האָבן אים געטראָפן אין אָפּיס.

דאָקטאָר לוריא איז אַ ווייל געשטאַנען מטושטש, אַליין ניט גלויבנדיק זיינע אויגן, צי דאָס זיינען מענטשן אין דערווירקלעכקייט. ער האָט זיי ביידן אָנגעקוקט, ווי געוואָרט אויף אַ באַפעל.

— וואָס קוקסטו אַזוי, זכריה, דערקענסט אונדז ניט? — האָט דניאל אים אויפגעמונטערט.

— איך רייס זיך אַ גאַנצן פרימאָרגן אַרויסגיין, כ׳האָב אַ פּאָר ערנסטע פּאַציענטן, און האָב מורא געהאַט טאָמער וועל איך פאַרבלאָנדזשען. און איר גאָר, ווי אַזוי האָט איר זיך דערשלאָגן אַהער?

— מיר האָבן זיך געלאָזן צונ׳איך צוליב נאָך אַ שווערן חולה, דעריבער האָט דער נעפּל אונדז ניט פאַרשטעלט דעם וועג, כאַ־כאַ־כאַ. וואָס מאַכט איר, דאָקטאָר? — האָט ר׳ שמואל מירמאַן געדריקט דאָקטאָר לוריאַן די האַנט.

— מעג איך פרעגן, ווער איז דער חולה?

— ישראל סבא... ס׳יידישע פאָלק איז דער חולה. אין זיין נאָמען זיינען מיר איצטער צונ׳איך געקומען.

דאָקטאָר זכריה האָט אַראָפּגעלאָזן די אויגן, ניט איבערגעפרעגט וואָס דער גאַסט האָט געמיינט מיט זיינע ווערטער. ער האָט געוואַרט, דניאל זאָל אים קלאָר מאַכן וואָס פאַר אַ חולה דער גאַסט איז אויסן.

ר׳ שמואל מירמאַן האָט באַמערקט דאָקטאָר לוריאס פאַרלעגנהייט און געפּרואווט קלערער מאַכן וואָס ער האָט געמיינט:

— דאָקטאָר לוריא מיינט אוודאי, אַז איך בין געקומען בעטן אַ רפואה פאַר זיך אַליין. חלילה, איך אַליין האָב, השם יתברך, ניט אויף וואָס זיך צו באַקלאָגן. און אין דעם שטעקט טאַקע די צרה, וואָס יעדער ייד אַליין פאַר זיך קען זיין געזונט און שטאַרק, אָבער אַלע יידן אינאיינעם, ס׳גאַנצע יידישע פאָלק, איז בחינת אַ חולה, וואָס דאַרף שטאַרק אָנקומען צו אַ רופא.

— בין איך אוודאי ניט דער פּאַסיקער דאָקטאָר; דאַרפט איר זוכן אַ פּסיכיאַטער, כאַ־כאַ־כאַ.

— רעכט, אַ פּסיכיאַטער, ער זאָל באַפרייען אונדזערע אינטעליגענטן פון דער איינרעדעניש, אַז יידן זיינען שוין באַפרייט געוואָרן. אָט, למשל, זייט איר צוויי ברידער. מיסטער דניאל לוריא איז אַן איבערגעגעבענער ציוניסט; און איר — מיר ווילן אייך אַריינציען אין דער באַוועגונג.

— איר האָט געדאַרפט אויסקלייבן אַ זוניקן טאָג, און ניט קומען אין דעם גרעסטן נעפּל וואָס ניו־יאָרק האָט ווען־עס־איז געהאַט.

— אַלץ הייבט זיך אָן ביי יידן ווי הינטער אַ וואָלקן; און פון וואָלקן — צו דער ליכטיקער זון.

— דערווייל זיינען מיר אין נעפּל, — האָט דאָקטאָר לוריא אומעטיק אָנגעקוקט זיין ברודער. — אויב איר האָפט, אַז אין אַמעריקע וועט די ציוניסטישע באַוועגונג לאָזן טיפע וואָרצלען, וויל איך אייך ניט אַנטוישן.

— מאַכט ניט דעם אייגענעם טעות וואָס אונדזערע אַסימילאַטאָרן מאַכן. קיינער איז ניט באַפרייט געוואָרן פון גלות דערווייל. איר זייט אַ יידישער אינטעליגענט, איר מעגט וויסן, אַז קיין שום ייד איז נאָך דערווייל ניט באַפרייט געוואָרן.

— ייד, צי אַסימילאַטאָר, דאָס געהער ניט צום ענין. איך בין מסכים, אַז דאָ זיינען יידן אין גלות. אָבער דער דאָזיקער גלות דאַרף פאַררעכנט ווערן ווי אונדזער פּראָמינענטע היים. ארץ ישראל פון דער יידישער טראַדיציע איז היינט דאָ, און מאָרגן — דאָרטן. איך פאָלג נאָך די ציוניסטישע קאָנגרעסן. איך ווייס גוט, אַז דער טערקישער סולטאַן איז אָפּגעראַמט געוואָרן, און ווייס אויך, אַז די יונג־טערקן וועלן ניט דערלאָזן, אַז דער ציוניסטישער חלום זאָל פאַרווירקלעכט ווערן.

דניאל לוריא האָט זיך צוגעהערט צו זיין ברודערס ויכוח מיט דעם ציוניסטישן מטיף און האָט זיך ניט געוואָלט אַריינמישן. ס׳איז געווען זיין

איניציאַטיווע זיי צוזאַמענבערענגען. אָבער איצטער, הערנדיק דעם ויכוח, האָט ער חרטה געהאַט.

— ווען איך וועל אפילו קויפן אַ שקל, — האָט דאָקטאָר לוריא ווייטער גערעדט, — וועט עס אויך ניט מיינען, אַז איך בין געוואָרן אַ ציוניסט. צי איך האָב גוט געטאָן, צי איך האָב שלעכט געטאָן מיט מיין איינאָרדנען זיך אין אַמעריקע — ביי היינטיקן טאָג איז עס מיר שווער צו דערקלערן. אָבער די מיליאָנען יידן וואָס וועלן דאָ אַמאָל זיין, זיי וועלן ס'לאַנד ניט פאַרלאָזן. נאָר אין אַזאַ פאַל, ווען מ'האָט יידן געטריבן פון אַ לאַנד, ווי דאָס האָט גע־טראָפן אין שפאַניע, האָבן זיך יידן געלאָזן אין וועג אַריין. דאָ אין לאַנד האָט דערווייל ציוניזם קיין שום באָדן ניט.

— איך האָב געזאָגט, מיסטער לוריא, אַז אין אַ פאַגי זאָל מען ניט גיין רעדן פון דער זון, — האָט ר' שמואל מירמאַן גוטמוטיק גערעדט. — אונדזערע נביאים, ווען זיי האָבן גערעדט פון שיבת־ציון, האָבן זיי אינזינען געהאַט די צייטן ווען יידן וועלן זיין פאַרשפּרייט איבער גאָר דער וועלט. אין בבל האָט זיך יידן געלעבט פונקט ווי אין דער גילדענער אַמעריקע. נו, איז דאָרט זייער היים געוואָרן?

— פאַרגלייכט ניט אונדזער היינטיקן בבל מיט דעם אַמאָליקן. די יידן האָבן אַהער אויסגעוואַנדערט פון רוסלאַנד, און ניט פון ארץ ישראל. די ציוניסטישע באַוועגונג אין רוסלאַנד האָט זיך אָנגעהויבן נאָך פּאָגראָמען, און דאָ אין ניו־יאָרק האָבן מיר איצטער אַ מעיאָר וואָס האָט אפילו פאָליסלייט פאַרבאָטן צו באַנוצן זיך מיט קלאָבס.

— זאָלט איר מיר אַנטשולדיקן, איר רעדט אויך ווי אַן אַסימילאַטאָר.

אויף דעם האָט דאָקטאָר לוריא ניט געענטפערט.

— וואָס, וואָס, קיין אַסימילאַטאָר איז מיין ברודער ניט, — האָט דניאל, אַ פאַרשעמטער, געקוקט צו דאָקטאָר לוריאן.

— מיר וועלן צו אייך קומען נאָך אַ מאָל. אפשר וועל איך צו אייך קומען וועגן מיין אייגענער הולאַת. געוואָלט, איר זאָלט מיר אויסהערן ס'האַרץ.

— איך זאָג אייך פאָרויס, אַז אויב איר האָפט צו פירן אַמעריקאַנער יידן קיין ארץ ישראל, האָט איר געוויס אַ פאַרגרעסערט האַרץ.

— הלוואַי איז עס אמת, כאַ־כאַ־כאַ, — האָט ר' שמואל מירמאַן געקלאַפּט דאָקטאָר לוריאן אין פּלייצע. — אַ פאַרגרעסערט האַרץ וואָלט ניט געשאַדט אונדזערע רייכע יידן, סיי די דייטשע און סיי די פאָרדייטשמערטע. אַ צווייטן מאָל וועלן מיר זיך באַגעגענען אין אַ זוניקן טאָג. שלום!

דניאל און ר' שמואל מירמאַן, פונקט ווי זיי זיינען פון נעפּל אומגעריכט געקומען, זיינען אַרויסגייענדיק פון זיין אָפּיס פאַרשוואונדן אין נעפּל, און נאָך מער אויסגעשפּרייט די פּוסטקייט וואָס דאָקטאָר לוריא האָט די לעצטע צייט געשפּירט אַרום זיך.

— פליכט צו דער וועלט, פליכט צום אייגענעם פאָלק, פליכט צו אונדזער משפחה — צופיל חובות... וואָלט מען זיי כאָטש געקענט אָרנטלעך צאָלן. און צי קען מען צאָלן ווייטע חובות, אויב דאָס, וואָס מ'איז זיך אַליין שולדיק, צאָלט מען ניט?

ס׳איז נויטיק געווען דער געדיכטער, גרוי־ווייסער נעפּל, וואָס האָט מיט בעלמעס פּאַרצויגן זיינע שויבן, ער זאָל דעם וועג וואָס פירט צו אייגענע אין דער מחשבה אָנווערן. אַנשטאָט דעם האָט דער געדאַנק ווי אַ רעפלעקטאָר אָפּגעדעקט און אַרויסגעטיילט פון נעפּל אַרויס זיינע אַמאָליקע פּאַציענטן, די ערשטע חולאים, וואָס ער האָט פון קראַנקן־בעט אויפגעהויבן אין די ערשטע עטלעכע חדשים, ווען ער איז געוואָרן דאָקטאָר פאַר זיך אַליין.

בולט קומט אים פאַר די אויגן אַרויס אַ פינצטער צימערל, און צוויי קינ־דערלעך, אַ ייִנגעלע מיט אַ מיידעלע, וואָס זיינען קראַנק געוואָרן אויף שקאַר־לעטינע, און יונגע טאַטע־מאַמע, ס׳ערשטע יאָר פון רוסלאַנד, שטייען דערביי, און מיט אַ ציטער אין האַרצן קוקן זיי נאָך זיינע הענט וואָס האָבן אונטער־געזוכט די אָנגעצונדענע, קראַנקע גופימלעך פון די קינדער. ער האָט זיי געמאַכט די נויטיקע איינשפּריצונגען, און ביים אַוועקגיין נאָך איבערגעלאָזט דריי דאָלער אין שטוב. ער איז דערנאָך אַ פּאָר מאָל געקומען באַזוכן די קינדער; אָבער דעם פאָטער האָט ער מער ניט געזען. די מוטער האָט זיך ווי געשעמט אים קוקן אין די אויגן — אַלץ דערפאַר, וואָס ער, ווי אַ יונגער דאָקטאָר, ד׳האָט די מענטשלעכע פליכט געפּילט.

און פון די צוויי קינדערלעך און יונגער מוטער לויפט זיין געדאַנק אַריבער אויף מאָט סטריט, צו די בערגערס, וואו ער האָט זיי צום ערשטן מאָל באַ־געגנט, און די דערוואַקסענע עמאַ, וואָס איז אַן אָפּגעצערטע געלעגן און געוואַרט, אַ דאָקטאָר זאָל איר ליבּ אָנרירן און זי געזונט מאַכן. און שפּעטער — זיין טיפע באַפרידיקונג, ווען זי האָט אָנגעהויבן ווייזן סמנים פון געזונט ווערן.

— מיט וואָס איז מיין פליכט צו איר געווען גרעסער ווי צו דער מוטער פון די צוויי קינדער, אָדער צו די צוויי קינדערלעך? פאַרוואָס האָבן יענע אוודאי שוין לאַנג פאַרגעסן אנגאַנצן אָן דעם דאָקטאָר וואָס איז אין צייט גע־קומען טאָן זיין פליכט; און די באַגעגעניש מיט אַריבער פיר יאָר צוריק מיט אַ פאַגראַמירט מיידל, וואָס איז פּסיכיש קראַנק געווען — פאַרוואָס זאָל אַ דאָקטאָר דאַרפן צאָלן אַ סך מערער ווי פאַר דער פּריווילעגיע געזונט צו מאַכן צוויי קליינע קינדער?

אים איז הייס געוואָרן אין פּנים. ער איז צוגעגאַנגען צום פענצטער, צוגעלייגט ס׳פּנים צו דער קילער שויב, געוואָלט טיף, טיף אַריינבליקן אין נעפּל אַריין, כאָטש דערזען די הייזער אויף דער אַנדערער זייט גאַס. אָבער פון נעפּל אַרויס, אַנשטאָט דעם הויז קעגן איבער, שניידן זיך אַרויס צוויי גרויע, פולע אויגן; קומען פון ווייט און ווערן נענטער — אַזש זיין אייגן געשטאַלט, זיין צעפלאַמט פּנים רעפלעקטירט צו אים פון די אויגן אַרויס.

די אויגן מאָנען און דערמאָנען:

— איך האָב ניט געוואָלט געזונט ווערן. איך האָב געוואָלט אין מיין צער אַזוי אויסגיין. מיר איז ניט ליב געווען אפילו אַראָפּצוגיין פון געלעגער, אָנקוקן די פרעמדע גאַסן, די פרעמדע מענטשן אין פרעמדן לאַנד. אָן מיין חתן, וואָס איז אין פּאָגראָם דערשטאָכן געוואָרן, איז מיר דאָס לעבן נמאס געוואָרן. די גאַנצע וועלט איז מיר פרעמד געווען. דאָס האָסטו געוואָלט, איך זאָל ווערן געזונט, און דורך דיר אָנהייבן ליב האָבן די גאַסן, די מענטשן,

און דאָס פרעמדע לאַנד. איצטער וויל איך פון דיר גאָרניט. איצטער וויל איך נאָר, זאָלסט זיין שטאַרק גענוג, מוט האָבן צו קומען און מיר זאָגן, אַז דו האָסט ניט געוואָלט, איך זאָל פון דיינעטוועגן געזונט ווערן. מער וויל איך גאָרניט.

ער האָט אָפּגעווישט די שווייס־טראָפּן וואָס זיינען אים אַרויסגעקוואָלן אויפן שטערן, און ווידער אָנגעהויבן אויסלייגן אין געדאַנק אַ וועג דורכן געדיכטן נעפּל, וואָס זאָל אים דורכנעמען צו דער פּערטער גאַס, וואו ער האָט נעכטן איבערגעלאָזן אַ יידישן פּרעסער מיט אַן אָנצינדונג אין ביידע לונגען. אויך דאָ קומען פאַר אים אַרויס צעשראָקענע אויגן פון אַ מאַמען און פון אַ צוועלף יעריק מיידל, וואָס זיינען ביים בעט געשטאַנען, נאָכגעפאָרשט יעדע באַוועגונג זיינע בשעת ער האָט דעם שווערן חולה באַטראַכט. אויך יענע צעשראָקענע אויגן האָבן ביי אים אָן ווערטער געבעטן: „ראַטעווע אים, און ראַטעווע אונדז פון הונגער און אונטערגאַנג”. ער האָט שוין דאָרטן מיט עטלעכע שעה צוריק געדאַרפט זיין. אויך יענע אויגן קוקן פון געדיכטן נעפּל אַרויס, בעטן און מאָנען.

— פאַרוואָס האָבן זיי דווקא אויסגעקליבן קומען צו מיר אין אַזאַ צייט? — פאַלט אים איין אַ מחשבה. — וואָס איז דאָס פאַר אַ מענטש, אָט דער דניאל, וואָס איז דאָ אין לאַנד אי רייך, אי נאַריש געוואָרן? וואָס גייט אים אָן אין לעבן, איך זאָל קויפן אַ שקל, מיט דעם אונטערשטרייכן, אַז איך בין פאַר ארץ ישראל? ער, וואָס האָט זיך אַזוי ניט אָפּגעגעבן קיין חשבון, ווען ער האָט גענומען און חתונה געהאַט מיט אַן אייריש ווייבל — ער גאָר איז געוואָרן דער מאָנער, און דערמאָנער, אַז איך בין אַ קנאַפּער ייד.

אים פאַרדריסט וואָס ער האָט דורכגעלאָזט די געלעגנהייט, און אין שווערסטן נעפּל וואָס האָט אַרומגענומען ניו־יאָרק, ניט גענומען און אַזוי אַריינגעזאָגט דעם ציוניסטישן מטיף:

— לאָזט צורו די יידן, — האָב איך אים געדאַרפט זאָגן. — קלעפּט ניט אָן ביי די טויערן פון לאַנד אַ צעטל מיטן אויפשריפט — גלות!... אַזוי לאַנג ווי ארץ ישראל איז ביים טערק און טייוול, אַזוי לאַנג ווי ארץ ישראל איז איינגעשרומפּן געוואָרן, כמעט אָפּגעווישט פון דער היינטצייטיקער מאַפּע... היים! — דאָס איז אַ געזונטער באַגריף. היים איז אַ באַגריף פאַר אַ מענטשן וואָס לעבט אַ נאָרמאַל לעבן. פאַרוואָס שטערט איר יידן, זיי זאָלן פסיכיש געזונט ווערן דאָ אין לאַנד?!

די דאָזיקע טענה צום ציוניסטישן מטיף, וואָס איז פון נעפּל געקומען אינאיינעם מיט זיין ברודער און איז אין נעפּל צוריק פאַרשוואונדן, קלאַפּט ווי מיט אַ שפּיציקן האַמער אין די שלייפן — אַזש אין די שלייפן הייבט עס אים אָן וויי טאָן.

אָבער באַלד כאַפּט ער זיך, אַז מיט אַזאַ טענה דערנענטערט ער זיך צו זיין ברודער נתן, וואָס טענהט אויך, אַז די נאַציאָנאַליסטן לאָזן דאָ יידן דעם קאָפּ ניט אויפהייבן; אַז דער „נאַציאָנאַלער שאָוויניזם גראָבט אונטער דעם יסוד פון אַ רואיק לעבן אין אַמעריקע...” און כאָטש דער ברודער מיינט מיט דעם די פולשטענדיקע אַסימילאַציע; כאָטש זיין ברודער נתן פאַרלייקנט ניט, אַז ער וואָלט וועלן, יידן זאָלן דאָ אין לאַנד אויסגעלייזט ווערן

פון גלות, פון גלות־פסיכאָלאָגיע, און װערן נאָרמאַלע, געזונטע מענטשן, װערן אַמעריקאַנער — פילט ער זיך פונדעסטװעגן פאַרשעמט װאָס אין אַזאַ מחשבה־פלאָנטער איז ער אַריינגעפאַלן.

ס'איז אים מיט אַמאָל געװאָרן אומהיימלעך ביי זיך אין אָפיס. אים האָט אויסגעװיזן, אַז דער נעפל האָט זיך אַזוי שטאַרק אָנגעלייגט אויף די װענט פון זיין אָפיס — אַזש די װענט קומען זיך נענטער צונויף. אָט באַלד, אויב ער װעט זיך ניט אַרויסראַטעװען, װעלן די װענט זיך צונויפקומען און אים צודריקן, שװער, שװער דריקן אויף זיין ברוסט, ביז ס'האַרץ װעט דער־שטיקט װערן.

ער ד־האָט אַרויסגענומען פון שופלאָד דאָס פאַרשריבענע בלעטל און עס צעריסן. ער האָט גענומען זיין רענצל און מיט נערװעאישע טריט אַרויס דרויסן, אַריין אין געדיכטן נעפל אריין און אָנגעצילט זיין געדאַנק צו דער פערטער גאַס, װוּ אַ פּרעסער מיט צװיי אָנגעצונדענע לונגען איז אַ פאַרמוחטער געלעגן און ־אַין היץ געזוכט אַן אָנהאַלט אין נייעם לאַנד.

קאַפּיטל אַכצן

קעראַלאַין סטאַן האָט ניט געהאַט קיין חשק אויפצושטיין פון בעט. פון אירע גלידער איז אויסגערונען דער חשק צו לעבן. פאַר די אויגן איז געווען אַ לערקייט. נאָר ווען דער גערדאַנק האָט זיך דערקליבן צו נעכטיקע טעג, האָט פון דאָרטן, ווי פון אַ פאַרנאַכטיק ליכט, אַרויסגעקוקט איר אַנגעוויטיקטע יוגנט און ביטער געשמייכלט.

ס׳איז געווען אַ ווינטיקער, קלאָרער, סוף־ווינטער־פאַרנאַכט. פון פאָדער־צימער האָט זיך דורכגעריסן אַ פּאַס ליכט און איבערגעשניטן דעם דיל ביז צו איר געלעגער.

אויף די שפּיץ פינגער איז אַריינגעקומען איר שטיפשוועסטער רעבעקאַ, זיך אַראָפּגעבויגן, און די מידע שוועסטער אַ קוש געטאָן.

— וואָס איז דיר, קעראַלאַין? — האָט רעבעקאַ מיט אַ טרוקענער שטים געפרעגט.

קעראַלאַין האָט רעבעקאַן אַנגעקוקט אַ ווייל, גענומען איר האַנט, גע־דריקט צו די ליפּן, געלאָזן, די טרערן זאָלן די אויגן פאַרגיסן.

— איז דאָס אַלץ וואָס דו טוסט, קעראַלאַין? — האָט רעבעקאַ ווידער געפרעגט. — פאַרוואָס ביסטו אַזוי אַליין?

קעראַלאַין האָט זי אַ ווייל אַנגעקוקט. דורך די פאַרטרערטע אויגן האָט רעבעקאַס רויטער קאָפּ אויסגעזען געל־גרוי. ס׳פּנים געעלטערט.

— פון וואַנען האָסטו געוואוסט, אַז איך האָב דיך געוואָלט זען? — האָט קעראַלאַין מיט אַ ציטער אין שטים געפרעגט.

— קיינער דאַרף עס מיר ניט זאָגן. איך קען דיך גוט.

— געווען צייטן וואָס דו ביסט צו מיר געווען ערגער ווי פרעמד.

— מיט פרעמדע קומט מען אויס בעסער ווי מיט אייגענע.

— איך האָב צופיל מיין קאָפּ געגעבן פאַר אייגענע, — האָט קעראַלאַין ניט אויפגעהויבן די אויגן צו איר שטיפשוועסטער. — כאָטש כ׳האָב פאַר זיך גאָרניט געפאָדערט, פונדעסטוועגן טוט ווי ס׳האַרץ ווען מען בלייבט איבער איינע־אַליין.

— ביסט אויף מיר ברוגז געוואָרן ווען איך האָב דיר געזאָגט: נעם און צערייס מיט דער־אַ שטוב, מיט דעם מענטשן וואָס מ׳האָט ניט ליב. מיט אַ מענטשן וואָס מ׳האָט ניט ליב, לעבט מען ניט. כ׳זאָג עס דיר נאָך אַ מאָל.

קעראַלאַין האָט זיך צוגעהערט צו איר שטיפשוועסטער. רעבעקאַס דרייסטקייט איז איר ניט געווען דערווידער. אָבער קעראַלאַין האָט מיט קיינעם ניט געוואָלט אַנהייבן רעדן וועגן איר אינטימען לעבן. אפילו מיט דאָקטאָר לוריאַן, וועמען זי האָט ליב געהאַט און רעספּעקטירט, ווען דער שמועס איז אַרויפגעקומען אויף איר פאַמיליען־לעבן, ד׳האָט זי אַראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ

און געשוויגן. זי האָט איינמאָל אין איר לעבן ליב געהאַט. דער מאַן וואָס האָט איר אָנגעוויזן אויף אַ טיר צום לעבן — ער איז געשטאָרבן און די טיר אויף אייביק פאַר איר גליק צוגעמאַכט.

— פאַר זיך האָב איך ווינציק־וואָס געפאָדערט אין לעבן. איך האָב געוואָלט טאָן פאַר אַנדערע. אפילו אַזאַ קלייניקייט האָב איך ניט געקענט אויספירן.

— פאַרוואָס? — האָט רעבעקאַ אויף איר אָנגעשטעלט די אויגן.

— האָב איך דיר ווען־עס־איז שלעכטס געטאָן? האָב איך געמיינט שלעכט ווען איך האָב דיך געהאַלטן טייערער ווי מיינע אייגענע קינדער? נו, וואָס האָב איך דערפאַר געקראָגן?

— לאָמיר, קעראָלאַין, פון דעם איצטער ניט רעדן. איך בין דיך געקומען אַרויסנעמען אינבערגצן. שטיי אויף, טו זיך אָן. שטיי אויף, כ׳וועל דיר העלפן. וואָס פאַר אַ קלייד זאָל איך פאַר דיר אַרויסנעמען?

— איך וויל איצטער אינבערגעץ ניט גיין. זעץ דיך דאָ נעבן מיר. דערציייל מיר וואָס דו טוסט. אפשר וואָלסטו זיך אַריבערגעצויגן אַהער. די שטוב איז מיר פוסט. אפשר וואָלסטו פאָרט זיך אַריבערגעצויגן?

— דאַרפסט פרעגן לעאָנאַרדן, צי וויל ער מיך האָבן אין שטוב.

— לעאָנאַרד? ער האָט דיך ניט פיינט. אים פאַרדריסט עד היום וואָס דו ביסט ניט דאָ אין שטוב.

ביי רעבעקאַן האָבן די אויגן אַ פלאַקער געטאָן.

— יעס, רעבעקאַ, אפשר בין איך שולדיק. אפשר פאַרשטיי איך ניט ווי צו לעבן. אפשר ניט אַזוי דאַרף אַ פרוי באַהאַנדלען אַ מאַן וואָס האָט זיך פון אָרימקייט אַזוי דערהויבן. אפשר, ווען דו קומסט אַהער צוריק, וואָלט איך אָוועקגעפאָרן צו היללן אויפן פאַרם. הא, וואָס זאָגסטו?

— צוריק אַהער לעבן? איך בין איצטער מיט לייב־און־לעבן איבער־געגעבן די מענטשן פאַר וועמען איך אַרבעט. ווען איך זאָל וועלן גיין פון דאָרטן, וואָלט איך זיך אַריינגעצויגן צו זכריהן. ער האָט געזאָגט, ער וועט דאָ הייַנט זיין. כ׳האָב געמיינט, אַז איך וועל אים דאָ טרעפן. איך קום אַריין צו אים. איך וויל ניט דערלאָזן, ער זאָל חתונה האָבן מיט אַ קראַנק מיידל. כ׳וועל עס בשום אופן ניט דערלאָזן.

אין טיר, מיט דעם הוט אין האַנט, ווי פון פאַרנאַכט אַרויס, האָט זיך באַוויזן עמאַ בערגער. זי האָט אירע האָר פאַרקעמט גלאַט אויף־אַרויף, ס׳פּנים האָט צוליב דעם אויסגעזען ליכטיקער און ייִנגער. איבער די אויגן איז אַ מידקייט געווען צעגאָסן.

סיי רעבעקאַ און סיי קעראָלאַין האָבן זיך דערשראָקן.ביידן האָט אויס־געוויזן, אַז עמאַ האָט רעבעקאַס לעצטע ווערטער געהערט.

— איר וועט מיר אנטשולדיקן וואָס איך בין אַזוי ניט־געבעטענערהייט געקומען. ס׳האַרץ האָט מיר געזאָגט, אַז איר זייט ניט געזונט.

קעראָלאַין האָט זיך אויפגעזעצט אויפן געלעגער און אויסגעשטרעקט צו עמאַן ביידע הענט.

— גוט, ווען אַ האַרץ פילט. איך דאַנק אייך. וואָס מאַכט מען עפּעס באַן׳אייך? כ׳האָב אַלץ געקלערט, וועל געפינען צייט און קומען אייך זען. מיר האָבן אייך איצטער דערמאָנט.

— יעס, מיר האָבן אײך נאָר װאָס דערמאָנט, — האָט רעבעקאַ געדריקט עמאַס האַנט און געפּאַרשט אין אירע אױגן. — איר האָט אפשר הײנט דעם ברודער געזען?

עמאַ האָט זיך אַרומגעקוקט צי נאָך אימעצער איז דערבײַ ניטאָ. זי האָט אַ שמייכל געטאָן צו רעבעקאָן, און אויף איר פראַגע ניט געענטפערט.

— וואָס איז אייך, קעראַלאַין? ווען איך זאָל צו אייך ניט קומען, געפין איך אייך שטענדיק אַזוי טרויעריק.

— קעראַלאַין דאגהט פאַר דער גאַנצער וועלט און פאַרגעסט אָן זיך אַליין, — האָט רעבעקאַ איראָניש זיך אָפּגערופן.

איר האָט פאַרדראָסן וואָס עמאַ האָט אויף דער פראַגע, צי זי האָט דאָקטאָר לוריאַן געזען, ניט געענטפערט. זי האָט איצטער פון נאָענטן באַטראַכט עמאַן, געוואָלט געפינען אַ באַרעכטיקונג פאַר איר שטעלן זיך צווישן עמאַן און דאָקטאָר לוריאַן. „צי איז זי טאָקע בלויז געקומען געוואויר ווערן וואָס קעראַ־לאַין מאַכט?" זי שעמט זיך נאָר פאַר דער שוועסטער. זי וואָלט איצטער חשק האָבן נאָך אַ מאָל אָנציען אַ שמועס וועגן דאָקטאָר לוריאַן.

עמאַ בערגער איז איר אַליין געקומען צוהילף:

— איר האָט פריער געפרעגט, צי איך האָב אייער ברודער געזען, — האָט זי מיט אַן אומעטיקן שמייכל געוואָרט אויף רעבעקאָס זייט. — איך האָב אים נאָר געזען ווען איך בין געווען קראַנק. יעמאָלט האָב איך אים געזען פון נאָענטן. זינט איך בין געזונט געוואָרן, זע איך אים כמעט ניט. ער איז דאָך אַ שטאַרק פאַרנומענער מענטש.

רעבעקאַ האָט אַ פאַרדעכטיקטן לאַך געטאָן, און מעשה עלטערע און דער־פאַרענע, אַריבערגעקוקט צו עמאַן.

קעראַלאַין האָט זיך געפילט באַליידיקט פון רעבעקאָס האַנדלונג. זי האָט מורא געהאַט, אַז מיט דער אייגענער אומגעלומפּערטקייט וואָס זי האָט אַ לאַך געטאָן, וועט זי באַלד אַרויסזאָגן ניט־געבעטענערהייט. אויך זי האָט געוואָלט מיט עמאַן רעדן וועגן דאָקטאָר לוריאַן; זי האָט געוואָלט רעדן, ווי אַ מאַמע וואָס זאָרגט פאַר אירע קינדער.

— כ'וויס ניט וואָס דו טראַכסט, רעבעקאַ, — האָט קעראַלאַין מיט אַ נער־וועאישן ציטער אין שטים אומדערוואַרט אָנגעהויבן. — אָבער איך, ווען מיר קומט אויפן זינען זכריה, טראַכט איך וועגן עמאַ בערגער.

און, ניט וואַרטנדיק וואָס רעבעקאַ צי עמאַ וועט אויף דעם זאָגן, האָט זי צוגעגעבן:

— זעט דעם אונטערשייד: רעבעקאַ און איך, שוועסטער פון איין טאַטן; נאָר איך בין געבאָרן געוואָרן אין דער פינצטערער רוסלאַנד, און זי אין דער ליכטיקער אַמעריקע. קוק איך אויפן לעבן אַנדערש, און זי אַנדערש.

— ביי אייך אין רוסלאַנד האָט איר ניט פאַרשטאַנען ווי ליב צו ד'האָבן. און דאָ אין לאַנד פאַרשטייט איר עס אויך ניט. פאַרוואָס האָט זכריה ניט אָפּגע־ענטפערט אויף דער ליבע וואָס ליזאַבעט האָט אים אַרויסגעוויזן? זי איז גרייט געווען אָפּצוגעבן איר לעבן פאַר אים. מאַכט ניט אויס, וואָס זי איז ניט יידיש. אַ דאָקטאָר מעג חתונה האָבן מיט וועמען ער וויל. יידיש, צי ניט־יידיש, אַלץ איינס. ס'איז דערפאַר, וואָס ביי די לוריאַס ווייסט מען ניט ווי ליב צו האָבן.

עמאַ איז געווען צופרידן וואָס דער נאָמען ליזאַבעט איז איצטער אַזוי אָפן און קלאָר אַרויסגעבראַכט געוואָרן. ס׳ערשטע מאָל וואָס זי הערט דעם נאָמען אין פאַרבינדונג מיט דאָקטאָר לוריאַן, און מיט אַ ניט־געלונגענער ליבע.

עמאַ האָט אַרומגענומען רעבעקאַן און זי געקושט אויף ביידע באַקן. רע־בעקאַס באַקן זיינען געווען הייס און טרוקן. ס׳האָט אויסגעוויזן, ווי אירע רויטע האָר האָבן זיך אין פלאַמען איבערגעגאָסן.

— איך בין ניט ווערט מ׳זאָל מיך קושן. איך בין בייז און שלעכט צו זיי אַלעמען. איך האָב ליב ווי צו טאָן אפילו אַזאַ נאַריש האַרץ ווי אירס, — האָט רעבעקאַ אַריבערגעקוקט צו איר שטיפשוועסטער.

— אַ מענטש, וואָס רעדט אַליין אויף זיך שלעכטס, געפעלט מיר, — האָט עמאַ זיך אַנגענומען מיט מוט. — אָבער איר זייט ניט גערעכט ווען איר זאָגט, אַז אין רוסלאַנד פאַרשטייט מען ניט ווי צו פירן אַ ליבע. איך האָב דאָרטן ליב געהאַט. הלואי וואָלט איך דאָ עס געקענט טאָן.

— דאָ איז די פרוי פרייער ווי דאָרטן, — האָט רעבעקאַ זיך געעקשנט.

— ליבע און פרייהייט, ס׳האָט איינס מיטן אַנדערן גאָרניט צו טאָן.

— פאַרוואָס? — האָט רעבעקאַ אַנגעשטעלט אויף עמאַן פאַרוואונדערטע אויגן.

— ליבע איז אייביק געווען און וועט אייביק זיין נאָר דאָרטן וואו מענטשן גיבן זיך פאַר דער ליבע אינגאַנצן אַוועק, און טראַכטן ניט פון פרייהייט. יעס, מיס לוריאַ, — האָט עמאַ גערעדט מיט נצחון, — ליב האָבן קען גאָר דער וואָס גייט דער ליבע אַנטקעגן מיט פאַרמאַכטע אויגן, און איז גרייט צו יעדער צייט פאַר איר דאָס גאַנצע לעבן אַוועקגעבן.

ביי קעראָלאַין האָבן זיך די באַקן אַנגעצונדן. ס׳איז איר אויסגעקומען, ווי צום ערשטן מאָל האָט זי געהערט ווי עמאַ רעדט. „זכריה ווייס ניט ווער זי איז”, — האָט זי אַ טראַכט געטאָן, און געוואָלט נאָך עפּעס הערן פון דער נאָענטער, און פאַרט אַזוי פרעמדער עמאַן. זי איז געווען צופרידן וואָס רעבעקאַ איז דערביי געווען.

עמאַ, ווי זי וואָלט געשפירט קעראָלאַינס מחשבות, האָט ווייטער גערעדט:

— איך האָב שוין איין לעבן אָפּגעלעבט. אַ פול לעבן האָב איך אָפּגע־לעבט. ס׳האָט שוין געקענט זיין רעכט איך זאָל דאָרטן שטאַרבן. האָב איך זיך געלאָזט איבעררעדן פון מיינע און געפאָרן קיין אַמעריקע. איך האָב גע־וואָלט צופרידנשטעלן מיינע עלטערן; איך האָב געוואָלט אַז זיי, געזונטע, יונגע מענטשן, זאָלן דאָ אָנהייבן נאָך אַ מאָל. איך באַדויער ניט וואָס זיי זיינען אַהער געקומען. זיי אַרבעטן און לעבן. אָבער איך, ווען ניט אַ דאָקטאָר לוריאַ, וואָס די מאַמע האָט געבראַכט צו מיין קראַנקן־בעט, אפשר וואָלט איך שוין פון לאַנג געשטאָרבן. און אפשר גאָר וואָלט איך איצט געווען אין רוס־לאַנד, געשטאַנען אין די רייען פון די רעוואָלוציאָנערן וואָס זיי גיבן אָפּ דאָס גאַנצע לעבן צו באַפרייען רוסלאַנד פון פינצטערן צאַריזם. דאָרט האָב איך געדאַרפט אָנהייבן מיין לעבן אויפסניי. אפשר וואָלט איך איצטער געזעסן פאַרשפּאַרט אין טורמע, אָדער אפשר גאָר אויף קאַטאָרגע אין סיביר. אַזוי האָב איך געדאַרפט אָנהייבן אַ ניי לעבן, נאָך דעם ווי מיין ערשט לעבן איז אין פּאָגראָם אויסגעלאָשן געוואָרן. אפשר וועל איך נאָך אַמאָל קענען און ווערט זיין אָפּצוצאָלן דאָקטאָר לוריאַן פאַר אַלץ וואָס ער האָט געטאָן פאַר מיר.

עמאַ איז אויפגעשטאַנען פון איר פּלאַץ, איבערגעגאַנגען צום פענצטער, געבליבן שטיין מיטן פּנים צו דער פאַרגייענדיקער זון.

רעבעקאַ און קעראַלאַין האָבן זיך אָנגעקוקט, ביידע זיינען געווען צע־טומלט. פאַר ביידן איז איצטער געשטאַנען אַן אַנדער עמאַ. אַזאַ איינע האָבן זיי ניט געקענט.

קעראַלאַין האָט זיך געשטאַרקט, אַראָפּ פון בעט, און געגעבן אַ ווינק צו רעבעקאַן, אַז זי וויל מיט איר רעדן.

אויף דער אַנדערער זייט טיר האָט רעבעקאַ מיט אַ געוויסער גאוה אָנגע־קוקט איר שוועסטער און האָט געוואַרט וואָס זי וועט איר זאָגן.

— וואָס קוקסטו מיך אַזוי אָן? — האָט קעראַלאַין ניט געוואַרט אויף רעבעקאַס רייד. — כ׳וויל דיר זאָגן, אַז דו באַגייסט אַ גרויסע זינד ווי דו פירסט זיך אויף. איך וויל זען נאָך היינט זכריהן און מיט אים רעדן. וועל אים זאָגן, אַז ס׳איז ניט רעכט אַזוי צו באַהאַנדלען אַ מענטשן. כ׳וועל אים זאָגן, אַז ער איז זי ניט ווערט.

— כאַ־כאַ־כאַ, זי איז געקומען, טאָמער וועט זי זכריהן דאָ באַגעגענען.

— איז וואָס? טאָר זי אים ניט זוכן, אויב זי האָט אים ליב?

— אוודאי ניט. אַ מיידל דאַרף זיך האַלטן בראוו. אויב ער האָט זי ניט ליב, דאַרף זי אים ניט נאָכלויפן. הלוואי פאָרט זי צוריק אין רוסלאַנד.

— הלוואי וואָלט איך געקענט נעמען און אַ זאָג טאָן דאָס, וואָס זי האָט נאַרוואָס געזאָגט.

— פאַרלאָז זיך אויף זכריהן. ער איז אַ דאָקטאָר, ער דערקענט אַ מענטשן אויב ער איז קראַנק.

עמאַ האָט זיך ווידער באַוויזן, גרייט אַוועקצוגיין. זי האָט פריינטלעך געשמייכלט, און פאַריכט דעם הוט אויפן קאָפּ.

— צוליב מיר זייט איר אַראָפּ פון בעט; גוט האָט איר, קעראַלאַין, גע־טאָן. אַ בעט איז אַמאָל אַ געפערלעכער פריינט, כאַ־כאַ־כאַ... דערפאַר דאַנק איך דאָקטאָר לוריאַן אַזוי שטאַרק. ער האָט געטאָן אַלץ אין דער וועלט אַבי מיך צעשיידן מיט דעם קראַנקן געלעגער. איך דערמאָן מיר ווי ער האָט מיך געפירט צו אייער ברודער אויפן פאַרם, ווי ער האָט מיך אומגעפירט איבער ניו־יאָרקער גאַסן; און יעדעס מאָל ווען איך בין געקומען אַהיים, געפונען דאָס בעט אַ פאַרבעטס, בין איך געווען אַזוי גליקלעך! ווען כ׳האָב אָנגעהויבן צו קוקן אויף דעם בעט ווי אויף אַ שונא, איז דאָקטאָר לוריאַ געווען צופרידן.

נאָך עמאַס אַוועקגיין האָט זיך רעבעקאַ צעלאַכט אויפן הויכן קול. זי האָט פון אויבן־אַראָפּ באַטראַכט איר שוועסטער וואָס האָט זיך אין איילעניש אָנגעהויבן אָנצוטאָן.

— וואָס מיט אַמאָל אַזוי ערנסט, קעראַלאַין? — האָט רעבעקאַ צעטומלט געפרעגט. — ווי איך זע, קלערסטו אויך, אַז קיין בעסער מיידל איז זכריה ניט ווערט.

רעבעקאַס געלעכטער האָט אויף קעראַלאַין געמאַכט אַ פיינלעכן איינ־דרוק. זי האָט אויף־שנעל געפרואווט צונויפבינדן אין געדאַנק דאָקטאָר לוריאַן מיט עמאַ בערגער, און זיי ביידן — מיט דער שטיפשוועסטער, וואָס האָט זיך די לעצטע צייט פלוצלונג באַוויזן. זי האָט באַגריפן, אַז דאָ שטעקט עפּעס אַ מין איינפערזוכט, אָבער זי ד׳האָט ניט געקענט צונויפבינדן די סיבות

וואָס באַוועגן רעבעקאַן צו זיין איפּעראיזיכטיק.

— איך וואָלט פאַרשטאַנען ווען דו ביסט אַ ווילד־פרעמדע און האָסט אויך אַן אויג אויף זכריהן. אָבער איצטער, אַזוי זיך אָננעמען מיט שלעכטסקייט, גיין קאַליע מאַכן זייער פריינטשאַפט...

— איך בין ניט פאַרליבט אין זכריהן. ער איז אַ גרויסער נאַר, און איך וויל אים פאַרהיטן, ער זאָל ניט אַריינפאַלן אין אַן אומגליק. אָט צוליב וואָס כ׳האָב זיך צווישן זיי אַנידערגעשטעלט.

רעבעקאַס פּנים האָט זיך אָנגעצונדן:

— פאַרוואָס בין איך פון דיר געלאָפן? — האָט זי געמוסרט איר שוועס־טער. — אפשר דערפאַר וואָס איך בין געווען פאַרליבט אין לעאָנאַרדן? האָסט אפשר טאַקע געמעגט מיינען, אַז איך בין אין אים געווען פאַרליבט; מיר איז מיאוס געוואָרן צו זען ווי דו, אַ יונגער מענטש, האָסט זיך פאַרנומען צו פוילן אַ גאַנץ לעבן. איר זייט ווי ווילדע אינדיאַנער, אויב אַזוי פאַרשטייט איר דאָס לעבן. און איצטער, דער אַנדערער נאַר, וואָס האָט זיך אַרויסגעריסן מיט אייגענע כוחות, געוואָרן אַ דערפאָלגרייכער דאָקטאָר, נעמט ער גאָר און פאַרליבט זיך אין אַ משוגענער. אין אַ משוגעים־הויז האָט ער זי געדאַרפט אָפּשיקן, און ניט נעמען און זיך פאַרליבן אין איר. אַזוי לאַנג ווי ער איז מיין שטיקל ברודער, האָב איך געפונען פאַר נויטיק צו קומען און אים זאָגן.

— איך גלויב ניט וואָס דו זאָגסט, — האָט קעראָלאַין רואיק אָנגעקוקט רעבעקאַן. — יעס, רעבעקאַ, איך גלויב דיר ניט.

— וואָס מיינסטו? — איז רעבעקאַ צעטומלט געוואָרן.

— איך מיין וואָס איך זאָג. איך גלויב ניט דיינע רייד.

— פאַרוואָס?

— ביסט אויך ניט מיין פריינט, כאָטש איך בין דיר אַ שוועסטער. איך געטרוי דיר ניט. עפּעס ביסטו אויסן. אפילו מיט דיין אָוועקגיין פון אונדז ביסטו עפּעס אויסן געווען. יעס, רעבעקאַ, מעגסט אפילו וויינען, זאָג איך דיר, אַז אויב אימעצער האָט געטאָן נאַרישקייטן, בייזקייטן, פאַלש געוואָרן צו זיך און צו יענעם — ביסטו עס, רעבעקאַ. האָסט זיך אָנגענומען מיט שלעכטס. דו האָסט געוואָלט מיך צעשיידן מיט לעאָנאַרדן, און איצטער האָסטו צעשטערט זכריהס גליק. פאַרוואָס טוסטו עס? האָט דיין מאַמעס משפחה פאַרסמט דיין האַרץ? איך בין זיי גאָרניט שולדיק. דו ביסט זיי אויך גאָרניט שולדיק. דיין גאַנצער גיין צו די בערגערס איז געווען עפּעס אונטערצוהערן און אויס־צופאָרשן.

רעבעקאַ האָט אויסגעהערט קעראָלאַינס רייד; זי האָט זיך געחידושט אַזוינס צו הערן פון דער גוטהאַרציקער קעראָלאַין. זי האָט טרוקן אַ זאָג געטאָן:

— קענסט מיר ניט שטערן צו האַנדלען ווי איך פיל. ניט צוליב שלעכטס־קייט בין איך פון דאַנען אַוועק. און ניט צוליב פאַלשקייט בין איך ווידער געקומען.

ניט קוקנדיק מער אין קעראָלאַינס זייט, האָט זי פאַרלאָזן די שטוב.

קעראָלאַין, אַ פאַרגליווערטע, האָט איר נאָכגעקוקט. מיט אירע לעצטע ווערטער האָט רעבעקאַ ביי איר שטיפשוועסטער דעם חשד ניט צוגענומען.

קאַפּיטל נײַנצן

צילע בערגער איז געזעסן געבויגן בײַ איר ניי־מאַשין אויפן אַכטן שטאָק אין „טראַיענגל" בלוזן־שאָפּ, צוגויפגעשטעפּט די לעצטע פּאָר אַרבל, און געטראַכט פון איר עלטערער שוועסטער עמאַ, וואָס האָט זי אין דער פרי בײַם פאַרלאָזן די שטוב געבעטן — רעדן מיטן פאָרמאַן, אפשר וועט מען פאַר איר געפינען פּלאַץ אין שאָפּ.

זי האָט געקלערט ענדיקן די אַרבעט און פרואוון באַגעגענען דעם פאָרמאַן, אפשר — — — וועגן אַ שאַרף פאַרשפּיצטע מיידלשע שטים האָט דורכגע־שניטן וועגט און דיל פון די שטאָקן און פאַראַליזירט אויף אַ רגע הענט און פיס מיט די ניי־מאַשינען פאַרבונדענע:

— פּיי — ערר! — — —

ס'האָט אויסגעוויזן ווי דער גאַנצער בנין, פון פונדאַמענט ביז צום דאַך, האָט ספּאַזמאַטיש אָנגעהויבן אונטערטאַנצן און זיך קאָרטשען, בשעת די שניידנדיקע פּחד־אויסגעשרייען — רויט און ברענענדיק ווי די פייער־צונגען וואָס האָבן זיך באַוויזן דורך די פענצטער אינאיינעם מיטן געלבלעך־גרויען רויך — האָבן די לופט געשניטן.

— פּיי — ערר!

ס'האָט אויסגעוויזן, ווי די אויסגעשרייען: „פּיי — ערר", „פּיי — ערר", וואָס האָבן זיך פאַרצענפאַכט און פאַרהונדערטפאַכט, האָבן אַ שטורעם באַשאַפן, וואָס האָט די פלאַמען אויף די אונטערשטע שטאָקן געריסן און געטריבן אין אַ געווירבל; די פלאַמען, וואָס האָבן זיך תחילת אין געל־גרויען רויך גע־קנוילט, האָבן ווי אָדלער־פליגל זיך פאַרשפּרייט און געצונדן קלייד און מענטש, רויט געלעקט דעם אָפּפאַל אויף די דילן, פּאַפּירענע שאַכטלעך, פאַרטיקע קליידער און אָנגעאײַלטע ניי־מאַשינען, זיך דערקליבן צו טיר און פענצטער. אָפּגעריסענע, קריכנדיקע פלעמלעך אויפן דיל האָבן זיך צו שטול און טיש דערקליבן, אַרויפגעשלייכט און אָנגעכאַפּט בײַם ראַנד פון קלייד — ביז קלייד פון שטאָף איז געוואָרן אין אַ קלייד פון פייער פאַרוואַנדלט.

פּחד־אויסגעשרייען אין אָנגעזיכט פון טויט האָבן זיך געריסן פון האַלדז און אויגן; אונטערגעצונדענע לעבנס האָט טויט־שרעק פון טיר צו טיר און פון ווינקל צו ווינקל געטריבן. ס'פייער האָט טירן פאַרקלאַפּט. אונטערגע־צונדענע לעבנס האָבן זיך געטראָגן פון טיר צו טיר, פון ווינקל צו ווינקל, פאַנאַנדערגעבלאָזן די פלאַמען אויף זיך און אַרום זיך — ביז דאָס לעבן, אַן איינגעוויקלטסט אין בהלהדיקע פלאַמען, האָט די פענצטער אויפגעריסן און פון די הויכע פענצטער זיך געשליידערט צום דרויסן.

צילע בערגער, שוין אַרומגעכאַפּט פון די פלאַמען, האָט נאָך געהערט ווי די מענטשן־כוואַליע האָט זיך פון די אַרומיקע גאַסן דערגענטערט, און פּחד־

געשרייען אַרויפגעשיקט צו די פלאַמען אויף די אויבערשטע שטאָקן. איר האָט אויסגעוויזן, אַז זי הערט איר מאַמעס שטים, וואָס באַפוילט איר אַרויס־צושפּרינגען פון פענצטער; איר האָט זיך אויך אויסגעוויזן, אַז זי הערט עמאָס שטים, וואָס שרייט: „צילע, שפּרינג אַראָפּ, כ'וועל דיך אויף מיינע הענט אונטערכאַפּן...״ ס'קומט איר נאָך אַנקעגן אַן אַלטיטשקע, קומט פון רויך אַרויס, לייגט אַ פינגער אויף די ליפּן און מוסרט: „ס'איז היינט שבת, טאָכטערשי... ס'איז אַלץ דערפאַר, וואָס איר זייט געקומען קיין אַמעריקע מחלל שבת זיין... איצטער, אַז דו ביסט שוין אין פלאַמען, אַז דו בראָטסט זיך שוין לעבעדיקערהייט — שפּרינג פון פענצטער אַרויס...״

ס'איז ניט די שטים פון איר מאַמען, ניט די שטים פון איר שוועסטער, וואָס האָט זי פאַר די ברענענדיקע ד'האַר געבראַכט צו שלעפּן צום אָפענעם פענצטער — דאָס האָבן די אַרומיקע גסיסה־קרעכצן און ווײַ־געשרייען פון קינדער, מיידלעך און מאַמעס, אויסגעמאַטערטע, ברענעדיקע גופים — זיי האָבן זי צום אָפענעם פענצטער געטריבן. מיט אויסגעשפּרייטע, אָנגעצונדענע הענט איז זי צו דער אויפגעשטורעמטער מענטשנמאַסע אַראָפּגעשפּרונגען. אַ שניידנדיקער געוויין וואָס האָט זיך פון הונדערטער העלדזער געריסן האָט זי צווישן הימל און ערד אונטערגעכאַפּט. איר צעשמעטערטער גוף איז אויף יאָמער־כוואַליעס אַוועקגעטראָגן געוואָרן.

ווען דאָס אומגליק האָט זיך געשאַרט נידעריק ביי דער ערד — אָנצוזאָגן די אין די אָרימע קוואַרטאַלן וועגן דער מיתה־משונה, וואָס זייערע קינדער־שפּייזער און מיידלעך־דערנערער האָבן איינגענומען — האָט גאָלדע בערגער, די מאַמע, אַ פאַרווירטע זיך געלאָזן לויפן, און הינטער איר, מיט האַלדז פאַרויס, די אויגן גרייט אַרויסצושפּרינגען פון קאָפּ, האָט נאָכגעאיילט עמאַ. ביידע שטומע, ווי ס'לשון האָט זיי אָפּגענומען, האָבן זיי פון סאָפּאָלק סטריט זיך געטראָגן אויף די הענט פון שרעק צו וואַשינגטאָן פּלייס, וואו די „טראַי־ענגל״ געביידע האָט זיך געוויגט אין געיאָמער און ביטערע קללות פון עלטערן און קרובים, וואָס זיינען אָנגעקומען פון פּחד געטריבן.

ס'האָרץ האָט זיי געזאָגט, אַז ניט אין דעם גרוי־געלן רויך און אונטערגע־לאָשענע פלאַמען, וואָס האָבן זיך געקנוילט פון די אַרויפגעריסענע פענצטער־לעכער אין די דריי אויבערשטע שטאָקן, זאָלן זיי זייער שפּייזערן אויסקוקן. אויסגעפּרואווטע פון אַלטן אומגליק, האָבן זיי זיך געוואָרפן צו די אָנגעשלייי־דערטע, פאַרברענטע און צעגלידערטע יונגע ל־עבנס, וואָס זיינען אָן אַ זייט שוין געלעגן אין זייער רו. דאָרטן האָט גאָלדע איר צילען דערקענט. ביידע, מאַמע און טאָכטער, האָבן זיך אַ וואָרף געטאָן מיט געוויין אויפצוּוועקן דאָס איינגעבלוטיקטע, צעברענטע און צעבראָכענע מענטשלעכע הויט־און־ביין — פון וואַנען ס'האָט זיך געטראָגן אַ ריח פון געבראָטן פלייש.

די מאַמע גאָלדע האָט זיך די האָר געריסן, האָט די באַקן ביז בלוט צע־קנייפּט, און ביז הייזעריק געוועקט איר טויטע טאָכטער. עמאַ, מיט פאַר־בראָכענע הענט, איז נעבן דער טויטער שוועסטער געבליבן זיצן, זיך צוגעהערט צום אַרומיקן געיאָמער און מיטן געדאַנק איז זי פאַרפלויגן אין פאַגראָמען־לאַנד, וואו פּונקט אַזוי איז אַמאָל געלעגן אין אַ טייך בלוט דער צעשטאָכענער גוף פון איר חתן. „דאָרטן אַ פאָגראָם, און דאָ אַ פאָגראָם. דאָרטן — מענטש־

לעכע ברוטאַליטעט; און דאָ — עקספּלואַטאַציע, וואָס האָט זיך פאַרלייגט אויף די הונגעריקע און נויטבאַדערפטיקע".

זי האָט געזען ווי דאָקטאָר לוריא איז אָנגעקומען; אַ בלאַסער האָט ער זיך דערשפּאַרט דורך דער מענטשנמאַסע, צוגעקומען, זיך אַראָפּגעבויגן צום טויטן קערפּער פון איר שוועסטער. זי האָט אים שטום אָנגעקוקט, און ניט געקענט באַנעמען פון וואַנען און צוליב וואָס ער איז צום פּלאַץ פון גרויסן אומגליק, אויך איר אומגליק — איצטער געקומען.

הונדערט עטלעכע און פערציק, צום גרעסטן טייל יונגע קינדער און מיידלעך, זיינען יענעם שבת פאַרנאַכט אין „טראַיענגל"־שאָפּ אויף טויט פאַר־ברענט געוואָרן. אַ סך צענדליקער לעבנס זיינען אויף לעבן־לאַנג פאַרקריפּלט געוואָרן. די אָרימע יידישע גאַס האָט אין דעם דערקענט ס'יידישע אומגליק, פאַר וועלכן קיין אויסבאַהאַלט איז אפילו אין נייעם לאַנד ניטאָ.

אַזוי האָבן טאַטע־מאַמע אין דער בערגער־פאַמיליע געפילט און גע־טראַכט. מ'וואָלט אין גערדאַנק אפשר געמאַכט פּלענער צו לויפן צוריק אין פאַגראָמען־לאַנד, ווען ניט דער צעברענטער און צעבראָכענער גוף פון דער יינגסטער טאָכטער, וואָס איז אינאיינעם מיט אַנדערע קרבנות באַערדיקט גע־וואָרן אין נייעם לאַנד.

— האָב איך זיך געקענט ריכטן, אַז אַזוי פרי וועל איך אַ שטיק פון מיין לעבן דאַרפן באַגראָבן אין אַ לאַנד וואו כ'האָב נאָך די ליכטיקע זון ניט אָנגעזע־זען? — האָט גאָלדע געטרויערט.

מ'איז געזעסן שבעה אינאיינעם. דער עלטערער זון, חיים, וואָס האָט גע־לעבט באַזונדער אין האַרלעם ערגעץ, איז געקומען אויף סאָפּאָלק סטירט. אפילו דער יינגסטער זון, וועלוול, וואָס האָט תחילת געטראַכט, אַז אַנשטאָט שבעה זיצן איז גלייכער העלפן צונויפרופן אַ גרויסן פּראָטעסט־מיטינג קעגן די באָסעס וואָס פאַרנאַרן אין פייער־פאַסטקעס זייערע קרבנות, און קעגן דער רעגירונג וואָס דערלאָזט אַזאַ פינצטערע עקספּלואַטאַציע, גיט ניט אַכטונג, שעפּער זאָלן זיין באַזאָרגט מיט גענוג טירן און רעטונגס־טרעפּ, — ער איז פאַרט באַצוואונגען געוואָרן פון שטופּיקן טרויער, אויף גאַנצע זיבן טעג זיך אַראָפּלאָזן אויפן דיל, אונטערן לאַסט פון משפחה־אומגליק.

די ערשטע, וואָס האָט די אויגן ווי אויפגעעפנט צו דער דרויסנדיקער וועלט, אָפּטער אויפגעשטאַנען פון דיל, געגאַנגען צום פענצטער און אויס־געקוקט ס'ביסל ליכט, איז געווען עמאַ בערגער. די מוטער, וואָס האָט פון זיך די האָר געריסן בשעתן אומגליק, האָט שפּעטער ביים שבעה זיצן צוליב עמאַן באַהאַלטן אין זיך דעם שטומען ווייטיק, זיך אויסגעהיט מיט די טרערן, עמאַ זאָל גאָר אינגאַנצן ניט צעבראָכן ווערן. זי האָט זיך שפּעטער דערשראָקן, ווען זי האָט דוקא אין עמאַס פּנים באַמערקט אַ מונטערע אויסגעלייטערטקייט. דוקא איר איז שווער געוואָרן זיצן אַ ניט־אָנגעשוכטע אויפן דיל. זי האָט אַריבערגעקוקט צום יינגערן ברודער, געוואָלט ער זאָל מיט איר אָנהייבן רעדן, ווי זיין שטייגער, פון קלאַסנקאַמף, און פון דער פינצטערניש וואָס הערשט אין דער יידישער נאָדל־אינדוסטריע.

ווען זי האָט זיך ניט געקענט דערוואַרטן, דער ייִנגערער ברודער זאָל דעם אָנהויב מאַכן, צעטרייבן דעם שווערן טרויער וואָס האָט זיך אָנגעלייגט און דריקט צום דיל — האָט זי אויפֿן דריטן טאָג שבעה זיצן אַליין עס געטאָן:

— איך באַדויער, וועלוול, — האָט עמאַ אָנגעהויבן רעדן, אַלע זאָלן הערן, — איך האָב אַזויפֿיל יאָרן אָנגעוואָרן. געדאַרפֿט אינאיינעם מיט דיר זיך אַריינוואַרפֿן אין דער אַרבעטער־באַוועגונג, הייבן דעם באַוואוסטזיין ביי מיינע אייגענע שוועסטער, זיי זאָלן זיך ניט לאָזן פֿאַרבערענען לעבעדיקערהייט.

זי האָט געוואַרט, דער ברודער זאָל זיך אויף דעם תיכף אָפּרופֿן, אָבער דווקא אים איז שווער געווען אין אָנגעזיכט פֿון טאַטע־מאַמעס טרויער און דערשלאָגנקייט אויפֿנעמען דעם שמועס וועגן דער ייִדישער אַרבעטער־לאַגע, ווי ער וואָלט עס חשק געהאַט צו טאָן.

ביי יעדן איינעם אויף זיין אופֿן האָבן אירע רייד אַרויסגערופֿן פֿאַרוואונדערונג.

— הלואי וואָלט זי עס טאַקע געטאָן, — האָט די מוטער געטראַכט. — כאָטש שווער און ביטער איז צו זיצן געבויגן אין שאַפּ; אָבער אַלץ בעסער ווי אַרומצוגיין מיט פֿינצטערע מחשבות.

גאָלדע האָט אַריבערגעקוקט צו איר מאַן און צו איר עלטערן זון, געפֿאָרשט אין זייערע אויגן, וואָס זיי טראַכטן וועגן עמאַס ווערטער.

— פֿאַרוואָס זאָגסטו גאָרניט, וועלוול? — האָט עמאַ, מיט אַ נאָך קלערערער שטים, ווידער אָנגעהויבן. — גלויבסט ניט, איך זאָל פֿון דעם טראַכטן? אוודאי טאָר אַ מענטש דאָ ניט פֿאַרלירן מוט ווי איך האָב עס געטאָן. אַרבעט איז אַ שאַנד, ווען מ׳לאָזט זיך ביי דער אַרבעט דערנידעריקן; ווען פֿאַר די עטלעכע דאָלער גיט מען אַוועק לייב־און־לעבן. אָבער אַרבעט און קאַמף, טראַכט איך, מוז זיין ליב. ווי אַ שטילע שאַפּ איז צילע געזעסן צוגעבונדן צו דער מאַשין, קיינמאָל זיך ניט באַקלאָגט, קיינמאָל ניט פּראָטעסטירט. מיר וואָלט ניט געאַרט, איך זאָל קריגן אַרבעט ביי די אייגענע „טראַיענגל״־לייט, אויב זיי וועלן עפּענען נאָך אַ מאָל אַ שאַפּ, און דאָרטן זאָל איך קענען אָנפֿירן קעגן זיי אַ קאַמף.

אויף דעם האָט זיך וועלוול געקליבן ענטפֿערן, אָבער די מוטער האָט אָנגעהויבן וויינען, פֿריער שטילער, שלוכצנדיק, און שפּעטער זיך צעוויינט — אַזש איבער אַלעמענס קעפּ האָט זיך איר געוויין אויסגעשפּרייט, געטראָפֿנט טרויער שווער, ווי שווער עס לייגט זיך אַ קאַלטער טוי אויף דערוואַקסענע און געבויגענע גראָזן.

איז דעריבער ביי אַלעמען אויסגעקומען, ווי פֿריער וואָלט עמאַ בערגער פֿון שלאָף גערעדט, געמאַכט פּלענער וואָס זי וועט טאָן ווען מ׳וועט אויפֿשטיין פֿון שבעה.

— כאָטש דאָרטן האָט מען ייִדן אַמאָל געשלאָגן, און מ׳שרייבט אין די בלעטער, אַז מ׳שלאָגט זיי נאָך איצטער אויך, פֿונדעסטוועגן דוכט מיר, אַז דאָרטן איז אַ מענטש פֿאַרט אַ מענטש. און דאָ, צוליב דער ביטערער פּרנסה, פֿאַרגעסט אַ מענטש וואָס ער איז אויף דער וועלט.

דאָס האָט גאָלדע, ווי חרטה געהאַט אויפֿן פֿריערדיקן געוויין, געפּרוּווט רעדן, און אַליין זיך איינגעהערט צו די רייד.

— וואָס האָב איך דאָ געהאַט פאַר דער צייט וואָס איך לעב דאָ? צי האָב איך די ליכטיקע וועלט אָנגעזען? צי האָבן מיינע קינדער די ליכטיקע וועלט אָנגעזען? אויף אַזאַ טויט זאָל מיין קינד זיך אויסריכטן! פאַרוואָס קומט עס מיר? פאַרוואָס קומט מיר אַזאַ ביטערע שטראָף? ווען איך ד'האָב כוח מיינע ביינער צונויפנעמען, וואָלט איך אַ שפּיי געטאָן אויף אַלץ מיט אַנאַנדער און געפאָרן צוריק.

עמאַ האָט זיך איינגעהערט צו דער מוטערס רייד. ביי איר האָט זיך שיעור ניט אַרויסגעכאַפּט — אַז הלוואי וואָלט זי אין „טראַיענגל"־שאַפּ גע־אַרבעט, און אָנשטאָט צילען, וואָלט זי מיט אַזאַ מיתה־משונה — — —

זי האָט זיך אָנגעשלאָגן אויפן פאָטערס בליקן, ווי ער וואָלט ביי איר גע־בעטן, זי זאָל די מוטער איינשטילן. דעם פאָטערס פּנים איז פאַר צער איינגע־שרומפּן געוואָרן.

— הער אויף, מאַמע, — האָט זיך וועלוול אָפּגערופן. — צוליב וואָס אַריבערקוקן צוריק, ווען דער וועג צוריק איז פאַרשטעלט?

— מענטשן וואָס זיינען שפּעטער פון אונדז געקומען, זיינען איצטער מיט לייטן צוגלייך. וואָס איז דאָ פאַר אַן אומגליק אויף מיין שטוב אַראָפּגעפאַלן? ניטאָ זיך וואו אויסצובאַהאַלטן פון אומגליק.

— הלוואי וואָלט עמאַ געטאָן דאָס וואָס זי האָט פריער געזאָגט, — האָט וועלוול איבערגעשלאָגן דער מוטער. — יעס, עמאַ, כ'האָב געהערט וואָס דו האָסט פריער געזאָגט. מאַכט ניט אויס וואָס דו ווערסט זיך דאַרפן איינשפּאַנען אין אַ שווערן וואָגן, אָבער ווערסט וויסן צוליב וואָס דו לעבסט דאָ אין לאַנד.

דער עלטערער זון חיים, וואָס האָט נאָך דעם גרעסטן טייל פון דער וואָך געפּעדלט אַרום ניו־יאָרק, און מער געגלויבט אין שיבת־ציון ווי אין אַמערי־קאַנער גליקן, איז אומגעדולדיק אויפגעשטאַנען, אָנגעהויבן אָנצוטאָן די שיך — ווי אַוועקצוגיין.

— מיר איז שווער צו הערן די פּלאַפּלעריי, — האָט ער אומגעדולדיק געערדט אויף וועלוולס זייט. — פון אומגליק איז נאָך קיינער ניט אַרויסגע־קומען קליגער. ס'האָט געטראָפן אַ גרויס אומגליק. די גאַנצע יידישע גאַס קלאָגט. אָבער ס'אומגליק האָט געטראָפן נאָר דעם וועמען ס'האָט געטראָפן.

— וואָס האָט עס צו טאָן מיט דעם וואָס עמאַ האָט פריער געזאָגט? — האָט דער יינגערער ברודער פון זיין פּלאַץ אַרויפגעקוקט צו חיימען.

— איר וועט דאָ די וועלט ניט איבערמאַכן. ס'איז דאָ קיין לעבן ניט. מענטשן האָבן זיך אין דער דאָזיקער שטאָט צונויפגעקליבן און מ'פּרעסט איינס ס'אַנדערע ווי ווילדע חיות. אין רוסלאַנד האָב איך געאַרבעט און איך האָב פאַרגונען דעם באָס. אין רוסלאַנד בין איך אַ שטיקל מענטש געווען אפילו בשעת כ'האָב געאַרבעט פאַר יענעם. און דאָ, כאָטש איך אַרבעט ניט אין שאַפּ, אָבער איך זע דאָך, מיט אייער גאַנצן קאַמף זייט איר מער ניט ווערט וויפל די צעבראָכענע און צעקאַליעטשעטע מיידלעך וואָס מ'האָט פון פייער אַרויסגעשלעפּט, אָדער וואָס האָבן זיך פון ניינטן שטאָק געוואָרפן און דער־הרגעט געוואָרן. גיי ניט אין שאַפּ, עמאַ, — האָט חיים אויפגעהויבן זיין שטים.

—טו וואָס דו טוסט, נאָר ניט אין שאַפּ.

— אומעטום אַרבעט מען דאָך, — האָט עמאַ זיך אָנגענומען מיט מוט.

— איך ווייס, אַז אומעטום אַרבעט מען. דער חילוק איז נאָר, וואָס אין פּאָגראָמען־לאַנד האָט דער ייִד געהאַט אַ היים, און דאָ, וואָס?

— מיך אַרט ניט ווען מ׳קען פֿאָרן צוריק, — האָט עמאַ ווי פֿאַר זיך גע־רעדט. — כ׳האָב איצטער געעפֿנט מיינע אויגן. אַרט מיך ניט וואו כ׳וועל זיין.

אויפֿן פֿינפֿטן טאָג, פֿאַרנאַכטצו, זיינען צו די בערגערס מיט שטילע טריט אַריינגעקומען: קעראַלאַין סטאַן און הינטער איר — דאָקטאָר לוריא. פֿאַר־זיכטיק זיינען זיי אַריינגעקומען, ווי ניט אַנרירן האָרט דעם דיל אויף וועלכן די אין טרויער זיינען געזעסן שבעה. אין איילעניש זיינען זיי מיט די בליקן דורכגעלאָפֿן די מענטשן וואָס האָבן אין טיפֿן שווייגן צו זיי אויפֿגעהויבן די אויגן.

קעראַלאַין, וואָס האָט צוגעזאָגט דעם ברודער אויפֿן וועג, אַז זי וועט זיך האַלטן שטאַרק, ווי נאָר די אויגן פֿון די שטובלייט האָבן זי דערגרייכט, פּונקט ווי זי וואָלט געקומען מ׳זאָל איר געבן אַ טרייסט, האָט זי דערשפּירט ווי די פֿיס ברעכן זיך איר אונטער. זי האָט אַרויפֿגעקוקט צו איר ברודער, געוואָרט, ער זאָל, אַנשטאָט איר, אַרויסקומען מיט אַ פּאָר טרייסט־ווערטער.

אָבער אויך דאָקטאָר לוריא, ווען ער האָט זיך מיט די בליקן אָנגעשלאָגן אָן עמאַס אויגן, איז אים פֿריער אַ היץ, דערנאָכדעם אַ קעלט דורכגעלאָפֿן דורכן רוקן. זיינען ביידע דעריבער אַ ווייל געבליבן שטיין ווי ס׳לשון האָט זיך ביי זיי אָפּגענומען. דאָקטאָר לוריא האָט באַמערקט אַ געלייטערטקייט אין עמאַס פּנים.

— באַשערט, מיר זאָלן זיך באַגעגענען אין אומגליק, — האָט גאָלדע די ערשטע זיך געשטאַרקט און אָנגעהויבן. — מסתּמא איז אַ מענטש שטאַרק גענוג דאָס אויך איבערצולעבן. אין ליידן זעט מען ערשט אַרויס ווער די פֿריינט זיינען. איך בעט אייך, שטייט ניט אַזוי. זאָג עפּעס צו די געסט, — האָט גאָלדע זיך געווענדט צו עמאַן.

— מ׳ווייסט קיינמאָל ניט וואו די באַהאַלטענע כּוחות געפֿינען זיך ביי אַ מענטשן. עמאַ איז גאָר שטענדיק געווען די שטאַרקסטע באַנ׳אייך.

עמאַ האָט גוטמוטיק אָנגעקוקט דאָקטאָר לוריאן און געשמייכלט.

— איך דאַנק אייך. ס׳איז אמת וואָס איר האָט געזאָגט. איך בין אויך איצטער שטאַרקער ווי איך בין געווען. נאָך מיט אַ פּאָר חדשים צוריק האָב איך געקלערט ווי גוט ס׳וואָלט געווען, ווען איך זאָל זיך קענען אומקערן צוריק קיין רוסלאַנד. כ׳האָב געהאַט מיינע פּלענער וואָס צו טאָן דאָרטן. פֿאַר אַמע־ריקע זיינען מיינע כּוחות געווען צו שוואַך. איצטער בלייב איך דאָ. דאָס איז מיין באַשלוס. איך גיי אַוועק אין שאַפּ אַרבעטן.

דאָקטאָר לוריא האָט ניט באַנומען וואוהין עמאַ צילט מיט אירע רייד. בכלל איז אים געווען שווער צו פֿאַרשטיין ווי קומט עמאַ אין אַזאַ צייט צו זיין אַזוי באַרעדעוודיק, ווען אַלע קענען קיין מויל ניט עפֿענען. ער האָט זיך דערמאָנט ווי זי האָט אים אויסגעזען ביים טויטן קערפּער פֿון איר שוועסטער, ווי זי איז געזעסן מיט פֿאַרבראָכענע הענט און אַפֿיר געקוקט צו די גרוי־געלע רויך־קנוילן וואָס האָבן געשפּאַרט פֿון די פֿענצטער־לעכער אין חרובן „טראַי־ענגל״־שאַפּ. ער איז איצטער פֿאַרזיכטיק געקומען אין באַגלייטונג פֿון זיין

שוועסטער, מחמת ער איז זיכער געווען, אַז עמאַ ליגט אַ פּאַרטראַגענע, ווי גאָר צום ערשטן מאָל, ווען איר מוטער האָט אים געבראַכט צו איר קראַנקן בעט אויף מאָט סטריט. דורך איר שטים האָט ער געשפּירט די פרעמדקייט צו אים. ווי דורך דעם אומגליק איז זי דערהויבן און אויסגעוואקסן געוואָרן, און פון אים זיך דערווייטערט.

ס'איז אָנגעשטאָנען אַ שווער שטילשווייגן. עמאַ, ווי זי וואָלט אַ ווייל פריער, כדי אַרויסצואווייזן זיך שטאַרק און מונטער, גאָר אירע כוחות פאַר־שווענדט. זי איז ווידער געבליבן זיצן מיט פאַרבראָכענע הענט, און די אויגן —ברייט אָפן, ווי זיי וואָלטן אין אַ לערער וועלט אַריינגעקוקט.

קאַפּיטל צוואַנציק

הילל לוריאַ, אַ באָרוועסער, די הויזן פֿאַרשאַרצט ביז צו די קני, די שווערע, מאַזאָליסטע הענט אויף די הענטלעך פֿון אַקער, די אויגן צו די צוויי ווייסע פֿערד וואָס האָבן זיך מיטן אַקער געריסן פֿאָרויס — האָט נאָכגעשפּאַנט אין דער טיף־אויפֿגעריסענער ברױנע, און דער געדאַנק איז געווען מיט זײַן שוועסטער קעראָלײַן, וואָס איז הינטער אים שטיל נאָכגעגאַנגען.

פֿאַר די גאַנצע זיבן יאָר זינט הילל איז אויפֿן פֿאַרם, איז קעראָלײַן צום ערשטן מאָל מיט אַ טאָג צוריק אַרויסגעקומען, און צוליב דעם איז מען כמעט אַ גאַנצע נאַכט געווען וואַך בײַ היללן. ס'איז איר אויסגעקומען אומבאַקוועם נאָכצושפּאַנען דעם אַקער, אַן אָנגעשוכטע שטאָטיש. אין דער ווייכער ברױנע איז זי קלענער געוואָרן. זי האָט געזוכט די בלוט־נאָענטקייט צווישן זיך און דער פּלייצע פֿון מאַן, וואָס אַ ביסל געבויגן אויף רעכטס, האָט ער געשפּאַנט פֿאָרויס און פֿאַנאַנדערגעאַקערט די ערד.

ס'איז געווען אַ העל־וואַרעמער און זוניקער פֿרילינג־פֿרימאָרגן. געזאַנג פֿון פֿייגל, דער אָטעם פֿון דרום־מזרח־ווינט און ריח פֿון פֿריש־אויפֿגעאַקערטער ערד — דאָס אַלץ האָט קעראָלײַנס מוח ווי פֿאַרשיכורט און געוועקט אין איר בלוט מיידלשן טרויער. פֿון דער היים אין ניו־יאָרק איז זי דאָס מאָל געלאָפֿן זיך אָפּגעבן חשבון פֿון איר אומגוצלעכן לעבן. ווען די רוסישע רעגירונג וואָלט דערלויבט אַרײַנצוקומען אין לאַנד, וואָלט זי געוויס געפֿאָרן קיין רוסלאַנד, דאָרטן זוכן איר פֿאַרלאָרענע יוגנט. קיין וויזע צו אַזעלכע וואָס זײַנען אין רוסלאַנד געבאָרן געוואָרן, כאָטש זיי זײַנען אַמעריקאַנער בירגער, האָט די רוסישע רעגירונג ניט אַרויסגעגעבן. האָט קעראָלײַן דעריבער אויסגעקליבן פֿאָרן צו היללן; אפֿשר דאָרטן וועט איר לעבן אָפּגעפֿרישט ווערן. כאָטש די בריוו פֿון היללן זײַנען די לעצטע צייט געווען ניט קיין פֿריילעכע.

די פֿערד האָבן דערצויגן דעם אַקער צו דער גרעניץ פֿון פֿעלד, און געבליבן שטיין. הילל האָט געוואָרפֿן די לייטשעס און אײַנגעלאַדן די שוועסטער, זי זאָל זיך אַ ביסל צוזעצן אויפֿן בערגל שטיינער בײַם ראַנד פֿעלד. ער האָט געזוכט פּאַסיקע ווערטער, צו דערהויבן דער שוועסטערס געמיט. אים האָט אויסגעוויזן — ווי זי האָט געוויינט נאָכגייענדיק הינטער אים אין דער אויפֿגעאַקערטער ברױנע.

— פֿאַרוואָס ביסטו אַהער ניט געקומען מיט מיר אינאיינעם יעמאָלט, ווען מיר האָט זיך אויסגעדוכט, אַז אָט אַזוי ווי אַלץ אַרום איז פֿריש און יונג, וועט עס שוין בלײַבן? געמיינט, שטענדיק וועט עס גרינען; איינמאָל אויפֿגעאַקערט און פֿאַרזייט, וועט ער שוין האַלטן אין וואַקסן יאָר נאָך יאָר, כאַ־כאַ־כאַ.

— איך זע, האָסט חרטה וואָס דו ביסט אַנטלאָפֿן פֿון ניו־יאָרק, — האָט קעראָלײַן טרויעריק געשמייכלט.

— זיי מיך, קריינדל, ניט חושד. דאָרטן האָב איך גאָרניט איבערגעלאָזן. ניט מער, איך טראַכט פון מיין ישראלן. אַז איבעראַיאָר וועט מען אים דאַרפן שיקן אין שטאָט אַריין זיך לערנען.

— האָסט ניט געוואוסט, אַז קינדער וועלן אונטערוואַקסן, וועסטו זיי דאַרפן שיקן אין שטאָט אַריין?

— איך האָב יעמאָלט פון עפּעס אַנדערש געטראַכט. געקלערט, די „גרינע" וועלן לויפן פון ניו־יאָרק ווי פון אַן אומגליק, וועלן קומען צו דער ערד און דאָ בויען אַ צוקונפט פאַר די קינדער אויך. צום סוף לאָזט זיך אויס... נאָר וואָס איז דאָ פאַראַן וואָס צו רעדן, אויב עשירות שטעלט דיך ניט צו־פרידן! יעס, קריינע, דיר האָט געמעגט זיין בעסער פון אַלעמען.

קעראָלאַין האָט אויף דעם ניט געענטפערט. זי האָט מיט היללן איצטער קיין חשק ניט געהאַט אויפצונעמען איר לעבן אין ניו־יאָרק. זי האָט געפילט, אַז צו קומען פון שטאָט, קומען פון אַ גביריש הויז צו איר ברודער זיך באַקלאָגן איז ניט גאָר קלוג. איר פאַרדריסט וואָס זי האָט עסביים אָנקומען געטאָן. זי האָט באַטראַכט איר שווערגעוואָרענעם ברודער, שווער ווי די ערד, און אָנגעכמורעט ווי דער טונקעלער שטח ערד וואָס ער האָט אויפגעריסן.

— פאַרשטיי, קריינע, — האָט הילל מיט אַ ריטל אַרויסגעשאַרט די צוגע־קלעפּטע ערד פון צווישן די פינגער פון די פיס. — יידן זיינען פאַרשאָלטן געוואָרן, אין ערגעץ איז פאַר זיי קיין מנוחה ניטאָ. אַ פאָלק, אָפּגעריסן פון דער ערד, און ס'קלעפּט זיך ניט צו דער ערד.

— די ציוניסטן קלייבן זיך אַמאָל אויף ביי מיר אין שטוב. וואָלסט הערן וואָס זיי רעדן! זיי וועלן ארץ־ישראל, זאָגן זיי, אַרויסקריגן ביים טערק. אפשר וואָלסטו זיך גאָר אַהין אַריבערציען?

— כ'האַלט ניט פון דעם. דאָס, וואָס איז ביי יענעם, איז ניט מיינס. אָטאָ דאָס איז מיינס. קיינער וועט עס ביי מיר ניט צונעמען. כ'הער, זיי האַלטן דאָרטן שומרים מיט ביקסן, מ'זאָל זייער ערד ניט אַוועקנעמען. אַך־און־וויי צום יידישן תכלית!

— ביסט דאָך קיינמאָל ניט געווען קיין צופרידענער.

— אָטאָ דאָס איז עס, קריינע, — האָט הילל מיטן בייטש־שטעקל אָנגע־וויזן אויף אַ בערגעלע פּריש פּערדיש מיסט, עטלעכע פוס קעגנאיבער. — אַז איך בין דאָ פריער געווען מיט די פערד האָבן זיי געמיסטיקט. און זע, וואָס פאַר אַ טשאַטע גאָלדענע פליגן ס'האָט זיך אָנגעיאָגט... ווי זיי זשומען, ווי זיי זיינען עס גליקלעך אויפן בערגעלע מיסט!

—אַנטקעגן וואָס זאָגסטו עס?

— איך זאָג עס אַנטקעגן די לוריאַס, אַנטקעגן די חלפנס, און אַלע, ווי מ'רופט זיי דאָרטן. געקומען קיין אַמעריקע זוכן ברויט, און געפונען בערגלעך מיסט. אויפן מיסט האָט מען געקראָגן גילדענע פליגל, און כ'בעט דיר איבער דיין כבוד — גילדענע הינטנס. יעס, קריינע, מיט אַ גילדענעם הינטן קומט מען אין אַמעריקע אויס בעסער ווי מיט אַ גילדענעם קאָפּ. וואָלסטו דיין מאַן ליב געהאַט — וואָלט איך עס ניט געזאָגט. אָבער איצטער מעג איך זאָגן וואָס איך טראַכט פון אַזעלכע לייט ווי דיין לעאָנאַרד. אַ גאָלדענע פליג איז ער געווען, וואָס האָט גלייך דערשמעקט וואו דאָס ביסל מענטשנמיסט האָט זיך אָפּגעזעצט. איצטער, אַז ער איז רייך, איצטער, אַז ער שיינט ווי די־אַ פליגן,

קומען זיך צונויף צו אים די אידעאַליסטן, רעדן הויכע רייד, מיט משלים, מיט וואַזשנער חכמה; און ער, מאָל איך מיר אויס, זיצט און שמייכלט ווי אַן אמתער פילאָזאָף. ער איז צו אַלץ מסכים. ער בויט די יידישע צוקונפט. דיין לעאָנאַרד איז שוין אפשר באַלד אַ מיליאָנער... פון דער־אַ אויפגע־אַקערטער ערד, וואו איך וועל זעצן קוקורוזע, הייבט זיך דער ריינער אמת אָן.

מיט אַ קינד ביי דער ברוסט, מיט שווערלעכע טריט, איז אָנגעקומען מינע, היללס ווייב. איר איז שווער געווען צו באַנעמען איר שוועגערינס געמיט. די גוטהאַרציקע קריינדל, וואָס זי האָט געקענט פון אירע מיידלשע יאָרן, איז אַ פאַרזאָרגטע. כאָטש ווען זי האָט גערדריקט קעראָלאַינס האַנט, האָט זי אין איר אָנגעטאַפּט די גבירטע, וואָס טוט גיט אַריין אַ האַנט אין קאַלטע וואַסער.

ביינאַכט, ווען הילל און קעראָלאַין האָבן געשמועסט, איז מינע אַ וויילע גע־זעסן און געשוויגן. אַ שווערער שלאָף איז איר באַפאַלן. די אויגן האָבן זיך ממש געקלעפּט. האָט זי זיך אַנטשולדיקט און אַוועק שלאָפן. איצטער קען זי גענוג זיך ניט אָנקוקן אין איר שוועגערן.

— איך קוק דיך אָן, קריינע, כי־כי... מיר איז גרינגער דיך אָנרופן קריינע. האָסט ניט געבראַכט קיין פריילעכקייט. מאָדנע מענטשן זייט איר. אַזוי דו, אַזוי זכריה. פאַר דריי־יאָרן איז ער געווען, איז אַוועק, און איבער־געלאָזן אַן אומעט. נאָ, האַלט אַ ביסל מיין מיזשיניקל, וועט דיר ווערן וואַרים אין האַרצן.

מינע האָט אָפּגעריסן דאָס קינד פון דער שווער־מילכיקער ברוסט, אַ קוש געטאָן עס אין זאַפּטיקן מויל, און דערלאַנגט דער שוועגערן.

קעראָלאַין, אַ צופרידענע, האָט דאָס קינד צוגענומען און, ווי מינע האָט איר צוגעזאָגט, איז איר טאַקע וואַרים געוואָרן אין האַרצן. טרערן זיינען אָנגע־קוואָלן אין די אויגן. איר האָט הנאה געטאָן, וואָס זי האָט די מעגלעכקייט פון נאָענטן אָנצוקוקן די פרוי, וואָס האָט איר היללן געהאָלפן „פאַרגרעבט צו ווערן" — ווי מ'האָט אין דער לוריא־משפחה וועגן איר און היללן געשמועסט.

— יעס, מינע, — האָט קעראָלאַין גערעדט, ניט צונעמענדיק די אויגן פון קינד.—כאָטש קיין גליק איז דאָרטן, וואו מיר זיינען, ניטאָ, פונדעסטוועגן איז אַ מאַמע גליקלעך ווען זי האָט נחת פון אירע קינדער. וואָס וועסטו זיין, שמעון, אַ פּראָפעסאָר, צי אַ פאַרמער? — האָט קעראָלאַין געפּאַרשט ביים קינד. — דער טאַטע וויל אַ פאַרמער; און די מאַמע — אַ פּראָפעסאָר. וואָס, ניט, הילל?

אַ וויילע איז מען שטיל געבליבן. קעראָלאַינס בליקן האָבן אַוועקגע־בלאָנדזשעט צו די גאָלדענע פליגן, וואָס האָבן געהודזשעט אַרום דער קופּע פערדיש מיסט. זי האָט פון היללן געהאַלטן פאַר זיין אַנדערשקייט, פאַר זיין פיינט האָבן די שטאָט און יידישן הו־האַ. זי האָט ניט געוואָלט, ער זאָל פאַרגרעבט ווערן. איצטער איז איר שווער צו באַשטימען ווער ס'איז געווען גערעכט — הילל, וואָס האָט געצויגן צו דער ערד; צי נתן, וואָס האָט גע־צויגן צום שאַפּ. ווען איר אייגן לעבן אין דער שטאָט ניו־יאָרק וואָלט געווען באַלוינט מיט פרידן, אפשר איצטער וואָלט דער באַרוועסער, פאַרכמורעטער ברודער און זיין צעשוואומענע מינע און זייער אָפּגעשטאָנען לעבן זי גאָר אינגאַנצן אָפּגעשטויסן פון דעם אַלעמען.

אָבער איצטער, זי הערט פּאַרזיכטיק היללס רייד, אפילו צו מינען וואָלט זי אויך וועלן נעענטער זיין, ביי איר אַרויספילן דעם אמת, וואָס זי זוכט אין לעבן. אָט שטייט מינע און קוועלט אָן, קוקנדיק ווי איר קינד, אַ פּולס, אַ זאַטס, האָט מיט די הענטעלעך אַרומגענומען קעראַלאַינס האַלדז. ס׳קינד, אַ רואיקס, אַ ליכטיקס, ווי דער רואיקער און ליכטיקער פרילינג־פרימאָרגן, האָט זיך צו איר צוגעקלעפּט, ווי ס׳וואָלט שפּירן די בלוט קרובהשאַפט. קעראַ־לאַין טראָגט זיך איבער מיט אירע געדאַנקען אין שטאָט, אין איר היים, צו איר מאַן און קינדער; קיינמאָל, קיינמאָל האָט פון איר אייגן קינד צו איר ניט אַרויסגעקוואָלן די נאַטירלעכע פרייד, ווי ביי דער פּשוטער מינען. און פונדעסטוועגן ווילט זיך איר ניט שטעלן אויף מינעס פּלאַץ און זאָגן: „אַזאַ לעבן בין איך מקנא״. זי איז מינען ניט מקנא, ווי בכלל איז קעראַלאַין קיינעם ניט מקנא.

איצטער איז זי ביים ברודער דעם פּאַרמער צוגאַסט. וואָלט זי ניט וועלן מ׳זאָל אָנהייבן לופטערן אירע שלימזלדיקע טעג און יאָרן.

הילל האָט עס ווי געפילט. ער האָט געוואָלט געפינען אַ פּאָדים צו אַזאַ שמועס וואָס זאָל די שוועסטער אויפמונטערן:

— ווייסט וואָס, קריינע, מינען האָב איך בשום אופן ניט געקענט איינ־רעדן זי זאָל זיך אויסלערנען אַקערן. ס׳איז אַזאַ פאַרגעניגן אַראָפּצוקוקן ווי דער אַקער רייסט פאַנאַנדער די ערד. נאַ, קריינע, קום, שטעל זיך נעבן מיר, כ׳וועל דיך לערנען. נעם אָן פאַר די הענטלעך, אָט אַזוי, דאַרפסט גאָרניט טאָן מער, נאָר האַלטן, און אַביסעלע זיך אָנשפּאַרן אויפן אַקער, מער ניט. כ׳זאָג דיר, ווען דו אַקערסט אויף אַזאַ שטיק ערד, וואָלסטו וויסן צוליב וואָס דו לעבסט אויף דער וועלט.

ביי קעראַלאַין האָט ס׳בלוט אַ רודער געטאָן. איר איז געפעלן געווען, וואָס דער ברודער פאַרלאַנגט עס פון איר, כאָטש די הענט האָבן זיך ניט גע־הויבן.

מינע האָט זיך דערפילט באַליידיקט:

— שטענדיק מסרט ער אָף מיר. אומטראָגן זיך מיט אַ קינד אָף דער האַנט און שלעפּן אַזאַ שטוב אָף די פּלייצעס איז פּלענטי. הלואי וועלסטו אויך פּטור פון דעם. מיר איז ליבער צו זען ווי טאַראַס טוט עס.

— יעס, אָטאָ דאָס איז עס, — איז היללס געמיט געפאַלן. — מינע קען זיך ניט דערוואַרטן אויפן זומער, צוליב די באָרדערס וואָס קומען פון שטאָט און פאַרמיסטיקן מיר די גאַנצע פאַרם.

— ווען ניט די באָרדערס וואָלט ניט געווען מיט וואָס דעם ווינטער איבער־ציען. דאָס פאַרגעסטו.

— כ׳ווייס, דער סוף וועט זיין, די באָרדערס וועלן ניט נאָר מיין פאַרם אויפפרעסן; זיי וועלן אויפפרעסן דעם אָנהייב וואָס יידן האָבן ביי דער ערד אָוועקגעלייגט.

מיט צוויי וואָכן שפּעטער איז לעאָנאַרד אַראָפּגעקומען צו היללן אויפן פאַרם. ער האָט געלאָזן „אויף הפקר זיינע ביזנעס און געפאָרן האָבן אָן ערנסטן שמועס מיט זיין קעראַלאַין, אַ מאַמע פון קינדער, וואָס האָט צוליב נאָנסענס ביי זיך געפועלט נעמען און אין איין העלן טאָג אָוועק פון שטוב״.

ער האָט די גאַנצע צוויי וואָכן, און אַ גאַנצן וועג צו היללן, איינגעחזרט וואָס ער וועט מיט זיין ווייב רעדן. ער וועט זיך ניט קריגן. רואיק און קיל, אויף אַ „ביזנעס אופן", וועט ער מיט איר רעדן, איר ברודער און זיין ווייב זאָלן עס הערן.

צום באַן־סטאַנציע איז אים הילל אַליין געפאָרן באַגעגענען. לעאָנאַרד האָט זיך געהאַלטן באַשיידן, גאָרניט מעשה גביר.

— בין געקומען אַ קוק טאָן ווי דו לעבסט, הילל; אויב מיר זאָל נאָר געפעלן ווערן פאַרמערײַ, וועל איך מיין שאַפּ אַוועקגעבן די באָמס, זאָלן זיי זיך עס האָבן, און וועל... וואָס לאַבסטו, הילל?

הילל איז ניט אַזוי נאַריש געווען, ער זאָל גלויבן דעם „לייבעלע חלפן" ווי ער האָט גערופן זיין שוואָגער לעאָנאַרד סטאָן.

— דו, ווי דו; האָסט שטענדיק אינזינען געהאַט, הונדערטער מענטשן זאָלן אויף דיר אַרבעטן. ביסט דאָס וואָס דו ביסט געווען. איך פאַרשטיי נאָר ניט מיין נאַרישע שוועסטער, וואָס זי האָט זיך אַריינגענומען אין קאָפּ, אַז ס'אי שלעכט צו זיין אַ גבירנטע.

— זי שטאַמט דאָך אָפּ פון די לוריאַס; די זכריהס, די נייטנס און טאַקע הילס אַ שוועסטער... ניט פאַר די לוריאַס האָט קאָלאָמבאָס אַנטדעקט אַמעריקע, יו נאָו.

— נו, האָסט גענומען און זיך איינגעליבט אין אַ משוגענער לוריא. זי האָט דיך אַוועקגעוואָרפן, יאָגסטו זי נאָך, כאַ־כאַ־כאַ.

— און מ'איז בעלי־גאוהס אויך, יו נאָו. איר האָט ניט געפּאַסט מיטפאָרן מיך באַגעגענען. גאַנצע צוויי וואָכן האַלט מען אָן אַ ברוגז.

אַז לעאָנאַרד איז צוגעקומען צום שטוב, איז קעראָלאַין אַרויסגעקומען אַנטקעגן. זי האָט פאַר דער צייט באַוויזן איבערצונייען אויף איר מאָס פון מינעס אַן אַלט קליידל. האָט אָנגעטאָן מינעס גרויסע שיך, און זי האָט אויסגעזען ווי אַ פאַרמער־מיידל, וואָס איז נאָר וואָס אַרויסגעקומען פון שטאַל, פון מעלקן די קי, צו באַגעגענען, ניט איר מאַן און געליבטן, נאָר אַ ניט־באַליבטן מענטשן, וואָס זי האָט אַמאָל דורך אַ צופאַל דערקענט.

מינע האָט אָנגעקוקט לעאָנאַרדן, געשמייכלט און געפאָרשט וואָס פאַר אַן איינדרוק קעראָלאַין וועט מיט איר דערשיינונג מאַכן אויף אים.

לעאָנאַרד האָט פון דעם קיין ווערט ניט געמאַכט. ווי קעראָלאַינס דער־שיינונג וואָלט געווען גאָר נאַטירלעך. ווי איר גאַנצער זיין ביי די הילן איז אַ נאַטירלעכע זאַך. אַנשטאָט פרעגן ביי זיין ווייב וואָס זי מאַכט און ווי זי האָט פאַרבראַכט די צוויי וואָכן אָן אים און אָן די קינדער, איז ער איבערגעגאַנגען צו מינען, אַ שמוצער געטאָן צום קינד ביי איר אויפן האַנט.

— וואָס, דערקענסט ניט קריינדלען? — האָט מינע ברייט געשמייכלט. — וואַרף זיך ניט אַזוי מיט איר; זי וועט סיי־ווי צוריק קיין ניו־יאָרק ניט פאָרן. זאָלסט זען ווי זי מעלקט די קו, בעסער פון מיר און בעסער פון טאַראַסן.

— אויב איר געפעלט דאָ, וועל איך צו איר אַריבערשיקן די קינדער אויך. האָלסט דאָך באָרדערס דאָ. וויפל צאָלט אַ באָרדער, זעקס־זיבן דאָלער אַ וואָך... איך וועל צאָלן צען, אַבי איר זאָלט זי דאָ האַלטן.

קעראָלאַין האָט ניט פאַרשטאַנען וואָס איר מאַן מיינט מיט די רייד. „ניט אַנדערש, ער איז געקומען זיך קריגן מיט מיר". מיט איר איבערטאָן זיך, האָט זי מער ווי אַלץ אויסן געווען אַ ביסל אַ שטיף צו טאָן.

— וואָס מאַכן די קינדער? — האָט קעראָלאַין אַ פרעג געטאָן, און טרערן ד־האָבן זיך געשטעלט אין אירע אויגן. — פאַרוואָס האָסטו איזראַעלן ניט מיט־גענומען? ווערסט זען זייער ישראל און אונדזער איזראַעל, ווי צוויי טראָפּן וואַסער!

און, ניט וואַרטנדיק אויף אַן ענטפער, האָט קעראָלאַין זיך אָפּגערופן:

— גיי, הילל, באַווייז לעאָנאַרדן דיין פאַרמעגן. ווייז אים דיין גרויסע פאַרם...

קעראָלאַין האָט געהאָלפן גרייטן צום טיש, מיט די אויגן אין זיך — האָט זי איבערגעווישט די טעלער, וואָס זי האָט פון קיך אַרויסגעבראַכט צום טיש.

מינע האָט איר אַ וויל נאָכגעקוקט, און שפּעטער געזאָגט:

— האָסט אים צו קאַלט באַגעגנט. אַז איך צעקריג זיך מיט היללן, בעט איך זיך שטענדיק אַליין איבער.

— דו צעקריגסט זיך אַמאָל מיט היללן, איז דאָך עס נאָר דערפאַר וואָס דו האָסט אים ליב. מעגסטו אים דערנאָך איבערבעטן. אָבער איך קריג זיך קיינמאָל ניט מיט לעאָנאַרדן.

אין קעראָלאַינס שטים איז געווען פאַרלאָרנקייט. איר שטימונג, וואָס האָט כלומרשט אַ לויכט געטאָן אין דער ערשטער רגע ווען לעאָנאַרד איז אָנגעקומען, איז איצטער פאַרטונקלט געוואָרן.

מינע איז אויך אויף אַ וויל אַנטשוויגן געוואָרן. קעראָלאַינס לעצטע ווערטער זיינען איר אַריין אין קאָפּ. זי, וואָס האָט איר היללן ליב געהאַט מיט דער רויער, נאַטירלעכער ליבע, האָט באַנומען, אַז עשירות פאַר ליבע וואָלט זי ניט פאַרביטן. זי האָט אָבער אויך ניט געקענט פאַר זיך אויסמאָלן ווי אַזוי קעראָלאַין האָט איר לעבן באַגראָבן פאַר געלט.

— איך גלויב דיר ניט, קריינע, אַז דו האָסט חתונה געהאַט ניט פאַר ליבע, נאָר פאַר געלט. איך פאַרשיי גאָרניט ווי אַזוי מ'לייגט זיך אַנידער אין בעט מיט אַ מאַן וואָס מ'האָט ניט ליב. כ'וואָלט ס'קינד אין די געדערים דער־שטיקט, ווען איך הייב אָן טראָגן פון אַ מאַן וואָס כ'האָב ניט ליב.

קעראָלאַין האָט געהערט מינעס פשוטע רייד, האָט עס אָנגעמאָסטן אויף זיך, און אָנגענומען פאַר גוט. קעראָלאַין געדענקט גוט די הורוויטש משפּחה פון ניו־יאָרק, דעם קעלער וואו זיי האָבן געלעבט: דער טאַטע האָט געטאָן סטאָלערשע אַרבעט, מינע און איר מאַמע האָבן געבאַקן בייגל, און ווי הילל איז דאָרטן געלעגן גאַנצענע טעג. ווי אַ הונט לויפט נאָך אַ צויג, אַזוי איז ער מינען נאָכגעגאַנגען און געשמעקט אירע טריט. און זי, און לעאָנאַרד — וואָס פאַר אַ נאַטירלעך פייער האָט געצונדן איר אייגן בלוט? נאַריש איז זי געווען. מ'האָט איר איינגערעדט, און זי האָט געגלויבט, אַז אין עשירות וועט זי קענען טאָן יענעם אַ סך גוטס. „ווי קען מען גוטס טאָן יענעם, אויב מ'איז אַליין פאַרביטערט און צעקרענקט? צי דען, אַז מ'טוט זיך שלעכטס קומט יענעם אַרויס אַ טובה? ווען האָב איך מיט מיין געלט טובות געטאָן?"

— מ'זאָגט, אַז דו נויטסט לעאָנאַרדן, ער זאָל זיינע אַרבעטער בעסער צאָלן און בעסער באַהאַנדלען. מסתמא האָט ער דיך ליב, אויב דו פירסט עס

ביי אים אויס... מ׳זעט, אַז ער האָט דיך ליב. אים האָט פאַרדראָסן וואָס דו האָסט זיך אַזוי אָנגעטאָן. גיי, טו זיך איבער צוריק. זעסט אויס שענער און ייִנגער אין דײַנע קליידער.

מינע איז צוגעגאַנגען, אַרומגענומען איר שוועגערן און ווי אַ מאַמע זי געדריקט צום האַרצן.

— ווילסט ניט זײַן גוט צו אים, קריינע? ווילסט זיך ניט איבערבעטן מיט אים?

הילל און לעאָנאַרד זײַנען אַרײַנגעקומען. ביידע ערנסט, ווי זיי וואָלטן אַרומגערעדט אַן ערנסטן ענין.

— איך וועל שיקן אַ דעפּעש צו זכריהן, ער זאָל אַהער קומען, — האָט לעאָנאַרד געשעפטסמעסיק גערעדט אויף קעראָלאַינס זײַט.

— פאָרסט ניט הײַנט צוריק קיין ניו־יאָרק?

— ניין.

מינע און קעראָלאַין האָבן זיך איבערגעקוקט; ביידן איז געווען אַ רעט־טעניש, וואָס די מענער האָבן דרויסן צווישן זיך אָפּגערעדט.

* * *

רעבעקאַ לוריאַ האָט אַלץ אָפטער אָנגעהויבן אַרײַנצוקומען צו איר שטיפברודער, דאָקטאָר לוריאַ. איר געקרויזטער, רויטער קאָפּ — הויך אויפסניי; אירע ברוינע אויגן האָבן ווידער אָנגעהויבן גליען. אַלץ וואָס האָט אָפּגעקלונגען אין דער פאַרצווייגטער לוריאַ־משפחה, איז ניט פאַרפאַלן געוואָרן פאַר דער אין זיך פאַרטאַיעטער, קיילעכדיקער יתומה, וואָס האָט ניט געקענט דערציִען אין זיך די שׂנאה צו די לוריאַס ביז פולער רײַפקייט.

פאַר דאָקטאָר לוריאַ איז רעבעקאַ געוואָרן אַ רעטעניש. מיט איר קומען און אַוועקגיין האָט זי איבערגעלאָזן אַן אומהיימלעכקייט ביי אים אין אָפיס. ער האָט אַלץ אָפטער אָנגעהויבן קלערן פון זײַן שטיפשוועסטער, און איר גאווה וואָס זי ווייזט אַרויס יעדעס מאָל ווען ס׳קומען אויף דאָ־און־דאָרטן צרות ביי די לוריאַס.

ביי איבם איז אויך געווען אַ רעטעניש, וואו און פון וואַנען זי נעמט אויף חיונה. אַ געוויסע צייט האָט זי געאַרבעט אין אַן אָפיס. זי האָט אפילו גע־פּרוּווט אַרבעטן אין אַ שאָפּ ביי בלוזעס; אָבער אויף איר איז ניט קענטיק געווען זי זאָל זײַן פאַרהאָרעוועט, קיין סימן פון פּראָלעטאַרישקייט אין איר האַלטונג. דאָקטאָר לוריאַ האָט ניט דעם מוט ביי איר אויסצופרעגן וואו זי נעמט געגוג געלט אויסצוהאַלטן איר מאַמעס משפחה. ער ווייס, אַז צו איר קראַנקער באָבען רופט זי אָפט אַ דאָקטאָר, מיט אים רעדט זי אפילו ניט וועגן דעם.

עס טרעפט, דאָקטאָר לוריאַ קומט פון זײַנע פּאַציענטן, פון שפּיטאָל, וואו ער אַרבעט אַ פּאָר שעה אַ טאָג, אין דער „אָפיס־שטונדע“ — געפינט ער רעבעקאַן צווישן די פּאַציענטן וואָס וואַרטן אויף אים. יעמאָלט כאַפּט ער אָפּט אויף אין אירע אויגן אַ פרעמד פייערל פון אַ יונגער פאַנטערע, וואָס קוקט פון איר באַהעלטעניש אויס איר רויב. ער בעט, זי זאָל אַרײַנגיין אין צווייטן צימער, וואַרטן ביז ער וועט זיך באַפרייען פון זײַנע פּאַציענטן, ער האָט בדעה שפּעטער מיט איר אַ שמועס טאָן און דערגיין עפּעס פון איר לעבן; אָנציען

מיט איר אַ שמועס און פֿאַרט אַרויסקריגן דעם סוד פֿון איר האָס וואָס זי טראָגט צו אַלעמען. לאָזט זיך אויס, אַז ווען ער פּאַטערט אַרויס זײַנע פּאַציענטן, איז פֿון רעבעקאַן קיין שפּור שוין ניטאָ. סײַדן, די אומהיימלעכקייט וואָס זי האָט נאָך זיך איבערגעלאָזן.

ווען דאָקטאָר לוריאַן איז פֿון היללס פֿאַרם אָנגעקומען אַ טעלעגראַמע וואו לעאָנאַרד סטאָן בעט אים, ער זאָל אַרויסקומען און העלפֿן קלאָר מאַכן וואָס קעראַלאַין פֿאַרלאַנגט פֿון אים, איז פּונקט יעמאָלט רעבעקאַ אָנגעקומען. ווען דאָקטאָר לוריא האָט איר געוויזן די טעלעגראַמע, און צוגעגעבן, אַז ער וועט מעגלעך אַראָפּפֿאָרן צו היללן — האָט רעבעקאַ אויסגעשאָסן מיט אַ סאַרקאַסטישן געלעכטער. דאָקטאָר לוריאַן איז איר געלעכטער געווען דערווידער. ער האָט ניט פֿאַרשטאַנען פֿון וועמען די שטיפֿשוועסטער לאַכט, פֿון אים, צי פֿון דער שוועסטער, וואָס האָט געלאָזן קינדער און שטוב אויף הפֿקר, און איז אַוועק צו היללן אויפֿן פֿאַרם.

— גיי ניט אין קעראַלאַינס וועגן, — איז רעבעקאַ מיט אַמאָל ערנסט געוואָרן. — אויב אַ מענטש קען זיך אַליין ניט העלפֿן, דאַרף ער ניט בעטן יענעם קיין הילף.

— איצטער בעט דאָך לעאָנאַרד, איך זאָל קומען.

— אָט דעם נאַרישן באָס ביסטו אוודאי גאַרניט שולדיק. האָב זיך אײַנגעזעגנט מיט עטלעכע מער ער נעמט זײַנע טעג און יאָרן שלײדערסטו אַרײַן אין די איסט-סאַידער מיסט-פּעסלעך.

— ווען איך גיב מײַן צײַט אַוועק צו העלפֿן, מענטשן זאָלן געזונט ווערן, איך גיי צו מײַנע חולאים וואָס וואַרטן אויף מײַן הילף, דאָס איז ביי דיר וואַרפֿן טעג און יאָרן אין מיטס-פּעסלעך?

—איך האָב מײַנס אָפּגעזאָגט.

— איך דאַנק דיר פֿאַר דײַנע גוטע עצות.

רעבעקאַ האָט אַ נערוועאישן לאַך געטאָן, און, ווי דער שטייגער, אויפֿגעהויבן דעם קאָפּ און מיט גאווה אַרויס פֿון אָפּיס.

סיי פֿאַר קעראַלאַין, און סיי פֿאַר היללן איז געווען אַ גרויסער חידוש, וואָס זייער גוטהאַרציקער ברודער האָט אפֿילו אויף לעאָנאַרדס טעלעגראַמע ניט געענטפֿערט. הילל אַליין האָט געוואָרפֿן זײַן אַרבעט אויפֿן פֿאַרם, נאָכדעם ווי לעאָנאַרד איז אַוועקגעפֿאָרן, האָט ער פֿאַרגומען די שוועסטער וואָס „פּלאָגט זיך אין וואַוילטאָג" און איז מיט איר געקומען קיין ניו-יאָרק — צוריק זי מאַכן פֿאַר אַ מאַמע צו אירע קינדער. און, אגב, אַ שמעק טאָן, וואָס ביי די שטאָטישע ברידער הערט מען. ער, דער מגושמדיקער פֿון צווישן די לוריאס, וואָס די עטלעכע יאָר אָפּגעריסנקייט פֿון גרויסן יידישן ישוב אין ניו-יאָרק האָט אים געמאַכט פֿאַר אַ שטיקל ציניקער, האָט זיך אין שטאָט באַמיט אויפֿצופֿירן ווי עס פּאַסט פֿאַר אַ לוריא. ביי דניאלן אין הויז האָט מען זיך לכבוד אים אין אַ וואַרימען אָונט צונויפֿגענומען. געקומען נייטן מיט זײַן דינהן, געקומען לעאָנאַרד און קעראַלאַין. קעראַלאַין האָט זיך באַמיט צו שאַפֿן ביי אַלעמען דעם אײַנדרוק, אַז נאָך איר קומען פֿון פֿאַרם האָט זי ליב געקראָגן איר היים, מאַן און קינדער.

ליליען־רות האָט פֿאַרבעטן איר שוועסטער ליזאַבעט; און צו דניאל לוריאס עלטערן זון, צו דייווידן, איז געקומען זיין מיידל —ראָוז מעקפּאַדן. ליליען־רות האָט זיך געפּלייסט צו באַווייזן, אַז ניט נאָר איז זי אַ גוטע באַלע־באָסטע, נאָר אויך אַ געטרייע און איבערגעגעבענע טאָכטער פֿון יידישן פֿאָלק. זי האָט צוליב דעם אין דער שטיל צוגעשלאָגן צוריק די מזוזות צום טיר, גע־גלויבט, אַז הילל, ביי וועמען אין דער היים זיינען קיין מזוזות ביי די טירן ניט געווען, וועט עס באַמערקן. זי האָט געפּילט פיש. אפילו ליכט אָנגעצונדן, ווי ס׳וואָלט געווען פרייטיק צונאַכטס, כאָטש אין אמתן איז עס געווען אַ דינסטיק אָוונט. זי האָט מיט גרויס ליבשאַפט באַטראַכט היללן, פֿון אים, דעם יידישן פאַרמער, האָט זי געוואָלט אויסשפּירן דאָס „שטאַרקע און געזונטע״, וואָס עס פֿעלט איר אַזוי די לעצטע צייט צווישן די יידן וואָס זי באַגעגנט.

ליזאַבעט האָט זיך אַ פּאָר מאָל נאָכגעפֿרעגט אויף דאָקטאָר לוריאן. ער האָט פֿאַרשפּעטיקט, און זי האָט אַרויסגעוויזן אומגעדולדיקייט.

— דאָקטאָר לוריא מוז זיין אַ שטאַרק פֿאַרנומענער מענטש, וואָס ער לאָזט זיך אַזוי בעטן.

און אַז אויף דעם האָט קיינער ניט געענטפֿערט, האָט זי ווידער געזאָגט:

— איך הער, מ׳וועט צווינגען די יידישע באָסעס, זיי זאָלן אין זייערע שעפּער מאַכן עקסטרע טירן און טרעפּ, ס׳זאָל ניט טרעפֿן אַזאַ קאַטאַסטראָפֿע ווי די אין „טראַיענגל״־שאָפּ.

און אַז אויף דעם האָט זיך אויך קיינער ניט אָפּגערופֿן, האָט זי גענומען און אַ זאָג געטאָן:

— איך האָב ניט געוואוסט, אַז יידן קימערט אַזוי ווינציק פֿאַר יענעמס לעבן. אנטשולדיקט וואָס איך רעד אַזוי. ס׳איז געווען אַ גרויסע קאַטאַ־סטראָפֿע. שווער צו פֿאַרגעסן...

די דאָזיקע באַמערקונג האָט אַלעמען געטראָפֿן. לעאָנאַרד סטאָן האָט זיך געשפּירט, ווי אים איז זי אויסן. הילל איז ניט געווען געוואוינט צו הערן אַזוינס. ער האָט באַמערקט אין ליזאַבעטס אויגן אַ ביטערע פּייערל, ווען זי האָט זיך דורכגעקוקט מיט איר שוועסטער. אגב, האָט ער ביי ליליען־רות אין פּנים באַמערקט אַ פּאָר טרוקענע שטריכן, אומפריינטלעכקייט, וואָס איז פֿאַר אים געווען ניי. מער ווי צוויי יאָר איז ער ניט געווען אין ניו־יאָרק; ד־האָט אים דעריבער אפילו די שפּראַך פֿון זיינע אייגענע געקלונגען געקינצל־ט און ניט נאַטירלעך.

ווען ליזאַבעט האָט געמאַכט די באַמערקונג וועגן „טראַיענגל״־פּייער — האָט ביי קעראָלאַין, וואָס איז מיט אַן אויסגעלאָשן פּנים געזעסן זייט־ביי־זייט מיט היללן, אָנגעהויבן שטאַרק ס׳האַרץ צו קלאַפּן. איר צווילינג־ברודער, זיין געשטאַלט האָט אַ שווינדל געטאָן פֿאַר די אויגן, און שפּעטער — די טרויעריקע און צעשראָקענע עמאַ בערגער; און צווישן זיי — די שרפה, וואָס האָט אַזויפֿיל קרבנות אַוועקגענומען. אין דעם אַלעמען האָט זיך אַרייב־געשווינדלט ליזאַבעט, ניט די איצטיקע פֿולגעוואָרענע, מיט דעם אָנגעצויגענעם פּנים, נאָר די אַמאָליקע ליזאַבעט, די בלאָנדע, בלויאויגיקע ליזאַבעט מיט איר פֿאַרשייטער באַנעמונג אין קרייז פֿון יידן, וואָס האָט אַזוי געוואָלט, ווי איר שוועסטער, איר בלוט מישן מיט יידיש בלוט.

אין דעם הארצן וויל קעראלאין, אז דאקטאר לוריא זאל דא היינט ניט זיין. כאטש זינט זי האט זיך אומגעקערט פון היללס פארם, האט ער איר נאך ניט געגעבן קיין געלעגנהייט פאר אים אויסרעדן איר הארץ.

— וואס האסטו, הילל, געטראכט ווען דו האסט דערהערט די שרעקלעכע נייעס? — האט קעראלאין גערעדט, ווי אירע אייגענע מחשבות איבערצו־שרייען. — ס'הארץ וויינט נאך איצטער ביי מיר, אז איך דערמאן זיך אין אומגליק. איך האב געדאנקט לעאנארדן, ווען ער האט אין שאפ אויסגעשניטן נאך א טיר, און דעם עלעווייטאר איבערגעמאכט. איך דאנק דיר נאך א מאל, לעאנארד.

די לעצטע ווערטער האט זי אויסגערעדט, אלע זאלן הערן; זאל מען פאר־שטיין ווי נאענט לעאנארד איז איר איצטער.

הילל, זיצנדיק ביים שיין, ריין געסערוווירטן טיש; און דער אופן ווי ליליען־רות האט זיך געעסקט ארום די געריכטן, קיינעם ניט פארזען, און אלעמען צום מאכל צוגעטיילט א ליבלעכן שמייכל, האט זיך אין אים אויפגע־וועקט א טרויעריק געפיל. ליליען־רות, ווי א ווינט, וואס רידט אן ביים פארביישוועבן, אזוי האט זי יעדן מיט איר גוף לייכט אנגערירט. ער האט איר ווארימען אטעם געשפירט, און איז מיטן געדאנק אוועק צו זיך אויפן פארם, וואו זיין מינע פוילט זיך גרייטן דעם טיש ווי עס פאסט צו טאן אין פרידן און אין שלווה.

הילל האט פלוצלונג א לאך געטאן, און אליין זיך פארשעמט פאר זיין געלעכטער.

— וואס לאכסטו, הילל? — האט דניאל פארחידושט געפרעגט.

— איך לאך, ווי א פארמער, וואס שאפט דעם ברויט, האט זיך ניט דער־קלערט צו דעם, אז דאס ברויט זאל מען אנידערלייגן אויף א שיין געגרייטן טיש.

— איז דאס אלץ וואס דו האסט געלאכט? — האט בייטן לוריא, וואס האט זיך מיט היללן אמאל ארומגעקריגט איבער דעם יידישן גורל אין נייעם לאנד, אויף אים אנגעשטעלט די אויגן. — ווי קומט עס, דו זאלסט מקנא זיין דעם שטאט־מענטשן?

— חלילה, איך בין אייך קיינעם ניט מקנא, כאטש מיט מיין ארבעט בין איך ניט צופרידן, — האט הילל מיט א ביטערן שמייכל געענטפערט, ניט צונעמענדיק די אויגן פון טעלער.

— פארוואס? — האט ליליען־רות אנגעשטעלט אן ערנסט פנים. — יידן טויגן זיך ניט אויס פאר פארמער?

— יידן טויגן זיך אזוי אויס ווי די ניט־יידן. נאר דער ניט־יידישער פארמער, ווען ער ליגט צען איילן אין דער ערד, גלויבט ער, אז דאס קומט אים. דאס האט מען אים פון הימל צוגעשריבן. און א יידישער פארמער פון מיין שניט, וואס איז געגאנגען אהין, געטריבן פון אן אידעע, ער קאן זיך ניט באַ־רואיקן. אט, גאר איינגיכן וועלן מיינע קינדער אוועק אין שטאט זיך לערנען. און אז איך וועל דארפן זייער הילף...

— עך, הילל, כ'מוז דיר זאגן מיין אלטן אמת. ביז סאציאליזם וועט ניט קומען, וועט סיי דער ארבעטער, סיי דער פארמער ליגן צען איילן אין דער אדמה.

— דיין סאָציאַליזם וועט דאָ אין לאַנד איינגעפירט ווערן, ווען מיינע ביינער וועט די ערד צונעמען און אַרויסוואַרפן.

— פאַראַן גענוג רייכע מענטשן אין שטאָט, און גענוג רייכע פאַרמער ב״י דער ערד. באשר דו ביסט אַ שלים־מזל געווען אין שטאָט, און ביסט עס גע־בליבן אויפן פאָרם, — האָט זיך לעאָנאַרד אָפּגערופן. — קום, ווערסטו טאָן וואָס יעדערער פון אונדז טוט.

— טאָן ס׳אייגענע ווי אַלע דאָ... כ׳בין אָן ערלעכער נאַר, אָט וואָס איך בין!

— קום צוריק קיין ניו־יאָרק, — האָט ליליען אַרומגענומען היללס קאָפּ. — דאָ איז פאַר די לוריאס דער אמתער פּלאַץ. וואָס פעלט דניאלן, נייטענען און זכריהן?

ביי די ווערטער איז דאָקטאָר לוריא אַריינגעקומען. אַלע אַרום טיש האָבן זיך אַ רודער געטאָן. ליבשאַפּט און דרך ארץ האָט אַ לויכט געטאָן אויף אַלעמענס פּנים. דאָקטאָר לוריא איז געווען אָנגעכמורעט.

— אַ שאָד, מ׳האָט זיך ניט געקענט דערוואַרטן אויף דיר, — איז אים ליליען־רות אַנטקעגן געגאַנגען. — קום, זעץ דיך אַטאַ־דאַ־אַ נעבן אָן אַלטער באַקאַנטער, כאַ־כאַ־כאַ... רוק זיך אָפּ אַ ביסל, ליזאַבעט.

— כ׳האָב אים ניט געדאַרפט מאַכן קיין פּלאַץ נעבן זיך, — האָט ליזאַבעט זיך שטאַרק פאַררויטלט.

— פאַרוואָס? — האָט ליליען־רות געפרעגט.

— אַז כ׳האָב אים איינמאָל געוואָלט מאַכן אָן אָרט נעבן זיך, איז אים ניט אָנגעשטאַנען, כאַ־כאַ־כאַ.

— אַזוי לאַנג טראָגן אַ כעס, פּאַסט ניט פאַר דיר, — האָט ליליען געוואָלט פאַרגלעטן דער שוועסטערס אומטאַקטישקייט.

— ליזאַבעט איז ניט אין כעס; דאָס איז גאַרניט איר נאַטור, — האָט דאָקטאָר לוריא דער צעטומלטער ליזאַבעט אַריינגעקוקט אין פּנים אַריין. — ניט מער, וואָס ליזאַבעט האָט ניט געוואָלט נאָכטאָן איר שוועסטער, זיך אויס־מישן מיט אַ פאָלק וואָס מ׳האָט פיינט.

— דו זאָלסט עס זאָגן, זכריה! — האָט ליליען זיך געפילט באַליידיקט. — אָט איז ראָוז מעקפּאַדן. איר טאַטע איז אַ דזשאָדזש. און דייוויד, איז ער דען ניט קיין ייד?

ראָוז און דייוויד זיינען ביידע רויט געוואָרן, האָבן זיך איבערגעקוקט, ניט געקענט פאַרשטיין פאַרוואָס דאָקטאָר לוריא האָט דערפירט צו אַזאַ שמועס.

הילל האָט געגאַפּט פון זיין ברודערס דרייסטקייט. ער האָט אויך געהאַט עפּעס צו דערציילן — ווי זיינע ניט־יידישע שכנים, פאַרמער, האָבן אים ניט ליב. אָבער אין דער גרטעס קעגנוואַרט, דער עיקר, אין קעגנוואַרט פון ראָוז מעקפּאַדן, האָט אים גאָר ס׳לשון אָפּגענומען.

אַ ווייל האָבן אַלע געשוויגן, מיט די אויגן אין די טעלער, און מיטן גע־דאַנק — אַרום דאָקטאָר לוריאן.

דאָקטאָר לוריא האָט געשפּירט ווי אַלעמענס געדאַנקען שלאָגן זיך אין אים אָן. ער האָט ניט געהאַט קיין חרטה אויף דעם וואָס ער האָט געטאָן. ניט אויס שלעכטסקייט האָט ער אַזוי אָפּגעענטפערט דער שוועגערן, מיינענדיק

איר שוועסטער. די לעצטע צייט מיידט ער אויס צו קומען צו דניאלן, צוליב אַ ניט־פּאַסיקן אויסדרוק וועגן יידן וואָס האָט זיך ביי ליליען־רות אַ פּאָר מאָל אַרויסגעכאַפּט. כאָטש זי האָט ער יעדעס מאָל געוואָלט פאַריכטן מיט דער פולער מאָס ליבשאַפט וואָס זי האָט צו אים פּערזענלעך אַרויסגעוויזן.

הילל האָט בשעת מעשה געטראַכט פון זיינעם אַ בריוול וואָס ער האָט געשריבן דאָקטאָר לוריאן, וואו צווישן אַנדערעס האָט ער זיך באַקלאָגט, אַז אַז ביי יידן אין אַמעריקע, מיינענדיק די לוריאס, וואָס ווייטער עס צעשפּרייטן זיך די צווייגן, אַלץ טיפער פוילן די וואָרצלען. די דריי פרויען פון ניט־יידישער אַפּשטאַמונג, כאָטש ער האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ ראַדיקאַל — איז אים איצטער אויסגעקומען אומנאַטירלעך. „אָט איז מען אויסגעמישט מיט די גוים, און וואָס פאַר אַ קעלט ס׳הערשט ביים טיש!"

דינה לוריא האָט באַשלאָסן אַ פּרוּוו טאָן, פאַרבעסערן די שלעכטע שטי־מונג וואָס איז אַנגעוואַקסן ביים טיש:

— טרעף, זכריה, ווער ס׳איז נעכטן געווען באַנ׳אונדז? — האָט זי אַנגע־הויבן מיט אַן אומזיכערן טאָן. — מיס בערגער איז אַריינגעקומען צו אונדז. גאָרניט די אַמאָליקע עמאַ בערגער. זי אַרבעט אין שאַפּ ביי בלוזעס. זי איז געקומען זיך דורכדערן מיט נייטענען וועגן איר שאַפּ, מ׳זאָל שטיצן אַ סטרייק וואָס זי וויל אַרויסרופן צוליב דעם, וואָס דער באָס האָט אַ מיידל געשליידערט די אַרבעט אין פּנים אַריין, און ווען זי האָט אים עפּעס געזאָגט אַנטקעגן, האָט ער איר די הענט פאַרדרייט אויף הינטן און אַרויסגעוואָרפן פון שאַפּ. זי איז זייער טעטיק אין דער באַוועגונג. די מיידלעך האַלטן פון איר גאָר אַן אַ שיעור.

דינה האָט בכיון לאַנג גערעדט, געפּאָרשט, וואָס פאַר אַן איינדרוק איר דערציילונג מאַכט אויף דאָקטאָר לוריאן.

דאָקטאָר לוריא האָט עס אויפגענומען גלייכגילטיק, ווי דאָס וואָלט מיט אים גאָרניט געהאַט צו טאָן.

— איך וואָלט וועלן זיין אַפּנהאַרציק מיט מיסיס ליזאַבעט קוירלי און פרעגן, וואָס רעדט מען עפּעס אין איר קרייז וועגן יידן? — האָט דאָקטאָר לוריא אַנגעהויבן, בעת זיין פּנים איז געוואָרן בלאַס ווי קרייד.

— איך דערצייל אַלעמען, אַז איך קען אַ דאָקטאָר לוריא, וואָס איז די ערלעכקייט אַליין. איך דערצייל, אַז ווען ער וואָלט ניט געווען מיינער אַ גוטער פריינט, וואָלט איך אַליין געקומען אַמאָל צו אים, ער זאָל מיך אונטער־זוכן, כאַ־כאַ־כאַ.

ליזאַבעט האָט סאַרקאַסטיש אַ לאַך געטאָן, איז אויפגעשטאַנען פון טיש, צוגעגאַנגען צום שפּיגל און אַנגעהויבן פאַריכטן אירע האָר.

— וואָס איז, ליזאַבעט, — איז ליליען־רות בלאַס געוואָרן, — קלייבסט זיך אַוועקגיין אַזוי גיך?

— כ׳האָב דיר געזאָגט, אַז כ׳וועל באַצייטנס מוזן גיין אַהיים. דזשעק דאַרף זיך זען מיט אַ מענטשן, וויל ער, כ׳זאָל זיין דערביי.

ווען ליזאַבעט איז אַרויס פון שטוב, האָט ליליען מיט אַמאָל פאַרגעסן, אַז אַ גאַסט וואָס ווייס גאָרניט פון וואָס צו זאָגן זיצט ביים טיש; זי האָט אַנגע־הויבן אירע אַלטע תרעומות:

— פאַרוואָס פאַרביטערט איר מיר אַלע ס׳לעבן? אפילו דו, זכריה, אויך, ביסט צוגעשטאַנען צום באַנטש איסט־סאַיִדער... צוליב וואָס האָסטו די שוועסטער אַזוי באַליידיקט?

— געפעלסט מיר, ליליען, ווען דו ביסט אויפגערעגט. — האָט דאָקטאָר לוריא גוטמוטיק גערעדט. — אין דער משפחה לוריא ביסטו אַ געפאַנגענע. האָסט אַליין פאַר זיך אַזאַ לאַגע געשאַפן. האָסט זיך ניט געדאַרפט אָפּזאָגן פון דיין פאָלק, אויב דו האָסט ליב געקראָגן אַ יידן. און אויב דו האָסט עס פאַרט געטאָן, האָסטו דיין באַלוינונג געקראָגן. וואָס מאַכסטו? — האָט ער זיך פלוצלונג געוואונדערט צו דער צעשראָקענער ראָוז מעקפאַדן. — ביסט אוודאי גאָרניט שולדיק אין דעם וואָס מיר רעדן דאָ נאַרישקייטן. שולדיק איז נאָר די ליבע, וואָס דויערט ניט אַ לעבן־לאַנג, און גיט נאָר דעם נאַרישן מענטשן שפּעטער די מעגלעכקייט אַרויסצואווייזן זיך פאַר אַ נאַר. איך האַלט, אַז אַ געמישטע הייראַט צווישן אַ יידן און אַ ניט־יידן, האָט געדאַרפט זיין נאָר אויף אַ פּראָבע. ניט האָבן קיין קינדער אין פאַרלויף פון דריי־פיר יאָר, ביז וואַנען ביידע דערשפּירן, אַז מיט זייער בונד איז ראָסן־האָס ביי ביידע צדדים פאַר־אורטיילט אויף גאַנצע הונדערט פּראָצענט.

— ווייסט דאָך, זכריה, — האָט ליליען גערעדט מיט טרערן אין שטים. — אויף דיר קען איך ניט זיין אין כעס, ווען דו רעדסט אפילו מיט אַזויפיל גאַל, ווי דו טוסט עס די לעצטע צייט. אָבער פאַרוואָס שטעלסטו זיך קיינמאָל ניט אויף מיין זייט?

— אַ מענטש, וואָס זוכט מ׳זאָל אים געבן גערעכט, דאַרף פריער באַגיין אַ פאַרברעכן. דו ביסט קיין שום פאַרברעכן ניט באַגאַנגען אין דיין לעבן, ווען דו האָסט ליב געקראָגן אַ יידן. האָסט מיט אים חתונה געהאַט, האָסט מיט אים געהאַט געראָטענע קינדער; אָבער דערוויל זיינען שוין איבער צוואַנציק יאָר אַוועק, און דו האָסט זיך דערוואוסט, אַז דאָס יידישע פאָלק איז ניט עפּעס אַ יתומל, וואָס אימעצער האָט אונטערגעוואָרפן ביי די שוועלן פון אַמעריקע, און מ׳דאַרף אויף דעם רחמנות האָבן; נאָר יידן זיינען אַ קליין פאָלק, וואָס איז אַזוי גרויס אין די אויגן פון דער וועלט, און מ׳האָט פאַר יידן גאָר מורא.

— איך האָב ליב דניאלן. אויב דניאל קלערט עפּעס אַנדערש, אַרט עס מיך ניט. כ׳זאָג דעם אמת. כ׳האָב אים ליב דערפאַר, וואָס ער איז ניט קיין שרעקעדיקער. דו, זכריה, ביסט אַ שרעקעדיקער. איך זאָג עס דיר אין די אויגן. אָבער ליב האָבן האָב איך דיך סיי־ווי. כאָטש דו האָסט מיר אַ סך, אַ סך מאָל וויי געטאָן.

ליליען איז אומדערוואָרט צוגעגאַנגען, אַרומגענומען דאָקטאָר לוריאן און אים הייס געקושט.

— יעס, הילל, — האָט זי פון דאָקטאָר לוריאס זייט אַריבערגערעדט צו היללן. — איר זייט אַלע ניט בעסער איינס פון אַנדערן, פונדעסטוועגן בין איך שטאָלץ וואָס איך האָב מיט איינעם פון די לוריאס חתונה געהאַט. וואָלט איך געווען ביי מיין איצטיקן שכל יעמאָלט, ווען כ׳האָב מיט דניאלן חתונה געהאַט, וואָלט איך איצטער אַזעלכע נאַרישקייטן ניט גערעדט. יעס, זכריה, מיך פאַרדריסט וואָס דו האָסט אַזאַ מיידל ווי ליזאַבעט ניט פאַרשטאַנען. זי האָט דיך נאָך איצטער אויך ליב, דעריבער אַנטלויפט זי ווען דו הייבסט אָן צו

רעדן. דריי זיך ניט אַרום אַזוי איינער אַליין. אַ מאַן ווי דו — איז אַ זינד, אַז ער דרייט זיך אַרום אָט אַזוי... איין האָלץ אַליין ברענט ניט, איין האָלץ רויכערט. צוויי העלצער מאַכן אַ פייער, כאַ־כאַ־כאַ. און דו, זכריה, רויכערסט די לעצטע צייט. איצטער בעט איך אייך, עסט, לאָזט ניט, ס׳עסן זאָל ווערן קאַלט.

* * *

איצטער איז ביי דאָקטאָר לוריאַן אין אָפיס געזעסן אַ חשובער פּאַציענט, וואָס איז געקומען אַן עצה האַלטן זיך וועגן אַן איינגעגעסענער וואונד ביים קנעכל פונעם רעכטן פוס, און, אגב, כאַפּן אַ שמועס וועגן „ביבל־פּאַלק, וואָס נעמט פשוט איין אַמעריקע". ריכטער מעקפאַדן איז דאָס געווען; אַ מיטליעריקער, בלאָנדער און שווערער איירישמאַן, וואָס די פּאַרגאָסענע, בלויע אויגן זיינע און די רויטלעכע נאָז האָבן עדות געזאָגט, אַז ער סמט זיך ניט מיטן ביטערן טראָפּן.

דאָקטאָר לוריא האָט מיט צוויי שטיקלעך וואַטע געדריקט די וואונד, באַטראַכט דעם גרין־געלבלעכן אייטער וואָס איז פון דער וואונד אַרויסגעקוואָלן, און בשעת מעשה מיטן געדאַנק פאַרלאָפן צו זיין ברודער דניאלן, וועמעס צוקונפטיקער מחותן דער דאָזיקער פּאַציענט וועט מסתמא זיין.

— איך מערק, אַז דו האָסט גרינגע הענט, — האָט ריכטער מעקפאַדן אַראָפּגעקוקט צו דאָקטאָר לוריאס הענט וואָס האָבן זיך געעסקט מיט זיין וואונד. — באַגייסט זיך צערטלעך מיט מיין וואונד. אַ סך פון מיינע באַקאַנטע, וואָס היילן זיך ביי יידישע דאָקטוירים, דערציילן ס׳אייגענע, כאַ־כאַ־כאַ... ס׳קומט מיר אויפן געדאַנק דאָס ביבל־פאָלק, וואָס טוט שטענדיק אינטעליגענטע מלאכות. די הענט זיינען ניט שווער געוואָרן ווי ביי אונדזערן אַ מענטשן, וואָס האָט דורך דורות איינגעשפּאַנט די הענט אין אַלערליי שווערע און גראָבע אַרבעטן.

ווען דאָקטאָר לוריא האָט אויף דעם ניט רעאַגירט, האָט דער פּאַציענט זיך ווידער אָפּגערופן:

— איך ווייס געגוי וואָס יידן טוען דאָ. כ׳ווייס, אַז זיי האָבן אין דער איסט און מידל־וועסט אַנטוויקלט די נאָדל־אינדוסטריע, אָבער אַזוי קומט עס שוין אויס ביי מיר, אַז דאָ אין לאַנד וועלן יידן איבערגיין צו אינטעליגענטערע באַשעפטיקונגען. כ׳האָב פאַרגעסן, ווי לאַנג זיינען שוין די לוריאס דאָ אין לאַנד?

— פון אַכצן דריי און אַכציק אַן, איבער ניין און צוואַנציק יאָר שוין.

— איר זייט פון די ערשטע מזרח־יידן. איך בין זיכער, איר וועט איבערשטייגן אייערע רעליגיאָנס־ברידער, די דייטשע יידן, ניט נאָר אין צאָל; איר וועט זיי אין אַלץ איבערשטייגן.

דאָקטאָר לוריא האָט פאַרבאַנדאַזשירט די וואונד, און זיך אומגעקערט צו דער ערשטער באַמערקונג וועגן זיינע גרינגע הענט:

— גיכער פון אַלץ האָט דאָס צו טאָן מיט דעם צוטרוי פון פּאַציענט ווי מיט דעם דאָקטאָרס הענט, — האָט דאָקטאָר לוריא געענטפערט, און בשעת מעשה אַרויסגעוויזן גלייכגילטיקייט צום פּאַציענט. — כ׳האָב צוטרוי צום דענטיסט וואָס באַהאַנדלט מיינע ציינער. דוכט מיר, אַז ער האָט די גרינגסטע האַנט.

נאָר, אַז כ׳האָב צו אים געשיקט מיין שוועסטער, איז בשעת ער האָט איר גע־בויערט אַ צאָן, האָט זיך איר אויסגעוויזן, אַז דער סופיט פאַלט איין איבער איר קאָפּ.

— כאַ־כאַ־כאַ, — האָט ריכטער מעקפאַדן האַרציק געלאַכט, — אַז איך בין שוין דאָ, וואָלט איך וועלן מיט דיר אַרומרעדן דעם וויכטיקן ענין. כ׳ווייס, מיין ראַוז און דייוויד לוריא... ווי ראָוז גיט מיר איבער, איז מען אין דער פאַמיליע לוריא ניט גאָר אינגאַנצן צופרידן מיט דער מעגלעכקייט, אַז די לוריא און מעקפאַדן פאַמיליעס זאָלן זיך צונויפגיסן.

און, ניט וואַרטנדיק אויף אַן ענטפער, האָט ער ווייטער גערעדט:

— כ׳וואָלט באמת געוואָלט, זאָלסט מיר דערקלערן, פון וואַנען ביי יידן האָט זיך אָנגעזאַמלט אַזויפיל גאוה. איך ווייס, כ׳האָב זיך אַ ביסל אינטערע־סירט מיט אַנטראָפּאָלאָגיע; ווי אַ ריכטער האָב איך געוואָלט זיך באַקענען מיט די אייגנשאַפטן פון די אַלערליי ראַסן וואָס האָבן אַהער אין לאַנד אַריינ־געשטראָמט און דאָ אין ניו־יאָרק האָבן זיי זיך אַזוי געדיכט אָפּגעזעצט. שעם איך זיך דיר ניט צו זאָגן, אַז אייער „קלעים" איז אַן אומגערעכטער. כ׳מיין, דאָס וואָס איר האָט זיך איינגערעדט, אַז איר זייט אַ ריינע ראַסע. פון וואַנען קומט צו אייך אַזויפיל בלאָנדע יידן? בלאָנדע, מיט בלויע אויגן. אייערע לוריאס, דוכט מיר, קומען פון אַ ריינעם סטאַק, כאַ־כאַ־כאַ.

— ס׳איז ניט קיין שטאָלץ און ניט קיין גאוה. ס׳איז גיכער פון אַלץ — פחד, — האָט לוריא גערעדט ווי פאַר זיך. — ס׳איז שוין דער צווייטער פאַל אין דער לוריא־משפחה. ווען אַ מענטש וויל לעבן, איז עס אַ געזונטער אינ־סטינקט. ס׳אייגענע, אויב אַ פאָלק וויל לעבן.

— דניאל האָט זיין וויב פאַריידישט אינגאַנצן.

— איך האָב גאָרניט קעגן דניאלן. איך האָב אַ ברודער, אפשר קענט איר אים, נייטן, ער איז אַ סאָציאַליסט. ער איז אוודאי צופרידן מיט דער אַסימילאַציע וואָס כאַפּט אַרום געוויסע ווינקלען פון יידישן לעבן.

— יעס, דאָקטאָר... ס׳איז זייער אַן ערנסטער ענין. ווי אַזוי וועט אַמעריקע אויפגעבויט ווערן, אויב אַן איינהייטלעכער, פּאַטריאָטישער געפיל וועט דאָ ניט אַרומנעמען די גאַנצע באַפעלקערונג? צו מיר אין קאָורט ברענגט מען אַלערליי פאַרברעכער, פּיקפּאָקעטס, גענגסטערס, און אויך שיכורים; איז ווייסטו, מיר פאַרדריסט ביז גאָר, ווען מ׳ברענגט צו מיר אַ יידישן פאַרברעכער.

— אָט זעסטו, ווי דו און דיין גלייכן ווילט איר, אַז יידן זאָלן בלייבן יידן. נאָך מער, איר פאַרלאַנגט, אַז יידן זאָלן זיין בעסער פון אַנדערע. ווען אַ ייד גיט פון זיך אַרויס אַ פאַרברעכער, רייסט עס ביי אַלעמען די אויגן.

— מעג איך פונדעסטוועגן פרעגן ביי דיר, זאָלסט מיר דערקלערן, פאַרוואָס אין רוסלאַנד באַהאַנדלט מען אַזוי שלעכט די יידן? איז דאָס אמת, אַז דאָרטן פאַרנעמען זיי זיך מיט אונטערגראָבן דעם צאַרס טראָן?

— מ׳האָט דאָ אויך ניט ליב יידן. נאָר דאָ קומט די שנאה ניט צו אַזאַ ברוטאַלן אויסדרוק ווי אין רוסלאַנד.

— דאָס איז ניט אינגאַנצן אמת. כאָטש מיטן שטאַרקן וואוקס פון דער יידישער באַפעלקערונג באַווייזט זיך דאָ־און־דאָרטן אומפריינטלעכקייט. דאָס איז אימפּאָרטירט געוואָרן פון יענער זייט ים. אויף אונדזער אַמעריקאַנעם

באַדן וואַקסט ניט אַזאַ שווינערײ. כאָטש ניו־יאָרק האַלט ביים ווערן אַ יידישע שטאָט.

— ס'איז ניט קיין געפאַר.

— איך מיין, יידיש, מיט איר גאַנצער סטרוקטור. איך בין אַ געבאָרענער אין ניו־יאָרק. איך געדענק גוט ווי האַרלעם האָט אויסגעזען; איך געדענק נאָך גוט ווי בראָנקס האָט אויסגעזען. דאָרטן האָבן דייטשע און אײרישע אָנגעהויבן בויען אַ גאָרטן־שטאָט. ניו־יאָרק אַליין איז געווען אַ גאָרטן־שטאָט. יידן האָבן נאָך ביז איצטער קיין אײן בוים ניט פאַרפלאַנצט אין ניו־יאָרק; אָבער הונדערטער טויזנטערביימער האָבן זיי שוין אויסגעהאַקט. ס'וואָלטן אין ניו־יאָרק ניט אָנגעהויבן צו וואַקסן קיין וואָלקן־קראַצער ווען ניט יידן. יעס, איך קריטיקיר עס ניט. אפשר איז עס גוט. אפשר שטעקט אין דעם דער שוואונג פון מוח, און ניט דאָס געפיל פון האַרצן. יידישער קאָפּ רייסט זיך רק אַרויף. יידישע פיס שטייען ניט אײן אויף דער ערד. און ווייסט וואָס איך וועל דיר זאָגן: יידן מאַכן דאָ ניט זייער פערמאַנענטע היים. און פון דעם אפשר שטאַמט דער אנטאַגאָניזם וואָס ווייזט זיך דאָ־און־דאָרטן אַרויס צו יידן.

דאָקטאָר לוריא האָט זיך פאַרזיכטיק צוגעהערט צום פּאַציענט, דער עיקר צו די לעצטע ווערטער זיינע. דאָ האָט דער ניט־יידישער ריכטער, וואָס זוכט אויף אַ געוויסן אופן אַ נאַטירלעכע דערנענטערונג מיט יידן, אַרויסגעזאָגט אַ פּאָר אמתן, וואָס דאָקטאָר לוריא אַליין האָט ניט איינמאָל צווישן אייגענע און פרעמדע אַרויסגעבראַכט. אין אופן, ווי דער גאַסט האָט גערעדט, איז ניט קענטיק געווען, אַז ער קלייבט זיך צו ווערן אַ מחותן מיט די לוריאָס. דאָקטאָר לוריאַן קומט אויפן זינען זיין ברודער דניאל, וואָס רייסט זיך אַזוי אָפּט אַריין צו אים אין אָפּיס אויסקלאָגן זיין ביטער האַרץ —דניאל נעמט זיך פּשוט ס'לעבן צוליב זיין עלטערן זון וואָס וועט גאָר איינגיכן חתונה האָבן מיט דער מיס ראָוז מעקפּאַדן. ווען ניט די גרטע, די מאַמע פון זיין זון, וואָס האָט זיך די לעצטע יאָרן ווי אָפּגעקערט פון יידן, יעמאָלט וואָלט דניאל זיך געוויס געשטעלט צווישן זיין זון און דער ניט־יידישער ראָוז מעקפּאַדן. דאָקטאָר לוריא, ווען ער האָט באַגעגנט דעם ריכטער מעקפּאַדן ביי זיין ברודער אין שטוב, האָט ער געהאַט דעם איינדרוק, אַז דער ריכטער איז שטאַרק צופרידן מיט דעם שידוך. איצטער האָט אים אויסגעזען ווי דער ריכטער מעקפּאַדן וואַרגט זיך מיטן שידוך.

— ס'איז אָנגעשטאָנען אַ צייט וואָס עלטערן דאַרפן זיך ניט אַריינמישן אין לעבן פון דערוואַקסענע קינדער.

— אַנטקעגן וואָס זאָגסטו עס? — האָט ריכטער מעקפּאַדן אָנגעשטעלט ס'פּנים אויף דאָקטאָר לוריאַן.

— כ'האָב דעם איינדרוק פון דיינע רייד, אַז דו ביסט ניט שטאַרק צופרידן מיט דיין טאָכטערס אויסוואַל.

ריכטער מעקפּאַדן איז אומעטיק געוואָרן. ער האָט אַ ווייל אָנגעקוקט דאָקטאָר לוריאַן, וואָס האָט ריין געמאַכט די אינסטרומענטן, וואָס ער האָט באַנוצט פאַר זיין וואונד. אים האָט ניט פאַרדראָסן וואָס ער האָט אָהער פאַרבלאָנדזשעט און פאַנאַנדערגעוויקלט אַזאַ קרענקלעכן שמועס וועגן יידן און ניט־יידן.

— יעס, דאָקטאָר, ווילסט וויסן מיינע אייגענע געפילן? ס'איז ניט נאָר מיינע אייגענע; מיין פרוי פילט אויך אַזוי. דער יונגער לוריא, דייוויד לוריא, ער קומט אַריין צו אונדז. מיר באַטראַכטן אים ווי אַן אייגן קינד. ער איז אַן איידל קינד. קענטיק, פון וואָס פאַר אַ סטאַק ער קומט אַרויס. ס'קען גאָר קיין רייד ניט זיין, אימעצער פון אונדז זאָל די קינדער שטיין אין וועג. אויף וויפל אָבער דורכדעם ווער איך אויך פאַרקניפּט מיט דער יידישער ראַסע ווי אַזעלכע... יעס, דאָקטאָר, דאָס ברענגט אויף אַלערליי געדאַנקען. איך בין אַ ריכטער, ביי מיר עקזיסטירט ניט קיין ראַסן־טעאָריע. ביי מיר, ווען מ'ברענגט צו מיר אַ פאַרברעכער, מאַך איך קיין שום חילוק ניט. אַלעמען באַשטראָף איך ווי דאָס געזעץ פאָדערט. ס'געזעץ ווייסט ניט פון קיין ראַסן־דיסקרימינאַציע. געוויס, די מוטער וואָלט שטאַרק חשק האָבן, אַז דייוויד זאָל אָן קיין שום קאָמפּראָמיס איבערגיין צום קאַטוילישן גלויבן. איך אליין באַשטיי ניט אויף דעם. יעס, יעס, דאָקטאָר; גליקלעך וועט זיין דער דור, וואָס וועט אויף אונדזער באַליבטער אַמעריקאַנער ערד ניט געפונען קיין בבל־כאַאָס, נאָר איין מאָנאָליטיש פאָלק — אַן אַמעריקאַנער פאָלק, מיט איין האַרץ און איין צונג. אַז איך בין גוט געשטימט, — אַ פּאַטריאָט ווי איך דאַרף עס זיין אין מיין לאַגע, — זאָג איך, אַז די ריינע אַמעריקאַנער דאַרפן וואָס פריער זען איינשלינגען די יידישע ראַסע. אַזאַ קאָמבינאַציע ווי דייווידס עלטערן איז ניט געלונגען. אָבער אַזאַ, ווי עס קען אויספאַלן מיט דייווידן און מיין ראָוז — דאָס איז עפּעס אַנדערש. דאָרטן וועט אָפּגעווישט ווערן דער ראַסנ־שטריך. זייערע קינדער וועלן ווערט זיין צו פאַרנעמען זייער פּלאַץ אויף דער אַמעריקאַנער ערד. יעס, דאָקטאָר, — האָט ער געקלאַפּט דאָקטאָר לוריאַן אין פּלייצע, — איך בין זייער צופרידן וואָס כ'האָב זיך מיט דיר נענטער באַקענט. כ'וועל מיין ראָוז שיקן, זי זאָל דיך אַמאָל אַריבערברענגען צו מיר.

נאָך ריכטער מעקפאַדנס אַוועקגיין האָט דאָקטאָר לוריא דערשפּירט אַ שטעכעניש אין די שלייפן. דער שמועס איז פאַר אים ניט געווען ניי. נאָך אין קאַלעדזש האָט ער די דאָזיקע געדאַנקען געהערט פון ניט־יידישע סטודענטן. ווי ווייט דאָקטאָר לוריא האָט זיך די לעצטע צייט געפּרואווט האַלטן פון דער ווייטנס פון משפּחה־עניינים, איז דאָס פאַרט געווען ניט מער ווי אַ שטימונגס־זאַך. זיין אייגן לעבן, וואָס איז אַוועק אויף פאַרנעפּלטע וועלטן, האָט געפירט דערצו, ער זאָל זיך האַלטן פון דער ווייטנס; און אויך דערפאַר, וואָס זיין פערזענלעכער דערפאָלג ווי אַ דאָקטאָר האָט אים די לעצטע צייט ווינציק צופרידנגעשטעלט. זיין ברודער דניאל, וואָס איז צו אים גאַנץ אָפט געקומען פאַרגיסן ס'ביסל מאַנצבילשע טרערן, איז אויך שולדיק געווען אין זיינע שווערע שטימונגען.

— כאַ־כאַ־כאַ, — האָט דאָקטאָר לוריא זיך ביטער צעלאַכט, ווען ער האָט זיך דערמאָנט ווי דניאל האָט מיט אַ פּאָר טעג צוריק מיט אַזאַ זיכערקייט גערעדט, אַז ראָוז מעקפאַדן וועט זיך צוליב דייווידן מגייר זיין, ווי ליליען־רות האָט עס צוליב אים געטאָן.

— און צוליב וואָס טאַקע פאַרלייגן מיטן קאָפּ, אויב אַ קינד וויל דווקא אַוועק פון אייגן פאָלק? יע, דעם געבער איז אַ סך שווערער ווי דעם נעמער. אים איז גרינג צו זאָגן, אַז יידן אַליין דאַרפן זען, אויף דער גליקלעכער אַמעריקאַנער ערד זאָל קיין אומגליק ניט וואַקסן. וואויל און ווי איז צום יידישן

פאַלק, וואָס איז אומעטום ניט מער ווי אַ דאָרן אין פרעמדן, לעבעדיקן לייב. מיר זיינען דער דאָרן, און זיי — ס׳לעבעדיקע לייב. און ווי טוט עס דעם יידן מער ווי דעם ניט־יידן. כאַ־כאַ־כאַ. ס׳ביבלישע פאַלק איז אַראָפּגעקומען קיין אַמעריקע. ניט די ביבל האָט עס מיטגעבראַכט, נאָר די טאָוולען פון דער אַלטער ביבל. די ביבל גופא האָבן בלעטערוויז די ווינטן איבער אַלע וועלט־טיילן צעשפּרייט, כאַ־כאַ־כאַ...

ס׳איז געווען שוין טונקל דרויסן ווען ער איז אַרויס פון אָפּיס. מיט אַ קאַפּוויטיק איז דאָקטאָר לוריא אַוועק באַזוכן עטלעכע פּאַציענטן וואָס זיינען געווען צעוואָרפן איבער דער איסט־סאַיד. ווען ער איז פאַרטיק געוואָרן, האָט ער אַליין ניט געפילט ווי ער האָט אַריבערגעשטיגן די בויערי, איז אַראָפּ מיט בראָדוויי, אַהין וואו די יונגע וואָלקנקראַצער האָבן זיך אַרויסגעהויבן פון צווישן די שורות אַלטע בנינים. „יידישער מוח רייסט זיך צו די הימלען... יידן האָבן טויזנטער ביימער אויסגעוואָרצלט און בויען אַן אייגנאַרטיקע שטאָט, אַ יידישע שטאָט...״ אַזוי וויל דער ריכטער מעקפאַדן, וועמעס מיידל ס׳האָט זיך איינגעליבט אין דניאלס זון.

— וועמעס טראַגעדיע איז אַ גרעסערע — דעם ניט־יידנס, צי דעם יידנס? און אַז די שטאָט ניו־יאָרק וועלן טאַקע יידן אויפבויען הויך ביז צו די וואָלקן, פון דאַנען ביז צו דער בראָנקס, צי וועט מען יעמאָלט דאַנקבאַר זיין יידן? צי יעמאָלט וועלן אפשר יידן שוין האָבן אָפּגעטאָן דאָס וואָס ריכטער מעקפאַדן פאַרלאַנגט פון זיי?

דאָקטאָר לוריא איז צוגעקומען צו דער „בעטערי״, צום אַקוואַריום, זיך פאַרקוקט צום צוגעקליבענעם ברעג.

— ניטאָ דער קעסלגאָרדן... ניטאָ די מחנות אָפּגעריסענע וואָגלער, וואָס האָבן די טאָוולען פון דער אַלטער ביבל מיט זיך מיטגעבראַכט, און זוכן דאָ ערגעץ אַ נייע ביבל אין די טאָוולען אַריינצוקלעפּן. אָט באַלד וועט שוין זיין דרייסיק יאָר, זינט מ׳איז מיט געבויגענע קעפּ פאַרבייגעגאַנגען אָטאָ־דאָ ערגעץ.

אויפן וועג צוריק איז דאָקטאָר לוריא געבליבן שטיין פאַר די הויכע מויערן. איבער זיי האָבן געצויגן גרויע, האַרבסטיקע וואָלקן. אים האָט אויסגעוויזן אַז ניט די וואָלקן, נאָר די בנינים ציען פאַרביי — ציען זייער אייביקן וועג, ווי די יידישע וואָגלער, וואָס טרייבן זיך אום איבער דער וועלט מיט טאָוולען פון אַן אַלטער ביבל. אים האָט אויסגעוויזן, אַז ער אַליין שטייט אויף אַן אָרט, און אַלע בנינים ציען פאַרביי אים. די וואָלקן ציען פון צפון צו דרום, און די שורה הויכע בנינים — פון דרום צו צפון.

ס׳איז געווען שטאָק־פינצטער ווען ער איז געקומען אַ־היים. ער האָט ניט אָנגעצונדן קיין ליכט. אַ מידער איז ער אַנידערגעפאַלן אויפן פאַרבעטן בעט, און ס׳האָט אים אויסגעוויזן, ווי ער שטייט נאָך אַלץ אויף בראָדוויי, נאָענט צו דער בעטערי, און פאַרביי אים ציען די הויכע בנינים פון דרום צו צפון.

אויפגעוועקט האָט אים אַ הייזעריקער געוויין. אים האָט אויסגעוויזן, אַז דניאל איז אַריינגעפאַלן צו אים אין אָפּיס און האָט זיך צערעוועט ווי אַ ניט־דערקווילעטער אָקס: „ראַטעווע מיך, — האָט דניאל געצויגן די הענט, — איך וויל ניט אויסגעמעקט ווערן פון יידישן ספר החיים... האָב רחמנות,

זכריה, קער אום מיין קינד צו זיין פאָלק... נאָר דיר וועט ער פאָלגן, האַ־האַ־האַ — — — — —"

דאָקטאָר לוריא האָט אויפגעעפנט די אויגן, געזוכט אַרום זיך אין דער פינצטערניש, און האָט מיט די בליקן זיך אָנגעשלאָגן אין דער גרויער וואַנט קעגנאיבער. דניאלס שטים, אַ היזעריקע שטים, איז געבליבן שטעקן אין זיינע אויערן. דער געדאַנק האָט זיך פויל באַוועגט, געוואָלט דערגיין, צי ס'איז שוין פאַרטאָג, צי ס'איז נאָך אַרום האַלבער נאַכט. ער האָט דערשפּירט, אַז ער ליגט אויפן פאַרבעטן בעט אַן אָנגעטאָנענער, אפילו די שיך פון די פיס ניט אַראָפּגענומען.

ער האָט זיך אויפגעזעצט אויפן געלעגער, אַראָפּגעהאַנגען די פיס, גרייט אויפצושטיין. אָבער די פיס זיינען שווער געהאַנגען און געבענקט צוריק אויפן געלעגער. דער ווייטיק, וואָס האָט זיך אָנהויב אָוונט געשפּרייט פון זיין צע־וואונדיקטער נשמה און אַרומגעכאַפּט אַלע זיינע גלידער, האָט איצטער נאָכ־געלאָזן. אָנשטאָט דעם איז אַ מידקייט אַרויסגעקוואָלן פון זיינע גלידער און, ווי אים האָט אויסגעוויזן, האָט די מידקייט פול געמאַכט דעם פינצטערן צימער.

נתן, דניאל, הילל אשר, דער פאַרשטאָרבענער שלמה — איינס־ביי־איינס קומען זיי פאַר זיין דמיון, און אַלע, אַ חוץ איינעם, אַ חוץ אשר—גייען זיי אַלע פאַרביי. נאָר אשר, מיט אַ ברייט און רויט צעגאָסענער צורה, איז גע־בליבן שטיין און ברייט געשמייכלט:

— איידלקייט, ברודערשי, איז אַן אַנשיקעניש אויף מענטשן, — דוכט אים ווי אשר מוסרט אים. — גרינג איז מיר געוואָרן צו לעבן אויף דער וועלט ווי נאָר כ'האָב די לוריאס אַרויסגעריסן פון האַרצן און אַריינגעשליידערט אין גאַרבעדזש־פּעיל. אַ נאָר בין איך געווען צו קומען, פאַלן פאַר דיינע פיס, זאָלסט מיך מקרב זיין. איצטער, אַז איך בין קיינעם פון אייך גאָרניט שולדיק, אפילו דער גוטהאַרציקער שוועסטער אויך ניט, אַז איך קען זיך אויסלאַכן פון אַלע אייערע נאַרישע קעפּ, איז מיר גרינג געוואָרן צו לעבן אויף דער ערד... אין אַמעריקע לעבט איר, אין אַמעריקע, וואו דער מאַן האָט אָפּגעגאָלט זיין באָרד, בוקט זיך צום גאָלדענעם קאַלב, און האָט גאָט אין דר'ערד, כאַ־כאַ־כאַ.

אשרס געשטאַלט פאַרשווינדט, און ליזאַבעט שטעלט זיך פּלוצלונג אַוועק פאַר זיין דמיון. גאַוהדיק, מיט דער פולער ברוסט פאַרויס, קומט זי פון דער פינצטערניש אַרויס. אויך זי מוסרט אים:

— אַ פאָני פאָלק זייט איר, יידן... אפילו דו האָסט זיך קיין כוח ניט אָנגעטאָן און ניט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די יידישע צעקראָכנקייט. אַז כ'האָב דיך אַמאָל אין מיינע אָרעמס אַריינגענומען, האָט מיר אויסגעוויזן פונקט ווי אַ קינד וואָלט איך געהאַלטן אין מיינע אָרעמס. האָסט אפילו ניט באַגריפן ס'האַרץ פון אַ יונגער פרוי, וואָס איז גרייט געווען דיר זיך איבערצוגעבן! אַז איך קום אַמאָל זיך זען מיט מיין שוועסטער, און דו קומסט אָן, ווען דו וואָלסט ניט געווען דניאלס אַ ברודער, וואָלט איך דיר אַריינגעלאַכט אין פנים אַריין און דערציילט, ווי דו זעסט אויס אין מיינע אויגן. ביסט געראָטן אין דיין אייגן פאָלק וואָס האָט זיך אַהער אַראָפּגעלאָזן און פאַרמיסטיקט אונדזערע גאַסן. גוט איז מיר, אַז איך בין ווייט פון אייך אַלעמען, אפילו פון מיין אייגענער שוועסטער, וואָס האָט איר לייב אַוועקגעגעבן צו אַ צעקראָכענעם יידן.

ליזאַבעט, דוכט אים, האָט אָנגעהויבן צו לאַכן, און אַזוי פון איר אייגענעם געלעכטער ווערט זי אויפגעריסן. בלויז די טונקלקייט באַוועגט זיך אַ ווייל און שפּרייט זיך אויס איבער דער גרויער וואַנט קעגנאיבער.

די טונקלקייט שטייט אָפּ פון וואַנט, און פון איר קומט אַרויס שטום און שטיל עמאַ בערגער. די אַקסלען שמאָל־צונויפגענומען, שעמעוודיק; די הענט ביי די זייטן אַראָפּגעלאָזן. ס׳פּנים בלאַס, טיילט זיך אַרויס פון דער טונקלקייט. די אויגן ברייט אָפן, קוקן צו אים; אָט באַלד וועלן די גרויסע אויגן פאַרטרערט ווערן.

אָבער עמאַ לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ און ער זעט מער ניט איר פּנים, זעט מער ניט אירע אויגן. ער וואָלט גערן געהערט אויך אירע שטראָפרייד. פאַרדינטע שטראָפרייד. אַנטקעגן איר שפּירט ער זיך שולדיק. שאַרפע ווערטער וואָלט ער פון איר וועלן הערן, און ער וואָלט זיך אפילו ניט פּרוואוון פאַרענטפערן. גוט וואָלט אים איצטער געווען, ווען מיט שטראָפרייד וואָלט זי זיין האַרץ אויסגעוואַשן, וואָלט זי זיין שווער אָנגעלאָדענעם קאָפּ גרינגער געמאַכט... האָט עמאַ דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזן, ווי זי וואָלט וואַרטן, ער זאָל צו איר צוגיין, מיט אַיין האַנט אַנרירן איר אַקסל, און מיט דער אַנדערער — אויפהייבן איר קאָפּ, אַריינקוקן אין אירע אויגן, און זאָגן איר ס׳איינציקע, אויסגעהיטע און געגאַרטע וואָרט — — —

ער איז אַראָפּ פון געלעגער און אָנגעצונדן ליכט. ס׳איז געווען דריי נאָך האַלבער נאַכט.

ער האָט אַרויסגענומען זיין טאָג־בוך און פאַרצייכנט:

„אַ ריין יידישע וועלט וואַקסט פאַרלויפיק אויפן יידישן בית־עולם אין ברוקלין, אָבער ניט דאָס לעבעדיקע לעבן... עקשן זיך ניט, דניאל. ניט דו וועסט אַמעריקע איינעמען. אַמעריקע וועט דיך איינעמען..."

קאַפּיטל איין און צוואַנציק

דער „טראַיענגל" פּייער האָט איבערגעלאָזן טיפֿע צייכנס אין לעבן פֿון די בערגערס. די ערשטע צייט האָט אויסגעוויזן, ווי אין שטוב האָט מען געוואָרט אויף אַ פֿאַרבאָרגענעם באַפֿעל: „פּאַקט זיך איין און לויפֿט צוריק קיין רוסלאַנד, דאָרטן וואו איר האָט אָנגעהויבן לעבן, דאָרטן זוכט דעם סוף פֿון אייערע טעג!"

עס וואָלט אפֿשר געפּירט דערצו; נאָר אין דער ריכטיקער צייט האָט זיך עמאָ ווי פֿון אַ לעטאַרגישן שלאָף אויפֿגעכאַפּט, באַמערקט דעם טיפֿן טרויער און יאוש, וואָס האָט זיך אויף טאַטע־מאַמע און צוויי ברידער אָנגעלייגט, און באַשטימט, אַז דער וועג אויף צוריק איז אָפּגעשניטן.

דער ייִנגערער ברודער, וועלוול, האָט אויך אין צייט זיך אַ רודער געטאָן, אַראָפּצוטרייסלען פֿון זיך דאָס אומגליק, וואָס דער „טראַיענגל" פּייער האָט אַריינגעבראַכט אין שטוב.

אמת, נאָך אין פּרילינג, ווען פֿון רוסלאַנד איז אָנגעקומען די ידיעה, אַז אין ווייטן, קאַלטן סיביר האָבן פּאָליטיש־פֿאַרמשפּטע אָנגעהויבן אַ הונגער־סטרייק צוליב דעם וואָס מ'האָט עטלעכע פֿאַרמשפּטע געשמיסן, האָט עס עמאַן אויפֿגערודערט:

— וואָס טו איך דאָ? — האָט זי היסטעריש געוויינט. — וואָס שלעפּ איך זיך אום איבער די גאַסן פֿון אַ שטאָט וואָס איז מיר ווילד און פֿרעמד, צווישן מענטשן וואָס זיינען מיר ווילד־פֿרעמד? לאָזט מיך פֿאָרן צוריק; דאָרטן איז מיין פּלאַץ, צווישן די קעמפֿער וואָס וועלן נאָך אַמאָל אויפֿרייסן די פֿינצטערע רוסלאַנד און אויף אירע חורבות בויען אַ בעסערע, וואו קיין פּאָגראָמען וועלן ניט זיין, וואו מ'וועט ניט שמייסן קיין מענטשן פֿאַר אַרויסזאָגן דעם אמת.

איר ברודער וועלוול האָט געוואַרט ביז זי האָט זיך באַרואיקט:

— איצטער ביסטו דאָ, און ניט אין רוסלאַנד, — האָט ער זי אָנגעהויבן מוסרן. — דאָ איז דער קאַמף מער עקשנותדיק דערפֿאַר, וואָס דאָ איז דערלויבט צו רעדן וואָס מ'וויל. דאָרטן שאַרפֿט מען די ציין ווי אַזוי פּטור צו ווערן פֿון צאַר און זיינע פֿאַסקודנע משרתים. און דאָ קעמפֿט מען מיטן קאַפּיטאַל. דאָרטן, דוכט זיך אויס, אַז ס'גאַנצע אומגליק שטעקט אין דעם וואָס איבער דער גרויסער רוסלאַנד הערשט דער אידיאָטישער צאַר, און דאָ קלייבן מיר אַ פּרעזידענט. דאָס פֿאָלק קלייבט אים, אָבער דאָ הערשט אַ גאָלדן קאַלב, און מענטשן, פֿאַר זייער ביסל עולם־הזה, האָבן נאָך גאָר ניט לאַנג געאַרבעט ווי אַמאָל די קנעכט אין מצרים. פֿופֿצעהן שעה אין טאָג, טריט־ביי־טריט, קעמפֿט מען דאָ, און מען קעמפֿט אויס ביי קאַפּיטאַל נאָך אַ פֿרייע שעה, נאָך אַ טראָפּעלע גרינג לעבן.

— טאַ, פאַרוואָס העלפסטו מיר ניט, כ׳זאָל אַריין אין אַ שאַפּ אַרבעטן, כ׳זאָל אַריין אין דער אַרבעטער־וועלט? אפשר וואָלט איך זיך אַרויסגעשלאָגן פון קאָפּ רוסלאַנד.

— דאָרטן אַ פּאָגראָם וואָס כוליגאַנעס און סאָלדאַטן מיט שווערד און ביקסן האָבן אויף יידישן לעבן אויסגעשפּריים, און דאָ פּאָגראָמען דורך העליש פייער וואָס באַסעס האָבן אויף אַרבעטער אויסגעשפּרייט. דאָס זיינען אויך פּאָגראָמען וואָס מ׳מוז באַקעמפן.

עמאַ האָט געהערט ווי איר ברודער רעדט, און געפילט, ווי ס׳איז אָנגעשטאַנען די שעה אַרויסצוהייבן זיך איבערן דאָפּלטן אומגליק. ביסלעכווייז איז דאָס געשען. פונקט ווי נאָך אַ שרעקלעכער ערד־ציטערניש און וואולקאַנען־אויסברוך טרעפט, אַז אַ גאַנצע געגנט בייט איר פּנים, אַזוי טרעפט עס צומאָל אין לעבן פון אַ מענטשן, ווען אַ שרעקלעכע קאַטאַסטראָפע רייסט אויף זיין לעבן, רייסט אָפּ די פאַרגאַנגנהייט פון דער קעגנוואַרט, און רייסט אויף טיר־און־טויער צו אַ לויטערן מאָרגן.

עמאַ האָט אָנגעהויבן צו גיין מיט איר ברודער אויף אַרבעטער־פאַרזאַמלונגען; זיך צוגעהערט צו אַלערליי „ספּיטשעס״, און אין האַרצן זיי קריטיקירט. זי האָט ווי איצטער צום ערשטן מאָל באַמערקט ווי ווייט די פּרויען צווישן די אַרבעטער זיינען הינטערשטעליק. זעלטן ווען אַ פרוי טרעט אַרויס. און ווען זי שטייט אויף, זאָגן עטלעכע ווערטער, פעלן איר די נויטיקע ווערטער אויסצודריקן אַן אַרעמען געדאַנק. און כאָטש עמאַ, פאַר די עטלעכע יאָר אין אַמעריקע, האָט שוין געפּרוּווט אַרבעטן אין אַ שאַפּ אויך, איז איר איצטער פאַרגעקומען ווי צום ערשטן מאָל האָט זי ביי זיך געפּועלט איבערצורייסן מיט דער פאַרגאַנגנהייט. ס׳איז איר אויסגעקומען, ווי ביז איצטער, זינט זי איז פון רוסלאַנד אָנגעקומען, איז זי געווען פאַרנומען מיט שבעה־זיצן.

פונדעסטוועגן זיינען פינף חדשים אַוועק ביז איר איז געלונגען אָנצוקומען אין אַ שאַפּ אַרבעטן. און דאָס אויך — מיט דער הילף פון אַ רעקאָמענדאַציע, וואָס איז איר זייער ניט געווען צום האַרצן, איז זי אָנגעקומען אַרבעטן אין בלוזן־שאַפּ פון די „באַגען־ברידער״, דאַון־טאַון, נאָענט צו דער בויערי. פאַרשאַפט דעם פּלאַץ האָט פאַר עמאַן דינה לוריא, דורך מילדרעד זילבערמאַן. אַזוי־אַרום האָט מען פון עמאַס שריט ניט געוואוסט דאָרטן וואו איר, עמאַן, איז עס געווען דערווידער. אַרבעטן, ווערן זעלבסטשטענדיק, דאָס איז איר איינציקער באַגער געווען. און אויב אַ טובה — זאָל זי ניט קומען פון די מענטשן וואָס האָבן אויף איר אַמאָל רחמנות געהאַט.

די „באַגען־ברידער״, פאַרקירצט פון קאַצענעלנבויגן, זיינען קיין אַמעריקע אָנגעקומען אין קריזיס־יאָר פון אַכצן פיר און ניינציק, און דורכגעמאַכט דעם אויסגעטראָטענעם וועג פון אַ סך גרינע, וואָס האָבן בלויז די שפּיץ פינגער פון די הענט פאַרדונגען צו שטעפּן העמדער, בלוזן, קינדער־הייזקעס, אָבער קאָפּ־און־האַרץ האָבן זיי אָנגעשפּאַרט פאַר אַ בעסערער געלעגנהייט, ווען די גוטע שעה וועט שלאָגן — איינצושפּאַנען הונדערטער פּאָר הענט זיי זאָלן באַגלייטן פון זייערטוועגן דעם שטאָף צו דער נאָדל.

ביידע שמאָל־פּלייציקע פון מיטעלן וואוקס מיט ברוין־רויטע, לענגלעכע קעפּ אויף אויסגעצויגענע, עטוואָס פאַרויס־געבויגענע העלדזער, און מיט ברוינע, שפּיציקע אויגעלעך, וואָס סיי פון כעס און סיי פון מיטלייד האָבן זיי

זיך פֿאַרצויגן מיט אַ טוי. כאָטש דער עלטערער האָט געוואוינט אין בראָנקס, און דער ייִנגערער — אין ברוקלין, זײַנען זיי שטענדיק אין איין צײַט אָנגעקומען אינדערפֿרי אין שאָפּ. ממש אין טיר האָבן זיי זיך באַגעגנט. בײַם אַרײַנקומען אין שאָפּ, האָט מען געקענט באַמערקן ווי בײַ ביידן ווערט דער קאָפּ ברייטער, דער האַלדז פֿולער — ווי פֿון אַ פֿייכטן און פֿינצטערן קעלער וואָלטן זיי אָנגעקומען אין ליכטיקן גן־עדן אַרײַן.

ווי אַ צווילינג, וואָס איז מיט אומזיכטבאַרע פֿעדים ערגעץ צונויפֿגעבינדן, אַזוי זײַנען זיי אין פֿאַרלויף פֿון טאָג דאָ־און־דאָרטן אינאיינעם אויסגעוואַקסן. דאָ — בײַ די קאַטערס; דאָ — בײַ די פּרעסערס; און דאָ — בײַ די מיידלעך איבער די ניי־מאַשינען. ס'האָט צומאָל אויסגעוויזן, אַז די צוויי פּאָר באָגען־הענט טוען איין פֿליכט. די צוויי פּאָר אויגן קוקן אין פֿינטל אַרײַן. ביידע נעט אָנגעטאָן, שטײַף פֿאַרשפּילעט, ווי דאָס אָנטאָן וואָלט אויף זיי געפּאַסט צו ענג.

אַז ס'איז אויסגעקומען צו מאַכן אַן אַרבעטערין אַ באַמערקונג, כאָטש זיי זײַנען ביידע צוגעגאַנגען אויסמײַדנדיק דעם פֿאָרמאַן, האָט פֿונדעסטוועגן דער ייִנגערער גערעדט און דער עלטערער האָט מסכּים געווען מיט שווײַגן. ניט מער, אַז ס'איז נויטיק געווען צו ווערן אין כּעס, בשעת דער ייִנגערער האָט די טענות אויסגעלייגט און זיך געבייזערט, איז זײַן פּנים געוואָרן רויט. דעם עלטערנס פּנים איז בשעת מעשה בלאַס געוואָרן.

דעריבער האָבן די אַרבעטער צווישן זיך באַשטימט, אַז פֿון די צוויי באָגען־בריִדער איז דער עלטערער דער קליגערער און דער בעסערער; און דער ייִנגערער — אַן אָפּגעריסענער נאַר. דער עלטערער האָט קיין קינדער ניט געהאַט. דערפֿאַר האָט דער ייִנגערער געהאַט דרײַ זין, און דער עלטסטער זון, סידני, וואָס האָט געהאַלטן בײַם ענדיקן לאָו, אַ ברונעט, אין דער מאַמען געראָטן, ער האָט ליב געהאַט פֿון דער העלער הויט אויסצוּוואַקסן אין שאָפּ, ניט אַזוי באַטראַכטן די אַרבעט ווי זי גייט אָן צווישן די הונדערט און נײַן מיידלעך און ווײַבלעך, נאָר איבער די מיידלשע הענט וואָס העלפֿן באַדינען די ניי־מאַשינען האָבן זײַנע אויגן אומגעבלאָנדזשעט. אַ סך פּאָר אויגן האָבן צו אים פֿון אַ זײַט אַפֿיר געקוקט ווען ער האָט זיך אומגעדרייט צווישן די טישן מיט אָנגעשניטענע, אָדער אין דער העלפֿט פֿאַרענדיקטע אַרבעטן. אַ רעטעניש געווען, וואָס ער איז אַ ווײַל לענגער געבליבן וואו עמאַ בערגער איז געזעסן. עמאַ בערגער האָט עס געפֿילט, און בשעת מעשה איז איר אין די אויגן פֿינצטער געוואָרן.

גלײַך פֿון דער ערשטער וואָך אָן האָט עמאַ אויף זיך דערפֿילט די ניט־פֿאַרלאַנגטע פֿרײַנטשאַפֿט פֿון די באָגען־בריִדער. זי האָט ניט געוואוסט ווי פֿון דעם זיך צו באַפֿרײַען. דער שאָפּ איז מיט אַ רײַ פֿענצטער אַרויסגעקומען צו דער בויערי, צום עלעוויִטאָר, וואו איר פּלאַץ איז די ערשטע וואָך געווען. האָט מען גאָר אומגעריכט אויף דער צווייטער וואָך איר פּלאַץ איבערגעביטן. „זאָל איר דער עלעוויִטאָר ניט רוישן אין די אויערן". דערפֿאַר איז זי אַרײַנגעפֿאַלן צווישן צוויי שכנטעס: בײַ איר רעכטער האַנט האָט געאַרבעט אַ יונגע אלמנה, וואָס האָט איר מאַן שוין באַגראָבן אין אַמעריקע, און אירס אַ מיידעלע האָט זי איבערגעגעבן אין אַ בית־יתומים — מיסיס קאַפּלאַן. דער פֿאַר דער צײַט גרוי געוואָרענער קאָפּ האָט פֿון איר פּנים די יוגנט ניט אַראָפּ־

געטריבן. ביי דער לינקער זייט האָט געאַרבעט אַ נאָך גאָר גרינגע, איינגע־טשאַכנעטע, איבערגעשראָקענע, שוואַרץ־חנעוודיקע, ניינצן יאָריקע מיידל, איטע טשערקעס, וואָס האָט פאַרנאַכטצו אַריינגעקראָגן אַ צופרידענע קינדישקייט אין פנים.

עמאַ האָט געפילט ווי פאַרביידן איז זי אַ רעטעניש. איר האָט אויסגע־וויזן, ווי די צוויי שכנטעס אירע זיינען פון גאַנצן שאַפּ אָנגעשטעלט צו דער־גיין די סודות פון איר לעבן. אפילו דער פאַרמאַן, וואָס איז עטלעכע מאָל אין טאָג צוגעקומען און געוואָרנט די „גרינע" איטע טשערקעס: — אַז אויב זי וועט כסדר אַזוי שטעפּן קרום די נעט, וועט ער זי אַן צערעמאָניעס אַרויסשיקן פון שאַפּ, אפילו דאָס איז ניט מער ווי אַן אָנשטעל, און באמת וויל ער גאָר איר, עמאַן, וואָרענען; נאָר צוליב דער רעקאָמענדאַציע, וואָס ציט זיך אַוועק אַזש צו די חלפנס און די לוריאַס, טוט ער עס ניט.

נאָך קיינמאָל האָט עמאַ אַזוי ניט געגאַרט צו פאַרגעסן די פאַרגאַנגנהייט. און באמת איז דאָך ווי אַהינטער אַ נעפּל פאַרשוואונדן דער מענטש, וואָס האָט אַמאָל מיט דעם אַנריר פון זיינע בלאַסע הענט אויפגעוועקט אין איר דאָס פאַרחלשטע לעבן. קיינער האָט אין איר קעגנוואַרט אין שטוב זיין נאָמען ניט דערמאָנט. דער מענטש דאָקטאָר לוריאַ, וואָס איז נאָך צוויי מאָל אַזוי אומגע־ריכט פאַר איר אויסגעוואַקסן, איינמאָל ביי דער ברענענדיקער „טראַיענגל" געביידע, ביים פאַרברענטן קערפּער פון איר שוועסטער, און איינמאָל אין צייט פון שבעה. און ווייטער — — — „צעגאַנגען אויף אייביק זיינען אונדזערע וועגן באַזונדער. ביי דער אַרבעט וויל איך זיך פאַרלירן, פאַרהאַרטעוועט ווערן און ווען נויטיק מיט אַלע מוטיקע אַרבעטער קעמפן פאַר מענטשלעכער באַהאַנדלונג. . ." דאָס זיינען געווען געדאַנקען וואָס האָבן אָבער און ווידער געקלאַפּט אין קאָפּ און זי צוגעשמידט צו דער ניי־מאַשין.

פילט זי אָבער, אַז די צוויי שכנטעס אירע קוקן פון אַ זייט מיט חשד צו איר.

דער דאָזיקער געפיל איז פאַרשטאַרקט געוואָרן, ווען אויף דער צווייטער וואָך נעמט די אלמנה מיסיס קאַפּלאַן און טוט איראָניש אַ זאָג:

— פאַרוואָס פאַרקוקט דער פאַרמאַן אייער אַרבעט? אויב איר האָט אַזאַ פּול ביי די צוויי שמאָגען־ברידער, אפשר וואָלט איר אויסגעפועלט, דער פאַסקודנער פאַרמאַן זאָל אַזאַ חזיר ניט זיין?

עמאַ האָט ניט געענטפערט. זי האָט בלויז אַ לאַך געטאָן.

— פון וועמען לאַכט איר עס? — איז מיסיס קאַפּלאַן צוגעשטאַנען.

— איך לאַך פון מיינע הענט, וואָס האָבן זיך פון מיין האַרצן אָפּגעריסן; זיי לויפן, און מיין האַרץ לויפט זיי נאָך.

סוף דריטע וואָך זינט עמאַ איז אָנגעקומען צו די „באָגען־ברידער", אַרום ניין אַזייגער אין אָוונט, איז גאַנץ אומגעריכט אַראָפּגעקומען צו די בערגערס מילדרעד זילבערמאַן. זי האָט זיך אָנגעטאָן איינפאַך און געהאַלטן אַזוי באַ־שיידן, ווי זי וואָלט אַראָפּגעקומען בעטן אַ גרויסע טובה. קיינער פון די בערגערס האָט זי ניט געקענט, אויסער עמאַן, וואָס האָט זי בלויז איינמאָל באַגעגנט ביי די סטאַנס. דאָס איז געווען מיט אַ יאָר צוריק.

עמאַ האָט זי פריינטלעך אויפגענומען, האָט זיך באַמיט צו באַהאַלטן איר אויפרעגונג. זי האָט געזוכט דעם פּאַסיקן אופן ווי זי פאַרצושטעלן פאַר די

שטובלייט, און ווען זי האָט דערמאָנט, אַז דער גאַסט איז קעראַלאַינס אַ שוועגערן, לעאָנאַרד סטאַנס אַ שוועסטער, איז דער מוטער הייס געוואָרן אין האַרצן, און זי האָט דעם שטול פאַרן גאַסט אַרויסגערוקט אויף אינמיטן צימער.

מילדרעד איז אויף שנעל דורכגעלאָפן מיט די בליקן איבערן צימער, מעבל און מענטשן, און איר בליק איז אַ רגע געבליבן אויף לייב בערגער, דעם פאָטער, וואָס איז פאַר דער צייט גרוי געוואָרן. דערנאָכדעם האָט זי פריינטלעך אַ שמייכל געטאָן צו וועלוולען, וואָס איז זייער גלייכגילטיק געשטאַנען ביים פענצטער.

— איר זייט סורפּרייזט וואָס איך בין ניט־געבעטענערהייט געקומען. איך בין סורפּרייזט אויף זיך אַליין, וואָס איך האָב אין אַ יאָר אַרום, ווי כ׳האָב מיס בערגער באַגעגנט, זיך דערמאָנט, אַז איך האָב צוגעזאָגט צו קומען.

עמאַ האָט זיך געפּרואווט דערמאָנען ווען מילדרעד זילבערמאַן האָט איר צוגעזאָגט צו קומען. זי געדענקט, אַז יעמאָלט ביי די סטאַנס האָט זי אפילו ניט געהאַט די געלעגנהייט מיט איר צו רעדן; און בכלל האָט זי יעמאָלט אין אירע רייכע קליידער, מיט די בריליאַנטן אויף די פינגער, אויף איר ניט געמאַכט קיין גוטן איינדרוק. איצטער האָט מילדרעד אויסגעזען אַ סך סימפּאַטישער. קיין סימן פון יענעם רייכן אַנשטעל.

— ווען מיר זיינען אַהער געקומען, איז נאָך די יידישע ניו־יאָרק אַזוי גרויס ניט געווען. אַ קליין ביסעלע יידן זיינען געווען. מ׳האָט זיך אָפטער געזען; מ׳האָט געקענט אָפּהיטן פריינטשאַפט. איצטער איז שוין ניט די אייגענע ניו־יאָרק. יידן זיינען שוין צעשפּרייט איבער דער גאַנצער שטאָט. אפילו מיין פריינט דאָקטאָר לוריאַן האָב איך שוין אַזוי לאַנג ניט געזען.

— צוליב וואָס דערמאָנט זי זיין נאָמען? — האָט עמאַ אַ טראַכט געטאָן. — אוודאי איז זי ניט צוליב דעם געקומען.

— ווי לאַנג זייט איר שוין אין אַמעריקע? — האָט לייב בערגער באַשיידן געפרעגט.

— זיי זיינען לאַנג אין אַמעריקע, — האָט וועלוול זיך אָפּגערופן. — די גאַנצע צייט זינט זיי זיינען געקומען זיינען זיי אין אַמעריקע.

— פון וואַנען ווייסטו ווי לאַנג זייער פאַמיליע איז אַהער אַריבערגעקומען?
— האָט דער פאָטער ברוגזלעך געפרעגט.

— מיר זיינען שוין דאָ איבער דרייסיק יאָר, — האָט מילדרעד געענטפערט און גוטמוטיק געשמייכלט צו וועלוולען.

— איך האָב געמיינט עפּעס אַנדערש, זאָל דיר, טאַטע, ניט פאַרדריסן. איך ווייס ווער מיסיס זילבערמאַן איז. איך האָב געמיינט צו זאָגן, אַז זיי, זייער גלייכן, זיינען טאָקע געקומען קיין אַמעריקע. אָבער דו, און מיר אַלע, מיר זיינען נאָך קיין אַמעריקע ניט אָנגעקומען.

— פאַרוואָס? — האָט מילדרעד געפרעגט.

— מחמת דאָס, וואָס מיר האָבן דאָ דערגרייכט, האָבן מיר גוט געקענט האָבן אין רוסלאַנד אויך.

— דאָס איז קלוג געזאָגט, — האָט מילדרעד מסכים געווען. — וואָס־זשע טוט איר, אַז אַמעריקע זאָל ווערן אייער היים?

— מיר קעמפפן. מיר זיינען ניט די איינציקע וואָס אַמעריקע איז נאָך ניט זייער היים. אַלע יידישע אַרבעטער, וואָס גיבן אַוועק זייערע כוחות פֿאַר אַלערליי באָסעס, קעמפֿן ווי זיי קענען, כדי צו שאַפֿן פֿאַר זיך אַ לאַגע, זיי זאָלן פילן, אַז דאָס איז זייער היים.

— איך ווייס, אַז איר זייט אַ קעמפער, — האָט מילדרעד קאָקעטירט מיט איר שטים. — איך בין צופרידן וואָס מיסטער זילבערמאַן, טאַקע מיין מאַן, איז ניט אַריין אין דער נאָדל־אינדוסטריע, און דאַרף ניט אַנהאַלטן קיין שעפּער, און ניט שטעלן אין געפֿאַר קיין אומשולדיקע מענטשן, ווי דאָס האָט געטראָפֿן מיט די אומגליקלעכע אַרבעטער אין „טראַיענגל"־שאַפּ.

ביי די שטובלייט האָט זיך ס׳ליכט אין פּנים אויסגעלאָשן. מילדרעד האָט זיך גלייך געכאַפּט, אַז זי האָט געמאַכט אַ טעות, און האָט געוואָלט פֿאַריכטן:

— יעס, — האָט זי אַריבערגעקוקט צו וועלוולען, — איר האָט פֿריער גוט געזאָגט. אַמעריקע, ווען זי קלייבט אָפּ, גיט זי אַלע מעגלעכקייטן. ווי גייט עס אייך ביי די „באָגען־ברידער?" — איז זי צוגעגאַנגען און גענומען עמאַן פֿאַר די הענט. — טוען ניט ווי די הענט פֿון אַזויפֿיל שטעפּן און שטעפּן? דאָס האָב איך געזען, זיי זאָלן אייך געבן אַ פּלאַץ. מ׳איז מיט אייך צופרידן. נאָר איך בין ניט צופרידן וואָס איך האָב קיין בעסערס ניט געקענט צוטראַכטן.

— איך דאַנק אייך זייער פֿאַר דעם. קיין בעסערס זוך איך איצטער ניט.

עמאַ האָט גערעדט, און געפֿילט ווי ס׳איז איר געוואָרן קאַלט און הייס. ס׳האָט איר שיעור ניט אָנגעהויבן קלאַפּן אַ צאָן־אָן־אַ־צאָן.

— פֿאַרוואָס זאָל אַזאַ מיידל ווי איר זיך באַנוגענען מיט דעם וואָס איר קריגט ביי די באָגענס? זיי זיינען אונדזערע פֿריינט. מיט דעם ייִנגערנס פֿרוי קום איך אויס זייער גוט... איך וויל אייך זאָגן...

— איך בעט אייך, זאָגט מיר גאַרניט, מיסיס זילבערמאַן, — האָט עמאַס שטים געציטערט פֿאַר באַהאַלטענער אויפֿרעגונג. — איר האָט די באָגענס אויך ניט געדאַרפֿט זאָגן ווער איך בין. אוודאי בין איך ניט בעסער פֿון די מיידלעך וואָס אַרבעטן דאָרטן אין שאַפּ. און איך וויל ניט מ׳זאָל מיך באַ־האַנדלען בעסער.

— פֿאַרוואָס, מיין טאָכטער, זאָלסטו אַזוי רעדן? — האָט גאָלדע מיט האַרץ און זעל געוואָלט איבערגעבן דער טאָכטער, „זי זאָל זיך ניט באַנאַרישן", אויב אַ גוטער פֿריינט קומט און וויל טאָן אַ טובה.

— רעדסט נאַרישקייטן, עמאַ, — האָט דער פֿאָטער ניט געקענט באַהאַלטן זיין אויפֿרעגונג.

— וועלוול, איך בעט דיך, דו רעד מיט זיי, כ׳מיין מיט דעם טאַטן און מיט דער מאַמען, גיב איר צו פֿאַרשטיין, אַז דאָס איז ס׳בעסטע געווען פֿאַר מיר פֿון וואָס איך האָב געקענט אָנהייבן.

— איך ווייס ניט וואָס צו זאָגן, — האָט וועלוול גערעדט אַ ביסל צעטומלט.

— איך ווייס ניט וואָס מיסיס זילבערמאַן איז געקומען דיר פֿאַרלייגן. מען מעג אויסהערן. אפֿשר אַן אַנדער שאַפּ. די באָגען־ברידער, זייער שאַפּ קען איך. מ׳באַדאַרף זיך ניט שלאָגן דערפֿאַר, צו קענען אַרבעטן ביי די באָגען־ברידער.

— גוד־נאַיט, טייערע, — האָט מילדרעד אַרומגענומען און געדריקט צו זיך עמאַן. — איך בין ניט געקומען אין דער פּאַסיקער צייט. זאָגט אייער טאָכטער, — האָט זי אַריבערגעקוקט צו טאַטע־מאַמע, וואָס זיינען געבליבן

צעטומלט, — אַז איך בין געקומען אַהער, מעג עמאַ קומען צו מיר. מיך פאַרדריסט ניט וואָס איך בין צו אייך געקומען, אייך וועט ניט פאַרדריסן אויב עמאַ וועט צו מיר קומען.

ווען מילדרעד איז אַרויס פון שטוב, האָט די מוטער זיך אַ ריס געטאָן צום טיר, ווי עפּעס נאָכצוזאָגן דעם אומגעריכטן גאַסט; אָבער עמאַ האָט איר פאַרשטעלט דעם וועג:

— וואוהין, מאַמע, ווילסטו גיין?

— כ׳וויל איר באַדאַנקען פאַר איר קומען צו אונדז.

— איך בעט דיך, וועלוול, געפין פאַר מיר אַ פּלאַץ אין אַן אַנדער שאַפּ. כ׳וועל דיר קיינמאָל די טובה ניט פאַרגעסן.

— דערווייל, עמאַ, גיס ניט אַרויס דאָס אומריינע וואַסער איידער דו געפינסט ריינע. איך בין ניט צופרידן מיט דיין האַלטונג. מיר וועלן נאָך אַלע אַמאָל אַריינקומען אין אַמעריקע.

דערנאָכדעם זיינען אַלע אַנטשוויגן געוואָרן. עמאַ האָט חושד געווען, אַז אין מילדרעדס באַזוך איז אימעצער פון די לוריאַס שולדיק. אפשר קעראָלאַין. און אפשר — דאָקטאָר לוריא.

— אויף באַזונדערע וועגן זיינען מיר זיך צעגאַנגען; צוליב וואָס זיך נאָך אַ מאָל באַגעגענען?

* * *

די גאַנצע בערגער־משפּחה איז אַרויסגעקומען קיין „עליס־איילאַנד״ צו באַגעגענען די מערלין־משפּחה, וואָס איז אָנגעקומען פון רוסלאַנד, און פאַרנומען מיט האַק־און־פּאַק צו זיך אין דער ענגער דירה אויף סאָפאָלק סטריט. „וואו ליבשאַפט, איז ניטאָ קיין ענגשאַפט״. איז טאַקע ביי די בערגערס צוליב דעם „געראַמער״ געוואָרן, וואָס די אלמנה מנוחה מערלין מיט אירע פיר דערוואַקסענע קינדער זיינען צו דער בערגער־משפּחה צוגעקומען.

מנוחה מערלין איז געווען בערגערס אַ יינגערע שוועסטער. ביים באַגעגענען זיך האָט זי ניט געקענט פאַרשטיין פאַרוואָס איר ברודער איז פאַר דער צייט אַזוי גראָ געוואָרן. די קינדער, דריי זין: אַלטער, דניאל און אנשל, האָבן זיך ניט געקענט אָפּחידושן, וואָס אַזוי לאַנג אין אַמעריקע, און מ׳אַרבעט נאָך אין שאַפּ ביי יענעם. די בת־יחידה, ראָזע, האָט זיך אויך געחידושט וואָס עמאַ און צילע גייען אין שאַפּ אַריין אַרבעטן. מ׳האָט זיך דערווייל געוואָרגן מיטן אומגליק — אַז צילע איז אומגעקומען אין „טרייענגל״ פייער. „צילע אַרבעט אין שיקאַגאָ״ — האָט מען אין איילעניש געגעבן אַ תירוץ פאַר איר ניט אַרויסקומען צום שיף.

דער עלטערער זון, אַלטער, דרייסיק יאָר אַלט, האָט אַ ווייב און צוויי קליינע קינדער געלאָזן אין רוסלאַנד. דעריבער איז ער געבליבן זיצן אומעטיק ווי נאָר מ׳איז אַריין אין שטוב. אים האָט פאַרדראָסן די נסיעה. ער האָט געוואָרפן אַן אויג אויף דעם אַרום, וואו יידן זיצן אָנגעפּיקעוועט, און ס׳האָט אים ס׳לשון אָפּגענומען. אַ האַלצהענדלער פון דער היים, האָט אים גלייך אויסגעוויזן, אַז דאָ וועט אים דער הימל אַראָפּפאַלן איבערן קאָפּ. צו אַרים האָבן אים די בערגערס אויסגעזען.

פאַרקערט, די צוויי ייִנגערע זין, דניאל, פינף און צוואַנציק יאָר, און אַנשל, דריי און צוואַנציק יאָר, זיי האָבן ביידע אין איין אָטעם גערעדט. ביי ביידן זיינען איינע און די זעלביקע געדאַנקען אַנגעפּלויגן:

— וואָרט, וואָרט, פּעטער, איצטער אַז מיר זיינען געקומען, וועלן מיר אינאיינעם אַמעריקע איינגעמען.

— וואָרט, וואָרט, פּעטער, איר וועט ניט לאַכן פון אונדז, וואָס מיר האָבן זיך געריסן אַהער, כאָטש איר האָט ניט אונטערגעגעבן קיין חשק צו פאָרן קיין אַמעריקע.

און ראָזע, זיבעצן יאָר אַלט, האָט צווישן אירע אַנדערע חפצים געבראַכט אַ פידל אין אַ שייד:

— כ׳וועל מיין פידל ניט אַוועקוואַרפן אין דער גליקלעכער אַמעריקע. דו, עמאַ, באַנ׳אונדז האָט מען דערציילט, אַז דו האָסט שוין געענדיקט אויף דאָקטאָר; צום סוף גאָר אַרבעטסטו אין שאָפּ...

די בערגערס האָבן באַטראַכט די „גרינע" קרובים, וואָס האָבן גאַנץ גוט אויסגעזען; מונטער און אַזוי קלוג גערעדט, און ס׳האָט זיי אַזוי אויסערגע־וויינטלעך געקלונגען זייערע רייד. הויכע רייד. מונטערע ווערטער. די בערגערס האָבן זיך געוואָרגן מיט דעם אייגענעם אומגליק. גאָלדע בערגער האָט זיך עטלעכע מאָל אַריינגעכאַפּט אין צווייטן צימער און אויסגעווישט די טרערן. און אַז זי האָט שוין גאָר אינגאַנצן ניט געקענט באַהאַלטן די טרערן, האָט זי דערקלערט, אַז דאָס וויינט זי פאַר שמחה.

— פאַרוואָס האָט איר אונדז ניט געשריבן, אַז אַמעריקע האָט אייך ניט געשטעלט אויף די פיס? — האָט מנוחה ניט אַראָפּגענומען די אויגן פון איר ברודער. — ווי קומט עס וואָס דו ביסט אַזוי גיך גרוי געוואָרן? אָט, אַז איך קוק אויף אַלטערן, אָט אַזוי האָסטו דאָך אויסגעזען איידער דו ביסט אַוועק קיין אַמעריקע.

—יע, שוועסטערשי, — האָט לייב בערגער ביטער געשמייכלט. — כ׳וועל ניט זאָגן, אַז די וואָס זיינען פריער געקומען, האָבן די אַמעריקאַנער גליקן פאַר זיך פאַרכאַפּט. נאָר עפּעס קומט עס אויס, ווי איך וואָלט אַלץ פאַר־שפּעטיקט.

— פאַרוואָס שוויגסטו, וועלוול? — האָט דער מיטלסטער, דניאל, אַ ביסל אין וועלוול׳עך ענלעך, זיך אָפּרופן. — ביסט דאָך אין דער היים געווען אַזאַ רעוואָלוציאָנער, און דאָ — — —

— ווי לאַנג ביסטו געזעסן אין טורמע, אַ יאָר מיט צוויי חדשים? דאָ וועט מען דיך אין טורמע פאַר אַזעלכע חטאים, ווי רעדן פאַר אַרבעטער, ניט זעצן. אָבער, אַז דו וועסט דאָ וועלן טאָן גוטע אַרבעט, וועט מען דיר דאָ אויך אַריינשטעקן פליעקער אין די רעדער, כאַ־כאַ־כאַ. אַז איך קוק אויף אייך, בענקט זיך מיר צוריק קיין רוסלאַנד.

וועלוול האָט גערעדט און געפאַרשט אין די פּנימער פון די גרינע, וואָס האָבן מיט אַ קינדערשן אומצוטרוי אים אָנגעקוקט.

— מיך פאַרדריסט וואָס איך קען אייך ניט מאַלן אונדזער אַמעריקע מיט העלע פאַרבן, — האָט וועלוול ווייטער גערעדט. — קאַמף, ברידערלעך, קאַמף פאַר יעדן ביסן ברויט וואָס מ׳רייסט דאָ אַרויס פאַר שווערער פּראַצע. דעם פּראָלעטאַריאָט איז אינערגעצן ניט גוט. נאָר כל־זמן מ׳קעמפט, אָדער מ׳פייט,

ווי מ׳רופט עס דאָ אַן, איז דער קאַמף גוט און זיס. דוכט זיך, אַז איך קעמף אויף מיין אופן. איך בין דאָ, אַנשטאָט אַ וועבער, אַ שניידער.

— אַזוי גאָר! — האָט מנוחה געשמוצערט מיט די ליפּן. — דאָס וואָס מ׳האָט דאָרטן געטאָן איז דאָ גאָרניט ווערט? וואָס־זשע טוסטו, עמאַ, מעג איך ביי דיר פרעגן?

— פון אונדז זאָלט איר, מומעשי, קיין ביישפּיל ניט נעמען. ס׳האָט אונדז אויך געקענט גיין בעסער. איך בין שולדיק. צוליב מיר האָבן זיי דעם קאָפּ ניט אויפגעהויבן. אָבער איר, איר זייט יונג, — האָט עמאַ געשמייכלט צו די דריי זין, וואָס האָבן אָנגעשטעלט אויף איר זייערע בלויע אויגן. — איר וועט אויסגעפינען אייער אָרט. איילט זיך ניט. מ׳וועט אייך העלפן.

אַז מ׳האָט זיך אַ ביסל אויסגעטשוכעט, מ׳האָט אָפּגעגעסן אַ מאַלצייט, וואָס גאָלדע און עמאַ האָבן צוגעגרייט, האָט מען אָנגעהויבן מאַכן פּלענער וואו ווער עס וועט שלאָפן, און ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די פינף צוגעקומענע נפשות, כאָטש אייגן פליייש־און־בלוט, דאַרפן האָבן אַ פּלאַץ פאַר זיך. זיי דאַרפן האָבן אַ פענצטער, פון וואַנען אַרויסצוקוקן צו דער גרויסער און גאָלדענער מדינה. האָט מען אָנגעהויבן מאַכן פלענער ווי אַזוי מ׳זאָל די מערלינס אַרויספירן אויפן גלייכן וועג. און דאָס, וואָס מ׳האָט פאַר זיך ניט געקענט דערגרייכן אין דער גאָלדענער מדינה, זאָל מען פרואוון העלפן די קרובים, וואָס זיינען מיט פרישן מוט און גלויבן געקומען אין לאַנד אַריין.

שפּעט נאָך האַלבער נאַכט האָט ראָזע זיך געטוליעט צו עמאַן, געוואָלט פון עמאַס שווייגנדיקן לייב אַרויספאָרשן, וואָס איר אַליין שטייט פאַר אין נייעם לאַנד. מען איז שפּעט געגאַנגען שלאָפן. ווי ס׳איז איינגעאָרדנט פאַרצער פאַר די מענער און ראָזע — זי איז אָוועק מיט עמאַן אין איין בעט. איר יונג לייב האָט אַלעמאָל אויפגעציטערט, און עמאַ האָט געוואָלט די דאָזיקע איבערלעבונג איבערטראָגן אויף זיך, זיך דערמאָנען ווי זי האָט געפילט ביים אָנקומען אין לאַנד.

— גלייך זיך ניט צו מיר, — האָט עמאַ איינגענומען ראָזען, אַנרירנדיק מיט די ליפּן אירע פאַרטרערטע אויגן. — וואָס איך בין געווען ביים קומען אַהער, איז איצטער שווער צו דערמאָנען נאָך אַ מאָל. ס׳איז אַן אַנדער צייט געווען. איך האָב אָנגעוואָרן יאָר־נאָך־יאָר גאָר צוליב עפּעס אַנדערש. אָבער דו, זאָלסט קיין יאָרן גאָט־אַזוי ניט אַרויסוואַרפן אינדרויסן. איך האָב דאָרטן איבערגעלאָזן אַ מענטשן, וואָס כ׳האָב שוין קיינמאָל ניט געקענט האָפן אים אַריבערברענגען אַהער; און דו, מסתמא האָסטו דאָרטן קיינעם ניט איבערגעלאָזן, וועסטו קענען מיט אָפענע אויגן אַרומקוקן זיך, אָנהייבן אויסטרעטן פאַר זיך אַ וועג אין לעבן.

— ווי איז דאָ מיט מיידלעך, טאַקע אמת, אַז מ׳כאַפּט זיי אויס ווי נאָר זיי קומען?

— זעסט דאָך, מיך האָט קיינער דערווייל ניט אויסגעכאַפּט.

— פאַרוואָס טאַקע ביסטו אַזוי איבערגעבליבן, דו אַרבעטסט נאָך אַלץ אין אַ שאָפּ?

— דאָס פאַרדריסט מיך ניט. הלואי וואָלט איך די גאַנצע צייט געאַרבעט.

— אַ סך פרויען גייען אַרבעטן?

— אַ מיידל, ניט פון רייכן שטאַנד, גייט אַרבעטן פונקט ווי דער מאַן.
— וואָס וועט ווערן פון מיין פידל?
— אפשר וועסטו זיך באַגעגענען מיט אַ מאַן וואָס וועט דיר אַרויסהעלפן.
ענטפערנדיק דער זיבעצן־יעריקער ראָזע, וואָס האָט זיך געטוליעט צו איר, האָט זי געשפּירט אַ געוויסע גלייכגילטיקייט צו דעם, וואָס זי האָט אַרויסגע־זאָגט. איר געדאַנק איז געווען פאַרנומען מיט דער צוקונפטיקער אויפגאַבע, וואָס איז איר אַזוי ניט צום האַרצן. אודאי וועט מען פון איר פאַרלאַנגען, זי זאָל זיך זען מיט קעראַלאַין; און ווער ווייסט, אפשר וועט זי נאָך באַדאַרפן זיך זען מיט דאָקטאָר לוריאַן, ער זאָל דורך זיין משפּחה פּרואוון געפינען אַרבעט פאַר די דריי יונגע מענער און דער שוועסטער זייערע.
— פאַרוואָס רעדסטו אַזוי ווינציק, עמאַ? באַנ׳אונדז האָט מען אַזויפיל דערציילט וועגן דיר. ווייסט, אַז דניאל האָט דעם גאַנצן וועג גערעדט וועגן דיר. באַקען זיך מיט אים נעענטער. ער איז געזעסן אין טורמע גאַנצע פערצן חדשים. כאָטש ער איז אַ סטאָליער, אָבער אים האָט געפּאַסט צו זיין אַ גרויסער טוער. דאָרטן האָט ער גאָרניט געקענט טאָן. דאָרטן, אַבי־פאַרוואָס, זעצט מען אין טורמע אַריין. אָבער דאָ... באַקען זיך מיט אים, עמאַ.
— שלאָף, ראָזע, ביסט דאָך מיד. אַלע זיינען אַזוי מיד. מ׳הערט ווי מיר רעדן.
— נאָך איין זאַך וויל איך דיך פרעגן, — האָט ראָזע עמאַן געשעפּטשעט אין אויער אַריין. — צי האָסטו דאָ טאַקע קיינעם ניט געפונען, טאַקע קיינעם ניט?
— קיינעם ניט, ראָזע...
עמאַ האָט נאָך אַ געוויסע צייט פאַרנומען איר שוועסטערקינדס האַסטיקן און ניט רעגלמעסיקן האַרצקלאַפּ. געשפּירט, ווי איר טאַטנס שוועסטערס אַ טאָכטער ליגט צום ערשטן מאָל אין לעבן נעבן איר, אָטעמט מיטן גאַנצן לייב אויף איר מיט יונגער וואַרימקייט און אומרו.
— ס׳איז גוט, אַז אַ מיידל פאַרדינט אַליין... — האָט ראָזע שוין ווי צו זיך אַליין גערעדט. — איך האָב נאָך קיינמאָל אין לעבן ניט פאַרדינט קיין איין גראָשן. איך וועל בייטאָג אַרבעטן, און ביינאַכט שפּילן אויפן פידל...
עמאַ האָט ראָזען צוגענומען נעענטער צו זיך, צו באַווייזן, אַז זי הערט זיך גוט איין צו אירע רייד.
אינדערפרי האָבן די בערגערס געפּועלט ביי זיך, אָפּצורייסן פון שאַפּ נאָך אַ האַלבן טאָג צוליב די געסטוועגן, און אַרומרעדן תכלית־זאַכן. די אַלמנה מנוחה האָט פון די פּעקלעך אַרויסבאַקומען אַ סלאַי מיט מאַלינע־איינ־געמאַכטס און אַנידערגעשטעלט אויפן טיש.
— כ׳מיין, אַז אין אַמעריקע האַלט מען ניט פון דעם. און מ׳זאָגט, יאַקבי, אַז דאָ קומט מען גאָר איינגאַנצן אויס אָן פּעריגנעס. ס׳פאַרדריסט מיך פונ־דעסטוועגן, הלמאי כ׳האָב כאָטש איין פּעריגנע ניט מיטגענומען.
— ווער ס׳קריכט דאָ אַריין אין די פּעדערן — דעם איז דאָ וואַרים צו שלאָפן אָן אַ פּעריגנע אויך, — האָט לייב בערגער פאַרזוכט פון די היימישע איינגעמאַכטסן. — איך וואָלט געזאָגט, עמאַ זאָל פּרואוון רעדן מיט זיי... דוכט מיר, דער סטאָן איז אַ שותף מיט זיי בערמאַנען. זיי בויען הייזער,

אפשר דארפן זיי סטאַליאַרעס. און אפשר וואָלטן זיי געקענט נאַראַיען...
האַ, וואָס זאָגסטו, עמאַ?

— איך האָב געקלערט, איר האָט שוין דאָ אָפּגעשפּאָרט אַ ביסל געלט, געטראַכט, אינאיינעם וועט מען דאָ פאַרלייגן אַ קראָם... איך קוק דורכן פענצטער, אַזויפיל יידישע קראָמען! נאָר מסתמא איז פון אייך האָט גאָר קיינער וועגן דעם נאָך קיין טראַכט ניט געטאָן.

די מערלין־מענער האָבן אָנגעקוקט די מאַמע, און ניט געוועזן דרייסט גענוג אַרויסצוזאָגן אַן אייגענע מיינונג. זיי איז אָבער ליכטיקער געוואָרן אין די אויגן, ווען לייב בערגער האָט אָנגעד־ויבן אויסלייגן פּלענער, וואָס עמאַ זאָל פון זייערטוועגן טאָן.

— פויל זיך ניט, עמאַ, האָט דער פאָטער איר אונטערגעגעבן מוט. — לאָז דורך אַ טאָג אַרבעט און כאַפּ זיך אַריבער צו זיי. ס׳וועט אַ סך גלייכער זיין, מ׳זאָל זיך האַלטן ביי דעם צו וואָס די הענט זיינען געפּרואווט. גענוג יידישע שניידער האָבן דאָ שוין יידן.

עמאַ האָט געשפּירט ווי אַלעמענס בליקן פאַלן אויף איר. מ׳וואַרט פון איר אַן ענטפער.

— גוט, אויב דאָס איז געוועהנדט נאָר אין מיין גיין, וועל איך זיך ניט פוילן. הלואי זאָל מיין גאַנג ניט זיין אַרויסגעוואָרפן.

שפּעט נאָך מיטאָג איז עמאַ, מיט געמישטע געפילן, אַוועק צו קעראָלאַין, אין וועמען עמאַ האָט שטענדיק געפילט אַ וואַרעם, מוטערל־עך האַרץ. זי האָט באַשטימט צו זיין מיט קעראָלאַין גאַנץ אָפנהאַרציק, אויב זי וועט ווערן אָנציען אַ שמועס וועגן איר פאַרגאַנגענהייט. אַרויסגייענדיק פון שטוב, טאָקע צוליב דעם וואָס זי איז איצטער געגאַנגען בעטן אַ טובה ניט פאַר זיך, נאָר פאַר יונגע, געזונטע מענטשן, וואָס זיינען פון רוסלאַנד אָנגעקומען, ד־האָט איר מוט געשטיגן. און טראַכטנדיק פון אירע געזונטע קרובים, וואָס וועלן זיך אוודאי האַלטן נאָענט צו זייער שטוב, דאָס אַליין ד־האָט עמאַן דערמונטערט.

אָבער ווי נאָר זי איז אַרויס פון דער איסט־סאַיד, ווען זי האָט זיך אָנ־געהויבן דערנענטערן צו די סטאַנס, האָט זי דערשפּירט אַ מידקייט אין אַלע גלידער; זיינען מיט אַמאָל פון איר געדאַנק אַוועק אַלע אירע קרובים, און ווידער האָט זי איר אייגענעם עלנט דערשפּירט. דעם עלנט, וואָס האָט אַמאָל שוין געבלאָנדזשעט אַן אַ ציל אויף דעם דאָזיקן וועג. אָבער די פליכט, וואָס מ׳האָט אין שטוב אויף איר אַרויפגעלייגט, האָט עמאַן געשטויסן, זי זאָל מיט פאַרמאַכטע אויגן און אונטערגעבראַכענע טריט גיין אַהין, וואו זי האָט זיך כמעט פאַרשוואוירן קיינמאָל ניט צו גיין, און פאַר יענע מענטשן מער ניט קומען מיט אַ רחמנות־פּנים און עפּעס פאַרלאַנגען.

פונדעסטוועגן, אַריינקומענדיק צו די סטאַנס, און ווען קעראָלאַין האָט זי אַריינגעכאַפּט אין אירע אָרעמס, לאַנג און הייס אויסגעקושט איר פּנים, האָט זיך צו עמאַן אומגעקערט אויף אַ ווייל דער פאַרלאָרענער מוט.

בייביידן האָבן די געדאַנקען איבערגעיאָגט די ווערטער. נאָר אין צייט וואָס עמאַ ד־האָט נאָר געדאַרפט אָפּכאַפּן דעם אָטעם, און דערציילן צוליב וואָס פאַר אַ צוועק זי איז געקומען, איז פאַר קעראָלאַין געוועזן עמאָס אָנקומען אַ גרויסע איבעראַשונג. ביי אַ יאָר צייט, זינט עמאַ איז ביי די סטאַנס ניט געוועזן.

עמאַ האָט ניט געוואָרט ביז קעראָלאַין וועט זיך אין איר גוט אָנקוקן, אָנהייבן אויספרעגן וואָס זי מאַכט, און אפשר אַרויפגיין אויף דער טעמע וואָס פאַר איר וואָלט עס געווען פיינלעך, איז זי אַליין אַרויסגעקומען מיט דעם ציל פון איר קומען.

— איך קום צונ'אייך מיט אַ בקשה, וואָס איך האָף איר וועט ניט נעמען פאַר אומגוט. נעכטן איז אָנגעקומען צו אונדז מיין טאַנטע, אַן אלמנה מיט פיר גרויסע קינדער. דריי זין, דערוואַקסענע זין, און אַ זיבעצן יעריק מיידל, אַ פידלשפּילערין. זיינען אומגעדולדיק, וואָלטן וועלן גלייך אָנהייבן עפּעס צו טאָן. נו, האָב איך געקלערט, וואָס קענען שוין די בערגערס אויפטאָן פאַר זיי? פיאַיקע קינדער, איינער אַ בעל מלאכה, אַ סטאָליער; און צוויי... כ'ווייס אַליין ניט אין אמתן וואָס זיי האָבן דאָרטן געטאָן.

בשעת עמאַ האָט גערעדט, האָט זי באַמערקט, ווי ביי קעראָלאַין האָבן זיך געביטן די פאַרבן אין פנים. בכלל האָט זי באַמערקט, אַז פאַר דער צייט וואָס זיי האָבן זיך ניט געזען, איז קעראָלאַין שטאַרק געעלטערט געוואָרן. אַ געוויסע טרוקנקייט איז אַריין אין איר פּנים.

— אַלץ וואָס איך קען טאָן, איז רעדן מיט לעאָנאַרדן. אַמאָל הערט ער מיך אויס, און פאָלגט מיך; און אַמאָל...

זי האָט ניט פאַרענדיקט. אין צימער איז אַריין קעראָלאַינס זיבעצן יעריקער זון איזראַעל, אַ שלאַנקער בחור, העכער מיט אַ קאָפּ פון דער מוטער, און אַ סך געראָטן אין איר. ער איז אַריינגעקומען זייער היימיש, זיך צוגעזעצט נעבן דער מוטער, אַרומגענומען איר קאָפּ און זי געקושט.

— דאָס איז מיס בערגער, מיין זון, געדענקסט דאָך, מיס בערגער איז דאָ אַמאָל געווען...

איזראַעל האָט זיך פאַררויטלט. ס'האָט אויסגעוויזן, אַז ער ווייס עפּעס פון דער שייכות וואָס עמאַ האָט געהאַט צו דער שטוב. עמאַ האָט עס באַמערקט, און האָט זיך דערשפּירט אומבאַקוועם.

— צונ'אייך בין איך געקומען, — האָט עמאַ געוואָלט איבערשלאָגן די אייגענע געדאַנקען. — ניט איר זאָלט אויף מיסטער סטאָן אַרויפלייגן די גאַנצע זאַך. אפשר וואָלט איר מיט מיסיס זילבערמאַן גערעדט. ער בויט הייזער; אפשר וואָלט ער דעם עלטערן און דעם ייִנגסטן, ביידע האָבן, ווי איך פאַרשטיי, געאַרבעט ביי סטאָלעריי.

— צו מילדרעד זילבערמאַן דאַרפט איר מיך ניט האָבן אינגאַנצן. כ'ווייס, זי איז ניט לאַנג באַנ'אייך געווען. כ'ווייס אפילו צוליב וואָס זי איז געגאַנגען. מיר טוט ווי ס'האַרץ וואָס איר זייט אַוועקגעגאַנגען צו די באָגען־ברידער און געוואָרן אַ שאַפּ־מיידל.

אָנגעשטאַנען אַ שטילשווייגן. ביידע פרויען האָבן אַראָפּגעלאָזן די קעפּ. איזראַעל דהאָט זיך דערשפּירט, אַז ער איז איבעריק, און איז שטיל אַרויסגעגאַנגען פון צימער.

— פאַרוואָס האָט איר זי אַזוי קאַלט אויפגענומען? כ'בין אויסן מילדרעד... — האָט קעראָלאַין גערעדט בשעת עמאַ האָט צו איר די אויגן ניט אויפגעהויבן. — ווען אַ מענטש וויל טאָן אַ גוטע זאַך און מיינט עס פון גאַנצן האַרצן, דאַרף מען אַזאַ מענטשן ניט אָפּשטויסן פון זיך.

עמאַ איז נאָך אַלץ געזעסן מיט די אויגן צום דיל, געפּילט ווי די גוט־האַרציקע קעראָלאַין, מיינענדיק אַלץ צום גוטן, האָט אָנגעהויבן אויפּרודערן אַן אַלטע וואונד, וואָס איז ווי איינגעשלאָפן אין איר נשמה. דאָס ביסל מוט וואָס עמאַ האָט צונויפגענומען צוליב צו טאָן טאַטע־מאַמע, וואָס האָבן געוואָלט באַווייזן די „גרינע" קרובים, אַז זייער טאָכטער קען דערלאַנגען אין די „הויכע פענצטער", ווען ס'איז נויטיק — איז אויסגערונען. זי האָט מער ניט געקענט אויפעפענען ס'מויל און רעדן. זי האָט אויך קיין מוט ניט געהאַט אויפצושטיין און אַרויסגיין — טאַקע צוליב דעם אַליין וואָס קעראָלאַין האָט דערמאָנט, אַז זי דהאָט קאַלט אויפגענומען איר שוועגערן, וואָס, ווי עמאַ האָט עס גוט פאַרשטאַנען, איז געגאַנגען אין קעראָלאַינס שליחות.

אָבער קעראָלאַין האָט איצטער ניט געוואָלט איבעררייסן דאָס וואָס זי האָט אָנגעהויבן. זי איז גליקלעך געווען וואָס עמאַ איז צו איר געקומען. נאָך מער, קעראָלאַין האָט חושד געווען, אַז עמאַ האָט געזוכט אַ געלעגנהייט מיט איר זיך צו באַגעגענען, און ס'וואָלט געווען אַ טעות, ווען זי זאָגט איצטער ניט אַרויס וואָס זי האָט אין דער מינוט געטראַכט.

קעראָלאַין האָט זיך נענטער צוגעזעצט צו עמאַן, גענומען איר האַנט און געזאָגט:

— דאָס, וואָס וועט נאָר ליגן אין מיינע הענט צו העלפן אייערע קרובים, וועל איך טאָן. איך וועל רעדן מיט לעאָנאַרדן; וועל רעדן מיט זילבערמאַנען, מיט האָכבערגן, כ'וועל מיט אַלעמען רעדן נאָך אפשר היינט, און וואָס נאָר מ'וועט קענען טאָן פאַר זיי, וועט מען טאָן. אָבער איצטער זייט איר דאָ ביי מיר. איך וויל אייך זאָגן, אַז איר האָט מיר פאַרשאַפט די גרעסטע יסורים אין מיין לעבן.

עמאַ האָט אויפגעהויבן די אויגן, אומגעדולדיק געוואַרט וואָס קעראָלאַין וועט איר זאָגן.

— יעס ,עמאַ, מיר זיינען צוויי פרויען. איך בין עלטער פון אייך; דהאָב שוין באַלד געקענט זיין אייער מאַמע. נאָר איך פיל אַנדערש ווי אַ מאַמע. איצטער פיל איך ווי איינע וואָס שלאָגט זיך אַליין פאַר אַ ליכטיקער שעה אין מיין לעבן, און דאָס וואָס איך האָב פאַרפעלט, וויל איך פאַרהיטן, אַז מיין ברודער זאָל ניט נאָכטאָן. איך ווייס ניט, איך פאַרשטיי ניט, וואָס צווישן אייך ביידע איז פאָרגעקומען, פאַרוואָס איר זעט זיך ניט מער. זכריהן פרעג איך ניט. כ'וועל אים ניט פרעגן. איך זע אים אָפט. כ'האָב אים נעכטן אויך געזען. אָבער איך פרעג אים ניט. ער איז אָבער מיינער אַ ברודער. מיר טוט ווי פאַר אים. איך וויל, איר זאָלט זיך ווידער באַגעגענען. ביי מיר אין שטוב זאָלט איר זיך באַגעגענען. מאָרגן ביינאַכט נעמען זיך צונויף ביי אונדז אין שטוב וויכטיקע מענטשן... איר וועט קומען, עמאַ? איך וועל שיקן מיין איזראַעלן נאָך אייך. זאָגט מיר צו, אַז איר וועט קומען.

עמאַ האָט זיך געביסן די ליפּן, זי זאָל ניט צוזאַמענברעכן און אָנהייבן וויינען. קעראָלאַינס ווערטער זיינען ווי גליענדיקע קוילן געפאַלן אין איר בלוט אַריין און עס געטריבן אין פּנים, ביז צו די שפּיצן פינגער, ביז צו די שפּיצן פון אירע ברוינע האָר. פאַר די אויגן האָט עס געשווינדלט און געביטן אַלע רגע די קאָלירן.

— ווי נעמט מען צונויף די כוחות? — האָט אַ געדאַנק געשלאָגן אין קאָפּ.

— איך בעט אייך עמאַ, איר זאָלט מיר דערווייל אין זאַך צוזאָגן. איר וועט עס מיר צוזאָגן, יע?...

עמאַ האָט אויף איר אַנגעשטעלט צעשראָקענע בליקן, געוואָרט וואָס זי וועט פון איר פאַרלאַנגען.

— איך בעט אייך, ווי ס׳בעט אַ מאַמע איר אייגן קינד, איר זאָלט מער ניט גיין אַרבעטן צו די באַגען־ברידער. און אויב איר מוזט פאַרדינען, אַרויס־העלפן אין שטוב — — —

דאָס האָט עמאַן אָפּגעמינטערט, ווי קעראָלאַין וואָלט זי מיט קאַלט וואַסער אָפּגעגאָסן.

— דאָס בעט איך אייך, קעראָלאַין, לאָזט צו רו, — האָט עמאַס שטים געציטערט. — איך אַרבעט, און בין צופרידן וואָס איך באַקען זיך מיט דער אַרבעטער לאַגע. דאָס איז מיין פּראָגראַם פאַר דער צוקונפט. מיט דעם לעב איך איצטער.

— נו, איז גוט, וועל איך עס איצטער לאָזן צו רו. אָבער זאָגט מיר צו, אַז מאָרגן ביינאַכט וועט איר דאָ זיין... יעס, איך געדענק, עמאַ, צוליב וואָס איר זייט געקומען. כ׳וועל וועגן דעם אויך זען רעדן. אָדער ווייסט איר וואָס, עמאַ, דער ברודער וועט אייך קומען נעמען. כ׳וועל אים בעטן, ער זאָל צונ׳אייך אַריינקומען... כ׳וויל טאַקע באַלד מיט אים רעדן. כ׳וועל לאָזן, איר זאָלט מיט אים... לעאָנאַרד! דו ביסט עס? קום אַריין אַהער.

עמאַ האָט זיך אויסגעגלייכט. געריבן מיט די הענט ס׳פּנים, און אַ צעטומלטע געקוקט צו דער טיר. די פיס האָבן זיך איר אָנגעהויבן אונטער־צוברעכן, און זי האָט זיך צוריק אַראָפּגעלאָזן אויף דער סאָפע.

קאַפּיטל צוויי און צוואַנציק

די יאָרעלעך זיינען געלאָפן. פרייהייט און דער חשק קאַראַפּקען זיך איבער יענעמס געביין, כאַפּן די מעגלעכקייטן רייך צו ווערן — דאָס איז געווען דער גייסט פון דער צייט און געבאָט פון דער שעה. איז קיין וואונדער ניט, אויב אַ גרויסער טייל פון די וואָס זיינען געקומען קיין אַמעריקע מיט פאַרנעפּלטע פאַרלאַנגען, זיינען אַוועק מיטן ברייטן שטראָם, און באַשאַפן אַ קעגנוואַרט אָן וועלכער ס'איז קשר מיט דער יידישער ווירקלעכקייט אויף דער וועלט.

דעריבער, יעדעס מאָל, ווען מ'האָט אָפּגעריסן דעם אויפגעקומענעם אַלרייטניק, לעאָנאַרד סטאָן, פון זיינע ביזנעס, און איינגעשפּאַנט אים, ער זאָל זיך צוהערן צו די רייד פון יידישע פאַרזאָרגער, אָדער צו די נייעסן וואָס קומען פון צאַרישן רוסלאַנד, איז דאָס פאַר אים געווען גלייך, ווי מ'וואָלט אים גענומען פאַרן קאַרק און אומגעקערט צוריק פון וואַנען ער האָט זיין וועג אָנגעהויבן.

דניאל לוריא האָט אַ פּאָר מאָל אין יאָר צוגעדינט, אַז חשובע יידן זאָלן זיך ביי לעאָנאַרד סטאָן אין שטוב באַווייזן, און צוליב דעם זאָל מען ברענגען צו שלעפּן נאָך אַזעלכע ביזנעסלייט אין זיין גלייכן, צווינגען זיי אויסהערן, וואָס סע טוט זיך אין צאַרישן רוסלאַנד, וואָס סע הערט זיך מיטן ציוניזם; און דער עיקר — אויסהערן מיינונגען וועגן דעם אַמעריקאַנעם גלות, וואו היינטצייטיקע פאַרזאָרגער האָבן געזוכט פּלענער, יידישקייט אין נייעם לאַנד זאָל ניט אונטערגיין. דניאל אַליין, מיט זיין ביטן וואוינאָרט פאַר זיך און פאַר זיינע ביזנעס, און אפשר דורכדעם אויפריכטן זיין שלום־בית, האָט ער זיין נשמה אַריבערגעפּעקלט פון דער אָרטאָדאָקסישער שול מיט אַן אַלטמאָדישן רב, און אַוועק אין אַ רעפאָרמירטער שול מיט אַ ראַבאַי.

לעאָנאַרד סטאָן האָט געגלויבט, אַז דאָס גאַנצע ביסל „טראָבל", וואָס מען מאַכט אין שטוב, דאַרף קעראָלאַין דהאָבן.

— זיי ווילן דאָך ניט מער פון מיר ווי די עטלעכע טויזנט דאָלער אַ יאָר, אַלץ וואָס זיי קוקן אַרויס, קען איך זיי דעם טשעק אַריינשיקן, און דאַטס אָל. וואָס גייט מיר אָן דער גאַנצער זאַיאָניזם? וואָס גייט מיר אָן וואָס דער ראַבאַי פּריטשט אין סינאַגאָגע? די גרינע זיינען געקומען, האָבן געוואָלט דאַווענען, האָבן זיי געדאַוונט. איצטער וויל מען שוין מער ניט דאַווענען. איצטער וויל יעדער שורע־בורע ווערן אַ קאַרנעגי, טאָ, וואָס דרייט מען אַ מוח מיט דזשודאַאיזם?

— כ'וואָלט זאָגן, אַז דו גיסט ניט קיין געלט ווען מ'בעט; אָבער דו גיסט דאָך יאָ, טאָ פאַרוואָס זאָלסטו ניט זאָגן אַמאָל דיין וואָרט? זאָלן די קינדער אויך זען, אַז דיין קאָפּ איז ניט שטענדיק פאַרטראָגן אין די ביזנעס.

— מאַני טאַקס... דאָס מעגן די קינדער אויך וויסן. זאָלן אַנדערע שאַרפן די צינגעלעך. איך האָב מיר מיין שכל.

פונדעסטוועגן, אַז קעראָלאַין האָט אים מיט עטלעכע טעג פריער געלאָזט וויסן, ער זאָל האַלטן פריי אַן אָוונט, מחמת דניאל האָט געלאָזט וויסן, אַז עטלעכע וויכטיקע מענטשן וועלן זיך צונויפקומען, האָט לעאָנאַרד ניט גע־פרעגט, צי זי ווייסט פון וואָס פאַר אַ וויכטיקע זאַכן מ׳וועט רעדן. ער האָט אין דער שטיל געזוכט פּאַסיקע ווערטער צו באַווייזן דאָס מאָל זיין ווייב און אפשר אויך אירע ברידער, אויב זיי וועלן קומען, אַז דער אייגענער שכל, וואָס העלפט אַרויס צו מאַכן הונדערטער טויזנטער דאָלער, קען אויך ביישטיין, אַז די צונג זאָל ניט אויסטריקענען אין מויל פּונקט יעמאָלט ווען די פּאָר נויטיקע ווערטער בעטן מ׳זאָל זיי אַרויסזאָגן. אגב, האָט ער זיך די לעצטע צייט מתקנא געווען אין זיין שוואָגער, דייוויד זילבערמאַן, וואָס האָט אים, ווי אַ שותּף, אַריינגעצויגן אין רילעסטייט.

דער דאָזיקער דייוויד זילבערמאַן, ביי אים האָט שוין דווקא די צונג ניט געטריקנט אין מויל. ניט נאָר האָט ער געוואוסט ווי אַזוי געלט צו מאַכן, ער האָט אויך געוואוסט וועמען ער איז שולדיק און וועמען ניט.

— דעם יידישן פאָלק, — האָט ער ליב געהאט צו זאָגן, — בין איך גאָרניט שולדיק. מיט אַלץ אין דער וועלט דאַרף איך צאָלן. אפילו מיט מיין יידיש־קייט, וואָס איז קיין צעבראָכענעם סענט ניט ווערט.

זילבערמאַן האָט שטאַרק מקנא געווען זיין שוואָגער, וואָס האָט אין־צייט זיין פאַמיליען־נאָמען חלפן אויסגעביטן אויף סטאָן. ווען ער האָט זיך גע־כאַפּט, אַז דער נאָמען זילבערמאַן מאַכט זיין נאָז אויסזען לענגער, איז שוין געווען צו שפּעט. מחמת די פירמע „זילבערמאַן און קאָמפּאַני״ האָט שוין געהאט גאַנצע גאַסן אין בראָנקס און אין ברוקלין אויסגעבויט.

די זילבערמאַנס זיינען געקומען אויף סאַפּער און ביז וואָס, ביז ווען, האָט מען צייט געהאט אַ ביסל משפּחה־ענינים אויפנעמען. דאָקטאָר לוריא איז אויך געקומען, און דאָס האָט געשטערט, מ׳זאָל אַרומרעדן זיינע „קאָמישע ליבעס״, ווי מילדרעד האָט ליב געהאט אָנצורופן. אָבער דניאלס משפּחה־ענינים האָט מען יאָ אָנגערירט.

— איך אַליין וואָלט מיר געוואונטשן כ׳זאָל געבאָרן ווערן מיט הונדערט יאָר שפּעטער, ווען קיין סימן פון יידן וועט דאָ ניט בלייבן. ווער ס׳וועט פריער באַפרייט ווערן פון שמוציקן געזינדל, דער וועט זיין דער גליקלעכער.

— רעד ניט אַזוי, דייוויד, — האָט מילדרעד בשעת מעשה אַריבערגעקוקט צו דאָקטאָר לוריאן. — דאָ וועלן באַלד זיין יידן וואָס בויען נאָך סינאַגאָגעס, און דו...

— איך וועל זיי זאָגן אין די אויגן וואָס איך טראַכט. אָבער אַז דניאל איז אַ שטיק פול, וועט אפילו קעראָלאַין אויך צוגעבן.

— וואָס זאָגסטו, קעראָלאַין? — האָט מילדרעד זיך אָפּגערופן.

— איך ווייס נאָר, אַז פאַר די קינדער אין די אויגן דאַרף מען עס ניט זאָגן. וואָס שווייגסטו? — האָט קעראָלאַין זיך געווענדט צו איר זון איזראַעל, וואָס האָט פאַמעלעך געקייעט און זיך צוגעהערט צום שמועס. — דו וואָלסט זיך אויך געפילט גליקלעך ווען דו וואָלסט געבאָרן געוואָרן מיט הונדערט יאָר שפּעטער?

— איך וויל וויסן, וואָס פאַר אַ מיינונג דער אָנקל זכריה האָט.

איזראַעל איז רויט געוואָרן און געוואַרט, אַז דאָקטאָר לוריא זאָל עפּעס זאָגן.

דאָקטאָר לוריא האָט ניט ליב געהאַט אין דער געזעלשאַפט פון די זילבער־מאַנס מאַכן דעם איינדרוק, אַז אים אַרן אַט די אַלע מיינונגען וואָס ווערן ביי אַ געלעגנהייט אַרויסגעזאָגט פון אַזעלכע לייט. אָבער ווען דער יונגער סטאַן האָט זיך צו אים געווענדט מיט אַ פראַגע, האָט ער ניט געקענט אויסמיידן דעם ענטפער.

— פאַרשטייסט, איזראַעל, מיסטער זילבערמאַן, פונקט ווי אַ סך אַנדערע אין זיין גליכן, געהערן צום ערשטן דור גרינהאָרנס, ווּעמען עס דוכט זיך אויס, אַז ניט זיי זיינען געקומען העלפן בויען די שיינע אַמעריקע, נאָר פונקט ווי אַלץ וואָלט פאַר זיי געווען צוגעגרייט; און כדי צו פאַרמאָגן די גאוה פון אַן עכטן יענקי, דאַרף מען פון זיך די יידישע הויט אַראָפּשינדן. די אַמעריקאַנער קאָנסטיטוציע פאָדערט עס ניט. און אויב די ניט־יידן, וואָס טוען אפילו גרויסע ביזנעס מיט יידן, האַלטן זיך פון דער ווייטנס ווען עס קומט צו געזעל־שאַפטלעכע באַציאונגען, זיינען אין דעם שולדיק די ניט־יידן. זאָלן זיך די יענקיס רעפאָרמירן.

קעראָלאַין איז אויפגעשטאַנען פון איר אָרט, צוגעגאַנגען צו איר זון, אַ קוש געטאָן אים אויפן קאָפּ און געזאָגט:

— בעט דעם אָנקל, ער זאָל דיר געפינען אַ לערער אויף היברו. יעס, זכריה, איך וויל ער זאָל זיך ניט אָפּפרעמדן פון אונדז.

— כאַ־כאַ־כאַ, — האָט זילבערמאַן זיך צעלאַכט. — ס'אַרא פּחד אויף אייך איז אָנגעפאַלן. וואָס שוויגסטו, לעאָנאַרד?

— איך האָב ניט קיין צייט זיך אָפּצוגעבן מיט נאָנסענס. איך גיי ניט אַנטקעגן שטראָם, יו נאָו. איך האָב מיך אָוועקגעלאָזן שווימען מיטן ברייטן שטראָם. ער וועט מיט דער צייט אַראָפּשווענקען דעם יידישן שלומפער, וואָס שלעפּט זיך נאָך אונדזער געזינדל.

— ווען וועט עס געשען? — האָט דאָקטאָר לוריא געפרעגט.

— אַז מ'וועט זאָגן צו די גרינע: סטאָפּ! און צומאַכן די טויערן פון לאַנד.

— אַז אויף דעם קוקסטו אויס, לעאָנאַרד, האָב איך ניט געוואַרט, — האָט קעראָלאַין ווי פאַר זיך געזאָגט.

קעראָלאַין האָט געזוכט אַ געלעגנהייט צו דערציילן איר ברודער וועגן דעם, אַז עמאַ בערגער איז דאָ נעכטן געווען און, מעגלעך, זי וועט היינט נאָך אויך קומען. זי האָט אים געקלערט בעטן, אַז אויב זי קומט, זאָל ער זיך ניט האַלטן פון דער ווייטנס, מחמת זי קומט בעטן אַ טובה פאַר משפחה קרובים וואָס זיינען אָנגעקומען פון רוסלאַנד. אָבער אין דער אייגענער צייט האָט זיך באַוויזן דניאל, און מיט אים — די ערשטע געסט.

אָנגעקומען ראַבאַי סעמועל גאָלדין, אַ ריין געגאָלטער ברונעט, שלאַנק, אין ברילן. עזרא פעלדמאַן, אַ געפּיקעוועט יידל, מיט ברוינלעך־גרויע האָר און קליינע, פאַרטערטע אויגעלעך, אַ רייכער קלאָוק מענופעקטשורער. געקומען מאָריס קופּערמאַן, אַ רייכער רילעסטעיטניק, מיט אַ פראַנצויזיש רויט בערדל און נאַקעטן קאָפּ, שיעור ניט מיט אַן אויסזען פון אַ פּראָווינציעלן פילאָזאָף.

געקומען לואי ראַבינאָוויטש, אַ קורץ יידל, קורצזיכטיק, אַ ברונעט מיט אַ סך פעלדעלעך אויף זיין בלאַסן שטערן, וואָס פאַרלויפט אין אַ האַלבפּאַרטיקער ליסינע. און צווישן זיי — בערטאָלד ראַזנשטיין, אַ דייטשער ייד, ברייטפּלייציק, אין די מיטעלע יאָרן, דער אייגנטימער פון אַ דעפּאַרטמענט סטאָר, אַ פריינט פון דניאל לוריאַן.

דער „וויכטיקער" ענין, צוליב וואָס מען איז זיך צונויפגעקומען, איז געווען די נויטיקייט איבערצובויען און פאַרגרעסערן דעם „פליגל" צום טעמפּל „כתר דוד", וואו די אַלטע לייט האָבן געדאַוונט. דער דאָזיקער פליגל האָט געדינט פאַר אַ „סאַנדעי סקול". צו די זעכציק טויזנט דאָלער, וואָס מ'האָט שוין געזאַמלט, איז נויטיק געווען נאָך אַזאַ סומע צו שאַפן.

דאָקטאָר לוריא האָט זיך אַנטשולדיקט, געוואָלט אַוועקגיין, אָבער לעאָנאַרד האָט אים אין דער שטיל געבעטן, ער זאָל ניט פאַרשעמען די געסט.

דער ערשטער האָט גענומען דאָס וואָרט ראַבאַי סעמועל גאָלדין. ער האָט געוואָלט באַווייזן פאַרוואָס מ'דאַרף זיך צואײַלן מיטן בנין:

— די רוסישע יידן, וואָס וואַנדערן אַהער פון די אַכציקער יאָרן אָן, זיי האָבן ניט מיטן גוטן ווילן פאַרלאָזן זייער היים אין רוסלאַנד. ווי פאַרהאַסט ביי זיי איז ניט דאָס פאַגראָמען־לאַנד, ווען דאָרטן טוט אַ שיין די זון, ווען דאָרטן באַווייזן זיך אַ פינפטל פון די מעגלעכקייטן וואָס יידן האָבן דאָ אין לאַנד, גלויב איך, אויב ניט אַלע, וואָלטן זיך אַכציק פּראָצענט פון זיי באַשטימט אומגעקערט צוריק. וואָס באַווייזט עס? דאָס באַווייזט, מיינע הערן, אַז דער עלטערער דור וואָס לעבט דאָ און האָט דאָ זיין פאַרמעגן געמאַכט, איז מיט זיין האַרץ דאָרטן. דאָס איז, מיינע הערן, טראַגיש, אויב מיר זאָלן באַטראַכטן די קינדער פון די רוסישע עלטערן וואָס זיינען דאָ אין לאַנד געבאָרן געוואָרן, און אַלץ וואָס בינדט זיי צו די עלטערן איז ניט מער ווי די שטוב, וואו צוליב אַן אומגליקלעכן צופאַל זיינען זיי געבאָרן געוואָרן. מער ווי די פיר ווענט בינדט ניט די עלטערן צו די קינדער, וואָס זיינען דאָ געבאָרן געוואָרן.

— פרעגט זיך, — האָט דער ראַביי אויפגעהויבן זיין שטים ווי ער וואָלט געדרשנט פאַר דער בינע, — וואָס פאַר אַ רעכט האָבן די איסט־סאַידער יידן, וואָס זיינען צום באַדויערן שיעור ניט אַ מערהייט פון די גרינע רוסישע יידן, צוליב וואָס פאַרשפּרייטן זיי דאָ דעם מיאוסן זשאַרגאָן דורך זייערע פּייפּערס, וואָס מער ווי אַ האַרב אויף אונדזערע אויסגעגלייכטע פלייצעס איז דאָס ניט? צוליב וואָס די תלמוד תורות מיט די חדרים, וואו מ'האַלט געפאַנגען די אומשולדיקע קינדער, וואָס זיינען געבאָרן געוואָרן פאַר אַ בעסערער, פאַר אַ פרייערער צוקונפט?

— דאָס מיינט אָבער ניט, מיינע הערן, — האָט דער ראַבאַי געצערטלט זיין שטימע, — אַז איך פאַרלייקן די יידישע טראַדיציע; אַז איך פאַרלייקן די איביקע מיסיע וואָס דאָס יידישע פאָלק טראָגט צווישן פעלקער. מאָזעס מענדלזאָן האָט עס געוויס פאַרשטאַנען; און פונדעסטוועגן האָט ער די ביבל איבערגעזעצט אין ריינעם דייטש. דורך דער ביבל האָט ער געוואָלט פאַרבינדן דעם צוקונפט־יידן מיט דעם יידן פון דער וועלט. און טאַקע מיט דער אייגענער ביבל אין ריינעם דייטש האָט ער די יידן געבונדן מיטן גרויסן דייטשן פאָלק.

— דאָס אַמעריקאַנער יידנטום שטייט פאַר דעם אייגענעם פּראָבלעם: צי זאָלן מיר לאָזן די קינדער אין די תּלמוד תּורות, צי זאָלן מיר אונדזערע קינדער דערציען אין דער אַטמאָספער פון דער זשאַרגאָנישער שפּראַך, דער האָרב וואָס דאָס רוסישע יידנטום האָט מיט זיך אַראָפּגעבראַכט — וואָס דאָס וועט מיינען: פולשטענדיקער אונטערגאַנג פון אַמעריקאַנעם יידנטום. מחמת די קינדער, ווען זיי וועלן זיך אָפּטרייסלען פון רוסישן און זשאַרגאָנישן שימל, וועלן זיי זיך צוריק צום יידנטום ניט אומקערן מער. אָדער מיר זאָלן אין צייט קומען, און מיט אַלע כּוחות אָפּרייסן די קינדער פון דעם אַלטן האָרב וואָס מ'האָט אויף זייערע יונגע פּלייצעס אָנגעהאָנגען, נעמען דעם יונגן דור און אים פאַר דער גרויסער ראָלע וואָס יידן וועלן נאָך דאַרפן אויסשפּילן אויף דער וועלט; איבערגעבן זיי די נאַטירלעכע שפּראַך פון אונדזער לאַנד, און אין דער שפּראַך — די יידישע טראַדיציע און יידישן גלויבן. כ'בין אויסן דאָס קערנדל פון יידישער רעליגיאָן. פון דער אַנדערער זייט — אַנטוויקלען זיי פיזיש. ספּאָרט און רעליגיע גייען דאָ אין לאַנד האַנט־אין־האַנט. ווען אַ יידישער סטודענט וועט אָנקומען אין קאָלעדזש, זאָל ער זיין שטאָלץ ביי זיך, און באַגרייפן, אַז ער איז דער נייער ייד און פרייער בירגער. דער חוב פון די עלטערן איז, העלפן אונדז, מיר זאָלן זייערע קינדער קענען געבן די נאָר־מאַלע דערציאונג.

דייוויד זילבערמאַן, נאָך דעם ווי ראַבאַי גאָלדין האָט געענדיקט רעדן, איז אויפגעשטאַנען, וואָרעם אָפּלאָדירט, און, אַריבערקוקנדיק צום בלאַס־געוואָרענעם דאָקטאָר לוריאן, האָט ער זיך צוריק אַנידערגעזעצט.

דניאל לוריא האָט געריבן דעם שטערן, זיך געיִשובֿט, צי ער זאָל נעמען דאָס וואָרט. ניט גאָר קלאָר האָט ער באַנומען דעם ראַביס רייד. „יאָ אמת, און פאַרט ניט אמת" — האָט ער אַ טראַכט געטאָן.

— איך וואָלט אויך וועלן זאָגן עטלעכע ווערטער וועגן די רוסישע יידן, — האָט דניאל נאָך אַלץ געריבן זיין שטערן, ווי פאַנאַנדערנעמען די געדאַנקען. — איך בין אַליין פון די ערשטע יידן. מיר אַליין איז ניט ניחא געוווען דאָס וואָס די יידן אויף דער איסט־סאַיד האָבן געוואָלט באַנייען אַלץ וואָס זיי האָבן דאָרט געלאָזן. די תּלמוד תּורות האָבן יעמאָלט ניט געטויגט. איך האָב אַליין מיינע קינדער געשיקט אין תּלמוד תּורה. דער סך הכּל איז, אַז איך האָב פון מיין עלטערן זון ניט קיין נחת. איך גלויב אָבער ניט, אַז אָן אַ ביסעלע היברו וועט מען אין די קינדער קענען איינפּלאַנצן אַ שטיקל קשר מיטן יידנ־טום. די קינדער דאַרפן אויך וויסן פון דאָקטאָר הערצל און פון ציוניזם.

— כאַ־כאַ־כאַ, — האָט עזרא פעלדמאַן זיך צעלאַכט. — נאָנסענס, מיסטער לוריא... אין אונדזער סאַנדעי סקול דאַרפן מיר ניט קיין זאַיאָניזם, ביקאָס, מיר דאַרפן ניט קיין זאַיאָניזם אין אַמעריקע.

— דער זאַיאָניזם איז ניט פאַר די אַמעריקאַנער יידן, — האָט דניאל לוריא זיך געוווּנדערט. — ארץ ישׂראל איז פאַר די רוסישע יידן.

— זאָלן די רוסישע יידן אַרויספאָרן אין אַמעריקע, — האָט דער ראַביי אָפּגעענטפערט.

בערטאָלד ראָזנשטיין, וואָס איז די גאַנצע צייט געזעסן מיט אַ צופרידענעם שמייכל, האָט גענומען ס'וואָרט.

— מיינע הערן, — האָט אים דער צופרידענער שמייכל ניט אָפּגעלאָזן. — לאָסן וויר די איסט סאַידער יודן אויסשטערבן. וויר האָבן ניכץ צו ערבן, זאָגאַר דעם ציוניזמוס אויך ניכט. אונדזערע פליכט איסט, אירע קינדער צו רעטן.

דאָקטאָר לוריא איז אויפגעשטאַנען פון טיש, און איז אַרויס אין צווייטן צימער.

קעראָלאַין איז אים נאָכגעגאַנגען.

— וואָס איז, זכריה? — האָט זי אים געקוקט אין די אויגן אַריין. — ווילסט גאָר ניט זאָגן קיין פּאָר ווערטער.

— עך, קריינע, קריינע, וואוהין לויפט מען? וואוהין אַנטלויפט מען פון דעם עיפּושדיקן כאַאָס? סע שטינקט פון זייערע געדאַנקען.

— וואָס מיינסטו מיט דעם, זכריה?

— ווי קומט דניאל צו די דאָזיקע יידן? ניט אַנדערש, דער ציוניזם אַליין טראָגט אין זיך דעם שטראָם פון שעדלעכער אַסימילאַציע.

— טאָ פאַרוואָס זאָגסטו עס ניט אַרויס?

— איך קען מיט אַ שפּענדל דעם ברייטן שטראָם ניט פאַרשפּאַרן.

— וואָס וואָלסטו געטאָן, ווען דו האָסט קינדער פּונקט ווי איך האָב?

— איך וואָלט זיי ניט געשיקט אין קיין תלמוד תורות; אויך ניט אפילו אין זייערע סאָנדעי סקולס. איך וואָלט אפשר געזוכט און געפינען אין ניו־יאָרק אַ זשאַרגאָנישע שול, וואו מ׳לערנט ניט די קינדער דאַוונען, וואו מ׳לערנט זיי אויך ניט צו זיין קיין גוטע אַמעריקאַנער, נאָר וואו מען בינדט זיי אויף אַ נאַטירלעכן אופן צוריק מיט זייער טאַטע־מאַמע און זייער פאָלק. יעס, קעראָ־לאַין...

אַריינגעקומען מילדרעד, זי איז צוגעגאַנגען, אַרומגענומען דאָקטאָר לוריאן און אים געקושט.

— ביסט אַ חכם, וואָס דו האָסט זיך ניט אָפּגערופן. זיי רעדן קלוג, אָבער איך פאַרשטיי גאָרניט צוליב וואָס מ׳דאַרף האָבן אַ סאָנדעי סקול. די קינדער מאָנען ניט קיין יידישקייט, דאַרף מען זיי עס ניט געבן.

— איך הער, אַז דיין דייוויד וויל פאָרן צוריק קיין רוסלאַנד אויף אַ באַזוך, צוליב וואָס טוט ער עס? — האָט דאָקטאָר לוריא רואיק געפרעגט.

— ער וויל זען די אַלטע טאַטע־מאַמע. ער קלערט, אויב מ׳וועט אים ניט אַריינלאָזן קיין רוסלאַנד, וועט ער זיי אויסשרייבן קיין דייטשלאַנד. ער וועט מיט זיי דאָרט פאַרברענגען עטלעכע טעג, שפּעטער וועלן זיי פאָרן צוריק קיין רוסלאַנד, און ער וועט זיך אומקערן צוריק קיין אַמעריקע. כאָטש דייוויד וואָלט געגעבן אַלץ אין דער וועלט אַבי מ׳זאָל אים אַריינלאָזן אין רוסלאַנד.

— מיינסט, אַז לעאָנאַרד האָט שוין אויף דעם ניט געגעבן אַכט טויזנט דאָלער? זיי ווילן, ער זאָל דערלייגן ביז צוואַנציק. אָבער מיך אַרט ניט אויף וואָס ער גיט, אַבי ער איז צופרידן. גיי נאָך ניט אַוועק, זכריה, איך האָב מיט דיר נאָך אַ סך צו רעדן.

קעראָלאַין איז אַוועק צוריק אין גאַסטצימער. מילדרעד האָט זיך צוגע־זעצט אויף דער סאָפע צו דאָקטאָר לוריאן.

— איצטער, אַז קעראָלאַין איז ניטאָ, וויל איך דיך פרעגן, זכריה, וואָס האָט דיין שוועסטער זיך אַריינגענומען אין איר נאַרישן קאָפּ, דיך צונויפ־ברענגען מיט מיס בערגער?

דאָקטאָר לוריא האָט זי אָנגעקוקט, געביסן די ליפּן און געפּאָרשט אין איר פּנים צי דאָס איז אַלץ וואָס זי וויל וויסן. זי, וואָס האָט אַמאָל געפירט אַן אומגליקלעכע ליבע מיט זיין עלטערן ברודער, האָט ניט איינמאָל ביים יונגן זכריהן אויפן אַקסל אויסגעקלאָגט איר ביסל טרערן. דאָס איז געווען אַמאָל, גאָר אַמאָל. איצטער, זי איז שוין אַ מאַמע פון גאַנץ גרויסע קינדער, און מ׳שמועסט, אַז איר מאַן איז שיעור ניט אַ מיליאָנער, פונדעסטוועגן, די לעצטע פּאָר יאָר, דוכט זיך איר אים אויס, ווען זי באַגעגנט זיך מיט אים, ווערט זי ביי זיך געפאַלן און איז גרייט זיך איבערגעבן אין זיין רשות.

— פון וואָס טראַכסטו איצטער, זכריה? — האָט זי אים גענומען פאַרן האַנט. — טראַכסט טאָקע פון זייער מיטינג דאָרטן?

— ניין, מילדרעד, איך טראַכט איצטער פון דיר, פון מיין ברודער, און פון אייער ליבע.

— פאַרוואָס גראַד איצטער?

— ווייל איך וויל מיטן געדאַנק אַרומנעמען די אַלע יאָרן זינט דאָס איז געשען. איך טראַכט, איר אַלע, וואָס האָט דאָ אין לאַנד געבאָרן קינדער און רייך געוואָרן, זייט איר געוואָרן אויף אַלץ אין דער וועלט ענלעך, נאָר ניט אויף זיך אַליין. איר האָט דען פליכטן צו עפּעס? וואָס האָבן זיך אייערע לייט איינגערעדט, אַז זיי האָבן פליכטן צום יידישן פאָלק אָדער צום נייעם פאָטער־לאַנד? און דער אָנגעבלאָזענער ראַביי, וואָס האַלט ער פאַר זיי די־אָ דרשות? זיי וועלן אים געבן געלט אַן די דרשות. זיי מוזן געבן געלט. ס׳איז אַזאַ מין געלט, וואָס מ׳מוז אויסברעכן. יעס, מילדרעד, צי גיט דען דיין מאַן געלט, ווייל דאָס איז זיין איבערצייגונג? זאָל אַ גלח קומען בעטן אויף אַ קלויסטער, וועט ער אויך געבן.

— אוי, ביסטו סמאַרט! פון וואַנען ווייסטו, אַז ער האָט געגעבן פינף טויזנט דאָלער אויף אַ קלויסטער וואָס מען בויט אויף אונדזער גאַס? אוודאי דאַרף מען געבן, זכריה. איך אַליין האָב אים געהייסן געבן. פונדעסטוועגן בין איך, די אַמאָליקע מלכה חלפן, געגאַנגען אויף סאַפּאַלק סטריט זיך זען מיט מיס בערגער. זאָג, דיר פאַרדריסט ניט, וואָס זי אַרבעט ביי די באַגעגן־ברידער? קעראָלאַין וויל, לעאָנאַרד זאָל איר געבן אַ פּלייס אין אָפּיס. פאַר־וואָס זאָגסטו גאָרניט, זכריה?

— וואָס גייט דיר אָן מיס בערגער?

— זי געפעלט מיר.

— ווילסטו אויך, איך זאָל מיט איר חתונה האָבן?

— איך האָב עס קיינמאָל ניט געזאָגט. פאַרקערט, מיך אַרט ניט, אַז דו דרייסט זיך אַרום ווי דער ווינט אין גאַס.

— פאַרוואָס?

— אימעצער פון די לוריאס דאַרף דאָך באַשטראָפט ווערן פאַר מיר. איך ווייס, אַז נייטן איז ניט גליקלעך. כ׳ווייס פאַרוואָס ער האָט ניט קיין קינדער מיט דינהן.

— גיי, מילדרעד אַריין צו דיין מאַן, זע, ער זאָל געבן ווי עס פּאַסט פאַר אַזאַ מענטשן. ער קען זיך נאָך אויסדרייען, און ניט געבן.
— ביסט דער ערגסטער אין דיין משפחה. די צייט האָט דיך ניט ווייכער געמאַכט.

מיט שנעלע טריט איז זי אַרויסגעגאַנגען פון צימער.

דאָקטאָר לוריא איז געבליבן אַליין. אין די אויערן זיינען אים געבליבן דעם ראַבייס רייד: „מאָזעס מענדלזאָן האָט די ביבל איבערגעזעצט אויף דייטש, כדי צו פאַרבינדן די דעמאָלסטדיקע יידן פון איין זייט מיט דער יידישער רעליגיע, און פון דער אַנדערער זייט מיט דעם גרויסן דייטשן פאָלק...״

— ווייסן מיר דאָך צו וואָס דאָס האָט געפירט. די דייטשישע יאַהודים שעמען זיך אפילו צונויפקומען מיט די רוסישע יידן. און די אויפגעקומענע רוסישע יידן שעמען זיך מיט די איסט־סאַידער יידן. אָבער קיינער פון די לייט, קיינער פון זיי מיאוסט זיך ניט איינצושפּאַנען די שקלאַפן פון דער איסט־סאַיד, זיי זאָלן פאַר זיי אָפּגעבן דאָס לעצטע ביסל כוח, דאָס לעצטע ביסל אָרנטלעכקייט וואָס זיי האָבן אַהער אַריבערגעבראַכט.

לעאָנאַרד סטאָן איז אַריינגעקומען.

— איך וויל הערן דיין מיינונג, זכריה. מיינסט ניט, אַז דאָס וועט אונדז דערנענטערן מיט די דייטשע יידן?
— וויפל האָסטו געגעבן?
— צוואַנציק טויזנט דאָלער.
— די גאָלדענע בריק וועט דיך גיכער דערפירן צו די דייטשישע יידן, אָבער דיין סאָנדעי־סקול...
— ביסט צו קלוג פאַר מיר. — האָט לעאָנאַרד גוטמוטיק געקלאַפּט דאָקטאָר לוריאן אין פּלייצע. — כאָטש דו ביסט אַ דאָקטאָר, ביסטו נאָך אַלץ אַ גרינ־האָרן.

* * *

איצטער איז ביי לעאָנאַרד סטאָן אין אָפיס געזעסן זיין שוועסטער מילד־רעד זילבערמאַן, און ווי צום ערשטן מאָל באַמערקט די טיפע קנייטשן אויף איר ברודערס פּנים פון ביידע זייטן מויל. ווי צום ערשטן מאָל האָט זי באַ־מערקט אַ טרויער אין זיינע אויגן. און אָנשטאָט אָנהייבן מיט אים רעדן וועגן דעם צוליב וואָס זי איז געקומען — האָט זיך איר פאַרוואָלט אָנרירן איר ברודערס פריוואַט לעבן.

— זעסט ניט אויס, לעאָנאַרד, אַזוי גוט ווי דו וואָלסט באַדאַרפט אויסזען.

פון גרויסן שאַפּ וואָס האָט זיך געשפּרייט ברייט און לאַנג אויף יענער זייט אָפיס, האָט זיך געטראָגן דער ספּאַזמאַטישער גערויש פון ניי־מאַשינען, וואָס האָבן זיך באַוועגט מיט עלעקטרישער קראַפט. ס׳האָט אויסגעוויזן, די הונדערטער מאַשינען ניט זיי שטעפּן די ביליקע שטאָפן, נאָר זיי האָבן זיך אָפּגעריסן פון זייער פּלאַץ און רעדלען זיך אויף די דילן פון גרויסן שאַפּ.

— יעס, לעאָנאַרד, האָסט זיך געדאַרפט נעמען אין די הענט, ניט לאָזן זיך פירן פון כ׳ווייס דאַרטן וועמען ס׳איז.

לעאַנאַרד ד'האָט אָנגעקוקט זיין שוועסטער און ס'איז אומעטיקלעך געשמייכלט. ער וואָלט אויך חשק האָבן אַ שמועס טאָן מיט דער שוועסטער און אַראָפּקייקלען אַ פּאָר שווערע שטיינער פון האַרצן.

— דו האָסט ערשט איצטער זיך דערוואוסט, אַז דיין ברודער באָדט זיך ניט אין נחת. דאָטס איט, מילדרעד. דאָ אין שאָפּ איז מיין היים.

— קעראָלאַין באַקלאָגט זיך, אַז דו האָסט דיין גאַנץ לעבן אוועקגעגעבן דעם שאָפּ.

— כאַ־כאַ־כאַ, קעראָלאַין באַקלאָגט זיך! וואָס פאַר אַ רעכט האָט זי זיך צו באַקלאָגן. זאָל איך זיך מיך אפשר פאַרלאָזן אויף מיינע פּאַרלייטע? ווען ניט קעראָלאַין וואָלט איך איצטער געווען רייכער מיט אַ פערטל מיליאָן דאָלער. איך האָב דעם לעצטן סטרייק נאָכגעגעבן נאָר צוליב איר.

— זי זאָגט, איר אַרט ניט, צי דו פאַרדינסט, צי ניט.

— איך זאָל קוקן וואָס איר אַרט און וואָס ניט, וואָלט איך נאָך איצטער געשטעקט אויף לודלאָוו סטריט.

— מיך פאַרדריסט, וואָס איך האָב מיך אַזויפיל יאָרן געהאַלטן פון איר פון דער ווייטנס. כ'האָב רחמנות אויף איר. זי האָט מיך געבעטן, איך זאָל מיט דיר רעדן וועגן די בערגערס... ווייסט דאָך, די גרינע משפחה מיט דער קראַנקער טאָכטער...

— וואָס וויל מען פון מיר, געלט? מיט געלט קען איך זיך אויסקויפן. נאָר אויב מ'וויל, איך זאָל אימעצן פון זיי אַריינבנעמען אין שאָפּ, איז נאָנסענס. וואָס עס קומט פון די לוריאַס, זאָל עס גיין פון וואַנען ס'איז געקומען. דאָטס אָל.

ביי לעאָנאַרדן אין פּנים האָבן זיך געביטן די קאָלירן. זיין פּנים, וואָס האָט געהאַט אַ קרענקלעכן ראָז, איז בלאַס געוואָרן. ער האָט אָנגעקוקט זיין שוועסטער און ד'האָט געוואָלט זיך דערקלייבן צום סוד, פאַרוואָס גאָר זיין שוועסטער, און ניט קעראָלאַין, איז געקומען ביי אים בעטן פאַר די בערגערס.

— יעס, מילדרעד, — האָט לעאָנאַרד ניט געוואַרט ביז זיין שוועסטער וועט זיך אָפּרופן. — שוין איבער דרייסיק יאָר אַז דיין ברודער לעאָנאַרד האָט זיך איינגעשפּאַנט אין וואָגן וואָס הייסט דערפאָלג. טו העל מיט די וואָס לייגן מיר אונטער שטיינער אונטער די רעדער! איך האָב מיט קעראָלאַין נאָך מיינע יאָרן ניט אויסגעלעבט. זי איז ביי מיר ווי אַ שטיין אויפן האַלדז. כ'וועל נאָך דעם שטיין פון זיך אַראָפּשליידערן. יעס, מילדרעד, ווער ס'האָט זיך מיט די לוריאַס פאַרבונדן — דער האָט זיך אָנגעהאַנגען אַ שווערן שטיין אויפן האַלדז. איך באַטראַכט נאָך אַלץ פאַר אַן אומגליק דעם טאָג ווען איך בין אַרויסגעקומען צו קעסל־גאַרדן באַגעגענען גרינע אַרבעטער, און גאָר זיך אָנגעשלאָגן אויף דער משפחה גרויסהאַלטער. איך פאַרשטיי פאַרוואָס רעבעקאָ איז פון זיי אַנטלאָפן.

מילדרעד האָט געהערט ווי דער ברודער רעדט און מיטן געדאַנק איז זי דורכגעלאָפן דורך דער לוריאַ־משפחה. די נערוון האָבן אַ ציטער געטאָן, ווי אָנרירנדיק אַן עלעקטרישן שטראָם, ווען דער געדאַנק ד'האָט זיי אָנגערירט, פריער אין דעם נאָמען נייטן לוריאַ, און שפּעטער — אין דעם נאָמען זכריה לוריאַ. אומבאַגרייפלעכע פעדים האָבן פאַרבונדן אויך איר האַרץ מיט יענע בעמען; און דאָס איז אפשר די סיבה פאַרוואָס זי האָט זיך געלאָזט איינ־

שפּאַנען פון איר שווּעגערן צו גיין טאָן דאָס וואָס איז אין איר כאַראַקטער ניט געווען.

לעאָנאַרד האָט באַמערקט זיין שוועסטערס פּנים וואָס איז גאָר אינגאַנצן אויסגעלאָשן געוואָרן, און געזאָגט:

— האַלט זיך פון די פון דער וויטנס, מילדרעד. זיי זיינען מיר שונאים, און זיינען עס דיר אויך. אויב די יוניע טרעפט צו מיין שאָפּ גאָר צום ערשטן, ווייס איך, אַז נייטן דהאָט אין דעם אַ האַנט. און דעריבער, אַז איך פייט די יוניע, איז ווי כ׳וואָלט געפייט די לוריאס.

— דייוויד באַדויערט וואָס דו קומסט ניט אַריין מיט מער געלט אין ריעל־עסטייט.

— כ׳האָב פאַר ריעל־עסטייט מורא. צופיל ביזנעס מיט די בענק. שאַרקס. דאָס, וואָס כ׳האָב מיט מיינע הענט אויפגעבויט, וויל איך אָפּהיטן.

ער האָט אויפגעעפנט די טיר פון אָפיס. דער מאַשינע־גערויש האָט אַריינגעשטראָמט אין אָפיס.

— הערסט? עלעקטרע... בין געווען דער ערשטער צו איינפיקסן עלעקטרישע מאַשינען. ס׳באַצאָלט זיך.

מילדרעד דהאָט זיך דערשפּירט פאַרשעמט אין די אויגן פון איר ברודער. זי האָט געוואָלט געפינען אַ בעסערן אויסרייד, הלמאי זי איז געקומען צו אים רעדן וועגן די בערגערס.

— קעראָלאַין לעבט אַן אומגליקלעך לעבן; אָבער דיך האָט זי ליב. כ׳ווייס עס. דעריבער האָב איך זיך צו איר דערנענטערט. זי זאָגט, אַז מ׳דאַרף זיין גוט צו פרעמדע אויך. אַמאָל האָב איך פון דעם ניט געהאַלטן; אָבער איצטער...

— יעס, מילדרעד, מ׳איז גוט צו פרעמדע אויפן חשבון פון אייגענע. צוליב וואָס זיך שפּילן אין באַהעלטעניש? נאָר, ווען זי דאַרף ביי מיר עפּעס אַרויסקריגן, באַווייזט זי מיר אַ פריינטלעך פּנים. זי וועט מיר קיין האַרב אויפן פּלייצע ניט אָנבינדן. לעאָנאַרד סטאָן איז שוין גאַנץ ווייט אַוועקגעגאַנגען. לעאָנאַרד סטאָן איז אין אַמעריקע. יענקיס שעמען זיך ניט צו דריקן די האַנט. איך בין ניט דניאל לוריא. איך וויל, מיינע קינדער זאָלן פאַרגעסן, אַז זייערע טאַטע־מאַמע קומען פון דער פאַרדריפּעטער רוסלאַנד. יעס, מילדרעד... איך בין שטאַרק סורפּרייזט, וואָס דו גאָר האָסט זיך אַוועקגעלאָזט אין קעראָלאַינס... יעס, איך בין סורפּרייזט. אַזויפיל יאָרן זיך געהאַלטן פון דער וויטנס, און איצטער... וואָס וועט אויף דעם דייוויד זאָגן?

מילדרעד האָט באַמערקט אין איר ברודערס אויגן אַן אומפריינטלעך פייערל. פונדעסטוועגן האָט איר ניט פאַרדראָסן וואָס זי האָט געפאָלגט איר שווּעגערין.

— ס׳איז ניט אינגאַנצן ווי דו קלערסט, לעאָנאַרד. דיר דאַרף ניט פאַרדריסן וואָס איך קום אַריין אָפּטער צו דיר אין שטוב.

— כ׳ווייס ווער די בערגערס זיינען, — האָט לעאָנאַרד מיט אַ בייזקייט אַרום מויל געשמייכלט. — איך קען זייער זון דעם בונטאָווּשטשיק. ניט נאָר גראָבט ער אונטער די באָסעס, ער גראָבט אונטער נייטענען, דעם גרויסן סאָציאַליסט.

— פאַרוואָס קוקסטו אַזוי אויף מיר? — דאָט מילדרעד געשפּירט ווי ס׳בלוט קומט איר אין פּנים אַריין. — אפשר טו איך אַ נאַרישקייט וואָס איך וויל העלפן קראַל אין אַרויסצושלעפּן אַ משפּחה פון אָרעמקייט. דייוויד האָט געגעבן אַרבעט צו איינעם פון די גרינע וואָס זיינען ניט לאַנג אַראָפּגעקומען.

— זאָל יעדערער בלייבן דאָרט וואו ער באַלאַנגט. זאָלן די בערגערס אויך בלייבן וואו זיי באַלאַנגען. ווי האַרט איך בין צו די אַרבעטער ווען זיי הייבן אָן אַ סטרייק, פונדעסטוועגן, אַז איך גיב זיי, די הינט, אַ ביסל נאָך, בין איך אין האַרצן צופרידן. אָבער אין שאַפּ ביי מיר האָב איך פיינט צו זען די אינטעליגענטלעך, וואָס האַלטן אַנטקעגן באָס אַ מעסער אין אַרבל. יעס, מילדרעד, איר אַלע בויגט דעם קאָפּ פאַר איר ברודער, פאַרן דאָקטאָרל. און כאָטש ער האָט ביי מיר אין שאַפּ אָנגעהויבן, פונדעסטוועגן, ווען ער קומט צו מיר איצטער בעטן פאַר זיך אַ דזשאַב, פאַרקלאַפּ איך אים די טיר הינטער דער נאָז, כאַ־כאַ־כאַ.

ווען זיין שוועסטער איז אַוועקגעגאַנגען, האָט לעאָנאַרד סטאָן זיך דער־שפּירט אומרואיק. ער האָט יאָ באַגריפן, און פאַרט ניט געקענט באַנעמען די איבערקערעניש וואָס איז פאָרגעקומען אין זיין שוועסטער, וואָס האָט אַמאָל, צוליב איר פאַרביטערטקייט און האַס צו די לוריאַס, ביי זיך געפּועלט אין פאַרלויף פון עטלעכע יאָר ניט אַריבערטרעטן זיין שוועל. און מיט אַמאָל גאָר דערוויסט ער זיך, אַז מילדרעד איז געוואָרן אָן אָפּטע איינגייערן צו אים, האָט אָנגעהויבן אויספירן שליחותן וואָס קראַלאַין לייגט אויף איר אַרויף.

ער פּרוּווט זיך דערמאָנען, ווי זיין שוועסטער, אַ פאַרלאָרענע און צעבראָ־כענע, איז אומגעגאַנגען נאָך דעם ווי זי האָט שוין חתונה געהאַט מיט דייוויד זילבערמאַן. ער דערמאָנט זיך, ווי זי איז נאָך דער חתונה ערגעץ פאַרפאַלן געוואָרן אויף גאַנצע דריי טעג, מ׳האָט יעמאָלט מורא געהאַט, אַז זי האָט זיך גענומען ס׳לעבן. ער ווייס אָבער אויך, אַז דאָס איז געווען נאָר אַ קורצע צייט נאָך דער חתונה. ווען דייוויד זילבערמאַן האָט אָנגעהויבן פאַרדינען געלט, רייך געוואָרן, איז דאָס איר וואויל באַקומען. „אין איר אויסמיידן די לוריאַס איז געווען ווערדע און שטאָלץ. און איצטער...״ לויט זיין באַגריף, איז אים קראַלאַין אַ סאַך געשטאַנען, און שטייט אים נאָך איצטער אויך אין וועג. זי פאַרבינדט אים מיט אַ וועלט, וואָס ער האָט מיטן פוס פון זיך שוין לאַנג אָפּגעשטויסן. „טשאַריטי איז עפּעס אַנדערש. איך גיב טשאַריטי און ווייס ניט וואו עס קומט אַהין. מיט די קבצנים האָב איך ניט צו טאָן. מיט די קבצנים דאַרף איך זיך ניט האַלדזן און קושן. און דאָ, אי טשאַריטי גיב, און שטיי פאַר די קבצנים פאַד קאָזיראָק, כאַ־כאַ־כאַ״.

ער איז אויפגעשטאַנען, געריבן מיטביידע הענט ס׳פּנים, ווי אָפּצואווישן פון פּנים אַ בייסיקן שטויב, וואָס האָט זיך פון זיינע מחשבות אַרויסגעשטויבט, און איז אַריין אין זיין שאַפּ. דער מעטאַלענער, אָפּגעריסענער גערויש וואָס האָט אַרויסגעשטראָמט פון אַהינטער די געבויגענע מענער און פרויען איבער די ניי־מאַשינען, האָט אים אַרומגעוויקלט, דורך אים דורכגעשטראָמט און ווי אויפגעהויבן אים פון דער ערד. פאַר די אויגן האָט אים אַ שווינדל גענומען, און ווי הינטער אַ נעפּל האָבן זיך געוויגט די טישן מיט די אָנגעוואָרפענע שטאָפן און פאַרטיקע קליידער.

צו אים איז צוגעגאַנגען דער פּאַרמאַן, מיסטער בערקוס; און מיט אַ געל־געבויגענעם קאָפּ אויף אַ דינעם האַלדז, אַרויפגעקוקט צו זיין באָס.
לעאָנאַרד האָט אים אַ ווייל באַטראַכט און מעכאַניש אַ פרעג געטאָן:
— ווען וועט מען שוין ווידער אַמאָל אַרויסרופן אַ סטרייק?
מיסטער בערקוס האָט בלאָס געשמייכלט און ניט באַנומען וואָס דער באָס מיינט מיט דער פראַגע.
— יעס, מיסטער בערקוס, צייט, מ׳זאָל עפּעס הערן; די דאַזיקע פּלייצעס זאָלן מיט אַמאָל קריגן מיילער, כאַ־כאַ־כאַ.
מיסטער בערקוס האָט נאָך אַלץ ניט באַגריפן וואוהין דער באָס צילט. שוין אַ יאָר פינף אַז ער איז פּאַרמאַן ביי לעאָנאַרד סטאָן אין שאָפּ. מ׳קען ניט זאָגן, אַז ער איז שטאַרק איינגעליבט אין זיין באָס. אָבער די פליכט פאַר דער אייגענער הויט האָט אים אויסגעלערנט צו דערקענען אין זיין באָס בשעת ער רעדט, צי דאָס מיינט ער ערנסט, צי דאָס איז שפּאָס. ער האָט אויך זיך אויסגעלערנט צו דערקענען, ווען זיין באָס איז אַ צופרידענער, אַ גליק־לעכער, און ווען ער איז אַראָפּגעקומען פון שטוב אַן אָנגעלאָדענער מיט היימישן טראָבל, און זוכט עס אויסצולאָזן אויף אימעצנס קאָפּ. איצטער האָט מיסטער בערקוס דערקענט אַ טרויעריק און פאַרטרערט פייערל אין זיין באָסעס אויגן. און ווען ער האָט דערמאָנט דעם סטרייק, האָט מיסטער בערקוס געזוכט די פּאַסיקע ווערטער, מיט זיי אויסצונעמען ביי זיין באָס.
— אַזוי גיך וועט קיין סטרייק אין דער נידל־אינדוסטריע ניט זיין.
— ביקאָס, דו ווילסט ניט? איך וויל אַ סטרייק. איך וועל זיי אין אַלץ נאָכגעבן, אויב זיי זאָלן נאָר גלייך פון אָנהויב אַרויסוויזן, אַז זיי האָבן אַ בעקבאָן, כאַ־כאַ־כאַ.
מיט די ווערטער איז לעאָנאַרד סטאָן אַוועק צוריק אין אָפיס, און געפונען, אַז רעבעקאַ לוריא וואַרט אויף אים. זי איז געזעסן אין זיין שטול ביי זיין דעסק, און פון הינטערן שטערן, ווי אַ פאַרטאַיעטע קאַץ, צו אים אַריבערגעקוקט.
— גודנעס גרעישעס... ווי קומסטו אַהער? וואו ביסטו פאַרפאַלן גע־וואָרן? כ׳האָב אפילו ניט געהאַט ביי וועמען זיך נאָכפרעגן אויף דיר.
ער איז צוגעגאַנגען, זיך אַראָפּגעבויגן, אַרומגענומען איר קאָפּ, און לאַנג געשפּירט איר קאָפּ. זי האָט זיך ניט געווערט. ווען ער האָט זיך אויסגע־גלייכט, האָט זי גענומען זיינע הענט און אויף שנעל, די פיר ווענט זאָלן עס ניט באַמערקן, האָט זי אים צוגעצויגן צו זיך, און אירע הייסע, טרוקענע ליפּן האָבן זיך געדריקט צו זיין פּייכטן, קילן מויל.
לעאָנאַרד איז דערנאָך איבערגעגאַנגען צום פענצטער. דער מאַשינען־געררויש פון שאָפּ, וואָס איז ווי אויף אַ ווייל אַנטשוויגן געוואָרן, האָט מיט מער בולטקייט צו אים זיך דערנענטערט און אַרומגענומען זיין האַרץ.
ער האָט פון דער ווייטנס אַריבערגעקוקט צו זיין ווייבס שטיפשוועסטער, וואָס איז ביי אים אין שטוב געוואַקסן און צייטיק געוואָרן — ווי ס׳ווערט צייטיק אַן עפּל אויפן בוים, רייסט זיך אָפּ און פאַרקייקלט זיך אינערגעצן. רעבעקאַ איז געזעסן מיט דער פּלייצע צו אים, און דער רויטער קאָפּ, אָנגע־שפּאַרט אויפן האַנט און עלנבויגן, האָט געצוקט, ווי ס׳גאַנצע לייב אירס וואָלט געהאַלטן ביים אויפגעריסן ווערן. ער האָט געפּרואווט מיטן געדאַנק ווידער צונויפברענגען זיין קעראַלאַין מיט דער רויטהאָריקער, קיילעכדיקער יתומה,

פאַרגלייכן זייער כאַראַקטער, זייער צוזאַמענלעבן, און פאַר אים קומען אויף סצענעס אַזעלכע, ווען קעראַלאַין האָט זיך געבאָדן אין טרערן צוליב דער־אַ רעבעקאַן, וואָס ד'האָט איר שטענדיק מיט גראָבקייט אָפּגעצאָלט פאַר מוטער־לעכער גוטסקייט וואָס קעראַלאַין האָט צו איר אַרויסגעוויזן.

ער דערמאָנט זיך אויך, ווי זייער אָפּט נאָך אַ קריג צווישן רעבעקאַן און קעראַלאַין, ווען קעראַלאַין האָט זיך פאַרשפאַרט אין שלאָפצימער און געקלאָגט אויפן הויכן קול, איז רעבעקאַ אַריינגעקומען צו אים אַרײַן מיט אַ פּייערל פון נצחון אין די אויגן צו אים אַרויפגעקוקט, געזוכט ביי אים באַלוינונג. לעאַ־נאַרד ווייס אויך, אַז אין אַ פּיקעט־לאַין אַרום זיין שאָפּ, וואָס פּאַליציי האָט צעשלאָגן, איז זי יעמאָלט אויך געווען און געכאַפּט קלעפּ. ווי קומט זי איצטער צו אים אַרײַן אָפּיס?

אַ געפיל פון צופרידנקייט און אומרו אינאיינעם האָט אים אַרומגעכאַפּט. „אויב זי האָט זיך באַוויזן, דאַרף מען זיך דערנענטערן” — איז אים דורכגע־לאָפן אַ געדאַנק, און אַנטקעגן דעם דאָזיקן געדאַנק האָט ס'האַרץ אָנגעהויבן צו קלאַפּן אַזוי הויך — אַזש אין די אויערן, אין די שלייפן האָט עס אָפּגעהילכט.

— פאַרוואָס האָט מען דיך אַזוי לאַנג ניט געזען? — האָט זיין שטים גע־ציטערט, בשעת ער האָט צו איר פלייצע אַריבערגעקוקט פון זיין פלאַץ ביים פענצטער. — מעגסט אויף מיר אַ קוק טאָן. קעראַלאַין האָט דיר קיין שלעכטס ניט געטאָן. איך ד'האָב דיר אוודאי קיין שלעכטס ניט געטאָן.

רעבעקאַ האָט צו אים אויסגעדרייט דעם קאָפּ און איראָניש געשמייכלט. איצטער האָט ער באַמערקט ווי דערוואַקסן זי איז געוואָרן. אין איר פנים, אין אירע אויגן — הונגער און בייזקייט. פרעמד איז זי אים אין דער רגע אויסגעקומען. „יאָ אַ לוריא, און פאָרט ניט קיין לוריא...” ער פּרוּווט זיך דערמאָנען איר פאָטער, ישראל לוריא, דעם פאָטער פון די אַלע „גרויסהאַל־טער”, און איר רויטהאָרקע מאַמע, ריוועטשע די ליטוועטשקע, וואָס איז ביי אים אין שאָפּ אויף לודלאָו סטריט געזעסן אויפן דיל און געזונגען אירע לידלעך. ער דערמאָנט זיך ווי דער פרומער ישראל לוריא האָט מיט ריוועטשען דערנאָכדעם חתונה געהאַט, און ווי ער, לעאָנאַרד, האָט אים געוואָלט שטעלן אויף די פיס, געמאַכט אים פאַר אַ שותּף צום שאָפּ...

איז דאָס די קליינע רבקהלע וואָס איז געבליבן פון דעם אַלטן ישראל און זיין רויט ווייבל, וואָס איז ביי אים אויפן שאָפּ־דיל געזעסן, געסטריגעוועט און געזונגען?

— וואָס איז מיט דיר, רעבעקאַ? פאַר אַן אַמעריקאַנער מיידל פּאַסט ניט, זי זאָל האָבן אַ זויער און בייז פּנים.

— כאַ־כאַ־כאַ, —האָט רעבעקאַ אַ לאַך געטאָן און זיך אויסגעדרייט מיט דעם שטול צו לעאָנאַרדן. — פון וואַנען ווייסטו ווי אַן אַמעריקאַנער מיידל זעט אויס? ביסט דאָך אין דיינע ביזנעס איינגעזונקען געוואָרן. מ'שמועסט, אַז דו ביסט אַ מיליאָנער; וואָס האָסטו פון דיינע מיליאָנען?

לעאָנאַרדן איז דורכגעלאָפן אַ קעלט איבער די ביינער. אָט אַזוי טוט אים אָפּטמאָל אַ זאָג אויך קעראַלאַין. אָבער ער באַנעמט וואָס יענע מיינט מיט דעם. וואָס מיינט זי מיט דעם?

— אַז דו האָסט זיך מיט דיין שוועסטער אַרומגעקריגט, האָב איך פאַר־שטאַנען. אָבער ווען דו ביסט געקומען זיך קריגן מיט מיר...

— איך בין ניט געקומען זיך קריגן מיט דיר. בין געקומען מיט דיר זיך איבערבעטן, — האָט זי וואוילעריש געדרייט מיט אירע ברוינע, ד'הייסע אויגן. — קלוג ביסטו, אַז דו קענסט מאַכן, אַזויפיל הונדערטער מענטשן זאָלן פאַר דיר אַרבעטן; אָבער אַ שטיק נאַר ביסטו פאָרט. וואָס איז דאָס ביי דיר, גרויע האָר?

זי איז אויפגעשטאַנען, צוגעגאַנגען צו לעאָנאַרדן און געגלעט זיין קאָפּ.

— געדענקסט, ווי איך בין צו דיר אין בעט אַריינגעקראָכן? קעראַלאַין האָט געמיינט, אַז איך בין נאָך אַלץ אַ קליין קינד, כאַ־כאַ־כאַ... וואָלסט וועלן, איך זאָל קומען צוריק וואוינען ביי דיר אין שטוב?

לעאָנאַרד האָט געפילט ווי גאַר זיין לייב ווערט אָנגעצונדן.

— דאָס וואָלסטו געדאַרפט פרעגן דיין שוועסטער, צי זי וויל, דו זאָלסט צו אונדז אין שטוב ווידער אַריינקומען. מיט מיר האָט עס ניט צו טאָן.

— ביסט ניט קיין באָס? ביסט ניט קיין מאַן? וואָס מיינסטו — — — —

זי האָט זיך פאַרכאַפּט און ניט אַרויסגעזאָגט וואָס ביי איר אויפן צונג איז געווען. אַנשטאָט דעם האָט זיך איר פּנים ערנסט פאַרצויגן.

— ניין, ניין, צו דיר אין שטוב אַריין גיי איך ניט. איך האָב אַ שטוב. איך האָב אַ היים. איך האָב פריינט.

— טאָ צוליב וואָס ביסטו איצטער געקומען?

רעבעקאָ האָט אים אַ וויילע אָנגעקוקט, און גאַנץ שטיל, מיט אַ ציטער אין שטים, געפרעגט:

— און אַז איך וועל מיין שטיפשוועסטער ווי טאָן, וועט עס דיך ניט אַרן?

— איר קענט צווישן זיך אויסקומען ווי מענטשן.

— און אַז איך וועל קומען צו דיר, און ניט צו איר, וועט דיך אויך ניט אַרן?

לעאָנאַרד האָט פון איר אָפּגעטראָטן, פון דער ווייטנס זי אַ וויילע אָנגעקוקט, און געזאָגט:

— כ'וועל דיך מאַכן פאַר מיין פריוואַטער סעקרעטערן דאָ אין אָפּיס.

— כ'האָב שוין לאַנג געקענט זיין אימעצנס פריוואַטע סעקרעטערן. דיין אָפּיס דאַרף איך ניט.

— וועל איך איבעררעדן מיט קעראָלאַין. וועל איר זאָגן, אַז דו ביסט געוועזן, ווילסט צוריק.

— כאַ־כאַ־כאַ, — ד'האָט רעבעקאָ פאַרוואָרפן מיטן קאָפּ. — טו עס ניט. דאַרפסט מיך ניט אין שטוב. כ'וועל דיר קיין פרידן אין שטוב ניט אַריינ־ברענגען. איך בין אויסגעוואַקסן אָן טאַטע־מאַמע, און זייטיקע מענטשן, מיט זייער גוטסקייט, האָבן מיין ד'האַרץ מיט גוטסקייט ניט אָנגעפילט. נאָר אויב דו ווילסט דערציילן קעראָלאַין — קענסט עס טאָן. קענסט איר אפילו זאָגן, אַז איך האָב ניט קיין חרטה פאַר די ביטערנישן וואָס זי האָט פון מיר געקראָגן. קום, באַווייז מיר דיין שאָפּ; כ'וויל זען, ווי איך וואָלט מיך געפילט ווען דער שאָפּ איז מיינער, און פאַר מיינעטוועגן זיצן די אַלע געבויגן איבער דער אַרבעט... קום.

זי האָט גענומען ל'עאָנאַרדן אונטערן אָרעם און מיט אַ געהויבענעם קאָפּ איז זי אַריין אין דעם גערויש פון די ניי־מאַשינען.

רעבעקאַ האָט זיך געשפּירט ענג אין שאַפֿ. די אויגן האָבן אומגע־בלאָנדזשעט צווישן די ניי־מאַשינען, און לעאָנאַרד, וואָס האָט זי געהאַלטן אונטערן אָרעם, האָט זי געשפּירט, איז אַזוי קליין, קליין געוואָרן. ער גרייכט ביז צו איר אָרעם, און ניט מער.

— ווי געפעלט עס דיר, רעבעקאַ ?

— ווי דיין ווייב.

— וואָלסט הנאה געהאַט פון די הויפּנס געלט, וואָס וואָלטן צו דיר פון צווישן די־אַ וועגט אין צייט אַריינגעקומען ?

— איך בין דיר ניט מקנא, לעאָנאַרד.

— דערפאַלג איז גוטער וויין.

— איז דאָס אַלץ ?

— וואָס דען ווילסטו נאָך, רעבעקאַ ? קער זיך אום צו מיר, ווי געוועזן.

— דיין דהיים איז ניט מיין היים.

— וואָס טוטסטו היינט ביינאַכט ?

— פאַרוואָס ?

— אויב דו ביסט פריי, קום פאַרנאַכט אַריין אין אָפיס, וועל־ן מיר איב־איינעם ערגעץ אַריינגיין.

רעבעקאַן האָט אַ שלאָג געטאָן ס׳בלוט אין פּנים אַריין. זי האָט זיך צוגע־דריקט צו אים און שטיל געזאָגט :

— איך האָב עס שוין גענוג. איצטער וויל איך גיין, איך דאַרף עפּעס באַזאָרגן, איך זאָל מיט דיר קענען פאַרברענגען דעם אָוונט.

זי האָט אים געלאָזן אין מיטן שאַפֿ און אַליין געאײלט צו דער דרויסנטיר.

* * *

קעראָלאַין איז געזעסן ביי דאָקטאָר לוריאַן אין זיין שלאָפצימער און אומ־געדולדיק געוואַרט, ער זאָל אַרויספּאַטרן די לעצטע פּאַציענטן. פון פאַרנאַכט אַרויס, פון דעם בנין אַנטקעגן, זיינען אין דער קרום געפאַלן שיטערע שנייעלעך און ערגעץ פאַרלאָרן געגאַנגען צווישן די ווענט. דער ריח פון יאָדעפאָרם און קאַרבאָלוואַסער האָט שיטערלעך אומגעבלאָנדזשעט אין צימער און פאַר־טריבן די היימישקייט וואָס זי האָט געוואָלט שפּירן אין ברודערס ד׳ אַמות.

די געדאַנקען זיינען ביי איר אַנגעלאָפן און זיך איבערגעמישט מיט יוגנט־לעכע זכרונות, וואָס זיינען ביי דער אַמאָליקער קריינדל לוריא אויפגעקומען יעדעס מאָל, ווען זי האָט זיך אַראָפּגעלאָזן צום ברודער, וואָס האָט זיך איינגע־בירגערט אויף דער איסט־סאַיד. עס האָט זי געצויגן, ניט צו דער אָרעמקייט. ס׳איז דער היימישער הו־האָ, וואָס איז אויף דער איסט־סאַיד פאַרהונדערטפאַכט געוואָרן און מיט קינדערשער פאַריסנקייט ניט געשעמט זיך אויפצודעקן די זייטן פון לעבעדיקן לעבן, וואָס די אַנטרונענע אויף דער וועסט־סאַיד האָבן זיך באַמיט צו פאַרדעקן — דאָס האָט זי געכישופט. זי האָט די לעצטע יאָרן געלעבט אויף דער וועסט־סאַיד, בעת די איסט־סאַיד איז נאָך אַלץ געווען דער ווייט־און־נאָענטער לעבנס־רעזערוואואַר, וואוהין ס׳האָט געצויגן די אַמאָ־ליקע קריינדל לוריא צו קומען, לאָזן, ס׳האַרץ זאָל אויפשטורעמען, און באַלד פאַרחלשט ווערן, ווי ביי איינעם וואָס האָט דערגרייכט צום ראַנד פון לעבן.

מיט דעם גאַנג פון דער צייט איז צווישן קעראָלאַין און צווילינג־ברודער כסדר געוואַקסן דער שטח וואָס האָט זיי פאַנאַנדערגעטיילט. די געזעלשאַפטן

אין וועלכע זי און איר ברודער האָבן פאַרקערט זיינען געווען פאַרשיידן, און דעריבער האָט עס קעראַלאַין זייער אָפט אויסגעוויזן, אַז דער וועג צו איר ברודער פירט באַרג־אַרויף. צוליב דעם האָט איר אויסגעוויזן ווי באַרג־אַרויף דאָרטן, וואו די איסט־סאַיד מיט אירע געזעמלען איז געלעגן אויסגעשפּרייט. ווען איר איז אויסגעקומען אָפּטמאָל צו וואַרטן ביי איר ברודער אין שלאָף־צימער, צומאָל הערן די קרעכצן פון פּאַציענטן, וואָס דאָקטאָר לוריא האָט באַהאַנדלט ביי זיך אין אָפיס, איז זי מיטן געדאַנק אַוועק צו יענע צייטן אויף לודלאָו סטירט, ווען אימעצער אין שטוב איז קראַנק געוואָרן און מ׳האָט אַרויפגעקוקט צום דאָקטאָר וואָס איז גערופן געוואָרן אין שטוב אַריין. דעריי־בער, יעדעס מאָל, ווען זי איז געקומען צום ברודער מיט אים האַלטן זיך אַן עצה, איז איר שווער אָנגעקומען צו געפינען די פּאַסיקע, אָפּנהאַרציקע ווערטער, וואָס זאָלן פאַרן ברודער אויפדעקן איר טרויעריק לעבן.

דאָס מאָל האָט זי געטריבן צו איר ברודער אַן אומדערוואַרטער פּחד — ווי די גאַנצע ערד אונטער אירע פיס האָט אַ ציטער געטאָן און אויפגעטרייסלט די פיר ווענט צווישן וועלכע איר לעבן איז אַן אונטערגעבראָכנס געלעגן. איר מאַן, לעאָנאַרד סטאָן, האָט אָנגעהויבן קומען שפּעט ביינאַכט אַהיים. זי האָט געקענט זיין כאַראַקטער, זיין אויסגערעכנטקייט, ניט צו ווייזן זיך פאַר מענטשן אויף אַ ניט־געשעפטלעכן אופן — האָט איר אויסגעקוקט אומגאַטיר־לעך זיין קומען שפּעט אַהיים. ווען זי האָט געפּרוּווט אויף אַ פאַרזיכטיקן אופן דערגיין וואו לעאָנאַרד האָט פאַרבראַכט אַזוי שפּעט, האָט ער אויף דעם ניט געענטפערט. כאָטש קיין צו גרויסע וואַרעמקייט איז אין זייער צוזאַמענ־לעבן ניט געווען, האָט פונדעסטוועגן זעלטן־ווען געטראָפן, ער זאָל ניט ענטפערן אויף אירער אַ פראַגע, אָדער האַלטן די אויגן צום דיל ווען ער איז געבליבן שטיין פאַר איר.

איר זון איזראַעל האָט זיך צו איר געווענדט, געוואָלט אויסגעפינען פאַר־וואָס דער פאָטער איז צעטראָגן:

— פאַרוואָס איז דער פאָ ניט גליקלעך? — האָט ער שוין ניט איינמאָל די לעצטע צייט געפרעגט ביי דער מוטער. — פאַרוואָס לאַכט מען קיינמאָל ניט ביי אונדז? פאַרוואָס קענסטו ניט מאַכן, דער פאָ זאָל זיך שפּירן גליקלעך ביי אונדז אין שטוב?

דאָס ערגסטע איז געקומען, ווען מיט עטלעכע שעה צוריק האָט זי רעבעקאַ אָפּגערופן אויפן טעלעפאָן און געזאָגט, אַז זי, קעראַלאַין, זאָל ניט זאָרגן אויב לעאָנאַרד קומט אַמאָל שפּעט ביינאַכט אַהיים: — דאָס באַגעגנט זי אים פאַרן שאַפּ, און זיי גייען אינערגעצן צוזאַמען.

ווען דאָקטאָר לוריא איז אַריינגעקומען אין שלאָפצימער, איז קעראַלאַין אויפגעשטאַנען אים אַנטקעגן און מיט צעשטרייטע אויגן אים אָנגעקוקט. אירע ליפּן האָבן געציטערט ווי פאַרן פאַנאַנדערוויינען זיך.

ער איז צוגעגאַנגען, אַ טרייסל געטאָן זי ביי ביידע אַקסלען:

— טשוכע זיך אויס, ווי ס׳פּאַסט פאַר אַ מאַמע פון קינדער!

זיינע פאַר מוטיקע ווערטער האָבן געהאַט אַ פאַרקערטע ווירקונג. איר ברודערס ווערטער האָבן איר ממש די פיס אונטערגעבראָכן. זי איז אַנידער־געפאַלן אויפן בעט און אָנגעהויבן וויינען.

— איך פאַרבאָט דיר צו קומען ווײַנען אַהער, קרײַנע, — האָט דאָקטאָר לוריא פּראָטעסטירט. — ביסט ניט קיין קינד מער. אויב דו קומסט צו מיר, אינאיינעם אַרומרעדן דײַן מצב, דאַרפסטו זיך האַלטן ווי אַ מענטש. איך האָב גענוג פּאַציענטן, וואָס ווײַנען און מאַכן אַן אָנשטעל. אָבער די גאָר ערנסטע חולאים זײַנען דווקא די וואָס פאַרקוועטשן די ציין און טראָגן איבער דעם ווייטיק בראַוו.

קעראַלאַין האָט זיך אויפגעזעצט, אויסגעווישט די טרערן און זיך באַמיט אַ שמייכל צו טאָן צו איר ברודער.

— ביכ... געזעגט, זכריה, — האָט איר שטים געציטערט. — אַ דער־וואַקסענער מענטש דאַרף ניט קומען זיך אָנוואַרפן אויף יענעם מיט זײַנע צרות. וואָס קען איך אָבער טאָן? פּיל איך נאָך אַלץ, אַז איך בין אַ בת־יחידה און ס'ציט מיך צו מײַנע ברידער, זיי זאָלן מיר מיטפילן. נו, ווייס איך איצטער, אַז אין אַמעריקע, אויב אַ מענטש איז אין נויט, אויב ער קען זיך אַליין ניט געבן קיין עצה, זאָל ער בעסער פאַרלייגן מיטן קאָפּ און קיין טובות ביי יענעם ניט בעטן.

— רעדסט שוין נאַרישקייטן. די צרה איז, וואָס יעדערער טראָגט זיך דאָ אַרום מיט זײַנע וואונדן. צופיל פּריוואַטע וואונדן. געזעלשאַפטלעכע וואונדן האָבן מיר אויך גענוג; כאָטש דאָס, וואָס מיט דיר האָט דאָ געטראָפן, האָט אויך געקענט געשען ווען מ'קומט ניט קיין אַמעריקע.

— אַלץ האָט זיך דאָ אויף מיר אָנגעלייגט.

— אפילו לעאָנאַרדס עשירות, כאַ־כאַ־כאַ.

— יעס, זכריה, אפילו דאָס אויך. אָבער איצטער, כ'בעט דיך, הער מיך אויס און העלף מיר. אפשר מיט דיר וועל איך זײַן שטאַרק גענוג צו מאַכן אַ דרייסטן שריט. רעבעקאַ האָט זיך אַרײַנגעריסן און צעבראָכט דאָס רעשטל לעבן מײַנס.

— רעבעקאַ?! — האָט דאָקטאָר לוריא געשטוינט.

— יעס, זכריה. איצטער זע איך אַרויס, אַז זי האָט זיך אויף מיין לעבן פאַרלייגט. וואָס האָט זי צו מיר? וואָס פאַר אַ שלעכטס האָב איך איר געטאָן? פאַרוואָס קען איך זיך ניט אויסקויפן פון איר? ווען איך זאָל וויסן, וואָס פאַר אַ זינד איך בין קעגן איר באַגאַנגען... זי האָט מיר אַליין טעלעפאָנירט, און מיט אַזויפיל בייזקייט האָט זי גערעדט, אַליין דערציילט, אַז לעאָנאַרד נעמט זי אײַנערגעצן ביינאַכט אַרויס.

— דאָס אַלץ וואָס זי האָט דיר געזאָגט?

קעראַלאַין איז געזעסן אַ צונויפגעדרייטע, איר פּנים בלאַס און איינגע־שרומפן. מער האָט זי ניט געקענט רעדן.

דאָקטאָר לוריא האָט זיך געהאַלטן רויק. מיטן געדאַנק האָט ער זיך אַריבערגעטראָגן צו רעבעקאַס קראַנקער באַבען, ווען ער האָט מיט אַ פּאָר יאָר צוריק אינאיינעם מיט רעבעקאַן זי געגאַנגען באַזוכן. ער באַגרייפט איצטער ווי יעמאָלט איז שוין די שטיפשוועסטער געווען גאָר אַן אַנדער מענטש. שוין יעמאָלט האָט ער דערקענט דעם קוואַל שנאה וואָס איז אויפגעקומען אין דער קיילעכדיקער יתומה צו דער משפחה לוריא. וואָרום אַנדערש וואָלט דאָך אַן אַמעריקאַנער געבאָרן מיידל ניט אַוועקגעוואָרפן אַ היים, וואו זי האָט זיך ממש געבאָדן אין וואוילטאָג. אים איז נאָר איין זאַך ניט געווען קלאָר — צי

אויך לעאָנאַרד נוצט זיך אויס מיט רעבעקאַס האַס, צי דאָס גרעניצט זיך בלויז מיט געלט־שטיצע, וואָס זי נעמט ביי לעאָנאַרדן. ווי דאָקטאָר לוריאַ שלאָגט זיך אָן, זוכט רעבעקאַ אויף אַלערליי וועגן געלט, צו קענען אויסהאַלטן די משפּחה פון איר מאַמעס צד.

— קריינדל, זייַ־זשע מוחל, זאָג מיר, צי ביסטו זיכער, אַז רעבעקאַ האָט עס געמיינט ערנסט?

קעראָלאַין האָט זיך אויפגעזעצט און ברייט אויפגעעפנט די צעשראָקענע אויגן אויף איר ברודער.

— האָסט אין דעם זיך ניט אַריינגעטראַכט? און זאָגן וויל איך דיר, — האָט דאָקטאָר לוריאַ ניט געוואָרט אויף קעראָלאַינס ענטפער, — ס'איז געווען פון אונדזער זייט אַ טעות, און אפשר אַ פאַרברעכן, וואָס מיר האָבן גאַנץ גלייכגילטיק אויפגענומען איר אָפּפרעמדן זיך פון אונדז.

— וואָס מיינסטו מיט דעם?

— פאַראַן אַזאַ זאַך ווי נאָענט בלוט. ווען אַזאַ בלוט ווערט פאַרפרעמדט, איז עס אַ סך געפערלעכער. ווען אייגן בלוט ווערט פאַרפרעמדט, ווערט עס גאַליק, ביטער און שעדלעך. יעס, קעראָלאַין, איך וויל זיך אַמאָל פאַרטיפן אין דער פסיכאָלאָגיע פון אונדזער ברודער אשר אין שיקאַגאָ, וואָס מיר האָבן פון זיך פאַרטריבן, און איך מאָל מיר אויס ווי זיין בלוט זידט מיט האַס צו אונדז אַלעמען. איך וועל ניט זיין איבעררעשט, ווען אשר וועט נאָך אַמאָל אַריינוואַרפן אַ שווערן שטיין צו די לוריאַס.

— וואָס האָב איך געקענט טאָן, אויב זי איז אַנטלאָפן פון מיין שטוב? צי האָב איך דען ניט געבעטן, זי זאָל זיין ביי מיר, איך וועל איר געבן וויפל געלט זי וויל פאַר איר באַבען. אפילו פאַר איר טאַטע בין איך גרייט געווען אַ סך צו טאָן. איז זי אַנטלאָפן פון מיין שטוב. וואָס האָב איך געקענט טאָן? איצטער וואָלט איך ביי דיר, זכריה, געבעטן נאָר איין זאַך: גיי מיט מיר אַריבער צו איר באַבען.

דאָקטאָר לוריאַ האָט באַמערקט, אַז ס'איז אומזיסט איצטער צו רעדן און ווירקן אויף דער שוועסטער, זי זאָל זיך באַרויקן.

— איך וועל מיט דיר גיין, קריינע; נאָר בתנאַי, זאָלסט זיך האַלטן ווי עס פאַסט פאַר אַ שטאַרקער פרוי און פאַר אַ שטאַרקן מענטשן.

ווען דאָקטאָר לוריאַ און זיין שוועסטער זיינען שפּעט אין אָוונט צוגעקומען צו דער טיר אויפן פערטן שטאָק, ניט ווייט פון האַרלעם־טייך, האָט זיך פון אינעווייניק דורכגעשלאָגן דאָס שפּילן אויף אַ פידל. די טענער, איינגענעמע און פולע, האָבן אויף אַ ווייל זיי צעגעשמידט צו זייער פּלאַץ. „אָט דאָס איז איר קאַפּ...“ — איז בייביידן די אייגענע מחשבה דערכגעלאָפן.

ווען דאָקטאָר לוריאַ האָט אָנגעקלונגען אין טיר — איז דאָס שפּילן איבער־געריסן געוואָרן. אָבער די טיר האָט רעבעקאַ אויפגעעפנט.

— באַבע, איך האָב געסט! — האָט רעבעקאַ אַריינגעשריען אין דער צווייטער טיר, און מיט דעם אייגענעם אימפּעט אַרומגעכאַפּט, פריער קעראָלאַין און שפּעטער דאָקטאָר לוריאַן, און זיך הייס מיט זיי צעקושט.

דער פידלשפּילער, וועמען רעבעקאַ האָט אַמאָל געבראַכט צו דאָקטאָר לוריאַן, ער זאָל הערן ווי ער שפּילט, איז מיט דעם פידל אין איין האַנט און

מיטן סמיק אין דער אַנדערער, געבליבן שטיין מיט ברייט־אָפענע אויגן, ווי אַ גרויס וואונדער וואָלטן זיינע אויגן דערזען.

פון צווייטן צימער איז אַריינגעקומען די טאַנטע גישע און איז אויך גע־בליבן שטיין — ווי אַן אויסטערלישע דערשיינונג וואָלט זיך פאַר אירע אויגן באַוויזן.

— אָטאָ ביסטו עס... — האָט קעראַלאַין געשטאַמלט, און נאָך אַ מאָל אַרומגעכאַפּט איר שטיפשוועסטער, וואָס איז איצטער געווען פאַר איר נאָך אַ פיל גרעסערע רעטעניש, ווי איידער זי האָט געפועלט ביי זיך צו בעטן איר ברודער גיין אויספאָרשן. — אוודאי איז דאָ ליבער, רעבעקאָ... אוודאי איז דאָ היימישער — האָט קעראַלאַין געשמייכלט צו דער טאַנטע גישע.

דאָקטאָר לוריא איז צוגעגאַנגען צו דעם יונגן פידלשפּילער און אים גע־קלאַפּט אין פּלייצע:

— איך געדענק ווי דו האָסט אַמאָל געשפּילט פאַר מיר. דיין טאַנטע האָט אין דיין שפּילן מער געגלויבט, און זי איז געווען גערעכט.

— כאַ־כאַ־כאַ, — האָט זיך רעבעקאָ צעלאַכט, און איר פּנים האָט זיך אָנגעצונדן. — כ׳ווייס, דו האָסט פון מיר יעמאָלט געלאַכט! שפּיל פאַר זיי עפּעס, הערי, שפּיל.

— זיי זיינען ניט געקומען הערן מיין שפּילן... — האָט דער פידלשפּילער הערי זיך פאַרשעמט.

— אַזעטיקע געסט, אַזעטיקע געסט, — האָט זיך גישע אָנגעהויבן צו עוסקן און אַרויסרוקן שטולן צום זיצן. זיצט, פּליז, דאָקטאָר, זיצט...

דאָס אומגעריכטע אָנקומען פון אַזעלכע וויכטיקע געסט, וואָס האָט אין דער ערשטער רגע אַרויסגערופן פרייד און פאַרוואונדערונג, ווען מ׳האָט אָפּ־געכאַפּט דעם אָטעם, איז געבאָרן געוואָרן סיי ביי רעבעקאָן און סיי ביי די קרובים אַ שטיקל חשד, אַז אין זייער קומען שטעקט אַ געוויסער באַטייט.

רעבעקאָס פּנים האָט זיך אויסגעלאָשן, און די אויגן, פולע מיט אַ טונקעלן פייער, האָבן ווי באַזונדער אומגעבלאָנדזשעט און געזוכט אַ פּונקט וואו די בליקן אָנצושפּאַרן. דאָ האָט זי געקוקט צו קעראַלאַין, און דאָ — צו דאָקטאָר לוריאן; און באַלד צו אירע קרובים, וואָס האָבן איבערגענומען איר צע־רודערטע שטימונג. רעבעקאָ איז געווען זיכער, אַז אין דעם אומגעריכטן באַזוך איז געוויס שולדיק איר שמועס אין טעלעפאָן מיט דער שטיפשוועסטער; און אוודאי וועט מען דאָך איצטער ניט פאַרציען קיין שמועס וועגן איר באַגע־געניש מיט לעאָנאַרדן.

— ס׳פרייט מיך זייער, רעבעקאָ, — האָט קעראַלאַין מיט אַ מוטערלעכער שטים גערעדט, בעת די בליקן האָבן אומגעבלאָנדזשעט איבערן אָרעמלעכן און רייַנעם צימער. — דיין מי איז ניט געווען אַרויסגעוואָרפן. אוודאי איז דאָ בעסער ווי אויף מעדיסאָן סטריט. איך געדענק ווי איר האָט דאָרטן געלעבט.

— ווער האָט דען געקענט גלויבן, אַז אַ קינד, וואָס האָט אפילו ניט גע־קענט טאַטע־מאַמע, זאָל זיך אַריינגעמען אין קאָפּ אַרויסצוהעלפן דער קראַנקער באָבען און...

— קען מען אַריינגיין צו אייער מוטער? — האָט דאָקטאָר לוריא געפרעגט.

— ווי פילט זי זיך איצטער?

— אדרבה, אויב פאַר אייך איז ניט שווער. מיר האָבן גענוצט אַ לאַנגע צייט די מעדיצין וואָס איר האָט צוגעשריבן.

ווען דאָקטאָר לוריא איז אין באַגלייטונג פון דער טאַנטע גישע און יונגן פידלשפּילער אַוועק אין צווייטן צימער — האָט קעראַלאַין זיך ניט געקענט מער קאָנטראָלירן:

— ווילסט חרוב מאַכן מיין לעבן, רעבעקאַ, — האָט זי שטיל געוועדט בערך־איר גאַנץ לייב האָט געציטערט פאַר קעלט. — פאַרוואָס ווילסטו חרוב מאַכן מיין לעבן? זאָג עס מיר פריי און אָפן. ווילסט, כ׳זאָל דיר אָפּטרעטן מיין שטוב, וועל איך. וועל צונעמען די קינדער און דו זיי דיר מיט לעאָנאַרדן.

— כ׳האָב ניט געהאַט וואָס צו צעשטערן. איך אינטערעסיר מיך גאָר ווינציק מיט לעאָנאַרדן. איך נעם נאָר ביי אים געלט, איך זאָל קענען אויס־האַלטן זיי אַטאַ־דאַ. מער דאַרף איך ניט.

— איז דאָס אַלץ, און ניט מער? — האָט קעראַלאַין, אַ צעפּלאָגטע, גע־שעפּטשעט. — אויב דאָס אַליין, האָסטו דאָך געקענט מיט מיר רעדן. איך וואָלט דיר געגעבן וויפל געלט דו דאַרפסט. איך האָב דאָך דיר אָנגעבאָטן. און פאַרוואָס האָסטו געדאַרפט, לעאָנאַרד זאָל עס פון מיר אויסבאַהאַלטן?

— לעאָנאַרד האָט געבעטן, איך זאָל קומען צו דיר אין שטוב לעבן.

— טאָ פאַרוואָס טוסטו עס ניט?

— כ׳וויל דיר ניט ווי טאָן. יעס, קעראַלאַין, אַ שטוב פאַרטראָגט ניט קיין צוויי קעץ.

— צי בין איך צו דיר געווען אַזוי?

— וואָס איז געווען אַמאָל, איז שוין לאַנג ניטאָ. איך בין אַמאָל געווען אַ קיילעכדיקע יתומה, און ווער ס׳האָט געהאַט גאָט אין האַרצן האָט אויף מיר רחמנות געהאַט. איצטער בעט איך ביי קיינעם ניט קיין רחמנות. כ׳וויל נאָר זאָלסט וויסן, אַז ס׳איז פאַראַן אייגן און נאָענט בלוט, און ס׳אי פאַראַן פרעמד און ווייט בלוט. קומט מיר גאַרניט דערפאַר, אויב מיר איז טייער און נאָענט די קראַנקע באָבע און די טאַנטע.

קעראַלאַין האָט זי אַ ווײַלע בלאַס אָנגעקוקט און, מיט אַ ווייטיק וואָס האָט אַרומגענומען איר האַרץ, האָט זי שטיל געזאָגט:

— איך וועל דיר אָפּטרעטן מיין שטוב; וועלן פאַרשפּאָרן זיין צוויי קעץ אין איין שטוב. הערסט, רעבעקאַ?

— אַזוי ווייט וועט עס ניט גיין.

— גייסט ביזן שטוב, קענסטו שוין אַריינגיין אין שטוב אויך.

רעבעקאַ האָט זיך פּלוצלונג צעשמייכלט, איז צוגעגאַנגען, אַרומגענומען די צעשראָקענע און נידערגעשלאָגענע שטיפשוועסטער, געדריקט צו זיך און געקושט איר פּנים.

— קום בעסער אַריין צו דער באָבען. זי וועט זיך מיט דיר דערפרייען. האָסט געמעגט אָפּטער אַהער קומען...

קעראַלאַין האָט זיך געלאָזט פירן. אַריינקומענדיק אין צווייטן צימער האָט זי זיך אַראָפּגעבויגן און געקושט דאָס פון רומאַטעס צענויפגעדרייט פּנים.

— דאָס ביסטו, קריינע... דו האָסט אין איר אַריינגעגעבן אַזאַ גוט האַרץ. וואו וואָלטן אונדזערע ביינער דאָ אין אַמעריקע אָנגעשפּאַרט, ווען ניט זי? און איצטער, דערציילט זי מיר, אַז פון דיין שטוב קומט עס אַזאַ גרודע גאָלד

אַלץ וואָך. דער אײדים אַרבעט נאָך אַלץ ניט. ווי אַזוי װעל איך עס דיר קענען אָפּדאַנקען? יעס, קריינע, אַבי מ׳זאָגט, אַז אין אַמעריקע זיינען קינדער שלעכט צו טאַטע־מאַמע. וואָס בין איך צו איר געווען? צי האָט זי מיך גע־קענט? רעכט, זי האָט מיך געקענט פֿאַרגעסן.

— הערסט, קעראָלאַין, וואָס די באָבע זאָגט? דו ביסט שולדיק וואָס איך בין... וואָס בין איך, באָבע, אַ גרויסער נאַר בין איך? כאַ־כאַ־כאָ.

רעבעקאָ האָט געלאַכט הויך און גערעדט הויך, ווי איבערצושרייען אייגענע און קעראָלאַינס מחשבות.

— ווײסט, הערי, פֿאַר זיי עפּעס שפּילן... שפּיל זיי באַך, שפּיל, זאָל דאָקטאָר לוריא הערן ווי דו שפּילסט. וואָס ביסטו אַזוי אומעטיק, זכריה?

ווען מ׳איז אַריינגעגאַנגען צוריק אין פֿאָדערשטן צימער, האָט דער יונגער פֿידלשפּילער אָן באַזונדערע הכנות זיך גענומען פֿאַרן פֿידל, און מיט אַ ביסל אַ צעשראָקענעם טאָן האָט ער אָנגעהויבן שפּילן באַכס אַ פּרעליוד.

קעראָלאַין האָט אויסגעצויגן איר האַלדז, כלומרשט געהערט די פֿידל־טענער, אָבער אין די אויערן האָבן געקלונגען רעבעקאָס ווערטער אין טעלע־פֿאָן, ווען זי האָט איר געהייסן ניט זיין אומרואיק אויב לעאָנאַרד קומט שפּעט אַהיים.

אויפֿן וועג אַהיים האָט קעראָלאַין זיך געהאַלטן אָן איר ברודערס אָרעם און מיט דראָבנע, שפּלע טריט אים נאָכגעגאַנגען. זי האָט דאָס מויל ניט גע־קענט עפֿענען. זי האָט געוואַרט, דער ברודער זאָל עפּעס זאָגן.

— פֿאַרוואָס שווייגסטו, זכריה? — האָט קעראָלאַין געפֿילט ווי די קעלט נעמט דורך איר געביין. — קלער מיר אויף, וואו בין איך אין דער וועלט? דער מוח קערט זיך מיר איבער. ווער איז זי? וואָס מיינט זי מיט דעם?

— איין זאַך איז מיר קלאָר געוואָרן היינט ביינאַכט. פֿאַראַן, ווען איינער גייט טאָן אַ פֿאַרברעכן, און גלויבט בשעת מעשה, אַז ער נעמט זיך אָן פֿאַר דער גערעכטיקייט. דוכט מיר, רעבעקאָ געהערט צו דעם קלאַס פֿאַרברעכער. אָבער איינס מוז מען צוגעבן: זי האָט פֿון זומפּ אַרויסגענומען איר מאַמעס משפּחה. אימעצער דאַרף דאָך צאָלן דערפֿאַר.

קאַפּיטל דריי און צוואַנציק

אַ פאַרווירטע איז מילדרעד זילבערמאַן אומגעלאָפן צווישן די אויפגע־רודערטע מענטשן־מאַסן, וואָס האָבן זיך אויף טאַימס־סקווער אָפּגעטראָטן די פיס, כדי נענטער צו זיין צום קוואַל ידיעות וואָס זיינען פון אַטלאַנטישן אָקעאַן אָנגעקומען.

„די „טיטאַניק" האָט זיך אָנגעשלאָגן אין אַן אייזבאַרג און איז אין דער העלפט צעריסן געוואָרן. פון די איבער צוויי טויזנט פּאַסאַזשירן וואָס האָבן זיך גע־פונען אויף דער „טיטאַניק" זיינען מער ווי טויזנט אומגעקומען אין די כוואַ־ליעס פון שטורמישן ים. די „קאַרפּאַטיע" האָט די געראַטעוועטע פּאַסאַזשירן אויפגענומען און פירט זיי קיין ניו־יאָרק"...

די נעמען פון מער געהויבענע פּאַסאַזשירן, סיי פון די דערטרונקענע און סיי פון די געראַטעוועטע, האָבן זיך באַוויזן אין די צייטונגען. מילדרעד זילבערמאַן האָט איינע און די זעלבע צייטונג עטלעכע מאָל געקויפט, גע־נישטערט אין דער פּאַסאַזשיר־ליסטע, אפשר וועט זי איר מאַנס נאָמען גע־פינען; איר מאַן, דייוויד זילבערמאַן, וואָס איז געפאָרן צו דער דייטש־רוסישער גרעניץ, דאָרטן באַגעגענען זיינע אַלטע טאַטע־מאַמע, וואָס זיינען צו אים פון רוסלאַנד אַרויסגעקומען, און דערציילן זיי פון זיינע גרויסע גליקן אין דער גאָלדענער מדינה. מילדרעדס קאָפּ איז געווען אין דעם, איר מאַן זאָל פאָרן זיך זען מיט די עלטערן וואָס פריער, ניט וואַרטן ביז מ'וועט רוסישע יידן, וואָס האָבן זיך נאַטוראַליזירט אין אַמעריקע, אַריינלאָזן קיין רוסלאַנד.

ס'איז אויך געווען איר קאָפּ אין דעם, ער זאָל אויסרעכענען די צייט פון אַהיים פאָרן, און זיין פון די ערשטע פּאַסאַזשירן אויף דער גרעסטער שיף, וואָס מאַכט איר ערשטע רייזע קיין אַמעריקע — די „טיטאַניק".

— איך אַליין האָב אים געשיקט צו אַ זיכערן טויט...

ווען די „קאַרפּאַטיע" איז אָנגעקומען, און איר דייוויד זילבערמאַן איז צווישן די לעבעדיקע ניט געווען, איז מילדרעד געבליבן ליגן אַ פאַרמוחטע. דאָס גאַנצע לעבן האָט זיך פאַר איר אויסגעלאָשן, גלייך ווי די ערד אונטער אירע פיס האָט אָנגעהויבן צו זינקען, און זי, אינאיינעם מיט איר קראַנקן־געלע־גער, זינקט אין דעם קאַלטן, אויפגעשטורעמטן אַטלאַנטישן אָקעאַן.

ווען שפּעטער אַ ביסל האָט איר געדאַנק זיך אָנגעהויבן אויסלייטערן און איר באַשיינפּערלעך באַוויזן איר מאַן, דעם ריעל־עסטייטניק דייוויד זילבערמאַן, ווי ער ווערט ערגעץ געטראָגן צום פינצטערן אָפּגרונט אינאיינעם מיט נאָך גרויסע מענטשן — אפילו מיט אַזאַ מענטשן ווי אַסטאָר, וואָס פאַר־מאָגט אפשר האַלב ניו־יאָרק — איז איר עפּעס אין קאָפּ קלערער געוואָרן. האָט דער געדאַנק אָנגעהויבן בלאָנדזשען צווישן די הייזער וואָס איר מאַן

האָט אויפגעבויט אין אַ סך טיילן פון ניו־יאָרק; הייזער, וואָס האָבן שוין מיט איר מער קיין שייכות ניט, און אַ פּאָר הייזער, וואָס זיינען נאָך ארומגע־שטעלט מיט רישטעוואַניעס; און איבער „לאָטס", וואָס דייוויד זילבערמאַן האָט געקלערט — גלייך ביים צוריקקומען, אָנהייבן אויפרייסן דעם באָדן, לייגן אַ פונדאַמענט פאַר צוקונפטיקע נייע בנינים.

— וואָס וועט פון דעם אַלעמען ווערן?

קעראָלאַין איז געווען די ערשטע אַריבערצוקומען טרייסטן די אומגליק־לעכע שוועגערן. זי, אינאיינעם מיטן אַלטן חלפן, מילדרעדס פאָטער און קעראָלאַינס שווער, זיינען ביי איר בעט געזעסן, געקוקט צום דיל, ניט געפונען קיין טרייסט־רייד, און ניט געפונען דערוויל קיין ווערטער פון דערמוטיקונג. „צוועלף הונדערט מענטשן זיינען אינאיינעם מיט דער „טיטאַניק" אומגעקומען. ניט נאָר איר אומגליק אַליין. אָבער ווי קען מען עס איר זאָגן?..."

— האָב רחמנות אויף זיך און די קינדער, מלכה, — האָט דער אַלטער פאָטער ווי עס איז געפועלט ביי זיך צו זאָגן. — שטאַרק זיך, אדרבה, זע, ווי דו ביסט ניט אַליין, און צו קיין מענטשן וועסטו אויך ניט דאַרפן אָנקומען. גאָט צו דאַנקען, ער האָט דיך פאַרזאָרגט. לעאָנאַרד וועט געפינען צייט אַריינ־צוקוקן אין די ביזנעס. ער איז אַ ברודער, קענסט זיך אויף אים פאַרלאָזן.

ווען דער פאָטער איז אַוועק, האָט מילדרעד צו זיך צוגעצויגן איר שוועג־גערן און געזוכט אַן אָנהאַלט אין דעם מענטשן, וואָס זי האָט יאָרן לאַנג אויס־געווייכט. זי האָט צו זיך צוגעצויגן איר שוועגערן, אויף קעראָלאַינס הענט אויסגעוויינט ס'לעצטע ביסל טרערן. זי האָט געזוכט אַ וואָרט אַזאַ, וואָס זאָל געפינען דעם ערשטן פאָדים, וואָס האָט אַמאָל געקניפּט די חלפנס מיט די לוריאַס. איצטער, אין איר אומגליק און עלנט, איז איר געדאַנק אומגע־שוואומען, ניט צווישן די חלפנס, נאָר דוקא צווישן די לוריאַס.

ווען דאָקטאָר לוריאַ האָט געקראָגן די ידיעה וועגן דער „טיטאַניק" קאַ־טאַסטראָפע, און פון דעם, אַז צווישן די אומגעקומענע פּאַסאַזשירן איז אויך אַריינגעפאַלן דער ריעל־עסטייטניק דייוויד זילבערמאַן, האָט ער אַליין גע־קלערט אַהין אַריבערגיין. נאָר אַ ווידערגעפיל האָט אים אַרומגעכאַפּט צוליב דעם, וואָס די לעצטע צייט ד־האָט מילדרעד זילבערמאַן, די, וואָס האָט אַלע יאָרן געווייכט די לוריאַס, זי דוקא האָט זיך אָנגעהויבן דערנענטערן, אָנגע־הויבן נאָכצוטאָן זיין צווילינג־שוועסטער, געזוכט ווי אַזוי צו טאָן מענטשן טובות — אין וואָס דאָקטאָר לוריאַ האָט קיין אמונה ניט געהאַט.

ס'איז אגב פאַראַן אַ זכרון וואָס קומט אין צייט און שטעלט אויף אַ געפּאַר־באַריער צווישן דער פאַרגאַנגנהייט און דער קעגנוואַרט. אין האַרצן איז ער געווען צופרידן, וואָס ביי די זילבערמאַנס האָט מען מער אמונה אין פרעמדע דאָקטוירים; אויף אים קוקט מען נאָך צייטנווייז ווי אויף דעם געוועזענעם אַפּרייטער, וואָס האָט אַמאָל געאַרבעט ביי די חלפנס אין שאַפּ.

ווען קעראָלאַין האָט אים אָפּגערופן, געבעטן אַריבערקומען, טרייסטן איר שוועגערן אין איר אומגליק, האָט זיך ביי אים שיעור ניט אַרויסגעכאַפּט, אַז ער האָט פאַר מענטשן אַ רפואה, אָבער ניט קיין טרייסט. ער האָט גוט געקענט זיין שוועסטער, ווי זי וואַרפט זיך אַריין מיטן גאַנצן האַרצן אין יענעמס אומ־

גליק; האָט ער פאַרנומען מיט זיך זיין רענצל מיט אינסטרומענטן און איז אַוועק צו די זילבערמאַנס.

אַנשטאָט צו געפינען די צעטרייסלטע מילדרעד אין בעט, ווי קעראָלאַין האָט אים אָפּגעמאָלן, האָט ער זי גאָר געפונען אין ביבליאָטעק־צימערל; אין אַ טיפן שטול איז זי געזעסן, איינגעוויקלט אין אַ שוואַרצער, אַטלעסענער קימאָנע, און פון אונטער די ברעמען צו אים אַרויפגעקוקט מיט אַ טרויעריקן שמייכל אַרום מויל.

זי האָט אים דערלאַנגט איר אויסגעבלייכטע האַנט, געבעטן זיך זעצן, און האָט געלאָזן די טרערן אַראָפּרינען ביז צום מויל, איבערשניידן דעם שמייכל, וואָס האָט באַלויכטן דעם אונטערשטן טייל געזיכט.

אירע בליקן זיינען געפאַלן אויף זיין רענצל מיט אינסטרומענטן און זי האָט געזאָגט:

— ווי גוט מיר וואָלט געווען, ווען איך זאָל מיר קענען אויסמאָלן, אַז זכריה איז ניט קיין דאָקטאָר, נאָר דער אַמאָליקער זכריה, דער שטילער און באַהאַלטענער זכריה, וואָס האָט מיך אַזוי פיינט געהאַט.

דאָקטאָר לוריא איז פריער אַוועק מיט זיין דמיון דורך אַ פינצטערער נאַכט צום אָפּגרונט פון אַטלאַנטיק, צו דער אויף צווייען צעריסענער שיף און אירע פּאַסאַזשירן, צווישן וועלכע דייוויד זילבערמאַן בלאָנקעט אַ פאַרגלייווערטער מיט די טיפע אָפּגרונט־שטראָמען, און פון דאָרטן — צו דער אויסגעלאָשענער מילדרעד זילבערמאַן און אַמאָליקער מלכה חלפן, אַ מאַמע פון צוויי יונגע קינדער, און ניט געוואוסט וואָס צו ענטפערן אויף איר באַמערקונג.

— לעבן איז שטאַרקער ווי טויט, — האָט ער אַ טראַכט געטאָן. — כל זמן לעבן איז איינגאַנצן ניט אויסגעלאָשן געוואָרן, האָט עס פאַרבאָרגענע פייערן וואָס קענען פון אַ יונגן ווינט ווידער אויפגעבלאָזן ווערן.

— איך וואָלט איצטער גאָר איינגאַנצן צעבראָכן געוואָרן, ווען ניט קעראָלאַין, וואָס איז צו מיר אַ שוועסטער און אַ מאַמע. איצטער זע איך ווי מען פאַרשטויסט אַמאָל דעם אמתן און געטרייען פריינט. זאָג מיר עפּעס, זכריה, — האָט זי נאָך אַ ווייל שטילשווייגן צו אים אַריבערגעקוקט. — קיינער קען מיר איצטער ניט העלפן אפילו מיט קיין עצה. יעס, זכריה, ביסט געקומען מיט דיין רענצל. איך בין ניט קראַנק. ס'איז נאָר ווי די צייטונגען באַשרייבן ווי די „טיטאַניק" איז צעריסן געוואָרן אויף צווייען און יעדן טייל האָבן די כוואַליעס געטראָגן באַזונדער. אַזוי איז אויך מיין לעבן צעריסן געוואָרן אויף צווייען; איין העלפט האָט זיך אָפּגעריסן און איז אויף אייביק פאַרטראָגן געוואָרן. איך ווייס פון צוויי הייזער וואָס וואַרטן אויף דייווידן, ער זאָל קומען זיי פאַרענדיקן; עס וואַרטן לאָטס, מ'זאָל קומען אויף זיי בילדן... זאָג עפּעס, זכריה.

דאָקטאָר לוריא האָט געפּרוּווט מיטן געדאַנק אָפּטיילן דאָס אַרויסגעזאָגטע פון דעם געמיינטן. „צי דען ליגט איר איצטער אין קאָפּ אָטאָ־דאָס, פון וואָס זי זאָרגט? ליגן איר טאַקע אין קאָפּ די ניט־פאַרענדיקטע צוויי הייזער און די לאָטס וואָס דייוויד זילבערמאַן וואָלט קומענדיקן פרילינג אָנגעהויבן אויף זיי בויען?"

ער האָט זיך ניט געקענט איינהאַלטן און געזאָגט:

— אויב דו קלייבסט זיך טאַקע העלפן בויען ניו־יאָרק, ווי דאָס האָט זילבערמאַן געטאָן, געפעלט עס מיר. אויב דו ווילסט זיך ניט באַנוגענען מיט דעם וואָס זילבערמאַן האָט איבערגעלאָזן, וועסטו געוויס גאָר גיך פאַרגעסן אָן דיין אומגליק.

מילדרעד האָט אויף דאָקטאָר לוריאַן אָנגעשטעלט אַ פּאָר צעטומלטע אויגן; ס׳בלאַסע פּנים האָט זיך אָנגעגאָסן מיט אַ שיטערן רויט. זי האָט ניט געוואוסט וועמען צו באַשולדיקן: צי זיך אַליין, וואָס, אַ געבויגענע אונטער פּערזענלעכן אומגליק און טרויער, האָט זי געגומען און אָנגעהויבן רעדן פון ביזנעס; צי דעם „טרוקענעם" זכריה לוריא, וואָס האָט זיך אויף אירע וואַכע געפילן קיינמאָל ניט אָפּגערופן.

זי האָט זיך אַליין באַשולדיקט, וואָס אָנשטאָט צו רעדן פון „לאָטס" און ניט־פאַרענדיקטע הייזער, האָט זי גאָר געדאַרפט רעדן וועגן אירע צוויי קינדער, וואָס איר וועט אויסקומען אַליין צו דערציען און אַליין פאַר זיי זאָרגן.

אין דער רגע זיינען אירע צוויי קינדער — סילוויאַ, צען יאָר, און לואי, אַכט יאָר, — אַריינגעקומען אין צימער.ביידע האָבן שטיל זיך אַנידערגעזעצט נעבן דער מוטער, סילוויאַ פון איין זייט און לואי פון דער אַנדערער, און מיט קינדערשער ליבע געקושט דער מוטערס אויסגעלאָשענע באַקן, מיט צעשראָקענע בליקן אַריבערגעקוקט צו דאָקטאָר לוריאַן — ווי ביי אים זוכנדיק אַ באַשייד צו דער שרעקלעכער רעטעניש וואָס זיי האָט אַרומגעכאַפּט, ניט באַנעמענדיק וואָס אַזוינס איז מיט זייער פאָטער פּאַרלאָפן אויפן מיטן אָקעאַן.

מילדרעד, צווישן די צוויי קינדער, ביידע בלאָנדע, אין איר געראָטן, האָט אין דאָקטאָר לוריאַס אויגן אויסגעזען יינגער ווי ביים אַריינקומען. אין קעגנוואָרט פון די קינדער איז פאַר ביידן שווער געווען אָנצוקניפּן צוריק דעם ניט־געלונגענעם איבערגעריסענעם שמועס. דאָס לעבן האָט אָבער אָן ווערטער אָנגעהויבן צו שלאָגן פון אומזיכטבאַרע קוואַלן — מיט דעם אַריינקומען פון די קינדער. די אָנוועזנהייט פון מענטשן, וואָס איז פאַר איר שטענדיק געווען אַ רעטעניש, האָט אויך איצטער געקראָגן אַ קלאָרן באַדייט. זי האָט אים געאַכט און ניט געגלויבט. שווער איז איר געווען צו באַנעמען ווי אַזוי אַט־אָ דער מענטש, וואָס הייסט דאָקטאָר לוריאַ, איז אַמאָל געזעסן אַ געבויגענער איבער אַ ניי־מאַשין ביי איר פאָטער אין שאַפּ, און שפּעטער ביי איר ברודער אין שאַפּ אויף לודלאָוו סטריט.

אָבער נאָך שווערער קומט איר אָן צו באַנעמען דעם שייכות פון רענצל אינסטרומענטן, וואָס שטייט ביי דער טיר, מיט דעם מענטשן זכריה לוריאַ, וואָס האָט עס געבראַכט. זי מאַלט זיך אויס, אַז אין רענצל ליגן אינסטרומענטן ס׳האַרץ אויסצוהערן, דעם בלוטדרוק אויסצומעסטן. שאַרפע לאַנצעטן און שערן, דאָס לייב אויפצושניידן, נאָדל־פאָדים, וואונדן צו פאַרנייען...

— איז ער טאַקע געקומען מיך אונטערזוכן? איך זאָל פאַר אים אָפּדעקן מיין לייב און זיך מאַכן, אַז מיין לייב פּילט גאָרניט, באַנעמט גאָרניט, בשעת ער וועט מיט זיין לעבעדיקער האַנט?...

— דאָס איז דאָך דאָקטאָר לוריאַ, סילוויאַ, — האָט מילדרעד זיך ניט געקענט איינהאַלטן. — דאָס איז דאָך דער טאַטעס קעראַלאַינס אַ ברודער. ער איז אַ דאָקטאָר, געקומען געזונט מאַכן די מאַמע, כאַ־כאַ־כאַ. וואָס זאָגסטו, זכריה, — האָט זי צו אים די אויגן ניט אויפגעהויבן, — קענסט טאַקע

היילן אַלערליי קראַנקע? קענסט אפילו היילן אַזעלכע קראַנקע וואָס גלויבן ניט, אַז דו ביסט אַ דאָקטאָר?

דאָקטאָר לוריא האָט אַ לאַך געטאָן, האָט אינסטינקטיוו אַ נעם געטאָן זיין רענצל און אַרויסגעשטעלט עס הינטער דער טיר.

— כ׳ווייס, איך זע דיר אויס נאַריש מיט מיין אָנשטעל פון אַ דאָקטאָר. ס׳פרייט מיך זייער וואָס איך האָב דיך געפונען אַט אַזוי שוין אויף די פיס. וואָס דאַרפסטו מער? אַ מאַמע צווישן אַזעלכע צוויי קינדער דאַרף קיין דאָק־טאָר ניט האָבן.

— וואָס ביסטו אויפגעשטאַנען, זכריה? איילסט זיך אַוועקצוגיין? גלויבסט ניט, אַז איך בין קראַנק? קענסט מיר אין אַ סך אַרויסהעלפן. איך וויל ווערן טעטיק. איך וויל פאַריכטן גאָר אַ סך וואָס איך האָב אין לעבן קאַליע געמאַכט. געוואָן אַ נאַרישקייט פון מיר גאָר איצטער צו נעמען און רעדן פון הייזער און לאָטס. כ׳ווייס, דו ביסט פאַרנומען, קראַנקע וואַרטן אויף דיר. אָבער איך בין אויך קראַנק. יאָ, קינדערלעך, אייער מאַמע איז קראַנק. נאָר צוליב אייך וויל איך געזונט ווערן.

די קינדער האָבן ווי געפילט דער מוטערס פאַרלאַנג. ניט אַראָפּנעמענ־דיק די אויגן פון דאָקטאָר לוריאַן, זיינען זיי אַרויס פון צימער.

מילדרעד איז אויפגעשטאַנען פון איר פּלאַץ, צוגעגאַנגען צו דאָקטאָר לוריאַן און פון נאָענטן אים אַריינגעקוקט אין די אויגן:

— כ׳ווייס, וואָס דו טראַכסט איצטער פון מיר. ווען דו קענסט, וואָלסטו מיר געזאָגט אַלץ וואָס דו טראַכסט פון מיר. ניט מיין, אַז דייוויד גייט מיר אַרויס פון זינען אפילו אויף אַ רגע. איך האָב מיינע טרערן אויסגעוויינט, און בין אַלץ אַליין. וואָס קען איך העלפן? ער האָט מיך באַזאָרגט. איך האָב מער וויפל אַ מענטש באַדאַרף. איך גיי ניט פאַרענדיקן דאָס וואָס ער האָט איבערגעלאָזן. איך וויל אָנהייבן אַ ניי לעבן ווי אַ נוצלעכע פרוי. קעראַלאַין ווייס פאַרוואָס איך בין צו איר אַזוי אָפט געגאַנגען. כ׳האָב שוין לאַנג געוואָלט רעדן מיט דיר. דייוויד, איידער ער איז אַוועקגעפאָרן, האָט מיט מיר גערעדט, איך זאָל זיך זען מיט דיר און פרעגן ביי דיר אַן עצה. אפילו ווי אַזוי צו דער־ציען מיינע קינדער ווייס איך אויך ניט. אפילו וואָס צו טאָן מיט מיין פרייער צייט ווייס איך אויך ניט.

— ס׳איז צו פרי צו רעדן פון דיין צוקונפט, מילדרעד.

— פאַרוואָס? — האָט זי פאַרוואונדערט אים אָנגעקוקט.

— ווען דייוויד זילבערמאַן וואָלט דיך איבערגעלאָזט אין אָרימקייט, און דו קומסט צו דיין אַלטן פריינט פרעגן וואָס צו טאָן, וואָלט איך געטראַכט ווי אַזוי צו פאַרגרינגערן דיין לעבן, זאָלסט מיט דיינע קינדער ניט דאַרפן הונגערן. אָבער איצטער, ווען דיין מאַן איז אויף אייביק אַוועק, און ווי איך מאָל מיר אויס, האָט ער דיר איבערגעלאָזט אַ גרויס פאַרמעגן — טאָ מיט וואָס פאַר אַ שטיצע קען איך דיר איצטער קומען אַנטקעגן? דאָס לעבן איז שטאַרקער פון אונדזער ביידנס שכל. די לוריאס גייען בלינד אין לעבן, און וואָס סע באַגעגנט זיי אין וועג — גליק צי אומגליק, איז עס אומגעריכט. די חלפנס גייען אין לעבן אויסגערעכנט, ווייסן וואָס זיי ווילן, און ווייסן ווי אַזוי צו נעמען דאָס וואָס זיי געפעלט.

מילדרעד האָט געביסן די ליפּן און פון אונטערן שטערן אים בייז אָנגע־קוקט. ס'איז ניט געווען די פּאַסיקע צייט, און זי איז ניט געווען בכוח איצטער צו געפינען די ווערטער, פּרואוון אים ענטפערן אויף דעם וואָס ער האָט גע־זאָגט. אגב, האָט דאָקטאָר לוריא איר אַ צו שטאַרקן אמת אַרויסגעזאָגט. ער האָט עס געטאָן אין אַזאַ צייט, ווען ער וואָלט געדאַרפט זיין פּאַרזיכטיק. איר פאַרלאָרנקייט האָט ער גוט באַנומען. ער האָט אָבער באַמערקט, אַז אין איר פאַרלאָרנקייט קלאַפּט זי זיך מיט אַ קלאָרן קאָפּ אָן אַ פרעמדער וואַנט. זי טוט עס מיט דער אייגענער זיכערקייט, ווי עס טוען מענטשן, וואָס רעדן הויך, יענער זאָל הערן, אָבער אַליין דאַרפן זיי ניט הערן וואָס זיי רעדן.

זי האָט זיין געמיט אויפגעכאַפּט. זי האָט אָנגענומען זיין האַנט, באַטראַכט זיינע פינגער און געוואָרט ווי פאַר זיך אַליין:

— איך וואָלט געוואָלט זיין די זינדיקסטע פרוי אויף דער וועלט, ווען איך זאָל איצטער טראַכטן פון דעם זכריה לוריא מיט אַזויפיל יאָרן צוריק. ניט איך בין די אַמאָליקע מלכה חלפן, און ניט דו ביסט דער אַמאָליקער זכריה לוריא. איך ווייס מיין פּלאַץ, און איך ווייס ווי דיין פּלאַץ איז. איך ווייס, כ'האָב ניט געדאַרפט שיקן נאָך דיר. כ'האָב געדאַרפט צו דיר אַראָפּקומען מיט מיינע קינדער, זאָלסט זיי אָנקוקן, און אויף מיר זאָלסטו קוקן ווי אויף אַ מאַמע, אַן אלמנה... אַן אָרימע אלמנה וואָס איז געבליבן אַליין און וויל ניט מער ווי אַן עצה ווי קינדער צו דערציען. טאַקע דאָס און מער ניט. זיי מיר אין קיין שום זאַך ניט פאַרדעכטיקט. איך דאַנק דיר שטאַרק, וואָס דו ביסט געקומען. אַז איך וועל זיך שטעלן אויף די פיס, אָנהייבן אַרויסגיין, וועל איך צו דיר קומען טאַקע מיט מיינע קינדער. איצטער וויל איך דיך פרעגן, צי די קענסט די משפחה מערלין, די אלמנה מיט די פיר דערוואַקסענע קינדער וואָס זיינען געקומען אָנהייב ווינטער צו די בערגערס.

— איינער פון זיי איז ביי מיר געווען מיט אַ צייט צוריק. ער האָט גע־ליטן פון קאַפּוויטיק. ער האָט אַ ווייב געלאָזן אין רוסלאַנד.

— ניין, איך מיין ניט דעם עלטסטן. איך מיין דעם מיטלסטן. דייוויד האָט אים געגעבן אַרבעט. ער איז דייווידן שטאַרק געפעלן געווען. אין רוס־לאַנד איז ער געזעסן אין טורמע. אַ רעוואָלוציאָנער איז ער געווען. דאָ האָט ער ביי דייווידן געטאָן קאָרפּענטער אַרבעט. כ'ווייס אַליין ניט וואָס איך זאָל אים פאָרלייגן. אויב ער פאַרשטייט אין בילדינג, ווי דייוויד האָט געטראַכט פון אים, וועל איך אים אפשר פאַרשטעלן פאַר לעאָנאַרדן.

— האָסט נאָך מיט לעאָנאַרדן ניט גערעדט וועגן דעם?

— איך קלער מיט אים רעדן. אפשר זאָל מען זיך שטעלן בילדן אויף אַ לאָט אין ברוקלין.

מילדרעד האָט געפאַרשט וואָס פאַר אַן איינדרוק אירע רייד מאַכן אויף דאָקטאָר לוריאן, אָבער קיין איין נערוו האָט אין זיין פּנים קיין ציטער ניט געטאָן.

— איך וועל ניט זיצן מיט קיין פאַרלייגטע הענט, — האָט זי געפרואווט ווידער רעדן, אומשפּאַנענדיק איבערן צימער. — ס'וואָלט געווען אַ זינד, איך זאָל אָנהייבן צעטאַכלעווען וואָס דייוויד האָט איבערגעלאָזן. אין אַמעריקע דאַרף אַ פרוי אַליין ניט זיין געפאַלן ביי זיך. וואָס שווייגסטו, זכריה? — איז זי געבליבן שטיין פאַר אים. — כ'וועל מיט אים קומען צו דיר, זאָלסט זיך

מיט אים באַקענען. ער איז נאָך גאָר אַ יונגער מענטש, אָבער דייוויד האָט שטאַרק פון אים געהאַלטן.

זי האָט זיך אַראָפּגעלאָזן אין טיפן, ווייכן שטול, און גערעדט צו זיך אַליין:

— זכריה מיינט, אַז איך האָב פאַרגעסן וואָס כ'האָב אַמאָל פון אים געהערט ביי לעאָנאַרדן אין שטוב. איך וויל ניט, מיינע קינדער זאָלן אויסוואַקסן אָן גאָט און אָן גאָרניט. כ'וויל, מיינע קינדער זאָלן וואַקסן און וויסן ווער זייער טאַטע איז געווען און ווער זייער מאַמע... איך בין זיכער, דאָקטאָר זכריה לוריא, מיין אַמאָליקער גוטער פריינט וועט מיר העלפן ווען איך וועל עס פון אים פאַרלאַנגען. איך טראַכט פון נאָך אַ מענטשן וואָס איך וויל האָבן נאָענט לעבן זיך. איך וויל אָבער דאָ איצטער ניט דערמאָנען ווער דאָס איז.

דאָקטאָר לוריא האָט רואיק זיך איינגעהערט וואָס זי האָט צעשטרייטער־הייט פאַר אים אָנגערעדט. אין אַלצדינג איז געווען אי רייד, איווירקלעכקייט. אין אַלצדינג, אין וואָס ער האָט איר חושד געווען, האָט ער געגלויבט. אים האָט זי איצטער אויסגעזען ווי איינער וואָס רעדט פון שלאָף, און רעדט אַרויס אַלץ וואָס ער וואָלט זייענדיק וואַך אויסבאַהאַלטן.

— ביסט מיד, מילדרעד, — האָט ער גענומען איר האַנט צום געזעגענען זיך. האָסט ניט געדאַרפט אויפשטיין צוליב מיר. כ'וועל איצטער אַוועקגיין, כ'האָב נויטיקע וויזיטן צו מאַכן.

ער האָט זיך פאַרנומען צום טיר, אוןביים אַרויסגיין האָט ער זיך אָנגע־שלאָגן אין די צוויי שנירלעך טרערן וואָס זיינען פון אירע אויגן גערונען, אים צו באַגלייטן.

קאַפּיטל פיר און צוואַנציק

דאָקטאָר לוריא האָט געשפּירט ווי זיין לעבן ווערט שטופּנווייז איינגעשלאָסן אין אַ האַרטער שאָלעכץ ווי אַ טשערעפּאַכע, נידעריק ביי דער ערד, צוגעוואַקסן צום האַרטן פּאַנצער, מער ניט אַ פּענצטערל דעם קאָפּ אַרויסצושטעקן און אַרומקוקן זיך.

די גאַנצע לוריא־משפּחה, אַלע אירע אַלטע און יונגע צווייגן האָט דאָקטאָר לוריא געשפּירט, איז דער שטייפער פּאַנצער, פון וואַנען זיין לעבן קען זיך אויף דער פריי ניט אַרויסרייסן. די יאָרן זיינען געלאָפן. דער „גרינער" שטראָם, וואָס האָט זיך אָן איבערדרייס געצויגן צום אַמעריקאַנעם ברעג, האָט זיך טייל־ווייז צעצווייגט, אַוועקגעצויגן ווייטער פון ברעג — צו דרום, צפון און מערב. גרויסע יידישע צענטערס האָבן זיך איבערן לאַנד אויסגעפורעמט; אָבער דער עיקר שטראָם האָט זיך נאָך אַלץ אָפּגעזעצט אין ניו־יאָרק, און געמאַכט צום גלויבן, אַז דער יידישער יסוד איז גוט און שטאַרק איינגעפונדעוועט. יידישע צייטונגען, יידישע טעאַטערס, „יידישע מיסטן, און אויף זיי — יידישער גייסט". סינאַגאָגעס, בתי־מדרשים, חדרים און ישיבות, טעמפּלען און „סאַב־דעי סקולס". איסט־סאַיד און וועסט־סאַיד. ער אַליין — אויף דער איסט־סאַיד; אַ טייל פון זיין משפּחה — אין שכנות מיט די יענקיס וואָס ווערן איבער נאַכט, מיטן אָנקומען פון יידן, אויסגערונען.

— איז אַלץ, צוליב וואָס איך לעב, כדי צו זיין אַן עדות ווי דער עלטערער דור ווערט אַלט, און דער צווייטער, יונגער דור, אַ מין חזיר וואָס האָט שוין באַקומען הערנער?

אין געשטאַלט פון אַ חזיר וואָס האָט הערנער געקראָגן האָט ביי אים אויסגעזען דער אויפגעקומענער אַלרייטניק, וואָס איז אינערלעך און פון דרויסן מיט פעטס באַוואַקסן געוואָרן, גייסטלאָז פּאַכעט ער מיטן דאָלער צו באַווייזן ווי ער האָט איינגענומען אַמעריקע. דאָקטאָר לוריא האָט געוואָלט כאָטש מיטן געדאַנק זיך אָפּטיילן פון אייגענע, וואָס אין זיינע אויגן האָט זיי אַמעריקע ניט אויפגעריכט, נאָר פאַרקערט — אָפּגעסמט פאַר זיי די נאַטירלעכע טראַדי־ציאָנעלע וואָרצלען, אַטראָפירט די געפילן, כדי ניט צו באַגרייפן די גרויסע גייסטיקע ירידה, וואָס האָט אַוועקגעשלעפּט דעם דור אויפגעקומענע אַלרייט־ניקעס.

צו דער רעאַקציע אין זיין באַציאונג צו משפּחה האָט אויך טייל־ווייז גורם געווען די שטיפשוועסטער רעבעקאַ, וואָס איז די לעצטע צייט אין זיינע אויגן געוואָרן אַ רעטעניש. און דער עיקר האָט אַ סך ביטערקייט און ציניזם אין אים אויפגעוועקט די שפּאָגל־נייע אלמנה, מילדרעד זילבערמאַן, וואָס איר מאַן איז אויף דער „טיטאַניק" אומגעקומען. ווען זי האָט זיך דערפילט אַ באַלע־

באַסטע איבער קרוב צו אַ מיליאָן דאָלער, נאָכדעם ווי די אויסגעלאַשענע באַקן האָבן אַריינגעקראָגן מיידלשע חוצפּה, איז זי אַלץ אָפּטער, מיט אַזאַ אָדער אַן אַנדער תירוץ, אַראָפּגעקומען צו דאָקטאָר לוריאַן און געוואָלט אים דערמאָנען די יאָרן ווען ער האָט נאָך געאַרבעט אין שאָפּ. ביי אַ געלעגנהייט אים געבן צו פאַרשטיין, אַז אפילו אַ דאָקטאָר צו זיין איז בעסער ווען מען פאַרמאָגט אַ גרעסער פאַרמעגן פון זיינס; און אַנשטאָט די איסט־סאַיד — זאָל ער זיך אַריבערקלייבן אַהין, וואו אַ טייל פון זיין משפחה האָט זיך שוין איינגעבירגערט.

שווערע שטימונגען האָבן אים אַלץ אָפּטער אַרומגעכאַפּט. אַנשטאָט פּרואוון פאַר זיך אויסמאָלן ס׳אויסזען פון די טעג וואָס זיינען געלעגן פאָרויס, איז ער כסדר מיטן רעיון אַוועק אויף צוריק צו דער צייט, ווען די צעשראָקענע ערשטע יידישע וואַנדערער, וואָס זיינען ווי דורך פייערדיקע נעפּלען געלאָפן פון אַן אַלטער היים צו אַ יונגער, פרעמד און אייגענער אַמעריקע — האָבן די ערשטע טריט אויף דער ניו־יאָרקער איסט־סאַיד געשטעלט. ליבער איז אים געוואָרן די געדעכעניש פון זיינע אַמאָליקע האַלב־צעשראָקענע טריט און די שווער־פאַרהאָרעוועטע פאַר דאָלער אַ וואָך, ווי זיין איצטיקער זיכערער אָרט אין דער נייער היים.

— אַז אַ יחיד בלאָנדזשעט צווישן אַ רוּאיקער מענטשן־מאַסע, קען טרעפן, אַז מיט דער צייט וועט אים אויך די רו באַהערשן. דאָ איז אַ מענטשן־מאַסע וואָס האָט דעם דרך הישר ניט געפונען, זי ווערט פון פרעמדע כוואַליעס גע־טראָגן צו פאַרנעפּלטן מאָרגן, און איך באַמי זיך אומזיסט אויסצוטיילן מיין וועג באַזונדער.

און עס טרעפט, אַן אינערלעכע שטים וואַרפט אים אויף, זאָגט אים מוסר:

— פאַרוואָס האָסטו זיך פאַרשלאָסן אין דיין האַרטער שאַלעכץ, ווי אַ טשערעפּאַכע, און גלויבסט, אַז דו האָסט מיטן גרויסן כלל קיין שום שייכות ניט? און דאָס, מיט וואָס די יידישע מאַסן לעבן זיך אויס, געהערט זיך מיט דיר גאָרניט אָן. צי דען אויפן בית־עולם בויט זיך די אייביקע יידישע היים? לעבעדיק זיינען די אַלע וואָס האָבן געבויט סינאַגאָגעס און גייען אַהין דאַוונען. לעבעדיק זיינען די וואָס האָבן אפילו בלויז די תלמוד־תורות באַנייט. לעבע־דיק, און דו באַמערקסט עס ניט, זיינען אַלע די וואָס באַמיען זיך אויפצוהאַלטן דאָ אונדזער שפּראַך און קולטור. דו האָסט זיך איינגעשמועסט, אַז אין דיר איז פאַרקערפּערט דער ריינער אמת. דאָס שענסטע וואָס מיר האָבן אַריבער־געבראַכט, גלויבסטו, וועט אונטערגיין. וואָלסטו כאָטש חתונה געהאַט, געבאָרן קינדער און פאַרקניפּן דיין היים מיט דעם מאָרגן פון דיינע קינדער!

ביי דעם טוט עס אַ שווינדל פאַר די אויגן. „חתונה האָבן, געבערן קינ־דער, פאַרקניפּן דיין הײַנט מיט דעם מאָרגן פון דיינע קינדער... אָט זע איך דאָך וואוהין די קינדער דאָ געבאָרענע זיינען פאַרטראָגן געוואָרן. דאַרף איך אויך פאַר די אויגן דעם תהום וואָס ליגט דאָ אָפּן צווישן די גרינע טאַטעס, וואָס האָבן פון זיך דעם דורותדיקן נעכטן אַראָפּגעוואָרפן און זיך ניט צוגע־קניפּט צו אַ יידישער צוקונפט?"

— די שענסטע האָפענונג, טראַכט ווידער דאָקטאָר לוריאַ, — האָט אַהער געבראַכט הילל. אַין קלייניקייט: איינשאַפן שטיקער פרייע ערד און אויף דער פרייער ערד בויען יידישע ישובים. אַליין, און מיט קינדער און קינדס־קינדער זיך איינוואָרצלען אויף אַן אייגענער, פרייער ערד. „עם עולם"...

דאָס אייביקע פאָלק... ווערט דאָ דאָס אייביקע פאָלק יונג ווערן און זיך איינ־פלאַנצן פאַר איצטער און פאַר די קומענדיקע דורות? וואָס איז פון היללס לויטערן חלום מעשטיינסגעזאָגט געוואָרן?

און ווייטער פאַרפלאָנטערט זיך דער געדאַנק אין זיין ברודער דניאלס כלומרשטער טראַגעדיע, וואָס אָט באַלד וועט זיין עלטערער זון אַוועק אויף אייביק צו די גוים; אָט איז דער ברודער נייטן, וואָס האָפט, אַז דער צוואַנ־ציקסטער יאָרהונדערט וועט זען דעם סוף פון יידישן פאָלק. „אַסימילאַציע וועט דאָס יידישע פאָלק אויף אייביק באַפרייען פון היסטאָרישן האָרב...״ און צו דער גוטער, צאַרטער שוועסטער פאַרבלאָנדזשעט זיין געדאַנק, וואָס איז אין גרויס עשירות שפּל געוואָרן!

טרעפט אַ שעה ווען דער ווינט ברענגט פון ערגעץ אַ שטים צו טראָגן. אַזוי אויך אין זיין גייסטיקן קריזיס, ווען דאָקטאָר לוריא האָט אָנגעשפּיצט אַלע זיינע חושים, איינגעהאַלטן דעם אָטעם צו פאַרנעמען עפּעס פון לעבנס הו־האַ — איז גאָר אומגעריכט צו אים אין אָפּיס אַריינגעקומען אַ פּאַציענט, ער זאָל אים געבן אַ מיטל צו שטאַרקן זיין אַלגעמיינעם געזונט; אַ יונגער יידישער דיכטער איז דאָס געווען, שלום מעלצער, אַ גרינער נאָך, ערשט אַ יאָר פון רוסלאַנד. שלאַנק און בלאָנד, מיט לויטער־בלויע אויגן — איז ער געווען דער ווינט וואָס האָט די שטים פון ערגעצן געבראַכט.

— איך האָב געקלערט, אַז איר זייט פון די גאָר ערשטע, פון די אַכציקער יאָרן, — האָט שלום מעלצער מיט באַוואונדערונג געקוקט דאָקטאָר לוריאן גלייך אין די אויגן אַריין. — איין קלייניקייט, די אַכציקער יאָרן! די ערשטע, וואָס האָבן אפילו ניט געוואוסט וואָס אַמעריקע מיינט פאַר זיי און פאַר די ווייטערדיקע יידישע דורות!

דאָקטאָר לוריאן האָט אַ וואַרעמקייט אַ שלאָג געטאָן אין פּנים אַריין, בעת דער יונגער דיכטער האָט מיט באַגייסטערונג גערעדט, ווי ער וואָלט אין גע־שטאַלט פון דאָקטאָר לוריאן עפּעס אַן אויסטערלישע דערשיינונג געזען.

ווען דאָקטאָר לוריא האָט אויף דעם ניט געענטפערט, בלויז גוטמוטיק געשמייכלט, האָט דער יונגער דיכטער ווידער גערעדט:

— איך דוכט אפשר אויס, איך רעד זייער נאַיוו; אָ, ניין, זינט איך בין געקומען אַהער, הער איך ניט אויף צו נישטערן און זיך צוהערן, אפשר וועל איך נאָך קענען אויפכאַפּן יענעם ציטער, וואָס די ערשטע האָבן געשפּירט אין זייער גאַנצן וועזן ביים אַריינקומען אין לאַנד. איר האָט דאָך פאַר יידן אַנטדעקט אַזאַ גרויס לאַנד, אַזאַ פריי לאַנד. פאַרוואָס האָט איר עס פאַרגעסן?

דאָקטאָר לוריא האָט געהערט זיינע רייד און בשעת מעשה געטראַכט פון פּאַציענטס איינגעפאַלענער ברוסט און אָפּגעצערטן לייב; געקלערט, וואָס פאַר אַ מעדיצין פאַרשרייבן, צו פאַרשטאַרקן דעם יונגן דיכטערס אָפּגעצערטן גוף.

— דווקא דערפאַר וואָס מ׳האָט אפשר ניט פאַרגעסן, זעט די ווירקלעכקייט אויס אַ סך אַנדערש ווי איר שטעלט זיך זי פאָר. איך וויל אייער אילוזיע ניט צעשטערן. איר זייט אַ יידישער דיכטער. אייער נאָמען האָב איך ערגעץ־וואו באַגעגנט. איך ווייס, אַז אַ דיכטער, ווי אַ פויגל, זינגט דעם אייגענעם ניגון, צי ער זיצט אויף אַ בוים וואָס וואַקסט אויף אַ בית־עולם, צי אויף אַ בוים, פאַר די פענצטער פון אַ ניי הויז.

דער פּאַציענט איז אומעטיק געוואָרן. מיט אַ באַדויערן אין פּנים האָט ער די אויגן ניט אַראָפּגענומען פון דאָקטאָר לוריאַן.

— וואָס, איך רעד ווי אַ פּעסימיסט? — האָט דאָקטאָר לוריאַ גערעדט און געקוקט צום פענצטער. — שווער צו זיין אַנדערש. איך בין אַ דאָקטאָר מעדיצין. איך קום אין נאָענטן קאָנטאַקט מיטן יידישן לעבן. איר, דיכטער, זייט דרויסנדיקע מענטשן, צום גאַנצן לעבן, מיין איך, זייט איר דרויסנדיק. איר באַזינגט, צי איר באַשרייבט דאָס לעבן, ווי איר וואָלט עס וועלן זען. און איך, איך האָב ניט דאָס גליק צו קענען זען אונדזער יידיש לעבן מיט אייערע דיכטערישע אויגן.

— קומט אויס נאָך אייער מיינונג, אַז די ערשטע, טאַקע די פון די אַכציקער יאָרן, האָבן קיין שום ווערט ניט פאַר דער געשיכטע?

— כאַ־כאַ־כאַ... אויב די פון די אַכציקער יאָרן זיינען אין אייערע אויגן ניט מער ווי געשיכטע, איז עפּעס אַנדערש. אויב איר וועט זאָגן, אַז דאָקטאָר לוריאַ איז ניט מער ווי אַ צייכן ביים אַריינפאָר אין אַמעריקע, אַ צייכן פון די אכציקער יאָרן, איז דאָס זייער שיין.

— ס'איז מער ווי שיין! — האָט שלום מעלצער אים איבערגעשלאָגן. — מיך פאַרדריסט וואָס אַ מענטש ווי דאָקטאָר לוריאַ, וואָס איז אַהער געקומען אוודאי נאָך גאָר אַ יונג יינגל, אפשר געאַרבעט די ערשטע צייט אין אַ שאָפּ, און איז איצטער דאָקטאָר אויף דער יידישער איסט־סאַיד, זאָל זיין אַזוי פּעסימיסטיש.

— ווען איך וואָלט געקומען אַהער אַליין, אפשר ווי איר זייט געקומען, קען זיין, כ'וואָלט געקענט ציען מיין אָפּטימיזם פון דעם שטענדיקן צוזאַמענשטויס אונדזערן. איך בין אָבער ניט געקומען אַהער אַליין. מיר זיינען אַ גאָר גרויסע משפחה געווען: אַ משפחה אַ יונגע, אַ סך דערוואַקסענע קינדער, וואָס יעדעס האָט אויף זיין אופן מיטגענומען פון רוסלאַנד אַן אידייע: ווער — אַ סאָציאַליסט, ווער — אַ ציוניסט, און ווער — אַ מענטש מיט גרויסע האָפנונגען אויף אונדזער גאַנצער איבערוואַנדערונג. איך בין דער ייִנגסטער אין דער משפחה, וואָס זעט צו אי אונדזער אויפגאַנג, אי אונדזער אונטערגאַנג. אַ טייל פון אונדזער משפחה ליגט אויפן ברוקלינער בית־עולם, און אַ טייל — כ'האָב מורא, אַז אַ טייל האַלט ביים אַרויסוואַנדערן פון דער יידישערווירקלעכקייט.

— דאָ איז גלות, — האָבן די אויגן ביי מעלצערן אַ גלי געטאָן.

— זאָל זיין גלות.

— אין גלות לעבן יידן שוין באַלד צוויי טויזנט יאָר.

— זיי לעבן דערפאַר וואָס מ'האָט זיי ביים אָנהויב פון פאַנאַנדערפאַלן געטריבן פון לאַנד. מיט דעם טרייבן האָט מען זיי פאַראייביקט.

— כ'זע, אַז איר פאַרשטייט די יידישע געשיכטע.

דאָקטאָר לוריאַ האָט זיך אַנידערגעזעצט שרייבן דעם רעצעפּט.

— מעג איך וויסן ווי אַלט איר זייט?

— איין און דרייסיק יאָר.

— האָט איר אַמאָל געליטן אויף די לונגען?

— כ'וויס אַליין ניט.

— אין דעם שטעקט די יידישע גבורה, — וואָס מ׳ווייס אַליין ניט ווען מ׳איז געפערלעך קראַנק.

— כאַ־כאַ־כאַ; ס׳איז דאָס בעסטע וואָס איך האָב ווען עס איז געהערט וועגן דעם יידישן קיום. כאָטש איך וואָלט ניט וועלן, אַז אין דער פרייער אַמעריקע, אונדזער לעצטער עטאַפּ, זאָל קומען דערצו, אַז אונדז זאָל מען דאַרפן טרייבן פון לאַנד, כדי מיר זאָלן צוריק זיך פאַראייניקן.

— זייט איר אַליין? האָט איר אַ ווייב און קינדער? — האָט דאָקטאָר לוריא פאַרצייכנט אין זיין רעקאָרד־בוך.

— דערווייל נאָך ניט. דערווייל בין איך נאָך צו יונג. דאָ בין איך אויפסניי געבאָרן געוואָרן.

— אַזוי וואויל צו ב׳אייך.

— מיך וואָלט ניט אַרן, ווען אַלע יידן פון רוסלאַנד זאָלן זיך אַהער אַריבערפּעקלען.

— די צייט איז געקומען, ווען מ׳דאַרף ניט האָבן צופיל יידן אויף איין אָרט.

— איך בין זיכער, אַז אין רוסלאַנד וועלן נאָך אויסברעכן גרעסערע פּאָגראָמען.

— הלואי וואָלט איך, מיט מיין איצטיקער דערפאַרונג, דאָרטן געוועזן. דאָרטן וואָלט איך געפילט די וואָרצלען אונדזערע. דאָ האָלט עס שוין ביי די צווייגן וואָס בליען. יעס, מיין פריינט, די וואָרצלען צעריסן, און די צווייגן בליען.

שלום מעלצער האָט אָנגעקוקט דאָקטאָר לוריאן און ניט געקענט באַהאַלטן זיין פאַרוווּנדערונג. ער האָט ניט געקענט ביי זיך פועלן אַ פרעג טאָן דאָקטאָר לוריאן, צי געהער ער ניט אַמאָל צו דעם איבערלייבעכץ פון דער גרופּע אַנאַרכיסטן־פּאָזיטיוויסטן, וואָס האָבן אין די אַכציקער יאָרן געפּריידיקט שיינע געדאַנקען פאַר נאַיווע מיידלעך.

אים איז אָבער פאָרט ניט געוועזן פאַרשטענדלעך דער גאַנצער דאָקטאָר לוריא, צוליב די לעצטע ווערטער וועגן די וואָרצלען און די צווייגן. פריער האָט ער געמיינט, אַז דאָקטאָר לוריא איז דורכגעזאַפּט מיט אַסימיל־אַטאָרישע געפילן, און צום סוף גאָר...

— לייענט איר אונדזערע דיכטער, אונדזערע נייע שרייבער?

— אוודאי זיינען זיי אַ וויכטיקע דערשיינונג אין דעם איבערגאַנגס־מאַרשרוט.

— מער ניט ווי אַ דערשיינונג?

— אַ דערשיינונג, וואָס וועט האָבן אַ שטאַרקע וווירקונג אויף די יידן פון דער אַלטער וועלט.

— נאָך אייער פּעסימיזם נאָך האָט איר געדאַרפט זיין אַ ציוניסט. זיי גלויבן דאָך באמונה שלמה, אַז אין גלות וועלן יידן פריער אָדער שפּעטער אונטערגיין.

— איך דאַנק אייך פאַר דער פּאַסיקער דעפיניציע. כ׳הער עס איצטער צום ערשטן מאָל, אַז די ציוניסטן געהערן צו די פּעסימיסטן.

ווען דאָקטאָר לוריא איז שוין געשטאַנען אין מאַנטל, גרייט אַרויסצוגיין, האָט שלום מעלצער פאַרזיכטיק געזאָגט:

— כ׳האָב אַ ביסל געוואוסט וועגן אייך און אייערע אַנשויאונגען. איך האָב זיך באַקאַנט מיט אַ מיס בערגער, עמאַ בערגער. זי האָט מיר דערציילט פון אייך. צוליב איר בין איך טאַקע געקומען צונ׳אייך זיך באַראַטן. כ׳האָב ניט קיין חרטה.

— פונדעסטוועגן זאָלט איר אַריינגיין אין אַפּטייק און באַשטעלן די פּילן וואָס איך האָב אייך צוגעשריבן. אין אַ פּאָר וואָכן אַרום וועט שוין זיין גוט וואָרעם, וואָלט איך אייך געראָטן איר זאָלט אַרויספאָרן אין די בערג. קומט אַריין צו מיר גלאַט אַזוי, ניט ווי אַ פּאַציענט.

— ער און עמאַ בערגער... זי האָט אים דערציילט, מהום...

וויפיל דאַרף האָבן אַן איינגעשלאָפענער געוויסן, אַז אַן אומגעריכטער ווינט זאָל אים אונטערכאַפּן, אָנהייבן איםווירבלען אין קרייז, אויסמישן אים מיט שטויב און שפּענדלעך, בידריק ביי דער ערד, ביי די פּיס פון פאַרבייגייער?

„לויט אייער פּעסימיזם האָט איר געדאַרפט זיין אַ ציוניסט...״ — דאָס האָט אויך דער פּאַציענט אים אַריינגעזאָגט.

נאָכדעם ווי דאָקטאָר לוריא האָט אָפּגעפּאָטערט די עטלעכע וויזיטן, איז דוקא דאָס געווען דאָס לעצטע, וואָס איז אים אַריין אין מוח און ניט געוואָלט אָפּטרעטן. פון ביידע ברידער זיינע, סיי פון דעם ציוניסט און סיי פון סאָציאַליסט, האָט ער געהערט געגנוג מוסר, אַז צו זיין אַ קריטיקער איז זייער גרינג. אַ מענטש ווי ער, אַזוי זאָגן זיי אים, איז ניט געגנוג וואָס ער קריטיקירט די ציוניסטן און די סאָציאַליסטן. די שוועסטער האָט אים אויך אַריינגעזאָגט, אַז צוליב דעם וואָס ער לעבט אַ בחורשן לעבן, איז ער געוואָרן אויסגעטריקנט און פילט ניט מיט דעם אַנדערנס פריידפרייד און לייד. „יעס, אַלע זיינען גערעכט. ס׳איז אָבער פונקט אַזוי גוט צו זיין אַן אומגערעכטער, און אפשר בלייבן אומגערעכט, ווי אַרומצוגיין אַ גערעכטער אין לעבן״.

עמאַ בערגער האָט ער שוין אַ צייט ניט געזען. גאַנץ לאַנג ניט פאַרבראַכט מיט איר אַליין, כאָטש ער פילט, אַז צייט שאַפט ניט קיין דערווייטערונג. אַזוי לאַנג ווי דער מענטש לעבט, מישט זיך די צייט. דער פריער און שפּעטער בייטן זיך מיט די ערטער. נעכטן און היינט שפּרינגען איבער פון אָרט צו־אָרט. אָט איז אַ גאַר אומבאַקאַנטער געקומען, אַן אומבאַקאַנטער וואָס בראָדזשעט אום מיט זיין געזאַנג אין דער יידישער גאַס, געקומען און דערמאָנט אַ נאָמען בערגער, און ס׳איז אים גלייך ווי אַ פויגל, וואָס האָט געזונגען אין דיביימער אויפן בית־עולם, איז געקומען זינגען הינטער זיינע פענצטער.

אָבער פאַרוואָס האָט דער פרעמדער מיט דעם דערמאָנען איר נאָמען ביי אים אַזאַ אומרו אויפגעוועקט?

דאָקטאָר לוריא האָט אָפּגעפּאָטערט זיינע וויזיטן. ער וויל גיין אין זיין אָפּיס, אַ קוקט טאָן, אפשר זיינען אַריינגעקומען פרישע פּאַציענטן, אפשר האָט מען טעלעפאָניש אָפּגערופן, אַז מ׳וואַרט אויף אים ערגעץ, און ער — נעכטן און היינט, ביידע שפּרינגען פאַרן דמיון. אין אַ געווירבל איז אַריינגעפאַלן זיין געוויסן. מאָדנע טרויעריק דאָס לעבן, ווען דער געוויסן נעמט די אויבערהאַנט איבער דעם עקשן, צווינגט אים אויסזוכן אַן אַלטן שטעג וואָס פירט אַזוי גלייך און אַזוי נאַטירלעך צו אַ הויז וואו אַ טיר איז פאַראַנען, און אויף יענער זייט טיר — אַ האַרץ וואָס האָט ניט אויפגעהערט הויך צו פּולסירן, אַלץ צוליב דעם מענטשן וואָס האָט דעם וועג צו דער טיר אַנגעוואָרן.

קומט גאָר די צייט און שטעלט זיך אריין צווישן צווי מענטשן, שטעלט זיך אַריין מיט אַן אַלט פּנים, און ס׳איז ניטאָ דער מוט דעם אייביק יונגן וועג וואָס ליבשאַפט האָט איינמאָל אָנגעצייכנט, אים ווידער אויפצוזוכן. שווער איז צו געפינען דעם אייביקן יונגן וועג, ווייל ס׳פעלט דאָס פּאַסיקע וואָרט וואָס זאָל פאַרויס לויפן און אים פירן ווי מ׳פירט אַ קליין קינד, צו יענער טיר, וואָס די צייט האָט פאַרשלאָסן.

— יעס... — טראַכט ביי זיך דאָקטאָר לוריא, — אַמעריקע האָט יידן געגעבן אַ היים און פאַרגעסן צו מאַכן אַ טיר אין דער דאָזיקער היים... אַ היים אָן אַ טיר איז די נייע יידישע היים אין אַמעריקע. דער גרינער דיכטער קוקט מיט פאַרבענקטע אויגן צו די וואָס זיינען אַהער געקומען אין די אַכציקער יאָרן, און ער באַמערקט גאָרניט ווי די ערשטע וואָס האָבן באַגריפן וואָס אַ פאַגראָם מיינט, די ערשטע וואָס האָבן געפּועלט ביי זיך פאַרלאָזן די אַלטע היים און אַפילו די מזוזות פון די טירן אַראָפּגענומען, האָבן דאָ אַפילו ניט קיין טיר און קיין ביישטידל אוואו די מזוזות אָנצושלאָגן!

פונדעסטוועגן האָט אים זיין געוויסן אָוועקגעפירט צוריק צו זיין אָפיס, וואו ער האָט געפונען אַן עלטערע פרוי מיט אַ שייטל אויפן קאָפּ, וואַרטן אויף אים. ס׳האַרץ איז איר אָפּגעשוואַכט. אין פּלייצע האָט זי ווייטיקן, און די לעצטע צייט איז זי באַפאַלן אַ בייסעניש אַרום האַלדז. זיי ווייס, אַז פון איר שוואַך האַרץ וועט זי שוין ניט פּטור ווערן; די שטעכעניש אין פּלייצע איז שוין אויך אַן איינגעגעסענע. זי האָט שוין געטאָן אַלץ אין דער וועלט, און ס׳העלפט ניט. נאָר די בייסעניש אַרום האַלדז...

— אַלץ אין דער וועלט, דאָקטאָר, בין איך גרייט אָוועקצוגעבן, אַבי פון דעם פּטור צו ווערן.

— פאַרוואָס גלויבט איר ניט, אַז אייער שוואַך האַרץ קען מען נאָך אויס-קורירן?

— כ׳ווייס פון וואַנען ס׳איז מיר געקומען. אַז די ערשטע טאָכטער מיינע האָט חתונה געהאט מיט אַ גוי — האָב איך באַקומען די שטעכעניש אין פּלייצע; און אַז מיין זון האָט חתונה געהאט מיט אַ ניט-יידישקע, איז מיר ס׳האַרץ שוואַך געוואָרן. ווייס איך שוין, אַז קיין סגולה איז צו דעם ניטאָ.

— און ווי לאַנג בייסט אייך אַרום האַלדז?

— ס׳האָט מיר אָנגעהויבן בייסן נאָך דעם ווי די ערשטע טאָכטער האָט מיך אָוועקגעוואָרפן, נאָר ס׳האָט אָפּגעלאָזן. איצטער איז עס צוריק געקומען. פונקט ווי ס׳וואָלט מיר מיט קראַפּעווע אויסגעשמיסן דעם האַלדז.

— כ׳וועל אייך פאַרשרייבן אַ זאַלב, אפשר וועט עס העלפן.

— פאַרוואָס „אפשר״?

— ווען איר פאַרגעסט אָן אייער טאָכטער, וואָלט די בייסעניש זיך אָפּגעט-ראָגן.

— מיינט איר, ס׳קומט פון דעם אייגענעם אומגליק?

— אַז דער זאַלב וועט ניט העלפן, וועט איר קומען נאָך אַ מאָל. כ׳וועל אייך פאַרן וויזיט ניט רעכענען. וואָס קוקט איר מיך אַזוי אָן?

— איך קוק, אַ דאָקטאָר, און סע׳שטייט אים אָן צו זיין אַ ייד. און מיינע קינדער, פון די-אַ געדעריבם האָט זיך עס אַרויסגעריסן, און דער בייזער ווינט האָט עס פון מיר אָוועקגעטראָגן.

— ווי לאַנג זייט איר אין אַמעריקע?

— צי איך געדענק שוין... די קינדער זיינען מיר דאָ געבאָרן; געבאָרן געוואָרן און אויסגערונען.

ווען די אַלטע פרוי איז אַוועקגעגאַנגען, האָט דאָקטאָר לוריא ביי זיך אין טאָג־בוך פאַרצייכנט:

„ווען וואָרצלען פוילן, צעריסן, איז קיין פעולה ניט אויב די צווייגן בליען. הלואי וואָלט איך געבליבן דאָרטן וואו די וואָרצלען זיינען געוועזן געזונט, כאָטש די צווייגן האָט דער שטורעם געבראָכן...‟

קאַפּיטל פינף און צוואַנציק

לעאָנאַרד סטאָן האָט צו זיך אין שאַפּ־אָפּיס אַריינגערופן זיין פאָרמאַן, מיסטער מאַרקוס, און אָן לאַנגע הקדמות אים געפרעגט:

— פאַר וועמען וועסטו אָפּגעבן דיין וואוט, פאַר רוזוועלטן, צי פאַר טאָפטן? כאַ־כאַ־כאַ, אפשר גאָר פאַר דעבסן, וואָס?

מיסטער מאַרקוס האָט געגלעט זיין האַלבע ליסינע, געקוקט צו זיין באַס און ניט געוואוסט וואָס צו ענטפערן. ס׳ערשטע מאָל וואָס זיין באָס רעדט מיט אים פון פּאָליטיק.

לעאָנאַרד האָט באַמערקט זיין פאָרמאַנס פאַרלעגנקייט, און האָט ווידער געזאָגט:

— כ׳הער, אויף דער איסט־סאַיד טומלט זיך עס מיט טעדי רוזוועלטן. די גרינע ד׳האָבן זיך אָנגעכאַפּט פאַר אים. ער איז אַראָפּגעקומען אַהין ספּיטשן. קענסט מיר ניט זאָגן וואָס דאָרטן איז די שמחה מיט אים?

מיסטער מאַרקוס האָט אָפּגעווישט דעם שווייס וואָס האָט אים אַרויסגע־שלאָגן אויפן שטערן, און געזאָגט:

— ער איז צוגעלאָזן צו יידן. ס׳איז דערפאַר אויך, וואָס ער האָט גע־פּיקסט די רוסן בשעת ער האָט שלום געמאַכט צווישן די יאַפּאַנער מיט די רוסן.

— און דאָס וואָס ער לויפט צום דריטן מאָל? די אמתע אַמעריקאַנער ווילן עס ניט ליידן. די קאָנסטיטושן זאָגט, אַז אַ פּרעזידענט קען ניט אויס־געקליבן ווערן מער ווי צוויי מאָל.

מיסטער מאַרקוס האָט דוקא געוואוסט, אַז ניט די קאָנסטיטוציע הייסט עס, נאָר ס׳איז אַזאַ טראַדיציע אין לאַנד — אַ פּרעזידענט זאָל מער ווי צוויי מאָל ניט לויפן פאַר זיין אַמט. ער האָט אויך געוואוסט, אַז טעאָדאָר רוזוועלט איז ס׳ערשטע מאָל געוואָרן פּרעזידענט צוליב דעם טראַגישן טויט פון פּרע־זידענט מעקינלי, וואָס איז דערשאָסן געוואָרן. און רוזוועלט, וואָס איז יעמאָלט געווען וויס־פּרעזידענט, האָט זיין פּלאַץ פאַרנומען. זעלבסטשטענדיק, איז רוזוועלט מער ווי איין מאָל ניט געלאָפן פאַר פּרעזידענט. נאָר מיסטער מאַר־קוס, קענענדיק זיין באָס, האָט פאַרשטאַנען, אַז עפּעס איז ער אויסן מיט דעם „פּאָליטישן שמועס". ער האָט דעריבער זיך ניט געאיילט אַרויסצוזאָגן זיין מיינונג.

— ס׳איז טאַקע אמת, אַז אַלע סאָציאַליסטן גייען פאַר אים וואוטן?

— טעדי רוזוועלט האָט אָנגענומען אַ סאָציאַליסטישע פּלאַטפאָרמע; ער מיינט מיט דעם אָפּציען די וואוטס ביי די סאָציאַליסטן. מ׳גלויבט אים ניט.

— איך גלויב אים אויך ניט. זאָל ער איבערלאָזן זיינע ספּיטשעס פאַר דעם פּירער פון דער לייזיקער חברה, פאַר דעבסן. אפילו דער ווילסאָן, וואָס לויפט אויף דעם דעמאָקראַטישן טיקעט, איז שוין גלייכער. מ'זאָגט, ער איז אַ טיטשער. ער וועט סאַי־ווי ניט עלעקטעט ווערן. וואָס איך וויל, זאָלסט זיך דורכשמועסן מיט די לייטע אין שאָפּ, כ'מיין, די וואָס האָבן שוין סיטיזן־פּייפּערס, זיי זאָלן אָפּגעבן די וואָוטס פאַר טאַפטן. ער איז אַן ערלעכער מאַן. ער איז אונדזערער אַ פּרעזידענט. ס'איז זיין טשענס עלעקטעט צו ווערן פאַר אַ צווייטן טערמין. ער האָט אַן אויג אויף די אמתע בויער פון אַמעריקע. ער וויס וואָער ס'בויט די אינדוסטריע; ער וויס וואָער עס פירט די גרויסע ביזנעס אין לאַנד.

— זיי וועלן אָפּגעבן זייער שטים פאַר דעבסן.

— נאָנסענס, ס'איז אַרויסגעוואָרפן.

— פאַר דעם אַרבעטער איז ניט קיין דיפערענס, צי טעדי רוזוועלט וועט זיין פּרעזידענט, צי טאַפט, צי ווילסאָן.

— אָבער זייער דעבס וועט דאָך סיי־ווי ניט עלעקטעט ווערן. איז דאָך גלייכער ס'זאָל זיין אַ פּרעזידענט וואָס שטיצט דעם ביזנעסמאַן, דעם מאַנו־פעקטשורער. איך פרעג דיך, אדרבה, זאָג, וואָס וואָלטן זיי דאַרטן ביי די מאַשינען געטאָן, ווען איך קען ניט אָפּהאַרדן צו האַלטן אָפן מיין שאָפּ? וואָס וועט זיי טעדי רוזוועלט געבן, אויב די ביג ביזנעס וועט אים ניט סופּאָרטן?

— די רעפּובליקאַנער זיינען אויף אים ברוגז דערפאַר וואָס ער האָט צעשפּאָלטן זייער פּאַרטיי. טאַפט האָט ניט קיין טשענס. רוזוועלט האָט אַ גיכערן טשענס. ס'פּאָלק האָט אים ליב. איך באַדאַרף ניט אַרן; אויב ער וועט ווערן פּרעזידענט, וועט ער סיי־ווי סופּאָרטן די ביזנעסלייט, און ניט דעם אַרבעטער.

— אַזוי מיינסטו? איך האַלט ניט מיט דיר. דו זאָלסט טאָן וואָס איך הייס דיר. ביי מיר, אַז אַ מענטש טוט וואָס ער דאַרף טאָן, האָב איך עס אין זינען. וועסט ניט דערלייגן, אויב דו וועסט זיך דורכשמועסן מיט זיי. קענסט זיי זאָגן, אַז איך האָב אַ סך באַשטעלונגען, אַרבעט אויפן גאַנצן ווינטער־סעזאָן, אויב טאַפט וועט עלעקטעט ווערן. און אויב טעדי רוזוועלט — וועט מען די אַרבעט אָנווערן.

אין אָוונט, אָנשטאָט צו גיין אַהיים, איז לעאָנאַרד סטאָן אָוועק צו זיין שוועסטער, צו דער אלמנה מילדרעד זילבערמאַן, וואוהין ער איז, זינט איר מאַנס טראַגישן טויט, אָפטער אַריינגעקומען. אויך צוליב איר ריעל־עסטייט ביזנעס, וואו ער איז געוואָרן אַ פולער פּאַרטנער, און סיי צוליב די שווערע שטימונגען וואָס זיינען אים די לעצטע צייט גאַנץ אָפט באַפאַלן, איז ער אָפטער געגאַנגען צו זיין שוועסטער. דאָס מאָל האָט אים די שוועסטער פאַר־בעטן. זי האָט אים ניט דערציילט צוליב וואָס זי דאַרף אים האָבן.

ביים אַריינקומען צו דער שוועסטער האָט ער געטראָפן אין טיר, גרייט אַוועקצוגיין, דעם מיסטער פראַנק ראַבינסאָן, אויך אַ ריעל־עסטייטניק, אַן אַלטער פריינט פון די זילבערמאַנס, אַן אלמן אין די מיטעלע יאָרן, וואָס האָט ליב געהאַט צו פאַרבינדן „ביזנעס מיט פּלעזשור", און וואָס זינט מילדרעד איז געוואָרן אַן אלמנה, איז ער ביי איר אַן אָפטער גאַסט געוואָרן.

— אָ, מיסטער סטאָן איז געקומען! — האָט פראַנק ראָבינסאָן אים אויס־געשטרעקט ביידע הענט. — כ'האָב מיך שוין געאיילט אָוועקצוגיין. איצטער, מיט דיין דערלויבעניש, מילדרעד, וועל איך נאָך אַ ווייל פאַרבלייבן. מיט דיין ברודער איז מיר שטענדיק אַ פאַרגעניגן צו פאַרברענגען. דערנענטערן זיך די וואַלן, כ'ווייס, דיר, מילדרעד, גייען די וואַלן ניט אָן, אָבער אונדז, מיסטער סטאָן... ס'וועט זיין אַ קרימינעלער פאַרברעכן צו געבן טעדי רוזוועלטן אַ טשענס. זיין פּראָגרעסיווע פּאַרטיי איז אַ קראַים.

— איך זאָג אייך, אַז מען דאַרף סופּאָרטן טאַפטן, — האָט לעאָנאַרד מיט אַ וויכטיקער מינע געצויגן די ווערטער.

לעאָנאַרד האָט זיך שטענדיק געשפּירט דערהויבן ווען ביי אים איז גע־זעסן אַן איבעריקע שעה אימעצער פון די חשובע ניט־יידישע ביזנעסלייט, און, אַנשטאָט טרוקענע ביזנעס־ענינים, האָט מען אָנגערירט אַמעריקאַנער פּאָליטיק, און גאַנץ אָפט פאַרקראָכן מיטן שמועס צו די פּייאַקייטן פון יידישן פאָלק. כאָטש ניט שטענדיק האָט לעאָנאַרד סטאָן געהאַט דעם „טאַלאַנט" אויסצוטענהן זיך, ווען מ'האָט אין שמועס געחוזקט פון יידישן „רייסן זיך אויף די גלייכע ווענט".

— יעס, מיסטער סטאָן, — האָט פראַנק ראָבינסאָן צוריק אָנידערגעלייגט זיין הוט, — כ'ווייס, דיך קען עס פאַרדריסן ווען איך וועל זאָגן, אַז אַ פרעמדער גייסט כאַפּט אַרום אונדזער לאַנד. ס'וואָלט אונדזער הונדערט פּראָצענט אַמע־ריקע ניט דערלאָזן אַזוי צו טרעטן מיט די פיס אונדזער קאָנסטיטוציע, אונדזערע טראַדיציעס. צעשפּאַלטן די רעפּובליקאַנער פּאַרטיי און לויפן פאַר אַ דריטן טערמין! ס'קען דיר אפשר שמייכלען, נאָר איך וועל דיר זאָגן, אַז אין דעם איז שולדיק דער פרעמדער איינפלוס. טעדי איז מער ניו־יאָרקער ווי וואַשינגטאָנער. און וואָס איז ניו־יאָרק? ניו־יאָרק איז די פעסטונג פון פרעמדן איינפלוס, וואָס רייסט זיך איבערן גאַנצן לאַנד.

לעאָנאַרדן האָט אַ שלאָג געטאָן אַ היץ אין פּנים. ער האָט ראָבינסאָנען געוואָלט דערציילן וועגן דעם שמועס וואָס ער האָט בייטאָג געהאַט מיט זיין פאָרמאַן, אַז ער וועט נאָך מיט די אַרבעטער אַליין רעדן און זיי וואָרענען, זיי זאָלן זייער שטים אָפּגעבן פאַר טאַפטן. ער האָט עס אָבער אין דער לעצטער רגע מורא געהאַט צו דערציילן.

פאַרשווייגן אינגאַנצן האָט ער ניט געקענט:

— אויב דו מיינסט, אַז אַלע יידן באַשטייען פון די טומלמאַכער, — האָט זיך ביי לעאָנאַרדן די צונג ניט געקלעפּט, — אויב דו מיינסט, אַז אַלע יידן באַשטייען פון סאָציאַליסטן, לעבסטו אין טעות. אָט בין איך אויך אַ ייד. און כ'זאָג דיר, כ'וואָלט שוין בעסער געוואָלט זען, ווילסאָן זאָל געווינען איידער רוזוועלט.

— אָ, טעדי רוזוועלט! — האָט מילדרעד אויסגעצויגן די הענט צו איר ברודער. — ווען דייוויד לעבט, וואָלט ער נאָר פאַר אים געשטימט. טעדי רוזוועלט... כ'וועל גאָט בעטן, ער זאָל עלעקטעט ווערן.

— אָט, זעסטו, מיסטער סטאָן, דאָס איז אַ פרעמדער גייסט. איר גייט גאָר ניט אָן דאָס וואָס טעדי קלייבט זיך מאַכן אַ גאַנצע רעוואָלוציע, און ביזנעס וועט פאַלן ביז צו דער ערד. זאָג דיין שוועסטער, אַז זי האָט זיך בעסער ניט געדאַרפט מישן אין פּאָליטיק. ס'האָט מיך געפרייט צו באַגעגענען דיין

ברודער, מילדרעד. ער האָט אַ קאָפּ אויף די פּלייצעס. ניט ער האָט אַנטדעקט אַמעריקע, נאָר אַמעריקע האָט אים אַנטדעקט, כאַ־כאַ־כאַ. גוד־באַי, מיסטער סטאָן. גוד־באַי, מילדרעד... יעס, כ׳וואָלט נאָך צוגעגעבן, אַז די פּוסטע פּראַזע וואָס מ׳האָט אָנגעהאָנגען אַרום דער נייער פּאַרטיי — די פּראָגרעסיווע פּאַרטיי, כאַ־כאַ־כאַ... פּראָגרעסיוו איז אונדזער קאָנסטיטוציע. פּראָגרעסיוו איז אַלץ וואָס דער אמריקאַנער אַמעריקאַנער טוט דאָ. גוד־באַי!

ווען מיסטער ראָבינסאָן איז אַרויסגעגאַנגען, האָט מילדרעד מיט אַ געוויסן באַדויערן אָנגעקוקט איר ברודער. ביידן האָט אויסגעוויזן, אַז דער מיסטער ראָבינסאָן האָט צו הויך געגרעדט. מילדרעדן האָט אויסגעוויזן, אַז לעאָנאַרדן ליגט דער גאַנצער רוזוועלט, טאַפּט און ווילסאָן ענין ניט אין זינען. דאָס שטילשווייגן וואָס האָט געצויגן פון אַ זייטיקן צימער וואו לעבעדיקע מענטשן האָבן זיך אויפגעהאַלטן, דאָס האָט מילדרעד געשפּירט מיט אַלע אירע חושים. זי האָט אויפשנעל געזוכט פּאַסיקע ווערטער מיט וואָס אָנצוהייבן, און דערציילן צוליב וואָס זי האָט אים איינגעלאַדן. ס׳איז געווען אַ מין משפּחה־פּאָליטיק וואָס מילדרעד האָט זיך פאַרלייגט אויסצושפּילן.

זי, מילדרעד, נאָך ביים מאַנס לעבן, נאָך יאָרן ברוגזן זיך אויף די לוריאַס, האָט זי מיט אַמאָל מיט זיי שלום געמאַכט. זי האָט אַליין זיך ניט געקענט אָפּגעבן קיין חשבון, וואָס ס׳האָט זי געשלעפּט אויף דער איסט־סאַיד, כאָטש פאַרבייגיין און אַ בליק וואַרפן צום הויז וואו ס׳האָט געהאַט זיין אָפיס „דער קאָמישער און אַזאַ טשיקאַווער דאָקטאָר לוריא". ווען מילדרעד איז געגאַנגען אָפּט צו איר ברודער, אָנגעהויבן אָפּצאָלן קעראָלאַין מיט ליבשאַפט פאַר די יאָרן וואָס זי האָט פון איר געווייכט, האָט זי אַליין ניט געקענט זיך אָפּגעבן גענוג חשבון וועגן דעם געפיל וואָס פירט זי אַהין. נאָך איר מאַנס טויט, ווען זי האָט דערפילט אַלע פליכטן אויף אירע אייגענע פּלייצעס; דערפילט די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר דעם פאַרמעגן וואָס דער מאַן האָט איבערגע־לאָזן, די אָנגעצייכנטע געשעפטן וואָס זי האָט געוואָלט פירן נאָך איר מאַנס טויט; אמת, דאָס האָט זי געטאָן מיט דער הילף פון דעם פייאיקן ביזנעסמאַן, איר ברודער — האָט זי אין דער אייגענער צייט זיך אָנגעהויבן אַריינצוברעכן אין איר ברודערס פאַמיליען־לעבן. און כאָטש איר ברודער איז איר געווען נענטער ווי ווער עס איז פון די לוריאַס, האָט זי מיט אַן אינערלעכן געפיל זיך אַריינגעוואָרפן אין מאָל פאַר אַלע מאָל אויפריכטן קעראָלאַינס לעבן, וואָס איז צוליב איר שטיפשוועסטער אַזוי צעטרייסלט געוואָרן.

זי האָט באַשטימט צונויפברענגען, פאַרבעטן צו זיך ביידן, סיי קעראָלאַין און סיי רעבעקאָן. איר איז עס געלונגען. און דוקא אויף רעבעקאַס פאַרלאַנג איז דאָקטאָר לוריא אויך געקומען. אויף דאָקטאָר לוריאס פאַרלאַנג האָט זיי מילדרעד געלאָזן אַליין.

לעאָנאַרד האָט געפאַרשט אין דער שוועסטערס פּנים. ער האָט אין איר פּנים דערקענט, אַז זי האָט עפּעס צוגעגרייט פאַר אים.

— איך וויל, אין דיין שטוב זאָל זיך אומקערן פרידן און גליק, — האָט מילדרעד ניט געוואַרט. — אויב איך בין אַזוי ביטער באַשטראָפט געוואָרן, וויל איך, דיין לעבן זאָל ליכטיקער ווערן.

— וואָס קענסטו מיר העלפן, אויב...

לעאָנאַרד האָט ניט דערזאָגט; ער האָט נאָך אַלץ געקוקט אויף דער שוועסטער מיט אַ געוויסן פאַרדאַכט.

— ווען ביי מיר איז שטוב וואָלט אַלץ געווען אין אָרדענונג, — האָט לעאָנאַרד מיט אַ טרויער אין פּנים גערעדט. — וואָס איז דאָ פאַראַן איצטער צו רעדן? לעאָנאַרד סטאָן וואָלט אַ וועלט געקענט איבערקערן. איצטער פעלט מיר דער מוט. אין איר איז אַריין דער טייוול. ווער ווייסט וואָס פאַר אַ געדאַנקען זי האָט. און אויב זי האָט מיך ניט ליב, קען זי מיך ניט צווינגען, כ'זאָל הענגען אַרום שטוב.

— דאָס איז פאַר אַ פּרוי אַ טויט. איך זאָג דיר, לעאָנאַרד, ווען דייוויד וואָלט מיך פאַרלאָזן אויף גאַנצענע נעכט! נאָר צוליב וואָס זאָל איך איצטער נאָך דערמאָנען זיין נאָמען? — האָט מילדרעד געווישט די טרערן. — זיי זיינען ביי מיר.

— ווער? — האָט לעאָנאַרד פאַרוואונדערט געפרעגט.

— קעראָלאַין, רעבעקאַ און זכריה.

— צוליב וואָס זיינען זיי אַלע געקומען? — האָט ער טרוקן אַ פרעג געטאָן.

— ווילסט זיי ניט באַגעגענען?

— זיי דריי אינאיינעם... וואָס האָב איך צו רעדן מיט זיי?

— אפשר האָסטו יאָ, און אפשר ניט.

— צוליב וואָס איז ער געקומען?

— קעראָלאַין האָט אים געבעטן.

— איך פאַרוועהר דיר צו מישן זיך אין מיין לעבן! — האָט לעאָנאַרד טרוקן אָפּגעשניטן.

— קענסט מיר ניט פאַרווערן געזונט צו מאַכן דיין לעבן.

— מיין לעבן איז אין שאָפּ. לעאָנאַרד סטאָן וואַקסט פון יאָר צו יאָר. איך פאַרלאַנג ניט, מ'זאָל מיר קומען אַרויסהעלפן. איך פאַרוועהר עס דיר, מילדרעד!

— ווילסט זיי גאָר ניט זען?

— קעראָלאַין האָט איר שטוב. דאָרטן קען איך מיט איר רעדן. די אַנדערע וועל איך אויף מיין שוועל ניט אַריבערלאָזן. אַ דיזגרייס, וואָס דו ווילסט מיר דאָ אָפּשפּילן, מילדרעד! כ'וועל דיין שטוב אויך אָנהייבן ווייכן. גוד־באַי...

מילדרעד איז אַ וויל געשטאַנען אַ צעטומלטע, געקוקט צו דער טיר, דורך וואַנען איר ברודער איז פאַרשוואונדן. איר איז מיט אַ מאָל קלאָר געוואָרן, אַז ניט קלוג האָט זי געהאַנדלט קעגן איר ברודער, וואָס רעדט אַזוי ווינציק וועגן זיין שטוב.

זי האָט אויפשנעל באַטראַכט אויף וואָס פאַר אַן אופן צו דערקלערן לעאָנאַרדס פּלוצלונגן אַוועקגיין.

— אפשר גאָר זאָל איך פאַרלייקענען, זאָגן, אַז לעאָנאַרד איז ניט געקומען. זיי האָבן אָבער אודאי געהערט זיין שטים...

אויף די געדאַנקען אירע איז קעראָלאַין אַרויסגעקומען. זי האָט אַרומגענומען איר שוועגערן און זי געקושט.

— כ'האָב געוואוסט, מילדרעד, אַז דו מאַכסט אַ טעות. כ'קען דיין ברודער אַ סך בעסער. ניט אים האָסטו געדאַרפט מוסר זאָגן, נאָר מיר, זיין ווייב.

איך אַליין בין די שולדיקע. איך מאַן פון אים צופיל. איך מאַן פון אים צערטלעכקייט, וואָס איך אַליין פאַרמאָג ניט פאַר אים. אַ מענטש וואָס פירט אַזעלכע גרויסע ביזנעס האָט ניט קיין צייט פאַר זיין הויזגעזינד. רעבעקאַ האָט מיר אַלץ דערציילט. זי מישט זיך ניט אין מיין לעבן. זי גייט מיט אים אַמאָל אַרויס. דאָס איז איר געדאַנק. ער וויל עס ניט. זי וועט עס מער ניט טאָן. זי איז ניט אַזוי שלעכט ווי מיר האָבן זיך געמאָלן. אַז זכריה וועט אַרויסקומען, רעד מיט אים ניט וועגן דעם. גלייך ווי לעאָנאַרד וואָלט דאָ גאַרניט געדאַרפט זיין.

קעראָלאַין האָט זיך אַן אונטערגעבראָכענע אַראָפּגעלעזן אויף אַ שטול. אַ מידע און אויסגעלאָשענע, האָבן אירע בליקן אומגעבלאָנדזשעט איבערן דיל.

דאָקטאָר לוריא און רעבעקאַ זיינען אַריינגעקומען.

— זעסט, מילדרעד, אַז אַ מענטש טאָר זיך ניט נעמען פאַר זאַכן וואָס געהערן ניט צו אים. מיר ביידע געהערן צו אַן אַנדער צייט. דערפאַראָנגע מענטשן, כאַ־כאַ־כאַ. יעס, מילדרעד, אָט דאָס איז אַ מענטש וואָס געהערט ניט צו דער וועלט, — האָט דאָקטאָר לוריא געקלאַפּט קעראָלאַין אין פּלייצע.

— פאַרוואָס דערציילסטו ניט, אַז איך גיי צוריק צו זיי לעבן? — האָט רעבעקאַ זיך באַמיט צו האַלטן מוטיק. — וואָס ביסטו אַזוי, קעראָלאַין? קוק מיר גלייך אין די אויגן אַריין. ווילסט ניט, איך זאָל גיין צוריק צו דיר? זיי זיך מודה.

קעראָלאַין האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ, אַן ווערטער מיט שטאַרע אויגן געקוקט דער רויטהאַריקער רעבעקאַן אין פּנים אַריין.

— וואָס, ווילסט ניט, איך זאָל גיין צוריק צו דיר אין שטוב אַריין לעבן? זאָג דעם אמת, ווילסט ניט, וועל איך ניט גיין.

— איך וויל, זאָלסט קומען צוריק. זאָלסט זיך פירן אַזוי היימיש ווי נאָר דו ווילסט. אויב דו ווילסט אפשר אַכטונג געבן אויף די קינדער, וועל איך זיי ביי דיר איבערלאָזן.

— וואָס רעדסטו פאַראַ נאַרישקייטן?! — האָט מילדרעד אָנגעשריען אויף איר שוועגערן. — לעאָנאַרד איז אויפגעבראַכט אויף מיר פאַרוואָס איך האָב אייך אַלעמען אַהער גערופן.

— ניין, כ׳וועל אַהיים ניט גיין, — האָט קעראָלאַין מיט אַ טרוקענער שטים גערעדט. — היינט איז מיר עפּעס קלאָר געוואָרן. איך נעם מיך אין מיינע אייגענע הענט. יעס, זכריה, היינט וועל איך גיין צו דיר. וועסט מיך נעמען?

— האָבן אירע ליפּן געציטערט.

— אויב דו ווילסט ניט גיין אַהיים, קענסטו דאָ ביי מיר איבערנעכטיקן, — האָט זי מילדרעד איינגענומען. — דאַרפסט זיך פילן ביי מיר ווי אין דער היים.

ס׳איז אָנגעשטאַנען אַ געדריקטע שטילקייט. איינס ס׳אַנדערע האָט זיך אין די אויגן ניט געקענט אָנקוקן.

רעבעקאַ האָט שוין עטלעכע מאָל געקוקט צו דער טיר, געוואָלט אַן קיין שום תירוצים זיך אויפהייבן און אַרויס פון שטוב, אַרויס און אויף ווייטער אויסווייכן די משפחה פון איר פאַטערס צד. זי האָט עס אין דער איצטיקער שטימונג ניט געקענט פועלן ביי זיך.

— איך האָב געמיינט גוט, זכריה, — האָט מילדרעד שטיל געזאָגט. — איך האָב אים גערופן. כ׳האָב געקלערט, ער וויס צוליב וואָס. פאַר דיר האָט

ער אַ סך רעספּעקט. יעס, זכרידה, שמייכל ניט. כ׳ווייס וואָס איך זאָג, כ׳ווייס.

— ביסט דער איינציקער ניכטערנער מענטש, מילדרעד, — האָט דאָקטאָר לוריא גאַנץ רואיק גערעדט. — דו האָסט זיך ניט פאַרלאָרן. געפעלסט מיר איצטער אַ סך מער ווי אַמאָל.

— וועסט עס מיר אויך זאָגן יעמאָלט, ווען דיינע שוועסטער וועלן דערביי ניט זיצן?

— איך מיין עס ערנסט. האָסט אפילו געקראָגן אַ געזונטערן אויסזען, זינט דו האָסט דערפילט פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַרן לעבן.

רעבעקאַ איז אויפגעשטאַנען, האָט זיך צוגעגרייט אַוועקצוגיין.

— וואוהין איילסטו זיך? — האָט מילדרעד איר פאַרשטעלט דעם וועג.

— ניו־יאָרק איז אַ צו גרויסע שטאָט. צו גרויס. אין אַזאַ גרויסער שטאָט איז מיר געענוג איין היים. קיין צען היימען דאַרף איך ניט. גוד־באַי, קעראָ־לאַין; ווען נאָר דו וועסט מיך דאַרפן, בין איך גרייט דיר אַרויסצוהעלפן.

ס׳איז בלויז אַריבער אַ קליינע ווײַלע נאָך דעם ווי רעבעקאַ איז אַרויס — ווי לעאָנאַרד איז צוריק אַריינגעקומען. מיט אַ נאַטירלעכער שטים, מיט אַ פריינטלעכן שמייכל האָט ער געגעבן דאָקטאָר לוריאַן די האַנט:

— ווי קומט אירביידע אַהער? וואו ד׳האָסטו, קעראָלאַין, אים באַגעגנט? וואָס זיצט זי עפּעס אַזוי? — האָט ער זיך געווענדט צו זיין שוועסטער.

— איך האָב געוואוסט, אַז דו וועסט דאָ זיין, — איז קעראָלאַין גאַנץ אומגעריכט אויפגעשטאַנען, צוגעגאַנגען און זיך צעקושט מיט לעאָנאַרדן. — איך האָב גאָרניט געוואוסט וואָס פאַר אַ גוטער ברודער דו ביסט, לעאָנאַרד. מילדרעד וועט אונדז געבן סאַפּער. די קינדער ווייסן, אַז איך בין דאָ.

דאָקטאָר לוריא האָט זיך באַמיט צו באַהאַלטן זיין אינערלעכע אויפרעגונג. ער האָט זיך געהיט צו טרעפן מיט מילדרעדס בליקן. איצטער איז מילדרעד געווען פאַר אים אַ רעטעניש. שווער געווען אים צו באַנעמען צוליב וואָס זי האָט אים געבראַכט אַהער.

— דו וועסט דאָ אויך בלייבן אויף סאַפּער, — איז מילדרעד צוגעגאַנגען צו דאָקטאָר לוריאַן. — אָדער, ווילסט מיר דעם פּלעזשור ניט פאַרשאַפן.

— ער וועט בלייבן מיט אונדז, — האָט לעאָנאַרד מונטער גערעדט. — כ׳וויל טאַקע פרעגן ביי דיר, זכריה, פאַר וועמען דו וועסט אָפּגעבן דיין וואוט. פאַר רוזוועלטן אודאי?

— פאַר קיינעם ניט. ביי מיר זיינען אַלע קאַנדידאַטן גלייך.

— ווער האָט דיר, דעם גרינעם, געגעבן די מעגלעכקייט צו ווערן דאָקטאָר?

— די אייגענע פרייהייט וואָס ד׳האָט דיר געגעבן די מעגלעכקייט צו ווערן פון לייבל חלפן אַ לעאָנאַרד סטאָן. ס׳איז דער גייסט פון לאַנד. דער דאָזיקער גייסט איז ביי די דריי קאַנדידאַטן ניטאָ.

— ביי וועמען איז דער גייסט יאָ פאַראַן? — האָט מילדרעד געפרעגט.

— ביי דעם קאַנדידאַט וואָס וועט קיינמאָל ניט ווערן אויסגעקליבן.

— הערסט, לעאָנאַרד.

— פונדעסטוועגן וועל איך הייסן מיינע אַרבעטער, זיי זאָלן וואוטן פאַר טאַפטן.

— אויב דו וועסט זיי אָנשרעקן מיטן שטיקל ברויט, וועלן זיי. דאָס איז אַמעריקע. יעדער איינער לעבט דאָ אין פּחד. גוט טוסטו, קריינע, — איז ער צוגעגאַנגען צו זיין שוועסטער און זי אַ טרייסל געטאָן פאַר די אַקסלען. — ס׳איז אַ סך גרינגער צו צעברעכן אַ היים ווי אויפצובויען. עסט אייך דאָ סאַפּער, און איך וועל זיך לאָזן אַהיים. איך האָב ניט קיין הנאה פון מיין עסן אויב איך פיל, אַז פּאַציענטן זיצן אין אָפיס.

דאָקטאָר לוריא איז געגאַנגען דורך די גאַסן וואָס זיינען געווען איינגע־וויקלט אין וואָלק־טומל. נאָענט צו דער בויערי איז אים אַנטקעגן געקומען אַ שורה אויטאָמאָבילן, אַרומגעקלעפּטע מיט רוזוועלט־פּאָרטרעטן, אָנגע־פּיקעוועטע מיט לוסטיקע יונגען און מיידלעך, וואָס האָבן מיט באַנומענע קולות אַרויסגעשריען רוזוועלטס נאָמען אין דער וואָכער גאַס אַריין.

אַריינקומענדיק אין אָפיס איז אים אַנטקעגן געקומען רעבעקאָ — ווי זי וואָלט אים אויסגעקוקט.

— כ׳וועל היינט דאָ נעכטיקן, זכריה. טרייב מיך ניט אַרויס. איך בין זייער מיד. כ׳וועל זיך צולייגן אין אַנדערן צימער ביז דו וועסט זיך באַ־פּרייען פון די פּאַציענטן.

— גוט, רעבעקאַ. — כ׳בין צופרידן. כ׳האָב אַ סך מיט דיר צו רעדן. כ׳האָב דיר אויך אַ סך וואָס צו דערציילן.

* * *

ס׳איז שוין געווען נאָך האַלבער נאַכט. דאָקטאָר לוריא איז געזעסן ביי זיין שרייבטיש, מעכאַניש געבלעטערט אַ בוך איבער אַנאַטאָמיע, און זיין געדאַנק איז באמת געווען פאַרנומען מיט זיין שטיפשוועסטער רעבעקאָ לוריא, וואָס איז געלעגן אין צווייטן צימער, אין דער פינצטער.

— אַ טאָפּלטער כאַראַקטער, — האָט דאָקטאָר לוריא געטראַכט. — גוטס און שלעכטס, ליכט און שאָטן. איינס יאָגט ס׳אַנדערע נאָך.

פאַר אים, ווי פאַר דער גאַנצער לוריא־משפחה, איז רעבעקאָ די לעצטע יאָרן געווען אַ רעטעניש. מען האָט פאַרשטאַנען איר אומגעריכטן איבער־רייסן מיט קעראָלאַינס היים, וואו זי איז געוואַקסן אין וואוילטאָג, און איז אַוועק לעבן מיט דער אָרעמער משפחה פון איר מוטערס צד. מ׳האָט אויך פאַר־שטאַנען איר ניט וועלן נעמען קיין געלט ביי דער לוריא־משפחה, איר זאָל גרינגער זיין צו דערהאַלטן איר קראַנקע באָבע. מ׳האָט אפילו ביסלעכוויז אָנגעהויבן צו פאַרשטיין, פון וואַנען ביי איר האָט זיך גענומען אַזויפיל שלעכט בלוט. ביי איר באָבען האָט מען דערציילט, אַז רעבעקאָס מוטער, וואָס איז אין קימפּעט מיט איר געשטאָרבן, האָט מען ביי די לוריאס פיינט געהאט און גערודפט.

אַ רעטעניש איז רעבעקאָ געוואָרן פאַר דאָקטאָר לוריאן דוקא די לעצטע צייט, ווען גאַנץ אומגעריכט האָט זי זיך אָנגעהויבן באַווייזן אין זיין אָפיס; און דער עיקר איז אים געווען שווער צו באַגרייפן ווי אַזוי רעבעקאָ איז מיט אַמאָל אַרויסגעשוואומען ביי לעאָנאַרד סטאָן אין אָפיס, אָנגעהויבן נעמען ביי אים גרעסערע סומען געלט, ביז ס׳איז דערגאַנגען צום צוזאַמענשטויס, ווען קעראָלאַין האָט איר פאַרגעלייגט, זי זאָל קומען פאַרנעמען איר שטוב!

— זאָל זיין אַז רעבעקאַ האָט זיך דערשראָקן פאַר אירע אייגענע טריט ?

— טראַכט ווידער דאָקטאָר לוריא. — און צי האָט זי באמת געוואָלט צעשטערן קעראַלאַינס לעבן ?

דאָקטאָר לוריא האָט שוין אַ פּאָר מאָל געוואָלט אַריינגיין, זען וואָס זיין שטיפשוועסטער טוט אַליין אין דער פינצטער. ער האָט געוואוסט, אַז זי שלאָפט ניט. דאָס, וואָס זי האָט מיט עטלעכע שעה פריער איבערגעלעבט, ווען זי איז קעגן איר ווילן געגאַנגען צו די זילבערדמאַנס כדי צו באַגעגענען זיך אויג־אויף־אויג מיט דער צעפלאָגטער שטיפשוועסטער, דאָס, — האָט דאָקטאָר לוריא געטראַכט, — וועט אַזוי טרוקן ניט פאַרבייגיין.

רעבעקאַ איז אַריינגעקומען, געזשמורעט די אויגן אַנטקעגן דעם ליכט. פון איר פּנים איז אויסגערונען יעדער טראָפּן בלוט. בלויז די פייערדיקע רויטע האָר און די ברוינע אויגן האָבן געגליט און צוגעגעבן צו איר בלאַסן, אויסגעצויגענעם פּנים עלטער און אָפּגעלעבטקייט.

— פאַרוואָס גייסטו ניט שלאָפן, זכריה ? איך קלייב זיך סיי־ווי אַוועקגיין.

— ביסט דאָך געקומען צו מיר, געוואָלט ביי מיר נעכטיקן. און אויב דו ביסט שוין דאָ, אפשר וואָלט מען זיך דורכגערעדט. צייט, רעבעקאַ, צו מאַכן אַ סוף צו קעראַלאַינס ליידן. אויב זי איז דיך אומזיסט חושד, דאַרף עס אויפגעקלערט ווערן. ס׳איז אַ שאַנד און אַ ווייטיק, קעראַלאַין זאָל אַזעלכעס טראָגן אין האַרצן אויף דיר.

— כ׳וויל, זאָלסט מיך אָפּפירן אַהיים.

— וואו איז דיין היים ? האָסט ניט קיין היים. פון דעם האָט מען איצטער געדאַרפט אַנד־הייבן. ביסט ניט קיין קינד מער. קענסט אפשר דאָס לעבן אַ סך בעסער פון מיר.

— דאָס איז מיין צרה.

— נאָך ערגער, וואָס מירביידע פאַרשטייען זיך ניט.

— מיר איז געווען אַ סך בעסער, ווען איך האָב אייך אַלעמען געוויכט.

— מיט וואָס איז דאָס געווען בעסער ?

— זעסטו דאָך, זינט איך האָב זיך ווידער באַוויזן באַנ־אייך, האָב איך געבראַכט צרות פאַר אייך און צרות פאַר זיך.

— איך גלויב ניט אין דעם. יעדעס מאָל, ווען איך וויל זיך צו דיר דערנענטערן, דערווייטערסטו זיך.

— קענסט פאַר מיר סיי־ווי גאָרניט טאָן.

— אַוודאי קען אַ ברודער ניט טאָן אַזויפיל ווי אַ געליבטער. אָבער אַ ברודער איז פאָרט אַ ברודער. אמת, דיין מאַמע איז אונדז געווען פרעמד ; אָבער דיין פאָטער איז דאָך אויך געווען אונדזער פאָטער. אייגן בלוט צעקריגט זיך און בעט זיך איבער.

— אייגן בלוט, אַז ס׳ווערט פאַרפרעמדט און קאַלט, איז שווער אַרויס־צורופן צוריק די וואַרעמקייט. מיט פרעמדע איז ניט קיין דאגה. צעקריגט מען זיך מיט איינעם, געפינט מען אַ צווייטן. מיט אייגענע ... יעס, זכריה, מענטשן האַלטן דיך פאַר אַ קלוגן. איך — ניט. אַלע זייט איר נאַראַנים, גרויסהאַלטער. פון דיין פאָטער האָב איך געירשנט מיין שלעכטן כאַראַקטער, כאַ־כאַ־כאַ.

— ניט פון דעם האָב איך געוואָלט מיט דיר רעדן. די דאָזיקע פילאָזאָפיע קען איך גוט. אייגענע, פרעמדע — ס'האָט מיט אונדזער איצטיקער באַגעגעניש גאָרניט וואָס צו טאָן. אויב איך קען דיר קומען צו הילף אויף וואָס פאַר אַן אופן עס זאָל ניט זיין, בין איך גרייט. איצטער איז דאָך ניט נאָר אַ פראַגע פון געלט, זאָלסט קענען אויסהאַלטן דייניקע. צייט, זאָלסט זיך אַרויסרייסן פון דעם פאַרכישופטן קרייז. ווייסט, דו ביסט באַלד אַלט זיבן און צוואַנציק יאָר.

די גאַנצע צייט ווען דאָקטאָר לוריא האָט גערעדט איז רעבעקאַ געשטאַנען ביים טיר, גרייט אַוועקצוגיין. ווען ער האָט געענדיקט, איז אַנשטאָט אַרויסצוגיין פון שטוב, ווי דער שטייגער, מיט איר טרוקענעם גוד־באַי, איז זי מיט שנעלע טריט אַוועק צוריק אין צווייטן צימער.

— דער מענטש און זיין שאָטן, — האָט דאָקטאָר לוריא מיט זיינע מחשבות באַגלייט רעבעקאַן. — אַמאָל גייט דער מענטש, די זון אים אין פנים און דער שאָטן שלעפּט זיך אים נאָך פון הינטן; און אָפּטמאָל, ווען די זון איז אים פון הינטן — איילט אים דער שאָטן פאָרויס. אָט אָ דאָס איז זי. דער שאָטן פון איר טויטער מאַמען, וואָס זי האָט אפילו ניט געקענט, לויפט פאָרויס, און דער שאָטן פון איר פאָטער, אונדזער פאָטער, וועמען זי האָט אויך ניט געקענט, ער שלעפּט זיך נאָך פון הינטן. ס'ערשטע קינד ביי ישראל לוריאן, וואָס איז געבאָרן געוואָרן אין דער יונגער, פרייער אַמעריקע!

אַ רחמנות־געפיל האָט אים אַרומגעכאַפּט צו זיין שטיפשוועסטער. ער האָט געגאַרט איר דערלאַנגען אַ האַנט און אַרויספירן פון איר פאַרפלאָנטערטן מצב. אים איז אַ רעטעניש, פאַרוואָס זי קומט צו אים מיט אַן אויסדרוק פון ליבשאַפט אין פנים, און שטענדיק גייט זי אַוועק מיט אַן אומגעריכטן קוואַל פון שנאה אין די אויגן. דאָקטאָר לוריא האָט געזוכט אַן אויסוועג ווי אַזויאַרום ער זאָל מיט איר קענען רעדן ווי אַן עלטערער, איבערגעגעבענער ברודער רעדט מיט אַ שוועסטער. ער איז געווען זיכער, אַז רעבעקאַ נויטיקט זיך איצטער אין זיין הילף.

רעבעקאַ איז ווידער אַרויסגעקומען, דאָס מאָל מיט אַ נאַטירלעכער פאַרב אין פנים און מיט אַ פריינטלעכן שמייכל אַרום מויל. זי איז צוגעגאַנגען צו איר שטיפברודער און אַריינגעקוקט אין דעם אָפענעם בוך. דאָס בוך איז פונקט געווען אויפגעמישט וואו מיט אַ פלייש־קאָליר איז געווען אויסגעמאָלן אַן עופּהעלע ביי דער מוטער אין בויך, אין דעם פּעריאָד, ווען דאָס קינד איז שוין גרייט צו פאַרלאָזן דאָס מוטערלייב.

— איז דאָס אמת, זכריה?

— גלויבסט גאָרניט, אַז אַ קינד אין מוטערלייב געפינט זיך אין אַזאַ צושטאַנד פאַרן געבאָרן ווערן?

רעבעקאַ האָט אַ פאַרטאַיעטן לאַך געטאָן. זי האָט אַרומגענומען איר שטיפברודערס קאָפּ, אַ קוש געטאָן און צוגעמאַכט דאָס בוך.

— כ'האָב פיינט אַנאַטאָמיע, — האָט זי מיט אַ גרימאַסע אָפּגערוקט דאָס בוך אַן אַ זייט. — זאָג מיר בעסער, וואָס וועט דאָ ווערן פון אונדז ביידן?

— איך זוך ניט קיין תכלית. כ'האָב מיין אָרט אין לעבן.

— ס'וואָלט בעסער געווען, ווען די מאַמע, איידער זי איז געשטאָרבן, נעמט און וואַרפט מיך אונטער ערגעץ ביי אַ פּאָליס־סטיישן. איך וואָלט זיך געהאָדעוועט ערגעץ אין אַ ניט־יידישן יתומים־הויז. וואָלט אויסגעוואַקסן אַן

קרובים, אָן טאַטע־מאַמע. וואָס פון מיר האָט געקענט אַרויסקומען? אפשר אַ סאָלווייִשן אַרמי מיידל; און אפשר — אַ פּראָסטיטוטקע. איצטער... האָב איך אַ ברודער וואָס איז אַ נאַרישער דאָקטאָר; און איין ברודער וואָס איז אין שיקאַגאָ, ווי מ׳דערציילט, אַ גענגסטער. איין ברודער אַ סאָציאַליסט, און איינער — אַ פּרומאַק מיט אַ גוישער ווייב און קינדער. איינער אַ פּאַרמער און אַ שוועסטער, וואָס שטעקט נאָך ערגעץ אין דער פינצטערער רוסלאַנד מיט איר קאָפּ און לייב־און־לעבן. דאָס איז אַלץ פון מיין טאַטנס צד. און איצטער, פון מיין מאַמעס צד... צוליב וואָס דאַרף איך עס אַלץ האָבן, ווען פאַר זיך אַליין האָב איך קיין איין טראָפּן גליק ניט אָפּגעשפּאַרט? וואָס זייט איר מיר אַלע, וואָס איך דאַרף טראַכטן פון אייך, און אייך פיינט האָבן? וואָס איז מיין זינד, וואָס איך דאַרף זיך אַרומטראָגן מיט אַזויפיל האָס אין מיין בלוט?

דאָקטאָר לוריא האָט געהערט איר רייד, ער האָט זיך באַמיט אָפּצוטיילן דאָס געמיינטע און דאָס אמתדיקע פון די רייד, וואָס זיינען ניט געווען מער ווי רייד, און צו זיין באַדויערן האָט אים אויסגעוויזן, אַז אין אַלץ וואָס זי האָט אַרויסגעזאָגט איז פאַראַן אַ גרויסער טייל אמת.

— פאַרוואָס ביסטו היינט געגאַנגען צו די זילבערמאַנס באַגעגענען אייגענע יענטשן און זיך דערקלערן שולדיק אין אַ זינד וואָס איז מיר אומבאַקאַנט?

— מאַכסט אַ טעות ווען דו פרעגסט, וואָס איך האָב דאָרטן געטאָן. מיך האָט גערופן מילדרעד. זי האָט דיך ליב. זי האָט געמאַכט אַ פרום פּנים און וויל דיך מיט איר עשירות איינגעמען. און אויך דערפאַר, וואָס זי האָט איבערגענומען די ראָלע פון דיין נאַרישער שוועסטער.

דאָקטאָר לוריא האָט זי אָנגעקוקט און געקוועטשט מיט די פּלייצעס.

— יעס, זכריה. קלערסט אוודאי אַז איך רעד ניט צו דער זאַך. מעגלעך, רעבעקאַ רעדט ניט צו דער זאַך.

— שוין צום צווייטן מאָל ווי דו פּרוּווסט מיט אומגויטיקע רייד איבערשרייען דיינע אייגענע געפילן. ניט בויטיק געווען צו קומען מיר זאָגן אַטאָדאָס וואָס דו האָסט מיר איצטער דערציילט. קוק מיר גלייך אין די אויגן און ענטפער: ווי באַטראַכטסטו דעם פאַרשלאַג, אַז קריינדל זאָל זיך צעגיין מיט לעאָנאַרדן, און דו זאָלסט זיך צו אים אַריינקלייבן?

— ווען איך זאָל אים ליב האָבן, וואָלט איך עס געטאָן. איך האָב אים פיינט.

— צוליב וועמען ביסטו פון זיי אַוועק?

— צוליב אים. איך בין געווען יונג. איך האָב אַלץ פאַרשטאַנען.

— טאָ פאַרוואָס האָסטו אים ווידער אויפגעזוכט?

— געווען אַ טעות. כ׳גיב עס צו. כ׳וועל דעם טעות פאַריכטן. כ׳וועל איינגאַנצן אַוועק פון ניו־יאָרק. איך האָב עס פריער ניט געקענט. כ׳האָב געדאַרפט אויסהאַלטן די באָבען און הערין. איצטער קענען זיי זיך שוין אויסהאַלטן אַליין. לעאָנאַרד האָט מיר געגעבן גענוג פון זייערטוועגן. איצטער קען איך איינגאַנצן לעבן אָן אייך. אפשר וועל איך פאָרן קיין קאַליפאָרניע. און אפשר ערגעץ וואו אַנדערש.

— ווילסט איבעררייסן מיט דער מאַמעס משפחה אויך?

— האָסט מיר פריער דערמאָנט, אַז איך בין שוין אַלט זיבן און צוואַנציק יאָר. איך בין שוין מער ווי זיבעציק יאָר אַלט, אויב איך האָב צוליב מיין אָפּשטאַם אַזויפיל דורכגעלעבט. איך האָס מיין גאַנצן אָפּשטאַם. איין מענטש איז פאַראַן ביי אונדז אין דער משפחה וואָס איך פיל מיט און האָב מיט אים מיטלייד — דאָס איז ליליען־רות. פונקט ווי זי איז די אומגליקלעכסטע פּרוי אין דער משפחה, פונקט ווי זי איז פאַרשאָלטן געוואָרן צו לעבן צווישן אייך, אַזוי איז מיט מיר דאָס אייגענע.

— מ׳האָט דיך ליב. יעדער איינער איז גרייט צו טאָן פאַר דיר אַלץ נאָר וואָס דו וואָלסט געפאָדערט. פאַרקערט, אפשר ביסטו שולדיק וואָס אין אונדזער משפחה איז די לעצטע צייט קיין פרייד ניטאָ. געדענקסט, דו האָסט זיך איינמאָל אָנגעבאָטן צו זיין מיין סעקרעטער. איך בין גרייט צו מאַכן דיר נאָך אַ מאָל דעם פאַרשלאָג. איך פיל צו דיר ווי אַ לייבלעכער ברודער, וואָס האָט פליכטן צו די יינגערע און נויט־באַדערפטיקע.

— איך בין דאָס מער ניט גרייט צו טאָן. ס׳איז צו שפּעט.

— אפשר ביסטו גערעכט. אפשר איז איצטער צו שפּעט. איך האָב אַ סך פליכטן ווי אַ דאָקטאָר. כ׳האָב איין קאָפּ אויף די פּלייצעס, איין האַרץ בלויז. איצטער וואָלט איך גערן געשטיצט דעם געדאַנק, דו זאָלסט אַוועק־פאָרן אויף אַ צייט. רייס זיך אָפּ סיי פון די לוריאַס און סיי פון די האַלפּערנס. נאָך מער, איך זאָג דיר צו, איך וועל איין מאָל אַ וואָך צופאָרן צו דיין באָבען, וועל אפילו אַרויסהעלפן, אויב ס׳וועט זיין נויטיק.

— ווילסט זיך באַוואָרענען, כ׳זאָל דיין נאַרישער שוועסטער ניט שטיין מער אין וועג?

— דאָס קען איך דיר איצטער ניט זאָגן.

— פאַרוואָס? זיי אָפן און פריי מיט מיר.

— כ׳קען עס דיר דערווייל ניט זאָגן.

מיט דעם וואָס רעבעקאַ האָט דערמאָנט ליליען־רות, די גרטע, איר אייגע־נעם מצב פאַרגליכן מיט דער גרטעס, און אויך מיט דעם וואָס רעבעקאַ רייסט זיך צו אַנטלויפן פון ניו־יאָרק, אויך מיט איר רייסן זיך אויסצוואַוויכן משפחה — פון דעם אַלעמען האָט דאָקטאָר לוריא זיך דערשלאָגן צום הינטער־באַוואוסטזיין פון אַן אַמעריקאַנער געבאָרן מיידל, וואָס גאַרט זיך אָפּצורייסן פון איר „גרינעם״ שורש.

ער האָט איר אויך געגלויבט, ווען זי האָט דערציילט, אַז פון די סטאַנס איז זי אַנטלאָפן, ניט צוליב דער פאַרנאַכלעסיקטער משפחה פון איר מוטערס צד וואָס זי האָט געוואָלט שטעלן אויף די פיס, נאָר צוליב לעאָנאַרד סטאַן, וואָס האָט קעראַלאַין געוואָלט פאַרבייטן אויף איר. אים איז אפילו פאַר־שטענדלעך פאַרוואָס איצטער, ווען זי איז שוין ניט מער די יונגע, אויפגע־לעבטע רעבעקאַ, האָט זי זיך דערנענטערט צו לעאָנאַרדן אויפן חשבון פון איר שטיפשוועסטער. אַלץ האָט אים אויסגעזען קלאָר און פאַרשטענדלעך. אָבער אַלץ אינאיינעם איצטער האָט נאָך מער פאַרפּלאָנטערט די לאַגע. „ער לעבט אַ לעבן ווי אַ וואָלף; זיין שטרעבן רייך צו ווערן גייט איר ניט אָן. זיין שטרעבן אַריינצורייסן זיך אין די הויכע פענצטער — דאָס גייט איר אויך ניט אָן. ס׳איז קריינדלס שולד. ווינציקער פון אַלץ איז דאָס רעבעקאַס שולד״.

רעבעקאַ איז געזעסן אַן אויסגעלאָשענע אויף דער שוואַרץ־לעדערנער סאָפע, וואו אין אויפנאַמס־שעהן זיצן אַלערליי פּאַציענטן, און אים האָט אויס־געוויזן, אַז דאָס האָט ער נאָך פון בייטאָג אויסגעלאָזן אַ פּאַציענטקע. זי וואַרט, ער זאָל באַטראַכטן, אויסהערן און פאַרשרייבן אַ מעדיצין.

— און ווער בין איך ? — לויפט אים דורך אַ מחשבה. — האָט זיך מיין לעבן בעסער אויפגעלייגט ?

ער איז אויפגעשטאַנען פון זיין פּלאַץ, זיך צוגעזעצט נעבן רעבעקאַן, גע־נומען אירעביידע הענט און גוטמוטיק אַריינגעקוקט אין איר פּנים אַריין. ער האָט געזוכט ענלעכקייט אין איר פּנים מיט זייניקע. געזוכט סמנים פון די לוריאַס, פון איר מוטער. פרעמד האָט זי אים אויסגעזען.

— קוקסט מיך אָן, ווי איך וואָלט געווען גאָר אַ פרעמדע, — האָט רעבעקאַ זיך אָנגעשלאָגן אויף זיינע געדאַנקען. — ביסט דאָך עפּעס אַן אויפגעקלערטער מענטש, אַזוי זאָגט מען אויף דיר ; דערקלער מיר, וואָס פעלט מיר, כ׳זאָל זיין גליקלעך ?

— ליבע. און דו ד־האָסט פיינט. האָסט אונדז אַלעמען פיינט, ווי אַן עכטער יענקי האָט פיינט יידן, כאַ־כאַ־כאַ.

— דאָס מיינסטו ?

— יעס, רעבעקאַ.

— ווייסט, זכריה, ס׳האָט דאָך אַ סך מאָל געטראָפן ווי אַ ברודער און אַ שוועסטער זיינען קינדווייז צעשיידט געוואָרן, און שפּעטער, שוין דערוואַקסענע, האָבן זיי זיך באַגעגנט, ניט געוואוסט גאָר, אַז זיי זיינען ברודער און שוועסטער, און האָבן זיך איינס אין אַנדערן אַריינגעליבט. יעדעס מאָל ווען איך קום צו דיר טראַכט איך פון דעם. און אַז איך כאַפּ זיך, דו ביסט מיינס אַ שטיקל ברודער, האָב איך דיך פיינט און אַנטלויף פון דיר. איך וועל פון דיר אַנט־לויפן אויף יאָרן, ווען מיר וועלן זיך באַגעגענען — זאָלן מיר זיך ניט דער־קענען. און איצטער, גוד־נאַיט, זכריה. קענסט זיך טראַכטן פון מיר וואָס דיין האַרץ גלוסט — אפילו וועגן דעם ווי איך וואָלט געוואָלט ביי מיין שטיפ־שוועסטער אָוועקנעמען אַיר מאַן. גוד־נאַיט.

דאָקטאָר זכריה לוריא האָט געלאָזן זיין שטיפשוועסטער אָוועקגיין. אים איז אפילו ניט איינגעפאַלן אויפצושטיין און ניט לאָזן, זי זאָל אין אַזאַ שפּעטער שעה פאָרן אַליין קיין האַרלעם.

— ווער ווייסט, אפשר פאָרט זי גאָר איצטער ניט אַהיים. אפשר איז טאָקע אמת, אַז לעאָנאַרד האָט איר געגעבן אַ גרעסערע סומע געלט, זי זאָל אָוועק פון ניו־יאָרק.

אים לייגט זיך אויפן שכל, אַז אין אַלץ וואָס זי האָט דערציילט איז פאַראַנען אַ האַלבער אמת. אפילו אין דער מעשה פון ברודער און שוועסטער, ווען זיי האָבן זיך באַגעגנט און ניט דערקענט... ער פילט אין איר אַ ניט־גלייכגילטיקע באַציאונג צו אים און סיי צו די איבעריקע מיטגלידער פון דער לוריא־משפחה.

— ניט קיין ליבע, אַ גרויסע מאָס האַס טראָגט זי צו מיר, — טראַכט לוריא. ליבע און האַס, ביידע קומען זיך אַזוי נאָענט צונויף, ווי נאָענט פאָרן בליק קומען זיך צונויף הימל און ערד.

איר האַס — באַגרייפט ער. די ליבע — ניט.

פונדעסטוועגן האָבן אירע לעצטע ווערטער אים אַ שלאָג געטאָן אין קאָפּ אַריין. אים פאַרדריסט פאַרוואָס ער האָט איר באַמערקונג געלאָזט אַזוי פאַרבייגיין. אים פאַרדריסט פאַרוואָס ער האָט בכלל געלאָזן זי זאָל רעדן, זיך ווידערשפּרעכן, און ניט געבראַכט דערצו, זי זאָל זיך איין מאָל פאַר אַלע מאָל אַנטפּלעקן פאַר אים.

— כאַ־כאַ־כאַ, — האָט ער זיך צעלאַכט אויפן הויכן קול, אומשפּאַנענדיק איבערן אַפּיס. — אַלץ וואָס זי האָט אָנגערעדט, אַלץ וואָס זי האָט אָנדערציילט איז אַ וויסטער חלום און ניט מער!

עס קומט אים אויפן זינען רעבעקאַס מוטער, רבקה די ליטוועטשקע, וואָס איז פון גרויס אָרעמקייט דערד־היבן געוואָרן צו ווערן די מיסיס ישראל לוריא — ווערן אַ יונגע מאַמע פון זיבן דערוואַקסענע זין און איין טאָכטער. ווי אַ הון נעמט אירע הינדעלעך אַרונטער צו באַשיצן אונטער אירע פליגל, אַזוי האָט זי געוואָלט די גאַנצע חברה יונגע אַריינגענומען אין איר רשות, און זיי באַשיצן. אַלע האָבן זי פיינט געהאַט. ווען ער וואָלט געווען אַבערגלויביק וואָלט ער געטראַכט, אַז צוליב זייער אומפאַריינטלעכקייט איז זי אין קימפּעט געשטאָרבן און פאַר זיי איבערגעלאָזן אַ רויטהאָריק מיידעלע, וואָס מ׳האָט עס נאָך דער געשטאָרבענער ריוועטשען אַ נאָמען געגעבן. ער וואָלט אויך געגלויבט, אַז די אומפאַריינטלעכע בליקן פון די דערוואַקסענע קינדער האָבן דעם פאָטער פאַר דער צייט אַוועקגעשיקט אויף יענער וועלט.

— ווער ווייס, אפשר איז זי געבליבן נאָך זיי, אָפּצוצאָלן משפחה פאַר אַלע עוולות.

אַ רחמנות־געפיל כאַפּט אים ווידער אַרום. ווען רעבעקאַ איז איצטער נעבן אים, וואָלט ער זי ווי אַ קליין, קראַנק שוועסטערל אַרומגענומען און אַלע אירע וואונדן אָנגערירט. זי וואָלט געוויינט און זיך מודה געווען אויף אַלע ניט אמתן וואָס זי האָט אים אָנדערציילט.

אַזוי טראַכטנדיק פאַרשווינדן אַלע אירע רייד; פאַרשווינדן אפילו די רייד וואָס ער האָט געהערט פון איר ביי די זילבערמאַנס. פאַרן דמיון הייבט זיך אָן וויגן ס׳געשטאַלט פון זיין פאָטער ישראל לוריא, וואָס איז פאַר דער צייט געבויגן, גרוי און אַלט געוואָרן דאָ אין לאַנד, נאָך דעם ווי רבקה די ליטוועטשקע איז אַזוי טראַגיש אַוועקגעשטאָרבן. און אַט לויפט אָן פאַרן דמיון די קליינע רבקהלע מיט אירע גאָלדענע האָר, אַ זכר פון דער פאַרשטאָרבענער מאַמען. קריינדל האָדעוועט זי. ער קוקט איר נאָך ווי זי לויפט אַרום מיט איר ליכטיק־גאָלדענעם קאָפּ, איבערן שטוב. אַלע האָבן זי ליב. זי איז אַלעמענס קינד. אַלע זיינען אירע ברידער, און קריינדל — זי איז איר מאַמע.

און מיט אַ מאָל, איצטער... ליבע און האַס. ליבע איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין האַס. ניטאָ קיין ליבע צו קיינעם.

— ניטאָ קיין ליבע צו קיינעם פון אונדז!

ביי דעם ווערט זיין געמיט רואיק.

— ס׳איז דער מענטש און זיין שאָטן.

רעבעקאַס שאָטן איז ווי פאַרשוואונדן פון שטוב, און רעבעקאַ דער מענטש האָט זיך ווידער באַוויזן פאַר זיין דמיון. אַ מענטש, צו וועמען ער האָט נאָך צוטרוי און גלויבן.

קאַפּיטל זעקס און צוואַנציק

מיט דעם אָנקומען פֿון דער מערלין־משפּחה האָט אַ פֿרישער קוואַל לעבן אָנגעהויבן שלאָגן אין דער פֿאַרחלשטער און מיט טרויעריער אָנגעזאַפּטער בערגער־שטוב. ניט צוליב דעם בלויז וואָס די אַלמנה מערלין איז געווען לייב בערגערס אַ שוועסטער. ס׳האָט גיכער דער צייט־גייסט געהאַלטן די צוויי משפּחות אינאיינעם געקניפּט.

— ס׳איז ניט דאָס בילד ווי דור פֿון דור וואַקסט דאָ אַרויס, — האָט דער יונגער אנשל מערלין כאַראַקטעריזירט די יידישע גאַס. — נאָר דור אויף דור זיצט ווי אַ פּאַראַזיט. דער ייִנגערער דור פֿאַרלייקנט דעם עלטערן דור און בעט גאָט אויף זיין אונטערגאַנג.

הייס בלוט האָבן די מערלינס פֿאַרמאָגט, און אין פֿרייען לאַנד, כאָטש דער עול פּרנסה איז שטאַרק געלעגן אויפֿן האַלדז־און־נאַקן, האָט פֿאָרט דער צייט־גייסט דאָס בלוט געטריבן שטאַרקער, און מ׳האָט זיך אָנגעהויבן אַרומקריגן איבער די אַלערליי אמתן, וואָס ביים גרעסטן טייל פֿון ערשטן דור האָבן זיי געקלונגען ווי פֿאַלשע מטבעות. פּונקט ווי ביי די בערגערס איז דער עלטער־דער זון, חיים בערגער, אַ בלאַסער ציוניסט אין דער היים, האָט אין אַמעריקע דערפֿילט דעם גלות, אַזוי אויך זיין שוועסטערקינד, אַלטער מערלין, האָט זיך אַריינגעוואָרפֿן אין דער ציוניסטישער באַוועגונג מיטן גאַנצן ברען. דער ייִנגערער מערלין, וואָס איז אין דער היים געווען אָנגעשטעקט מיט די אידייען פֿון בונד, איז דאָ געוואָרן אַ גלות־נאַציאָנאַליסט און כסדר זיך אַרומגעקריגט מיט דעם ייִנגערן בערגער, מיט וועלוועלען, וואָס האָט דעם גאַנצן יידישן קיום אין אַמעריקע געגעבן פֿופֿציק פֿופֿציק יאָר, און ניט מער. די מערלין־משפּחה האָט זיך באַזעצט אינגאַנצן אַ פּאָר גאַסן פֿון די בערגערס און כמעט אַ נאַכט איבער אַ נאַכט האָט מען זיך באַגעגנט, אַמאָל ביי די מערלינס און אַמאָל ביי די בערגערס. מ׳האָט זיך אַרומגעקריגט צום טאַקט פֿון די איבונגען, וואָס די בלאָנדע ראָזע מערלין האָט אַרויסגעפֿידלט פֿון איר אָרימען פֿידל אַרויס.

עמאַ בערגער, זינט זי איז אַוועק צו די באָגענס אין שאַפּ, האָט איר לעבן געקראָגן מער אינהאַלט. ניט צוליב דער אַרבעט אַליין, נאָר צוליב דער אָפּטער באַגעגעניש מיט אַן אַרבעטער פֿון אַן אַנדער פֿאַך. אַ דיכטער אין דער היים, און דיכטער־היטלמאַכער דאָ אין לאַנד, וועמעס שאַפּ ס׳איז געווען מיט אַ פּאָר שטאָק נידעריקער אין אייגענעם בנין וואו זי ד־האָט געאַרבעט. מ׳האָט זיך פּינקטלעך באַגעגנט אין דער פֿרי ביים קומען צו דער אַרבעט גאַנצע דריי חדשים. ביים אַריינגאַנג פֿון שאַפּ ד־האָט מען זיך באַגעגנט. ערשט אויפֿן פֿערטן חודש האָט מען זיך באַגריסט און דורכגעוואָרפֿן מיט אַ פּאָר ווערטער.

וויפיל דאַרף אַ מענטש האָבן כדי צו דערוויסן זיך, אַז זיין האַרץ האָט אַ שווערע עובֿדה צו טרייבן ס׳בלוט אין די אָדערן? וויפיל דאַרף אַ מענטש האָבן ער זאָל זיך דערוויסן, אַז ער איז שוין איין מאָל געשטאָרבן און איז צוריק אויפגעשטאַנען תחית־המתים, כדי אָפּצולעבן מיט מער שכל דאָס לעבן וואָס ס׳איז אים באַשערט?

און וויפיל דאַרף האָבן אַ פּרוי, וואָס אין אָנהויב פון איר לעבנספרילינג האָט אַ שטורעם אויסגעבראָכן און איר וועלט חרוב געמאַכט, כדי זיך צו דער־שלאָגן צו פרישע לעבנסקוואַלן און דערשפּירן, אַז לעבן און טויט — ביידע ליגן פאַרן שוועל און באַטן זיך אָן: באַהעפט זיך מיט מיר?

דאָקטאָר לוריא, וואָס האָט פאַר איר אויפגעהויבן דעם פאַרהאַנג פון לעבן, האָט זי פיזיש און גייסטיק דערהויבן. ער האָט איר אָן ווערטער צופיל צו־געזאָגט. ער האָט אויך איר נשמה באַלויכטן, און דורך אים האָט זי דערבליקט ס׳נייע לאַנד, וואָס האָט זי ווי אַן אייגענע אויפגענומען.

מיט אירע אָנגעצונדענע נערוון האָט יעמאָלט עמאַ בערגער אויפגעכאַפּט דעם ציטער וואָס דאָקטאָר לוריא האָט געשפּירט אין זיין גאַנץ וועזן אין דער רגע, ווען פון אַ רופא איז ער אַליין געוואָרן אַ חולה. אויך ער, דער דערפאַ־רענער מענטש, וואָס איז אויך אַוועק פון פאָגראָמען־לאַנד אין די אַכציקער יאָרן, אין דער צייט ווען די יידישע איסט־סאַיד האָט ערשט דעם ערשטן שיכט ייד־און־מענטש אויסגעלייגט אין אירע גאַסן, אים האָט אויסגעוויזן, אַז די אַלע יאָרן וואָס ער האָט געאַרבעט אין שוויץ־שאַפּ און אין די שפּעטע שעהן, אָפּגעשפּאַרטע פון שלאָף און רו, געזעסן איבער די ביכלעך און לעקציעס וואָס ער האָט אין די ביינאַכט־שולן גענומען, ביז ער האָט דערגרייכט די מדרגה אויף וועלכער ער געפינט זיך איצטער — איז נאָר געווען כדי צו קענען אַנט־קעגנקומען דער פאַגראָמירטער עמאַ בערגער ווי אַ פאָלקאָמענער מענטש.

— וואָס זיינען געווען מיינע ליבעס אויפן וועג צו דער דאָזיקער באַגע־געניש? און וואָס איז געווען מיין לעבן אָן דעם אינהאַלט וואָס הייסט עמאַ בערגער?

אין די ערשטע צוויי יאָר נאָך דער באַגעגעניש מיט עמאַ בערגער זיינען געווען אַ סך מאָמענטן ווען ער האָט אַזוי געפילט. און פונדעסטוועגן איז מיט דער צייט צווישן זיי אויסגעוואַקסן אַ נעפּלדיקע וואַנט ווי אַ בעלמע וואָס פאַרציט די אויגן ביסלעכווייז, ביז עס קומט צום פולשטענדיקן בלינד ווערן. עמאַ האָט געזוכט די שולד אין זיך אַליין. ער האָט די שולד געזוכט אַרום זיך, אָבער ניט אין זיך אַליין, ביז כמעט אַ פולשטענדיקע דערווייטערונג איז פאָרגעקומען.

די מערלין־משפחה האָט געבראַכט מיט זיך אַ פרישן שטראָם לעבן: אויגן, וואָס האָבן מיט נייגער גענישטערט אַרום; נערוון, וואָס זיינען געווען אָנגעשפּיצט צו אַלע געשעענישן אין יידישן לעבן דאָ און אויף יענער זייט ים. אירע קרובים האָבן מיט זייער אייגענעם אימפּעט באַווירקט עמאַ בערגער, זי זאָל אינאיינעם מיט די אַרבעטער־פּראָבלעמען, וואָס זיינען אויף אַ נאַ־טירלעכן אופן געקוואָלן פון שאַפּ־לעבן אַרויס, אויך זיך צוהערן צו די קלאַנגען פון יידישן לעבן. אונטער זייער ווירקונג האָט זי אָנגעהויבן לייענען יידישע צייטונגען, און צוליב דער באַגעגעניש מיט דעם דיכטער־היטלמאַכער, שלום מעלצער, האָט זי אויך אָנגעהויבן אַריינקוקן און לייענען יידישע ביכער.

זי האָט ליב געהאַט צו הערן זײַנע גלויביקע רייד, און פונדעסטוועגן איז דווקא ער געווען פאַר איר אַ צו פרעמדער געוויקס מיט אַ טערפּקן בײַ־טעם.

ווען ער האָט זיך באַקלאָגט פאַר איר אויף זײַן געזונט־צושטאַנד, האָט זי אים געראָטן גיין צו דאָקטאָר לוריאַן, און דערבײַ צוגעגעבן:

— ער איז מער ווי אַ דאָקטאָר. ער ווירקט מיט זײַן גאַנצער פּערזאָן. כ׳האָף, אַזאַ אײַנדרוק וועט ער אויף אײַך אויך מאַכן.

דעריבער, ווען שלום מעלצער איז געקומען צו דאָקטאָר לוריאַן, האָט ער אויף אים געקוקט מיט עמאַס אויגן. ווען ער האָט פאַר דאָקטאָר לוריאַן דער־מאָנט עמאַ בערגערס נאָמען — איז פאַר דאָקטאָר לוריאַן גאַנץ אומגעריכט דער באַגריף פון נאָענט און ווײַט גאָר אינגאַנצן אָפּגעווישט געוואָרן. כאָטש ער האָט אפילו קיין גרוס ניט געשיקט דורך זײַן פּאַציענט, און אויף עמאַן זיך אפילו ניט נאָכגעפרעגט, איז עס פאַר בײדן פאָרגעקומען — ווי אַ שטאַרקער ווינט האָט צווישן זיי זיך אַרײַנגעריסן און די אומזיכטבאַרע נעפּל־וואַנט פון צווישן זיי אַרויסגעהויבן און צעטריבן.

ס׳איז געווען ערב נײַ־יאָר נײַנצן פערצן, בײַ די בערגערס אין דער ענגער דירה האָבן זיך צונויפגענומען בײדע משפחות. ראָזע מערלין האָט געשפּילט אויפן פידל און אויסן געווען, די טענער זאָלן דערגרייכן צום דיכטער, צו שלום מעלצער, וואָס כאָטש זי האָט זײַנע לידער ניט געלייענט און אַ סך פון זײַנע געדאַנקען ניט פאַרשטאַנען, האָט זי אָבער יאָ געשפּירט ווי זײַנע בליקן יאָגן זיך נאָך אירע פינגער אויף די סטרונעס.

די טעמע פון שמועס איז נאָך אַלץ געווען די פּאַראַיאָריקע וואַלן, מחמת דעם וואָס דער אַרבעטער „האָט געגלויבט טעדי רוזוועלטס ראַדיקאַלע פראַזן״ — האָט מען פאַרגעסן אין דעם גרויסן אידעאַליסט, דעם טרייען אַרבעטער־פירער — דעבס, צוליב דעם האָט ער מער ווי זיבן הונדערט טויזנט שטימען ניט געקראָגן!

— סײַ דער זאַטער מאָגן און סײַ דער הונגעריקער מאָגן — בײדע טויגן דאָ אויף כּפּרות, — האָט וועלוול בערגער געשטורעמט. — ווען אַן אַרבעטער האָט קדחות צו עסן, יעמאָלט וועט איר אים פאַר קיין פאַל ניט אײַנרעדן, ער זאָל אָפּגעבן זײַן שטים פאַר דעם וואָס זאָרגט פאַר אים. יעמאָלט גלויבט ער נאָר אין קאַפּיטאַליסטישן קאַנדידאַט, וואָס זאָגט אים צו צו לאָזן זיך רייבן אָן פעטן טאָפּ. און טאָמער איז עס אַ יאָר פון פּראָספּעריטי — יעמאָלט קענסטו דאָך אוודאי ניט דערמאָנען דעם אַרבעטער, ער זאָל העלפן בײַטן די רעגירונג, העלפן אַראָפּוואַרפן דעם קאַפּיטאַליסטישן פּרעזידענט. דעריבער זאָג איך, אַז קאַרל מאַרקס איז ניט גערעכט געווען, ווען ער האָט געזאָגט, אַז סאָציאַליזם וועט אײַנגעפירט ווערן גאָר צום ערשטן אין די לענדער וואו די אינדוסטריע וועט זיך אַנטוויקלען און קאָנצענטרירט זײַן אין אײנצעלנע הענט. דאָ האָבן מיר דעם מאַרקסיסטישן בײַשפּיל. די אינדוסטריע איז אַנטוויקלט, קאָנצענ־טרירט אין די הענט פון די טראָסטן, און ווי שטייט עס מיטן אַרבעטער? זיבן הונדערט טויזנט פאַר דעבסן. מער ווי צוואַנציק מיליאָן מענטשן אַרבעטן דאָ. און פאַרוואָס עפּעס דער אַרבעטער? און וואו איז דער פאַרמער? ס׳לעבט זיך עפּעס גוט דעם פאַרמער אין אַמעריקע? גייט, פּרוּווט רירט זיי

פון אָרט, עפּנט זיי דעם מוח, באַוויזט, אַז דער קאַפּיטאַליסט פּרעסט זיי מיט די בייַנער אויף, וועלן זיי אייך אָנקוקן ווי דער האָן אין בני־אדם.

— סאָציאַליזם איז אַ שיינער חלום. אַן אוטאָפּיע. ס'איז שיין, כל זמן מ'רעדט פון סאָציאַליזם. די וואָס האָבן ליב צו חלומען ווילן קיינמאָל ניט, אַז פון חלום זאָל ווערן וואָר. און די, וואָס זיינען אויף דער וואָר, ווילן ניט אַריינפאַלן אין חלום.

דאָס האָט גערעדט שלום מעלצער. וועלוול בערגער האָט אים אָנגעקוקט מיט אַ גוטמוטיקן שמייכל:

— וואָס שמייכלט איר? — האָט שלום מעלצער געפרעגט. — איך רעד ניט ווי קיין סאָציאַליסט, כאָטש איך בין אַן אַרבעטער, אמת?

— איך הער ווי איר רעדט, און טראַכט, אַז איר זייט דאָך ניט דער איינציקער דיכטער וואָס זינגט ווי די פייגל אין וואַלד. יענע טראַכטן ניט פון אַרבעטער־פּראָבלעמען; און איר, זאָלט איר מיר מוחל זיין, טוט עס אויך ניט.

— נו, אַז אייערע אַרבעטער־פירער טראַכטן ניט פון יידישן פאָלק, איז בעסער? — האָט אַלטער מערלין זיך איינגעשטעלט פאַרן דיכטערס כבוד.

— וואָס, אפשר ארץ ישראל? — האָט וועלוול בערגער איראָניש געקוקט צו זיין שוועסטערקינד. — דאָס איז דאָך דער אמתער גרויסער חלום!

— אוודאי. אפילו אין תהילים האָט מען עס אויך ניט געזען אַנדערש ווי אַ חלום: — בשוב ה׳ את שיבת ציון היינו כחולמים.

— ניין, אַלטער, סאָציאַליזם איז אַ מאַטעריאַליסטישער ענין. ס'איז איינס און איינס — איז צוויי.

— איינס און איינס — איז צוויי; און פונדעסטוועגן קענט איר דעם אַמעריקאַנעם אַרבעטער־קלאַס דעם דאָזיקן פּשוטן חשבון ניט אויפווייזן. ער גלויבט, אַז איינס און איינס — איז דריי. יעדער אַרבעטער וויל דאָ ווערן אַ באָס.

— דאָס איז אַ יידישער שטריך. יעדער יידישער אַרבעטער חלומט, אַז אויב ניט קיין באָס, וועט ער כאָטש ווערן אַ קרעמער.

— דאָס איז בייזוויליק! — האָט אַלטער מערלין זיך ווידער איינגעשטעלט.

— אינערגעצן הער איך ניט אַזויפיל לשון־הרע אויף יידן ווי צווישן יידן אַליין. דאָס וואָלט געפּאַסט פאַר אַ שונא ישראל.

— פון שונאי־ישראל הערט מען עפּעס אַנדערש. שונאי ישראל זאָגן, אַז יידן האָבן פאַרכאַפּט גאַנץ אַמעריקע.

— אַז אַנטיסעמיטיזם איז פאַראַן אין אַמעריקע ביסטו אַליין מסכים. נו, איז דאָך גערעכט דער ייד וואָס זאָגט, אַז אינערגעץ איז דער ייד ניט זיכער. אַז אומעטום איז ער אין דער פרעמד, אומעטום איז ער אין גלות.

— ס'וועט זיין אויס מיט אייער גלות ווען אויף דער וועלט וועט הערשן אַ סאָציאַליסטישע אָרדענונג. אַלע פעלקער— איין פאָלק; אַלע מענטשן — איין מענטש.

דאָס האָט וועלוול אָפּגעזאָגט און זיך געווענדט צו דער פידלשפּילערין, וואָס צוליב הייסן ויכוח איז דאָס פידל ביי איר פון האַנט אַראָפּגעהאַנגען ווי אַ געשאָכטענער פויגל:

— שפּיל אויף לכבוד דעם נייעם יאָר — מיין אַכט יאָר אין אַמעריקע.

און עמאַ בערגער, זי האָט זיך אויסגעהיט, קיינער זאָל ניט באַמערקן ווי זי לאָזט זיך שטיל אַרויס פון שטוב. ניט דערפאַר וואָס די אַפּטע ויכוחים האָבן איר שוין דערעסן. ביי אַנדערע געלעגנהייטן האָט זי אַליין אַנטייל גענומען און אַרויסגעזאָגט איר מיינונג, אַז יידן וועט מען אינערגעץ ניט ליב האָבן; ניט מער וואָס אין רוסלאַנד מאַכט מען אויף יידן פּאָגראָמען, און אין אַמעריקע שמייכלט דער ניט־ייד דעם יידן פאַלש אין פּנים אַריין.

אויך ניט דאָס וואָס זי האָט באַמערקט, אַז שלום מעלצער קוקט מיט פאַר־בענקטע אויגן צו דער פידלשפּילערן, און וואָס אַ פּאָר מאָל דורכן אָוונט איז ער צוגעגאַנגען צו דער פידלשפּילערן און שטיל איר עפּעס געזאָגט, פון וואָס איר איז אַ פאַרב געקומען אין פּנים אַריין. ניט צוליב דעם האָט עס עמאַן געצויגן פון שטוב אַרויס. ס'איז דער ערב ניי־יאָר און איר אַכטער יאָר אין לאַנד; און זי ווייסט ניט צי זי איז מיט אַכט יאָר עלטער, אָדער מיט אַכט יאָר ייִנגער געוואָרן זינט זי האָט זיך גענומען אין די הענט.

אַ בלינדער כוח האָט זי אַ ריר געטאָן פון אָרט, געפירט צום הויז, וואו זי לייענט אָפּט מאָל אַראָפּ פון די שויבן אין טיר די ווערטער: „ז. לוריא, מ. ד.". ביים דורכגיין פאַרביי דאָס הויז, וואו דער אויסטערלישער אויפשריפט איז געווען אויף פענצטער און טיר, האָט זי געטראַכט פון איר לעבן. אָפּטמאָל האָט איר דאָס לעבן אויסגעזען זייער לאַנג. איר באַגעגעניש מיט דאָקטאָר לוריאַן — ס'זעט אויס, אַז נאָך אַ סך יאָרן וועלן פאַרבייגיין ביז זיי וועלן אויף צום אמתן זייער צעריסן לעבן פאַרוועבן און גאַנץ מאַכן.

און אָפּטמאָל דוכט איר אויס, אַז דאָס לעבן איז קורץ, זייער קורץ. אַ סימן — אָט לעבט דאָ אין דעם דאָזיקן הויז אַ מענטש מיט וועמען זי האָט שוין דורכגעשפּאַנט דורך דעם שענסטן חלום פון איר לעבן. אַזוי שנעל איז דאָס געשען. אַזוי שנעל איז דאָס פאַרביי. איצטער איז זי אַלט. פון שיינעם חלום איז געוואָרן די בייזע וואָר, וואָס האָט זי פון אַ פּאָגראָמען־שטאָט אונטערגע־כאַפּט און געבראַכט אַהער צו פאַרענדיקן די לעצטע טעג אירע.

אין די אויערן האָבן געקלונגען איר ברודערס ווערטער, ווען ער האָט אויפגעוואָרפן דעם יונגן דיכטער, אַז ער חלומט ווי אַלע דיכטער און זיין גלייכן. און וואָס טוט זי איצטער? זי לאָזט זיך טראָגן פון אַ בלינדן כוח צום ווילד־פרעמדן און בלוט־נאָענטן מענטש, וואָס וועט שטויגען און אַליין ניט קענען פאַרשטיין, פון וואַנען זי איז צו אים אַראָפּגעפאַלן — ווען זי וועט אַנקלאַפּן אין זיין טיר און זיך פאַר אים באַווייזן אין אַזאַ שפּעטער שעה.

אָט איז שוין אַ צוואַנציק מינוט פאַר האַלבער נאַכט; אָדער צוואַנציק מינוט, איידער דאָס נייע יאָר טרעט אַריין אין איר לעבן. זי האָט אַנגעקלאַפּט אין דאָקטאָר לוריאַס טיר. ניט געקלונגען, נאָר מיט ציטעריקע פינגער גע־קלאַפּט, בשעת איר איז אַליין געווען אַ רעטעניש — וואָס קלאַפּט העכער, צי איר האַרץ, צי די פינגער אירע וואָס קלאַפּן אין טיר.

דאָקטאָר לוריאַ איז אינערגעץ ניט געגאַנגען. אַליין איז ער געזעסן ביי זיך אין קאַבינעט, געבלעטערט זיין טאָג־בוך, די בליקן האָבן געבלאָנדזשעט איבער די פּאָר שורות וואָס ער האָט ניט לאַנג אַריינגעשריבן: — „טרויעריק, ווען די וואָרצלען פוילן, און די צווייגן בליען..." ער האָט זיך געקליבן עפּעס אַריינשרייבן ווען דער זייגער וועט שלאָגן צוועלף. ער האָט אין זינען

געהאַט דעם געדאַנק פֿאַרבינדן מיט די דרייסיק יאָר אין אַמעריקע, מיט דעם איינזאַמען וועג וואָס ער טרעט אין לעבן סיי אַלץ ייד, און סיי אַלץ מענטש. מ׳האָט אָנגעקלאַפּט אין טיר.

אים האָט אויסגעוויזן, אַז דאָס קומט מען אים רופֿן צו אַ חולה; אפשר גאָר צו אַ קימפּעטאָרן. און מיט אַמאָל — עמאַ בערגער האָט זיך באַוויזן! ער האָט ניט באַהאַלטן זיין איבערראַשונג, זי האָט אויך ניט באַהאַלטן איר אויפֿרעגונג. ניט דערפֿאַר וואָס מער ווי אַ יאָר זינט זיי האָבן צווישן זיך קיין וואָרט ניט אויסגערעדט; ס׳איז גיכער געווען דערפֿאַר וואָס ביידע האָבן באַגריפֿן דעם באַהאַלטענעם כּוח וואָס ברענגט זיי ווידער צוזאַמען. ביי ביידן אין פּנים האָט אויפֿגעבליט די בושה. זי האָט זיך געשעמט צו ווייזן איר פּנים אויף יענער זייט פֿון זיין שוועל; און ער — פֿאַרוואָס זי, די פֿרוי גאָר, האָט אומגעוואָרפֿן די וואַנט, וואָס איז צווישן זיי געשטאַנען.

דאָקאָטר לוריא האָט אָפּגעטראָטן הינטערוויילעכס פֿון טיר, געלאָזן, זי זאָל אַריינקומען טיפֿער אין צימער אַריין.

— איך בין געקומען זאָגן, אַז באַלד וועט דאָס אַלטע יאָר אויף אייביק פֿון אונדז אַוועק און אַ ניי יאָר קומט אָן. איז דאָס אָנגעלייגט, אָדער איבעריק?

דאָקטאָר לוריא האָט געהערט איר שטים און ניט געגלויבט זיינע אויערן. אַזוי אומבאַקאַנט האָט איר שטים געקלונגען. ערנסט, דורכגעטראַכט, און ניט גאָר נאָענט. איר אויפֿרעגונג, וואָס האָט זי שיעור ניט אויפֿגעריסן ביים דערנענטערן זיך צום הויז, האָט איצטער זי גאָר אינגאַנצן אָפּגעלאָזן. דווקא ער האָט זיך שטאַרק אָנגעשטרענגט זיין אויפֿרעגונג ניט אַרויסצואווייזן. אים איז שווער געווען אין דער ערשטער רגע צו געפֿינען די עטלעכע נויטיקע ווערטער צוצוגעבן צו אירע.

— יעס, וואָס פֿאַר אַ גוט יאָר האָט דיך צו מיר געבראַכט?

— כ׳האָב געוואוסט, היינט ביינאַכט טראַכסטו פֿון מיר. ביסט אַליין, און דו טראַכסט פֿון מיר. כ׳האָב געוואוסט, אַז דו וועסט צו מיר קומען נאָר יעמאָלט ווען איך וועל זיין קראַנק, ווען מיין מאַמע וואָלט דיך געקומען רופֿן. בין איך געזונט, און כ׳האָב זיך ניט געקענט אויף דיר דערוואַרטן.

דערנאָכדעם איז זי געפֿאַלן אין זיינע אָרעמס, און אין איין אויגנבליק פֿאַרטראָגן געוואָרן צום וייטן פֿאַגראָמען־לאַנד. אַ געפֿיל, ווי זי איז אין געפֿאַר, זי זוכט שוץ אין די אָרעמס פֿון אַ שטאַרקן מאַן.

— איך דאַנק דיר, עמאַ, וואָס דו האָסט גענוג מוט געפֿונען און געקומען איצטער אַהער. איך ווייס, אַז אויף דעם ביסטו נאָר אַליין פֿייאיק. איך ווייס, דו האָסט די גאַנצע צייט וועגן מיר קיין שלעכטס ניט איבערגעטראַכט. איך אַליין האָב געדאַרפֿט צו דיר אַריבערקומען און פּרוּוון מיט דיר אינאיינעם אויפֿקלערן דעם בלינדן כּוח, וואָס האָט אונדז איינמאָל ביידן צונויפֿגעבראַכט, און ווידער פֿאַרטראָגן באַזונדער.

זי האָט זיך אויסגעלאַכט און אים אָנגעקוקט גלייך אין די אויגן. זי האָט דערקענט, זינט זי האָט אים געזען צום לעצטן מאָל, איז ער ניט אַזוי געעלטערט געוואָרן — ווי גאָר אַ סך איבערגעלעבט. סמנים פֿון שווערע איבערלעבונגען אַרום די אויגן און די קנייטשן פֿון ביידע זייטן נאָז, אַראָפּ צום מויל.

ער האָט איצטער אין איר פּנים געפֿאָרשט, געוואָלט דערגיין די פֿאַר־ענדערונג וואָס איז אין איר פֿאָרגעקומען, זינט ער האָט זי צום ערשטן מאָל

באַגעגנט אויף איר קראַנקן־בעט. בייביידן זיינען פאַרשוואונדן די שפּעטער־דיקע באַגעגענישן. ביי ביידן איז אַלץ, וואָס איז פאַרגעקומען צווישן זיי אין די שפּעטערדיקע יאָרן, אָפּגעווישט געוואָרן. דוקא די גאָר ערשטע באַ־געגעניש, ווען זי איז געלעגן אַ פאַרמוטשטע, אַ ניט־דאָ־איקע, דוקא איר יעמאָל־טיקער אויסזען איז אַרויסגעשוואומען פאַר זיין דמיון. אַ חידוש וואָס ביידן האָט איינס צום אַנדערן געצויגן זייער אַמאָליקער אויסזען!

— איך בין געקומען דיך פאַרבעטן צו אונדז באַגעגענען ניי־יאָר. יונגע מענטשן ביי אונדז אין שטוב... האַ, כ׳ווייס, דו וועסט ניט גיין. זאָג מיר, ווי אַזוי זאָלן מיר ביידע באַגעגענען דאָס נייע יאָר?

— איך ווייס, דו ביסט ניט געקומען מיך צו פאַרנעמען צו זיך אַהיים. צי האָסטו דען אַ היים? פונקט ווי איך האָב ניט קיין היים. איצטער, דו שטייסט נעבן מיר, האַלטסט מיין האַנט, איז דאָ מיין היים. ווועסט צונעמען דיין האַנט, וועסט אַרויסגיין פון דאַנען... ווען איך וואָלט נאָר געקענט זיכער זיין, אַז דאָס ביסטו טאַקע צו מיר געקומען; ווען איך וואָלט נאָר געקענט זיין זיכער, אַז איצטער איז ערב ניי־יאָר.

ער איז שטיל געבליבן. ס׳איז געווען פונקט צוועלף אַזייגער. האַלבע נאַכט. גרילצנדיק שרייענדיקע סירענעס פון שיפן, גאָרגלענדיקער טרובן פון פאַבריקן און אַ ברייטער שטראָם קולות, הייזעריקע און פאַרזשאַווערטע, פון פייפלעך און טרומייטערס, גראַגערס און אויטאָמאָביל־האָרנס — האָט די שטילקייט אַרום זיי פאַרפּלייצט. זיי האָבן ביידע זיך געהאַלטן פאַר די הענט, איינגעזאַפּט דעם געפּילדער וואָס האָט געוויגט די לופט, אַ געפּילדער, וואָס מענטשן־מאַסן, מענער און פרויען האָבן פון זיך אַרויסגעוואָרפן דעם נייעם יאָר אַנטקעגן. די שטילקייט איז צעשפּליטערט געוואָרן, און אַן אָנגע־שטאָכענע אויף די קלאַנגען־שפּליטערן האָט עמאַ זיך אין געווירבל געדרייט אין רוים. ביז דער געפּילדער און קלאַנגען־שטויב האָט זיך אויפגעלייזט. אַ טייל — צום ביינאַכטיקן הימל, און אַ טייל איז צו דער ערד אַראָפּגערונען — ביז די שטילקייט אין צימער איז ווידער גאַנץ געוואָרן.

יעמאָלט האָט ער זי נאָך אַ מאָל אַריינגענומען אין זיינע אָרעמס און מיט אַ ציטער אין שטים געזאָגט:

— דאָס נייע יאָר, עמאַ, וועט אונדזער יאָר זיין. זאָלן מיר אים שוינען און ציטריק אָפּהיטן. אַ דאַנק דיר פאַרן קומען מיר אָנזאָגן, אַז דאָס נייע יאָר איז געקומען.

קאַפּיטל זיבן און צוואַנציק

דניאל לוריאַ איז אויפגעשטאַנען פון געלעגער, וואו ער האָט אין אָנטאָן געכאַפּט אַ דרימל, און איז געבליבן שטיין פאַרן שפּיגל, באַטראַכט זיין גרויגעוואָרענעם קאָפּ און מיטן געדאַנק אַוועק פאַרויס צו דער מעגלעכער חתונה פון זיין עלטערן זון דייוויד מיט ראָוז מעקפּאַדן — דער טאָכטער פון דזשאָדזש מעקפּאַדן.

דניאל לוריאַ איז זיכער געווען, אַז צוליב דעם איז די גרויקייט אים באַפאַלן פאַר דער צייט. ער איז זיכער, און האָט מורא צו טראַכטן פון דעם, אַז ווען זיין דייוויד וועט אַוועק אין דער ניט־יידישער וועלט, וועט זיין מאַמע אויך מיטגיין. זי וועט איבערלאָזן אים און דעם ייִנגערן זון דזשייקאָב — צוויי דערוואַקסענע יתומים.

אויף אַמעריקע האָט ער זיך ניט געהאַט וואָס צו באַקלאָגן. אמת, איין און דרייסיק יאָר ווי ער טוט אַלץ ניט צו פאַרשעמען זיין ניי היימלאַנד. ער האָט ניט צוריקגעוואָרפן די מעגלעכקייטן וואָס דאָס לאַנד האָט אים געגעבן. פון אַ פּעדלער אויף דער איסט־סאַיד אַרום איסט־ריווער, וואו ניט איין מאָל האָבן אים „לויפערס״ אונטערגעשלאָגן די אויגן, האָט ער דערגרייכט ביז זיין איצטיקן מצב. ווען ער זאָל „רעאַליזירן״ זיין פאַרמעגן וואָס שטעקט אין דעם גרויסן קליידער־געשעפט אַרום פינפטער עוועניו, ווען ער זאָל נאָך רעאַליזירן דאָס וואָס ער האָט אַריינגעלייגט, אויף לעאָנאַרדס עצה, אין עטלעכע הייזער אין בראָנקס און ברוקלין, וואָלט ער געקענט לעבן ווי אַ מיליאָנער, ניט אַריינשטעקנדיק די הענט אין קאַלט וואַסער. אַרום דעם דאָזיקן געדאַנק ווערט ער געשטרויכלט. ס׳האַרץ הייבט אָן שטאַרק צו שלאָגן, ממש ווי פאַר אַן אומפאַרמיידלעכער סכנה.

— אונטערגאַנג...

מיט אַזאַ געדאַנק כאַפּט ער זיך אָן פאַר זיין ייִנגערן, אַכצן יאָריקן דזשייקאָבן, וואָס איז שוין אויך ניט דאָס וואָס געווען. „ער וואַרפט זיך ניט אויף זיין ברודער, ווען יענער לאַכט אָפּ פון איסט־סאַידער יידן״.

עס איז געווען אַ זונטיק נאָך מיטאָג. משפחה האָט אים געלאָזן אַליין. ער איז געווען צופרידן וואָס מ׳האָט אים געלאָזן אַליין. אפילו די צוויי דינסטן זיינען אויך אַוועקגעגאַנגען. ער קען רעדן אַליין צו זיך אויפן הויכן קול און קיינער וועט אים ניט הערן.

— „אויף אַלץ אַ צייט, און אַ צייט צו יעדער גלוסטונג אונטערן הימל; צייט צו געבאָרן און צייט צו שטאַרבן; אַ צייט צו פלאַנצן, און אַ צייט אויסצוּוואָרצלען דאָס געפלאַנצטע...״ זייער אָפט קומט אים אויפן רעיון דער דאָזיקער פּסוק פון קהלת, און ער זאָגט צו זיך אַליין:

— צי דאָס, וואָס איך האָב ביז איצטער געטאָן, קען הייסן פּלאַנצן? וואָס האָב איך געפּלאַנצט? צי אַ פּאַרמעגן מאַכן הייסט געפּלאַנצט? ניין, דאָ האָט קיינער פון אונדז ניט געפּלאַנצט וואָס זאָל האָבן אַ קיום. דאָרטן, אין ארץ ישראל, אַז מען פּלאַנצט איז טאַקע אויף מאָרגן און איבערמאָרגן. אויב זי וויל אַוועק צוריק צו איר גלויבן, זאָל זי. אויב דייוויד וויל זיך שמדן צוליב זיין מיידל — זאָל ער. וועל זיי איבערלאָזן אַלץ וואָס איך פאַרמאָג און אַוועק אַהין, וואו מ׳פּלאַנצט איין, און בלייבן וועט עס אויף מאָרגן און איבערמאָרגן. כאַ־כאַ־כאַ, אַ יאָלד איז ער, מיין בראַטאַק נתן... ער מיינט טאַקע מיט אַן אמת, אַז די אמתע ארץ ישראל איז דאָרטן וואו יידן וועלן זיך לעבעדיקערהייט באַגראָבן, אַסימילירן, קיין שריד ופליט זאָל פון זיי ניט בלייבן. אַ צייט צו פּלאַנצן און אַ צייט אויסצואוואָרצלען דאָס פאַרפּלאַנצטע. ווער איז דער חכם וואָס וועט אויסרייסן דאָס פאַרפּלאַנצטע? איז טאַקע מיין בראַטאַק דער חכם אויב ער מיינט, אַז יידן דאַרפן זיך מקריב זיין פאַרן ברודער־ארבעטער? ער האָט דאָך אויך געקענט זיין אַן אַלרייטניק, ווען ער וואָלט נאָר ניט חתונה געהאַט מיט אַ שלים מזל, אַ געבאָרענער שניידערקע, וואָס גלויבט, אַז דעם ליכטיקן גן עדן וועט נאָר האָבן דער שניידער וואָס האָט דעם קאָוט געמאַכט, און ניט דער קרעמער וואָס האָט אים אויפן קאָסטעמער אָנגעמאָסטן...

פונדעסטוועגן הייבט אים אָן צו פאַרדריסן וואָס מ׳האָט אים איבערגעלאָזן אין שטוב אַליין, ער זאָל אויסרעדן זיין דאַרץ פאַר דעם נאַרישן דניאל לוריא, וואָס קוקט צו אים פון שפּיגל אַפּיר.

— דרייסיק יאָר אַמעריקע האָבן דיך ניט קליגער געמאַכט!

ווען זיין געדאַנק גייט אַוועק אויף צוריק מיט אַריבער דרייסיק יאָר; ער זעט זיך יונג, פול מיט עקשנות און אַמביציע, און ווען פאַרן רעיון קומט אויף דאָס בילד ווי ער, אַ ברייטפּלייציקער, מיט פייערדיקע שוואַרצע אויגן און שוואַרצער קוטשמע, האָט זיך געלאָזט צום דיל אַראָפּשלעפּן פון אַן אויסגע־צערטער, בלאָנדער, יונגער, האַלב־נאַקעטער ווערשן — וואָס האָט אים, דעם יעמאָלטיקן פעדלער געמאַכט פאַר אויס פעדלער, נאָר פאַר אַ שטאַרקן מאַן — — — ס׳חידושט אים ווי אַזוי אויפשטייענדיק פון דיל האָט ער נאָך געקענט באַמערקן אַן אַ זייט ביים וואַנט זיין פעדלער קעסטל, און ביים אַרויס־גיין ס׳קעסטל פאַרנומען מיט זיך!

— ס׳קען זיין, לילי׳ען האָט יעמאָלט נאָכגעקוקט ווי דער גרינער פעדלער, וואָס האָט זיך געלאָזט פון איר באַהערשן, ד׳האָט ניט פאַרגעסן צו נעמען ס׳פעדלער־קעסטל מיט די אַלע שמאַכטעס וואָס ער האָט מיט זיך אַריינגע־בראַכט. מסתמא האָט זי יעמאָלט געחוזקט, ווי זי חוזקט איצטער פון מיר.

אים חידושט וואָס זיין לילי׳ען־רות, פאַר די אַלע יאָרן וואָס ער איז מיט איר צוזאַמען, האָט קיין איין מאָל ניט דערמאָנט דאָס פעדלער־קעסטל וואָס איז געשטאַנען אַן אַ זייט בשעת ער האָט אויפן נאַסן דיל זיך געוואַלגערט מיט אַ בלאָנדער, צעפּאַטלטער איירישער ווערשן. אָטאָ־דאָס האָט אַפּנים קהלת געמיינט, אַז ס׳איז פאַראַן אַ צייט צו פּלאַנצן... יונג איז מען געווען.

ער איז נאָך אַ מאָל צוגעגאַנגען צום שפּיגל, באַטראַכט זיין גרוי־געוואָרע־נעם קאָפּ, און באַשטימט, אַז אַ טעורת טוט ער וואָס ער האָט אָנגעהויבן קוקן אויף זיין לילי׳ען־רות ווי אויף דער אַמאָליקער אָרימער ווערשן, וואָס

האָט אים, דעם גרינעם פעדלער, ווי אַ גרעזעלע פון דער ערד אָפּגעריסן און אין אירע שוואַכע, ווייבערשע אָרעמס געמאַכט פאַר אַ שטאַרקן דעמב.

— אפשר האָב איך אין איר ניט אָפּגעשאַצט די מעלות. אפשר האָב איך פאַרגעסן ווי זי האָט פון אַ שוואַכן, צעשראָקענעם יידן געמאַכט אַ שטאַרקן, עקשנותדיקן אַמעריקאַנער.

מיט אַ זונטיק שפעטער, אין אָוונט, האָט דניאל מיט אַ פאַרזאָרגטן קאָפּ און מידע טריט געשפּאַנט דורך דער איסט־סאַיד. ער איז געגאַנגען פון דער שול וואָס זיין פאָטער, ישראל לוריא, האָט געהאָלפן בויען. ס'איז געווען יאָר־צייט נאָכן פאָטער. ער איז דער איינציקער פון די זין געבליבן, וואָס האָט קדיש אָפּגעהיט. ס'האָט אים אַ צי געטאָן אַנצוקלאַפּן ביי דאָקטאָר לוריאן אין טיר, געוואויר ווערן צי דער יינגסטער ברודער געדענקט דעם יאָרצייט, און אגב, מיט אים נאָך אַ מאָל האָבן אַ שמועס וועגן זיינע משפּחה אַנגעלעגנהייטן.

ווען ער האָט אָנגעקלונגען אין טיר — איז אים דאָקטאָר לוריא געקומען אַנטקעגן, שוין אין מאַנטל, גרייט אַרויסצוגיין.

די ברידער האָבן זיך אַ וויילע אָנגעקוקט. דאָקטאָר לוריא האָט דערקענט די זאָרג אין עלטערן ברודערס פּנים, און אָפּגעטראָטן צוריק אין אָפּיס אַריין.

— אויב דו האָסט געוואָלט איינערגעצן גיין, וועל איך דיך ניט פאַר־האַלטן, — האָט דניאל מיט אַ געוויסן אָפּשיי דערלאַנגט דעם יינגערן ברודער די האַנט.

— ווען זע איך דיך? ווען ניט יאָרצייט, וואָלסטו דאָך דאָ היינט ניט געווען.

דניאלן האָט אַרומגעכאַפּט אַ וואַרים געפיל צום ברודער. „פאַרט אַ קינד, וואָס געדענקט דעם טאַטנס יאָרצייט...״ — האָט ער אַ טראַכט געטאָן איז גרייט געווען אַרומצונעמען דעם ברודער און אויסקושן אים זיין פּנים.

דאָקטאָר לוריא האָט עס באַמערקט.

— וואָס חידושט עס דיך אַזוי? איך זאָג ניט קיין קדיש, אָבער דעם יאָר־צייט געדענק איך.

— איך בין דיר מקנא, זכריה, וואָס דו האָסט ניט חתונה געהאַט, און האָסט ניט די זאָרגן וואָס האָבן זיך אויף מיר אַראָפּגעלאָזן.

דניאל האָט נאָך אַלץ מיט פאַרוואונדערונג און ליבשאַפט באַטראַכט דעם ברודער, וואָס האָט אין זיינע אויגן אויסגעזען יונג און קינדיש.

— דאַרפסט ניט מקנא זיין, דניאל, — האָט דאָקטאָר לוריא גוטמוטיק געשמייכלט. — מאַך אַ חשבון, וועסטו זען, אַז דו האָסט מער פון מיר אויפ־געטאָן.

— דו זאָלסט עס זאָגן!

— אוודאי, דניאל. איך האָב ניט חתונה געהאַט. כ'האָב ניט קיין קינ־דער. און דו האָסט יאָ חתונה געהאַט, ד'האָסט יאָ געראָטענע קינדער, נאָר דו האָסט מורא, אַז דיין עלטערער זון גייט פון דיר אַוועק צו זיין מוטערס פאָלק. נו, איז וואָס? דער חשבון איז דער אייגענער. ניט מער, וואָס דו האָסט אַ שטיקל הנאה געהאַט פון לעבן, און דיין ברודער זכריה...

— כאַ־כאַ־כאַ, — האָט דניאל אים איבערגעשלאָגן מיט זיין געלעכטער.

— דאָס האָב איך פון דיר ניט געוואָרט צו הערן.

— יעס, דניאל, איך האַלט, אַז ליליען־רות האָט דיר געגעבן עטלעכע שיינע יאָר.

— כ'ווייס דו האָלסט פון איר, — האָט דניאל מיט פאַרליבטע אויגן אַנגעקוקט דעם יינגערן ברודער. — אוודאי דהאָט זי מיר געגעבן שיינע יאָרן. דעריבער איז מיין האַרצווייטיק אַזוי גרויס. קום נאָר אַ ביסל אַריבער צו מיר. אַזוי אָפט רעדט זי פון דיר; זי האָט דיך ממש ליב. זי זאָגט, ווען דו ביסט איר מאַן, וואָלסטו זיך ניט אומגעקוקט, צי זי האַלט יידישקייט, צי זי גייט אין קלויסטער. וואָס זאָגסטו אויף דעם?

— איצטער, דניאל, איז שפּעט צו רעדן פון דעם. ביסט ניט דער ערשטער, און ביסט ניט דער לעצטער. געמישטע חתונות צווישן יידן און ניט־יידן איז אַ נאַטירלעכע זאַך דאָ. דער גרעסטער פעלקער־מיש־מאַש וואָס די וועלט האָט ווען־עס־איז געזען, פאַרמאַגט דער אַמעריקאַנער באָדן. דאָרטן, וואו קיין רעליגיעזע באַריערן זיינען ניט פאַראַן — איז עס נאַטירלעך. דאָרטן, וואו ס'איז ניטאָ קיין נאַציאָנאַלע געפאַר פאַר די וואָס אַסימילירן זיך — שטעקט קיין טראַגעדיע ניט אין דעם עצם אַסימילאַציע. אָבער מיט יידן, וואָס האָבן ניט קיין לאַנד וואו זיך אויסלעבן ווי אַ פאָלק, יידן זעען אין דעם אַ געפאַר פון אונטערגאַנג. פאַר זיי איז אַסימילאַציע טראַגיש.

— דעריבער טענה איך דאָך צו דיר, אַז מ'דאַרף ציטערן איבער ארץ ישראל ווי דער שוואַרצאַפּל פון אויג.

— לעבן דאָ, און מיט קאָפּ־און־האַרץ זיין אין ארץ ישראל, דאָס וועט קיינעם קיין געזונט ניט צוגעבן. איינס פון די צוויי: וועט זיין אַן ארץ ישראל, וועלן יידן אין גלות מיט אַ רואיקן קאָפּ זיך אַסימילירן. וועט ניט זיין קיין ארץ ישראל, וועלן יידן די גלות־טראַגעדיע ניט שלעפּן אין דער ווייטער צוקונפט אַריין.

— אָטאָ־דאָס איז מיין אומגליק.

— יעדן ציט צו זיין שורש.

— אויב אַזוי, טאָ פאַרוואָס ציט עס דייווידן צו איר שורש, און ניט צו מיינעם?

— לאָז צו רו, דניאל. אין אַלע דורות איז דאָס פאַרגעקומען מיט יידן. אומעטום, ווי מ'האָט יידן צו רו געלאָזן, האָבן זיי זיך אויסגעמישט מיט די גוים. פונדעסטוועגן ביסטו דאָ. בין איך דאָ. זיינען אַזויפיל יידן אויף דער וועלט פאַראַן. כ'וועל דיר נביאה זאָגן, אַז אויב דייוויד וועט טאַקע חרטונה האָבן מיט מעקפאַדנס טאָכטער, וועט עס אים מיט דער צייט ציען אויף צוריק.

— און טאָמער ניט?

אויף דעם האָט דאָקטאָר לוריא ניט געענטפערט. זיין אינערלעכע וועלט איז טיילווייז געווען אָפּגעפרעמדט פון די עלטערע ברידער. דוקא דערפאַר וואָס ער אַליין האָט ניט געפירט קיין פאַמיליען־לעבן, האָט ער ניט גערן גע־טראָגן אויף דער פלייצע די ענינים פון זיינע ברידער. אפילו די דאגות פון זיין איינאונאיינציקער שוועסטער זיינען אים געוואָרן אַן אומזיסטיקע לאַסט. פאַר אַזאַ ווי דניאל האָט דאָקטאָר לוריאַס בחוריש לעבן געקענט אויסזען גאַנץ און אומבאַרירט. פאַר די לעצטע פאַר יאָר איז ער ניט געקומען צו די מיטגלידער פון זיין משפחה, טיילן זיך מיט זיינע איבערלעבונגען.

דניאלס פאַמיליען־טראַגעדיע האָט ער ניט אָפּגעטיילט פון דער אַלגע־מיינער נאַציאָנאַלער טראַגעדיע, וואָס, לויט זיין אויפפאַסונג, האָט זיך פאַנאַנ־דערגעוויקלט אין דער טיפעניש פון יידישן לעבן, וואָס האָט אַנגעוואָרן זיין אויסערלעך פנים, טיילוויז זיך אויסגעליידיקט פון אינעווייניק.

ס'איז אַ פּאָר מאָל אויך אויסגעקומען אויסטערליש אין דער משפחה, ווען אין שמועס מיט דאָקטאָר לוריא וועגן דניאלס משפחה־עניניםם, האָט אויסגעוויזן, ווי ער סימפּאַטיזירט מיט דער גרטע און ניט מיט זיין ברודער. דניאל האָט אים גאַנץ אָפּט חושד געווען, אַז ער פיל־ט־מיט מיט זיין ווייב, וואָס קערט זיך אָפּ צוביסלעך מיט אירע סענטימענטן פון דער יידישער וועלט.

— גוט, דניאל, כ'האָב היינט אויך אַ סך געטראַכט פון טאַטן און זיין צווייטער ווייב — ווי זיי זיינען אין אַזאַ קורצער צייט אַוועק פון דער וועלט נאָך איידער זיי האָבן אַמעריקע דערקענט. כ'האָב היינט מיין קאָפּ ניט געהאַט ביי מיין פּראָפּעסיע. כ'דהאָף, אַז כ'האָב קיין טעותן ניט געמאַכט. כ'וועל זיך אַראָפּכאַפּן צו דיר אויף אַ ווײַלע, נאָר בתנאי, זאָלסט ניט קלאָגן און ניט וויינען. לאָז צו רו דאָס יידישע פאָלק.

— גוט, כ'זאָג דיר צו אפילו צו זיין צוגעלאָזן צו זיי אַלעמען, אויב זיי וועלן מיר נאָר ניט קריכן אין לעבער אַריין.

איצטער זיינען ביי דניאלן אין שטוב געווען אומגעריכטע געסט: דזשאָדזש מעקפּאַדן, זיין רויטהאָריקע און גוידערדיקע סאַראַ, און זייער טאָכטער ראָוז. די קינדער האָט מען אַוועקגעשיקט, זיי זאָלן זיך פאַרבערענגען אין אַ צווייטן צימער, מחמת די מעקפּאַדנס זיינען געקומען מיט גאָר דעם ערנסט זיך דורכצושמועסן מיט דייווידס עלטערן און איבערגעבן דעם נאַטירלעכן באַשלוס — אַז אויב דייוויד וועט ניט איבערגיין צום קאַטוילישן גלויבן, וועלן זיי אויף דעם שידוך ניט איינגיין. צוליב דניאלס יאָרצייט איז ליליען־רות געווען טרויעריק געשטימט דעם גאַנצן טאָג. דאָס קראַנקע געוויסן האָט זי געפּלאָגט. דעריבער דהאָט דער געשעפטסמעסיקער טאָן פון די מעקפּאַדנס געגרילצט אין די אויערן.

ווען דניאל און דאָקטאָר לוריא זיינען אַריינגעקומען, האָט זי מיט אַמאָל דערפילט אַ בלוט־קרובהשאַפט אין זיי. ס'האָרץ אירס האָט זיי אַנטקעגן אַ שפּרונג געטאָן. זי איז אויפגעשטאַנען זיי אַנטקעגן, זיך צעקושט מיט דניאלן, און ממש זיך אַרויפגעוואָרפן דאָקטאָר לוריאן אויפן האַלדז.

— כ'קלער היינט דעם גאַנצן טאָג — האָט זי אַריבערגעקוקט צו די מעק־פּאַדנס — ווי וואָלט אויף אונדזערע קינדערס ליבע געקוקט דניאלס פאָטער, מיסטער איזראַעל לוריא, ווען ער וואָלט איצטער געלעבט... האָ, דניאל, ביסט מיד, קומסט איצטער פון דער סינאַגאָגע. היינט איז דאָך דער יאָרצייט. איך האָב אים געהאַט ליב און געאַכטעט. ווען ער לעבט, וואָלט ער מיר געווען אַ גרויסע שטיצע.

די אַריינגעקומענע האָבן זיך באַגריסט מיט די געסט. דהאָבן ניט גע־קענט אָפּרייסן די אויגן פון ליליען־רות וואָס איז אַזוי סענטימענטאַל געוואָרן און אפילו געלאָזן די אויגן זאָלן פאַרטרערט ווערן.

— איך בין אַזוי גליקלעך וואָס דו ביסט געקומען! — האָט זי נאָך אַ מאָל געכאַפּט דאָקטאָר לוריאס ביידע הענט. — ער איז דער קאָמישטער מענטש

וואָס איז פאַראַן אויף דער וועלט, — האָט זי גערעדט אויף דער זייט פון די מעקפאַדנס. — אַזאַ קאָמישער מענטש... פאַרוואָס האָסטו, זכריה, ניט חתונה?

— איך האָב ס׳פאַרגעניגן געהאַט צו פאַרברענגען אַ נאָכמיטאָג מיט דאָקטאָר לוריאַן. גוט אויסצוהערן אַ מיינונג פון אַ היינטצייטיקן מענטשן. מיר רעדן דאָ אַרום די לאַגע פון אונדזערע קינדער, — האָט דזשאָדזש מעקפאַדן מיט אַ פאָטערלעכער ליבע אַריבערגערעדט צו דאָקטאָר לוריאַן.

— אפשר וואָלט מען אָפּגעלייגט אויף אַן אַנדערש מאָל, — האָט ליליען־רות געקוקט צו דניאלן. — ביסט היינט געוויס ניט אין דער שטימונג אויפצונעמען אַזאַ ערנסטע זאַך. און אָט איז זכריה געקומען. ער האָט ניט קיין ווייב און ניט קיין קינדער, צוליב וואָס אים מאַטערן מיט אונדזערע דאגות? וואָס, ניט, זכריה?

— מיין קינדס וואוילזיין איז מיר צו נאָענט צום האַרצן, — האָט מיסיס מעקפאַדן זיך געגוידערט. — דעם אמת זאָגנדיק פאַרשטיי איך גאָר אינגאַנצן ניט וועגן וואָס מ׳רעדט אַזוי פיל, צי ס׳לוינט פאַר דייווידן ער זאָל אַריבערגיין צו אונדזער הייליקן גלויבן. די קאַטוילישע וועלט איז די אמתע וועלט. די קאַטוילישע וועלט איז אַ הייליקע וועלט. וואָס מער איך קום אין באַרירונג מיט יידן, אַלץ שווערער איז מיר זיי צו פאַרשטיין. וואָס עקשנען זיי זיך אַזוי?

— אַזוי, סאַראַ, דערגרייכט מען ניט דעם ציל, — האָט דזשאָדזש מעקפאַדן רואיק זיך פאַרהאַלטן. — גוטער ווילן דאַרף פאַרנעמען ס׳פלאַץ פון עקשנות. און, אגב, איז איבעריק די איילעניש. די קינדער איילן זיך אויך ניט.

דניאל לוריא האָט דערפילט אַ ווייטיק אין אַלע זיינע גלידער. אין קאָפּ האָט אים געשלאָגן דער קדיש, וואָס ער האָט מיט אַ פאָר שעה צוריק געזאָגט נאָכן טאַטן. דער קדיש האָט אַזוי הויך געוודערט אין קאָפּ — אָט פּלאַצט ער אַרויס און צעקלינגט זיך איבערן גאַנצן דהויז! ער איז געשטאַרקט געוואָרן פון דעם געפיל, וואָס אין דאָקטאָר לוריאס קעגנוואַרט האָט ליליען־רות אַנדערש גערעדט. „הלואי האָט ער אויף איר אַן איינפלוס, זי זאָל ווערן צוריק וואָס זי איז געווען״ — האָט ער געטראַכט ווען ער האָט זיך אָנגעשלאָגן אָן זיין ברודערס טרויעריקע אויגן.

באמת, האָט דניאל ניט ווייט געבלאָנדזשעט מיט זיינע געפילן. ניט דאָקטאָר לוריאס אָנוועזנהייט האָט אויף איר געווירקט, זי זאָל מיט מער וואַרעמקייט רעדן צו איר מאַן; די פאָר שעה וואָס זי האָט מיט די מעקפאַדנס פאַרבראַכט האָט זי פון מיסיס מעקפאַדן געהערט אַ פאָר באַמערקונגען קעגן יידן — אַזש דער גרטע איז געקומען ס׳בלוט אין פנים אַריין. די אָנגעגוידערטע מיסיס מעקפאַדן איז געווען ניט טאַקטיש גענוג און אפילו אַ פרעג געטאָן אין שפּאַס — ווי אַזוי זי, ליליען, האָט מיט גאַנצע דרייסיק יאָר צוריק געקענט פועלן ביי זיך ליב צו קריגן אַ גרינעם פעדלער.

— מילא, איצטער — האָט מיסיס מעקפאַדן אַריבערגעקוקט צו איר מאַן — פאַרמאָגן שוין יידן אַ אינטעליגענטן קלאַס, מענטשן מיט קאַלעדזש־בילדונג, קינדער דאָ געבאָרענע, וואָס האָבן פון זיך אַראָפּגעוואָרפן דעם אימיגראַנטישן אויסזען; אָבער יעמאָלט... כאָטש דו, מיין טייערע, האָסט ניט געמאַכט קיין טעות. מיסטער דניאל לוריא איז זייער אַ סימפּאַטישער מענטש. אונדזער לאַנד דהאָט זיך ניט וואָס צו שעמען מיט אַזאַ איינעם.

אויף דעם האָט ליליען־רות געענטפערט:

— הלוואי קען איך נאָך אַ מאָל איבערלעבן מיין יעמאָלטיק גליק. וואָס האָט רעליגיע צו טאָן מיט מענטשלעכן גליק, בעת אין קאָן שטייט ליבע?

זי האָט עס געזאָגט מיט אַ סך איבערצייגונג. ס'ערשטע מאָל אין אַ סך יאָרן ווען זי איז געווען אַליין באַגייסטערט פון אירע רייד. דער יאָרצייט, וואָס האָט דניאלן אָוועקגעטראָגן אויף דער איסט־סאַיד, אין דער שול וואָס ישראל לוריא האָט געהאָלפן בויען; דאָקטאָר לוריא וואָס איז מיט דניאלן אַריינגעקומען — דאָס האָט אין אירע געפילן געשאַפן אַ קעגנגעוויכט. זי האָט איר מאַנס צער אומגעריכט דערפילט. זי האָט געהאַט אַ פאַרלאַנג, די מעק־פאַדנס זאָלן וואָס גיכער אַוועקגיין.

דער שווערערנס אויפגעלעבט פנים האָט באַוועגט דאָקטאָר לוריאן, ער זאָל עפּעס זאָגן:

— איך האָף, מיין ברודער וועט ניט האָבן קיין פּאַראיבל ווען איך וועל עפּעס זאָגן, — האָט דאָקטאָר לוריא גערעדט מיט אַ טיפן ערנסט. — איך קלייב זיך אים ניט צו פאַרטרעטן. ס'איז שווער אַנצואווענדן לאָגיק דאָרטן וואו רעליגיע שטייט אין וועג, ווי ס'איז שווער אַנצואווענדן לאָגיק וואו ליבע באַגלייט אין וועג. מיר, ס'דרייסט די לוריאס, זיינען פון די ערשטע רוסישע יידן וואָס זיינען אַהער אַנגעקומען דורך קעסל־גאַרדן. וועגן אַלץ האָבן מיר אויפן וועג קיין אַמעריקע געטראַכט: אין קאָפּ איז געלעגן פרנסה, און צי וועלן מיר זיך דאָרטן ווייטער ניט באַגעגענען מיט אַנטיסעמיטיזם, פּאָגראָ־מען... ווינציקער פון אַלץ איז פאַרלאָפן אַ מחשבה וועגן דעם, אַז אין אונדזערע קינדער וועלן זיך איינליבן ניט־יידישע מיידלעך. ווינציקער פון אַלץ האָט מיין ברודער דניאל געקלערט, אַז אין אַמעריקע וועט אים פאַלן אויפן האַלדז אַ מיידל מיטן נאָמען ליליען גראַנט.

— אָ, ווי קלוג דו ביסט! — האָט ליליענס פנים זיך אַנגעצונדן. — ווי דאָס איז אמת...

— ניין, ליליען, קענסט עס ניט באַגרייפן. דאָס, וואָס דו האָסט אָפּגעטאָן מיט דיין איבערגיין צום יידישן גלויבן — שטעלט דיך אַוועק אין דער ריי פון די אייביק פאַרליבטע. אָבער מיין ברודער דניאל, קענסט אים איצטער בעסער ווי איך, ווען ניט דו, ליליען, איז רעכט, ער וואָלט געפאָרן צוריק קיין רוסלאַנד. ער איז ניט רעליגיעז. ער איז דער איינציקער צווישן אונדז וואָס איז באַהערשט געוואָרן פון אַ נאַציאָנאַלן געפיל. ער איז אַ ייד דורך־און־דורך. ער גלויבט, אַז דאָ אין לאַנד וועלן אין דער ווייטער צוקונפט יידן, ווי יידן, איינגאַנצן פאַרשווינדן. דעריבער ציט עס אים קיין ארץ ישראל. דעריבער, ווען צוליב אייערע קינדער האָט אויסגעבראָכן אַ קאַמף צווישן טאַטע־מאַמע — איז דער קאַמף אַ ניט־גלייכער. שטעלט אייך ניט די קינדער אין וועג. זאָל די ליבע זיין זייער גלויבן. הענגט אויף זיי ניט אָן קיין טאָפּלטן גלויבן.

— פאַרוואָס אויף זיי? ראָוז האָט איר גלויבן. זי איז געטריי דער קירך פונקט ווי אירע עלטערן, — האָט מיסיס מעקפּאַדן זיך געברוגזט, און איז אויפגעשטאַנען פון איר פּלאַץ. — אוודאי וועל איך מיין קינד ניט שטיין אין וועג; אָבער איך בין זיכער, ראָוז וועט ניט מאַכן אַזאַ שריט, וואָס זאָל זי אָפּרייסן פון פאָלק און גלויבן.

דזשאָדזש מעקפאָדן איז אויפגעשטאַנען, גרייט אַוועקצוגיין.

— ווי איך האָב געהערט, ביסטו געווען אין דער סינאַגאָגע, יאָרצייט פון דיין פאָטער. ביסט געוויס ניט אין דער שטימונג צו רעדן וועגן גליק פון דיין קינד און דערביי זיך ניט פילן באַליידיקט. איך אַליין וואָלט עס גאָר איינגאַנצן געלאָזן מיט דער נאַטור. געוויס וואָלט מיר טייער געווען, ווען די קינדער האָבן חתונה אין קירך. מיר וועלן זיך נאָך טרעפן און דורכרעדן. מיר וועלן געפינען אַ פּאַסיקע געלעגנהייט צו רעדן, און איך האָף, אַז מיסטער לוריאַ וועט מיט מיר זיין איינפאַרשטאַנען. זעט איר דאָך, מיין ראָוז האָט דאָ געמאַכט איר היים. איר זעט זי מער ווי איך. איר וועט איר זאָגן, אַז מיר זיינען אַוועק דירעקט אַהיים.

די מעקפאָדנס האָבן זיך געזעגנט און זייט-ביי-זייט זיינען זיי אַרויסגעגאַנגען. די פּלייצעס האָבן עדות געזאָגט אויף די אומצופרידענע געזיכטער.

— העלף מיר, זכריה, — איז ליליען צוגעגאַנגען צו דאָקטאָר לוריאַן און אים געקוקט מיט חנינה אין די אויגן אַריין. — קענען איך אַלעמען פיל איך מיך שולדיק. דייוויד זאָגט, אַז ראָוז איז אים אַלצדינג, און ווייטער גייט אים קיין שום זאַך ניט אָן. רעליגיע, פאָלק — ער טראַכט ניט וועגן דעם. איך, ביי מיר איז אויך ס'אייגענע. וואָס איך האָב מיט דרייסיק יאָר צוריק געטאָן... הלואי פיל איך אַזוי, כ'זאָל נעמען ראָוזן און זאָגן: — הער, ראָוז, איך בין איבערגעגאַנגען צום יידישן גלויבן און געפילט גלייך ווי דער הימל מיט זיין גאַנצער געטלעכקייט וויקלט מיך איין. נעם, און טו אויך דאָס אייגענע. כ'וויס, זי איז מיט אַ שטאַרקן כאַראַקטער, זי וואָלט עס געטאָן. אָבער איך קען עס ניט מער. אויב איך אַליין שפיר ווי איך בין אַראָפּ פון גלייכן וועג, ווי אַזוי קען איך אַזוינס איינרעדן אַ נאַיוו מיידל, וואָס איז מיט איר קאַטוילישן גלויבן געבאָרן געוואָרן?

אויף דעם זיינען אַריינגעקומען דייוויד און ראָוז, האָבן זיך פאַרנייגט, און דייוויד ד'האָט געזאָגט:

— ראָוז באַפרייט מיך. זי פאַרלאַנגט פון מיר קיין שום קרבן ניט. זי בלייבט קאַטוליש, און איך קען מיר האָבן וואָס פאַר אַ גלויבן איך וויל. איך וויל ניט איבערגיין צו קיין אַנדער גלויבן. כ'וויל נאָר ניט, אַז אַ יידישער עק זאָל זיך מיר נאָכשלעפּן. איך גלויב, איר דאַרפט אויף דעם מסכים זיין.

— וועגן דעם איז נאָך פאַראַן צייט צו רעדן, — האָט ליליען-רות גאַנץ אומגעריכט זיך אָפּגערופן. — איצטער פיר אָפּ ראָוזן אַהיים.

אַלעמענס אויגן האָבן זיך באַגעגנט. אין אַלעמענס אויגן איז געלעגן די רעטעניש:

— וואָס איז שטאַרקער — ליבע, צי גלויבן? ליבע, צי יידיש פאָלק?

קאַפּיטל אַכט און צוואַנציק

מלחמה־פייער האָט אַרומגעכאַפּט די אַלטע וועלט, און אין צענטער פון פייער זיינען אַריינגעפאַלן יידישע קהילות. דער בלוט־שטורעם, וואָס האָט אין דער אַלטער וועלט אויסגעבראָכן, זיך געריסן איבער גרעניצן, האָט אויסגעריסן און מיט בלוט פאַרשווענקט שטעטלעך, וואו דער ייד איז דורות־לאַנג געווען איינגעפלאַנצט. ווי־געשרייען האָבן די ווענן וואָך געהאַלטן צום געוואוי און אויפרייס פון גראַנאַטן.

ס'האַרץ, וואָס איז פאַרטראָגן געוואָרן איבער ימען, אין דער פרייער אַמעריקע, האָט אין ספּאַזמעס זיך געקאַרטשעט. די יידישע גאַס האָט זיך מיטן פּנים צו דער בלוט־וויטער און בלוט־נאָענטער רוסלאַנד געשטעלט, און אויפגעשוידערטע פאַרנומען די ביטערע בשורות פון דער ווייט.

ווען דאָקטאָר לוריא איז אַרויס אין גאַס, האָט אים אויסגעוויזן, אַז די יידישע גאַס איז געעלטערט און איינגעבויגן געוואָרן. ס'לעבן האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אין זיין אייגענעם געמיט, וואָס איז די לעצטע צייט נידעריק געפאַלן. די מלחמה־שרעקן האָבן זיך אַריבערגעטראָגן אַהער. אים האָט אויסגעוויזן ווי זיין אינערלעך לעבן האָט אויפגעריסן. ער האָט דעם קאָפּ געצויגן פאַרויס, אַלע חושים אָנגעשפּיצט. זיין בלוט האָט פאַרנומען ווי־געשרייען, גסיסה־קרעכצן — צומאָל טויט־שרעק, וואָס האָט צווישן די בלוטיקע גרעניצן אַרויסגעכאַפּט דאָס יידישע לעבן.

דאָ־און־דאָרטן ביי זיינע פּאַציענטן האָט ער די אייגענע שטימונג אויפגעכאַפּט. ביי אַ סך פון זיינע יידישע פּאַציענטן האָט פון די אויגן די מלחמה־שרעק אַרויסגעקוקט. די פּשוטע פון פאָלק האָבן אין אים, אין דעם יידישן דאָקטאָר, געזוכט אַ באַשייד צו דער שווידערלעכער רעטעניש. געוואָלט ביי אים דערגיין ווי גרויס דאָס אומגליק איז אויף יענער זייט ים. און די פרייע שעה־ן איז אים שווער געוואָרן צו בלייבן אַליין מיט זיך. ער האָט דעריבער אָפטער אָנגעהויבן באַזוכן משפּחה. און אַ קעלט איז אים דורכגעלאָפן זיין לייב, ווען ביים רייכן שוואָגער, ביי לעאָנאַרד סטאָן אין די אויגן האָט ער אויפגעכאַפּט אַ שאַרף, פאַרדעכטיק פייערל.

ווי איינער, וואָס האָט זיינס אויסגעפירט און געבליבן גערעכטער ביי גאָט און ביי קלוגע לייט, האָט לעאָנאַרד סטאָן באַגעגנט דאָקטאָר לוריאן, און אַ זאָג געטאָן:

— די גוטע צייט פון פּראָספּעריטי וועט זיך ערשט איצטער אָנהייבן. כ'וועל דיך, זכריה, צונעמען פאַר אַ שותף. כ'האָב גרויסע פּלענער אַ דאַנק דער מלחמה אין יוראָפּ.

„מיאוסער לומפּ" — האָט דאָקטאָר לוריא געוואָלט אַריינשרייען זיין שוואָגער אין פּנים אַריין, ווען ניט קעראַלאַין, וואָס האָט דאָס אייגענע צופרידענע פייערל ביי איר מאַן אין די אויגן באַמערקט, האָט אַ זאָג געטאָן:

— אויף יעדן פאַרדינטן דאָלער וועט דאַרטן אַ מענטש אומקומען. מעגסט זיך שעמען צו דערמאָנען די בלוטיקע דאָלערס, לעאָנאַרד!

לעאָנאַרד האָט אַ טרוקענעם לאַך געטאָן, מיט אַ נאַרישן שמייכל פון איינעם וואָס איז אין אַלץ זיכער, האָט ער געזאָגט:

— ווען פּראָספּעריטי קומט אָן, פאַרשאַפט עס יעדן איינעם פּלעזשור. אַז פּראָספּעריטי קומט אין לאַנד, פאַרדינט דער אַרבעטער מער און גיט אויס מער. אים אַרט ניט פון וואַנען ס׳איז געקומען. די, וואָס פאַרדינען מער, גייען צו אַ דאָקטאָר, ער זאָל זיי יינגער מאַכן; צאָלן פון דער ברייטער האַנט פאַר די וויזיטן. דאָקטוירים באַדערן זיך ניט פון וואַנען די פּראָספּעריטי קומט. יעס, יעס, קעראָלאַין, אימעצער צאָלט פאַר פּראָספּעריטי. אין יוראָפּ אַ קריג, געווינט פון דעם אונדזער לאַנד. און אַז אונדזער לאַנד וועט גיין אין קריג, וועלן אַנדערע פון דעם אָפּלעקן אַביינדל. ס׳איז ניט מיינע, ס׳איז אייער פילאָזאָפיע.

— כ׳בעט דיך, לעאָנאַרד, רעד עס ניט, — האָט קעראָלאַין אים איבער־געשלאָגן. — ס׳אומגליק וועט אויספאַלן אויף אונדזער אַלעמענס קאָפּ.

— אויף אונדזערע קעפּ? אַז מ׳וועט דאַרפן סופּאָרטן אימעצן, וועל איך זיך ניט אָפּזאָגן.

לעאָנאַרד האָט איבערגעלאָזן זיין פאַרחידושט ווייב און שוואָגער און איז אַוועק צו זיך אין צימער.

— כ׳האָב ניט געגלויבט, אַז דיין לעאָנאַרד טראַכט און רעדט ווי ס׳פּאַסט פאַר גרויס־קאַפּיטאַל, וואָס האָט די מלחמה פּראָוואָצירט. האָסט אים גוט פאַרשטאַנען, קעראָלאַין? ער איז דאָך דיין מאַן!

— וואָס מיינסטו מיט דעם, זכריה?

— איך האָב איצטער ניט קיין שום מיינונג. איך זע אַרויס בלויז דעם חורבן. כ׳זע, ווי גאַנצע ידישע קהילות ווערן צעריבן אונטער די שווערע, בלוטיקע רעדער פון דער מלחמה. מ׳קריגט זיך אַרום אין דער יידישער גאַס וואָס איז גלייכער פאַר יידן, צי דייטשלאַנד וועט די מלחמה געווינען, און רוסלאַנד זאָל צעשלאָגן ווערן; צי פאַרקערט, רוסלאַנד, פראַנקרייך און ענג־לאַנד זאָלן דייטשלאַנד צעשמעטערן. און דיין מאַן, אים איז קיין חילוק ניט, אַבי אַמעריקע זאָל האָבן פּראָספּעריטי. און וואָס וועט זיין, אויב אַמעריקע וועט אין קריג אַריינגעשלעפּט ווערן, וואָס וועט ער יעמאָלט זאָגן?

— וואָס רעדסטו, זכריה? — האָט קעראָלאַין מיט צעשראָקענע אויגן געפאַרשט איר ברודערס בלאַס פּנים.

— אַז מ׳וועט לעבן, וועט מען זען.

מ׳האָט געלעבט, מ׳האָט אַ סך איבערגעלעבט, אָבער ווינציק־וואָס געזען. אויף די ליפּן פון די היציקע אין דער יידישער גאַס האָבן זיך געצאַפּלט מדינות און פעלקער.

— איצטער וועט דאָס פינצטערע צאַרן־לאַנד ברעכן קאָפּ־און־לענד. פאַר די זינד אַנטקעגן יידן וועט עס געשען. פאַר די צרות, וואָס זיי האָבן יידן צוגעשאַרט אפילו איצטער, וועט עס זיי ניט געשענקט ווערן.

— דייטשלאַנד איז נאָך ערגער. דייטשלאַנד וועט מיט איר זעלנערישן קנאַפּל, ניט נאָר יידן, נאָר גאַנץ יוראָפּ צעטרעטן.

— דייטשלאַנד איז די היים פון קולטור.
— פראַנקרייך איז די היים פון פרייהייט. מ׳טאָר ניט דערלאָזן, אַז פראַנקרייך זאָל פון דייטשלאַנד צעטראָטן ווערן.
— ביי דיר וועט מען קיין דעה ניט פרעגן. דייטשלאַנד וועט איינבעמען גאַנץ יוראָפּ.
— אַך־און־וויי וועט יעמאָלט זיין צו די יידן.
— אַך־און־וויי איז צו זיי איצטער.
— וואָס זאָל ניט געשען אויף דער וועלט, פאַלט עס אויס צום יידישן קאָפּ.
— אָבער דערווייל האָט מען אין קיין שום לאַנד ניט אָנגעטאָן אַזעטיקע נגישות יידן ווי אין דער מלחמה פון צאַרן־לאַנד, איינבעמען זאָלן זיי המנס מפּלה!
אַזאַ שמועס האָט דאָקטאָר לוריא אונטערגעהערט צווישן עטלעכע פּאַציענטן, וואָס האָבן אויף אים אין אָפּיס געוואַרט מיט זייערע ווייטיקן און נאָגענישן. דעם אייגענעם נוסח האָט ער געהערט אין גאַס און אויף פאַרשיידענע מיטינגען. ס׳אייגענע האָט מען געקענט אַרויסלייענען פון יידישע צייטונגען. דאָקטאָר לוריא האָט געשפּירט ווי ער איז אַריין אין דער נאַטירלעכער קראַנקייט — פאָלקס־וויי און גלות־וואַכקייט, וואָס האָט אַרומגעכאַפּט דעם יידישן יידן. זיין האַרץ איז נאָך קיינמאָל אַזוי וואָך ניט געווען, סיידן יעמאָלט, ווען אין רוסלאַנד האָט די רעוואָלוציע אויסגעבראָכן, און שפּעטער — די פּאָגראָם־כוואַליע, וואָס האָט געבראַכט צו די אַמעריקאַנער ברעגעס די פון שלאָף אויפגעוואַכטע, און צווישן זיי — אַ קראַנק מיידל מיטן נאָמען: עמאַ בערגער. צומאָל לויפן דורכן זכרון די אַכציקער יאָרן, ווען מ׳האָט ווי צעשראָקענע פייגל אין אַ פינצטערער נאַכט, זיך געלאָזן גנבענען די גרעניץ, כדי אויף אייביק אַוועק פון דער רוסישער ערד.
— דער טאַטע איז שוין איבער צוואַנציק יאָר אויף אַן אַמעריקאַנעם בית־עולם. ביי מיר גרויען זיך די האָר ביי די שלייפן, און דער ווייטיק איז נאָך אַלץ אַ פרישער. עך, ווי ס׳ווילט זיך גיין צווישן די אַרויסגעטריבענע! אפשר דאַרפן זיי אַ דאָקטאָר, מעדיצין. „אַלע האָבן ליב אָפּצולעקן אַ ביינדל ווען פּראָספּעריטי קומט” — האָט לעאָנאַרד פילאָזאָפירט... אַ געמיינער אמת איז אויך אַן אמת!
ס׳איז געווען אַ נאַסער, האַרבסטיקער ביינאַכט ווען ער האָט זיך אומגעקערט פון דער בראָנקס, וואו ער האָט באַזוכט אַ פּאָר פאַרנאַכלעסיקטע פּאַציענטן, און איז אַוועק צו דניאלן. ער האָט זיך געאײַלט, ווי צו אַנטלויפן פון אימעצן וואָס האָט אים נאָכגעיאָגט.
ער איז אָנגעקומען צו דניאלן אויף אַ געשלעג:ביידע זין האָבן זיך געשלאָגן. ליליען־רות, די מוטער, האָט זיך אַרויסגעשלאָגן פון די כוחות, זיי פאַנאַנדערצונעמען.
מיט דאָקטאָר לוריאס אָנקומען זיינען די קינדער צעטומלט געוואָרן, און זיך צעלאָפן יעדערער אין אַן אַנדער צימער.
— גוט, זכריה, וואָס דו ביסט געקומען, — האָט ליליען־רות אַרומגענומען דאָקטאָר לוריאן און אים געקושט. — כ׳וועל היינט משוגע פון מיינע זין. דער עלטערער איז אַ נאַר; און דער יינגערער, אין אים איז בייז בלוט, ניט אויסצוהאַלטן. ס׳איז צווישן יידן אַזעלכס ניטאָ, און צווישן מיינע אירישע אויך

ניט. ס׳איז עפּעס אַ בייזער אויסמיש. דער עלטערער האָט גענומען און אַ זאָג געטאָן, אַז אויב מ׳טרייבט יידן פון די גרעניץ־שטעט, איז אַ סימן, אַז מ׳דאַרף. יידן האָבן פיינט מלחמה, זאָגט ער, און דעריבער קענען זיי פאַראָטן זייער אייגן לאַנד אין צייט פון אַ מלחמה. דאָס האָט ער גענומען און אַ זאָג געטאָן. נו, האָט זיך עס אָנגעהויבן! אַז אין יינגערן קאָכט אויף זיין בלוט, האָב איך אַליין מורא פאַר אים. דייוויד איז פאַרט גערעכט. יידן האָבן פיינט מלחמה.

— און דו האָסט עס ליב? — האָט דאָקטאָר לוריא גוטמוטיק געפרעגט.

— וואָס פאַר אַ מאַמע האָט עס ליב מלחמה?

— טאָ פאַרוואָס פאַרשטייסטו ניט דיין יינגערן זון? וואָס וועסטו טאָן, אויב אַמעריקע וועט מען אַריינשלעפּן אין קריג, און ס׳וועט ווערן קאָנסקריפּשן?

— זאָל גאָט אויסהיטן!

— וואָס וועסטו טאָן, אַז דאָס וועט פאַרט געשען, און דיין דייווידן וועט מען פאָדערן ער זאָל זיך רעגיסטרירן?

— מ׳דאַרף פּייטן, אַז אונדזער לאַנד זאָל ניט קריכן אין פייער אַריין. פּרעזידענט ווילסאָן האָט אויך פיינט מלחמה.

— נו, אויב דו האָסט פיינט, און דער פּרעזידענט פון די פאַראייניקטע שטאַטן האָט פיינט, איז גוט וואָס יידן האָבן עס אויך פיינט.

— זאָג מיר, זכריה, זאָג מיר טייערער, וואָס איז דאָס פאַר אַ משוגעת אַזוי צו באַהאַנדלען יידן? ס׳מוז דאָך זיין אַ שוידער, אויב ס׳איז אמת וואָס דניאל האָט מיר דערציילט. קום אַהער, דייוויד, — האָט ליליען־רות אַ רוף געטאָן איר עלטערן זון, וואָס האָט זיך אין טיר באַוויזן.

דייוויד איז אַריינגעקומען און זיך באַגריסט מיט דאָקטאָר לוריאן.

— זאָג אים, זכריה, אַז ער איז אומגערעכט. זאָג אים, אַז ער האָט זיך ניט גוט אויסגעדריקט.

— איך זאָג, אַז אין צייט פון מלחמה וועלן יידן ניט פאַרטיידיקן זייער פאָטערלאַנד. דזשייקאָב וועט אין קריג ניט גיין. ער האָט דעם קוראַזש פון אַ האָז. ער וועט זיין פאָטערלאַנד ניט פאַרטיידיקן. יידן ווילן דאָס אוודאי אין רוסלאַנד אויך ניט טאָן, דעריבער טרייבט מען זיי.

— רעדסט ניט צו דער זאַך, דייוויד. בעסער טראַכט זיך אַריין, צי די אַלטע וועלט דאַרף די מלחמה. דו בעסער, ווי אַ געטרייער זון פון דיין פאָטערלאַנד, שטיי אויף דער וואַך, אַמעריקע זאָל אין מלחמה ניט אַריינגעשלעפּט ווערן.

— הלוואַי טרעפט עס, וועל איך דער ערשטער גיין!

— וועמעס בלוט רעדט עס אין אים? וואָס זאָגסטו צו אים, זכריה? — האָט ליליען־רות זיך געפילט פאַרלאָרן.

— יידן ברענגען טאָפּלטע קרבנות, סיי אין מלחמה און סיי אין פּאָגראָ־מען, — האָט דאָקטאָר לוריא געוואָלט אויפקלערן דייווידן. — יידן שלאָגן זיך דאָרט אין קעגנערישע אַרמייען, סיי אין דער עסטרייכישער און סיי אין דער רוסישער אַרמיי ווערט פאַרגאָסן יידיש בלוט. נו, דייוויד, זעסטו אין דעם העלדישקייט? זעסטו אין דעם אַ פאַרטיידיקונג פון אַ פאָטערלאַנד? ביסט דאָך פאָרט אַ שטיקל ייד, טראַכסטו, וואו איז יידנס פאָטערלאַנד וואָס זיי דאַרפן פאַרטיידיקן?

— דאָ אין אַמעריקע האָבן יידן אַ פאָטערלאַנד. אַז מ'וועט באַפאַלן אונדזער לאַנד, און אויב יידן וועלן ניט פאַרטיידיקן אונדזער לאַנד...

ליליען־רות האָט אַרויפגעלייגט איר האַנט אויף דייווידס מויל.

— כ'בעט דיך, דייוויד, זאָלסט עס ניט רעדן זכריהן אין די אויגן. הער זיך איין וואָס דו רעדסט. און אויב דו ווייסט ניט, בעט דעם טאַטן ער זאָל דיר דערציילן, וואָס אין דער אַלטער וועלט קומט איצט פאָר.

— ס'קען שוין זיין גענוג! — האָט דייוויד קורץ און שאַרף איבערגע־שלאָגן דער מוטער און איז אַרויס פון צימער.

דאָקטאָר לוריא און ליליען־רות האָבן זיך פאַרשעמטע אָנגעקוקט.

* * *

אַרום די שניידער־שעפער האָט זיך בלוט געגאָסן. סטרייקס און געשלעגן. גענגסטערס זיינען די יוניאָנס געקומען צו הילף. אַ סברה, אַז די יוניאָן האָט געדונגען גענגסטער צו פאַרטרייבן די „סקעבס" פון די שעפער. האָבן די גענגסטער געשטאָכן און געשאָסן, קעפ געשפאָלטן, און געפאַרבן דעם ברוק פאַר די שעפער רויט. פאָליציי האָט געזוכט צו באַשטראָפן די שולדיקע, זי האָט אַרעסטירט יוניאָן־פירער און צווישן זיי — נייטן לוריא. און כאָטש מען האָט אים אין עטלעכע טעג אַרום אַרויסגעלאָזן פריי, פונדעסטוועגן איז די לוריא־משפחה פון דעם שטאַרק אויפגעטרייסלט געוואָרן. און פונקט ווי אין דער יידישער גאַס האָט מען זיך געפילופלט, צי אָרגאַניזירטע אַרבעטער מעגן איבערנעמען די מעטאָדן פון די באָסעס, דינגען פּראָפעסיאָנעלע שלעגער, פשוטע פאַרברעכער, זיי זאָלן ממיתן די אומבאַוואוסטזיניקע אַרבעטער, וועמען די נויט טרייבט צו סקעבן, אַזוי האָט עס געזשומעט אין דער לוריא־משפחה.

ביי די סטאַנס האָט די אַלטע שנאה צום אויבערפלאַך אַרויסגעשלאָגן. לעאָנאַרד סטאַן האָט זיין ווייב אויפגעוואָרפן, אַז ער האָט שוין לאַנג דערוואַרט צו זען איר ברודער אַט אַזאַ ווי ער איז.

— פאַר די אַרבעטער און זייער טובה־וועגן האַלט מען אָרדענונג אין די שעפער. די באָסעס זיינען ערלעכער פון די יוניאָן־פירער. איך בין אָרנטלעכער פון דיין ברודער, וואָס מיינט, אַז ער פייט פאַר די אַרבעטער. אַז איך דאַרף, דריי איך אַלע יוניאָן־פירער אַרום מיין פינגער. וואָס וועסטו איצטער זאָגן, איז נאָך לעאָנאַרד סטאַן אַלץ אומגערעכט?

קעראָלאַין האָט ניט געוואוסט וואָס צו ענטפערן. מיט אַ פאָר יאָר צוריק, ווען פאַר איר מאַנס שאָפּ האָבן פּראָפעסיאָנעלע שלעגער פאַרגאָסן בלוט פון אַרבעטער אויף דער פּיקעט־ליין, איז זי אַנטלאָפן פון שטוב. אין דער הייסער מינוט האָט זי געשוואָרן, קיינמאָל מער קיין הנאה ניט האָבן פון איר מאַנס פאַרדינסטן. איצטער איז פונקט דאָס פאַרקערטע. די יוניאָן האָט גע־דונגען פּראָפעסיאָנעלע שלעגער און ממש צום טויט דערשלאָגן סקעבס וואָס זיינען געגאַנגען צו דער אַרבעט. כאָטש דער סטרייק איז ניט געווען אין איר מאַנס שאָפּ, אָבער די ידיעה, אַז איר ברודער איז אַרעסטירט געוואָרן, האָט איר געטראָפן ווי מיט אַ מעסער אין האַרצן.

קעראָלאַין איז אַוועק צו דאָקטאָר לוריאן; אפשר קען ער ווירקן, מ'זאָל דעם ברודער אַרויסלאָזן.

דאָקטאָר לוריא האָט זי אויסגעהערט, אַ צעטראָגענער איז ער געזעסן און אַ צייט געשוויגן. אים איז שווער געווען צו גלויבן, אַז צו דעם זיינען יוניאָן־פירער דערגאַנגען.

— גלויבסטו טאַקע, זכריה, אַז נתן זאָל זיין פעאיק אויף אַזאַ זאַך?

— דאָ, קריינדל, איז דער מענטש האַרט געוואָרן. אין קאַמף פאַר זיין עקזיסטענץ איז ער האַרט און אומרחמנותדיק. אוודאי דאַרף דער אַרבעטער כסדר קעמפן. מ׳פאַרגעסט, וואָס אין די שעפער האָט זיך אָפּגעטאָן אין די ערשטע יאָרן. דיין לעאָנאַרד איז ניט קיין צדיק. אָן קאַמף וואָלט נאָך איצטער צו אים אין שאַפּ דער אפּרייטער געדאַרפט קומען מיט זיין ביי־מאַשין אויף דער פּלייצע. אוודאי, קריינע, מוז דער אַרבעטער דאָ קעמפן. זייט־ביי־זייט מיט אייגענע כוחות קעמפן. אָבער גענגסטערס, מעסער־שטעכער... ס׳כאַפּט אַרום אַ גרויל.

— ניין, זכריה, איך גלויב ניט, אַז נתן זאָל האָבן אין דעם אַ האַנט. לעאָנאַרד וועט עס מיר ניט איינרעדן.

— אונדזערער אַ ברודער אשר, וואָס איז ער?

— אים האָב איך פאַרגעסן.

— פאַרגעסן? דו, קריינע, האָסט אשרן פאַרגעסן? הלואי וואָלט איך אים פאַרגעסן. כ׳האָב ניט לאַנג געהאַט פון אים אַ גערוס.

קערעלאָין האָט אַנגעשטעלט אויף איר ברודער די אויגן. זי האָט ניט געוואָלט איבערפרעגן נאָך אַ מאָל ביים ברודער. זי האָט באַמערקט, אַז אים איז דער גאַנצער ענין דערווידער.

קערעלאָין האָט קיין טעות ניט געמאַכט. כאָטש גאַנץ לאַנג איז דאָס געווען, ווען דאָקטאָר לוריא איז געווען אַ שאַפּ־אַרבעטער, אָבער ער געדענקט די יוניאָן־פירער פון יענע טעג. אַ מין ערן־שטעלע האָט געמיינט צו זיין אַ פירער. דער אַרבעטער האָט ניט געצאָלט דעם יוניאָן־פירער. יעמאָלט וואָלט עס געהייסן — קריגן באַצאָלט פאַרן אַרויסהעלפן דעם אַרבעטער אין זיין קאַמף פאַר בעסערע באַדינגונגען. „איצטער איז עס געוואָרן אַ מין פעטע קאַרעטע, וואָס דער אַרבעטער האָט אַוועקגעשטעלט פאַר זיינע פאַרזאָרגער. און דעריבער שמועסט מען, אַז אַ סך אומאָרנטלעכקייט איז פאַראַן ביי דער פירערשאַפט".

דאָקטאָר לוריא האָט פון דעם געקלערט, אָבער ער האָט ניט געוואָלט דאָס פאַר דער שוועסטער אַרויסזאָגן. זיין שוועסטערס לעבן איז געווען פול מיט סתירות. די נידעריקסטע באַהאַנדלונג האָבן די אַרבעטער געקראָגן ביי איר מאַן אין די שעפער. ער האָט ניט געקענט פאַדערן ביי זיין שוועסטער, זי זאָל ווירקן אויף איר מאַן, ווען ער האָט גוט געוואוסט וואָס פאַר אַ ציניש באַציאונג לעאָנאַרד סטאַן ד׳האָט די לעצטע יאָרן געקראָגן צו די לוריאס.

גאַנץ אַנדערש האָבן זיך די טרויעריקע געשעענישן אַרום די שעפער אָפּגערופן ביי די בערגערס. עמאַ בערגער איז געקומען אַהיים פון דער אַרבעט אַן אויפגעטרייסלטע. עמאַ בערגער האָט מורא געהאַט פאַר פאַרגאָסן בלוט. זינט די מלחמה־נייעס און די רדיפות אויף יידן, האָט עמאַן אַרומגעכאַפּט דער אַמאָליקער פחד. זי האָט מיטן געדאַנק געלעבט מער אין ביאַליסטאָק ווי אין ניו־יאָרק. מ׳האָט אין שטוב זיך אַנגעהויבן באַאומרואיקן וועגן איר. ווען

זי האָט זיך אָנגעשלאָגן אויף דער בלוטיקער סצענע ווי אַרבעטער זײַנען געלעגן אין קאַליוזשעס בלוט, איז פֿאַר איר אָפּגעווישט געוואָרן די גרעניץ צווישן סטרײַקער און סטרײַק־ברעכער: „אַלע ווילן אַרבעטן, אַלע מוזן אַר־בעטן. אַלע זוכן צו פֿאַרדינען אויף ברויט, און באשר ס'איז ניטאָ גענוג אַרבעט פֿאַר אַלעמען, טיילט זיך דער אַרבעטסמאַן אויף צוויי קאַטעגאָריעס, אויף אַרבעטער און אויף סטרײַק־ברעכער. זאָל פֿאַר אַלעמען זײַן אַרבעט, וואָלט דאָך ניט פֿאָרגעקומען די קאָנקורענץ צווישן אַרבעטער גופא" — אַזוי האָט עמאַ געפּילט.

איר ייִנגערער ברודער וועלוול האָט אויך זײַן שוועסטער ניט געוואָלט פֿאַרשטיין. ווען זי האָט אים אויפֿגעוואָרפֿן הלמאי מ'האָט איבערגענומען פֿון די באָסעס די בלוטיקע מעטאָדן אין קאַמף, האָט ער איר גאַנץ הארב אָפּגע־ענטפֿערט:

— האָסט, שוועסטערשי, פֿאַרגעסן, אַז אונדזער שוועסטער צילע איז אומ־געקומען אין „טראַיענגל"־פֿייער. דאָ דערשט אַ פּריוויליקע קאַטערזשנע. דאָ האָט דער אַרבעטער קיין ווערט ניט. ער דאַרף ביטער קעמפֿן אויפֿצוהאַלטן די פּאָזיציע, וואָס ער האָט מיט דער ביטערער גאַל אויסגעקעמפֿט. וואָס קומט איצטער פֿאַר אין דער אַרבעטער באַוועגונג? דאָרטן איז מלחמה, און דאָ שרויפֿט מען אַרויף די פּרײַזן פֿאַר די נויטיקסטע זאַכן, און פֿון דער אַנדערער זײַט וויל מען ביים אַרבעטער צונעמען דאָס וואָס ער האָט מיט אַזויפֿיל שוועריקייטן אויסגעקעמפֿט. דערווייל איז נאָך אַמעריקע ניט אין מלחמה. דער־ווייל איז נאָך דאָ אַלץ ווי געווען, און די צרות לאָזן זיך שוין אויס אויף דעם אַרבעטערס קאָפּ.

— אויב דו באַרעכטיקסט בלוט־פֿאַרגיסונג, ביסטו ניט בעסער פֿון זיי.

— פֿאַרוואָס זאָלן די אַרבעטער ניט באַנוצן זיך מיט די אייגענע מעטאָדן וואָס די באָסעס?

— ניין, וועלוול, כ'גלויב ניט, אַז דו מיינסט עס.

— לאָז, וועט מען זיך אומקערן צוריק צו דער צײַט פֿון די סוועט־שאָפּס.

— וועסט מיר ניט אײַנרעדן, אַז די סטרײַק־ברעכער דאַרף מען דערשלאָגן צום טויט. דער סטרײַק־ברעכער איז ניט קיין פֿאַרברעכער. געפֿינט פֿאַר אים אַרבעט. זעט, ביי אים אין דער היים זאָל מען ניט הונגערן.

— דערווייל איז קאַמף, שוועסטערל.

— ניין, מיר קעמפֿן פֿאַר זיך אַלײן און מער גאָרניט. קיינער פֿון אונדז וועט ניט אָפּגעבן אַ טייל פֿון זײַנע ווידזשעס פֿאַר די וואָס אַרבעטן ניט.

וועלוול בערגער האָט אַ ווײַלע אַנגעקוקט זײַן שוועסטער און גוטמוטיק גע־שמייכלט. אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער געפֿרעגט:

— פֿאַרוואָס איז ניטן לוריאַ אַרעסטירט געוואָרן? וואָלסט אפשר פֿרעגן ביי זײַערע.

— ער איז דאָך פֿון די עלטסטע קעמפֿער.

— וואָס איז געווען אַמאָל איז איצטער שווער צו וויסן. איך מאָל מיר אויס, אַז יעמאָלט איז די ייִדישע גאַס געווען מיט לייב־און־לעבן צוגעבונדן צו דער היים מיט אירע מענטשלעכע באַציאונגען. איצטער איז פֿון דעם ניטאָ וואָס צו רעדן. דאָרטן מלחמה, און דאָ — טשאַד. דאָרטן פֿאַרגיסט מען בלוט טייכנווײַז, און דאָ וועט זיך עס גיסן אין קליינע ריטשקעלעך.

— וואָס מיינסטו דערמיט?

— דאָרטן האָבן די אָרגאַניזירטע אַרבעטער, די גאַנצע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, זיך צעטיילט, און מיט באַיאַנעטן זיך אַנידערגעשטעלט איינס אַנטקעגן אַנדערן. דער אַרבעטער פון פראַנקרייך — אַנטקעגן דעם אַרבעטער פון דייטשלאַנד. דער ייד פון רוסלאַנד — אַנטקעגן דעם יידן פון עסטרייך. און דער גרויסער גייסט, קראָפּאָטקין, וואָס האָט נביאות געזאָגט וועגן דער צייט פון פולשטענדיקער פּערזענלעכער פרייהייט, איז אַרויסגעקומען מיט אַ מאַניפעסט, אַז יעדער איינער וואָס לעכצט נאָך פרייהייט — זאָל זיך פאַראייניקן מיט די וואָס קעמפן אַנטקעגן דייטשלאַנד. דאָס מיינט, אַז יעדער איינער וואָס לעכצט נאָך פרייהייט, זאָל זיך אַנידערשטעלן פאַרטיידיקן דאָס פּאָגראָמען־לאַנד, די צאַרישע רוסלאַנד. אָט דאָס מיין איך בלוט פאַר בלוט. פינצטער איז מיר פאַר די אויגן, אַז איך טראַכט פון דעם. און דו גייסט אַראָפּ פון זינען הלמאי מ׳האָט געשלאָגן די סקעבס.

עמאַ האָט זיך איינגעהערט צו איר היציקן ברודער. זי האָט זיך ניט אונטערגענומען אים אָפּצוענטפערן. כאָטש מיט דער צווייטער ד־העלפט פון זיינע טענות האָט זי מסכים געווען; אָבער זי האָט אין געדאַנק ניט צונויפגעמישט די מלחמה דאָרטן מיט דעם קלאַסן־קאַמף דאָ, וואָס האָט אָנגענומען אַ בלוטיקן כאַראַקטער. זי האָט עס פון איר ברודער דעם קעמפער ניט דערוואַרט צו הערן. ער, דער גלויביקער, רעדט גאָר פון בלוט פאַר בלוט.

— מיט איינס בין איך צופרידן, — האָט וועלוול ווידער אָנגעהויבן. — זינט די מלחמה האָט אויסגעבראָכן, האָבן יידן זיך אויסגעטשוכעט. האָבן זיך אַנידערגעשטעלט מיטן פּנים צו דער אַלטער וועלט. געזינטער פאַר זיי. מיט צוויי יאָר צוריק האָב איך אַנדערש געטראַכט. איצטער, אַז איך טראַכט אַרום דעם יידישן מצב, טוט מיר הנאה צו זען, אַז יידן זייִנען נאָך שטיקלעך מענטשן, אַז דער דאָלער האָט זיי ניט פאַרפאַנצערט ס׳ד־האַרץ. וואָס לענגער דער איינגעוואָנדערטער אַהער וועט מיט זיין בענקשאַפט זיין פאַרבונדן מיט דער אַלטער וועלט, אַלץ מער נוצן וועט ער ברענגען אַמעריקע. ס׳אייגענע מיט די יידן. אַז איך זע איצטער ווי דער אפּרייטער פאַרטראַכט זיך איבער דער ניי־מאַשין, זיין געדאַנק ווערט פאַרטראָגן צום שלאַכטפעלד... ווייסט וואָס, עמאַ, — האָט וועלוול בעדגער אַ פינקל געטאָן מיט די אויגן, — כ׳האָב חשק זיך באַגעגענען מיט דיין דאָקטאָר לוריאַן. קום מיט מיר אַריבער צו אים. כ׳וויל מיט אים כאַפּן אַ שמועס וועגן זיין בראַטאַק. ווילסט אים ניט זען?

עמאַ האָט זיך אויסגעדרייט און אַריין אין צווייטן צימער. די צווידייטיקייט אין זיינע רייד איז איר ניט געפעלן געוואָרן.

פונדעסטוועגן האָט אַ גאַץ אויסטערלישע געלעגנהייט געצוואונגען עמאַן, זי זאָל קוקן אויף צוריק, צו די טעג, ווען דאָקטאָר לוריאַ איז געווען איר ערד און איר הימל, די וועלט און יענע וועלט.

פאַרגעסן און פאַרשטויבט
ליגט די אַלטע האַרף.
צעריסן און פאַרשמאַכט
שווייגט דאָס אַלטע האַרץ.

אָפּט רייסט זיך פון דעם האַרץ
אָפּ אַ שאַרפער טאָן.
עס רייסט זיך אָפּ פון האַרץ
אמאָל אַ שווערער זיפץ.

און פאַרשטומען באַלד
אויף לאַנגע, לאַנגע טעג.
און — נאָך לענגערע,
שטילע, וויסטע נעכט.

די דאָזיקע דריי טרויעריקע פערזן אויף אַ ליפּלעט האָט עמאַ, ווי יעדער איינער פון דער טרויעריקער מאַסע, געפונען אויף איר פּלאַץ, וואָס זי ד־האָט פאַרנומען אין געפאַקטן קאַרנעגי האָל, וואוהין אין דער צערודערטער צייט האָבן יידן זייער טרויער געבראַכט, אויסצומישן מיט דעם טרויער וואָס האָט אָנגעפילט דעם זאַל.

י. ל. פּ ר ץ איז געשטאָרבן, און די יידן פון דער יידישער גאַס האָבן זיך געצויגן צו קאַרנעגי האָל, הערן, וואָס יידישע שרייבער האָבן אין אַזאַ גייסטלאָזער צייט צו זאָגן וועגן טויט פון אַ גייסטיקן פירער אין מלחמה־לאַנד.

אָבער די שטילע דריי פערזן, וואָס עמאַ האָט איבערגעלייענט אײדער דער פּראָגראַם האָט זיך אָנגעהויבן, האָבן פון אינערגעצן אַ נעפּל געבראַכט און אַלץ און אַלעמען איינגעוויקלט. זי האָט דעם אמתן מיין פון די דריי פערזן ניט באַנומען, כאָטש זי האָט אָנגעהויבן די לעצטע צייט צו לייענען יידיש, און כאָטש די לעצטע געשעענישן אויף יענער זייט ים האָבן דערוויי־טערטע צוריק דערנענטערט — האָבן די ווערטער צו איר געקלונגען פרעמד, און פאַרט אויסטערליש. ווייט, און פאַרט ווי פון האַרצן וואָלט מען זיי אַרויסגעצויגן.

זייט־ביי־זייט מיט איר איז געזעסן ראָוז מערלין, און נעבן ראָוזן — דער דיכטער שלמה מעלצער. ס'איז געווען באַוואוסט אין דער משפּחה, אַז שלמה מעלצער קלייבט זיך חתונה האָבן מיט ראָוזן. עמאַ האָט יענע מאָס טרויער, וואָס איז צוליב דעם אויף איר מזל אויסגעפאַלן, פאַרוואַנדלט אין משפּחה־פרייד. די יונגע ראָוז מערלין האָט צוליב שלמה מעלצערן אַרויס־געריסן העלע, וואַרעמע טענער פון איר פידל אַרויס — זאָל עס אים וואויל באַקומען.

און ווער ווייסט, אפשר צוליב דעם וואָס אין דער אייגענער צייט איז אין קאַרנעגי האָל געזעסן נאָך אַ מענטש, וואָס האָט ביי זיך אויפן שטול די אייגענע דריי פערזן געפונען און איז אויך פאַרטראָגן געוואָרן אין אַ נעפּל אַריין, אַ נעפּל, אָן אויפגעגאַנגענער פון אייגענעם הייסן טרויער. זיי ביידע זיינען געוויס ניט געווען די איינציקע, ביי וועמען אין די אויגן האָבן טרערן אַ גלי געטאָן, ווען פון צווישן די אָנטיילנעמער אין פּראָגראַם אויף דער בינע, שוין כמעט גאָר צום סוף, ד־האָט שלום עליכם געפּרואווט פאַרלעזן פון י. ל. פּרצן און די טרערן האָבן פאַרשווענקט די ווערטער אין זיין קעל. אָבער ביידע האָבן אויף דעם אייגענעם אופן זיך געשפּירט פאַריתומט אין קעגנוואַרט פון דער גרויסער יידישער מאַסע. אויף די פליגל פון טרויער האָבן זיך

ביידע אָוועקגעטראָגן צום גרויסן שלאַכטפעלד, צו דער אַלטער וועלט אויף יענער זייט ים, און דאָרטן געזען אומבאַלאַנדזשען די יונגע יאָרן וואָס מ׳האָט הינטער זיך איבערגעלאָזן.

וואָס איז דער חילוק, צי ער איז יעמאָלט, ביים קומען קיין אַמעריקע, אַלט געווען זעכצן יאָר, און זי — ניינצן? און וואָס איז דער חילוק, אויב זי איז אינגאַנצן איבער אַכט יאָר אין לאַנד, און ער — גאַנצע צוויי און דרייסיק יאָר, — אויב מ׳איז קינדער פון אַזאַ פאָלק, וואָס שטאַרבט אין וועג, און שטייט־אויף תחית־המתים אין וועג; און וואָס צווישן איינשלאָפן און אויפ־שטיין לויפן צומאָל דורות פאַרביי?

דאָקטאָר לוריא האָט נאָך קיינמאָל אַזוי שאַרף ניט געשפּירט זיין אַליין־זיין. כאָטש נעבן אים איז געזעסן קעראָלאַין און האָט כסדר געווישט די טרערן. און נאָך קיינמאָל האָט דאָקטאָר לוריא אַזוי קלאָר ניט באַגריפן ווי מיט די יאָרן איז זיין לעבן אָפּגעשוואוומען פון זיין צווילינג־שוועסטער, וואָס האָט דאָ אין לאַנד כסדר געוואַלט זיין אַ מאַמע צו די עלטערע ברידער.

ער, עמאַ, קענען די אויגן ניט צונעמען פון די לעצטע פיר שורות: „און פאַרשטומען באַלד אויף לאַנגע, לאַנגע טעג, און — נאָך לענגערע, שטילע, וויסטע נעכט...״ זי, וואָס אינגאַנצן אַ יאָר זינט זי קען לעזן די יידישע אותיות; און ער, פאַר וועמען די יידישע אותיות האָבן אָנגעוואָרן דעם אַמאָ־ליקן זינען און האָבן פאַר אים דעם היינטצייטיקן זינען ניט געפונען —ביידן דערמאָנען די שורות אין יענע טעג וואָס זיינען געבליבן אויף יענער זייט ים; יונגע טעג, ליכטיקע טעג, וואָס פאַרכליניען זיך איצטער אין פאַרגאָסענעם בלוט. וואָס מער יענע טעג טיילן זיך אָפּ פון איצטיקע, אַלץ שווערער ווערט צו אָטעמען, אַלץ שווערער דריקט די גרויסע מענטשן־מאַסע, צווישן וועלכע זיי האָבן אויך זייער פּלאַץ געפונען.

— יידן זיינען יידן, — טראַכט זיך דאָקטאָר לוריא, — האָבן ניט קיין שטענדיק פּנים; האָבן ניט שטענדיק דאָס אייגענע און זעלבע פּנים. און אַזוי דער איינציקער יידישער מענטש. ער ווייסט ניט וואו זיין נשמה וועט אויסקלייבן צו נעכטיקן.

אים טוט ווי בשעת מעשה, וואָס זיין עלטערער ברודער איז אין זאַל ניטאָ.

— דאָ האָט נתן איצטער געדאַרפט זיין נעבן מיר, אַנשטאָט קריינדלען. ער, דער ניכטערער, דער פאַרהאַרטעוועטער; ער, וואָס האָט יידן אָפּגעטיילט פון אַרבעטער־קלאַס; ער, וואָס האָט פאַר יידן אויסגעקליבן אַ זיכערן טויט דורך אַסימילאַציע — אים וואָלט איך איצטער געפרעגט וואָס דאַרף טאָן אַ מענטש וואָס האָט בלויז זיין איינציקע מאָס טרויער און בענקשאַפט, ווען מיט אַמאָל כאַפּט ער זיך, אַז זיין האַרץ איז ניט מער ווי אַ צאַרטע האַרפע, און אויב ס׳איז ניטאָ דער שפּילער וואָס זאָל אויף דער האַרפע שפּילן, קומט דער טרויער און צופּט די סטרונעס, ווי דער ווינט אין האַרבסט וואָס רייסט און שפּילט אויף די טעלעגראַף־דראָטן.

ווען דער „מעמאָריאַל־אָוונט״ איז אַריבער, האָט זיך דאָקטאָר לוריא אין איילעניש געזעגנט מיט דער שוועסטער און איז פון די ערשטע אַרויס דרויסן. ווי בכיון האָט ער עס געטאָן, כדי ניט צו דערלאָזן, זיין שוועסטער זאָל אַ שפּיל טאָן אויף זיין געדריקטן געמיט.

אַרויסגייענדיק דרויסן האָט קעראָלאַין דערקענט עמאַן אין געזעמל, און זיך צו איר אַ ריס געטאָן:

— אַטאָ נאָר וואָס איז זכריה דאָ געווען... וואו איז ער? טאָקע אָט נאָר וואָס איז ער דאָ געווען.

עמאַ בערגער האָט אַרומגענומען קעראָלאַין און געדריקט צו זיך, ווי איינצושטילן אַ ווייטיק וואָס האָט ס'האַרץ אַרומגעכאַפּט, און אויך, אַן ווערטער איר איבערגעבן דאָס וואָס זי האָט איבערגעלעבט אויף אַ טרויער־אָוונט צוליב אַ מענטשן וואָס האָט פאַר איר אַזוי ווינציק געמיינט.

— אַן אַנדער צייט, גאָר אַנדערע מענטשן, — האָט קעראָלאַין געזאָגט. — יידן ווי אַמאָל, איך האָב זיי גאָרניט געקענט. אַ שאָד וואָס זכריה האָט זיך אַזוי געאײַלט. אפשר זאָלן מיר צו אים אַריבערגיין.

— איך ניט.

— פאַרוואָס?

— ניט אויף יעדן פלאַץ איז גוט צו באַגעגענען דעם מענטשן, וואָס מ'טראַכט פון אים אַזויפיל.

— יידן האַלטן זיך איצטער ענגער. ס'איז מיר אַ שאָד, וואָס איך האָב זיך אַזוי ווייט פאַרקליבן. זאָל איך זאָגן זכריהן, אַז איר האָט זיך אויף אים נאָכגעפרעגט?

— זאָגט אים דאָס וואָס איר מיינט פאַר גוט.

עמאַ האָט געהערט קעראָלאַינס מוטערלעכע שטים און ניט געהערט די ווערטער. קעראָלאַין איז איר געווען נאָענט, און פונדעסטוועגן האָט זי ניט געפונען ביי זיך קיין ווערטער אונטערצוהאַלטן דעם שמועס וואָס קעראָלאַין האָט אַזוי געוואָלט אָנציען.

— איך וויל זען אייער ברודער, — האָט קעראָלאַין אָנגעהויבן. — איך וויל ביי אים פרעגן, צי בלוט פאַר בלוט מעג מען מאָנען; צי אפילו דער אַרבעטער, וואָס חלומט צו בויען אַ שיינע וועלט, מעג עס אויך.

— ניין, מיין טייערע, אַז איר וועט אים באַגעגענען, בעסער זאָגט אים אַרויס וואָס אַ מענטש טראָגט אין האַרצן. צוליב וואָס טראָגן אַזוי לאַנג אַ ווייטיק אין האַרצן? איך בין אַ פרוי און זיין שוועסטער, מעג איך עס אייך זאָגן.

עמאַ האָט מיט אַ פאַרטרערטער שטים אַ לאַך געטאָן, צוגעצויגן צו זיך די שוועסטער פון דעם מענטשן, וואָס האָט אויף איר האַרץ ווי אויף אַ האַרף אַזוי שאַרף געשפּילט, ביז ווייטיק געשפּילט.

קאַפּיטל ניין און צוואַנציק

מיטן אָנקומען פֿון פֿרילינג האָט הילל לוריא דערשפּירט אַ שוואַכקייט אין אַלע זיינע גלידער, און ווען ער איז אַרויס באַטראַכטן זיין פֿאַראיאָריק קאָרנפֿעלד, ווי ווייט דער פֿראָסט האָט די ערד אָפּגעלאָזן, מ׳זאָל קענען אַרויסגיין אַקערן — האָט אים אַ שווינדל געטאָן פֿאַר די אויגן, שיעור ניט אַוועקצופֿאַלן. די האַלב טונקל און האַלב נאָך פֿאַרשנייטע בערג אַרום האָבן זיך אַ וויג געטאָן, דורכצולעכערן דעם הימל וואָס האָט אין מזרח־זייט, צוליב דער פֿריער זון, אין גרוילעכן ראָז זיך איבערגעגאָסן.

הילל האָט זיך אַראָפּגעלאָזן אויפֿן דורכגעגעלטן פֿאַראיאָריקן גראָז און אָנגעשפּאַרט די מידע פּלייצע אָן שטיינערנעם, רויען פּלויט. אַ מיטלייד־געפֿיל האָט אים אַרומגעכאַפּט אויף זיך אַליין. אַזאַ אָפּגעשוואַכטער איז ער אַרויס באַגינען צו באַטראַכטן די אָפּגעדעקטע ערד־שטרעקעס וואָס ער האָט יאָר־נאָך־יאָר געאַקערט, געפֿלאַנצט און געזייט אין זיי. זיין בליק האָט מיד אַוועקגעבלאָנדזשעט צו אַ הורדע אויסגעליידיקטע בלעכן פֿון אַלערליי קאָנסערווירטע גרינסן, פֿרוכטן, אַלערליי מינים קאָנסערווירטע פֿיש, און פֿאַרן דמיון האָבן אַ שווינדל געטאָן די שטאָטישע פּרעסער, וואָס זיינען געקומען די לעצטע פֿאַר זומערן „רוען און פֿרעסן״. אים איז דערווידער געווען דער גאַנצער באָרדער־ענין, כאָטש, ווי זיין מינע האָט אים אויפֿגעוויזן, זיינען אַ סך יידישע פֿאַרמער דורך די באָרדערס אויפֿגעריכט געוואָרן. הילל האָט אין דעם געזען זיין אייגענעם אונטערגאַנג. הילל האָט אַרויסגעזען ווי צוליב די באָרדערס וועט ער אויפֿהערן צו באַאַרבעטן די פֿעלדער, וואָס ער האָט מיט אַזויפֿיל מי אויפֿגעריכט אין די ערשטע יאָרן אויפֿן פֿאַרם.

— מיין שיינער חלום איז געוואָרן אַ וויסטער חלום, — לויפֿט ביי היללן דורך אַ מחשבה, בשעת דער בליק קריכט אַריין צווישן די פֿאַרזשאַווערטע, אויסגעליידיקטע בלעכן וואָס דער פֿרילינג האָט פֿון אונטערן שניי אָפּגעדעקט. — פֿון אַ שיינעם חלום איז געוואָרן אַ וויסטער חלום. דער גאַנצער געדאַנק פֿון „עם־עולם״ איז ניט מער ווערט ווי די דאָזיקע ליידיקע, פֿאַרזשאַווערטע בלעכן.

ער פּרוּווט זיך דערמאָנען דעם פֿרילינג, ווען ער איז געקומען פֿון רוסלאַנד מיט זיינע אייגענע; אויב די גאַנצע משפּחה איז געווען נידערגעשלאָגן צוליבן טויט פֿון דער מוטער, וואָס איז אויף דער שיף געשטאָרבן — האָט צו אים דורכן טרויער אַרויסגעבליקט אַ גרויסע האָפֿענונג אין געשטאַלט פֿון אַ באַפֿרייטער שטרעקע לאַנד, וואו אויף אַ הויכן מאַסט פֿלאַטערט אַ ווייס־גרינע פֿאָן מיט דעם אויפֿשריפֿט: „עם עולם״, און אַ מחנה יונגע מענטשן, אַריבערגעקומענע פֿון פֿאַגראָמען־לאַנד, שטעלן אויף זייערע היימען.

— אויף וואָס האָבן די אידעאַליסטן פאַרביטן אַזאַ גרויסע אידייע? טאָקע פאַרן שוויץ־שאָפּ, וואו מ׳האָט פאַרדינט די פאָר דאָלער אַ יאָר? צי פאַר דער גרויסער מעגלעכקייט זיך אַרויסצורייסן און ווערן...

עס טוט אים ווידער אַ שווינדל פאַר די אויגן. דוכט אים, די חורבע פאַרזשאַווערטע קאָנסערוון־בלעכן האָט זיך פאַנאַנדערגערודערט, אויף פאַר־הוילענע פעדים האָבן זיך די בלעכן אויפגעהויבן, וויגן זיך אין די פייכטע און קילבלעכע פרילינג־שטראַלן.

— כאַ־כאַ־כאַ, כע־כע־כע, כי־כי־כי... — דוכט אים לאַכט עס פון די אויסגעלערטע קאָנסערוון־בלעכן אַרויס — „עם עולם״... יידישע טעריטאָ־ריעס אין אַמעריקע, יידישע קאָמונעס אין אַמעריקע... כאַ־כאַ־כאַ, כע־כע־כע, כי־כי־כי... אָט זיצט ער, דער שוטה, וואָס האָט געגלייבט אין אַזאַ נאַריש־קייט! אָט זיצט ער דאָרטן, דער לוריא־טיפּוש, וואָס האָט געבראַכט אַהער שטאַרקע פּלייצעס, שטאַרקע הענט און קאָפּ מיט ווינט... דער דאָלער איז אַ טעריטאָריע איבער אַלע טעריטאָריעס, כאַ־כאַ־כאַ, כי־כי־כי... דער דאָלער איז אַ קאָמונע איבער אַלע קאָמונעס. ניטאָ קיין גרעסערער אידעאַל פאַרן מענטשן אין דער נייער היים. דער הייליקער דאָלער איז דער הייליקסטער אידעאַל, כאַ־כאַ־כאַ. און דיין פאַרם, נאַרישער מענטש, וואָס האָסטו פון דיין פאַרם? אַ באָרדער, אויב ער ברענגט דיר דעם געהייליקטן דאָלער, איז אַזוי חשוב, ווי די קוקורוזע וואָס דו פלאַנצסט דאָ וועסנע־איין, וועסנע אויס. זייער מיסט איז ניט ערגער ווי דאָס מיסט פון דיינע פערד און דיינע קי, וואָס זיינען ביי דיר געוואָרן טייערער פון דיין אייגענער משפחה.

ס׳האָבן זיך די אויגן ביי היללן אָנגעהויבן צו קלעפּן. אַ מידע זיסקייט האָט אָנגעהויבן גלעטן די ברעמען. ער וואָלט אַזוי איינגעדרעמלט — ווען ניט זיין געטרייער אַרבעטער, טאַראַס ראַזומני, וואָס איז מיט שווערע טריט אָנגע־קומען. ער האָט פון ווייטן באַמערקט זיין באָס זיצן הינטערן שטיינערנעם פּלויט.

— פאַרוואָס דו דאָ זיץ, גילעל? — האָט דער איינגעטריקנטער טאַראַס מיט אַ באַהאַלטענער זאָרג באַטראַכט זיין באָס. — די מיסיס דיך זוך, דו בישט ברעקפעס עס. זשורעסט צופיל, גילעל. דיין באַבע סמאַרט. זאָגט, דו סטרויע נאָך אַ שטוב מיט רומס. באָרדערס באַצאָלן. באָרדערס לאָזן גאַר־בעדזש, נעמען צו די וואָריס...

הילל איז אויפגעשטאַנען, געבליבן אַ ווייל מיט די אויגן אין דער ווייט און שפּעטער ווי פאַר זיך אַליין געזאָגט:

— מיר גלוסט זיך צו באַאַרבעטן נאָך עטלעכע אַקער דאָרטן אויף דער אַנדערער זייט פון פאַרצוויי־יאָריקן גערשטן. זאָל דער פאַרם ניט שעלטן. זאָל מיסטער עטקינסאָנס געביין מיך ניט שעלטן און זאָגן: — אָט, געקומען אַ ייד, אָפּגעקויפט מיין פאַרם און לאָזט, ער זאָל ווידער מיט ווילד־וואַלד באַדעקט ווערן.

— עך, גילעל, דו מיר קעסקיוז, איך דיר זאָג, אין אַמעריקע אַ פאַרם אַזוי פאַרשיווע ווי אין אַלד קאַונטרי. פאַרמער דאָרט, פאַרמער דאָ, פאַרסייעט ווייץ, זשניוועט שטיינער, כאַ־כאַ־כאַ.

— דו סט׳שוין געגעסן, טאַראַס? נעם צו פון מיינע אויגן די פאַרזשאַ־ווערטע בלעכן. גראַב אויס אַ גרוב, באַגראַב עס, צו אַל די שוואַרצע יאָר!

— כאַ־כאַ־כאַ, — האָט טאַראַס זיך פריער צעלאַכט, און שפּעטער אויסגעשפּיגן פון צווישן די ציין, — דאָס, גילעל, איז טאַקע דאָסאַדנע. איך עס טאַקע באַגראָב.

אַ גאַנצן חודש איז שפּעטער הילל לוריא אָפּגעלעגן אין בעט. אויפגעהויבן האָט ער זיך פון געלעגער צו באַגעגענען זיין יינגסטן ברודער, דאָקטאָר לוריאַן, וואָס איז אויף מינעס אַ בריוול אַראָפּגעקומען ווי אַ דאָקטאָר צו באַזוכן אַ חולה.

הילל, כאָטש ער האָט געהוסט ווי פון אַ פּוסטער פאַס אַרויס, האָט נייע כוחות דערשפּירט, ווען צום שטוב האָט טאַראַס ראַזומני צוגעפירט זיין ברודער זכריהן.

— איצטער בין איך געזונט, — האָט הילל זיך געפּרואווט שטאַרקן. — ס׳פאַרדריסט מיך, וואָס מינע האָט מיר ניט דערציילט, אַז זי האָט צו דיר געשריבן.

דאָקטאָר לוריאַן האָט אַרומגעכאַפּט אַ טרויער ווען ער האָט זיך אָנגעשלאָגן אָן היללס אָנגעצונדענע בליקן אין אַן אויסגעלאָשענעם פּנים. הילל האָט אים אויסגעוויזן ווי אַ פאַר דער צייט איינגעבויגענער דעמב. מינע, וואָס איז שווער צעיוירן געוואָרן, האָט געוויינט און געלאַכט פאַר פרייד; אַמאָל געקוקט אויף איר מאַן, אַמאָל אויף דעם גאַסט, און אויף־שנעל אַ בליק געטאָן אויף איר נאָכגעלאָזענער, שווערער ברוסט. זי האָט געוואָלט זאָגן עפּעס צו דערמונטערן די צוויי ברידער.

— אַ שאָד וואָס די קינדער זיינען אין סקול. וואָלסט זיי ניט דערקענט. ישראל איז שוין באַלד אַזוי גרויס ווי דער טאַטע זיינער. משה איז שוין אויך אַ גרויסער בחור. מיין איינציקער נחת. ווי לאַנג, זכריה, וועסטו קענען ביי אונדז פאַרברענגען?

— וואָס פרעגסטו, וויפיל ער וועט דאָ קענען ווילן? פאַר מיר איז ער ניט קיין דאָקטאָר. פאַר מיר איז ער זכריה. דער דאָקטאָר פון אַרום דאַנען האָט אפילו ניט געוואוסט וואָס מיר איז. געזונט בין איך געוואָרן פון דיין טעלעגראַמע אַז דו קומסט, כאַ־כאַ־כאַ.

— פאַרוואָס ביסטו געקומען גאָר אַליין? געמיינט, וועסט ווי יעמאָלט אימעצן ברענגען מיט זיך. וואָס מאַכט זי, זעסט זי אַמאָל? זי איז מיר געבליבן איינגעבאַקן אין האַרצן, — האָט מינע מיט ווייבערשער נייגעריקייט גערעדט.

שטיל איז מען געגאַנגען מיט די טרעפּ־אַרויף אין שטוב אַריין. אין די עטלעכע שטילע רגעס האָט דאָקטאָר לוריא זיך דערשפּירט שטאַרק געעלטערט. אַלץ צוליב דעם וואָס די שוועגערן האָט אים דערמאָנט זיין באַזוך דאָ מיט עמאַ בערגער מיט עטלעכע יאָר צוריק. ס׳האָט אים אויסגעוויזן, אַז דאָס איז פאָרגעקומען ניט דאָ אין די קעצקיל־בערג, נאָר ערגעץ אין רוסלאַנד, ווען ער, אַ זעכצן יאָריק בחורל, קען נאָך אפילו ניט באַנעמען פון וואַנען דער ווינט בלאָזט.

— טוט מיר הנאה וואָס איך האָב אָפּגעריסן צייט און געקומען אַהער דווקא אַליין, — האָט דאָקטאָר לוריא מיט באַהאַלטענער זאָרג גערעדט נאָך דעם ווי מ׳האָט זיך אַרומגעזעצט אַרום אַ געגרייטן טיש, איינגאַנצן אַן אויסגעבאָ־

דענער אין זונשיין. — האָסט, הילל, געהאַט, ווי איך זע, אַ שווערע גריפּ. אין ניו־יאָרק איז היינטיקער פרילינג געווען אַ שווערער פאַר מענטשן.

— אַז איך קוק אויף דיר, זכריה, גלויבט זיך מיר גאָרניט, אַז מיר קערן זיך אָן ברידער, כאַ־כאַ־כאַ. כאָטש דו ביסט דער יינסטער, דוכט מיר אויס, ביסט מיין עלטערער ברודער, און אפשר אַ טאַטע, כאַ־כאַ־כאַ. איך בין נאָך אַלץ דער אייגענער וואָס האָט זיך איינגערעדט, אַז יידן קענען ווערן אַ פאָלק ווען זיי זאָלן זיך אַ ביסל טוליען איינס צום אַנדערן דאָ אין דער פרייער אַמע־ריקע, ווי זיי האָבן זיך געטוליעט אין פינצטערן רוסלאַנד.

— פאַרגינסט ניט, הילל, אויב יידן האָבן דאָ אויסגעקליבן אַ לעבן אָן זאָרג?

— אָט זעסטו שוין, אַז דיין ברודער לאַכט אויך פון דיר, — האָט מינע מיט נצחון אין פנים גערעדט. — דאָס איז דאָך מיין צרה אויך. אַ וועלט יידישע פאַרמערס האָבן געמאַכט אַ פּאַרטשן פון די באָרדערס זומער; און ער, אַז איך האָב אָנגעהויבן ארייננעמען אַ צען באָרדערס, און טאַקע אָפּגע־שפּאָרט פאַרן זומער עטלעכע דאָלער, גייט ער ממש מיינע שונאים פון זינען אַראָפּ, ביקאָס איך מאַך אים פאַר אויס פאַרמער. וואָס איז פאַר אַ גליק די גאַנצע פאַרמעריי? מיינסט טאַקע, ישראל, אַז ער וועט פון האַי־סקול אַרויס וועט ער ווערן אַ פאַרמער? ס׳וועט שוין זכריה זען, ער זאָל אַריין אין קאָלעדזש און ווערן אַ מענטש. דוקא דער יינגערער, משה, איז געראָטן אין נאַרישן טאַטן זיינעם. אַז ער קומט אַהיים, קריכט ער אין שטאַל צו די קי, קריכט ער צו די הינער אין שטייג אַריין; לאָז אים — וועט ער אפילו סקול אַוועקוואַרפן.

הילל האָט געלאָזן, מינע זאָל אַראָפּרעדן פון האַרצן.

דאָס יינגסטע קינד, שמעון, פיר יאָר אַלט, וואָס איז געשטאַנען נעבן דער מוטער און די גאַנצע צייט קיין אויג ניט אַראָפּגענומען פון דאָקטאָר לוריאַן, האָט זיך גאָר אומדערוואַרט פאַנאַנדערגעלאַכט און אַרויסגעלאָפן צום זוניקן דרויסן.

אַלע האָבן געווענדט די אויגן צום טיר פון וואַנען דאָס קינד, וואָס האָט אַזאַ ליכטיקן געלעכטער געלאָזן אין שטוב, איז אַרויסגעלאָפן.

— האָסט אים אפילו ניט אָנגעקוקט גוט, זכריה; ער איז ווי צוויי טראָפּן וואַסער געראָטן אין דעם טאַטן אונדזערן, זאָל ער זיין אין ליכטיקן גן־עדן, — האָט הילל זיך אַ ביסל אויפגעמונטערט. — זאָגסט, איך קוק אויס פאַרזאָרגט. ווי קען מען ניט זאָרגן, ווען אַ ווינטער ציט זיך ווי דער יידישער גלות? איך פיל דעם יידישן דופק, און בין אָפּגעריסן פון דער יידישער וועלט; כאָטש איך ווייס וואָס עס ווערט דאָרט פון יידן אויף די מלחמה פעלדער: מער ניט, זומער טוט עס זיי אַ טראַג אָן אַהער, ווי פון דער תליה וואָלטן זיי זיך אָפּגע־ריסן, כלומרשט אויסגעהונגערטע, וואָס זעען אויס בעסער ווי מיר דאָ, און אַלץ וואָס זיי ליגט אין זינען איז פרעסן און שפּילן אין קאָרטן. איז עס טאַקע אַלץ וואָס יידן טוען איצט אין ניו־יאָרק ווען די בהלה לאָזט זיי אָפּ? אפילו אין איצטיקער אומגליקלעכער צייט טוען זיי עס?

דאָקטאָר לוריא האָט אַ לאַך געטאָן און אויף דעם ניט געענטפערט. פאַר זיינע אויגן זיינען דורכגעגאַנגען יענע טעג אויף לודלאָוו סטריט ווען מ׳האָט זיך גאַנצענע טעג אַרומגעקריגט איבער דעם יידישן תכלית אין נייעם לאַנד,

און דער ברייט־פּלייציקער הילל האָט געשלעפּט שטיינער אַרום ברוקלין־ברידזש, וואָס האָט זיך געהאַלטן ביים פאַרענדיקן, געשלעפּט משאות אין ברוקלינער האַפן, און געגלויבט, אַז מיט דעם לייגט ער אַ יסוד פאַר אַ געזונט יידיש לעבן.

— לאַכסט פון דיין נאַרישן ברודער, האַ? — איז הילל נאָכגעגאַנגען זיין ברודערס מחשבות. — אוודאי האָבן מיר אַליין ניט געוואוסט וואוהין דאָס יידיש לעבן וועט זיך אַ קער טאָן. שוין באַלד, דוכט מיר, קיין יידן אין רוסלאַנד ניט איבערגעבליבן. דאָרטן איז מען עפּעס געווען, און וואָס איז מען דאָ?

— ווען מ׳וואָלט יידן אין רוסלאַנד געלאָזן זיי זאָלן לעבן וואו זיי ווילן און טאָן וואָס זיי ווילן, מיינסטו וואָלטן דאָרטן יידן זיך אויך אָוועקגעלאָזן בויען אַ קאָנצענטרירט און געזונט יידיש לעבן? אוודאי ניט. זיי וואָלט זיך צע־שוואומען איבער אַלע גרויסע שטעט און דאָרטן איינס פון אַנדערן ניט געוואָלט וויסן. סיידן אַן אומגליק זאָל זיך אויף זיי אַראָפּלאָזן. איצטער זיינען שוין דאָרט אַלע חלומות מיט בלוט אָפּגעגאַנגען.

הילל האָט זיך פאַרטראַכט. מיט זיין ברודער דעם דאָקטאָר, זינט ער איז אויפן פאַרם, האָט ער געהאַט ווינציק געלעגנהייטן צו רעדן. די פּאָר מאָל וואָס ער איז געווען אין ניו־יאָרק און אפילו קיין צייט ניט געווען זיך רואיק אַנידערזעצן מיט אַ ברודער, אויסרעדן ס׳האַרץ און אויסהערן וואָס אַ ברודער האָט צו זאָגן. געווען צייטן וואָס היללן האָט פון דער ווייטנס אויסגעזען, אַז זיין יינגסטער ברודער וועט גאָר אינגאַנצן „אויסרינען" פון דער לוריא־משפּחה, חתונה האָבן מיט אַ ניט־יידישקע און פאַרגעסן פון יידישע צרות. „אַ שווייגער איז ער געווען און אַ שווייגער איז ער נאָך איצטער אויך. פאָרט מער ייד פון נתנען" — לויפט היללן דורך אַ געדאַנק אין קאָפּ.

— פאַרקויף, הילל, דיין פאַרם און קום אין שטאָט אַריין. וועסט פאַרן געלט געפינען וואָס צו טאָן, — האָט דאָקטאָר לוריא אומגעריכט אַ זאָג געטאָן.

— כ׳קלער, זכריה, אַז דו מאַכסט חוזק. וואָלסט דאָך ניט וועלן, איך זאָל זיך אַליין אָנשפּייען אין פּנים.

הילל האָט מיט גרויס חידוש אָנגעקוקט זיין ברודער, געפּאָרשט צי ער מיינט עס ערנסט מיט זיין עצה. ס׳האָט זיך אים ממש אין האַרצן אָפּגעריסן.

שפּעט נאָך מיטאָג, ווען מינע האָט צוגעראַמט אין שטוב — האָט זי זיך אַ ביסל צוגעפּוצט, זי זאָל ניט אויסזען פאַרמעריש, און איז אַרויסגעגאַנגען צו דאָקטאָר לוריאן וואָס איז געזעסן אויף אַ שטיין אין מיטן הויף און באַטראַכט די וועלט.

— וואָס־זשע מאַכסטו, זכריה? — האָט מינעס פּנים זיך געבאָדן אין ליכטיקן נחת. — ס׳גלויבט זיך מיר גאָר ניט, אַז דאָס ביסטו, זכריה. כ׳וויס דאָך, קלערסט אוודאי שוין אָוועקצופאָרן צוריק, וויל איך דיך בעטן, — האָט איר שטים מיט אַ מאָל אַ ציטער געטאָן צום וויינען, — קענסט דאָך דיין ברודער אַ סך בעסער ווי איך. פאַר דיר האָט ער רעספּעקט. וואָס דו וועסט אים זאָגן, וועט ער דיך פאָלגן. גיב אים צו פאַרשטיין, אַז אויב מ׳וועט דאָ נאָך עטלעכע יאָר לעבן אַזוי באַגראָבן, וועט מען שוין די ליכטיקע וועלט אפילו ניט אָנזען. אָט קוק איך דיך אָן, ביסט אַ מענטש. איך בין געווען

גאַרניט די אייגענע. כ׳מאָל מיר אויס, ווי איר אַלע זעט דאָרטן אויס. מ׳וואָלט פאַרן פאַרם גרינג געקענט קריגן אַ פּאָר טויזנט דאָלער.

דאָקטאָר לוריא איז אויפגעשטאַנען, נאָענט אַריינגעקוקט דער שוועגערן אין פּנים אַריין. איר שווערע ברוסט איז נערוועז אויפגעאַנגען, און צוריק אַראָפּגעזונקען. די פאַרבן אין פּנים האָבן אַריבערגעשפּרונגען פון פלאַץ צו פלאַץ, געפלעקט ס׳פּנים ראָז, ווייס און בלוילעך. די מאַמע פון אַ גאַנץ גרויסן פלאָד קינדער האָט זיך פלוצלונג דערפילט אין אַ סכנה, און האָט אויסגע־שטרעקט אַ האַנט צום גאַסט, וואָס איז אויך איר שוואָגער, ער זאָל זי ראַטעווען.

— וואָס מיינסטו, זכריה, מ׳האָט דאָ מער ווערט ווי אַ באַרג מיסט דאָרטן?

ביי דער ערד ד׳האָט מען ניט מער ווערט, זכריה. דער ייד האָט שכל, אויב ער וויל זיך ניט באַגראָבן אויף אַ פאַרם. הילל האָט זיך אַריינגענומען אין קאָפּ, אַז אויב ער וועט גראָבן מיט דער נאָז די ערד, וועט ער מיט דעם טאָן אַ טובה דער ידישער דאָליע.

אין מינעס לעצטע ווערטער איז געווען ביטערקייט און יאוש. די גאָר פּשוטע פרוי וואָס איז אין ניו־יאָרק מיט אירע געדאַנקען ניט אַוועק ווייטער פון איר קעלער, וואו זי האָט דער מוטער געהאָלפן באַקן בייגל, און וואָס איז מיט פאַרמאַכטע אויגן נאָכגעגאַנגען היללען אין די קעצקיל־בערג, העלפן אים בויען אַ געזונט לעבן — איצטער, פאַר דער קורצער צייט האָט ער שוין אויסגעהערט פון איר אַזויפיל תרעומות.

דאָקטאָר לוריא האָט אין שפּאַס אַ פרעג געטאָן:

— האָסט שוין מער ניט ליב דיין היללן?

אַ רויטע כוואַליע האָט אַ זעץ געטאָן מינען אין פּנים אַריין. זי האָט אָפּגעטראָטן אַ פּאָר שריט פון אים, אַליין ניט געוואוסט, צי זי זאָל שמייכלען, צי זי זאָל לאָזן ס׳האַרץ זיך אויסוויינען. אוודאי האָט זי ליב געהאַט היללן יעמאָלט אין ניו־יאָרק, ווען בחורווייז איז ער אַריינגעקומען צו זיי אין קעלער וואו ס׳האָט געשמעקט מיט סטרודשקעס און געבעקס, און האָט פון איבער שווערע, ראָזע אָרעמס געזויגן איר ליבע. אוודאי איז ער יעמאָלט געווען פאַר איר גאַנץ ניו־יאָרק מיט אַלע „גרויסע גליקן״, וואָס זי האָט אין רוסלאַנד פון זיי געהערט. אוודאי האָט זי אים ליב געהאַט ס׳ערשטע יאָר אויפן פאַרם, ווען ער האָט קיין אַנדער פלאַץ און קיין אַנדער צייט ניט געפונען וואו מיט איר זיך אויסצוליבן — ווי נאָר אין שטאַל בשעת זי האָט געמאָלקן די קו. פּונקט ווי די מילך־שנירלעך, וואָס האָבן דורך אירע פויסטן פון דער קוס ציצן אַריינגעריזלט אין שעפל אַריין, האָבן געדרוישט, אַזוי האָט אין אַלע אירע גלידער ס׳בלוט געדרוישט בשעת ער ד׳האָט שווער און זיכער אַריינגעשפּאַנט אין שטאַל אַריין, געוואָרט הינטער איר ביז אירע הענט האָבן אַרום דער קוס אייטער אַוועקגעחלשט. און איצטער...

מינע האָט אָנגעשטעלט די בלויע אויגן אויף איר שוואָגער. די אויגן זיינען געווען יונג און הייס; און ס׳פּנים — צופיל אויפגעגאַנגען צוליב דער גרויסער געשעעניש. פון צייט־צו־צייט האָט זיך ס׳פּנים געפעלדלט אַרום די אויגן און פון ביידע זייטן מויל.

— איך האָב עס ניט געדאַרפט פרעגן, מינע? — איז דאָקטאָר לוריא צוגעגאַנגען און איר געקלאַפּט אין פּלייצע. — כ׳ווייס, דו האָסט היללן ליב. ביסט אים נאָכגעגאַנגען אַהין וואו פאַר אים האָט געוואָרט דאָס גליק.

— איך בין אויך געווען צופרידן און גליקלעך אַזוי לאַנג ווי ער איז דאָס געווען. איצטער באַקלאָגט ער מיר דעם קאָפּ, אַז די קינדער וועלן פון אונדז אַנטלויפן, און מיר וועלן בלייבן אַליין. ער טענהט, אַז איך וויל פון דאַנען אַנטלויפן. וואוהין האָב איך שוין צו לויפן? צי איז דאָס די מינע וואָס דו געדענקסט? צי דאָס איז די מינע, וואָס איז גרייט געווען אַ וועלט איבערקערן פון זיינעטוועגן? ס'איז קיין עולה ניט, אויב מיין האַרץ איז מיט די קינדער. כ'בין אַ מאַמע און איך וויל נאָר זען זייער גליק. ער האָט זיך איינגערעדט, אַז אויב די קינדער וועלן זיין פאַרגרעבטע פאַרמער, יעמאָלט וואָלט ער געקענט אויסלעבן גליקלעך זיינע יאָרן.

מינע האָט אָפּגעדעקט דעם קאָפּ און געווישט די טרערן.

פאַר דאָקטאָר לוריאַס אויגן איז אויפגעגאַנגען אַ שטיק יידישע טראַגעדיע; די טראַגעדיע פון ערשטן דור וואָס איז אַוועק פון רוסלאַנד קיין אַמעריקע, מיטנעמענדיק פאָלקס־חלומות, און אין נייעם לאַנד ניט געפונען דעם ווייכן געלעגער וואו צו חלומען.

— אַמעריקע — האָט עס דאָקטאָר לוריאַן געהאַמערט אין מוח — איז ניט קיין ווייך בעט צו חלומען. אַמעריקע איז די נאַקעטע וואָר אונטער דער זון פון האַלבן טאָג. דיין ברודער הילל האָט אין דער געזונטער מינען זיינע חלומות פאַרזייט — ווי מען זייט קערנער אין אַן אויפגעאַקערטן גרונט. זיינען ניט די חלומות אויפגעגאַנגען, נאָר די וואָר, אין געשטאַלט פון צווייטן דור, וואָס וועט אויף אַ גאַנץ נאַטירלעכן אופן באַטראַכטן אַמעריקע פאַר היים און פאָטערלאַנד. מיט יידישקייט, צי אָן יידישקייט — אַלץ איינס. אַ היים, מיט טיר־און־טויער אָפן: וואַלס אויס, קער און ווענד זיך וואו נאָר דיין אימפּולס וועט דיך פירן!

מינע איז געבליבן מיט אַ זייט צו אים, זיך באַמיט צורעכט מאַכן איר פּנים. ער האָט געוואָלט, זי זאָל זיך ווידער אומקערן מיטן פּנים צו אים. ער האָט געפונען עטלעכע ווערטער צו דערמוטיקן די שוועגערן.

זי האָט עס אָבער ניט געטאָן. מיט אַ געבויגענעם קאָפּ איז זי אַוועק־געגאַנגען אין דער ריכטונג פון שטאַל.

ביינאַכט זיינען הילל און מינע געזעסן אויפן ראַנד פון דאָקטאָר לוריאַס געלעגער. מינע האָט געהאַלטן דאָקטאָר לוריאַס האַנט בשעת ער האָט גערעדט צו היללן:

— איך פאַרשטיי אייך ביידן זייער גוט, — האָט דאָקטאָר לוריא געפילט די האַרטע הויט פון מינעס שווערע הענט. — הילל האָט אפשר מער פון אונדז אַלעמען איבערגעלעבט דעם ווייטיק בעת מ'האָט זיך אויסגעוואָרצלט פון אַ לאַנד, וואו הונדערטער יאָרן איז געווען יידישע היים. דעריבער האָט ער מער ווי אימעצער אַנדערש פון זיינע ברידער געזוכט אַ וועג ווי איינצו־וואָרצלען זיך אין נייעם לאַנד. יעמאָלט, אין די אַכציקער יאָרן, איז זיכער געווען אַ סך קליגער אויסצוקלייבן דאָס וואָס הילל האָט פאַר זיך אויסגעקליבן. אין די פינצטערע, פאַרפעסטעטע שעפער האָט ער ניט געפונען זיין צוועק אין לעבן. אוודאי, ווען אינאיינעם מיט דיר, הילל, וואָלטן צום לאַנד אַוועק מענטשן מיט אידעאַל, מיט יוגנט און מיט חשק אויפצובויען אַ שיין ווינקל פאַר זיך, פאַר קינדער און קינדס־קינדער, האָט געקענט טרעפן, דו וואָלסט גאָר אַנדערש געפילט.

— מיינסט, ווינציק יידן האָבן זיך באַזעצט אויף פאַרמעמס אפילו דאָ אין די קעצקילס? — האָט הילל אים איבערגעשלאָגן.

— צו דעם קום איך, הילל. איך ווייס עס צו גוט. לעבט איר דאָ אָפּגע־ריסן און ווייט איינער פון אַנדערן. האָט איר די ערד פאַראַטן, און זי אייך. דעריבער, הילל, גלויב איך, אַז מינע איז ניט גאָר אינגאַנצן אומגערעכט, אויב זי בענקט צוריק אין שטאָט אַריין.

— וואָס וואַרט אויף איר אין שטאָט? צי דען ווייס איך, וואו איין און וואו אויס אין שטאָט? דאָס איז דאָך, מינע! דיר איז אַ פרייד אין האַרצן וואָס צוליב די קינדער וועסטו אפשר דערלעבן צו פאָרן צוריק קיין ניו־יאָרק; און מיר איז אַ ווייטיק אין האַרצן וואָס צוליב די קינדער וועל איך אפשר באַדאַרפן זיך געזעגענען מיט מיין שענסטער האָפענונג. פון אַלץ וועט זיך אויסלאָזן אַ וויסטער חלום.

אויף מאָרגן האָט הילל מיט באַנייטע כוחות אַליין געשפּאַנט די פערד און געפירט דעם ברודער צו דער נאָענטער אײַזנבאַן. מינע איז אויך מיטגע־פאָרן. אַלע דריי האָבן זיך אין דער בריטשקע געמאָשטשעט אינאיינעם און כמעט אַ גאַנצן וועג געשוויגן.

* * *

דאָקטאָר לוריא איז שפּעט בײַנאַכט געקומען צוריק פון זיין ברודער היללס פאַרם אין די קעצקילס. זיין געמיט איז געווען פאַרטרונקען אין טרויער צוליב זיין ברודערס שווערער דאָליע אויפן פאַרם, און אויך צוליב זיין ברודערס טענות, אַז יידן האָבן, קומענדיק קיין אַמעריקע, צוליבן דאָלער פאַרקויפט אַלע זייערע אידעאַלן.

— היללס טראַגעדיע איז ניט קיין משפּחה־ענין. זיינע אויסגערונענע האָפענונגען האָבן אַ שייכות מיטן גאַנצן יידישן כלל.

דאָס האָט דאָקטאָר לוריא אַ גאַנצן וועג געטראַכט, און נאָך שאַרפער האָבן אים געבריט דעם ברודערס ווערטער ווען ער איז אַריין אין זיין אָפיס, אַרומגערינגלט מיט דעם הור־האַ פון דער איִסט־סאַיד.

ער איז געווען צופרידן וואָס ער האָט אויפן טיש ניט געפונען קיין צושריפטן וועגן דרינגענדיקע פּאַציענטן. פונדעסטוועגן איז פאָלק ישראל איין זאַך, און משפּחה איז פאַרט משפּחה. אַלץ, וואָס האָט זיך פון משפּחה אָפּגעצווייגט, כלומרשט פאַרלאָפן אָן אַ זייט, פאַרפרעמדט געוואָרן ערגעץ אין ניו־יאָרקער, צי אין שיקאַגער שאָטן פאַרהוילן געוואָרן, איז געקומען דער מאָמענט ווען פון לעבנסשפּאַלטן אַרויס האָבן די שאָטנס אַליין זיך אויסגע־צויגן ביז צו זיין שוועל.

ווען דאָקטאָר לוריא האָט מיט די מידע פינגער איבערגעקוקט די אַלע קאָנווערטן, רעקלאַמע־בלעטלעך, וואָס מעדיצין־פירמעס האָבן צו אים, ווי צו אַ דאָקטאָר, אַריינגעשיקט — האָט ער זיך אָנגעשלאָגן אויף אַ שטיקל פּאַפּיר מיט עטלעכע שורות, און אונטער די שורות אַן אונטערשריפט: — דזשעסי. זי, דזשעסי, לאָזט אים וויסן, אַז זי איז געקומען אים זען און ניט געטראָפן. זי זאָגט־צו קומען נאָך אַ מאָל.

— וואָס וויל זי פון מיר?

ער האָט באַטראַכט דאָס צעטעלע — אַ צערודערטער כתב; דער נאָמען איז אונטערגעשריבן אַזוי, ווי מ׳וואָלט דעם נאָמען פון שטויב אויפגעהויבן.

צו דעם אַלעמען איז איין שורה געווען איבערגעריסן, פאַרפּלייצט ווי פון אַ וואַסער־טראָפּן.

ער האָט וועגן דעם געפרעגט די מיסיס פייגין, די פרוי וואָס גיט אַכטונג אויף זיין באַלעבאַטישקייט. אַלע יאָרן, זינט ער האָט דעם אָפּיס, ווייסט ער, אַז זי האָט אַן אויג אויף יעדן איינעם, וואָס טרעט אַריבער זיין שוועל. דאָקטאָר לוריא האָט ניט געהאַט קיין טבע צו רעדן מיט איר וועגן ענינים וואָס האָבן ניט געהאַט קיין שייכות מיט זיין באַלעבאַטישקייט. און זי, כאָטש זי האָט ניט געהאַט קיין טבע צו פרעגן וועגן זאַכן „וואָס האָבן צו איר ניט געהערט", האָט דאָקטאָר לוריאַ שטענדיק אין איר פּנים פאַרשטאַנען פון ווען זי איז צופרידן, און ווען זי האָט באַטראַכט פאַר ניט גענוג ווערדיק אַריבערצוטרעטן דאָקטאָר לוריאס שוועל.

דאָקטאָר לוריא האָט זיך ניט געקענט איינהאַלטן און אַ פרעג געטאָן ביי דער אַלטער מיסיס פייגין וואָס די דאָזיקע שרייבערקע פון צעטעלע האָט געוואָלט. האָט ער באַמערקט ווי ס׳פּנים האָט זיך איר אָנגעצונדן:

— וואָס אַזעטיקע ווילן, קען קיינער ניט וויסן. זי האָט נעבעך געוויינט, ווען זי האָט דאָס צעטעלע געשריבן.

דעם „נעבעך" האָט מיסיס פייגין אויסגערעדט מיט איראָניע, ווי זי וואָלט דערשפּירט אַ שונא וואָס קליבט זיך אַריינצודרינגען אין איר פעסטונג.

— דייקע לייטיש געווען אָנגעטאָן. דוכט מיר, כ׳האָב זי אַמאָל שוין ערגעץ־וואו געזען.

— כ׳וויס ווער זי איז. איך קען איר מוטער. קיין בייז ניט, מיסיס פייגין.

ביי די לעצטע ווערטער האָט מען אָנגעקלונגען אין טיר. דזשעסי איז אַריינגעקומען.

— גוד־איווינינג... אָט בין איך ווידער דאָ, האָט זי געפּרוּווט מאַכן אַ מוטיקן אָנשטעל. — נעמט ניט פאַר אומגוט וואָס כ׳האָב...

זי האָט באַמערקט איר צעטעלע אין דאָקטאָר לוריאס האַנט און איז מיט אַמאָל אומעטיק געוואָרן. אומעטיק און צעטומלט.

— איר וועט געפינען פאַר מיר צייט. כ׳דאַרף אַ פּאָר מינוט, ניט מער.

דאָקטאָר לוריאַ איז געזעסן ביי זיין אָפּיס טיש, מעכאַניש געקנייטשט דאָס שטיקל פּאַפּיר און אַריבערגעקוקט צו דזשעסין.

— יאָ, דאָס האָט איר געשריבן. וואָס איז דאָס? — האָט ער געוויזן צום פאַנאַנדערגעוואַשענעם פלאַץ אויף איר צושריפט. — כ׳האָב גענוג צייט פאַר אייך. כ׳בין ניט לאַנג געקומען פון מיין ברודער אין די קעצקילס. דער געדאַנק איז אַ ביסל פאַרנומען מיט משפחה־זאַכן. איר געהערט דאָך אויך צו מיין משפחה.

דאָקטאָר לוריא האָט גוטמוטיק געשמייכלט און געפאָרשט אין דזשעסיס פּנים.

דזשעסי איז געזעסן אין איר גרינלעך־גרויען פרויען־מאַנטל, אַ פּאָר־שפּילעטע אויף אַלע קנעפּלעך, דער קאָפּ אַריינגענומען צווישן די אַקסלען. פון אונטער דעם גרינלעכן, טוכענעם קאַפּעליוש האָבן זיך אַרויסגעקרייזלט בלאָנדע לעקעלעך. די בלויע אויגן מאַט־פאַרטערט.

דאָקטאָר לוריאַס געדאַנק איז אומגעלאָפֿן פֿון דזשעסיס פּנים און פֿאַר־טראָגן געוואָרן צו איר מאַמען, און פֿון דאָרטן איז זיין געדאַנק געלאָפֿן צו זיין ברודער אין שיקאַגאָ. אַ וועג אַ גלייכער: אַ ברודער, אַן אָרים אַרבעטער־מיידל אויף דער איסט־סאַיד אין די אַכציקער יאָרן; די־אָ פֿאַרשפּילעטע מיידל וואָס זיצט קעגנאיבער און דאָס שטיקל פּאַפּיר מיט די עטלעכע שורות פֿאַרפּלייצט מיט טרערן... דוקא צוליב דער איינפֿאַכקייט פֿון דער פֿאַר־בינדונג איז דער גאַסט ביי אים אין אַפּיס פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ רעטע־ניש. זי האָט געשוויגן, און ער האָט ניט געוואוסט פֿון וואָס אָנצוהייבן, כּדי צו מאַכן זי רעדעוודיק.

— איר האָט געשריבן, אַז איר דאַרפֿט מיך נויטיק זען, און איצטער קען איך זיך ניט דערוואַרטן. קען איך וויסן וואָס האָט אייך צו מיר געבראַכט?

דאָקטאָר לוריא איז אויפֿגעשטאַנען פֿון זיין פּלאַץ, צוגעגאַנגען צו דזשעסין, ניט ווילנדיק גענומען איר לינקע האַנט און מעכאַניש האָט זיין פֿינגער אָנגע־רירט דעם פּולס. ער האָט אויפֿגעכאַפּט איר האַסטיקן האַרץ־קלאַפּ.

— ווען האָט איר געזען מיין ברודער, כ׳מיין אשרן, אָדער אַרקאַדיע לאַרי־סאָן, ווי ער הייסט דאָרטן? — האָט ער צעשטרייט געפֿרעגט.

— כ׳האָב ניט געוואַרט, אַז דאָס זאָלט איר פֿרעגן. כ׳בין געקומען צונ׳אייך, איר זאָלט רחמנות האָבן אויף מיין מאַמען. כ׳קען איר מער ניט העלפֿן. איך קען ניט מער.

איר שטים האָט געציטערט. זי האָט געאַנט, אַז ער האַלט איר האַנט און הערט זיך צו צו איר צערודערט האַרץ. אַ פֿאַרלאָרענע האָט זי געוואַרט וואָס וועט ער ווייטער פֿרעגן.

— קוקט מיר גלייך אין פּנים אַריין. אייער מוטער האַלט ביים בלינד ווערן. כ׳וועל זי נעמען צו אַן אויגן־ספּעציאַליסט, און וואָס מ׳וועט קענען פֿאַר איר טאָן, וועל איך. אָבער דאָס איז ניט אַלץ. ווייסט איר וואָס, פֿירט מיך צו אייער מוטער. כאָטש איך האָב וואָס צו טאָן דאָ, בין איך גרייט צו גיין מיט אייך גלייך.

ווען דאָקטאָר לוריא האָט גענומען דזשעסין אונטערן אָרעם, זי זאָל אויפֿ־שטיין און גיין, איז זי מיטן קאָפּ געפֿאַלן אויף זיין אָרעם און גענומען שלינגען די טרערן.

פֿון איר האָט געשלאָגן מיט ביליקן פּערפֿיום, וואָס האָט זי שטאַרק אָפּגעפּרעמדט. אָבער פֿון דער דאָזיקער פֿרעמדקייט האָט זיך אַרויסגעטיילט אַ געפֿיל וואָס האָט אים אין דער דאָזיקער רגע דערנענטערט צו איר. ער קען איר מוטער, אָט די שיף־שוועסטער, וואָס האָט מיט איר שטענדיקן פֿייער אין די באַקן אָנגעצונדן מיט פֿרייד זייער היים, און אַ סך מאָל אויך אַריינגעפֿאַלן אַ שיכּורע צו זיי אין דירה אויף לודלאָוו סטריט, בשעת קריינדל האָט זי גע־וואַשן מיט אירע טרערן. קריינדל האָט אַ פּאָר מאָל געפּאַטשט דעם שטאַרקן ברודער אשרן פֿאַר זיין אויסנוצן אַזוי מיאוס די אויסגעצערטע, אָרימע יוכבדן. דאָס איז געווען אַמאָל, גאָר אַמאָל. יוכבד איז שפּעטער פֿאַרשוואונדן אויף אַ סך יאָרן. אָנשטאָט איר האָט זיך באַוויזן אויפֿן אויבערפֿלאַך אַ מיידל וואָס הייסט דזשעסי. מיט איר דערשיינען דערמאָנט זי שטענדיק דעם ברודער וואָס מ׳וואָלט אַזוי גערן געוואָלט פֿאַרגעסן.

— אויב דו ווילסט איצטער ניט גיין מיט מיר צו דיין מוטער, קען מען עס לאָזן אויף אַן אַנדערש מאָל. איך זע ניט איין פאַרוואָס דו ביסט אַזוי צעטראָגן. אויב דער געדאַנק האָט דיך געטראָגן אַהער, האָסטו אפשר ניט געמאַכט קיין טעות.

ער האָט זי אַנידערגעזעצט צוריק אויף איר שטול און אַליין האָט ער זיך אומגעקערט צו זיין פריערדיקן פלאַץ ביים אָפיס־טיש, נאָך אַ מאָל אָנגעהויבן אַריינקוקן אין די רעקלאַמע־בלעטלעך אויפן טיש. ער איז געווען זיכער, אַז זי וועט איצטער אַזוי גיך ניט אַוועק. אַן אומפאַרמיידלעכער כוח טראָגט זי צו אים. זי לויפט פון אַ סכנה, אָדער זי זוכט געטרייע פריינטשאַפט פאַר זיך און פאַר דער מוטער. איר פּנים, וואָס ער האָט צום ערשטן מאָל געזען מיט אַ יאָר פינף צוריק, ווען זי איז נאָך געוויס קיין צוואַנציק יאָר ניט אַלט געווען, האָט יעמאָלט אים אויסגעזען עלטער, דערפאַרן און מיט דעם אויסדרוק פון פאַרביטערטקייט אַרום מויל און אויגן. איצטער, פאַרקערט, זיינען די דאָזיקע שטריכן ווי פאַרשוואונדן. כאָטש עלטער, אָבער ניט פאַרביטערט. צעבראָכן און צעשראָקן, אָן דער אַמאָליקער פאַריסנקייט און יינגלשער גאווה.

דאָקטאָר לוריא פּרואווט פאַרבינדן איר איצטיקע פאַרלאָרנקייט מיט די געשעענישן אין געוויסע ווינקלען פון ניו־יאָרק. ער ווייס, אַז מאָראַל־פאַר־זאָרגער האָבן מיט דער הילף פון פּאָליטישנס אָנגעהויבן אַ קאַמפּיין קעגן דער כוואַליע פון פּראָסטיטוציע, וואָס ד״האָט אַרומגעכאַפּט געוויסע געגנטן אין ניו־יאָרק. פאַר די לוריאס איז ניט קיין סוד, אַז אשר לוריא, וואָס וואוינט אין שיקאַגאָ, פירט זיינע פינצטערע געשעפטן אין ניו־יאָרק אויך, און די דאָזיקע דזשעסי איז זיינע אַ „רעכטע האַנט״. דאָקטאָר לוריא איז זיך משער, אַז אשר קומט נאָך איצטער אויך גאַנץ אָפט קיין ניו־יאָרק, נאָר זינט דניאל האָט אים אויסגעפּאַטשט, באַווייזט ער זיך ניט מער אויף אַ לוריא־שוועל. יוכבדן האַלט ער אויס מיט גרעסערע סומען געלט — דאָס איז זיך אויך דאָקטאָר לוריא משער. נאָך מער : דאָקטאָר לוריא איז חושד, אַז אין יוכבדס בלינד־ווערן איז אויך אשר שולדיק.

— וואָס האָט אייך פאַרט צו מיר געבראַכט ? — האָט דאָקטאָר לוריא אַריבערגעקוקט צו דזשעסין, וואָס האָט נערוועיש געגלעט דעם מאַנטל ווי אַראָפּצואווישן פון אים אַ שטויב. — אויב איר זייט געקומען צו מיר, האָט איר געוויס געגלויבט, אַז מיט עפּעס קען איך אייך העלפן. ניט שטענדיק בין איך אַ דאָקטאָר, וואָס פאַרשרייבט רעצעפּטן. איך בין אויך אַ מענטש און קען זיין אַ פריינט אויך.

— כ׳טראַכט, אפשר האָב איך דאָס מאָל אויך ניט געדאַרפט קומען, — האָט זי געפּרואווט אויפהויבן די אויגן צו דאָקטאָר לוריאן. — אויב איר האָט זיך אָפּגעזאָגט פון אייער ברודער, איר ווילט אים ניט קענען, האָט איר דאָך אוודאי פיינט יעדן איינעם וואָס קער זיך מיט אים עפּעס אָן.

אירע לעצטע ווערטער האָבן דאָקטאָר לוריאן אַ שלאָג געטאָן איבערן קאָפּ. ער זעט אַרויס, אַז אשרס נאָמען איז פאַרמישט אין איר איצטיקער צעטראָגנ־קייט. ער האָט זיך באַמיט צו האַלטן רויִק.

— איך האָב זיך פון מיין ברודער ניט אָפּגעזאָגט. בלוט איז בלוט. אפשר מיינען אַזוי מיינע ברידער. איך אַליין האָב זיך פון אים ניט אָפּגעזאָגט. די מענטשלעכע געזעלשאַפט האָט אירע אויסוואורפן, אירע פאַרברעכער, אירע

מענטשן וואָס בויען זייער לעבן אויף יענעמס לעבן. קען איך זיך פון אַזאַ איינעם אָפּזאָגן, אויב ער איז מיין ברודער? מיר האָבן אים ניט פאַרגעסן. ווען מיר אַלע, אַריינרעכענענדיק אונדזער פאָטער, זיינען אַוועק אַרבעטן; ווער אין שאָפּ, און ווער — ביי שווערער אַרבעט אין גאַס, האָט אשר געפונען גרינגע פאַרדינסטן. ער האָט באַוויזן איינצושפּאַנען אַנדערע, זיי זאָלן זיך פאַרדינגען צו אַ לעבן פון שאַנד. איך דערמאָן עס אַלץ, און איך זאָג זיך פון אים ניט אָפּ.

בשעת דאָקטאָר לוריא האָט גערעדט, האָבן זיך ביי דזשעסין אָנגעצונדן די אויגן, גלייך ווי אַ גרויס וואונדער וואָלט זי איצטער געזען. זי האָט געזוכט די ענלעכקייט אין דאָקטאָר לוריאס פּנים און פאַרגליכן עס מיטן פּנים פון דעם מענטשן וואָס איז פאַר איר אַליין געווען אַ פינצטערע רעטעניש.

— דיין מוטער... איך געדענק זי גוט, — האָט דאָקטאָר לוריא ווי פריער פאַרזיכטיק גערעדט. — וואָס זי איז געווען יעמאָלט, געדענק איך. זי האָט אונדזער שטוב ממש פול געמאַכט מיט איר שיינעם געלעכטער. מיין שוועס־טער, איר יעמאָלטיקע חברטע, האָט זי אָבער פון צייט־צו־צייט אָנגעוואָרן, אויף גאַנצע חדשים איז פאַרפאַלן געוואָרן. כ׳ווייס, די מוטער איז איצטער אַלט און צעבראָכן, אשר העלפט איר אַרויס מיט געלט. צוליב וואָס טוט ער עס? ווי קומט צו אים אַזאַ גוטהאַרציקייט?

— וואָס מיינט איר מיט דעם? — האָט זי אָנגעשטעלט אַ צעשראָקן פּנים.

— ער נוצט דיך אויס. אפשר האָסטו פאַרגעסן ווען דו ביסט געקומען צו מיין שוועסטער... קעראָלאַין האָט דיך וואָכנלאַנג אַרומגעזוכט.

דזשעסיס פּנים האָט אויפגעפלאַמט. די אויגן, גרויס און שטאַר, האָבן אַפיר געקוקט צו דאָקטאָר לוריאן, ווי ער אַליין וואָלט פאַר איר אויפגעעפנט דעם ביטערן סוד וואָס פּלאָגט זי די לעצטע צייט.

דאָקטאָר לוריא האָט ניט געוואַרט פון איר קיין ענטפער. ער האָט גע־שפּירט ווי דאָ האָט ער מער ניט וואָס צו טאָן מיט איר.

— קום, פיר מיך צו דיין מוטער. כ׳ווייס, זי האָט דיך אַהער געשיקט.

אַ גאַנצן וועג האָט דזשעסי געשוויגן. זי איז געווען גליקלעך וואָס איר באַגלייטער פרעגט ביי איר ניט מער. אַרום ברוקלין־ברידזש, אין אַ פאַרדומ־פענעם צימער אויף אַ דריטן שטאָק, האָט ער געפונען די פאַרוועלקטע יוכבד אין אומעט. גיכער אַ פאַרלאָרענע, ווי אַן ערנסטע קראַנקע — ד׳האָט יוכבד אַרומגעכאַפּט דאָקטאָר לוריאן אַרום ד׳האַלדז, ווי מיט אייזערנע קלאַמערן אים צוגעצויגן צו זיך און מיט טרוקענע ליפּן געקושט זיין פּנים און געוויינט:

— כ׳האָב געוואוסט, אַז זי וועט דיך איבעררעדן. כ׳האָב געוואוסט, אַז דו האָסט אַ גוט האַרץ. נאָר דיך האָב איך געוואָלט זען, נאָר דיך. ביסט ניט דאָקטאָר לוריא, ביסט דער גוטער לוריא. קריינע איז ניט דאָס וואָס געווען. אַ האַרץ קען אַמאָל שוין מער ניט איבערטראָגן, קען ניט מער.

זי האָט אָפּגעלאָזן דאָקטאָר לוריאס קאָפּ, געלאָזן אין אוממאַכט פאַלן די הענט אויפן ברודיק־געלן צודעק, און גענומען וויינען אויפן הויכן קול. איר גאַנץ לעבן האָט געוויינט. פון די בלינדע אויגן האָבן די טרערן געשטראָמט און זיך צעלאָפן איבערן פּנים. מ׳האָט געקענט מיינען, אַז דעם ליבסטן און טייערסטן, וואָס איז נאָר וואָס פאַר אירע אויגן אויסגעגאַנגען, באַקלאָגט זי,

און אַזוי וויינענדיק וועט איר אויסגיין ס׳גאַנצע חיות; אַזוי וויינענדיק וועט זי אײנגאַנצן אויפגעלייזט ווערן.

דזשעסי איז איבערגעלאָפן מיט די בליקן פון דער מוטער צו דאָקטאָר לוריאַן, און פון אים — ווידער צו דער מוטער. ניט ס׳ערשטע מאָל וואָס איר מוטער פאַרגיסט אַזויפיל טרערן, פאַרגייט זיך אַזוי אין געוויין.

דאָקטאָר לוריא האָט זיך צוגעזעצט נעבן יוכבדס בעט, גענומען איר קאַלטע, פייכטע האַנט און צוגעדריקט צו זיינע ליפּן.

האָט יוכבד אַנגעטאַפּט זיין האַנט און מיט אַמאָל אויפגעהערט צו וויינען.

— האַ, כ׳האָב עס ניט געדאַרפט טאָן, ניט געטאָרט טאָן... זכריהן באַגעגענען מיט אַ גוט פּנים, דערמאָנען אים לודלאָוו סטריט. ניט געטאָרט אַזוי טאָן... זי האָט מיט אירע ליפּן געזוכט אין זיינע הענט די אַמאָליקע טעג אויף לודלאָוו סטריט — אפשר בין איך גאָרניט אַזוי קראַנק. אַ מורא... מ׳בלייבט אַליין ווי אויפן וואַסער. און זי, איך קען זי מער ניט נאָכגיין מיט מיינע אויגן. קען ניט זיין צו איר אַ מאַמע, איך קען איר ניט געבן מער. וואו ביסטו, זעלדע? שעם זיך ניט פאַר זכריהן. אים מעגסטו אַלץ דערציילן. ביי אים מעגסטו פרעגן אַן עצה ווי ביי אַן אייגענעם ברודער. זאָג אים דאָס וואָס איך האָב דיך געבעטן. זאָג אים, אַז דו ווילסט מער ניט נעמען פון זיין ברודער. די מאַמע דיינע וויל אויך פון אים ניט האָבן מער קיין הנאה. דיין מאַמען איז סיי־ווי ניט געבליבן לאַנג אַנצוציען, וויל זי מער צו אים ניט אָנקומען. אָבער קיין סוד וויל דיין מאַמע אויך ניט האַלטן. זי, זעלדע, איז פון דיין ברודער. ער איז איר פאָטער. איך דאַרף עס מער ניט באַהאַלטן. כ׳וויל, זי זאָל האָבן ווער ס׳זאָל זיך אויף איר אומקוקן. אויב זי האָט זיך מפקיר געווען צוליב דער מאַמען אירער, איז דאָס ניט קיין זינד געווען. איר אַלע זייט מיט לייטן צו גלייך. איך האָב עס מורא געהאַט צו דערציילן קריינען. ווען זי איז ביי מיר געווען מיט אַ פּאָר יאָר צוריק האָב איך זיך אַנגענומען מיט ביטערניש און זי אָפּגעגאַסן מיט ביטערניש. איר האָב איך עס ניט געוואָלט דערציילן. גיט אַכטונג אויף מיין טאָכטער. זאָל זי וויסן, אַז ניט צווישן שטיינער איז זי אַרויסגעוואַקסן.

יוכבד האָט מיט אירע בלינדע אויגן געזוכט אין חלל פון צימער. די שטילקייט האָט ווי מיט צעפּלאַצטע גלאָקן אַנגעהויבן צו קלינגען אין חלל פון צימער.

און דזשעסי — — — איר מאַמעס ווערטער האָבן געשטאָכן איר לייב וואו נאָר זיי האָבן געטראָפן. זיי האָבן געשטאָכן אין קאָפּ, אין די אויגן, אין האַרצן און צווישן יעדן איינציקן ריפּ. אַ רגע האָט איר אויסגעוויזן ווי די האָר אויפן קאָפּ זיינען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין ברענענדיקע דראָטן, און זיי שטעכן זיך טיפער, טיפער, ביז אין מוח אַריין. מענטש און ניט־גוטער האָבן זיך פאַר די האָר געכאַפּט, אַנידערגעפאַלן פאַר אירע פיס און פליקן זיך די האָר אויס איינס ביים אַנדערן! דאָקטאָר לוריאס געשטאַלט האָט אַנגעהויבן צו קרייזן אין קאַראַהאַד, שווינדלען פאַר אירע אויגן. ניט איין קאָפּ־און־פּנים, נאָר צענדליקער קעפּ שווינדלען און דרייען זיך אין קאַראַהאַד פאַר אירע אויגן. זי האָט אין טויט־שרעק אַריינגעכאַפּט איר רעכטע האַנט, פאַרמאַכט ס׳מויל — דעם וועג צו פאַרשטעלן פאַר דעם הינטערשטן געוויין וואָס האָט זיך פון אַלע

אירע גלידער געריסן. זי האָט זיך ניט געקענט גובר זיין. ס׳געוויין איז געווען שטאַרקער פון איר!

דורך דעם היסטערישן געוויין האָט זיך פון די צענדליקער שווינדלדיקע געשטאַלטן אַרויסגעטיילט בלויז דאָס געשטאַלט פון דאָקטאָר לוריאַן וואָס איז אַן אויסגעלאָשענער געזעסן ביי דער בלינדער יוכבדס געלעגער און געדריקט איר קאַלטע האַנט צו זיין האַרצן.

ווען דזשעסי איז שטיל געוואָרן, האָט דאָקטאָר לוריאַן אויסגעדוכט, אַז אין צימער איז ליכטיקער געוואָרן — אַט ווי דער דרויסן, וואָס לייטערט זיך נאָך אַ שטורעם אויס. ער האָט אַ סך געהאַט צו פרעגן, און האָט גאָרניט גע־פרעגט. ער האָט געהאַט אַ סך וואָס צו זאָגן כדי צו באַרואיקן די פאַר־וועלקטע און צעטראָגענע יוכבד. ער האָט גאָרניט געזאָגט. אין דער שטיל־קייט, וואָס האָט איצטער אַרומגענומען דאָס פאַרדומפּענע צימער, האָבן אַלע דריי געטראַכט פון אַ מענטשן וואָס האָט אַמאָל געהייסן אשר לוריא. דאָקטאָר לוריא האָט אויך געטראַכט פון דער בלינדער יוכבד וואָס האָט באַ־האַלטן אַזאַ סוד פון איר אייגן קינד; און אפשר אַליין צוגערעדט איר קינד אַרויסצוהעלפן אשרן אויף אַלע זיינע פינצטערע וועגן.

— ווען איז דאָ אשר געווען? — האָט דאָקטאָר לוריא רואיק געפרעגט.

— שוין מער ווי אַ יאָר איז ער דאָ ניט געווען — האָט יוכבד, אַן אויס־געמאַטערטע, שטיל געענטפערט.

— האָט ער די גאַנצע צייט געשיקט געלט?

— ביז מיט צען חדשים צוריק.

— ווייסט ער דאָס וואָס דו האָסט מיר דערציילט?

—אפשר ווייסט ער.

דאָקטאָר לוריא איז מיט די בליקן איבערגעגאַנגען צו דזשעסין, וואָס איז ווי יינגער געוואָרן פון איר לעצטער איבערלעבונג.

— איך פרעג ניט מער, — האָט דאָקטאָר לוריא גערעדט אויף דזשעסיס זייט. — איך דאַנק יוכבדן פאַר דעם אַלעמען. איך מוז איצטער גיין צוריק אַהיים. וועל דאָ ווידער זיין. מיט וואָס איך וועל קענען, וועל איך דיר העלפן, יוכבד.

* * *

דאָקטאָר לוריאַן איז שווער געווען אַראָפּצושלינגען דעם ביטערן ביסן וואָס ער האָט געקראָגן ביי זיין שיף־שוועסטער, ביי דער האַלב־בלינדער יוכבד און איר טאָכטער דזשעסי. פאַר זיין דמיון זיינען זיי גאָר אומגעריכט אַרויסגע־קומען ווי אַ טרויער־צווייג אין דער לוריא־משפחה.

אינערלעך אַ צעטרייסלטער איז ער אַרויס פון דעם פאַרדומפּענעם צימער, וואו יוכבד האָט מיט אַ ביטערן געוויין אים דערציילט, אַז דזשעסי איז אין אמתן דעם אַמאָליקן אשר לוריאס אַ קינד. מיט לאָגיק האָט דאָקטאָר לוריא געוואָלט אויסטייטשן, אַז יוכבד האָט בכיון צוגעטראַכט דעם גאַנצן ענין, כדי אַזוי־אַרום אָנוואַרפן איר טאָכטער דער לוריא־משפחה. דורך דעם אפשר וועט געלינגען אַרויסצושלעפּן דזשעסין פון דעם זינדיקן לעבן וואָס זי פירט „כדי מפרנס צו זיין די בלינדע מוטער".

אָבער מיט זיין גאַנצער לאָגיק האָט עס דאָקטאָר לוריא ניט געקענט אָפּ־וואַרפן פון זיך. מענטשלעכער עלנט, טרויער און פאַרלאָרנקייט — דאָס האָט

ער געגוג געזען. די פאַרשאַלטענע ווינקלען, וואו שטיקער פון ערשטן דור האָבן געפוילט נידעריק ביים ברוק אין דער נייער היים, וואָס הייסט אַמעריקע, דאָס האָט דאָקטאָר לוריא ניט פאַרזען. די שטרויכל־שטיינער, וואָס איבער זיי פאַלן די ניט־מזלדיקע, בלייבן ליגן ביז צום צעטראָטן ווערן, דאָס האָט ער געקענט. זיין לעבנס־דערפאַרונג האָט ער אין נייעם לאַנד געפונען. אים האָט אויסגעוויזן, אַז אין קיין שום לאַנד טראָגט זיך ניט אַזוי דער מענטש אויפן וועג צו זיין דערפאָלג איבער די קערפּער פון די שוואַכע און געשטרויכלטע ווי דאָ אין פרייען לאַנד.

— איבער מענטשלעכע לעבנס טראָגט זיך דאָ דער מענטש אויפן וועג צו זיין דערפאָלג!

די לוריאס זיינען לויט זיין באַגריף געווען די דערפאָלגרייכע, וואָס האָבן ניט געלאָזן מ׳זאָל איבער זייער לעבן טרעטן. און צום סוף — נאַ דיר אַ נייע קרובה! אַן אומגעזעצלעכע טאָכטער פון דעם אויסוואורף, וואָס הייסט איצטער אַרקאַדיע לאַריסאַן! אַ קרובה, וואָס האָט איר יונגן קערפּער פאַרקויפט צו יעדן איינעם וואָס איז איר געקומען אין וועג. די מוטער האָט ביז איצטער דער טאָכטער ניט איבערגעגעבן דעם שרעקלעכן סוד. דאָקטאָר לוריא איז חושד, אַז אשר האָט זי אויסגענוצט ווי אַ פּראָסטיטוטקע, אַליין ניט וויסנדיק אַז זי איז זיין טאָכטער.

גאַנץ פאַרזיכטיק האָט דאָקטאָר לוריא וועגן דער טרויעריקער באַגעגעניש מיט יוכבדן דערציילט זיין שוועסטער. תחילת האָט ער דערציילט בלויז די ערשטע העלפט, אַז יוכבדס טאָכטער איז צו אים געקומען בעטן הילף פאַר דער מוטער, און ער גלויבט, זי איז אויסן געווען בעטן הילף פאַר זיך אַליין.

אָבער שפּעטער האָט ער זיך אַרומגעזען, אַז ס׳איז ניט זיין עסק זיך אַרומ־צוטראָגן מיט אַזאַ סוד. ס׳איז ניט זיין ענין אַליין. זאָל די גאַנצע משפּחה וויסן, זאָל יעדערער אויף זיין אויפן האַנדלען לויט זיין אייגענעם געוויסן און פאַרשטאַנד.

קעראָלאַין, וואָס האָט אינערלעך ניט איבערגעריסן מיט איר אַמאָליקן לעבן אויף לודלאָוו סטריט, האָט מיט איר פרויען־אינסטינקט געפּאַרשט דעם יוכבד־דזשעסי־סוד. ווען דזשעסי האָט זיך ס׳ערשטע מאָל באַוויזן ביי איר און דערציילט, אַז זי איז אשרס אַ שוועגערן, האָט קעראָלאַינען אַ שלאָג געטאָן אין קאָפּ די שטאַרקע ענלעכקייט וואָס זי ד־האָט געפונען אין דזשעסיס פּנים מיט אשרן; כאָטש דזשעסי איז געווען בלאַנד ווי יוכבד, און אשר איז געווען דער שטאַרקסטער ברונעט צווישן די לוריאס.

ווען דאָקטאָר לוריא האָט פאַרבעטן צו זיך זיין שוועסטער און איר איינ־גערוימט דעם סוד וואָס יוכבד האָט אים איבערגעגעבן, האָט זי זיך געכאַפּט פאַרן האַרצן ווי מ׳וואָלט איר מיט אַ שאַרפן אייזן ס׳האַרץ דורכגעלעכערט. זי האָט נערוועיש געטאַפּט ס׳פּנים מיט די פינגער, געוואָלט אַ מיאוסע בייסע־ניט אַראָפּשאַרן פון דעם וויס־און־רויט צעפלעקטן פּנים. די צעשראָקענע אויגן האָבן געזוכט אין ־איר ברודערס פּנים, צי איז ער ניט פון זינען אַראָפּ.

— ווי טראָגט מען איבער אַזאַ שאַנד? — האָט זי, אַ נידערגעשלאָגענע, געפרעגט ביי זיך אַליין. — ווי דערציילט מען עס פאַר דער וועלט? עס קומט פּשוט אויס צו נעמען און זיך באַגראָבן לעבעדיקערהייט פאַר חרפּה.

— ס׳איז אמת, פון זיך אַליין קען אַ מענטש ניט אַנטלויפן; אָבער מיט דער וועלט האָט ער אַזױפיל צו טאָן. לייג עס ניט אויף דער וואָג פון אָנשטענ־דיקייט. צי זי איז אשרס אַ טאָכטער, צי איר פאָטער איז יוכבדס מאַן, וואָס איז פון שווינדזוכט געשטאָרבן, דאָס גייט מיר ניט אָן. יוכבד בעט הילף. איר טאָכטער בעט אויך. צי זי איז געווען אַ פּראָסטיטוטקע, צי ניין, דאָס דאַרף אונדז אויך ניט אָנגיין. וואָס בלייבט איצטער צו טאָן? דאַרפסט זיך, קריינע, ניט שלאָגן קאָפּ אָן וואַנט. ביסט שטענדיק גרייט געווען צו העלפן אַ מענטשן. יוכבדן האָסטו געפּראוווט אַ פּאָר מאָל העלפן, האָט זי, ווי איך פאַרשטיי, דיך פאַרטריבן פון זיך. איצטער בעט זי רחמים. אפילו אַזאַ מעשה דערציילט. ווילסטו — גלויב, ווילסטו — גלויב ניט. מ׳באַדאַרף זיך מישב זיין מיט נתנען. אפשר קען ער פאַרן מיידל קריגן אַרבעט אין אַ שאָפּ. און יוכבדן העלף אַרויס מיט וויפיל דו קענסט. איך וועל זי נעמען צו אַ ספּעציאַליסט, אפשר קען מען איר אָפּראַטעווען די אויגן. טשיקאַווע, ווי די אויגן אירע זיינען בלוי ווי אין די יונגע יאָרן. ממש ס׳גלויבט זיך ניט, אַז יוכבד איז בלינד.

דאָקטאָר לוריאס ניכטערקייט האָט קעראָלאַינס געמיט ניט באַרואיקט. פאַר איר געמיט איז אויסגעקומען, גלייך ווי אַ פינצטערער תהום האָט פאַנאַנ־דערגעריסן זיין מויל און האַלט ביים איינשלינגען אַלץ און אַלעמען וואָס האָט נאָר אַ שייכות מיט דער לוריא־משפּחה.

— נעם זיך אַזוי ניט דאָס לעבן, קריינע. פאַראַנען נאָך צוויי ברידער אין ניו־יאָרק. לאָמיר זיך באַגעגענען און דורכשמועסן. איז אונדז פון הימל אַראָפּגעפאַלן אַ פלימעניצע, נאָר זי איז אַ שמוציקע, וועלן מיר זי אויסוואַשן, אָנטאָן און מאַכן פאַר אַ הייליקע, כאַ־כאַ־כאַ.

קעראָלאַין איז אַ וויל געשטאַנען אַ צעטומלטע, האָט ניט געקענט באַנע־מען דעם ברודערס לעצטע ווערטער און ס׳געלעכטער, וואָס האָט זיינע ווער־טער באַגלייט. „זכריה מיט זיין אידל האַרץ זאָל אַזוי ניט פילן דעם טיפן בראָך וואָס האָט מיך געטראָפן!״ — איז איר דורכגעלאָפן אַ מחשבה.

— ווייסטו וואָס, זכריה, — האָט קעראָלאַין זיך אָנגענומען מיט מוט. — ביסט אפשר גערעכט. לאָמיר אַריבערגיין צו אונדזער פּראַקטישן ברודער, צו נתנען; לאָמיר אים אַלץ דערציילן און הערן וואָס ער האָט צו זאָגן. כ׳וועל אים בעטן, צו טאָן אַלץ וואָס ליגט נאָר אין זיינע הענט, מיר זאָלן אינאיינעם אַרויסשלעפּן יוכבדן פון דער פינצטערניש אַרויס.

לאָזט זיך אויס, ווען קעראָלאַין און דאָקטאָר לוריא זיינען אין אָוונט גע־קומען צום עלטערן ברודער, אויפגעדעקט פאַר אים די מעשה יוכבד; ווי אַזוי דזשעסי איז גאָר אייגן בלוט־און־פלייש, און ס׳איז נויטיק מ׳זאָל העלפן זיי ביידן אַרומוואַשן פון דעם שמוץ וואָס אשר האָט אויף זייער לעבן אָנגע־וואָרפן, האָט ער זיך געכאַפּט פאַרן קאָפּ און געלאַכט אויפן הויכן קול.

— איך לאָך זיך אויס פון אַלע משפּחה־פאַרפּליכטונגען, — האָט זיך נייטן לוריא אַוועקגעשטעלט אין דער פּאָזע פון אַ פריידיקער אַנטקעגן זיין צעשראָקענער שוועסטער. — ס׳איז מיר ניט קיין מוז־זאַך, כ׳זאָל אויף מיין געוויסן טראָגן יעדן איינעם פון דער משפּחה וואָס איז דאָ אין לאַנד געוואָרן אַ פּאַסקודניאַק. יעס, מיין ליבע שוועסטער קריינע, כ׳טראָג אפילו ניט אויף מיין געוויסן דעם מיאוסן עקספּלואַטאַר, מיסטער לעאָנאַרד סטאָן. ווען

ס׳וועט אויסקומען צו קעמפן פאַרן אַרבעטער־קלאַס, וועל איך באַקעמפן אַן אייגענעם שוואָגער, אפילו אַן אייגענע שוועסטער. דעריבער בעט איך דיך, קריינע, טראָג מיר ניט צו אויף אַ טעלערל די מעשים פון אונדזער בראַטאַק אין שיקאַגאָ, כ׳זאָל עס נעמען אויף מיין געוויסן. אויב דו ווילסט העלפן דיינער אַ שיף־שוועסטער, וואָס מיט דרייסיק יאָר צוריק, בשעת דו האָסט זיך געוואַלגערט אין קעלער, איבערגעקליבן שמאַטעס אַבי צו מאַכן אַ לעבן, האָט זי זיך אַרומגעוואַלגערט מיט אונדזער אשרן, געזוכט אַ גרינגער לעבן, ווילסט איר העלפן, ביסט בכוח עס צו טאָן — טו עס דיר! זאָל דיר גאָט העלפן. זי איז קראַנק, צעבראָכן, זי ווערט בלינד, האָסטו דאָך אַ גוט האַרץ, ביסט אין די פעדערן, נעם און העלף איר! נאָר אויב די טאָכטער אירע האָט זיך דערשראָקן פאַר די אַבלאַוועס וואָס די גיר־יאָרקער מאַראַל־זוכער מאַכן אין די באָרדעלן, כאַ־כאַ־כאַ...

נייטן לוריא האָט אַרומגעכאַפּט זיין שוועסטער, זי אַ טרייסל געטאָן, גע־וואָלט, זי זאָל מיט אים מיטלאַכן.

אָבער קעראָלאַין, וואָס איז געקומען צו איר ברודער דעם סאָציאַליסט, ער זאָל איר געבן אַן עצה ווי אַרויסצופירן איר שיף־שוועסטערס אַ טאָכטער, און אפשר טאַקע אייגן פלייש־און־בלוט, אויף אַ ריינעם און אָרנטלעכן לעבנס־וועג, איר איז ניט געלעגן אין זינען צו לאַכן.

— ביי אייך אַלעמען איז דאָס האַרץ פאַרשטיינערט געוואָרן, אָט וואָס מיט אייך איז, — האָט קעראָלאַין אָנגעהויבן וויינען. — אפנים אַמעריקע האָט ביי מענטשן צוגענומען ס׳ביסל רחמנות.

— אַמעריקע האָט דעם רוסישן קוואַטש געמאַכט פאַר אַ מענטשן!

— כ׳בין דיר, נתן, מוחל די טובה, — האָט קעראָלאַין זיך געוועדט. — כ׳ווייס וואָס אַמעריקע האָט פון אונדז אַלעמען געמאַכט. בין דיר מוחל מיין מאַנס עשירות. מיר זיינען געקומען אַהער מענטשן, מיט האַרץ און מיט רחמנות אין האַרצן. וואָס איז איצטער? אַ מענטש זאָל דאָ אויסגיין, וועט מען זיך אויף אים ניט אומקוקן.

— אַזעלכע מענטשן, ווי דיין לעאָנאַרד, זיי קענסטו אויפוואַרפן, אָבער ניט מיר און ניט אים. וואָס, ניט, זכריה? — האָט נייטן לוריא זיך געווענדט צו דאָקטאָר זכריה לוריאַן, וואָס איז געזעסן אַן איינגעבויגענער אויף דער סאָפע. — זאָג איך אפשר אַ ליגן, האַ?

דאָקטאָר לוריא האָט זיך פון דעם גאַנצן שמועס דערשפּירט קליין און נידערגעשלאָגן. ער האָט קיין חשק ניט געהאַט אָפּצוענטפערן זיין עלטערן ברודער. ער האָט פון פולן האַרצן מסכים געווען מיט דער שוועסטערס פאַר־וואורף, אַז אין אַמעריקע האָט דער מענטש אָנגעוואָרן דעם רחמנות־געפיל.

נייטן איז געשטאַנען פון דער ווייטנס און מיט אַ איראָנישן שמייכל באַ־טראַכט אַ מאָל דעם ברודער, און אַ מאָל די שוועסטער.

— וואָס, זכריה, דיר שטייט ניט אָן אַרויסצוזאָגן דיין מיינונג? מיינסט טאַקע אויך, אַז אונדזערע יידן האָבן דאָ אין לאַנד אָנגעוואָרן דעם רחמנות־געפיל?

— אפשר. — האָט דאָקטאָר לוריא ווי פאַר זיך אָפּגעענטפערט.

— ווייסטו, פון וואַנען דער רחמנות־קוואַל שלאָגט? — איז נייטן צוגע־שטאַנען צו זיין ברודער.

— איך ווייס. מענטשלעכע נויט, ווען זי איז פון מענטשן באַמערקט געוואָרן, האָט עס באַשאַפן דעם רחמנות־געפיל.

— און ווער האָט די מענטשלעכע נויט געשאַפן? ס'איז אין דיין אַלטער תורה געשריבן, אַז אייביק וועלן זיין אָרימעלייט, דעריבער זאָל אַ מענטש טראַכטן פון געבן נדבות. מיר ווייסן פון די רחמנות־קוואַלן.

— איך ווייס עס אויך אַ ביסל, נתן. אָבער ביז־וואַנען, ביז־וואָס, ביז סאָציאַליזם און פולשטענדיקע גלייכהייט וועט אָנשטיין ביי מענטשן, איז פּאָרט נויטיק אַ טראָפּעלע רחמנות און רחמנות־באַציאונגען צו די וואָס געפינען זיך אין נויט. דאָ אין לאַנד זיינען נאָך דערווייל ניט אַלע באַזאָרגט.

— אַלע, וואָס אַרבעטן! — האָט נתן מיט נצחון אויסגערופן.

— אָבער ניט אַלע אַרבעטן.

— אָבער ניט אַלע, וואָס אַרבעטן ניט, ווילן אַרבעטן. און רעד מיך, זכריה, ניט איין, אַז מיט פּראָסטיטוציע גיבן זיך מיידלעך אָפּ נאָר אויס שווערער נויט.

— אין פרויען־פּראָסטיטוציע זיינען אפשר די מענער מער שולדיק ווי די פרויען.

— מסכים!

— פרעג מיך, דעם דאָקטאָר, וועל איך דיר דערציילן, ווי אַזוי מיידלעך פאַלן אַריין אין די הענט פון אַלפאָנסן.

— אַ דאָקטאָר פון דיין שניט קומט אויסהיילן אַ פּאַרטיקע קרענק. דיר גייט ניט אָן צו פאָרשן פון וואַנען די קראַנקייט האָט זיך אָנגעהויבן.

— איך באַליידיק זיך ניט אויף דיר, נתן. דו, און אַלע אין דיין גלייכן, זייט איר צו ווייט פאַרלאָפן פאָרויס מיט אייערע טעאָריעס. אַריבערגעשפּרונגען דיווירקלעכקייט. ביז־וואָס, ביז־ווען, און דאָס איז שוין אַזוי לאַנג זינט דער מענטש איז אַרויף אויפן ערשטן שטאַפּל פון זיין קולטור, האָבן מיר די ווירקלעכקייט אַזאַ ווי זי איז. אוודאי קריגן מיר, דאָקטוירים, פּאַרטיקע קראַנקייטן; איז דעריבער דאַרפן מיר ניט היילן די קראַנקע? ס'איז זייער פּאַסקודנע צו לעבן מיט דער צוקונפט־טעאָריע: היות, ווען משיח וועט קומען וועלן אַלע מענטשן זיין צדיקים און אַלע וועלן האָבן זייער שטיקל פיש מיט לאָקשן, דעריבער דאַרף מען דערווייל דעם הונגעריקן געבן שטיינער צו קייען? כ'דערקען דיך ניט, נתן. זיי מיר מוחל, וואָס איך דערלויב מיר דיר צו זאָגן דעם אמת. ס'איז די אייגענע געשיכטע מיט דיין טעאָריע וועגן יידישן פאָלק: אַז באשר בכן אין דער צוקונפט וועלן אפשר ניט זיין קיין באַזונדערע פעלקער, נאָר איין גרויסע מענטשהייט, דעריבער זאָלן יידן פאַרלויפן דעם וועג פאָרויס און זיך צו אַסימילירן אויף וואָס די וועלט שטייט.

— קינדערלעך, וואָס האָט אייער קלוגער שמועס צו טאָן מיט יוכבדס ביטערער לאַגע? — האָט קעראָלאַין אומגעדולדיק געפרעגט.

— ס'האָט יאָ צו טאָן, שוועסטערשי. דיין קלוגער ברודער טענהט, אַז די אומגליקן וואָס פרעסן די מענטשלעכע געזעלשאַפט טויזנטער יאָרן וועלן שוין אַזוי שאַלטעווען ביז משיח וועט קומען. און איך זאָג, אַז... נו, לאָמיר זיך ניט קריגן. לאָזט מיך גיין מיין וועג.

— גוט, נתן; קיינער וויל דיר דיין וועג ניט פאַרגיין, — האָט קעראָלאַין זיך אָנגעהויבן קלייבן אַוועקצוגיין.

— פּאַרשטייסט, קריינע, — איז נייטן לוריא ווייבער געוואָרן, — ווען דו וואָלסט צו מיר געקומען, כ׳זאָל עפּעס טאָן פאַר אַ גויטבאַדערפטיקן, אויב נאָר ס׳ליגט אין מיינע הענט, טו איך. אָבער איר זייט געקומען מיר דערציילן אַ מעשה פון אַ גרויס גליק, וואָס מיך האָט געטראָפן, כ׳בין אויפגעריכט געוואָרן מיט אַ פּראָסטיטוטקע אין דער משפּחה; שפּיי איך אויף דעם אַלע־מען! קענסט זיך דורכרעדן מיט דיין לעאָנאַרדן, ער האָט אַ גרויסן שאַפּ, שפּייזט הונדערטער מענטשן, אפשר וועט ער מאַכן פּלאַץ ביי אַ ניי־מאַשין פאַר אַ מיידל, וואָס...

קעראַלאַין האָט ניט געוואַרט ביז איר עלטערער ברודער וועט ענדיקן. מיט צעטומלטע טריט איז זי אַרויס פון שטוב.

— וואַרט, קריינע, דינה וועט באַלד קומען, וועט מען טרינקען טיי!

קעראַלאַין האָט זיך ניט אָפּגערופן.

די ברידער האָבן זיך שווייגנדיק אָנגעקוקט. ניט ס׳ערשטע מאָל וואָס נייטן לוריא באַהאַנדלט אַזוי טרוקן זיין שוועסטער. קעראַלאַין, מיט איר מוטערלעכער נאַטור, כאַטש זי ברוגזט זיך אויף אים, פונדעסטוועגן פאַרגעסט זי און איז אים אויף אַלץ מוחל. ס׳טוט איר שטאַרק ווי ווען נייטן וואַרפט איר אויף ס׳רייכע לעבן. זי נעמט עס אָן ווי אַ פאַרדינטע שטראָף.

מיט איר איצטיקן אַוועקגיין האָט זי איבערגעלאָזן אַ שווערע שטימונג, און שטאַרק ווי געטאָן דאָקטאָר לוריאַן.

— איך זע ניט איין צוליב וואָס דו באַליידיקסט זי, נתן. קענסט קריינד־לען גוט. זי קומט צו דיר עפּעס בעטן, קענסט פאַר איר ניט טאָן — זאָג אָפּ. צוליב וואָס טוסטו איר אָן צער? — האָט דאָקטאָר לוריא ניט געקענט באַ־האַלטן זיין פאַרדראָס.

— כ׳האָב דיך געהאַלטן פאַר אַ סך קליגערן, זכריה.

— ניין, מיר פעלט ניט די ניכטערקייט פון אַ חכם.

— כאַ־כאַ־כאַ, ביסט שוין אַ צו ניכטערער מענטש. מיר, סאָציאַליסטן, זיינען ראָמאַנטיקער. ביסט אַ טרוקענער חכם, כאַ־כאַ־כאַ.

דאָקטאָר לוריא האָט מיטגעלאַכט. דער לעצטער, מיט וועמען ער האָט זיך געוואָלט אַמאָל קריגן, איז געווען זיין ברודער דער סאָציאַליסט. ער האָט זיין ברודער פאַרגונען די זיכערקייט אין אַלץ וואָס ער האָט געגלויבט.

— כ׳האָב צו דיר גאָרניט, נתן. וואויל צו די גלויביקע. דו האָסט דיין אמונה אין אַרבעטער־קלאַס, איז דיר וואויל. דאַרפסט נאָך האָבן אמונה אין דעם מענטשן און זיין שטרעבן בכלל. קוקסט אויף דעם יידישן קיבוץ דאָ מיט די אויגן פון אַ סאָציאַליסט. איך — מיט די אויגן פון אַ סאָציאָלאָג. פאַר דיר עקזיסטירט אַרבעט און קאַפּיטאַל, קלאַסן־קאַמף. פאַר מיר עקזי־סטירט אַ מענטשהייט, וואָס אין איר גופא גייט פון אייביקע צייטן אָן דער קאַמף פון די שוואַכע אַנטקעגן די שטאַרקע. די שוואַכע ברעכן צונויף אונטער דעם שטאַרקן, שווערן דרוק. איך אָנערקען, אַז דו און דיין גלייכן האָבן גע־האָלפן דעם שוואַכן אַרבעטער אויסקעמפן בעסערע ווייזדזשעס, קירצערע שטונדן. דאָס איז אַלץ אמת. פּרנסה. דאָס איז אָן אויבערשע פּאַזע. ברויט, דירה...

— איז דאָס ווינציק פאַר דאָקטאָר לוריאַן?

— פאַר דאָקטאָר לוריאַן איז עס נאָך מער ווי ער האָט זיך געקענט פאָר־שטעלן. אָבער קריינע איז גערעכט ווען זי וואַרפט דיר אויף, אַז אין אַמעריקע האָט דער ייד אָנגעוואָרן דעם רחמנות־געפיל. דער ייד אין די אַכציקער יאָרן איז געווען אַן אַנדער מענטש. אַ פּאָגראָם אין איין עק לאַנד — האָט מען זיך אויפגעכאַפּט אין אַנדערן עק לאַנד. מענטשן האָבן זיך אין וועג באַגעגנט; מ׳האָט זיך אָנגעקוקט, אַ האַנט דערלאַנגט און זיך דערקענט.

— קוואַטש, זכריה! קוואַטש זיינען דאָרטן די מענטשן. דאָ שטייט דער מענטש אויף זיינע אייגענע פיס. דאָ האָבן זיך יידן אויך געשטעלט אויף אייגענע פיס. האָבן אַוועקגעמאַרשירט אויף אייגענע פיס. וואָס דאָרטן אין רוסלאַנד איז, דאָס דערקען איך אויף די וואָס קומען אַהער. אויף די, וואָס האָבן זיך געראַטעוועט פון מלחמה־פּאָגראָמען.

— דאָס האָט אַלץ ניט צו טאָן מיט דעם ענין צוליב וואָס קריינע און איך זיינען צו דיר געקומען.

— פון מיין ברודער אשרן זאָג איך זיך אָפּ. אויב ער טוט דאָס וואָס מ׳זאָגט אויף אים, וואָלט איך אַליין אים פאַרמשפּט אויף אייביקע קאַטערגע. יוכבד פינקלשטיין געהער צום מענטשן־מיסט. ס׳לעבן טרעט אויף דעם.

— אַטאָ דאָס פאַרשטיי איך. מיינע רייד. דאָס לעבן טרעט אויף דעם. מענטשן־מיסט. איך קום אין קאָנטאַקט מיט דעם דאָזיקן מענטשן־מיסט. צו מיר קומען פּראָסטיטוקעס, כ׳זאָל זיי היילן. כ׳פאַרפיר אַמאָל אַ שמועס מיט אַזאַ איינער, כ׳פרעג, פאַרוואָס זי האָט אַזאַ פּרנסה אויסגעקליבן.

— כ׳ווייס וואָס מ׳ענטפערט, — האָט נייטן איבערגעשלאָגן זיין ברו־דער, — פאַרפירט געוואָרן, כאַ־כאַ־כאַ... הונגער האָט געטריבן... און דו ביסט אַ גוטער, גלויבסט. זאָל דיר וואויל באַקומען. איך בין ניט אַזאַ גוטער. קענסט קריינען זאָגן מיין מיינונג. זאָל זי אָראָפּפאָרן קיין שיקאַגאָ, ביי דער יוכבד איז מסתמא פאַראַן זיין אַדרעס, זאָל זי זיך באַגעגענען מיט אשרן און פּרוּוון אים אַרויספירן אויפן דרך הישר.

— כ׳האָב ניט קיין פאַראיבל אויף דיר, נתן, — איז דאָקטאָר לוריא אויפגעשטאַנען פון פּלאַץ. — איך בין דיר מקנא. ביסט זיכער, אַז אַ מענטש קען פון זיך אַנטלויפן. זאָל עס דיר וואויל באַקומען. איך בין ניט אַזוי זיכער אין דעם. כ׳האָב געמיינט, וועסט אַנדערש האַנדלען. מ׳וועט דיר קומען דער־ציילן, אַז יוכבד האָט פאַרטרויט אַ סוד, וויל אָנהויבן אַן אָנשטענדיק לעבן.

— טו העל מיט זייער אָנשטענדיק לעבן! — איז נייטן לוריא אויפגע־שפּרונגען. — זאָל אונדזערע אייגענע שוועסטער לעבן אַן אָנשטענדיק לעבן. זאָל זי אַ שפּיי טאָן אויף דעם עקספּלואַטאַטאָר, אויב זי קען אין זיין צורה ניט קוקן. אויב זי האָט זיך פאַרקויפט פאַר געלט, איז עס אָנשטענדיק?

— באַגייסט אַ זינד, נתן, אויב דו רעדסט אַזוי.

— ווער זייט איר אַזעלכע, וואָס ווילט באַזאָרגן ניו־יאָרק מיט אָנשטענ־דיקייט? זאָל זי קומען צו מיר, יוכבדס טאָכטער, און זאָגן פּשוט און קלאָר: ביז איצטער בין איך געווען אַ פּראָסטיטוטקע און פון איצטער אָן און ווייטער וויל איך ווערן אַ פּשוטע אַרבעטערין... זאָל מען קומען צו מיר ווי צו אַ יוניאָן־מענטשן; פאַרוואָס קומט מען צו מיר ווי צו אַ נתן לוריא און מ׳וויל

מיך באַרייכערן מיט אַ נייעם מיטגליד פון דער משפחה, ווען איך בין פון די אַלטע קראַנק און מיד?! וואָס געהער מיר אָן דער ציוניסט דניאל?

— וואָס געהער איך דיר אָן?

— גאָרניט!

— ביסט גערעכט, נתן, — איז דאָקטאָר לוריא צוגעגאַנגען, גוטמוטיק געקלאַפּט דעם ברודער אין פּלייצע. — נעם ניט פאַר אומגוט, כ'האָב געוואָלט קריינען צוליב טאָן און געקומען צו דיר. נו, איז ניט. אויב ניט ווי אַ ברודער, וועלן מיר זיך אפשר ווי מענטשן באַגעגענען.

קאַפּיטל דרייסיק

עמאַ בערגער האָט אַ גאַנצע נאַכט מיט אַן אויג ניט צוגעמאַכט. דער געדאַנק, אַז אין דער פרי וועט זי אָנהייבן איר מאַרשרוט דורך דער איסט־סאַיד, קלאַפּן אין די טירן, דערמאָנען, אַז אַ גרויס אומגליק האָט געטראָפן די יידן פון רוסלאַנד — דער דאָזיקער געדאַנק האָט געגליט אין די שלייפן און געהאַלטן וואַך.

— וואָס וועל איך זאָגן, אַז מ׳וועט עפענען אַ טיר, און מענטשן וועלן פרעגן וואָס איך וויל?

אַלערליי באַגעגענישן, אַלערליי פּנימער און פאַרחידושטע בליקן זיינען געקומען פאַרן דמיון. כאָטש ניט אַליין דאַרף זי גיין; כאָטש דער דיכטער שלמה מעלצער, וואָס איז אַליין אַ מיטגליד פון פאָלקס־קאָמיטעט צו שאַפן הילף פאַר די אומגליקלעכע יידן, האָט עמאַן אַרויפגעבראַכט אויף דעם געדאַנק זי זאָל זיך אָנשליסן אין דער אַרמיי וואָלונטירן, וואָס האָבן געדאַרפט יעדן זונטיק אַרויסגיין, מאַכן אַ הויז־צו־הויז זאַמלונג, האָט עמאַן אויסגעוויזן — ווי אויף איר אַליין איז אַרויפגעלייגט געוואָרן דער שווערער חוב צו גיין, וועקן די יידישע הערצער, וואָס האָבן דאָ אין פרייען און זיכערן לאַנד איינגעדרימלט.

אוודאי איז עמאַ בערגער ניט געווען די ערשטע און איינציקע אַזוי צו פילן. אוודאי איז זי ניט געווען די איינציקע, ביי וועמען ס׳האַרץ איז געווען וואַך, די נערוון אָנגעצויגן און דער דמיון אַן אָנגעגליטער אַנטקעגן די שרעקלעכע ידיעות, וואָס האָבן אַריבערגעפליצט איבער אַלע ימען און געוועקט ס׳געמיט פון די פּשוטע פון פאָלק, ביי וועמען דער יידישער פּחד האָט צייטווייליק — ווי אַ פויגעלע ס׳קעפּל אונטערן פליגל באַהאַלטן, און איינגעשלאָפן.

די בייעסן וואָס זיינען געקומען פון מלחמה־פעלד, פון דער צאַריסטישער רוסלאַנד, האָבן אַלע ווילע געביטן זייער קלאַנג און זייער באַדייט. ידיעות זיינען פון דער אַנדערער זייט אָנגעקומען, אַז דעם צאַרס רעזשים האַלט ביים פלאַצן; די פינצטערע רעאַקציע ווערט דורך די מלחמה־פייערן אָנגעצונדן און צעויפגעריסן. אַ סימן, מ׳האָט די דומע אין איילעניש צונויפגערופן, די פּראָגרעסיווע דעפּוטאַטן לאָזן צו דער רעגירונג אויס אַלע בייזע חלומות, „רייסן שטיקער פון די מיניסטאָרן, און האָבן גאָר קיין מורא ניט". אַ סימן: — די באַרימטע רוסישע שרייבער האָבן גאָר אָן מורא אַרויסגעלאָזן אַ מאַני־פעסט צו דער רעגירונג, פאָדערן, מ׳זאָל יידן געבן גלייכע רעכט מיט די רוסן, זייט־ביי־זייט מיט די רוסן פאַרגיסן זיי בלוט פאַרן פאָטערלאַנד!

— איין קלייניקייט... מ׳האָט דאָך דעם גלאָוונע־קאָמאַנדעיושטשי, דעם צורר היהודים, דעם עוג מלך הבשן, טאַקע דעם צאַרס פעטערל, ניקאָלאַי ניקאָלאַיעוויטשן האָט מען דעם וועג געוויזן... ס׳איז ניט קיין קלייניקייט!

— רוסלאַנד וועט ווי אַ צעפוילטע, הילצערנע שטאַל איינפאַלן און אויף פּרוכנע צעשאָטן ווערן.

— מ׳זעט אַרויס, ווי די גרויסע רעדל־פירער האָבן אָנגעוואָרן די תחתונים.

די אַלע, וואָס האָבן אומגעדולדיק אויסגעקוקט רוסלאַנדס מפּלה, האָבן באַשיינפּערלעך אַרויסזען דעם אָנהויב פון גרויסן סוף. יעדע מפּלה פון די רוסישע חילות האָט די דאָזיקע האָפענונג געשטאַרקט. אפילו די גרויסע אומגליקן וואָס האָבן זיך אַראָפּגעלאָזן איבער די יידישע קהילות אין רוסלאַנד, אפילו אין דעם האָבן די גלוביקע געזען אַ באַוויז, אַז די טעג פון דער צאַרי־סטישער מאַכט זיינען שוין געציילטע.

— די צעפוילטע רוסישע מאַכט וועט צעשמעטערט ווערן אַ סך פריער, דערנאָכדעם וועלן איבער דער גאַנצער וועלט אָנהייבן איינצופאַלן די פעסטונ־גען פון פינצטערניש און רעאַקציע.

די האָפענונגען פון די גלוביקע האָבן געוויס געהאַט זייער יסוד. אָבער די האָפענונג פון די גלויביקע האָט ניט פאַרמינערט דאָס גרויסע אומגליק וואָס האָט זיך אַראָפּגעלאָזן איבער דעם לעבן פון די רוסישע יידן. די רוסישע חילות זיינען אין בהלה געלאָפן פון די פּאָזיציעס, וואָס זיי האָבן פון אָנהויב מלחמה פאַרנומען אין שונאס לאַנד. שפּעטער, ווען דער שונא האָט פאַרנומען גאַנצע גובערניעס אויף דער רוסישער טעריטאָריע און איבער זיי אויסגע־שפּרייט זיין ממשלה, די רוסן, צוריקטרעטנדיק, האָבן די יידישע מאַסן אַריינ־געשטויסן צווישן צוויי פייערן. די אַלע גוטע בשורות פון רוסלאַנדס מפּלה, און פון די פרייהייטס־ווינטן וואָס בלאָזן איבער רוסלאַנד, האָט ניט געהאַט צו טאָן מיט די יידן וואָס זיינען אַריינגעפאַלן צווישן די מלחמה־פייערן.

— אַלץ ווידער פון אָנהויב... ווי אין די פריערדיקע דורות, אין פעל־קער־צוזאַמענשטויסן זיינען יידן געווען אינמיטן. וואו רויבער שלאָגן זיך, זיינען יידן אינמיטן. וואו רויבער דאַרפן זייער אייגענע שוואַכקייט פאַרדעקן טראַכטן זיי אויס בלבולים אויף די יידישע מאַסן.

ס׳איז ניט קיין חידוש געווען, און ס׳איז ניט איבערטריבן געווען דער פּחד וואָס האָט אַרומגעכאַפּט די יידישע מאַסן אין דער פרייער אַמעריקע, וואָס האָבן ווייטיקדיק געשפּירט דעם קשר מיט דער אומגליקלעכער אַלטער היים. קיין חידוש ניט, וואָס איינאיינעם מיט די רחמנות־געפילן זיינען די צדקה־פּליכטן בולט געוואָרן. יעדערער איז גרייט געווען אַ שטיק לעבעדיק לייב פון זיך אָפּצורייסן, אָבי צו פאַרגרינגערן די נויט צווישן די פאַרפּייניקטע יידן אויף יענער זייט ים.

דער פאָלקס־קאָמיטעט וואָס איז געגרינדעט געוואָרן צו שאַפן מאַטעריעלע הילף פאַר די רוסישע יידן, ווען ער האָט גערופן וואָלונטירן זאָלן קומען, אָנהייבן די הויז־צו־הויז זאַמלונג, האָט אויסגעפונען, אַז די יידישע גאַס איז וואַך, צעשראָקן און גרייט. רחמנות און טרערן. רחמנות און צדקה. אַ דורותדיקע יידישע מידה, אַרויסצוהעלפן יענעם און אויסקויפן אייגענע זינד.

ווען שלמה מעלצער איז אַריינגעקומען צו די בערגערס, האָט ער געטראָפן עמאַן גרייט, אָנגעטאָן און אומגעדולדיק געוואַרט אויף אים. זיין געמיט איז געווען אויסגעלייטערט, פון די אויגן האָט געשפּרודלט די פרייידיקייט. זיין

פּנים האָט געלויכטן, ווי ביי איינעם וואָס איז פרי אויפגעשטאַנען און אַרויס־געקומען באַגעגענען זיין גליק.

— וואָס איז אויף אים די שמחה?

עמאַ בערגער האָט עס אים ניט געפרעגט. זי איז געווען צופרידן וואָס אַזאַ איז ער געקומען זי אַרויסצונעמען דרויסן. מיט זיין פריידיקן, אויסגע־לייטערטן אויסזען האָט ער אַריינגעבראַכט פרידן און רו אין איר אויפגע־רודערט געמיט. מער האָט זי פון אים ניט פאַרלאַנגט. מחמת אַלץ, וואָס שלמה מעלצער האָט איר צוגעטראָגן צו באַלייכטן איר לעבן, האָט זי די לעצטע צייט אָנגענומען ווי אַ ניט־פאַרדינטע מתנה. זי האָט פון גאַנצן האַרצן פאַרגונען אים און איר שוועסטערקינד, די יונגע ראָוז מערלין — די ליבע וואָס האָט צווישן זיי געבליט. זי האָט שטאַרק אָפּגעשאַצט דאָס וואָס מעלצער האָט זי אויסגעקליבן, זי זאָל אים העלפן אָנקלאַפּן אין יידישע טירן.

די זון האָט דורכגעזיפּט איר ליכט דורך אַ גרוי־בלוילעכער רויכיקייט, וואָס האָט פון איסט־ריווער־זייט זיך געשפּרייט איבער דער איסט־סאַיד, און איינגעוויקלט דעם סוף זומער אין אַ שיטערער און פאַרויכערטער וואַרעמקייט.

אין דער ערשטער טיר האָט מעלצער אָנגעקלאַפּט. עמאַ האָט געקוקט אויף זיין האַנט, געפילט די ניט־זיכערקייט וואָס איז אין קלאַפּ געווען. די טיר האָט געעפנט אַ בלאַסע, מיטליעריקע און אָפּגעלאָזענע פרוי, מיט אַ טיכל אויפן קאָפּ, און מיט די אויגן געוואַרט ביים טיר, וואָס די פרעמדע וועלן איר זאָגן.

— מיר זיינען וואָלונטירן פון פאָלקס־קאָמיטעט; היינט גייט מען פון הויז־צו־הויז קלייבן הילף פאַר די רוסישע יידן. וויפיל איר קענט אָפּשפּאָרן און געבן וועט עס פאַרעכנט ווערן...

מעלצער האָט די לעצטע ווערטער ניט אַרויסגעזאָגט. די פרוי האָט אָנגעהויבן נערוועיש צו טאַפּן איר קלייד, איר פאַרטעך, די בלוזע, ווי געזוכט אַ קעשענע; ביז די הענט האָבן דערגרייכט צו דער שטאַרק פאַרצערעוועטער, באַוולנער זאַק. די קנאָכנדיקע פינגער האָבן געזוכט אין זאַק און געפונען דאָרטן אַ צעקנייטשטן, פאַפּירענעם דאָלער.

— דאָס איז אייער פאַרמעגן? — האָט מעלצער געפרעגט.

— מער האָב איך ניט... כ'בעט אייך, נעמט עס ביי מיר, נעמט עס.

— ס'איז צו פיל, — האָט עמאַ געשטאַמלט. — מירן אָנקלאַפּן אין נאָך אַ פּאָר טירן, דערנאָכדעם וועלן מיר קומען אייך צעבייטן דעם דאָלער.

עמאַ האָט מעלצערן אַ צי געטאָן פאַרן אַרבל, אַרויסגעפירט אים אין האָל, און צוגעמאַכט די טיר דער צעשראָקענער פרוי אין פּנים אַריין.

— וואָס אי, עמאַ? — האָט מעלצערס שטים הייזעריקלעך געציטערט.

— איר'ט געוואָלט נעמען ביי איר דעם דאָלער?

— מאָלט זיך איצטער אויס איר פּנים, וואָס מיר האָבן מיט אונדזער גוטסקייט אויסגעפּאַטשט. איר האָט זי פאַרשעמט. עמאַ, ווען איר זייט אויף איר פּלאַץ, וואָלט איר אויך דעם לעצטן דאָלער אַוועקגעגעבן און אייך וואָלט דערפון גרינגער געוואָרן.

— אין שטוב האָט געשמעקט מיט מעדיצין. אפשר אַ קראַנקער אין שטוב.

גאָר די פרייד, וואָס מעלצער האָט מיטגעבראַכט צו עמאַן אין שטוב, איז ביי אים פון פּנים אויסגערונען. ער האָט אומדערוואַרט דערשפּירט דעם

עלנט וואָס האָט אַ שלאָג געטאָן פון דער געעפנטער טיר. און כאָטש מ'האָט די טיר צוגעמאַכט, האָט עמאַ דעם עלנט אַרויסגענומען אין טונקעלן האָל פון ערשטן שטאָק אויף עלדרידזש סטריט.

— נו, וואָס וועט זיין, עמאַ? מיר זיינען ניט אַרויס מיט דעם רעכטן פוס פון שטוב.

— יאָ אַרויס מיט דעם רעכטן פוס. מירן צו איר אָנקלאַפּן שפּעטער.

— מיר האָבן די פיס אָפּגענומען. איך קען ווייטער ניט גיין, ביז כ'וועל פון מיין געוויסן ניט אַרויספירן די דאָזיקע פרוי.

מעלצער האָט נאָך אַ מאָל אָנגעקלאַפּט. די פרוי איז געשטאַנען ביים טיר, געוואַרט, מ'זאָל אָנקלאַפּן.

— וואָס מיינט איר, מיין האַרץ ווערט מיר ניט צעריסן, וואָס דאַרטן ווערט מיט מיינע אייגענע, — האָט די פרוי מיט אַ פּייערל אין דער בלאַסקייט פון די באַקן, שנעל גערעדט. — אפשר איז שוין זייער געביין אָפּגעווישט געוואָרן פון דער ערד, וויל איך כאָטש אויסקויפן מיינע זינד. אַזוי פיל יידיש בלוט, אַזוי פיל יידיש בלוט! גאָט זאָל אייך בענטשן דערפאַר, וואָס איר האָט זיך אונטערגענומען צו ראַטעווען...

מעלצער האָט דעם דאָלער איבערגעגעבן עמאַן. די אייגענע געלייטערט־קייט, וואָס האָט אויפגעבליט אין פּנים ביי דער אָרימער פרוי, איז איבער־געגאַנגען אין פּנים פון די צוויי וואָלונטירן.

— אַ פאַלק לעבט צווישן גרעניצן, — האָט מעלצער גערעדט ווי צו זיך אַליין, ווען מ'האָט צוגעמאַכט די טיר הינטער דער פרוי. — דוכט זיך, מ'איז פון די גרעניצן פאַרטריבן געוואָרן, מ'האָט אויסגעוואָנדערט פון די געפאַרן וואָס לויערן אויף יידישע קעפּ, און מיט אַמאָל, ווידער אַ גרעניץ! ווידער בלבולים אויף יידן, אַז זיי פאַראַטן די גרעניצן. זאָגט מיר, עמאַ, פון וואָס טראַכט איר איצטער? — האָט מעלצער געפרעגט בשעת מ'איז טרעפּ־אַרויף געגאַנגען צו אַ העכערן שטאָק.

— כ'וועל אפשר אַמאָל געפינען די ווערטער. איצטער איז מיין געמיט פול.

מיט אַ שטאָק העכער זיינען זיי אויפגעריכט געוואָרן. אפשר די אייגענע אָרימקייט ווי מיט אַ שטאָק נידעריקער, אָבער די אָרימקייט איז געשטאַנען אין טיר און אויסגעקוקט די אויגן — ווען וועט מען שוין אָנקלאַפּן אין טיר.

— אָנגעלייגטע געסט, אָנגעלייגטע געסט... — האָבן יונגע מאַן־און־ווייב זיי באַגעגנט, און צווישן זיי אַ יינגעלע פון אַ יאָר פינף, וואָס האָט צו די „פרעמדע" אַרויפגעקוקט. — דער טאָג איז גרויס, רוט זיך אָפּ אַ ביסל. נעם זיי, חנה, אויף, שטעל צו טיי, ט'מען רעדן און שמועסן אַ ביסל.

— איר טוט ניט גוט; מיט אייער גוטסקייט לאָזט איר אונדז ניט גיין ווייטער, — האָט מעלצער זיך געוועדט.

— נאַרישקייטן, — איז דער מאַן אויף זייבס באַשטאַנען. — זאָל זיך אייך דוכטן, איר זייט אַריינגעקומען צו יידן וואָס זיינען געראַטעוועט געוואָרן פון טויט. צי דען זייט איר און איך, און אַלע יידן, וואָס וואוינען דאָ אַרום, ניט געראַטעוועט געוואָרן פון טויט? איך בין אַ זאַפּאַסנאַי סאָלדאַט. מ'וואָלט מיך גערופן. מ'וואָלט מיך געשיקט צום גאַליציאַנער פראָנט, כ'זאָל שיסן אין די גאַליציש יידן אַריין. איר פאַרשטייט וואָס דאָס מיינט, מיסטער? אַז איך

דערציילט עס מיין ווייב, הייבט זי אָן וויינען פאַר פרייד. נו, אויב איר ווילט ניט אַריינגיין נעבעטער, אפשר זייט איר גערעכט. האָסט עפּעס, חנה? וויפל האָסטו, גיב אַוועק... אַבי די־אָ הענט מיינע זאָלן געזונט זיין!

דער מאַן האָט גערעדט מיט אַן איבערגעטריבענער פרייד, פּונקט ווי ער וואָלט זיך פון זיכערן טויט אַרויסגעראַטעוועט; און די פרוי האָט, אויף אים קוקנדיק, געווישט די טרערן, פּונקט ווי די צוויי וואָלונטירן זיינען געקומען באַשטעטיקן דעם גרויסן נס וואָס איז געשען צו איר מאַן.

כאָטש דער גרויסער בעל שמחה האָט מער ווי דריי צען־סענטיקעס, מיט אַ צולאָג פון זעקס איינציקע סענט ניט געגעבן פאַר די אומגליקלעכע יידן „צווישן די גרעניצן", האָט עס גרינגער געמאַכט דעם ווייטערדיקן מאַרשרוט, וואָס האָט געפירט אַרויף און אַראָפּ מיט די טרעפּ פון דער יידישער איסט־סאַיד; טרעפּ, וואָס האָבן פאַרנומען געגנוג פרייד און האַרצווייטיק, האָפענונג און קללות, געשליידערטע אויפן קאָפּ פון ביטערן גורל. זיי האָבן אין טירן געקלאַפּט, טירן האָבן זיך געעפנט, און אַנטקעגן זיי איז אַרויסגעקומען די יידישע גוטהאַרציקייט אין אַ עת־צרה, די יידישע, דורות־דיקע אויסגעפּרוּווט־קייט האָט אַרויסגערעדט דורך די טרערן פון פרויען, און ביטערע רייד, קלוגע רייד און גראָבע רייד פון מאַנצבילן. יעדער איינער האָט וויפל ס'איז געגעבן. אַ סך האָבן אויסגעדריקט זייער האָפענונג, אַז דאָס געגעבענע וועט ניט צעטאָכלעוועט ווערן, נאָר ס'וועט אָנקומען צו די, פאַר וועמען מ'קלייבט עס.

אָבער צו פרי האָבן ביידע דערשפּירט אַ מידקייט אין גאַנצן גוף. ביי ביידן האָט די מידקייט זיך געצויגן צו דער ערשטער טיר, וואו אַנטקעגן איז זיי געקומען די בלאַסע פרוי, און מיט דעם דאָלער וואָס זי האָט אַרויסגענומען פון פאַרצערעוועטן זאָק אַרויס. ביי עמאַ בערגער האָבן די מחשבות ווי אין אַ וואָלקן רויך זיך איבערגעוויקלט. אָפטמאָל האָט דער וואָלקן אויפגעעפנט אַ ליכטיק שפּעלטעלע צו די שלאַכט־פעלדער און צו די וועגן איבער וועלכע עס האָבן זיך געשלעפּט די יידישע וואָגלער מיט האָק־און־פּאַק, מיט קינד־און־קייט; צו די וועגן און וועגענער, וואָס פירן קראַנקע און געשטאַרבענע, און מאַמעס, קימפּעטאָרנס, מיט עופּהלעך, וואָס נאָגן איבערגעשראָקן מילך פון די איבערגעשראָקענע בריסט אַרויס. און באַל־ד איז דער געדאַנק פאַרטראָגן געוואָרן צו דער גאָר נאָענטער פאַרגאַנגנהייט. זי זעט ווי פאַגראָממשטשיקעס לאָזן זיך אַראָפּ אויף דער יידישער גאַס. ס'איז ניט קיין מלחמה. ניטאָ קיין דרויסנדיקער שונא וואָס זאָל נאָכיאָגן. מען זוכט צווישן זיך אַ שונא און מ'האָט אים געפונען אין געשטאַלט פון יידן וואָס ווילן לעבן רואיק, וואָס ווילן קיינעמס בלוט ניט און ווילן אויך זייער אייגן בלוט ניט פאַרשווענדן פאַר ניט־פאַרדינטע שטראָף. זי אַליין, איר יוגנט, וואַלגערט זיך פאַרווירט אין דעם בלוטיקן קאָשמאַר.

שלמה מעלצערס פּנים איז אויך אויסגעלאָשן געוואָרן. אים האָט זיך שטאַרק געגלוסט איבערייסן דעם מאַרשרוט. אים איז אויסגעקומען אומ־באַקוועם צו זיין דער ערשטער דאָס אַרויסצוזאָגן. די רייד האָט זיך ביי ביידן אויסגענומען.

— ווייסט איר וואָס, עמאַ, לאָמיר גאָר אַריינגיין צו דאָקטאָר לוריאַן, אַ ביסל אָפּכאַפּן דעם אָטעם. איינגאַנצן דריי בלאָק פון זיין אָפיס.

עמאַן איז דאָס בלוט געקומען אין פּנים אַריין. זי האָט אויף דעם ניט געענטפערט.

— וואָס זאָגט איר, עמאַ, איר זייט ניט מיד?

— אויב מיד, לאָמיר זיך זעצן ערגעץ אָפּרוען.

— ער וועט אונדז געבן עטלעכע דאָלער.

— מיך אַרט ניט, אויב ער וועט זיינס געבן דורך אימעצן אַנדערש.

— פאַרגעסט, עמאַ, אַז איר האָט אים אַמאָל געקענט. ער איז אַ טייערער מענטש. כ׳וויל פּשוט מיט אים אַ ביסל רעדן און אָפּכאַפּן דעם אָטעם.

— רעדט מיט מיר. אפשר וואָלט איך אייך אויך עפּעס דערציילט, פון וואָס איר וואָלט אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם.

שלמה מעלצער האָט זיך דערפילט פאַרשעמט. אים האָט פאַרדראָסן וואָס אין מיטן פון אַזאַ וויכטיקער שליחות האָט ער גענומען און אַ שטיין אַריינגע־וואָרפן אין איר געמיט אַריין. ווי עמאַ בערגער האָט ניט באַהאַלטן אירע איבערלעבונגען — זיינען פאַרט געוויסע פּעדים געווען וואָס האָבן זיך גע־צויגן פון עמאַן צו מעלצערן.

שלמה מעלצער האָט פון זיינס ניט געוואָלט אָפּטרעטן. ער איז געווען זיכער, אַז ווען אים געלינגט צו פאַרענדיקן דעם הויז־צו־הויז מאַרשרוט — אַריינברענגענדיק עמאַן צו דאָקטאָר לוריאן, וועט עס אויך זיין אַ טייל פון דער גוטער שליחות וואָס ער האָט אויף זיך פרייוויליק גענומען.

— עמאַ, שאַרט אויף אַ ווײַלע אָפּ פון זיך אייערע געפילן צו דעם אָדער צו יענעם מענטשן. היינט לעבן מיר ביידע איבער אַ שטיק יידישע טראַגעדיע. דאָקטאָר לוריא וועט עס נעמען גאַנץ פּשוט: וואָלונטירן זיינען צו אים אַריינ־געקומען.

עמאַ האָט אויף דעם ניט געענטפערט. זי ד־האָט אויך ניט געוואָלט צע־שטערן די אַרנטלעכקייט מיט וועלכער זי האָט איר טאָג אָנגעהויבן. זי האָט ניט געוואָלט צעשטערן די איבערלעבונגען אויפן געלעגער אין דער לאַנגער שלאָפלאָזער נאַכט. זי האָט קיין ווערטער ניט פאַרמאָגט פאַר איר אויפרעגונג, איז איר ליבער געווען צו שווייגן.

— אַוואו באַגעגענען מיר זיך מאָרגן, עמאַ, — האָט מעלצער געשעפטס־מעסיק אַ פרעג געטאָן. — כ׳וויל, מיר זאָלן אינאיינעם אַריינטראָגן ס׳געלט אין אָפיס פון פאָלקס־קאָמיטעט.

— וואָס, מיר גייען שוין ניט ווייטער? ס׳איז דאָך נאָך אַ פּאָר שעה צו נאַכט.

— פאַר אונדז וועט זיין גענוג.

— איך בין ניט מיד. איך קען נאָך אַ פּאָר שעה גיין. מיר זיינען נאָך אונדזער ראַיאָן ניט דורכגעגאַנגען.

— מיר וועלן נאָך איין הויז באַזוכן. אָטאָ דאָס ווינקלדיקע הויז. און אויב מ׳וועט זיך אָנשלאָגן אויף טשיקאַווע מענטשן, וועלן מיר דאָרטן זיך זעצן אָפּרוען.

אויף דעם האָט עמאַ מסכים געווען.

זיי האָבן אָנגעקלאַפּט אין דער ערשטער טיר אויפן ערשטן שטאָק. אַ טיר, וואָס איז געווען אַמאָל געל געפאַרבן און איז איצטער געווען ברוין־גרין. די טיר האָט זיך געעפנט און אַ מאַנצבילש פּנים ווי אַ נאַרישע לבנה איז זיי

אַנטקעגן געקומען. הינטער אים — אַ פעטע פרוי מיט רויטע האָר. דער מאַן אין אונטערהויזן מיט אַ צעכראַשטשעט העמד; און זי — אין אַ קורץ, ווייס אונטערקליידל, פאַרזוימט מיט שפּיצן, און מיט נאַקעטע פיס אין שטעק־שיך. זונטיק־רו איז געווען אויסגעגאָסן אויפן פאַר־פּאָלק.

שלמה מעלצער האָט מיט דעם אַלטן נוסח אָנגעהויבן דערציילן וועגן די אומגליקלעכע יידן אין רוסלאַנד.

האָט דער מאַן מיטן לבנה־פּנים תמעוואַטע געפרעגט:

— יידן? וואָס פאַר יידן?

— איר ווייסט ניט פון דער מלחמה אין יוראָפּ?

— און אַז איך ווייס, איז וואָס ווילט איר?

— איך האָב איך דערציילט צוליב וואָס מיר גייען היינט פון הויז־צו־הויז.

— ווער איז זי, — האָט דער מאַן אָנגעוויזן אויף עמאַן. — ס'איז אַ כלה דיינע?

עמאַ און מעלצער האָבן זיך איבערגעקוקט. און דער מאַן, מיטן לבנה־פּנים, האָט זיך איבערגעקוקט מיט זיין רויטער, צעווירענער ווייב.

— וואָס ווילט איר, מיסטער, — האָט דער מאַן ווידער תמעוואַטע גע־פרעגט, — טשאַריטי? קיין טשאַריטי גיב איך פאַר קיינעם ניט. איך בין ניט געקומען פון ראַשי. פון מיינעטוועגן קען מען זיי דאָרטן אַלעמען אויס־שיסן. פון מיינעטוועגן מעגן זיך דאָרט אַלע אינאיינעם אויסקוילען און אויסשיסן... פון מיינעטוועגן מעגן זיך דאָרט אַלע אינאיינעם פרעסן לעבע־דיקערהייט. אַז מ'וועט דאַרפן אויף לאָפּעטעס, צו גראָבן גריבער פאַר די פּגרים, וועל איך געבן צושטייער אַ ניקל. אָבער פאַר די לעבעדיקע, זאָלן זיי דאָרטן פרעסן איינער דעם אַנדערנס לייב. מלחמה האָבן זיי אָנגעצונדן. זאָלן זיי אין איר ברענען!

— ווער האָט אָנגעצונדן? — האָט מעלצער, שוין האַלטנדיק ס'הענטל פון טיר, געפרעגט.

— ווער? גייט איך פון וואַנען איר זייט געקומען, פּייקערס!

די צעווירענע רויטע פרוי, וואָס האָט קיין איין וואָרט ניט אַרויסגערעדט, איז מיט דער האַנט פאַרקראָכן אין אונטערקליידל אַריין, פון דאָרטן אַרויס־געשלעפּט אַ דאָלער און געוואָלט דערלאַנגען עמאַן — האָט דער מאַן זי אָפּ־געשטופּט אַן אַ זייט, און מיט אַ ביסטרען פייערל אין די אויגן געוואָרט ביז די וואָלונטירן זיינען אַרויס, און פאַרמאַכט די טיר הינטער זיך.

— איצטער האָט מיין טאָג זיך גוט פאַרענדיקט, — האָט מעלצער, אַ צעשראָקענער, געקוקט עמאַן אין פּנים אַריין. — די אינדערפריעדיקע פרוי, און די איצטיקע, איך וואָלט זייביידן געקושט די פיס, וואָס האָבן די ציטריקע דאָלערס דאָרטן געוואָרימט.

— אויב איר זייט צופרידן, בין איך אויך צופרידן מיט היינטיקן טאָג.

עמאַ האָט זיך געזעגנט מיט מעלצערן. אַ מידע, צעבראָכענע, איז זי אַוועק אַהיים, אָפּגעבן זיך חשבון פון דעם אויסטערלישן טאָג.

* * *

אין די נאַציאָנאַלע קרייזן האָט מען באַשיינפּערלעך אָנגעהויבן שפּירן די טריט פון משיח, וואָס האָבן אָפּגעהילכט ווייט און נאָענט. „די מלחמה פון

גוג און מגוג". דעם טערק טרייבט מען אַלץ ווייטער אַרויס פון דער אַראַבישער וועלט, און אײנאײנעם מיטן טערק פאַלן דײטשלאַנדס אַמביציעס, צו ווערן באַלעבאָסטע איבערן הייליקן לאַנד. דאָס צווייטע „ביבל־פאָלק" אויף דער וועלט, די מעכטיקע ענגלאַנד שפרייט ביסלעכווייז אויס איר ממשלה איבער דער אַראַבישער וועלט.

— יידן דאַרפן ווייזן סיי פאַר דער וועלט און סיי פאַר ענגלאַנד, אַז זיי קומען ניט אויפן גרייטן. יידן זאָלן באַווייזן, אַז זייער בלוט ווערט אין איצטי־קער מלחמה ניט פאַרגאָסן גלאַט אַזוי, אָן אַ ציל.

די באַוועגונג צו באַשאַפן אַ יידישן לעגיאָן פון באַגייסטערטע יידישע יונגעלייט, וואָס זאָלן מיטן ביקס און באַיאָנעט, זייט־ביי־זייט מיט די ענגלענדער העלפן באַפרייען דאָס הייליקע לאַנד, האָט געפונען אירע גלויביקע. צום ערשטן מאָל אין צוויי טויזנט יאָר, ניט רעכענענדיק די חלומות פון שלמה מלכו, האָט מען ביים יידישן פאָלק פאַרבונדן גאולה מיט שווערד און ביקס. צום ערשטן מאָל אין צוויי טויזנט יאָר האָבן יידישע יונגעלייט גערעדט פון תכסיסי־מלחמה מיט דעם אייגענעם נוסח ווי אין די טעג פון יהודה המכבי, אָדער בר־כוכבא.

און ווי אין יענע צייטן זיינען די פריווילעגיע העלדן געווען פאַר איינעם די אויסדערוויילטע, און פאַרן אַנדערן — ס'יידישע אומגליק, אַזוי האָבן זיך איצטער אויך די מיינונגען צעטיילט. ווער ס'האָט נאָך אַלץ געגאַרט צו זען משיחן ווי ער קומט אַ פרידלעכער צו רייטן אויף אַ ווייסן אייזל, קומט אָנזאָגן די גרויסע בשורה, אַז דער סוף פון יידישע צרות איז געקומען: — ארץ ישראל וואַרט אויף די קינדער פון ישראל!

און איינציקע, געציילטע, האָבן באַשיינפערלעך אַרויסגעזען ווי משיח קומט אויף אַ מאָדערנעם קאַנאָן צו רייטן.

— ניט מיט קיין שופר וועט ער מודיע זיין, אַז די שעה פון יידישער גאולה האָט געשלאָגן, נאָר דורך אַכצן קאַנאָנען־שאָסן, כמנין ח"י, וועט עס די בריטישע רעגירונג מודיע זיין פאַר דער וועלט און פאַר די יידן! — ווי בייטן לוריא האָט ליב געהאַט סאַרקאַסטיש צו רעדן וועגן דער באַוועגונג צו שאַפן אַ יידישן לעגיאָן.

קען זיין, אַז אין דעם איז שולדיק געווען דער אַלגעמיינער מלחמה־גייסט וואָס האָט זיך דורכגעריסן אין די גאַסן פון לעבן אין דער פרייער אַמעריקע. דער געשריי, „זייט גרייט!.." וואָס האָט געשפּאַרט פון די גלוטיקע ווינקלען אין לאַנד, וואו מ'האָט פאַבריצירט מלחמה־מאַטעריאַלן, האָט איבערגעשריגן די שטים פון פרעזידענט ווילסאָן, וואָס האָט דערוויל געוואָרנט דעם אַמערי־קאַנעם פאָלק — מ'זאָל זיך פון מלחמה־גייסט ניט לאָזן פאַרפירן. אַ דייטשע סובמאַרין האָט געזונקען די פּאַסאַזשירן־שיף „לוזיטאַניע" אײנאײנעם מיט הונדערטער אַמעריקאַנער בירגער, און ס'איז געווען אַ סיגנאַל פאַר דער באַ־פעלקערונג, אַז אין אַ וועלט וואו אַלע זיינען וואַך איז ניט שיין זיך צו לייגן שלאָפן.

— ס'פּאַסט ניט, אַז די גרויסע און שטאָלצע אַמעריקע זאָל זיך לאָזן דיקטירן פון דײטשלאַנד און באַפוילן אירע בירגער ניט צו פאָרן קיין אייראָפּע אויף שיפן וואָס פירן אַמוניציע.

— קיינער קען ניט פאַרווערן אַמעריקאַנער בירגער צו פאָרן וואוהין זיי ווילן, און אויף וואָס פאַר אַ שיף זיי ווילן, — האָבן געטענהט די בראַווע אויף יענעמס חשבון.

— קיינער וועט ניט האָבן די העזה איינצורייסן זיך מיט דער מעכטיקער אַמעריקע.

— זאָל אַמעריקע אַריין אין קריג און מאַכן אַ סוף צום קריג!

— אונדזער פּרעזידענט איז ניט קיין סאָלדאַט. אונדזער פּרעזידענט איז אַ פּראָפעסאָר, ער פאַכעט ניט מיטן שווערדל, ווי דער קייזער ווילהעלם.

— ווי נאָר אַמעריקע גייט אַריין אין קריג, טו איך אַ שפּיי אויף אַמעריקע און פאָר וואו די אויגן וועלן מיך טראָגן.

— און אַז מ'וועט באַפאַלן אַמעריקע?

— דאַרטן אַ מלחמה, זאָלן אונדזערע לייט זיצן אין דער היים. זאָל מען זיך ניט לאָזן אויף באַוואָפנטע שיפן און שלעפּן אַמעריקע אין געפאַר.

— וועט אַמעריקע אַריין אין קריג, וועל איך באַוויזן, אַז איך בין אַ געטרייער בירגער וואָס שאַצט אָפּ די פרייהייט וואָס אַמעריקע האָט מיר געגעבן.

— פון דער וועלט־מלחמה וועלן קומען ישועות אויף יידן. גלאַט אַזוי אין דער וועלט ווערט קיין יידיש בלוט ניט פאַרגאָסן. ניטאָ אַזאַ זאַך ווי פאַרברעכן אָן שטראָף. פונקט ווי אין שטראָף אַליין ליגט פאַרוויקלט פאַר־דינטער שכר, אַזוי — — —

— פאַרברעכן און שטראָף האָבן פאַרקוראַרן אויסגעקלערט. יידן האָבן קיין היסטאָרישן פאַרברעכן ניט באַגאַנגען, דעריבער ליגט ניט זייער שטראָף זייט־ביי־זייט מיט דער שטראָף פון די וואָס האָבן אין אַלע דורות פייערן אונטערגעלייגט אונטערן שכנס שטוב, אָדער וואָס האָבן פייערן געצונדן ביי די גרעניצן, אויפגערייצט שכנישע פעלקער.

— ס'איז פאַלש צו באַשולדיקן גאַנצע פעלקער. אין דער מלחמה זיינען שולדיק די, וואָס אין צייט פון פרידן נאָגן זיי אויס דעם קליאַק פון גאַנצע פעלקער. אינטערנאַציאָנאַלע פאַראַזיטן. אַמעריקע פאַרמאָגט אויך די דאָזיקע פאַראַזיטן, וואָס וועקן איצטער די גאוה פון אַמעריקאַנעם פאָלק. זיי שרייען עס, אַז אַמעריקע דאַרף זיין גרייט צו פאַרטיידיקן זיך פון אַ שונא, כדי זיי זאָלן אָנפילן זייערע זעק מיט גאָלד. נאָר אידיאָטן קענען האָפן, אַז פון דער איצטיקער מלחמה וועט יידן אַרויסקומען אַ טובה.

ס'לעצטע האָט מיט פייער אין די אויגן צוגעשליידערט שלמה מעלצערן ווּעלוול בערגער. ער האָט נאָך געוואָלט צוגעבן, אַז דאָס יידישע פאָלק באַ־שטייט ניט פון גאָלע צדיקים; אַז אין דער באַנדע אינטערנאַציאָנאַלע פאַראַ־זיטן און מלחמה־צינדער געפינען זיך יידישע מיליאָנערן אויך: „געפינט זיך די גילדענע קרוין פון יידישן פאָלק". ער האָט דאָס ניט געטאָן, מחמת ער האָט זיך אָנגעטראָפן מיט לעאָנאַרד סטאָנס צעטומלטע און הייסע בליקן.

דער ויכוח איז פאַרגעקומען ביי דניאל לוריאן, וואוהין לעאָנאַרד סטאָן איז די לעצטע צייט אָפט אַריינגעקומען.

אין לעאָנאַרד סטאָנס ביזנעס־מוח איז אויך, אונטער דעם צייכן פון דער צייט, פאָרגעקומען אַ גאַנץ קענטיקע איבערקערעניש.

— ווער ס'האָט די מאה, דער האָט די דעה.

ביים זוכן הילף פאַר די רוסישע יידן צווישן די מלחמה־גרעניצן, האָט די פאָלקס־חכמה ניט געגאָלטן. די יידישע נויט, וואָס האָט פון מלחמה־גהינום אַרויסגעשריגן צו די גליקלעכע ברידער און שוועסטער אין דער רייכער אַמעריקע, האָט אויך אָנגעקלאַפּט אין טיר פון אונדזערע ברידער די גרויס־האַלטער, באַשענקטע מיט דייטשישער פּראַקטישקייט און גראָבלעכער, צופרי־דענער גאווה לגבי די רוסישע יידן. כאָטש צווישן די איינגעבירגערטע רוסישע יידן זיינען געווען געגוג וואָס האָבן פאַרמאָגט די מאה, אָבער די דעה ווי אַזוי צו העלפן ראַטעווען ס׳יידישע פאָלק, איז דערוויייל געלעגן אין די הענט פון אונדזערע ברידער ביי וועמען אויפן קאָפּ ס׳האָט געלויכטן די שכינה פון דייטשער קולטור.

איבער די קוואַרטאַלן פון די מזרח־יידן זיינען יעדן זונטיק וואָלונטירן געגאַנגען פון הויז־צו־הויז, „געקליבן ניקלס און דאַימס", אָבער מיליאָנען דאָלערס צו שאַפן — אויף דעם האָבן די דייטשע יידן געהאַט די השגה. פון זייער צד זיינען אויך געפּאַרן די שתדלנים קיין וואַשינגטאָן, זיך געריבן אין די רעגירונגס־טירן, שטיל, שטיל, חלילה קיין פליג ניט איבערצושרעקן, געבעטן חסד פאַר די געפּלאָגטע אָרימע „אָסט־יידן" צווישן די מלחמה־גרעניצן.

ווען די יאהודים האָבן גערופן אַ פאַרזאַמלונג אין קאַרנעגי־האָל צו פּראָ־קלאַמירן אַ דראַיוו פאַר עטלעכע מיליאָן דאָלער לטובות די רוסישע יידן, איז לעאָנאַרד סטאָן געווען צווישן די איינגעלאַדענע געסט. זיין נאָמען האָט מען געקענט געפינען פאַרצייכנט אין געוויסע צדקה־אַנשטאַלטן ווי איינער פון די לייטישע געבער.

אויף דער טריבונע האָבן זיך געפונען רעגירונגס־לייט און אויך דער מעיאָר פון ניו־יאָרק. אָבער לעאָנאַרד סטאָנס גאַנצער געדאַנק האָט זיך פאַר־פּלאָנטערט אין דעם פאַרשווירענעם בערדל פון דעם באַרימטן יידישן באַנקיר־פילאַנטראָפּ. „אפילו אין בערדל זיינס שטעקט גאווה", — האָט לעאָנאַרד באַשטימט. — „מ׳איז געקומען מיט אַ פּאָר צענדליק יאָר פריער און מ׳האָט גאַנץ אַמעריקע פאַר זיך פאַרכאַפּט..." פאַר לעאָנאַרד סטאָן איז דער תוך געווען אַ רעטעניש ווי אַזוי די דייטשישע יאהודים האָבן אַריינגענומען די יידישע מאַכט אין די הענט אַריין. „פּראַקטישע מענטשן... כ׳בין אַזוי פּראַק־טיש ווי זיי. ניט מער, וואָס די רוסישע יידן האָבן זיך כמעט אַלע גענומען צו שניידעריי, און זיי — צו געבן געלט אויף פּראָצענט".

לעאָנאַרד סטאָן האָט, זיצנדיק אין קאַרנעגי־האָל, דערשפּירט אַן אומדער־קלערטע בענקעניש. פאַר די אויגן זיינען אים אַרויסגעשוואומען זיינע שעפּער. הונדערטער ניי־מאַשינען און איבער זיי — מענטשן געבויגן: צושניידער און פאַרסטריגעווער, לעכל־אויסנייער און קנעפּל־איינגייער, פּרעסער און פינישער... אַלע, אַלע קומען צו אים אַרויס, אַלע קריגן פון זיין האַנט חיונה. אַלע וואָלטן געהונגערט, ווען ער גיט זיי ניט קיין אַרבעט.

— אַ נוצלעכערע אַרבעט, ווי צו געבן געלט אויף פּראָצענט, — האָט אין אים אַן אינערלעכע שטים גערעדט. — פּראָצענטניקעס, זיי זיינען עס די גרויסע לייט. איך קען געבן געלט אַזויפיל ווי יעדער איינער פון זיי. אַ יידישער פילאַנטראָפּ... איך רעד בעסער ענגליש פון אים. כ׳וואָלט מיך מיט אַזאַ בערדל און מיט אַזאַ ענגליש געשעמט צו זיצן דאָרטן.

כאָטש לעאָנאַרד סטאָן האָט בײגעשטײערט עטלעכע טויזנט דאָלער צום מיליאָנען־פאָנד, וואָס די יאהודים האָבן זיך פאַרלײגט צו שאַפן — האָט ער אָבער שוין אין קאַרנעגי־האָל אַ טראַכט געטאָן פון זײַן שוואָגער דניאל לוריא, וואָס טענהט די לעצטע צײַט אויפן הויכן קול, אַז העלפן די רוסישע ייִדן, מײנט אונטערוואַרפן זײ אַ שטיקל ברויט. אָבער העלפן ראַטעווען ארץ ישראל, וואָס האָט זיך שוין באַלד אַרויסגעגליטשט פון טערקס הענט, מײנט שאַפן אַ הײם פאַרן ייִדישן פאָלק.

אַז לעאָנאַרדן איז ענג געוואָרן אין מוח צוליב ייִדישע ענינים, האָט ער ליב געהאַט כאַפּן אַ שמועס מיט זײַן שוואָגער דניאל לוריא, וואָס איז אַוועק אין ביזנעס „לויט די געבאָטן פון נײַעם לאַנד". איצטער אויך האָט לעאָנאַרד סטאָן געוואָלט בײַ דניאל לוריאן געפינען אַ דערקלערונג פאַרוואָס די רוסישע ייִדן לאָזן די דײַטשע ייִדן, אַז אַלץ זאָל אַרײַנפאַלן אין זײערע הענט.

דניאל לוריא האָט אים געענטפערט קורץ און שאַרף:

— קוק ניט אַריבער אויף זײער זײַט. בײַ זײ דאָרטן אין דײַטשלאַנד זײַנען פאַראַן ייִדישע קעפּ־מענטשן. אָבער ניט זײ דאַרפן אַרויספירן דעם רוסישן ייִדן אויפן דרך הישר. דו ווילסט געבן געלט, דערהאַלטן בײַם לעבן די אומגליקלעכע ייִדן אין דער מלחמה, טו עס. ווילסט עס געבן דורך זײערע הענט — גיב. אָבער געדענק, לעאָנאַרד, איצטער איז די צײַט פאַר די רוסישע ייִדן צו באַנעמען, אַז ס'איז משיחס צײַט. ייִדישע יונגעלײַט שליסן זיך פרײַוויליק אָן אין דער ענגלישער אַרמײ, וואָס טרײַבט די טערקן פון ארץ ישראל. אַ גרויסע צײַט האָבן דווקא די רוסישע ייִדן דערלעבט. האָסט דײַן ווײַב, דײַנע קינדער באַזאָרגט — צײַט, זאָלסט זאָרגן פאַרן כלל.

* * *

דער ניט גלײַכער עולם איז פאַרבעטן געוואָרן צו דניאל לוריאן לכבוד דעם געבוירנטאָג פון באַליבטן צווילינג:—קעראָלאַין און דאָקטאָר זכריה לוריא. ליליען־רות האָט זיך געעסקט אינאײנעם מיט דער רײַכער אלמנה מילדרעד זילבערמאַן צו מאַכן דעם יום טוב וואָס ליבער און וואַרימער. דעריבער זײַנען אַזעלכע מענטשן ווי די באַגען־ברידער פאַרבעטן געוואָרן. אנשל מערלין מיט זײַן שוועסטער ראָוז זײַנען געקומען מיט מעלצערן, וואָס איז די לעצטע צײַט אַרײַנגעגאַנגען צו דניאל לוריאן. מעלצערן איז אויך געלונגען, אויף דער גרטעס פאַרלאַנג, אַריבערצובערענגען עמאַ בערגער און איר ברודער וועלוול.

בכלל האָט דניאל לוריאס הײם אויפגעלעבט אינאײנעם מיט דעם ציוניסטישן גײַסט. ליליען־רות, וואָס האָט באַדויערט, אַז דאָס ייִדישע פאָלק פון די אַכציקער יאָרן, וואָס זי האָט דערקענט אינאײנעם מיט איר מאַן, איז אַלט געוואָרן, מחמת די יוגנט איז שוין צופיל אָפּגעראָטן פון די עלטערן; איצטער האָט זי מיט אַמאָל דערשפּירט אַ יונגן אָטעם אין דער ייִדישער גאַס.

— ייִדן קוקן אויס גרויסע געשעענישן, — האָט זי מיט אַ צופרידענעם פײַערל אין די אויגן צו זיך אַלײן גערעדט. — איצטער זע איך, אַז ייִדן זײַנען עפּעס מער, ווי ניט־ייִדן טראַכטן פון זײ.

דער ייִנגערער פון די באַגען־ברידער, מײקל באַגען האָט זיך געשפּירט שטאַרק געפּלעפט צוליב די רייד פון די „צווײ גרינע", בערגער און מעלצער.

דער ערשטער האָט גערעדט פון פּאַראַזיטן וואָס צינדן אָן מלחמות; און דער אַנדערער, אַז יידן דאַרפן נעמען ביקסן און זיך לאָזן אָפּנעמען ארץ ישראל פון טערק.

— איר וועט מיר עקסקיוזן אויב איך וועל עפּעס זאָגן, וואָס וועט ניט שמעקן די גרינהאָרנס. איך זיץ און הער, און איך באַנעם ניט: וואָס הייסט, מיסטער גרינהאָרן, — האָט ער אויסגעשטרעקט די האַנט צו מעלצערן. — איר וועט טאַקע גיין דינען אין דער ענגלישער אַרמיי? ענגלאַנד וועט אָפּנעמען פּאַלעסטאַין, וועט זי עס יידן ניט געבן. בעסער זייט גרייט, ווען דער שונא וועט באַפאַלן אונדזער לאַנד. יעס, מיסטער, דייטשלאַנד שיקט אַהער אירע סובמאַרינס. וואָס וועט איר טאָן ווען די הונדערט סובמאַרינס קריכן דאָ מיט אַמאָל אַרויס פון וואַסער אונטער אונדזער סאַמער נאָז און מאַכן חרוב ניו־יאָרק? וואָס וועט איר, מיסטער, יעמאָלט זאָגן? און איר, גרינהאָרן, — האָט ער זיך אַריבערגעבויגן צו וועלוול בערגער, — ביי אייערע ראַדיקאַלן רעדט מען נאָנסענס. ווער זיינען עס די פּאַראַזיטן, איך, אָדער מיסטער לעאָנאַרד סטאָן? מיר סופּאָרטן עטלעכע טויזנט פאַמיליעס! וואָס, ניט, מיסטער נייטן לוריא? כאַ־כאַ־כאַ.

נייטן לוריא, כאָטש מען האָט אים רייגעוואָשן פון דער קלאָגע, אַז ער האָט געהאָלפן דער יוניאָן דינגען גענגסטערס צו שלאָגן סטרייקברעכער, איז געווען די לעצטע צייט שטאַרק פאַרביטערט. אים איז שווער געווען צו הערן אימעצן אַנדערש רעדן.

ווען מייקל באַגען האָט זיך צו אים געווענדט מיט אַן אומגויטיקן געלעכטער, האָט ער שטעכיק אַ זאָג געטאָן:

— כ׳האָב גרויס רחמנות אויף אייערע לייט, וואָס מוזן נעבעך סופּאָרטן הונגעריקע משפחות. כ׳וויל אייך אָפּן פרעגן: ווען די רעגירונג אָרדנט איין אַ רעפערענדום, צי אַמעריקע זאָל גיין אין קריג, ווי וואָלט איר, מיסטער באָגען, געשטימט?

— פאַר קריג.

— און דו, לעאָנאַרד? — האָט נייטן לוריא זיך געווענדט צו זיין שוואָגער.

— ווי וואָלסטו געשטימט?

— איך? — האָט לעאָנאַרד געציילט די ווערטער. — אין אַ סך זאַכן שטים איך מיט דיר איין, נייטן. איר רעדט אָלע פון קריג, ביקאָס איר האָט מורא פאַר קריג. אוודאי האָבן יידן מורא פאַר קריג. און דאָרטן דערציילט דער יונגערמאַן, אַז ער גייט אין מלחמה אָפּצונעמען פּאַלעסטינע פון די טערקן. דערציילט, יונגערמאַן, וואָס מיינט איר מיט דעם? — האָט ער זיך געווענדט צו מעלצערן. — פאַר וועמען דאַרפן עס יידן האָבן פּאַלעסטאַין, פאַר די אַמעריקאַנער יידן?

— פאַר די יידן פון דער גאַנצער וועלט! — האָט מעלצער מיט נצחון אויסגערופן.

— בין איך, מיסטער מעלצער, אויך אַ ייד וואָס געהער צו דער וועלט? — האָט נייטן לוריא איראָניש געפרעגט.

— ניין, — האָט אים מעלצער אָפּגעענטפערט.

— פאַרוואָס?

— אויב איר ווילט וויסן פאַרוואָס, וועל איך עס אייך דערקלערן. מ׳גלויבט, אַז אונדזערע יידישע יידן באַשטייען פון צוויי מיט אַ האַלבן שבט נאָר. אַרום צען שבטים זיינען נאָך גאָר אַמאָל פאַרטריבן געוואָרן פון ארץ ישראל און עד היום ווייסט מען ניט וואו זיי זיינען אַהינגעקומען. דאָס איז געווען אַמאָל מיט דריטהאַלבן טויזנט יאָר צוריק. דאָס אייגענע קומט פאָר אין יעדן דור. שטענדיק זיינען פאַראַן יידן, וואָס באַשטייען פון צען שבטים, און צען האַלטן שטענדיק אין פאַרפאַלן ווערן. איר זיינט שוין פון די פאַרפאַלענע. מיסטער דניאל לוריא געהער צו די צוויי יידישע שבטים. דאָקטאָר לוריא וועט אפשר מיט דער צייט זיך אויך אָנשליסן אָן די צוויי יידישע שבטים.

שלמה מעלצערן האָט דאָס בלוט אָנגעצונדן זיין פּנים. אָן אַ זייט האָט ראָוז מערלין אַרומגענומען עמאַן, זי געקושט אין האַלדז און ס׳אַרט באַגאָסן מיט טרערן. ליליען־רות האָט שוין אַ פּאָר מאָל געבעטן, מ׳זאָל איבעררייסן דעם שמועס, לאָזן ראָוז מערלין שפּילן אויפן פידל, אָבער דער היציקער שמועס פון די מאַנופעקטשורערס האָט פאַרנומען דעם אויבן אָן. די יונגע ראָוז איז געווען צופרידן וואָס זי קען זיך אויסדרייען און ניט שפּילן. אירע פינגער זיינען שלאַבעריק געוואָרן זינט שלמה מעלצער האָט אָנגעהויבן מאַכן פּלענער אָנצושליסן זיך אין לעגיאָן.

דאָקטאָר לוריא האָט זיך דעם גאַנצן אָוונט געשפּירט ווי אַ פינפטער ראָד צום וואָגן. ער האָט נאָר געוואָלט אָנטאָן אַ נחת־רוח זיין שוועגערן די גרטע, וואָס האָט גוט געמיינט מיט דעם צונויפרופן פריינט צוליב זיין און קעראַלאַיִס געבוירנטאָג.

— פאַרוואָס ביסטו אַזוי אומעטיק, זכריה? — איז קעראַלאַין צוגעגאַנגען, אַרומגענומען איר ברודערס קאָפּ. — מיינסט טאַקע, אַמעריקע וועט אַריין אין מלחמה?

דאָקטאָר לוריא האָט זיין שוועסטער אַנידערגעזעצט לעבן זיך אויפן שטול, און גוטמוטיק געפרעגט:

— ניט, קריינע, דו האָסט די בעסערע העלפט פאַר זיך גענומען ווען מיר זיינען ביידע געלעגן ביי דער מאַמען אונטערן האַרצן? דו האָסט שוין ביז איצטער באַוויזן צו ווערן אַ מאַמע פון קינדער, און אַ ווייב פון אַ יידישן מיליאָנער; און איך וואָס? וואָס אַרט דיך, אַז אַמעריקע וועט אַריין אין קריג? מ׳זאָגט, אַז מלחמה שמידט אויס אַ פאָלק. אפשר שמידט אַ מלחמה אויך אויס אַ מענטשהייט. אין אַמעריקע, לויט מעלצערן, טיילן זיך אויך יידן אין יידן פון די צוויי שבטים, און אין מענטשן פון די צען שבטים. ניט, מיסטער מעלצער, אַז משיח וועט קומען וועלן די צען שבטים אויסגעפונען ווערן?

— מיר זוכן יידישע דאָקטוירים אויך. אפשר וועט איר זיך אָנשליסן אין לעגיאָן, — איז מעלצערן ווידער דאָס בלוט געקומען אין פּנים אַריין.

— וואָס זאָגסטו, קריינע, ווילסט מיך לאָזן גיין העלפן אָפּנעמען ארץ ישראל פון טערק?.. עד, קריינע, קריינע... ס׳האָט געמוזט זיין גוט אין דער מאַמעס בויך גאַנצע ניין חדשים. וואָלט זיך ניט וועלן באַהאַלטן ווידער אין אַ מאַמעס בויך ביז די מענטשהייט וועט קומען צום זינען?

— פאַרוואָס ביסטו אַזוי קעגן דעם, אַז יידישע יונגעלייט זאָלן זיך אָנשליסן אין דער ענגלישער אַרמיי? — האָט דניאל פאַרזיכטיק געפרעגט

דאָקטאָר לוריאַ. — איז דען גלייכער, ווען יידן שלאָגן זיך אַן אַ ציל און אַן אַ ר־תכלית סיי אַנטקעגן די דייטשן און סיי אַנטקעגן די רוסן ?

— גלייכער, דניאל. דורך אונדז זעט מען דעם גרויסן אַבסורד פון מלחמה. אויב דו גלויבסט, אַז יידן האָבן אַ מיסיע דורכצוזעצן אויף דער וועלט, געהער עס אויך צו דער אייגענער מיסיע. אויב אָבער דו זעסט אין מלחמה אַן אַקט פון גערעכטיקייט, האָב איך מיט דיר ניט וואָס צו קריגן זיך.

— וואָס וואָלט דאָקטאָר הערצל געהייסן טאָן, ווען ער לעבט אין איצטיקער צייט ?

— מעגלעך, דאָס אייגענע, וואָס מיסטער מעלצער, — האָט דאָקטאָר לוריאַ געשמייכלט.

— זעסט שוין, זכריה, אַז דו הערסט ניט גוט וואָס דו רעדסט.

— ס'קען זיין, דניאל. כ'בין אַ ביסל טויבלעך צו דער פילאָזאָפיע פון אונדזערע פּראַקטיקער. גערעכטיקייט און מלחמה געה־ער אויך צו דער אייגענער פילאָזאָפיע. כאָטש דו האָסט אַ גוטע זאַך געטאָן, קריינע, וואָס דו האָסט לעאָנאַרדן אויפגעעפנט די קעשענעס.

— ער האָט ניט נאָר זיין קעשענע, ער האָט זיין האַרץ אויך אויפגעעפנט, — האָט דניאל לוריאַ ברוגזלעך געקוקט אויף זיין ברודער.

— היינט בין איך מיט קריינען אַלט געוואָרן ביין און פערציק יאָר, — האָט דאָקטאָר לוריאַ ניט אַנגעוואָרן זיין גוטמוטיקייט. — ווי אַ צווילינג דאַרפן מיר זיך צעטיילן מיט די יאָרן, העלפט ־אויף דיין חשבון און העלפט אויף מיין חשבון. דו ביסט איצטער אינגאַנצן אַלט פיר און צוואַנציק יאָר מיט זעקס חדשים. איך אויך אַזוי, כאַ־כאַ־כאַ.

דער עולם האָט אַפּלאָדירט און געבעטן ער זאָל עפּעס זאָגן.

— זאָג עפּעס, זכריה, פאַר מיינעטוועגן אויך, — האָט קרעראַלאַין אַ צופרידענע געבעטן.

— טאָקע נאָר פון דיינעטוועגן, קריינע, וועל איך זאָגן אַ פּאָר ווערטער, ווייל דו האָסט עפּעס אויפגעטאָן אין לאַנד. ביסט געווען דרייסט געגוג. האָסט חתונה געהאַט, האָסט אין נייעם לאַנד געבאָרן קינדער. האָסט ביי זיך אַליין ניט געפרעגט, ווי ווייט וועט זיין דער שטח צווישן דיר און דיינע קינדער, ווען זיי וועלן אויסוואַקסן. האָסט זיי אַ נאָמען געגעבן נאָך טאַטע־מאַמע, דאָס האָט דיך באַפרידיקט. ביסטו דערפאַר ווערט אַ לויב־געזאַנג. אָבער איך... וואָס האָב איך אויפגעטאָן ? איך בין אַ דאָקטאָר, הייל קראַנקע. דאָס קענען אַנדערע דאָקטוירים טאָן דאָס אייגענע און פאַרנעמען מיין פּלאַץ. איך האָב מורא געהאַט איינצושטעלן, טאָמער וועל איך האָבן פליכטן צום יידישן פאָלק. אַז מ'האָט פליכטן צו אַן אייגן פאָלק ־און מ'קען זיי ניט אויספירן, מחמת מ'ווייסט ניט ווי אַזוי זיי ־אויסצופירן, יעמאָלט איז שלעכט. ביי אונדז, יידן, האָבן זיך צעמישט די פליכטן פון פאָלק מיט די פליכטן פון דער גאַנצער מענטשהייט. איך בין אין האַרצן צופרידן, כאָטש ס'פּאַסט ניט פאַר מיר, פונדעסטוועגן ווייל איך עס זאָגן... איך בין צופרידן, אַז אויב אַמעריקע וועט אַריינגעע־שלעפּט ווערן אין וועלט־קריג, האָב איך ניט קיין דערוואַקסענע זין זיי צו שיקן ראַטעווען די מענטשהייט ; כ'האָב אפילו קיין זין ניט צו שיקן, זיי זאָלן

זיך שלאָגן זייט־ביי־זייט מיט ענגלאַנד, כדי צו באַפרייען פּאַלעסטינע. איך טרינק פֿאַר דער אַמעריקאַנער בירגערן, קעראָלאַין סטאָן!

ניט קיין גרויסע טובה האָט דאָקטאָר לוריא געטאָן זיין שוועסטער, און אויך ניט זיין ברודער דניאלן, ביי וועמען ס׳זיינען שוין געווען דערוואַקסענע קינדער.

אָבער מער פון אַלץ האָבן זיינע ווערטער אַ שלאָג געטאָן עמאַ בערגער אין בלוט אַריין. עמאַ, וואָס האָט אַ גאַנצן אָוונט געשוויגן, איר האָט אויסגעוויזן, אַז ניט פֿאַר זיין שוועסטער, נאָר זי, עמאַ, זאָל הערן, האָט דאָקטאָר לוריא איצטער זיין טרויעריקע רעדע געהאַלטן.

קאַפּיטל איין און דרייסיק

— אַ פֿאָלק האָט אויפֿגעוואַכט ביים קבר פֿון אַ געליבט קינד, — האָט דאָקטאָר לוריא געטראַכט גייענדיק זייט־ביי־זייט מיט עמאַ בערגער נאָך דעם ארון פֿון גרויסן נפֿטר. — זיינען עס די אייגענע פֿאַרהאַוועטע יידן, וואָס מיר האָט אויסגעדוכט, אַז זיי זיינען שוין גייסטיק אויסגעטריקנט, ווי ס׳ווערט אויסגעטריקנט אַ טויטער בוים?

הונדערטער טויזנטער אויגן האָבן אויפֿגעלויכטן. טרויער און דערוואַכונג האָבן די אויגן געצונדן. ס׳ליכט האָט פֿון די אויגן אַרויסגעשטראַלט און מיטגעצויגן די אויף חידושים באַפֿרייטע פֿון טאָג־טעגלעכער זאָרג, וואָס האָבן אָנגעצילט זייער גאַנץ לעבן צום ארון, אַרומגעריגנלט מיט דער דערהויבענער שטילקייט וואָס קען אַמאָל אויסוואַקסן פֿון דער טיפֿעניש נאָך אַן ערד־ציטערניש.

פֿון האַרלעם צו דער איסט־סאַיד, דעם גאַנצן וועג, וואָס דער שטילער ארון האָט געוואַנדערט פֿירנדיק צו זיין אייביקער רו ס׳געליבטע קינד פֿון אַ וואַך־און־איבערגעשראָקן פֿאָלק, האָבן מענטשן־וועגט מיט הונדערטער טויזנטער פֿאַרגאַפֿטע אויגן צו ארון זיך געריסן. ביי די הייזער, אויף באַלקאָנען און דעכער — איין גוף און טויזנט־קעפּיק. טויזנטער גופֿים און איין האַרץ, דערוואַכט און גרייט אויפֿצוזינגען אין נייגעבורט, זיך אַוועקלאָזן מיט גוף און זעל נאָך דעם ארון פֿון דעם, וואָס איז געשטאָרבן — כדי נאָך אַ מאָל אָנצוהייבן לעבן אין די בלוטן פֿון פֿאָלק.

שלום עליכם איז געשטאָרבן!

האָט די יידישע גאַס, אַלט און יונג, מאַן און פֿרוי מיט קינד־און־קייט זיך דערשפּירט אין די אָרעמס פֿון אייביקן לעבן, אַרויסגעהויכט צום ראָזלעכן פֿריילינג־ליכט די פֿריילינגדיקע בענקעניש, בשעת דאָס באַשטראַלטע פּנים פֿון דער דערוואַכטער יידישער מאַסע האָט דערציילט פֿון דעם גרויסן נס: — אַז ביים שוועל פֿון טויט ווערט ס׳לעבן געבוירן; ביים שוועל פֿון טויט וואַכט אַ פֿאָלק אויף, אַנטפּלעקט זיך דער סוד פֿון אַ פֿאָלקס לעבן.

דאָקטאָר לוריא איז פֿאַרפֿרי געקומען, פֿאַרנעמען עמאַ בערגער צו דער לויה, וואָס האָט זיך געדאַרפֿט אָנהייבן פֿון דער הונדערט זעכצנטער גאַס. זי האָט אַפֿיר געקוקט צו דאָקטאָר לוריאן. זי האָט צו אים געקוקט מיט פֿיל דאַנקבאַרקייט.

— אַ גוטער מענטש, אַז ער וויל זיין שלעכט, קען ער עס ניט באַווייזן, — האָט עמאַ געוואַרימט דאָקטאָר לוריאַס האַנט אין אירעביידע הענט. — כ׳האָב זיך געקליבן גיין דיך באַגריסן. ביינאַכט, ביי דיין ברודער, ווען מ׳האָט זיך צונויפֿגענומען אויף דיין געבוירנטאָג, איז מיר געווען אומעטיק. כ׳האָב

ס'מויל ניט געקענט עפענען. ס'האָט מיר פאַרדראָסן פאַרוואָס כ'האָב אַזוי געשוויגן.

— ס'איז היינט מאָנטיק. זעט אויס, יידן זיינען גאָר צו דער אַרבעט ניט געגאַנגען.

— איך אַליין בין צו דער אַרבעט ניט געגאַנגען. וועלוול, דער טאַטע, זיינען אַוועק צו דער לויה. פאַרוואָס כ'האָב אויף דיך געוואַרט, ווייס איך ניט. ס'האַרץ האָט מיר געזאָגט, אַז דו וועסט קומען.

דאָקטאָר לוריא האָט זיך אויף דעם ניט אָפּגערופן. זיין געמיט איז געווען אויפגערודערט, כאָטש ער האָט עס ניט אַרויסגעוויזן. איר שטים האָט גע־קלונגען פאַר אים נאָענט, פּונקט ווי אַלע יאָרן אין אַמעריקע וואָלט ער נאָך די נאַטירלעכע רייד פון דעם מענטשן געבענקט צו הערן.

— וואָס איז ער געווען פאַר יידן אין אַמעריקע, וואָס האָבן גענומען, גע־וואָרפן אַרבעט און ביזנעס? אפשר דערפאַר וואָס דאַרטן איז אַ מלחמה. ס'דוכט מיר אויס, אַז אָט באַלד וועלן אַלע יידן צונויפגעטריבן ווערן אַהער.

דאָקטאָר לוריא האָט זיך איינגעהערט צו עמאָס רייד. ער האָט ניט געזוכט פאַר איר קיין ענטפער. דעם סוד פון לעבן האָט דאָקטאָר לוריא נאָכגעפאָרשט ביי אַלע זיינע פאַציענטן. וויפיל מאָל ער האָט געגאַפט, וואַכנדיק ביים געלעגער פון אַ גוסס, ווען דעם גוף האָט שוין כמעט אויסגעהויכט יעדן ציטער פון דער נשמה. ס'האָט אויסגעוויזן — ווי נאָך איין אָטעם־צוג, און דער קראַנקער גוף וועט אויף אייביק ווערן אויסגעלאָשן. און מיט אַמאָל האָט פון טיפער פאַרבאָרגעניש אַ שלאָג געטאָן לעבן; דער גוסס האָט אויפ־געעפנט די אויגן, דערזען זיינע נאָענטע אַרום געלעגער, האָט אַ שמייכל געטאָן און האָט אָן ווערטער געזאָגט: „איך קום צוריק צו־אייך פון אַ וויטן וועג. בין געווען אין שאָטן פון טויט, און איצטער גיי איך דעם ליכטיקן לעבן אַנטקעגן!"

און ס'האָט אויך געטראָפן ווען דער אומגעריכטער לעבסצייכן איז געווען אַ לעצטער צייכן און ניט מער: — אַ חלבן ליכטל, ווען ס'פייער האַלט שוין ביים לעצטן פאָדים פון קניטל, טוט זיך נאָך ס'פייער אַ הויב, עס וויל זיך באַהעפטן מיט די גרויסע, פאַרדווילענע פייערן, און פלאַקערן ווי נאָך קיינמאָל ניט, אָבער דאָס איז דער לעצטער לעבנס־צוק און ניט מער. „אַזוי איז עס מיט דעם שטיק יידיש פאָלק, וואָס האָט זיך פון גאַנצן פאָלקס־אָרגאַניזם אָפּגעריסן און זוכט אומבאַוואוסטזיניק די פרייע ערד און די פרייע לופט, גאָר איינגאַנצן אויסגעלייזט צו ווערן פון פאָלקס־פאַנצער; אַריינשטראָמען אין לעבעדיקן אָרגאַניזם פון אַמעריקענעם פאָלק.

— בלוט טראַנספיוזשען ווערט אין דער מעדיצין אַלץ אָפטער באַנוצט, — האָט דאָקטאָר לוריא גערעדט צו זיך אַליין. — ס'איז אַ חידוש צו זען ווי דער בלוט־אָרימער, וואָס זינקט אין זיין קראַנקייט, לעבט־אויף פון צוגעגאָסענעם בלוט אין זיינע אָדערן.

עמאַ בערגער האָט אויפגעהויבן די אויגן צו דאָקטאָר לוריאן און בלאָס געשמייכלט. זי האָט גאַנץ אָפט געזוכט דעם שליסל צו דאָקטאָר לוריאַס אָפּגעשלאָסענעם כאַראַקטער. איר האָט אויסגעוויזן, אַז די יונגע מענטשן, וואָס שטודירן מעדיצין, גייען דורך גרונטלעך אַנאַטאָמיע, עסקן זיך מיט טויטע קערפּערס, צעשניידן, צעפּאַלמעסן יעדן קלענסטן טייל פון מענטשנס

גוף און רעכענען אַלץ מאַטעמאַטיש אויס; די דאָזיקע יונגע מענער וואָס גיבן זיך אָפּ מיט אַנאַטאָמיע, צעפּאַלמעסן אַ פּרוי אויף שטיק־שטיקלעך — זיי קענען זיך ניט פאַרליבן אין אַ לעבעדיקער פּרוי מיט דער אייגענער נאַיווער און הייסער ליבע ווי דער פּשוטער בשר־ודם, וואָס הערט זיך צו צום גאַנג פון זיין בלוט אין די אָדערן.

עמאַ קומט אויפן זינען איר ערשטע באַגעגעניש מיט דאָקטאָר לוריאַן; ווי ער האָט זי געפונען אַ קראַנקע אין בעט און, ווי אַ דאָקטאָר, האָט ער קראַנקייט געזוכט אין איר גוף!

זי האָט אַ ציטער געטאָן פון דעם דאָזיקן געדאַנק, זיך נעבנטער צוגעדריקט צו דאָקטאָר לוריאַן, כאָטש ער איז פאַר איר געווען די אייגענע רעטעניש ווי אַלע מאָל. אפילו זיין קומען זי אַרויסנעמען צו דער לויה, וואָס איז תּחילת פאַר איר אויסגעקומען גאָר באַטירלעך, האָט איצטער קיין קלאָרן זינען ניט געהאַט.

דאָקטאָר לוריא האָט געפּרוווט מיטן געדאַנק פאַנאַדערטיילן די יידישע וועלט, וואָס ד־האָט געוואָרפן די אַרבעט, געוואָרפן ביזנעס און אַרויס באַלייטן צו זיין אייביקער רו אַ יידישן שרייבער. די מערהייט איז געשטאַנען ביי די זייטן גאַס, אַ וואַרימע מענטשן־וואַנט, מיט אויגן און נערוון באַגלייט דעם ארון וואָס האָט פאַרבייגעצויגן. מענטשן האָבן זיך אויף די שפּיץ פינגער געצויגן, ווי פון דער ערד זיך אָפּצורייסן. ס'פּנים געלייטערט און קינדיש פאַרוואונדערט.

און עס איז געווען די מינדערדהייט, וואָס איז מיט שטילע טריט נאָכגעגאַנגען דעם ארון; געבויגן אונטער דער טרויער־משא, זיינען די מענטשן געווען געעלטערט, נידעריקער לגבי די וואָס זיינען ביי די זייטן גאַס געשטאַנען און מיט פאַרלאַשענעם אָטעם נאָכגעקוקט.

דאָקטאָר לוריאַן האָט אַ פאַרבאַרגענע האַנט אָנגענומען און אַריינגעפירט אין די רייען פון די באַגלייטער. ער האָט עמאַן מיטגעפירט. אים האָט אויסגעוויזן, אַז דער שטילער, טרויעריקער גאַנג איז בלויז אַן אָנהויב פון דעם אייביקן גאַנג, וואָס דער יחיד הייבט אָן אין לעבן. דאָ איז עס ניט דער יחיד. אַ גאַנץ פאָלק, וואָס האָט אין דער נייער צייט איבערגעוואַנדערט אין אַ ניי לאַנד, האָט אויסגעקליבן אַ פּשוטן מאַנטיק, און אַנשטאָט גיין צו דער אַרבעט, האָט עס אָנגעהויבן דעם פאַטאַלן וועג, פון וועלכן מ'קערט זיך צוריק ניט אום.

כאָטש דאָקטאָר לוריא אַליין, זינט ער איז אין אַמעריקע, איז אים אויסגעקומען מיטצוגיין אין עטלעכע לויות: ער האָט זיין פאָטער, ישראל לוריאַן באַגלייט אויפן עולם האמת, דערנאָכדעם זיין שטיפמאַמע, דערנאָכדעם דעם עלטערן ברודער. אים שטייט פאַר די אויגן דער יידישער בית־עולם אין נייעם לאַנד. פון יענע לויות איז ער שטענדיק אַן אומעטיקער צוריק געקומען. נאָך יעדער לויה האָט ער עטלעכע טעג נאָכאַנאַנד זיך ניט געקענט אומקערן צו זיין נאָרמאַלער אַקטיוויטעט. אָבער דאָס מאָל איז דאָס ניט קיין לויה. ס'איז אַ ווידערגעבורט פון אַ פאָלק ביים ראַנד פון אַ קבר. ער אַליין שפּירט ווי ס'בלוט שטראָמט הייסער און ס'האַרץ קלאַפּט שטאַרקער.

די מענטשן ביי די זייטן גאַס, ווי די מענטשן צווישן וועמען ער שטעלט זיינע געמאָסטענע טריט נאָכגייענדיק דעם ארון, וואָס איז ווייט פאָרויס, ניט אַרויסצוזען, דוכט אים, אַז די אַלע מענטשן זיינען אים נאָענט, אייגענע ברידער

און שוועסטער. און פונקט ווי מיט אייגענע ווירקט די בלוט־קרובהשאַפט, און ס׳איז צומאָל ניט נויטיק צו פאַרוואָרפן עטלעכע ווערטער מיט די בלוט־נאָענטע.

מיטן געדאַנק איז דאָקטאָר לוריא אַוועק צום מלחמה־פעלד:

— ווי וואָלט געווען ווען דער אייגענער מענטש קומט ניט קיין אַמעריקע. מ׳זאָגט, ער איז נאָך אַפילו קיין זעכציק יאָר ניט אַלט געווען; צי וואָלט אים דאָרטן אויף דער גרעניץ פון לעבן און טויט דאָס לעבן ניט גובר געווען? און ווען ער שטאַרבט דאָרטן, ווי וואָלט דאָס יידישע טראַגישע לעבן זיין טויט אויפגענומען? וואָלטן דאָרטן אויך הונדערטער טויזנטער מענטשן אַרויס־געבראַכט זייער שטילע וועלט כדי צו באַווייזן, אַז אַ פאָלק איז ניט קיין איינ־ציקע פערזאָן וואָס לעבט און שטאַרבט?

עמאַ האָט געהאַלטן איר רעכטע האַנט אויף זיין אָרעם. ס׳איז איר אויס־געקומען האַלטן העכער די רעכטע זייט כדי ניט הענגען צו שווער אויף זיין אָרעם. די מענטשן־מאַסע האָט זיך געוויגט, טריט־ביי־טריט געצויגן געוואָרן פאָרויס. אין דער ענגשאַפט איז אויסגעקומען די טריט צו פאַרשמעלערן. די טריט האָבן ניט מיטגעהאַלטן מיטן ריטם און טאַקט פון אייגענעם בלוט.

— פאַרוואָס איז ער היינט געקומען מיך אַרויסנעמען? — האָט איר בלוט געפרעגט. — וואוהין פירט ער מיך? וואוהין וועט ער מיך ברענגען?

אַ רגע האָט זי געפילט ווי איר האַרץ שטעלט זיך אָפּ. זי האָט פאַרנומען אַ שטילן, איינגעהאַלטענעם געוויין, וואָס קומט פון דער נידער, ווי פון קאַלטן ברוק אַרויס, איבער וועלכן עס וויגן זיך די טריט פון די לויה־מענטשן. פון דער טיף ציט דאָס שטילע געוויין אַרויס.

— הערסט גאָרניט? — האָט עמאַ שטיל געפרעגט, צודריקנדיק זיך צו זיין אָרעם.

— די שטים פון לעבן הער איך.

— האָ?

— די שטים פון לעבן, ווי די שטים פון טויט, ביידע פאַרנעמט מען אין אַזאַ רגע.

דאָקטאָר לוריא האָט מיט אַ זייט זיך אַרויסגעשניטן פון צווישן די באַ־גלייטער, האָט עמאַן מיט זיך מיטגעצויגן אויפן טראָטואַר אַרויף, אויף אַ ווייל זיך אַריינגעשטעלט צווישן די וואָס זיינען נאָך אויף די שפּיץ פינגער געשטאַנען, געלאָזן, זייער נשמה זאָל אַוועקוואַנדערן דורך דעם מעלאַנכאָליש־ראָזן פרילינג־טאָג, וואָס האָט זיך געשפּרייט איבער דער אויסטערלישער לויה.

עמאַ איז געווען צופרידן וואָס דער וועג האָט זיך געענדיקט. זי האָט אַליין קיין אויסוואַל ניט געהאַט. ער איז געקומען, זי אַרויסגענומען, און איצטער האָט ער דעם אויסוואַל. ער האָט איבערגעריסן דעם טרויער־גאַנג, איז זי פון דעם צופרידן.

— איך בין היינט ניט אין מיינע הענט. איך בין היינט ניט אין מיין וועלט.

זיי האָבן אָפּגעניגט אָן אַ זייט פון דער גאַס וואו די לויה האָט דורכגע־צויגן, צוריק אַריין אין אַ הור־האַ פון לעבן. ביידע האָבן פאַרוואונדערט געקוקט אויף די יידישע פּנימער וואָס האָבן זיך אין די זייטיקע גאַסן באַוויזן; פּנימער פאַרנומענע מיט טאָג־טעגלעכקייט.

— אוודאי וואַרטן פּאַציענטן. לאָז מיך, כ׳וועל אַליין גיין אַהיים.

עמאַ האָט אָנגעקוקט דאָקטאָר לוריאַן, געפּאַרשט וואָס פאַר אַן איינדרוק

איר פאַרשלאָג האָט אויף אים געמאַכט. זיין פּנים איז געווען פאַרצויגן מיט טרויער. זיין געדאַנק איז נאָך געווען פאַרטראָגן מיט דער גרויסער לויה.

אין אַ ווײַלע אַרום האָט דאָקטאָר לוריא געזאָגט:

— איך דאַנק דיר וואָס דו האָסט געוואָרט אויף מיר. אַליין וואָלט מיר איצטער געווען שווער.

— גיי צו דיינע פּאַציענטן, זכריה. אַ קראַנקער איז בילכער.

זי האָט געדריקט זיין האַנט, שאַרף איבערגעשניטן די גאַס, פילנדיק זיינע בליקן וואָס האָבן זי נאָכגעיאָגט.

ווען דאָקטאָר לוריא איז געקומען אַהיים האָט ער ביי זיך אויפן טיש געפונען אַ בריוו פון זיין ברודער אשר אינאיינעם מיט אַ טשעק אויף דריי הונדערט דאָלער.

אין בריוו שרייבט אשר, אַז די דריי הונדערט דאָלער שיקט ער פאַר די אומגליקלעכע יידן אין רוסלאַנד: „איך ווייס, דו ביסט מסתמא אַ גאַנצער שמעלקע מיט די לייט וואָס ראַטעווען יידן, ווייסטו ווען עס איבערצוגעבן. ווערסט אוודאי טראַכטן, אַז אַ יידיש האַרץ איז ניט אָפּצושאַצן, מאַכסטו ניט קיין טעות. איך דאַנק דיר וואָס דו האָסט אויפגענומען דזשעסין און האָסט אָנגעקוקט יוכבדן. כ׳וואָלט דיך געבעטן אַ טובה, ווען איך ווייס, אַז דו וועסט מיר ניט אַ שפּיי טאָן אין פּנים אַריין. כאַ־כאַ־כאַ, כ׳ווייס, דו וועסט עס ניט טאָן. אַ דאָקטאָר היילט אַלעמען און אַלע קראַנקייטן. אים אַרט ניט דער מענטש. אים אַרט די קראַנקייט. גוט, זכריה, וואָס דו ביסט געוואָרן אַ דאָקטאָר...״

מחמת דער טשעק איז געווען אויסגעשריבן אויף אַ שיקאַגער באַנק, האָט דאָקטאָר לוריא זיך אין דער ערשטער רגע ניט געכאַפּט, אַז דער בריוו איז אַרויסגעשיקט געוואָרן פון ניו־יאָרק. אים האָט אַ היץ אַ שלאָג געטאָן אין פּנים אַריין ווען ער האָט אויפן קאָנווערט דערקענט דעם שטעמפּל פון ניו־יאָרקער פּאָסט. דאָקטאָר לוריא האָט נאָך אַ מאָל געלייענט די פּאָר שורות: „דעם דאָקטאָר אַרט ניט דער מענטש, אים אַרט זיין קראַנקייט״.

— אָט דאָס איז אשר! — האָט דאָקטאָר לוריא אַ טראַכט געטאָן. — אַ רעטעניש איז ער פאַר מיר. וואָס טוט ער, דער מענטש?

ער האָט אין געדאַנק אָנגעהויבן מאַכן פּלענער, אָפּצורייסן עטלעכע טעג און צופאָרן קיין שיקאַגאָ, קיינער אין דער משפּחה זאָל עס ניט וויסן. ער וועט אומדערוואַרט אַריינפאַלן צו אשרן, איין מאָל פאַר אַלע מאָל זיך דערוויסן וואָס ער טוט. אים חידושט פאַרוואָס ער האָט עס ביז איצטער ניט געטאָן. „דעם דאָקטאָר אַרט ניט דער מענטש, אים אַרט די קראַנקייט...״

פאַרן געדאַנק איז אים אויפגעקומען עמאַ בערגער, ווי ער האָט זי איבערדערפרי אַרויסגענומען צו דער לויה, און ווי אַ גאַנצן וועג האָבן זיי כמעט ווי ניט גערעדט צווישן זיך. ער פילט נאָך איר האַנט־דרוק בשעת זי האָט זיך מיט אים געזעגנט, און ווי זי האָט זיך פון אים אָפּגעריסן, איבערגעשניטן די גאַס און פאַרשוואונדן.

— אויך זי איז קראַנק געווען; כ׳האָב געוואָלט זי אָפּטיילן פון איר קראַנקייט און בין אַליין קראַנק געוואָרן.

אין וואָס זיין קראַנקייט באַשטייט, האָט ער אויף אַ צווײדייטיקן אופן אַרויסגעזאָגט ביי דניאל לוריאן אין שטוב, ווען מ׳האָט געפייערט זיין געבוירנטאָג. זיין קראַנקייט איז אפשר אויך אַ יידישע, ווי עמאָס. „מיר איז גוט וואָס איך האָב ניט קיין דערוואַקסענע זין. ווען אַמעריקע וועט אַריינגעצויגן ווערן אין דער אייראָפּעישער מלחמה, וועל איך מיינע זין ניט באַדאַרפן שיקן צום שלאַכט־פעלד״.

דאָקטאָר לוריא טראַכט פון דעם און וויל באַשטימען, צי אַזאַ באַציאונג צום לעבן איז געזונט און נאָרמאַל.

— דער סוד פון לעבן איז ניט אין אונדזער רשות; אָפּטמאָל קריגט די רעטעניש אַ באַשייד ווי די לויה היינט ביי טאָג. וועגן קען מיר באַשיידן די רעטעניש, אָנווייזן אויף דער אמתער סיבה וואָס האָט דעם יידישן מענטשן־ים אַרויסגעבראַכט צו דער לויה? אַזאַ לויה איז נאָך ניט קיין סימן פון טויט און אונטערגאַנג. אַזאַ לויה זאָגט עדות אויף דעם שטאַרקן לעבנס־קוואַל וואָס שלאָגט אין דער טיף פון אַ פאָלקס־לעבן. טאָ ווי אַזוי קען איך זיך שטעלן אָן אַ זייט בלויז ווי אַ באַאָבאַכטער, בלויז ווי אַ דאָקטאָר, וואָס היילט יענעמס וואונדן?

ס׳לעצטע מאָל ביי דניאלן האָט אים די גרטע גענומען אָן אַ זייט: „האָב חתונה, זכריה, האָב חתונה, — האָט זי אים מיט אַ הייסן אָטעם אַריינגעזאָגט, בשעת איר פולע ברוסט האָט אים באַשיידט אַלע רעטענישן פון לעבן. — זי איז אַ הייסערע פון מיר... ליזאַבעט וואָלט אין דיר דעם קאַלטן פילאָזאָף צעשמאָלצן, ווי ס׳ווערט שטאָל צעשמאָלצן אין הייסן פייער. דו וואָלסט דאָך ניט געוואָלט, זי זאָל ווערן אַ יידישע, זי זאָל ווערן אַזוי יידיש־פרום ווי איך בין געוועזן. האָסט שוין איצטער געקענט האָבן דריי שיינע קינדער. יעס, זכריה, אַ פרוי ווערט ניט געבאָרן. דער מאַן מאַכט זי פאַר אַ פרוי. גנעם זיך עס אַריין אין זינען, זכריה״.

אשר, די גרטע, עמאָ בערגער, און די לויה — אַלץ מישט זיך איבער אינאיינעם. צו דעם קומען נאָך צו אַלערליי חולאים — מענער, פרויען, אַלט און יונג, נאַטירלעכע קראַנקייטן און פאַרדעכטיקע קראַנקייטן, פּראָסטיטוטקעס, און מיידלעך, וואָס קוקן מיט שרעק אויפן לעבן; קינדער אין וויג און אַלטע לייט ביים שוועל פון טויט, אַ ווירוואַר פאַרן דמיון, און צו דעם אַלעמען — אַ טשעק אויף דריי הונערט דאָלער פון אשרן!

— וואָס באַהאַלט ער זיך אויס? נעבאַי וואָלט ער אַריינגעקומען. אים וואָלט איך געפרעגט, זאָל ער מיר אויפקלערן דעם זינען פון לעבן!

ער האָט נאָך אַ מאָל באַטראַכט דעם קאָנווערט, דעם בריוו און דעם כתב אויפן טשעק. מיט אַמאָל האָט מען אָנגעקלונגען אין טיר.

דאָקטאָר לוריא האָט זיך אַ ריס געטאָן פון אָרט און געעפנט די טיר. פאַר זיינע אויגן איז אויסגעוואַקסן אשר. מיט זיינע שווערע אָרעמס איז ער אַרויפגעפאַלן דאָקטאָר לוריאן אויפן האַלדז, מיט ליידנשאַפט אים געקושט און געמורמלט:

— ביסט דער איינציקער וועמען כ׳וויל נאָך זען. האָסט מיין בריוו דערהאַלטן. דו ביסט דער איינציקער.

אשר איז געווען געעלטערט. ס׳פּנים שטאַרק צעקניטשט. די אַמאָליקע שוואַרצע אויגן זיינען אָפּגעקראָכן, ברוין געוואָרן. זיין געדיכטע שוואַרצע קוטשמע איז איצטער געווען איינגאַנצן אשיק־גרוי.

— כ׳בין היינט גאָר אַ צעבראָכענער מענטש, זכריה. כ׳האָב ניט געקענט אַוועקפאָרן און דיך ניט זען. אפּנים יידן זיינען נאָך אַלץ יידן. אַזאַ לויה!

— פון וואָס רעדסטו, אשר? — האָט דאָקטאָר לוריא, אָפּטרעטנדיק אָן אַ זייט, באַטראַכט זיין ברודער.

— וואָס מיינסטו, כ׳בין פאַרגרעבט געוואָרן? אַ לוריא ווערט ניט פאַר־גרעבט. כ׳האָב אָנגעהויבן אָפּצוהיטן דעם טאַטנס יאָרצייט אויך. דו היטסט אים אָפּ?

— ניין.

— ניין? דאָס פּאַסט פאַר אונדזער סאָציאַליסט, פאַר נתנען.

דאָקטאָר לוריא האָט געשוויגן. אים איז ניט געפעלן געווען וואָס אשר, אין אַ ווײַלע אַרום ווי ער האָט זיך אַזוי פאַרלאָרן, איז מיט אַמאָל רעדעוודיק געוואָרן.

— טו העל... ס׳האָבן זיך מיר טרערן געגאָסן פון די אויגן, — איז אשר אַלץ מוטיקער געוואָרן. — יידן, מיט קיין האַק וועסטו זיי ניט דערהרגענען. וואָס מיינסטו, זכריה, דאָרטן אין יוראָפּ וועט עס איבערבלייבן פון יידן?

— וואָס איז דיר דער חילוק? מאַכסט דאָך ניט אַ לעבן דוקא פון יידיש פליייש־און־בלוט.

— איך טו עס ניט מער, — איז ביי אשרן געפאַלן זיין מוט. — שוין מער ווי אַ יאָר ווי איך האָב עס אויפגעגעבן.

— האָסט געפונען בעסערע ביזנעס?

— אפשר יאָ, אפשר ניט.

דאָקטאָר לוריאס בליק איז געפאַלן אויף אַ שראַם, אַ צייכן פון אַ טיפן שניט ביי אשרן אונטער דעם רעכטן אויג.

— האָסט דאָך שטענדיק געהאַט עפּעס אַנדערע געשעפטן אויך.

— וואָרום וואָס, ווילסט מיין טשעק ניט אויסנוצן?

דאָקטאָר לוריא האָט אַ שמייכל געטאָן און ניט געענטפערט.

— האָב חתונה, זכריה, וועל איך דיר געבן אַ שיינע מתנה. כ׳קען באַ־ווייזן אויסצושרייבן אַ שווערן טשעק. כ׳וועל דיר דעם טשעק אויך איבער־שרייבן אויף פינף הונדערט דאָלער.

אשר האָט זיך צוגעזעצט ביי דאָקטאָר לוריאס טיש, האָט צעריסן דעם פריערדיקן טשעק און אָנגעשריבן אַן אַנדערן. ווען ער איז פאַרטיק געוואָרן, האָט ער פון זיין פלאַץ באַטראַכט דאָקטאָר לוריאן און מיט אַ טרויער אין די אויגן געזאָגט:

— האָסט געלייענט וואָס כ׳האָב דיר געשריבן... ביסט אָלרייט, זכריה. מיר איז גוט וואָס כ׳קען ביי דיר אַ ביסל זיצן. כ׳האָב היינט אַ סך איבערגע־טראַכט. טו העל, אַזויפיל יידן נאָענט אייגנס צום אַנדערן. באַי גאָד, כ׳האָב געוויינט. יעס, דזשעסי האָט מיר דערציילט, אַז זי איז ביי דיר געווען, און דו האָסט זי גוט אויפגענומען. זי איז מיין טאָכטער. יוכבד, אַז זי זאָגט, ווייסט זי. זי האָט יעמאָלט מער ווי איין מאָן ניט געהאַט. כ׳האָב צוגעזאָגט דזשעסין, כ׳וועל איר סופּאָרטן ווי עס פּאַסט פאַר אַן אייגן קינד. כ׳האָב נאָך

דריי קינדער, פון נאָך צוויי מאַמעס. ניט קיין יידישע. דזשעסי איז אַ יידישע. זיי זי מקרב, זכריה. כ'האָב ניט געוואוסט, אַז יוכבד האָט זי אַרויסגעשיקט פאַרדינען. זי דאַרף עס מער ניט טאָן. זי וועט עס מער ניט טאָן. זי בענקט שטאַרק, זי וויל, איך זאָל זי מקרב זיין. כ'האָב זי אַרויסגענומען צו דער לויה. אויף מיר קוקנדיק האָט זי אויך געוויינט. יעס, זכריה.

— איז עס אַלץ וואָס דו האָסט מיך געוואָלט בעטן?

— יעס, זכריה. דערציייל ניט די קינדער, אַז איך בין ביי דיר געווען. אין צוויי שעה אַרום גייט אָפּ מיין טרעין. גוד־באַי, זכריה.

ער האָט ווידער אַרומגענומען דאָקטאָר לוריאן און ליידנשאַפטלעך געקושט.

נאָך אשר אַוועקגיין איז דאָקטאָר לוריא צוגעגאַנגען צום קראַן, לאַנג געוואַשן ס'פּנים מיט קאַלט וואַסער — מיט דעם אַראָפּצוואַשן אַ גייסטיקן שטויב וואָס האָט זיך שווער אָפּגעזעצט אויפן פּנים.

* * *

פון אייראָפּע האָט אַלץ געדיכטער געצויגן דער מלחמה־וואָלקן צו די אַמעריקאַנער ברעגעס, פאַרשפּרייט אומרו אין די געמיטער פון אַ פריי פאָלק, וואָס האָט מיט דער „אַלטער וועלט" קיין שותפות ניט געוואָלט פירן. פּרעזידענט ווילסאָנס טערמין האָט געהאַלטן ביים סוף, און כאָטש מ'האָט אים חושד געווען, אַז ער קוקט צופיל אַריבער צו דער אַלטער וועלט, קוקט אויס מזל און ברכה פאַר וואָל־סטירט, האָט מען פאַרגעסן וואָס דער קאָנגרעס איז געווען קעגן אים און געפאָדערט, אַז ער זאָל אַרויסגעבן אַ באַפעל — אַמעריקאַנער בירגער זאָלן זיצן אין דער היים, ניט פאָרן אויף שיפן וואָס פירן געווער פאַר די פעלקער אין קריג און מיט דעם ניט שלעפּן אַמעריקע אין אַ צרה אַריין. פרידן, האָט מען געהאָפט, וועט הערשן אין לאַנד, אויב ווילסאָן וועט אויסגעקליבן ווערן אויף אַ צווייטן טערמין.

— שטימט פאַר דעם פּרעזידענט, וואָס האָט אונדז אויסגעהיט פון מלחמה! — איז געווען דער פייערדיקער רוף פון דער דעמאָקראַטישער פּאַרטיי צום אַמעריקאַנעם פאָלק.

אַלע די, וואָס האָבן פון מלחמה גאַרניט געוואָרט; אַלע די, וואָס האָבן פון דער ווייטן אַרויסגעזען אייראָפּע אַ חרובע אויף אירע בלוטיקע מיסטן, האָבן אויף דעם דאַזיקן רוף זיך אָפּגערופן. אַ פאָלק האָט זיך געטוליעט און געזוכט שוץ אונטער די געפליגלטע פרידנס־פראַזן, וואָס פּרעזידענט ווילסאָן האָט פון צייט־צו־צייט אַרויסגעלאָזן צום פאָלק.

אין נאָוועמבער, ווען ווילסאָן איז אויסגעקליבן געוואָרן אויף אַ צווייטן טערמין, האָט מען אויף אַ ווייל אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם. נאָך שטאַרקער האָט דער פרידנס־גייסט אַ ווייע געטאָן און די מלחמה־וואָלקנס צעשטרייט, ווען מיט אַ חודש שפּעטער האָט פּרעזידענט ווילסאָן אַרויסגעשיקט אַ פרידנס־רוף צו די מלחמה־צדדים, זיי אויפגעפאָדערט אויפצוהערן זיך שלאָגן און מאַכן שלום. כאָטש אין פּרעזידענטס ווענדונג איז געווען אַ סך נאַאיווע גאווה, האָט מען אויף אַ ווייל מיט אַ גרינגערן געמיט זיך אָנגעקוקט: „לאָמיר טאַקע הערן וואָס די ליידאַקעס וועלן אויף אַזאַ פרומען פאַרלאַנג ענטפערן..." געענטפערט האָט מען אין דער אַלטער וועלט מיט פאַרשטאַרקטערער בלוט־פאַרגיסונג. מיט דריי חדשים נאָך ווילסאָנס ווידערדערוויילונג האָט ער

איבערגעריסן דיפלאָמאַטישע באַציאונגען מיט דייטשלאַנד, אויף דעם סמך, וואָס דייטשלאַנד וויל זיך ניט אָפּזאָגן אַטאַקירן האַנדלס־שיפן וואָס פירן פון אַמעריקע אַמוניציע און פּאַסאַזשירן.

ס׳איז געווען גרינג צו פאַרשטיין, וואוהין דער ווינט בלאָזט. ענגלאַנד האָט דאָ געהאַט אַ חשובן שליח, אַ לאָרד, וואָס האָט באַאַרבעט די וואַשינגטאָנער חכמים. אונדזער אייגענער אַ לאָרד איז דאָס געווען — רופוס אייזיקס. מ׳האָט געפילט ווי די מלחמה־געוויכט וועגט איבער, ס׳צינגל נייגט זיך, ציטערט נערוועיש אויף דער זייט פון די אַליאירטע. ס׳לעבן האָט אויסגעזען גלייך ווי ס׳וואָלט די שיף אויסגעטאָן, זיך אָנידערגעזעצט שבעה נאָך איידער דער מלחמה־גאָט האָט זיינע ערשטע קרבנות גענומען.

ניט קיין חידוש וואָס ביי די איינגעבירגערטע יידן, אינאיינעם מיט נחת פון קינדער, איז אויסגעוואַקסן די גרויסע זאָרג: „טאָמער טאַקע נעמט אַמעריקע, דערקלערט דייטשלאַנד מלחמה... און ווען מלחמה — איז אויס מיט פריי־וויליקע סאָלדאַטן. אַ פּריזיוו ווי אין דער אַלטער היים!"

— נאָ דיר, אויסגעדהאָדעוועט זין אין פרייען לאַנד, אויסגעהאָדעוועט אַ לייטישן און געזונטן דור, געהאָפּט, דאָ וועלן זיך שפּרייטן משיח־צייטן, און אָט האָסטו דיר!

ביי די לוריאס איז אויסגעוואַקסן אַ צייטיקער צווייטער דור. ביי דניאל לוריאָן, ביידע זין, דייוויד און דזשייקאָב — אין אַ פּאַסיקער עלטער. קעראַלאַין האָט אַ זון איזראַעל, און ביים פּאַרמער, ביי הילל לוריאן — אַ זון ישראל. כאָטש ס׳איז נאָך געווען, ווי לעאָנאַרד סטאָן האָט געזאָגט, „אויפן הימל אַ יאַריד" — איז דער מלחמה־יאַריד פאַר אַ סך שוין געווען אויף דער ערד. פאַר די, וואָס האָבן אין דער מלחמה געזען בלויז טויט און פאַרוויסטונג — זיי האָבן דעם שאָטן פון טויט געשפּירט שוועבן איבער זייער לעבן. מאַמעס האָבן די ערשטע מיט זייער אינסטינקט געשפּירט די סכנה.

קעראַלאַין איז אַראָפּגעקומען צו דניאלן און ביי איר שוועגערן, דער גרטע, געוואָלט אויסשפּירן די אמתע לאַגע:

— וואָס זאָגסטו, ליליען, צום אומגליק וואָס האַלט זיך ביים אָנרוקן אויף אונדז?

ליליען־רות האָט תחילת ניט באַנומען וועגן וואָס פאַר אַן אומגליק קעראַ־לאַין רעדט. זי האָט אָנגעקוקט די צעשראָקענע שוועגערן און געפרעגט:

— פון וואָס פאַר אַן אומגליק רעדסטו, קעראַלאַין?

קעראַלאַין איז געווען פאַרחידושט וואָס ליליען־רות, אַ מאַמע ווי זי אַליין, זאָל זיך גלייך ניט כאַפּן, פון וואָס פאַר אַן אומגליק זי האָט דערמאָנט.

— סע שרעקט מיר מיין הארץ פאַר מיין קינד. מ׳זאָגט, אַז אויב מלחמה, וועט מען נעמען אַלע יונגע זין. צוליב דעם האָב איך געדאַרפט האָבן קינדער, מ׳זאָל זיי אָוועקשלעפּן ערגעץ און אויסקוילענען?

קעראַלאַין, ווי אַ געפּרואווטע וויינערן, האָט פאַרענדיקט מיט טרערן.

— יעס, ס׳רוקט זיך אָן אַן אומגליק, קעראַלאַין. מיר ווערט עפּעס טונקל אין מוח, — האָט ליליען־רות, אַ בלאַסע, געגלעט דעם שטערן. — איך האָב מורא צו טראַכטן פון דעם, וואָרום איך ווייס, אַז פון טראַכטן קומט גאָרניט אַרויס. דניאל איז אויך צעשראָקן.

— און דו אַליין?

— זאָג איך דיר, אַז מיר איז שווער צו טראַכטן. אויב דער פּרעזידענט וועט זאָגן, אַז מ׳דאַרף גיין אין מלחמה, מ׳וועט באַדאַרפן פּאַרטיידיקן אונדזער לאַנד, ווען איך זיך דען קענען שטעלן אַנטקעגן ?

— ניט דערלאָזן, ליליען, מ׳זאָל אונדזערע קינדער אויסקשלעפּן אין מלחמה. נייטן איז גערעכט וואָס ער זאָגט, אַז וואָל־סטריט וויל אַמעריקע אַריינשלעפּן אין מלחמה. אונדזערע זין ווילן זיי אויסקשיקן, זיי זאָלן מאַכן מיט זייער לעבן פּראָפיטן פּאַר וואָל־סטריט.

— איך פאַרשטיי ניט וואָס נייטן זאָגט. שטעלן זיך אַנטקעגן וואַשינגטאָן קען מען דאָך ניט, קעראַלאַין.

— אָבער מיין קינד, ליליען...

— אַז מ׳לעבט אין אַ לאַנד, דאַרף מען דאָך מיט עפּעס באַצאָלן דערפאַר.

— וועמען דאַרף איך צאָלן, ליליען? וועמען בין איך שולדיק?

— מ׳זאָגט, אַז דייטשלאַנד קלייבט זיך באַפאַלן ניו־יאָרק; וועט מיט סובמאַרינס אָנקומען און אויפרייסן ניו־יאָרק.

— נייטן לאַכט אין די פויסטן.

— וואָס ווייס נייטן? וואָס וויסן מיר? אין וואַשינגטאָן ווייס מען וואו עס האַלט. רעד מיט מיין דייווידן, וועט ער דיר זאָגן, אַז דער, וואָס וויל ניט פּאַרטיידיקן זיין פאָטערלאַנד, איז אַ פאַררעטער. איך גיב זיך איבער אין די הענט פון גאָט. מסתמא וויל ער אַזוי. כ׳ווייס, דניאל ציטערט אויך, טאָמער מלחמה. ער זאָגט, יידן זיינען געלאָפן פון רוסלאַנד פּטור צו ווערן פון מלחמה.

גאַנץ אַנדערש האָט דער מלחמה־גייסט געווירקט אויף לעאָנאַרד סטאָן. ער, וואָס האָט געהאַלטן אַן אויער געצייגט צו וואָל־סטריט, פון וואַנען ער האָט פאַרנומען דעם אלף־בית פון ביזנעס, ער האָט בחוש געשפּירט ווי טריט־ביי־טריט דערנענטערט זיך אַ גרויס גליק צו די אַמעריקאַנער ברעגעס. ער האָט פאַר דעם קיין ווערטער ניט געהאַט. אָבער זיין פאַרשטאַנד האָט אים געפירט אויף דעם וועג וואו דאָס גאָלדענע קאַלב האָט ציניש און „מענטשלעך" געמעקעט. ער האָט מיט קלאָרקייט ניט אַרויסגעזען אויף וואָס פאַר אַן אופן אַ מלחמה מיט דייטשלאַנד וועט זיך אָפּרופן אויף זיינע ביזנעס. וואָס פאַר אַ מזל און ברכה די מלחמה וועט אין זיינע שעפער אַריינברענגען. ער האָט קלאָר, ווי וואָל־סטריט, געפילט, אַז אויב אַמעריקע וועט בלייבן מחוץ דער מלחמה, ווען אייראָפּע וועט שליסן ווען־עס־איז שלום — יעמאָלט וועט אין לאַנד אָנשטיין דער גרעסטער קריזיס. ער האָט זיך פאָרגעשטעלט די פאַרשלאָסענע שעפער, געשניטענע ווייגדזשעס, סטרייקס, לאָק־אַוטס, און דערגלייכן...

ווען זיין פאַנטאַזיע האָט אים געמאָלן אַזאַ בילד פון עקאָנאָמישן חורבן — איז אים פאַר די אויגן פינצטער געוואָרן. אַלע די, וואָס האָבן געוואָלט אָפּ־שרייען דעם מלחמה־רוף, האָבן אים אויסגעזען ווי אַ באַנדע משוגענע פאַר־ברעכער. בכלל איז ער אומגעגאַנגען מיט די אויגן צו דער ערד. ווען ער איז געקומען אַהיים, איז אים שווער געווען צו באַגעגענען זיך מיט זיין וויב, וואָס האָט די לעצטע צייט כסדר אויף אים אַנגעשטעלט אירע צעשראָקענע מאַמע־אויגן.

ס׳איז געווען נאָך דעם ווי דער פּרעזידענט האָט איבערגעריסן דיפּלאָמאַ־טישע פאַרבינדונגען מיט דייטשלאַנד. ס׳וואָרט „מלחמה" האָט געשוועבט פון

מויל־צו־מויל און בלייך אַראָפּגעקוקט פון צעשראָקענע געזיכטער. קעראָלאַין האָט אָפּגעוואָרט איר זון ביים טיר, ווען ער איז געקומען פון קאָלעדזש, מיט פאַרטרערטע אויגן האָט זי אים אַרומגענומען און געקושט.

איזראַעל האָט געפילט דער מוטערס צעטראָגנקייט. ער האָט זי אויפ־געהויבן אויף די הענט און מיט איר זיך צוגעזעצט.

— וואָס איז, מאַ? — האָט ער איר אויסגעווישט די טרערן. — וואָס איז געשען, האָסט געהאַט אַ פאַיט מיטן פאַ?

— ניין, מיין זון; ווייסט דאָך, איך קריג זיך ניט מיט אים.

— דו רעדסט מיט אים ניט די לעצטע צייט.

— איך רעד מיט אים, ווען כ׳דאַרף.

— ס׳איז ניט אַלץ, מאַ. אפשר פאַרלאַנגט ער אַ ביסל מער פריינטלעכקייט.

— הלואי וואָלט איך פאַרמאָגט גענוג פריינטלעכקייט צו אייך, קינדער. כ׳ווייס, אַז איך בין אַ שלעכטע מאַמע.

— ביסט ניט צופרידן מיט׳ן לעבן, ביסטו ניט צופרידן מיט דיינע קינדער.

— איצטער ווערט מיר ס׳האַרץ צעריסן. מ׳זאָגט, אַמעריקע וועט גיין מלחמה האַלטן מיט דייטשלאַנד. מ׳וועט נעמען סאָלדאַטן. ביסט דאָך שוין איין און צוואַנציק יאָר אַלט!

— טאָ צוליב וואָס דאַרפסטו באַצייטנס וויינען? אין דער אַלד קאָונטרי האָט מען דאָך אויך גענומען יונגע מענטשן פאַר סאָלדאַטן. האָב ניט קיין מורא; דאָ וועט קיינמאָל ניט ווערן ווי אין דיין אַלד־קאָונטרי. אַמעריקע איז אַ פריי לאַנד. אונדזער פּרעזידענט וועט אַמעריקע אויסהיטן פון מלחמה. דאָס זאָגן אַלע אין קאָלעדזש.

— און וואָס זאָגן דיינע פריינט אין קאָלעדזש, זיי וועלן גיין, אויב מ׳וועט זיי רופן?

איזראַעל האָט פאַרוואונדערט אָנגעקוקט זיין מוטער. ער אַליין האָט זיך אײנגעאָנצן פאַרלאָרן. ער האָט זיך ניט געריכט אַזוינס צו הערן פון זיין מאַמען.

— ס׳איז אמת, מאַמע, אַז דער אָנקל דניאל האָט ניט געוואָלט, אַז דייוויד זאָל אָנקומען אין דער מיליטערישער אַקאַדעמיע?

— יעס.

— און ווען איך וואָלט עס וועלן?

— יידן באַנעמען ניט מיטן שכל, צוליב וואָס מ׳דאַרף מלחמה.

— סאָציאַליסטן זאָגן אויך דאָס אייגענע.

— אוודאי זאָגט דיין אָנקל נייטן, אַז סאָציאַליסטן וועלן ניט דערלאָזן, אַמעריקע זאָל גיין מלחמה האַלטן.

קעראָלאַין האָט באַמערקט אַ פאַרדעכטיקט פייערל אין איר זונס אויגן. ער האָט זי אָנגעקוקט מיט אַ פאַרטאַיעטן שמייכל אַרום מויל.

— כ׳זע, מאַכסט חוזק פון דיין מאַמען. אפשר ביסטו גערעכט. אפשר דאַרף אַ מאַמע זיך ניט שלאָגן קאָפּ־אָן־וואַנט פאַר יעדער זאַך וואָס עס טרעפט מיט איר קינד.

— רעדסט ווי אַן אַלד־טאַימער. דער פאַ ווייסט, אַז אויב מ׳וועט רופן צו באַשיצן אונדזער פאָטערלאַנד, וועט די יוגנט גיין. אַמעריקע איז מיין פאָטער־לאַנד. די רוסן האָלטן אין איין אָפּטרעטן. האָבן גלייך אין אָנהויב מלחמה אָנגעוואָרן די הויזן. וואָרט, וואָרט, מאַ, זאָל אונדזער לאַנד זיך אַ לאָז טאָן

אויפן דייטש... אַוודאי, מאַ, וועט אַמעריקע דאַרפן גיין העלפן ראַטעווען פראַנקרייך. ווייסט ניט, האָסט ניט געלייענט אונדזער היסטאָריע. ווייסט ניט ווער לאַפאַיעט איז געווען. ער איז געווען אַ פראַנצויז, מאַ, געקומען פון פראַנקרייך העלפן וואַשינגטאָנען אַרויסיאָגן די בריטישע פון דאַנען. ווען פראַנקרייך איז אין נויט, דאַרף אַמעריקע אַרויסקומען העלפן.

קעראַלאַין האָט אָנגעקוקט איר זון און ס'איז איר פינצטערער און פינצטערער געוואָרן אין האַרצן. אין מוח האָט זיך אָנגעהויבן באַוועגן אַ פינצטערע נאַכט, און דורך דער נאַכט זעט זי די גאַנצע לוריא־משפחה מיט דריי און דרייסיק יאָר צוריק ווי זיי גנבענען די רוסישע גרעניץ. דורך דער פינצטערער נאַכט רייסן זיך די בליקן צו אַן אומבאַקאַנט לאַנד, וואָס הייסט אַמעריקע. איר מאַמע איז געשטאָרבן אויף דער שיף קיין אַמעריקע. דער טאַטע, — איר זון איז אַ נאָמען נאָך אים. זיין געביין ליגט שוין לאַנג אין דער אַמעריקאַנער ערד. איר טאַטע ישראל, וואָס האָט זיך ניט געקענט צופּאַסן צום לעבן אין פרייען לאַנד איז פאַר דער צייט געשטאָרבן; און איר זון ישראל, וואָס דער־ציילט איר, אַז צוליב אַ פראַנצויז, וואָס האָט געהייסן לאַפאַיעט און געהאָלפן וואַשינגטאָנען באַפרייען דאָס לאַנד, וועט ער זיך גיין שלאָגן מיט די דייטשן... אַזאַ פינצטערער מיש־מאַש אין קאָפּ! אַזאַ הייסער טרערן־קוואַל עפנט זיך אויף, פון סאַמע האַרצן רייסט זיך דער טרערן־שטראָם. איר פאַרדריסט ניט וואָס זי האָט מיט איר זון זיך פאַנאַנדערגערעדט וועגן אַזאַ שרעקלעכער זאַך ווי מלחמה, וואָס קען חלילה איר זון פון איר אַוועקרויבן.

— זאָל אַ קינד וויסן וואָס ביי אַ מאַמען פון „אָלד־קאַונטרי" טוט זיך.

* * *

מיט אַ פּאָר וואָכן שפּעטער, שפּעט ביינאַכט איז קעראַלאַין אַריינגעפאַלן צו דאָקטאָר לוריאַן. איר איז געקומען אויפן זינען וואָס ער האָט פאַר אַלעמען אין די אויגן ביי דניאלן געזאָגט, אַז ער איז צופרידן וואָס ער האָט ניט חתונה געהאַט, און האָט ניט קיין דערוואַקסענע קינדער, דעריבער פאַרשפּאָרט ער צו זאָרגן, טאָמער וועט מען זיינע קינדער אַוועקנעמען אין מלחמה.

— וואָס פאַר אַ גוט יאָר האָט דיך, קריינע, איצטער צו מיר געבראַכט?

דאָקטאָר לוריא האָט זיך שוין געקליבן גיין שלאָפן ווען זי איז אָנגעקומען.

— כ'האָב דיך געוואָלט זען, — האָט קעראַלאַין געפאַרשט זיין פּנים.

— האָסט מיר גוטע נייעס אָנצוזאָגן?

— איך, גוטע נייעס?

— פאַרוואָס ניט? האָסט אַ סך דאגות, איז עס אויך גוט. דיין ברודער האָט אפילו קיין דאגות אויך ניט.

— די לעצטע צייט רעדסטו, און איך פאַרשטיי ניט וואָס דו מיינסט. יעס, זכריה, אויב איך פאַרשטיי ניט אימעצן, דאָס ביסטו. קיינער ביי אונדז פאַר־שטייט דיך ניט.

— כאַ־כאַ־כאַ, — האָט דאָקטאָר לוריא זיך גוטמוטיק צעלאַכט.

— גוט, וואָס כ'האָב דיך געפונען אַ פריילעכן. איך געפין אין דער היים קיין אָרט ניט מער. איך האָב מורא, אַ מלחמה קלייבט זיך. וואָס וועל איך טאָן, טאָמער קומט מען נעמען איזראַעלן?

— לערן זיך פון דניאלס וויב.

— זי איז ניט קיין יידיש קינד.

— זי איז אַ מאַמע. הילדס זון איז אויך שוין אַריבער צוואַנציק יאָר.

— האַ? טאָקע צוליב דעם האָב איך געהאַט קינדער?

אין איר שטים איז געווען שרעק און פּיין. דאָקטאָר לוריא, וואָס האָט חשק געהאַט אַ ביסל שפּאַס טאָן איבער זיין צווילינג־שוועסטער, האָט מיט אַמאָל איבערגענומען איר שרעק און פּיין. „דער ערשטער דור האָט מורא צו ברענגען די ערשטע פּרוכט פאַר אַ קרבן צום גאָט פון קאַפּיטאַל און מלחמה“, — האָט ער אַ טראַכט געטאָן. ער האָט אַנגעקוקט זיין פאַרלאָרענע שוועסטער, געטראַכט פון איר לעבן און פון זיין אייגענעם לעבן. ס'איז אים אַנטקעגן געקומען די צייט, ווען זי האָט אין אַ קעלער איבערגעקליבן שמאַטעס. יעמאָלט איז זי צוגעקומען צו זיין געלעגער ביינאַכט, אַנידערגעלייגט איר קאָפּ אויף זיין ברוסט, נאַס געמאַכט זיין ברוסט מיט אירע טרערן. ווען ער האָט געוואָלט ביי איר וויסן די סיבה פון איר געוויין, האָט זי אים ניט געוואָלט זאָגן. יעמאָלט, אין דער פינצטער, האָט ער איר פּנים ניט געזען. אים דוכט זיך אויס, אַז איצטער זעט איר פּנים אויס ווי יעמאָלט ביינאַכט נאָך מיידלוויז.

— פאַרשטייסט, קעראָלאַין, — האָט דאָקטאָר לוריא פון איר פאַרטרויערטן פּנים די אויגן ניט אַראָפּגענומען. — ביסט אַ יידישע טאָכטער דורך־און־דורך און באַנעמסט אַליין ניט אין וואָס דאָס באַטייט. אין דיין ליידן זע איך ניט די ליידן פון קיין מוטער.

— וואָס מיינסטו מיט דעם? — האָט זי פאַרוואונדערט אַנגעקוקט איר ברודער.

— כ'האָב מורא, כ'וועל ניט זיין בכוח דיר עס צו דערקלערן. אָט האָסטו דערמאָנט ליליען־רות. דיר דוכט זיך אויס, אַז זי איז גאָר צופרידן אויב אירס אַ קינד וועט גיין פאַרטיידיקן זיין פאָטערלאַנד. זאָגסט, זי פילט אַזוי, ווייל זי איז ניט קיין יידיש קינד. נו, איז אונדזער דניאל, דער ציוניסט, צופרידן, און אפשר גליקלעך, וואָס יונגעלייט האָבן זיך פאַרשריבן אין לעגיאָן און זיינען אַוועקגעפאָרן זיך אַנשליסן אין דער אַרמיי וואָס וויל אָפּנעמען ארץ ישראל פון טערקיי? נו, און אויב זיי וועלן פאַלן אויפן שלאַכט־פעלד, וועט מען זיי באַטראַכטן פאַר די מזלדיקע, ווען ס'איז באַשערט געווען צו פאַלן פאַרן פאָטערלאַנד. דו באַנעמסט די מענטשלעכע טראַגעדיע?

— וואָס מיינסטו צו זאָגן, אַז דניאל וויל, זיינע קינדער זאָלן גיין אין מלחמה?

— זיינע קינדער וועלן ביי אים ניט פרעגן. די נשמה פון דער יוגנט האָט מען שוין פאַרסמט מיט דער פּראָפּאַגאַנדע וואָס שפּרייט זיך איצטער ברייט און ווייט, אַז מ'מוז גיין פאַרטיידיקן דעם אַמעריקאַנעם כבוד, וואָס איז אַנגערירט געוואָרן נאָך יעמאָלט ווען די דייטשן האָבן די „לוזיטאַניע“ אויפּ־געריסן. דאָס ערגסטע, קריינע, איז ווען אַ מענטש ווערט גרויס ביי זיך, און וואו ער שטייט און וואו ער גייט דוכט אים, אימעצער האָט זיין כבוד אַנגערירט. ס'אייגענע איז מיט אַ פאָלק, ווען עס הייבט אָן דערשפּירן פאַריסענע גאווה. גליקלעך איז אין אַלע צייטן געווען אונדזער פאָלק ווען ס'האָט די גאווה אַנגע־וואָרן. ס'איז ניט אַוועק מיט קיינעם זיך צו שלאָגן פאַר אַנגערירטער גאווה. דו, איך, אַלע מיר, וואָס זיינען אַהער געקומען פון רוסלאַנד, האָבן שוין לאַנג אונדזער גאווה אין אַש באַגראָבן. דער נייער דור אונדזערער, וואָס איז דאָ

געבאָרן געוואָרן און דאָ אויסגעוואַקסן, טראָגט שוין די גאוה־קרוין אויפֿן קאָפּ. דאָס, קריינע, טײַלט אונדז פֿאַנאַנדער. דאָס מיין איך דיר צו זאָגן, אַז ניט די מאַמע קלאָגט פֿון דיר אַרויס, נאָר אונדזער ייִדישע טראַגעדיע, די טראַגעדיע פֿון דער גאַנצער אומגליקלעכער מענטשהייט, וואָס צוליב אירע בעל־גאוהס זיינען שוין מיליאָנען מענטשן אויסגעקוילעט געוואָרן. הלוואַי וואָלט מען דאָרטן צענויפֿגעשלעפּט די דערהרגעטע פֿון אַלע שלאַכט־פֿעלדער אין איין באַרג, צונויפֿגעטריבן פֿעלקער צו דעם פֿאַטאַלן באַרג, זאָלן זיי באַגרייפֿן דורך דעם שרעקלעכן פֿרידן — צו וואָס די נאַציאָנאַלע גאוה פֿירט!

קעראַלאַין האָט זיך איינגעהערט צו איר ברודערס רייד. ניט אַלץ האָט זי קלאָר באַנומען.

— מיר דוכט זיך אויס, אַז לעאָנאַרד בעט גאָט, אַ מלחמה זאָל אויס־ברעכן.

— ס'איז אמת.

— אַרט אים גאָרניט, אויב מ'וועט איזראַעלן צונעמען אין מלחמה?

— אין אים לעבט נאָך אפֿשר דער רוסישער גביר, וואָס האָט געגלויבט, אַז זיין זון וועט זיך אויסדרייען פֿון זעלנערײַ. און אפֿשר וועט אים זיין ליב אָוועקצוגעבן אַ קינד צום גאָט פֿון מלחמה, אַבי דאָס גילדענע קאַלב זאָל זיך באַווייזן אין זיין שאָפּ.

— איך וויל עס ניט דערלעבן, זכריה. — האָט קעראַלאַין מיט שרעק זיך אָפּגערופֿן. — זאָל דאָס גאָלד אויסרינען, כ'זאָל דאַרפֿן גיין אפֿילו ווי אַמאָל איבערקלייבן שמאַטעס. מיך אַרט ניט, כ'זאָל זיך אומקערן צוריק צו מיין אַמאָליקער אָרימקייט. הערסט, זכריה?

— איך גלויב עס דיר, קריינע.

— ניין, גלויבסט מיר ניט, — איז קעראַלאַין באַשטאַנען אויף אירס.

— פֿרעג דיין זון, צי ער וויל, זאָלסט זיך אומקערן צו דיין אַמאָליקן מצב. האָסט ניט קיין דעה איבער זיך. עס האָט לעאָנאַרד אויך ניט קיין דעה איבער זיך. זיין עשירות האַנדלט פֿאַר אים. הינטער דעם איז זיין געוויסן, וואָל־סטריט־געוויסן. דער גאָט פֿון מלחמה אינאיינעם מיט דעם גאָלדענעם קאַלב גראָבן אונטער די בעסטע אידעאַלן פֿון דער מענטשהייט.

— פֿאַרוואָס האָט איר מיך געלאָזן, כ'זאָל פֿאַר אים חתונה האָבן? דו אַליין האָסט זיך יעמאָלט מיר געדאַרפֿט שטעלן אַנטקעגן.

— זאָל זיך דיר דוכטן, אַז דו האָסט גאָרניט חתונה געהאַט. ביסט אַן אַלטע מויד און דו האָסט גאָר קיינמאָל קיין קינדער ניט געהאַט.

— דו, וואָס קענסט אַזוי גוט מענטשן, רעדסט אַזוי?

— ס'איז אמת, כ'קען אַביסל מענטשן. כ'קען אַביסל מאַמעס אויך. די צרה מיט דיר איז, וואָס דו ביסט נאַרישער פֿון אַלע מאַמעס וואָס איך קען.

— כ'וויל דאָ נעכטיקן ביי דיר, זכריה. כ'האָב מורא, אַז כ'וועל קומען אַהיים, וועל איך זיך מיט לעאָנאַרדן צעקריגן.

— קריג זיך ניט מיט לעאָנאַרדן. ער געהער זיך צום גאַנצן ענין ניט אָן. קריגן וועסטו זיך באַדאַרפֿן מיט דיין זון. אָבער דערווייל איז נאָך צו פֿרי פֿון דעם צו רעדן. קום, כ'וועל דיך אָפּפֿירן אַהיים.

קעראַלאַין האָט מיט באַדויערן געקוקט ווי איר ברודער טוט אָן דעם מאַנטל, גרייט זי אָפּצופֿירן אַהיים.

קאַפּיטל צוויי און דרייסיק

דאָקטאָר לוריא האָט געשפּירט ווי אַ שטורעם רוקט זיך אָן אויף אים. דער פופציקסטער יאָר פון זיין לעבן האָט צופּיל געקוקט אויף צוריק, צום וועג, וואָס די ניין און פערציק יאָר האָבן אויסגעלעבט. ניט ווי אַ שפּענדל, וואָס ווערט פון אַ דרויסנדיקן שטורעם אויפגעכאַפּט און אַריינגעצויגן אין אַ געווירבל אַריין — די נאַטור גופא וואָס קומט אַמאָל צו אַ שטיל־שטאַנד, צו אַ טויטער רגע איידער בליץ און דונער רייסן די טויטע שטילקייט אויף, אָטאָ די נאַטור־דערשיינונג האָט דאָקטאָר לוירא געשפּירט אין זיך.

— וואָס האָט אויף מיר געוואָרט אין נייעם לאַנד וואָס איך האָב דורכגעלאָזן? — האָט דאָקטאָר לוריא געפרעגט ביי זיך אַליין. — כ׳האָב פאַר זיך ניט געזוכט קיין גרעסערן תכלית ווי דאָס גאַנצע יידישע לעבן . כאַאָס. אַ טייל פון דעם כאַאָס בין איך.

ער האָט זיך געוואָלט דערשלאָגן כאָטש צו אַ טייל פון די סיבות וואָס האָבן אים געבראַכט צו אַזאַ שווערן יאוש: „אויסגעלערט פון אינעווייניק און מיט פרעמדע שמאַטעס פאַרוויקלט דעם דרויסן...” דאָקטאָר לוריא האָט באַוואוסטזיניק פאַרבונדן זיין גורל מיט דעם גורל פון ערשטן דור, וואָס האָט אָנגעהויבן ווייזן סימנים פון אומגעדולדיקייט. די מלחמה אין אייראָפּע, די אומגליקן אין דער אַלטער היים, האָבן אויף אַ ווייל אויפגעוועקט דעם פאַרחלשטן אָריגינעלן, שעפערישן אימפּולס פון אַ פאָלק, וואָס וויל ניט צעריסן ווערן. אין דעם האָט דאָקטאָר לוריא באַנומען דעם גאַנצן טראַגיזם.

— אַ משפּחה, אַז זי ווערט צעריסן, ווי די לוריא־משפּחה איז צעריסן געוואָרן און טריקנט פון סאַמע וואָרצל אָן, איז עס בלויז אַ צופאַל? איז עס דען ניט אין אַ מיניאַטור־פאָרמאַט אַ בילד פון גאַנצן פאָלס־לעבן דאָ אין נייעם לאַנד?

ער האָט די לעצטע צייט גאַנץ אָפט די דאָזיקע פראַגע זיך אַליין געשטעלט. מיט אַ צעבראָכענעם געמיט באַטראַכט ער זיינע פּאַציענטן. ער האָט געפּרוואווט אויף אַ וויילע זיך אַליין באַשולדיקן פאַר זיין אָפּזונדערקייט; פאַר זיין האַלטן זיך פון דער וויטנס פון אַלע באַוועגונגען און אונטערנעמונגען, וואָס טראָגן אַ נאַציאָנאַלן כאַראַקטער.

יידישע צייטונגען, יידיש טעאַטער, יידישע שפּיטעלער, יידישע צדקה־אַנשטאַלטן, און די לעצטע צייט — יידישע שולן און אַ פאַרשטאַרקטע ציוניסטישע באַוועגונג. אים איז עס ניט פרעמד. ער פּרוואווט זיך ניט פאַרענטפערן: — באשר ער איז געוועזן תחילת פאַרנומען מיט זיין שטודירן, שפּעטער — מיט דער פּראַקטיק ווי אַ דערפאָלגרייכער דאָקטאָר, און דעריבער האָט ער זיך אין דעם בוי פון די דאָזיקע אינסטיטוציעס ניט באַטייליקט. ניט דאָס איז די סיבה.

— אַלע זיינען מיר בלעטער, פאַרטראָגענע מיטן שטורעם פון די אַכציקער יאָרן. פוילט דער בלעטער־פאַל. די שטאַמען זיינען געבליבן אין יענער ערד. גרויסע יידישע לוויות אין אַמעריקע, דאָס איז ניט קיין סימן פון אַ גרויס נאַציאָנאַל לעבן. אפשר אַ סך טראַגישער איז דאָס, וואָס כ׳האָב מיינע תפילין געלאָזן אין אַלמער בשעת מ׳האָט זיך אַרויסגעצויגן פון לודלאָוו סטירט. און ס׳איז באמת ניט געקומען מיר אַנטקעגן אַן אַנדער אינהאַלט וואָס זאָל אָנפילן מיין לעבן.

אָבער דאָס לעבן באַשטייט אויך פון פערזענלעכן גליק. אַ מאַן אַליין אין ניו־יאָרקער גאַסן, ווען אפילו אַ פאַרנומענער צוואַנציק שעה אין מעת־לעת, בלייבן נאָך אַלץ פיר שעה אויף חלומות און קאַשמאַרן. דער ריח פון יאָדאָ־פאָרם און קאַרבאָל־וואַסער קומט צומאָל אַרויס פון די ווענט פון זיין דירה דוקא יעמאָלט, ווען אַלע פּאַציענטן זיינען שוין ביי זיך אין דער היים. זייער אָפט שפּירט ער דעם דאָזיקן ריח פון זיינע אייגענע הענט, כאָטש ער האָט זיי פאַרזיכטיק געוואַשן מיט זייף און וואַסער.

אים קומט אויפן זינען וואָס זיין שטיפשוועסטער, די רויטהאָריקע רעבעקאַ האָט אים אַמאָל געזאָגט: „די לוריאס שמעקן מיט יידישער פאַרעלטערקייט, כאָטש זיי האָבן אפילו זייערע בערד אָפּגעגאָלט אין דער נייער היים. כ׳וועל פון די לוריאס לויפן וואוהין די אויגן וועלן מיך טראָגן". ווען ער טראַכט פון רעבעקאָס חכמה, גייען אים דורך פאַר די אויגן די הונדערטער און טויזנטער חולאים, וואָס ער האָט באַהאַנדלט פאַר די אַלע יאָרן וואָס ער איז אַ דאָקטאָר. ניט איינמאָל, צוהערנדיק זיך צו די קרעכצן און יענטשעניש פון זיינע פּאַציענטן, האָט אים אויסגעוויזן, אַז דאָס יענטשעט דער אַלטער גוף פון אַ פאָלק וואָס וויל אין נייעם לאַנד צוריק יונג ווערן.

אים איז די לעצטע צייט אויסגעקומען פון צייט־צו־צייט צו באַהאַנדלען ניט־יידישע חולאים: איירישע, נעגער, סלאַוון און דייטשן, און אים דוכט אויס, אַז קיינער פון די אויבנדערמאָנטע קרעכצט ניט אַזוי ווי דער יידישער חולה. קיין שום קימפּעטאָרן באַפאַלט ניט אַזאַ שרעק ווי די יידישע צוקונפטיקע מאַמע.

ווען ער טראַכט פון עמאַ בערגער, קומען אים אויף זיינע פאַרגאַנגענע יאָרן אין אַ פאַרנאַכטיק ליכט. די שיינקייטן פון דער שעה בשעת די זון איז פאַרגאַנגען, און דער טרויער פון דער שעה ווען די זון פאַרגייט. זי האָט אים קיינמאָל ניט אָנידערגעשטעלט מיטן פּנים צום זון־אויפגאַנג. און פונקט ווי דער פאַרנאַכט ווערט געענערט פון מענטשנס מידער שעה — אַזוי איז זיין ליבע פון יענער שעה געענערט געוואָרן.

ער וויל נאָך אַ מאָל איבערלעבן יענע שווערע טעג אין שוויץ־שאָפּ מיט אַ דרייסיק יאָר צוריק. אין יענע טעג איז ווינציק פרייד געווען. נאָר דאָס לעבן האָט אים אויסגעוויזן ווי אַ פריער באַגינען. צו פרי אַ ביסל זיך אויפ־געכאַפּט פון שלאָף. אַזוי האָט אויסגעזען ס׳גאַנצע טומלדיקע איסט־סאַידער לעבן, וואָס האָט זיך אויסגעלייגט אויפן ברוק אַרום העסטער־סטריט. דוכט אים, אין יענע גאַסן האָט זיך קיין שום זאַך ניט געענדערט. דער אייגענער הור־האַ, די אייגענע זשעדנעקייט צו פאַרדינען אַ דאָלער, און די אייגענע זשעדנעקייט צו געניסן פון רויען און נאַקעטן לעבן. מיט זיין ווערן דאָקטאָר, מיט זיין „איינפּונדעווען" זיך, מיט זיין אויפנעמען חולאים ביי זיך, אָדער מיט

זיין באַזוכן חולאים ביי זיי אין דער היים — האָט זיך אַלץ פאַר זיין דמיון געענדערט. אַ פאַלק איז יונג געווען, געזונט געווען, געבראַכט פרישן כוח מיט זיך, און איצטער איז עס מיד, קראַנק. אויסגערונען דער יוגנטלעכער אימפעט.

— ווערט דאָ אַ פאַלק געבאָרן, אָדער עס ווערט אַלט, לאַזנדיק נאָך זיך אַ פאַלשן יורש? — האָט דאָקטאָר לוריא געטראַכט גאַנץ אָפט ביים „נעמען אַ קינד" ביי אַן עלטערער קימפעטאָרן, וואָס מיט דעם דאָזיקן קינד האָט זיך איר „טראַכט שוין פאַרשלאָסן אויף אייביק".

— האָב חתונה, זכריה, האָב חתונה, — האָט אים זיין שוועגערן די גרטע די לעצטע צייט אָריינגעזאָגט און געפרואווט מיט איר הייס בלוט צו אים רעדן, ער זאָל עס באַנעמען און ראַטעווען זיין לעבן. — האָב חתונה, זכריה...

אין אַ צייט פון אַזעלכע שווערע איבערלעבונגען האָט מען אים פאַרופן צו אַ חולה ערגעץ אין דער בראָנקס. אַ מוטער איז געלעגן קראַנק. געהאַט אַ האַרץ־אַנפאַל, און איז געלעגן צו בעט.

אַז ער האָט אָנגעקלונגען, האָט אים די טיר געעפנט אַ בלאָנד מיידל פון אַ יאָר נײַנצן, מיט בלויע, פייכטע, ליכטיקע אויגן, די בלאָנדע האָר גלאַט פאַרקעמט אויף־אַרויף און פאַרדרייט פון הינטן אין אַ שטייפן קנופּ. ס'פּנים לענגלעך, מיט אַ לענגלעכער נאָז. זי האָט געהאַלטן איר מאַנטל אויף דער האַנט, ווי זי האָט זיך געקליבן אַרויסצוגיין.

— איר זייט דער דאָקטאָר... כ'בין געגאַנגען אייך טעלעפאָנירן, געמיינט, איר וועט ניט קומען אַזוי גיך.

זי האָט גענומען דאָקטאָר לוריאַן אונטערן אָרעם, אַוועקגעפירט פון דער טיר פון צווייטן צימער און אים שטיל געזאָגט:

— כ'בעט אייך, דאָקטאָר, מאַכט אַ פריילעך פּנים פאַר דער מוטער. גיט איר צו פאַרשטיין, אַז זי וועט ווערן געזונט. זי וועט אין אַ טאָג אָדער צוויי קענען אויפשטיין. יעס, איר'ט עס טאָן, דאָקטאָר?

זי איז געווען באַפעלעריש אין איר רעדן. כדי צו זיין זיכער — האָט זי גענומען דאָקטאָר לוריאַן פאַר דער האַנט, אים אַריינגעפירט אין צווייטן צימער וואו די קראַנקע מוטער איז געלעגן, און אים פאַרגעשטעלט:

— אָט דאָס איז דער דאָקטאָר לוריא, מאַמע. דו וועסט אים דערקענען. די מאַמע זאָגט, אַז ווען מיר האָבן געלעבט אויף דער איסט־סאַיד, האָט איר מיר געשטעלט פּאָקן. וועט איר דערקענען אייער אַרבעט?

זי האָט פאַרקאַשערט דעם אַרבל פון דער לינקער האַנט ביז אַריבערן אָרעם און צוגעטראָגן דאָקטאָר לוריאַן איר אָרעם מיט די צייכנס פון צוויי פּאָקן. קיילעכדיקע צוויי פּאָקן אויף אַן אויסגעפּילטן, ראָזן אָרעם.

דאָקטאָר לוריא האָט פאַרשטאַנען, אַז די טאָכטער וויל דערמיט דערמוטיקן איר מוטער. ס'איז אַ טייל פון דעם פּלאַן וואָס זי האָט אויסגעלייגט פאַרן דאָקטאָר, ניט צו מאַכן דעם איינדרוק פאַר דער מוטער, אַז זי איז אַ געפערלעכער חולה. דער מוטערס פּנים האָט זיך אָנגעצונדן פאַר נחת, קוקנדיק אויף דער געראָטענער טאָכטער.

די טאָכטער, כדי צו פאַרשאַפן דער מוטער נאָך מער נחת, איידער זי האָט דעם אַרבל צוריק אַראָפּגעצויגן, האָט זי אַ קוש געטאָן יעדן פּאָק באַזונדער.

— זעסט, מאַמע, קיין שום זאַך ווערט ניט פאַרפאַלן אין לעבן. דער דאַזיקער מענטש האָט מיט אַ שפּיציקער, שאַרפער זאַך אויפגעריסן די הויט, אַריינגעגאָסן וואַקסין, און שפּעטער מסתמא האָט עס אָנגעריסן אַזוי הויך, און איך האָב געוויינט. איצטער איז אַזוי זיס ס׳אַרט אַ קוש צו טאָן... איך קוש די וואונד, וואָס דער מענטש האָט מיר געמאַכט, כאַ־כאַ־כאַ... — האָט זי געלאַכט און געקושט די מוטער.

דאָקטאָר לוריא האָט גענומען דער קראַנקערס פּולס, געקוקט אויף זיין זייגער בשעת אין די אויערן האָבן געקלונגען דער טאַכטערס רייד. ער האָט שפּעטער אויסגעהערט דער קראַנקערס האַרץ און אין די אויערן האָבן גע־קלונגען דער טאַכטערס רייד. די מוטער, אויך אַ בלאָנדע, איז געווען דער היפּוך פון דער טאָכטער, פול און שווער, אים איז אויסגעקומען זוכן איר האַרץ־קלאַפּ אונטער אַ שווערער, לויזער ברוסט. די טאַכטער איז געשטאַנען דערביי, נאָכגעקוקט דעם דאָקטאָרס יעדע באַוועגונג, און איז בשעת מעשה אַליין אויסגעלאָשן געוואָרן.

— גיי, מיין קינד, אַראָפּ, רוף דעם טאַטן. גיי, פּערל מיין קינד, זאָל ער לאָזן אויף אַ וויילע דעם סטאָר. דער דאָקטאָר וועט ניט האָבן קיין פּאַראַיבל.

— זאָגט מיר, דאָקטאָר, — האָט די מוטער אָנגעהויבן שוואַך, ווען די טאָכטער איז אַרויס פון צימער, — וויפל איז מיר נאָך געבליבן צו לעבן? נעכטן אין דער צייט האָב איך געמיינט, אַז מיין סוף איז שוין געקומען.

די קראַנקע האָט געפאַרשט אין דאָקטאָר לוריאס פּנים, וואָס ער טראַכט. און אים אין די אויערן האָבן געקלונגען דער טאָכטערס ווערטער: „זאָגט איר, אַז אין אַ פּאָר טעג אַרום וועט זי קענען אַראָפּ פון בעט״.

אַנשטאָט אַן ענטפער אויף דער קראַנקערס פראַגע, האָט דאָקטאָר לוריא גענומען דער קראַנקערס האַנט, דערמיט צו באַרואיקן איר אויפגערודערטן און צעשראָקענעם געמיט.

— איז דאָס אייער איינציק קינד? — האָט ער רואיק געפרעגט.

— מיין יינגסטע טאָכטער. צוויי זין און צוויי טעכטער, געבליבט דער אויבערשטער, אויסגעצויגן. אַ שווער לעבן. זינט איר האָט איר פּאַקן גע־שטעלט... צוליב איר וויל איך לעבן. אַ מאַמעס האַרץ קען אפילו ניט רואיק שטאַרבן, אויב אַ קינד בלייבט איבער אַזוי־אַ. זי איז מיין נחת. צוליב איר בין איך נעכטן לעבן געבליבן.

— איר וועט לעבן, אויב איר ווילט נאָר שטאַרק לעבן. אויב איר האָט אַ ציל, וועט אייך ס׳לעבן געשענקט ווערן. איר וועט דאַרפן טאָן וואָס כ׳וועל אייך הייסן.

— צי דען ווייס איך אַליין ניט וואָס צו טאָן? מיין האַרץ איז מיר שוין לאַנג קראַנק.

— אַ שוואַך האַרץ האָט ליב רו. אַז מ׳האָט אויסגעגעבענע קינדער, געראָטענע קינדער, קען ס׳האַרץ זיין רואיק. ווי אַלט איז אייער טאָכטער?

— געוואָרן ניינצן יאָר. צוויי יאָר שוין אין קאָלעדזש. זי וויל זיין... האָט אַ קאָפּ פון אַ מיניסטער. כ׳האָב איר דערציילט, אַז ווען זי איז אַלט געווען אַ יאָר, האָט איר איר געשטעלט פּאָקן; זעט איר דאָך, ווי זי פאַרשטייט אַ ביסל.

אין טיר האָט זיך באַוויזן דער פּאַטער, אַ ייד פון אַ יאָר זעכציק, מיט אַ שטאַרק צעקנייטשט פּנים און אַ ליסינע אויפן קאָפּ. ער ד׳האָט באַגריסט און, אַפּירבויגנדיק זיך, דערלאַנגט דאָקטאָר לוריאַן די האַנט.

— וואָס זאָגט איר, דאָקטאָר? כע־כע־כע, ס׳איז מיר שווער צו רופן אייך דאָקטאָר. כ׳האָב נאָך מיט אייער טאַטן, זאָל זיין אין גן־עדן, געאַרבעט אין איין שאָפּ ביי די חלפנס. דובין איז מיין נאָמען, מרדכי דובין.

דאָקטאָר לוריא האָט אויף אַ וויַיל פאַרגעסן זיין פּראָפעסיע. זיינע בליקן זייַנען אומגעגאַנגען פון דער קראַנקער צו איר מאַן, און פון זיי — צו דער טאָכטער, וואָס איז געשטאַנען נעבן פּאַטער אַן אויסגעלאָשענע. גאָר ניט די אייגענע, וואָס האָט מיט אַ וויַיל פריער אָפּגעדעקט איר אָרעם און פריילעך געקושט די צייכנס פון די געשטעלטע פּאָקן. זי איז איצטער געווען אַן אָנגע־זאָפּטע מיט דער זאָרג פון טאַטע־מאַמע. דאָס, וואָס ער האָט פריער געזאָגט צו דער קראַנקער, האָט ער איצטער ניט געקענט איבערזאָגן נאָך אַ מאָל. ס׳האָט אים געצויגן אָנצוהייבן אַ שמועס פון יענער צייט, ווען דער מיסטער דובין האָט געאַרבעט אין איין שאָפּ מיט ישראל לוריאַן. ער שלאָגט זיך אָן, אַז דער־אָ מאַן מיט דער ליסינע האָט ערגעץ אונטן אין גאַס אַ געשעפט. פון שניידעריי איז ער מסתמא אַוועק.

— כ׳האָב צוויי זין, איינער אַ לאָיער און דער אַנדערער — אַן אינזשיניער. מיין עלטערע טאָכטער האָט אַ מאַן אַ דראַגיסט. אין אַמעריקע ווערן קינדער ניט פאַרפאַלן. מער ניט — טאַטע־מאַמע ווערן אַלט און שוואַך. וואָס זאָגסטו, רבקה, — האָט ער זיך געווענדט צו דער קראַנקער, — פילסט זיך אַ ביסל בעסער?

— איך האָב מיסיס דובין געזאָגט, וואָס זי זאָל ניט טאָן. דאָ איז אַ רעצעפּט, אָבער זי זאָל ניט דאגהן, זיך ניט אויפרעגן. איר וועט מיר לאָזן וויסן ווי די מוטער וועט זיך מאָרגן פילן, — האָט דאָקטאָר לוריא זיך געווענדט צו דער טאָכטער. — טעלעפאָנירט מיר מאָרגן אָן. כ׳האָף, זי וועט מאָרגן פילן אַ סך בעסער.

דעם אייגענעם אָונט, ווען דאָקטאָר לוריא איז ארייַנגעקומען צו זיך אין אָפיס, איז אים אַנטקעגן געקומען ראָוז מעקפּאַדן, ריכטער מעקפּאַדנס טאָכטער. און איידער ער האָט צייט געהאַט זי צו באַגריסן, האָט זי אים אַרומגעכאַפּט, געקושט זיין פּנים און געוויינט.

— פאַרגיב מיר, וואָס איך בין צו דיר געקומען בעטן הילף. איך קען דיין ערלעכקייט, איך קען דיין גלייכן קוק אויפן לעבן. ווירק אויף דיין ברודער. זאָל דייווידס פּאַטער נאָכגעבן זיין קינד. מיר האָבן זיך ליב. ביידע ווילן מיר ניט גיין קעגן עלטערן. ווירק אויף אים, אַנקל.

דאָקטאָר לוריא האָט אַראָפּגענומען אירע הענט פון זיין האַלדז און זיי געקושט.

— פאַרוואָס רופסטו מיך אַנקל? — האָט ער געגלעט איר האַנט.

— דערפאַר, וואָס איך פיל די בלוט־נאָענטקייט. יעס, אַנקל, כ׳קען מיר ניט אויסמאָלן מיין לעבן אָן דייווידן.

— ווייס דייוויד, אַז דו ביסט געגאַנגען צו מיר?

— ניין, קיינער ווייסט ניט.

— גלויבסטו, אַז איך קען ווירקן אויף מיין ברודער, ער זאָל לאָזן זיין זון איבערגיין צום קאַטוילישן גלויבן?
— ווען דו וואָלסט וועלן, קענסטו.
— איך וויל עס ניט טאָן, ראָוז.
— פאַרוואָס?
— דו אַליין דאַרפסט עס ניט פאַדערן פון דייווידן.
— מיין מאַמע וועט אפשר שטאַרבן, אויב איך וועל מיט אים חתונה האָבן גלאַט אַזוי.
— ביסט זיכער, אַז דיין מאַמע וועט אפשר שטאַרבן.
— האָסט געמעגט זען וואָס פון איר איז געוואָרן זינט כ׳האָב איר געוואָרנט, זי זאָל אונדז ניט שטיין אין וועג.
— דו האָסט ליב דייווידן?
— ווייסט אַליין. כ׳באַהאַלט עס ניט פון קיינעם.
— האָט ער דיך אַזוי ליב ווי דו אים?
— פאַרוואָס פרעגסטו עס מיך?
— אַזוי. כ׳וויל עס וויסן.
— איך גלויב אים.
— פאַרוואָס בעטסטו מיך ניט, איך זאָל ווירקן אויף דיין מוטער?
— זי האָט פיינט יידן, — האָט ראָוז שטיל געזאָגט, ניט קוקנדיק צו דאָקטאָר לוריאַן.
דאָקטאָר לוריאַ איז שטיל געבליבן. ער איז צוגעגאַנגען, אַרויסגעצויגן אַ בוך פון ביכער־שראַנק, אָנגעהויבן צו בלעטערן.
— כ׳האָב עס אפשר ניט געדאַרפט דערציילן, — האָט ראָוז, אַ בלאַסע, געפּרוּווט פאַרבעסערן. — ביסט אַ געבילדעטער מענטש. כ׳ווייס, ביי דיר שפּילט רעליגיע ניט קיין ראָלע.
— האָסטו זיך אָפּגעגעבן חשבון, צי דו האָסט ליב יידן?
— דייוויד איז ניט קיין ריינער ייד... ניין, ניט דאָס האָב איך געמיינט צו זאָגן. ווען דייוויד איז אַ הונדערט פּראָצענטיקער ייד, וואָלט מיך אויך ניט געאַרט. זאָג מיר, — האָט איר שטים געציטערט ווי צו וויינען, — פאַרוואָס זייט איר אַזוי פאַנאַטיש? פאַרוואָס האַלט איר זיך אַזוי אָפּגעזונדערט? פאַרוואָס קען איך ניט מיט מיין ליבע דורכברעכן די וואַנט פון פאַנאַטיזם, וואָס טיילט אָפּ יידן פון ניט־יידן?
— זייער קלוג, ראָוז. דאָס וואָלט אַלץ אמת געווען, ווען ליבע איז טאַקע די הערשערן אין לעבן. צום טיפן באַדויערן, איז שנאה די הערשערן פון לעבן. האָסט אַליין געזאָגט, אַז דיין מוטער האָט פיינט יידן. וואָס זאָגט דייווידס מוטער? זי שטאַמט דאָך אָפּ פון אַ קאַטוילישער פאַמיליע, וואָס זאָגט זי?
— זי בייט אירע מיינונגען. אונטער אייער ברודערס ווירקונג פאַרלירט זי זיך. מיר דוכט, אַז ליליען האָט מורא פאַרן יידישן פאָלק. דוכט מיר, זי איז אַ געפאַנגענע ביים יידישן פאָלק.
— זאָג עס ניט, ראָוז. ליליען־רות איז פריער פאַר אַלץ אַ מוטער. זי לעבט אין אירע קינדער. קענסט דעם יינגערן, דזשייקאָבן?
— ער איז קאָמיש מיט זיינע האַנדלונגען.
— ווייסטו, אַז ליליען האָט אים ליב פאַר זיינע האַנדלונגען?

— כ׳ווייס, זי האָט אים ליבער פון דייווידן.
— ווּעסט מיך פאָלגן, ראָוז?
— אַלץ, וואָס דו וועסט מיר הייסן, וועל איך טאָן.
— פאַרגעס אָן טאַטע־מאַמע. געדענק נאָר דיין ליבע. גייט, נעמט אַרויס לייסנס. זיי דו זיין געטרייע ווייב, און ער זאָל זיין דיין געטרייער מאַן. פאַרגעס אָן רעליגיע. געדענק, אַז יוגנט און ליבע דאָס איז לעבנס־רעליגיע. וואָס קוקסטו מיך אָן אַזוי, ראָוז, כ׳הייס דיר האַנדלען קעגן דיין ווילן? אוודאי ניט! דאָס ווילסטו דאָך. איך הייס דיר באַגיין אַ פאַרברעכן? ניין, ראָוז; כ׳הייס דיר פאַרמיידן אַ פאַרברעכן.
— וועסט עס דייווידן אויך הייסן טאָן?
— ווען ער וועט צו מיר קומען פרעגן — הייס איך אים עס טאָן. דאָס קען איך אייך ביידן טאָן נאָר אין נאָמען פון אייער ליבע. אָבער ווי נאָר דו, צי ער, וועט מיר באַווייזן, אַז צווישן אייך און אייער ליבע שטייט אַ פאַנאַטישע וואַנט, און דו וועסט פאַרלאַנגען, אַז דייוויד זאָל די פאַנאַטישע וואַנט נעמען אויף זיין פלייצע, האָב איך פאַר אייך ביידן קיין עצה ניט.
ראָוז מעקפאַדן האָט אָפּגעטראָטן צו דער וואַנט און פון ווייטן באַטראַכט דאָקטאָר לוריאַן. איר פּנים איז געעלטערט געוואָרן; זי איז געוועזן שטאַרק געראָטן אין איר מוטער. אין איר פּנים, אַרום מויל, איז אַנגעשטאַנען אַ פאַרביסנקייט. גאַרניט ס׳אייגענע מיידל, וואָס איז אים מיט אַ ווייל פריער אַרויפגעפאַלן אויפן האַלדז.
— איך בין אויף דיר ברוגז, דאָקטאָר לוריאַ, — האָט זי מיט אַ שטאָלצער מינע פון איר פּלאַץ געזאָגט. — וואָס וואָלסטו טאָן, ווען איך נעם און פאַרליב זיך אין דיר? יעס, דאָקטאָר לוריאַ, איך וואָלט געקענט מאַכן זאָלסט זיך אין מיר איינליבן. דייוויד האָט מיר דערציילט, אַז דו האָסט ליב געהאַט זיין טאַנטע, אַ ריינע קריסטין.
דאָקטאָר לוריאַ האָט זי אָנגעקוקט און געשמייכלט. פאַרן געדאַנק איז אים אויפגעקומען ס׳מיידל נעבן דער קראַנקער מוטער, פּערל דובין, ווי זי האָט פאַרקאָשערט איר אָרעם און געקושט די פּאָקן־צייכנס אויף איר יונגן אָרעם. „דאָס לעבן איז פול מיט סודות... דאָס לעבן איז פול מיט איבער־ראַשונגען...״ און בשעת ער קוקט אָפּיר צו דער ראָוז מעקפאַדן — טרעט פון זיין דמיון ניט אָפּ פּערל דובין מיט דעם פאַרקאָשערטן אָרעם און מיט די צוויי רונדע פּאָקן־צייכנס.
— ווען איך פאַרליב זיך אין דיר, ראָוז, און די פאַרליבסט זיך אין מיר, וואָלסטו פאַרלאַנגט, איך זאָל איבערגיין צום קאַטוילישן גלויבן?
— איצטער ווייס איך גאָרניט, גאָרניט... — האָט זיך איר פּנים אָנגע־גאָסן מיט בלוטיקן כעס. — אוי, ווי פרעמד זייט איר מיר, יידן!
— איך האָב צו דיר גערעדט ניט ווי קיין ייד.
— פאַרשטייסט מיך ניט.
— איך פאַרשטיי וואָס ליבע איז. מער דאַרף איך ניט פאַרשטיין. הערסט, ראָוז?
— אָ, הלוואי וואָלט איך זיך אין דיר געקענט פאַרליבן, און דו זאָלסט מיר באַווייזן, ווי ווייט דו ביסט ניט קיין ייד. אַנטשולדיק מיר, אָנקל... — האָט זי

מיט אַמאָל געביטן איר שטים. — כ׳בין צווישן צוויי פייערן. אַ פרוי האָט זיך אַזוי ניט געדאַרפט דערנידעריקן. כ׳וועל באַשטראָפט פאַר מיין ליבע.

זי האָט ווידער אַרומגענומען דאָקטאָר לוריאַן, האָט אים אָנגעקושט זיין פנים און אַרויס פון שטוב.

דאָקטאָר לוריא האָט פאַרצייכנט אין זיין טאָג־בוך: „ווען די ליבע צו אַ פרוי שלאָגט זיך אָן אויף דער ליבע צום אייגענעם פאָלק — פאַלט דאָס לעבן פאַר אַ קרבן...״

* * *

די יידישע גאַס איז געווען וואַך. די אַלטע היים האָט זיך אַרויסגעהויבן פאַרן דמיון, אַ באַלויכטענע מיט פרימאָרגן־ליכט. די אַלטע רוסלאַנד איז געשטאָרבן, און ס׳ווערט אַ נייע געבוירן. ניי און יונג, ווי ס׳האָבן זיך אויסגעמאָלן רעוואָלוציאָנערע בעלי חלומות, וואָס זיינען אין פאַרשיידענע צייטן צוליב זייערע שיינע חלומות פאַרשיקט געוואָרן אין וויטן, קאַלטן סיביר, און שפּעטער, געגנבעט גרעניצן און זיך דערשלאָגן צו דער פרייער אַמעריקע.

צאַר ניקאָלאַי דער צווייטער האָט אָפּגעדאַנקט פון טראָן און איבערגעגעבן זיין אומבאַגרעניצטע הערשאַפט צו זיין קראַנקן יורש־עצר. דאָס אַלץ איז אַזוי שנעל געשען. נאָך שנעלער איז דער יורש־עצר צעדריקט געוואָרן אונטער דער שווער־געוואָרענער ירושה. אַ רעפּובליק, אַ פרייע, דערלייזטע מדינה, וואו יידן האָבן „פאָלגע פראַוועס״ געקראָגן. משיחס צייטן. ידיעות זיינען אָנגעקומען, אַז איבער גאַנץ רוסלאַנד האָט מען די תפיסה־טויערן אויפגעעפנט, און אַלע, וואָס זיינען פאַר זייערע פרייהייטס־אידעאַלן פאַרמשפּט געוואָרן אָפּצוקומען אַ גאַנץ לעבן אין די פינצטערע תפיסות — זיינען באַפרייט געוואָרן. פון וויטן סיביר פירן שליטנס, פירן באַנען די באַפרייטע רעוואָלוציאָנערן. אַ געפאַנגענער אין זיין פּאַלאַץ זיצט דער אָראָפּגעזעצטער צאַר. אַ טאָפּלטער פרילינג אויף דער יידישער גאַס. דרויסן איז דער סקאַרבאָווער פרילינג; און דער וואונדערלעכער פרייהייטס־פרילינג טראָגט זיך פון איבער ווייטע ימען.

פון די אַלע, וואָס האָבן אין אַמעריקע קיין היים דערוויל ניט געפונען, האָט ניט איינער אין האַרצן געטראַכט און געמאַכט פּלענער — ווי באַלד נאָך די מלחמה אין אייראָפּע וועט צונויפברעכן, וועט מען זיך איינפּאַקן, פאַרנעמען קינד־און־קייט און זיך לאָזן צוריק.

געוויס, פאַר די אַלט־געזעסענע פון די אַכציקער יאָרן זיינען די בריקן, וואָס האָבן במחשבה געפירט קיין רוסלאַנד, שוין לאַנג געווען פאַרברענטע. קינדער דאָ געבאָרן, אויסגעהאָדעוועט מיטגלידער פון דער משפחה אויף ברוקלינער בית־עולם; יאָ וואָרצלען, צי ניט קיין וואָרצלען געלאָזן אין נייעם גרונט — די בריקן זיינען פאַרברענט, און דער וועג וועט צו אַ ניי לעבן ניט פירן.

אָבער אַ סך פון די וואָס זיינען געקומען נאָך דער רעוואָלוציע פון פינפטן יאָר, נאָך די פּאָגראָמען וואָס האָבן די ערשטע רעוואָלוציע אַרויסגעבאַגלייט, די וואָס האָבן דאָ זייער מזל ניט באַגעגנט, אפילו זיך ניט אויסגעגרינט ווי געהעריק איז, די האָבן געשפּירט, ווי די שעה האָט געשלאָגן, אַז אַ ייד זאָל זיך אָפּגעבן דין וחשבון וואו זיין היים איז.

— אַ היים איז דאָרטן וואו דור־דורות האָבן יידן זייער היים געהאַט. זאָל אמת זיין וואָס מ׳דערציילט, בין איך גרייט צו פאַרגעסן די פּאָגראָמען און ביטערע בזיונות, און ציען צוריק וואו מיינע זיידעס האָבן געלעבט און גע־שטאָרבן.

אַזוי האָט דער אַלטער בערגער גערעדט צו זיין ווייב־און־קינד. ניקאָלאַיס מפּלה האָט געמאַכט אויף אים אַ שטאַרקן איינדרוק. ער האָט אויפגעוואַכט און אָנגעהויבן צו קוקן אויף צוריק.

די צוויי יינגערע קינדער, וועלוול און עמאַ, וואָס האָבן די לעצטע פּאָר יאָר אויסגעמיטן צו רעדן וועגן פּערזענלעכן תכלית, צוליב דעם וואָס וועלוול האָט ביי יעדער געלעגנהייט אויפגעוואָרפן עמאַן, אַז זי האָט אין אַמעריקע אָנגעוואָרן דעם זינען פון לעבן, און זיך ניט געשטערט אפילו אריינזאָגן דער שוועסטער, אַז זי האָט איר נשמה אָוועקגעשענקט צו אַ מענטשן, וואָס קען נאָר זיין דאָקטאָר פאַר יענעם און ניט פאַר זיך, האָט איצטער געזוכט אַ געלעגנהייט אַראָפּצורעדן פון האַרצן אַלע פאַרדרוסן וואָס האָבן זיך ביי אים אָנגעקליבן.

— אַמעריקע איז אַ לאַנד וואו אַ מענטש דאַרף קענען געבן און נעמען. נעמען מער ווי געבן. און מיר זיינען געבערס, אָבער ניט קיין נעמערס. דאָס איז וועגן דיין ברודער, וואָס הייסט ווילי בערגער, און העלפט דאָ אויסקעמפן פאַרן אַרבעטער בעסערע ווײדזשעס און קירצערע שטונדן. אָבער דאָס איז דאָך ניט אַלץ וואָס מיר דאַרפן דערגרייכן. אַן איינאַונאײנציקער שטורעם זאָל אַ בלאָז טאָן איבערן לאַנד, און אַלץ, וואָס דער אַרבעטער האָט דאָ פאַר זיך אויסגעקעמפט, וועט אָוועק מיטן ווינט. דאָ איז די לאַגע אין אַ קאַפּיטאַליסטי־שער הערשאַפט, ווי די וואָס מיר האָבן דאָ אין לאַנד. דאָ קעמפט דער אַרבע־טער, און באַלד איז ער באַפרידיקט. ער אַליין באַגרייפט גאָרניט ווי וויט ער איז אַ קנעכט צו אַ באָס וואָס שמייכלט כלומרשט צו, קלאַפּט אים מעשה גוט־ברודער איבער דער פּלייצע. ערשט איצטער, ווען די אַלטע רוסלאַנד פאַלט איין... ס׳איז דאָך נאָר אַן אָנהויב, עמאַ. אין רוסלאַנד טראָגן זיך איבערן לעבן גרויסע אידעאַלן. אַלע גרויסע אידעאַלן, וואָס האָבן זיך אין אונדזער צייט באַהאַלטן בחדרי־חדרים — טראָגן זיך דאָרטן פראַנק־און־פריי איבערן לעבן. זאָל נאָר די מלחמה זיך איינשטילן. איין קלייניקייט, אַ רעוואָלוציאָנער פאַלק קערט זיך אום פון די סיבירער טורמעס! זייער גרויסער גייסט, זייער טיפער מוח — זיי וועלן ווייזן ווי מ׳דאַרף איבערבויען די איינגעפאַלענע רוסלאַנד. איצטער פאַרדריסט מיר, וואָס כ׳האָב זיך געלאָזן איינרעדן און געפאָרן אַהער. הלואי וואָלט איך געקענט אָוועק און פאַרברענען אַלע בריקן הינטער זיך.

— אפשר וואָלט מען דיך צוגענומען דאָרטן אין דער מלחמה, וואָלסט ערגעץ אין די טרענטשעס פאַרפוילט געוואָרן, — האָט עמאַ שטיל פאַר זיך געזאָגט. — קאָרג מיליאָנען מענטשן זיינען שוין אין דער מלחמה אומגעקומען?

— קינד וואָס דו ביסט, עמאַ. אַזוי טאָר מען ניט קלערן. אַזוי טאָר אַ רעוואָלוציאָנער ניט טראַכטן. איצטער ערשט שפּיר איך, וואָס כ׳האָב דאָ אָנגעוואָרן. דאָ האָט זיך מיין גאַנצער גייסט אויסגעלאָשן. כ׳זאָג דיר, עמאַ, אַז אַמעריקע וועט נאָך אַריין אין דער מלחמה, אויב די מלחמה וועט זיך באַלד

ניט ענדיקן. היינט־מאָרגן וועט עס געשען. דער רוח האָט מיך געטריבן צו ווערן אַ סיטיזען. ווען זען, מ'וועט מיך דאָ שלעפּן אין מלחמה אַריין.

דעם „קינד וואָס דו ביסט, עמאַ" — האָט וועלוול אַרויסגעזאָגט מיט ברו־דערלעכער וואַרימקייט, און באַמערקט טרערן אין דער שוועסטערס אויגן. ס'איז ניט געווען די פּאַסיקע צייט אָנצורירן די וואונדן פון איר לעבן. און באמת, בשעת דער ברודער האָט גערעדט פון אַ בריק, וואָס מ'האָט געדאַרפט הינטער זיך פאַרברענען, האָט זי געטראַכט פון דער ניט־מזלדיקער בריק, וואָס פירט פון איר צו דעם מענטשן וואָס איר ברודער האָט די לעצטע צייט דערמאָנט ניט צום גוטן. איר ברודער, ווי זי, איז אין נייעם לאַנד ניט געווען מזלדיק אין זיין פּערזענלעכן לעבן. אים ציט קיין רוסלאַנד צוריק, דאָרטן זאָל זיין לעבן פול ווערן מיט אַרבעט און פּערזענלעכן גליק.

— אפשר וואַרט אויף דיר דיין באַשערטע. האָסט געדאַרפט אַוועק אויף עלף יאָר, כדי זי זאָל דערוויַיל אויסוואַקסן.

עמאַ האָט עס געזאָגט מיט אַ סך ליבשאַפט, געוואָרט, דער ברודער וועט איר אָפּצאָלן מיט דער אייגענער מאָס ליבשאַפט און אָנרירן די אינטימע זייט פון איר לעבן, אָבער דער ברודער האָט בלויז אַ לאַך געטאָן און אויף דעם אינגאַנצן ניט געענטפערט.

אין דער אייגענער צייט איז די רו ביי די איינגעבירגערטע געשטערט געוואָרן מיט יעדן טאָג. די דיפּלאָמאַטישע פאַרבינדונגען מיט דייטשלאַנד זיינען געווען איבערגעריסן. דאָס לאַנד האָט איבערגעלעבט דעם מלחמה־קאַשמאַר. קעגן דעם ווילן פון די ברייטע מאַסן האָט אַלץ שטאַרקער אַרויסגע־שלאָגן צום אויבערפלאַך דער פּאַטריאָטישער „אמת", וואָס פאַרפירט און פאַרטויבט דעם פאַרשטאַנד פון די פּשוטע און נאַאיווע.

— דייטשלאַנד האָט באַליידיקט.

— דייטשלאַנד קלייבט זיך אַטאַקירן ניו־יאָרק.

— דייטשלאַנד וועט דערשטיקן אַלע פרייהייטן אויף דער וועלט, אויב זי וועט געווינען די מלחמה.

— דייטשלאַנד וועט זיך סוף־כל־סוף אַ וואָרף טאָן און איינשלינגען די צערודערטע רוסלאַנד.

דאָס לעצטע האָט מען גערעדט אין די יידישע קרייזן נאָך דעם ווי פון רוסלאַנד האָבן זיך דערטראָגן ידיעות, אַז די רעוואָלוציאָנערע פירער קענען צווישן זיך ניט דורכקומען — וואָס פאַר אַ פאָרם רעגירונג זאָל רוסלאַנד אויפשטעלן. דער עיקר אומגליק באַשטייט אין דעם, וואָס דאָרטן קען מען ביי זיך ניט פועלן איבערצורייסן מיט דער מלחמה. די פאַרשטייער פון דער נייער רעגירונג ווילן אָנהאַלטן דעם בונד מיט די אַליאירטע, קעמפן קעגן דייטשלאַנד ביזן לעצטן טראָפּן בלוט; און די רעוואָלוציאָנערן טענהן, מ'זאָל מיט דייטשלאַנד שליסן אַ באַזונדערן שלום, און אויס מיט דער מלחמה. דייטשלאַנד, מלחמה, רעוואָלוציע, יידישע גלייכבאַרעכטיקונג, אַמעריקאַנער שטאָלץ, דייטשער גראָבער שטיוול, דעפּרעסיע און פּראָספּעריטי, פּראָטעסט־מיטינגען און געשלעגן. פּראָטעסט־מיטינגען קעגן דעם פּלאַן צו שלעפּן ס'לאַנד אין מלחמה אַריין, און פאַרזאַמלונגען, וואו מ'האָט געפייערט די מפּלה פון דער צאַרישער הערשאַפט.

דער איסט־סאַידער גייסט האָט דאָקטאָר לוריאַן אַרויסגעריסן פון זיינע ד׳ אמות. ער האָט געזוכט צייט, און געגאַנגען זיך אונטערהערן וואָס די חכמים פון דער יידישער גאַס האָבן צו זאָגן פאַר די מאַסן.

ער האָט זיך געקליבן גיין אין קופּער־יוניאָן, וואו ס׳האָט געדאַרפט פאַר־קומען אַ פאַרזאַמלונג לכבוד ד׳ רוסישע געשעענישן — ווען דער טעלעפאָן האָט אָנגעקלונגען. צו אים האָט גערעדט די טאָכטער פון זיין בראָנקסער פּאַציענטקע, פּערל דובין. זי בעט, אפשר קען ער זי אויפנעמען און אויסהערן אַ באַריכט וועגן איר קראַנקער מוטער, וואָס פילט נאָך אַלץ אָפּטע ווייטיקן אַרום האַרצן.

זינט ער האָט באַזוכט איר היים, האָט ער זי מער ניט געזען. די צוויי מאָל וואָס ער איז שפּעטער געקומען צו איר קראַנקער מוטער, איז די טאָכטער כסדר געווען אין קאָלעדזש. יעדעס מאָל, ווען ער איז געשטאַנען פאַר דער קראַנקערס געלעגער, איז אים פאַרן דמיון אויפגעקומען די טאָכטער, ווי זי פאַרקאַשערט איר אַרבל, דעקט אָפּ דעם אָרעם און טראָגט אים צו נאָענט די צייכנס פון די פּאָקן, וואָס ער האָט איר מיט אַכצן צי מיט ניינצן יאָר צוריק געשטעלט.

ווען זי האָט אָנגעטעלעפאָנירט, איז אים אין דער ערשטער רגע שווער געווען צו פועלן ביי זיך אויפגעבן דעם פּלאַן צו גיין אויפן מיטינג.

— מוזט איר מיך היינט זען? — האָט ער געפרעגט, און געהאָפט, אַז זי וועט זיך אָפּזאָגן און ניט קומען.

אָבער פּערל דובין האָט אים אַ לאַך געטאָן אין אויער און אויף דעם ניט געענטפערט. אַ וואַרימקייט האָט אים אַ שלאָג געטאָן אין קאָפּ. ער האָט געזוכט וואָס צו ענטפערן, האָט זי זיך ווידער אָפּגערופן:

— איך זע, איר ווילט מיך ניט אויפנעמען היינט.

— אויב איר קענט אַרויספאָרן גלייך, וואָלט איך געוואַרט אויף אייך. אין אַ שעה אַרום דאַרף איך אַרויסגיין פון אָפיס.

מלחמה, רעוואָלוציע, יידישע גלייכבאַרעכטיקונג, פּראָטעסט־מיטינגען און פייערונגען לכבוד דער מפּלה פון דער ראָמאַנאָווטשינע, און אַן אָרעם פון אַ קאָלעדזש־מיידל וואָס הייסט פּערל דובין. אַן אָרעם, וואָס ער האָט מיט אַכצן צי ניינצן יאָר צוריק געהאַלטן אין זיין האַנט און פאַרזיכטיק פּאָקן געשטעלט.

פאַר דאָקטאָר לוריאס דמיון גייען אויף צענדליקער און הונדערטער קינדער, ראָזע הענטלעך און אָרעמס, וואָס האָבן געציטערט אין זיין שווערער האַנט אין פאַרשיידענע צייטן, ווען ער האָט זיי פּאָקן געשטעלט. אַ סך פון די דאָזיקע אָרעמס האָט ער מיט צערטלעכקייט צו די ליפּן צוגעטראָגן. אַ סך קינדערשע געוויינען, אומשולדיקע קינדערשע טרערן זיינען פאַר די יאָרן אויף זיינע הענט געפאַלן. און פון די אַלע אָרעמס טיילט זיך איינער אַרויס, פון וואַנען עס לויכט נאָך די קינדישקייט אַרויס.

ביי די דאָזיקע געדאַנקען איז אַריינגעקומען נייטן לוריא. געקומען אַן אויפגעלייגטער. ער האָט באַגריסט און געקלאַפּט דעם יינגערן ברודער אין פּלייצע:

— גרויסע צייטן, זכריה! ס'ווילט זיך דיר ניט אַריבערכאַפּן אַהין, און זען ווי רוסלאַנד זעט אויס אָן אַ צאַר? האָט מען עס אין אונדזערע יאָרן דאָרטן געקענט גלויבן, אַז די ראָמאַנאָווטשינע וועט קראַפּירן?

— יעס, נייטן. כ'טראַכט פון דעם אַ סך. כ'האָב זיך געקליבן גיין היינט אין קופער־יוניאָן.

— איך גיי אויך אַהין. איך אַליין האָב ניט קיין וואָרט היינט ביינאַכט. וויל הערן, וואָס קליגערע פון מיר האָבן צו זאָגן, כאַ־כאַ־כאַ. ביסט כסדר אומעטיק, זכריה.

— איך האָב די בריקן אויף צוריק פאַרברענט. אויב די איצטיקע אַמעריקע איז ניט צום האַרצן, טאָ וואָס וועט מיר געבן אַ נייע רוסלאַנד?

— פאַרוואָס מיינסטו אַזוי?

— אַמעריקע האָט אויסגעלייגט אַ וועג פאַר דער גאַנצער מענטשהייט: פּראַקטישקייט, ניכטערקייט! ווען דער גרויסער בער — רוסלאַנד וועט זיך אויפכאַפּן פון שלאָף, וועט ער זיך פאַרנעמען אויף אַמעריקאַנער וועגן.

— האָסט אַ צו ווייטן בליק.

— פאַרקערט, איך קוק ניט אַזוי ווייט ווי ס'קוקן מאַרקסיסטן. איך קוק מיט די אויגן פון אַ קאַפּיטאַליסט, כאָטש איך בין עס ניט.

— מאַרקס קוקט אויך מיט ניכטערע אויגן אויף דער צוקונפטיקער מענטשלעכער געזעלשאַפט, וואָס וועט איינפירן סאָציאַלים. געוויס איז אין אַמעריקע פאַראַן אַ סך ניכטערקייט.

— קינדערשע ניכטערקייט, נתן. אַ קינד איז אויך ניכטער, קוקט פאַקטן אין די אויגן; אָבער ס'איז אין דער אייגענער צייט ראָמאַנטיש אויך. קינ־דערשע ניכטערקייט און קינדערשע ראָמאַנטישקייט. צוליב דער דאָזיקער ראָמאַנטישקייט וועט אַמעריקע אַריינגעשלעפּט ווערן אין דער מלחמה אַריין אויך.

— כ'וועל זיך מיט דיר ניט שפּאַרן. אויף וויפל דו רירסט אָן דעם־אָ פּונקט, בין איך מיט דיר מסכים. ס'איז נאָך אָבער ניט צו שפּעט. מ'דאַרף וואָס מערער פּראָטעסטירן, פאַררופן מאַסנמיטינגען, אויפווייזן די מאַסן, אין וואָס פאַר אַן אומגליק מ'וויל דאָס לאַנד אַריינשלעפּן. אָפּגרעניצן זיך פון דער אַלטער וועלט דאַרף אַמעריקע... אָט פאַרוואָס די מאָנראָו דאָקטרין איז געניאַל!

— דו, נייטן, זאָלסט עס זאָגן!

— פאַרוואָס חידושט דיך עס אַזוי?

— אַזוי דאַרף אַ סאָציאַליסט ניט טראַכטן. אַלע מענטשן זיינען ברידער, וואָס, ניט, נייטן?

— ניט אין דער מלחמה, וואָס קאַפּיטאַל האָט אָנגעצונדן, זיינען מענטשן ברידער. כ'האָב איצטער גרעסערע האָפענונגען: — אַז די סאָציאַלע רעוואָ־לוציע וועט אויסברעכן, ניט ווי מאַרקס האָט געוואָלט, אין די אינדוסטריעלע לענדער, נאָר פאַרקערט. אפשר, ווען מ'זאָל דייטשלאַנד צעברעכן די ביינער, וועט עס דאָרטן. כ'גלויב אין דער דייטשער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע. אָבער דאָס וואָס האָט פּאַסירט אין רוסלאַנד שטייגט איבער אַלע דערוואַרטונגען.

אַראָפּזעצן ניקאָלאַיען איז ביי מיר אַזױפיל װערט װי איינפירן סאָציאַליזם. יעס, זכריה, כ'װיל דיר דערציילן, אַז ביי מיר איז געװען װילי בערגער... װי נאָר די מלחמה װעט זיך איינשטילן — קלייבט ער זיך צוריק קיין רוסלאַנד. ער זאָגט, אַז זיין שװעסטער װעט אויך מיט אים מיטפאָרן.

נייטן לוריא האָט געװאָרט, דער ייִנגערער ברודער זאָל זיך אויף דעם אָפּרופן. דאָקטאָר לוריא האָט חושד געװען, אַז דאָס גאַנצע אומגעריכטע אָנקומען פון ברודער איז פאַרבונדן מיט דער דאָזיקער נייעס. דאָקטאָר לוריא האָט געװאוסט, אַז אין דער משפּחה באַטראַכט מען זיין באַגעגעניש מיט עמאַ בערגער פאַר אַן אומגליק.

— מיינסט ניט, זכריה, אַז אין רוסלאַנד װאָלט זי געפונען איר אָרט אין לעבן?

דאָקטאָר לוריא האָט אַרומגענומען זיין עלטערן ברודער, אים אַריינגעקוקט אין די אויגן און געשמייכלט.

— װאָס איז, זכריה?

— לאָז עס איבער פאַר אונדזערע װייבער, זאָלן זיי עס אַרומרעדן.

װען די ברידער האָבן שוין געהאַלטן ביים אַרויסגיין, איז פּערל דובין אָנגעקומען. אין מאַנטל און הוט האָט זי אויסגעזען עלטער און ערנסטער. דאָקטאָר לוריא האָט זי אין דער ערשטער רגע ניט דערקענט.

זי האָט עס באַמערקט. אויפשנעל דורכלויפנדיק מיטן בליק איבערן אָפּיס, האָט זי אונטערטעניק געזאָגט:

— כ'װייס, איך האָב ניט געדאַרפט איין פאַרהאַלטן אין שטוב. די מוטער פילט זיך אַ סך בעסער. כ'האָב אייך געװאָלט באַדאַנקען פאַר אייער גוטער װירקונג, װאָס איר האָט אויף דער מוטער געהאַט. זי באַמיט זיך צו זיין רואיק און פאָלגט אויס אַלץ װאָס איר האָט איר אָנגעזאָגט.

— דאָס איז מיינע אַ פּאַציענטקע פון פאַר ניינצן יאָר, — האָט דאָקטאָר לוריא זי פאָרגעשטעלט פאַרן ברודער, — און דאָס איז מיין ברודער.

נייטן לוריאס בליק איז איבערגעשפּרונגען פון ברודער צום גאַסט, און פון גאַסט װידער צום ברודער. ער האָט חושד געװען, אַז אפשר ניט גאָר איינגאַנצן צו באַדאַנקען דעם דאָקטאָר איז זי געקומען. ער האָט באַמערקט, װי זיין ברודער איז אומעטיק געװאָרן.

אַלע זייבן געשטאַנען אין מיטן אָפּיס און ניט געװאוסט פון װאָס אָנצוהייבן. דאָקטאָר לוריאן האָט פאַרדראָסן װאָס ער האָט איר געהייסן אַריבערקומען. ערשט איצטער האָט ער געפילט, אַז ער האָט געדאַרפט רעדן מיט דעם ברודער װעגן די בערגערס. מיטן געדאַנק האָט ער אַנידערגעשטעלט עמאַ בערגער זייט־ביי־זייט מיט דער אַריינגעקומענער פּערל דובין. אים האָט אויסגעװיזן, װי די איז אַ טאָכטער פון יענער. זי טראָגט אויך אין פּנים די צייכנס פון יענערס טרויער.

— מיר גייען איצטער אויף אַ מיטינג װאו מ'װעט באַגריסן די רעװאָלוציע אין רוסלאַנד, — האָט דאָקטאָר לוריא זיך געװענדט צו דער מיס פּערל דובין. — װעט איר אפשר מיטגיין?

— יעס, כ'האָב געהערט. מיין פּאַ פרייט זיך אויך, װאָס דאָרטן האָט מען דעם צאַר אַראָפּגעזעצט.

— אייער פֿאַ... — האָט נתן באַמערקט. — און איר אַליין ?

— איך אַליין, — האָט פּערל דובין געשמייכלט און באַוויזן אירע ווייסע ציין, — איך אַליין, אויב איך זאָל גלויבן עפּיקטעטוסן, בין איך בלויז אַן אַקטריסע, וואָס דאַרף שפּילן די ראָל וואָס פֿאַר מיר האָט אַן אומבאַקאַנטער אויטאָר צוגעגרייט. האָט ער פֿאַר מיר אָנגעשריבן אַ ראָל, זאָל עס זיין די ראָל פֿון אַ בעטלערן, אָדער פֿון אַ הערשערן, דאַרף איך געטריי שפּילן. איך אַליין קען די ראָל ניט אויסקלייבן. איך בין דאָ אין לאַנד געבאָרן געוואָרן, און איך נעם דאָס, וואָס אונדזער לאַנד גיט מיר.

— און אויב אַמעריקע וועט אַריין אין קריג ? — האָט נייטן לוריאַ ווידער געפֿרעגט.

— אויב מיין ראָל וועט זיין פֿון אַ באַרימהאַרציקער שוועסטער, וועל איך עס שפּילן.

די צוויי ברידער האָבן זיך דורכגעוואָרפֿן מיט די בליקן. ס׳אומבאַקאַנטע מיידל, מיט איר דערמאָנען דעם רוימישן סטאָאיקער, איז פֿאַר זיי ביידן געווען אַ רעטעניש.

— און אויב מלחמה וועט דערקלערט ווערן צווישן אונדזער לאַנד און דייטשלאַנד, וועט עס אויך זיין פֿאַר אייך בלויז אַ ראָל וואָס אימעצער האָט פֿאַר אייך אָנגעשריבן ? אויב איר און די גאַנצע אַמעריקאַנער יוגנט זאָל זיך שטעלן קעגן מלחמה, וועט גאָר די ראָל פֿון אַ באַרימהאַרציקער שוועסטער גאַרניט געשריבן ווערן.

— כאַ־כאַ־כאַ, — האָט זי אַ לאַך געטאָן. — פֿאַרוואָס האָט איר אַזוי מורא פֿאַר מלחמה ? אַ פֿאָלק ווערט דורך מלחמה גרויס. אַמעריקע דאַרף פֿירן אַ גרויסע מלחמה, און געווינען.

— און צעשלאָגן ווערן, — האָט דאָקטאָר לוריאַ שטיל געזאָגט.

— פֿון וואַנען זייט איר אַזוי זיכער ? — האָט זי פֿאַריסן געפֿרעגט.

— אויף יעדן אופֿן וועט אַמעריקע צעשלאָגן ווערן.

— די עמיגראַנטן זיינען ניט דאַנקבאַר. אפֿילו איר, אַ דאָקטאָר, וואָס האָט שוין אויסגעשטודירט דאָ אין לאַנד, זייט איר אויך ניט דאַנקבאַר.

— מיט וואָס זאָל איך דאַנקען ? — האָט דאָקטאָר לוריאַ גענומען איר האַנט. — קוקט מיר גלייך אין די אויגן און זאָגט : מיט וואָס זאָל איך אַמעריקע אָפּדאַנקען ?

— איך קען עס אייך ניט זאָגן. כ׳וועל עס אייך אָנשרייבן.

— פֿאַרוואָס קענט איר עס ניט זאָגן ? — איז דאָקטאָר לוריאַ באַשטאַנען אויף זיינס.

— סיסעראָ האָט שוין פֿאַר מיר געענטפֿערט, ווען ער זאָגט, אַז אַ בריוו ווערט קיינמאָל ניט רויט, ווען אפֿילו מ׳שרייבט אין אים אַריין אַ זאַך וואָס איז אומ־באַקוועם... איך דאַנק אייך זייער. איך פֿאַר צוריק אַהיים. כ׳האָב אַ סך אַרבעט צוצוגרייטן פֿאַרן קאָלעדזש.

זי האָט זיך געזעגנט און מיט אַ יינגלשער וועדרע אַרויס פֿון אָפֿיס.

— ווער איז זי ? — האָט נייטן לוריאַ אָנגעשטעלט די אויגן אויף זיין צעטומלטן ברודער.

— איך ווייס ניט.

— איז זי אַמאָל ניט-געקומען דיר דערמאָנען, אַז דו ביסט שוין אַן אַלטער מאַן? ווי זי ציטירט עס די רוימישע קלאַסיקער! אפשר אַלץ דערפאַר וואָס דו האָסט איר אַמאָל געשטעלט פּאָקן, כאַ-כאַ-כאַ! פון וואָס טראַכסטו, זכריה?

— כ׳טראַכט, ווי אונדזערע נאַראָנים קאָכן זיך, וואָס מ׳האָט אין רוסלאַנד דעם צאַר אַראָפּגעוואָרפן, און קלייבן זיך פאָרן צוריק. פילן גאָרניט דעם תהום וואָס ליגט צווישן זיי און זייערע קינדער. די קינדער קוקן אויס מלחמה. ביי אונדז איז מלחמה אַ טראַגעדיע, און ביי זיי — אַ ספּאָרט. איך בלייב הײַנט אין שטוב, נייטן; דו וועסט מיר דערציילן וואָס אין קופּער-יוניאָן איז פאָר־געקומען.

קאַפּיטל דריי און דרייסיק

אָבער די מוראַדיקע שעה האָט געשלאָגן. „אַמעריקע האָט דערקלערט דײַטשלאַנד אַ קריג אויף לעבן און אויף טויט". „אַמעריקע גייט העלפן פריי מאַכן די וועלט פאַר דעמאָקראַטיע!" „אַמעריקע ד'האָט ניט קיין שום פּריוואַטע חשבונות; אַמעריקע האָט נאָר איינס אין זינען — ניט דערלאָזן, אַז דאָס ליכט פון דעמאָקראַטיע זאָל אויסגעלאָשן ווערן!.."

די מוראַדיקע שעה האָט געשלאָגן פאַר דער פרייער און קינדיש־זאָרגלאָזער אַמעריקע. די שיינע פראַזן, וואָס האָבן געפליצט פון וואַשינגטאָן אינאיינעם מיט דער מלחמה־דערקלערונג, האָבן ניט פאַרדעקט דעם אמתן זינען פון דער שרעקלעכער בשורה. דער פרידלעכער מענטש איז געעלטערט געוואָרן. ס'האָט זיך אָפּגעטאָן די פרייד פון לעבן. און כאָטש, ווי שטענדיק, האָט דער אַפּריל אָנגעטאָן ניו־יאָרקער אָרימער ביימער־וועלט אין גרין, האָט דאָס לעבן זיך אַ וויג געטאָן אין בלוט־רויטע נעפּלען. דער אַטלאַנטישער אָקעאַן איז אין דער מחשבה איינגעשרומפּען געוואָרן, און צו די אַמעריקאַנער ברעגעס האָט זיך צוגערוקט די פאַרוויסטע, אין בלוט־און־פייער אויסגעטונקענע אייראָפּע.

— ער האָט אָפּגענאַרט, באַרימענדיק זיך, אַז ער האָט אַמעריקע אויסגעהיט פון קריג, אַבי זיך אַרייַנכאַפּן אויף אַ צווייטן טערמין אין ווייסן הויז! — האָבן מענטשן געפּרוואווט אויסלאָזן זייער ביטער האַרץ אויף פּרעזידענט ווילסאָן.

— ער האָט באַצייטנס זיך פאַרקויפט צו די גאָלד־זעק אין וואָל־סטריט. ער האָט נאָר געוואַרט, דער צווייטער טערמין זאָל זיך אָנהייבן.

— ווען ער האָט ניט חתונה מיט זיין יונג ווייבל, וואָלט דער דאָזיקער מלמד ווילסאָן ניט געלאָפן אין מלחמה אַריין. דאָס וויל זי אים מאַכן פאַר אַ העלד.

— ווען ער דערקלערט פאַר די וואָלן זיין פּלאַן אַרייַנצושלעפּן אַמעריקע אין קריג, וואָלט מען אים אַרויסגעקערט פון ווייסן הויז.

פונדעסטוועגן, מיט דער הילף פון דער מלחמה־געגייגטער פּרעסע, מיט דער הילף פון פּראָפּאַגאַנדע און שפּאָגל־נייע מלחמה־געזעצן, איז פון מלחמה־שטורעם דאָס פאָלק אָראָפּגעטראָגן געוואָרן פון דער שטענדיקער פרידלעכער טראַדיציע. אין איין רגע איז אַריבערגעוואָרפן געוואָרן אַ בריק צווישן אַמע־ריקע און אייראָפּע. און דאָס, וואָס איז אַזוי פרעמד געווען דעם גייסט פון אַמעריקאַנעם מענטשן, דאָס וואָס איז געווען אומגלויביק פאַרן לעבן — איז מיט אַ חודש שפּעטער געשען:

— קאָנסקריפּשן!

ניטאָ מער דער פרייער ווילן און די פרידלעכע פלאַקאַטן אויף ערטער, וואו מ'האָט ביז איצטער איינגעלאַדן וואָלונטירן, זאָלן זיך אָנשליסן אין דער

אַרמיי אָדער נעיווי. ניטאָ שוין מער די פרידלעכע צוזאָגן, אַז די, וואָס וועלן זיך אָנשליסן אין דער אַמעריקאַנער אַרמיי, צי אין דער נעיווי, וועלן פאַרברענגען טעג און יאָרן אין גרויס פאַרגעניגן, אָפּגעבנדיק זיך מיט ספאָרט און שפּיל. אַוועק די צייט, ווען אַ יונגערמאַן האָט געקענט צוקומען געאָרעמט מיט אַ מיידל צו דער וואָלונטירן־סטאַנציע זיך אויספּרעגן, אַמוזירן זיין מיידל אויסלאַכן זיך און אַוועקגיין מיט אַ שטאָלצער מינע — אַז אים פּאַסט ניט זיין אַ סאָלדאַט.

— קאָנסקריפּשן!

יעדער יונגערמאַן, וואָס איז געזונט און צייטיק, דאַרף אָן קיין שום פאַרשפּעטיקונג זיך מעלדן דאָרטן און דאָרטן; און דער, וואָס וועט פאַרפעלן זיך צו מעלדן צום קאָנסקריפּשן־פּונקט, וועט באַשטראָפט ווערן, ווי ס'איז פאַרצייכנט געוואָרן אין בוך פון די ניי־געבאַקענע געזעצן.

ווער מיט אַ שטאָלצן קאָפּ, און ווער מיט אונטערגעבראָכענע קני; ווער מיט אויסגעטראַכטן שטאָלץ, און ווער מיט פאַרקלעמטע ציין; ווער מיט אַן איינגעשמועסטער מיסיע, און ווער מיט אַ קללה אויף די ליפּן; ווער מיט דעם נאַרישן אַרויסבליק צו כאַפּן אַן אומזיסטע רייזע קיין אייראָפּע, און ווער — מיט טויט־שרעק אין די אויגן. געבאָרענע אין פרייען לאַנד, און נאַטוראַליזירטע, וואָס האָבן צוליב דער מלחמה אין אייראָפּע דערפילט די ליבשאַפט צו דער נייער היים, ווילנדיק ניט־ווילנדיק זיינען זיי געשלעפּט געוואָרן צו די רעקרוטן־סטאַנציעס. איבער זיי — די ברכה פון גרויסער שפע, וואָס וועט זיך מסתמא אַראָפּלאָזן איבערן לאַנד. איבער זיי — די קללה פון צוואַנציקסן יאָרהונדערט, וואָס האָט לויז געלאָזן די רויבערישע אינסטינקטן פון די אינטערנאַציאָנאַלע געלט־זעק.

פונדעסטוועגן זיינען דאָ־און־דאָרטן אָפּגעהאַלטן געוואָרן פּראָטעסט־מיטינגען. מען האָט געפּרואווט אָפּשרייען די קאָנסקריפּשן גזירה. געפּרואווט אָפּשרייען דעם שרעקלעכן „פּריזיוו". עס האָבן דאָ־און־דאָרטן ספּאָנטאַן אויסגעבראָכן עפנטלעכע פּראָטעסטן, און די געטרייע פּאָליציי, ווי אין מלחמה־צייט, האָט באַשטראָפט די געזעץ־ברעכער.

אויף איינעם פון אַזעלכע אַנטי־קאָנסקריפּשן מיטינגען און אַ שפּעטערדיקער דעמאָנסטראַציע, צווישן די, וואָס האָבן פאַרזוכט דעם טעם פון פּאָליצייאישן קלאָב, איז געווען דניאל לוריאס ייִנגערער זון, דזשייקאָב לוריא. אַ צעבלוטיקטער האָט ער זיך אַרויסגעריסן, ניט אַרעסטירט צו ווערן, און געלאָזט זיך לויפן אין דער דערבייאיקער אַפּטייק, וואו מ'האָט אים פאַרבאַנדאַזשירט די לינקע זייט קאָפּ און אויער. אָנשטאָט אַהיים, ניט איבערצושרעקן די אייגענע און, דער עיקר, ניט צו באַגעגענען זיך מיטן עלטערן ברודער, וואָס האָט זיך מיט דעם קאָנסקריפּשן־געזעץ דערפרייט, איז ער אַריינגעפאַלן צו דאָקטאָר לוריאן. געלאָזן פריי זיינע געפילן, און ווי אין די גוטע צייטן נאָך אַ גרויסן געשלעג מיטן עלטערן ברודער, האָט ער צונויפגעבראָכן און געוויינט אויפן הויכן קול.

דאָקטאָר לוריא האָט אין דער ערשטער צייט ניט פאַרשטאַנען, וואָס דאָ איז געשען. ער האָט גע־אוסט, אַז די צוויי זין ביי זיין עלטערן ברודער פירן מלחמה צווישן זיך. ניט איינמאָל האָט דער עלטערער געקראַגן פון ייִנגערן אַ צעדראָפּעט פּנים; און דער ייִנגערער — אַן אונטערגעשלאָגן אויג.

דאָקטאָר לוריא האָט זיין פלימעניק אַריינגענומען אין שלאָפצימער, אים אַנידערגעלייגט אויף אַ בעט און געוואַרט ביז ער וועט קומען צו זיך.

— ליג דאָ אַ ווייל, באַרואיק זיך. דער באַנדאַזש איבערן אויער איז פאַרבלוטיקט. כ'וועל דיר איבערלייגן די וואונד. אַז דו וועסט קומען צו זיך, וועל איך עס טאָן.

אין אַ ווײַלע אַרום איז דזשייקאָב אַריינגעקומען צו דאָקטאָר לוריאַן און האָט בלאָס געשמייכלט:

— כ'קום פון דער מלחמה, אַנקל. מיינסט אוודאי, כ'האָב זיך מיט דייווידן געשלאָגן. מיט מיין נאַרישן ברודער וויל איך מער ניט האָבן צו טאָן. דאָס האָב איך אין אַן אַנטי־קאָנסקריפּשן דעמאָנסטראַציע געקראָגן. פּאָליציי האָט צעבוטשערט די פאַרזאַמלונג. דער פאַרדאַמטער פּאָליציי־הונט האָט מיר מיטן קלאָב שיעור אַן אויער ניט אַראָפּגעהאַקט. טו אַ קוק, אַנקל, זעט עס אויס זייער שלעכט?

— וואָס מיינסטו, דזשייקאָב, צי דער קאָנסקריפּשן־געזעץ זעט אויס שלעכט? — האָט דאָקטאָר לוריא געשפּאָסט.

— אפשר מיין איך טאַקע דאָס אויך.

— דיין אויער וועט זיך פאַרהיילן. אָבער די וואונד, וואָס די געזונטע אַמעריקע וועט קריגן אין דער מלחמה, וועט זיך אַזוי גיך ניט פאַרהיילן.

— יעס, אַנקל... ווי מיינסטו, ס'איז אַ פאַרפאַלענע זאַך?

— מ'האָט עס געקענט דערוואַרטן.

— וואָס איז אַמעריקע שולדיק דער פאַרדריפּעטער אייראָפּע?

— מלחמה, דזשייקאָב. אָבער דיך וועט מען ניט נעמען אין מלחמה. דייווידן אויך ניט.

— מ'רופט דאָך.

— מ'וועט קלייבן. ניט אַלעמען וועט מען נעמען.

— ניין, דאָס וויל איך ניט. פאַרקערט, זאָל מען מיך יאָ רעקרוטירן, און איך וועל זיך עקשנען און ניט גיין.

דעם אייגענעם אָוונט האָבן זיך ביי דאָקטאָר לוריאַן צונויפגענומען די לוריא־ברידער. אַ צעשראָקענער איז פון זיין פאַרם געקומען צו לויפן הילל לוריא. אַן איינגעשרומפּענע און געעלטערטע איז קערזאָלאַין געקומען. דער פּחד האָט זיי צונויפגעבראַכט. בייטן לוריא, וואָס האָט קיין קינדער ניט געהאַט, און כאָטש ווי אַ סאָציאַליסט האָט ער אַריבערגעקוקט ווייטער פון דער אייגענער משפּחה — האָט היללס צעשראָקענער אויסזען אויף אים געווירקט. ער זאָל אויך דאָס נאָענטע משפּחה־בלוט דערשפּירן אין צייט פון סכנה. אינאיינעם מיט רעוואָלט האָט אויך אים באַהערשט פּחד.

ליליען־רות איז ניט באַהערשט געוואָרן פון יידישן פּחד, וואָס האָט אַרויס־געקוקט פון די שוואַרצע און ברוינע יידישע אויגן. פליכט צום אייגענעם לאַנד האָט זי געשפּירט. און ווי פּיינלעך ס'איז ניט געווען דער געדאַנק, אַז אירע קינדער וועלן גערופן ווערן, האָט זי ניט געקענט באַנעמען דעם צעשראָקענעם אויסזען פון די לוריאָס. איר עלטערער זון האָט די לעצטע צייט אויסגעמיטן זיינע אייגענע פון פאָטערס צד. ער האָט זיך דערפילט פאַרשעמט, ווען זיין יינגערער ברודער איז געקומען אַ צעשלאָגענער פון אַן אַנטי־קאָנסקריפּשן־דעמאָנסטראַציע.

ליליען־רות האָט געהאָלפן גרייטן צום טיש פאַר די געסט, און האָט די אויגן געהאַלטן אַראָפּגעלאָזן. זי האָט געזוכט אַ געמיינשאַפטלעכע שפּראַך פאַר אירע איבערלעבונגען, וואָס זאָל זיין פאַרשטענדלעך פאַר די לוריאַס. די יידישע מאַנצבילן האָבן איר אויסגעזען פרעמד. איר פעלט די פולע בלוט־קרובהשאַפט מיטן יינגערן זון, וואָס, מיט אַ פאַרבאַנדאַזשירטן קאָפּ, דרייט ער זיך אַ שווייגנדיקער אַרום און איז מיט זיין גאַנץ אויסזען אַזוי ענלעך אויף די לוריאַס. ניט מער, וואָס ער איז קורצזיכטיקער און טראָגט שווער־געשליפענעברילן.

— פאַרוואָס שווייגסטו, ליליען? — האָט קעראָלאַין, וואָס האָט צוגעהאָלפן דערלאַנגען טיי צום טיש, אַרומגענומען די שוועגערן און זי געקושט. — דיר טוט אוודאי וויי ס'האַרץ ווי אונדז אַלעמען, נאָר דו קענסט באַהאַלטן דעם ווייטיק און שווייגן.

— פאַראַן אַ צייט ווען ס'העלפן ניט קיין רייד, — האָט ליליען ניט אויפגעהויבן די אויגן. — איך האָב ניט קיין ווערטער אויסצודריקן מיין צער, וואָס דזשייקאָב האָט זיך געפּראוווט שטעלן אַנטקעגן דער מאַכט.

— פאַרוואָס קענסטו עס ניט פאַרשטיין, ליליען? — האָט הילל לוריא פאַרחידושט אַריבערגעקוקט צו דער גרטע. — ווען מיין זון קומט אַ צעשלאָגענער פון אַזאַ דעמאָנסטראַציע וואָלט איך געטראַכט, אַז אַ יידיש קינד, כאָטש געבאָרן דאָ אין לאַנד, איז אַ יידיש קינד. יידן האָסן פון טיפן האַרצן מלחמה. און מיין ניט, דאָס איז צוליב פּחדנות. קענסט מיך, ליליען, פון ניו־יאָרקער צייטן. כ'האָב פאַר קיין שום זאַך קיין מורא ניט געהאַט. כ'האָב ניט איין מאָל איינגעשטעלט ס'לעבן. אָבער דאָס, וואָס סע קומט איצטער פאַר אין יוראָפּ, איז אַ ווילדע און בלוטיקע משוגעת. איצטער האָט אַמעריקע געגומען און איז משוגע געוואָרן. יעס, ליליען, איך קום פון פאַרם; די קריסטלעכע פאַרמערס זאָגן ס'אייגענע. מ'האָט דעם פּרעזידענט אונטערגעקויפט, אַט וואָס די פאַרמערס זאָגן.

— ס'איז שלעכט, ווען אפילו אין צייט פון אומגליק פאַרשטייט מען זיך אויך ניט. ווען איך וואָלט מיינע קינדער געקענט נעמען און לויפן וואוהין די אויגן וועלן מיך טראָגן... — ליליען־רות האָט אויפגעהויבן די אויגן צו איר מאַן און האָט ווידער געררעדט. — דייוויד האָט שוין ביז איצטער געקענט חתונה האָבן, ווען די יידישע עקשנות שטייט ניט אין וועג. אַ באַווייבטן וועט מען אפשר ניט נעמען אין קריג. שטעלט זיך אייער פאַנאַטיזם אים אין וועג. כ'ווייס, יידן האָבן אַ סך מאָל זיך געלאָזן אויסקוילענען און אויף זייערס ניט מוחל געווען.

די זעלבסטשטענדיקע, קלוגע ליליען, זינט ס'האָט זיך אָנגעהויבן העקלען מיט דער ליבע פון איר זון מיט ריכטער מעקפאַדנס טאָכטער, איז איבערגעבראָכן געוואָרן איר גלייכגעוויכט, וואָס האָט איינגעשטעלט איר לעבן. אַלץ אָפּטער האָט די ליבע צו איר מאַן און קינדער זיך געגרעניצט מיט האַס פון אַ קאַטוילישער פרוי, וואָס אויפן וועג צו איר גליק האָט זי זיך אָנגעשלאָגן אָן יידישער עקשנות.

— קום אַהער, — האָט נייטן לוריא צוגעצויגן צו זיך דזשייקאָבן, — דערקלער מיר, פאַרוואָס ביסטו געגאַנגען אויף דער אַנטי־קאָנסקריפּשן דעמאָנסטראַציע, איז עס דערפאַר וואָס דו ווילסט ניט גיין אין דער מלחמה?

— ס׳איז דער געזונטער אימפּולס פון אַן אַמעריקאַנער געבאָרענעם, פרייען מענטשן, — האָט דזשייקאָב, מעשה פּראָקוראָר, גערעדט. — אַמעריקע איז ניט אייראָפּע. מענטשן וואַקסן דאָ אונטער אַנדערע באַדינגונגען. די קראַנקע אייראָפּע האָט אונדז פאַרפּליצט מיט פאַלשע אידעאָלאָגיעס. פראַנצויזישע, ענגלישע און דייטשע אַגענטן האָבן דאָ אויסגעשאָטן מיליאָנען צו באַשאַפן די פאַלשע פּראָפּאַגאַנדע.

— גוט, דזשייקאָב, וואָס דו פאַרשטייסט עס אַזוי, — האָט נייטן לוריא אים געקלאַפּט אין פּלייצע. — דאַרפט נאָך צוגעבן דאָס, וואָס אַמעריקאַנער ביליאָנען דאָלער זיינען אויסגעבאָרגט געוואָרן צו די אַליאירטע. און אויב זיי זאָלן פאַרלירן דעם קריג, איז אויס מיט די גרויסע הלוואות! וואָל־סטריט איז דער גרעסטער מלחמה־אַגענט.

ליליען־רות האָט אויפגעהויבן די אויגן, אַריבערגעקוקט צו נייטענען, געזוכט די ענלעכקייט צווישן איר זון און שוואָגער. איר זונס רייד זיינען איר בעסער געפעלן געוועז ווי איר שוואָגערס. אין איר זונס ווערטער האָט זי דערקענט אַמעריקאַנער שטאָלץ.

דניאל לוריאַן האָבן די אַלע רייד טעמפּ געהאַמערט אין קאָפּ. וויפיל מאָל ליליען האָט אים ניט ווי געטאָן די לעצטע צייט, אויפוואָרפנדיק אים יידישע עקשנות; איצטער איז אים שווערער ווי שטענדיק געוועז איר צו ענטפערן. ער וויל זיך אָפּגעבן חשבון וואָס איז גלייכער, צי זיין זון זאָל זיך שמדן, ווערן אַ קאַטאָליק, חתונה האָבן מיט מעקפאַדנס טאָכטער, און אפשר וועט מען אים דורך דעם באַפרייען פון גיין אין מלחמה, אָדער בעסער לאָזן, ער זאָל גיין און אומקומען אויפן שלאַכט־פעלד.

ער האָט זיך אַליין דערשראָקן פון דער דאָזיקער מחשבה. ער האָט אַריבערגעקוקט צו דאָקטאָר לוריאַן, וואָס איז געזעסן אַ געבויגענער ביים טיש.

— לאָמיר אפשר, קינדער, גאָר אויפגעבן דעם שמועס און טרינקען טיי. וואָס איז באַשערט, דאָס וועט קומען, — האָט קעראָלאַין מיט אַ יאוש אין שטים גערעדט.

— איך ווייס, ווי ליליען איז צעפּלאָגט, — האָט דניאל געוואָלט פאַרגיטיקן זיין ווייב. — כ׳האָף, זי איז מיך ניט חושד, אַז מיך אַרט די גאַנצע זאַך ניט. די קינדער זיינען שוין אַרויס פון מיין רשות. הלואי וואָלט דייוויד געטאָן אַליין וואָס זיין האַרץ באַגערט, און ביי מיר ניט פרעגן. דאָ אין לאַנד טוען עס קינדער, מעג ער אויך. פון מיינעטוועגן קען ער איצטער גיין צו אַ קאַטוילישן גלח און איבעררייסן מיטן יידישן פאָלק אינגאַנצן. איצטער איז מיר שוין אַלץ איינס. איצטער זע איך, אַז אין ערגעץ ליגט מען ניט אין אייגענע הענט. אפילו אין אַזאַ פרייעם לאַנד ווי אַמעריקע האָט אויך אימעצער אַנדערש אויף דיר די דעה. הערסטו, ליליען?

— מיר איז אַלץ איינס, — האָט ליליען געלאָזן די געסט, גענומען ווישן די טרערן און אַרויס אין צווייטן צימער.

— כ׳האָב מורא, דאָס אייגענע קומט איצטער פאָר אין יעדער דריטער שטוב וואו נאָר ס׳איז פאַראַן אַן אונטערגעוואַקסן קינד, — איז קעראָלאַין מיט אַ געבויגענעם קאָפּ נאָכגעגאַנגען דער שוועגערן.

— מיין ישראל איז קאַלטבלוטיק, — האָט הילל באַטראַכט צו לויבן זיין קינד. — מ׳וועט אים רופן, וועט ער גיין. די דייטשן מוז מען צעברעכן די

ביינער, אָט וואָס ער זאָגט. מיין ישראל קען ניט פאַרשטיין, וואָס טאַטע־מאַמע שלאָגן זיך קאָפּ־אָן־וואַנט. איך קען קיין רואיקן ווינקל ניט געפינען. פרעגט מיך, וואָס כ׳בין געלאָפן קיין ניו־יאָרק. ווען כ׳קריג אַ באַן היינט — וואָלט איך געפאָרן צוריק. מינע וועט זיך דאָרטן נעמען ס׳לעבן אָן מיר. רייס ניט איין מיט דיינער, — האָט הילל אַריבערגערעדט צו דניאלן. — זי איז אַ מאַמע, טוט איר ווי. אַ דאגה האָסטו, גיב איר נאָך. זאָל ער חתונה האָבן מיטן מיידל. פריער אָדער שפּעטער — ס׳איז אַמעריקע. אַ גוטע נאַכט.

מיט געבויגענע קעפּ זיינען די לוריאס איינציקווייז אַוועק אַהיים.

פּחד האָט געטער באַשאַפן. דער פּחד פאַרן קריג האָט קיין איין גאָט ניט באַשאַפן. ניט מער, דאָס גאָלדענע קאַלב איז געלאָפן און נאַריש געמעקעט אין די גאַסן פון לעבן. אינאיינעם מיט דער מאָביליזאַציע, וואָס האָט מיט דעם כוח פון אַן אייזערנעם, טעמפּן גוזעץ אַרויסגערופן אַלע שאָוויניסטישע אינסטינקטן און פּאַטריאָטישע, פאַלשע קלאַנגען — האָט פּראָספּעריטי אַ בלי געטאָן. בשעת די פאַרצאָגטע קעראַלאַין האָט זיך קאָפּ־אָן־וואַנט געשלאָגן, ווען איר איזראַעל איז אַוועק אין „טרעינינג־קעמפּ״, איז לעאָנאַרד סטאָן געגאַנגען דער פּראָספּעריטי אַנטקעגן. זיינע בלוזן־ און מאַנטל־שעפּער האָט ער פאַרוואַנדלט אין שינעל־ און מונדיר־שעפּער. ניט געוועזן איצטער קיין צייט זיך אַרומצוהרגענען מיט יוניאָן־פירער. די רעגירונג האָט געצאָלט. גאָלד איז געפלאָסן אין אַ ברייטן שטראָם. אמת, לעאָנאַרד סטאָן האָט אויף אַלערליי אופנים געזוכט צופרידנשטעלן זיין פאַרווייטע ווייב; געפּרואווט איר אַלץ נאָכגעבן.

אין „טרעינינג־קעמפּ״ איז אויך אַוועק הילל לוריאס זון. דניאל לוריאס ביידע זין זיינען, צוליב זייערע שוואַכע אויגן, פאַרבראַקירט געוואָרן. די מלחמה־ווירקלעכקייט האָט מענטשן אי ווייכער, אי האַרטער געמאַכט. ווי אויף אַ נאַטירלעכער דערשיינונג האָט מען געקוקט, ווען די אייזנבאַנען, אַנשטאָט צו פירן ציווילע פּאַסאַזשירן, האָבן אָנגעהויבן צו פירן מיליטער. די מיליטערישע עשעלאָנען האָבן געצויגן צו די האַפן־שטעט. מיט אַ ווייך האַרץ איז מען אַרויסגעקומען באַגלייטן די מיליטערישע טראַנספּאָרטן, וואָס האָבן די איבער נאַכט געבאַרענע אַרמיי אַוועקגעפירט צום שלאַכטפעלד, פון טייוול אויסגעטראַכט.

דאָקטאָר לוריא איז ווידער אַריינגעפאַלן אין משפּחה־זאָרגן. אַלץ אָפטער האָט ער געהאַט ביי זיך צו גאַסט זיין צווילינג־שוועסטער. איר גייסטיקער מצב האָט אים באַאומרואיקט. זינט מ׳האָט איר זון פאַרנומען פון דער היים, איז איר ס׳לעבן מיאוס געוואָרן. דאָקטאָר לוריא האָט ביי איר געפּועלט, זי זאָל אויף די לעצטע פּאָר זומער־חדשים אַוועק צו היללן אויפן פאַרם, אָבער נאָך דריי טעג אָפּזיין אין די קעצקיל־בערג, איז זי צוריקגעקומען אין שטאָט, אפילו אַהיים ניט פאַרפאָרן. געקומען נעכטיקן צו איר ברודער. אַ גאַנצע נאַכט האָט זי אָפּגעוויינט. דאָקטאָר לוריא האָט ניט געפונען קיין פּאַסיקע ווערטער מיט וואָס זי צו טרייסטן. ס׳האָט אויסגעוויזן, אַז די מלחמה איז אַ צולאָג צו איר טרויעריקן לעבן; און איר זון, וואָס מ׳ד׳האָט אַוועקגענומען אין מלחמה, האָט מיט זיך אַוועקגעטראָגן ס׳רעשטל לעבן אירס. אָן אים געפינט זי קיין אָרט ניט, ניט אין דער היים און ניט אין גאַס.

אין אַזאַ טרויעריקן און זומערדיקן וואַרימען אָוונט, וואַרטנדיק אויף זיין שוועסטער, איז צו אים אַריינגעקומען פּערל דובין. אין אַ דיק, ווייס קלייד, מיט אַ בלויען גאַרטל, דער ראָזער הוט אין האַנט, איז זי יינגליש אַריינגעקומען. ווי צו אַן אַלטן באַקאַנטן, בלויז אים זאָגן העלאָ און באַדאַנקען אין נאָמען פון איר מוטער, וואָס ער האָט געשטעלט אויף די פיס.

— איך גלויב, אַז איר וועט מיט מיר ניט רעדן פון מלחמה היינט ביינאַכט,

— האָט זי אַרויפגעקוקט צו דאָקטאָר לוריאַן. — אגב, וויל איך אייך פרעגן, צי איר האָט דערהאַלטן מיין בריוו וואָס איך האָב אייך געשיקט מיט צוויי וואָכן צוריק.

— אַ בריוו? — האָט דאָקטאָר לוריא זי אָנגעקוקט און געשמייכלט. — ניין, איך האָב אַזאַ בריוו ניט דערהאַלטן.

— איך האָב אים אייך טאַקע ניט געשיקט.

איר פּנים איז געווען באַגייסטערט. זי האָט אָנגעקוקט דאָקטאָר לוריאַן און געוואַרט, וואָס ער וועט אויף דעם זאָגן.

— ניין, כ׳האָב אים אייך טאַקע ניט געשיקט, אַנטשולדיקט. איך האָב געטראַכט, אַז איר אַליין ווייסט זיין אינהאַלט.

— אפשר.

דאָקטאָר לוריא האָט זי אָנגעקוקט ווי פריער, געוואַרט, מיט וואָס נאָך די פּערל דובין קלייבט זיך אים איבערראַשן. ווען ער האָט באַמערקט, אַז זי מאַכט הכנות אַוועקצוגיין, האָט ער זיך אָפּגערופן:

— איילט זיך ניט, מיס דובין. אפשר האָב איך יאָ געטראַכט פון אַזאַ בריוו. פון אייער ערשטן באַזוך דאָ האָב איך געהאַט דעם איינדרוק, אַז איר זייט באַאיינפלוסט פון דער פילאָזאָפיע פון די רוימישע סטאָאיקער. און איצטער...

— ניין, ניין, דאָקטאָר לוריא, — האָט איר שטים לויטער געקלונגען. — דאָס וואָס איך האָב יעמאָלט פאַר אייך ציטירט פון די רוימישע סטאָאיקער, אַז אַ מענטש שפּילט אין זיין לעבן בלויז די ראָלע וואָס דער אומבאַקאַנטער אויטאָר האָט פאַר אים צוגעגרייט, וואָס איך וואָלט עס אָנגערופן פּשוטן צופאַל, מיט דעם האָב איך אייך ניט געהאַט אין זינען. ניין, ניין, דאָקטאָר לוריא, איר זייט עס ניט. ווי זאָגט עמערסאָן אין זיין עסעי וועגן כאַראַקטער: — אויב צווישן צוויי מענטשן עקזיסטירט אַ נשמה־קרובהשאַפט, וועט מען זיך באַגעגענען. געטער האָבן אַנונג איינס פון אַנדערן, זאָגן די אַלטע גריכן. פריינט האָבן אויך איינס פון אַנדערן אַן אַנונג, און אויף אייביק קענען זיי גיך ניט אויסבאַהאַלטן. יעס, דאָקטאָר לוריא, מיט דעם צייכן, וואָס איר האָט געלאָזן אין מיין לייב ווען איך בין נאָך קיין יאָר ניט אַלט געווען, רופט עס אַן פאַקן־צייכנס, האָט איר אין מיר אייער פריינטשאַפט אַריינגעקריצט. פון דעם איז אומבאַוואוסטזיניק אַרויסגעוואַקסן אַ העכערער כוח וואָס לעבט אין אייך, און מיר פעלט ער. יעס, דאָקטאָר לוריא, איר האָט יאָ דערהאַלטן מיין ניט־געשריבענעם בריוו. כאַ־כאַ־כאַ, געטער האָבן איינס פון אַנדערן אַן אַנונג. איך בין געקומען אייך זאָגן, אַז אין ניו־יאָרק, צווישן די מיליאָנען, איז פאַראַנען אַ פּערל דובין. אויב איר וועט זיך וואָלענטירן צו גיין צום מלחמה־פראָנט אַלס דאָקטאָר, וועל איך מיט אייך מיטגיין ווי אַ באַרמהאַרציקע שוועסטער. אַ גוטע נאַכט.

ווען זי איז אַרויס, איז דאָקטאָר לוריא צוגעגאַנגען צום שפּיגל, באַטראַכט זיין פּנים. גאָר דאָס בלוט איז פון פּנים אויסגערונען. די הויט האָט געצוקט. די שוואַרצע אויגן זיינען נאָך שוואַרצער און טיפער געוואָרן.

— ווער איז זי? — האָט ער ביי זיך אַליין געפרעגט, בשעת דאָס האַרץ האָט געררודערט. — ווער איז זי, וואָס איז אַזוי שפּעט אַרויסגעקומען אויף מיין וועג? ווער איז זי, וואָס רעדט מיט פרעמדע, געבאַרגטע ווערטער, פרעמדע געדאַנקען, און מיט אַזאַ אָריגינעלער דרייסטקייט?

אים פּאַרדריסט וואָס זי איז אַזוי שנעל אַרויסגעגאַנגען, כאָטש ס'האַרץ רודערט, וואָס אַ נאָמען פּערל דובין איז אַרויסגעקומען אויף זיין לעבנס־וועג פונקט אין אַזאַ צייט, ווען דאָס גאַנצע געזעלשאַפטלעכע לעבן איז אַרויס אויפן שייד־וועג. פונקט אין אַזאַ צייט, ווען אין דער פרייד פון לעבן איז אַריינגע־טריפט געוואָרן מער ווי אַ טראָפּן גאַל און ביטערניש.

* * *

די געשעענישן אין רוסלאַנד האָבן די בערגערס אויפגעוועקט, צו באַ־טראַכטן דעם אייגענעם מצב און איבערשאַצן דעם ווערט פון דער נייער היים. אַ שטאַרקע אומרואיקייט האָט אַרומגעכאַפּט דעם יינגערן זון. די אומרואיקייט האָט ער איבערגעגעבן דער שוועסטער. מיט אַמעריקעס מלחמה־דערקלערונג צו דייטשלאַנד, דער „קאָנסקריפּשן"־געזעץ — דאָס האָט ביי זיי דעם באָדן אונטער די פיס אַ שאָקל געטאָן, און אַלץ בולטער איז פאַרן געדאַנק אויפגע־גאַנגען די האָפענונג — אומצוקערן זיך צוריק, פון וואַנען „מ'האָט די וואָרצלען אַהער אַריבערגעבראַכט און ניט־געלונגען איינגעפלאַנצט".

אין דער צייט וואָס וועלוול בערגער האָט באַשיינפּערלעך אַרויסגעזען, אַז די איינגעפאַלענע צאַרישע אָרדענונג אין רוסלאַנד וועט אויפדעקן דעם יסוד פאַר אַ נייעם סאָציאַלן איבערבוי, וואוהין ער קען זיך אַזוי גוט אַריינפּאַסן, האָט זיין שוועסטער עמאַ פאַרנומען אַ שטים, וואָס האָט צו איר גערופן און דערציילט, אַז דאָס לעבן איז נאָך ניט פאַרשפּילט; און איר ליבע, וואָס איז מיט עלף יאָר צוריק אויפן ברוק אין בלוט דערטרונקען געוואָרן, שטייט ווידער אויף צום לעבן. איינאיינעם מיט דער באַנייטער רוסלאַנד, וואָס שטייט אויף איר אייגנאַרטיקן תחית־המתים, וועט איר לעבן באַנייט ווערן.

די אויפגעוואַכטע רוסלאַנד האָט גערופן. עמאַ האָט אָנגעשפּיצט אירע חושים. די פאַרגאַנגענע עלף יאָר האָבן פון דאָרטן צו איר אַריבערגעשריגן. זיי זיינען אין מלחמה־פייער געלייטערט געוואָרן און פון יענעם פייער אַרויס־געקומען ניי־געבאָרענע. זיי רופן:

— קום, מיר וואַרטן אויף דיר. דאָ וועסטו אָנהייבן אַלץ פון אָנהייב. אַ האַרץ מוז אַ האַרץ באַגעגענען. ליבע מוז ליבע באַגעגענען און זיך פאַר־געסן — אַזש האַרץ מיט האַרץ זאָל מיט די ערטער זיך פאַרבייטן, און ליבע זאָל אין ליבע זיך אַריינגיסן: צוויי דערוויטערטע קוואַלן זאָלן דעם ערדישן באַריער דורכרייסן און צונויפגיסן זיך אַנטקעגן דער אויפגייענדיקער זון.

אין באָגען־שאָפּ, וואו זי האָט נאָך אַלץ געאַרבעט, איז איר ענג געוואָרן. דאָרטן האָט מען געגייט סאָלדאַטסקע אויסשטאַטונגען. איז עס איר געוואָרן דערווידער. און נאָך מער צוליב דעם, וואָס דער יינגערער באָגען, מייקל באָגען, אַן אַלמן, איז צו איר צוגעגאַנגען, געבעטן, אַז נאָך דער אַרבעט וויל ער זי

זען ביי זיך אין אָפּיס. אין זיין פּנים האָט זי דערקענט דעם אויסדרוק פון נאַרישער בושה. שפּעטער האָט ער זי געבעטן מיטגיין מיט אים ערגעץ אין אַ רעסטאָראַן עסן צוזאַמען.

זי האָט אים צופרידנגעשטעלט און אָנגענומען די איינלאַדונג. ער האָט זיך באַמיט צו זיין שטאַרק אָנשטענדיק, און גערעדט פון דער פאַרשטאָרבענער פרוי, וואָס האָט אַמעריקע שלעכט פאַרשטאַנען און האָט ניט געוואוסט ווי צו לעבן אויף דער וועלט.

— זינט איר אַרבעט ביי מיר אין שאַפּ, קוק איך אויף אייער זייט. פון ערשטן טאָג אָן האָב איך אייך דערקענט. איך האָב אייך פאַרגעשלאָגן אָן אָרט אין אָפּיס... כ׳האָב ניט פאַרשטאַנען, ווי אַזוי אַ מיידל קען אַזאַ זאַך אָוועקמאַכן מיט דער האַנט. לאָמיר זיך אַ ביסל נענטער דערקענען, — האָט ער גענומען און ווי צום ערשטן מאָל באַטראַכט איר האַנט. — אַ שאָד אַזאַ האַנט זאָל טאָן גראָבע אַרבעט. אוודאי, מיט מיר האָט אַ סך מאָל מיסיס זילבערמאַן גערעדט.

— איך פאָר צוריק קיין רוסלאַנד, — האָט זי געענטפערט, ניט קוקנדיק אויף זיין זייט, — ווי נאָר די לאַגע אין דער וועלט וועט קלאָר ווערן.

— צוריק קיין ראַשע, פּכע... וואו איז ראַשע? וואָס איז פון ראַשע געוואָרן? — האָט מייקל באַגען געקוועטשט מיט די פּלייצעס. — כ׳בין ניט דאָרטן פאַרן צאַר, אָבער אין וואָס פאַר אַ האַנט איז ראַשע איצטער? אַ ייד וועט דאָרטן ניט קענען לעבן סיי־ווי. כ׳ווייס, ניט אַלעמען איז גוט אַוועקגעגאַנגען אין אַמעריקע, אָבער איר, אויף אייך וואַרט אַ גוטע צייט.

ווען ער האָט איר אָנגעהויבן צו מאָלן, וואָס ער וואָלט געקענט פאַר איר טאָן; און אַז ער וויל גאָרניט, זי זאָל קומען אין שאַפּ אַרבעטן, באשר אירע ווייזדשעס וועט מען זען, זי זאָל אין צייט קריגן, האָט זי אַראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ, געקוקט אויף אירע שמאָלע, בלייכע הענט, און אַ גרויס רחמנות־געפיל האָט זי אַרומגעכאַפּט.

ער האָט זי נאָך שפּעטער געפירט זען אַ „שאָו" אויף בראָדוויי, געהאַלטן איר האַנט און אָן וווערטער געוואָלט איר איבערגעבן, וואָס פאַר אַ שיין לעבן ער וועט פאַר איר „איינפּיקסן" ווען זי וועט נאָר פאַרשטיין ווי צו לעבן; און ניט ווי זיין ווייב, וואָס האָט אַמעריקע ניט פאַרשטאַנען.

אַהיים קומענדיק האָט עמאַן אויסגעוויזן, ווי זי איז די גאַנצע עלף יאָר געווען אין אַ טיפער, פינצטערער און פייכטער גרוב, וואו איר לעבן איז איינגעשרומפּן געוואָרן. אַ זשאַווער האָט זיך אָנגעלייגט אויף די גלידער און זיי שווער געמאַכט.

— מסתמא בין איך ניט די איינציקע וואָס פילט דאָ אַזוי, — האָט זי געטראַכט. אַלץ קלערער ווערט איר, אַז איר זיין אין אַמעריקע איז געווען בלויז צייטווייליק: ביז צו דער צייט ווען איר אַלטע היים וועט אויסגעראַמט ווערן, מ׳וועט אויסקערן די שלעכטס וואָס האָט איר לעבן פאַרוואונדיקט.

— ס׳איז נאָר אָן אָנהויב, עמאַ, — איז איר ברודערס מונטערקייט געקומען אין צייט. — דערביי וועט עס ניט בלייבן. דאָרטן וועט מען אָנהייבן איינפירן סאָציאַליזם. וועסט נאָך זען, רוסלאַנד וועט זיך אָפּרייסן פון די פאַרבינדעטע און שליסן אָן אייגענעם שלום. וועסט זען, עמאַ.

— צי קען אַן אויסגעלאַשענער פרילינג אין מענטשנס לעבן צוריק זיך אָנצינדן, באַנייען די אויפרעגונג, וואָס טרייבט אויף הפקרדיקע וועגן?

ווען די אָקטאָבער־רעוואָלוציע האָט אויסגעבראָכן און ס'איז קלאָר געוואָרן, אַז איינגעפאַלן איז די אַלטע רוסלאַנד, און יונגע כוחות טראָגן פון אַלטן פונדאַמענט אַראָפּ די חורבות אינאיינעם מיט געזעלשאַפטלעכע באַגריפן וועגן שטאָט און געזעלשאַפטלעכער אָרדנונג; ווען ס'איז קלאָר געוואָרן, אַז יידן זיינען שטאַרק פאַרטראָטן אין די רייען פון די רעוואָלוציאָנערן; יידן שטורעמען די איבערבלייבעכצן פון רעאַקציע און פינצטערניש — האָט מען ביי די בערגערס פריי געלאָזן די פאַרפייניקטע פרייד, וואָס האָט נאָך געטליעט אין די ביינער. עס זיינען די מערלינס געקומען. ראָוז מערלין האָט פון איר פידל אַרויסגעריסן רוסישע טענץ; מיט פידל און סמיק זיך אַוועקגעלאָזן אין אַ קאַזאַצקע.

— טאַנץ אויף די חורבות פון אַן אַלטער וועלט! — האָט וועלוול בערגער זיך אַוועקגעלאָזן אין אַ קאַזאַצקע אַנטקעגן זיין שוועסטער. — קום, עמאַ, פאַרגעס וואָס געווען; געדענק וואָס עס וועט זיין. ס'וועט זיין גוט, עמאַ... רוסלאַנד איז אונדזערס. מיר, יידן, האָבן אין דעם אַ גרויסן חלק. וועסט זען, יידן וועלן פון אַמעריקע זיך לאָזן אויף צוריק. טאַנץ, עמאַ, דער רוח זאָל עס נעמען!

— צו פרי אַ ביסל. משיח איז נאָך ניט געקומען, — האָט שלמה מעלצער, וואָס איז געזעסן אַן אומעטיקער, נאָכגעקוקט דער פידל־שפּילערן וואָס איז גאָר פון די כלים אַרויס. — דער רוסישער בער וועט זיך אַריבערקערן אויף דער אַנדערער זייט און ווידער כראָפּען, ווי ס'פּאַסט פאַרן רוסישן בער.

— דו בעסער שלאָג זיך אַרויס דיין ארץ ישראל פון קאָפּ, — האָט אים וועלוול בערגער צוגעוואָרפן. — דאָרטן וואו מ'האָט אַמאָל געמאַכט פּאָגראָמען אויף יידן, דאָרטן ווערט ארץ ישראל!

— משיח איז נאָך ניט געקומען, — איז מעלצער באַשטאַנען אויף זיינס, — אָבער ווער ס'וויל זיך פרייען און טאַנצן אויף יענעמס חורבן, מעג ער.

— וואָס איז חרוב געוואָרן? אַ דיכטער דאַרף אַ ביסל בעסער באַנעמען, וואָס איצטער קומט פאָר אויף דער וועלט.

— אַ מלחמה קומט פאָר.

— אַ מלחמה און אַ רעוואָלוציע. די מלחמה האָט די רעוואָלוציע געבאָרן.

— אַ פאַלשע און בלוטיקע מאַמע.

— זאָל זיין אַזוי. אפילו אַ ממזר־רעוואָלוציע איז מיר אויך טייער. די ראָמאַנאָװס אַוועקגעפּאַטערט. די אַלטע, פאַרשימלטע אָרדענונג אַראָפּגעווישט.

— און פרייהייט האָט מען דערווייל דורכגעשטאָכן מיט אַ פאַרזשאַווערטן באַיאָנעט.

— פרייהייט דערשטעכט מען ניט. פרייהייט איז הייליק.

— דאָרטן שיסט מען. דאָרטן פאַרפּאַקט מען אין די טורמעס.

— וועמען?

— מענטשן. וואָס איז דער חילוק?

— אַ גרויסער חילוק. ווי ס'איז אַ חילוק, צי אין טורמע זעצט מען אַריין אַן אַרבעטער, צי אַן עקספּלואַטאַטאָר.

— אין דעם מאָמענט, ווען דער עקספּלואַטאַטאָר זיצט אין טורמע, איז ער אַ מענטש, און דער וואָס האָט אים אַריינגעזעצט איז אַ ברוט.

— כאַ־כאַ־כאַ, — האָט וועלוול בערגער סאַרקאַסטיש געלאַכט, — וואָס וועט אייער משיח טאָן? ווי אַזוי וועט ער אויסלייזן די מענטשהייט? וועט ער פון די רשעים מאַכן צדיקים בלויז מיט אַ פינטל פון זיין אויג? האַ, וואָס זאָגט איר, און וואָס זאָגן די אַנדערע דיכטער? איך ראָט אייך, פאָרט מיט אונדז צוריק.

— ניין, משיח איז נאָך ניט געקומען, — האָט מעלצער סאַרקאַסטיש גע־שמייכלט. — יידן האָבן נאָך די פולע מאָס ביטערניש ניט אויסגעטרונקען.

— און אויב רוסלאַנד וועט ווערן דאָס וואָס מיין ברודער זאָגט? — איז עמאַ צוגעגאַנגען און געווישט דעם שווייס פון מעלצערס שטערן.

— אַז עמאַ בערגער לייגט אַרויף איר האַנט אויף מיין שטערן, איז דאָ ארץ ישראל. שלאָגט זיך אַרויס פון קאָפּ רוסלאַנד, — האָט מעלצער גענומען עמאַס הענט און זיי געקושט. — דערווייל איז נאָך מלחמה. אויב אַמעריקע איז אַריין אין קריג, איז עס דער סאַמע אָנהויב. אויב אַמעריקע איז אַוועק איבער ימען, העלפן פאַרגיסן בלוט פון דער משוגע געוואָרענער אייראָפּע, איז עס אַ באַווייז, אַז די מלחמה הייבט זיך נאָך איצטער אָן. אויב איר ווילט טאַנצן צו פאַרטופען אין זיך דעם טרויער, בין איך מסכים. מיר איז אויך טרויעריק. שפּיל, ראָוז, כ׳וויל מיט עמאַן טאַנצן!

מעלצער האָט אַ כאַפּ געטאָן עמאַן און זי מיטגעצויגן אין אַן אומגעלומ־פּערטן הפקר־טאַנץ. די פידל־שפּילערן האָט זיך געוואָלט צופּאַסן צו זייער טאַנץ, אָבער ס׳איז אַרויסגעקומען אַ פּלאָנטער. עמאַ און מעלצער האָבן גע־טאַנצט נאָך דעם טאַקט און ריטם פון אייגענעם בלוט, וואָס איז פון אַן אומ־באַגרייפלעכן כוח געוועקט געוואָרן. די שפּילערן האָט אויף די סטרונעס איבערגעריסן קלאַנגען פון באַך און מאָצאַרט און זיי אויסגעמישט מיט קלאַנגען פון ציגיינער־טענץ, ביז זי אַליין איז אַריינגעפאַלן אין אַ היסטערישן געלעכטער.

עמאַ איז יענע נאַכט וואַך געווען. דער קאָפּ האָט איר ווי געטאָן און זי איז אויף מאָרגן צו דער אַרבעט ניט געגאַנגען. ווען שלמה מעלצער איז זי געקומען אין דער פרי אַרויסנעמען אויף אַ שפּאַציר, האָט זי אַ מידע און אויסגעשעפּטע, אין דער שטיל אים געדאַנקט און געוואַרט, וואָס ער וועט איר זאָגן.

— איך בין געקומען אייך זאָגן, איר זאָלט זיך אַרויסשלאָגן פון קאָפּ רוסלאַנד.

— יעס, מעלצער... — האָט זי אים אַ צעשטרייטע אָנגעקוקט און אירע אויגן האָבן טרוקן געגליט. — איך הער וואָס איר זאָגט. איך זאָל ניט פאָרן צוריק. איר מיינט, אַז אַ מענטש דאַרף בכלל ניט פאָרן צוריק, יאָ, מעלצער?

— ניט דאָס האָב איך געמיינט.

— איך ווייס וואָס איר מיינט, מעלצער. כ׳זאָל וואַרטן ביז די ריכטיקע שעה וועט שלאָגן. אָבער די שעה האָט שוין געשלאָגן, און שלאָגט נאָך אַלץ. אַמאָל דאָ און אַמאָל דאָרטן. אַמאָל שלאָגט עס פון ווייט, און אַמאָל פון גאָר נאָענט. איך האָב זיך נעכטן ביינאַכט ניט גוט אויפגעפירט, כ׳ווייס. דעריבער בין איך היינט גאָרניט אין מיינע אייגענע הענט. ס׳האַרץ קלאַפּט מיר אַזוי שטאַרק, איר הערט?

זי האָט געגומען זיין האַנט, געהאַלטן ביים האַרצן, געקוקט אים אין די אויגן און געטראַכט פון איר שוועסטערקינד, די פידל־שפּילערן. אויך דאָס איז געווען אַ טראָפּן ביטערניש וואָס איז אין איר לעבן אַריינגעפאַלן. עמאַ פאַרשטייט, אַז שלמה מעלצער זוכט אַן אָנלען ווי גיכער זיך אָפּצוריַיסן פון איר שוועסטערקינד, וואָס האָט אים מיט איר יוגנט פאַרפירט אין אַ גרויסן ווינקל אַריין. און שווער איז עמאַן צו זיין דער אָנלען פאַר אַ מענטשן וואָס האָט געבלאָנדזשעט. איר האָט פאַרדראָסן, וואָס זי האָט זיך אַוועקגעלאָזן טאַנצן מיט מעלצערן. דער פידל־שפּילערנס היסטערישער געלעכטער קלינגט איר אין די אויערן.

— וואָס טראַכט איר, עמאַ?

— איר זייט אַ קלוגער. איר דאַרפט אַליין זיך אָנשלאָגן.

— איך וויל ניט טרעפן. כ׳פאַרלאַנג פון אייך דערוויל ניט מער ווי איין זאַך, איר זאָלט אייער ברודער לאָזן אַליין פאָרן קיין רוסלאַנד, און איר בלייבט דאָ.

— עס דאַרף זיין דער אינהאַלט, וואָס זאָל מיר אַמעריקע ווידער מאַכן ליב.

— איך האָב אייער שוועסטערקינד קיינמאָל ניט ליב געהאַט.

— מיר פאַרדריסט, וואָס איך האָב איר נעכטן אַזויפיל ווייטיק צוגעדינט. צוליב איר בין איך אַ גאַנצע נאַכט ניט געשלאָפן.

זי האָט אַריינגעכאַפּט זיין קאָפּ אין אירע אָרעמס, און גאָר דער פייער, וואָס האָט געגליט אין איר בלוט, אויסגעלערט אויף זיין קאָפּ.

מיט אַ צייט שפּעטער, גייענדיק פון דער אַרבעט, איז עמאַן אומגעריכט אַנגעקומען אַנטקעגן דניאל לוריאַס פרוי, ליליען־רות. ביידע האָבן זיך מיט דעם צופאַל דערפריים. ליליען האָט ווי אַ בלוט־אייגענע אַרומגעכאַפּט עמאַן, געבעטן, אַז אָנשטאָט אַהיים, זאָל זי מיטקומען און ביי איר עסן און פאַרברענגען דעם אָוונט.

— יעס, מיין טייערע, וועסט עס מיר ניט אָפּזאָגן. אַזוי אייגן און נאָענט ביסטו מיר, און אַזוי זעלטן זע איך דיך.

אין דער גרטע איז געווען אַ פאַרבאָרגענער חן, וואָס האָט געווירקט. איר דירעקטקייט און נאַטירלעכער אויפבראויז איז געפעלן געווען סיי מענער און סיי פרויען. עמאַ איז צופרידן געווען פון דער באַגעגעניש, כאָטש זי האָט אַליין ניט געוואוסט אויף קלאָר, ווי אַזוי זי וועט זיך איצטער שפּירן אין דער לוריא־הויז.

אין שטוב האָט זי געשפּירט אַ געוויסע פרעמדקייט צו זיך מצד די קינדער. איר האָט אויסגעוויזן, די קינדער ווינקען זיך דורך אויף איר חשבון. דניאל לוריא איז אויך ניט געווען גוט אויפגעלייגט. אַ שווערע שטימונג האָט גע־הערשט אין שטוב. אויף עמאַן האָט געמאַכט אַן איינדרוק, אַז אין שטוב האָט מען זיך געקריגט. די גאַנצע צייט פון מאָלצייט האָט מען זייער ווינציק גערעדט. עמאַן האָט געחידושט, צוליב וואָס די גרטע האָט זי פאַרבעטן צו זיך, ווען אין שטוב איז ניטאָ קיין וואַרימקייט צו איר.

דניאל לוריא האָט גאָר אומגעריכט אַ פרעג געטאָן:

— זעט איר זיך אָפּטער מיט מיין ברודער, כ׳מיין זכריהן?

אַלע אַנווּעזנדע האָבן דערשפּירט ווי דאָס בלוט האָט אַ שלאָג געטאָן אין פּנים. עמאַ האָט באַגריפן, פאַרוואָס מיט איר אַריינקומען איז דאָס לעבן פאַרגליווערט געוואָרן אין שטוב. זי האָט באַשטימט צו זיין אָפנהאַרציק, און אויב ס׳וועט אויסקומען צו רעדן וועגן דאָקטאָר לוריאַן, וועגן זיך, וועט זי.

— ניין, אייער ברודער האָב איך שוין לאַנג ניט געזען, — האָט זי געענטפערט און געקוקט צו דער גרטע, וואָס פאַר אַן איינדרוק ס׳מאַכט אויף איר.

— כ׳וועל אים אָנטעלעפאָנירן, ער זאָל אַהער אַריבערקומען, — האָט ליליען־רות געשמייכלט. — ווילסט אים זען?

— איך האָב שטענדיק פאַרגעניגן, ווען איך קען מיט אים רעדן און פאַרברענגען.

— טאָ פאַרוואָס זעט איר זיך אַזוי זעלטן? — האָט דניאל ניט נאָכגעגעבן.

— אַ פּרוי לויפט ניט נאָך דעם מאַן, אויב ער קערט זיך פון איר אָפּ. בפרט מיר, וואָס זיינען נאָך גאָר נאָענט ניט געווען.

— אַ קאָמישער מענטש, מיין ברודער. כ׳וויל אים אַמאָל פאַרשטיין. ער איז אָפּגעראָטן פון אונדז אַלעמען.

— באַדער ניט דיין ברודער, — האָט ליליען־רות זיך אָפּגערופן. — אַלע זייט איר קאָמישע מענטשן; נאָר יעדערער איז קאָמיש אויף זיין אופן. ווי לאַנג קענט איר זיך שוין, מער ווי צען יאָר אוודאי! אַנשטאָט צו האָבן ביז איצטער אַ דריי קינדער, קלערט איר נאָך, צי איר פּאַסט זיך איינער פאַרן אַנדערן. נאָר איך מיין איצטער דורכאויס אים, — איז ליליען־רות אַריבערגעגאַנגען צו עמאַן און אַרומגענומען איר קאָפּ. — דו געפעלסט מיר מיט דיין האַלטונג. אַז אַ פרוי ווערט אַן איר ווערדע, איז אַלץ פאַרפאַלן. און אַז אַ מאַן איז אַן עקשן, איז נאָך ערגער.

נאָכן עסן האָט ליליען פאַרנומען צו זיך אין שלאָפצימער עמאַן, האָט זיך מיט איר אַנידערגעלייגט אויפן בעט און זי געצויגן צו זיך.

— כ׳האָב געהערט, אַז דו אַנטלויפסט פון אַמעריקע. טו עס ניט, טייערע. כ׳ווייס, וואָס ס׳איז נויטיק, ווען מ׳וויל צוויי שטיקער קאַלט אייזן צענויפשמעלצן און מאַכן איינס. שטאַרקער פייער איז נויטיק. יעס, מיין טייערע. איר זייט ביידע קאַלטע נאַטורן. איר חשבונט ביידע, צי ס׳לוינט, צי ניט. דו ביסט שיין. ביסט יונג. יעס, ביסט יינגער, ווי דו מיינסט. האָסט נאָך אפילו דיין פייער ניט אָנגערירט. דיין גאַנץ לעבן איז נאָך פאַרוויקלט, ווי דער זייד־וואָרים אין זייד, איידער ס׳קומט אַרויס אַ שמעטערלינג. איר קענט ביידע זיין גליקלעך ווען אַ פאַרבאַרגענער פייער קומט און שמעלצט אייך ביידן אינאיינעם. ס׳איז טאַקע אמת, אַז דו ווילסט אַוועק צוריק קיין רוסלאַנד?

עמאַ האָט זיך געטוליעט צו דער גרטעס פולן און וואַרימען גוף. האָט געשפּירט איר אויפריכטיקייט. איר איז באַקאַנט געווען, אויף וואָס פאַר אַן אופן זי האָט זיך באַגעגנט מיט דניאלן; וואָס פאַר אַ פייער ס׳האָט זיי ביידן צונויפגעשמאָלצן. אָבער דאָס, וואָס האָט פאַר דער גרטע אויסגעזען אַזוי אומנאַטירלעך, איז פאַר עמאַן געווען פשוט און קלאָר.

— אוודאי ביסטו גערעכט. נאָר שטאַרקער פייער קען צושמעלצן צוויי קאַלטע שטיקער אייזן. אָבער מענטשן זיינען ניט קיין שטיקער אייזן. מענטשן דאַרפן האָבן אייגענעם, אינערלעכן פייער. זיי דאָס אייזן, זיי דאָס פייער, און זיי — די שמידן. כ׳ווייס, ער האָט אַ גוטע מיינונג וועגן אַ מיידל וואָס הייסט

עמאַ בערגער. ס׳איז אָבער ניט גענוג. ער דאַרף האָבן אַזאַ ווי דו, וואָס זאָל אים פאַרגוואַלטיקן מיט איר הייסער ליבע, ווי דו האָסט עס געטאָן מיט זיין ברודער. יעס, איך ווייס אַלץ, איך ווייס.

— אין וואָס איז געווענדט, מיין טייערע ?

— מיר ד׳האָבן זיך באַגעגנט ביי גאַנץ אַנדערע אומשטאַנדן. דיך האָט דניאל באַגעגנט ביי וועש וואַשן. ס׳איז קיין צייט ניט געווען צו טראַכטן. דו האָסט געהאַט אַ מאַן, וואָס איז דיר געווען דערווידער. ס׳איז קיין צייט ניט געווען צו טראַכטן. דער נאַסער דיל איז געווען די האַרנע און די קאַוואַדלע, וואו אייער אייגענער פייער האָט אייך צעשמאָלצן און צונויפגעגאָסן. אָבער מיר ? ער האָט מיך באַגעגנט, ווען איך בין געווען אַ האַלב־טויטער מענטש. די פּאָגראָמען האָבן מיך גייסטיק און פיזיש פאַרוואונדיקט. בין געווען הויט־און־ביין מיט אַן אַנגעצונדענעם מוח. ס׳לעבן איז מיר מיאוס געווען. ער האָט מיך באַרואיקט, געגעבן צו פאַרשטיין, אַז עס לוינט נאָך אַ פּרואוו צו טאָן אין לעבן. מיר דוכט זיך אויס, אַז זיין באַגעגעניש מיט מיר איז געווען פאַר אים אַן אומגליק. אין מיר האָט ער אַרויסגעזען דעם אַנהויב אויך פאַר זיך, און ער האָט געמאַכט אַ טעות.

— לעבסט אין אָרימקייט. דאָס האָט דיך דערשלאָגן.

— דו האָסט געלעבט אין גרעסערער אָרימקייט.

— כ׳וועל אייך צונויפברענגען. איך וועל זיין דאָס פייער, עמאַ...

עמאַ האָט געשוויגן. דער גרטעס אויפריכטיקייט האָט זי דערוואַרימט. איר איז איצטער נענטער געווען די אויסגעפּרואווטע ליליען־רות, וואָס שטאַמט אָפּ פון אידישע עלטערן, ווי דער מאַן, פון וועמעס נאָענטקייט די גרטע האָט גערעדט. איינס האָט זי מיט זיכערקייט געאַנט, טוליענדיק זיך צו דער מוטער־און־פרוי, וואָס הייסט ליליען־רות, — אַז זי אַליין איז אַראָפּגעטראָגן געוואָרן פון לעבנס־וועג, וואו ס׳ווירקן די פייערן וואָס ליליען־רות האָט אַזוי קלוג פאַר איר געמאָלן. און אויך גערעכט איז ליליען ווען זי גלויבט, אַז איר, עמאַס פייער, איז פאַרשלאָסן אונטער זיבן שלעסער. עס דאַרף נאָך קומען דער מאַן, וואָס זאָל די שלעסער אויפרייסן און דעם פייער פריי לאָזן.

— זאָג מיר צו, טייערע, — האָט ליליען געגלעט עמאַס פּלייצע, — זאָג מיר צו, אַז דו וועסט ניט פאָרן צוריק קיין רוסלאַנד.

עמאַ האָט אויף דעם ניט געענטפערט.

קאַפּיטל פיר און דרייסיק

די שיפן, וואָס האָבן געפירט די אַמעריקאַנער „באָיעס" צום שלאַכט־פעלד אין דער אַלטער וועלט, כדי „צוצוגרייטן די וועלט פאַר דעמאָקראַטיע", זיינען אויף קריק ניט געקומען מיט ליידיקן: פאַרקריפּלטע און מיט לונגען פון גיפטיקע גאַזן פאַראַליזירטע פאַלקס־העלדן, האָבן די שיפן געבראַכט צוריק אַהיים. זאָל ס'פאָלק זיינע העלדן דערקענען און אויפנעמען.

דאָס פאָלק האָט זיי יאָ דערקענט, און ניט דערקענט. זייער העלדישקייט איז אויפן היימישן לעבן ניט קענטיק געווען. פאַרקערט, זינט אַמעריקע איז אַריין אין קריג, פעלן אין לעבן אַזעלכע וויכטיקע זאַכן ווי שנאַפּס און צוקער. שנאַפּס האָט מען פאַרבאָטן צו פאַבריצירן און באַנוצן, סיידן פאַר מעדיצינישע צוועקן וועגן; און צוקער... צוקער איז אויסגערונען. געבליבן אויפן שפּיץ לעפעלע. איז דאָס לעבן געוואָרן ניט „שטאַרק", און ניט „זיס".

היימען, וואָס האָבן געהאט העלדן אויפן שלאַכט־פעלד, און היימען, וואָס האָבן שוין פאַרקריפּלטע העלדן געקראָגן אַ מתנה אויף צוריק, אָדער וואָס האָבן פרישע קרבנות געדאַרפט אַרויסשיקן, כאָטש אין ברידער־קברים ביים פראַנצויזישן פראָנט האָבן שוין זייערע רעשטלעך גערוט, אין יענע היימען האָט דאָס לעבן מיט אַש אויפן קאָפּ זיך געזעצט שבעה. דאָס זיינען געווען היימען, וואָס צוקער און שנאַפּס האָבן ניט געקענט פאַרזיסן און אויסלייטערן די ביטערע רגע.

צווישן די ערשטע העלדן וואָס זיינען געפאַלן אויפן פראַנצויזישן פראָנט איז געווען איזראַעל סטאָן — קעראָלאַינס און לעאָנאַרד סטאָנס זון — אַ נאָמען נאָך ישראל לוריאן, וועמעס געביין ס'האָט שוין זיין תקומה געהאט אויף ברוקלינער בית־עולם. איזראַעל סטאָן איז געווען אויפן צעטל פון די ערשטע העלדן, וואָס זיינען ביי ווערדון געפאַלן. די ידיעה האָט לעאָנאַרד סטאָן דערהאַלטן און עס אויסבאַהאַלטן פון קעראָלאַין. ער האָט געוואָרפן זיינע ביזנעס, געקומען צו לויפן צו דאָקטאָר לוריאן, אים איבערגעבן די מעלדונג פון זיין זונס טויט און אָוועקגעפאַלן ווי אַ צעבראָכענער שאַרבן. אָן ווערטער אויסצודריקן זיין אומגליק; אָן טרערן צו פאַרגרינגערן דעם ווייטיק איז ער אָוועקגעפאַלן.

דאָקטאָר לוריא האָט געהאַלטן דאָס שטיקל פּאַפּיר, געקוקט אויף די אותיות, אויף דעם נאָמען איזראַעל סטאָן, און ניט געוואוסט ווי אַזוי צו רעאַגירן אויף דעם. ער האָט זיין שוואָגער נאָך קיינמאָל אין אַזאַ מצב ניט געטראָפן.

— דאָס זיינען די ערשטע וואונדן, וואָס די פרייע און פרידלעכע אַמעריקע האָט געקראָגן, און דער ערשטער אָדרויף וואָס אונדזערע יידן צאָלן איין פאַר דער פּריווילעגיע צו הייסן בירגער פון אַ פריי און פרידלעך לאַנד.

ער האָט באַטראַכט די איינגעקאַרטשעטע פיגור פון זיין שוואָגער דעם מיליאָנער, וואָס איז, אין געיעג פון געלט מאַכן, אויסגעטריקנט געוואָרן — כאָטש ער איז קיינמאָל ניט געווען קיין מענטש פון גייסט. דאָקטאָר לוריא קוקט אויף דער אויסגעקרימטער פלייצע פון זיין שוואָגער, וואָס האָט אַמאָל, גאָר אַמאָל געהייסן מיסטער חלפן, און געווען זיינער אַ באָס אין אַ שאָפּ אויף לודלאָוו סטריט. „אַלץ האָט דער דאָזיקער מענטש געטאָן, כדי וואָס פריער אַריינשפרינגען אין דער אַמעריקאַנערווירקלעכקייט. וואָס וועט דער דאָזיקער מענטש לערנען פון זיין אומגליק? אויסגעטריקנט איז דער דאָזיקער מענטש געוואָרן אין זיין שטרעבן נאָך עשירות; אפילו דאָס ביסל נאַרישע טרערן, וואָס ער האָט אַמאָל פאַרמאָגט, ווען ער איז נאָכגעגאַנגען קריינדלען און גע־בעטלט איר ליבע, איז אים אויך אויסגעטריקנט געוואָרן".

לעאָנאַרד סטאָן האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ, געבליבן אָנגעשפּאַרט אויפן עלנבויגן, מיט טרוקענע, רויט־געזוימטע אויגן אַפּיר געקוקט צו דאָקטאָר לוריאן, און מיט אַ פאַרשטיקטער שטים געפרעגט:

— צוליב וועמען רייס איך אין די וועלט, זכריה? אַלץ אין מיר איז פּאַראַליזירט. זאָג מיר, וואָס זאָל איך איצטער טאָן?

דאָקטאָר לוריא האָט פון אים די אויגן ניט אַראָפּגענומען. ער האָט געוואָלט דערמאָנען דער שוועסטערס נאָמען, פרעגן, צי זי ווייס שוין אויך פון דער שרעקלעכער בשורה. קוקנדיק אויף לעאָנאַרדן האָט ער ניט געקענט עפענען ס'מויל.

— ווען מ'קומט און מען זאָגט מיר, אַז דאָס איז געווען אַ טעות, אַז מיין קינד לעבט, וואָלט איך אַלץ אַוועקגעגעבן. אין איין העמד וואָלט איך גע־בליבן, אַבי איך זאָל מיין קינד אַ לעבעדיקן זען. וואָס שווייגסטו, זכריה? איך בין געלאָפן צו דיר, זאָלסט מיר...

מער האָט ער ניט געקענט רעדן. ער איז ווידער אַוועקגעפאַלן אויף דער סאָפע, געפּראַוועט ווייגען אויפן הויכן קול, און ס'איז אים ניט געלונגען.

דאָקטאָר לוריא האָט אים געבראַכט אַ גלאָז קאַלטע וואַסער.

— טרינק, לעאָנאַרד. באַרואיק זיך. ס'איז ניט דיין אומגליק אַליין.

— וואָס מיינסטו מיט דעם? — האָט לעאָנאַרד זיך אַנידערגעזעצט און גענומען ס'וואַסער פון זיין שוואָגער. — מיינסט קעראָלאַין?

— טרינק, לעאָנאַרד. ס'איז ניט נאָר דיין פּערזענלעכע טראַגעדיע. ס'איז אפשר די טראַגעדיע פון יעדן אָרנטלעכן מענטשן, וואָס מאַכט פון דער מלחמה ניט קיין פּראָפיטן. ס'איז די טראַגעדיע פון די אמתע אידעאַליסטן, וואָס האָבן אין אַמעריקע געפונען דעם פרייען און פרידלעכן גייסט; וואָס האָבן אין אַמעריקע געזען דעם מוסטער פון קלאָרן און פשוט פאַרשטאַנד. ס'איז אַ טראַגעדיע און ווילדע משוגעת, וואָס אַמעריקע שיקט איר יוגנט צום פראַנצויזישן שלאַכט־פעלד, מ'זאָל זיי אויף אַזאַ ברוטאַלן אופן אומברענגען.

— איצטער פאַרשטיי איך עס, זכריה. איצטער ווערט מיר קלאָר, וואָס דו האָסט געזאָגט. כ'וויל זיך זעצן שבעה; ווי אַזוי זאָל איך עס טאָן, קעראָ־לאַין זאָל ניט וויסן. האָ, קענסט מיר אפשר געבן אַן עצה?

— זיץ ניט קיין שבעה.

— קיין קדיש אויך ניט זאָגן?

— דאָס קענסטו דאָך באַווייזן.

— כ׳וואָלט מיר געלאָזט קאָסטן אַ פּאָרטשן, ווען מ׳קען ברענגען זיינע ביינער אַהער... וואָס שמייכלסטו, זכריה, כ׳רעד נאַרישקייטן?

— נעם זיך אין די הענט. קער זיך אום צו דיין נאָרמאַל לעבן. וועסטו וועלן ווערן אַ גוטער מאַן צו דיין ווייב, מאַך אַ מונטער פּנים. זאָל זי ניט זיין פון די ערשטע צו באַגעגענען ס׳אומגליק. ווען זי וועט זיך אָנזען געננוג מיט קריפּלס, וואָס קומען אָן, וועט זי זיין צופרידן וואָס איר זון איז געווען פון די ערשטע אומצוקומען. יעס, לעאָנאַרד, גיי, קער זיך אום צו דיינע ביזנעס; איך וועל גיין מאַכן עטלעכע וויזיטן. כ׳מוז איצטער גיין אין שפּיטאָל, וואו מיינע אַ פּאַציענטקע געפינט זיך אין אַ קריטישן מצב.

דעם אייגענעם אָוונט איז ביי דניאל לוריאן געווען אַ געהויבענער יום־טוב לכבוד דער באַלפור־דעקלאַראַציע. די ענגלישע רעגירונג האָט דורך לאָרד באַלפור אויפן נאָמען פון לאָרד ראָטשילד אַרויסגעגעבן אַ דער־קלערונג, אַז ארץ ישראל, ווען עס וועט באַפרייט ווערן אינגאַנצן, זאָל מען דאָרט העלפן די יידן אויפבויען זייער נאַציאָנאַלע היים. פּאַלעסטינע דאַרף ווערן נאָך אַ מאָל ארץ ישראל. ס׳איז געקומען פאַר יידן פּונקט ווי דער כורש־רוף אין די בבל־צייטן. די מלחמה־וואָלקנס האָט אַ לויטערער בליץ דורכגעשניטן, איבערגעלאָזן אין די יידיש־נאַציאָנאַלע קרייזן אַ שטראַל ליכטי־קייט; און אין דער אייגענער צייט באַשאַפן אַ געפיל פון אומרו און אומגע־דולד. אין די ציוניסטישע, פאַרחלשטע קרייזן האָט אַ הייסער שטראָם לעבן אַ שלאָג געטאָן, פאַרכאַפּט נאַציאָנאַלע שיכטן, וואָס האָבן אין צייט פון אינטערנאַציאָנאַלן חורבן אויסגעקוקט אַ שטיקל גאולה פאַר יידן.

צווישן די געשעפטסלייט וואָס דניאל לוריא האָט איינגעלאַדן, איז אויך געווען משפּחה. אפילו בייטן לוריא האָט אויך אָנגענומען די איינלאַדונג און געקומען. דניאל לוריא האָט אים גוטמוטיק געבעטן, ער זאָל זיך איינ־הערן וואָס מענטשן האָבן צו זאָגן; היינט זאָל ער זיין קעגנערשאַפט צום ציוניסטישן געדאַנק ניט אַרויסווייזן.

דאָקטאָר לוריא, וואָס איז בייטאָג אַוועק צו דער שוועסטער, באַוואָרענען, זי זאָל זיך ניט דערוויסן צו־פרי פון דעם אומגליק, איז אינאיינעם מיט די סטאַנס אָנגעקומען.

אויפן וועג האָט לעאָנאַרד מיט אַן אונטערטעניקער שטים געפרעגט:

— דו מיינסט, זכריה, פאַר מיר וועט אין פּאַלעסטינע זיך געפינען פּלאַץ?

— פאַר דיר, ווי פאַר דיר; דיין געלט וועט דאָרטן געוויס צונוץ קומען.

— פאַרוואָס? האַלסט מיך פאַר אַזאַ קאַריעריסט?

— דאָס ניט, לעאָנאַרד. אויף צו זיין אַן איבערגעגעבענער ציוניסט, דאַרף מען זיין אַ נאַציאָנאַלער ייד. די יידן וואָס באַטראַכטן יעדן ווינקל אויף דער וועלט פאַר זייער היים, טראַכטן ווינציק פון אַ נאַציאָנאַלער קאַריערע.

דאָס איז געווען צו הויך פאַר לעאָנאַרדן. קעראָלאַין האָט זיך אין שמועס ניט באַטייליקט. לעאָנאַרדס דערשלאָגנקייט איז איר געווען פאַרשטענדלעך. זי איז געווען צופרידן, וואָס איר מאַן פרעגט זיך נאָך ביי איר ברודער וועגן ארץ ישראל.

— אוודאי, לעאנארד, וועט זיין שיין, אז דו וועסט זיך לאזן קאסטן ווי ס׳פאסט פאר דיר. דניאל וועט דיר זאגן, וויפיל דו זאלסט געבן.

ליליען־רות איז געווען צעטומלט. דער ענין באלפור־דעקלאראציע איז געווען אויסער אירע באגריפן. פון איר מאנס אויגן און פון די אויגן פון איר מאנס פריינט האט זי ארויסגעלעזן, אז א גרויס געשעעניש איז פאר־לאפן אויף דער וועלט מיט יידן. דער יידישער נאמען איז דערהויבן געווארן. און זי, וואס האט זיך אנגעקניפט אן יידישן פאלק, איז גאר אויסער איר אייגענעם פלאץ. ווען איר ייגגערער זון, דזשייקאב האט זי אויפגעהויבן אויפן אקסל, אומגעטראגן איבער אלע צימערן און פארגעשטעלט ווי אזוי ער וועט זי טראגן קיין ארץ ישראל ווען די ריכטיקע שעה וועט שלאגן — האבן איר די טרערן א ברי געטאן אין די אויגן און זי האט זיך דערשפירט, ווי מ׳האט זי אפגעריסן פון א פארווארצלטן באדן. א כוח טראגט זי וויט איבער ימען און וועק. פארטראגט זי אין לאנד פון דער ביבל, פון וואנען מ׳האט יידן צוויי מאל ארויסגעטריבן.

זי האט זיך באמיט צופרידן צו שטעלן די געסט, וואס זיינען געזעסן ארום דעם פאנאנדערגעפליגלטן גרויסן עס־טיש, און מיט אלע חושים גע־וואלט אויפנעמען וואס די מענטשן רעדן. איר האט שטארק געחידושט, וואס אפילו איצטער, ווען ענגלאנד, וואס האט שוין פאלעסטינע כמעט אין אייגענע הענט, האט מודיע געווען, אז זי גיט אפ פאלעסטינע צו יידן, איז נאך אלץ ניטא קיין געאייניקטע מיינונג צווישן די יידן. דאס דערקענט זי אן מאנס ברידער; אין די אויגן פון נייטן לוריא און דאקטאר לוריא דערקענט זי ניט די פרייד וואס די באלפור־דעקלאראציע האט אריינגעגאסן אין איר מאנס לעבן אריין.

דער הויפט־רעדנער איז געווען ר׳ שמואל מירמאן, פאר וועמען דניאל לוריא האט געהאט גרויס דרך ארץ.

— נצח ישראל לא ישקר . . . די יידישע אייביקייט וועט ניט פעלשן. אייביק איז דאס יידישע פאלק, — האט ר׳ שמואל מירמאן אנגעהויבן מיט א טאן פון א מטיף. — אבער, מיינע פריינט, צי קענען מיר זיך באריימען און זאגן, אז דער אופן ווי יידן לעבן איצטער אויף דער וועלט, הייסט לעבן ווי אן אייביק פאלק? צי דער אופן ווי דער גרעסטער טייל פון אונדזערע ברידער פילן אין לאנד, הייסט עס פילן ווי א פאלק דארף פילן? באנעם איך, אז אומשטאנדן ברענגען דערצו. ווייסן מיר, אז יידן זיינען מיט זייער גוטן ווילן ניט געגאנגען אין גלות. מיר ווייסן אויך, אז יידן האבן ניט אויסגע־קלערט אויף זיך קיין פאגראמען און גירושים. אבער יידישע האפענונג, די טיפע האפענונג, וואס גאט אליין האט אונדז איבערגעגעבן דורך זיינע נביאים, זי איז אונדזער אוצר, וואס וועט קיינמאל ניט אויסגע־ליידיקט ווערן גאר אינגאנצן. די יידישע האפענונג בליצט אויף דוקא אין דער שעה, ווען די יידישע צרות האבן שוין דערגרייכט ביז צו די הימלען; ווען דער בעכער פון צארן גיסט זיך איבער די ראנדן. ס׳איז ניט איבער־נאטירלעך מער מיט אונדז, מיינע פריינט. וואס פאר א פאלק איז אזוי גע־טראפן געווארן אין די מלחמה־טעג ווי דאס יידישע? וועמען האט מען אזוי דערנידעריקט ווי אונדזער פאלק? פאר וועמען גיבן מיר אפ אונדזערע זין אפילו דא אין לאנד? וואס פאר א חוב צאלן מיר דא מיט דעם וואס מיר

שיקן אונדזערע זין צום שלאַכט־פעלד? אויב צו פאָדערן גערעכטיקייט, אויב פעסטצושטעלן דעם לויטערן אמת צווישן פעלקער — איז די באַלפור־דעקלאַראַציע דער העכסטער אויסדרוק פון דעם אמת, וואָס די מענטשהייט האָט ביז איצטער געטראָטן מיט די פיס. ארץ ישראל קערט מען אום צום עם ישראל! — האָט ר' שמואל מירמאַן אויסגעשריען. — איז דען פאַראַן אַ גרעסערער אמת וואָס איז אין די בלוטיקע מלחמה־טעג אַזוי ליכטיק אויפ־געגאַנגען פאַרן יידישן פאָלק? די שעה האָט געשלאָגן, יידן וועלן אויסקויפן זייערע זינד. ניט פון זיך אַליין וועלן ארץ ישראל וויסטעניישן אויפגעריכט ווערן. קרבנות, מיינע פריינט, געלט־קרבנות, ווי מענטשן קרבנות, וועט די זאַך פאָדערן. נאַציאָנאַלע העלדן דאַרפן מיר איצטער, וואָס זאָלן אויסקויפן די זינד פון אַ פאָלק, וואָס וויל פאַרגעסן אָן דעם נצח ישראל לא ישקר!

ר' ישראל מירמאַן האָט באַטראַכט די אַנוועזנדע און באַמערקט ווי נייטן לוריא שטייט אין טיר פון צווייטן צימער און שמייכלט.

—איך וויל הערן, וואָס אונדזערע קעגנער האָבן איצטער צו זאָגן — האָט ר' ישראל מירמאַן זיך געווענדט צו נייטן לוריאַן.

— ביי מיין ברודער אין שטוב וויל איך זיך מיט אייך ניט קריגן.

— זיי ניט קיין צדיק, נתן, — האָט דניאל לוריא זיך אָפּגערופן. — ניט איין מאָל האָסטו מיר מיין שמחה פאַרשטערט.

— אויב אַזוי קוקסטו אויף מיין מיינונג, האָב איך בכלל ניט וואָס צו רעדן. איך גלויב ניט אין ענגלאַנדס צוזאָג.

— פאַרוואָס?

— ענגלאַנד זוכט יידישע פריינטשאַפט. און אַז פּאַלעסטינע וועט זיין באַפרייט, וועט עס ענגלאַנד פאַר זיך צונעמען. איבערהויפּט געפעלט מיר ניט דער אַדרעס אויף וועלכן לאָרד באַלפור שרייבט צום יידישן פאָלק. לאָרד ראָטשילד, כאַ־כאַ־כאַ, ס'איז ניט דער אַדרעס פון די יידישע פאָלקס־מאַסן.

נייטן לוריאס געלעכטער האָט געמאַכט אַ שווערן איינדרוק.

— פאַרוואָס ווילסטו ניט, מ'זאָל יידן אָפּגעבן פּאַלעסטינע? — איז ליליען־רות צוגעגאַנגען צו איר שוואָגער. — האַ, דערקלער עס מיר.

— אונדזערע צעשטערער קומען פון אונדזערע אייגענע רייען אַרויס, האָט מען שוין ביי אונדז לאַנג געזאָגט. אָבער איך בין ניט אויסן דוקא די לוריאס, — האָט ר' שמואל מירמאַן ניט געקענט באַהאַלטן זיין כעס.

אין דער אייגענער צייט ד־האָט פון אַ צווייטן צימער זיך דערטראָגן קעראָלאַינס האַרצרייסנדיקער געוויין. לעאָנאַרד סטאָן, וואָס איז פון ר' שמואל מירמאַנס רייד אַזוי גערירט געוועזן, האָט זיך מער ניט געקענט גובר זיין. קעראָלאַין האָט באַמערקט זיין צעטראָגענעם אויסזען, זי האָט אים פאַרנומען אין אַ צווייטן צימער און ער האָט פאַר איר אויפגעדעקט דעם שרעקלעכן סוד, וואָס ער האָט אַ גאַנצן טאָג פון איר באַהאַלטן. אין איין רגע האָט זיך איבער דניאל לוריאס שטוב צעגאָסן אומגליק און טרויער.

קעראָלאַינס געוויין איז איבערגעגאַנגען אין אַ יאָמער:

— פאַרוואָס קומט עס מיר, פאַרוואָס? — איז זי אַריין און אַנגעשטעלט איר צעבראָכן און פאַרוויינט פּנים צו די געסט. — פאַרוואָס האָט מען מיין קינד אָוועקגעריסן און אומגעבראַכט?

די געסט, נידערגעשלאָגן, פאַרקלעמט פון מיטגעפיל, האָבן זיך שטיל געזעגנט. געבויגן זיינען נאָר געבליבן די אייגענע. דאָס משפחה־אומגליק האָט זיך צעגאָסן איבערן שטוב.

דאָקטאָר לוריא האָט אָפּגעפירט זיין שוועסטער און שוואָגער אַהיים. ער האָט מורא געהאַט לאָזן זיין שוועסטער איצטער אין די הענט פון לעאָנאַרד סטאָן. דאָס וואָס האָט געטראָפן זיין שוועסטער, איז פאַר אים געווען מער ווי אַ משפחה־ענין. אויב אימעצער פון זיין משפחה האָט געפירט אַ חשבון פון די יאָרן זינט מ'האָט אַריינגעוואַנדערט אין נייעם לאַנד, איז עס געווען דאָקטאָר זכריה לוריא, וואָס צווישן איין פּאַציענט און אַנדערן האָט ער גע־וואויגן און געמאָסטן דעם שטייגן און פאַלן פון זיין דור.

ווען ער האָט נאָך אַ צעפּלאָגטער נאַכט זיך געקליבן אַוועקגיין, איז ער אַריין צו זיין שוועסטער אין צימער. זי איז געלעגן אַן אויסגעלאָשענע, איר פּנים בלייך ווי קרייד. די אויגן האָבן אַנגעשטרענגט געקוקט צום פּאָלאָפּ.

ער האָט זיך צוגעזעצט אויף איר בעט, גענומען איר האַנט און באַ־טראַכט די בלאַסע פינגער.

— כ'וויל דיך ניט טרייסטן, קריינע, — האָט ער גערעדט צו אירע פינגער. — כ'וויל דיר נאָר זאָגן, אַז דעם מענטשנס לעבן איז ניט אייביק. נאָר אין דער דאָזיקער ניט־אייביקייט פון איין פּערזאָן זיינען פאַראַן איבער־לעבונגען, וואָס באַדייטן אַ סך מער ווי מען שטעלט זיך פאָר. אין די פיר און דרייסיק יאָר, וואָס מיר זיינען דאָ אין לאַנד, לעב איך ניט מיין אייגן לעבן. קיינער פון אונדז טוט עס ניט. ביי מיר איז עס באַוואוסטזיניק, און ביי דיר — ווי אין חלום. ס'האָט געקענט רעכט זיין, אַז מיר וואָלטן גע־בליבן אין רוסלאַנד; דאָרטן וואָלסטו אויך חתונה געהאַט, געבאָרן קינדער, זין און טעכטער, און דיינעם אַ זון וואָלט מען צוגענומען אין קריג. ס'האָט דאָך געקענט ס'אייגענע דאָרט פּאַסירן. ניט מער, וואָס דאָרטן וואָלטן מיר עס באַטראַכט פאַר אַ קללה פון גאָט; און דאָ ווערט עס באַטראַכט פאַר אַ טייל פון די גרויסע צינזן וואָס די גרינגע צאָלן איצטער אָפּ. יעס, קעראַלאַין, פאַראַן נאַראָנים וואָס גלויבן, אַז אַמעריקע האָט געטאָן אַ גרויסע טובה די יידן וואָס זיינען אַנטלאָפן פון רוסלאַנד מיט דעם, וואָס זי האָט זיי אַריינגע־לאָזן אַהער. אפשר דאַרפן מיר צאָלן. אָבער ניט צאָלן מיט דעם וואָס איז פרעמד אונדזער גייסט. מלחמה איז פרעמד דעם יידישן גייסט.

— ס'איז, זכריה, אַ שטראָף פאַר דעם גאָלד, וואָס לעאָנאַרד שאַרט זינט אין זיינע שעפער נייט מען פאַר די סאָלדאַטן, וואָס גייען געהרגעט צו ווערן.

קעראַלאַין האָט מיט איר ברודערס האַנט געוואָלט פאַרמאַכן איר מויל פאַרן געוויין, און האָט זיין האַנט געבריט מיט הייסע טרערן.

אויפן וועג אַהיים האָט ער נאָך באַוויזן צו זיין אין שפּיטאָל, בייגעווען די גסיסה פון זיינער אַ פּאַציענטקע, אַ קימפּעטאָרן. ס'איז געווען דער צווייטער טויטנפאַל זינט ער איז געוואָרן דאָקטאָר און געהאָלפן מוטערס געבערן קינדער.

ווען ער איז אַרום האַלבן טאָג געקומען צו זיך אין אָפיס, האָט ער דאָרטן געטראָפן אויף אים וואַרטן צוויי געסט. עמאַ און איר ברודער זיינען אים אויפגעשטאַנען אַנטקעגן. ביידע האָבן וואַרים געדריקט זיין האַנט און מיט אַ סך ליבע צו אים געשמייכלט.

— איר זייט מיר אָנגעלייגטע געסט, — האָט דאָקטאָר לוריא זיך באַמיט זיי אויפצונעמען וואַרים. — כ'האָב פאַרבראַכט אַ ביטערע נאַכט ביי מיין שוועסטער. איר זון איז אויפן פראַנצויזישן פראָנט דערהרגעט געוואָרן.

ער האָט געריבן מיט ביידע הענט דעם שטערן אָפּצואווישן דעם טרויעריקן חלום וואָס האָט זיך ערשט אָנגעהויבן פאַנאַדערוויקלען פאַר זיינע אויגן.

— ניטאָ קיין שלעכטס, וואָס זאָל ניט האָבן אַ פּראָצענט גוטס, — האָט וועלוול בערגער פילאָזאָפירט. — ס'וואָלט די פאַרשאָלטענע מלחמה געווען דער שרעקלעכסטער צייכן פון מענטשנס באַרבאַריזם, ווען ניט די רעוואָלוציע וואָס האָט אין רוסלאַנד אויסגעבראָכן און די אַלטע, פינצטערע אָרדענונג אַראָפּגעשווענקט פון איר צעפוילטן פונדאַמענט. אָן דער בלוטיקסטער פון אַלע מלחמות, וואָס די מענטשהייט האָט ווען־עס־איז געקענט צוטראַכטן, וואָלט אַזאַ נס ניט געשען. איך פאַר קיין רוסלאַנד העלפן דעם אַרבעטער און פויער אַראָפּצורייסן די רעשטלעך פון פינצטערן דעספּאָטיזם, וואָס האָט געדריקט און געשטיקט די אַלטע רוסלאַנד.

— איר פאָרט אויך? — האָט דאָקטאָר לוירא, אַ בלאַסער, זיך דער־נענטערט צו עמאַן. — איז דאָס שוין באַשלאָסן?

— איך ווייס נאָך ניט, — האָט עמאַ אים געקוקט גלייך אין די אויגן. — אפשר וועט ער דערווייל פאָרן אַליין, און איך — מיט עטלעכע חדשים שפּעטער.

— אפשר דאָרטן וועלן מיר לעבן פרייער און נאַטירלעכער, — האָט וועלוול בערגער ווי פאַר זיך געזאָגט.

— פרייער און נאַטירלעכער, — האָט דאָקטאָר לוריא איבערגעחזרט וועלוולס ווערטער. — ס'איז אַ באַשיידענער פאַרלאַנג. ס'איז אויך אַן אוממעגלעכער פאַרלאַנג.

— פאַרוואָס? — האָט עמאַ נייגעריק געפרעגט.

— ווייל ביידע, סיי פרייהייט, און סיי נאַטירלעכקייט, פעלט און וועט פעלן ביי דער מענטשלעכער געזעלשאַפט. דאָס, וואָס איך האָב פאַר איין מעת־לעת איבערגעלעבט אין קרייז פון מיינע אייגענע, קען מען איצטער אויך איבערלעבן אין קרייז פון פריינט, פון אַ פאָלק און פון דער גאַנצער מענטשהייט. איר באַרעכטיקט די מלחמה צוליב דער רעוואָלוציע אין רוס־לאַנד; און עמאַ בערגער פאָרט אַוועק פון דאַנען, כדי זי זאָל קענען לעבן פריי און נאַטירלעך.

— איך בין געקומען אייך פאַרבעטן צו אונדז אַהיים. מיר וועלן רופן אונדזערע פריינט, און געזעגענען זיך, — האָט עמאַ געפּאַרשט וואָס פאַר אַן איינדרוק דאָס וועט מאַכן אויף דאָקטאָר לוריאַן.

— אויב איר וועט מיך אויפנעמען...

קאַפּיטל פינף און דרייסיק

ליליען־רות און מיסיס מעקפּאַדן זײַנען געזעסן אויף איינער פון די הינטערשטע בענק אין מאַסיוון קאַטוילישן קאַטעדראַל, אויף פינפטער עווניו. פאַר ליליענס פאַרטערטע אויגן האָבן זיך געוויגט די פלעמלעך פון די ברענענדיקע ליכט און די מענטשן־סילועטן, וואָס האָבן זיך באַוועגט מיט שטילע טריט, דאָ אויפהויבנדיק זיך, און דאָ — קניענדיק, מיט אַלע חושים צום אַלטאַר, וואו דער פּריסטער און זײַן קלערק האָבן אויטאָמאַטיש געלופּ־טערט די תפילות פון פרימאָרגן.

מיסיס מעקפּאַדן, וואָס איז געווען פאַנאַטיש אין איר קאַטוילישן גלויבן, האָט עס ניט אַרויסגעוויזן ביים אַרײַנפירן אונטערן אָרעם דאָס „פאַרבלאָנד־זשעטע שעפעלע", וואָס איז מיט איבער דרייסיק יאָר צוריק, צוליב אַ ליבע צו אַ יידישן פּעדלער, אַוועק און „אויסגעשמירט די נשמה מיט דעם יידישן גלויבן". מיסיס מעקפּאַדן האָט זיך געהאַלטן ווי אַ דרויסנדיקע צום אינער־לעכן לעבן פון קאַטעדראַל, און האָט אין דער טיף, מיט פאַרבאָרגענער פרייד, איבערגעלעבט דער גרטעס אויפרעגונג.

— איך בין קיינמאָל ניט געווען אין קיין יידישער סינאַגאָגע; ווי איז עס דאָרטן, איז דאָרטן קענטיק הייליקייט?

ווען ליליען־רות האָט אויף דעם ניט געענטפערט, האָט זי אַליין צוגע־געבן:

— הייליקייט ברענגען מענטשן מיט זיך אַליין אַרײַן, און מאַכן גאָטס הויז הייליק. וואָס פאַר אַ הייליקייט פאַרמאָגן דען יידן? אַז אַ וועלט האָט זיי פיינט, איז עס דאָך אוודאי ניט אומזיסט. זיי געטרויען קיינעם ניט אָן זייערע זינד... ווי אַזוי קומסטו אויס, מיין טייערע, — האָט זי זיך נענטער צוגעטוליעט צו דער גרטע. — אַ לעבן לאַנג זיך ניט מתודה געווען פאַרן פּריסטער? איך וואָלט אומגעקומען, ווען איך זאָל דאַרפן טראָגן אויף מיין האַרצן מיינע זינד.

ליליען האָט געהערט מיסיס מעקפּאַדנס ווערטער, און בשעת מעשה אַוועק מיטן געדאַנק צו יענע יאָרן, ווען זי איז נאָך געווען אַ קריסטן, און איז געגאַנגען זיך מתודה זיין פאַרן פּריסטער. „ווען איז דאָס געווען? צי בין איך עס טאַקע געווען?"

— יעס, מיין טייערע, — האָט מיסיס מעקפּאַדן געשעפּטשעט דער גרטע אין אויער אַרײַן, — יידן האָט מען פיינט. אַ פרעמדקייט אַזאַ האָבן זיי מיטגעבראַכט אַהער. אַן אומאָרנטלעכקייט אַזאַ. אַ כיטרעקייט, וואָלט איך זאָגן, האָבן זיי מיטגעבראַכט. געלויבט איז גאָט, וואָס דייוויד איז אַ מאַן מיט אַן אָפּענעם כאַראַקטער. ס'איז אַ דאַנק דעם וואָס ער איז דיין זון. כ'האָב צו אים צוטרוי. דעריבער בין איך מסכים, זיי זאָלן דערוויל חתונה

האָבן ווי דאָס געזעץ פאָדערט. און וואָס ווייטער — פאַרלאָז איך מיך אויף גאָט. אַז די צייט וועט קומען...

דער אָרגל האָט אָנגעהויבן שפּילן, און די אָנוועזנדע מתפּללים, נעענטער צום אַלטאַר, האָבן מיטגעזונגען.

— געדענקסט עס? — האָט מיסיס מעקפּאַדן געשעפּטשעט. — „אָ, האַר פון ליבע, וואָס טראָגסט ליבע פאַר אַלעמען און אַליין ווערסטו ניט גענוג געליבט, דיך ליב איך מיט גאַר מיין האַרץ. יעדע רגע פון מיין לעבן וואָס איך האָב דיך ניט געליבט באַטראַכט איך ווי פאַרפאַלן... יעס, אומ־שטערבלעכער יעזוס, אַזוי לאַנג ווי דו לעבסט אין מיין ברוסט, אַזוי לאַנג ווי דו לעבסט אין מיר, האָף איך, אַז דו ביסט זיכער, אָ, מיין האַר, אַז איך ליב דיך...״ געדענקסט עס, מיסיס לוריא?.. מיר איז שווער דיך אָנצו־רופן מיסיס לוריא...

— האָ, האָסט מיר עפּעס געזאָגט? — האָט ליליען זיך אויפגעכאַפּט ווי פון אַ שווערן און טרויעריקן חלום, מיט די צעשראָקענע אויגן צום אַלטאַר. — ווילסט מיר זאָגן, אַז איך בין אַ זינדיקע? האָ, דאָס מיינסטו. אַלע זיינען מיר זינדיקע. אַלע, אפילו דער פּריסט, דער קלערק, אַלע, אַלע זיינען מיר זינדיק. דעריבער איז אַ מלחמה אויף דער וועלט. דעריבער פירט מען אַוועק יונגע עופּהלעך צום שלאַכט־פעלד און מ׳שיסט זיי אויס, מ׳פאַרקריפּלט זייער לעבן אויף אייביק. אָ, וואָס פאַר אַ ליידן מיין שוועגערן טראָגט איבער זינט איר זון איז געהרגעט געוואָרן! זינדיקע זיינען מיר אַלע.

— זאָג עס ניט, מיסיס לוריא.

— רעדסט שלעכטס אויף יידן. זיינען אַן אומגליקלעך פאָלק, אָן אַ היים. האָט אינערגעץ ניט קיין היים.

— דאָ האָבן זיי אַלע פרייהייטן.

— ניטאָ קיין היים דאָרטן וואו מ׳האָט דיך פיינט. אַ יתום ביי אַ שלעכטער שטיפמאַמע האָט אויך ניט קיין היים. איך קען מיר ניט העלפן, מיסיס מעקפּאַדן, אדרבה, דאָ, אין גאָטס הויז, זאָג, צי איך בין באַגאַנגען אַ שווערע זינד וואָס איך האָב מיין לייב איבערגעגעבן אַ יידן?

— דיין מאַן איז אַן איידלמאַן. אָבער ס׳גאַנצע פאָלק זיינס...

— וואָלסטו עס גערעדט צו דער רות פון דער ביבל וואָס איז דורך דער ליבע צו איר מאַן איבערגעגאַנגען צום יידישן פאָלק? אַלדאָס גוטס, וואָס עס האָט אין זיך מיין מאַן, פאַרמאָגט אויך אין זיך דאָס גאַנצע פאָלק. אַלדאָס גוטס, וואָס האָט אין זיך זיין יינגערער ברודער, האָט אין זיך ס׳גאַנצע פאָלק. איך געדענק זיי אַלע, ווען זיי זיינען אַהער אַריבערגעקומען. איך געדענק זיי. ווי פאַרשטעלטע בעטלער זיינען זיי געקומען. פּרינצן, וואָס האָבן זיך פאַרשטעלט פאַר בעטלער.

ביי די דאָזיקע ווערטער איז ליליען־רות אויפגעשטאַנען, און ד־זינטער־ווילעכטס, מיט די אויגן צום אַלטאַר און אָנגעצונדענע ליכט, האָט זי זיך דער־נעענטערט צו דער אַרויסגאַנגס־טיר. ווען זי האָט געווענדט ס׳פּנים צום דרויסן, און דאָס פרילינג־ליכט האָט איר אַ פּאַטש געטאָן אין פּנים — האָט איר שטאַרק פאַרקלעמטביים האַרצן. מיט אַ געבויגענעם קאָפּ האָט זי געשפּאַנט טרעפּ־אַראָפּ צו דער גאַס, פילנדיק מיסיס מעקפּאַדנס האַנט, וואָס האָט אונטערגעהאַלטן איר אָרעם.

— נו, וואָס, מיין טייערע, דאַרפסט ניט האָבן קיין חרטה וואָס כ׳האָב דיך אַהער געבראַכט.

— ניין, ניין, מיסיס מעקפאַדן, כ׳האָב ניט קיין חרטה. איך וויל דיר קיין צער ניט אָנטאָן. פאַרשאַף דו קיין צער ניט דניאל לוריאן. כ׳וואָלט נאָר בעטן ביי גאָט, אַז ראָוז זאָל ליב האָבן מיין זון ווי איך האָב ליב זיין פאָטער.

פאַר די יאָרן, וואָס לילִיען־רות איז געווען אַנגעשלאָסן אין יידישן גלויבן, זיינען געווען צייטן, וואָס זי איז געווען דער צענטער פון דער לוריא־משפחה. ווען ביי די לוריאס האָט זיך דאָס לעבן געוויקלט אין טרויער צוליב די פרי־צייטיקע טויטן אין דער לוריא־משפחה, האָט לִיליען, מיט איר געזונטער, ניט־יידישער אָפּענער נאַטור, אַריינגעטראָגן זון און לעבן צו די באמת גלות־יידן. געווען צייטן ווען איר האָט אויסגעוויזן, אַז יידן לעבן צו אָפּגעזונדערט, די יידישע רעליגיע וויסט פון קיין פשרות ניט. דאָס איז פאָרגעקומען אונטער דעם איינפלוס פון איר יונגערער שוועסטער, וואָס האָט ליב געהאַט דאָקטאָר לוריאן, און ווי לִיליען־רות האָט געקלערט, איז די יידישע רעליגיע געשטאַנען אין וועג, ווי די יידישע רעליגיע שטייט אין וועג איר זונס גליק.

זינט דער וועלט־מלחמה, דער עיקר, זינט אַמעריקע איז אַריין אין קריג, האָט עס זי ווידער געצויגן צו דער יידישער זייט. ניט נאָר צו איר מאַן און קינדער, צום מאַנס משפחה — צום גאַנצן יידישן פאָלק האָט זי זיך ווידער אָנגעהויבן ציען, כאָטש איר זיינען נאָך אַלץ ניט געווען קלאָר די וועגן פון דער יידישער נשמה. יידישער האַס צו מלחמה, וואָס אין די קריסטלעכע קרייזן האָט מען איר געוואָלט איינריידן, אַז דאָס איז בלויז פּחדנות, נאָך דעם ווי קעראָלאַין איז אַ צעבראָכענע אומגעגאַנגען דערמאָנענדיק איר געהרגעטן זון — האָט לִיליען, ווי אַ מאַמע, דערפילט די גאַנצע מורא און עקל צום קריג. זי האָט דערפילט דעם טיפן אמת וואָס איר מאַן האָט פאַר איר אַנטפּלעקט, ווען ער האָט פאַנאַנדערגעוויקלט פאַר איר די צוקונפט פון דער מענטשהייט ווי אַזוי די יידישע נביאים האָבן עס געמאָלן: „און עס וועט איין פאָלק אויפן אַנדערן פאָלק ניט אויפהויבן קיין שווערד, גאָטס גייסט וועט רוען אויף אַלע פעלקער...״

דניאל האָט געמאָלן פאַר איר דעם גרויסן אומזין פון מלחמה דורך דער יידישער לאַגע אויף דער וועלט. ער האָט איר געוויזן ווי עסטרייכישע יידן שלאָגן זיך מיט די רוסישע יידן. „זיי שלאָגן זיך פאַר אימעצנס משוגעת און פאַר אימעצנס זינד״, — האָט איר דניאל אויפגעוויזן, און זי האָט עס גוט באַנומען.

דעריבער, ווען מיסיס מעקפאַדן, שפּאַצירנדיק מיט דער פינפטער עוועניו, כל־ומרשט אַרומרעדנדיק די קינדערס גליק, האָט זי די גרטע פאַרפירט אין קאַטוילישן קאַטעדראַל, איז זי געגאַנגען ווי אַ פאַרפירטע קעגן איר אייגענעם ווילן. דאָס הייליקע וואַסער ביים טיר, וואָס מיסיס מעקפאַדן האָט אין דעם איינגעטונקען אירע פינגער און צוגעטראָגן צום פנים, איז דער גרטע געווען דערווידער. ווען לִיליען איז געקומען אַהיים, האָט זי געזוכט אַ געלעגנהייט אין דער שטיל זיך גוט אויסוויינען. און ווען דער מאַן איז געקומען, איז זי אים געגאַנגען אַנטקעגן, הייס, ווי אין די אַמאָליקע יאָרן, אים געקושט און מיט אַ ציטערדיקער שטים געזאָגט:

— לאָז, דניאל, דיינס איבערגיין. זאָל דייוויד חתונה האָבן ביי אַ דזשאָדזש. איך האָב מיט איר מוטער גערעדט. איר אַרט ניט. „וועט זיין מיט אַ קאַטאָליק וויניקער", — האָט זי געזאָגט.

דאָס לעצטע האָט ליליען אַליין צוגעגעבן, כדי דערמיט גרינגער מאַכן דניאלס געמיט.

— מיר וועלן אפילו קיין חתונה פאַר לייטן ניט מאַכן. איך וויל גאָרניט צונויפברענגען אירע און מיינע לייט אינאיינעם.

דניאל האָט געהערט אירע רייד. מיט דעם „אירע און מיינע לייט" — האָט זי אים אַ קלאַפּ געטאָן איבערן קאָפּ. פאַרקערט, אויב שוין אַ פאַרפאַלענע זאַך, אויב זיין זון מוז שוין חתונה האָבן מיט דער ראָוז מעקפאַדן — וויל ער ניט, אַז צוליב דעם זאָל אויסוואַקסן אַ וואַנט פון שנאה צווישן די צוויי משפחות. אמת, מיט די יאָרן האָבן אויפגעהערט קומען צו אים די לייט פון ליליענס צד. אין האַרצן האָט עס אים הנאה געטאָן. אויב ער האָט זיי ניט געהאַט גערן, איז דאָס ניט געווען צוליב שנאה צו ניט־יידן, נאָר פּשוט און פּראָסט — איר משפחה איז אים ניט געווען צום האַרצן. אין דעם פאַל, ווען ער איז זיך משדך מיט אַן אַמעריקאַנעם ריכטער, און נאָך אַ גאַנץ אָנגעזעענעם דערצו, פאַרדריסט אים וואָס פון סאַמע אָנהויב אָן וועט שנאה זיך שפּרייטן צווישן די משפחות פון דעם יונגן פּאָר.

— ניין, ליליען, כ'וואָלט דוקא געוואָלט, מ'זאָל זיך באַגעגענען; באַווייזן, אַז מיר ווינטשן די קינדער אַלדאָס גוטס. קענסט מיט זיי איבעררעדן, אַז אויב זיי וועלן ניט מאַכן קיין שטיקל שמחה פאַר די קינדערסוועגן — וועלן מיר עס טאָן.

די שמחה איז פאָרגעקומען ביי דער כלה'ס עלטערן אין דער היים. די כלה האָט פאַרלאַנגט, מ'זאָל איינלאַדן אַלע, אַלע פון איר דייווידס צד. זי אַליין איז אַריבערגעקומען איינלאַדן דאָקטאָר לוריאַן. און דער כלהס מוטער, אײנ־איינעם מיט ליליען־רות, איז אַוועק צו די סטאַנס איינלאַדן זיי, און אגב אויס־דריקן דעם צער צוליבן געפאַלאַענעם זון.

מיסיס מעקפאַדן איז ניט געווען קלוג געגנוג און ביי קעראָלאַין אַ פרעג געטאָן:

— וואָס וואָלסטו בעסער אויסגעקליבן, דיין זון זאָל לעבן און איבערגיין צום קאַטוילישן גלויבן, צי ער זאָל ליבערשט געהרגעט ווערן אין דער מלחמה?

קעראָלאַין האָט פאַרדעקט די אויגן מיט דער האַנט, ניט צו באַווייזן די טרערן.

— מיין מאַן האָט מיר דערציילט, אַז אין שפּאַניע האָבן זיך יידן געלאָזן פאַרברענען אויפן שייטערהויפן, און ניט אויפגעגעבן דעם יידישן גלויבן.

דאָס האָט ליליען־רות געזאָגט, צו פאַרגלעטן איר מחותנתטעס אומטאַק־טישקייט. דערנאָך איז זי צוגעגאַנגען, אַרומגענומען קעראָלאַין, געקושט אויף ביידע באַקן און געזאָגט:

— כ'ווייס, ווי פאַרביטערט דיין האַרץ איז, פונדעסטוועגן וועסטו אונדז ניט פאַרשעמען און וועסט קומען צו מיין זונס און ראָוזעס יום־טוב.

ס'איז געווען אַ הייסע יולי־נאַכט, ווען ביים ריכטער מעקפאַדן אין הויז האָבן זיך באַגעגנט די צוויי וועלטן — די יידישע און ניט־יידישע, און באַוויזן, אַז אין פרייען לאַנד איז אויך גילטיק ס'פאָלקס ווערטל: — אַז אַ מענטש איז

שטאַרק ווי אַ פעלז, און אויך שוואַך ווי אַ שאָלעכץ פון אַן איי. ניט מער, וואָס ער איז שטאַרק ווען ער וויל זיין שוואַך, און שוואַך — פונקט יעמאָלט ווען ער וויל זיין שטאַרק.

פון דער לוריא־משפחה, אויסער דעם חתנס עלטערן, זיינען געקומען דאָקטאָר לוריא, קעראָלאַין און לעאָנאַרד סטאַן. ווען מ׳האָט נייטן לוריאן פאַר־בעטן, האָט ער געענטפערט, אַז בכלל גייען אים ניט אָן קיין געמישטע חתונות; נאָר דאָרטן וואו ס׳איז פאַראַן יידן־האַס, ווייכט ער ווי דעם טויט.

— די קריסטלעכע בורזשואַזיע האַסט די יידישע בורזשואַזיע, — האָט נייטן לוריא דערקלערט. — אמתע, אויפריכטיקע באַציאונג קען נאָר געמאָלט זיין ביים באַוואוסטזיניקן פּראָלעטאַריאַט.

הילל לוריא האָט פון זיין פאַרם אָנגעשריבן צו דאָקטאָר לוריאן אַ ביטערן בריוו, וואו ער האָט אויסגעדריקט זיין טרויער. ער האָט צווישן אַנדערש געשריבן: — „און כ׳ווייס אַלץ ניט, וואָס עס איז בעסער פאַר יידן. אַמאָל איז קידוש־השם גערעכנט געוואָרן פאַר אַ מיטל צום יידישן קיום. יידן האָבן זיך אומגעבראַכט פאַר זייער גלויבן, און האָבן דורך דעם געראַטעוועט זייער אייגענעם כבוד, געבליבן אַ פאָלק. איצטער גייט מען ניט געבן ס׳לעבן פאַר דער אמונה; מ׳גיט עס אַוועק פאַר אַ קרבן פאַר דער פרייהייט וואָס מ׳קריגט. זאָג דניאלן, ער זאָל זיך ניט אָפּעסן ס׳האַרץ. אפשר וועט עס אים פאַרשריבן ווערן צום גוטן, וואָס ער איז געווען פון די ערשטע רוסישע יידן בייצוטראָגן זיין חלק צום אַמעריקאַנעם פאָלק...”

דאָקטאָר לוריא האָט דעם בריוו באַהאַלטן און קיינעם ניט געוויזן.

צווישן די געסט ביי די מעקפאַדנס איז געווען לילי׳ענס יינגערע שוועסטער, מיסיס קורלי מיט אירמאַן.

אָבער דעם אויבן־אָן האָט פאַרנומען מעקפאַדנס אַ קאָלעגע, דזשאָזדש טעילאָר, וואָס האָט נאָכן דריטן גלעזל זיך אַ נעם געטאָן צו דער ראַסן־פראַגע אין אַמעריקע:

— איך טרינק פאַרן געזונט פון יונגן פאָר־פאָלק, — האָט ער, אַ צעפלאַמ־טער, אָנגעהויבן. — איך האָף, זיי וועלן מיט זייער בונד אַמעריקע ברענגען מיט איין אַטעם־צוג נענטער צו איר באַפרייאונג. און לאָזט מיך אייך דער־קלערן וואָס איך מיין: איך בין אַ מאָדערנער מענטש, און ווי אַ ריכטער, האָב איך אַ געלעגנהייט נאָכצופאָלגן מענטשלעכע הינטערשטעליקייטן, זיינע שוואַכקייטן און זיינע שטאַרקייטן. לאָמיר זאָגן — גנבה... דאָס געהער צו דער מענטשלעכער שוואַכקייט. ליבע, און פאַרברעכן, וואָס קומט אַרויס פון אומגליקלעכער ליבע, דאָס געהער אויך צו דער מענטשלעכער שוואַכקייט. פאַראַן אָבער פעלקער־פאַרברעכן. אָט איז אַ פאָלק אויף דער וועלט, אַ פאָלק, וואָס האָט די גאַנצע וועלט אַריינגעשלעפּט אין אַ בלוטיקן קריג. אפילו אונדזער לאַנד איז געצוואונגען געווען זיך אַוועקלאָזן שלאָגן מיט דעם דייטשישן מאָנסטער. אָטאָ־דאָ, מיינע פריינט, דאַרפן מיר זוכן די שטרויכל־שטיינער איבער וועלכע אַ מענטשהייט פאַלט און ברעכט דאָס געניק.

— וואָס איז אַמעריקע און דאָס אַמעריקאַנער פאָלק, מיינע הערן? — האָט דזשאָדזש טעילאָר געווישט דעם שוויס פון שטערן. — דאָס אַמעריקאַנער פאָלק האַלט נאָך אין ווערן. געוויס, ווען אונדזערע זיידעס נאָך דער רעוואָ־לוציע, ווען זיי שאַפן אַ געזעץ: — קיין פרעמדע אין לאַנד ניט אַריינצולאָזן,

וואָלטן מיר איצטער געהאַט אַ מאַנאַליטישע מענטשהייט. אָבער איצטער, ווען טיר־און־טויער איז אָפן, וועט דאָך זיין קאַטאַסטראָפאַל פאַר אַמעריקע, אַז די פאַרשטייער פון פאַרשיידענע פעלקער וועלן דאָ פירן זייער באַזונדערע פּאָליטיק. אַנטשולדיקט מיר פאַר דעם אויסדרוק „פּאָליטיק". געדאַרפט האָב איך זאָגן: פאַרברעכערישע טעטיקייט. ווען איך רעד איצטער, טראַכט איך ניט פון אַ געוויסן פאָלק. כ'האָב אַלע פעלקערשאַפטן אין זינען, וואָס האָבן זיך פאַרבאַריקאַדירט אויף זייערע אייגענע מיסט־בערג און פראַווען זייערע אומקולטורעלע אָרגיעס... דעריבער בין איך גליקלעך, ווען איך זע אַ יונג פּאַר־פאָלק, קינדער פון צוויי באַזונדערע נאַציאָנאַליטעטן, וואָס פאַר־אייניקן זיך דורך דעם הייליקן הייראַטס־בונד. איך זע שוין אַרויס זייערע קינדער, וואָס וועלן זיין גאַנצע מענטשן, גאַנצע כאַראַקטערן — קינדער פון דער גלאָררייכער אַמעריקע.

פון העפליכקייט וועגן האָבן אים אַלע געסט אַפּלאָדירט — אויסער דאָקטאָר לוריאַן, וואָס איז געזעסן מיט די אויגן צום ווייטן ווינקל.

— פאַרוואָס זיצט דעם חתנס אָנקל אומעטיק? — האָט דער כלהס פאָטער אויפגעהויבן די אויגן צו דאָקטאָר לוריאַן. — כ'ווייס, וואָס דו האָסט געראָטן מיין טאָכטער, ווען זי איז צו דיר געגאַנגען בעטן, זאָלסט אויספירן ביי דיין ברודער, ער זאָל אויף זיינס נאָכגעבן. ראָוז האָט מיר אַלץ דערציילט. „ליבע איז איבער אַלעס, — האָסטו איר געזאָגט. — ליבע דאַרף זיך ניט אָנפרעגן ביי רעליגיע", — האָסטו איר געזאָגט. — דאָס איז מיר שטאַרק געפעלן געווען. דאָס באַשטעטיקט די טעאָריע, אַז יידן זיינען גרויסע אינטערנאַציאָנאַלן. זיי באַווייזן עס דאָ אין לאַנד אויך. פאַר עטלעכע צענדליק יאָר האָבן זיי דאָ דערוואָרבן אַזאַ פּאָזיציע, סיי אין פינאַנס, און סיי אין דער פאַרצווייגטער פּראָפעסיע.

— דאָס זיינען יחידים, וואָס גיבן זיך אונטער, — האָט דזשאָדזש טעילאָר אונטערגעכאַפּט. — ס'יידישע פאָלק ווי אַ גאַנצע, היט זיך פאַר דעם! כאַ־כאַ־כאַ...

דער יידישער צד האָט זיך איבערגעוואָרפן מיט די בליקן. מ'האָט אַריבערגעקוקט צו דאָקטאָר לוריאַן, ער זאָל עפּעס זאָגן.

ניט מיט קיין גרויסן חשק איז דאָקטאָר לוריא געגאַנגען צו די מעקפאַדנס. ער איז פאַרן שידוך ניט געווען שטאַרק באַגייסטערט. פאַר די פאַר מאָל, וואָס דער ריכטער מעקפאַדן איז געווען ביי אים זיך דורכריידן וועגן שידוך, האָט ער געמאַכט אויף דאָקטאָר לוריאַן דעם איינדרוק פון אַ שמאַלקעפּיקן מענטשן. ניט קיין גוטן איינדרוק האָט אויך די כלה געמאַכט, ווען זי איז געקומען צו אים בעטן, ער זאָל זיך פאַר איר אָננעמען, בעטן דעם חתנס פאָטער, ער זאָל לאָזן זיין זון איבערגיין צום קאַטוילישן גלויבן. ער האָט צוליב געטאָן זיין ברודער, ער האָט צוליב געטאָן זיין צעפלאָגטער שוועסטער, וואָס האָט אים געבעטן, ער זאָל לאָזן אויף זיינס איבערגיין. ער האָט געשפּירט ווי זיין צד קוקט אויס, ער זאָל עפּעס זאָגן: — „אַפּענטפערן די גוים ווי זיי פאַרדינען". אים האָט זיך ניט געגלוסט פאַרפירן אַ ויכוח אויף דער שמחה, וואָס איז אין אמתן געווען אַ טרויער פאַר דער גאַנצער לוריא־משפּחה.

— איך בין אַ שלעכטער סאָציאָלאָג, — האָט דאָקטאָר לוריא באַשיידן אָנגעהויבן. — מיר איז זיך שווער אויסצומאָלן, ווי אַזוי די אַמעריקאַנער

מענטשהייט וועט אויסזען אין אונדזערע יאָרן; ווייל מיר איז שווער זיך אויסצומאָלן, ווי אַזוי נאַציאָנאַליטעטן וועלן גאָר אינגאַנצן איינגעשלונגען ווערן פון דער פרייער אַמעריקע. איך זע ניט אַרויס, ווי אַזוי מ׳קען אין איין אָטעם רעדן פון אַ פרייער אַמעריקע, וואָס איז דורך די פרעמדע געוואָרן דאָס וואָס זי איז; און אין דער אייגענער צייט פאַרלאַנגען, אַז דער כוח, וואָס האָט געבויט אַמעריקע, זאָל אונטערגיין. איך שאַץ אָפּ די ענערגיע, וואָס די פרעמדע האָבן אַהער אַריבערגעבראַכט; — נאַציאָנאַלע ענערגיע, וואָס יעדער איינציקער האָט מיט זיך מיטגענומען פון דער היים. די ענערגיע פון יעדן פאָלק, וואָס איז אַהער אַריבערגעבראַכט געוואָרן, האָט אָפּגעשוואַכט די ענערגיע ביי יעדן פאָלק ביי זיך אין דער היים. דורך דעם איז אַמעריקע געוואַקסן יונג, און אין דער אַלטער היים איז מען אַלט און אָפּגעשוואַכט געוואָרן. ס׳אייגענע איז געשען מיט דעם יידישן פאָלק. די שטאַרקסטע, די ענערגישסטע האָבן איינגעוואַנדערט אַהער, און בויען דאָ וואָס זיי בויען; זיי טוען דאָ וואָס זיי טוען, און אַלץ וואָס זיי טוען און בויען איז ניט קיין ווידערשפרוך מיט דעם וואוקס פון אַמעריקע. כאָטש דאָ איז אויך געשען די גרעסטע געפיל־פאַרטעמפונג, וואָס מ׳קען זיך נאָר פאָרשטעלן. בין אויסן די קינדער פון דייטשער אָפּשטאַמונג, וואָס האָבן זיך אַוועקגעלאָזן צום שלאַכטפעלד, דאָרטן זיך שלאָגן מיט אייגענע ברידער און שוועסטער, שלאָגן אייגענע טאַטע־מאַמע. מיר, יידן, באַגרייפן די גאַנצע מלחמה ניט; און די יונגע אַמעריקע באַגרייפט אפילו ניט ווי ווייט דאָס וועט פאַרדאַרבן דעם גוטן כאַראַקטער פון די קומענדיקע דורות, אויב אין נאָמען פון אַן אויסגעטראַכטן מלחמה־גאָט פירט מען אַרויס קינדער, זיי זאָלן שיסן אין זייערע פאָטערס, און אפשר אין זייערע זיידעס און באָבעס.

— איך באַגריס, — האָט דאָקטאָר לוריא אויפגעהויבן זיין גלעזל ווין צום יונגן פאָר־פאָלק, — און ווינטש, איר זאָלט באַווייזן אַ מוסטער פון ליבע און טאָלעראַנץ איינס צום אַנדערן, וואָס דאָס וועט דינען ווי אַ מוסטער פון ליבע און טאָלעראַנץ צו אייערע מיטמענטשן. איר, וואָס האָט חתונה געהאַט אויף דעם סמך פון פרייער ליבע, קיין רעליגיע ניט אַריינגענומען, ניט פאַר קיין שטיצע און ניט פאַר קיין קעגנערשאַפט, זאָל אייער לעבן זיין אַזוי געוואָרימט פון מענטשלעכער ליבע, ווי דאָס לעבן פון חתנס עלטערן, וואָס זיינען אַ גוטער מוסטער פאַר אַ סך, אַ סך יידישע משפחות.

דערנאָך איז דאָקטאָר לוריא אַריבערגעגאַנגען צום יונגן פאָר־פאָלק, זייביידן געקושט און זיך אַנטשולדיקט וואָס ער מוז אַוועקגיין; — מחמת צוויי שווערע פאַציענטן וואַרטן אויף אים.

פון דהעפלעכקייט־וועגן האָבן אים אַלע אַפּלאָדירט.

ליזאַבעט קורלי, אַ צעוואַרימטע פון משקה, איז אויפגעשטאַנען פון פלאַץ, אַרויס מיט אים צו דער דרויסן־טיר, זי האָט גענומען זיינע ביידע הענט, געדריקט צו איר פולער ברוסט און געשטאַמלט:

— דאָס וויל איך דיר זאָגן אויף פיר אויגן, — האָבן אירע אויגן געגליט און די שטים געציטערט. — דיין פאָלק איז אַן אומדערטרעגלעך פאָלק. ס׳קריכט ביי דער ערד, ווי דאָס סאַמע נידעריקסטע, און איז פאַרביסן, ווי די ערגסטע חיה. איך זאָג עס דיר דערפאַר, וואָס איך האָב דיך נאָך אַלץ ליב. דיך האָב איך ליב, אָבער ניט דיין גאַנצע יידישע האָרדע. אָט, האָסטו דיר!

זי האָט ביז בלוט איינגעביסן זיין האַנט און אַריינגעאײלט צוריק צו די געסט.

דאָקטאָר לוריאַן האָט אַ קאַלטער שווייס אָפּגעגאָסן, נאָך דעם ווי זיינע טריט האָבן דערשפּירט דעם ברוק. די ערשטע רגע האָט ער געפילט ווי צו לאָזן זיך אַהיים און אויסרוען דעם מידן קאָפּ. אָבער די פליכט צו זיינע פּאַציענטן האָט גובר געווען. אַן עלטערער ייד אין די זיבעציקער איז געלעגן אויף אַ לונגן-אַנטצינדונג. ער האָט אים אין דער פרי געזען, און איצטער האָט עס אים אַ ציי געטאָן נאָך אַ מאָל אַ קוק טאָן אויף דעם קראַנקן זקן. דאָקטאָר לוריאַן איז אין לעבן געגאַנגען דעם יידן צוריק שטעלן אויף די פיס. ער האָט אפילו צוגעקלערט מונטערע ווערטער, וואָס ער וועט דעם יידן זאָגן, ווען ער וועט ביי זיין זייט זיצן און האַלטן זיין פּולס.

אָבער צו זיין טיפן באַדויערן איז ער אָנגעקומען, ווען דער ייד איז שוין געלעגן אויפן דיל מיט די פיס צו דער טיר, אַריבערגעדעקט ביז איבערן פּנים מיט אַ גרויער קאָלדרע. אַרום זיין צוקאָפּנס זיינען אַ דריי יידן געזעסן און געזאָגט תהילים. די משפּחה, עטלעכע זין מיט זייערע ווייבער, אַלע מיט רויט-אויסגעוויינטע אויגן, זיינען געזעסן אָן אַ זייט, נידערגעשלאָגן און שטום.

שטומע בליקן האָבן געבלאַנדזשעט אַרום אים, בשעת זיין געדאַנק איז נאָך אַלץ געווען ביים ריכטער מעקפּאַדן, און מיט דער ליזאַבעט קורילי און אירע ווערטער „דיין פאָלק איז אַן אומדערטרעגלעך פאָלק. ס׳קריכט ביי דער ערד ווי דאָס סאַמע נידעריקסטע, און איז פאַרביסן ווי די ערגסטע חיה...״

זיינע בליקן זיינען געפאַלן אויף דעם קאַלטן, איבערגעדעקטן זקן. ער האָט ביי זיך ניט געקענט באַשטימען, וואו איז די ווירקלעכקייט, צי דאָ אויפן דיל, צי דאָרטן, וואו צוויי פיינטלעכע משפּחות האָבן זיך צונויפגענומען פייערן די חתונה פון זייערע קינדער.

און פון דעם אַלעמען איז דער דמיון אַוועק צום שלאַכט-פעלד, וואו אַ איזראַעל לוריא איז מסתמא פון אַ גראַנאַט צעריסן געוואָרן, און זיין פלייש און בלוט איז צעשטויבט געוואָרן איבער דער פראַנצויזישער ערד.

* * *

אייראָפּע איז מיט בלוט אָפּגעגאַנגען. וואָפנשטילשטאַנד איז פּראָקלאַמירט געוואָרן. און דאָרטן, וואו ס׳איז געווען אונדזער עיקר געטאָ-היים, אין דער אַמאָליקער רוסלאַנד, איז אַ נייע, אַ יונגע און אין בלוט אויסגעשמירטע וועלט געבאָרן געוואָרן. די אַלטע אייראָפּע איז נאָך מער געעלטערט געוואָרן; מיט עלטער-קאַפּריז געצייכנט אין ווערסאַל די נייע גרעניצן פון די אָפּגעצערטע פעלקער. און אונדזער אָפּגעשמיסן ייִנגל-פאָלק האָט זיך פאַר שמחה אַוועק-געלאָזט טענצלען אונטער דעם האַרבסטיקן הימל.

אונטער דעם האַרבסטיקן הימל האָבן געשפּאַצירט דער הינקענדיקער און דער בלינדער; די געליימטע און פאַרגיפטעטע מלחמה-העלדן. ס׳איז נויטיק געווען צו שרייען אויס פרייד, כדי צו פאַרשרייען דעם ווײ, וואָס האָט פון דער טיפסטער טיפעניש אַרויסגעיאָמערט; כדי צו וועקן דעם פרייען גייסט, וואָס האָט דאָ אַמאָל צווישן מענטשן זיין היים געהאַט, און וואָס דער סאָלדאַטסקער קנאַפּל און שאָוויניסטישע טעמפּקייט האָבן דערשטיקט.

די ניי־געבאָרענע רוסלאַנד האָט געמאַניעט. די רעוואָלוציע האָט אָראָפּ־געשווענקט די פּאַרלאַמענטאַרישע רעגירונג, געשלאָסן שלום מיט דייטשלאַנד, באַפוילן דער אַרמיי צו פאַרלאָזן דעם שלאַכט־פעלד, און — „רויבן דאָס אָנגע־רויבטע". די ערד איז נאַציאָנאַליזירט געוואָרן. די מאַכט פון קאַפּיטאַל איז געבראָכן געוואָרן, אַלע פעלקער פריי. מיר, יידן — אויך פראַנק־און־פריי. אָבער אין די פוס־טריט פון דער רעוואָלוציע איז געקומען קאָנטער־רעוואָלוציע און בירגער־קריג. און — די בלוטיקסטע פון אַלע פּאָגראָמען איבער יידישע קעפּ אין אוקראַיִנע!

דעריבער, כאָטש פאַר דער ניט־יידישער וועלט האָט די מלחמה־תקופה אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם, איז פאַר יידן נאָך געווען אָפן דער יאָמער־טאָל. אַהין, צו יענעם יאָמער־טאָל האָבן מיט שרעק אַריבערגעקוקט די, וואָס האָבן געדאגהט פאַרן יידישן קיום. און אַהין האָבן אויך מיט פרייד אין די אויגן אַריבערגעקוקט די, וואָס האָבן אין דער סאָציאַלער רעוואָלוציע געזען דעם סוף פון יידישע צרות. אין דער יידישער גאַס האָט מען אָפּגעהאַלטן מאַסן־מיטינגען, וואו מ'האָט געזאַמלט געלט פאַר די אומגליקלעכע; און מאַסן־מיטינגען — צו באַגריסן די רעוואָלוציע און אירע פאַרקעמפער.

דאָקטאָר לוריא איז די ערשטע צייט פון אַ פאַרבאָרגענעם כוח געצויגן געוואָרן אויף די מאַסן־מיטינגען. אים האָט אויסגעוויזן, אַז ער אַליין איז ניט איינער פון די „אַכציקער יאָרן", נאָר איצטער, אין די מלחמה־יאָרן, איז ער אַהער צייטווייליק פאַרטראָגן געוואָרן: — איצטער דאַרף ער אויסקלייבן, וואו צו מאַכן זיין היים.

— וואו איז מיין היים? די ציוניסטן האָבן ארץ ישראל. די רעוואָלוציאָנער־געשטימטע האָבן אין רוסלאַנד זייער היים. רוסלאַנד, וואָס הייסט שוין סאָוועטנלאַנד... די אַמאָליקע פּעטערבורג, וואָס הייסט שוין לענינגראַד — זי רופט אַלע, אַלע, וואָס זיינען פאַר רעוואָלוציאָנערע זינד פאַרטריבן געוואָרן פון רוסלאַנד, זיי זאָלן זיך אומקערן צוריק, העלפן בויען די היים פון סאָציאַליזם. דער גרויסער פעלקער־אינטערנאַציאָנאַל האָט אין פעלקער־שפּיל אויך יידן אַריינגענומען. און יידיש — איז דאָרט די אָפיציעלע יידישע פאָלקס־שפּראַך.

צו זיך איז דאָקטאָר לוריא געקומען, ווען עמאַ בערגער האָט אים אָנגע־קלונגען און געפרעגט, ווען זי מעג אים קומען באַזוכן, ווינטשן אים אַ זיי־געזונט, איידער זי פאָרט אַפּ קיין רוסלאַנד. ער האָט געענטפערט, אַז ער וועט קומען צו איר אַהיים זיך געזעגענען. אַלט האָט ער זיך מיט אַמאָל דערשפּירט; ווי אַרויסצובאַגלייטן אַ מענטשן וואָס האָט ביי אים יוגנט געזוכט, און ניט געפונען.

ער האָט אָבער קיין וואָרט ניט געקענט האַלטן, ער האָט דערשפּירט אַ מידקייט אין אַלע גלידער — אַריינגערעכנט זיין האַרץ, וואָס איז אָפּגעשוואַכט געוואָרן. אַנשטאָט, מיטצוהאַלטן מיט דעם אויפרודער פון דער יידישער גאַס, האָט איר האַרץ צוריק אומגעקערט. קלאַפּט עס אַזוי, צאַפּלט עס זיך אַזוי צווישן חלום און וואָר. אין יענער צייט איז עמאַ געקומען צו אים. ער גע־דענקט ווי איר פנים האָט זיך געהאַלטן אין איין בייטן. אָט איז עס שמאָל און בלאַס, און אָט — קיילעכדיק און רויט. אָט איז זי קליין, אפשר זעקס יאָר

אַלט, זי שטרעקט צו אים אויס אַ קינדערש הענטעלע, בעט, ער זאָל עס נעמען אין זיין האַנט... און אַט איז איר האַנט קאַלט, גרויס און שווער; זיין האַנט איז קליין און שמאָל, און פרירט אין איר האַנט. ער דערמאָנט זיך צומאָל ווי אירע אויגן האָבן געביטן זייער גרויס. פון ליכטיקע און פולע, בשעת זי האָט צו אים געקוקט — זיינען זיי געוואָרן קליין און קלענער, גרויע פינטעלעך, פון וואַנען ס׳האָבן אָן אויפהער אַרויסגעטריפט טרערן־טראָפּן. ער געדענקט ווי זי האָט אויפגעהויבן זיין האַנט, צוגעטראָגן צו אירע ליפּן, און קאַלט איז אים געוואָרן ס׳אַרט וואו זי האָט מיט אירע ליפּן אָנגערירט.

ער געדענקט אויך איין רגע, ווי זי איז פאַר אים געשטאַנען פּונקט ווי יעמאָלט, מיט צוועלף יאָר צוריק, ווען ער איז געקומען געוואויר ווערן און אַראָפּנעמען זי פון קראַנקן־בעט. זי אַליין איז אין איין העמד געקומען אים אַנטקעגן, אָנגעזאָגט די בשורה, אַז זי איז געזונט און הערט ווי דאָס לעבן רופט. זי וואָרט, ער זאָל זי אַרויסנעמען אין גאַס, פירן דורך ניו־יאָרקער גאַסן און הערן דאָס געזאַנג פון לעבן. מער ניט קיין פּאַגראָמען. מער ניט קיין פייקלעך, וואָס פויקן און רופן די פּאָגראָמשטשיקעס אויף די יידישע גאַסן... און דער מענטש, וואָס איז אין פּאָגראָם געפאַלן און איר האַרץ מיטגענומען — ער האָט איר ס׳האַרץ צוריק אומגעקערט. קלאַפּט עס אַזוי, צאַפּלט עס זיך אַזוי אַנטקעגן זיין בענקשאַפט און רייסט זיך אין זיינע פאַרבענקטע אָרעמס אַריין!

חלום און וואָר. וואָס איז חלום? די וועלט־מלחמה, די סאָציאַלע רעוואָלוציע און די מלחמה־קריפּלס אין די גאַסן פון לעבן; צי דאָס וואָס ער איז מיט פינף און דרייסיק יאָר צוריק געקומען קיין אַמעריקע, אינאיינעם מיט אַ טאַטן, מיט נאָך זעקס ברידער און מיט אַ שוועסטער, אַלע מיט יוגנט־כוח און מיט ביטערע קללות אויף אַ היים, וואָס האָט נאָך ניט אויפגעהערט צו זיין היים — איז עס אַ חלום?

— וואו איז די וואָר? זיין וואָר, און די יידישע וואָר... וואו איז זי, דאָ, צי דאָרטן? וואו איז עס דאָ? און וואו איז דער דאָרטן? גרעניצן זיינען אָפּגעווישט געוואָרן. צווישן די נייע גרעניצן זיינען פעלקער אויפגעקומען. צווישן די גרעניצן זיינען יידן צעריבן געוואָרן. וואו איז חלום, און וואו איז וואָר?

ווען זיין קריזיס איז אַריבער, די היץ האָט אָפּגעטראָטן — האָט ער איינס־ביי־איינס דערקענט אייגענע און פריינט, וואָס זיינען געקומען און אים באַטראַכט שוויגנדיק. ווער מיט אַן אומעט אין פּנים; און ווער מיט אַ גליק־לעכן שמייכל אַרום די אויגן. ער האָט אָנגעהויבן אַרויסצוזען דעם טרויער אויף די פּנימער פון אייגענע צוליב דעם, וואָס אַ צייטיק קינד, געבוירן אויף אַמעריקאַנעם באָדן, אַן אייניקל פון ישראל לוריאַ, איז אומגעקומען אין דער מלחמה, גרויסנדיק דעם נאָמען פון דער גלאָררייכער אַמעריקע, וואָס האָט צוגעגרייט די וועלט פאַר אַ נייער דעמאָקראַטיע. און אויך צוליב דעם, וואָס דאָס ערשטע צייטיקע קינד, געוואַקסן אויף אַמעריקענעם באָדן, אויך אַן אייניקל פון ישראל לוריאַן, האָט חרפּה גערעכנט מיט ראָוז מעקפּאַדן. תחילת, בלויז ביי אַ ריכטער געשוואָרן טרייהייט איינס צום אַנדערן; און אַ ביסל שפּעטער צוליב געטאָן דער ווייבס צד, איבערגעגאַנגען צום קאַטוילישן גלויבן, און גאָר אינגאַנצן אַרויס פון דער לוריאַ־וועלט און פון דער יידישער וועלט.

אוודאי האָט מען דעם גאַנצן משפּחה־טרויער געוואָלט ביישטייערן זיין קראַנקייט. זיין אייגענע פרייד איז עס אים געקומען אַנטקעגן ווען ער איז שוין געשטאַנען אויף די פיס. פון די, וואָס זיינען געקומען געוואויר ווערן, ווען ער איז נאָך געלעגן צו בעט, איז געווען די בלינדע יוכבד. זי איז געקומען אינאיינעם מיט איר טאָכטער דזשעסי. זי איז געקומען אים געבן צו וויסן, אַז פריינטשאַפט און מענטשלעכקייט איז נאָך פאַראַן דאָרטן וואו די לוריאס האָבן אָנגעהויבן זייער לעבן מיט אַריבער דרייסיק יאָר צוריק. זי איז געקומען, כדי ער זאָל זען ווי די יונגע יידישע וואָרצלען פוילן און טריקענען. זיין שוואָגער לעאָנאַרד סטאַן איז אַ פּאָר מאָל געקומען אָן זיין ווייב און זיך געקלאָגט, וואָס די מלחמה האָט אים מיט איין האַנט געבענטשט, און מיט דער אַנדערער — ביטער באַשטראָפט.

און ווי שטענדיק אין אַ שווערער שעה, איז די גרטע ליליען־רות געקומען צו אים. מאַמע און געליבטע — ווען אירע הענט זיינען אומגעגאַנגען איבער זיין אָפּגעצערט פּנים. מאַמע און געליבטע איז אין איר קליינגענדיקער שטים געווען.

— איצטער, זכריה, בין איך גליקלעך, — האָט זי געקושט זיינע בלאַסע, איינגעפאַלענע באַקן. — דיין ברודער איז איצטער פלייש פון מיין פלייש און בלוט פון מיין בלוט. איצטער איז מיין האַרץ אויך רואיק. פאַרגעס ניט, זכריה, וואָס איך האָב אָפּגעטאָן מיט מיין מגיר זיין זיך. פאַרגעס ניט, וואָס איך האָב אָפּגעטאָן ווען איך האָב מיין לייב איבערגעגעבן אַ יידן וואָס איז געקומען פון רוסלאַנד און פון אים געבאָרן קינדער. מיין האַרץ איז מיר קיינמאָל ניט געווען רואיק. מיין האַרץ האָט מיר געזאָגט, אַז אַט אַזוי נעמט מען ניט און מען באַליידיקט ניט די קאַטוילישע קירכע. פאַר גליק צאָלט מען מיט אומגליק. זינד מוז מען ווען־עס־איז אויסקויפן. פאַר גליק דאַרף מען אַמאָל באַצאָלן. פאַר דער פּריווילעגיע צו ווערן אַ קינד פון אַ פאָלק, וואָס אַלע האָבן פיינט, דאַרף מען טייער באַצאָלן. איצטער האָט מיין דייוויד אויסגעקויפט מיינע זינד. ער האָט מיר אומגעקערט מיין פרייד. ער האָט מיר געעפנט די טיר צום יידישן פאָלק. ער האָט מיר אומגעקערט די ליבע וואָס איך האָב געהאַט צו די לוריאס. צו דעם פאָטער־לוריא. אַז דו וועסט ווערן געזונט, זכריה, וועל איך מיט דיר פאָרן אויף דער ברוקלינער סעמעטערי. איך וויל לייגן בלומען אויפן קבר פון אַ שיינעם מאַן, וואָס האָט געהייסן ישראל לוריא.

די איינציקע, וואָס האָט מיט אים גערעדט וועגן זיינע טעותן, איז געווען די שוועסטער. ווי נאָר ער האָט געקענט באַנעמען, וואָס מען רעדט צו אים, האָט זי אים געמוסרט הלמאי ער האָט געלאָזן, עמאַ בערגער זאָל אַוועקפאָרן פון אַמעריקע, זיך אומקערן צוריק קיין רוסלאַנד.

— איך ווייס, זכריה, אַז זי וועט דאָרטן זיין אומגליקלעך — ווי דו וועסט דאָ זיין אָן איר. אוודאי וואָלט זי אַליין ניט געפאָרן. איר ברודער האָט איר אונטערגעגעבן חשק. נעם עס ניט פאַר אומגוט, וואָס איך זאָג עס דיר. איך קען עס ניט באַהאַלטן, ביקאָס איך ווייס, אַז דאָס האָט דיך אַנידערגעלייגט.

ער האָט זיין שוועסטער אויף דעם ניט געענטפערט — ווי ער האָט בכלל געלאָזן, פאַר אים זאָלן פאַרבייגיין די אַלע באַזוכער און זייערע רייד. צווישן

די, וואָס זײַנען אים געקומען באַזוכן אויפֿן קראַנקן בעט, איז געווען זײַן רויט־האָריקע שטיפֿשוועסטער. ניט אַליין איז זי געווען. זי האָט געבראַכט פֿאַר־שטעלן פֿאַר דאָקטאָר לוריאַן איר פֿרײַנט, אַ יונגן אַמעריקאַנעם דיכטער, וואָס האָט באַוויזן צו זײַן אויפֿן שלאַכט־פֿעלד, און פֿון דאָרטן אַראָפּגעקומען אַ גרויסער אָפּטימיסט וועגן דער מענטשהייט און איר צוקונפֿט:

— דאָס איז מיסטער גאַרדנער... ער געהער צו יונג־אַמעריקע און איז אַ גרויסער יידן־פֿרײַנט. אַנדערש וואָלט איך אים ניט ליב געהאַט. און דאָס איז מײַן נאַרישער ברודער, וואָס קרענקט־מיט מיט אַלע זײַנע פּאַציענטן.

איר רויטער קאָפּ האָט געפֿלאַמט; איר גאַנצער אויסזען האָט געאָטעמט מיט יונגער ענערגיע, ווי גאָר ניט די טאָכטער פֿון זײַן פֿאַרשטאָרבענעם טאַטן ישׂראל. אויך איר אָנקומען מיט אַ בחור, און איר אַוועקגיין, האָט אים ווי אַ חלום אויסגעוויזן.

אָבער צום שטאַרקסטן האָט אים גערירט זײַן ברודער הילל און זײַן ווײַב מינע. בײדע ווי צוויי אויסגעקאָרטשעוועטע דעמב־פּיענעס זײַנען זיי געשטאַ־נען פֿאַר זײַן בעט, אײנס נאָענט צום אַנדערן, ווי צונויפֿגעוואָקסן האָבן זיי אים אויסגעזען. בײדע האָבן אים מיט גרויס צער אָנגעקוקט, זיך געוואָרגן מיט דעם אַנברויז פֿון געפֿילן.

— איך הער, אַז רעוואָלוציאָנערן פֿאָרן צוריק. און וואָס זײַנען מיר, זכריה? ווער זײַנען מיר? דניאל איז אויפֿן זיבעטן הימל וואָס ארץ ישׂראל גיט מען יידן. גאָט, מיט אײן האַנט שטראָפֿט ער און מיט דער אַנדערער באַלוינט ער. ער וואָלט דאָך צוליבן זונס שמד פֿאַר וויטיק געשטאָרבן, ווען ניט זײַן ארץ ישׂראל. ווי קוקסטו אויף דעם, זכריה? אַ שרעק, ווי די יידישע גאַס איז צערודערט. מײַנע באַרדערס האָב איך ניט געקענט אײַנהאַלטן, זײַנען זיך באַצייטנס צעלאָפֿן.

— אָבער דערווײַל קוילעט מען יידן, ווײַ איז מיר, — האָט מינע מיט די הוילע הענט געווישט די טרערן. — אויסגעקוילעט אַ וועלט, און איצטער האָט מען זיך גענומען צו יידן.

זײַן ברודער נייטן לוריאַ איז מיט זײַן דינהן געקומען, איבערגעבן אַ גרוס פֿון דער גרויסער וועלט און פֿון דער צעמזיקטער אַמעריקע:

— מיר לעבן, זכרידה, אין אַ גרויסער צײַט. אַז דו וועסט אויפֿשטיין פֿון געלעגער, אַרויסגיין אין גאַס, וועסטו די גאַס ניט דערקענען און די מענטשן ניט דערקענען. ס'איז ניט די אייגענע אַמעריקע. אַמעריקע האָט די בעסטע זין אירע באַגראָבן אויף די שלאַכט־פֿעלדער, מיט דעם בלוט פֿון אייגענע זין פֿאַראייניקט די אַלטע מיט דער נייער וועלט. יידן וועלן איצטער מוזן אויסקלײַבן צווישן פּאָגראָם און רעאַקציע. רוסלאַנד וועט זיי צווינגען אַרויפֿגיין אויף דעם וועג פֿון פּראָגרעס. ווען מיר זײַנען יונג, בײדע יונג, כאָטש עפּעס געפֿעלט מיר דאָרטן ניט... איך קען מיר ניט אויסמאָלן סאָציאַ־ליזם און דיקטאַטור, און פֿונדעסטוועגן ציט עס אַהין. מירן לעבן — וועלן מיר דערלעבן. אין מאַרקסעס אידעאַל, אין לענינס אידעאַל, איז פֿאָרט די מענטשלעכע דערלייזונג.

— לאָז צורו, זכריהן, — האָט דינה זיך אָנגענומען מיט מוט עפּעס אַנדערש צו זאָגן. — זכריה האָט סײ־ווי געלעבט אַ לעבן ניט פֿאַר זיך. מיט דער אַרבעטער־באַוועגונג האָט ער זיך ניט אינטערעסירט. אויב אים פֿאַרשטעלן

די יידישע פּאָגראָמען דאָס ליכט פון דער רעוואָלוציע, איז ער אויך ניט אומגערעכט.

— חלום און וואָר, זכריה. אַמעריקע איז געפאַלן אין מוט און אין גייסט. ווער געזונט. שטיי אויף און שטעל זיך אין די רייען פון די יונגע און מונטערע. חלום און וואָר, זכריה.

צווישן די, וואָס זיינען אים געקומען מבקר־חולה זיין, איז אויך געווען דער דיכטער שלמה מעלצער. אויך אים האָט די גייע צייט שיכור געמאַכט — אַזש די טריט האָבן אין זיג־זאַג געשפּאַנט איבערן ניו־יאָרקער ברוק. פון זיין לעבן האָט עמאַ בערגער אַ פאַדים פאַרכאַפּט מיט זיך, מיטגעצויגן, און ס׳דוכט אים, אַז לאַנג, נאָך לאַנג וועט ער שפּירן, אַז זיין האַרץ רייסט אימעצער פון ברוסט אַרויס.

— מיר שטייען אויף דער שוועל פון אַ נייער תקופה, — האָט ער געקוקט אין דאָקטאָר לוריאס אויסגעלאָשענעם פּנים. — כ׳ווייס ניט, צי דאָס וועט זיין אַ שענערע תקופה ווי די, וואָס די מענטשהייט האָט דורכגעשפּאַנט. יידן וועלן דאַרפן איבערשאַצן אַלע זייערע ווערטן, וואָס זיי האָבן געשאַפן און מיטגעשלעפּט פון גלות־צו־גלות. איך הער, אין סאָוועטן־פאַרבאַנד האָט מען פאַרבאָטן דעם ציוניזם. דאָס איז אויך אַן ענין וואָס געהער צו דער נייער תקופה. אַ פאַרבאָט, יידן זאָלן האָפן אויף אַ פולשטענדיקער גאולה. איר הערט, דאָקטאָר לוריא, וואָס איך רעד צו אייך? ביי דער ערשטער געלעגנהייט פאָר איך קיין ארץ ישראל.

דאָקטאָר לוריא האָט אין פאַרלויף פון זיין קראַנק־זיין געהערט וואָס נאָענטע און פריינט רעדן צו אים, אָבער ער אַליין איז געווען שיכור אין זיין קראַנקייט. אין צייט פון הויכער טעמפּעראַטור האָט זיך אין זיין דמיון דער נעכטן מיט דעם היינט אינאיינעם געשמאָלצן. זיינע יאָרן אין אַמעריקע האָבן זיך געוויקלט אין פייערן. די קראַנקייט איז געקומען אין צייט, אים אַנידערגעלייגט, כדי מענטשן און זאַכן זאָלן ווי אין קאַליידעסקאָפּ זיך איבער־מינען פאַר זיין אָנגעצונדענעם דמיון.

ס׳איז שוין געווען די פינפטע וואָך זינט ער איז אַוועקגעפאַלן. אַ שטאַרק אָפּגעשוואַכטער, האָט ער אָנגעהויבן טריט־ביי־טריט זיך אומקערן צו זיינע פליכטן ווי אַ דאָקטאָר. זיין שוועסטער קעראַלאַין האָט ניט אַנדערש געוואָלט, ער זאָל ביי איר לעבן אַ געוויסע צייט ביז ער וועט שטאַרק ווערן גענוג צו קענען אַליין אויף זיך אַכטונג געבן. ס׳איז געווען אַ זונטיק אין דער פרי, דרויסן איז אַרויסגעפאַלן אַ לופטיקער, טרוקענער שניי. ער האָט איצטער אויך געוואַרט, קעראַלאַין זאָל קומען צו אים.

מיט אַ מאָל האָט עס דאָקטאָר לוריאן אַ צי געטאָן צום פענצטער, אַרויס־קוקן אין גאַס, צי אימעצער קומט. און אַנשטאָט זיין שוועסטער האָט ער באַמערקט פון קעגן איבער ווי מיט פעסטע, יונגע טריט — קומט אַן פערל דובין.

ס׳בלוט האָט אים אַ שלאָג געטאָן אין פּנים. ער האָט אָפּגעטראָטן פון פענצטער, געשטאַנען אין מיטן צימער, אָנגעשטרענגט געוואַרט ביז מ׳וועט אָנקלינגען. אָבער קיינער איז צום טיר ניט צוגעקומען. קיינער האָט אים אין טיר ניט אָנגעקלונגען. ער האָט געפילט די היץ אין פּנים. ס׳האַרץ האָט אים געשלאָגן און מיט אַן עכאָ אָפּגעקלונגען אין די שלייפן.

— איז דאָס אַ חלום און ניט מער ?

ער איז צוגעגאַנגען צום פענצטער, אַנגערירט מיטן שטערן די קאַלטע שויב, געד־הערט ווי ס׳האַרץ קלאַפּט, און ווי אין מוח ענטפערט דער עכאָ אָפּ.

— די זון פאַרגייט קיינמאָל ניט אינגאַנצן, — האָבן די מחשבות אין זיך־זאָג געשניטן דעם מוח. — ניט מער, וואָס די זון, ווען זי פאַרגייט און פאַרלאָזט איין געגנט, אַדער לאַנד — גייט זי אויף אין אַן אַנדער געגנט. אַזוי קומט עס אויך פאַר מיט אונדזער לעבן. ווען די זון פאַרגייט אין איין ווינקל פון לעבן, גייט זי אויף אין אַן אַנדער ווינקל. איז עס חלום, צי וואָר ?

ער האָט אָנגעטאָן דעם מאַנטל און איז אַרויס אין גאַס. ער האָט אַ צייט געשפּאַנט מיט שלאַבעריקע טריט איבער דער איסט־סאַיד און זיך צוגעקוקט צו די געזעמלען.

— שטענדיקער צופּלוס און אָפּפלוס, — איז אים אַ מחשבה אָנגעקומען. — עס האָבן אַ סך מער זיך אַרויסגעצויגן פון די דאָזיקע גאַסן, אַרויסגעצויגן און זיך צעשפּרייט איבער גאַנץ ניו־יאָרק, אַדער אין אַנדערע שטעט אַרויסגע־צויגן. דאָ איז נאָך אַלץ פול איבער די ראַנדן. דאָ זיינען די טויזנטער, וואָס זיינען מיט די לעצטע אומגליק־כוואַליעס אָנגעקומען צו ניו־יאָרקער ברעגעס.

ס׳דוכט אים, אַז אַל־ע די, וואָס ער באַגעגנט, קען ער אויסבונדן, און דאָך זיינען זיי אים אַזוי פרעמד.

ער איז צוגעקומען צו דער שול „אנשי אמת וצדק״, וואָס זיין פאָטער ישראל לוריא האָט מיט אַ דרייסיק יאָר צוריק געהאָלפן בויען. ס׳האָט אים אַ צי געטאָן עפענען די טיר און אַריינגיין.

אינעווייניק האָט ער געטראָפן אַ גרופּע בערדיקע יידן. זיי זיינען געזעסן ביים באַלעמער און אַרומגערעדט וויכטיקע וועלט־ענינים און זייער שייכות צו יידן.

— ניט אַזוי האָבן אונדזערע חכמים אַרויסגעזען די ערב משיח־צייט, רבור־תי... ס׳איז ניט דאָס. לחלוטין ניט דאָס.

— משיח־צייטן. אַלע סימנים. דער רוף פון ענגלישן מיניסטער, און דער רוף פון כורשן — צוויי טראָפּן וואַסער !

— ווינציק פּורעניותן זיינען אויף יידן אַראָפּגעשיקט געוואָרן ? וואָס, משיח וועט קומען, אַז ס׳וועט שוין קיין שריד־ופליט ניט בלייבן פון יידן ?

— האָט דאָך דער תנא געזאָגט און זיך געוואונטשן, אַז אויב משיח וועט קומען — זאָל ער דערביי ניט זיין. מסתמא האָט ער דאָך בחוש געזען, אַז גאָרניט מיט ניט וועט זיין דאָס לעבן.

— צי דאָס וואָס קומט איצטער פאָר אין ראָסיי איז אַ קנאַפּער סימן ?

— און דאָס וואָס די מל־כים האָבן אָפּגעגעבן ארץ ישראל פאַר יידן, איז ניט קיין סימן ?

— געזאָגט געוואָרן, אַז די פעלקער פון דער וועלט וועלן ס׳פאָלק ישראל אויף דער פּלייצע אַריבערטראָגן קיין ארץ ישראל.

— איך זאָג מיר מיינס, ווען מ׳זאָל לאָזן, וואָלטן יידן פון דער גאָרער וועלט זיך אַ לאָז געטאָן קיין אַמעריקע.

— ווען ניט די וויסטע מלחמה, וואָס האָט שוין פון אַמעריקע אַזויפיל קרבנות צוגענומען, וואָל־ט איך געזאָגט, אַז דאָ איז ארץ ישראל.

— איי, איי, איי, אַזוי גרינג פאַרבייטן אַף ארץ ישראל! אַמאָל איז געווען גלות־בבל; דערנאָכדעם — גלות־ראַסיי; און איצטער — גלות־אַמעריקע. כאָטשבי גלות צו גלות איז ניט גלייך; אָבער ארץ ישראל? נאָר איין ארץ ישראל איז דאָ. נאָר איין ארץ ישראל דהאָט אונדז גאָט געגעבן!

דאָקטאָר לוריא איז צוגעגאַנגען צו אַ פּאָליצע, אַרויסגעצויגן אַ גמרא, כל־ומרשט געבלעטערט, אָבער מיט זיין גאַנצן מהות איז ער געווען געניגט צו די יידן הינטערן באַלעמער. אים האָט אויסגעוויזן, אַז צווישן די יידן זיצט אויך זיין טאַטע. ממש ער דערקענט זיין שטים. דורות האָבן זיך אַ וויג געטאָן פאַרן דמיון. יידן פון היינט, און אפשר יידן פון הונדערטער יאָרן צוריק! וועלט־מלחמה, רעוואָלוציע, און די־אַ יידן... אין וואָס פאַר אַ דור לעבן זיי? — האָט דאָקטאָר לוריא געטראַכט, קוקנדיק אין אָפענעם ספר, בשעת די אור־ניות האָבן געטאַנצט פאַר די אויגן.

איינער פון די יידן איז אויפגעשטאַנען, צוגעגאַנגען צו דאָקטאָר לוריאַן, אים אָפּגעשטעקט אַ שלום עליכם, און געפרעגט:

— אַ יאָרצייט מסתמא... שוועלעד צונויפנעמען אַ מנין. כסדר טראַבל מיט די יאָרצייטן.

— יעס, כ׳וועל האָבן יאָרצייט. כ׳וועל דאַרפן האָבן יאָרצייט.

דאָקטאָר לוריא האָט זיך אין פּוסטן, הייליקן הויז דערשפּירט קליין און פאַרלאָרן, און ער איז צוריק אַרויס דרויסן. דער שניי האָט אויפגעהויבן שיטן. די זון האָט זיך דורכגעריסן, געטוקט צווישן בלייכע וואָלקן.

ווען ער איז אַריינגעקומען צוריק אין אָפיס, האָט ער געפונען אויפן טיש, אויף אַ פּאָר בלעטלעך פּאַפּיר פון זיין רעצעפּטן־בלאָק, מיט אַן ענערגישן כתב אָנגעשריבן:

„האָב כסדר אין זינען און ווייס וויפיל דאָקטוירים, וואָס האָבן אַכטונג געגעבן אויף קראַנקע, זיינען אַליין אויסגעשטאָרבן; און פילאָזאָפן, וואָס האָבן פילאָזאָפירט וועגן טויט און אומשטערבלעכקייט; און העלדן, וואָס האָבן טויזנטער און טויזנטער געטויט; און טיראַנען, וואָס האָבן זייער ממשלה אויסגעשפּרייט איבער מענטשן, גלייך ווי זיי וואָלט אַליין געווען אומשטערב־לעך — וויפיל פון זיי זיינען שוין טויט! דאָס, וואָס האָט נעכטן געלעבט, איז מאָרגן שטויב און אַש. שפּאַן דורך דעם קליינעם שטח פון צייט, וואָס דיר איז געגעבן געוואָרן, און זיי געטריי צו דער נאַטור. ענדיק דעם וועג אַזוי צופרידן ווי דער איילבערט, ווען ער איז רייף און פאַלט פון בוים אַראָפּ, בענטשנדיק די נאַטור, וואָס האָט אים געשאַפן; דאַנקנדיק דעם בוים, וואָס האָט אים אויסגעטראָגן...”

דאָס זיינען עטלעכע געדאַנקען פון מאַרקוס אוירעליוס. פאַרצייכנט — פּערל דובין.

דאָקטאָר לוריא איז געבליבן זיצן ביים טיש. צווישן די פינגער האָבן געציטערט די צוויי פאַרשריבענע שטיקלעך פּאַפּיר.

— איז עס אַ חלום, אָדער וואָר?

די בליקן דהאָבן געפאָרשט אין די שורות, אין די אותיות, און מיטן געדאַנק איז ער אַוועק צוריק צו דער שול פון „אנשי אמת וצדק”, און צו יידן, וואָס האָבן מיט אַזויפיל שלוה אַרומגערעדט דעם גורל פון דער וועלט

און דעם גורל פון יידישן פאָלק. „שפּאַן דורך דעם שטח פון צייט, וואָס דיר איז געגעבן געוואָרן, און זײַ געטריי צו דער נאַטור...״

— ווי ווייט איז דער שטח פון דער האַנט וואָס האָט דאָס געשריבן, ביז צו די יידן אין דער שול, וואָס דער טאַטע האָט נאָך געהאָלפן בויען?

ער האָט דערשפּירט אַ מידקייט אין אַלע גלידער, ווי יעמאָלט — איידער ער האָט זיך אַנידערגעלייגט קראַנק. ער האָט מיט דער האַנט אָפּגעווישט די מידע שווייס־טראָפּנס, וואָס זײַנען אַנגעקוואָלן אויפן שטערן, ער האָט געפּרואווט צונויפנעמען די כוחות, ווידער אַרויס דרויסן, אַזוי אַן ציל אומ־וואַנדערן, און אפשר...

דער טעלעפאָן האָט אַנגעקלונגען און אים אויפגעוועקט. מ׳האָט אים מודיע געווען, אַז זײַנע אַ צוקונפטיקע „מאַמע״, וואָס האָט זיך אונטערגענומען צו וואַרטן מיטן קינד־האָבן ביז ער וועט געזונט ווערן, האָט זיך מער שוין ניט געקענט אײַנהאַלטן, האָט אַנגעהויבן גיין צו־קינד, און מ׳בעט אים וואָס שנעלער צו קומען.

דער רוף פון לעבן האָט אים פון אָרט אונטערגעהויבן. ער האָט באַשײַנפּערלעך געהערט דער קימפּעטאָרנס ווײ־געשרייען, און ס׳איז אים אויס־געקומען גלײַך ווי דאָס גאַנצע לעבן גייט צו־קינד און שפּרייט צו אים די הענט.

ער האָט אין האַנט פאַרקוועטשט די צוויי בלעטלעך פאַרשריבן פּאַפּיר, און מיט פרישע כוחות זיך געלאָזט נאָך דעם רוף פון לעבן; געשפּירט ווי די אותיות גליִען אין האַנט. פון זיי ציט און שטײַגט אַ זוניקע וואַרימקייט, וואָס שפּרייט זיך איבער זײַן פאַרחלשטן גוף.

סוף פון צווייטן טייל